STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01646

DI ALFARBANDISHE KOMUNISTISHE PARTAY BOLSHEVIKES

Aleksandr Chemeriskii

Permanent preservation of this book was made possible by Paul Levy & Loren Ratner in honor of their parents, Judith & Richard Ratner and David & Diana Levy

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. טשעמעריסקי

די
אלפארבאנדישע קאמוניסטישע פארטיי
/ באלשעוויקעס /

און

די
אידישע מאסן

1926 מאסקווע פארלאג שול און בוך

דיִ ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון דיִ ייִדיִשע קאָמיִסאריִאטן און דיִ ייִדיִשע קאמוניִסטיִשע סעקציִעס

(מאָסקווע 27-20 אקטיאבר 1918).

די ערשטע קאָנפערענץ פון די ייִדישע קאָמו-ניסטישע סעקציעס און ייִדישע קאָמיסאַריאַטן.

נאָכדעם ווי אין 13 שטעט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן ייִדישע קאָמיסאַריאַטן און ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס, האָט דער צענטראַלער ייִדישער קאָמיסאַריאַט באַשטימט צונויפרופן אַ קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן און ייִדסעקציעס, קעדיי אויסצואַרבעטן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פון אַרבעט און שאַפן אַ צענטראַלע ביוראָ פון די ייִדסעקציעס. צו ערשט איז פּראָיעקטירט געוואָרן, אַז די קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען אין אַווגוסט (1918). אין דער צייט האָט זיך ניט איינגעגעבן צוזאַמענרופן די קאָנפערענץ, און זי איז פאָרגעקומען אין סאָף אָקטיאַבר 1918 יאָר.

דידאָזיקע קאָנפערענץ האָט אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג און שטעלט מיט זיך פאָר איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע מאָמענטן אין אונדזער באַוועגונג. די קאָנפערענץ איז אינטערעסאַנט ניט נאָר דערפאַר, ווייל זי איז געווען די ערשטע, נאָר זי איז אויך זייער אינטערעסאַנט צוליב דעם צוזאַמענשטעל פון די דעלעגאַטן און צוליב די פראַגן, וואָס זיינען אָף איר באַהאַנדלט געוואָרן.

אַף דער קאָנפערענץ זיינען געווען 64 דעלעגאַטן: אומפּאַרטעיִשע—33 און קאָמוניסטן—31. די אומפאַרטעיִשע דעלעגאַטן זיינען געווען לערער און קולטור-טוער, וועמען דער צענטראַלער ייִדישער קאָמיסאַריאַט האָט איינגעלאַדן אַף דער קאָנפערענץ. די קאָמוניסטן זיינען געווען דעלעגירט פון די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן און ייִדישע פּאַרטיי-סעקציעס. אַף אַזאַ אופן איז די קאָנפערענץ געווען אַ דרייענדיקע פון דריי פאַרשיידענע אינסטיטוציעס. דערדאָזיקער געמישטער צוזאַמענשטעל פון דער קאָנפערענץ דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט האָט געוואָלט דורך איר מאָביליזירן אַלע קולטור-קויכעס, וועלכע האָבן געוואָלט שטיצן די סאָוועטנמאַכט און נעמען אַן אָנטייל אין העלפן שאַפן די נייע ייִדישע פּראָלעטאַרישע קולטור. דורך דער ערשטער קאָנפערענץ האָט דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט געוואָלט פאַרייניקן אַלע סאָוועטיש-געשטימטע קולטור-טוער און זיי גרופירן אַרום די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן און ייִדסעקציעס.

די קאָנפֿערענץ האָט זיך אָנגעהויבן דעם 20-טן אָקטיאָבער 1918 יאָר. דער סיידער-היום פֿון דער קאָנפֿערענץ איז געווען אַזאַ:

1. דער פּאָליטישער מאָמענט—פּאָרטרעגער כ׳ שימעליעוויטש.
2. באַריכט פֿון צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט—ש. דימאַנשטיין.
3. די אויפֿגאַבע פֿון די יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס—פּאָרטרעגער ש. דימאַנשטיין.
4. די נאַציאָנאַלע פֿראַגע און די סאָוועטנמאַכט-פּאָרטרעגער ש. אַגורסקי.
5. אונדזער באַציִונג צו דער קעהילע און צו די איבעריקע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס—פּאָרטרעגער שימעליעוויטש און ראַפּאָפּאָרט.
6. אונדזער קולטור און בילדונג-אויפֿגאַבן—פּאָרטרעגער טאָמסינסקי און אַ בייפּאָרטראָג וועגן טעאַטער—אָרשאַנסקי.

די קאָנפֿערענץ האָט זיך פֿייערלעך געעפֿנט אין געביידע פֿון צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט (אין פּערסיצעס אָסאָבניאַק), און ווען מען איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, האָט מען זיך גלייך איבערצייגט, אַז מיט דעם געמישטן צוזאַמענשטעל פֿון די דעלעגאַטן איז שווער צו פֿירן די אַרבעט פֿון דער קאָנפֿערענץ, ווייל גאָר אַ גרויסער טייל פֿון די קולטור-טוער, וואָס זיינען געקומען אַף דער קאָנפֿערענץ, זיינען געווען קעגנער פֿון דער סאָוועטנמאַכט און ביטערע סאָנים פֿון יידישן קאָמיסאַריאַט און סתם קליינבירגערלעכע נאַציאָנאַליסטן. דער ערשטער צוזאַמענשטויס, וואָס איז פֿאָרגעקומען גלייך בײַ דער עפֿענונג פֿון דער קאָנפֿערענץ, איז געווען וועגן שטימרעכט אַף דער קאָנפֿערענץ. דער פּרעזידיום האָט פֿאָרגעלייגט, אַז שטימרעכט בײַ די פּלענאַרע זיצונגען זאָלן האָבן נאָר די דעלעגאַטן פֿון די קאָמוניסטישע סעקציעס און צו צוויי פֿאָרשטייער פֿון די יידישע קאָמיסאַריאַטן, און ווען מען וועט באַהאַנדלען ספּעציעל שול-פֿראַגן, זאָלן די לערער האָבן דריי שטימען. אין דער סעקציע פֿון שול-אַרבעט האָבן אַלע לערער שטימרעכט.

דערדאָזיקער פֿאָרשלאָג האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע דיסקוסיע.

דער פֿאָרשלאָג פֿון פּרעזידיום איז דורכגעפֿירט געוואָרן.

אַ צווייטער צוזאַמענשטויס איז אַף דער קאָנפֿערענץ פֿאָרגעקומען צוליב דער שפּראַך-פֿראַגע. איינער פֿון די מיטגלידער פֿון פּרעזידיום (ש. ראַפּאָפּאָרט) האָט געעפֿנט די צווייטע זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ און האָט אָנגעהייבן ריידן רוסיש. די נאַציאָנאַליסטישע יידישסטן האָבן גלייך געמאַכט אַ טומל און געפֿאָדערט, אַז די הערשנדיקע שפּראַך אַף דער קאָנפֿערענץ זאָל זיין יידיש. וועגן דעמדאָזיקן איניען האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע, ביז מע האָט באַשלאָסן ניט צו מאַכן קיין שפּראַך-פּריווילעגיע אַף דער קאָנפֿערענץ און יעדער זאָל ריידן אַף דער שפּראַך, אַף וועלכער ער וויל און אַף וועלכער ער קען בעסער אויסדריקן זיינע געדאַנקען, און די וויטערדיקע זיצונגען זיינען געפֿירט געוואָרן אַף יידיש און רוסיש. אַכוץ דעם זיינען נאָך אויך פֿאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן די לערער און קולטור-טוער אין דער סעקציע, ווו עס האָבן זיך באַהאַנדלט די ספּעציעלע שול-פֿראַגן. דאָרט האָבן אייניקע קולטור-טוער געפֿאָדערט, אַז די יידישע שולן זאָלן זיך ניט געפֿינען אונטער דער

האַשגאָכע פֿון יִדישן קאָמִסאַריאַט, נאָר די גאַנצע יִידישע קולטור-אַרבעט זאָל זיך געפֿינען אין רעשוס פֿון די יִדישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַנען, דאָס מיינט מען די קעהילעס.

ניט געקוקט אָבער אַף דידאָזיקע שטערונגען, האָט די קאָנפֿערענץ באַהאַנדלט אַ ריי וויכטיקע פֿראַגן פֿון טאָגאָרדענונג, וועלכע האָבן אַ גרויסע באַדייטונג. אַף דער קאָנפֿערענץ איז באַהאַנדלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן צוציען די יִדישע האַרעפֿאַשנע מאַסן צו ערדאַרבעט. אין פֿאָרטראָג וועגן דער אַרבעט פֿון יִדישן קאָמיסאַריאַט האָט דער כאַווער דימאַנשטיין צום ערשטן מאָל פֿאָרמולירט דעם געדאַנק, אז די יִדישע קאָמוניסטן דאַרפֿן מאַכן פֿאַר איינע פֿון די וויכטיקסטע אופֿגאַבן די פֿראַגע צו באַזעצן יידן אַף ערד.

דערדאָזיקער וויכטיקער געדאַנק, וועלכער איז איצט אַזוי פּאָפּולער אין דער יִדישער קאָמוניסטישער וועלט און ווערט מיט אַזאַ ערנסטקייט דורכגעפֿירט אין לעבן, איז אָבער אַף דער ערשטער קאָנפֿערענץ באַגעגנט געוואָרן מיט אַווידערשטאַנד פֿון די „לינקע בונדיסטן“-דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען אַף דער קאָנפֿערענץ*). זיי האָבן געמיינט, אז „אויב די יִדישע קאָמיסאַריאַטן וועלן זיך פֿאַרנעמען מיט העלפֿן די יִדישע פֿאַראַרעמטע קליינבירגער, וועלן זיי אַריינפֿאַלן אין נעץ פֿון פֿאַרגיפֿטעטן נאַציאָנאַליזם און קליינבירגעריי...“

די מערהייט פֿון דער קאָנפֿערענץ איז אָבער געווען איינשטימיק מיט די אויספֿירן פֿון כאַווער דימאַנשטיין, און דידאָזיקע וויכטיקע עקאָנאָמישע אַרבעט איז נאָך דער קאָנפֿערענץ נאָך ברייטער געפֿירט געוואָרן.

די קאָנפֿערענץ האָט באַהאַנדלט נאָך אַ ריי וויכטיקע פֿראַגן. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן דער צענטראַלער יידישער קאָמיסאַר—דער כאַווער דימאַנשטיין—און אַ קאָלעגיע פֿון קאָמיסאַריאַט, אין וועלכן עס זיינען אַריין די כ. כ. שימעליעוויטש, אַגורסקי, ראַפּאָפּאָרט און מאַנדעלסבערג.

צוליב דעם צוזאַמענשטעל פֿון די דעלעגאַטן אַף דער קאָנפֿערענץ האָט, פֿאַרשטייט זיך, געמוזט דאָ זיין אַ קאַמפֿראַקציע, וועלכע האָט געהאַט באַזונדערע זיצונגען, ווו עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן נאָך צוויי וויכטיקע פֿראַגן:

1) וועגן דער פֿאָרם פֿון יידסעקציעס; 2) וועגן דער אַרבעט אין די אָקופּירטע געגנטן.

וועגן דער ערשטער פֿראַגע האָט כ׳ דימאַנשטיין אין אַ פֿאָרטראָג דערקלערט:

„די פֿראַגע פֿון די יִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס איז אַזאַ:

די אַלגעמיינע רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי קען ניט אָנפֿירן די אַרבעט אַף באַזונדערע שפּראַכן. עס מוז געגרינדעט ווערן יִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס. די סעקציעס האָבן צווייערליי אופֿגאַבן, פֿון איין זייט א ריין טעכנישע: צו פֿירן די אַגיטאַציע צווישן די יִדישע אַרבע-

---

*) אַף דער קאָנפֿערענץ איז געווען אַ גרופּע פֿון דריי „לינקע בונדיסטישע“ דעלעגאַטן: די כ. כ. טאָמסינסקי, אָרשאַנסקי און קאַצנעלסאָן, וועלכע זיינען שוין דאַן געווען באָלשעוויסטיש געשטימט. די כ״כ אָרשאַנסקי און טאָמסינסקי זיינען אינגיכן אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

טער, פֿון דער אַנדערער זייט דאַרפֿן מיִר דורכפֿיִרן די דיִקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט אַף דער ייִדישער גאַס.

די נייע ייִדישע סעקציעס וועלן באַשטיין פֿון נייע כאַווייריִם, וועלכע טרעטן איצט אַריין אין דער פּאַרטיי, די אַלטע באָלשעוויִקעס וועלן אָן סאָפֿעק בלייבן אין די רייען פֿון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי. דאַרפֿן מיר זען, אַז די סעקציעס זאָלן בלייבן ריין פֿון וועלכע ניִט איִז ביִרגערלעכע נאַציאָנאַליִסטיִשע ריִכטונגען.

אונדזער הויפּט-אופֿגאַבע איִז—דורכפֿיִרן אין דער פּראַקטיִק אַלץ, וואָס עס שטעלט פֿאַר זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. מיר זיינען ניט אַ ספּעציעלע פּאַרטיי פֿאַר זיִך, נאָר אַ טייל פֿון דער קאָמוניִסטיִשער פּאַרטיי, וועלכע באַשטייט פֿון ייִדישע אַרבעטער.

זייענדיִק אינטערנאַציאָנאַליִסטן, שטעלן מיר ניט פֿאַר זיִך קיינע ספּעציעלע נאַציאָנאַלע אופֿגאַבן, נאָר ריין קלאַסן-פּראָלעטאַריִשע אופֿגאַבן. אַף וויפֿל מיִר ריידן אַף אַ באַזונדער שפּראַך, זיינען מיִר מעכויעוו, אַז די ייִדישע מאַסן זאָלן קענען אַף זייערע אייגענער שפּראַך באַפֿריִדיקן די גאַנצע גייסטיִקע באַדערפֿעניִשן זייערע.

מיר זיינען אָבער אויך ניִט קיין פֿאַנאַטיִקער פֿון דער ייִדיִשער שפּראַך. זי ווערט פֿאַר אונדז ניִט קיין „ייִדיש-האַקוידעש", ווי פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַליסטן. ניין, די שפּראַך איִז אַן און פֿאַר זיִך פֿאַר אונדז ניִט וויִכטיִק.

אונדזער אופֿגאַבע איז דערנעענטערן די אַרבעט פֿון אַלערליי פֿעלקער און פֿאַרבינדן זיי אין איין אינטערנאַציאָנאַלער מיִשפּאָכע.

אונדזערע ייִדיִשע קאָמוניִסטיִשע סעקציעס דאַרפֿן אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זיִן געפֿיִנען זיך אינעווייניִק איִן דער אָרגאַניזאַציע פֿון יעדער שטאָט און האָבן איין קאָמיטעט, ווי אַלע איִבעריקע מיִטגלידער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי".

כאַווער דימאַנשטיינס מיינונג וועגן די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן קימאַט פֿון אלע דעלעגאטן פֿון דער פֿראַקציע.

די קאָנפֿערענץ האָט געדויערט 7 טעג, און באַם שליסן די קאָנפֿערענץ האָט איינער פֿון די דעלעגאַטן פֿאַרענדיקט מיט אָט די ווערטער: „לאָמיר האָפֿן, אַז די צווייטע קאָנפֿערענץ וועט איינגיכן פֿאָרקומען אין די באַפֿרייטע ייִדישע צענטרען—מינסק אָדער ווילנע".

דערדאָזיקער ווונטש איז דערפֿילט געוואָרן. דעם 9-טן נאָיאַבר 1918 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די דייטשיִשע רעוואָלוציע, און מיט פֿינף כאַדאָשיִם שפּעטער איז אין דעם באַפֿרייטן מינסק פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון ייִדישע קאָמוניסטיִשע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען באַשאַפֿן געוואָרן אין די באַפֿרייטע געגנטן פֿון ווייסרוסלאַנד.

ש. א.

פּראָטאָקאָלן פון דער ערשטער ייִדישער קאָמו־ ניסטישער קאָנפערענץ*).

די דערעפענונג.

זונטיק, דעם 20-טן אָקטיאַבר 1918, האָט זיך געעפנט די ערשטע קאָנ-פערענץ פון די ייִדישע קאָמוניסטן און פאָרשטייער פון די ייִדישע קאָמיסאַ-ריאַטן און פון די ייִדישע לערער, וואָס אַנערקענען די שול-פּראָגראַם פון ייִדישן קאָמיסאַריאַט. אין נאָמען פון דער צענטראַלער קאָלעגיע פון ייִדישן קאָמיסאַריאַט עפנט כ' דימאַנשטיין די קאָנפערענץ און גיט דאָס ערשטע וואָרט דעם כ' שימעליעוויטש.

אין נאָמען פון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס לייגט כ' שימעליע-וויטש פאָר, אַז די כ"כ דימאַנשטיין, ראַפּאָפּאָרט, שימעליעוויטש, אַגורסקי, צוויבאַק, מאַנדעלסבערג און טאָמסינסקי זאָלן ווערן אויסגעקליבן אַלס מיטגלי-דער אין פּרעזידיום. דער פאָרשלאַג ווערט איינשטימיק אָנגענומען. כ' דימאַנ-שטיין ווערט דער אָפיציעלער פאָרזיצער, און די כ"כ ראַפּאָפּאָרט און שימע-ליעוויטש געהילף-פאָרזיצער; אַלס אָפיציעלע סעקרעטאַרן פון דער קאָנפע-רענץ ווערן אויסגעקליבן די כ"כ אַגורסקי, מאַנדעלסבערג און צוויבאַק.

די פראַגע וועגן שטימרעכט.

דער פּרעזידיום לייגט פאָר, אַז שטימרעכט בא די פּלענאַרע זיצונגען זאָלן האָבן נאָר די דעלעגאַטן פון די קאָמוניסטישע סעקציעס און צו צוויי פאָרשטייער פון די קאָמיסאַריאַטן, און ווען מען וועט באַהאַנדלען ספּעציעל שול-פראַגן, זאָלן די לערער האָבן דריי שטימען. אין דער סעקציע פון שול-אַרבעט האָבן אַלע לערער שטימרעכט.

דער פאָרשלאַג רופט אַרויס אַ דיסקוסיע: די לערער זיינען בא דער מיינונג, אַז עס דאַרף ניט זיין קיין אויסנאַם, און דאָס שטימרעכט טאָר ניט באַשרענקט ווערן.

---

*) די פּראָטאָקאָלן זיינען געווען געדרוקט אין „אמת" אין דער צייט פון דער קאָנ-פערענץ.

זייער מיינונג איז, אַז אַלע דאַרפֿן זיך באַטייליקן און באַשליסן אַלע פֿראַגן, וואָס האָבן אַ שײַכות צו דער שול-אַרבעט.

די כ״כ דימאַנשטיין און שימעליעוויטש דערקלערן, אַז די קאָמוניסטן, אַלס אַ רעגירונג-פּאַרטיי, קענען ניט און טאָרן ניט דערלאָזן, אַז די לערער, וואָס זיינען פּאַקטיש די מערהייט אַף דער קאָנפֿערענץ און וואָס זיינען (מיט ווייניק אויסנאַמען) פֿון קיינעם ניט געוויילט געוואָרן, זאָלן האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען די אַרבעט פֿון דער נייער שול. כ׳ שימעליעוויטש דערקלערט, אַז די יידישע שול און די יידישע דערציונג איז אונדז, קאָמוניסטן און פֿאַרשטייער פֿון יידישן קאָמיסאַריאַט, פּונקט אַזוי טייער, ווי די יידישע לערער, און מיר אליין האָבן גערופֿן די לערער, מיר ווילן זיך מיט זיי באַראַטן. מיר ווילן הערן זייער מיינונג און ווען, אָן ספֿק, זיך רעכענען מיט זייער מיינונג. אָבער געבן אַלע לערער שטימרעכט צו באַשליסן אַלע פֿראַגן, וואָס זיינען נויגייע דער יידישער שול—דאָס טאָרן מיר ניט, ווייל מיר ווייסן, אַז צווישן די לערער געפֿינען זיך נאָך אַזעלכע מענטשן, וואָס זיינען קעגן אונדזער פּראָגראַם: מיר דערקלערן, אַז די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט מוז אויך זיין אין דער יידישער שול. און דערפֿאַר מוז די פּאַרטיי, וואָס שטייט אין דער שפּיץ פֿון דער רעגירונג, דיקטירן די פּראָגראַם און די אַרבעט פֿון דער יידישער שול.

נאָך די דערקלערונגען פֿון די כ״כ דימאַנשטיין און שימעליעוויטש ווערט דער פֿאָרשלאַג פֿון פּרעזידיום אָפּגעשטימט און עס ווערט איינשטימיק אָנגענומען, אַז די לערער קאָנען אויסקלייבן דריי, וועלכע זאָלן זיך באַטייליקן אין שטימען בא די פּלענאַרע זיצונגען, ווען עס וועלן באַהאַנדלט ווערן שול-פֿראַגן.

באַגריסונגען.

נאָך דעם, ווי די פֿראַגע וועגן שטימרעכט ווערט געלייזט, עפֿנט כ׳ דימאַנשטיין אָפֿיציעל די קאָנפֿערענץ און גיט ווערטער צו באַגריסן די דעלעגאַטן.

דאָס ערשטע באַגריסונג-וואָרט קריגט כ׳ טאָרטשינסקי, וועלכער באַגריסט די קאָנפֿערענץ אין נאָמען פֿון די מאָסקווער קאָמוניסטן (באָלשעוויקעס).

כ׳ טאַרטשינסקי זאָגט: אַז אין נאָמען פֿון די מאָסקווער אַרבעטער באַגריסט ער די קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע קאָמוניסטן און פֿאָרשטייער פֿון יידישע קאָמיסאַריאַטן. פֿאַר די אַרבעטער, זאָגט דער רעדנער, איז די נאַציאָנאַלע פֿראַגע פּונקט אַזוי וויכטיק ווי די עקאָנאָמישע פֿראַגן. פֿאַר די אַרבעטער פֿון אַלע פֿעלקער עקזיסטירן נאָר צוויי קלאַסן, צוויי נאַציעס, דאָס זיינען די אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן. די אָרגאַניזירונג פֿון נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן איז נאָר אַ מיטל פֿאַר די אַרבעטער צו קעמפֿן קעגן זייערע היימישע קאַפּיטאַליסטן.

די אַרבעטער טאָרן ניט צורייסן זייערע רייען און זיך צעטיילן אין פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: מיר מוזן שטענדיק שטרעבן צו פאַראייניקן די אַרבעטער פון אַלע פעלקער אין איין גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן בונד, קעדיי וואָס גרעסער און דערפאָלגרייכער צו קענען קעמפן קעגן די פאַראייניקטע קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער און פעלקער.

כ׳ טאָרטשינסקי ענדיקט די באַגריסונג מיט די אויפרופן: זאָל לעבן די פאַראייניקונג פון די אַרבעטער! זאָל לעבן דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל!

אין נאָמען פון די פעטראָגראַדער אַרבעטער און אין נאָמען פון דער צאָפן-קאָמונע באַגריסט די קאָנפערענץ כ׳ ראַפּאָפּאָרט. ער זאָגט, אַז ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס דער יידישער קאָמיסאַריאַט איז מיט עטלעכע כאַדאָשים (9 כאַדאָשים) צוריק באַשאַפן געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון פיר מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט באַשאַפן אַ יידישע ראַטן-צייטונג, איז איצטער פון דעם געוואָרן אַ גרויסע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע, וואָס גרופּירט אַרום זיך די עמעסע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון די יידישע אַרבעטער-מאַסן.

כ׳ ראַפּאָפּאָרט זאָגט ווייטער, אַז אין דער איצטיקער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע האָבן די פעטראָגראַדער אַרבעטער ביקלאַל און די יידישע אַרבעטער ביפראַט פאַרלאָרן צוויי פון די בעסטע און מוטיקסטע קעמפער. דאָס זיינען אונדזערע כ״כ וואָלאָדאַרסקי און אוריצקי, וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון די קאַפּיטאַליסטישע קנעכט. דער רעדנער שלאָגט פאָר, אַז די קאָנפערענץ זאָל באַערן דעם אָנדענק פון די געפאַלענע קעמפער דורך אויפשטיין פון די ערטער.

כ׳ ראַפּאָפּאָרט שלאָגט אויך פאָר, אַז די קאָנפערענץ זאָל שיקן אַ באַגריסונג-טעלעגראַם צו די כ״כ: לענין, טראָצקי און ליבקנעכטן און דערקלערן זיי פאַר ערן-מיטגלידער פון פּרעזידיום. די פאָרשלאָגן פון רעדנער ווערן איינשטימיק אָנגענומען.

אין נאָמען פון די אוקראַינישע יידישע אַרבעטער, באַגריסט כ׳ ניימאַן. ער זאָגט, אַז די פאָרשטייער פון בונד, וואָס האָבן געקעמפט און קעמפן צוזאַמען מיט דער אוקראַינישער בורזשואזיע קעגן ראַטנמאַכט און האָבן געוואָלט באַשאַפן אַ „פאַראייניקטע שטאַרקע מאַכט״ אין אוקראַינע, האָבן ווירקלעך באַשאַפן אַ מאַכט און אַ מוירעדיקע שטאַרקע מאַכט. און דאָס איז די מאַכט פון דייטשישן מיליטאַריזם און פון יונקערטום.

דידאָזיקע מאַכט דריקט און שטיקט די אוקראַינישע אַרבעטער. די בעסטע מוטיקסטע קעמפער ווערן געשאָסן, געהאנגען און אין טורמעס פאַרשפאַרט. די גאַנצע פרייהייט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך דעם בלוטיקן קאַמף, איז פאַרניכטעט געוואָרן.

ווען די יידישע אַרבעטער פון אוקראַינע האָבן דערזען, וואָס פאַר אַ ראָל עס שפּילן זייערע „פירער און פריינט״, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פירער.

אין אוקראַינע איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין די רייען פון די יידישע קליינבירגערלעכע פּאַרטייען. די אַרבעטער האָבן איבערגעלאָזן די פּאַר-

טייען, ווו זייערע פֿאַרעטער שטייען אין דער שפּיץ, קעדיי אָרגאַניזירן אַ נייע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-פּאַרטיי—די פּאַרטיי פֿון די קאָמוניסטן (באָלשעוויקעס).

כאַווײרים, זאָגט דער רעדנער, אַף אייך, אַף אָט דער היסטאָרישער קאָנפֿערענץ, קוקן די צענדליקער טויזנטער אויגן פֿון די אוקראַינישע יידישע אַרבעטער. זיי וואַרטן אַף אייער הילף, זיי וואַרטן מיט אומגעדולד, אַז איר זאָלט לייגן דעם פֿונדאַמענט פֿון דער נייער יידישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט זיך פֿאַריינציקן און העלפֿן זיי אָנפֿירן דעם קאַמף קעגן דער אוקראַינישער בורזשואַזיע.

אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק האָט געמאַכט אַף די דעלעגאַטן די באַגריסונג פֿון כ׳ טאָמסינסקי, וואָס האָט באַגריסט די קאָנפֿערענץ אין נאָמען פֿון די לינקע בונדיסטן-קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך נאָר וואָס אָפּגעשפּאָלטן פֿון זייער אַלטער אָרגאַניזאַציע און איבערגעלאָזן זייערע פֿאַרפֿירער.

כ׳ טאָמסינסקי זאָגט, אַז דער בונד, וואָס איז אַמאָל געווען דער שטאָלץ פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. דער בונד, וואָס איז געווען דער דערציער פֿון די יידישע אַרבעטער, דער בונד, וואָס האָט געהאַלטן הויך די פֿאָן פֿון דער רעוואָלוציע און מיט דעם פֿאַקעל פֿון פֿרייהייט פֿאַרשפּרייט ליכט אין אַלע פֿינצטערע ווינקעלעך פֿון דער יידישער אַרבעטער-וועלט—אָט דער בונד, דיזעלביקע אָרגאַניזאַציע, איז איצטער בעשום אויפֿן ניט דאָס, וואָס זי איז אַמאָל געווען: די פֿירער פֿון בונד, ליבער און די איבעריקע, האָבן מיט זייער פשאָרע-פּאָליטיק פֿאַרבלענדט די אויגן פֿון די יידישע אַרבעטער-מאַסן, און האָבן געבראַכט שאָדן דער רוסישער רעוואָלוציע בכלל און די יידישע אַרבעטער ביפֿראַט.

מיר האָבן געעפֿנט אונדזערע אויגן און האָבן דערזען אונדזערע פֿריערדיקע פֿירער אין זייער עמעסער געשטאַלט און האָבן זיי איבערגעלאָזן. מיר זיינען אַרויס פֿון בונד און שליסן זיך אָן אין די רייען פֿון די קאָמוניסטן און האָפֿן, אַז אונדז וועט געלינגען צו באַשאַפֿן אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער-פּאַרטיי, וואָס וועט ווידער אויפֿהויבן די פֿאָן פֿון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם אַף דער יידישער גאַס.

אין נאָמען פֿון דער קולטור-און בילדונג-אָפּטיילונג פֿון צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט, באַגריסט כאַווער גוזשנאָווסקי. ער זאָגט, אַז מיט אַ באַזונדער פֿרייד באַגריסט ער די קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע קאָמוניסטן און פֿאָרשטייער פֿון די יידישע קאָמיסאַריאַטן.

די יידישע אַרבעטער, זאָגט כאַווער גוזשנאָווסקי, זיינען די איינציקע, וואָס קענען און וועלן שאַפֿן די נייע שול און העלפֿן אַנטוויקלען די יידישע קולטור; די יידישע בורזשואַזיע קען ניט זיין דער שעפֿער פֿון דער נייער יידישער שול. זי אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם און איר אַרט דאָס ניט.

כאַווער גוזשנאָווסקי רופֿט די יידישער לערער, אַז זיי זאָלן העלפֿן די יידישע קאָמיסאַריאַטן אין דער קולטור-און בילדונג-אַרבעט, ווייל נאָר די סאָ-

וועטנמאַכט און די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן זיינען בעקויעך צו לייגן דעם יעסאָד פון דער נייער שול און נייער קולטור.

כאַוועך מאַנדעלסבערג באַגריסט די קאָנפערענץ אין נאָמען פון די אָריאָ-לער ייִדישע קאָמוניסטן. ער זאָגט, אַז די ייִדישע אַרבעטער פון אָריאָל זיינען געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די רייען פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט, קעדיי אים צו העלפן אין דעם גרויסן קאַמף קעגן די, וואָס ווילן אַרויסרייסן די מאַכט פון זיינע הענט און ווייטער איינפירן די מאַכט פון קאַפּיטאַל.

כאַוועך מאַנדעלסבערג זאָגט, אַז די ייִדישע קאָמוניסטן פון אָריאָל שיקן זייער ברידערלעכן גרוס צו דער ערשטער קאָנפערענץ פון די קאָמוניסטן און האָפן, אַז די קאָנפערענץ וועט בלייבן אין דער געשיכטע, אַלס דער אָנפאַנג פון אַ גרויסער באַוועגונג צווישן די ייִדישע מאַסן.

אין נאָמען פון די וויטעבסקער ייִדישע קאָמוניסטן און ייִדישן קאָמיסאַ-ריאַט באַגריסט כאַוועך ש. אַגורסקי. ער זאָגט, אַז גאָר מיט אַ באַזונדער פרייד און פאַרגעניגן באַגריסט ער די ערשטע קאָנפערענץ פון די ייִדישע קאָמו-ניסטן און פאָרשטייער פון די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן.

„איך—זאָגט כ' אַגורסקי—בין געווען איינער פון די ווייניקע, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו זיין בא דעם געבורט פון ייִדישן נאַציאָנאַלן קאָמי-סאַריאַט.

דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט איז געבאָרן געוואָרן אין סמאָלנער איִנסטי-טוט מיט ניין כאַדאָשים צוריק. 4 מענטשן האָבן זיך גענומען די אויפגאַבע צו גיין אָף דער ייִדישער גאַס און פּראָפּאַגאַנדירן פון דער אָקטיאַבר-רעוואָ-לוציע און די אידייען פון רעוואָלוציאָנערן קאָמוניזם. איך געדענק נאָך גאַנץ גוט, אַז בא דער ערשטער פאַרזאַמלונג, וואָס דער נאָר וואָס געגרינדעטער קאָמיסאַריאַט האט געמאכט אין פּעטראָגראַד, אין קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלק-בילדונג, זיינען געקומען פאָרשטייער פון די קליינבירגערלעכע פּאַרטייען און האָבן געוואָלט אונטעררייסן די פאַרזאַמלונג.

„פּונקט דאַסזעלביקע—זאָגט כ' אַגורסקי—איז געווען אין די פּראָוויִנ-ציאָנעלע ערטער. אומעטום, ווו מיר איז נאָר אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן און ריידן וועגן ייִדישן קאָמיסאַריאַט, פלעגט די אַזויגערופענע ייִדישע אינטעליִ-גענץ אנפאַלן און שיטן פעך און שוועבל אָף דער סאָוועטנמאַכט בּיקלאַל און אָף דעם ייִדישן קאמיסאריאט בּיפראַט: מען האָט אונדז אומעטום אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. מען האָט געשריען, אַז די ייִדישע אַרבעטער וועלן מיט אונדז ניט גיין, די ייִדישע אַרבעטער האבן זייערע אלטע ארגאַניזאציעס, וואָס האָבן זיי גע-פירט און וועלן זיי פירן.

„יאָ, מע האָט צו אונדז אומעטום אזוי געטאַינעט. אין געוויסע מאמענטן פון פאַרצווייפלונג האט זיך אויסגעדוכט, אַז דאס איז טאקע עמעס, אבער אדאנק דעם, וואס מען האט דעם מוט ניט פאַרלארן און ווייטער פאַרגעזעצט דעם קאַמף קעגן די פאַרעטער פון די ייִדישע אַרבעטער, איז אונדז געלונגען צו מאַכן אַ רעוואלוציע אָף דער ייִדישער גאַס.

„באַ אונדז אין וויטעבסק — זאָגט כ׳ אַגורסקי — איז געווען דאָס אייגענע, די קלוימערשטיקע „פֿאָרשטייער״ פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט האָבן אויך גע-זאָגט, אַז די אַרבעטער וועלן קיינמאָל ניט גיין מיט אונדז און אַזוי האָט מען געוואָלט אַפּשוואַכן די ווירקונג פֿון אונדזער אַרבעט, כּדי ווייטער צו קאָנען זיין די הערשער אַף דער ייִדישער גאַס.

„אָבער אין משך פֿון עטלעכע וואָכן איז קלאָר געוואָרן דער ביטע-רער טעות, וואָס זיי האָבן געמאַכט. איצט זעען זיי, אַז די ייִדישע אַרבעטער גרופּירן זיך אַרום דער ייִדישער קאָמוניסטישער סעקציע און אַרום ייִדישן קאָ-מיסאַריאַט.

די וויטעבסקער ייִדישע אַרבעטער זיינען מיט אונדז און וועלן מיט גע-ווער אין די הענט פֿאַרטיידיקן די סאָוועטנמאַכט און די דעראָבערונגען פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע״.

כאָטש אַגורסקי פֿאַרענדיקט דערמיט, אַז ער איז זיכער, אַז באַ דער צווייטער קאָנפֿערענץ וועלן זיין פֿאַרטראָטן די ייִדישע אַרבעטער פֿון גאַנץ רוסלאַנד. דאַן וועלן די פֿירער פֿון די קליינבירגערלעכע פּאַרטייען זען, אַז די ייִדישע אַרבעטער זיינען אַ טייל פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וואָס קעמפֿט איצטער און פֿאַרטיידיקט די סאָוועטנמאַכט און די דעראָבערונגען פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע.

אַן ענטפֿער אַף די באַגריסונגען.

אין נאָמען פֿון פּרעזידיום ענטפֿערט כ׳ שימעליעוויטש אַף די באַגריסונ-גען. ער זאָגט, אַז די אַרבעט באַם באַשאַפֿן דעם ייִדישן קאָמיסאַריאַט, איז ניט געווען קיין גרינגע זאַך: די פֿאַרשיידענע קליינבירגערלעכע און פּשרה-מאַכערישע פּאַרטייען האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט צו שטערן די אַרבעט פֿון קאָמיסאַריאַט. אָבער זייער אַרבעט איז געווען אומזיסט. די איצטיקע קאָנפֿערענץ איז דער בעסטער באַווייז, אַז מיר זיינען געווען גע-רעכט, ווען מיר האָבן געזאָגט, אַז די ייִדישע מאַסן וועלן סאָפּקאָלסאָף איינ-זען, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן טעות, וואָס זיי האָבן געפֿאָלגט זייערע פֿירער.

איצט זעען מיר, ווי דער בונד צופֿאַלט זיך: די ייִדישע אַרבעטער לאָזן איבער די פּאַרטיי, וואָס האָט אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע פֿאַרבלענדט די אויגן פֿון די ייִדישע אַרבעטער און זיי ניט געלאָזן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם גרויסן קאַמף, וואָס עס קומט איצט פֿאָר אין דעם סאָציאַליסטישן רוסלאַנד.

אונדז איז גאַנץ טייער צו וויסן, אַז די מאָסקווער אַרבעטער שיקן זייער ברידערלעכן גרוס דער ערשטער קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע פּראָלעטאַריער. אין נאָמען פֿון דער קאָנפֿערענץ מעגט איר זאָגן די מאָסקווער אַרבעטער, אַז די ייִדישע אַרבעטער וועלן ווידער אויפֿהויבן די רעוואָלוציאָנערע פֿאָן און וועלן צוזאַמען מיט די רוסישע אַרבעטער קעמפֿן און פֿאַרטיידיקן די דעראָ-בערונגען פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע און די סאָוועטנמאַכט.

ניט ווייניקער טייער איז פֿאַר אונדז די באַגריסונג פֿון פּעטערבורגער אַרבעטער. מיר ווייסן אַז דער „רויטער פּעטראָגראַד”, דער שטורעם-צענטער פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז שטענדיק געווען דער פּונקט, פֿונוואַנען עס האָבן געשעפּט באַגייסטערונג די גרויסע מאַסן פֿון רוסישן פֿאָלק, און די יידישע אַרבעטער פֿון פּעטראָגראַד.

באַזונדערס ווichטיק און טייער אין פֿאַר אונדז די באַגריסונג פֿון די אוקראַינער יידישע אַרבעטער. מיר ווייסן ווי גרויזאַם מען באַהאַנדלט איצט אונדזערע בעסטע, טייערסטע כאַווירים. מיר ווייסן, אז אין אוקראַינע הערשט איצט די מאַכט פֿון קאַפּיטאַל. אָבער מיר זיינען זיכער, אז די צייט איז ניט ווייט, ווען מיר וועלן ניט דאַרפֿן שיקן קיין באַגריסונגען די אוקראַינישע אַר-בעטער. נאָר מיר וועלן זיי ווידער באגעגענען אַפֿן קאַמף-פּלאַץ און דריקן ברידערלעך זייער האַנט.

די באַגריסונג פֿון די אָריאָלער קאָמוניסטן איז פֿאַר אונדז אויך זייער וויכטיק, אָריאָל איז נאָך ביז ניט לאַנג געווען אַ נעסט פֿאַר די יידישע פּאַר-טייען, וואָס האָבן פֿאַרפֿירט די יידישע אַרבעטער, איצט איז די זאַך גאַנץ אַנדערש. איצט איז אין אָריאָל דאָ אַ גרויסע יידישע קאָמוניסטישע סעקציע, קאָמוניסטישער קלוב, און אַ יידישער קאָמוניסטישער אָטריאַד, וועלכער שטייט אַף דער וואַך און העלפֿט פֿאַרטיידיקן די סאָוועטנמאַכט פֿון אַלע אירע סאָנים.

באַזונדערס וויכטיק איז די באַגריסונג פֿון דער וויטעבסקער קאָמוניס-טישער סעקציע. וויטעבסק איז איצט דער גרעסטער יידישער צענטער. דאָ זיינען דאָ אַסאַך יידישע אַרבעטער, וואָס גרופּירן זיך אַרום די יידישע קאָמו-ניסטן און יידישן קאָמיסאַריאַט. און עס איז קיין סאָפֿעק ניט, אַז וויטעבסק וועט ווערן אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער צענטער פֿון יידישע אַרבעטער.

די באַגריסונג פֿון די לינקע בונדיסטן האָט פֿאַר אונדז אַ גרויסע באַ-דייטונג. דאָס באַשטעטיקט בעסער ווי אַלץ, אז מיר זיינען שוין מער ניט אַליין. די יידישע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צו באַגרייפֿן, אז זיי האָבן גע-מאַכט אַ טאָעס און אַז זיי זיינען פֿאַרפֿירט. מיר באַגריסן די לינקע בונדיסטן דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן זיך אפגעריסן פֿון די ליבערס און זיינען אַרויף אַפֿן גלייכן וועג.

מיט אָפֿענע אָרעמס באַגעגענען מיר די כאַווירים, די לינקע בונדיסטן, נאָר מיר זאָגן, אַז ניט אין דעם, וואָס זיי וועלן מאַכן אַ לינקע פּאַרטיי פֿון בונדיסטן, וועלן זיי ווייזן, אַז זיי זיינען צוגעשטאַנען צו אונדז.

די לינקע בונדיסטן וועלן ווערן אונדזערע עמעסע כ״כ נאָר דאַן, ווען זיי וועלן אַריין אין די קאָמוניסטישע סעקציעס און וועלן מיט אונדז צוזאַמען באַשאַפֿן אַ גרויסע יידישע פּאַרטיי.

כאַווער שימעליעוויטש ענדיקט זיין רעדע מיט אויסרופֿן: זאָל לעבן די סאָוועטנמאַכט! זאָל לעבן די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט אַף דער יידישער גאַס!

פֿאָרשלאָגן.

די לינקע בונדיסטן טראָגן אַריין צוויי פֿאָרשלאָגן: איינעם, אַז די קאָנ־פֿערענץ זאָל שיקן אַ באַגריסונג די רויטע אַרמייער, וואָס קעמפֿן אַף אַלע פראָנטן קעגן אַלע סאָנים פֿון דער רעוואָלוציע, און דעם צווייטן פֿאָרשלאָג, אַז די קאָנפֿערענץ זאָל שיקן אַ באַגריסונג דער דייטשישער, קאָמוניסטישער פּאַרטיי „ספּאַרטאַק".ביידע פֿאָרשלאָגן ווערן אָנגענומען.

כ' קאַהאַן גיט אַ פֿאָרשלאָג צו שיקן אַ באגריסונג די פֿאָרשטייער פֿון אוקראַינער צוזאַמענפֿאָר, וואָס קומט איצט פֿאַר אין מאָסקווע. דער פֿאָרשלאָג ווערט אויך איינשטימיק אָנגענומען.

עס ווערט אויסגעקליבן אַ מאַנדאַט־קאָמיסיע פֿון דריי כ"כ קאַהאַן, קאַצ־נעלסאָן און גאָלדשוואַרץ.

מיט דעם ענדיקט זיך די ערשטע זיצונג.

די צווייטע זיצונג.

די שפּראַך־פֿראַגע.

כ' ראַפּאָפּאָרט עפֿנט די זיצונג, און דערפֿאַר, ווייל ער האָט גערעט רוסיש, האָבן אַ טייל דעלעגאַטן אויסגעדריקט זייער אומצופֿרידנקייט. עס זאָגן זיך אַרויס איינציקע דעלעגאַטן, אַז די הערשנדיקע שפּראַך אַף דער קאָנפֿע־רענץ דאַרף זיין יידיש, ווייל זיי דענקען, אַז די יידישע שפּראַך איז די איינ־ציקע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פֿאַרן קאָמיסאַריאַט.

כאַווער ראַפּאָפּאָרט ענטפֿערט אַף דעם, אַז דער פּרעזידיום האָט באַ־שלאָסן ניט צו מאַכן קיין פּרינציפּ וועגן אַ שפּראַך פֿאַר דער קאָנפֿערענץ: זאָל יעדערער ריידן ווי ער וויל און אַף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך ער קען בעסער אויסדריקן זיינע געדאַנקען. די קאָנפֿערענץ דריקט אויס איר איינשטימונג מיט דעם באַשלוס פֿון פּרעזידיום און די זיצונג ווערט פֿאָרגעזעצט אַף יידיש און רוסיש.

דער באַריכט פֿון צענטראַלן קאָמיסאַריאַט.

כאַווער דימאַנשטיין, דער צענטראַלער קאָמיסאַר פֿאַר יידישע איניאָנים, נעמט דאָס וואָרט און זאָגט אין יידיש:

— כאַווײרים, אַף מיר איז אויסגעפֿאַלן דער גוירל אייך צו געבן אַ דינווערעשבן פֿון דער אַרבעט, וואָס דער קאָמיסאַריאַט האָט געטאָן אין פֿאַרלויף פֿון די עטלעכע כאָדאָשים פֿון זיין עקזיסטענץ. איך מוז אָבער געבן אַ היסטאָרישן איבערבליק איבער דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין דער יידישער אַרבעטער־וועלט ביז דער רוסישער רעוואָלוציע ביקלאַל און ביז דער אַנטשטייונג פֿון קאָמיסאַריאַט ביפֿראַט.

מיט 15 יאָר צוריק, אין 1904 יאָר, האָב איך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין ווילנע אין די רייען פֿון דער רוסלענדער ס. ד. פּאַרטיי. די יידישע אַר-בעטער זיינען דאַן געווען דאָרטן מער רעוואָלוציאָנער, ווי די אַרבעטער פֿון אַנדערע פֿעלקער. דאָס, נאַטירלעך, איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס די יידישע אַרבעטער זיינען געווען מער אונטערדריקט, ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער, און מער אינטעליגענט.

דער בונד האָט דאַן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אַף דער יידישער גאַס. די גאַנצע יידישע אַרבעטער-באַוועגונג האָט ער געהאַלטן אין זיינע הענט. דער בונד איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-פּאַרטיי. דער בונד און די פּאַרטיי ביז 1903 יאָר זיינען דאַן געווען אייניק. די נאַציאָנאַלע פֿראַגע האָט נאָך קיין באַזונדערן פּלאַץ ניט פֿאַרנומען.

דער בונד און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע.

די יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט דאַן פֿאַרנומען אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ אין בונד, האט אַרופֿגעבראַכט די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אָפֿן טאָגאָרדענונג פֿון אונדזער פּאַרטיי. אַף אונדזער פּאַרטיי-צוזאמענפֿאָר פֿון 1903 יאָר האָט דער בונד ארופֿגעשטעלט אָפֿן טאָגאָרדענונג די פֿראַגע וועגן נאַציאָנאַלער קולטור-אַווטאָנאָמיע און אַ פֿעדעראַטיווער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע.

— מען מוז באַמערקן—זאָגט כ' דימאַנשטיין,—אַז די פּראָגראַם וועגן נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע, וואָס דער בונד האָט דאַן אויסגעארבעט, איז געווען ניט קיין אָריגינעלע: זיי האָבן עס גענומען פֿון די עסטרייכישע נאַציאָנאַליסטן-סאָציאַליסטן. די פּראָגראַם פֿון נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע איז געווען באַגרינדעט בלויז אָפֿן קולטורעלן געביט. ביסלעכווייז האָט זיך די לאַגע געביטן. דער ציאָניזם, האָט, אַדאַנק דעם רעאַקציע און פּאָגראָמען, פֿאַרשפּרייט זיינע פֿליגלען אף דער יידישער גאַס און האָט זיך צעטיילט אַף פֿאַרשיידענע מינים, ווי „פּויעליי ציאָן", „ס. ס." א. א. וו. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ צווישן בונד און די ציאָניסטן, דאַן איז דער בונד געווען געצוווּנגען צו פֿאַר בֿרייטערן זיין פּראָגראַם וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע.

ביידע, סאַי דער בונד און סאַי די ציאָניסטן, האָבן געוואָלט ווייזן די יידישע אַרבעטער, אַז זיי און נאָר זיי זיינען די פֿאַרטרעטער פֿון די יידישע מאַסן. און אַדאַנק דעם האָבן זיי איינע די אַנדערע באַאיינפֿלוסט: דער בונד, אונטער דעם דרוק פֿון די ציאָניסטן, איז געוואָרן אַלץ מער און מער נאַציאָ-נאַליסטיש, און די ציאָניסטן האָבן געמוזט אָנעמען אַ סאָציאַליסטיש אויסזען און האָבן זיך געמוזט אָנקלעפּן סאָציאַליסטישע שילדן פֿונהינטן אָדער פֿונפֿאָרנט.

די איצטיקע מילכאָמע האָט אָבער צוריסן די יידישע אַרבעטער-באַווע-גונג. די רעוואָלוציאָנערע צענטערס, ווי ווילנע, וואַרשע, לאָדז און אַנדערע

שטעט זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון רוסלאנד. און ווען די פעווראַל-רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, איז נאָך פאַרבליבן אין רוסלאַנד די יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט געשפּילט די ראָל אין בונד, און ווייניק יידישע אַרבעטער.

די פירער פון בונד, וואָס זיינען פון אָנהויב אָן אוועק אין דעם לאַגער פון די פּשאָרע-מאַכער, האָבן אָנגעפאַנגען א פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיך צופרידן שטעלן מיט אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע. זיי האָבן ניט דערלאָזט, אַז די יידישע אַרבעטער זאָלן זיך אָנשליסן אָן די לינקע עלעמענטן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און אַדאַנק דעם, זיינען טיילווייז די ביסעלע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד, געבליבן פּאַסיוו אין דער גרויסער רעוואָלוציע און האָבן איבערגעלאָזן די רייען פון דער קעמפנדיקער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

ווען די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע איז אָנגעקומען, זיינען די פירער פון בונד אוועק אין לאַגער פון אונדזערע סאָנים און קעמפן נאָך איצט אינאיינעם מיט זיי קעגן דער סאָוועטן-רעגירונג: צו דער יידישער גאַס האָט די רעוואָלוציע ניט דערגרייכט—אַלץ איז געבליבן ווי געווען.

צוליב וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט דער קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים.

ווען מיר, יידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי, האָבן דערזען, אַז די יידישע מאַסן זיינען אַזוי אָפּגעטיילט פון די רוסישע אַרבעטער; ווען מיר האָבן געזען, אַז די אַלע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האַלטן אָפּ די יידישע אַרבעטער און לאָזן זיי ניט ווערן אַקטיוו אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע,—דאַן זיינען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז עטוואָס מוז געטאָן ווערן אַף דעם געביט.

מיר מוזן זאָגן דעם עמעס, אַז די, וואָס האָבן זיך גענומען צו דער־דאָזיקער אַרבעט, זיינען ניט געווען באַקאָנט מיט דעם לעבן פון די יידישע אַרבעטער. אַנדערע האָבן אַפילע קיין יידיש ניט געקאָנט ריידן; מיר האָבן אַף זיך גענומען אַזאַ אויפגאַבע בלויז דערפאַר, ווייל מיר האָבן דאָך געוואָלט אויפוועקן די יידישע אַרבעטער.

גלייך אין די ערשטע טעג פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן. עס האָבן זיך אָרגאַניזירט: אַ מוסולמענישער, פּוילישער, לעטישער און אַנדערע קאָמיסאַריאַטן, אָבער קיין יידישער קאָמיסאַריאַט איז ניט אָרגאַניזירט געוואָרן, און דאָס איז דערפאַר, ווייל עס איז פּאָשעט ניט געווען ווער עס זאָל דאָס טאָן. און אַדאַנק דעם זיינען מיר קימאַט ווי געצוווּנגען געווען צו נעמען אַף זיך די אַרבעט פון אָרגאַניזירן אַ יידישן קאָמיסאַריאַט.

אונדזער אַרבעט איז ניט געווען אַזוי גרינג דערפאַר, ווייל מיר האָבן ניט געהאַט גענוג מענטשן צו טאָן די אַרבעט. נאָר פונדעסטוועגן האָבן מיר

זיך ניט אָפּגעשטעלט און האָבן געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר געווען מעגלעך: מיר האָבן גלייך אַרויסגעלאָזן אַן אויפֿרוף צו די כאַווייריִם פֿון פּראָווינץ, אַז זיי זאָלן אויך אָרגאַניזירן אָפּטיילונגען אויף די ערטער. די ערשטע טעלעגראַם האָבן מיר געקראָגן פֿון מינסק, אַז דאָרט האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אָפּטיילונג.

מיר האָבן אַרויסגעשיקט עמיסאַרן אין דער פּראָווינץ, קעדיי צו אָרגאַניזירן אָפּטיילונגען פֿון קאָמיסאַריאַט; מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די ערשטע צייטונג „די וואַרהייט“, מיר האָבן גלייך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן בראָשורן, אָבער אין אָנהייב פֿון אונדזער אַרבעט זיינען מיר געצוווּנגען געווען אַריבערצופֿאָרן אין מאָסקווע, און דאָס האָט שטאַרק געשטערט אין דער אַרבעט. קימאַט אָנדערהאַלבן כאָדאָשים איז אַוועק איידער מיר האָבן ווידער איינגעשטעלט די אַרבעט.

אונדזער הויפּט-אַרבעט איז פֿון אָנהייב געוואָרן צו העלפֿן די היימלאָזע. אין דעם האָבן מיר געהאַט און האָבן נאָך איצט אַסאַך שוועריקייטן. אויסער דעם, וואָס דער דייטש שטערט אונדז אין דער אַרבעט מיט דעם, וואָס ער וויל גראַדע, אַז די אָרעמע זאָלן פֿאַרבלייבן אין רוסלאַנד, און די רייכע זאָלן וואָס מער קענען קומען אין די אָקופּירטע געגנטן, האָבן מיר צאָרעס פֿון די היימלאָזע אַליין.

די יִדישע היימלאָזע, וועלנדיק קומען וואָס גיכער אַהיים, זיינען אַוועק אין אַלע קאָמיסאַריאַטן און האָבן זיך פֿאַרשריבן אין איין פּלאַץ אַלס אַ ליטוואַק, אין צווייטן אַלס אַ פּאָליאַק, אין דריטן אַלס אַ ייִד, און אַזוי איז אויסגעקומען אַז ווען זיי דאַרפֿן פֿאָרן, קומט זיי אויס אַלע צאָרעס אַריבערצוטראָגן, בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן זיך ניט פֿאַרשריבן אין ייִדישן קאָמיסאַריאַט, און האָבן זיך ניט פֿאַרשריבן אַלס ייִדן, דאָס נאַטירלעך, מאַכט גרויסע שוועריקייטן דעם קאָמיסאַריאַט.

אין פֿאַרלויף פֿון דער אַרבעט איז אָבער די פֿראַגע וועגן העלפֿן די היימלאָזע געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער: מיר האָבן אויסגעפֿונען, אַז עס איז ניט גענוג, אַז מען זאָל נאָר העלפֿן די היימלאָזע אַריבערכאַפּן זיך דעם גרענעץ. פֿאַר אונדז איז באַקאַנט געוואָרן אַ פֿאַקט, אַז גאָר אַסאַך לויפֿן פֿון פֿייער אין וואַסער. פֿיל שטעט, וווּ די היימלאָזע קערן זיך אום, זיינען איינגאַנצן פֿאַרניכטעט געוואָרן, און פֿיל היימלאָזע קומט אויס שרעקלעך צו ליידן. און דערפֿאַר שטעלן מיר זיך אין פֿאַרבינדונג מיט די אָקופּירטע געגנטן און באַשטימען דאָרטן פֿאָרשטייער, וועלכע זאָלן באַגעגענען די היימלאָזע און זיי געבן די נויטיקסטע אייצעס און מעגלעכסטע הילף.

אונדזער קולטור- און בילדונג-אַרבעט.

אונדזער צווייטע וויכטיקע אַרבעט איז אָפּן געביט פֿון קולטור און בילדונג. מיר ווייסן אַז די דערציִונג אויף דער ייִדישער גאַס געפֿינט זיך נאָך אין זייער אַ נידעריקן צושטאַנד. דער כיידער הערשט נאָך אַלץ אויף דער ייִדישער גאַס. די מויכעס פֿון ייִדישע אַרבעטער-קינדער ווערן נאָך אַלץ אָנגע-

שטאַפּט מיט נוצלאָזע לימודים. די רייכע האָבן זייערע קינדער אין כיידער ניט געשיקט. זיי האָבן שטענדיק געזאָרגט, אז זייערע קינדער זאָלן גיין אין גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן. דעם כיידער האָבן זיי נאָר באַשאַפן פאַר די קינדער פון די קאַבצאָנים.

אין אונדזער סאָציאַליסטישער ראַטן-רעגירונג טאָר אַזעלכעס ניט דערלאָזט ווערן. די דערציִונג מוז אַרויסגעריסן ווערן פון די הענט פון די מעלאַמדים, אין דער יידישער גאַס מוז אויך אַריינגעבראַכט ווערן דער נייער גייסט פון דערציִונג. די קינדער פון די יידישע פאָלק-מאַסן מוזן קריגן אַ דערציונג, וואָס זאָל זיי געבן די מעגלעכקייט צו זיין נוצלעכע בירגער פון דער סאָציאַליסטישער רעפּובליק. אָט דערפאַר האָבן מיר טאַקע אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וועגן רעאָרגאַניזירן די יידישע שולן, וואָס עקזיסטירן שוין, און צו עפענען נייע שולן אין אַלע שטעט און שטעטלעך.

אונדזער שול-פּראָגראַם איז שוין פאַר די דעלעגאַטן באַקאַנט: די שפּראַך פון די לימודים איז די מוטערשפּראַך (יידיש). אין דעם ערשטן לערניאָר ווערט העברעיש ניט געלערנט. אין די שולן, וואָס עפענען זיך איצט, הויבט זיך אָן העברעיש פון פערטן לערניאָר. פון דער יידישער פאָלק-שול ווערט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן דער רעליגיִעזער עלעמענט.

צו פאַרווירקלעכן אונדזער פּלאַן איז אָבער ניט אַזוי גרינג. ערשטנס, זיינען ניטאָ קיין לערער, און די יידישע לערער, וואָס זיינען יאָ דאָ, האָבן זיך נאָך אינגאַנצן ניט באַפרייט פון סאַבאָטאַזש-געדאַנק, און, צווייטנס, איז ניטאָ קיין לערנביכער.

אָבער דאָס האַלט אונדז ניט אָפּ פון דער אַרבעט, מיר האבן אָנגעהויבן צו באַקעמפן די שוועריקייטן. ערשטנס, האָבן מיר זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ פאַרלעגער, און ער וועט אונדז אינגיכן צושטעלן הונדערט טויזנט פון אלע יידישע לערנביכער, וואָס עס געפינט זיך אַפן ביכער-מאַרק, און, צווייטנס, עפענען מיר לערער-קורסן, ווו מיר וועלן געבן אַלע נויטיקע שטיצע מענטשן, וואָס ווילן ווערן לערער.

אָט אַף אַזאַ אויפן האָבן מיר אָנגעהויבן צו רעוואָלוציאָניזירן די יידישע דערציִונג און די יידישע שול און צו פאַרשפּרייטן ליכט צווישן די יידישע אַרבעטער-מאַסן.

נאָך אַ גרויסע שטערונג האָבן מיר אין דער ארבעט-דערציִונג: די ראַטן אַף די ערטער. ניט זייענדיק גוט באַקאַנט מיט די נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן, באַטראַכטן זיי די קאָמיסאַריאַטן פאַר סטאַם נאַציאָנאַליסטישע אינסטיטוציעס, און ווילן זיי ניט אַנערקענען פאַר קיין ראַטן-אַנשטאַלטן. די נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן קומט אויס צו פירן אַ שטענדיקן קאַמף מיט די ראַטן, אַז מען זאָל זיי אָפּלאָזן די נויטיקע פינאַנציעלע מיטלען, קעדיי צו פירן די אַרבעט.

דאָס ערגסטע איז אבער אין דער פראַגע וועגן די שולן. פיל ראַטן ווילן ניט אַנערקענען די יידישע שול: זיי זאָגן, אַז עס דאַרף ניט זיין קיין באַזונדערע נאַציאָנאַלע שולן. דידאָזיקע ניטגעוווּנטשענע דערשיינונג האָט

אונדז פאַרשאַפט זייער פיל שוועריקייטן. און מיר האָבן געמוזט אָנווענדן מיטלען צו מאַכן אַ סאָף צו דעם ניטנאָרמאַלן צושטאַנד.

די טעג וועט פאַרעפנטלעכט ווערן אַ דעקרעט, אין וועלכן עס ווערט אויסדריקלעך דערקלערט, אַז די שפּראַך פאַר די לימודים אין די פאָלק-שולן מוז זיין די מוטער-שפּראַך און דערצו מוז מען אויך לערנען די געגנט-שפּראַך— ד. ה., אַז ווען איינער וואוינט אין אַ געגנט, וווּ מען רעדט רוסיש, וועט ער מוזן לערנען די רוסישע שפּראַך, און ווען איינער וואוינט אין אַ געגנט, וווּ מען רעדט אַן אַנדער שפּראַך, וועט ער מוזן לערנען די הערשנדיקע שפּראַך פון געגנט.

דער דעקרעט באַשעפטיקט זיך אויך מיט דער פראַגע וועגן קאָנטראָלירן די שולן. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן, אַז באַ די קאָמיסאַריאַטן פון פאָלק-בילדונג זאָלן זיין נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען און פאָרשטייער פון די נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן, וואָס זאָלן אויסאַרבעטן די נויטיקע פּלענער, און זען, אַז די שולן זאָלן געפירט ווערן אַף אַ געהעריקן אויפן. עס קאָן זיין, אַז דאָס וועט נאָך אויך ניט לייזן די פראַגע אינגאַנצן, אָבער דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך אונטער די איצטיקע באַדינגונגען.

דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

עס איז ליידער אַ טרויעריקער פאַקט, אַז אין געוויסע ראַטן-אַנשטאַלטן געפינען זיך אַנטיסעמיטישע עלעמענטן. אין קירסאַנאָוו, לעמאָשל, האָט פּאַסירט, אַז די אויסערגעוויינטלעכע קאָמיסיע האָט אויסגעקלעפּט אַ מעלדונג, אַז קיין ייִד טאָר פון קירסאַנאָוו ניט אַרויספאָרן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער קאָמיסיע.

ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט פון דעם פאַקט, האָבן מיר גלייך אַוועקגעשיקט אַ פאָרשטייער, וואָס האָט די זאַך אויסגעפאָרשט. די אונטערזוכונג האָט געבראַכט דערצו, אַז מען האָט פיל מיטגלידער פון דער אויסערגעוויינטלעכער קאָמיסיע באַזייטיקט פון זייערע פּאָסטנס און ס'איז אויסגעקלעפּט געוואָרן אַ נייע מעלדונג, אין וועלכער עס איז אויסדריקלעך געזאָגט געוואָרן, אַז אַלע, וואָס וועלן פירן אַ פּאָגראָם-אַגיטאַציע קעגן ייִדן, וועלן פאַרטיליקט ווערן פון דער ערד.

אַ צווייטער פאַל האָט פּאַסירט אין קורסק. דאָ האָט אַ געוויסער קאָנטר-רעוואָלוציאָנער פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין דער צייט, ווען די רויטע אַרמייער זיינען אָפּגעטראָטן אַרום קורסק, האָט די ייִדישע זעלבסטשוץ פונהינטן אַף זיי געשאָסן.

וועגן דעם פאַל האָבן מיר אויך גלייך געשיקט אונדזערן אַ פאָרשטייער צו אונטערזוכן דעם אינצידענט. מיר האָבן אויסגעפונען, אַז די גאַנצע זאַך איז אַ פּשוטער בילבול: אין קורסק איז גאָר קיינמאָל ניט געווען קיין זעלבסטשוץ, נאָר די גאַנצע מעשׂה איז נאָר אַן אַנטיסעמיטישע העצע קעגן ייִדן. מיר האָבן גלייך די פערזאָן אָנגעקלאָגט און זי געבראַכט פאַרן געריכט.

אויסער דעם האָבן מיר געווירקט, אַז דער ציק זאָל אָנפאַנגען אַ קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. מען האָט ווען דער פראַגע אַרויסגעלאָזן מאַסע בראָשורן, געשריבן פיל ארטיקלען אין דער צענטראַלער „איזוועסטיאַ" און אין אַנדערע ראַטן-אָרגאַנען. אין דער לעצטער צייט האָט מען באם קאָמיסאַריאַט באַשאַפן אַ ספעציעלע אָפטיילונג, וואָס גיט זיך אויסשליסלעך אָפ מיט דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

קאָלאָניעס און ערדאַרבעט.

די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע האָט געעפנט גרויסע מעגלעכקייטן פאַר די יידישע אַרבעטער אָפן אגריקולטור-געביט. אונטער דער צאַרישער רעגירונג זיינען די יידישע פאָלק-מאַסן געווען צוזאַמענגעשפאַרט אין דעם געטא. מען האָט זיי ניט געלאָזן זיין ערדאַרבעטער, און דאָס האָט זיי געצוואונגען צו ווערן הענדלער. דאָס האָט בא אונדז געשאַפן אַ קלאַס מענטשן, וואָס האָבן אַ בורזשואַזע פסיכאָלאָגיע מיט א פראָלעטאַרישער קעשענע.

אַדאַנק די עקאָנאָמישע ענדערונגען, וואָס קומען איצט פאָר אין אונדזער לעבן, פאַרלירן איצט די דאָזיקע הענדלער זייער עקזיסטענץ. פיל פון זיי זיינען איצט געבליבן הענגען אינדערלופטן, און בא זיי ווערט דורך דעם אַנטוויקלט אַן אנטיראַטן-געפיל. מיר מוזן זיך מיט דעם פאַקט רעכענען.

מיר מוזן אָנעמען מיטלען, אַז די מענטשן זאָלן ווערן נוציקע מענטשן, וואָס זאָלן קענען דינען אונדזער סאָציאַליסטישער ראַטן-רעפובליק. מיר מוזן עפענען יידישע קאָמונעס און באשאפן יידישע ערדאַרבעטער. מיר מוזן מאַכן אַ פאַלעסטינע אין מאָסקווע. מיר מוזן אויסראָטן די בורזשואַזע פסיכאָלאָגיע פון די מענטשן מיט פראָלעטאַרישע קעשענעס.

ווען דעם אַרבעטן זיך אויס בא אונדז פלענער, און מיר האָפן, אַז אונדזו וועט אין דער הינזיכט געלינגען זייער פיל אויפצוטאָן.

כ' דימאַנשטיין ענדיקט זיין באריכט מיט אן אויפרוף צו די דעלעגאַטן, אַז זיי זאָלן זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט און דורכפירן די פלענער, וואָס דער צענטראַלער קאָמיסאַריאַט האָט אָנגעמערקט, און דריקט אויס זיין האָפענונג, אַז די ערשטע קאָנפערענץ וועט לייגן דעם פונדאַמענט פון א גרויסער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן די יידישע מאַסן און אז גאָר אינגיכן וועט דער יידישער אַרבעטער זיך געפינען אף דעמזעלבן פלאַץ, ווו ער איז געשטאַנען ביז דער פעוראַל-רעוואָלוציע.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די צווייטע זיצונג.

די דריטע זיצונג.

אַ באַגריסונג.

כ׳ שימעליעוויטש עפנט די זיצונג און לייענט פאָר די פאָלגנדיקע טעלע-גראַם:

די איניציאַטיווע גרופּע פון ראָסלאַווער יידישן אַרבעטער-צענטער באַ-גריסט די יידישע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן און ווינטשט אייך דערפאָלג אין דער אַרבעט.

מיט ברידערלעכן גרוס די איניציאַטיווע גרופּע. (אַפּלאָדיסמענטן).

אַ דערקלערונג פון די פּויעליי ציאָן.

אין נאָמען פון מאָסקווער קאָמיטעט פון די פּויעליי ציאָן מאַכט כ׳ בע-צאַלעל די פאָלגנדיקע מעלדונג: „דער מאָסקווער קאָמיטעט פון פּויעליי ציאָן האָט מיר באַפולמעכטיקט אייך צו באַגריסן. ערשטנס, דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אַרויסצורייסן די קעהילע פון דער בורזשואַזיע און ער, דער קאָמי-טעט, בעט די קאָנפערענץ און דעם יידישן קאָמיסאַריאַט ניט צו שטערן פּוי-עליי ציאָן אין זייער אַרבעט צו רעאָרגאַניזירן די קעהילע. צווייטנס, דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן גיין האַנט בא האנט מיט דער קאָנפערענץ און איז גרייט זיך אונטערוואַרפן אַלע אירע באשלוסן און ארבעטן אין יידישן קאָמי-סאַריאַט נאָר מיט דעם באַדינג, אַז דער יידישער קאָמיסאַריאַט זאָל נעמען אַף זיך די אויפגאַבע באַלד אויפצורופן אַן אלגעמיינע קאָנפערענץ פון יידישע אַרבעטער אין גרויסרוסלאַנד.

דער ענטפער פון כ׳ שימעליעוויטש אַף דער מעלדונג פון „פ. צ.״.

אויב עס וואָלט געקומען צו אונדז פאָרשטייער פון אַ פּאַרטיי, וואָס וואָלט טאַקע דערקלערט, אַז זיי וועלן ערנסט מיט אונדז ארבעטן, וואָלטן מיר מיט פאַרגעניגן זיי אַריינגענומען אין אונדזערע רייען. אָבער די „פּויעליי ציאָן״ קומען און זאָגן, אז זיי וועלן מיט אונדז אַרבעטן, דאַן זאָגן מיר: ניין, מיט אייך וועלן מיר בעשום אויפן ניט אַרבעטן, דערפאַר ווייל איר האָט שוין לאַנג בא אונדז באַנקראָטירט. איר האָט שוין מיטגעאַרבעט, און איר האָט עס געטאָן ניט דערפאַר, ווייל איר זייט אויסן געווען אונדז צו העלפן, נאָר גאָר פּאַשעט דערפאַר, ווייל איר האָט אונדז געוואָלט שטערן אין דער אַרבעט, און איר האָט אונדז טאַקע זייער פיל געשטערט. אונדז איז גוט באַקאַנט דער פאַקט מיטן סמאָלענסקער יידישן קאָמיסאַריאַט, ווו מיר האָבן באַשטימט איי-ערן אַ כאַווער אלס קאָמיסאַר, און ער האָט אומישנע אָנגעטאָן אַזעלכע צאָ-רעס, אַז דער סמאָלענסקער ראַט איז געווען געצוווּנגען פאַרמאַכן דעם אָר-טיקן יידישן קאָמיסאַריאַט און ווּיל בעשום אויפן איצט ניט דערלאָזן צוריק צו עפענען אים. מיר געדענקען אויך דעם סאַבאָטאַזש פון די פּויעליי ציאָ-

נִיסטן, וואָס האָבן אָנהויב געאַרבעט אין מאָסקווער יִידִישן קאָמִיסאַריאַט. אִין אונדזערע אויערן קלינגט נאָך דִי דערקלערונג, וועלכע עס אִיז געמאַכט געוואָרן אַף דער לעצטער זִיצונג פֿון דער קעהִילע, דורך אייער כאַווער ראַבִינאָוויטש, יענע דערקלערונג, וואָס האָט געלויטעט: „דִי פּויעליי צִיאָן זִיצן אִין יִידִישן קאָמיסאַריאַט, קעדיי צו פֿאַרהִיטן דִי קעהִילע".

דער אִיצטִיקער איינפֿאַל פֿון דִי מאָסקווער פּויעליי צִיאָן צו נעמען דִי קעהילע אִין זייערע הענט אִיז נאָר אַ נייער מ[illegible]עוון דִי אָפּשטאַרבנ-דִיקע קעהִילע. דִי קעהִילע מוז שטאַרבן, און קיינער קען זִי פֿון אִיר אוּמ-פֿאַרמיידלעכן טויט נִיט ראַטעווען.

אִיר שלאָגט אונדז פֿאָר צונויפֿרופֿן אַ יִידִישע ארבעטער-קאָנפֿערענץ. מִיר ענטפֿערן אַף דעם, און מִיר גִיבן אייך טאַקע צו וויסן, אז מִיר האָבן דאָס געטאָן אָן אייער פֿאָרשלאָג. און איצט קומט טאַקע דִידאָזִיקע קאָנפֿערענץ פֿאָר, קיין אַנדערע קאָנפֿערענצן דאַרפֿן מִיר נִיט האָבן.

ווען דִי פּויעליי צִיאָן וואָלטן צו אונדז געקומען און געזאָגט, אז זיי נעמען אִינגאַנצן אָן אונדזער פּראָגראַם, וואָלטן מִיר אויך געדאַרפֿט זיין זייער פֿאָרזִיכטִיק. בִּיפֿראַט נאָך, ווען זיי קומען צו אונדז און שטעלן אונדז אַן אול-טִימאַטום.

כ' שימעליעוויטש ענדיקט זיין רעדע און זאָגט, אַז פֿאַר קיינע אולטִי-מאַטומס האָבן מִיר קיין מוירע נִיט, און אַזוי לאַנג ווִי דער מאָסקווער קאָמִי-טעט וועט אִינגאַנצן נִיט איבערייסן מִיט דער פּאַרטיי „פּ. צ." און וועט נִיט אַרִיבערגיין אין די רייען פֿון די יִידישע קאָמוניסטן, בִּיז דאַן קענען מיר מיט אייך ניט אַרבעטן צוזאַמען.

באַריכט פון די ערטער.

דאָס וואָרט באקומט דער קאָמִיסאר פֿאַר יִידִישע אִיניאָנִים פֿון וויִטעב-סקער גובערניע דער כ' ש. אַגורסקִי.

כאַווײרִים! וויִטעבסק אִיז אִיצט דער גרעסטער יִידִישער צענטער אִין אונדזער ראַטן-רעפּובלִיק. וויִטעבסקער גובערניע פֿאַרמאָגט אַ פֿערטל מִיליאָן יִידִישע איינוואָינער. בִּיז דער מִילכאָמע זיינען אִין וויִטעבסק גופֿע געווען פֿערציק טויזנט יִידִישע איינוואָינער. צולִיב דער מִילכאָמע אִיז דִי וויטעבסקער יִידִישע באַפֿעלקערונג געוואַקסן פֿון פֿערצִיק אַף זעכצִיק טויזנט. אִין אזא גרויסער יִידִישער שטאָט מיט אַזויפִֿיל יִידִישע אַרבעטער האָט מען געמעגט דערווארטן אַ גרויסע יִידִישע קאָמוניסטִישע באַוועגונג. אָבער, ליידער, קען אִיך אייך זאָגן, אז דערווייל איז נאָך אִין וויטעבסק ניטאָ דאָס, וואָס עס האָט מיט רעכט געדאַרפֿט זיין און דִי סִיבע דערפֿון אִיז פֿאָלגנדִיקע:

עס אִיז פֿאַר אונדז אַלעמען באַקאַנט, אַז דער בונד האָט מִיט זיין פּשאָ-רע-פּאָליטיק, און דערנאָך אפילע מיט די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען

פֿון זײַנע פֿאָרשטייער, פֿאַרבלענדט און פֿאַרפֿירט די ייִדישע מאסן, באַשאַפֿן באַ זיי אַ פֿײַנטלעכע שטימונג קעגן ראטן-מאַכט. וויטעבסק איז געווען איינע פֿון די שטאַרקסטע פֿעסטונגען פֿון בונד, און די וויטעבסקער ייִדישע אַרבעטער זײַנען שטענדיק געווען אונטער דער האַשפּאָע פֿון בונד.

ווען די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָט באַזייטיקט אַלע פּשאָרע-פּאַרטייען, און די פֿירער פֿון בונד האָבן אָנגעהויבן זייער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע קעגן די ראַטן בכלל און קעגן די באָלשעוויקעס ביפֿראַט, איז אַ גרויסער טייל פֿון די וויטעבסקער ייִדישע אַרבעטער פֿאַרפֿירט געוואָרן פֿון דער אַגיטאַציע. אויב זיי זײַנען ניט געווען אײַנגאַנצן קעגן ראַטן-מאַכט, זײַנען זיי אָבער געבליבן פּאַסיוו און האָבן קיין אָנטייל ניט געוואָלט נעמען אין דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט: אַף דער ייִדישער גאַס איז געבליבן שטיל, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט אין רוסלאַנד, גלייך ווי דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם וואָלט וויטעבסק אויסגעמיטן.

ווען דער צענטראַלער ייִדישער קאָמיסאַריאַט האָט זיך געגרינדעט און האָט אָנגעפֿאַנגען צו אָרגאַניזירן אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ, איז אין וויטעבסק ניט געווען ווער עס זאָל באַשאַפֿן אַ ייִדישן קאָמיסאַריאַט. ערשט אין סאָף פֿון כוידעש יוני האָבן צוויי ייִדישע לינקע עסערן גענומען אַף זיך די אויפֿגאַבע צו גרינדן אַ ייִדישן קאָמיסאַריאַט אין וויטעבסק.

די גרינדער פֿון וויטעבסקער ייִדישן קאָמיסאַריאַט זײַנען גאַנץ איבערגעגעבענע טוער, אָבער ליידער, האָבן זיי גאָרניט געקענט אויפֿטאָן. דערפֿאַר וואָס אין דער צייט, ווען אין וויטעבסק האָט זיך געגרינדעט דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט, האָבן די לינקע עסערן געמאַכט זייער אומזיניקן אַרויסטריט קעגן דער ראַטן-מאַכט. און ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס די צוויי כ״כ האָבן דערקלערט, אַז זיי זײַנען ניט איינשטימיק מיט דער נאַרישער האַנדלונג פֿון זייער צ. ק., האָבן דאָך אונדזערע כ״כ באַטראַכט דעם נאָר וואָס געגרינדעטן ייִדישן קאָמיסאַריאַט פֿאַר אַ לינקן עסערישן קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן נעסט. מען האָט זיי ניט געגעבן קיין געלטמיטלען, מען האָט זיי פּאַקטיש גאָרניט געלאָזן טאָן. דאָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם קאָמיסאַריאַט אין זייער אַ טראַגישער לאַגע, און די ייִדישע מאַסן האָבן זיך מיט איראָניע באַצויגן צו דער נייער ייִדישער רעוואָלוציאָנערער אינסטיטוציע. אין אַזאַ לאַגע האָט זיך געפֿונען דער וויטעבסקער ייִדישער קאָמיסאַריאַט די ערשטע וואָך פֿון זײַן עקזיסטענץ.

אונדזער ערשטע אַרבעט איז געווען, צו דערקלערן אונדזערע אייגענע כאַווריים, אַז דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט איז ניט קיין נאַציאָנאַליסטישע קלייזל, נאָר אַז די נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן זײַנען רעוואָלוציאָנערע אָרגאַנען, וועלכע זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אין די ערשטע טעג פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, כּדי צו פֿאַרשפּרייטן די אידייען פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע צווישן די אַרבעטער-מאסן פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער, וואָס געפֿינען זיך אין דער רוסישער ראַטן-רעפּובליק, און ניט געבן די מעגלעכקייט דעם נאַציאָנאַלן שאָוויניזם פֿאַרטונקעלן זייערע מויכעס. דאָס האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן. אַלע

ראַטן-אנשטאַלטן האָבן אונדז גלייך אָנגעהויבן שטיצן. מען האָט אונדז אַסיג-נירט אַ מאָנאַטלעכן ביודזשעט, און מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער אַלגעמיינע אַרבעט. פאַר דער קורצער צייט איז אויפגעטאָן געוואָרן פאָלגנדיקעס: מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ יידישע קאָמוניסטישע סעקציע, וועלכע ציילט איבער הונדערט מיטגלידער. דורכגעפירט אַ ריי גרויסע מיטינגען און לעקציעס, וועלכע זיינען באַזוכט געוואָרן פון טויזנטער מענטשן, מיר עפענען איינגיכן אַ יידישן קאָמוניסטישן קלוב. דעם זיבעטן נאָיאַבר וועט דערשיינען דער ערשטער נומער פון אונדזער צייטונג „דער פרייער אַרבעטער". אינקורצן, מיר האָבן פאַרטריבן די אַפּאַטיע, וואָס האָט געהערשט צווישן די וויטעבסקער יידישע אַרבעטער. אונדז וועט זיכער זיך איינגעבן צו דערפילן די גרויסע אויפגאַבן, וואָס די גע-שיכטע האָט אַף אונדז אַלעמען אַרופגעלייגט.

כ' מאַנדעלסבערג (אָריאָל).

די אָריאָלער יידישע באַפעלקערונג איז גאָר א קליינע, אינגאַנצן ניין טויזנט מענטשן, און די יידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט דאָ זייער אַ קורצע צייט.

שוין אַ צייט נאָך דעם, ווי אַף דער רוסישער גאַס זיינען געווען ליק-ווידירט אַלע פרווון צו אויפרופן „אוטשרעדילקעס" א. א. וו. האָט נאָך אַף דער יידישער גאַס, און אַפילע צווישן די אַרבעטער-מאסן, געהערשט דער גע-דאַנק פון אַן אלרוסישן יידישן צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט מיט זיך געדאַרפט פאָרשטעלן די יידישע גרינדונג-פאַרזאַמלונג. אויך די אָריאָלער יידישע אַר-בעטער האָבן געדרעמלט אין דעם ווילגלידעלע פון דער רעאַקציאָנערער ציאָ-ניסטישער קעהילע און געזעען אין כאָלעם א יידישע „אוטשרעדילקע".

ווען א גרופע יידישע אַרבעטער האָבן זיך גענומען דורכפירן די רעוואָ-לוציע אַף דער יידישער גאַס און האָבן מיט דער הילף פון אָרטיקן ראַט צו-טריבן די קעהילע, האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן צו באשאַפן אַן אנדער אָרגאַן אַף איר אָרט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן גרינדן אַ קאָמיסאַריאַט, נאָר עס האָבן זיך ניט געפונען די נויטיקע מענטשן אַף דעם, ווייל עס איז נאָך ניט געווען קיין מאַסע, אַף וועלכער דער קאָמיסאַריאַט זאָל זיך קענען שטיצן. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן שאַפן דעם נויטיקן באָדן און גרינדן אַ קאָמוניסטישע סעקציע און האָבן זיך געווענדעט צום צענטראַלן קאָמיסאַריאַט, און ער האָט אונדז געשיקט אַ מענטשן. אַף דער ערשטער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן, זיינען געקומען ביז 50 יידישע אַרבעטער, און עס איז געגרינדעט גע-וואָרן אַ לינקע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך גלייך גענומען שאַפן אַ קאָמיסאַריאַט.

אַפילע צאָרעס זיינען מיר אויסגעשטאַנען פון אָרטיקן סאָוודעפּ די ערשטע צייט. דער אָרטיקער ראַט האָט אונדז ניט געוואָלט אָנערקענען און האָט אונדז ניט געגעבן די נויטיקע מיטלען אַף אונדזערע בילדונג-אַנשטאַלטן. נאָר אַדאַנק דעם צענטראַלן קאָמיסאַריאַט האָט דער ראַט אויפגעהערט קוקן אַף אונדז מיט כשאַד, און מיר האָבן באַקומען א מעגלעכקייט ברייטער צו אַנטוויקלען אונ-דזער טעטיקייט.

די ערשטע זאך האָבן מיר זיך גענומען צום שטאָטישן קאָמיטעט פֿאַר היימלאָזע. אין וועלכן עס האָט געהערשט אַ שרעקלעכע אומאָרדענונג, און האָבן אים איבערגענומען צו זיך אין די הענט.

נאָכער האָבן מיר איבערגענומען די העברעיסטישע און רוסיפֿיקאַטאָרישע שול פֿון „אָפּע". באַם איבערנעמען די שול האָט זיך בא אונדז געשטעלט אַ פֿראַגע, צי זאָלן מיר שוין איינפֿירן אין איר די אלע נויטיקע רעפֿאָרמען, אָדער מיר זאָלן זי דערווייל לאָזן, ווי זי איז, און ערשט נאָך די קאַניקולן, וועלכע האָבן געדאַרפֿט באלד אָנקומען, איר איבערצואַנדערשן. באַשלאָסן האָבן מיר דערווייל זי ניט רירן און געגרייט אלץ אַף נאָך קאַניקל־צייט.

מיר האָבן אויך באשלאָסן ניט צו פֿאָלגן די אָנווייזונגען פֿון קולטור און בילדונג־אָפּטיילונג פֿון צענטראַלן יידישן קאָמיסאריאַט—אָנצוהויבן פֿון דריטן יאָר לערנען העברעיש. און מיר האָבן דערקלערט. אז מיר וועלן קיין העברעיש ניט לערנען. מיר האָבן אַפֿילע אביסל מוירע געהאַט, אז די עלטערן וועלן צוליב דעם באשלוס ניט געבן אונדז זייערע קינדער, נאָר דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז אונדזער שרעק איז געווען אן אומזיסטע. אין דער אַלטער שול האָבן זיך געלערנט 105 קינדער, און צו אונדז האָבן זיך פֿאַרשריבן 125, און עס וועלן צוקומען נאָך. דאָס באַווייזט אַן איבעריקן מאָל ווי ווייט מיר נויטיקן זיך אין אַ גוטער פראָלעטאַרישער שול און אַף וויפֿל דער באָדן אַף דעם איז שוין פֿון לאַנג צוגעגרייט.

אויסער דער שול האָבן מיר אויך איבערגענומען דעם קינדערהיים פֿון „מאָזען", וועלכן מיר האָבן פֿאַרבעסערט און אַריבערגעפֿירט אין אַ באַקוועמער דירע.

אויך דאָ באַמערקט זיך דיזעלבע דערשיינונג, ווי באַ דער שול, צו אונדז אין קינדערהיים קומען איצטער ביז 50 קינדער אַזוי, אַז פֿאַר זיי אַלעמען איז קיין אָרט ניטאָ, און מיר קלערן שוין וועגן עפֿענען אַ צווייטן קינדערהיים.

באַזונדער האָבן מיר איבערגענומען די ביבליאָטעק פֿון מעפּיצע־האַסקאָלע, וועלכע מיר האָבן מעשאַנע־האַשעם געווען אַף „פּערעץ־ביבליאָטעק", אַריבערגעפֿירט איר אין אַ גרויסער, שיינער דירע און געמאַכט איר צוטריטלעך פֿאַר די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן, און אויך אַ קלוב, וועלכן מיר האָבן אַרומגעשטעלט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, אַף וואָס מיר האָבן רעקווייזירט מעבל באַ אונדזערע גווירים, וועלכע זיינען אַנטלאָפֿן קיין אוקראַינע.

איצטער זיינען מיר צוגעטראָטן צו עפֿענען אַן אָוונט־שול און אַ קינדער־קלוב, און עס איז באַ אונדז פֿאַראַן אַ פּלאַן צו גרינדן אַ פֿאָלק־אוניווערסיטעט, צו וועלכן מיר האָבן שוין קימאַט אַלע נויטיקע לעקטאָרן.

מיר האָבן צוגעשטעלט סכעמעס אין דער אָרטיקער בילדונג־אָפּטיילונג באַם ראַט, און זיי זיינען שוין באַשטעטיקט. אַלע אונדזערע קולטור־אַנשטאַלטן זיינען שוין אריינגעטראָגן אין דער אַלגעמיינער שול־נעץ.

כ׳ כאַזאַנאָוו (פּערם)*).

אין פּערם איז קיין גרויסע יידישע באַפעלקערונג ניטאָ. יידישע אַרבעטער — אויך ווייניק. אָבער דאָך האָט דאָס ביסעלע אַרבעטער אָרגאַניזירט און געגרינדעט אַ יידישן קאָמיסאַריאַט. אונדזער ערשטע אַרבעט איז געווען פאָלגנדיקע: מיר האָבן צוטריבן די קעהילע, געעפנט אָוונט-קורסן, אַ קינדערהיים און אַ קינדער-קלוב, מיר האָבן איבערגענומען די יידישע פאָלק-שול. מיר באַזאָרגן די קינדער מיט גוטע שפייז. מיר האָבן איבערגענומען אַלע אַנשטאַלטן, וואָס זיינען געווען אין די הענט פון דער קעהילע.

קאָמיסאַר כ׳ מ. אַלסקי (וואָראָנעזש).

אין אונדזער גובערניע, איז קיין גוטער באָדן פאַר אונדזער אַרבעט גלייך נאָך דער רעוואָלוציע ניט געווען. די בורזשואַזיע האָט מיט אַלע מיטלען געקעמפט קעגן אונדז, אָבער דאָך האָבן מיר זי בייגעקומען.

נאַציאָנאַל-קאָמיסאַריאַטן האָבן זיך באַ אונדז געגרינדעט אַן ערעך ניט לאַנג. דער ערשטער האָט זיך געגרינדעט דער פּוילישער קאָמיסאַריאַט. מיר האָבן אויך געהאַט שטערונגען פון אָרטיקן איספּאָלקאָם, אבער די שטערונגען האָבן מיר באַזייטיקט און האָבן אָרגאַניזירט דעם יידישן קאָמיסאַריאַט און זיך גענומען צו דערזעלבער אַרבעט, ווי אַלע אונדזערע קאָמיסאַריאַטן: מיר האָבן פאַרמאַכט די קעהילע, געעפנט שולן פאַר די קינדער און דערוואַקסענע, מיר העלפן די היימלאָזע און פירן אַ וויכטיקע ארבעט אַף דער יידישער גאַס.

כ׳ באקאלטשוק (טולע).

אונדזער קאָמיסאַריאַט עקזיסטירט נאָר עטלעכע טעג, און דערפאַר האָבן מיר נאָך גאָרניט געקענט טאָן. די געשיכטע פון דער יידישער קאָמוניסטישער סעקציע איז דיזעלבע ווי אומעטום.

כ׳ קאַהאַן (דובראָוונע).

קיין קאָמיסאַריאַט איז נאָך באַ אונדז דערווייל ניטאָ. אַ קאָמוניסטישע סעקציע איז יאָ פאַראַן, נאָר זי איז נאָך יונג און פירט קיין גרויסע אַרבעט ניט. באַ אונדז אין דובראָוונע זיינען דאָ פאַראַן 1500 יידישע ארבעטער, און טאַקע עמעסע פאַבריק-אַרבעטער. ביז איצט האָבן מיר קיין קולטורעלע אַרבעט ניט געפירט, איצט אָרגאַניזירן מיר שולן. מיר האָבן אלע טעכנישע מעגלעכקייטן, נאָר מיר האָבן קיין געלט ניט.

דובראָוונע איז א גינסטיקער באָדן פאַרן יידישן קאָמיסאַריאַט און קאָמוניסטישער באַוועגונג.

כ׳ ראַפּאָפּאָרט (פּעטראָגראַד).

דער פּעטראָגראַדער קאמיסאריאט האָט זיך געגרינדעט גלייך נאָך דעם, ווי דער צענטראַלער יידישער קאמיסאריאט האָט זיך עוואַקוירט אין מאָסקווע. אונדזער ארבעט איז אפּילע ענלעך צו דער ארבעט פון אלע אונדזערע קאָמיסאריאטן. מיר האָבן געעפנט שולן, זייער פיל געהאָלפן די היימלאָזע, מיר גיבן

---

*) גענויער וועגן דער טעטיקייט פון פּערמער יידישן קאָמיסאַריאַט ווערט באַלויכטן אין זייגע דאָקומענטן אין דער אָפּטיילונג — „די אַרבעט פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן אין דער פּראָווינץ״.

ארויס אַסאַך ליטעראַטור. מיר האָבן אנגעהויבן ארויסגעבן א צייטונג „די קאָמונע"; מיר האָבן א קאָמוניסטישן קלוב און א יידישע סעקציע. מיר האָבן אָנגעהויבן אַ גרויסע פֿארלעגערישע ארבעט.

נאָך דעם באַריכט פֿון כ' ראַפּאָפּאָרט גיבן קורצע באַריכטן די כ"כ פֿון קורסק, סאַראַטאָוו און יעלעץ און מיט דעם ענדיקן זיך די באריכטן, און עס ווערט געשלאָסן די דריטע זיצונג.

פֿערטע זיצונג.

די זיצונג עפֿנט כ' שימעליעוויטש און עס הויבן זיך אָן די דעבאטן וועגן די באריכטן.

כ' מ. אַלסקי (וואָראנעזש).

דער צענטראלער קאמיסאריאט האָט זייער ווייניק אופֿגעטאָן אפֿן שול-געביט, ניט קוקנדיק אף דעם, וואס אף דער רוסישער גאס איז אפֿן קולטורעלן געביט זייער פֿיל אופֿגעטאָן געוואָרן. די שול איז נאָך דיזעלבע. דער קאמיסאַריאַט מוז אינטענסיוו אנהויבן ארבעטן אפֿן שול-געביט.

כ' קאַהאַן (דובראוונע).

מען דארף קריטיקירן דעם קאמיסאריאט, איך קאן דאס אבער ניט, ווייל איך וויים, אז אזוי האָט עס געמוזט זיין. אייניקע כאוויירים האָבן אף זיך גענומען די ארבעט צו גריגדן א קאמיסאריאט און זיי האָבן עס געטאָן. די גאנצע ארבעט ווערט געטאָן פֿון איינצלנע כאוויירים. עס איז ניטאָ קיין סיסטעם פֿון דער ארבעט. די קאמיסאריאטן פֿון פּראָווינץ האבן אין זייערע באריכטן אָנגעוויזן, אז עס איז ניט געווען קיין אייניקייט אין דער ארבעט. דער קאָמיסאריאט האט ביז איצט נאָר עקזיסטירט נאמינעל, פֿאקטיש מוזן מיר אים איצט שאפֿן און אים צופאסן צו די באדינגונגען פֿון יידישן לעבן.

מאַנדעלסבערג (אָריאָל).

דער יידישער קאמיסאריאט עקזיסטירט ניט נאָר נאָמינעל, נאר אויך פֿאקטיש. ער טוט אבער ניט יענע ארבעט, וואס ער דארף: דער צענטער דארף זיין ענג פֿארבונדן מיט די קאמיסאריאטן פֿון פּראווינץ. צום באדויערן, זיינען זיי אפגעזונדערט איינע פֿון די אנדערע. מיר האָבן איצט די מעגלעכקייט ארויסצוגעבן א גוטע ערנסטע צייטונג, א זשורנאל, דאך איז די צייטונג ניט גאר געלונגען. דער אינהאלט און פֿאָרמאַט פֿון „אמת" זיינען ניט דאָס, וואס ווערט געפֿאדערט. דאס אייגענע קען מען אויך זאגן וועגן זשורנאַל „קולטור און בילדונג". אונדזערע ארגאנען דארפֿן אויסגעבעסערט ווערן.

אין די שטערונגען, וואס די יידישע קאמיסאריאטן פֿון דער פּראווינץ באגעגענען אף זייער וועג, איז אויך די שולד פֿון צענטראלן קאמיסאריאט, ער האָט ניט אנגענומען קיין מיטלען צו ענדערן די לאגע אף די ערטער.

כ' מאנדעלסבערג זאגט זיך ארויס קעגן דעם, אז די קולטור-און ביל-דונג-אָפּטיילונג פֿון יידישן קאמיסאריאט זאל ווערן א טייל פֿון קאמיסאַריאט פֿון פֿאָלקבילדונג.

כ׳ דאַשקאָווסקי (סאַראַטאָוו).

מען קען ניט קריטיקירן די ארבעט פון יידישן קאָמיסאַריאַט דערפאַר, ווייל די אַרבעט איז אין אָנפאַנג פון איר אַנטוויקלונג. אין יעדן אָנפאַנג מוז זיין טאָעסן.

איך בין ניט מאַסקים מיט כ׳ דימאַנשטיין—זאָגט דער רעדנער—ווען ער זאָגט זיך אַרויס פאַר דער פאַרזאָרגונג פון די יידישע קליינבירגער, וועלכע האָבן אַ בורזשואַזע פסיכאָלאָגיע מיט אַ פּראָלעטאַרישער קעשענע. מיר טאָרן ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן אונדזערע קליינבירגערלעכע עלעמענטן און די קליינבירגער פון אַנדערע פעלקער.

דער רעדנער זאָגט זיך אַרויס קעגן דעם, אַז די אַרבעט אַף דער יידישער גאַס, וואָס ווערט געפירט דורכן יידישן קאָמיסאַריאַט, זאָל איבערגיין אין פאַרשיידענע סעקציעס בא די אַלגעמיינע רעגירונג-קאָמיסאַריאַטן. ער איז אָבער אויך קעגן דעם, אַז מיר דאַרפן פאָדערן אַווטאָנאָמיע. אונדזער ארבעט אַף דער יידישער גאַס דאַרף זיך איינשטימען מיט די פּרינציפּן פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע.

כ׳ גוזשנאָווסקי זאָגט:

דער צענטראַלער קאָמיסאַריאַט האָט ניט געוווּסט צוליב וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן. פאַר אים אַליין איז פון אָנהויב ניט קלאָר געווען זיינע אויפגאַבן, און דערפאַר טאָקע איז די אַרבעט ניט ווי עס דאַרף זיין, און דערפאַר ווערן געמאַכט אַזויפיל פעלערן. עס איז נאָך איצט אַפילע ניט קלאָר פאַרן קאָמיסאַריאַט וואָס זיינען אַזוינס נאַציאָנאַלע איניאָנים.

עס איז ניט ריכטיק, וואָס מען זאָגט, אַז אַלץ איז גלענצנדיק אין דער פּראָווינץ: די ראַטן לאָזן ניט אַרבעטן די קאָמיסאַריאַטן, אַפילע אין וויטעבסק איז ניט אַלץ גלאַטלעך מיטן ראַט. דער קאָמיסאַריאַט מוז אָנווענדן אַלע מיטלען, קעדיי די שטערונג זאָל אָפּגעשאַפט ווערן.

כ׳ שימעליעוויטש.

מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז מען וועט אונדז קריטיקירן. דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך און ווינטשנסווערט אויך, ווייל נאָר דורך קריטיק קען מען אויסגעפינען די פעלערן, וואָס ווערן געמאַכט. אָבער דאָך קענען מיר ניט פאַרשטיין די קריטיק פון די מענטשן, וואָס אַרבעטן מיט אונדז צוזאַמען און ווייסן גאַנץ גוט, ווי שווער עס איז געווען און עס איז נאָך איצט אויך שווער עטוואָס צו טאָן.

מען האָט אונדז אויפגעוואָרפן, אַז מיר האָבן פאַרנאַכלעסיקט די פּראָווינץ. אונדזער ענטפער אַף דעם איז, אַז מיר האָבן געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר געווען מעגלעך צו טאָן: אין אַלע שטעט האָבן מיר אַרויסגעשיקט אונדזערע פאָרשטייער, וועלכע האָבן אָנגעווענדט אַלע מעגלעכקייטן צו באַזייטיקן אַלע שטערונגען אין דער אַרבעט.

דאָס, וואָס מיר האָבן אָרגאַניזירט די יידישע קאָמיסאַריאַטן, איז ניט דערפֿאַר, ווייל מיר פֿאָדערן נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע. די יידישע קאָמיסאַריאַטן האָבן אין דעם איצטיקן גרויסן היסטאָרישן מאָמענט אַלס הויפּט-אויפֿגאַבע, פֿאַרשפּרייטן די אידייען פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע צווישן די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן. איר מעגט זיכער זיין, אַז דער קאָמיסאַריאַט וועט ניט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יידישן פּאַרלאַמענט.

מען האָט אונדז קריטיקירט, אַז מיר האָבן די קעהילע ניט פֿאַרמאַכט. יע, כ״כ, מיר האָבן עס ניט געטאָן ניט דערפֿאַר, ווייל מיר האָבן די קעהילע ניט געוואָלט פֿאַרמאַכן, נאָר גאָר פּאָשעט דערפֿאַר, ווייל מיר האָבן נאָך ביז איצט ניט געהאַט געננוג קויכעס די ארבעט דורכצופֿירן. איר מעגט אונדז קריטיקירן, אָבער איר דאַרפֿט וויסן, אַז מיט קריטיק אַליין וועט די אַרבעט ניט געטאָן ווערן; איר מוזט אונדז קומען צו הילף און אונדז העלפֿן דורכפֿירן די גרויסע אַרבעט, וואָס מיר האָבן פֿאַר זיך.

די איצטיקע קאָנפֿערענץ איז אַ היסטאָרישע, זי איז די גרינדונג-פֿאַרזאַמלונג פֿון די יידישע ארבעטער-מאַסן. לאָמיר זיך אַלע אָפּגעבן דער אַרבעט און שאַפֿן דאָס, וואָס מיר האָבן ביז איצט ניט געקענט.

כ׳ קאָוואַרסקי.

ניט מיט קריטיק זיינען מיר אַהער געקומען, נאָר אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו ראַטעווען די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן. ניט אין קולטור אַליין דאַרף באַשטיין אונדזער ארבעט: אונדז דאַרף מער אינטערעסירן די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די יידישע מאַסן. מיר מוזן זען, אַז די יידישע מאַסן זאָלן ניט אויסשטאַרבן פֿון הונגער. מיר מוזן זיי באַזאָרגן מיט אַרבעט. מען מוז אָרגאַניזירן קאָלאָניעס פֿאַר די יידישע מאַסן. מיר מוזן זיי פֿאַרזיכערן מיט אַן עקזיסטענץ.

כ׳ צוויבאַק.

אין שטערונגען פֿון די קאָמיסאַריאַטן זיינען אין געוויסע פֿאַלן ניט שולדיק די אָרטיקע ראַטן. אין אַ גרויסער מאָס זיינען שולדיק די, וואָס האָבן אַף זיך גענומען די אַרבעט צו אָרגאַניזירן זיי. אין סמאָלענסק, לעמאָשל, זיינען די גרינדער פֿון יידישן קאָמיסאַריאַט געווען „פּועלי ציאָן״. זיי האָבן זייער ארבעט געווענדט אין אַזאַ ריכטונג, אַז דער אָרטיקער ראט איז געווען געצוואונגען צו פֿאַרמאַכן דעם קאָמיסאַריאַט. אין וויטעבסק זיינען די גרינדער געווען לינקע עסערן, און דאָס האָט אויך געמוזט צווינגען צו פֿאַרטראַכטן זיך. אַזוי איז אויך געווען אין אַנדערע ערטער. מען באַשולדיקט אונדז אַלץ, מען פֿאַרגעסט אָבער נעמען אין באַטראַכט די גרויסע שטערונגען, וועלכע זיינען אונדז געלעגן אַפֿן וועג.

די דעבאַטן זיינען געשלאָסן.

כ׳ שימעליעוויטשעס פּאָרטראג.

די פּאָליטישע לאַגע.

כאַוויירים!

ווען מיר ריידן וועגן אונדזערע אויפגאַבן, קעדיי צו האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן אונדזער אַרבעט, איז נויטיק, אַז מען זאָל פריער נעמען אין באַטראַכט דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד.

פאַר דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע האָט מען ניט געקענט ריידן וועגן קאָנסטרוקטיווער, בליענדיקער אַרבעט. ניט נאָר מיר האָבן וועגן דעם ניט געקענט ריידן, אַפילע פאַר די ראַטן ביקלאַל איז אויך געווען אומעגלעך צו פאַרנעמען זיך מיט שעפערישער אַרבעט. מיר זיינען געווען און זיינען נאָך איצט אויך אַרומגערינגלט פון אַלערליי סאָנים, וועלכע ווילן אונדז פאַרניכטן, און מיר מוזן פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע. אין אַלע אונדזערע אַנשטאַלטן און איינריכטונגען האָט געהערשט אַ שרעקלעכע אומאָרדענונג, די אינטעליגענץ האָט סאַבאָטירט, האָט מיט אונדז קיין אייסעק ניט געוואָלט האָבן און האָט ניט געוואָלט גיין צו אונדז אַרבעטן. דאָס האָט אונדז ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט עטוואָס צו טאָן.

אָבער די רעוואָלוציאָנערע פאַסירונגען האָבן די לאַגע אינגאַנצן געביטן. איצטער האָבן מיר באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט בליענדיקער אַרבעט. די אינטעליגענץ האָט אויפגעהערט צו סאַבאָטירן. די, וואָס זיינען געווען פיינטלעך געשטימט קעגן אונדז, האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז זיי האָבן באַגאַנגען אַ טאָעס. אונדזערע רייען ווערן שטאַרקער, און אונדזער ציל ווערט זיכערער פון טאָג צו טאָג. מיר מוזן זיך נעמען צו דער אַרבעט און מוזן וויַיזן דער וועלט, אַז נאָר דער אַרבעטער-קלאַס איז בעקויעך צו ברענגען גליק פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

„בריסקער שאָלעם“.

ווען מיר האָבן אונטערגעשריבן דעם בריסקער שאָלעם, קעדיי מיר זאָלן קענען אַביסעלע אָפּרוען און באַפעסטיקן אונדזער פּאָזיציע, האָט מען אונדז געזידלט און באַשולדיקט, אַז מיר זיינען דייטשישע אַגענטן און מיר העלפן באַוווּסטזיניק דעם דייטשישן מיליטאַריזם. ניט נאָר ס׳האָבן אונדז באַשולדיקט אין פאַראַט די בורזשואזע און קליינבירגערלעכע „סאָציאַליסטישע“ פּאַרטייען, נאָר אַפילע אונדזערע, ווי, לעמאָשל, בוכארין, האָבן געשריען, אַז דאָס איז אַ פאַראַט, אַז מיר טאָרן עס ניט טאָן. מיר האָבן אָבער זיך ניט דערשראָקן פאַר דעם געשריי פון אַלע אונדזערע קעגנער, און מיט פעסטקייט האָבן מיר דאַן דערקלערט און זאָגן איצט אויך, אַז ווען ניט דער בריסקער שאָלעם, וואָלטן מיר אַלץ

פארלאָרן. ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט די אַלוועלט-לעכע רעוואָלוציע באַטל מאַכן דעם שענדלעכן ברעסקער שאָלעם. איצטער זעען אַלע, אַז מיר זיינען געווען גערעכט, אַז אונדזער האָפענונג איז ניט גע-ווען אומזיסט, אַז אונדזער אָריענטאַציע אַף אַן אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע האָט געהאַט אַ גרונט. מיר האָבן מוירע געהאַט פאַרן דייטשישן אימפּעריאַליזם, מיר האָבן באַשלאָסן גיין אַף אַלץ, אַבי איינצוהאַלטן די פּאָזיציעס. מיר האָבן גע-ווּסט, אַז דער ברעסקער שאָלעם איז ניט אַף לאַנג, אַז פריער אָדער שפּע-טער וועט דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט זאָגן זיין לעצטן וואָרט.

דייטשלאַנד געפינט זיך איצטער אין אַזאַ לאַגע, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען פאַר ברעסקער שאָלעם, נאָר דייטשלאַנד קאַפּיטולירט ניט פאַר די „פאַרייניקטע“, נאָר פאַרן אַלוועלטלעכן קאָמוניזם. די דייטשישע אימפּעריאַ-ליסטן ווייסן זייער גוט, אַז אויב ניט זיי, וועט דאָס פאָלק אַליין מאַכן אַן ענדע מיט דער מילכאָמע.

די לעצטע פּאַסירונגען.

אין די לעצטע טעג האָבן מיר געקראָגן ניט קיין פריילעכע נייס. די דייטשישע אימפּעריאַליסטן האָבן באַשלאָסן זיך צו פאַרייניקן מיט זייערע גע-וועזענע סאָנים, קעדיי צוזאַמען צו דערשטיקן די רוסישע ראַטן-רעפּובליק.

די לעצטע נייס, וואָס מיר האָבן געקראָגן, איז דער שאָלעם, וואָס ווערט איצט באַהאַנדלט מיט טערקיי, וועלכער איז אויך נאָר אַ מיטל, וואָס דער אַל-וועלטלעכער אימפּעריאַליזם וויל באַנוצן אין קאַמף קעגן אונדז. פון דעם שאָ-לעם קענען מיר דערוואַרטן אינגיכן זיך צו טרעפן מיט פראַנצויזישע און ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס וועלן קומען קעמפן קעגן אונדז. מיר האָבן אָבער קיין מוירע ניט. דעם קורצן אָפּרו, וואָס דער ברעסקער שאָלעם האָט אונדז געגעבן, האָבן מיר גאַנץ גוט אויסגענוצט. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ גרויסע פּראָלעטאַרישע אַרמיי, און מיר וועלן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט קעמפן פאַר די דעראָבערונגען פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע.

מיר זיינען איצטער קעגן אַ שאָלעם. מיר זיינען געוואָרן „אָבאָראָנצעס“, ווייל מיר ווייסן, אַז מיר פאַרטיידיקן איצטער אונדזער סאָציאַליסטישן פאָטער-לאַנד, מיר ווייסן אויך, אַז מיר וועלן לאַנג ניט זיין איינזאַם אין אונדזער קאַמף; סאָפּקאָלסאָף וועט דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט צו אונדז צו-שטיין און צוזאַמען וועלן מיר דורכמאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. די לעצטע פּאַסירונגען אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך גיבן אונדז דעם מוט און זי-כערקייט צו גלויבן, אַז די צייט איז שוין גאָר נאָענט.

אין דעם איצטיקן מאָמענט מוזן מיר, יידישע קאָמוניסטן, אַרויסטראָגן אונדזערע רעזאָלוציעס, און זאָגן, אַז מיר וועלן גיין האַנט באַ האַנט מיטן רוסישן פּראָלעטאַריאַט און מיט אים צוזאַמען קעמפן, און אויב נויטיק, שטאַרבן אין קאַמף פאַר דער פולשטענדיקער באַפרייונג פון פּראָלעטאַריאַט.

די לאַגע אין דער יידישער גאַס.

די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט קעגן צאַריזם און פאַרנומען אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ביז דער פעוראַל-רעוואָלוציע, זיינען טיילווייז געווען פאַסיוו אין דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. און דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט צופרידנשטעלן מיט דער פאַרניכטונג פון צאַריזם און די רעאַליזירונג פון פּראָגראַם-מינימום.

אין דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע האָבן די יידישע אַרבעטער זיך געלאָזט פאַרפירן פון זייערע פאַלשע פירער און פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט ניט געוואָלט, אַז דער אַרבעטער-קלאַס זאָל ווערן דער באַלעבאָס פון רוסלאַנד, אָבער דאָך האָט זיך די לאַגע געביטן, אַף דער יידישער גאַס קומט איצט פאָר אַ גרויסע ענדערונג.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט כאַפּט זיך איצט אויף פון זיין טיפן שלאָף, אין וועלכן עס האָבן אים פאַרוויגט אַנדערע סאָציאַל-פּאַרטייען. פון אַפּולע שטעט און שטעטלעך באַקומען מיר ידיעות, אַז עס גרינדן זיך קאָמוניסטישע סעקציעס, לינקע „בונדן", לינקע „פאַראייניקטע" און פּועלי ציאָניסטן. אין די רייען פון די אַלטע „אויך מיר סאָציאַליסטישע" פּאַרטייען, הייבט מען אָן אַנדערש צו קוקן אַף אונדז און אַנדערש צו אונדז זיך באַציען (דער רעדנער לייענט דעם אויפרוף פון וואָראָנעזשער קאָמיטעט פון בונד צו קעמפן קעגן קראַסנאָוו באַנדעס און פּאַרטיידיקן די ראַטן-מאַכט*).

ביז איצטער מוזן מיר מודיע זיין, זיינען די יידישע ברייטע מאַסן געווען קאָנטער-רעוואָלוציאָנער געשטימט. דער יידישער אַרבעטער און אינטעליגענט, וועלכע זיינען שטענדיק געגאַנגען אין די ערשטע רייען פון אַלרוסישן פּראָלעטאַריאַט, זיינען ווייט אָפּגעשטאַנען פונהינטן, באַלד נאָך דער פעוראַל-רעוואָלוציע, ווען יידן האָבן באַקומען וואָלרעכט. דער בונד, וועלכער האָט

---

*) דער אויפרוף לייענט זיך ווי פאָלגט:

„כאַווירים!

וואָראָנעזש איז אין געפאַר, קראַסנאָוו באַנדעס, די לעצטע רעשטן פון דער צאַרישער רעגירונג, גייען דערטרינקען אין אַרבעטער-בלוט די רוסלענדישע רעוואָלוציע. דאָרט, ווו עס באַלעבאַטעווען קראַסנאָווס מאַכנעס, גיסט זיך אַרבעטער-בלוט. ווילדעווען פעלד-געריכטן, און עס ווערן פאַרניכטעט אַלע דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע.

דאָס טאָר, כאַווירים, ניט דערלאָזן ווערן.

אַלע קעגן קראַסנאָווס באַנדעס! אַלע קויכעס מוזן אָנגעווענדעט ווערן אַף צו ראַטעווען די רעוואָלוציע!

אַלע אַרבעטער, ווי איינער, אַפן פראָנט! דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד מוז ווערן אָפּגערייניקט פון אַלע שוואַרצמייעדיקע מאַכנעס.

עס מוז נעמען אַ סאָף צו די אַרויסטרעטונגען פון פאַרשיידענע ווייסע גענעראַלן מיט זייערע באַנדעס!

נידער מיט דער אַפּאַטיע און ייִוש!

זאָל לעבן דער ניצאָכן פון אַרבעטער-קלאַס!

וואָראָנעזשער קאָמיטעט פון „בונד".

אָקטיאַבר 1918 יאָר".

אַמאָל ניט געזשאַלעוועט קיינע רעוואָלוציאָנערע פראַזן, איז איצט דער טאָן־געבער אין קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן לאַגער.

אַף דער יידישער גאַס עקזיסטירט נאָך אַלץ די קאָאַליציע, וועלכע איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן פון דער רוסישער. אונדזערע קאָאַליציע־אַנשטאַלטן, די קעהילעס, אַרבעטן מיט אלע קויכעס צו אופהאַלטן דעם באַוווסטן „קלאַל ייס־ראָעל פראָנט”, וועלכער מוז אופגעריסן ווערן.

מיר מוזן גלייך דערקלערן, אַז די דיקטאַטור פון יידישן פראָלעטאַריאַט מוז אופגעשטעלט ווערן אַף דער יידישער גאַס. אויב עס געפינען זיך נאָך יידישע אינטעליגענטן, וואָס ווילן נאָך אַלץ סאַבאָטירן, מוזן מיר טאָן דאָס אייגענע, ווי מען האָט געטאַן אַף דער רוסישער גאַס; מיר מוזן זיי ווייזן, אַז מיר ווען געפינען גענוג אַרבעטער־אינטעליגענץ, וואָס וועט אַרבעטן מיט אונדז און אונדז העלפן רעוואָלוציאָניזירן די יידישע גאַס און קאָנצענטרירן די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין אונדזערע רייען.

אונדזערע אופגאַבן.

מיר האבן דערוויל נאך גארניט געשאַפן אַף דער יידישער גאַס. אָבער דאס איז ניט אונדזער שולד. דאס איז די שולד פון די פאַרטייען, וואָס זאגן, אַז די ראַטן־מאַכט איז אַ זאך, וואס וועט באלד פאַרשווינדן, און דעריבער דאַרף מען גארניט טאן און שטערן יעדן פאַרזוך עטוואָס צו שאַפן. די ער־שטע אופגאַבע, וואָס ליגט אַף אונדז, יידישע קאָמוניסטן, איז צו פאַרניכטן אט דעם „איינציקן קלאל־יִסראעל־פראנט” און צו דערקלערן די דיקטאַטור פון פראָלעטאריאט אַף דער יידישער גאַס. די קעהילעס, ווי אויך אַלע אַנדערע בורזשואזע אנשטאלטן, מוזן צוטריבן ווערן, און דער ארבעטער־קלאס דאַרף נעמען די מאכט אין זיינע אייגענע הענט. דאס מוז געטאן ווערן שוין, אָט פון היינט אָן. מיר האבן פאַרשפעטיקט אַף יאר. אבער בעסער שפעטער—זאגט די וועלט—איידער קיינמאל ניט.

אונדזער קולטורעלע ארבעט איז די וויכטיקסטע אַרבעט. אַף דער יידי־שער גאַס זיינען דאָ שולן, אבער מיר ווייסן וואר עס זיינען די באַלעבאַטים פון די שולן, און וויפל „גוטס” עס ברענגט דער כיידער די יידישע קינדער. מיר מוזן און וועלן פאָטער ווערן פון דעם טיפ שולן, וואס פאַרדאַרבט נאר די מויכעס פון די יידישע קינדער.

אונדזער אופגאַבע איז צו שאַפן אַן איינהייטלעכע יידישע אַרבעט־שול. מען דאַרף לערנען מיט די קינדער יידיש, אבער מיר טארן אין זיי ניט איינ־פלאנצן קיין שאוויניסטישן גייסט.

רעעוואַקואַציע.

אונדזערע קאמיסאַריאַטן מוזן זיך פאַרנעמען מיט די פראַגן וועגן די היימלאזע און רעעוואַקואציע און זעען אַריינטראגן אין זיי אַן ארדענונג. די אַלערליי קאמיטעטן האבן נאר געהאלפן אונדזערע בורזשויען זיך אַרי־בער פעקלען קיין אוקראַינע. מיר מוזן זען צו העלפן טאקע דעם יידישן קאַבצן.

אונדזער ציל איז אָפּהאַלטן די ברייטע יידישע היימלאזע מאַסן פון לויפן אַהין אין אָקופּירטן געביט. פאַרשטייט זיך, ניט מיט צוואַנג-מיטלען וועלן מיר זיי אפּהאלטן. נאר מיט דעם, וואס מיר וועלן פאַרבעסערן זייער לאַגע דא, אַז זיי זאלן ניט וועלן אַנטלויפן. די בורזשואזיע ווידער דאַרפן מיר ניט לאזן אַרויספאָרן, איבערהויפּט דאַרפן מיר ניט לאָזן אַרויספירן די אנגעראַבעוועטע מיליאנען.

אַלע „בעזשענסקע" קאמיטעטן דאַרפן גלייך ווערן איבערגענומען אין אונדזערע הענט, און מיר דאַרפן אויך פאַרברייטערן אונדזערע אפטיילונגען פאַר היימלאזע און צוציען צו דער אַרבעט די אַלע קרעפטן, וועלכע קענען אונדז זיין נוצלעך און וועלכע ווילן ערלעך באַ אונדז און מיט אונדז אַרבעטן.

דער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם.

צום באַדויערן, עקזיסטירט דער אַנטיסעמיטיזם און באמערקט זיך אַפילע אָפט צווישן אַרבעטער און אויך קאמוניסטן.

מיר מוזן קעמפן מיט אַלע מיטלען קעגן אט דער שענדלעכער דערשיינונג און מוזן פירן אַן ענערגישע אַגיטאַציע, איבערהויפּט צווישן דער רויטער אַרמיי. מיר זיינען קעגן אַ זעלבסטשוץ, ווייל מיר ווילן ניט געבן קיין געווער אונדזער בורזשואזיע, אָבער מיר מוזן זען באַוואָפענען אונדזערע אַרבעטער און שאַפן אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער-מאַכנעס צו קעמפן מיט פאָגראָמען און צו פאַרטיידיקן די ראַטן-מאַכט.

סאָציאַלע הילף.

די ארגאנען פאַר סאציאלער הילף מוזן ווערן איבערגענומען אין אונדזערע הענט, און מיר מוזן אין זיי דורכפירן די פאליטיק פון דער ראַטן-מאכט.

באזונדערס דאַרפן מיר אויך זען דורכפירן אַף דער יידישער גאַס דעם דעקרעט וועגן אפטיילן די קירכע פון דער מעלוכע.

דער רעדנער דערמאנט אויך וועגן דער פינאַנציעלער לאגע פון אונדזערע קאמיסאַריאַטן און זאגט—וואס די ראַטן-רעגירונג דארף און וועט אונדז געבן מיטלען אַף דורכצופירן אונדזערע פלענער אַף קולטורעלע און אַנדערע געביטן, נאר אויב די געלט-מיטלען וועלן אונדז זיין ווייניק, דאַן דאַרפן מיר אויך אַרופלייגן קאנטריבוציעס אַף דער יידישער בורזשואזיע.

מיר דארפן נאר שטיין אַף דער וואַך און היטן, אַז אונדזערע קאמיסאַריאַטן זאלן נים פאַרוואנדלט ווערן אין יידישע קאמיסאַריאטן, ד. ה., אַז זיי זאלן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אנשטאַלטן אַף צו פירן קאל-יִיסראעל-פּאליטיק, ווי עס טוט דער וויטעבסקער קאמיסאריאט, וועלכער האט געקעמפט, אַז די בורזשויען זאלן ניט ארבעטן שאַבעס*).

*) אין 1918 האָט דער וויטעבסקער שטאָט-ראַט אַרופגעלייגט אַ קאָנטריבוציע אַף דער בורזשואַזיע. אַ טייל האָט די קאָנטריבוציע ניט געוואָלט צאָלן, האָט דער שטאָט-ראַט אַרעסטירט די דאָזיקע בורזשויען און אייניקע פון זיי געוואָלט צווינגען, אַז זיי זאָלן אַרבעטן שאַבעס, קעדיי דורך דעם זיי צווינגען צו באַצאָלן. דער וויטעבסקער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט אָנגעוויזן דעם סאָוועט, אַז אזאַ מעטאָד פון איינמאָנען די קאָנטריבוציע איז ניט דערלאָזבאַר, און זיך דערשלאָגן, אַז מען האָט דעם מעטאָד אָפּגעשאַפט.

עקאָנאָמישע אַרבעט.

אויסער די אלע אופֿגאַבן האבן מיר פֿאַר זיך נאך איין גרויסע אופֿגאַבע: מיר מוזן אנווענדן אַלע אונדזערע קרעפֿטן און זען העלפֿן אונדזערע „לופֿט-מענטשן", וואס פֿארנעמען זיך איצט מיט ספעקוליאציע, אַז זיי זאלן ווערן ערלעכע און נוצלעכע בירגער פֿון אונדזער סאציאליסטישער ראַטן-רעפובליק. מיר מוזן אנווענדן אלע מיטלען זיי צו באזארגן מיט אַרבעט.

אונדזערע אופֿגאבן זיינען גרויס און שווער—זאגט דער רעדנער,—אבער מיר דאַרפֿן זיך ניט אפשרעקן און מוטיק נעמען זיך צו דער ארבעט. עס קען זיין, אַז מיר וועלן ווייטער מאכן פֿעלערן, אבער פֿאַר קיינע פֿעלערן דאַרפֿן מיר ניט מוירע האבן. מענטשן, וואס טוען אַ גרויסע אַרבעט, מוזן און וועלן מאַכן טאעסן. צו דער ארבעט כאַוויירים! דער זיג איז פֿאַר אונדז! זאלן מיר מיט פֿאריייניקטע קויכעס באשאפֿן אַ נייע וועלט!

פֿינפֿטע זיצונג.

די זיצונג עפֿנט דער פֿאָרזיצער כ׳ דימאַנשטיין.

דער כ׳ שימעליעוויטש מעלדעט וועגן דער ערשטאנגעקומענער טעלעגראם פֿון ליבקנעכטס באפֿרייונג און זאגט, אַז ער האפֿט איינגיכן צו זען ליבקנעכטן אַלס פֿארזיצער פֿון דער דייטשישער ראַטן-רעגירונג. די בסורע ווערט אופֿגענומען מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן פֿון גאנצן זאַל, און עס ווערט גלייך באַשלאסן שיקן דעם כ׳ ליבקנעכט אַ באַגריסונג-טעלעגראַם.

אין נאָמען פֿון די לערער-דעלעגאַטן ווערט געמאָלדן, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פֿון די דריי שטימען, וועלכע די קאָנפֿערענץ האָט באַשלאָסן זיי געבן. זיי וועלן אַקטיוו אָנטייל נעמען נאָר אין דער אַרבעט פֿון דער בילדונג-סעקציע, אָבער אין די פלענאַרע זיצונגען וועלן זיי זיך באַטייליקן נאָר מיט באַראַטונג-שטימען.

די קאָנפֿערענץ גייט איבער צו אויסהערן דעם באַריכט פֿון כ׳ טאָמסינסקי וועגן

אונדזער קולטור- און בילדונג-אַרבעט.

דער רעדנער באַגריסט, ערשטנס, די קאָנפֿערענץ אין נאָמען פֿון דער קולטור- און בילדונג-אָפּטיילונג פֿון צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאט. נאַכער שטעלט ער זיך אָפּ אַף דער קולטור-אַרבעט פֿון דער ראַטן-רעגירונג ביקלאַל, אַף דעם וויכטיקן אָרט, וואָס די אַרבעט פֿאַרנעמט אין גאַנצן מעלוכע-לעבן, אַף די אומגעהויער גרויסע סומען געלט, וועלכע ווערן אַסיגנירט אַף אַלערליי בילדונג-אַנשטאַלטן, און זאָגט, אז ניט קוקנדיק אַף די אַלע שטערונגען, וועלכע דער קאָמיסאַריאַט פֿאַר פֿאָלק-בילדונג האָט באַגעגנט אין זיין טעטיקייט, ניט קוקנדיק אַף דער שווערער פּאָליטישער לאַגע פֿון דער ראַטן-מאַכט אין אַלגעמיין, אַף דעם סאַבאָטאַזש פֿון דער רוסישער אינטעליגענץ א. אז. וו.—איז

דאָך פֿאַר דעם לעצטן יאָר אין רוסלאַנד אויפֿגעטאָן געוואָרן אַף דעם געביט פֿון פֿאָלק-אויפֿקלערונג פֿיל מער, ווי אין אַן אַנדער מעלוכע אין צענדליקער יאָרן.

דער רעדנער גייט איבער צו דער ארבעט אַף דער יידישער גאַס.

אויך דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט באַגעגנט אַפֿולע שטערונגען אין זיין טעטיקייט, סײַ מיצאַד אונזערע אינטעליגענטן, וועלכע וואַקסן דאָסראָוו פֿון דער גרעסטער און מיטעלער בורזשואַזיע, סײַ מיצאַד אונדזערע לערער.

די שול און די פּאָליטיק.

עס איז אַ טאָעס צו מיינען, זאָגט ווייטער דער רעדנער, אַז די שול איז אַפּאָליטיש, אַז זי שטייט אויסער דער פּאָליטיק, ווי אַנדערע ווילן זאָגן. די שול, ווי די בילדונג ביקלאַל, איז שטענדיק געווען אַ שטאַרקע געווער אין די הענט פֿון די הערשנדיקע קלאַסן. די שול איז איינע פֿון די הויפּט-זאַכן, אַף וועלכע עס שטיצט זיך די פּאָליטיק. די שול שפּיגלט אין זיך אָפּ דאָס לעבן, און ווען אין לעבן קומט פֿאָר אַ רעוואָלוציע, מוז זי אויך פֿאָרקומען אין דער שול.

אונדזערע כאַדאָרים און טאַלמעדטוירעס זיינען געווען שולן פֿאַר די אָרעמע, אונטערדריקטע קלאַסן און שיכטן, און איצטער, ווען די לעצטע זיינען פֿריי געוואָרן און האבן גענומען שאַפֿן פֿאַר זיך אַ ניי לעבן אַף נייע יעסוידעס, מוז די שול אויך באַקומען אַן אַנדער פּאָנים.

נאָר—זאָגט דער רעדנער—מיר דאַרפֿן אויך געדענקען, אַז אַזוי ווי מיר דאַרפֿן זיך היטן פֿאַר צו קליינע רעפֿאָרמען אין דער שול-בויונג, דאַרפֿן מיר אויך מוירע האבן פֿאַר צו גרויסע ענדערונגען, וועלכע קענען נאָר אָפּשרעקן די באַפֿעלקערונג און פֿאַרטרייבן פֿון אונדז די עלטערן.

אַן „איינהייטלעכע ארבעט-שול“.

דער רעדנער שטעלט זיך אָפּ אַף דער באַדייטונג פֿון די ווערטער „אַן איינהייטלעכע אַרבעט-שול“ און גיט אָנווייזונגען, ווי אַזוי איינצופֿירן די נייע שול-סיסטעם אויך אַף דער יידישער גאַס.

די גאַנצע אויפֿריכטיקע וועלט קוקט מיט האָפֿענונג אַף אונדזער רעוואָלוציע אין פעדאַגאָגיק און שול-בויונג. אויך פֿאַר אונדז, יידישע אַרבעטער און ברייטע פֿאָלק-מאַסן, האָט די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע אויפֿגעדעקט גרויסע און שיינע האָריזאָנטן. אָבער דעם ערשטן מאָל אין אונדזער גאַנצן גאָלעס-לעבן, גייט אונדזער מעלוכע-מאַכט אַנטקעגן, נעמט אונדז אויף ווי ברידער און וויל אונדז מיט אַן עמעס העלפֿן אין אונדזער אַרבעט. מיר האָבן איצט די מעגלעכקייט אַפֿולע אויפֿצוטאָן אַפֿן קולטור- און בילדונג-געביט, און ווען איר, לערער, וועט וועלן אַרבעטן ערנסט, ניט נאָר „פּאַסטאָלקע פּאָסקאָלקע“ און ניט דינגען זיך מיט אונדז אַף יעדער קלייניקייט, קענען מיר האָפֿן, אַז אונדז וועט זיך איינגעבן באַשאַפֿן אַ נייע פֿאָלק-שול, וועלכע וועט דערציִען אַ נייעם דאָר פֿון פֿרייע בירגער פֿאַר אַ פֿרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט.

אונדזערע אויפֿגאַבן.

דער רעדנער גייט איִבער צו קאָנקרעטע אָנווייזונגען אַף דיִ אויפֿגאַבן פֿון קאָמיסאַריִאַט און פֿון די ייִדישע לערער.

דיִ ערשטע זאַך איִז נויטיק אָנווענדן אַלע מיִטלען, אַז אונדזערע שולן אַף דיִ ערטער זאָלן אַריינגענומען ווערן איִן דער אַלגעמיינער שול-נעץ. מיִר מוזן זען, אַז זיי זאָלן אָנערקענט ווערן פֿון דער אָרטיקער מאַכט. מיר מוזן זאַמלען און צושטעלן סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, וויִפֿל מיִר האָבן שולן, וויִפֿל שול-קינדער, וויפֿל פֿון זיי ריידן ייִדיִש, פֿאַרטיילן אַנקעטן צווישן דיִ עלטערן א. אז. וו. איִן די רעגירונג-קרייזן וויים מען אָפֿט זייער ווייניִק וועגן אונדז, און אַפֿילע מיינען, אַז מיִר האָבן גאָרניִט קיין נאַציאָנאַלע שול אָדער מיִר דאַרפֿן אַ העברעיִשע.

מיִר מוזן אויך זען עפֿענען אַף די ערטער אַלערליי ביִלדונג-אַנשטאַלטן, וויִ ביִבליִאָטעקן, קלובן, קינדער־קלובן, אָוונט-קורסן א. אז. וו.

דער רעדנער רעכנט אויס אייניִקע פּראָעקטן, וועלכע דער קאָמיִסאַריאַט האָט איִן זיִנען צו פֿאַרווירקלעכן איִן דיִ נאָענטסטע טעג. מיִר עפֿענען איִצט אויף אַ ייִדישן לערער-סעמינאַריום, אַף וועלכן מיר האָבן שוין דיִ נויטיִקע געלט-מיִטלען; מיר עפֿענען אויף איִן מאָסקווע אָדער אין וויטעבסק אַ שטענדיִקע פּעדאַגאָגיִשע אויסשטעלונג, אַ ייִדיִשן ביִלדער-מוזיי, אַ גוטן טעאַטער מיִט אַ סטודיע; מיר גריִנדן אויך איִן מאָסקווע אַ צענטראַלע ייִדיִשע ביִבליִאָ-טעק, פֿאַר וועלכער מיִר ווען צונעמען די ביִכער פֿון דער רומיאַנצעוו-ביִבליִ-אָטעק; מיִר גיִבן אַליין אַרויס און נעמען אָן מיִטלען צו באַקומען פֿון אַנדערע פֿאַרלאַגן לערביִכער און אַזוי ביִכער, מיִר קלייבן זיך אַרויסגעבן אַ ייִדישע כרעסטאָמאַטיִע, פּעדאַגאָגישע זאַמל-ביִכער און אַנדערע הויפּט-מאַטעריִאַלן פֿון אונדזערע לערער. מיִט איין וואָרט—אַרבעט איִז דאָ אַפֿילע, און מיר טאָרן קיין צייט ניִט פֿאַרלירן.

דער רעדנער דערמאָנט נאָכער וועגן דער וועכנטלעכער „קולטור און ביִלדונג״, וועלכע גיט זיִך אַרויס באַם ייִדיִשן קאָמיסאַריאַט, און זאָגט, אַז דער זשורנאַל האָט געדאַרפֿט ווערן דער אָרגאַן פֿון אונדזערע לערער. צום באַדוי-ערן, איִז עס אָבער, נאָך דערווייל ניִט אַזוי.

„מיר דאַרפֿן אַלע פֿיִלן—ענדיקט דער כ׳ טאָמסיִנסקיִ—אַז באַ אונדז איז איִצט אַ יאָנטעוו פֿון אונדזער קולטור, אַז מיִר טראָגן איִצטער אַרויס די אַלע שיינקייטן, וואָס דאָס לעבן און די מענטשלעכע קולטור פֿאַרמאָגן, אָפֿן גאָס, פֿאַר אַלעמען, און איך גלויב, אַז אויך דיִ ייִדיִשע לערער וועלן פֿייערן דעם אַלגעמיינעם קולטור-יאָנטעוו, אַז אויך זיי וועלן העלפֿן צוציען צו דער שאַ-פֿונג פֿון אונדזער קולטור-ווערטן די ברייטע ייִדישע פֿאָלק-מאַסן!

כאַווײרים, איך גלויב איִן דעם ייִדיִשן לערער!״

די רעדע פֿון כ׳ טאָמסיִנסקיִ האָט געדויערט באַלד צוויי שאָ און האָט גע-מאַכט אַ גרויסן רושעם אַף דיִ אָנוועזנדיִקע.

באַריכט פֿון כ׳ גוזשנאָווסקי.

ווען דער שול-בויונג אַף דער יידישער גאַס רעט אויך כ׳ גוזשנאָווסקי, וועלכער ווייזט אָן, אַז פֿאַר אונדז איז איצטער פֿאַראַן צוויי וועגן: אָדער שאַפֿן אַ נייעם טיפּ פֿון שולן אָדער אַנטוויקלען אָדער רעאָרגאַניזירן די אַלטע. דער רעדנער מיינט, אז בא אונדז זיינען פֿאַראַן גענוג טיפּן און אין קיינע נייע נויטיקן מיר זיך ניט. מיר דאַרפֿן נאָר נעמען אין אונדזערע הענט די אַלטע שולן און מאַכן פֿון זיי עמעסע איינהייטלעכע אַרבעט-שולן פֿאַר די ברייטע יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן.

דער כ׳ גוזשנאָווסקי, ווי די פֿריערדיקע רעדנער, ווייזט אויך אָן אַף די אַלע שטערונגען, וועלכע די שול-בויונג האָט באַגעגנט מיצאַד אונדזערע בורזשואַזע אַנשטאַלטן, ווי די קעהילעס און אַנדערע, און אויך מיצאַד די לע-רער, צום גליק איז די נויטיקייט איצטער אין אַ יידישער פּראָלעטאַרישער שול אַזוי שאַרף, דער צופֿלוס פֿון קינדער אַזוי גרויס, אַז ניט קוקנדיק אַף די אַלע שוועריקייטן, שאַפֿט זיך דאָך אַ יידישע אַרבעט-שול.

אַפֿן קאָמיסאַריאַט—ענדיקט דער רעדנער—ליגט אַ גרויסע היסטאָרישע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַ מוירעדיקע אַכראַיעס. דער פּרינציפּ פֿון אַן איינ-הייטלעכער שול אַף דער מוטער-שפּראַך איז אַ שרעקלעכע רעוואָלוציע אין דער יידישער שול, און מיר דאַרפֿן וויסן, אַז די שול לערנט ניט נאָר ליי-ענען און שרייבן, נאָר זי שאַפֿט גרויסע און אייביקע קולטורעלע אויצרעס.

לעצטער טאָג.

די זיצונג עפֿנט זיך דאָנערשטיק 10 איינדערפֿרי, אַף דער טאָגאָרדענונג זיינען די ווייטערדיקע דעבאַטן.

עס ווערט אויסגעקליבן אַ רעדאַגיר-קאָמיסיע אין באַשטאַנד פֿון די כאַ-רים, מ. אַלסקי, טאַרטשינסקי, פּייסאַכאָוויטש און די באַריכט-אָפּגעבער אַף צו-זאַמענשטעלן רעזאָלוציעס.

עס ריידן איינִיקע כ״כ פֿון די ערטער, וועלכע ווייזן אָן, אַז דער קאָ-מיסאַריאַט דאַרף זיך ניט באַנוגענען נאָר מיט קולטורעלער אַרבעט, נאָר ער מוז זיך אויך פֿאַרנעמען מיט סאָציאַלער הילף און מיט אַ ברייטער עקאָנאָ-מישער טעטיקייט.

דער קאָמיסאַריאַט—זאָגט דער כ׳ מאַנדעלסבערג—דאַרף געבן אַ מעג-לעכקייט דעם יידישן קליין-בירגער, דעם לופֿט-מענטש און דעם קליינעם סוחר אָוועקצוואַרפֿן די גראָשנדיקע ספּעקוליאַציעס און צו פֿאַרנעמען זיך מיט ערלעכער, נוצלעכער אַרבעט. מיר מוזן עפֿענען אין אַלע ערטער, וו עס געפֿינען זיך די גרעסערע יידישע מאַסן, גוטע ערדאַרבעטער-קאָמונעס, אַף וואָס די אָרטיקע סאָוודעפּן דאַרפֿן אונדז געבן ערד מיט די אַלע איבעריקע מיטלען.

אין דעמזעלבן זין זאָגט זיך אויך אַרויס דער כ׳ ניימאַן פֿון וויטעבסק וועלכער לייגט אויך פֿאָר, אַז דער קאָמיסאַריאַט, זאָל צוליב דער שרעקלעכער אַרבעטלאָזיקייט, וועלכע הערשט אין די ייִדישע צענטרען, עפֿענען קאָאָפּעראַטיווע ווערקשטאַטן א. אז. וו.

דעבאַטן וועגן קולטור-אַרבעט.

צום באַריכט פֿון כ׳ טאָמסינסקי וועגן אונדזערע קולטורעלע אויפֿגאַבן זאָגן זיך אויך אַרויס אייניקע כ״כ, וועלכע ווייזן אָן אַף דעם, וואָס עס איז ניט געווען קיין פּלאַנמעסיקייט אין דער אַרבעט פֿון דעם קאָמיסאַריאַט.

אַלע אונדזערע בילדונג-אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען ביז איצט געווען אין די הענט פֿון אונדזערע בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע עלעמענטן, מוזן אַריבערגיין צו אונדז, קיינע העברעישע כאַדאָרים און טאַרבוט-שולן טאָרן ניט דערלאָזן ווערן, און די קעהילעס מיט די אַלע איבעריקע בורזשואַזע און פֿילאַנטראָפּישע איינריכטונגען מוזן צוטריבן ווערן.

מיר מוזן אויך אָנעמען אַלערליי מיטלען—זאָגט דער פֿאָרשטייער פֿון קורסקער קאָמיסאַריאַט—אַז די סאָוודעפּן אַף די ערטער און די קולטור-אָפּטיילונגען זאָלן אונדז ניט שטערן אין אונדזער טעטיקייט און געבן אונדז די געלט-מיטלען, אין וועלכע מיר נויטיקן זיך. צום באַדויערן,—זאָגט דער רעדנער,—האָט דער צענטראַלער ייִדישער קאָמיסאַריאַט ווייניק אויפֿגעטאָן אין דער הינזיכט און ביז היינטיקן טאָג מאַכט אונדז די אָרטיקע מאַכט שוועריקייטן אַף אונדזער יעטווידער טריט און שריט.

אַ באַגריסונג דער סאָציאַליסטישער אַקאַדעמיע.

דער כ׳ דאָבקאָווסקי*) לייגט פֿאָר שיקן אַ באַגריסונג דער מאָסקווער סאָציאַליסטישער אַקאַדעמיע.

מיר ייִדן, זאָגט דער רעדנער, זיינען אַן אַם-האַסייפֿער, אַ פֿאָלק, וואָס האָט ליב בילדונג, און אונדזער קאָנפֿערענץ דאַרף באַגריסן דעם אַנשטאַלט, וועלכער וועט געבן ליכט און בילדונג די גרויסע און ברייטע ייִדישע אַרבעטער-מאַסן.

דער רעדנער לייגט אויך פֿאָר דער קאָנפֿערענץ—זיך אַרויסזאָגן וועגן דעם פּראָעקט צו שיקן אַ פֿאָרשטייער אַף דער קומענדיקער שאָלעם-קאָנפֿערענץ.

פֿאַרן שליסן די דעבאַטן ריידן נאָך אייניקע לערער, וועלכע פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס מע באַשולדיקט זיי אין סאַבאָטאַזש.

— פֿאַרקערט—זאָגט כ׳ דאָלגאָפּאָלסקי—די ייִדישע לערער האָבן זיך גלייך אָפּגערופֿן אַפֿן רוף פֿון קאָמיסאַריאַט און האָבן מיטן גאַנצן האַרצן גענומען זיך צו דער שווערער און פֿאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט פֿון בויען אַ נייע ייִדישע אַרבעט-שול.

---

*) דאָבקאָווסקי האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ לינקן ס. ר. און לינקע ס. ר.. האָבן אים אויסגעטיילט אַלס זייערן אַ פֿאָרשטייער אין ייִדישן קאָמיסאַריאַט און דערפֿאַר האָט מען אים געמאַכט פֿאַר דעם שטעלפֿאַרטרעטער פֿון ייִדישן קאָמיסאַר. אָבער אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פֿאַר דער רעוואָלוציע האָט ער געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט דער אָכראַנקע, און מען האָט אים באַזייטיקט פֿון קאָמיסאַריאַט. אין צייט פֿון שוואַרצבאָרדס פּראָצעס אין פּאַריזש איז ער, דערדאָזיקער געפּעש, אַרויסגעטראָטן אַלעס איידעס פֿאַר פּעטליורען..

באַגריסונגען.

אין נאָמען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון פּוילן און ליטע באַגריסט די קאָנפערענץ דער כ' באַגינסקי.

דער רעדנער מאַכט אַ פּאַראַלעל פון דער יידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און דער דייטשישער און ווייזט אָן, אַז זיי ביידן האָט איצט געטראָפן אַן אומגליק, סאַי די אָנפירער פון דער יידישער, סאַי די אָנפירער פון דער דייטשישער, סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָבן ביידע פאַרלאָזן דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אין זיי געגלויבט, זיינען פון אים אוועק און האָבן אים פאַראַטן.

דערמאָנענדיק דעם בונד, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אַף דער יידישער גאַס, פאַרענדיקט דער רעדנער, אַז ער האָפט, אַז די יידישע אַרבעטער-מאַסע וועט ניט גיין נאָך אירע פירער, וועלכע האָבן זיך אַליין אַרויסגעוואָרפן פון דער רוסישער באַפרייונג-באַוועגונג, און זי וועט ווי פריער טראָגן הויך די פאָן פון דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

עס באַגריסט אויך די קאָנפערענץ דער קאָמיסאַר פאַר נאַציאָנאַלע אינ-יאָנים דער כ' פעסטקאָווסקי, וועלכער ווייזט אָן אַף דעם, וואָס אין קיין מעלוכע איז ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן, נאָר אין ראַטן-רוסלאַנד.

דאָס איז דערפאַר, זאָגט דער רעדנער, ווייל אין קיין שום בורזשואַזער מעלוכע קאָן די נאַציאָנאַלע פראַגע ניט געלייזט ווערן. דער נאַציאָנאַלער דרוק איז נאָר אַ פאָרם פון דער עקאָנאָמישער אונטערדריקונג, און דאָרטן, ווו עס הערשט אַן עקאָנאָמישע ניטגלייכקייט, מוז אויך זיין אַ נאַציאָנאַלע ניט גלייכקייט.

אַף די ביידע באַגריסונגען ענטפערט מיט טעלעכע וואַרעמע ווערטער דער כ' שימעליעוויטש. ער בעט איבערגעבן אַ גרוס אַלע אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן און זאָגן זיי, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט ווייס ניט פון קיין אַנדער מאַכט אויסער דער ראַטן-מאַכט, און אַז צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע וועט אויך די יידישע אַרבעטער-מאַסע קעמפן פאַר דער אַלוועלטלעכער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

באַ אונדז עקזיסטירן איצט נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן מיט נאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע סעקציעס נאָר מיט איין ציל, אַז אין דער צוקונפט זאָלן זיי פאַרשווינדן, און זייער אָרט זאָל פאַרנעמען אַן איינהייטלעכע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַלע פעלקער און אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

די נאַציאָנאַלע פראַגע און די ראַטן-מאַכט.

נאָך אַ קליינער האַפסקע באַקומט ווייטער דאָס וואָרט דער כ' שימע-לעוויטש, וועלכער לייענט אַ באַריכט וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון דער ראַטן-מאַכט. דער רעדנער דערווייזט, אַז נאָר די ראַטן-מאַכט קען געבן די מעגלעכקייט פריי צו אַנטוויקלען זיך די אַרבעטער-מאַסן פון אַלע פעלקער, און אַז נאָר אין אַ פרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז מעגלעך אַ ברידערלעכע צונויפלעבונג פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

עס ווערן אַריינגעטראָגן די פֿיר פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציעס: ערשטנס, וועגן דער טעטיקייט פֿון צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט; צווייטנס, וועגן דעם פּאָליטישן מאָמענט און דעם יידישן אַרבעטער, דריטנס, וועגן אונדזערע קולטור-אַרבעט און, פֿערטנס, וועגן אונדזער באַציִונג צו דער קעהילע און אַנדערע בורזשואַזע געזעלשאַפֿטן.

ר עֶ ז אָ ל ו צ י ע ס.

I. וועגן דער טעטיקייט פֿון יידישן קאָמיסאַריאַט.

די ערשטע אַלרוסלענדישע קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע קאָמיסאַריאַטן און קאָמוניסטישע סעקציעס, אויסהערנדיק דעם באַריכט פֿון כ׳ דימאנשטיין וועגן דער טעטיקייט פֿון צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פֿון יידישע נאַציאָנאַלע אינյאַנים, געפֿינט:

1) די טעטיקייט פֿון קאָמיסאַריאַט האָט אַנטשפּראָכן די אינטערעסן פֿון דער קומענדיקער וועלט-רעוואָלוציע און אויך די אינטערעסן פֿון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן.

2) דער קאָמיסאַריאַט האָט באַגעגנט אין זיין טעטיקייט אויסערגעוויינטלעך שווערע מניעות אין דעם כורבן, וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן די פֿיר יאָריקע בלום-באָד, וועלכע האָט צעשטערט ביזן גרונט דאָס סאָציאַלע און פּאָליטישע לעבן און האָט געמאַכט פֿאַר אומגעהויער שווער די אַרבעט פֿון אַלע מעלוכע-אַנשטאַלטן.

3) אָף דער יידישער גאַס איז באַזונדערס שווער דער קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע צוליב דער ספּעציפֿישער לאַגע, אין וועלכער עס געפֿינען זיך די יידישע מאַסן.

די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען ניט געווען קיין ריין פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען. אין זייערע פּאַרטייען האָבן זיך געפֿונען אַ גרויסע צאָל קליינבורזשואַזע און אינטעליגענטע עלעמענטן, וועלכע זיינען פֿרעמד געווען דער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע.

דער ווילדער סאַבאָטאַזש, מיט וועלכן די יידישע אינטעליגענץ האָט באַגעגנט דעם יידישן קאָמיסאַריאַט, דער טיפֿער שלאָף פֿון די יידישע מאַסן, וועלכע זיינען געווען פֿאַרסאַמט פֿון די פֿינצטערע ציאָניסטיש-קלעריקאַלע קויכעס און פֿון די סאָציאַל-פֿאַרעטערישע פּאַרטייען, האָבן געמאַכט קימאַט אומעגלעך די אַרבעט פֿון קאָמיסאַריאַט.

4) אַדאַנק דער אויסערגעוויינטלעכער ענערגיע, וועלכע עס האָט אָנגעווענדעט אַ הייפֿל כאַווײרים, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען טיף די באַדייטונג פֿון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע אין דעם לעבן פֿון די יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן און אין דעם לעבן פֿון דעם גאנצן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, האָבן זיי באַ-

וויזן צו ‎א‎ קעמפן די אַלע מעניעס און שטערונגען און פאַרפעסטיקן דיאי-דייען פון דער ראַטן-מאַכט און פון דעם יידישן קאָמיסאַריאַט צווישן דער יידישער אַרבעטער-מאַסע.

5) די ערשטע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן און קאָמוניסטישע סעקציעס דריקט אויס איר צופרידנקייט מיט דער טעטי-קייט פון צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע ענינים און האָפט, אַז איצטער, ווען די ברייטע יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן הויבן אָן אַלץ ענער-גישער צו אָרגאַניזירן זיך אַרום דעם יידישן קאָמיסאַריאַט, וועט זיין טעטי-קייט נאָך אויסבעסערן זיך און וועט נאָך פולער אַנטשפּרעכן די אינטערעסן פון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן.

6) די ערשטע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן און קאָמוניסטישע סעקציעס געפינט, אַז מיר, שטייענדיק באַ דעם נייעם עטאַפּ פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, ווען די יידישע אַרבעטער-מאַסן וועלן אינגאַנצן איבערייסן מיט די אַזוי גערופענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלן פונדאַסניי פאַרנעמען דעם בעקאָוועדיקן אָרט אין די רייען פון דעם אַלוועלט-לעכן פּראָלעטאַריאַט.

II. וועגן פּאָליטישן מאָמענט און אונדזערע אויפגאַבן.

די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע אין איר גאַנג כאַפּט אַרום די אַרבעטער-מאַסן אין מאַירעוו-אייראָפּע און אַמעריקע. מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ נעענטער די צוקונפטיקע ליכטיקע סאָציאַליסטישע אָרדענונג, ווען עס וועט נעמען אַ סאָף צו אַלע מינים עקספּלואַטאַציעס פון איין טייל פון דער מענטשהייט איבער דעם צווייטן.

דער פּראָלעטאַריאַט וועט מיט זיין מעכטיקער האַנט מאַכן אַ סאָף אויך צו דער עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע און די נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן אין די רייען פון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

קעמפנדיק האַנט באַ האַנט מיט די אַרבעטער פון אַלע פעלקער, וועט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט העלפן פאַרניכטן אַלע אונטערדריקער, באַפרייען אַלע פאַרשקלאַפטע און צוזאַמען מיט זיי אויך די יידישע מאַסן.

די נאָענטסטע אויפגאַבן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אַף דער יידישער גאַס איז די פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעטער-רעגירונג און די פאַרפעסטיקונג פון דער אַרבעטער-דיקטאַטור אַף דער אַלרוסלענדער, ווי אויך אַף דער יידי-שער גאַס.

III. וועגן אונדזערע קולטור-אויפגאַבן.

1) די בילדונג איז שטענדיק געווען אַ שטאַרקע געווער אין די הענט פון די הערשנדיקע קלאַסן. באַ אַלע צוויעסדיקע טאַינעס פון דער בורזשואַזיע, אַז די שול און די בילדונג דאַרפן שטיין איבער די קלאַסן-אינטערעסן און

אויסער דער פּאָליטיק, האָט די בורזשואַזיע שטענדיק אויסגענוצט איר מאַכט, קעדיי ניט דערלאָזן די ברייטע מאַסן צו ליכט און וויסן.

2) אַף דער יידישער גאַס האָבן די דייע געהאַט ביזאַהער קאָלערליי יוסטע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרשלייערן די יידישע מאַסן מיט דער העברעישער קולטור. שיקנדיק זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן, האָבן זיי פאַר די מאַסן איבערגעלאָזן די פינצטערע, ענגע כאַדאָרים און טאַל-מעדטוירעס, וועלכע האָבן געהאַדעוועט נאָר אַמעראַצים.

נאָר דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער, פאַרטיידיקנדיק זיינע קלאַסן-אינטע-רעסן, פאַרטיידיקט אויך די אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט, קאָן עפענען פאַר די ברייטסטע מאַסן די אַלע אויצרעס פון דער מענטשלעכער קולטור.

נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז בעקויעך ווייטער צו שמידן די גאָלדענע קייט פון דער מענטשלעכער קולטור, ארויסרייסנדיק זי פון פאַרבלוטיקטע הענט פון דער צעפוילטער, אָפּשטאַרבנדיקער בורזשואַזיע.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט נעמט אין זיינע הענט די מאַכט אַף דער יידישער גאַס.

נאָר דער יידישער אַרבעטער און די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן וועלן שאַפן פאַר זיך די פרייע יידישע קולטור און וועלן זיך באַוואָפענען מיט דעם שטאַרקסטן קלייזייען פון דער וויסנשאַפט.

IV. אונדזער באַציונג צו די קעהילעס און די איבעריקע בורזשואַזע געזעלשאַפטן.

די ערשטע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן און קאָמוניסטישע סעקציעס דערקלערט, אַז די קאָלערליי אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן ביזאַהער געבעלעבאַטעוועט אַף דער יידישער גאַס, די קעהילע, וועלכע איז אויסגע-קליבן אַף די באַרימטע „פיר-עקנדיקע" און א. וו. יעסוידעס, האָבן מער קיין אָרט ניט אין אונדזער לעבן.

אין דעם מאָמענט פון דעם ברענענדיקן קאַמף קען קיין שום פשאָרעס מיט דער בורזשואַזיע ניט געמאַכט ווערן, און די אַלע אַזעלכע אַנשטאַלטן און איינריכטונגען זיינען שעדלעך פאַר די בלוטיקע אינטערעסן פון די ברייטע יידישע מאַסן, פאַרוויגנדיק זיי מיט זיסינקע לידעלעך פון דעם קלוימערשטיקן דעמאָקראַטיזם.

דער יידישער אַרבעטער, שטיצנדיק זיך אַף דעם זיג פון פּראָלעטאַריאַט אין דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, נעמט אין זיינע הענט די מאַכט, דערקלערט די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַף דער יידישער גאַס און רופט אַלע יידישע אַרבעטער צו פאַראייניקן זיך אַרום דעם יידישן קאָמיסאַריאַט, קעדיי צו פאַרפעסטיקן זיין דיקטאַטור.

די ערשטע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן און קאָמוניסטישע סעקציעס באַפולמעכטיקט דער קאָלעגיע פון דעם צענטראַלן

קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע איניאַנים, אז זי זאָל אָנעמען מיטלען צו דער פלאַנ-מעסיקער ליקווידאַציע פון די בורזשואַזיע אַנשטאַלטן.

* * *

די אַלע רעזאָלוציעס ווערן אָנגענומען איינשטימיק.

עס ווערט אויסגעקליבן אַ נייע קאָלעגיע פון צענטראַלן יידישן קאָמי-סאַריאַט, אין וועלכער עס גייען אַריין די כ״כ: דימאַנשטיין, אַלס קאָמיסאַר, שימעליעוויטש, אַגורסקי, מאַנדעלסבערג און ראַפּאָפּאָרט מיטגלידער פון קאָ-לעגיע.

עס ריידן נאָך די כ״כ שימעליעוויטש, אַגורסקי, מאַנדעלסבערג און מ. אַלסקי, וועלכע ווייזן אַלע אָן אף דער באַדייטונג פון דער קאָנפערענץ און אַף דער פרוכטבארער טעטיקייט פון יידישן קאָמיסאַריאַט.

אונדזער קאָנפערענץ—זאָגט כ׳ מ. אַלסקי—איז פאָרגעקומען בא אומגעהוי-ער שווערע באַדינגונגען. בעשאס מיר זיינען געפאָרן אַהער האָט קימאַט קיינער פון אונדז ניט געוווסט וואָס עס טוט זיך אין צענטער. איצטער זעען מיר וויפל עס איז אופגעטאָן געוואָרן. מיר לייגן איצטער אַוועק דעם פונדאַמענט פאַר אונדזער ווייטערדיקער אַרבעט און מיר מוזן זען, אז דער יידישער פראָ-לעטאריאַט, וועלכער איז איין צייט ארויס פון די רייען פון דער אלוועלטלע-כער רעוואָלוציע, זאָל ווייטער אין איר אריין.

איך גלויב,—פאַרענדיקט דער רעדנער,—אז גאָר אינגיכן וועלן זיך מיט אונדז באהעפטן אונדזערע ברידער פון אַלע אָקופּירטע ערטער, און מיט זיי צוזאמען וועלן מיר ארבעטן אַף צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די אידייען פון דער אָקטיאבר-רעוואָלוציע.

אין זיין שלוסוואָרט לייגט דער כ׳ דימאנשטיין פאָר, אז די צווייטע קאָנפערענץ זאָל זיך צונויפקלייבן ניט שפעטער, ווי אין דריי כאדאָשים אַרום, נאָר,—פאַרענדיקט ער—שוין ניט אין מאָסקווע, נאָר ערגעץ אין ווילנע, אָדער אין מינסק, דאָרטן, ווו עס געפינען זיך די ברייטע יידישע האָרעפּאַשנע מאסן.

דער כ׳ דימאנשטיין לייגט פאָר זינגען דעם „אינטערנאציאָנאל״ און שליסט די זיצונג.

די זיצונג פֿון דער קאָמוניסטישער פֿראַקציע אַף דער קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן.

ט אָ ג אָ ר ד ע נ ו נ ג:

1) וועגן פֿאָרם פֿון די קאָמוניסטישע סעקציעס.
2) די לאַגע אין די אָקופּירטע געגנטן.

כ׳ דימאַנשטיין מאַכט אַ קורצן פֿאָרטראָג.

די פֿראַגע פֿון די קאָמוניסטישע סעקציעס איז די אַלטע פֿראַגע פֿון דער באַציִונג פֿון בונד צו דער רוסלענדישער פּאַרטיי.

די אַלגעמיינע רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי קען ניט פֿירן די אַר-בעט אַף באַזונדערע שפּראַכן.

עס מוזן געגרינדעט ווערן ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס. די סעקציעס האָבן צווייערליי אויפֿגאַבן. פֿון איין זייט ריין טעכנישע: צו פֿירן די אַגיטאַציע צווישן די ייִדישע אַרבעטער, פֿון דער אַנדער זייט דאַרפֿן מיר דורכפֿירן די דיקטאַטור פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט אַף דער ייִדישער גאַס.

אין דער נאָענטער צוקונפֿט וועט דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט זיין ענג פֿאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער סעקציע. דער קאָמיסאַריאַט קען זיך ניט שטיצן אַף די „שטייענדיקע אַף דער ראַטן-פּלאַטפֿאָרם“.

קעדיי די „ראַטן-פּלאַטפֿאָרמדיקע“ זאָלן ניט פֿאַרכאַפּן די קאָמיסאַריאַטן, מוזן זיך די לעצטע שטיצן אַף די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס.

די נייע ייִדישע סעקציעס וועלן באַשטיין פֿון נייע כאַווייריִם, וועלכע טרעטן ערשט אַריין אין דער פּאַרטיי; די אַלטע וועלן בליזאָפּעק פֿאַרבלייבן אין די רייען פֿון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי.

אין דערזעלבער צייט דאַרפֿן מיר זען, אַז אונדזערע סעקציעס זאָלן בלייבן ריין פֿון וועלכע ס׳ניט איז בורזשואַזע נאַציאָנאַלע ריכטונגען.

יעצט שטעלט זיך די פֿראַגע, ווי אַזוי זאָלן מיר צוציִען צו זיך די אַרבעטער, וועלכע געפֿינען זיך אין די איבעריקע ייִדישע פּאַרטייען. אַף דעם איז דאָ איין ענטפֿער: בענויגייע צו דער ייִדישער גאַס איז די אָרגאַניזאַציע פֿון די ייִדישע סעקציעס אַ זעלבשטענדיקע.

אין אַלגעמיינע פֿראַגן זיינען זיי אַ טייל פֿון דער שטאָטישער אָרגאַני-זאַציע פֿון דער אַלגעמיינער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

וואָס עס געהערט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿאַרבינדונג מיט דער אַלגע-מיינער פּאַרטיי, דאַרף זי זיין ניט אַווטאָנאָם און ניט פֿעדעראַטיוו. די ווייטערדיקע

קאָנקרעטיזירונג פֿון דער ארבעט מוז דורכגעפֿירט ווערן דורך דער צענטראַ-לער ביוראָ פֿון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס.

פֿון די ווייטערדיקע דעבאטן ווערט קלאָר, אַז קימאַט אַלע כ"כ זיינען איינשטימיק מיטן פּלאַן פֿון כ' דימאַנשטיין. אַ קליינע מיינונג-פֿאַרשיידנקייט רופֿן אַרויס די ווערטער פֿון כ' באקאלטשוק, וועלכער זאָגט, אַז מיר דאַרפֿן ניט מוירע האָבן פֿאַרן נאַציאָנאַליזם פֿון די יידישע אַרבעטער: ער וועט ניט ווירקן אַף זייער קלאסן-קאַמף. צום סאָף ווערט אויסגעקליבן אַ צענטראַלע ביוראָ פֿון פֿאָלגנדיקע זיבן כ"כ:

דימאַנשטיין, שימעליעוויטש, אַגורסקי, מ. אַלסקי, דאַשקאָווסקי, טאָר-טשינסקי און קריניצקי (באַמפּי).

די אַרבעט פֿון דער לערער-סעקציע.

אַף דער פּלענאַרער זיצונג האָט די צענטראַלע קולטור און בילדונג-אָפּ-טיילונג אויסגעטיילט פֿאָלגנדיקע פֿאָרטראָגן פֿון:

1) סימכע טאָמסינסקי—וועגן אונדזערע קולטור-און בילדונג-אויפֿגאַבן צווישן די יידישע ארבעטער-מאַסן.

2) בער אָרשאַנסקי—וועגן דעם יידישן טעאַטער.

3) שאָול גוזשנאָווסקי—וועגן דער שול-פֿאַרוואַלטונג.

איידער עס האָט זיך געעפֿנט דער פּלענום, איז פֿאָרגעקומען אַ באַראַ-טונג פֿון די קולטור-און בילדונג-אָפּטיילונגען, אַף וועלכער די פֿאָרשטייער האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן פֿון דער קולטור-אַרבעט אַף די ערטער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז אומעטום קומט פֿאָר א גרויסע אינטענסיווע ארבעט: עס ווערן געעפֿנט נייע שולן, אָוונט-קורסן, לעזע-זאלן א. ד. גל. פֿאַר צוויי כאַ-דאָשים האָט זיך איינגעגעבן צו פֿאַרשטאַרקן די רעכטלעכע לאגע פֿון דער יידישער שול. אַף דער זיצונג זיינען אויסגעאַרבעט און איינגעשטעלט די פֿאָר-מען פֿון דער באַציונג צווישן דעם צענטער און די ערטער. ס'איז אויך אָנ-גענומען געוואָרן אַ באשלוס, אַז העברעיש, טאַנאַך און כומעש, אלס זעלב-שטענדיקע לימודים, דאַרפֿן אויסגעשלאָסן ווערן פֿון שול פֿון דער ערשטער שטופע. טאַנאַך און כומעש דאַרפֿן אויסגענוצט ווערן בלויז, ווי א מאטעריאַל פֿאַר דער יידישער, אלגעמיינער און קולטור-געשיכטע.

נאָך דער באראטונג האט זיך געעפֿנט די זיצונג פֿון דער לערער-סעקציע.

אַסאַך לערער האָבן זיך פֿון אָנפֿאַנג געוווּנדערט. זיי האָבן געפֿרעגט: „נאָך וואָס האָט מען אונדז אַהער געבראכט? וואָס פֿאַר אַ שאַיכעס האָבן מיר, לערער, מיט דעם פּאָליטישן צוזאמענפֿאָר פֿון די יידישע קאָמיסאריאטן און פֿאָרשטייער פֿון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס? מיר ווילן זיך אין פּאָלי-

טיק ניט מישן, מיר ווילן אין דער ייִדישער שול קיין פּאָליטיק ניט אריינפֿירן...".

נאָר גאָר גיך—אין עטלעכע זיצונגען—האָבן זיך געמוזט איבערצייגן די פֿאַרביסנסטע קעגנער, אז ניט צופֿעליק זיינען זיך צוזאמענגעפֿאָרן די פֿאָרשטייער פון די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן מיט די קולטורעלע ייִדישע ארבעטער. אַ צו טיפֿער צוזאמענבונד עקזיסטירט צווישן דער לאגע פֿון דער ייִדישער שול מיט דער פּאָליטישער הערשאַפֿט פֿון ייִדישן ארבעטער-קלאס. אויב ס'וועט זיך אונדז אַיינגעבן פּאַקטיש צו פֿאַרווירקלעכן און איינשטעלן די העגעמאָניע פֿון דעם ייִדישן ארבעטער אַף דער ייִדישער גאַס—דאַן וועט לעבן און אַנטוויקלען זיך די נייע ייִדישע שול, אויב ניט, זיינען אלע האָפֿענונגען נאָר ווערטער, ווערטער אָן מאַיסים.

ניט אלע פֿון אונדזערע לערער, צום גרויס באדויערן, האָבן עס גוט פֿאַנאַנדערגעקייט. מיר ריידן דאָ, פֿאַרשטייט זיך, ניט פֿון יענעם טיפּ קאַזיאָנעם „אוטשיטעל", וואָס טאַנצט איצטער פֿאַר די נייע „באַלעבאַטים", ווי ער האָט פֿריער געטאַנצט פֿאַר די צאַרישע אינספּעקטאָרן. ניט זיי וועלן זיין די בויער פֿון דעם נייעם ייִדישן קולטור-לעבן, ניט זיי וועלן לייגן דעם פֿונדאַמענט פֿון דער נייער שול. זייער שפּרינגען „קאָדעש" פֿאַרן קאָמיסאַריאַט—קאָן פֿון אונדז ניט פֿאַרשטעלן זייער עכטן רעאַקציאָנערן פּאָנים און עקלהאַפֿטע אינערלעכע פּוסטקייט. מיר ריידן וועגן די לערער, וואָס האָבן אונדזער שול אַף זייערע פּלייצעס געטראָגן.

בולעט האָט זיך עס אַרויסגעוויזן, ווען אין דער שול-סעקציע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן דער באַציונג צום ייִדישן קאָמיסאַריאַט.

דאָ איז אונדז אויסגעקומען אויסצוהערן אי קלאָג-לידער אף דער געשטאָרבענער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, אי ייִושדיקע האָפֿענונגען אַף איר אופֿלעבן, אי די קנעכטישע שטאַמלעריי:

— „איז וואָס זאָלן מיר טאָן?"

ווען איינער א כאוועה האָט אַריינגעטראָגן אַ באַשטימטע קלאָרע רעזאָלוציע, אין וועלכער ס'האָט זיך גערעט וועגן דעם עגנן צוזאמענבונד פֿון דער אָקטיאַבר-רעוואלוציע מיט דער עקזיסטענץ פֿון דער פּראָלעטאַרישער קולטור ביכלאַל און וועגן דער מעגלעכקייט פֿון קולטור-בויונג אַף דער ייִדישער גאַס נאָר בא דער דיקטאטור פֿון די אַרבעטער-מאסן בא אונדז ביפֿראט, האָט די דאָזיקע רעזאָלוציע צונויפֿגעקליבן א גאַנץ באַדייטנדיקע מינדערהייט, אַרום 40 פּראָצ., נאָר זי איז ניט דורכגעגאַנגען: די מערהייט האט געפֿונען אַסאַך בעסער פֿאַר זיך אויסמיידן די פּאָליטישע זייט און שטעלן זיך אף דעם פּראַקטישן באָדן *).

*) די אָנגענומענע רעזאָלוציע: „קעדיי צו פֿאַרווירקלעכן די פּרינציפּן פֿון דער ייִדישער איינהייטלעכער אַרבעט-שול, געפֿינט די קולטור-סעקציע פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿאַר נויטיק, אַז אלע ייִדישע שולן זאָלן אַריינגענומען ווערן אין דער אַלגעמיינער מעלוכע-נעץ, זאָלן אויסגעהאַלטן ווערן אַף דעם כעשבן פֿון דער מעלוכע און זאָלן איבערגעגעבן ווערן אין קאָמפּעטענץ פֿון דעם ייִדישן קאָמיסאַריאַט".

ס'ווערן אַריינגעטראָגן דורך דער לערער-סעקציע פֿיר רעזאָלוציעס:

1) נעמענדיק אין אַכט די אינטערעסן פֿון דער יידישער דעמאָקראַטישער קולטור אין שול, געפֿינט די סעקציע פֿון די לערער, אַז באַ די איצטיקע באַדינגונגען, ווען די יידישע געזעלשאַפֿטלעכקייט איז אינגאַנצן צוּרוּינירט, דאַרף די לערערשאַפֿט אַרבעטן אין קאָנטאַקט (אין אַן ענגער באַציִונג) מיט דעם יידישן קאָמיסאַריאַט. (פֿאַר—10, קעגן—16, זיך אָפּגעהאַלטן—7).

2) די לערער-סעקציע געפֿינט, אַז קעדיי צו פֿאַרווירקלעכן די פּרינציפּן פֿון דער איינהייטלעכער אַרבעט-שול, דאַרפֿן די יידישע שולן אַריינגענומען ווערן אין דער אַלגעמיינער מעלוכע-נעץ, אויסגעהאַלטן ווערן אַף די מיטלען פֿון דער מעלוכע; דערביי אָבער מוזן זיי אַרויס פֿון דעם רעשוּס פֿון די אַל-געמיינע מעלוכע-אָרגאַנען און איבערגעגעבן ווערן אין דער קאָמפּעטענץ פֿון דעם יידישן קאָמיסאַריאַט. (פֿאַר—16, קעגן—5, אָפּגעהאַלטן זיך—8).

3) באַ דעם איצטיקן מאָמענט, ווען די יידישע געזעלשאַפֿטלעכקייט איז צוּרוּינירט געוואָרן, געפֿינט די לערער-סעקציע פֿאַר נויטיק, אַז די יידישע שול זאָל זיך געפֿינען אין דעם רעשוּס פֿון דעם יידישן קאָמיסאַריאַט, וועלכער וועט פֿאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן. (פֿאַר—10, קעגן—14, אָפּגעהאַלטן זיך—2).

4) געפֿינענדיק, אַז דער איינציקער שעפֿער פֿון די נייע קולטור-פֿאָרמען אַף דער יידישער גאַס איז דער פּראָלעטאַריאַט, האָט די לערער-סעקציע באַשלאָסן: די דייע איבער די יידישע קולטור-אַנשטאַלטן און דעם קאָנטראָל איבער זיי האָט דער צענטראַלער יידישער קאָמיסאַריאַט, אלס דער איינציקער פֿאַרטיידיקער פֿון זיינע אינטערעסן. (פֿאַר—6, קעגן—14, אָפּגעהאַלטן זיך—7).

נאָך לאַנגע הייסע דעבאַטן ווערט אָנגענומען די צווייטע רעזאָלוציע.

מען גייט איבער צו דער פֿראַגע וועגן דער גרויס פֿון אַ קאָמפּלעקט עס ווערט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז:

1) אין די ערטער, ווו עס זיינען פֿאַראַן מינדערהייטן, זאָל די פֿראַגע איבערגעגעבן ווערן דער קאָמפּעטענץ פֿון דעם יידישן קאָמיסאַריאַט.

2) יענע שולן, ווו עס פֿאָדערן זיך לערער מערער, וויפֿל ס'איז אָנגע-וויזן אין דעם דעקרעט, דאַרפֿן באַקומען ספּעציעל יידישע מיטלען.

3) רעכענען פֿאַר קליינע שולן אַ קאָמפּלעקט פֿון 15 קינדער, פֿאַר גרוי-סע—40 קינדער.

צום סאָף פֿון דער זיצונג ווערט באַטראַכט די פֿראַגע וועגן צוזאַמענ-רופֿן אַ לערער-צוזאַמענפֿאָר. עס ווערט באַשלאָסן, אַז אין דעקאַבער כוידעש זאָל צוזאַמענגערופֿן ווערן אַ לערער-צוזאַמענפֿאָר פֿון די לערער פֿון ווי-טעבסקער און מאָלעווער גובערניעס.

אַף דער זיצונג פֿון דעם 23-טן אָקטיאַבר ווערט באַהאַנדלט פֿון פּראַק-טישער זייט די פֿראַגע, וואָס זאָל מען טאָן מיט די שולן, ווו מען לערנט שוין העבּרעיש.

עס זאָגן זיך אַרויס פֿאָלגנדיקע רעדנער:

כ׳ פּיק (קאַנאַווינע): העברעיִש ווערט אויסגעשלאָסן, מיר אָבער קאָנען זיך באַציִען צו העברעיִש, ווי פֿריִער, מיר ווען געפֿינען פּריוואַטע מיטלען און לערער. איך גלויב ניט, אַז דער קאָמיסאַריאַט זאָל דאָס פֿאַרבאָטן.

כ׳ קאַמענעצקי (אינסטרוקטאר פֿון דער ייִדישער בילדונג-כעווורע אין מאסקווע): די שולן אונדזערע און די אלגעמיינע זיינען ניט קיין אַנאַלאָגיע. מיר האָבן שוין א טראַדיציע „לא בכח ולא בחיל״—אזוי איז שוין בא אונדז. בא ייִדן קען מען מיט גוטן אַסאַך דערגרייכן, אָבער ניט מיט גוואַלט. די גזיירע פֿון העברעיִש וועט ברענגען צו פֿאַרקערטע רעזולטאַטן. די לערער מוזן זען, די גזיירע זאָל זיך שטאַרק ניט פֿילן. ווייל דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט אַרויסטרייבן העברעיִש—דאַרף ער האָבן די מאַכט, אז אלע אונדזערע קינדער פֿון די גימנאַזיעס און פֿון די איבעריקע שולן זאָלן גיין אין דער ייִדישער שול. מען דאַרף, אז העברעיִש זאָל אַף דעם פּריוואַטן אויפֿן פֿאַרהיט ווערן, נאָר עס זאָל זיך געפֿינען אין די הענט פֿון גוטע לערער, קעדיי עס זאָל ניט אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון מעלאַמ־ים.

כ׳ פֿאַרבער (וואָראָנעזש): מיר באַהאַנדלען די פֿראַגע ניט פֿון דער פּרינציפּיעלער, נאָר פֿון דער פּראַקטישער זייט. מיר דאַרפֿן אָבער באַטראַכטן: וואָס הייסט עס די נייע רעפֿאָרמען? די שול ווערט מיטאַמאָל עקסט וועלטלעך. די באַפֿעלקערונג וועט פּראָטעסטירן. דאַרף מען זען דער פּראָצעס זאָל פֿאָרקומען מיט קלענערע וויטיקן.

כ׳ ריוועסמאַן (אָריאָל) איך בין ניט קיין קאָמוניסט, נאָר צוויי סימכעס זיינען בא אונדז פֿאַראַן. די ערשטע, וואָס די שול האָט באַקומען אַ ייִדישן פּירער, א באַלעבאָס. די צווייטע, וואָס מיר האָבן צווישן זיך געפֿונען אַזוינע עלעמענטן, וואָס קענען גלייך קוקן דעם עמעס אין די אויגן און ווייסן, וואָס אַ פֿאָלק-שול דאַרף געבן. די פּראָגראַם פֿון דער נייער שול איז דאָס שענסטע, דאָס העכסטע, וואָס די לערערשאַפֿט האָט באַשאַפֿן. שרעקט זיך ניט פֿאַר דער רעוואָלוציע אַף דער ייִדישער גאַס. אין די 60-קער יאָרן האָט מען געשריען „שקאָלעס ניע זשעלאַיעם״. דער רעדנער ווייזט אָן, אַז קיין גוואַלדטאַטן ווערן אַף די קינדער ניט געמאַכט. פֿארקערט, אַזאַ שול וועט אַלץ קענען געבן. די אָפּעראַציע מוז דורכגעפֿירט ווערן.

עס ווערט אָנגענומען, אַז העברעיִש, טאַנאַך און כומעש זאלן געלערנט ווערן נאָך די לימודים, פּריוואַט. דער פֿאָרשטייער פֿון דעם קאָמיסאַריאַט כ׳ טאָמסינסקי דערקלערט, אַז טאַנאַך און כומעש קאָנען אין דער שול פּריוואַט ניט געלערנט ווערן.

נאָך דעם גייט מען אַריבער צו דער אָרגאַניזאַציע-פֿראַגע, וועגן וועלכער עס ווערט אָנגענומען די פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

אויסקלייבן אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע-ביוראָ, וואָס זאָל באַשליסן די פֿראַגע וועגן אָרגאַניזירן אַ פּראָפֿעסיאָנעלן לערער-פֿאַריין.

גוזשנאוסקין ווערט איבערגעגעבן שאַפֿן אַ צענטראַל-ביוראָ אין ווי־טעבסק, די כאַווייריִם פֿאַרבער און ריוועסמאַן—אין צענטראַל-רוסלאַנד.

וועגן דער שול-בויונג אַף דער יידישער גאַס רעט אויך דער כ׳ גוזש־נאָווסקי, וועלכער ווייזט אָן, אַז פֿאַר אונדז איז איצטער פֿאַראַן צוויי וועגן: אָדער שאַפֿן אַ נעץ נייע שולן אָדער אַנטוויקלען און רעאָרגאַניזירן די אַלטע. פֿריִער פֿון אַלץ דאַרפֿן מיר נעמען אין אונדזערע הענט די אלטע שולן און מאַכן פֿון זיי איינהייטלעכע אַרבעט-שולן פֿאַר די ברייטע יידישע האָרעפּאַש־נע מאַסן.

דער כ׳ גוזשנאָווסקי ווי פֿריערדיקע רעדנער, ווייזט אויך אָן אַף די אַלע שטערונגען, וועלכע די שול בויונג האָט באַגעגנט מיצאַד אונדזערע בורזשואַזע אַנשטאַלטן, ווי די קעהילעס און אַנדערע. און אויך מיצאַד די לערער צום גליק איז די נויטיקייט איצטער אין אַ פּראָלעטאַרישער שול אַזוי שאַרף דער צופֿלוס פֿון קינדער אַזוי גרויס, אז ניט קוקנדיק אַף די אלע שטערונגען שאַפֿט זיך דאָך אַ יידישע שול.

אַפֿן קאָמיסאַריאַט—ענדיקט דער רעדנער—ליגט אַ גרויסע היסטאָרישע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַ מוירעדיקע אַכראַיעס, דער פּרינציפּ פֿון אַן איינהייט־לעכער שול אַף דער מוטער-שפּראַך איז אַ רעוואָלוציע אין דער יידישער שול: מיר דאַרפֿן וויסן, אַז די שול לערנט ניט נאָר לייענען און שרייבן, נאָר זי שאַפֿט גרויסע און אייביקע קולטורעלע אוצרעס.

דער יידישער טעאַטער.

דער כ׳ אָרשאַנסקי לייענט אַ באַריכט וועגן דעם יידישער טעאַטער.

ער דערמאָנט וועגן די שרעקלעכע פֿאַרפֿאָלגונגען, וועלכע דער יידישער טעאַטער האָט געהאַט אויסצושטיין אַמאָל פֿון דער צאַרישער רעגירונג און ווייזט אָן, אז מיר מוזן בויען אַ גוטן טעאַטער, וועלכער זאָל קענען אַנטוויק־לען די עסטעטישע געפֿילן פֿון יידישן אַרבעטער.

צום באַדויערן,—זאָגט דער רעדנער,—קענען מיר ניט אָנהויבן אונדזער אַרבעט נאָרמאַל דורך שאַפֿן א סטודיע, וועלכע וואָלט געקענט אין מעשעך פֿון צוויי-דריי יאָר אַרויסגעבן אַ געניגנדן קאַדער פֿון טאַלאַנטפֿולע און אינ־טעליגענטנע אַרטיסטן, ווייל מיר קענען דערווייל ניט לאָזן די יידישע גאַס אונטער דער שעדלעכער ווירקונג פֿון די זשיטאָמירסקעס מיט זייער כינקע־פינקע-רעפּערטואַר, און מיר מוזן צוטרעטן שוין צו בויען אַ יידישן טעאַטער כאָטש מיט די קויכעס, וועלכע מיר פֿאַרמאָגן.

אָנווייזנדיק נאָכער אַף דער אָרעמקייט פֿון אונדזער דראַמען-רעפּערטואַר, פֿאַרענדיקט כ׳ אָרשאַנסקי מיט דער האָפֿענונג, אַז צו אונדז וועלן צוקומען די ברייטע יידישע מאַסן פֿון ליטע, אוקראַינע און אַנדערע אקופּירטע ערטער וועלן מיר צוזאַמען מיט זיי שאַפֿן דעם עמעסן קינסטלערישן טעאַטער.

מיט דעם באַריכט האָט זיך געענדיקט די אַרבעט פֿון דער לערער סעקציע.

דער סאַכאַקל פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון די יִדישע קאָמיסאַריאַטן.

(ש. דימאַנשטיין—לייטאַרטיקל. „אמת“, 27-טן אָקטיאַבר 1928).

אַף דער ערשטער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג, וואָס דער יִדישער קאָמיִסאַריאַט האָט געמאַכט אין פעטראָגראַד*) האָט מען געהערט פֿון אלע זייטן די פֿראַגע: „מי סאָמכאָ“?

דער „בונד“ האָט געפֿונען, אַז מען רירט אָן זיין מאָנאָפּאָל אַף דעם יִדישן אַרבעטער, ער איז דאָך דער „איינציקער פֿאָרשטייער“, און אויסער אים האָט קיינער קיין רעכט ניט. די מאַסן מוזן נאָר גיין ווו דער „בונד“ פֿירט זיי. כאָטש אין אָפגרונט.

די ציאָניסטן, פֿאַרשלייערט אין סאָציאַליסטישע יאַרמלקעס, האבן געטאַינעט, אַז זיי געפֿינען פֿאַר איבעריק צו קעמפֿן מיטן קאָמיסאַריאַט, ווייל עס איז... אַ טויט געבאָרענע קינד.

ס'זיינען אַריבער 8 כאַדאָשים, ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן דער צענטראַלער קאָמיסאַריאַט, און מיר זעען אַן אומגעוויינטלעכן דערפֿאָלג פֿון די אידייען פֿון ראַטנמאַכט און קאָמוניזם אַף דער יִדישער גאַס.

אַלע גרויסע רוסישע שטעט זיינען געווען גוט פֿאָרגעשטעלט אַף דער קאָנפֿערענץ, אַפילע אויך די קליינע שטעטלעך, ווו עס זיינען נאָר דאָ אַרבעטער-גרופּן.

עס איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרן די אָקופּאַציע פֿון ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע און ליטע. מיט גרויס מי האָט זיך די דעלעגאטן איינגעגעבן דורכצומאַכן אלע שוועריקייטן ביז זיי האָבן דערגרייכט מאָסקווע.

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אז אונדזערע קאָמוניסטישע אידייען און אונדזער אַגיטאציע דורך אונדזער פרעסע מאכן דעם גרעסטן דערפֿאָלג צווישן די יִדישע אַרבעטער ניט נאָר בא אונדז, נאָר אויך אין דער אָקופּאַציע, ווו פֿאר אונדז אַגיטירט אויך די ווילדקייט און דער יאָך פֿון די דייטשישע אָקופּאַנטן.

די ערשטע קאָנפֿערענץ האָט געמאכט דעם בעסטן איינדרוק אף די לערער פֿון די יִדישע שולן, וואָס זיינען געווען איינצייטיק צונויפֿגערופֿן מיט

---

*) די ערשטע פֿארזאמלונג וואָס דער יִדישער קאָמיסאַריאַט האָט אָרגאַניזירט אין פעטראָגראַד, איז פֿאָרגעקומען דעם 23-טן יאַנוואַר 1918.

דער קאָנפֿערענץ. פֿון אָנפֿאַנג קאָנפֿערענץ זיינען זיי דאָרט געווען ווי פֿרעמד, נאָר אין די לעצטע טעג האָבן זיי זיך דערפֿילט היימיש. זיי האָבן זיך איבערצייגט, אז זיי זיינען צווישן די נאָענטסטע פֿריינט, וועמען עס איז זייער טייער זייער זאַך: די יידישע שול און דער קאָמיסאריאט איז דער איינציקער אָרט, ווו עס וועט אלץ געטאָן ווערן פֿאַר דער שול.

די קאָנפֿערענץ האָט זיך פֿארנומען מיט אלע הויפט פֿראַגן, וואָס שטייען אַף דער טאָגאָרדענונג פֿון דער יידישער ארבעטערשאפֿט אין געזעלשאפֿטלעכן לעבן. אף דער קאָנפֿערענץ גופֿע האָט די יידישע האָרעפֿאשנע מאסע אָנערקענט איר מאכט און האָט זיך איבערצייגט איין מאָל פֿאר אלע מאָל, אז אף דער יידישער גאס וועט פֿלאטערן, הויך די פֿאָן פֿון דיקטאטור פֿון פראָלעטאריאט.

די ערשטע ארבעט פֿון די יידישע קאָמיסאריאַטן אין דער פראָווינץ.

רעשימע

פון די אָפטיילן פונם קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים, זייערע אַדרעסן און פאַמיליעס פון די קאָמיסאַרן.

שטאָט	פאַמיליעס פון די קאָמיסאַרן און זייערע געהילפן
מאָסקווער צענטראַ־לער קאָמיסאַריאַט	דימאַנשטיין און שימעליעוויטש
וויטעבסק	ש. (ס) אַגורסקי
קורסק	גאָלשוואַרץ, קריוויצקי און אוגראָב
אָריאָל	מאַנדעלסבערג און ראָגאַלסקי
פעטראָגראַד	ש. ראַפּאָפּאָרט
יעלעץ	זאַבראָווסקי
טאַמבאָוו	איינשטיין
פערם	כאַזאַנאָוו
וואָראָנעזש	מ. אַלסקי און סעק׳ עטאַר זאַקוליאַק
סאַראַטאָוו	דאַשקאָווסקי און מאַלינסקי
ביזשניע־נאָווגאָראָד	ל. וו. זיסמאַן
טולע	באַקאַלטשוק
דובראָוונע	ה. קאַגאַן.
דווינסק	כאזאנאָוו און לעווין

אינסטרוקציעס פון צענטראַלן ייִדישן קאָמיסאַריאַט

פאַר די עמיסאַרן, וועלכע ווערן געשיקט אין פראָווינץ, און פאַר די קאָמיסאַרן פון די פראָווינץ-אָפּטיילן.

אין יעדער גובערניאַלער שטאָט מיט אַ ייִדישער באַפעלקערונג ווערט באַם סאָוועט, סאָוודעפּ געעפנט אַן אָפּטייל פון קאָמיסאַריאַט.

ד י א ו פ ג א ב ן פ ו ן ד י אָ פ ט י י ל ן:

א) אָרגאַניזירן און קאָנצענטרירן די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן אַף דער פּלאַטפאָרם פון דער סאָוועטנמאַכט.

ב) עס ווערט געפירט אַ ברייטע אַגיטאַציע באַ די ראַיאָן-קאָמיטעטן פון די סאָוועטישע פּאַרטייען. עס עפנט זיך אַ ספּעציעלע ביוראָ פאַר אַגיטאַציע צווישן די ייִדישע אַרבעטער. עס ווערן אומבאַדינגט פאַרשפּרייט די צייטונגען, זשורנאַלן, בראָשורן, וואָס דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט גיט אַרויס, און אויב מעגלעך, גיט מען אַף די ערטער אַרויס אייגענע אָרגאַנען.

ג) עס ווערן געעפנט סאָוועטישע ייִדישע אַרבעטער-קלובן און באַ די קלובן עפענען זיך ביבליאָטעקן, לייענזאַלן, קיכן א. ד. ג.

ד) עס ווערן אָרגאַניזירט לעקציעס, הויפּטזעכלעך אַף די פראַגן וועגן דער באַדייטונג פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע; וועגן די סאָוועטן אַלס אַ נייע מעלוכע-פאָרם, וועגן לויפנדיקן מאָמענט; וועגן נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין אַ קאָמוניסטישער מעלוכע און וועגן דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אונטער דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

ה) עס ווערט געפירט אַן אַגיטאַציע פאַר אַריינטרעטן אין דער רויטער אַרמיי.

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג: מיטגלידער פון די סאָוועטישע ייִדישע אַרבעטער-קלובן קענען זיין אַלע, וועלכע נעמען אָן די פּלאַטפאָרם פון דער סאָוועטנמאַכט. ד. ה. קאָמוניסטן, לינקע עסערן, לינקע פּועלי-ציאָניסטן, לינקע בונדיסטן און אומפּאַרטעיִשע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס

ו) די אָפּטיילן פון די קאָמיסאַריאַטן נעמען אונטער זייער קאָנטראָל אַלע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן.

ז) אַלע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן מוזן זיך פאַררעגיסטרירן אין ייִדישן קאָמיסאַריאַט. זייער גאַנצע טעטיקייט, און אין דעם אויך אַריינגערעכנט דעם פינאַנציעלן טייל פון אַלע אַנשטאַלטן, מוזן ווערן קאָנטראָלירט פון די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן. יעדער אָפּטייל פון קאָמיסאַריאַט זאָגט אַרויס זיין מיינונג וועגן דער נויטיקייט צו שטיצן מיט מעלוכישע מיטלען דעם אָדער יענעם אַנשטאַלט.

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג: דאָרט, ווו עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט, דאַרפן די קאָמיסאַריאַטן איבערנעמען אין זייערע הענט געוויסע אַנשטאַלטן,

ניט שטערנדיק דערביי דעם ריכטיקן גאַנג פון דער אַרבעט. זייער וויכטיק איז איבערצוגעמען ביבליאָטעקן, שולן א. ד. ג.

ח) מע מוז אופּפּאַסן אַף דער שול-אַרבעט: די קינדער דאַרפן קריגן אַזאַ בילדונג, וועלכע זאָל זיין נוציק פאַרן לעבן און דאַרפן זיך צוגרייטן צו זיין ווירדיקע רעוואָלוציאָנערע בירגער. די פראַגע וועגן דער שפּראַך פון די לימודים ווערט דערלייזט אַפן אָרט, לויט די באַדינגונגען.

ט) זיך באַשעפטיקן מיט סאָציאַלער באַזאָרגונג פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן און אָרעמקייט. שפּיטאָלן, באָגאַדעלניעס מוזן אַרויסגענומען ווערן פון די פילאַנטראָפּישע הענט און דאַרפן איבערגעבויט ווערן אַף אַלגעמיינע יעסוידעס, אַף יעסוידעס פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. מען דאַרף פירן אַ קאַמף מיט די ספּעציעלע יידישע אומדירעקטע שטייערן און פאַרבייטן זיי מיט דירעקטע.

י) די אַרבעט צווישן די פּליטים. דער אָפּטייל פון יידישן קאָמיסאַריאַט פירט אָן מיט דער אַרבעט צווישן די היימלאָזע. די פּליטים-קאָמיטעטן זיינען איינגאַנצן אונטערגעוואָרפן דעם קאָנטראָל פון יידישן קאָמיסאַריאַט. די אויפגאַבע פון די אָפּטיילן פון יידישן קאָמיסאַריאַט באַשטייט אין אָרגאַניזירן פּליטים-ראַטן, וועלכע זאָלן איבערנעמען אין זייערע הענט די אַרבעט צו באַזאָרגן די פּליטים און באַזונדערס די אַרבעט פון רע-עוואַקוירן און רעגולירן די איניאָנים פון היימלאָזע אין די אָקופּירטע געגנטן און זיין מיט זיי אין שטענדיקע פאַרבינדונגען.

יא) קאַמף מיט אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען. מע דאַרף באַקאָנען די באַפעלקערונג—דורך לעקציעס און מיטינגען—מיט דעם קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פון אַנטיסעמיטיזם און נאַציאָנאַליזם. מע דאַרף לייענען פאָרטראַגן צווישן די רויטאַרמייער; באַוואָפענען די מיט-גלידער פון סאָוועטישן יידישן אַרבעטער-קלוב און שטיין אין פאַרבינדונג מיט ספּעציעלע סאָוועטישע אָפּטיילן; איינשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט די אָרטי-קע קאָמיסיעס צו קעמפן מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע.

יב) די באַציִונג צו די יידישע קעהילעס. מע דאַרף זיך באַציען נעגאַטיוו צו דער טעטיקייט פון די קעהילעס און צו זייער וואַל-סיסטעם. מע דאַרף שטרעבן, ניט שטערנדיק דעם גאַנג פון דער אַרבעט און ניט ברענגענדיק קיין שאָדן דער זאַך, רעאָרגאַניזירן זיי אַף דעם יעסאָד פון דיקטאַטור פון די אַרבעטער און אָרעמסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

יג) צוגרייטן דאָס צוזאַמענרופן פון אַן אלרוסלענדישן צוזאמענפאָר פון די יידישע סאָוועטן.

דער לעצטער (צוזאמענפאָר) קלייבט אויס דעם צענטראַלן יידישן קאָ-מיסאַריאַט. אַף צו לייזן מער וויכטיקע און פּרינציפּעלע פראַגן, וועלכע זיי-נען שאַיעך אַ געוויסער געגנט, ווערט צונויפגערופן אַ געגנט-קאָנפערענץ".

צענטראַלער קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים

קאָמיסאַר ש. דימאַנשטיין.

וויטעבסקער קאָמיסאַריאַט פֿאַר יִידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים *).

מאָסקווע, דעם יִידישן קאָמיסאַריאַט.

באַריכט פֿונם אָפּטייל פֿאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע באַם וויטעבסקער קאָמיסאַריאַט פֿאַר יִידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים.

דעם 12-טן אַווגוסט 1918-טן יאָר האָב איך אָנגעהויבן צו פֿאַרוואַלטן מיטן אָפּטייל פֿאַר אגיטאציע און פּראָפּאַגאַנדע באַם יִידישן קאָמיסאַריאַט.

האַלטנדיק, אז באם וויטעבסקער יִידישן פּראָלעטאַריאַט איז די סאמע וויכטיקע נויטיקייט צו שאַפֿן א קאָמוניסטישע אָרגאַניזאציע, בין איך צוגעטראָטן צו שאפֿן אַ גרופּע יִידישע באָלשעוויקעס. נאָך אַ לאנגדויערנדיקער און שווערער ארבעט, נאָך דער מינדלעכער און שריפֿטלעכער אַגיטאַציע, איז מיר געלונגען אַוועקצושטעלן ווי געהעריק איז דעמדאָזיקן איניען, און דעם 4-טן סענטיאַבר ד. י. איז פֿאָרגעקומען די ערשטע אלגעמיינע פֿאַרזאמלונג פֿון דער יִידישער גרופּע באָלשעוויקעס, ווו עס איז בייגעווען קאָרעוו צו 50 מאַן, עס זיינען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס איך און דער כ׳ אַגורסקי. אָנווייזנדיק ווי גרויס איז די וויכטיקייט פֿאַר די יִידישע ארבעטער צוזאַמענגיסן זיך אין אַ איינהייטלעכן אָרגאַניזאַציאָנעלן צענטער, האָב איך גערופֿן די אופֿגעזאַמלטע שאַפֿן אַזאַ צענטער, און דאָ איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָלעקטיוו פֿון 5 פּערזאָן אַף צו פֿאַרפֿעסטיקן און פֿאַרברייטערן די אָרגאַניזאַציע. אַף אזא אויפֿן איז געלייגט געוואָרן דער פֿונדאַמענט פֿון דער יִידישער קאָמוניסטישער סעקציע (באָלשעוויקעס), וועלכע ציילט שוין העכער פֿון 80 מאַן און וועלכע זאגט צו אַנטוויקלען אין דער נאָענטסטער צייט אַן ענערגישע און פֿרוכטבאַרע טעטיקייט.

*) וועגן דער טעטיקייט פֿון וויטעבסקער קאָמיסאַריאַט פֿאַר יִידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים ווערן דאָ נאָר געבראַכט איינציקע דאָקומענטן. געענוי איז די טעטיקייט פֿון וויטעבסקער יִידישן קאָמיסאַריאַט באַלויכטן אין דעם זאַמלבוך — „די אָקטיאַבר רעוואָלוציע אין ווייסרוסלאַנד" און אין אונדזער בוך—„דער יִידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג".

ווייטער בין איך אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּראָעקט צו שאַפן אַ יידישע אַרבעטערהיים פאַר די פאַרשיידנאַרטיקע קולטור-אויפקלער-צילן. פאַר דעם ציל האָט מען רעקוויזירט די געביידע פון קינאָמאַטאָגראַף „רעקאָרד". נאָך די רעק-וויזיציע האָט מען געמוזט אַראָפּנעמען צוליבן פּראָטעסט מיצאַד אַ גרויסן שטאָט אָנגעשטעלטע פון קינאָמאַטאָגראַף, וועלכע וואָלטן געבליבן אָן א שטיקל ברויט, ווען דער קינאָמאַטאָגראַף וואָלט זיך פאַרמאַכט. דאן האָט דער אויספּירקאָם אָפּגעגעבן אין אונדזער רשות טיראַנטאָווסקעס טעאַטער. נאָך אין דעמזועלבן טאָג איז מען געקומען אהין פונם מיליטער-קאָמיסאַריאַט צו פאַרנעמען דעם טעאַטער פאַר רויטאַרמייער, אָן דעם וויסן פון אויספּירקאָם, מע האָט געמוזט סאַפקאָלסאָף קומען צו אַן אויסגלייך מיטן מיליטקאָם און באַנוצן זיך מיט דעם לאָקאַל פון טעאַטער צוזאַמען מיט די רויטאַרמייער אין באַשטימטע טעג אין וואָך.

די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע האָט שטאַרק געליטן צוליבן מאַנגל אין אַ געדרוקטן וואָרט. איך האָב דידאָזיקע פראַגע באַהאַנדלט צוזאַמען מיטן קאָ-מיסאַר פאַר יידישע אינייאָנים, מיט כ׳ אַגורסקי, און מיר זיינען געקומען צום באשלוס, אַז עס איז נויטיק צו שאַפן אַן אייגענע דרוקעריי. אף דער זיצונג פון קאָמיטעט פון דער סעקציע יידישע קאָמוניסטן האָט מען מיר איבערגע-געבן נעמען זיך פאַר דעמדאָזיקן איניען.

איך בין צוגעטראָטן צו זאַמלען די נויטיקע מאַטעריאַלן, איך האָב רעק-וויזירט דרוקעריי-מאַשינעס, יידישן און רוסישן שריפט, און איצטער האָבן מיר אין אונדזער רעשוס אַ גאַנץ פיינע דרוקעריי, וועלכע גיט א מעגלעכקייט צו פאַרשפרייטן צווישן די יידישע ארבעטער-מאַסן דעם געדרוקטן וואָרט, צייטונ-גען, זשורנאַלן, בראָשורן און בלעטלעך אף יידיש.

דער אָפּטייל פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע האָט בעדייע צו עפענען אין דער קורצסטער צייט פאַר די יידישע ארבעטער אַ גאַנצע ריי קולטור-אויפ-קלער-אָרגאַניזאַציעס: קלובן, לעזע זאַלן, ביבליאָטעקן.

גייענדיק אַנטקעגן דער אויסגעוואָקסענער באַדערפעניש פונם יידישן אַרבעטער אין אַ גוטן ביליקן בוך, אין קאָמוניסטישער ליטעראַטור אף יידיש, עפנט דער אָפּטייל פאַר אגיטאציע אין דער נאָענטסטער צייט אַ ביכער-לאַגער, וועלכער זאָל אימשטאַנד זיין צו באַפרידיקן די גייסטיקע באַדערפענישן פונם יידישן אַרבעטער.

עס איז שוין גוט אָוועקגעשטעלט די אָרגאַניזירונג פון די פאָרלעזונגען און לעקציעס, גוט גייט די איינאָרדענונג פון מאסן-מיטינגען און מיטינגען אף די זאַוואָדן, פאַבריקן און ווערקשטאַטן. באַ מיין אקטיווער מיטהילף איז געלונגען איינצופירן וועכנטלעכע לעקציעס, וועלכע עס לייענט רעגולער דער כ׳ אַגורסקי און וועלכע ציען צו גרויסע פאָלק-מאַסן.

פאַרוואַלטער פונם אָפּטייל פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע
באַם וויטעבסקער קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע איניאָנים

ל ע ו י ן.

באַריכט וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט פון דער ייִדישער קאָמוניסטישער סעקציע (באָלשעוויקעס).

דעם 4-טן סענטיאַבר איז לויט דער איניציאַטיוו פון כ׳ לעווין פאָרגעקומען אין דער געביידע פון ייִדישן קאָמיסאַריאַט די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער קאָמוניסטישער סעקציע (באָלשעוויקעס), עס זיינען בייגעווען קאָרעוו צו 50 מאַן. מיט רעדעס זיינען ארויסגעטראָטן די כ״כ לעווין, אַגורסקי און אַנד, די רעדנער האָבן גערופן די ייִדישע ארבעטער צו פאַרייניקן זיך אין איין איינהייטלעכער פעסטער אָרגאַניזאַציע, אין סעקציע פון קאָמוניסטן-באָלשעוויקעס. עס זיינען פאָרגעקומען וואַלן פון אַ קאָלעקטיוו פון 5 מאַן (כ״כ לעווין, אַגורסקי, ראַסמאַן, מאַרגאָלין און זילבער).

נאָכדעם, אַז מע האָט באַקומען אַן אייגענע געביידע, איז פאָרגעקומען די צווייטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג דעם 20-טן סענטיאַבר ד. י. אַף דערדאָזיקער פאַרזאמלונג איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון 7 מאַן. אין קאָמיטעט זיינען אַריין די כ״כ לעווין, אַגורסקי, כאַמאַרמער, שייניִן, סווערדלאָוו, קאַגאַן און פרוסלין. פאַר אַ סעקרעטאר איז באַשטעטיקט געוואָרן דער כ׳ שייניִן י. מ.

אַף דער זיצונג פון קאָמיטעט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 22-טן סענטיאַבר, איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן פאָרזיצער פון קאָמיטעט דער כ׳ אַגורסקי, געהילף-פאָרזיצער—כ׳ לעווין און קאַסיר—כ׳ קאַגאַן. כוצדעם איז געשיקט געוואָרן אַלס דעלעגאַט פון קאָמיטעט אין אויספירקאָם פון ראַט און קאָמיטעט פון וויטעבסקער אָרגאַניזאַציע פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס) דער כ׳ אַגורסקי.

די ווייטערדיקע פאַרזאמלונג איז אופגערופן געוואָרן דעם 26-טן סענטיאַבר ד. י. אַף דערדאָזיקער פאַרזאמלונג, נאָכדעם ווי עס זיינען באַשלאָסן געוואָרן עטלעכע וויכטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פראגן, איז באַהאַנדלט געוואָרן דער קאָנפליקט, ועלכער איז אַנטשטאנען צווישן קאָמיסאַר פאַר ייִדישע איניאָנים כ׳ אגורסקין און כ׳ ליבורקינען, דעם קאָמיסאר פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. איבער דערדאָזיקער פראַגע איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וועלכע דריקט אויס אומצוטרוי דעם כ׳ ליבורקינען און וועלכע פאָדערט, אַז ער זאָל באַזייטיקט ווערן פון דער שטעלע, וועלכע ער פאַרנעמט.

דעם 3-טן אָקטיאַבר איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון קאָמיטעט, ווו עס איז באַטראַכט געוואָרן די פראַגע וועגן די ניטריכטיקע מאיסים פון דעם ייִדישן עמיסאַר כ׳ מאַגאַריק. געפינענדיק, אַז דידאָזיקע מאיסים פון כ׳ מאַגאַריק טאָרמאָזירן די גוט אוועקגעשטעלטע פלאַנמעסיקע ארבעט פונם קאָמיסאַריאַט, האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן צו פאָדערן, אַז מאַגאַריק זאָל זיך אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון קאָמיטעט פון די ייִדישע קאָמוניסטן און זאָל ניט דינען פאַר אַ שטערונג אין דער אַרבעט פון קאָמיסאַריאַט. איבער דער

פֿראַגע וועגן דעם שטאַט פֿון אָנגעשטעלטע אינם ייִדישן קאָמיסאַריאַט איז דער קאָמיטעט געקומען צו דעם באַשלוס, אַז אייניקע פֿון די אָנגעשטעלטע זיינען ניט אויף זייערע ערטער און האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע מיטן ווונטש, אַז אויף אַלע פֿאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אינם קאָמיסאַריאַט זאָלן זיך געפֿינען אויסשליסלעך קאָמוניסטן-באָלשעוויקעס.

די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון ייִדן-קאָמוניסטן און מיטפֿילנדיקע, וועלכע איז אויפֿגערופֿן געוואָרן אויף דעם 5-טן אָקטיאַבער, האָט אויסגעקליבן דעם כ' אַגורסקי פֿאַרן קאָמיסאַר פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע ענינים און צוויי מיטגלי-דער פֿון דער קאָלעגיע — די כ"כ לעווין און כאַמאַרמער. די דאָזיקע פֿאַרזאַמ-לונג האָט אויך באַשטעטיקט אַלע רעזאָלוציעס, וועלכע זיינען אָנגענומען גע-וואָרן פֿון קאָמיטעט.

דעם 9-טן סענטיאַבער ד. י. איז אויף דער זיצונג פֿון קאָמיטעט אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע אויף צו אָרגאַניזירן דעם יאָנטעוו פֿון דער אָקטיאַבער-רע-וואָלוציע. אַחוץ דעם איז באַשטעטיקט געוואָרן די אַגיטאַציע-קאָמיסיע און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַקומען פֿאַר די מיטגלידער פֿון קאָמיטעט געווער און דעם נויטיקן אינווענטאַר און מעבל פֿאַר דעם קלוב. אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון קאָמוניסטן-באָלשעוויקעס און מיטפֿילנדיקע, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 14-טן סענטיאַבער, זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דעלעגאַטן אויף דער מאָסקווער קאָנפֿערענץ פֿון ייִדן-קאָמוניסטן (באָלשעוויקעס), מיט אַן איבערוועגנדיקער מערהייט שטימען זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער קאָנפֿערענץ דער כ' לעווין און דער כ' קאַגאַן. אויף צו פֿירן דערפֿאָלגרייכער די קולטור-אויפֿקלער-אַרבעט איז באַשלאָסן געוואָרן צוגעבן נאָך מיטגלידער אין דער קאָמיסיע, וועלכע פֿירט אָן מיט דער דאָזיקער אַרבעט. אין אַלגעמיינע שטריכן איז אָנגע-מערקט די ווייטערדיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט פֿון דער ייִדישער קאָמוניסטישער סעקציע (באָלשעוויקעס). פֿאַר אַ דעלעגאַט פֿון דער סעקציע אויף דער שטאָטישער סטראַכיר-קאָנפֿערענץ איז געשיקט געוואָרן דער כ' פּרוסלין. דער כ' לעווין מעלדעט, אַז ער האָט געפֿונען אַ פּאַסנדע געביידע פֿאַרן אַר-בעטער-קלוב, וועלכער וועט זיך די טעג עפֿענען.

אין אַלגעמיין דאַרף מען זאָגן, אַז די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציע (באָלשעוויקעס), אַדאַנק דער אַקטיווער און ענערגישער אַרבעט פֿון כ' לעווין, וואַקסט, פֿעסטיקט זיך און וועט איינגאַנצן באַרעכטיקן די האָפֿענונגען, וועלכע ווערן אויף איר געלייגט. שוין איצטער, פֿאַר קורצע $1^1/_2$ כאָדאָשים פֿון איר עקזיסטענץ ציילט זי אָן העכער 80 ווירקלעכע מיטגלידער, אַחוץ מיטפֿילנדיקע. די צאָל מיטגלידער אירע וואַקסט מיט יעדן טאָג און אין דער נאָענטסטער צוקונפֿט, דאַרף מען רעכענען, וועט זיך אַרום איר פֿאַרייניקן אַ גרויסע צאָל באַוווסטזיניקע ייִדישע פּראָלעטאַריער. די מיטינגען און לעקציעס, וועלכע עס אָרדנט איין דער קאָמיסאַריאַט פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע ענינים, ציען צו גרויסע מאַסן פֿון פֿאָלק, צו 700-1000 מאַן, און האָבן געטרייע צוהערער צווישן די ייִדישע אַרבעטער פֿון שטאָט וויטעבסק. אויף דער לעצטער פֿאַרזאַמלונג אירער האָט די קאָמוניסטישע סעקציע (באָלשעוויקעס), באַהאַנדלענדיק די פֿראַגע

וועגן דער פֿאָרם פֿון דער קינפֿטיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, געשטעלט זיך אַפֿן שטאַנדפונקט פֿון פראַקטישן פֿאַרווירקלעכן און דורכפֿירן אין לעבן די דעראָבערונגען פֿון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע.

אין דער ערשטער ריי אויסנוצן די אַלע מעגלעכקייטן, וועלכע עס פֿאַרמאָגט איצטער דער יידישער קאָמיסאַריאַט אף צו פֿאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן און גייסטיקן צושטאַנד פֿונם יידישן אַרבעטער-קלאַס. די כ״כ לעווין און אגורסקי האָבן שוין אָנגעמערקט, און אין דער נאָענטסטער צייט וועלן פֿאַרווירקלעכט ווערן אַ גאַנצע ריי וויכטיקע און אויסערגעוויינטלעך נוצלעכע פֿאַרן יידישן אַרבעטער אַזעלכע מאָסמיטלען, וועלכע זיינען געווענדט אַף צו זיכערן פֿאַרן יידישן אַרבעטער אַ מענטשלעכע עקזיסטענץ און געבן אים אַ מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט אַלץ, וואָס עס קאָן אים געבן די אַרבעטער-און פּויערים-מאַכט. אין טאָג-אָרדענונג איז שוין אוועקגעשטעלט און עס וועלן אינגיכן דערלייזט ווערן אַזעלכע לעבן-אופֿגאַבן פֿאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט פֿון וויטעבסק—ווי באַזעצן די שטאָטישע אָרעמקייט, וועלכע וואַלגערט זיך אין נאַסע, בלאָטיקע כאַלופּעס, אין צענטער שטאָט, אין גוטע הייזער, איינאָרדענען ביליקע אַרבעטער-קיכן קאַפֿע-הייזער, עפֿענען ביבליאָטעקן מיט אַ מערהייט ביכער אף יידיש, עפֿענען לייענהייזער, קלובן, ווו דער יידישער אַרבעטער וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצורוען, האַנאָע האָבן, לייענענדיק די אייגענע שרייבער, קאָמוניסטישע ליטעראַטור, אַנטוויקלען זיך גייסטיק, נאָכדעם אָנעמען מיטלען אַרויסצולאָזן צייטונגען, פֿאַרשפּרייטן פּרעסע-אויסגאַבן א. א. וו.

די יונגע יידישע קאָמוניסטישע סעקציע (באָלשעוויקעס) פֿון וויטעבסק ווייזט אַרויס גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע קויכעס, און עס איז דאָ אַ פֿעסטע האָפֿענונג, אַז זי וועט זיין דער זיכערסטער צענטער, וועלכער פֿאַראייניקט די ברייטע יידישע אַרבעטער-מאַסע און וועט זיך אַנטוויקלען אין אַ פֿעסטער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט געבן די מעכטיקסטע שטיצע דעם וויטעבסקער יידישן פּראָלעטאַריאַט באַם בויען דאָס נייע פֿרייען לעבן.

סעקרעטאַר י. מ. ש יי נ י ן.

וויטעבסק, 16-טן אָקטיאַבר, 1918-טן יאָר.

אַ מיטפֿיל־דעפּעש.

דער וויטעבסקער יידישע קאָמיסאַריאַט האָט געשיקט דעם כ׳ לענין דידאָזיקע דעפּעש:

„מיר, וויטעבסקער יידישער אַרבעטער, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַף אַ לעקציע פֿון דעם קאָמיסאַר פֿאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים—כאַווער אגורסקי, וואָס האָט געלייענט אף דער טעמע: „לענין און זיין ראָל אין דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע", שיקן אונדזער הייסן גרוס דעם אָנפֿירער פֿונם פּראָלעטאַריאַט און מיר האָפֿן אינגיכן ווידער צו זען אונדזער אָנפֿירער אין דער

שפּיץ פֿון אלוועלטלעכן רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד. מיר מעלדן אָפֿן פֿאַר אַלעמען, אַז די נאָכלויפֿער פֿון דער בורזשואַזיע און די אָגגעדונגענע פֿון קאַפּיטאַל וועלן אַף לעהאַבע האָבן צו טאָן מיטן באוואָפֿנטן פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט קעמפֿן פֿאַר זיינע אָנפֿירער און פֿאַרן ניצאָכן פֿונם סאָציאַליזם".

פֿון וויטעבסקער גוב. יידישן קאָמיסאַריאַט.

באַפֿעל נום. 2.

דער וויטעבסקער גובערניאַלער קאָמיסאַריאַט פֿאַר יידישע איניאָנים האָט באַשלאָסן: די „וויטעבסקער יידישע געזעלשאַפֿט פֿון באַזאָרגונג פֿאַר יידישע זקיינים און יעסוימים" (Витебское Еврейское Общество призрения бедных, престарелых и сирот евреев) פֿאַרמאַכן און די אומבאַוועגלעכע גיטער און קאַפּיטאַלן, וועלכע געהערן צו דער געזעלשאַפֿט, קאָנפֿיסקירן און אויסנוצן זיי אַף די באַדערפֿענישן פֿון די אָרעמע יידישע מאַסן.

דער באַשלוס גייט אַריין אין קראַפֿט פֿון דעם טאָג, ווען ער איז פּובליקירט אין דער היגער פּרעסע.

קאָמיסאַר ש. אַגורסקי.

דערקלערונג צום באַפֿעל נום. 2.

דער וויטעבסקער גוב. קאָמיסאַריאַט פֿאַר יידישע איניאָנים, באַטראַכטנדיק די פֿראַגע וועגן אַלע יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיך פֿאַרעגיסטרירט אין קאָמיסאַריאַט, האָט געפֿונען, אַז די וויטעבסקער כעווראַ פֿון באַזאָרגונג פֿאַר יידישע אָרעמע, זקיינים און יעסוימים (Витебское Еврейское Общество призрения бедных, престарелых и сирот евреев), וועלכע האָט אויפֿגעקליבן פֿון נעדאָוועס אַ קאַפּיטאַל פֿון 43.155 רובל מיט 75 קאָפּ. (דריי און פֿערציק טויזנט מיט הונדערט פֿינף און פֿופֿציק רובל מיט 75 קאָפּ) און האָט אַן אייגענע הויז, וועלכע דינט דער געזעלשאַפֿט בלויז צוליב האַכנאָסע—דערפֿילט לאַכלוטן ניט אירע אויפֿגאַבן און טוט פּאַקטיש גאָרניט אויף. לעמאָשל, פֿון באַלאַנס אַפֿן 1-טן יאַנוואַר 1918 וועלכן די כעווראַ האָט צוגעשטעלט, איז קענטיק, אַז שטיצע פֿאַר אָרעמע איז אויסגעגעבן בעסאַכאַקל זעקס הונדערט רובל, וואָס דאָס באַווייזט באַשיינפּערלעך, ווי ווייניק דידאָזיקע כעווראַ האָט געדאַיגעט צו דערפֿילן אירע פֿליכטן און ווי שווער עס איז געווען די יידישע עוויוינים (וועלכע וויטעבסק פֿאַרמאָגט, דאַכט זיך גענוג) צו דערשלאָגן זיך צו דער צדאָקע-כעווראַ, קעדיי צו קריגן וועלכע ס'איז שטיצע.

אַזאַ שוידערלעכע לאַגע קען ניט און טאָר ניט דערלאָזט ווערן פון דער מעלוכע-מאַכט. דער גאַנצער קאַפּיטאַל און אויך די גאַנצע ווירטשאַפט דאַרפן אויסגענוצט ווערן צוליב זייערע צוועקן. דעריבער האָט דער וויטעבסקער קאָמיסאַריאַט באַשלאָסן: די „וויטעבסקער יידישע געזעלשאַפט פון באַזאָרגונג פאַר יידישע אָרעמע זקיינים און יעסוימים״ פאַרמאַכן און די הויז אַף באַלניטשנע גאַס נומ. 9 מיט דער גאַנצער ווירטשאַפט (אינווענטאַר), וואָס געפינט זיך דאָרט, וועלכע געהערט דער געזעלשאַפט און אויך דעם קאַפּיטאַל אין אַ סומע פון 43.155 רובל מיט 75 קאָפ, וועלכער ליגט אין וויטעבסקער אָפּטיילונג פון פאָלק-באַנק (געוועזענער „סאָיעדיניאָני באַנק״) אַפן לויפנדיקן כעשבן אונטערן נומער 2019—קאָנפיסקירן און אויסנוצן זיי לעטוויוועס די באַדערפעניש פון די אָרעמע מאַסן, קוידעמקאָל אַף צו עפענען א יידישע ביליקע קיך און צו אויסבויען קינדערהיימען.

וויטעבסקער קאָמיסאַר פאַר יידישע איניאָנים
ש. אַגורסקי.

וויטעבסק, 5 סענטיאַבר 1918.

אויפרוף

פון ראַט פון די פאָלקאָמיסאַרן.

לויט די יעדיעס, וועלכע קומען אָן אין ראַט פון די פאָלק-קאָמיסארן, פירן די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן אין פיל שטעט, איבערהויפּט אין יענע, וועלכע ליגן נאָענט באם פראָנט—אַ פּאָגראָם-אגיטאציע און אין פיל ערטער זיינען שוין אפילע פאָרגעקומען עקסצעסן קעגן די יידישע ארבעטנדיקע און אָרעמע מאַסן. די בורזשואזע קאָנטער-רעוואָלוציע האָט אופגעהויבן יענע געווער, וואָס איז ארויסגעפאַלן פון דעם צאַרס האנט.

די זעלבסטהערשנדיקע רעגירונג, יעדער מאָל, ווען איר האָט געדראָט דער פאָלקסצאָרן, פלעגט זיך סטארען אלע כאַטאָים ארופווארפן אַפן סאָיר לאזאָזל—אַפן יידישן פאָלק—אופווייזנדיק קלוימערשט, אז אלע צאָרעס אין לאנד וואקסן פון יידן.

די יידישע גרויסבורזשואזיע פלעגט פונדעסטוועגן שטענדיק געפינען מיטלען ווי אזוי צו ארויסדרייען און ראטעווען זיך פון גוואלדטאטן און פאָגראָמען. בלויז דער אָרעמער טייל פון יידישן פאָלק און זיינע ארבעט-מאסן פלעגן ליידן און אומקומען פון די פוראָניעסן.

איצטער האָבן די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן ווידער אָנגעהויבן א העצריי קעגן יידן, זיי נוצן אויס דעם הונגער, די מידקייט און אומאַנטוויקלונג פון די מער אָפּגעשטאַנענע מאסן, וויסנדיק, אז דאָרט געפינען זיך רעשטלעך פון דער סינע און האַס צו יידן, וואָס די צארישע רעגירונג האָט דוירעסלאנג געפלאנצט.

אָבער אין דער רוסלענדישער ראטן-רעפובליק, ווו עס איז פעסטגע-שטעלט געוואָרן דער פּרינציפּ פון פרייהייט און זעלבסטבאשטימונג פאר אלע פעלקער און נאציעס, טאָר ניט דערלאָזט ווערן קיין שום נאציאָנאלער דרוק.

אף דעם יידישן בורזשוי קוקן מיר ניט ווי אף אַ יידן, נאָר ווי אף בורזשוי. דער יידישער ארבעטער איז אונדזער לייבלעכער ברודער.

יעדע העצעריי קעגן וועלכן ס'איז פאָלק איז אַ פאַרברעכן און א שאנד, און דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן.

דער ראט פון די פאָלק-קאָמיסאריאטן דערקלערט די אנטיסעמיטישע באוועגונג און די יידישע פאגראָמען אלס א טויט-געפאר פאר דער גאנצער רעוואָלוציע, אלס סאקאָנע פאַר די ארבעטער און פויערים-אינטערעסן, און ער רופט די ארבעטנדיקע מאסן פון דעם סאָציאליסטישן רוסלאנד צו קעמפן קעגן דעם מיט אלע קויכעס.

דער נאציאָנאלער האס ברענגט אריין שוואכקייט אין די רייען פון אונדזער רעוואָלוציע, צעררייסט די אייניקייט פון קאמף-פראָנט, און דאָס קען ברענגען נוצן בלויז אונדזערע סאָנים.

דעריבער באפעלט דער ראט פון די פאָלק-קאָמיסאריאטן אלע פראָווינ-ציעלע ראטן, זיי זאָלן אנעמען די שטרענגסטע מיטלען צו אויסוואָרצלען די פּאָגראָם-און אנטיסעמיטישע באוועגונג. די פּאָגראָמשטשיקעס און די, וועלכע אגיטירן פאר א פּאָגראָם, ווערן אוועקגעשטעלט אויסערן געזעץ.

פאָרזיצער פון ראט פון די פאָלק-קאָמיסארן

וו. אוליאַנאָוו (לענין).

פאַרוואלטער פון די איניאָנים פון ראט

וו. באָנטש-ברויעוויטש.

סעקרעטאַר נ. גאָרבונאָוו.

פּובליקירנדיק דעם אופרוף פון ראַט פון די פאָלק-קאָמיסאַריאַטן, איז מודיע דער אויספיר-קאָמיטעט פון וויטעבסקער אַרבעטער-ראַט, אַז יעדער אַנטיסעמיטישער פּרווו און פּאָגראָם-אַרויסטריט, אין וועלכער פאָרם דאָס זאָל ניט אַרויסגעוויזן ווערן, וועלן געראָדעפט ווערן מיט די גאַנצע שטרענגקייט און האַרטקייט פון רעוואָלוציאָנערן געזעץ.

אַלע יענע, וועלכע וועלן האָבן די האָזע צו פירן אַ פּאָגראָם-אַגיטאַציע, וועלן פאַרעכנט ווערן צוגלייך מיט די פּאָגראָמשטשיקעס אַליין, און זיי וועלן אויסגעראַמט ווערן פון דער וועלט.

פאָרזיצער ס. טשעשייקאָ-סאהאַצקי.

סעקרעטאַר וו. זאַנדער.

(איבערגעזעצט און ארויסגעגעבן פון וויטעבסקער יידישן קאָמיסאַריאַט).

וויטעבסקער קאָמיסאַר ש. אַגורסקי*).

---

*) דעראָזיקער אופרוף איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין טויזנטער עקזעמפּליאַרן איבער גאַנץ וויטעבסקער גובערניע אין רוסיש און אין יידיש.

צו דער ייִדישער באַפעלקערונג!

עס דערנעענטערט זיך דער נייער לערן-סעזאָן, און בא די עלטערן פֿון די ייִדישע אָרעמע קינדער, צום גאַנצן פעקל דאַיגעס, פּאָשעט וועגן טרוקענעם ברויט, האָלץ און ד. גל. קלעפּט זיך אָן אַ נײַ שווערע דאַיגע—וווּהין צו שיקן זייערע קינדער לערנען.

און קעדיי גיכער פּאָטער צו ווערן פֿון דער פֿאַרשאָלטענער דאַיגע, וואָס טוען די אָרעמע עלטערן? שפּאַרן זיי אַריין זייערע קינדער צו מעלאַמדים-באַטלאָנים אין פֿינצטערע, שמוציקע כאַדאָרים און טאַלמעדטוירעס, מאַכמעס זיי ווייסן, אז קיין אַנדערע שולן זייַנען ניטאָ פֿאַר זיי; אז גוטע שולן און גימנאַזיעס זייַנען אָפֿן נאָר פֿאַר רייכע.

מיט האַרצקלעמעניש קוקן זיי זיך צו ווי זייערע קינדער, אָפּגעזעסן עט-לעכע זמאַנים אָדער יאָר אין כאַדאָרים, גייען זיי אַרויס פֿון דאָרטן אָן שום בילדונג און מענטשלעכקייט, און אָנשטאָט צו שאַפֿן פֿון די קינדער מענטשן, וועלכע זאָלן זיין צוגעפּאַסט צום לעבן, וואָס דאָס איז די אויפֿגאַבע פֿון יעדער שול, גייען זיי פֿון די כאַדאָרים אַרויס פּאָשעטע אַמעראַצים סאַי אין מענטש-לעכקייט און סאַי אין ייִדישקייט.

און דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אין דער ייִדישער גאַס האָבן דוירעס-לאַנג געבאַלעבאַטעוועט אלערליי באַלעטויווס און אַנדערע „פּנייִ", וועלכע האָבן געזאָרגט צו שאַפֿן פֿאַר די אָרעמע מאַסן אזעלכע כאַדאָרים, ווו די אָרעמע קינדער זאָלן אפֿילע ניט אויסלערנען זיך צו פֿאַרשטיין די גאַנצע פֿאַלשקייט פֿון זייערע קלוימערשטע טויוועס.

אָבער אייביק טאָר דאָך אזוי ניט זיין!

די ייִדישע פֿאָלק-מאַסן מוזן זיך נעמען מיט זייערע אייגענע הענט איינאָרדענען זייער פֿאָלק-לעבן, און די ערשטע האַסכאָלע מוז געמאַכט ווערן פֿון קינדער-שולן.

די זאַך טאָר מער ניט אָפּגעלייגט ווערן, און דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט האָט אָף זיך גענומען די ארבעט צו שאַפֿן נייע, וועלטלעכע שולן, אין וועל-כע די קינדער פֿון די ברייטע ארבעטנדיקע מאַסן זאָלן קענען אומזיסט,—פֿאַר דער קורצער צייט, וואָס קומט אויס צו פֿאַרברענגען אין שול, באַקומען אַ געזונטע, פּלאַנמעסיקע בילדונג און דערציִונג.

ווייסנדיק, אז א טייל פֿון אָרעמע קינדער איז געצוווּנגען, אראַנק דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, יונגערהייט זיך פֿאַרנעמען מיט ארבעט און זיין אָפּגעריסן פֿון לימעד, וועט דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט גרינדן אָוונט-קורסן פֿאַר אזעלכע ארבעטנדיקע קינדער, אויך פֿאַר דערוואַקסענע. און דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט האָפֿט, אז די ייִדישע וויטעבסקער באַפֿעלקערונג וועט מיט סימ-פּאַטיע קומען צו הילף אין זיין ארבעט.

קעדיי צו וויסן גענוי, וויפֿל און וועלכע שולן זייַנען נויטיק אין דעם אָדער יענעם ראַיאָן צו עפֿענען, מוז מען קוידעמקאָל פֿעסטשטעלן די צאָל קינדער (ייִנגלעך און מיידלעך) אין יעדער ראַיאָן, וועלכע נויטיקן זיך אין

אָנפֿאַנג-אָדער מיטעלער בילדונג, און דאָס קען געמאַכט ווערן נאָר דורך אַן אַנקעטע (אָנפֿראַגן) צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג און מיר האָפֿן, אַז די מאַסן וועלן גערן זיך אָפּרופֿן אַף דער אַנקעטע און וועלן געבן ריכטיקע און גענויע ענטפֿערן אַף אַלע פֿראַגן פֿון דער אַנקעטע.

יידישע עלטערן! ענטפֿערט גענוי אַף אַלע פֿראַגן פֿון דער אַנקעטע, ניט פֿאַרשווייגט קיין שום זאַך—דאָס אַלץ איז צוליב אייערע קינדערס טויווע וועגן.

באַציט זיך ערנסט צו די מענטשן, וועלכע גייען מיט דער אַנקעטע, און גיט זיי ריכטיקע ידיעס. אַייערע קינדער וועלן אַייך דאַנקבאַר זיין אין צוקונפֿט.

סענטיאַבר 1918 יאָר. דער וויטעבסקער יידישער קאָמיסאַריאַט.

אָבליגאַטאָרישע פֿאַראָרדענונג*).

לויטן דעקרעט פֿון סאָוונאַרקאָם פֿון 7-טן דעקאַבר, 1918-טן יאָר, גייען איבער אלע בעסאַלמענס, דאָסגלייכן דער אַקט פֿון באַגראָבן די געשטאָרבענע בירגער—אין רעשוס פֿון די אָרטיקע סאָוודעפּן.

1) אַפֿן גרונט פֿון דעם אָנגעוויזענעם דעקרעט גייען איבער אַלע יידישע בעסאַלמענס, די באַוועגלעכע און ניטבאַוועגלעכע גיטער פֿון די כעוורע-קאַדישעס אין רעשוס פֿון וויטעבסקער גובערניאַלער סעקציע פֿאַר די יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים אלס אַן אָפּטייל באַם גובאויספּירקאָם.

2) פֿון דעם טאָג, ווי עס ווערט פובליקירט דידאָזיקע פֿאַראָרדענונג, ווערן די געוו. כעוורע-קאַדישעס אָפּגעשאַפֿן, און זייערע איניאָנים גייען איבער אין רעשוס פֿון דעם באַערדיקונג-אָפּטייל באַ דער וויטעבסקער גובערניאַלער סעקציע פֿאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים, און די לעוואַיעס פֿון יידן קאָנען ניט פֿאָרקומען אָן דעם וויסן פֿון דער יידישער סעקציע.

3) די פערזאָנען, וועלכע האָבן ניט קיין ספּעציעלע פֿולמאַכט פֿון דעם באַערדיקונג-אָפּטייל באַ דער סעקציע פֿאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים, ווערט אַפֿן שטרענגסטן אויפֿן פֿאַרבאָטן אַריינצומישן זיך אין די איניאָנים פֿון באַגראָבן די טויטע.

4) פֿון 1-טן פֿעווראַל 1919-טן יאָר ווערן די אַלטע בעסאַלמענס פֿון 2-טן און 3-טן ראַיאָן פֿאַרמאַכט און אַלע לעוואַיעס דאַרפֿן פֿאָרקומען אַף די בעסאַלמענס פֿון 1-טן און 4-טן ראַיאָן.

די פערזאָנען, וועלכע וועלן זיך ניט אונטערוואַרפֿן דערדאָזיקער אָבליגאַטאָרישער פֿאַראָרדענונג, וועלן באַשטראָפֿט ווערן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פֿון די רעוואָלוציאָנערע געזעצן.

פֿאַרוואַלטער מיט דער סעקציע פֿאַר יידישע
נאַציאָנאַלע איניאָנים ש. אַ גו ר ס ק י.

איך באַשטעטיק:
שטעלפֿאַרטרעטער פֿון וויטעבסקער גובאיספּאָלקאָם—פּ ע ט ר אָ וו.

---

*) מיט דערדאָזיקער אָבליגאַטאָרישער פֿאַראָרדענונג האָט דער יידישער קאָמיסאַריאַט ליקווידירט די וויטעבסקער „כעוורע-קאַדישע“ און פֿון איר צוגענומען 73 טויזנט רובל און אַנדערע גיטער.

די אַרבעט פֿון אָריאָלער יידישן קאָמיסאַריאַט*).

*
* *

דורך דער קורצער צייט, וואָס דער קאָמיסאַריאַט עקזיסטירט באַ אונדז, האָט ער זיך, דוכט זיך, באַוויזן געווינען דעם צוטרוי פֿון דעם גרעסטן טייל פֿון דער היגער אָרעמער באַפֿעלקערונג. דאָס באַווייזן אונדז די פֿולע באַזוכער מיט פֿאַרשיידענע פֿראַגן און באַקאָשעס, וואָס רירן אָן אַלזייטיק דאָס לעבן פֿון די אָרעמע מאַסן, און אַפֿילע די רייכערע קלאַסן באַציען זיך צום קאָמיסאַריאט אויך מיט א געוויסער אַכטונג. ס'קען זיין דערפֿאַר,—וואָס זיי, די פֿירער, די היגע באַלעטויוועס, האָבן די לעצטע צייט גאָרניט געטאָן, אַז אַפֿילע די געזעלשאַפֿטן, וואָס האָבן איצט באַדאַרפֿט יאָ לעבן—ווי לעמאָשל, דער קאָמיטעט פֿאַר היימלאָזע, וואָס האָט אזוי פֿיל ארבעט בא דער עוואַקואַציע—איז אויסער דער אַרבעט פֿונם פֿאָרזיצער, וואָס פֿלעגט קומען טעגלעך אף 15 מינוט „אונטערשרייבן די פּאַפּירלעך", איז גאָרניט געטאָן געוואָרן. און איצטער, זעען זיי פֿאַר זיך א לעבעדיקע אָרגאניזאַציע, מיט א גוט איינגעשטעלטן אפּאַראַט, און מיט אן אינטערעס צו אלע פֿראגן, וואָס דאָס יידישע לעבן רופֿט ארויס. מיר מיינען דערמיט ניט צו זאָגן, אז זיי זיינען צופֿרידן מיט אונדז, דאס וואָלט געווען זייער אַ שלעכטע רעקלאמע פֿאר אונדז, מיר ריידן נאָר וועגן אכטונג צו אונדז צוליב אונדזער ארבעט. דער אָריאָלער יידישער ארבעטער איז מיט אונדז, ער העלפֿט אונדז דורכפֿירן דאָס אלץ, וואָס ס'איז פֿאר אונדז נויטיק, און מיר באמיען זיך טאקע באם אויספֿירן פֿארשיידענע ארבעט אריינציען וואָס מער ארבעטער.

אונדזער אַרבעט אין די עטלעכע טעג איז געווען פֿאָלגנדיקע: ערשטנס, האָבן מיר איבערגענומען אונטער אונדזער פֿירונג דעם שטאָטישן קאָמיטעט פֿון די היימלאָזע, די שול, דעם קינדערהיים, די ביבליאָטעק. אונטער אונדזער קאָנטראָל געפֿינען זיך: דער גובערניאלער קאָמיטעט פֿון די היימלאָזע קאָמיטעטן פֿאר אָריאָלער גובערניע; די היגע אָפּטיילונג „אָזע" און דער גובערניאלער קאמיטעט פֿון „אָזע". פֿאקטיש דינען זיי אונדז נאר ווי א באראַטונג-ארגאן, ווייל צווישן די קאמיטעטן זיינען פֿאראן מענטשן, וואס קענען גוט די גובערניע, און אָט דערפֿאר מוזן מיר זיך מיט זיי באנוצן, ווי א באראטונג-

---

*) קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איז געווען געדרוקט אין „אמת" נומערן: 41, 42, 44, 47, פֿון אָקטיאַבר 1918 יאָר.

אָרגאַן. ווייטער וועלן מיר זיך אָפּשטעלן גענויער וועגן יעדן קאָמיטעט באַזונדער.

איבערנעמענדיק דעם שטאַטישן קאָמיטעט פֿאַר היימלאָזע — האָבן מיר איבערגענומען אַ צופֿוילטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך געלעבט מיט דעמזעלבן גאַנג, ווי פֿאַר דער רעוואָלוציע, מיט אירע אַלע אַלטע טראַדיציעס. און אויסער איין מענטש, דעם סעקרעטאַר, דעם אַרכיוו, מיט אַ דעפֿיציט האָבן מיר גאָרניט איבערגענומען.

און אָט אַף דעם באַרמענען האָבן מיר באַדאַרפֿט איינשטעלן אונדזערע איצטיקע אַרבעט. די היימלאָזע אָפּטיילונג באַדינט איצט ניט נאָר די שטאָטישע באַפֿעלקערונג, נאָר אַפֿילע אויך די גובערניע-דורכפֿאָרער: פֿאַרשיידענע יעדיעס, באַקומען „אודאַסטאָווערעניעס״, צוזאַמענשטעלן די עשאַלאָנען א.א.וו. אויסער דעם טיילט נאָך פֿאַנאַנדער די אָפּטיילונג הילף („סאָציאַלע הילף״) די וועלכע ס׳נויטיקן זיך. אונטער דער אָפּטיילונג גייט אויך אַריין אָריאַל. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דער אָפּטיילונג גייען אַריין נאָך פֿיל אַנדערע זאַכן, וואָס מ׳קען דאָ אַלץ ניט אויסרעכענען פּראָטימווייז. די אָפּטיילונג אַרבעט זייער גוט. אַלע, וועלכע קומען מיט אַ וועלכער ס׳איז באַקאָשע אָדער פֿראַגע, זיינען צופֿרידן, וואָס מ׳גיט זיי אַן אויספֿירלעכן ענטפֿער אַף אַלץ, וואָס עס אינטערעסירט זיי, וואָס פֿריער האָבן זיי דאָס ניט געהאַט.

איצט וועלן מיר איבערגיין צו אונדזער אַרבעט אַפֿן קולטורעלן געביט:

מיר מוזן זאָגן דעם עמעס, אַז אַף דעם געביט פֿון קולטור האָבן מיר נאָך דערווייל קיין סאַך ניט אופֿגעטאָן. אין דעמזעלביקן צעפֿוילטן, אָפּגעשטאַנענעם צושטאַנד, אָן מיטלען, אָן אַ באַלעבאָס האָבן זיך געפֿונען אונדזער שול, קינדער-היים און ביבליאָטעק. און אום איבערצובויען דאָס אַלץ—דאַרפֿן מיר שוין האָבן גאָר אַנדערע קרעפֿטן, ווי צום אופֿשטעלן דעם קאָמיטעט פֿאַר היימלאָזע. אין שול האָבן מיר דערווייל ניט געקענט אַריינברענגען קיין סאַך אויסבעסערונגען. ווייל ס׳איז איצטער קאַניקל-צייט, און עפֿענען וועט זי זיך נאָך סוקעס, נאָר פֿונדעסטוועגן פֿירן מיר אַ צוגרייטונג-אַרבעט. די פֿראַגע פֿון דער שול האָט זיך זייער שאַרף אַוועקגעשטעלט. די קאָלעגיע האָט אַנערקענט, אַז מען דאַרף זיין זייער פֿאָרזיכטיק באַם מאַכן וועלכע ס׳איז ענדערונגען אין שוללעבן, און דעריבער האָט די קאָלעגיע באַשלאָסן מאַכן אַ באַראַטונג וועגן דער שול-פֿראַגע, אַף דער באַראַטונג אויך איינלאַדן שטאָטישע, געזעלשאַפֿטלעכע טוער, וועמענס שטאַנדפּונקט ווידערשפּרעכט ניט אונדזערע אינטערעסן. מיר האָבן איינגעלאַדן ניט קיין פֿאָרשטייער פֿון פֿאַריינען, נאָר פּערזאָנען, און אַזעלכע האָט מען איינגעלאַדן 2: איינעם אַ בונדאָוועץ און דעם צווייטן אַ „פֿאַריייניקטן״. די באַראַטונג איז פֿאָרגעקומען דעם 11 אַווגוסט. נאָך פֿיל דעבאַטן איז קלאָר געוואָרן, אַז אין דער שול מוזן מיר מאַכן גרויסע ענדערונגען, אַז די שול מוזן מיר מאַכן פֿאַר אַ יידישער שול. און דאָס וועלן מיר קענען דורכפֿירן, ווען מיר וועלן האָבן לערער. פּרינציפּיעל האָבן זיך ביידע געזעלשאַפֿטלעכע טוער אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַ יידישער שול, ווו מען זאָל קיין העברעיש ניט לערנען, און נאָר אין אַזאַ שול זיינען זיי גרייט צו אַרבעטן.

אַף דער באַראַטונג איז די פֿראַגע ענדגילטיק ניט באַשלאָסן געוואָרן. מיר האָבן די פֿראַגע אַריבערגעטראָגן אַפֿן ראַט און אַף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון אונדזער יידישער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַף דער אַלג. פֿאַרזאַמלונג האָט די שול-פֿראַגע אַרויסגערופֿן הייסע דעבאַטן, און קימאַט אַלע כאַווײרים האָבן זיך געהאַלטן באַ איינער און דערזעלבער מיינונג: „אויב מיר זיינען רעוואָלוציאָנערן אַף דער יידישער גאַס, אויב מיר ווילן איבערבויען דאָס יידישע לעבן אַזוי, ווי מיר שטעלן זיך פֿאָר, טאָ פֿאַרוואָס זאָלן מיר אין דער הינזיכט בענויגייע די שול-פֿראַגע—אָפּשטיין? פֿאַרוואָס זאָלן מיר אין דער הינזיכט ניט זיין קאָנסעקווענט, אויסגעהאַלטן ביזן סאָף? פֿאַרוואָס זאָלן מיר אַליין אונטערהאלטן אַזאַ קעגנשטאַנד, וואָס איז אַ קעגן אונדזערע פּרינציפּן, אַ קעגן אונדזערע אינטערעסן?—און מיט אונדזער אונטערהאַלטן אַזאַ מין קעגן-פּרינציפּיעלן קעגנשטאַנד אַפּילע צייטווייליק, הייסט דאָס אויך, אַז מיר באַרעכטיקן דאָס".

די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג איז געקומען צום באַשלוס, אַז באַ אַ געוויסער אָנשטרענגונג קענען מיר שאַפֿן די יידישע שול, וועלכע מיר שטעלן זיך פֿאָר. ס'קען זיין, ניט גאָר קיין פֿולקאָמע, נאָר אַלנפֿאַלס גיין אַף דעם וועג.

די פֿאַרזאַמלונג האָט איינשטימיק אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס, אַז די שול מוז זיין אַ יידישע. העברעיש קען קיין אָרט ניט פֿאַרנעמען אין דער שול, וואָס מיר בויען, אַפֿן שול-געביט האָבן מיר נאָך קיין סאַך ניט אופֿגעטאָן דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן נאָך ניט קיין לערער. די אַלטע לערער טויגן אַפּילע ניט פֿאַר דער שול, וואָס איז געווען ביז איצט. אויב אַפּילע, ווען מיר זאָלן וועלן איבערלאָזן די שול מיט דער אַלטער פּראָגראַם (געווען איז דאָ אַ העברעישע שול, כאָטש זי האָט געהערט צום „אפּע"), באַדאַרפֿן מיר אויך בייטן דעם לערער-פּערסאָנאַל.

מיר האָבן זיך דורכגעשריבן מיט 4 לערער: 2 פֿון זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין מאָסקווע און ווילן אין אָריאָל ניט קומען, און דאָס איז זייער אַ גרויסער שאָדן פֿאַר אונדז. דאָס זיינען 2 גוטע יידישע לערער. 2 לערער אַנדערע, איינער אַף אַלגעמיינע לימודים אין יידיש און אַ צווייטער אַ יידישער לערער, האָבן איינגעשטימט צו לערנען באַ אונדז, מיר שרייבן זיך נאָך דורך מיט זיי. צי זיי וועלן בלייבן באַ אונדז—ווייסן מיר נאָך ניט. אָט אַזוי האַלט עס מיט אונדזער שול. מיר, פֿון אונדזער זייט, וועלן זיך באַמיען און זען, אַז צום נייעם שול-יאָר זאָלן מיר קענען עפֿענען אַ יידישע שול. מיר מוזן נאָך באַמערקן, אַז שול-ביכער איז באַ אונדז אויך ניטאָ, ניט קיין נייע, און ניט קיין אַלטע. און דאָס באַדאַרפֿט איר שוין נעמען אין אַכט.

אין קינדערהיים האָבן מיר קיין גרויסע ענדערונגען ניט געמאַכט דערווייל. עמעס, אין קינדערהיים פֿאָדערן זיך ניט אַזעלכע גרויסע ענדערונגען, ווי אין שול. דער קינדערהיים איז גיכער געווען צוגעפּאַסט צו די באַדערפֿענישן פֿון דער יידישער ברייטער מאַסע, אונדז קומט נאָר אויס אים פֿאַרפֿולקאָמען. אויסערלעך איז דער קינדערהיים שלעכט געווען אַוועקגעשטעלט.

אין קינדערהיים הענגט ניט קיין איין בילד, ס'הענגט ניט קיין אַרבעט פון די קינדער, ס'איז ניט פאַראַן קיין שפּילצייג, און דאָס, פאַרשטייט זיך, ווירקט אַף דער פּסיכאָלאָגיע פון קינד. מיר האָבן שוין באַשטימט אַף דעם אַ געוויסע סו-מע געלט, און מיר האָבן שוין אויך אָנגענומען מיטלען, אַז אויסערלעך זאָל דער קינדערהיים אויך מאַכן אַ גוטן איינדרוק אַף די קינדער. דער קינדער-היים האָט ביז איצט זייער אַ שלעכטע דירע, נאָר מיר נעמען אָן אַלע מיט-לען צו באַקומען אַ פּאַסיקע דירע. אַ לערערן האָבן מיר (ווי די היגע אָנפירער פון „אָזע" זאָגן) ניט קיין שלעכטע, און דאָס וועלן מיר זיך איבערצייגן.

די היגע ביבליאָטעק, וואָס איז ביז איצט געווען אונטער דער אָנפירונג פון דער היגער „אָפּע"-אָפּטיילונג, האָבן מיר באַדאַרפט פונדאַסנייי איבערבויען. אַ שרעקלעכער כאַאָס איז געווען אין דער ביבליאָטעק.

ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל אַכטונג געבן אף די ביכער, אַף דעם ביבליאָטעקער; קיין שום באלעבאָס איז אין ביבליאָטעק ניט געווען, און די פאָלגן דערפון זיינען געווען, אז מען האָט צעשלעפּט אַלע ביכער, און דאָס רעשט ביכער, וואָס זיינען פאַרבליבן, זיינען קימאַט ווי צעריסן. ווען מיר האבן איבערגענומען די ביבליאָטעק, האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אז אין משך פון 7 טעג מוזן ווערן אָפּגעטראָגן אַלע ביכער, וואָס מען האָט גענומען פון דער ביבליאָטעק, און די, וואָס וועלן ניט אָפּברענגען צו דער באַשטימטער צייט, וועלן באשטראָפט ווערן מיט 100 רובל שטראָף פאַר יעדן בוך.

דאָס האָט געהאַט א ווירקונג, און מ'האָט אָנגעהויבן אָפּטראָגן אַזעלכע ביכער, וואָס מ'האָט שוין גערעכנט פאַר פאַרפאַלענע. די נייע ביבליאָטעק האָבן מיר באשלאסן אנצורופן אַפן פאַרשטאָרבענעמס י. ל. פּערעצעס נאָמען. מיר האָבן אויך באַשלאָסן אופהענגען אַ גרויס פּערעץ-בילד.

מיר זיינען שוין צוגעטראָטן צו פאַריכטן אַלע ביכער, זען שאַפן מיטלען און קויפן נייע ביכער, מיט איין וואָרט, אוועקשטעלן די ביבליאָטעק אזוי אַז זי זאָל קענען באַדינען די היגע ברייטע יידישע מאסן. אין ביבליאָטעק זאָלן זיי קענען געפינען דעם בוך אָדער זשורנאַל, אין וועלכן זיי נויטיקן זיך. די טעג וועלן מיר אַרויסשיקן אין קולטור- און בילדונג-אָפּטייל אַ גענויעם קאַ-טאַלאָג פון אַלע ביכער, וואָס געפינען זיך בּאַ אונדז, גלייכצייטיק אויך אַ סטאַ-טיסטיק פון אונדזערע לייענער.

אויסער די אויבנדערמאָנטע געזעלשאַפטן און אַנשטאַלטן, וואָס זיינען פאַקטיש אַריבער אין אונדזער רעשוס, זיינען נאָך פאַראַן אַזעלכע אָרגאַני-זאַציעס, וואָס זיינען אונטער אונדזער קאָנטראָל, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט.

אין דער גאַנצער צייט פון „בעזשענסטווע" אָנהויבנדיק פון 16-טן יאָר אָן, האָט דאָ עקזיסטירט אַ גובערניאַלער קאָמיטעט, און אין אָריאָל איז די גובערניאַלע ביוראָ. ביז דער רעוואָלוציע האָט דער קאָמיטעט נאָך ווי ס'איז געאַרבעט, ער האָט געהאַט זיינע ספּעציעלע באַפולמעכטיקטע, וועל-כע פלעגן ארומפאָרן איבער דער גובערניע און מיטהעלפן מיט אָנווייזונגען

די אָרטיקע קאָמיטעטן, דאַן האָט מען נאָך אין אָריאָל באַקומען געלט פאַר דער גאַנצער גובערניע, און דער גובערניאַלער קאָמיטעט האָט דאָס פאַנאַנדערגעשיקט.

נאָך דער רעוואָלוציע איז דער גובערניאַלער קאָמיטעט אינגאַנצן געענדערט געוואָרן. די אַלע באַפולמעכטיקטע זיינען זיך צופאָרן, פון גובערניאַלן קאָמיטעט זיינען אַרויס אַלע סאָציאַליסטישע עלעמענטן, אַזוי אַז די אַרבעט האָט שוין ניט געקענט זיין די, וואָס איז געווען פריער. פון דאַן ביז איצטער איז באַשטאַנען די אַרבעט פון ביוראָ אין פאַנאַנדערשיקן די געלט, וואָס זיי באַקומען דאָ, איבער דער גובערניע.

איצטער האָבן היימלאָזע לויטן דעקרעט אויפגעהערט צו זיין „היימלאָזע”, און מען האָט זיי געשטעלט גלייך מיט דער איבעריקער אָרעמער באַפעלקערונג, וואָס נויטיקן זיך אין סאָציאַלער הילף, און די סאָציאַלע הילף ווערט ניט אַרויסגעגעבן אין אָריאָל פאַר דער גאַנצער גובערניע, נאָר יעדע שטאָט דאַרף זען דאָס באַקומען פון די אַנטשפּרעכנדיקע קאָמיסאַריאַטן. פאַרשטייט זיך, אַז דער גובערניאַלער קאָמיטעט האָט פאַרלאָרן אינגאַנצן זיין באַדען. מיר, זייענדיק פאַרינטערעסירט, אַז אַף די ערטער זאָל די אָרעמע באַפעלקערונג ניט דאַרפן ליידן,—ווייל ס׳איז נאָך ניט פאַראַן דער אַפּאַראַט פון קאָמיסאַריאַט איבער דער גובערניע, און אָרטיקע קאָמיטעטן קענען ניט אַרבעטן צוזאַמען מיט די ראַטן, האָבן מיר צוזאַמענגערופן אַ זיצונג פון גובערניאַלן קאָמיטעט צוזאַמען מיט דער קאָלעגיע פון קאָמיסאַריאַט, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז קאָלומאַן מיר האָבן נאָך ניט דעם נויטיקן אייגענעם קאָמיסאַריאַטן-אַפּאַראַט איבער דער גובערניע, דערלאָזן מיר די צייטווייליקע עקזיסטענץ פון גוב. ביוראָ, צוליב דעם, וואָס זי קען אונדז ברענגען געוויסע נויטיקע אינפאָרמאציע-ידיעס. כוץ דעם, דאַרף די גוב. ביוראָ אונטערוואַרפן זיך אונדזערע אַלע באַשלוסן און דאָס אויספירן...

אויסער די אויבנדערמאָנטע געזעלשאַפטן האָבן מיר אויך איבערגענומען אונטער אונדזער קאָנטראָל דעם פאַרבאַנד „יידן-סאָלדאַטן” און אַנדערע.

* *
*

ווען דער אָריאָלער יידישער אַרבעטער איז צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן אַף דער יידישער גאַס די דעראָבערונגען פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע, האָט ער ריישיסכאָכמע, אַראָפּגעטריבן די זאַטע מיזרעך-באַלעבאַטים פון די ווייכע קעהילע-בענקלעך, און באַשאַפן אַף זייער אָרט אַן אַרבעטפעיקן יידישן קאָמיסאַריאַט און אַ ראַט פון יידישע אַרבעטער, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך דער היגער יידישער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און וואָס האָט זיך די ערשטע אויפגאַבע געשטעלט מעוואַער זיין פון דער יידישער גאַס אַלץ דאָס, וואָס איז טראַדיציאָנעל, אלט און פאַרפוילט, און אַף זייער בערגל אַש, שאַפן יענע נייע פראָלעטארישע קולטור-ביניאָנים, פאַר וועלכע דער יידישער אַרבעטער האָט זיך אזוי פיל מויסער נעפעש געווען; באַפרייען די אָרעמע מאַסן

פֿון יענע שעדלעכע קולטור-פֿילאַנטראָפּיע. וואָס אונדזערע קלאַל-ייִסראָעלדיקע אוילעמהאַבע-פֿאַרזאָרגער האָבן זיי דוירעסלאַנג געשפּייזט; אַ סאָך מאַכן צו יענע לעבעדיקע קוואָרים (כאַדאָרים און שולן, אָ. פּ. ע. בלע׳ז), וואָס האָבן אויסגעהאָדעוועט גאַנצע דוירעס „באַנצע שווייגס”, אייביקע קאַליקעס, וואָס האָבן קיין שום האַסאָגע ניט פֿון „היינט”, און וואָס וואַרטן נאָר אַף דער טקיִע גדוילע פֿון מאָשיִעכס שויפֿער—צו אָט דער פֿילאַנטראָפּישער פּינצטערער דערציִונג מוז נעמען אַ סאָף. ס׳מוז באַלד געשאַפֿן ווערן פֿאַרן קינד פֿון דער פֿאָלק-מאַסע יענע וועלטלעכע ייִדישע שול, וואָס זאָל אים געבן די נויטיקע מענטשלעכע דערציִונג, עס זאָל קענען זיין אַ געוווּנטשענער אַנטוויקלטער מיטגליד פֿון דער אַלוועלטלעכער מענטשן-מישפּאָכע. און דער ייִדישער אַרבעטער דורך זיין אויספֿירונג-אָרגאַן—דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט—האָט זיך באַלד גענומען צו דער ארבעט—אופֿבויען די נייע ייִדישע וועלטלעכע פֿאָלק-שול.

די טעג איז דאָ איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן ייִדישן קאָמיסאַריאַט אַ פֿאָלק-מיטינג וועגן דער נייער ייִדישער פֿאָלק-שול. דער מיטינג האָט שטאַרק פֿאַרינטערעסירט די ייִדישע באַפֿעלקערונג. דער ייִדישער קאָמיסאַר, כ׳ מאַנדעלסבערג, האָט באַקאַנט געמאַכט די פֿאַרזאַמלטע מיט די נייע יעסוידעס, אַף וועלכע די נייע ייִדישע שול וועט געבויט ווערן. אין די קינדער-קוואָרים, די מעפּיצײ-האַסקאָלעדיקע אַנדרויגינוס-שולן, וואָס האָבן אָפּגעטויט די לעבעדיקסטע קינדער-נעשאָמעס, האָט די ייִדישע בורזשואַזיע אירע קינדערלעך ניט געשיקט, נאָר געשיקט האָבן זיי אַהין די הילפֿלאָזע קינדער פֿון די אָרעמע מאַסן; זייערע באָנים האָבן זיי אָפּגעגעבן די ליכטיקע און די וואַרעמע צימערן פֿון די פֿרעמדע גימנאַזיעס, ניט געקוקט אף דעם, וואָס זיי האָבן אַזוי מאַרישאוילעם געוועזן וועגן דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן כיידער, פֿון וועלכן ס׳איז אָפּהענגיק דער גאַנצער „קיום האומה”? די נייע שול דאַרף מיטן גרונט איבערגעבויט ווערן אַפּדאָסנײ, און נאָר דאַן וועלן מיר קענען פֿון איר דערוואַרטן דאָס, וואָס מיר פֿאַרלאַנגען. די נייע שול וועט אויך אונדז שאַפֿן די נייע עפּאָכע פֿון נייער שאַפֿונג. די ווערטער באַגעגנט דער אוילעם מיט לאַנגע וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן.

ס׳ריידן נאָכדעם נאָך אייניקע כאַווײרים. ס׳רעט דער כ׳ סינײליקאָוו וועגן „די פרינציפּן פֿון דער אײנהייטלעכער אַרבעט-שול”. ס׳רעט דער כ׳ פיגאָווסקי וועגן דעם אַלטן „כיידער מעקולקל און די נייע ייִדישע שול”. ער שטעלט זיך גענויער אָפּ וועגן דעם אַזויגערופֿענעם אַם-האַסײפֿער, וואָס האָט ווייניקער ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער געזאָרגט וועגן אַ נאָרמאַלער געוווּנטשער דערציִונג.

צום סאָף ווערט מיט לאַנגדויערנדיקע, שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן—אָנגענומען פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציע.

„אַף אַ מיטינג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן ייִדישן קאָמיסאַריאַט וועגן דער „נייער ייִדישער פֿאָלק-שול”, אויסהערנדיק די נייע פרינציפּן און יעסוידעס, אַף וועלכע די ייִדישע פֿאָלק-שול וועט געבויט ווערן, באַגריסט

די אריאָלער ייִדישע באַפֿעלקערונג דעם אָריאָלער ייִדישן קאָמיסאַריאַט, וועלכער טרעט צו צו פֿאַרווירקלעכן אַף דער ייִדישער גאַס דעם אַלטן טרוים און הייסן ווונטש פֿון דעם ייִדישן אַרבעטער, פֿאַר וועלכן ער האָט יאָרן-לאַנג געקעמפֿט—אויפֿבויען די נייע ייִדישע וועלטלעכע פֿאָלק-שול אַף דער ייִדישער שפּראַך, ווייל נאָר אַזאַ שול קען געבן דעם קינד דאָס געווונטסטע און נאָרמאַלסטע דערציִונג, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער נייער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. זאָל לעבן די נייע וועלטלעכע ייִדישע פֿאָלק-שול און איר קעמפֿער—דער ייִדישער אַרבעטער!".

דער מיטינג האָט אַפֿן אוילעם זייער אַ גוטן איינדרוק געמאַכט. סאַכאַקל איז נאָר 3 טעג אַריבער, ווי ס'איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן די מעלדונג פֿון ייִדישן קאָמיסאַריאַט, אַז ס'ווערן אָנגענומען טאַלמידים אין דער ניי-געעפֿנטער שול, און פֿאַרשריבן איז שוין ביז 100 קינדער. דאָס קען אונדז דינען אַלס דער בעסטער באַווייז, אַז אומזיסט האָבן אונדז געשראָקן די אָנהענגער פֿון די אוילעמהאַבע-כאַדאָרים און פֿון די צווייִשפּראַכיקע אַנדרויגינוס-פּראָגראַם פֿון „אָפּע", אַז די „ברייטע ייִדישע פֿאָלק-מאַסע וועט קלוימערשט ניט שיקן זייערע קינדער אין דער שול, וווּ קיין וואָרט העברעיִש ווערט ניט געלערנט"—די רעזולטאַטן אָבער זיינען פּונקט דער הויפּעך. זאָלן אָט יענע „פּאַכדאָנים" פֿון אַלערליי סאָרטן וויסן, אַז די ייִדישע מאַסן גיבן אָפּ זייערע קינדער מיט צופֿרידנקייט אין דער נייער ייִדישער שול. פֿיל ייִדישע עלטערן, וואָס האָבן זייערע קינדער געהאַט פֿאַרשריבן אין די רוסישע גימנאַזיעס, נעמען צו זייערע קינדער פֿון דאָרטן און גיבן זיי אָפּ אין דער ייִדישער שול. דאָס קען אונדז דינען אַלס דער בעסטער באַווייז, אז נאָר אין אַזאַ טיפּ שול נויטיקן זיך די ברייטע ייִדישע פֿאָלק-מאַסן.

אָט די דערפֿאָלג-רעזולטאַטן גיט צו דעם ייִדישן ארבעטער נאָך מער מוט און ענערגיע פֿאָרצוזעצן און פֿאַרווירקלעכן ביזן סאָף אַף דער ייִדישער גאַס די אַלע שווערע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבן פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע.

ר. שין.

רעזאָלוציע פֿון אָריאָלער ייִדישער קאָמוניסטישער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע בענויגייע דער ליבקער עסערישער אַוואַנטיורע.

„מיר, אַרבעטער, ייִדישע קאָמוניסטן, אַף אַן אלגעמיינער עקסטרע-פֿאַרזאַמלונג פֿון 11 יול, דריקן אויס אונדזער טיפֿסטע פֿאַראַכטונג צו אונדזערע געוועזענע כאַוויירים ליבקע עסערן, פֿאַר זייער אַוואַנטיוריסטיש-פֿאַרברעכערישן אויפֿשטאַנד קעגן דער הייליקסטער און טייערסטער, דוירעסלאַנג מיט קאָרבאָנעס אויסגעקעמפֿטע אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, און די אַרבעטער-ראַטן, און מיר זאָגן: פֿאַר פֿיינט פֿונם אַרבעטער-קלאַס איז ניטאָ מער קיין אָרט אין די אַרבעטער-רייען.

מיט כאַווערשער ליבע און רעוואָלוציאָנערן דערעכערעץ באַגריסן מיר הייס די איינציקע קאָמוניסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי, וועלכע איז געבליבן טריי די אינטערעסן פון די אַרבעטער און אָרעמע מאַסן—באַ די פּאַרצווייפלטסטע און פאַרכוישעכטסטע מינוטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

שטיצנדיק זיך אַף דער אייזערנער מאַכט, אַף דער מאַכט פון אַרבעטער, און גלויבנדיק אין דעם ענדציל פון קאָמוניסטישן אידעאַל—מיט נאָך מער מוט און רעוואָלוציאָנערער העלדישקייט טראָגט זי אָפּן דערנער-וועג די אַלטע רויטע פאָן, די אַרבעטער-פאָן, וואָס פירט פאָרויס, צום סאָציאַליסטישן ענד-ציל. און אָט פאַר דער רויטער פאָן שווערן מיר, מיר, יידישע קאָמוניסטישע אַרבעטער, אַז ניט מיט ווערטער, נאָר מיט מאַיסים, מיט געווער אין די הענט, ניט אַף לעבן, נאָר אַף טויט, וועלן מיר גיין פאַרטיידיקן די אַלע דעראָבערונ-גען פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע, די אַרבעטער-מאַסע אין דער פאָרם פון אַרבעטער-ראַט.

נידער מיט די אָפּענע און באַהאַלטענע פיינט פון דער רוסישער רעוואָלוציע!

זאָל לעבן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור!

לעבן זאָל דער אַרבעטער מיט זיין איינציקער פּאַרטיי—די רוסלענדישע קאָמוניסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)!

אָריאָלער יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

11-טער יול 1918

וואָראָנעזשער יידישער קאָמיסאַריאַט

באַריכט*)

וועגן דער טעטיקייט פונם וואָראָנעזשער קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאַנים פאַר דער צייט פון דעם 15-טן אַווגוסט 1918-טן יאָר ביזן 1-טן אַפּרעל 1919 יאָר.

צוטרעטנדיק צו באַטראַכטן די טעטיקייט פון וואָראָנעזשער גובערניאַלן קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאַנים, דאַרף מען אָפּצייכענען דעם דערפרייענדיקן פאַקט, אַז צו דער פראַגע וועגן שאַפן אין שטאָט וואָראָנעזש אַ יידישן קאָמיסאַריאַט, האָבן די אָרטיקע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס („בונד", „פאַריינִיקטע" און פּועלי ציאָן") באַצויגן זיך ניט נאָר מיט מיטגעפיל, נאָר נעמען אַ דירעקטן און אומדירעקטן אָנטייל אין דער אָרגאַניזירונג פונם קאָמיסאַריאַט, ניט געקוקט אף דעם, וואָס די צענטראַלע אָרגאַנען פון די דאָזיקע פאַרטייען האָבן אין דערדאָזיקער צייט באַצויגן זיך נעגאַטיוו צו די קאָמיסאַריאַטן. עמעס, עס זיינען געווען אייניקע כלוקעדייעס וועגן דער פאָרם פון אָרגאַניזירן אַ קאָמיסאַריאַט, נאָר אַלע פאַרטייען זיינען זיך אופגעגאַנגען אף דער נויטיקייט צו שאַפן אַ רעוואָלוציאָנערן אָרגאַן, וועלכער האָט געדאַרפט אַרויסרייסן די מאַכט פון די הענט פון דער יידישער בורזשואַזיע און וואָלט אָנגעווענדעט זיין טעטיקייט לעטויוועס די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

וואָראָנעזשער יידישע אַרבעטער האָבן שוין דאַן פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן ניט וואָס צו דערוואַרטן פון דעם „דעמאָקראַטישן" קלעריקאַל-ציאָניסטישן קעהילע-ראַט, וועלכער האָט פאַר ניין, צען כאַדאָשים פון זיין עקזיסטענץ אַבסאָלוט ניט אַרויסגעוויזן קיין סימאָנים פון -טעטיקייט, נאָר וועלכער האָט אף יעדער זיצונג זיינער סיסטעמאַטיש באַשפיגן זיין לינקן פליגל—די פאַרשטייער פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס.

די פראַגע וועגן היימלאָזע.

מיר שטעלן זיך אָפּ הויפּטזעכלעך אף דער פראַגע וועגן היימלאָזע דערפאַר, וואָס אויסער דעם קעהילע-ראַט זיינען אַלע אָרטיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן עקזיסטירט צו דער צייט פון דער אָר-

*) דער באַריכט איז גענומען געוואָרן פון אַרכיוו פון צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט.

גאַניזירונג פֿון קאָמיסאַריאַט, אַרויסגערופֿן געוואָרן צום לעבן דורך דער הימלאָזיקייט. אויב מע זאָל נעמען אין אכט, אַז די וואָראָנעזשער ייִדישע באַפֿעלקערונג באַשטייט פֿון 70 פּראָצ. הימלאָזע, צווישן וועלכע עס איז דאָ אַ באַדייטנדיקע צאָל אָרעמעלייט, וועט אינגאַנצן קלאָר ווערן די גרויסע באַדייטונג פֿון דערדאָזיקער פּראַגע.

ביז פֿאַראיאָרן יול האָט זיך דער איניען פֿון הימלאָזיקייט געפֿונען אין די הענט פֿון דער אָרטיקער ייִדישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט אין דער פערזאָן פֿון דעם אַזויגערופֿענעם הימלאָזן קאָמיטעט פֿאַרשפּרייט איר פֿילאַנטראָפּישע טעטיקייט צווישן די הימלאָזע.

האַלטנדיק פֿאַר איבעריק אָנצווייזן אַף די שעדלעכע רעזולטאַטן פֿון דערדאָזיקער טעטיקייט, וועלכע האָט טיף דעמאָראַליזירט די מאַסע, איז נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז אַלע אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען געשאַפֿן געוואָרן דורך דער ייִדישער בורזשואַזיע און וועלכע זיינען דורך איר באַרופֿן געוואָרן אַזוי, אָדער אַנדערש צו באַדינען די אינטערעסן פֿון דערדאָזיקער מאַסע, האָבן זיך געפֿונען אין אַזאַ קלאָגעדיקן צושטאַנד, אַז דאָס האָט געצווונגען דעם קאָמיסאַריאַט צו צוטרעטן גלייך צו דער אָרגאַניזירונג פֿון די הימלאָזע איניאָנים. צוטרעטנדיק צו דערדאָזיקער רעאָרגאַניזירונג, האָט דער קאָמיסאַריאַט געהאַט דעם צופֿאַל צו איבערצייגן זיך אַף וויפֿל אונדזער „קלאַל-טוער", וועלכע האָבן אַזוי פֿיל גערודערט וועגן זייערע פֿאַרדינסטן, זאָרגן בעעמעס וועגן דעם פֿאָלק-גליק. ס'איז ניט געווען קיין איין ווינקל, וווּ עס זאָלן האָבן עקזיסטירט מענטשלעכע לעבן-באַדינגונגען און דער מינימום אָרגאַניזירטקייט.

צוזאַמענוואָינונגען און מוישעוו-זקיינימס פֿאַר הימלאָזע.

די באַרימטע ייִדישע צוזאַמענוואָינונגען פֿאַר הימלאָזע האָבן געהאַט אַ גרויסע פּאָפּולערקייט אין שטאָט, זיי פֿלעגן זיך לאָזן הערן פֿונדערווייטנס מיט דעם שרעקלעכן איפּעש, וואָס פֿלעגט זיך דערטראָגן נאָך פֿון די אַרומיקע געסלעך. אין שמוציקע געביידעס, וועלכע זיינען גאָרניט צוגעפּאַסט געווען פֿאַר וואָינונגען, אין אַ פֿאַרסאַמטער אַטמאָספֿער האָבן זיך הונדערטער מענטשן געמאַטערט, אין אַזאַ צושטאַנד האָט זיך אויך געפֿונען דער ייִדישער מוישעוו-זקיינים. אָט אין דעמדאָזיקן העקדעש, וועלכער איז פֿאַרלעגן געווען מיט פֿאַרשיידענעם אַלטוואַרג, מיט קאָלערליי שמאַטעס, אין שמוץ אָן קיין שום אופֿזען, האָבן בוכשטעבלעך געפֿוילט 70 אַלטע. אין זין פֿון פֿאַרשפּרייטן עפּידעמישע קראַנקייטן האָבן דידאָזיקע פּונקטן פֿאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסע געפֿאַר פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק, דער קאָמיסאַריאַט איז טייקעף צוגעטראָטן צו פֿאַרניכטן דידאָזיקע נעסטן פֿון אָנשטעקונג און באַזעצן די הימלאָזע אין געזונטע קוואַרטירן. צוליב דעם גרויסן דירעס-הונגער אין וואָראָנעזש, איז אָנגעקומען זייער שווער דורכצופֿירן אין לעבן דידאָזיקע מאָסמיטלען, נאָר דאָך איז דעם קאָמיסאַריאַט געלונגען צו פֿאַרניכטן די גרעסטע פּונקטן, וועלכע זיינען

מער געפערלעך אין זין פון אנשטעקונג, רעקוויזירנדיק פאר דעם ציל די גע-ביידעס פון די כאדארים, פון דער קעהילע און פון קאמיטעט אף צו העלפן די מילכאמע-קארבאנעס.

אין פראצעס פון רעארגאניזירן דעם מוישעוו-זקיינים איז קלאר געווארן, אז ער איז אזוי שלעכט געבויט געווארן, די געביידע האט אף אזויפיל ניט אנטשפראכן די סאמע מינימאלסטע פאדערונגען פון היגיענע און סאניטאריע, אז אפילע א ראדיקאלסטע רעארגאניזירונג וואלט דא אויך גארנישט געקאנט מאכן, און דעריבער האט דער קאמיסאריאט איינגעארדנט א נייעם מוישעוו-זקיינים, וועלכער איז אופגעבויט געווען אף געזונטע, סאניטארע יעסוידעס.

קינדערהיים.

אין א טראגישער לאגע האבן זיך געפונען די קינדער פון דער יידישער ארעמקייט, און איבערהויפט די יעסוימים און קינדער, וועמענס עלטערן עס זיינען פארבליבן אין געפאנגענשאפט אדער אין די אקופירטע געגנטן. אין פייכטע און שמוציקע דירעס, אן קיין שום אופזען, פארלאזענע אף הפקר, האבן די קינדער דא באקומען די סאמע ווילדסטע דערציונג. דער קאמיסא-סאריאט האט זיך געשטעלט פאר א ציל ארויסצורייסן די קינדער פון דער-דאזיקער פארשטיקטער אטמאספער און שאפן פאר זיי נארמאלע באדינגונגען פון עקזיסטענץ און דערציונג. אין רעזולטאט פון שווערער ארבעט, באקעמפנ-דיק אלע שטערונגען, איז דעם קאמיסאריאט ענדלעך געלונגען איינצוארדנען א קינדערהיים פאר 26 קינדער (אפן נאמען פון ראזע לוקסעמבורג), וועלכער ווערט פארעכנט אין איצטיקן מאמענט פאר איינעם פון די בעסטע קינדערהיימען אין שטאט ווארשע. כאראקטעריסטיש איז, אז אין דער צייט, ווען מע האט פארשריבן די קינדער פון דער ארעמקייט, האבן א טייל עלטערן, האבנדיק די דערפארונג פון די קינדערהיימען פון דעם אלטן טכום פון ניקאלאיס צייטן, אפגעזאגט זיך אפצוגעבן זייערע קינדער, איצטער אבער האט דער קינדער-היים באקומען די ברייטסטע סימפאטיע צווישן דער יידישער ארעמקייט. טעג-לעך קומען אן ביטעס וועגן צונעמען נייע קינדער, נאר ווייל דער קינדער-היים איז איבערפולט, קאן מען זיי ניט באפרידיקן. אין צוזאמענהאנג מיט דעם ווערן אנגענומען מיטלען אף איבערצופירן דעם קינדערהיים אין א גרע-סערער געביידע און צופאסן אים פאר 50-60 קינדער. שטארק זיינען אויך צוזאמענגעבונדן מיטן קינדערהיים אויך די קינדער. ניט געקוקט אף דעם, וואס דער קינדערהיים עקזיסטירט איינגאנצן עטלעכע כאדאשים (פון פאראיארן יאנואר) איז זיין דערציערישע ווירקונג זייער גרויס.

פארענדיקנדיק מיטן איינארדענען דעם מוישעוו-זקיינים און קינדערהיים, האט דער קאמיסאריאט זיי איבערגעגעבן אין רעשוס פונם גובערניאלן אפ-טייל פאר סאציאלער פארזארגונג, איבערלאזנדיק פאר זיך דאס רעכט פון קאנטראל.

געלט-שטיצע.

אַרייַנגייענדיק אין ענגסטן קאָנטאַקט מיטן גובערניאַלן אָפּטייל פאַר סאָציאַלער-פאַרזאָרגונג, האָט דער קאָמיסאַריאַט פון פּאַראַיאָרן אַווגוסט ביז האַיאָר אין מאַרט אַרויסגעגעבן געלט-שטיצע דער אָרעמסטער יידישער באַפעלקערונג, ווי היימלאָזע אַזוי אויך די דאָרטיקע.

דעם קאָמיסאַריאַט איז אויסגעקומען צו פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ טעטיקייט צוליב דעם, וואָס פון איין זייט איז צו דער צייט דער אַפּאַראַט פונם אָפּטייל פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג ניט געווען גוט אָוועקגעשטעלט און פון דער צווייטער זייט, ניט קענענדיק די מעלוכישע שפּראַך, האָט די יידישע אָרעמקייט ניט געקענט אויפריידן זיך מיטן קאָמיסאַריאַט.

אין מאַרט כוירעש איז דער יידאָפּטייל פאַר סאָציאַלער-פאַרזאָרגונג ליקווידירט געוואָרן, און די איניאָנים פון געלט-שטיצע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין אָפּטייל פאַר סאָציאַלער-פאַרזאָרגונג.

די רעעוואַקוירונג פון די היימלאָזע.

אפן געביט פון רעעוואַקוירן די היימלאָזע האָט דער קאָמיסאַריאַט געגומען דעם סאַמע אַקטיווסטן אָנטייל. ס'איז פאָרגעקומען אַ רעגיסטראַציע און איבעררעגיסטרירונג פון די היימלאָזע, וועלכע ווילן זיך אומקערן אַהיים. ס'זיינען אָנגענומען געוואָרן אַלע מיטלען אַף צו פאַרגיכערן דעם רעעוואַקוירונגפּראָצעס פון די היימלאָזע פון וואָראָנעזשער גובערניע, און אין דער ערשטער ריי פון דער אָרעמקייט. אַף צו באַלייכטן די וויכטיקייט פון דערדאָזיקער פראַגע האָט דער קאָמיסאַריאַט דעלעגירט זיין פאָרשטייער אין צענטראָפּלענבעש, וועמען עס איז צוגעשטעלט געוואָרן אַ באַריכט-צעטל, וועלכער איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך דעם אָרטיקן גובפּלענבעוש. באַם קאָמיסאַריאַט איז אָרגאַניזירט געווען אַ רעעוואַקואַציע-קאָמיסיע פון די פאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטער-קלובן. דידאָזיקע קאָמיסיע האָט איינגעאָרדנט אַ גרויסן אָוונט-ספּעקטאַקל, די זאַמלונג פון וועלכן עס איז אַוועק אַף דער באַדערפעניש פון רעעוואַקוירן די אָרעמסטע היימלאָזע יידן. אַזוי ווי דער „פּלענבעוש״ פלעגט אָפּלאָזן זייער קליינע שטיצע-מיטלען פאַר די היימלאָזע, וועלכע געפינען זיך אין וועג, האָט דער קאָמיסאַריאַט באַקומען פון גובאויספּירקאָם אַ ספּעציעלע סומע 20 טויזנט רובל אַף רעעוואַקוירן זיך. באַם אָנלאָדן די עשאַלאָנען היימלאָזע, האָבן די מיטאַרבעטער פון קאָמיסאַריאַט געטיילט די גאַנצע שווערקייט פון דער אַרבעט מיט די פאָרשטייער פון גובפּלענבעוש, אַרבעטנדיק מיט זיי האַנט באַ האַנט. איין עשאַלאָן האָט באַגלייט אונדזער קאָמענדאַנט. די עשאַלאָנען פלעגן באַקומען פון אונדז ליטעראַטור. באַם אויסריכטן די היימלאָזע פלעגן מיר איינאָרדנען רעוואָלוציאָנערע מיטינגען. צוליב דעם אָנפאַל פון די קאַזאַקישע באַנדעס אַף וואָראָנעזשער גובערניע, איז דאָס לעבן פון די יידן פון נאָוואָכאָפּערסקער און קאַלאַטשייעווער קרייזן, די מערהייט פון וועלכע עס איז באַשטאַנען פון היימלאָזע, געשטאַנען פאַר אַ טויט-געפאַר פון פּאָגראָמען. אָט דאָס האָט אונדז געצווונגען אָנצונעמען באַלדיקע ענערגישע מיטלען,

און ווען קראַסנאָווס באַנדעס זיינען צוגעגאַנגען, האַרט צו נאָוואָכאָפּערסק — איז דעם קאָמיסאַריאַט אויסגעקומען צו עוואַקויִרן די ייִדן פֿון נאָוואָכאָפּערסק און פֿון דאָרף קאלען אין וואָראָנעזש. אַ טייל פֿון דידאָזיקע היימלאָזע איז שוין רעעוואַקויִרט אַהיים.

דער קאַמף מיט קאָנטער-רעוואָלוציע און אַנטי-סעמיטיזם.

אין וואָראָנעזש און אין גובערניע פֿירן די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע עלע-מענטן אַן ענערגישע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. אויבן האָבן מיר שוין אָנגע-וויזן, אַז אין אייניקע קרייזן פֿון אונדזער גובערניע, אין צוזאמענהאנג מיטן אָנגריף פֿון די קאַזאַקישע באַנדעס, האָבן קראַסנאָווס אַגענטן, אונטערגעהאַל-טענע פֿון די אָרטיקע קולאַקעס, שטרעבנדיק אַרויסצורופֿן באַם פֿראָנט-געגנט קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, געפֿירט אַ פֿאַרשטאַרקטע פּאָגראָם-אַגיטאַציע. מע מערקט אָן, אַז פֿינצטערע עלעמענטן, צודעקנדיק זיך מיט דער מאַסקע פֿון קאָמוניזם, זיינען אַריינגעדרונגען אין פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַנ-שטאלטן, פֿאַרנעמען דאָרטן פֿאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס און אין דערזעלבער צייט פֿירן זיי דאָרטן אַ באַהאַלטענע, און ערטערווייז אַפּילע אַן אָפֿענע אַנטי-סעמיטישע אַגיטאַציע. אָנעמענדיק אלע מיטלען אַף אַראָפּצורייסן די מאַסקע פֿון די פֿאַלשע קאָמוניסטן און קלאָר מאכן זייער עמעסן פּאָנים, האָט דער קאָמיסאַריאַט, זאַמלענדיק מאַטעריאַל וועגן די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען, באַצייטנס אָנ-גענומען די אַנטשפּרעכנדיקע מיטלען אַ סאָף מאכן צו אזא אַגיטאַציע, אָנזאָגנדיק אין יעדער באַזונדער פֿאַל דעם גובאויספּירקאָם און דעמאָרטיקן אויספּירקאָם.

גלייכצייטיק פֿירט דער קאָמיסאַריאַט אַן ענערגישן קאַמף מיט דער קאָנטררעוואָלוציע צווישן דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. עס ווערט דער-קלערט אַן אומבאַראַכמאָנעסדיקער קאמף דעם ציאָניזם, העברעיִזם און אַלע אַנד. קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען. אין וואָראָנעזש איז פֿאַרבאָטן צו פֿאַרשפּרייטן אויסגאַבן פֿון דער ציאָניסטישער פּרעסע, פֿירן אַ קאָנטער-רעוואָ-לוציאָנערע ציאָניסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, פֿאַרשפּרייטן פּאַיען פֿון „איכוזא”. עס ווערט פֿאַרמאַכט דער העברעיִשער קינדערגאָרטן „טארבוט” און אלע כאַדאָרים. עס ווערן אָנגענומען מיטלען אַף צו פֿאַרמאַכן דעם ציאָניסטישן קלוב, קאָנפיסקירן דעם פּאַי-קאַפּיטאַל. עס איז אָנגעמערקט אַף אַיינצואָרדענען אַ ריי מיטינגען אַף דער טעמע: „קאָנטער-רעוואָלוציע און ציאָניזם”. עס גרייט זיך צום דרוק אַ ריי אַרטיקלען אין דער אָרטיקער פּרעסע איבער דערדאָזיקער פֿראַגע.

אָפּטיילן די קירכע פֿון דער מעלוכע.

אַף אויסצופֿילן דעם דעקרעט פֿון סאָוונאַרקאָם וועגן אָפּטיילן די קירכע פֿון דער מעלוכע, איז דער קאָמיסאַריאַט צוגעטראָטן אַף דורכצופֿירן אין לעבן דעמדאָזיקן דעקרעט צווישן די ייִדן.

ס'זיינען קאָנפֿיסקירט געוואָרן דער קאַפּיטאַל פֿון דער כעוורע-קאַדישע און געוועז. קעהילע.

קולט-אופקלערערישע טעטיקייט.

מיט באַפרידיקונג צייכענען מיר אָפּ, אַז אַפּן קולטור-אופקלערערישן גע-ביט האָט דער קאָמיסאַריאַט פאַר 8 כאַדאָשים פון זיין עקזיסטענץ געטאָן קי-מאַט אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך געווען אין שטאָט וואָראָנעזש. איבערהויפט רעליעף טרעטן אַרויס די רעזולטאַטן פון דער טעטיקייט פון קאָמיסאַריאַט, ווען מע פאַרגלייכט דעם צושטאַנד פון דער קולטור-אופקלער-אַרבעט ביזן מאָמענט פון אָרגאַניזירן דעם קאָמיסאַריאַט מיט דעם, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן אַף דעם געביט אין איצטיקן מאָמענט. עס קומט ניט אויס, פאַרשטייט זיך, אָנצו-ווייזן, אַז אין שטאָט וואָראָנעזש, ווו עס האָט געהערשט דער ציאָניסטיש-קלעריקאַלישער דרוק, אַז דאָרטן איז ניט געווען קיין יידישער קולטור-אופ-קלערערישער אנשטאלט, וועלכער וואָלט געקאָנט אַנטשפרעכן די פאָדערונגען פונם קאָמיסאַריאַט.

אַפילע די שול פון „אָפּע" איז פאַר אירע „יידישיסטישע" טענדענצן פאַרעכנט געוואָרן פון דער אָרטיקער בורזשואזיע פאַר אַ צופיל ראַדיקאַלער, אַזוי, אַז עס זיינען געווען אָנגענומען געוואָרן אַלע מיטלען, קעדיי אונטער-צורייסן איר אַווטאָריטעט. פירנדיק אַ ברייטע אַגיטאַציע קעגן דער שול, עפּענענדיק און סובסידירנדיק ברייט כאַדאָרים, יעשיוועס און „העברעיסטישע" שולן, האָט די בורזשואזיע, אַף אזא אויפן, דערגרייכט, אַז די אויבנדערמאָנטע שול האָט זיך געפונען אינם צושטאַנד פון פולסטן צעפאַלן. מע דאַרף צוגעבן, אַז די שול האָט זיך געפונען אין אַ קאַלטער געביידע פון אַ געוועז. מאַגאַזין, וואָס עס האָט נאָך מער פאַרערגערט איר לאַגע.

איינשליסנדיק די שול אין דער שול-נעץ פון דער מעלוכע, און איינ-אָרדענענדיק זי אין אַ גוטער געביידע (אין ציאָניסטישן קינדערהיים „טאַרבוט") האָט דער קאָמיסאַריאַט איר טייקעף רעאָרגאַניזירט לויט די פּרינציפּן פון אַן איינהייטלעכער אַרבעטשול. דעם קלעריקאַל-ציאָניסטישן לאַגער איז אַפּן שטרענגסטן אויפן פאַרבאָטן געוואָרן צו אַגיטירן קעגן דער שול. אַף אַזאַ אויפן זיינען געשאַפן געוואָרן נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַר איר עקזיסטענץ. באַ דער שול זיינען אָרגאַניזירט הייסע אָנבייסנס. אַפּן גרונט פון דער באַשטי-מונג פון דעם אָקטיאַבר-צוזאַמענפאָר פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן איז פון יאַנוואַר אָן אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּראָגראַם דער לימעד פון העב-רעיש.

אַז די סאָוועטישע אַרבעטשול האָט זיך געשטעלט אַפּן וועג פון אופ-בליונג באַווייזט דער פאַקט, אַז פון אָנהויב לערניאָר האָט די שול געהאַט אַ נישטיקע צאָל טאַלמידים און איצטער, נאָכדעם, ווי דער קאָמיסאַריאַט האָט פאַרמאַכט דעם גרעסטן כיידער, ווו עס האָט זיך געלערנט קאָרעוו צו הונ-דערט קינדער, האָט מען אופגעהערט אָנצונעמען טאַלמידים, ווייל די שול איז שוין איבערפולט.

ביבליאָטעק.

די וואָראָנעזשער יידישע ביבליאָטעק איז געשאַפן און אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דעם אָרטיקן אָפּטייל פון דער געזעלשאַפט אַף צו פאַרשפרייטן בילדונג צווישן די יידן אין רוסלאַנד. פאַר די לעצטע צוויי יאָר האָט דער אויבנדערמאָנטער אָפּטייל עקזיסטירט נאָר אַפן פּאַפּיר. דער פאַקטישער פירער פון דער ביבליאָטעק איז געוועזן אַ פאַרוואַלטערן, וועלכע איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו איר אַרבעט, און דעריבער איז די ביבליאָטעק אַוועק אַפן וועג פון שנעלער פאַרניכטונג. עס איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ גרויסע צאָל ביכער און הויפּטזעכלעך פון די קלאַסישע אַווטאָרן, עס איז אינגאַנצן קימאַט צושטערט געוואָרן דער יידישער אָפּטייל. עס איז ניט געווען קיין אינווענטאַר, ביבליאָטעק, קיין קאַטאַלאָגן; די ביכער פלעגט מען אַרויסגעבן אָן קיין סיסטעם און רעגיסטראַציע, עס איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט פעסטצושטעלן ווער עס האָט דעם בוך.

די פאַרוואַלטונג פונם קעהילע-ראַט האָט זיך גענומען פאַרן איינאָרדענען די ביבליאָטעק, נאָר פון דערדאָזיקער איינאָרדענונג האָט זיך באַקומען, אַז די ביבליאָטעק האָט זיך פאַרמאַכט אַף אַ לאַנגער צייט און אין אַזאַ אויסזען האָט דער קאָמיסאַריאַט איר איבערגענומען אין זיין רעשוס. אַראָפּגענומענדיק דעם פאַרוואַלטער, האָט דער קאָמיסאַריאַט ראַדיקאַל רעאָרגאַניזירט די ביבליאָטעק. ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער אינווענטאַר און קאַטאַלאָגן פון אַלע אָפּטיילן. ס'איז איינגעפירט געוואָרן אַ קאַרטן-סיסטעם און רעגיסטראַציע. צום פאַרדרוס, האָט זיך ביז איצט ניט איינגעגעבן צו דערפילן די ביבליאָטעק און פאַקטיש האָט דער יידישער אַרבעטער קיין בוך ניט אַף זיין שפּראַך. די סיבע פון דערדאָזיקער טרויעריקער דערשיינונג באַשטייט פון איין זייט אין דעם ביכער-הונגער, און פון דער צווייטער זייט אין מאַנגל פון געלט-מיטלען.

באַ דער ביבליאָטעק פונקציאָנירט אַ לייענזאַל. די ביבליאָטעק האָט דער קאָמיסאַריאַט אָנגערופן מיטן נאָמען פון פּערעצן.

דער קינדערגאָרטן.

דעם קינדערגאָרטן, וועלכן עס האָט געעפנט „מאָזען", איז פאַראַיאָרן אין אווגוסט דורך דערדאָזיקער געזעלשאַפט פאַרמאַכט געוואָרן. די סיבע—דער מאַנגל אין מיטלען. דער קאָמיסאַריאַט האָט באַנייט די טעטיקייט פונם קינדער-גאָרטן, איינשליסנדיק אים אין זיין רעשוס, צום פאַרדרוס, האָט זיך ניט איינגעגעבן אָפּצוזוכן פאַרן קינדער-גאָרטן די פּאַסיקע געביידע, און דאָס שטערט צו אַנטוויקלען דעם קינדערגאָרטן, און דעריבער איז די צאָל קינדער ניט מער פון 30-35.

די אָוונטשול און די אָוונטקורסן.

די דערפאַרונג פון דער אָוונטשול האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער יוגנט, דעם נאָרמאַלן גאַנג פון די לימודים האָבן אָבער געשטערט די מיליטערישע אָפּעראַציעס, וועלכע האָבן זיך צו-

שפּילט אין וואָראָנעזשער ראַיאָן, און באַזונדער דאָס, וואָס די שטאָט איז דער-קלערט געוואָרן אַף קריג-צושטאַנד. די מערהייט טאַלמידים, וועלכע זיינען פֿאַרנומען אין די פּריוואַטע ווערשטאַטן, באַפֿרייענדיק זיך פֿון דער אַרבעט 7-8 אינאָוונט, פֿלעגן ניט דערוויין קומען אין שול צום אָנהויב פֿון די לימו-דים. אין איצטיקן מאָמענט באַזוכן די שול דורכשניטלעך 30 מאַן. עס האָבן זיך געשאַפֿן צוויי גרופּן. די עלטערע גרופּע באַשטייט פֿון פּאַרטעישע פּראָלעטאַריער, אין דער גרופּע קומען פֿאַר די לימודים אינטענסיוו און אינטערעסאַנט. אין די נאָענטסטע טעג וועלן אָנהויבן צו פֿונקציאָנירן די אָרגאַניזירטע אָוונטקורסן.

אַ קלוב פֿאַר דער יוגנט.

אין יאַנוואַר האָט דער קאָמיסאַריאַט געעפֿנט אַ קלוב פֿאַר דער יוגנט. דערדאָזיקער קלוב איז אויסגערעכנט אַף 100 מאַן. דעם קלוב באַזוכן די על-טערע גרופּן פֿון שול און די טאַלמידים פֿון דער אָוונטשול. דער קלוב האָט אַ גרויסע פּאָפּולערקייט צווישן די יוגנטלעכע פּראָלעטאַריער. שטרעבנדיק צו אַנטוויקלען אַלזייטיק די קינדער, וועקן זייער באַוווסטזיין און אַקטיווקייט, זיי-נען אָרגאַניזירט געוואָרן מוזיקאַל-דראַמאַטישע און ליטעראַריש-קינסטלערישע סעקציעס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ספּעציאַליסטן. די אַרבעט פֿון די סעקציעס גייט דורך באַ דער אַקטיווסטער טעטיקייט פֿון די קלוב-מיטגלידער זעלבסט. די מוזיקאַל-דראַמאַטישע סעקציע איז צוגעטראָטן אַוועקצושטעלן אַ ספּעקטאַקל און אָרגאַניזירן אַ כאָר. די ליטעראַריש-קינסטלערישע סעקציע אָרדנט איין פֿאָרלעזונגען, וועלכע ווערן באַגלייט מיט צויבערבילדער און שמועסן; גרויס אויפֿמערקזאַמקייט ווערט אויך אָפּגעגעבן די באַוועגלעכע שפּילן.

געפֿינענדיק פֿאַר נויטיק צו אַנטוויקלען די מוזיקאַלישע פֿעיקייטן פֿון די קלוב-מיטגלידער, וועט אין דער נאָענטסטער צייט איינגעלאַדן ווערן אַ לערער אַף צו לערנען די פֿעיקערע פֿון דער יוגנט שפּילן אַף ראָיאַל און פֿידל.

שולן אין די קרייזן.

אויב מיר האָבן אונטערגעשטרייכט אַ געוויסע אויפֿבליִונג פֿון דער קולטור-אויפֿקלערערישער אַרבעט אין וואָראָנעזש, קומט אויס מיט גרויס פֿאַרדרוס צו ריידן וועגן דעם צושטאַנד פֿונם דאָזיקן איניען אין די קרייז-שטעט פֿון דער גובערניע, ווו מע קאָן קאָנסטאַטירן אַ דערשיינונג פֿון פֿאַרקערטן כאַראַקטער. אין גאַנץ גובערניע האָבן פֿונקציאָנירט 5 שולן (אָסטראָגאָזשסק, באָבראָוו, זעמליאַנסק, בירויטש און וואַלויק). די באָבראָווער שול האָט זיך פֿאַרמאַכט אין דער צייט פֿון קאָזאַקישן אָנגריף, די איבעריקע, אַכוץ דער זעמליאַנסקער שול, זיינען פֿאַרבליבן מיט אַ קליינער צאָל טאַלמידים. די דאָזיקע דערשיינונג דער-קלערט זיך פֿין איין זייט מיט דער רעוואַקוירונג פֿון די היימלאָזע, וועלכע האָבן באַטראָפֿן 90 פּראָצ. פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג פֿון דידאָזיקע שטעט, און פֿון דער צווייטער זייט מיטן מאַנגל אין מיטלען, וואָס עס האָט אַבסאָלוט אונטערגעריסן די עקזיסטענץ פֿון די שולן. צוליב דער סיבע זיינען אין די שולן ניט אָרגאַניזירט געוואָרן קיין הייסע אָנבייסנס; אין די ווינטערדי-

קע כאַדאָשים זיינען די געביידעס ניט באַהייצט געוואָרן. די לאַגע האָט זיך נאָך פֿאַרערגערט צוליב דעם, וואָס צוליב די מיליטערישע געשעענישן איז אַ לאַנגע צייט ניט געווען קיין אייזנבאַן-פֿאַרקער מיט די קרייזן, און צוליב דעם האָט דער קאָמיסאַריאַט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו קאָמאַנדירן אין די קרייזן זייערע שול-אינסטרוקטאָרן.

צום שלוס איז נויטיק אָנצוווייזן, אַז די קאַנצעליאַרישע וואָלאָקיטע האָט ניט נאָר טאָרמאָזירט די טעטיקייט פֿונם קאָמיסאַריאַט אין דער קולטור-אויפֿקלערישער אַרבעט, נאָר זי האָט מערסטנטייל געשטערט דערדאָזיקער אַרבעט. אַזוי, לעמאָשל, איז אין שטאָט וואָראָנעזש ביז היינט ניט דערלייזט ענדגילטיק די פֿראַגע ווער דאַרף אויסהאַלטן די יידישע קולטור-אויפֿקלערישע אַנשטאַלטן — דער גובערניאַלער אָדער דער שטאָטישער אָפּטייל פֿאַר פֿאָלקבילדונג, און פֿון דעם באַקומט זיך, אַז די פֿאַרשיידענע דאָקומענטן, סמעטעס און א. וו. ווערן אָפּגעשיקט היינט אין שטאָטישן אָפּטייל, און אַף מאָרגן שיקט אָפּ דער שטאָטישער אָפּטייל דעם גובערניאַלן אָפּטייל. אָט די דאָזיקע צווישנאַנשטאַלטיקע באַציונגען פֿאַרציען זיך אָן אַ סאָף, און פֿון דעם ליידט דער גאַנצער איניען.

נאָך פֿאַראַיאָרן אין אַווגוסט איז דער קאָמיסאַריאַט צוגעטראָטן צו רעאָרגאַניזירן די שולן לויט די פּרינציפּן פֿון דער איינהייטלעכער אַרבעטשול, צושטעלנדיק אינם גובערניאַלן אָפּטייל פֿאַר פֿאָלקבילדונג די סמעטעס פֿון אַלע שולן אין גובערניע, נאָר ביז היינט האָט דער קאָמיסאַריאַט, ניט געקוקט אף די אָפּטע פֿאָדערונגען, ניט באַקומען קיין קרעדיטן. אַזאַ לאַגע האָט געדראָט מיט פֿאַרמאַכן אַלע שולן אין גובערניע. אָנעמענדיק אַלע מיטלען אַף ניט צו דערלאָזן, אַז די שולן זאָלן צושטערט ווערן, האָט דער קאָמיסאַריאַט פֿאָרלויפֿיק, ביז ער וועט באַקומען די אַסיגנירונגען, לויט זיינע מעגלעכקייטן נאָך, סובסידירט די שול. דאָך, צוליבן מאנגל אין מיטלען, איז ניט געלונגען עס צו טאָן אין דער געהעריקער מאָס, און ניט געקוקט אַף דעם, וואָס דער קאָמיסאַריאַט האָט אויסגעגעבן אַ סומע קאָרעוו צו 45 טויזנט אַף אויסצוהאַלטן די קולטור-אויפֿקלערישע אנשטאַלטן, האָבן נאָך איינציקע שולן צום 1-טן יאַנוואַר גרויסע ניט געדעקטע דעפֿיציטן. נאָך די קאַטעגאָרישע פֿאָדערונגען פֿונם קאָמיסאַריאַט, האָט דער גובערניאַלער אָפּטייל פֿאַר פֿאָלקבילדונג געגעבן אַ פֿאַראָרדענונג די אויעזד-אָפּטיילן אויסצוהאַלטן די יידישע אַרבעטשולן אַף אַלגעמיינע יעסוידעס, וואָס עס ווערט אויסגעפֿירט.

קאָמיסאַר (אונטערשריפֿט).

קאָלעגיע-מיטגליד (אונטערשריפֿט).

געשעפֿטפֿירער (אונטערשריפֿט).

די אַרבעט פֿון ייִדישן קאָמיסאַריאַט אַף אוראַל.

בריוו פֿון אוראַל*).

דער אָפּקלאַנג פֿון דער אָקטיאַבר־רעוואָלוציע.

די הויפּט-שטאָט פֿון אוראַל, יעקאטערינבורג, ווו די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז באַזעצט בעערעך מער, ווי אין אַנדערע שטעט, איז באַזונדערס רייך מיט אַ גאָר גרויסער ייִדישער בורזשואַזיע, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין דער צייט פֿון דער מילכאָמע, אַדאַנק דער גוואַלטיקער ספּעקוליאַציע מיט גאָלד און מיט אַנדערע איידעלע מעטאַלן.

ביז ניט לאַנג זייגען די בעסטע און גרעסטע געשעפֿטן פֿון גאָלד און בריליאַנטן געווען ייִדישע, און די ייִדישע בורזשואַזיע האָט זיך דערלויבט דאָ האָבן טייערע „אָסאָבניאַקעס” אַפֿן שטייגער פֿון די ייִדישע באַנקירן און צוקער-פֿאַבריקאַנטן אין מאָסקווע און קיִעוו.

פֿאַרשטייט זיך, אַז גלייך נאָך דער פֿעוורואַל-רעוואָלוציע האָט זיך דאָ געבילדעט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע בונדישע אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער עס איז צוגעשטאַנען די בעסטע און באַוווסטזיניקסטע ייִדישע אַרבעטער-באַפֿעלקערונג.

אָבער די שטאַרקע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס אַף אוראַל און די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פֿון די אוראַלער אַרבעטער ביקלאַל האָבן געמוזט ווירקן אויך אַף אַ טייל פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, און נאָך פֿאַראַיאָרן זומער, נאָכן יול-אויפֿשטאַנד אין פּעטראָגראַד, האָט אַ טייל פֿון דער אָרגאַניזאַציע אָפֿן ארויסגעזאָגט אירע סימפּאַטיעס די באָלשעוויקעס.

די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַף גאַנץ אוראַל אָן בלוט-פֿאַרגיסונג, האָט נאָך ענגער פֿאַרבונדן דעם טייל פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע מיט די באָלשעוויקעס. דער בונדישער פֿאָרשטייער אין שטאָט-דומע, ווו די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט אַ מערהייט, פֿלעגט אַלעמאָל שטימען איינייִנעם מיט זיי.

באַזונדערס בולעט האָט זיך אַרויסגעוויזן די שטימונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע אַף אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג, גלייך נאָכן צעטרייבן די גרינדונג-פֿאַר-

---

*) א קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איז געווען געדרוקט אין „אמת” נומערן: 35, 38, 39 פֿון אָקטיאַבר 1918 יאָר.

זאַמלונג. אַף דער פֿאַרזאַמלונג איז געקומען אַ ספּעציעלער גאַסטראָליאָר, אַן אָנגעזעענער בונדיסטישער „גענעראַל", און האָט געשאָטן פּעך און שוועבל אַף די „גוואַלדטאַטן", וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן, און ווי פֿאַרווונדערט איז געוואָרן דער קאָמיטעט, ווען די פֿאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע מיט אַ באַגריסונג דאָס פֿאָנאַנדערטרייבן די גרינדונג-פֿאַרזאַמלונג*).

די וואַלן אין דער אָרטיקער קעהילע האָבן אויך געגעבן דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אַ גאַנץ באַדייטנדיקן דערפֿאָלג. פֿון 36 ערטער האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע באַקומען אַ גאַנצן דריטל—12 ערטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערער קאַמף אין דעם קעהילע-וואַעד.

די שוואַרצמייעדיקע בורזשואַז-ציאָניסטישע מערהייט איז פֿאַראַקשנט ניט געגאַנגען אַף קיינע האַנאָכעס בענויגייע צו דער שפּראַך-פֿראַגע און צו דער פֿראַגע וועגן וועלטלעכקייט. אַדאַנק דער פֿאָדערונג פֿון דעם לינקן פֿליגל פֿון דער בונדישער פֿראַקציע איז די לעצטע ניט געגאַנגען אין קיינע קאָמיסיעס און האָט געפֿירט אַ לעבהאַפֿטע אַגיטאַציע אין די מאַסן קעגן דער קעהילע. די הימלאָזע האָבן אַדאַנק דער אַגיטאַציע געבילדעט אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט צוגענומען באַ דעם קעהילע-וואַעד די אינינאָנים וועגן הימלאָזיקייט. עס זיינען צוגעפֿגערופֿן געוואָרן פּראָטעסט-מיטינגען קעגן אָפּוואַרפֿן די יידישע שפּראַך אַלס די אָפֿיציעלע. די גאַנצע טעטיקייט פֿון דעם קעהילע-וואַעד איז געגאַנגען אונטער אַ צייכן פֿון פֿאַראַכטונג צו דער סאָציאַליסטישער אָפּאָזיציע און פֿון דעם פֿריערדיקן באַלעבאַטעווען אַף דער יידישער גאַס. אזא מין כאראקטעריסטישער פֿאקט: די רעליגיעזע קאָמיסיע האָט געקראָגן מעל אַף מאַצע און האָט דאָס פֿאַרקויפֿט דער יידישער באַפֿעלקערונג. אַדאנק דעם געוואַלטעווען און די געשרייען פֿון דער בונדישער פֿראקציע איז געלונגען דערשלאָגן זיך, אַז דער אָרעמער באפֿעלקערונג זאָל מען מאַצע פֿאַרקויפֿן ביליק.

טרעפֿט אַ מאַיסע, און עס בלייבן איבער עטלעכע זעקלעך מעל פֿון די מאַצע. אין שטאָט פֿעלט אויס מעל צו יענער צייט, און די שיינע רעדל-פֿירער פֿון דעם קעהילע-וואַעד נעמען און צוטיילן זיך פֿון די איבערגעבליבענע מעל יעדערן צו אַ זעקל, און אַז די בונדישע פֿראַקציע האָט אַף דער זיצונג פֿון וואַעד אריינגעטראָגן וועגן דעם אן אינטערפעליאַציע, האָבן זיי טאמעוואַטע געענטפֿערט, אז זיי האָבן דאָך אָפּגעצאָלט פֿאר די מעל א העכערן פּרייז און מיט דעם קלוימערשט געשטיצט די פֿינאַנצן פֿון דער קעהילע.

פֿאַר דעם לינקן פֿליגל פֿון דער בונדישער פֿראַקציע איז פֿון אָנהויב אָן געווען קלאָר, אז קיין טאכלעס פֿון דעם זיין אין דער קעהילע וועט ניט אַרויס-

*) דידאָזיקע פֿאקטן וועגן די רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען פֿון די יידישע ארבעטער פֿון אוראַל באווייזן נאָכאַמאָל, ווי פֿאַלש עס איז די פּוסטע מאַיסע, אַז די יידישע אַרבעטער האָבן פֿאַרשפּעטיקט צו דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע ביז דער בונד האָט זיך אַריינגעטאָסן אין דער ר.ק.פּ.(ב.) פֿון די פאַקטן און די פֿיל אַנדערע, וואָס מיר האָבן ניט איינמאָל פֿאַרעפֿנטלעכט, ווערט קלאָר, אַז אַ גרויסער טייל פֿון די יידישע אַרבעטער האָט גלייך אין אָנהויב פֿון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע געשטיצט די רעוואָלוציע און איז אַרויסגעטראָטן קעגן די פֿאַרעטערישע פֿירער פֿון „בונד".

קומען, און ניט איין שטורמישע זיצונג פֿון דער קעהילע-פֿראַקציע איז וועגן דעם פֿאָרגעקומען.

נאָר די רעכטע מערהייט פֿון דער פֿראַקציע האָט קיין דרייסט ניט געהאַט אָנעמען א וועלכע ס'איז פּאָליטיק בענויגייע צו דעם קעהילע-וואַאַד.

אינערלעך אין אָרגאַניזאציע האָט זיך געטומלט. אף דער זיצונג פֿון דעם היגן אַרבעטער-ראט אין אפּרעל זיינען אויכגעשלאָסן געוואָרן פֿונם ראַט די מענשעוויקעס און רעכטע ס. ר., און פֿון דער בונדישער פֿראַקציע אינם ראַט האָט איינער געשטימט פֿארן אויסשליסן, און איינער, דער בונדיסטישער „פּראָווינציעלער" גענעראַל—קעגן. און ער איז טאקע געווען קימאט דער איינציקער, וועלכער האָט געשטימט קעגן.

אַף דעם כאַוועד, וואָס האָט געשטימט פֿאַרן אויסשליסן, איז גלייך אַוועקגעלאָפֿן אַ מעסירעלע אין די הויכע פּארטיי-פֿענצטער.

דער לינקער פֿליגל האָט נאָך אַלץ דאָך מוירע געהאט רייסן מיט די „רעכטע", ניט פֿאַרמאָגנדיק קיינע אינטעליגענטע קרעפֿטן.

נאָכדעם, ווי די אַלגעמיינע פֿאַרזאמלונג פֿון אָרגאַניזאציע האט אויסגעדריקט צוטרוי דעם כאווער אינם ראט, וועלכער האט געשטימט פֿארן אויסשליסן די מענשעוויקעס און רעכטע ס. ר., האָבן די „רעכטע" פֿאַרלאָזן די פֿארזאמלונג, וועלכע איז גלייך צוגעטראָטן צו וויילן א קאמיטעט, וווהין עס זיינען אריין דאָסראָוו אַרבעטער, געשטימטע באָלשעוויסטיש. פֿון דעם מאָמענט אָן הויבט זיך אָן א נייע טקופֿע אין דעם לעבן פֿון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געבראַכט צו אן אויסגלייכונג פֿון דער פּאָליטישער ליניע פֿון דער אָרגאניזאציע אין דעם גייסט פֿון א פֿולער שטיצע דער ראטנמאכט, ווי אויך דאָס פֿאנאנדערטרייבן דעם קעהילע-וואַאַד.

סאָף מאַי האָט זיך אָנגעהויבן דער טשעכאָסלאָוואַקישער אָנגריף אַף אוראַל. דער פּאָנים פֿון דער אימפּעריאַליסטישער קאָנטר-רעוואָלוציע איז געוואָרן פֿאַר די אוראַלער אַרבעטער בוילעט, און אויך פֿאַר די יידישע אַרבעטער אין דעם רויטן יעקאטערינבורג איז געוואָרן קלאָר, אַז אָדער מיט די ראַטן פֿאַר דער רעוואָלוציע, אָדער קעגן די ראַטן פֿאַר דער קאָנטר-רעוואָלוציע. די רעזאָלוציעס פֿון דער לעצטער בונדישער קאָנפֿערענץ האָבן נאָך אַריינגעגאָסן מער בוימל אין דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג פֿון דעם יעקאַטערינבורגער יידישן אַרבעטער, און אָט ווי אַזוי ס'האָט רעאַגירט די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון בונד אַף דער רעזאָלוציע פֿון דער קאָנפֿערענץ. מיט אַ מערהייט שטימען קעגן 10 האָט די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג אין פֿאָלגנדיקע ווערטער אַרויסגעזאָגט זיך וועגן דער געשאַפֿענער לאַגע און וועגן דעם, ווי עס האָט איר אָפּגעשאַצט דער אָפֿיציעלער בונד.

„אויסהערנדיק די רעזאָלוציע פֿון פּאַרטיי-קאָנפֿערענץ וועגן דעם איצטיקן פּאָליטישן מאָמענט, קאָנסטאַטירט די פֿאַרזאַמלונג, אַז צווישן דער מאָטיווירונג און צווישן דעם רעזולטאַטיוון טייל איז פֿאַראַן אַ ווידערשפּרוך, וועלכער באַשטייט אין דעם, וואָס פֿאַרעכענענדיק אַלע געזעלשאַפֿטלעכע קויכעס פֿון רוסלאַנד אַלס קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע, וואס זיינען שוין ניט פֿעיק איצט צו פֿאַר-

טיידיקן אַלע דעראָבערונגען פון דער רעוואלוציע, לייגט זי פֿאָר אין דערזעלביקער צייט אַלע פֿאַרבליבענע אַף דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרענע קויכעס פֿון דער רעוואָלוציע (וועלכע זיינען שוין אַפּאָנים ניט פֿאַראַן) פֿאַרייניקן זיך אום צו שאַפֿן אן אלגעמיינע דעמאָקראַטישע מאכט דורך צוריקשטעלן די גרינדונגפֿארזאמלונג און אום צונויפֿרופֿן א נייע גרינדונג-פֿאַרזאמלונג, ווו די גרעסטע מערהייט באשטייט פֿון די ערגסטע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן. רעכענענדיק, אז דאָס פֿארניכטן פֿון דער ראטנמאכט הייסט בא דעם איצטיקן מאָמענט א פֿולקאָמער ניצאָכן פֿון דער פֿינצטערער קאָנטר-רעוואָלוציע; אז דער פרווו איינשטעלן אן אלגעמיין-דעמאָקראַטישע מאכט איז פֿאָרויס פֿאַרורטיילט אף דורכצופֿאַלן, צוליב דער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע שטימונג פֿון דער בורזשואזיע, רייכן פויערטום און דער שטאָטישער „מעשטשאַנסטוואָ”; אז די בלוטיקע ביישפילן פֿון פֿינלאַנד און אוקראַינע דארפֿן איבערצייגן יעדן ערלעכן און ניט פֿארבלענדעטן סאָציאַל-דעמאָקראַט אין דעם, אז עס קען נאָר זיין איצט די ראַטנמאכט, אָדער די מאכט פון דער קאָנטר-רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע; אז קיינע פשאָרעס און פֿארמיטלונגען קענען ניט זיין,—געפֿינט איין די אַלגעמיינע פֿארזאמלונג, אז די אופֿגאבן פֿון דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן פראָלעטאריאט דאַרף זיין די פֿולקאָמע אונטערשטיצונג פֿון דער ראַטנמאכט, קעדיי מיט איר איניינעם אָדער זיגן אַפֿן וועג פֿון דער סאָציאַלער רעוואלוציע, אַדער מיט קאָוועד פֿאלן, אויב ס'איז נאָך באשערט דער בורזשואַזיע צייטווייליק גויווער זיין דעם פראָלעטאריאט.

צוליב דעם געפֿינט איין די אַלגעמיינע פֿארזאַמלונג, אז די רעזאָלוציע פֿון דער פארטיי-קאָנפֿערענץ קען דורך איר ניט אָנגענומען ווערן און וועט זיך מיט איר, בא דער טעטיקייט פֿון דער אָרטיקער אָרגאַניזאציע, ניט רעכענען.

וועגן אנטייל אין די ראטן און אין די ראטן-אנשטאלטן איז—אין קעגנטייל צו דער רעזאָלוציע פֿון דער קאָנפֿערענץ—אָנגענומען געוואָרן, אז אונדזער אנטייל אין די ראַטן און אין די ראַטן-אנשטאלטן דאַרף זיין דאָס סאמע אַקטיווסטע, און די אלע טנאָים, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן אין דער פּאַרטיי-רעזאָלוציע, ווארפֿן מיר מיט פֿאַראַכטונג קאַטעגאָריש אָפּ”.

אָט אַזוי האָבן געענטפֿערט די יעקאַטערינבורגער יידישע אַרבעטער-בונדאָווצעס אַף דעם פֿאַראַט פֿון זייערע גענעראַלן. די אלטע בונדישע פֿאָן, די טויט-פֿאָן פֿון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וועלכע ס'האָבן פאַרשמוצט די הערן ליבערס און אַבראַמאָוויטשעס, איז צוריק אַריבער אין זיכערע הענט*). צוליב דעם געפֿאַר פֿון טשעכאָסלאָוואַקישן אופֿשטאַנד האָט זיך גלייך געבילדעט אַ באַוואָפֿנטע פּאַרטיי-דרוזשינע פֿון 35 מאַן, וואָס האָט זיך ענערגיש גענומען לערנען די מיליטער-קונסט.

*) עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אז אין יעדן אַרויסטריט פֿון די אַרבעטער-עלעמענטן פֿון בונד קעגן זייערע פֿירער האָט זיך אומעטום באַמערקט אַ שטרעבונג צו אופהאַלטן די בונדישע טראַדיציעס, און בא א גרויסן טייל פֿון די געוועזענע בונדאָווצעס האָט זיך נאָך אַ לאַנגע צייט נאָך זייער אַרויסטריט פֿון „בונד” ניט אויסגעלעבט דער געדאַנק, אַז דער „בונד” איז שטענדיק געווען אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, און אַז ער איז געווען דער אַוואַנגאַרד פֿון דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

נאָכדעם, ווי ס'איז אויסגעגלייכט געוואָרן די פּאָליטישע ליניע פֿון דער בונדיסטישער אָרגאַניזאַציע, און פֿון 200 מיטגלידער זיינען אַרויס אינגאַנצן פֿון איר 10 מאַן מיט דעם אַלטן קאָמיטעט בעראָש, איז פֿאַר דעם נייעם קאָמיטעט געשטאַנען די פֿראַגע וועגן דער ווייטערדיקער טעטיקייט אין דעם קעהילע-וואַאַד. אין דער פֿראַקציע איז די מערהייט געווען בא די רעכטע עלעמענטן, און דער קאָמיטעט האָט געמוזט געבן דירעקטיוון דער פֿראַקציע, וועלכע האָט זיי סאַבאָטירט.

ענדלעך איז דער קאָמיטעט געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז קיין טאַכלעס פֿון דעם וועט אַלץ ניט אַרויסקומען, און האָט אָנגענומען, אַ באַשלוס דעם קעהילע-וואַאד פֿאַנאַנדערלאָזן און בילדן אַף זיין אָרט אַ יידישן אַרבעטער-ראַט, די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג האָט אזאַ טריט סאַנקציאָנירט, און דער קאָמיטעט האָט זיך געווענדעט אין דעם אויספֿיר-קאָמיטעט מיט אַ באַקאָשע וועגן אַרויסגעבן אַף דעם אַ געהעריקן מאַנדאַט, דער לעצטער האָט עס גערן געטאָן און האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעל-אויסגעקליבענע קאָמיסיע פֿון בונד פֿון 5 מאַן אַ מאַנדאַט אַף דאָס רעכט פֿאַנאַנדערצולאָזן דעם קעהילע-וואַאַד און איבערנעמען אלע איניאָנים.

דעם 30 יון איז פֿאָרגעקומען אַן אָרדנטלעכע זיצונג פֿון דעם קעהילע-וואַאַד, אַף וועלכער דער פֿאָרזיצער פֿון בונדישן קאָמיטעט, אַ מיטגליד פֿון דער פֿראַקציע, האָט גלייך אין אָנהויב זיצונג געמאַכט אַ מעלדונג וועגן דעם און האָט פֿאָרגעלייגט דעם פּרעזידיום טייקעף איבערגעבן אַלע איניאָגים פֿון דעם וואַאַד. די רעכטע מערהייט פֿון דער בונדישער פֿראַקציע, האָט גלייך אָנגעהויבן טומלען און אָנגערופֿן דאָס מיט די גוט באקאנטע נעמען: „גוואַלדטאַט“ א. א. וו. בייס די ציונים און אָרטאָדאָקסן האָבן נאָר אַרויסגעוויזן זייער געווינטלעכן מאַכאַד. די פֿאָרשטייער פֿון דעם פּרעזידיום זיינען טייקעף געגאַנגען מיט די מיטגלידער פֿון דער ספּעציעלער בונדישער קאָמיסיע אינם לאָקאַל פֿון קעהילע-וואַאַד און האָבן איבערגעגעבן אַלע פּאַפּירן.

די צייטווייליקע קאָמיסיע פֿון בונד איז צוגעטראָטן צו באַקאַנען זיך מיט דער טעטיקייט פֿון דעם קעהילע-וואַאַד און צו אויסאַרבעטן די פֿאָרמען פֿון דעם יידישן אַרבעטער-ראַט, נאָר די לויפֿנדיקע אַרבעט פֿון דעם פֿאַנאַנדערגעלאָזענעם וואַאַד האָט געפֿאָדערט מען זאָל דערווייל פֿאַרנעמען זיך מיט באַפֿרידיקן די הויצאָרכעס פֿון דער אָרעמער יידישער באַפֿעלקערונג אומגעשטערט. געלט אין דער קאַסע פֿון דעם קעהילע-וואַאַד איז ניט געבליבן קיין קאָפּיקע. די אָנגעשטעלטע איז ניט געווען באצאָלט פֿאַר 2 כאַדאָשים. די קאָמיסיע האָט באַשלאָסן מאַכן אַ באַשטייערונג אַף דער יידישער בורזשואַזיע און איז גלייך צוגעטראָטן צו באַקאָנען זיך מיט דעם מאַטעריאַל. ביז וואָס-ווען האָט זיך די צייטווייליקע קאָמיסיע געווענדעט אין דעם אויספֿירקאָם פֿון ראַט מיט אַ באַקאָשע—מאַכן אַ האַלוואָע אַף 10000 רובל אַף דעם כעשבן פֿון דער באַפֿאָרשטייענדיקער באַשטייערונג. די האַלוואָע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן—און די קאָמיסיע איז מיט גרויס ענערגיע צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן די וואַלן אין דעם

יידישן אַרבעטער-ראַט, נאָר... דער טשעכאָסלאָוואַקישער אָנגריף האָט צייט-ווייליק איבערגעריסן די אַרבעט פֿון דער קאָמיסיע.

צוזאַמען מיט דעם אַרבעטער-ראַט האָבן זיך דעם 25 יול אויך עוואַקוירט די אַקטיווסטע מיטגלידער פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און פֿון דער צייטווייליקער קאָמיסיע. די יידישע בורזשואַזיע האָט ניט געקענט פֿאַרבאָרגן איר שׂימחה בײַם דער ראַט האָט צוליב די קריג-אָפּעראַציעס אַרום שטאָט געמוזט זיך עוואַקוירן.

נאָר פֿריצייטיק איז איר שׂימחה! די אוראַלער אַרבעטער האָבן צוליב דער גוואַלטיקער געפֿאַר פֿאַר דער רעוואָלוציע זיך גענומען פֿאַרן ביקס און שוין 2 וואָכן גייט אַ פֿאַרביטערטע שלאַכט אַרום יעקאַטערינבורג. יעקאַטערינבורג וועט ווערן אָפּגעריינגיקט פֿון דער קאָנטער-רעוואָלוציע גאָר אין די נאָענטסטע טעג—אָט דאָס איז די טיפֿסטע איבערצייגונג און ביטאָכן פֿון דעם אוראַלער אַרבעטער-רעוואָלוציאָנער! און דאַן וועט פֿאַרגעזעצט ווערן דורכן יידישן אַרבעטער די אָנגעהויבענע יידישע רעוואָלוציע אין יעקאַטערינבורג.

ב. ס—וו.

די שוווע פֿון פערמער יידישע אַרבעטער *).

ניט לאַנג איז אין פערם געגרינדעט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע בונדיסטן-קאָמוניסטן (לינקער בונד). זי ציילט שוין אין אירע רייען מער ווי 100 אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער.

דעם 12-טן אָקטיאַבער 1918 איז פֿאָרגעקומען אַ פֿייערלעכע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער יונגער אָרגאַניזאציע לעקאָוועד דעם 21 יאָריקן יובילײ פֿון בונד. ס'איז אָנגענומען געוואָרן פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„דער בונד האָט 21 יאָר שווער געאַרבעט אין אומענטשלעכע באַדינגונגען, קעדיי אויפֿצוהויבן און שאַפֿן אַ ניי און בעסער לעבן פֿאַרן יידישן אַרבעטער-קלאַס. ער איז אַלעמאָל געשטאַנען אין אוואַנגאַרד פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער-קלאַס אין רוסלאַנד. נאָר שוין זייענדיק באַם ציל פֿון די דעראָבערונגען פֿון אַרבעטער-קלאַס האָט אַ טייל אינטעליגענטע טוער, וואָס איז צייטווייליק געשטאַנען בעראָש פֿון לעבן אין „בונד", געוואָלט איבערדרייען דעם רודער קעגן די דעראָבערונגען פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

נאָר מיר, יידישע אַרבעטער, האָבן באַצייטנס דערזען די נידערטרעכטיקע טאַטן פֿון אונדזערע „פֿירער". האָבן מעכטיק אַ געשריי געטאָן: שטייט! די הענט אָן אַ זייט! רירט זיך ניט צו צו דער רויטער פֿאָן פֿון „אונדזער בונד", וועלכער איז באַשפּריצט מיט אונדזער בלוט.

שוואַכע און פֿאַרעטער, אַוועק פֿון אונדזער וועג! מיר האָבן אַליין גענוג קויעך צו טראָגן די הייליקע פֿאָן פֿון אונדזער אַרבעטער-בונד.

מיר, פּערמער יידישע אַרבעטער, פֿאַראייניקטע אונטער דער פֿאָן פֿון „בונד" (לינקע), שווערן מיט דער אַלטער „שוווע":

*) „אמת" נומער 48 1918.

האַנט באַ האַנט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער-קלאַס וועלן מיר שטיצן די ראַטן-מאַכט און זיך וואַרפן אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, ווייל מיר זיינען זיכער, אַז אונדזער באַפרייונג ליגט אין אונדזערע אייגענע הענט.

מיר מעלדן אַלע יידישע אַרבעטער, אַז קיינע באַציונגען מיט די „לידערס" פון רעכטן „בונד" ווילן מיר ניט און וועלן ניט האָבן.

מיר וועלן שטרעבן צו שאַפן דעם ריין אויסגעהאַלטענעם יידישן אַרבעטער-„בונד", אין וועלכן ס'וועלן זיך פאַראייניקן אַלע יידישע פראָלעטאַריער.

און מיר זיינען זיכער, אַז דער „בונד" וועט אונדז ברענגען צו אונדזער ענד-ציל—צום סאָציאַליזם.

זאָל לעבן די נייע אופלעבונג פון בונד!
זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!
זאָל לעבן דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל!
זאָל לעבן די ראַטן-מאַכט!
זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע פראָלעטאַרישע רעוואָלוציע!

פראָטאָקאָל.

פון דער פאַרזאַמלונג פון יידישע אַרבעטער פון שטאָט פערם, וועלכע שטייען אַף דער פּלאַטפאָרם פון סאָוועטן-מאַכט, שאַבעס דעם 22-טן יון 1918 יאָר אין קלוב פון דער אָרגאַניזאַציע „בונד" (לינקע), טאָרגאָווע גאַס נומ. 59.

פאַרן פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג איז אויסגעקליבן דער
כ' כ אַ ז אַ נ אָ וו,
סעקרעטאַר כ' ק אַ ץ.

ט אָ ג אָ ר ד ע נ ו נ ג:

I. פאָרטראָג פונם דעלעגאַט פון צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאַנים כ' ראַזין-מייעראָוויטש*) וועגן דער באַדייטונג פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע פאַרן יידישן פראָלעטאַריאַט.

II. וואַלן פון דער קאָלעגיע פון פערמער קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאַנים.

כאַווער מייעראָוויטש ווייזט אָן אַף דער אַלוועלטלעכער באַדייטונג פון דער גרויסער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און זאָגט, אַז די שוואַרצע מייעס פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן שרייען, אַז די רעוואָלוציע האָבן געמאַכט די יידן, נאָר דאָס איז ניט אַזוי. די יידישע אַרבעטער-מאַסע איז געבליבן פאַסיוו צו דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע. נאָר אַ טייל פון איר האָט זיך באַטייליקט אין

---

*) כ. ראַזין-מייעראָוויטש. דאָס איז כ' ליבערטער, וועלכער האָט ביז 1921 געאַרבעט אין יידישן קאָמיסאַריאַט און אין יידסעקציע.

דער רעוואָלוציע—נאָך ביז היינט הערשט אַף דער יידישער גאַס די יידישע בורזשואַזיע און אירע מיטהעלפֿער. אַפֿילע אין די יידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס זיינען די אָנפֿירער דינער פֿון דער בורזשואַזיע, נאָר צו דערדאָזיקער שאַנדע דאַרף געמאַכט ווערן אַ סאָף. דער יידישער קאָמיסאַריאַט פֿאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן פֿון יידן-אַרבעטער, שטעלט זיך פֿאַר אַ ציל אַרויסצורייסן די מאַכט פֿון די הענט פֿון דער יידישער בורזשואַזיע און אַליין שאַפֿן פֿאַר זיך דאָס נאַציאָנאַלע לעבן, דעריבער ווערט געשאַפֿן אַ קאָלעגיע פֿון יידישע אַרבעטער. די אויפֿגאַבע פֿון דער קאָלעגיע איז דורכצופֿירן די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט אַף דער יידישער גאַס (אַפּלאָדיסמענטן).

כ׳ קאַץ ווייזט אָן אַפֿן „בונד“, ווי אַף אַ קליינבירגערלעכער אָרגאַניזאַציע. נאָר צום גרויס פֿאַרדרוס, ווי אַ מיטגליד פֿון דער אָרגאַניזאַציע „בונד“, מוז ער עס באַשטעטיקן. די נאָכלויפֿער פֿון דער בורזשואַזיע האָבן זיך פֿאַרקליבן אין דער אָרגאַניזאַציע „בונד“. מיט נאַרעריי און פֿאַלשקייט פּרוּוון זיי זיך אַראָפּפֿירן די אַרבעטער פֿונם וועג פֿון קלאַסן-קאַמף. נאָר דאָס איז אַן אַנדער „בונד“, א בונד פֿון דער אינטעליגענץ. פֿון די נאָכלויפֿער פֿון דער בורזשואַזיע, מיט וועלכע די יידישע אַרבעטער פֿון „בונד“ האָט אַנטשלאָסן צעריסן און האָבן אַרויסגעריסן די ריינע פֿאָן פֿון „בונד“, די פֿאָן פֿון קלאַסן-קאַמף, ווי דאָס האָט געטראָגן דאָ אין פּערם, אין סאַמאַרע, אין פּענזע, אין קאָסטראָמאָ און אין אַנדערע צענטערן פֿון יידישע אַרבעטער.

די אַרבעטער פֿון דעם ווירקלעכן אַרבעטער-פֿאַרבאַנד „בונד“ פֿאַרייניקן זיך גערנער מיט די אַרבעטער פֿון „פּועלי ציאָן“ און אַנד., וועלכע האָבן צעריסן מיט דער בורזשואַזיע, מיט אירע מיטגענגער אונטער דער מאַסקע פֿון „בונד“, נאָר עס איז צו באַוווּנדערן, וואָס די אַרבעטער פֿון „פּועלי-ציאָן“, וועלכע האָבן זיך שטענדיק געשטיצט אַף דעם אַנטאַגאָניזם צווישן די יידישע אַרבעטער און די אַרבעטער פֿון אַנדערע נאַציעס, אָט די, וועלכע האָבן ספּעקולירט מיט יידישע פּאָגראָמען און אָנרופֿנדיק זיך מיט דעם פֿריערדיקן נאָמען פֿון דער קליינבירגערלעכער פּאַרטיי—אָנערקענען היינט די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט אַף דער יידישער גאַס און געפֿינען פֿאַר מעגלעך און צוועקמעסיק די סאָציאַליסטישע איבערבויונג פֿון רוסלאַנד, און מיט דעם אַליין האָט זי צעריסן מיט זייער פּראָגראַם, אָנערקענענדיק די פּראָגראַם פֿון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, לאָזנדיק צו רו זייער פּאַלעסטינע.

כ׳ מאַריען ווייזט אָן, אַז „פּועלע-ציאָן“ (לינקע פֿראַקציע) טראַכט ניט איצטער וועגן פּאַלעסטינע און זיי וועלן נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אַף צו פֿאַרפֿעסטיקן די דעראָבערונגען פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע אין רוסלאַנד צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטנדיקע פֿון לאַנד.

כ׳ כאַזאַנאָוו פֿון דער אָרגאַניזאַציע „לינקער בונד“ באַגריסט דאָס, וואָס דער כ׳ מאַריען האָט אַרויסגעזאָגט, וואָס עס איז קלאָר, אַז די אַרבעטער פֿון „פּועלי-ציאָן“ זאָגן זיך אין איצטיקן מאָמענט אָפּ פֿונם ציאָניזם און זיינען גרייט צו נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער דיקטאַטור פֿון די אַרבע-

טער אַף דער יִידישער גאַס, און מִיט דעם גופֿע גייען זיי צוזאַמען מִיטן „בונד“. ער באַגריסט די בונדאָווצעס און דעם לינקן טייל פֿון „פּויעליי ציאָן“ (אפּלאָדיסמענטן).

כ׳ סינאַי זאָגט, אַז דער כ׳ כאַזאַנאָוו האָט ניט איַנגאַנצן פֿאַרשטאַנען דעם כ׳ מאַריען, ווייל די „פּויעליי ציאָניסטן“ (לינקע פֿראַקציע) זאָגן זיך ניט אָפּ פֿון זייער פּראָגראַם, נאָר אין איצטיקן מאָמענט ווילן זיי נעמען אָן אָנטייל צוזאַמען מיט אַלע יִידישע אַרבעטער, וועלכע שטייען אַף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון סאָוועטן-מאַכט אַף דורכצופֿירן די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט אַף דער יִידישער גאַס.

דעם שלוסוואָרט באַקומט דער פֿאָרטרעגער. ער רופֿט אַלע אַרבעטער צו אַקטיווער אַרבעט. ער זאָגט: אַסאַך פֿון די יִידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד, ווען זיי האָט זיך באַזונדערס שלעכט געלעבט, האָבן זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם, ווי גוט עס וואָלט געווען צו אַרבעטן „אַף אַן אייגענער טעריטאָריע“, דאָרטן וואָלט ניט געווען קיין רעכטלאָזיקייט פֿאַר זיי, זיי האָבן געכאָלעמט וועגן פֿאָלעטשינע, וועגן דורכפֿירן דאָרטן דעם סאָציאַליזם. נאָר איצטער איז אַ סאָף צו די פֿאַנטאַזיעס. די יִידישע אַרבעטער אין איצטיקן מאָמענט קאָנען און דאַרפֿן בויען זייער לעבן, פֿאַרפֿעסטיקן און פֿאַרטיידיקן די דעראָבערונגען פֿון זייערע כאַוויירים-פּראָלעטאַריער. פֿאַראייניקנדיק זיך, דאַרפֿן די יִידישע אַרבעטער דורכפֿירן אַף דער יִידישער גאַס די דיקטאַטור פֿון די יִידישע אַרבעטער.

נאָכדעם לייענט דער פֿאָרטרעגער די אינסטרוקציעס פֿון צענטראַל-קאָמיטעט פֿאַר יִידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז די קאָלעגיע דאַרף קאָנטראָלירן די אַנשטאַלטן פֿון יִידישן לעבן, באַזונדערס דאַרף די קאָלעגיע נאָכקוקן ווי עס ווערט געפֿירט די קולטור-אופֿקלער-אַרבעט. ווייטער דאַרף די סאָציאַלע פֿאַרזיכערונג פֿון יִידן און די איניאָנים פֿאַר היימלאָזיקייט אָנגעפֿירט ווערן פֿון דער קאָלעגיע.

№ 101

2-טן סענטיאַבר 1918 יאָר.

דעם פּערמער גובערניאַלן אויספֿיר-קאָמיטעט פֿון די סאָוועטן פֿון אַרבעטער, פּויערים און אַרמעישע דעפּוטאַטן.

קאָפּיעס: דעם פּערמער גובערניאַלן קאָמיסאַר פֿאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים, דעם צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פֿאַר יִידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים, מאָסקווע.

פֿונם אָפּטייל פֿון צענטראַלן-קאָמיסאַריאַט פֿאַר יִידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים באַם פּערמער גובערניאַלן אויספֿירקאָם.

צושטעלנדיק דערביי אַ צעטל פֿון דער יִידישער בורזשואַזיע און באַלעבאָטישן קלייַנבירגערטום און די סומען, מיט וועלכע זיי זייַנען באַשטייערט געוואָרן לעטויוועס אַלע יִידישע אַנשטאַלטן פֿון דער שטאָט פּערם, וועלכע ווערן אין איצטיקן מאָמענט באַדינט דורכן אָפּטייל פֿונם צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פֿאַר יִידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים, בעט דער אָפּטייל דעם אויספֿיר-קאָ-

מיִטעט באַשטעטיִקן דיִדאָזיִקע רעשיִמע און געבן איִם, דעם אָפּטייל, דאָס רעכט אופֿצומאָנען דאָס געלט לויט דער אָנגעוויִזענער רעשיִמע.

דעריִבער האַלט פֿאַר נוטיִק דער אָפּטייל אַרויסצוזאָגן דעם שטאַנדפּונקט איִבער דעמדאָזיִקן איִניִען: לויטן באַשלוס פֿון 3-טן יול ד. י. האָט דער אויספֿיִרקאָמיִטעט פֿאַנאַנדערגעלאָזן דעם בורזשואַזן פֿערמער ראַט פֿון דער ייִדיִשער קעהיִלע און האָט באַשטעטיִקט דעם פֿערמער אָפּטייל פֿונם צענטראַלן קאָמיִסאַריאַט פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע איִניִאָנים, צו וועלכן עס דאַרף איִבערגיין די פֿאַרוואַלטונג און אָנפֿיִרונג מיִט אַלע ייִדישע אַנשטאַלטן פֿון דער שטאָט איִן פּערם.

שוין איִן די ערשטע טעג פֿון זיין טעטיִקייט איִז דעם אָפּטייל אויסגעקומען צו טרעפֿן זיִך מיט אומגעהויער פֿיִנאַנציעלע שוועריִקייטן, אַלס רעזולטאַט פֿון דעם, וואָס די ייִדישע בורזשואַזיע האָט באַלעבאַטעוועט איִן אַלע ייִדישע אַנשטאַלטן. דאָס מעזומענע געלט באַם אָפּשרייבן די איִניִאָניִם פֿון דער קעהיִלע באַטרעפֿט ניִט מער פֿון 3000 טויזנט רובל.

איִן דערזעלבער צייט האָט מען געדאַרפֿט באַפֿרידיקן די באַדערפֿעניִשן פֿון די ייִדיִשע אַרבעטער און פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט, אַרויסגעבנדיק פֿאַרשיידענע מינים שטיִצע (סאָציִאַלע, קיִנדערהיימען, קולטור-אופֿקלער-אַנשטאַלטן). און דיִדאָזיִקע שטיִצע האָט מען אומפֿהערלעך אַרויסגעגעבן, ניִט געקוקט אַף די פֿיִנאַנציעלע שוועריִקייטן פֿון אונדזער אָפּטייל.

קאָלומאַן עס האָט עקזיִסטיִרט דער קעהיִלע-ראַט האָט די ייִדישע בורזשואַזיע און דער באַלעגופֿיִשער קליינבירגערטום (קולאַקעס) געצאָלט אַ כוידעשדיִקן אָפּצאָל איִן דער קאָסע פֿון דער קעהיִלע ביִז 9000 רובל א כוידעש, דערביי איִז דער גרעסטער טייל פֿון דידאָזיקע האַכנאָסעס געגאַנגען אַף אויסצוהאַלטן דעם רעליִגיעזן קולט, דאָסדאָזיִקע קנעכטשאַפֿט-געווער איִן די הענט פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע אַף צו דריִקן די ייִדישע ארבעטער-מאַסן. ניט זעלטן קומט אויס צו הערן פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע, ווי זי פֿרייט זיך מיט דעם, וואָס די לאַגע פֿון דער אָרעמקייט איז אַ שווערע און וואָס דעם אָפּטייל קומט אָן אַזוי שווער די הילף פֿאַר דער אָרעמקייט, פֿיִרנדיִק אַף דעם באָדן די מיִעסטע אַגיטאַציע צוויִשן דעם פֿיִנצטערער ייִדישער מאַסע.

עס כאַזערט זיִך איִבער די דערשיינונג, וועלכע איִז גוט באַקאַנט דעם רוסיִשן פּראָלעטאריאַט נאָך די זיִגרייכע אָקטיאַבר-טעג.

די ייִדישע בורזשואַזיע, וועלכע האָט פֿאַרגעזעצט די גאַנצע צייט צו פֿארוויִרקלעכן איִר דיִקטאַטור אַף דער יידיִשער גאַס, סטאַרעט זיִך איִצטער, נאָכדעם ווי די פּערמער ייִדישע אַרבעטער האָבן איִר געבעטן אָפּצורוקן זיִך און האָבן געשאַפֿן זייער נאַציאָנאַלן קאָמיִסאַריאַט, צושטערן די אָרגאַניִזאַציאָנעלע און שעפֿעריִשע אַרבעט פֿונם אָפּטייל, סאַבאָטיִרנדיִק און שטערנדיק מיט דעם, וואָס זיי טראָגן ניט אַריין זייערע כוידעשדיִקע אָפּצאָלן.

פֿאַר אונדזער אָפּטייל שטייט פֿאָר איִן דערזעלבער צייט אַ גרויסע אַרבעט אַף צו פֿארפֿעסטיקן די רעוואָלוציע צוויִשן דער ייִדיִשער ארבעטנדיִקער מאַסע, אריינבערענגענדיק איִן איִרע רייען די אידעאַלן פֿונם איִנטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליִזם, באפֿרייענדיִק זי פֿון געפֿאנגענשאפֿט בא די רעליִגיעזע און נא-

ציאָנאליסטישע אבערגלויבונגען, אלס רעזולטאַט פֿון דעם, וואָס עס הערשן אַף דער יידישער גאַס די בורזשואזע-נאציאָנאליסטישע און שאָוויניסטישע פּארטייען.

דידאָזיקע ארבעט, וועלכע פֿאָדערט די אָנשטרענגונג פֿון אלע קויכעס פֿון אונדזער אָפּטייל, פֿאָדערט פֿריער פֿון אלץ מאטעריעלע אויסגאבן, זי פֿאָדערט, אז עס זאָלן אומופהערלעך באפֿרידיקט ווערן די באדערפֿענישן פֿון די יידישע ארבעטער און יידישער אָרעמקייט אין סאָציאלער הילף און גרויסער קולטורעלער ארבעט.

אויסהאלטן מוישעוו-זקיינימס, קינדערהיימען, שולן, עפֿענען ארבעטער-קלובן, אָוונטקורסן פֿאר ארבעטער, אויסהאלטן די קאנצעלאריעס פֿונם אָפּטייל, איינלאדן אגיטאטאָרן, ארויסגעבן סאָציאליסטישע ליטעראטור אף יידיש, שטיצן די האסכאָלעס פֿונם צענטראלן קאָמיסאריאט אף דעם געביט, איינשטעלן א יידישע דרוקעריי—אָט דאָס זיינען די גרונט-ארטיקלען פֿונם ביורושעט פֿונם אָפּטייל.

דער אָפּטייל ארבעט אויס אין איצטיקן מאָמענט דעטאלע סמעטעס אף צוצושטעלן זיי אין אָפּטייל פֿאר סאָציאלער פֿארזאָרגונג, אין אָפּטייל פֿאר פֿאָלק-בילדונג אין פּראָלעטקולט.

די אויסגאבן, וועלכע זיינען ביז איצט געמאכט געוואָרן, און דאָס שאפֿן פֿון אייניקע מאטעריעלע רעסורסן אף פֿאָרצוזעצן די ווייטערדיקע ארבעט פֿונם אָפּטייל, רופֿן ארויס די נויטיקייט צו צווינגען די יידישע בורזשואזיע פֿאנאנדערעפֿענען די קעשענעס און אָפּגעבן אף די באדערפֿענישן פֿון דער יידישער ארבעטנדיקער מאסע דאָס, וואָס זי האָט גערן אָפּגעגעבן דער בורזשואזער קעהילע, און דאָס, וואָס זי באַיקאָטירט איצטער.

די ציפֿער פֿון דער באשטימונג זיינען צוזאמענגעשטעלט געוואָרן אפֿן גרונט פֿון די מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען גענומען געוואָרן אין קעהילע ראַט, פֿון די מאַטעריאַלן וועגן די כוידעשריקע אָפּצאָלן.

אויסרעכענענדיק די אַלגעמיינע סומע פֿון באשטייערונג אין 45 טויזנט רובל, האַלט דער אָפּטייל, אַז אַזאַ סומע וואָלט אלציינס אַריינגעטראָגן געוואָרן פֿון דער בורזשואַזע פֿאַר 4 כאַדאָשים (פֿון 1-טן סענטיאַבר ביזן 1-טן יאַנוואַר 1919 יאָר, אויסרעכענענדיק דעם כוידעשדיקן אָפּצאָל אומגעפֿער אין 9000 רובל, ווען דער קעהילע-ראַט וואָלט ווייטער עקזיסטירט.

פֿאַרענדיקנדיק זיין באַריכט, בעט דער אָפּטייל דערלייון דידאָזיקע פֿראַגע אַף דער נאָענטסטער זיצונג פֿון אויספּירקאָם אין פּאָזיטיוון זין, געבנדיק דעם אָפּטייל דאָס רעכט אופֿצומאָנען לויט דעם בייגעלייגטן צעטל אין אַ מעשעך פֿון זיבן טעג, און אין פֿאַל פֿון ניט איינצאָלן אין קאַסע פֿון אָפּטייל צוציען צום געריכט פֿונם רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל.

דער אָפּטייל בעט דערלויבן די פֿאָרשטייער פֿונם אָפּטייל בייצווין אַף דער זיצונג פֿונם אויספּירקאָם, ווו עס וועט באַטראַכט ווערן די אָנגעוויזענע פֿראַגע.

קאמיסאַר פֿאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים (אונטערשריפֿט).

קאָלעגיע-מיטגלידער (אונטערשריפֿט).

סעקרעטאַר (אונטערשריפֿט).

אָ נ ז אָ ג.

דער פּערמער אָפּטייל פֿונם צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע איניאַנים באַם גובערניאַלן אויספּירקאָם מעלדעט אייך, אַז אַפֿן גרונט פֿון דער פֿאַראָרדענונג פֿונם אָפּטייל פֿון 1-טן סענטיאַבר, וועלכער איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן פּרעזידיום פֿונם פּערמער גובערניאַלן אויספּיר-קאָ-מיטעט פֿון סאָוועט פֿון אַרבעטער, פּויערים און אַרמעישע דעפּוטאַטן און גו-בערניאַלן קאָמיסאַר פֿאַר נאַציאָנאַלע איניאַנים, דעם 14-טן סענטיאַבר 1918-טן יאָר זייט איר מעכויעוו אַריינצוטראָגן אין קאַסע פֿון אָפּטייל וועלכע געפֿינט זיך אַף אַראַנער גאַס, נאַרצעוויטשעס הויז (ראָג יעקאַטערינינער) אין מעשעך פֿון זיבן טעג, ווי איר וועט באַקומען דידאָזיקע מעלדונג—500 (פֿינפֿהונ-דערט) רובל איינצייטיקע באשטייערונג לעטויוועס דעם אָפּטייל.

פֿאַר ניט אַריינטראָגן די אָנגעוויזענע סומע אין דעם אָנגעוויזענעם טער-מין וועט איר צוגעצויגן ווערן צו רעוואָלוציאָנערער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט ווי אַזא, וועלכער ווארפֿט זיך ניט אונטער די פֿאַראָרדענונגען פֿון דער סאָוועטן-מאַכט.

קאָמיסאַר פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע איניאַנים אי. כ אַ ז אַ נ אָ וו.

ר. ס. פֿ. ס. ר.
פּערמער גובערניאַלער צענטראַלער
לאַגער פֿון מעדיקאַמענטן.
18-טן סענטיאַבר 1918-טן יאָר נ. 784,
פּערם, טאָרגאָווע גאַס, הויז נ. 56.

אין גובערניאַלן קאָמיטעט פֿון סאָוועט פֿון אַרבעטער, פּויערים און אַרמעישע דעפּוטאַטן.

פֿון געהילף-פּארוואַלטער פֿונם גובערניאַלן צענטראַלן לאַגער פֿון מעדיקאַמענטן, יאָסיף איסאַקאָוויטש ב יי ל יִ כ ע ס.

איך האָב באַקומען אַן אָנזאָג פֿונם ייִדישן אָפּטייל פֿון קאָמיסאַריאַט פֿאַר נאַציאָנאַלע איניאַנים פֿון 24-טן סענטיאַבר ד. י. מיט נ. 29 מיט אַ פֿאָדערונג איינצוצאָלן אין אָפּטייל 250 רובל אין 7 טעג.

אַזוי ווי איך געפֿין זיך אַף אַ סאָוועטישער שטעלע, און קיין אייגנטום האָב איך ניט, בעט אים געפֿעליקס באַפֿרייען מיר פֿון דעמדאָזיקן שטייער. ווער רעט נאָך, אַז דערדאָזיקער שטייער, אלס נאַציאָנאַלער שטייער, איז מיט קיין דעקרעט אָדער פֿאראָרדענונג העען פֿון דער צענטראַלער און העען פֿון דער אָרטיקער מאכט ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן. אַלס שטייער אף וואלטעטיקע אָדער רעליגיעזע באדערפֿענישן שטעלט ער מיט זיך פֿאָר אַ פּריוואַטע זאך און ער דאַרף פֿאָרגעשטעלט ווערן דעם גוטן ווילן פֿונם צאָלער. אַכוץ סכירעס, האָב איך קיינע האכנאָסעס.

געהילף-פּארוואלטער מיטן לאַגער ב יי ל יִ כ ע ס.

№ 697 3־טן דעקאַבר.

דעם פּערמער גובערניאַלן קאָמיסאַריאַט פֿאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים.

דער פּערמער אָפּטייל פֿון צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פֿאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים באַם פּערמער גובערניאַלן אויספּירקאָם בעט אייך אַרויסצוגעבן אַ דערלויבעניש צו קאָנפֿיסקירן דעם פֿאָנד און קאַסע, וועלכע זיינען דאָ באַ דער יידישער בורזשואַזער פּאַרטיי, אַזוי גערופֿענע ציאָניסטן, ד. ה. באַ די אַגענטן פֿון די ענגלישע אימפּעריאַליסטן, אַ סומע פֿון עטלעכע טויזנט רובל, דידאָזיקע פּאַרטיי, וועלכע איז ביז איצט דערשטיקט געוועזן דורך דער דיקטאַטור פֿונם יידישן פּראָלעטאַריאַט, גרייט זיך אין דער איצטיקער צייט, ווען עס קומט אָן אַן ערנסטער מאָמענט פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט, ארויסצוקריכן פֿון די לעכער און אָפּרעכענען זיך מיט די יידישע אַרבעטער מיט די אַלטע אויסגעפּרוּווטע מיטלען זייערע.

דער אָפּטייל האלט, אז זייער געלט איז אין איצטיקן מאָמענט נויטיק פֿאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט און דעריבער בעטן מיר אונדזער פֿאַראָרדענונג צו באַשטעטיקן.

פֿאָרזיצער פֿונם אָפּטייל (אונטערשריפֿט).

סעקרעטאַר (אונטערשריפֿט).

אין פּערמער יידישן קאָמיסאַריאַט.

איבערשיקנדיק אייך א קאָפּיע פֿון צירקוליאַר וועגן דער אָרגאַניזאַציע פֿון קאָמוניסטן אין 5־טן ווילנער שיסער־פּאָלק*), לייגט אייך פֿאָר דער צענטראַלער קאָמיסאריאַט פֿאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים צו אַנטוויקלען אַ ברייטע אַגיטאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער (דורך איינאָרדענען מיטינגען, אַרויסלאָזן פֿלוגבלעטלעך, אופֿרופֿן) פֿאַר אריינטרעטן אין די רייען פֿון דער מאַירעוודיקער סאָוועטישער דיוויזיע, וועלכער וועט בלי ספֿק, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און מיט דעם סטיכעישן פֿאַרלאָזן פֿון דאָס דייטשישע מיליטער די אָקופּירטע געגנטן, אויסקומען צו שפּילן אַן אָנגעזעענע ערן־ראָל באם פֿאַרפֿעסטיקן אין פּוילן און ליטע די סאָוועטן־מאַכט.

קאָמיסאַר (אונטערשריפֿט).

פֿאַרטרעטער פֿון פֿאַרוו. מיטן אויסערשטאָטישן אָפּטייל (אונטערשריפֿט).

סעקרעטאַר פֿון אָפּטייל (אונטערשריפֿט).

---

*) אין דעם צירקוליאַר איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז עס אָרגאַניזירט זיך די מאַירעוו־דיוויזיע און מען האָט גערופֿן די, וואָס שטאַמען פֿון ליטע, ווייסרוסלאַנד און פּוילן, צו שאפֿן מיליטערישע אָפּטיילן און זיך איינשליסן אין דער דיוויזיע.

אַלע צו געווער!

צו די ייִדישע אַרבעטער.

כאַווײרים!

די געשעענישן, וועלכע אַנטוויקלען זיך אין ליטע, פּוילן און אוקראַיִנע עפֿענען נײַע האָריזאָנטן פֿאַר דער פֿאַרברייטערונג פֿון אונזער טעטיקייט.

אונדז איז גוט באַוווּסט, ווי איז געווען די לאַגע פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין די אָקופּירטע ערטער אונטערן דרוק פֿונם דײַטשישן מיליטאַריזם. אונדזער כוויוו אין דעמדאָזיקן שווערן און פֿאַראַנטוואָרטלעכן מאָמענט איז גענומען זיך פֿאַר דער אָרגאַניזירונג פֿונם פֿאַרבאַנד פּראָלעטאַריער. אַלע ייִדישע אַרבעטער, וועלכע שטייען אויף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון דער סאָוועטנמאַכט, זײַנען מעכויעוו צו טאָן אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך און ווו עס איז נאָר מעגלעך. מיר דאַרפֿן אונדזערע רעוואָלוציאָנערע קויכעס אָנווענדן אין די אָקופּירטע ערטער, דאָרטן, ווו טויזנטער אונדזערע כאַווײרים האָבן זיך געמאַטערט אָן קיין שום רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע; דאָרטן, ווו ביז איצט האָט פֿאַר אונדז אַגיטירט דער דײַטשישער בראָנירטער קולאַק.

איצטער, נאָכדעם ווי עס זײַנען אַוועקגעגאַנגען די דײַטשישע כאַיאָלעס, הויבט זיך דאָרטן אויף אַ מאַסן-באַוועגונג. מיר דאַרפֿן אָנווענדן דידאָזיקע באַוועגונג, אַז זי זאָל ווירקלעך ווערן אַ רעוואָלוציאָנער-קאָמוניסטישע. אַלע באַוווּסטזיניקע כאַווײרים דאַרפֿן זיך דורכקלײַבן אין די אָקופּירטע ערטער, אָפּפֿירן מיט זיך פֿאַר דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע.

מע דאַרף אויסנוצן אַלע פֿאַרבינדונגען, אַלע באַקאַנטשאַפֿטן, אַלע פֿאַלן. מע דאַרף געדענקען, אַז מיר, אַוועקגייענדיק צוריק אין „טכום" צווישן דער ברייטער ייִדישער אַרבעטער-מאַסע, וועלן דאַרפֿן אָפּגעבן אונדזערע קויכעס דער זאַך פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע. אַכוץ די אַגיטאַטאָרישע קויכעס דאַרף מען אַהינצו אָנווענדן אַלע רויטאַרמייער, געבוירענע פֿון די אָקופּירטע געגנטן, וועלכע וועלן קאָנען, אַדאַנק זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך, גיכער אַרײַנטרעטן אין פֿאַרבינדונגען מיט דער באַפֿעלקערונג, און זיי וועט גיכער געלינגען דער קאַמף מיט די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן, וועלכע וועלן אָן צוויפֿל אויך דאָרטן זײַן.

דער פּערמער אָפּטייל פֿונם צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע איניאָנים, באַקומענדיק די ידיִע, אַז אין שטאָט מאָסקווע אָרגאַניזירט זיך אַ מאַירעוו-דיוויזיִע אויסשליסלעך פֿון געבוירענע אין ליטע און דער 5-טער ווילנער שיסער-פּאָלק, באַ וועלכן עס פֿאָרמירט זיך אַ ייִדישער אָטריאַד, לייגט פֿאָר די אַלע, וועלכע ווילן איבערגיין פֿון זייערע מיליטערישע טיילן אין דעם אָנגעוויזענעם פּאָלק, און דאָס גלייכן די, וועלכע זײַנען נאָך ניט אין דער רויטער אַרמיי, פֿאַרשרײַבן זיך אין די רייען פֿון אָטריאַד.

פֿאַרשרײַבן קאָן מען זיך טעגלעך אין געבײַדע פֿון קאָמיסאַריאַט (ראָג אַראַנער און לעגינער) פֿון 10 ביז 1 באַטאָג באַם געשעפֿט-פֿירער פֿון אָפּטייל כ׳ רובינשטיין.

נאָך פֿאַרשיידענע ספּראַווקעס קאָן מען זיך ווענדן אין דערזועלבער צייט און אין דיזועלבע שאָען צום סעקרעטאַר פֿון אָפּטייל, צום כ' אַבראַם.

פערמער יידישער קאָמיסאַריאַט.

כאַוויירים, פֿאַרשרייבט זיך אין יידישן אָטריאַד! ליטע דאַרף זיין אונדזערע!

מאָסקווע, דעם יידישן קאָמיסאַריאַט.

פּרעטשיסטענקאַ, 16.

דעם 8-טן דעקאַבר ריכטן מיר אויס אין אייער רעשוס אַן אָטריאַד פֿון רויטאַרמייער און אַגיטאַטאָרן פֿערציק מאַן פּונקט מיר בעטן באַזאָרגן דעם אָטריאַד מיט אַ געביידע און דערנערונג-פּונקט מע רעכנט זיך אָפּשטעלן וויאַטקע וואָלאָגדע אַף איינצואָרדענען יידישע מיטינגען און ווערבירן יידישע אַרבעטער אין אָטריאַד.

יידישער קאָמיסאַריאַט.

אופּרוף פֿון דער מאַירעוו-דיוויזיע *)

צו דער באַפֿעלקערונג פֿון די שטעט, וואָס זיינען באַפֿרייט געוואָרן פֿון דער דייטשישער אָקופּאַציע.

פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט אייך!

צו דער באַפֿעלקערונג!

ס'איז אַריין אין לאַנד אַ נייע אַרמיי, וועגן וועלכער ס'האָבן יאָרן לאַנג געטרוימט די אַלע פֿאָלק-פֿריינט.

אונדזער אַרמיי איז די באַשיצערן פֿון אַלע האָרעפּאַשנע מאַסן.

אונדזער אַרמיי טראָגט די רויטע פֿאָן פֿון דער פֿרייער באַנייטער וועלט.

אונדזער אַרמיי הויבט הויך אויף די פֿאָן פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וועלכע באַפֿרייט די פֿאַרשקלאַפּטע קאַפּיטאַליסטישע רויבער-וועלט.

אונדזער אַרמיי טראָגט אַף אירע שפּיזן דעם שאָלעם די אַלע פֿרידלעכע בירגער און דעם טויט—די אַלע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן.

אונדזער אַרמיי וועט מאַכן אַ סאָף צו דער הערשונג פֿון די מערדער פֿון טיראַנען פֿון די פֿאָלק-מאַסן.

אונדזער אַרמיי וועט אויפֿשטעלן די מעמשאָלע פֿון די אַרבעטער און די אַלע איבעריקע האָרעפּאַשנע מאַסן.

---

*) דעמדאָזיקן אופּרוף האָט אַרויסגעגעבן דער יידישער קאָמיסאַריאַט, און די מאַירעוו-דיוויזיע האָט אים פֿאַרשפּרייט אין צענדליקער טויזנטער אין די שטעט און שטעטלעך פֿון ווייסרוסלאַנד און ליטע גלייך נאָך זייער באַפֿרייונג פֿון די דייטשישע אָקופּאַנטן.

לאַנגע צייטן, כאַוויירים און בירגער, זיינט איר געווען אונטער דעם יאָך פון די אָקופּאַנטן, איר האָט אומענטשלעך געליטן העו און אייער מענטשלעכן ווערט און העו אין אייער עקאָנאָמישן לעבן.

מען האָט אייך געריבט און געגאַזלט טאָגטעגלעך, איר זיינט געשטאָרבן מאַסנוויז פון הונגער און נויט, אין דערזעלבער צייט האָבן אייערע ברידער, די רייכע גאַזלאָנים, אָנגעלעבט גרויסע אַשירעס אַף דעם כעשבן פון אייער אומגליק און טויט.

איצטער, ווען די הילף פון די אָקופּאַנטן ווערט אָפּגעשוואַכט, ווייל אין דייטשלאַנד זעלבסט איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע, זוכן די רייכע צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין זייערע הענט. זיי זאָלן קענען פאָרזעצן זייער עקספּלואַטאַציע און רויבעריי פון די פאָלק-מאַסן, איצטער זיינען מיר אייך געקומען צו הילף.

אונדזער אַרמיי באַשטייט פון די קינדער פון אייער געגנט. מיר זיינען געווען געגויט איבער אַלערליי סיבעס צו פאַרלאָזן אונדזער היים און צו גיין נאָך גרויסרוסלאַנד, דאָס לאַנד האָט גע-טראָפן אַ גליק: איר פּראָלעטאַריאַט און די אָרעמע פּויערים האָט די ערשטע אין דער וועלט געגאָלטן צו פאַרכאַפּן די מעלוכע-מאַכט אין זייערע הענט.

מיט אַלע אונדזערע קויכעס האָבן מיר געהאָלפן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, דאָרטן האָט זי געזיגט.

מיר האָבן אָבער ניט געקענט בלייבן רויק אין דעם פרייען רוסלאַנד אין דער צייט, ווען מיר ווייסן, אַז אונדזערע ברידער אין אונדזער היים זיי-נען נאָך פאַרשקלאַפט און עקספּלואַטירט, איבער זיי הערשן נאָך פּריצים, קאַפּיטאַליסטן, טיראַנען, מיר האָבן אַלץ געקליבן קויכעס צו העלפן אונדזערע ברידער אין אונדזער היים.

ס'איז אונדז גאַנץ גוט באַוווסט, אַז די סימפּאַטיע צום פרייען רוסלאַנד איז זייער גרויס אין אונדזער היים, נאָר די רויבערישע הערשער זעען צו דערשטיקן די געפילן פון פאָלק. אייערע צייטונגען דערציילן אייך קאָלערליי שקאָרים וועגן רוסלאַנד, מען טראַכט אויס אַלערליי בילבולים, קעדיי אָפּצו-שרעקן אייך פון פרייען רוסלאַנד.

רוסלאַנד איז אַ פריי לאַנד, וווּ עס הערשן די אַרבעטער און די פּוי-ערים. יעדערער, וואָס האָרעוועט, געפינט דאָרטן זיין אָרט, זיין ברויט זיין ערע. פאַר ליידיקגייער, וואָס לעבן פון פרעמדן שוויס און בלוט, איז דאָרט קיין אָרט ניטאָ, אַלע מוזן דאָרט אַרבעטן.

ווער פון אייך, אַרבעטער, האָט אייער גאַנצן לעבן ניט געטרוימט פון אַזאַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג?

ווער פון אייך האָט זיך ניט געוווּנטשן, אַלס דאָס בעסטע אין אייער לעבן, צו דערלעבן אַזעלכע צייטן, ווען דער אַרבעטער וועט זיין באַפרייט?! גלויבט ניט אין אַלע מאַיסעס, שקאָרים און בילבולים, וואָס מען דערציילט באַ אייך וועגן ראַטנרוסלאַנד.

אָבער געדענקט! די רוסישע רעוואָלוציע וועט נאָר דאַן קענען בלייבן לעבן, ווען זי וועט ניט בלייבן דער איינציקער סאָציאַליסטישער אינדזל אין דער רויבערישער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וואָס זוכט איר צו דערשטיקן מיט אַלע קויכעס, צום גליק, זעען מיר ווי דאָס לעבן פירט צו דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע, זי איז שוין געקומען אין דייטשלאַנד און עסטרייך.

אונדזערע אָקופּירטע געגנטן, ווי ווייסרוסלאַנד, ליטע און פּוילן, זיינען געבליבן אַלס אַ שוואַרצער פּאַס צווישן צוויי רויטע לענדער.

אונדזער כּיוון איז—וואָס גיכער צו באַפרייען די אָקופּירטע געגנטן און אויפהויבן אין איר די רויטע פאָן פון דער ראַטנמאַכט, פון קאָמוניזם.

נאָר די מאַכט פון די אַרבעטער און פּויערים אָן דער בורזשואַזיע, וועלכע נאַרט אונדז שטענדיק אָפּ, איז די איינציקע מאַכט פון פאָלק.

נאָר די סאָוועטן זיינען איצט אַ רעוואָלוציאָנערע מאַכט. זיי וועלן באַפרייען די אָקופּאַציע פון דער הערשונג פון די רייכע איבער די אָרעמע.

די אַמעריקאַנער און די ענגלענדער זוכן איצטער צו פאַרנעמען דעם אָרט פון די דייטשן. זיי ווילן פאַרשקלאַפן די גאַנצע וועלט. די געפאַר פון זייער זייט איז זייער גרויס.

מיר רופן אַלעמען, וועמען ס'איז טייער דער סאָציאַליזם, וועמען ס'איז טייער זייער היים און ווילן איר זען אינגאַנצן אַ באַפרייטע, אַריינצוטרעטן אין די רייען פון דער מאַירעוו-דיוויזיע...

מיר האָבן געשוואָרן, אַז מיר וועלן ניט אַוועקלייגן אונדזער געווער, ביז וואַנען מיר וועלן ניט דערקעמפן די מאַכט פון די אַרבעטער און פּויערים אין אונדזער געגנט.

מיר ווענדן זיך צו אַייך, יידישע אַרבעטער! מיר, סאָציאַליסטן, זיינען נאָר די איינציקע אין דער וועלט, וואָס טראָגן די עמעסע באַפרייונג פון די יידישע מאַסן.

מיט אונדזער זיג וועלן זיך ענדיקן אַף אייביק אַייערע ליידן ניט נאָר אַלס עקספּלואַטירטע, נאָר אויך אַלס יידן.

פון אַלטע יאָרן זיינט איר געווען דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע, איצטער האָבן אַייך אַייערע פירער פאַרפירט. זאָגט זיך אָפּ פון זיי און טרעט אַריין אין אונדזערע רייען, אין דער מאַירעוו-דיוויזיע.

זאָל אויך אַף אייך זיין דער קאָוועד פון די באַפרייער פון אונדזער געגנט.

מיר זיינען זיכער, אַז איר וועט אַריינטרעטן אין אונדזערע רייען מאַסנווייז.

זאָל לעבן דער אינטערנאַציאָנאַל!
זאָל לעבן די באַפרייטע אָקופּאַציע!
זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע!
זאָל לעבן די ראַטנמאַכט!

די מאַירעוו-דיוויזיע.

די אַרבעט פֿון די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן פֿון אַ ריי אַנדערע שטעט.

אַ בריוו פֿון קאָסטראָמאַ*).

ווי באַווּסט, האָבן די היימלאָזע אַסאַך אַרייַנגעטראָגן אין דעם ייִדישן לעבן דאָרט, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט.

ווען נאָך דער רעוואָלוציע זייַנען געשאַפֿן געוואָרן ייִדישע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן געווירקט סײַ אַפֿן ייִדישן, סײַ אַפֿן אַלגעמיינעם לעבן, איז נאָר אַדאַנק דעם, וואָס דאָרט זייַנען געווען היימלאָזע. מען קען ניט אָפּלייקענען, אַז אויך אַסאַך פֿון די אָרטיקע האָבן גענומען אַן אָנטייל אין ייִדישן פּאָליטישן לעבן, נאָר די מאַסע האָבן פֿאַרגעשטעלט מיט זיך די היימלאָזע. איצטער אָבער, ווען די היימלאָזע האָבן זיך שוין גענומען פֿאַנאַנדערצופֿאָרן, ווערט דאָס ייִדישע פּאָליטישע לעבן אַלץ שטילער און שטילער. צום בייַשפּיל, באַ אונדז אין קאָסטראָמאַ זייַנען די רייען פֿון בונד און פּועלי-ציון געוואָרן שטאַרק שיטער: אַסאַך פֿון די כאַוויירים זייַנען זיך שוין צופֿאָרן, אַנדערע קלייבן זיך אין וועג. נאָר באַ דער בונדישער פּאַרטיי איז דאָ נאָך אַ סיבע: אייניקע כאַוויירים זייַנען אינגאַנצן אַוועק פֿון דער פּאַרטיי. די גאַנצע צייַט, וואָס די בונדישע גרופּע האָט עקזיסטירט אין קאָסטראָמאַ, האָבן דאָרט מילכאָמע געהאַלטן צוויי פֿליגלען: רעכטס און לינקס. צייטנווייז האָט געהאַט דערפֿאָלג דער ערשטער אָדער דער צווייטער, דאָסראָוו דער לעצטער.

דעם 10-טן אַווגוסט האָבן די לינקע כאַוויירים אָף אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿאָרגעלייגט פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„באַטראַכטנדיק דעם איצטיקן מאָמענט, ווען רוסלאַנד האָט אַרומגעכאַפּט אַזאַ שאַרפֿער קלאַסן-קריג, און נעמענדיק אין אַכט, אַז וועלכע עס איז אַגיטאַציע קעגן דער ראַטנמאַכט איז נאָר לעטויוועס די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וועלכע רופֿן אַרויס אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד קעגן די ראַטן, פֿריער קלוימערשט אונטער מענשעוויסטישע לאָזונגען און נאָכדעם שוין אָפֿן, ווי שוואַרצמייעניקעס, ווי דאָס האָט פּאַסירט אין אוקראַינע און אין פֿינלאַנד, זאָגט קאָסטראָמער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד", וואָס בלייבט אָף דער ראַטן-פּלאַטפֿאָרם, אַז זי וועט איינייִנעם מיט אַלע כאַוויירים-קאָמוניסטן אונטערשטיצן די ראַטנמאַכט מיט אַלע אירע מעגלעכקייטן"...

*) „אמת", נומער 40. אָקטיאַבר 1918.

די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן נאָר מיט איין שטים בײַ דריי אָפּ־געהאַלטענע. באַלד האָט אַ קאָלעקטיוו פון 3 כאַווירים געמאָלדן, אַז זיי גייען אַרויס פון פאַרטיי, אַז זיי זיינען אַריבער צו די קאָמוניסטן. פונדעסטמאָל אָן איז אין דער קאָסטראָמער בונדישער גרופּע קימאַט ניטאָ קיין שום צייכן פון לעבן.

ש. פּאָלישוק.

דער קורסקער קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים.

פּראָטאָקאָל

פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון אַלע יידישע אַרבעטער אין שטאָט קורסק, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 8-טן סענטיאַבר 1918-טן יאָר 6 אָוונט אין צייטווייליקן לאָקאַל פונם קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע יידישע איניאָנים אַף כערסאָנער גאַס נומ. 13.

6 אָוונט עפנט די פאַרזאַמלונג דער פאָרשטייער פון קאָמיסאַריאַט כ׳ נ. גאָלדין. פאַרן דורכפירן די וואַלן פון פּרעזידיום, לייגט פאָר דער כ׳ גאָלדשוואַרץ דער פאַרזאַמלונג צו באַערן מיט אופשטיין דעם אָנדענק פון דעם מוטיקן קעמפער פאַר דער זאַך פון דער רעוואָלוציע כ׳ אוריצקין, וועל־כער איז געפאַלן פון דער האַנט פון אַ וויסגוואַרדייער און אויסקלייבן פאַר אַן ערן־פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג דעם כ׳ לענין. ביידע פאָרשלאָגן ווערן אָנגענומען איינשטימיק. נאָכדעם לייגט פאָר דער כ׳ גאָלדשוואַרץ אויסצוקלייבן אַ פּרעזידיום פון דער פאַרזאַמלונג. מיט אַ מערהייט פון שטימען ווערן אויס־געקליבן: פאַר אַ פאָרזיצער דער כ׳ היידלבערג, געהילף־פאָרזיצער כ׳ ראָגאַ־טשעווסקי און סעקרעטאַר כ׳ קוקסין.

דער כ׳ קריוויצקי טראָגט אַריין אַ פאָרשלאַג וועגן אויסשליסן די ציאָ־ניסטן, וועלכע זיינען דאָ אַף דער פאַרזאַמלונג, ווי אַ בורזשואַזן, קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן עלעמענט. כ׳ לעווין דערווייזט, אַז אַזוי ווי די ציאָניסטן, וועלכע זיינען דאָ אין זאַל, זיינען מיטגלידער פון די פּראָפאַריינען, איז לויט דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע האָבן זיי רעכט אויסצוקלייבן אין די סאָוועטן, כאָטש אויסגעקליבן ווערן קאָנען זיי ניט. די פראַגע וועגן אויסשליסן די ציאָניסטן רופט אַרויס שטורמישע דעבאַטן און אַ טומל. באַרויקנדיק מיט גרויסע שוועריקייטן די פאַרזאַמלונג, לייגט פאָר דער כ׳ ראגאטשעווסקי אָפּ־צולייגן די דערלייזונג פון דער פראַגע וועגן אויסשליסן די ציאָניסטן און אויס־הערן פריער דעם באַריכט פונם פאָרשטייער פון קאָמיסאַריאַט, פון כאַווער קרי־וויצקי.

דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען, און דער כ׳ קריוויצקי טרעט צו צו לייענען זיין פאָרטראָג, ווו ער מאָלט די העפּקיירעס, וועלכע האָט געהערשט ביז איצט אין יידישן לעבן, ער ווייזט אָן אַף דער צולייגנדיקער ווירקונג פון די בורזשואַזע אינסטיטוציעס. ער האָט אָנגעוויזן אַף דעם, אַז אַף דער יידי־שער גאַס, ווו עס האָבן דאָמינירט ביז איצט די בורזשואַזע קליינבירגערלעכע

פּאַרטייען, איז אַרויסגעטראָטן אַ נייער מעכטיקער קויעך,—דאָס איז דער ייִדי־שער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט גענומען די מאַכט אין זיינע הענט.

דער פֿאָרטרעגער ווייזט אָן אויף דעם, אַז אין קורסק איז שוין לאַנג צייטיק געוואָרן די פֿאָדערונג צו שאַפֿן אַ קאָמיסאַריאַט. נאָר צוליב דעם סאַ־באָטאַזש פֿון די ייִדישע פּאַרטייען, צוליב דער אָפּגעריסנקייט פֿון די אַרבעטער־מאַסן פֿון דידאָזיקע פּאַרטייען, וועלכע פֿירן אַ פּשאָרע־פּאָליטיק, איז ביז איצ־טער דער קאָמיסאַריאַט ניט אָרגאַניזירט געוואָרן. אנערקענענדיק אָבער, אַז עס איז אומבאַדינגט נויטיק צו שאַפֿן אַ קאָמיסאַריאַט פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע איניאָנים—האָב איך—זאָגט דער פֿאָרטרעגער—און כ׳ אוגראָב צוזאמענגערופֿן אַן איניציאַטיוו־גרופּע פֿון ייִדן־קאָמוניסטן, וועלכע האָט אויסגעקליבן אַ קאָ־לעגיע פֿון קאָמיסאַריאַט אין באַשטאַנד פֿון די כ״כ גאָלדשוואַרץ און קריוויצקי. דידאָזיקע קאָלעגיע האָט דורכגעפֿירט איר אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אויף צו שאַפֿן אַ קאָמיסאַריאַט, און גלייכצייטיק האָט זי צוגעגרייט אַ באָדן פֿאַר די וואַלן פֿון אַ ייִדישן אַרבעטער־ראַט, וועלכער זאָל פֿאַרבייטן די בורזשואַזע קעהילע. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער ניטשטאַנדהאַפֿטיקער, צווייפּעניקער פּאָליטיק פֿון דעם לינקן טייל פֿון פּ״צ, וועלכע קאָנען זיך ניט באַשליסן צו צערייסן מיט זייער מענשעוויסטישן צענטער, ער ווייזט אָן אויך אויף דעם, אַז גרויסע שוועריקייטן האָט געקאָסט דער קאָלעגיע אויף אַריינצוגיין אין קאָנטאַקט מיט דעם לינקן טייל פֿון דער פּאַרטיי פּ״צ און פֿאַרענדיקט זיין פֿאָרטראָג מיט דעם, וואָס ער האָט פֿאָרגעלייגט דער פֿאַרזאַמלונג אויסצוקלייבן אין קאָמיסאַ־ריאַט אַזעלכע מענטשן, וועלכע וועלן מוטיק פֿאַרטיידיקן די אַרבעטער־זאַך, וועלכע וועלן ניט גיין אויף קיינע קאָמפּראָמיסן מיט דער בורזשואַזע און אירע מיטהעלפֿער (אַפּלאָדיסמענטן).

נאָכן פֿאָרטראָג ווערט ווייטער אויפֿגעהויבן די פֿראַגע וועגן אויסשליסן פֿון דער פֿאַרזאַמלונג די ציאָניסטן. דידאָזיקע פֿראַגע רופֿט ווידער אַרויס שטורמישע דעבאַטן, אַ טומל, עס ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס נאָך אַ קורצער האַפּסאָקע גייען איבער אַלע אַרבעטער, וואָס שטייען אויף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון סאָוועטן־מאַכט, אַכוץ די ציאָניסטן, אין אַן אַנדער צימער. נאָך אַ 15־מינוטי־קער האַפּסאָקע ווערט די זיצונג באַנייט. כ׳ יעליאַנאָוו לייגט פֿאָר איבערצו־קלייבן דעם פּרעזידיום פֿון פֿאַרזאַמלונג, ווייל דער ערשטער פּרעזידיום איז אויסגעקליבן געוואָרן בײַ דער שטיצע פֿון די ציאָניסטן. דער פֿאָרשלאָג ווערט אָנגענומען, און די פֿאַרזאַמלונג קלייבט אויס פֿאַר אַ פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַר־זאַמלונג דעם כ׳ ראָגאַטשעווסקי, פֿאַרן געהילף־פֿאָרזיצער—דעם כ׳ היידלבערג, פֿאַרן סעקרעטאַר—דעם כ׳ קוקסין.

די פֿאַרזאַמלונג טרעט צו צו באַהאַנדלען די פֿראַגן וועגן דעמדאָזיקן באַשטאַנד פֿון סאָוועט און וועגן דער קאָנסטרוקציע פֿונם קאָמיסאַריאַט. דער כ׳ לעווין, אין נאָמען פֿון דעם לינקן טייל פֿון דער פּאַרטיי פּ״צ, לייענט די דעקלאַראַציע. ער זאָגט, אַז דער סאָוועט דאַרף לויט דער מיינונג פֿון די לינקע פּ״צ באַשטיין פֿון 15 מאַן, וועלכע קלייבן אויס אַ פֿאָרזיצער. אַכוץ

דעם ווערן אויסגעקליבן צוויי פֿאַרוואַלטערס מיטן אָפּטייל פֿון קאָמיסאַריאַט און אַ קאָמיסאַר, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ ביוראָ פֿון סאָוועט.

כ׳ קריוויצקי, אין נאָמען פֿון די קאָמוניסטן, ווייזט אָן, אַז דער סאָוועט דאַרף באַשטיין פֿון 15 מאַן, וועלכע קלייבן אויס אַ פּרעזידיום פֿון דרייען, וועלכע זיינען גלייכצייטיק אַ גלייכבאַרעכטיקע קאָלעגיע פֿונם קאָמיסאַריאַט. כ׳ ראָגאַטשעווסקי לייגט פֿאָר צו אָנווייזן נאָר די געוווּנטשענע צאָל מיטגלי־דער פֿון סאָוועט, ווייל די קאָנסטרוקציע פֿון קאָמיסאַריאַט זאָל באַשליסן דער סאָוועט.

עס ווערט דערקלערט האַפּסאָקע פֿאַר דער פֿראַקציאָנעלער באַראַטונג. אַז עס ווערט באַנייט די זיצונג, לייגט פֿאָר דער כ׳ לעווין, אין נאָמען פֿון די לינקע פּ״צ, דורצופֿירן פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. מיט אַ מערהייט שטימען ווערט דערדאָזיקער פֿאָרשלאָג אָנגענומען. עס ווערט דערקלערט די רעשימע פֿון קאַנדידאַטן נומ. 1 פֿון דער פֿראַקציע קאָמוניסטן כ״כ גאָלדשוואַרץ, קריוויצקי, אוגראָב, יעליאַנאָוו, בראַפּמאַן, סמאַרגאָנסקי, בעלענקי, לאַזאַרסאָן, ליובקין, שניידערמאַן און ראָזענטוך און דער 2-טער נומער פֿון דער פֿראַקציע לינקע פּ״צ די כ״כ לעווין, היידלבערג, לעווין, שניידערמאַן, שפּונט, איזראַיל, גורעוויטש און קוקסין. עס ווערט דערקלערט אַ האַפּסאָקע אַף צו שטימען. עס ווייזן זיך אַרויס פֿאָלגנדיקע רעזולטאַטן: דער צעטל נומ. 1 פֿון די קאָמוניסטן האָט באַקומען—35 שטימען, דער צעטל נומ. 2 לינקע פּ״צ האָט באַקומען 24 שטי־מען, אַזוי, אַז פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער צאָל שטימען זיינען אדורך פֿון די קאָמוניסטן 9 כאַווירים און פֿון די לינקע פּ״צ 6 כ״כ. אַזוי זיינען אויסגע־קליבן געוואָרן פֿון דעם צעטל נומ. 1 די כ״כ: גאָלדשוואַרץ, קריוויצקי, אוגראָב, יעליאַנאָוו, בראַזערמאַן, סמאַרגאָנסקי, בעלענקי, לאַזאַרסאָן, ליובקין און קאַנ־דידאַטן: שניידעמאַן און ראָזענטוך. פֿון צעטל נומ. 2 זיינען דורך: די כ״כ לע־ווין, היידלבערג, לעווין, שניידערמאַן, שפּונט, איזראַיל. קאַנדידאַטן: גורעוויטש און קוקסין.

די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך פֿאַרענדיקט מיטן געזאַנג פֿון „מאַרסעליעזע״, „אינטערנאַציאָנאַל״ און „די שוווּע״.

פֿאָרזיצער: היידלבערג.

סעקרעטאַר: קוקסין.

דעם יידישן קאָמיסאַריאַט פֿאַר נאַציאָנאַלע אינינים.

אין אָנהויב, ווען עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אונדזער קאָמיסאַריאַט אין שטאָט קורסק, האָבן מיר געטראַכט, אַז דער דירעקטער צענטער אונדזע־רער איז דער מאָסקווער צענטראַלער יידישער קאָמיסאַריאַט, און די מאַכט אַף די ערטער דאַרף אונדז נאָר העלפֿן, און מיר האָבן אין דער ריכטונג גע־אַרבעט. מיר האָבן ליקווידירט דעם קאָמיטעט פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר שטיצן די קאָרבאָנעס פֿון דער מילכאָמע, גענומען אין אונדזער רעשוס די

אַמבולאַטאָריע, מוישעוו-זקיינים, שולן, מיר האָבן זיי אויסגעהאַלטן אַף אונדזער כעשבן. אַזעלכע ענלעכע צו אונדזער קאָמיסאַריאַט זיינען געווען נאָך דריי—דער לעטישער, פוילישער און אוקראַינישער; יעדער קאָמיסאַריאַט באַזונדער האָט זיך פֿאַרנומען מיט קולטור-אופֿקלער-אַרבעט צווישן די אַרבעטער, מיר, דער יידישער קאָמיסאַריאַט, האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דעם, וואָס דורך פּראָפּאַגאַנדע האָבן מיר צושטערט די יידישע פּשאָרע-פּאַרטייען און האָבן דערפֿירט דידאָזיקע פּאַרטייען, ביז דער פֿולסטער פֿאַרניכטונג, האָבן געשאַפֿן אַ יידישן אַרבעטער-ראַט, וועלכער האָט אין זיין באַשטאַנד געהאַט אין דער מערהייט קאָמוניסטן און אין דער מינדערהייט—לינקע פּ״צ; און שפּעטער אָנשטאָט די סאָוועטן מיטן אנטייל פֿון פּ״צ, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ יידישע קאָמוניסטישע סעקציע באַ דער רק״פּ, אין וועלכער מיטגלידער און מיטפֿילנדיקע וועלן זיין קאָרעוו צו 70 מאַן.

פֿאַרוואַלטער מיטן קורסקער יידישן סובאָפּטייל (אונטערשריפֿט).

דער טאַמבאָווער קאָמיסאַריאַט פֿאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים.

ר. ס̃. פֿ. ס. ר.
די אָפּטיילונג פונם נאציאנאלן קאמיסאריאט
פֿאר יידישע נאציאנאלע איניאנים באם
פארוואלטונג-אפטייל פֿון טאמבאווער
גובאויספּירקאם.
מאַי 28 1919 יאר. № 291

אין צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פֿאַר יידישע נאַציאָנאַלע איניאָנים.

דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט זיך אָרגאַניזירט אין טאַמבאָוו דעם 3-טן נאָיאַבר 1918-טן יאָר. אַף צו פּאָפּוליאַריזירן די אידייען פֿון קאָמיסאַריאַט איז אָרגאַניזירט געוואָרן איין פֿאַרזאַמלונג פֿון די יידישע אַרבעטער און אָרעמקייט אין שטאָט טאַמבאָוו און אַף צו לייזן ענדגילטיק דידאָזיקע פֿראַגע איז צוזאַמענגערופֿן געוואָרן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַרבעטער, וועלכע שטייען אַף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון סאָוועטן-מאַכט. אַף דערדאָזיקער פֿאַרזאַמלונג, ווו עס איז בייגעווען קאָרעוו צו 45 מאַן, איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן אין טאַמבאָוו אַ יידישן קאָמיסאַריאַט. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָלעגיע פֿון 5 מאַן, אַריינגערעכנענדיק אַ הער אויך דעם פֿאָרזיצער, קאָמיסאַר.

די שטימונג פֿון די יידישע אַרבעטער איז צו יענער צייט געווען אין בעסטן פֿאַל אַ פּאַסיווע און עס פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז די שטימונג איז געווען אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענע קעגן דער סאָוועטן-פּאָליטיק. און אויב עס איז געלונגען צוזאַמענקלייבן 45 מאַן, וועלכע שטייען אַף דער סאָוועטן-פּלאַטפֿאָרם, איז אַפֿילע דער עלעמענט געווען ווייט ניט קיין באַשטימטער, אַף וועלכן מע קאָן זיך פֿאַרלאָזן. אין יענער צייט איז נאָך שטאַרק געווען די

ווירקונג פֿון „בונד" און אַנד. פּאַרטייען. צווישן די אַרבעטער איז ניט געווען דער באַוווסטזיין וועגן דער נויטיקייט פֿון אַ ייִדישן קאָמיסאַריאַט, און אַפֿילע די בעסטע, וועלכע האָבן געשטימט פֿאַרן ייִדישן קאָמיסאַריאַט, האָבן אין זייער מערהייט אין זינען געהאַט אויסצונוצן דעם ייִדישן קאָמיסאַריאַט ווי אַ „גאָלד-זאַק", ניט האָבנדיק קיין פּרינציפּיעלן צוגאַנג צו דער פֿראַגע.

צו דער צייט איז דער גאַנצער פּאָליטישער און געזעלשאַפֿטלעכער לעבן אין טאַמבאָוו געשטאַנען אַף אַ טויטן פּונקט. די אָרגאַניזאַציעס „יעוואָפּא", „אפּע" און אַנד. זיינען זיך צעפֿאַלן, קיין קולטורעלע אַרבעט האָט זיך ניט גע-פֿירט. עס האָט עקזיסטירט נאָר איין שול פֿון דער ערשטער שטופֿע. די ביכער פֿון דער ביבליאָטעק, וועלכע האָט ביז דער לעצטער צייט עקזיסטירט, האָט מען טיילוויז צעשלעפּט און טיילוויז האָבן זיי געפֿוילט אין קעלער. קיינע קולטורעלע אַנשטאַלטן זיינען ניט געווען. די אַרבעטער האָבן געלעבט אָפּגע-זונדערט, און אין זייער מערהייט זיינען זיי געווען אָנגעשטעקט מיט דער עפּי-דעמיע פֿון „זאַק". אין אַזאַ אַטמאָספֿער פֿון אומצוטרוי און האַס, פֿון איין זייט, און אומקולטורעלקייט, פֿון דער צווייטער זייט, איז אויסגעקומען דעם קאָמי-סאַריאַט צוצוטרעטן צו זיין אַרבעט.

דער ייִדקאָמיסאַריאַט האָט זיך אָנגעצייכנט אַ פּראָגראַם פֿון פּאָליטישער און קולטורעלער אויפֿקלער-אַרבעט. צום פֿאַרדרוס, האָט מען ניט אַלץ געקאָנט פֿאַרווירקלעכן פּונקט אַזוי, ווי מיר האָבן אין זינען געהאַט. עס איז ניט אין-גאַנצן געלונגען דורכצופֿירן די פּראָגראַם פֿון פּאָליטישער אַרבעט. עס זיינען דאָ געווען פֿאָלגנדיקע סיבות: פֿון דעם ערשטן טאָג פֿון דער עקזיסטענץ פֿון ייִדקאָם האָט אים דערוואַרטעט אַ גרויסע קולטורעלע אַרבעט, וועלכע האָט געפֿאָדערט פֿון אונדז אָנגעשטרענגטע אויפֿמערקזאַמקייט און פֿיל ענערגיע. צו-פֿיל שווערע באַדינגונגען פֿון דער אַרבעט אין יעדער אונדזער קולטורעלער אונ-טערנעמונג האָט באַ אונדז צוגענומען זייער אַסאַך ענערגיע. אַלץ האָט מען געדאַרפֿט בויען פֿונדאַסניי, לייגן פֿון דעם ערשטן שטיין. אַהער דאַרף מען נאָך צוגעבן די גרויסע אַרבעט אַף צו פֿאַרזאָרגן די היימלאָזע, וועלכע זיינען אַריינגעפֿאַלן אין זייער אַ שווערער לאַגע.

איינע פֿון די ערנסטע סיבות פֿאַרוואָס עס גייט ניט דערפֿאָלגרייך אונדזער פּאָליטישע אַרבעט, באַשטייט אין דעם, וואָס טאַמבאָוו און די גו-בערניע זיינען שטענדיק באוווסט געווען מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון די אַרבעטער אין פּאָליטישן זין. דאָס דערקלערט זיך מיט דער אָפּגעשטאַנענ-קייט פֿון דער אינדוסטריע אין אונדזער גובערניע, אַזוי, אַז עס פֿעלט אויס דער פֿאַבריק-פּראָלעטאַריאַט אין אונדזער גובערניע. ס'איז גענוג אָנצוווייזן אַף צוויי ערנסטע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען; אַף דעם, אַז די סאָוועטן-מאַכט אין טאַמבאָוו האָט זיך קוים איינגעשטעלט אין אַ האלב יאָר נאָך דער אָקטיאבר-רעוואָלוציע, און אַף דער שוואכער טעטיקייט ביז איצט פֿון דער טאַמבאָווער אָרגאניזאציע ר. ק. פּ. אַט דערדאָזיקער אַלגעמיין פּאָליטי-שער צושטאַנד פֿון אונדזער גובערניע האָט געהאַט און האָט נאָך ביז היינט

אַ שטאַרקע מאָראַלע ווירקונג אויך אַף אונדזערע אַרבעטער, ניטקוואַליפֿיצירטע און אָפּגעשטאַנענע.

אָט דאָס זײַנען די טיפּעס, וועלכע האָבן געשטערט דורכצופֿירן די פּאָליטישע פּראָגראַם, וועלכע מיר האָבן אָנגעמערקט. אַהער דאַרף מען נאָך צוגעבן דעם מאַנגל אין טוער. איך בין געווען דער איינציקער קאָמוניסט, וועלכער האָט זיך פֿאַרינטערעסירט מיט דערדאָזיקער אַרבעט, און אַפֿילע די קאָלעגיע פֿון ייִדקאָם האָט זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו אַלע מײַנע פּאָליטישע אַקציעס. אַליין האָב איך געדאַרפֿט אַרויסטראָגן די גאַנצע אַרבעט אַף די אייגענע פּלייצעס און אויסהאַלטן אַ קאַמף מיט אַ גענוג שטאַרקן סוינע.

און דאָך איז אַף דעם געביט אויך געלונגען עפּעס אויפֿצוטאָן. ס'איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט, פֿאַרשטייט זיך, גענוי צו רעגיסטרירן די דערפֿאָלגן, מע קאָן זיי ניט פֿיקסירן מיט ציפֿער, נאָר דערפֿאָלגן זײַנען דאָ. אין איצטיקער צײַט האָט זיך די שטימונג פֿון די אַרבעטער שאַרף געענדערט לעטויוועס אונדז. עמעס, די דערשײַנונג איז אַן אַלגעמיינע פֿאַר דער גאַנצער סאָוועטן-רעפּובליק, נאָר אַסאַך האָבן מיר אויפֿגעטאָן. איצטער האָבן מיר אַ באַדײַטנדיקע גרופּע, וועלכע פֿילט מיט די אידייען פֿון קאָמוניזם, ס'איז דאָ אַ גרופּע אַרבעטער-קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ סעקציע בײַ ר.ק.פּ. אין דער מאַסע זייערע זײַנען די אַרבעטער אַף דער זײַט פֿון דער סאָוועטן-מאַכט. עמעס, אַ קליינער טייל נעמט אָן די סאָוועטן-מאַכט נאָר מיט אַן אויסרייד—דאָס זײַנען די בונדאָווצעס, די סימפּאַטיקער פֿון בונד און נאָך אַזעלכע. אַרבעט אַף דעם געביט איז נאָך זייער אַסאַך, נאָר, צום באַדויערן, זײַנען גאָר ניטאָ קיין טוער.

אויב אַפֿן פּאָליטישן געביט און אַפֿן געביט פֿון העלפֿן די היימלאָזע איז אויפֿגעטאָן געוואָרן ווייניק, האָבן מיר דערפֿאַר אַפֿן געביט פֿון קולטור-אויפֿקלער-אַרבעט אַנטוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט. פֿאַר אַ האַלב יאָר האָבן מיר אויפֿגעטאָן פֿאָלגנדיקעס:

1) מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ קינדערהיים פֿאַר קינדער פֿון אַרבעטער און אָרעמקייט אין דער ערשטער ריי. דער קינדערהיים ציילט איצטער 65 קינדער. דורכשניטלעך באַזוכן אַ טאָג 45—40 קינדער. עס פֿירן אָן מיטן קינדערהיים אַלע געניטע לערערס, די אַרבעט איז גוט אַוועקגעשטעלט געוואָרן.

2) אָרגאַניזירט אַ ביבליאָטעק, וועלכע ציילט העכער פֿון דרײַ טויזנט ביכער און וועלכע האָט קאָרעוו צו 280 שטענדיקע אַבאָנענטן.

3) אָרגאַניזירט אַן אַרבעטער-קלוב, וועלכער פֿירט אַ פּראָדוקטיווע און ברייטע אַרבעט איבער זעלבסטבילדונג און פּאָליטישער דערציונג, וועלכער האָט סעקציעס: אַ דראַמאַטישע, מוזיק-און כאָר-סעקציע, אַ סעקציע אַף איינצואָרדענען לעקציעס און דערלערנען עספּעראַנטאָ. די לימודים גייען מיט אַ גיכן טעמפּ, דער קלוב איז אַוועקגעשטעלט אַף דער געהעריקער הויך און רעכנט זיך פֿאַרן בעסטן אין שטאָט; מיטגלידער אין קלוב—180.

4) באַם אַרבעטער-קלוב איז דאָ אַ פֿאַרבאַנד פֿון דער אַרבעטער-יוגנט, אַ לעבעדיקער און טעטיקער. ער שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ באַזונדער אינטע-

דעס און פֿאַרדינט אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט מיט דער אינטענסיווקייט פֿון זיין אַרבעט און מיט דעם גרעסטן דערפֿאָלג, וועלכער דריקט זיך אויס אין דער באַוווּסטזיניקייט פֿון די מיטגלידער. אין איצטיקן מאָמענט האָט דער פֿאַר-באַנד זיך דערקלערט פֿאַר אַ קאָמוניסטישן און איז אַריין ווי אַ יידישע סעקציע אין שטאָטישן פֿאַרבאַנד פֿון דער קאָמוניסטישער יוגנט. דערדאָזיקער טראַט איז אַ דורכגעטראַכטער און ער איז רייף געוואָרן אין מעשעך פֿון אַ לענגערן פּע-ריאָד פֿון זעלבסטקריטיק, מיטגלידער אין פֿאַרבאַנד—50.

5) ס'זיינען אָרגאַניזירט אָוונט-קורסן, ווו מע לערנט יידיש און רוסיש, מאַטעמאַטיק, געאָגראַפֿיע, נאַטורוויסנשאַפֿט, קולטור-געשיכטע און מע לייענט ספּעציעלע לעקציעס איבער אַנד. פֿראַגן. צוהערער—30.

6) אין ענגן קאָנטאַקט מיטן יידקאָם אַרבעט די שול פֿון ערשטער מאַד-רייגע, וועלכע ציילט העכער 100 קינדער און איז איינגעשלאָסן אין מעלוכע-נעץ.

7) ס'איז איינגעשטעלט אַ טיילווייזע פֿאַרבינדונג מיט די אויעזד-שטעט פֿון טאַמבאָווער גוב. קעדיי אַוועקצושטעלן דאָרטן די אַרבעט, נאָר אין דעם זין איז געבליבן נאָך אַסאַך אויפֿצוטאָן, וואָס עס שטייט אין טאָגאָרדענונג.

אין דער אָנגעמערקטער פּראָגראַם פֿון דער טעטיקייט אויף דער נאָענט-סטער צייט גייען אַריין פֿאָלגנדיקע פֿראַגן, וועלכע דאָס לעבן רוקט אַרויס און פֿאַר וועלכע מע מוז זיך טייקעף נעמען.

א) צוזאַמענרופֿן אַ גובערניאַלע קאָנפֿערענץ פֿון בילדונג-טוער. דידאָזי-קע קאָנפֿערענץ איז שוין איינמאָל אויפֿגערופֿן געוואָרן אויפֿן 4-טן מאַי, נאָר זי איז אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב ניט פֿאָרויסגעזעענע סיבעס.

ב) דער צווייטער קינדערהיים ווערט אָרגאַניזירט צוליב דעם, וואָס דער עקזיסטירנדיקער איז ניט ביעכוילעס צו באַדינען אַלע קינדער. די אָרגאַניזי-רונג פֿון דעם קינדערהיים איז שוין פֿון אַלע זייטן באַזאָרגט, עס פֿעלט נאָר אַ געביידע, וועלכע עס איז שווער צו געפֿינען צוליב דעם דירע-הונגער אין שטאָט.

ג) אָרגאַניזירן אַ קינדערהיים-קאָלאָניע פֿון די העפֿקער-קינדער, דער פּראָיעקט און סמעטע געפֿינען זיך שוין אין גובערניאַלן בילדונג-אָפּטייל, און מיר וואַרטן נאָר ווען מע וועט אים באַשטעטיקן. אַ פּרינציפּיעלע האַסקאָמע פֿון בילדונג-אָפּטייל האָבן מיר שוין.

ד) אָרגאַניזירן באַ די לערער-קורסן סעקציעס פֿאַר די יידישע לערער.

ה) אָרגאַניזירן אַ זומער-קאָלאָניע פֿאַר די קינדער פֿון גאַנץ טאַמבאָווער גובערניע. דעם 3-טן דעקאַבער 1918 איז לויט אונדזער איניציאַטיוו אָרגאַניזירט געוואָרן אין טאַמבאָוו אַ גובאָפּטייל פֿאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים, וועלכער האָט פֿאַרבונדן אַלע נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן אין איין אַלגעמיינעם. דער פֿאַר-וואַלטער פֿון דעם אָפּטייל בין איך געווען. איצטער איז ער ליקווידירט. וועגן דעם וועלן מיר ריידן שפּעטער. לויט אונדזער איניציאַטיוו האָט דער גובאָפּ-טייל אָרגאַניזירט נאָך פֿאַראַיאָרן דעקאַבער אַ סובאָפּטייל פֿאַר בילדונג פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ד. ה., ביז עס איז נאָך אָרגאַניזירט געוואָרן אַזאַ אָפּטייל אין צענטער און אין אַנדערע ערטער. דער סובאָפּטייל האָט געדינט

פֿאַר דעם פֿאַרבינדונג-רונג צווישן די נאַצקאָמיסאַריאַטן און בילדונג-אָפּטייל, ער האָט מיטגעהאָלפֿן דורכצופֿירן אין לעבן אונדזערע פּראָעקטן אַפֿן קולטור-אויפֿקלער-געביט, און אַמאָל איז ער אַליין געווען דער איניציאַטאָר פֿון אייניקע אונטערנעמונגען אַף דעם געביט. דאָס איז געווען אַ נוצלעכע און ענגע מיט-אַרבעטערשאַפֿט, וועלכע האָט געליטן נאָר פֿון דעם, וואָס די קאָמפּעטענץ פֿון דעם סובאָפּטייל איז ניט געווען באַשטימט, און אין דעם זין איז אויסגעקומען צו טאַפּן אין דער פֿינצטער די וועגן און פֿאָרמען פֿון דערדאָזיקער אַרבעט. די לעצטע אינסטרוקציעס, וועלכע באַשטימען דידאָזיקע קאָמפּעטענץ קורץ און קלאָר אין דעם זין, וואָס די גאַנצע קולטור-אויפֿקלער-אַרבעט גייט איבער אין רעשוס פֿון סובאָפּטייל, איז ניט נאָר זיי האָבן ניט קלאָר געמאַכט די לאַגע, נאָר האָבן זי נאָך מער פֿאַרפּלאָנטערט, ווייל אונדזער פּעסטע איבער-צייגונג, וועלכע איז ניט איינמאָל קלאָר געוואָרן אַף אַסאַך זיצונגען, באַראַ-טונגען און אין שמועסן פֿון אַלע פֿאַרינטערעסירטע אַנשטאַלטן און פּערזאָנען, רעט וועגן דעם, אַז דאָס דורכפֿירן אין לעבן די לעצטע אינסטרוקציע פֿון פֿאַל-קאָמבילד קאָן גאָרנישט געבן אַכוץ דעם קראַך פֿון אונדזער קולטור-אויפֿקלער-טעטיקייט און ליקווידירונג פֿון דעם אַלץ, וואָס איז דורכגעמאַכט געוואָרן ביז איצט.

מע דאַרף נאָך צוגעבן, אַז דער טאַמבאָווער בילדונג-אָפּטייל איז אַ קעגנער פֿון איינשליסן אין זיין טעטיקייט-קרייז די אַרבעט פֿון בילדן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אַזאַ מאָס, ווי דאָס פֿאָדערט זיך און ווי דאָס ווערט פֿאָרויסגעזען אין דער אינסטרוקציע. אָט פֿאַרוואָס מיר האָבן נאָך די אינ-סטרוקציע ניט דורכגעפֿירט. איך דאַרף נאָך צוגעבן, אַז דער פּראָעקט, אַז אונדזער אַרבעט זאָל איבערגיין אין פֿאָלקאָמבילד, באַגעגנט ניט קיין פּרינציפּיעלע קעגנער אין אונדזער סוויווע. די נעגאַטיווע באַציונג צו אים באַזירט זיך אַף די אויספֿירן פֿון פּראַקטישער אומעגלעכקייט דורכצופֿירן אים אין לעבן אין איצטיקן מאָמענט און באַ איצטיקע באַדינגונגען מיט אַזאַ שנעל-קייט, ווי מע לייגט עס אונדז פֿאָר.

וואָס אָנבעלאַנגט אונדזערע צווישנבאַציונגען מיט דער אָרטיקער מאַכט, איז אונדז געלונגען איינצושטעלן אַן ענגע פֿאַרבינדונג אין געמיינזאַמען צוטרוי.

פֿאַרוואַלטער פֿון טאַמבאָווער יידישן קאָמיסאַריאַט
י ע. א י י נ ש ט י י ן.

דער יידישער קאָמיסאַריאַט אין יעלעץ.

אַף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער יעלעצער אָרגאַניזאַציע פֿון יידישע קאָמוניסטן (באָלשעוויקעס) איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט פֿון 5 מאַן, און ס'איז געגרינדעט געוואָרן א יידישער קאָמיסאַריאַט, אין וועלכן ס'גייען אַריין די כ׳כ׳ דעמבקאָווסקי, הורוויטש און מאָווּשאָוויטש.

אַף דערזעלביקער פֿאַרזאַמלונג איז אָנגענומען געוואָרן דידאָזיקע רע־זאָלוציע:

„מיר, יידישע אַרבעטער־קאָמוניסטן פֿון יעלעץ, אויסהערנדיק דעם פֿאָר־טראָג איבער דעם איצטיקן מאָמענט און דער לאגע אַף דער יידישער גאַס, מעלדן, אז גייענדיק האנט־בא־האנט מיט דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פֿון רוסלאנד, וועלן צוזאמען מיט אים באשיצן אלע דערגרייכונגען דורך דער אַרבעטער־דיקטאטור און דערביי אויך פֿירן אַן אומבערעכמאָנעסדיקן קאַמף אַף דער יידישער גאַס. מיר וועלן אָפּמעקן די אלטע מינהאָגים און געוואָינ־הייטן, דעם קאָנסערוואטיזם, וואָס שטערן דער פֿרייער קולטורעלער אנטוויק־לונג פֿון די יידישע ארבעטער־מאַסן.

מיר וועלן אראָפּוואַרפֿן פֿון דער יידישער גאַס די מעמשאָלע פֿון די קאָנסערוואטאָרן, ספעקוליאַנטן און קלייקוידעש און וועלן איינשטעלן די דיק־טאטור פֿונם יידישן אַרבעטער.

זאָל לעבן די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע לענדער און פֿעלקער.

זאָל לעבן דער קאָמוניזם!"

אין צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט.

געערטע כאַווייריִם!

אַלס ענטפֿער אַף אייער אָנפֿראַגע וועגן דעם יידישן אַרבעטער־לעבן אין יעלעץ האָבן מיר אייך מיטצוטיילן פֿאָלגנדיקעס: קיין געניעען באריכט וועגן דער טעטיקייט קאָנען מיר אייך ניט געבן, ווייל די עצעם טעטיקייט האָט ניט לאָנג געדויערט און איז ניט געווען קיין באדייטנדיקע. אונדזער יעלעץ איז ניט קיין אָרט, וווּ עס זיינען קאָנצענטרירט יידישע ארבעטער. מיט דער מילכאָמע האָט זיך בא אונדז באוויזן אַ קליינע צאָל אַרבעטער־היימלאָזע. פֿון אָנהויב רעוואָלוציע האָבן זיי אין דער איבערוועגנדיקער מערהייט זייערער געהערט צו די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס „בונד" און „פּויעליי ציאָן". מיט אָט די אָנגערופֿענע אָרגאַניזאַציעס האָט אָנגעפֿירט אַ קליינע גרופּע יידישע אינ־טעליגענץ, וועלכע איז דורכגעדרונגען געווען מיט קליינבירגערלעכע טענ־דענצן און וועלכע האָט זיך פֿיינטלעך באַצויגן צו דער סאָוועטנמאַכט. נאָר אין דער לעצטער צייט האָט זיך אָנגעהויבן צו באמערקן אַ געוויסע אויסניכ־טערונג צווישן די יידישע אַרבעטער. ביסלעכווייז, איינציקווייז האָבן זיי אנ־געהויבן אָפּצוגיין פֿון די מענשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס.

מיט אַ כאָדאָשים 3 צוריק איז צו אונדז אנגעקומען דער כ׳ כאַיקין. מיט זיין הילף איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פֿאָלק־מיטינג, און עס איז געלייגט געוואָרן דער אָנהויב פֿאַר דער יידישער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער לעצטער איז אויסגעקומען אין איר טעטיקייט אָנצושטויסן זיך אַף אַ ריי שטערונגען. איבערהויפּט האָבן געפֿעלט קויכעס. צוליב די סיבעס און אויך

צוליב דעם, וואָס עס איז ניט געווען קיין קאָנטאַקט מיט דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע ר. ק. פּ. און מיטן צענטער, איז די יידישע אָרגאַניזאַציע פֿאַנאַנדערגעפֿאלן זיך. נאָר גלייך איז געשאַפֿן געוואָרן אַ יידישע קאָמוניסטישע סעקציע, וועלכע נעמט אָן מיטלען ענגער פֿאַרבינדן זיך מיט דער פּאַרטיי. דידאָזיקע טעטיקייט אונדזערע האָט זיך אָנגעהויבן פֿון דעם מאָמענט, ווען עס איז אַנטשטאַנען די סעקציע.

פֿריער פֿון אַלץ האָט מען געשענקט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט דער פֿראַגע פֿון אָרגאַניזירן אַן אָפּטייל פֿאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים. דער פֿאַרוואַלטער מיטן גאַנצן אָפּטייל פֿאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים איז דער כ׳ זאַבראָווסקי, מיטן סובאָפּטייל פֿאַר יידישע איניאָנים פֿאַרוואַלטעט דער כ׳ הורוויטש, וועלכן די סעקציע האָט אויסגעקליבן. די אָנגערופֿענע כאַווערים זיינען געפֿאָרן אין מאָסקווע און אָריאָל נאָך אינסטרוקציעס און מיטלען פֿאַר דער אַרבעט.

אין דערזעלבער צייט איז אַנטשטאַנען בא אונדז אַ ראַט פֿון יידישע אַרבעטער, אין וועלכן, אַחוץ קאָמוניסטן, זיינען אויך אריין בונדאָווצעס און פּ״צ. די לעצטע האָבן געשטרעבט צו באַנוצן זיך מיט דעם צודעק פֿון אָפּטייל און פֿאַרכאַפּן דערווייל צו זיך אין די הענט די יידישע אַרבעט, נאָר אינגיכן, אָף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער סעקציע, איז באַשלאָסן געוואָרן דעם ראַט פֿאַנאַנדערלאָזן. דאָס איז אויסגעפֿילט געוואָרן, דער יידישער סובאָפּטייל האָט איבערגענומען אין זיינע הענט אַלע איניאָנים פֿון דער קעהילע.

עס הויבט זיך אָן די אַרבעט אויך אין דער קולטור-אויפֿקלער-קאָמיסיע. דידאָזיקע קאָמיסיע עפֿנט אַ סאָוועטישן יידישן אַרבעטער-קלוב, אַ ביבליאָטעק און לייען-זאַל. עס איז באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ יידישע שול און אָוונט-קורסן. מיר האָפֿן, אַז דער קלוב וועט אונדז העלפֿן צו צוציען די יידישע אַרבעטער און מיטהעלפֿן זייער אַנטוויקלונג. צו אונדז זיינען געקומען די כ׳כ׳ שימעליעוויטש און מאַנדעלסבערג. עס איז נויטיק שטיצע פֿון צענטער מיט מעגלעכן און אינסטרוקציעס. ווען עס וועט זיך אָנזאַמלען מער מאַטעריאַלן, וועלן מיר מעלדן מער גענויע ידיעס.

מיט כאַווערשן גרוס:

פֿאָרזיצער (אונטערשריפֿט).

סעקרעטאַר (אונטערשריפֿט).

רעזאָלוציע פֿון יידישע אַרבעטער אין קאָזלאָוו.

אָף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַ גרופּע יידישע אַרבעטער אין קאָזלאָוו דעם 7-טן סענטיאַבר 1918, איז אָנגענומען געוואָרן די פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„געפֿינענדיק, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איינציקע עמעסע פֿאַרטיידיקערן פֿון די אַרבעטער-מאַסן, און נאָר זי איז פֿעיק ראַטעווען רוסלאַנד פֿון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, האָבן מיר באַשלאָסן:

1) אַריינטרעטן אַלס מיטגלידער אין דערדאָזיקער פּאַרטיי! קעדיי איני־נעם מיטן גאַנצן פראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד העלפן אים אין קאמף פאַרן סאָציאַליזם.

2) אויסדריקן אונדזער האַס און פאראכטונג צו די פאַרעטער פון דער רעוואָלוציע, וואָס פאַלן אָן פון הינטערן ווינקל אַף די פירער פון דעם פראָלע־טאַריאַט, ווי די דערמאָרדונג פון כ׳ אוריצקי און דער אָנפאַל אַף דעם לערער און אָנפירער פון דעם רוסלענדישן אַרבעטער־קלאס—כ׳ ל ע נ י ן.

3) מעלדן וועגן דעם דער אָרטיקער קאמוניסטישער פּאַרטיי און אויך דעם צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאט אין מאָסקווע.

פאָרזיצער ג י ל ד ע נ ג ע ר ן
סעקרעטאַר ש פ ו נ ג י ן”.

באַריכט

פון פאַרוואלטער מיט די איניאָנים פונם יידישן סובאָפּטייל באַם ניזשניער אָפּ־טייל פאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים.

№ 1

דער אָפּטייל פאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים האָט זיך געגרינדעט אין ניזשנע דעם 5־טן סענטיאַבר ד. י. און ביז עס זיינען געשאַפן געוואָרן די באַזונדערע סובאָפּטיילן, האָט ער זיך פאַרנומען מיט די איניאָנים פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. אַזוי, לעמאָשל, האָט דער אָנגערופענער אָפּטייל ליקווידירט דעם יידישן ראַט פון די היימלאָזע, ער האָט אויך אָנגעהויבן א קאָנטראָל פון די יידישע היימלאָזע, וועלכע פאָרן אַ היים. לויט דער אינסטרוקציע פון פאָלק־קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים זיינען באַם אָפּטייל געשאַפן געוואָרן סובאָפּטיילן לויט דער צאָל נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע באַזעצן ניזשניער גובערניע.

מיט שאַפן דעם יידישן סובאָפּטייל זיינען אַלע איניאָנים, וועלכע האָבן געהאט אַ שאַיכעס צו דער יידישער נאַציע, איבערגעגעבן צו דעם דערמאָנטן סובאָפּטייל. לויט דער פאָדערונג פונם אָפּטייל פאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים, איז דעם 4־טן נאָיאַבר ד. י. דעלעגירט געוואָרן צום קאַנאַווינער קאָמיטעט ר. ק. פּ. דער כ׳ לעוו וולאַדימיראָוויטש זיסמאַן פאַר א פאַרוואַלטער מיטן יידישן אָפּ־טייל. דער כ׳ זיסמאַן איז באַשטעטיקט געוואָרן אַף דערדאָזיקער שטעלע פון אָרטיקן גובאויספּירקאָם און צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט. אין ניזשנע איז קיין באַזונדער יידישער קאָמיסאַריאַט ניטאָ, עס עקזיסטירט נאָר אַ סובאָפּטייל, ווי די גובאָפּטיילן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אין דער שפּיץ פונם סובאָפּ־אָפּטייל פון יעדער נאַציאָנאַליטעט שטייט דער פאַרוואַלטער מיט די איניאָנים פון דער נאַציע. אין דערזעלבער צייט איז ער אויך אַ מיטגליד פון דער קאָ־לעגיע פונם אָפּטייל פאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים. די טעטיקייט פון דידאָזיקע סובאָפּטיילן פאַראייניקט דער אַלגעמיינער אָפּטייל פאַר נאַצאיניאָנים באַ דעם

אָרטיִקן אויספֿירקאָם, אין דער שפּיִץ פֿון וועלכן עס שטייט דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָלעגיע, דער פֿאַרוואלטער מיטן גובערניאַלן אָפּטייל פֿאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים.

קוידעמקאָל האָט זיִך דער סובאָפּטייל פֿאַרנומען מיט רעגיסטרירן און קלאָר מאַכן די צאָל און דעם כאַראַקטער פֿון די ייִדישע נאַציאָנאלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע עקזיִסטיִרן אין שטאָט און גובערניע, קעדיי צו קאָנען פּאָליִטיש קאָנטראָליִרן זיי. טכיִלעס זיינען פֿאַר דעם אָנגעמערקט געוואָרן גרעסערע אָרגאַניזאציעס, נאָר דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאר ניט גענוג, און דער ייִדישער סובאָפּטייל האָט באַשלאָסן צו רעגיִסטרירן דורכויס אַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאציעס, וואָס פֿארא כאַראַקטער זיי זאָלן ניט טראָגן, ווי די גרויסע, אַזוי אויך די קליינע. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן וועגן דעם אַן אָבליגאַטאָרישע באַשטימונג, און גאָר איִנגיכן וועט דער ייִדישער אָפּטייל האָבן די סאמע בענויסטע יעדיִעס וועגן די נאַציאָנאַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס איִן ניִזשניע און גובערניע.

אַף אַזאַ אויפֿן וועט דער סובאָפּטייל קאָנען דורכפֿירן אין דער פּראַקטיק דעם פּאָליִטיִשן קאָנטראָל איבער די אָנגעוויזענע אָרגאַניזאציעס.

אַף אַ ריי איִנטערנאַציאָנאַלע מיטיִנגען אין שטאָט קאַנאַוויִנע און סאָרמאָווע טרעט אַרויס פֿון סובאָפּטייל אַ רעדנער אַף ייִדיִש, אַנטוויקלענדיק די איִדייען פֿון קאָמוניזם. עס ווערט פֿאַרשפּרייט קאָמוניסטישע ליטעראַטור; צייטונגען און פֿלוגבלעטלעך, אין קאַנאַווינע איז אָרגאַניזירט אַ ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציע ר. ק. פּ. (באָלשעוויקעס). עס ווערן אָנגענומען די שריט צו אָרגאַניזירן אַזאַ סעקציע אויך אין שטאָט. באַ דער קאַנאַווינער סעקציע איז שוין אָרגאַניזירט אַ קולטור-אופֿקלערערישע קאָמיסיע, עס איִז אָנגעמערקט אַ פֿאָרשטייער, און די טעג ווערט ער דעלעגיִרט אין סובאָפּטייל.

דער סובאָפּטייל האָט זיִך פֿאַרבונדן מיט דער וויטעבסקער אויסגאַבע „די פֿרייע אַרבעטער“. די צייטונג ווערט שוין אַרויסגעשיקט, און זי ווערט זייער שטאַרק פֿאַרשפּרייט. די צאָל צוגעשיִקטע נומערן האָט זיִך אַרויסגעוויִזן פֿאַר ווייניק, עס איִז אויסגעקומען בעטן דורכן טעלעגראַף אַרויסשיִקן צוגאָבלעך דעם ערשטן און צווייטן נומער. דידאָזיִקע נומערן האָבן זיך שוין באַקומען, און אומגעזאַמט וועלן זיי פֿאַרשפּרייט ווערן.

צום פֿאַרדרוס, האָבן זיך נאָך ביז היינט ניט באַקומען פֿון ייִדישן קאָמיִסאַריאַט איִן מאָסקווע די אויסגאַבע אף ייִדיש. מיִר בעטן אַרויסשיִקן וואָס גיִכער, ווייל דאָס טאָרמאָזירט די אַרבעט.

פֿאַרוואַלטער מיטן ייִדישן אָפּטייל ל. זיסמאַן.

ניזשניע-נאָווגאָראָד.

23-טן דעקאַבר 1918-טן יאָר.

קאָמיסאַריאַט פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע איניאַנים אין טולע.

ר. ס. פֿ. ס. ר.
טולער גובערניאַלער קאָמיסאַריאַט פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע איניאָנים
23־טן מײַ, 1919 יאָר 400 №.

אין צענטראַלן קאָמיסאַריאַט פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע איניאָנים.

אַלס ענטפֿער אױף די אָנפֿראַגן, װאָס דער צענטער האָט פֿאָרגעלײגט אין זײַן ציִרקוליאַר בריוו פֿון 14/VI ד. י. מיטן № 1136, מעלדן מיר פֿאָלגנדיקעס: דער טולער קאָמיסאַריאַט האָט זיך אָרגאַניזירט אין נאָיאַבר 1918. אין שפּיץ פֿון קאָמיסאַריאַט שטײט אַ קאָלעגיע פֿון 3 מיטגלידער פֿון דער קאָמוניסטישער ייִדישער אָרגאַניזאַציע: די כ״כ דרעל, לעווינזאָן, האַליאַמפּאָל און קאָמיסאַר כ׳ באַקאַלטשוק.

דער אָנטײל פֿון די אַרבעטער דריקט זיך אויס אין דעם, װאָס די ייִדישע קאָמוניסטישע אָרג. איז דער קאָנטראָל-אָרגאַן פֿונם קאָמיסאַריאַט. אַלע מיטאַרבעטער: דער קאָמיסאַר, פֿאַרטרעטער, פֿאַרװאַלטער מיטן קולטור-אויפֿקלער-אָפּטײל זײַנען קאָמוניסטן, נאָר דער סעקרעטאַר — אַן אומפּאַרטײִשער. קײן אָפּטײל פֿאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים איז ניטאָ. דער ייִדקאָם איז פֿאַרבונדן מיטן אויספּירקאָם דורכן קאָמיסאַר, װעלכער איז אויך אַ מיטגליד פֿון גובאויספּירקאָם מיט באַראַטונג-רעכט. באַם ייִדקאָם*) איז דאָ אַ קולטור אויפֿקלער-אָפּטײל, װײַל באַ דעם טולער בילדונג-אָפּטײל איז נאָך ניטאָ קײן סעקציע פֿאַר נאַציאָנאַלע מינדערהײטן. די לעצטע געפֿינט זיך אין דער סטאַדיע פֿון אָרגאַניזירונג. די פּױלישע און לעטישע גרופּן אַרבעטן זײער שלעכט און טאָרמאָזירן צו שאַפֿן אַזאַ סעקציע.

לויט דער לעצטער רעגיסטראַציע געפֿינט זיך אין טולע קאָרעװ צו 3000 ייִדן. אַרבעטער זײער װײניק, אומגעפֿער 175 מאַן מיט באַלמלאָכעס. מער גענױערע ידיעות װעלן מיר אײַך געבן אין דער נאָענטסטער צײַט, װײַל די רעגיסטראַציע האָט זיך ניט לאַנג געענדיקט, און די רעגיסטראַציע-בױגנס זײַנען נאָך ניט באַאַרבעט. די מערהײט ייִדן זײַנען הײמלאָזע, אַ טײל פֿון זײ פֿאַרנעמט זיך מיט ספּעקולאַציע, 25% — סאָװעטישע אָנגעשטעלטע.

קײן ייִדישע געזעלשאַפֿטן זײַנען אין טולע ניטאָ, עס עקזיסטירט אַ ייִדישע סעקציע באַ טולער אָרגאַניזאַציע ר. ק. פּ. באַם אָרגאַניזירן דידאָזיקע סעקציע אין נאָיאַבר 1918-טן יאָר איז געװען 35 מאַן, נאָר נאָך די דורכגעפֿירטע מאָביליזאַציעס און איבערעגיסטראַציעס איז געבליבן אינגאַנצן 16 מאַן.

דער קאָמיסאַריאַט האָט נאָר אײן אָפּטײל — קולטור-אויפֿקלערישער. אין רעשוס פֿון קאָמיסאַריאַט געפֿינען זיך פֿאָלגנדיקע אַנשטאַלטן: אײן סאָװעטישע אַרבעט שול מיט 120 תּלמידים, אײן קינדער גאָרטן פֿאַר 70 קינדער, אַ ביבליאָטעק, באַ „אַפּע” איז צוגענומען געװאָרן אַ שול און קינדער-גאָרטן,

---

*) „ייִדקאָם” — ייִדישער קאָמיסאַריאַט.

באַ דער קעהילע—די טאַלמעדטוירע און מוישעוווזקיינים, די ערשטע איז ליקווידירט, און דער צווייטער איבערגעגעבן אין סאָבעז.

עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ סעקציע אין דער אויעזד-שטאָט בעלעוו, פאַר אַן עמיסאַר איז באשטימט דער כ׳ פּאָלוגאַיעווסקי, דאָרטן איז דאָ אַ שול און אַ ביבליאָטעק. מע איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אין יעווריע-מעווע גרופּן יידישע קאָמוניסטן, קיין אינסטרוקטאָרן פון צענטער דאַרפן מיר דערוויל ניט. אַף אַרויסצוגעבן זשורנאַלן, בראָשורן און ביכער איז באַ אונדז קיינע מיטלען ניטאָ. אַף אויסצוהאַלטן דעם קאָמיסאַריאַט איז לויט דער סמעטע פון „נאַרקאָמנאַץ״ אַף דער ערשטער העלפט פון 1919-טן יאָר אָפּגע-לאָזן געוואָרן 708 רובל אַ כוידעש, אין דער צייט, ווען די הויצאָעס, פאַר-קירצטע ביזן מינימום, באַטרעפן ביז 7000-8000 רובל. אין מעשעך פון דעם גאַנצן האַלבן יאָר האָט דער קאָמיסאַריאַט שטאַרק גענויטיקט זיך אין מיט-לען, אין מאַי כוידעש האָט דער „נאַרקאָמנאַץ״ אָפּגעלאָזן 16 טויזנט רובל, פון טולער גובאויספּירקאָם באַקומען 8 טויזנט רובל אַף אָפּצוגעבן צוריק. אין איצטיקן מאָמענט איז אין קאַסע פון קאָמיסאַריאַט קיין געלט ניטאָ, מיר דערוואַרטן געלט פון נאַרקאָמנאַץ. מיר האָבן אין נאַרקאָמנאַץ געשיקט די סמעטע אַפן צווייטן האַלבן פון 1919-טן יאָר. דער אָרטיקער אָפּטייל פון מע-לוכע-קאָנטראָל האָט אַזוי איינגעשניטן די סמעטע, אַז אַף ווייטער וועט אונדז ווידער אויסקומען צו נויטיקן זיך שטאַרק אין מיטלען.

אין איצטיקן מאָמענט איז מען צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אַן אַרבע-טער-קלוב, אַ קלוב פאַר קינדער פון שול-עלטער, אַ קינדער-גאָרטן, מיר טרעטן צו אָרגאַניזירן אַ קינדער-פלאַץ. מע דאַרף אָפּצייכענען, אַז די קולטור-אויפקלערערישע אַרבעט טאָרמאָזירט זיך צוליבן מאַנגל אין קולטור-קויכעס, וועלכע וואָלטן געקאָנט דורכפירן אין לעבן אַלע פלענער פון קאָמיסאַריאַט. דער קאָמיסאַריאַט האָט זיך ניט איינמאָל געווענדעט אין צענטער נאָך לע-רער, נאָר דער צענטער זאָגט אונדז שטענדיק אָפּ, ווייל אים זעלבסט פעלן אויס לערער. דעם קאָמיסאַריאט האָט אַנגענומען אייניקע שריט צו שאַפן אַ פער סאָנאַל פאַר דער שול און גאָרטן. עס זיינען איינגעלאַדן טוער אין שול און קינדער-גאָרטן. באקומענדיק דאָרטן אַ טיילווייזע צוגרייטונג, טרעטן זיי צו צו דער אַרבעט אין שול און גאָרטן, די טעג עפנט זיך אַ לייען-זאַל באַ דער ביבליאָטעק. מיר אָרגאַניזירן אָוונט-קורסן פאַר דערוואַקסענע.

נאָך אין דעקאַבר כוידעש 1918-טן איז די ציאָניסטישע אָרגאַניזאַציע, דער קלוב און אָרג. „מאַקאַבי״ דערקלערט געוואָרן פאַר אומלעגאַלע. דער קלוב איז פאַרמאַכט, די ביכער פון דער ציאָניסטישער ביבליאָטעק זיינען איבערגעגעבן אין רעשוס פון דער יידישער ביבליאָטעק.

צייטווייליקער קאָמיסאַר (אונטערשריפט).

פאַרוואַלטער מיטן קולטור-אויפקלער-אָפּטייל (אונטערשריפט).

רעזאָלוציע פֿון דווינסקער ייִדישע אַרבעטער *).

שאַבעס דעם 14 דעקאַבר 1918 איִז איִן דוויִנסק פֿאָרגעקומען אַ גרויסער פֿאָלק-מיִטיִנג פֿון אַרבעטער און פֿון דער אָרעמסטער באַפֿעלקערונג. דאָס איִז געווען אַ פֿייערלעכע פֿאַרזאַמלונג, געווידמעט דער באַפֿרייונג פֿון די אָקופּירטע געגנטן.

אַפֿן מיִטיִנג זיינען זיִך צונויפֿגעקומען מער פֿון 1000 מענטשן. מיט רע-דעס אַף דער טעמע „דיִ אָקטיאַבר-רעוואָלוציע און דיִ אויפֿגאַבן פֿון די ייִדיִשע אַרבעטער" זיינען אָרויסגעטראָטן דיִ כאַווערים עמאַנוויִלסקי (קאָמיִסאַר פֿון דיִ באַפֿרייטע אָקופּיִרטע געגנטן), כאַווער לעווין און דער כ׳ יעוודאָקיִמאָוו מיִט-גליִד פֿון צ. א. ק. דער לייט-מאָטיִוו פֿון אַלע רעדעס—וועגן דער נויטיקייט פֿון דיִ ייִדיִשע אַרבעטער צו אָרגאַניִזיִרן זיִך איִן דער קאָמוניִסטיִשער פּאַרטיי און דערקלערן דיִ דיִקטאַטור פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אַף דער ייִדיִשער גאַס.

די רעזאָלוציִע:

„מיִר, ייִדיִשע אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מאַסן פֿון דוויִנסק, באַגריִסן פֿייערלעך דיִ רוסלענדער ראַטן-רעגיִרונג און קאָמוניִסטיִשע פּארטיי פֿאַר דער באַפֿרייונג, וואָס זיִ טראָגט דער גאַנצער וועלט און איִבערהויפּט—וואָס זיִ האָט אונדז באַפֿרייט פֿון דייטשן איִמפּעריאַליִזם. זייענדיִק שטענדיִק דער אַוואַנגאַרד פֿון אַלע רעוואָלוציעס און שטייענדיק בעראָש פֿון דער רוסיִשער רעוואָלוציִע גאַנצע צוואַנציִק יאָר, האָבן מיִר, ייִדיִשע אַרבעטער, איִן דער אָקטיאַבר-רע-וואָלוציע גיִט געקענט פֿאַרנעמען דעם בעקאָוועדיִקן אָרט, אַדאַנק דער פֿאַלשער פּאָליִטיִק פֿון דער קלייןביִרגערלעכער איִנטעליִגענץ, וואָס האָט אָנגעפֿיִרט מיִט דיִ אַלע ייִדיִשע „סאָציאַליִסטיִשע" פּאַרטייען. מיִר האָבן ערשט ניִט לאַנג זיִך דערוווּסט, אַז די ייִדיִשע איִנטעליִגענץ האָט אונדז דיִ גאַנצע צייט פֿאַרפֿיִרט, און מיִר ייִדיִשע אַרבעטער, האָבן זיִך מיִט עקל אָפּגעקערט פֿון דיִ פֿאַרפֿיִרער און הויבן זיִך אָן גרופּיִרן אַרום דער ראַטן-רעגיִרונג מיִט דעם באַוווּסטזיין, אַז נאָר דיִ ראַטן-רעגיִרונג מיִט דער קאָמוניִסטיִשער פּאַרטיי איִן דער שפּיִץ קאָ-נען ברענגען דיִ עמעסע באַפֿרייונג פֿאַרן אַרבעטער-קלאַס און פֿאַר דיִ אָרעמע אונטערדריִקטע מאַסן.

מיִר דערקלערן, אַז ס׳איִז שוין געקומען דיִ צייט, ווען אַף דער ייִדיִ-שער גאַס מוז געמאַכט ווערן אַ רעוואָלוציע, און דאָס ייִדיִשע לעבן מוז איִבער-געבויט ווערן אַף די יעסוידעס פֿון דער ראַטן-קאָנסטיִטוציע. דערום מעלדן מיִר, אַז פֿון היינט אָן הויבט זיִך אָן דיִ דיִקטאַטור פֿון ייִדיִשן פּראָלעטאַריאַט אַף דער ייִדיִשער גאַס, און האַנט באַ האַנט מיִט דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון גאַנץ רוסלאַנד וועלן מיִר גיין קעמפֿן און באַפֿרייען דיִ אַלע אונטערדריִקטע פֿעלקער און מאַסן.

זאָל לעבן דיִ דיִקטאַטור פֿון אַרבעטער-קלאַס!

זאָלן לעבן דיִ פֿיִרער פֿון אַרבעטער-קלאַס און פֿון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע—לעניִן, טראָצקיִ און ליִבקנעכט!

דער מיִטיִנג האָט זיִך פֿאַרענדיִקט מיִטן זיִנגען דעם „איִנטערנאַציאָנאַל".

יִצחאָק לעוויִן.

---

*) „דער עמעס", נומ. 88 פֿון 31 דעקאַבר 1918.

רעזאָלוציע פֿון די מאָסקווער בונדיסטן־קאָמוניסטן*).

מיטוואָך דעם 16 אָקטיאַבר 1918 איז פֿאָרגעקומען אַן אָרגאַניזיר־זיצונג פֿון מאָסקווער אָרגאַניזאציע בונדיסטן־קאָמוניסטן.

אַף דער זיצונג זיינען געווען דעלעגאַטן פֿון פּראָווינץ.

דער כ' אָרשאַנסקי האָט דערקלערט צוליב וועלכע צוועקן מען האָט זיך צונויפֿגעקליבן, אָנגעוויזן אַף דער פֿריערדיקער ראָל פֿון אַלטן „בונד", באַוויזן אַ בילד פֿון זיין איצטיקן צושטאַנד און גערופֿן די כאַוויירים נעמען זיך פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, קעדיי, ווי אַמאָל, קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערן לעבן פֿון יידישן אַרבעטער.

מיר שטייען פֿולקאָם אַף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון דער ראַטן־מאַכט און האַלטן זי אַקטיוו אונטער,—האָט געזאָגט דער כ' אָרשאַנסקי,—מיר נעמען אין־גאַנצן אָן די קאָמוניסטישע פּראָגראַם, אונדז טיילט נאָר פֿאַנאַנדער די נאַציאָ־נאַל־קולטורעלע אַווטאָנאָמיע.

אַלס בונדיסטן וועלן מיר, ווי פֿריער, קעמפֿן פֿאַר דער יידישער נאַציאָ־נאַל־קולטורעלער אַווטאָנאָמיע,—אַלס קאָמוניסטן וועלן מיר רעוואָלוציאָניזירן די יידישע האָרעפֿאַשנע מאַסן.

מיר גרינדן ניט קיין נייעם בונד. מיר זיינען עמעסע יאָרשים און די ריכטיקע פֿאָנענטרעגער פֿון דעם אַלטן בונד, וועלכן די יידישע רעוואָלוציאָ־נערע גאַס האָט אַ מאָל געקאָנט, און אין וועמענס רייען עס זיינען געשטאַנען די באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער.

כאַוויירים, דער בונד איז געשטאָרבן, נאָר זאָל לעבן דער בונד!

עס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט די כ"כ אַגאָלעס, סעגאַל, פֿינקלשטיין, טאָמ־סינסקי.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן—ווענדן זיך צו אלע פּראָווינציעלע גרופּן בונדיסטן־קאָמוניסטן, קעדיי איינעם צונויפֿרעדן זיך און אויסאַרבעטן אַן איינ־הייטלעכע פּראָגראַם און טאַקטיק.

עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ צענטראַל־ביוראָ פֿאַר מאָסקווע.

---

*) „אמת", נומער 49, 1918.

באַשטימונג פֿון צ.ב. פֿון די ייִדסעקציעס באַם צ.ק. ר.ק.פּ.(ב).

ז י צ ו נ ג

פֿון צענטראַל-ביוראָ באַם צ.ק. פֿון די ייִדסעקציעס פֿון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דעם 24-טן דעקאבר 1918-טן יאָר.

עס זיינען בייגעווען: מיטגלידער פֿון צ.ב.—די כ״כ דימאַנשטיין, טאָרטשינסקי, אַגורסקי און מיטגליד פֿון קאָלעגיע פֿון ייִדישן קאָמיסאַריאַט כ׳ מאַנדעלסבערג.

ג ע ה ע ר ט	ב אַ ש ל אָ ס ן
וועגן די רייבונגען צווישן די ייִדישע סעקציעס און אלגעמיין פּאַרטייִשע אָרגאַנען.	עס ווערן איינגעשטעלט די באַציִונג-פּרינציפּן צווישן זיי: 1) אין יעדער שטאָט עקזיסטירט אַן איינהייטלעכע אָרג. ר.ק.פּ. מיט איין קאָמיטעט. 2) די פּאַרטיי-מיטגלידער, וועלכע קאָנען די שפּראַך פֿון דער מערהייט אין דעם אָרט, שאַפֿן, אַף וויפֿל עס איז נויטיק, נאַציאָנאַלע סעקציעס, וועלכע ווערן באַשטעטיקט דורך די קאָמיטעטן. 3) די סעקציע-מיטגלידער וואַרפֿן זיך אונטער אַלע באַשלוסן פֿון די אָרטיקע און צענטראַלע פּאַרטיי-אָרגאַנען. 4) די נאַציאָנאַלע סעקציעס עקזיסטירן אַף רעכט פֿון אַ ראַיאָן אָדער אַ סובראַיאָן. די מיטגלידער זייערע דאַרפֿן בייזיין אַף אלגעמיין-פּאַרטייִשע פֿאַרזאמלונגען, גאָר האָבן רעכט אויסצוקלייבן אויך סעקציע-פֿאַרזאמלונגען און באַשליסן דאָ די איניאָנים פֿון סעקציע. 5) די מיטגליד-אָפּצאָלן און אַנד. מיטלען, וואָס די סעקציעס באַקומען, ווערן אַף אלגעמיינע יעסודעס איבערגעגעבן אין דער אלגעמיין פּאַרטייִשער קאַסע.

באַשלאָסן	געהערט

6) די סעקציע באקומט מיטלען אַף אירע באדערפעניִשן פון די מיִטלען פון פאַרטיי קאָמיִטעט, פּראָפּאָרציאָנעל דער צאָל פון אירע מיִטגליִדער.

7) די נאַציִאָנאַלע סעקציעס פאַרשרייבן סעקציע-מיִטגליִדער אַף אלגעמיינע יע-סוידעס, דער אופנעם ווערט ענדגיל-טיִק באשטעטיִקט דורכן אַלגעמיינעם ראַיאָן- אָדער שטאָטישן-קאָמיטעט.

באמערקונג: אַף דיִזעלבע יע-סוידעס ווערט דורכגעפיִרט אויך דאָס אויסשליִסן פון פאַרטיי.

8) אין דיִ שטעט, וועלכע האָבן עטלעכע סובראַיאָנען פון איין און דערזעלבער נאַציִאָנאַלער סעקציע, ווערן אויסגע-קליבן אַלגעמיינע ביוראָען.

9) קאָנפליִקטן איִבער דיִ פראַגן פון אָר-גאַניִזיִרן נאַציִאָנאַלע סעקציעס ווערן דערלייזט אין די העכערע אָרטיִקע פאַרטיי-אָרגאַנען.

10) נאַציאָנאַלע סעקציעס פון די גובער-ניעס, געגנטן האָבן זייערע פעריִאָדיִ-שע קאָנפערענצן, וועלכע ווערן אופ-גערופן יעדערע 4 כאדאָשים. אַף דיִ-דאָזיקע קאָנפערענצן ווערן אויסגע-קליבן זייערע גובערניִאַלע און געגנט-אָרגאַנען.

באמערקונג: איִן עקסטרע פאַלן ווערן אופגערופן אויסער-אָרדענטלעכע קאָנפערענצן.

11) יעדע 6 כאדאָשיִם ווערט אופגערופן אַן אלגעמיין פאַרטעיִשער צוזאמענפאָר פון די נאַציִאָנאַלע קאָמוניסטיִשע סעק-ציעס, וועלכער קלייבט אויס אַ צ. ק. פון די נאַציאָנאַלע סעקציעס איִן באַ-שטאַנד פון 7 מאַן.

א ו פ ר ו ף

פון דער מאָסקווער יידישער קאָמוניסטישער סעקציע.

כאַווײרים יידישע אַרבעטער!

דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אויסגעפאַלן דער גורל צו ווערן דער אַוואַנגאַרד פון דער רוסלענדישער און צווישנפעלקערלעכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. קאָנצענטרירנדיק אַרום זיך אַלע אַנטשלאָסענע און אַקטיווע עלעמענטן פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, האָט די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי די ערשטע געהאַט די דרייסטקייט צו דערקלערן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

צעשמעטערנדיק אַלע שטערונגען אויף איר דאָרנדיקן וועג, האָט ר. ק. פּ. די ערשטע גענומען אין אירע הענט די באַפרייונג פון דער מענטשהייט פון אָזאַ שלעכטס, ווי דער קאַפּיטאַליזם און זיין ירושע.

דער היסטאָרישער גאַנג פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע האָט באַרעכטיקט די ריכטיקייט פון אונדזער טעאָריע און פון אונדזערע קאַמף-מעטאָדן. ווו עס קלאַפּט נאָר אַן אַרבעטער-האַרץ, דאָרטן באַגעגענען מיר אַן אָפּקלאַנג.

פון אַלע עקן פון ערד-קוגל איילן די אַרבעטער-מאַסן צו פאַרנעמען אַן אָרט אונטער דער עמעס רויטער קאָמוניסטישער פאָן פון דער אַלוועלטלעכער באַפרייונג און גליק.

אין אַזאַ מאָמענט, כאַווײרים יידישע אַרבעטער, ווענדן מיר צו אייך אונדזער ברידערלעכן וואָרט.

איר, וועלכע האָט שטענדיק פאַרנומען אַן ערן-אָרט אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער-באַוועגונג—צי וועט איר אָפּשטיין פון אייערע רוסישע, לעטישע, אוקראַינישע און ליטווישע כאַווײרים?

יידישער אַרבעטער, באַטראַכט און באַשליסט!

צי איז ניט איין און דערזעלבער באַרוף צום קאַמף פאַרן סאָציאַליזם בײַ דיר און בײַ דיינע ברידער ניט-יידישע אַרבעטער?

צי האָסטו אַלס אַרבעטער אַנדערע צילן און אויפגאַבן ווי דער רוסישער אַרבעטער?

ניין, קיינמאָל ניט!

באַטראַכט און באַשליס! מיט וועמען גייסטו? מיט די ליגנער און צוואַקעס, וועלכע ווי דער צוויפּנימדיקער יאַנוס, מיט איין פּנים שמייכלט ער צו דיר און צו דער סאָוועטנמאַכט, און מיטן צווייטן פּנים מאַכט ער אויגעלעך דער בורזשואַזיע? צי ביזטו מיט יענע, וועלכע באַהאַלטן זיך אונטערן רויטן מאַנטל מיט אַ ווייס-שוואַרצן אונטערשלאַק, אָדער ביזט מיט יענע,

וועלכע האָבן זייער לעבן געאָפּערט פֿאַר דיין באַפרייונג, פֿוילנדיק אין טור־מעס און וויגנדיק זיך אַף די טליעס.

באַטראַכט און באַשליס?

צי וועסטו אָפּגיין פֿון דיינע ברידער אין דער צייט, ווען עס ווערט געבוירן אַ נייע וועלט, דיין וועלט?

מיר זאָגן: ניין, דו וועסט ניט אָפּשטיין, דו קאָנסט ניט אָפּשטיין, דו טאָרסט ניט אָפּשטיין"!

אין געשלאָסענע רייען צוזאַמען מיט אונדז דאַרפֿסטו העלפֿן מאַכן דעם לעצטן אָנגריף אַף די פֿעסטונגען פֿון אַלוועלטלעכן פּיין און ליידן, צוזאַמען מיט אונדז דאַרפֿסטו בויען די נייע וועלט פֿון אַלמענטשלעכן גליק.

* * *

מיר קאָמוניסטן, ייִדן, אַריינגייענדיק אַלס סעקציע אין דער רוסלענדי־שער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, שטעלן פֿאַר זיך ניט קיין באַזונדערע אויפֿגאַבן און צילן. אונדזער ערשטער און גרונט־פּרינציפּ איז דער, וואָס מיר נעמען אָן דורכויס און אינגאַנצן די פּראָגראַם און טאַקטיק פֿון ר. ק. פּ.

ווי אינטערנאַציאָנאַליסטן, שטעלן מיר פֿאַר זיך ניט קיינע נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבן. נאָר קלאַסן־אויפֿגאַבן, פּראָלעטאַרישע. מיר אונטערשיידן זיך פֿון אונדזערע ברידער קאָמוניסטן ניט־ייִדן נאָר מיט דעם, וואָס מיר ריידן אַף אַ באַזונדער שפּראַך.

אונדזער נאָענסטע אויפֿגאַבע איז דורכצופֿירן בײַ אונדז אין דער פּראַקטיק דאָס אַלץ, וואָס עס שטעלט פֿאַר זיך די ר. ק. פּ., אַף וויפֿל די ייִדישע גאַס בלייבט ניט באַרירט פֿון דער אַלגעמיין סאָוועטישער געזעצ־געבונג.

אַף דער ייִדישער גאַס לעבן נאָך ביז איצט די ייִדישע בורזשואַזע טראַ־דיציעס מיט זייער שאָוויניזם און קלעריקאַליזם. דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אַראָפּטרייסלען פֿון זיך דעם גייסטיקן קלעם פֿון דער גרויסער און קליי־נער אייראָפּעיִשער בורזשואַזיע. ער דאַרף אַראָפּוואַרפֿן די פּאָליטישע, קולטור־רעלע און גייסטיקע העגעמאָניע פֿון די ייִדישע רעדל־פֿירער, אונטער וואָס פֿאַר אַ מאַסקע זיי זאָלן זיך ניט באַהאַלטן: צי אונטער בורזשואַזי־קלעריקאַלער קעהילע, אָדער ציִעניסטישע און סאָציאַל־בורזשואַזע פּאַרטייען, ווי „בונד" אָדער פּ"צ. מע דאַרף אָפּרייניקן די ייִדישע גאַס אָט פֿון דעם מיסט. די ייִדישע אַר־בעטער דאַרפֿן זיך פֿאַרייניקן צו דער בויונג פֿון דעם אַלגעמיין פּראָלעטאַ־רישן לעבן.

מיר, ייִדן קאָמוניסטן, קוקן אָפֿן אַף די באַשטימטע פּסיכאָלאָגישע באַזונ־דערקייטן און אונטערשייד, וועלכע זיינען דאָ צווישן די רוסישע און ייִדישע אַרבעטער. אונדזער טעטיקייט איז דעריבער אָנגעווענדעט אַף אָנצונעמען מיט־לען, קעדיי דערנענטערן די כאַווייריִם אַרבעטער פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַ־

ליטעטן אין צוזאמענשמעלצן זיי אין א איינהייטלעכער, ברידערלעכער, אינ־טערנאַציאָנאַלער פאַמיליע.

כאַווערים יידישע אַרבעטער!

שטייט צו צו אונדז!

טרעט אריין אין אונדזערע רייען און מיט איין אלגעמיינעם טראָט וועלן מיר גיין אין שלאַכט ביז דעם ענדגילטיקן זיג פון אַרבעטער-דעוויז: „זאָל לעבן די רוסלענדישע און צווישנפעלקערלעכע אַרבעטער-רעפובליק!"

איניציאַטיוו-גרופע אַף צו אָרגאַניזירן די יידישע קאָמוניסטישע סעקציע אין מאָסקווע *).

---

*) דערדאָזיקער אופרוף איז פאַרשפרייט געוואָרן אין מאָסקווע אין אָנהויב 1919.

די קאָנפערענץ פון דער ייִדישער קאָ-מוניסטישער פארטיי פון ווייסרוסלאנד

(מינסק 28־טן פעוורואל — 2־טן מאַרט 1919)

די ייִדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי און קאָמפּאַרבאַנד פון ווייסרוסלאַנד.

*
* *

גלייך נאָכדעם, ווי דער „שטערן" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען*), און די ייִדסעקציע באַ דער פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן איר ערשטע אַרבעט, זיינען אין מינסק אָנגעקומען די „בונדיסטן-קאָמוניסטן", וועלכע האָבן אַפן רוף פון צ. ב. און ייִדישן קאָמיסאַריאַט פאַרלאָזן פּערם, יעקאַטערינבורג און אַנדערע שטעט פון אוראַל און זיינען געפאָרן אין ווייסרוסלאַנד. אָנקומענדיק אין מינסק, האָבן זיי זיך לעגאַליזירט אלס בונדיסטן-קאָמוניסטן, האָבן אויסגעטיילט אַ ציינטוויי-ליקע ביוראָ און געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע אין מינסק און האָבן גענומען שאַפן אָרגאַניזאַציעס אין דער פּראָווינץ. דער „בונד" האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנ-דערפאַלן, אָבער די „לינקע בונדיסטן" וועלכע האָבן געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין „בונד", זיינען צו ערשט ניט געגאַנגען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און ניט געוואָלט מאַסקים זיין מיט דער אָרגאַניזאַציע-פאָרם פון די ייִדסעק-ציעס; די טראַדיציעס פון דער „נאַציאָנאַלער קולטורעלער אַווטאָנאָמיע" האָבן זיי נאָך גאַנץ פעסט באַהערשט און ניט געלאָזן זיי איינגאַנצן צו באַפרייען זיך פון דער פאַרגאַנגענהייט, און אַף אַזאַ אויפן זיינען זיי אַף אַ געוויסער צייט געבליבן אויסער דער קאָמפּאַרטיי.

מיט דער מינסקער ייִדסעקציע, וועלכע איז דעמלט אָנגעפירט געוואָרן דורך די כאַווײרים ז. כאיקין, מאַנדעלסבערג, ט. קאַפּלאַן, זיסמאַן און נאָך איינקע כ"כ, האָבן די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" אויסערלעך געלעבט בעשאָלעם, אָבער אינערלעך האָט זיך צווישן דער ייִדסעקציע און „בונדיסטן-קאָמוניסטן" געפירט אַ שטאַרקער קאַמף. די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" האָבן געוואָלט שאַפן אַ נייעם „בונד". זיי האָבן זיך אָבער ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון דעם אַלטן נאַציאָנאַליסטישן אינהאַלט זיינעם. די ייִדסעקציע פון איר זייט האָט מיט דער גאַנצער פעסטקייט באַקעמפט דעמדאָזיקן פּרווו צו פאַרייניקן דעם „בונד" מיטן קאָמוניזם. פונדעסטוועגן האָבן די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" מיטגעאַרבעט מיט דער ייִדסעקציע, געשטיצט די קאָמפּאַרטיי און אויך געקעמפט קעגן די רעכטע בונדיסטן, וועלכע האָבן זיך דאַן אין מינסק גרופּירט ארום „וועקער". די רעכטע בונדיסטן האָבן אין קאַמף קעגן סאָוועטן-מאַכט, קאָמפּאַרטיי און באַזונדערס

*) „דער שטערן" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין מינסק דעם 27 דעקאַבר 1918.

קעגן דער ייִדסעקציע געלאָזן אין גאַנג אַלע נידעריקסטע מיטלען. די „וועקער-בונדיסטן" האָבן אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם געגרופן די טוער פון די ייִד-סעקציעס „זובאַטאָווצעס".

אונדזער פּאַרטיי איז געווען פאַרינטערעסירט, אַז די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" זאָלן פאַרנעמען וואָס נעענטערע פּאָזיציעס צו דער קאָמפּאַרטיי, דערפאַר האָבן די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" באַקומען מאַראַלע און מאַטעריעלע שטיצע פון דער פּאַרטיי ביקלאַל און פון דער ייִדסעקציע ביפראַט. די סעקציע איז איינגעגאַנגען אַפילע אַף דעם, אַז אין רעדאַקציע-קאָלעגיע פון „שטערן" זאָל אַריין אַ פאָרשטייער פון די „בונדיסטן-קאָמוניסטן". גלייכצייטיק אויך אין אַנדערע וויכטיקע אַנשטאַלטן. דידאָזיקע טאַקטיק פון דער פּאַרטיי און ייִדסעקציע האָבן ענדלעך געבראַכט דערצו, אַז די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" זאָלן אָנהייבן ריידן וועגן אַ פולשטענדיקער פאַראייניקונג מיט דער ייִדסעקציע און באַזונדערס וועגן אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי.

דערגרייכן דעמדאָזיקן ציל איז אויך ניט אַזוי לייכט געווען, ווייל כאָטש די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" האָבן מאַסקים געווען אַריינצוטרעטן אין דער פּאַרטיי, האָבן זיי אָבער גלייכצייטיק געוואָלט אַריינטראָגן די טראַדיציעס פון „בונד" אין דער קאָמפּאַרטיי. די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" האָבן פאָרגעלייגט אַלס יעסאָד פון פאַראייניקונג די אָרגאַניזאַציע-פּרינציפּן פון „בונד" און מיט אַ באַזונדער שטאַרקייט באַטאָנט דעם פּרינציפּ פון „נאַציאָנאַלער קולטורעלער אַוטאָנאָמיע". די סעקציאָניסטן כאַיקין, מאַנדעלסבערג און אַנדערע האָבן געפאָדערט, אַז די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" זאָלן אַריינגיין אין דער פּאַרטיי אַפן גרונט פון די טאַקאָנעס פון דער סעקציע, דערנאָך וועט מעגלעך זיין צו ריידן וועגן אַ קאָמוניסטישער אַרבעט צווישן די ייִדישע מאַסן.

די אָנפירער פון די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" די כ״כ סווערדלאָוו, קראָל, רובינשטיין, ליפּקאָוויטש און אַבראַם זיינען ניט איינגעגאַנגען אַפן פאָרשלאַג פון די סעקציאָניסטן און האָבן דאַווקע געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל אָנעמען זייערע באַדינגונגען און זאָל זיי לאָזן שאַפן א באַזונדער יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט דער אַלטער בונדיסטישער אָרגאַניזאַציע-פאָרם.

דעם 15-טן יאַנוואַר 1919 איז די פּראַגע וועגן די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" באַהאַנדלט געוואָרן אַף אַ זיצונג פון דער צענטראַל-ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד. אַף דערדאָזיקער זיצונג האָט דער פאָרשטייער פון די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" כ׳ סווערדלאָוו ווידער דערקלערט, אַז די „בונדיסטן-קאָמוניסטן" וועלן נאָר דאַן אַריינגיין אין דער קאָמפּאַרטיי, ווען מען וועט אָנעמען די אָרגאַניזאַציע-פאָרם פון אַלטן „בונד" און לאָזן זיי אָרגאַניזירן אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיך אָנרופן „דער ייִדישער קאָמוניסטישער בונד".

דער כ׳ מיאַסניקאָוו האָט צוליב טאַקטישע טאַימים געפונען פאַר נויטיק נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון די בונדיסטן און דערלויבן זיי צו אָרגאַניזירן אַ „קאָמוניסטישן בונד". דער כ׳ איוואַנאָוו האָט מאַסקים געווען מיטן כ׳ מיאַסניקאָוו, נאָר ער האָט דערביי דערקלערט, אַז די אַוטאָנאָמיע פון „בונד" דאַרף

זיין אַ ריין פֿאָרמעלע, דער „קאָמבונד" מוז אַרבעטן אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ווייסרוסלאַנד.

קעגן דעם פֿאָרשלאַג צו גרינדן אַ „קאָמוניסטישן בונד" איז מיט אַ פּראָטעסט אַרויסגעטראָטן דער כ׳ ז. כאַיקין. ער האָט אויפֿגעוויזן, אַז די נייע יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף אינגאַנצן אויסמעקן דעם נאָמען „בונד". עס איז גענוג — האָט דער כ׳ כאַיקין דערקלערט — אַז באַ יעדער פּאַרטיי זאָל עקזיסטירן אַ יידסעקציע, וועלכע זאָל אָנפֿירן מיט דער אַגיטאַציע־אַרבעט אַף דער יידישער שפּראַך.

כאַיקינס מיינונג איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן פֿון כ׳ קאַלמאַנאָוויטש.

דער כ׳ פּיקעל איז אויך געווען קעגן דעמדאָזיקן פֿאָרשלאָג צו שאַפֿן אַ „קאָמבונד". אָבער ער איז געווען דערפֿאַר, אַז מען זאָל שאַפֿן אַ נייע יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, און האָט דעריבער פֿאָרגעלייגט, אַז מען זאָל אָרגאַניזירן אַ „צייטווייליקן קאָמיטעט פֿון אַ יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי".

די כ״כ קנאָרין און אַנדרייעוו זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פֿאָרשלאָג צו שאַפֿן אַ באַזונדער יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי און האָבן פֿאָרגעלייגט צו ענדערן די סטרוקטור פֿון דער יידסעקציע און דורך דעם לייזן די פֿראַגע.

דער פֿאָרשטייער פֿון די „בונדיסטן־קאָמוניסטן" איז אַרויסגעטראָטן קעגן די אַלע פֿאָרשלאַגן און באַשטאַנען אַף זיין פֿאָדערונג צו אָרגאַניזירן אַ „קאָמוניסטישן בונד".

נאָך לענגערע דעבאַטן האָט די צענטראַל־ביוראָ פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ווייסרוסלאַנד אָנגענומען אַף דער זיצונג פֿון 15־טן יאַנוואַר 1919 יאָר אַ באַשלוס מיט 6 שטימען קעגן 2 צו אָרגאַניזירן אַ יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָן דעם נאָמען „בונד". דער באַשלוס פֿון דער צענטראַל־ביוראָ ק. פּ. ו. איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין לעבן. צווישן די סעקציאָניסטן און קאָמבונדיסטן האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען, ווי צו פֿאַרייניקן זיך און שאַפֿן די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. די אונטערהאַנדלונגען האָבן געבראַכט דערצו, אַז ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צייטווייליקער הויפּט־קאָמיטעט פֿון דער יידישער קאָמפּאַרטיי, אין וועלכן ס׳זיינען אַריין די פֿאָלגנדיקע פֿינף כ״כ: מאַנדעלסבערג, קאַפּלאַן, קראָל, סווערדלאָוו און אַבראַם און אין רעדאַקציע־קאָלעגיע פֿון „שטערן" זיינען אַריין די כ״כ ז. כאַיקין, סווערדלאָוו און קאַפּלאַן. דער הויפּט־קאָמיטעט האָט דעם 27־טן יאַנוואַר אַרויסגעלאָזן זייער אָן אינטערעסאַנטע דעקלאַראַציע און האָט זיך טייקעף גענומען אָרגאַניזירן דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער „יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי".

די רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער יידישער אַרבעטער־סוויווע, האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ שנעלער אַנטוויקלט: די פֿירער פֿון די „בונדיסטן־קאָמוניסטן", וועלכע האָבן פֿון אָנהויב געוואָלט אַריינברענגען בונדיסטישע טראַדיציעס אין דער קאָמפּאַרטיי, האָבן זיך גאָר אינגיכן אָפּגעזאָגט פֿון דעם. „די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי", וועלכע איז באַשאַפֿן געוואָרן אַף צו פֿאַרנעמען דעם אָרט פֿון „בונד", האָט קיין לאַנגע יאָרן ניט געהאַט.

איינגאַנצן האָט זי עקזיסטירט אַן ערעך פֿון 6 וואָכן צייט (פֿון דעם 19-טן יאַנ-וואַר ביז דעם 1-טן מאַרט 1919 יאָר). זי האָט זיך ליקווידירט אויף דער ער-שטער קאָנפֿערענץ, וואָס די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט צוזאַמענ-גערופֿן.

די ערשטע און לעצטע קאָנפֿערענץ פֿון דער „יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי" איז געווען זייער אַ שטורעמדיקע און אויסערגעוויינטלעך אַן אינטע-רעסאַנטע. דער צייטווייליקער קאָמיטעט פֿון דער „יידקאָמפּאַרטיי" האָט אין דעם אויפֿרוף צו דער ערשטער קאָנפֿערענץ איינגעלאַדן דעלעגאַטן פֿון אַלע יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון סאָוועטנרוסלאַנד. די קאָנפֿערענץ האָט זיך אָנגעהויבן דעם 28-טן פֿעברואַל 1919 יאָר און האָט געדאַרפֿט פֿאָר-מולירן די צילן און אויפֿגאַבן פֿון דער יידישער קאָמפּאַרטיי. זי האָט געדאַרפֿט אָננעמען באַשלוסן וועגן די פֿראַגן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפֿן סיידער-האַ-יוים פֿון דער קאָנפֿערענץ, אָבער צו דעם איז ניט דערגאַנגען. די קאָנפֿע-רענץ האָט נאָך אַ לייד־נשאַפֿטלעכער דיסקוסיע, וועלכע האָט געדויערט צוויי מיט אַ האַלבן טעג, נאָר איין באַשלוס אָנגענומען — וועגן ענדערן דעם נאָמען פֿון דער „יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי" אויף „קאָמפֿאַרבאַנד". וועגן אַלע איבעריקע פֿראַגן האָט מען קיינע באַשלוסן ניט אָנגענומען, ווייל די קאָנפֿע-רענץ איז געווען צוטיילט אויף צוויי לאַגערן, וועלכע האָבן ניט געקענט קומען צו אַן אויסגלייך.

אויף דער קאָנפֿערענץ זיינען געווען צוויי ריכטונגען, צוויי פֿאַרשיידענע גרופּן פֿון דעלעגאַטן. די ערשטע גרופּע איז באַשטאַנען פֿון די סעקציאָניסטן פֿון צענטראַל-רוסלאַנד, וועלכע האָט אָנגעהויבן גלייך נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע צו פֿאַרשפּרייטן די אידייען פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע און די אידייען פֿון קאָמוניזם צווישן די יידישע אַרבעטער און האָבן אין מעשעך פֿון די אַנדערהאַלבן יאָר געהאַט די מעגלעכקייט באַקאַנט צו ווערן מיט דער גרוי-סער אַרבעט, וואָס דער קעמפֿנדיקער פּראָלעטאַריאַט פֿון רוסלאַנד האָט אין דערדאָזיקער שטורמישער עפּאָכע דורכגעמאַכט. די אומצייטלבאַרע טאָגטעגלע-כע אויסערגעוויינטלעכע דערשיינונגען האָבן ברייטער געמאַכט זייער האָרי-זאָנט. מיט אָפֿענע אויגן האָבן זיי באַטראַכט די גאַנצע סוויווע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפֿונען.

די צווייטע גרופּע דעלעגאַטן איז געקומען פֿון די שטעט און שטעט-לעך, וועלכע זיינען נאָר וואָס באַפֿרייט געוואָרן פֿון דער אָקופּאַציע, פֿון די ערטער, ווו די רעוואָלוציע האָט זיך פּאַקטיש ערשט אָנגעהויבן. זי האָט לאַ-כלוטן קיין באַגריף ניט געהאַט וועגן די נייע פֿאָרמען פֿון רעוואָלוציאָנערן שאַפֿן. קימאַט אַלע פֿון דערדאָזיקער גרופּע דעלעגאַטן זיינען געווען „בונדיסטן-קאָמוניסטן", בײַ וועלכע די פֿאַרגאַנגענהייט האָט זיך נאָך גאַנץ שטאַרק גע-פֿלאָנטערט אונטער די פֿיס. „די קולטור-נאַציאָנאַלע אַוטאָנאָמיע" איז בײַ זיי געווען נאָך אַ גאַנצע הייליקייט. פֿון די דיסקוסיעס איז קלאָר געוואָרן, אַז די איינציקע אַרבעט, וועלכע זיי האָבן פֿאָרגעלייגט די יידישע קאָמוניסטן, איז

נאָר קולטור-אַרבעט אין דעם שמאָלסטן זין פֿון וואָרט. מיט קיין אנדער אַרבעט האָבן זיי קיין שאַיכעס ניט געוואָלט האָבן, אַזוי, אַז אַ קאָנפֿליקט צווישן די צוויי פֿאַרשיידענע גרופּן דעלעגאַטן איז געווען אומפֿאַרמיידלעך. אַמשאַרפֿסטן האָבן זיך ארויסגעוויזן די כעלוקעדייעס צווישן די סעקציאָניסטן און קאָמבונדיסטן אין דער פֿראַגע פֿון דער ארבעט צווישן די ייִדישע מאַסן.

די עצעם פֿראַגע וועגן דער אַרבעט אַף דער ייִדישער גאַס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די סעקציאָניסטן האָבן דערקלערט אז מיט קולטור-אַרבעט אַליין טאָר ניט באַגרענעצט ווערן די טעטיקייט פֿון די ייִדישע קאָמוניסטן און האָבן פֿאָרגעלייגט, אז איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן פֿון ייִדן-קאָמוניסטן מוז זיין — פּראָלעטאַריזירן די ייִדישע לופֿט-מענטשן, וואָס זייענען געבליבן הענגען אינדערלופֿטן צוליב דער נאַציאָנאַליזירונג פֿון האַנדל.

די יונגע קאמוניסטן, געוועזענע בונדיסטן, וואָס האָבן זיך דערצויגן אַף דער טעאָריע, אַז די ייִדישע ארבעטער דארפֿן נאָר פֿאָדערן „נאַציאָנאַל-קולטורעלע אווטאָנאָמיע” האָבן דעם געדאנק פֿון די סעקציאָניסטן באטראכט פֿאַר אַ שרעקלעכע אַפּיקאָרסעס און געשריִען, אַז דאָס שמעקט מיט ציאָניזם און נאַציאָנאַליזם, און מ׳האָט די סעקציאָניסטן אָנגערופֿן פּועלי-ציאָניסטן פֿאַר ברענגען דעם געדאַנק וועגן שאַפֿן ייִדישע ערדאַרבעטער-קאָמונעס.

אַרום דערדאָזיקער פראַגע איז פֿאָרגעקומען אַ ליידנשאַפֿטלעכער קאַמף צווישן די סעקציאָניסטן און קאָמבונדיסטן, און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז די קאָנפֿערענץ זאָל איבערגעריסן ווערן, ווייל קיין באַשלוס האָט מען ניט געקענט אָנעמען. די קאָמבונדיסטן האָבן פֿאַר קיין פֿאַל ניט געוואָלט מאַסקים זיין מיט דעם שטאַנדפונקט פֿון די סעקציאָניסטן, און די סעקציאָניסטן האָבן, פֿאַרשטייט זיך, ניט דערלאָזן, אַז די קאָמבונדיסטן זאָלן אָנעמען אַ בונדישן באַשלוס וועגן דער פֿראַגע. אויב די קאָנפֿערענץ איז ניט איבערגעריסן געוואָרן, איז נאָר דערפֿאַר, וואָס דער כ׳ דימאַנשטיין איז אָנגעקומען אין מינסק אין דער צייט פֿון דער דיסקוסיע און געמאַכט אַ פשאָרע צווישן די ביידע צדאָדים, אַז מען זאָל אַף דער קאָנפֿערענץ ניט אָנעמען קיינע באַשלוסן וועגן פּרינציפּיעלע פֿראגן, און אַזוי ווי אַף דער קאָנפֿערענץ זיינען נאָר באַהאַנדלט געוואָרן אזעלכע וויכטיקע פּרינציפּיעלע פֿראַגן, האָט די קאָנפֿערענץ קיינע רעזאָלוציעס ניט אָנגענומען.

אַ צווייטע פֿראַגע, וועלכע האָט אַרויסגערופֿן זייער שאַרפֿע דעבאַטן אַף דער קאָנפֿערענץ איז געווען די פֿראַגע וועגן דעם נאָמען און אָרגאַניזאַציע-פֿאָרם פֿון דער ייִדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די סעקציאָניסטן האָבן געפֿאָדערט, אַז די אָרגאַניזאַציע-פֿאָרם פֿון דער נייער ייִדישער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ווייסרוסלאַנד זאָל זיין דיזעלבע, ווי די ייִדסעקציע אין צענטראַל-רוסלאַנד. די קאָמבונדיסטן זיינען געווען נאָר פֿאַר אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע. וועגן דער פֿראַגע האָט מען אויך קיין פּרינציפּיעלע רעזאָלוציע ניט אָנגענומען. מען האָט נאָר אָנגענומען אַ קאָמפּראָמיס-רעזאָלוציע צו ענדערן דעם נאָמען פֿון דער „ייִדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי” אַף „קאָמוניס-

טישער פאַרבאַנד פון ווייסרוסלאַנד און ליטע". די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן אַ הויפט-קאָמיטעט פון די פאָלגנדיקע כאַווייריִם:

מיטגלידער—אַבראַם, דימאַנשטיין*), מאַנדעלסבערג, כאַיקין, סווערדלאָוו, גאָרעליק, קראָל**), אַלטשולער; קאַנדידאַטן:—אגורסקי און קאַפּלאַן***). און אזוי איז פון דער אַרבעט פאַרשוווּנדן די „יידישע קאָמוניסטישע פאַרטיי".

ש. א.

צו דער ערשטער פאַרטיי־קאָנפערענץ פון דער יידישער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

(לייטאַרטיקל פון נומער 51 „שטערן" געשריבן פון כאַיקינען).

היינט, דעם 28-טן פעוראַל, עפנט זיך אין מינסק די ערשטע פאַרטיי-קאָנפערענץ פון דער יידישער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

דאָס איז ניט קיין כאַלעם, ניט קיין שיינע באָבע-מאַיסעלע, נאָר אַ פאַקט. עס עקזיסטירט אַ יידישע קאָמוניסטישע פאַרטיי, און היינט איז איר ערשטע פאַרטיי-קאָנפערענץ.

אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט געבלאָנדזשעט איבער דער וועלט. דאָס אומנאָרמאַלע לעבן האָט פאַרשיידענע טעאָריעס און פאַרטייען געבוירן. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אָן זיי אָנגעכאַפּט, ווי די, וואָס טרינקען זיך אָן אַ שטרוי. אָפטמאָל איז ער זיי פאַרבייגעגאַנגען, אָפטמאָל דורך זיי דורכגעגאַנגען, זיי האָבן אָבער קיינמאָל ניט אָנגעוויזן אים דעם עמעסן וועג צו זיין באַפרייונג, צו זיין ענדע-ציל, און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז שטענדיק געבליבן אין זיין שרעקלעכער, ליידנדיקער איינזאַמקייט.

און אַף נאָך אַ פאַלשערן וועג האָבן אָט די יידישע אַרבעטער-פאַרטייען געפּרוּווט פירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט נאָך דער פעוראַל-איבערקערעניש אין רוסלאַנד, ווען דער גאַנצער רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך פּלוצלונג ווי דערוואַכט פון אַ לעטאַרגישן שלאָף און אָנגעהויבן קעמפן פאַר זיינע, אייגענע פּראָלעטאַרישע רעכט. פרעגט: ווו זיינען דעמלט געווען די יידישע אַרבעטער-פאַרטייען? מיט וועמען זיינען זיי געגאַנגען? אַף וועלכע וועגן האָבן זיי

---

*) ס'איז זייער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז פאַר די כ'כ' דימאַנשטיין און אַגורסקי האָבן קימאט אַלע פון די געוועזענע קאמבונדיסטן ניט געשטימט. דערפאַר וייל די קאמבונדיסטן האָבן ניט געוואָלט, אַז די פאָרשטייער פון די סעקציאָניסטן זאָלן אריין אין הויפט-קאָמיטעט.

**) דעם כ' קראָל איז איצט דער שעף פון דער מיליציע פון ו. ס. ס. ר. און שטעלפאַרטרעטער פון פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר אינערלעכע איניאָנים. פאַר זיינע גרויסע רעוואָלוציאָנערע פאַרדינסטן איז ער באַשאנקן געוואָרן מיטן אָרדען פון רויטן קאמף-פאָן און מיט אָרדען פון רויטן אַרבעט-פאָן.

***) קאַפּלאַן—מ. טאַניִן דאָס איז דער איצטיקער באַקאָנטער זשורנאַליסט, וועלכער איז א מיטאַרבעטער פון „פּראַווּדאַ" און אנדערע צענטראַלע אויסגאבן.

געפֿירט דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט? אַף דעם וועג פֿון זיין פּראָלעטאַרישער באַ־פֿרייונג אָדער אַף דעם וועג פֿון פֿאַרשקלאַפֿונג, זיִצנדיק מיט קערענסקין און פֿירשט לוואָוון, מיליוקאָוון און ווינאַווערן?

און שפּעטער, אין די אָקטיאַבער-טעג פֿון 1917 יאָר, ווען דער רוסלענ־דישער פּראָלעטאַריאַט איז אופֿגעשטאַנען און דערקלערט זיך אַלס באַלעבאָס אין דעם לאַנד, וואָס איז הונדערטער יאָרן מיט זיין בלוט פֿאַרגאָסן געווען, וועמענס פֿעלדער מען האָט מיט זיינע געהירן און קערפּערס געמיסטיקט, און וועמענס רייכטום עס איז מיט זיין מי און שווייס באַשאַפֿן געוואָרן—אויך דעמלט, גראָד מער ווי אַן אַנדערש מאָל, האָבן די ייִדישע פּאַרטייען דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט געפּרוווט אָפּשטויסן פֿון קאַמף פֿאַר זיינע רעכט. דעמלסט האָבן די ייִדישע פּאַרטייען געגעבן די הענט די אַלערליי הענקער, שטיקער פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג, די ייִדישע און די ניטייִדישע בורזשואַזיע, די הענקערס סקאָראָפּאַדסקען און קראַסנאָוון און איינינעם מיט זיי, אַף דעם כעשבן פֿון דעם ליידנדיקן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, געהאָלפֿן דערשטיקן די רע־וואָלוציע, די סאָציאַל-רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

איז נאַטירלעך, אַז דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט, דער באַוווסטזיניקער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט, האָט ניט געקאָנט מער פֿאַרבלייבן אין די רייען פֿון די ייִדישע פּראָלעטאַרישע אַרבעטער-פּאַרטייען און האָט געזוכט אַן אויסוועג?

נאַטירלעך! אַנדערש האָט ניט געקאָנט זיין.

און דער אויסוועג איז געווען ניט אין שאַפֿן „ליגקע פֿליגלען" און רייסן זיך מיט די „אַלטע גענעראַלן", נאָר אין שאַפֿן אַ נ י י ע י י ִ ד י ש ע פּ אַ ר־ט י י,—אַ י י ִ ד י ש ע ק אָ מ ו נ י ס ט י ִ ש ע פּ אַ ר ט י י, אין וועלכער עס זאָלן אַריינגיין און האָבן אַן אָרט אָט די ייִדישע פּראָלעטאַריער, אָט די ייִדי־שע עמעסע קעמפֿער פֿאַרן סאָציאַליזם, וועמען ס'איז ענג און דומפּיק געווען אין די רייען פֿון די קליינבירגערלעכע פּאַרטייען; אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל הויך טראָגן די פֿאָן פֿון קאָמוניזם; אַ פּאַרטיי וואָס זאָל זיך שיידן מיט דער אַלטער, צעפֿוילטער ייִדישער וועלט, מיט דער וועלט פֿון קע־היִלעס און צדאָקע; אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל אַרויסשטעלן אַזאַ לאָזונג: „די גאַנ־צע מאכט—דעם פּראָלעטאַריאַט"; אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל קעמפֿן פֿאַרן סאָציאַ־ליזם האַנט באַ האַנט מיט דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאט; אַ פּאַרטיי, וועל־כע זאָל קענען אַריינטרעטן אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל אָן שאַנדע, ניט האָבנדיק געוויסן-פֿלעקן פֿון אַרבעטער-בלוט, און אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל אַוועק־לייגן אַ ווינקלשטיין פֿון אַ נייער ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור, שאַפֿונג און בויען.

און אַזאַ פּאַרטיי איז די נאָר וואָס געגרינדעטע ייִדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

די ערשטע פּאַרטיי-קאָנפֿערענץ דאַרף אוועקלייגן אַ באָדן פֿון אָרגאַני־זאַציעס; זי דאַרף אָפֿן פֿאַר דעם גאַנצן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט פֿון ראַטנרוסלאַנד זאָגן וואָס זי איז און וויל, זי דאַרף באַווייזן וואָס עס טיילט זי אָפּ פֿון די

איבעריקע ייִדישע פארטייען, פֿארוואָס יענע גויסעסן און זי שאַפֿט זיך אַף זייערע כורבוינעס.

און די פארטיי-קאָנפֿערענץ וועט עס זאָגן, דער ייִדישער פּראָלעטאריאט וועט דערהערן אַ ניי וואָרט, אַ וואָרט, וואָס וועט אויסדריקן זיינע פארלאַנ-גען, זיינע אַלטע, הייליקע האָפֿענונגען.

מיר זיינען נאָך קליין, שוואך און ווינציק. שרעקט דאָס אונדז?—אָ ניין! מיר זיינען איינזאמע פֿארשאלטענע און באשפיגענע קעמפֿער פֿאר א נייעם לעבן, פֿאר א נייער וועלט, פֿאר א נייעם דאָר. מיר ווילן גיין אַהין, וווּהין דער באוווסטזיניקער באנייטער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט רופֿט אונדז: אין קאַמף.

און מיר גייען, גייען זיכער און מוטיק, איינזאַם און פֿאַרשאָלטן—אָבער זיכער אין אונדזער ניצאָכן.

און דעמלסט, ווען דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט וועט דערזען די פּרוכט פֿון זיין קאַמף, ווען עס וועלן אַף די כורבוינעס פֿון די אַלטע ייִדישע פּאַר-טייען מיט זייערע טעאָריעס אויסגעבויט ווערן די ערלעכסטע פּאַלאַצן—דאַמלסט, דאמלסט...

דאַמלסט וועט ער וויסן, וואָס עס האָט געשאַפֿן זיין נייע פּאַרטיי, די ייִדישע, קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

זייט באַגריסט, עמעסע פֿאָרשטייער פֿון באַוווסטזיניקן, באַנייטן און קעמפֿנדיקן פֿאַרן סאָציאַליזם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט! זייט באַגריסט און האָט דערפֿאָלג אין אייער גרויסער אַרבעט.

די פֿייערלעכע עפֿענונג פֿון דער ערשטער קאָנפֿערענץ פֿון דער ייִדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי*).

דער זאַל פֿון דעם קלוב אַף קאַרל ליבקנעכטס נאָמען, וווּ עס קומט פֿאָר די קאָנפֿערענץ, איז איבערפֿולט מיט דעלעגאַטן, שלוכים פֿון די שטעט און שטעטלעך, וועלכע פֿאַרשפּרייטן דעם קאָמוניסטישן געדאַנק.

דאָ זעט מען ניט קיין גענערעלער מיט פֿאַרדינסטן—דער שטענדיקער אוילעם אַף פֿאַרשיידענע קאָנפֿערענצן, נאָר איינפֿאַכע פּאָשעטע אַרבעטער פֿון דער עמעסער ייִדישער פּראָלעטאַרישער גאַס.

12 אַזייגער פֿרי עפֿנט די קאָנפֿערענץ דער פֿאָרשטייער פֿון הויפּט-קאָ-מיטעט כ׳ קאַפּלאַן.

ער לייגט פֿאָר באערן מיט אופֿשטיין דעם אָנדענקונג פֿון די כ״כ קאָ-מוניסטן שימעליעוויטש און זאַלמען זיסמאַן, וועלכע זיינען געפֿאַלן אין קאַמף מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע.

---

*) דאָ ווערן געבראַכט קורצע באריכטן וועגן דער קאָנפֿערענץ, וועלכע זיינען געווען גע-דרוקט אין די נומערן שטערן—52, 53 און 54 פֿון 1-טן, 2-טן און 3-טן מארט 1919. קימאט א סטענאגראפישער באריכט פֿון דער קאנפֿערענץ איז אוועקגעפירט געוואָרן אין ווילנע און בא דער פֿאַרכאַפּונג פֿון ווילנע דורך די פּאליאקן, איז דער באריכט פֿארפֿאלן געווארן.

דער גאַנצער אוילעם שטייט אויף.

דאָס וואָרט באַקומט דער פֿאָרשטייער פֿון צ.ב. פֿון דער ווייסרוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי כ׳ מיאַסניקאָוו.

ער ווייזט אָן אַף דער באַדייטונג פֿון דער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך די באַזונדערע באַדינגונגען פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג אַף דער יידישער גאַס. ער ענדיקט מיט דעם ווונטש, אַז די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָל הויך טראָגן די פֿאָן קאָמוניזם אַף דער יידישער אַרבעטער-גאַס.

אין נאָמען פֿון דער צענטראַלער ביוראָ און די יידישע סעקציעס באַגריסט די קאָנפֿערענץ דער כ׳ אגורסקי.

— די איצטיקע קאָנפֿערענץ,—זאָגט דער כ׳ אַגורסקי,—איז ניט די ערשטע יידישע קאָמוניסטישע קאָנפֿערענץ, נאָר א המשך פֿון יענער קאָנפֿערענץ, וואָס איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן פֿון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס. די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס האָבן געלייגט דעם יסוד פֿאַר די יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין ראַטנרוטלאַנד.

אין נאָמען פֿון מינסקער קאָמיטעט פֿון קאָמוניסטישן „יוגנט-פֿאַרבאַנד״ באגריסט דער כ׳ זיידנוואַר.

אין נאָמען פֿון צ. ב. פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען באגריסט דער כ׳ וואסק.

נאָכן אויסוויילן אַ פּרעזידיום פֿון די כ׳כ׳: קאַפּלאַן, מאַנדעלסבערג, קראָל, אַבראַם, סווערדלאָוו, זילבער און גאָרעליק ווערט דערקלערט אַ האַפּסאָקע ביז 6 אַזייגער נאָך מיטיק.

נאָך דער האַפּסאָקע עפֿנט זיך די קאָנפֿערענץ 7 אַזייגער.

מיט א באריכט וועגן דער טעטיקייט פֿון הויפּט-קאָמיטעט, טרעט אַרויס דער כ׳ סווערדלאָוו.

ער ווייזט אָן אַף דער שווערער אַרבעט, וועלכע איז אויסגעקומען די יידישע קאָמוניסטן פֿירן דאָ אין ווייסרוסלאַנד, ווו עס האָבן זיך שטארק פֿאַרפֿעסטיקט דער „בונד״, „פּ. צ.״ און „פֿאַרייניקטע״, וועלכע האָבן דאָ איינגעפֿירט זייערע טראַדיציעס. די אלע פּאַרטייען האָבן געהאט די מעגלעכקייט פֿריי אַנטוויקלען זייער ארבעט אַפֿילע אין דער צייט פֿון דער דייטשישער אָקופּאַציע. דידאָזיקע מעגלעכקייט האָבן מיר ניט געהאַט.

דעם 9-טן דעקאַבר, ווען די ראַטן-מאַכט איז אריינגעטראָטן אין מינסק, האָבן מיר געהאַט גאָר אַ קליינע ניט קיין פֿעסטע קאמוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, ניט באַפֿרידיקטע מיט דער פּאַרטיי-פּאָליטיק פֿון בונד, בונדיסטן קאָמוניסטן, האָבן געשאַפֿן דעם באָדן פֿאַר דער נייער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דיזעלבע אומצופֿרידנהייט מיט די אלטע אָפּגעלעבטע „סאָציאַליסטישע״ פּאַרטייען האָט זיך בוילעט אַרויסגעוויזן אויך אין פּראָווינץ, ווי לעמאָשל, באָברויסק. אויך דאָרט זיינען פֿאָרגעקומען שפּאַלטונגען צווישן די אַלטע פּאַרטייען. די אַרבעטער-מאסן האָבן געזוכט אַ פֿאָרם, ווי אזוי און ווו אַרויסצווייזן זייער רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און דאָס האָט געמוזט געשאַפֿן

ווערן. אָביעקטיוו האָט זיך געמוזט גרינדן אַ יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע זאָל פאַרייניקן די צושפּאָלטענע רעוואָלוציאָנערע קויכעס פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך אָבער ניט געקענט באַנוגענענען נאָר מיט איר קיום אליין, זי האָט געמוזט זוכן מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרברייטערן איר טכום, ווי אַזוי צו פאַרשפּרייטן די אידייען פון רעוואָלוציאָנערן קאָמוניזם אַף דער יידישער גאַס. און אזוי איז געשאַפן געוואָרן דער אָרגאַן פון דער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי—„דער שטערן“, וועלכער איז פריער געווען אין רעשוס פון צאָפּן-מאַיריעווידיקן געגנט-קאָמיטעט ר. ק. פּ.

דער כ׳ סווערדלאָוו גייט אַריבער צו דער טעטיקייט פון הויפּט-קאָמיטעט און פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אין פּראָווינץ.

אין אַ גאַנצער ריי שטעט און שטעטלעך פון מינסקער גובערניע האָבן זיך געגרינדעט יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און יאַטשייקעס.

אַ באַדייטנדיקער פאַקט איז אויך דאָס, וואָס די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט 5 ערטער אין ווייסרוסלענדער צ. א. ק. און 2 ערטער אין דער ניי-געגרינדעטער ווייסרוסלענדיש-ליטווישער רעגירונג.

אַף וויפל די קאָמוניסטישע אידייען זיינען פאַרשפּרייט צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, איז צו זען פון די קאָנפערענצן און באַראַטונגען פון ס. ד. און בונד, ווו עס האָט זיך ארויסגעוזן, אז זיי זוכן אַן אלגעמיינע שפּראַך צו פאַרבינדן זיך מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

עטלעכע ווערטער זאָגט נאָך דער כ׳ סווערדלאָוו וועגן דעם קומענדיקן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר.

*
* *

נאָך דעם באַריכט פון כ׳ סווערדלאָוו טרעט אַרויס דער פאָרשטייער פון צ. ב. פון די יידישע סעקציעס אין ראַטן-רוסלאַנד כאַווער אַגורסקי.

ער ווייזט אָן אַף דער גרויסער און שווערער ארבעט, וועלכע די ערשטע יידישע קאָמוניסטן-פּיאָנערן האָבן דורכגעפירט אַף דער יידישער אַרבעטער-גאַס. גאָר קליין איז געווען די צאָל פון די וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן די אידייע פון באָלשעוויזם און די אָקטיאַבר-טעג אַף דער יידישער גאַס.

דער גרעסטער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ און פאָרשטייער פון די קליינבירגערלעכע פּאַרטייען האָבן ביקלאַל ניט אָנערקענט די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע. אין ענדע יאַנוואר 1918 יאָר הויבן זיך אָן צו קאָנסטרוירן די יידישע סעקציעס און קאָמיסאַריאַטן.

אין עטלעכע וואָכן ארום איז דערשיינען דער אָרגאַן פון פּעטראָגראַדער יידישן קאָמיסאַריאַט, „די ווארהייט“.

ווייטער ווערט די לאַגע אַביסל גרינגער. עס באווייזן זיך אינטעליגענטע קרעפטן, וועלכע קומען מיטהעלפן אונדז אין אונדזער ארבעט.

ווען אין פעטראָגראַד און אין מאָסקווע האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט אינטעליגענטע קעגנער, איז דערפֿאַר אָבער אין פּראָווינץ די לאַגע געווען נאָך ערגער. די אָרטיקע קליינבירגערלעכע פּאַרטייען האָבן שטענדיק געפֿירט צווישן די אומוויסנדיקע מאַסן אַ גרויסע אַגיטאַציע קעגן אונדז.

דער כ׳ אַגורסקי ווייזט אָן אַף אַ גאַנצע ריי נידעריקע מאַיסים פֿון די „סאָציאַליסטישע" פּאַרטייען אין דער פּראָווינץ.

דעם 20-טן אָקטיאַבער קומט פֿאָר די ערשטע קאָמוניסטישע קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע קאָמיסאַריאַטן. נאָך דער קאָנפֿערענץ הויבט זיך אָן אַ גרויסע אַרבעט אין צענטראַלן ראַטנרוסלאַנד.

עס ווערט באַפֿרייט פֿון דער אָקופּאַציע ווייסרוסלאַנד און ליטע, און אונדזערע כאַוויירים זיינען שוין דאָרטן. אין מינסק הויבט אָן צו דערשיינען די צייטונג „דער שטערן", אין ריגע „דער רויטער עמעס".

אונדזער קאָנפֿערענץ מאַכט אַ סאָף צו די אַלע לעגענדעס, אַז דער יידישער אַרבעטער גייט מיט „בונד". דער צוקונפֿטיקער היסטאָריקער וועט אָפּשאַצן די גרויסע ראָל פֿון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס, וועלכע האָבן געלייגט דעם יעסאָד פֿאַר דעם יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד.

— אונדזערע קויכעס זיינען שטאַרק, און מיר וועלן דערשטיקן די סאָנים פֿון דער ראַטן-רעגירונג,—פֿאַרענדיקט דער כ׳ אַגורסקי.

דער כ׳ מאַנדעלסבערג לייגט פֿאָר אין נאָמען פֿון דער קאָנפֿערענץ שיקן אַ באַגריסונג-טעלעגראַם דעם צ. ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויסוויילן אַלס ערן-פּאַרזיצער פֿון דער איצטיקער קאָנפֿערענץ דעם כ׳ לענין. מיט שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן באַגעגנט די קאָנפֿערענץ דעם כ׳ מאַנדעלסבערגס פֿאָרשלאָג.

מיט אַ באַריכט וועגן אַ יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד טרעט אַרויס דער כ׳ קאַפּלאַן.

ער ווייזט אָן אַף דער נויטווענדיקייט צו שאַפֿן אַ יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד פֿון גאַנץ ראַטנרוסלאַנד, וועלכער וועט פֿאַרייניקן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. ער לייגט פֿאָר דעם נאָמען פֿון דער פּאַרטיי „יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון ראַטנרוסלאַנד".

דער כ׳ כאַיקין רעדט וועגן אונדזערע קולטור-אויפֿגאַבן אַף דער יידישער גאַס.

קעדיי אָנצופֿירן מיט דעם שטענדיקן קאַמף אַף רעכטס און לינקס און בויען די יידישע קולטור אַף פּראָלעטאַריש-סאָציאַליסטישע יעסוידעס איז נויטיק צו שאַפֿן אַ יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

כ׳ אַגורסקי שטרייכט אונטער, אַז דאָס גרינדן אַ יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד פֿון גאַנץ רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציאָנערע נויטווענדיקייט ביכדיי צו אָרגאַניזירן דעם יידישן אַרבעטער אַלס אַ רעוואָלוציאָנערע קערפּערשאַפֿט אין גאַנץ ראַטנרוסלאַנד.

כ׳ אַבראַם שטיצט אונטער דעם פֿאָרשלאַג פֿון כ׳ קאַפּלאַן פֿאַר אַ יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד פֿון גאַנץ ראַטנרוסלאַנד, וועלכער וועט זיין דער אָרגאַן צו פֿאַרטיידיקן די קולטורעלע איניאַנים פֿון יידישן אַרבעטער.

ס'זיינען נאָך אַרויסגעטראָטן די כ"כ שאַפּיראָ (אָרשע), ניימאַן (האָמעל) זילבער (וויטעבסק).

כ' סווערדלאָוו באַקומט אַ וואָרט וועגן אָרגאַניזאַציע-פראַגן. ער לייגט פאָר געוויסע אָרגאַניזאַציע-פאָרמען פון דעם יידישן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד אין ראַטנרוסלאַנד.

דער פאַרבאַנד ווערט איינגעטיילט אין אַ הויפּט-קאָמיטעט, ראַיאָן-קאָמיטעטן און שטאָט-קאָמיטעטן.

כ' מאַנדעלסבערג זאָגט, — מיר דאַרפן אָרגאַניזירן אונדזער קאָמוניסטישן פאַרבאַנד לויט דיזעלבע פאָרמען, ווי די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פאַרטיי.

ס'ריידן נאָך די כ"כ באַקאַלטשוק (טולע), לעווין (סאַמאַרע).

דער צווייטער טאָג פון דער קאָנפערענץ.

כ' אַבראַם עפנט די זיצונג און לייענט פאָר עטלעכע באַגריסונג-טעלעגראַמען, וואָס זיינען דערהאַלטן געוואָרן, די ערשטע—פון מאָזיר, די צווייטע—פון פעטראָגראַד.

אַ וואָרט וועגן אונדזערע אויפגאַבן אויף דער יידישער גאַס באַקומט דער כ' אַלטשולער.

ער ווייזט אָן אויף דער נאַציאָנאַלער קולטור פון בורזשואַזן שטאַנדפונקט, אויף דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע און אויך פון פאַרשיידענע קליינבירגערלעכע „פּראָלעטאַרישע פאַרטייען". דער אונטערשייד פון זיי איז גאָר אַ קליינער: אָנשטאָט דער בורזשואַזער כּלל-ישׂראל-קולטור, לייגן פאָר די אַלע „פּראָלעטאַרישע" פאַרטייען אַ נאַציאָנאַלע קולטור פון כּלל-ישׂראל-פּראָלעטאַריאַט; אָנשטאָט אַ נאַציאָנאַלער קולטור — ווערט זי שוין אַ נאַציאָנאַליסטישע.

מיר צושטערן די בורזשואַזע אָרדענונג, בורזשואַזע קולטור און מיט איר אויך די נאַציאָנאַליסטישע קולטור מיט אירע טראַדיציעס.

מיר קענען ניט קיין כּלל-ישׂראל, מיר ווייסן נאָר אַ כּלל אַרבעטער—אַן איינהייטלעכן אַרבעטער-קלאַס,—און בויען אַן איינהייטלעכע אַרבעטער-קולטור.

נאַציאָנאַלע קולטור פאַר אונדז הייסט:—אַן אַלגעמיינע אַרבעטער-קולטור צוגעפּאַסט און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די אייגנאַרטיקע פאָרמען פון אַרבעטער-לעבן פון אַ באַשטימטער נאַציע.

נאָכדעם רעט דער כ' אַלטשולער וועגן דער שפּראַכן-פראַגע, וועגן „איוורים" פאַרן כּלל-ישׂראל, יידיש פאַרן כּלל אַרבעטער (בײַ די אַזוי גערופענע פּראָלעטאַרישע פאַרטייען). מיר צורייסן דעם כּלל-ישׂראל. דער כּלל-פּראָלעטאַריאַט בלייבט אָבער שטענדיק גאַנץ, כאָטש מיט פאַרשיידענע שפּראַכן.

מיר בויען ניט קיין נאַציאָנאַלע יידישע קולטור, נאָר די קולטור פון יידישן אַרבעטער אף דער יידישער גאַס.

אונדזערע קולטורעלע אופגאַבן איז בויען יידישע שולן, טעאַטערן, מוזייען, פאַרשיידענע קולטור-אַנשטאַלטן. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וועל-כער פירט דורך זיין דיקטאַטור אף דער יידישער גאַס אפן גרונט פון דער אַלגעמיינער ראַטן-קאָנסטיטוציע, דאַרף דאָס אַלץ פאַרווירקלעכן.

— שוין ניט ווייט איז די צייט, ווען מיר וועלן קענען פאַרטרויען דעם יידישן אַרבעטער אַן אייגענע אַרבעטער-קולטור, — פאַרענדיקט דער כאַווער אַלטשולער.

נאָך דעם טרעט אַרויס דער כ' אַגורסקי.

ער רעט וועגן די קולטורעלע אופגאַבן פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן.

ער ווייזט אָן אָף די נייע מעטאָדן, וועלכע דאַרפן דורכגעפירט ווערן אפן קולטורעלן געביט. מיר האָבן געמאכט אַ פּרווו,—זאָגט דער כ' אַגורסקי— צו רעוואָלוציאָניזירן ניט נאָר די מויכעס פון די גרויסע, נאָר אויך די מוי-כעס פון די קליינינקע—פון די נייע דוירעס.

ער רעט וועגן אונדזער ספּעציפישער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע שיידט אונדז אָפּ פון די אַלע פעלקער. אָט די אייגנאַרטיקע באַדינגונ-גען האָבן געשאַפן באַ אונדז די קליינע קרעמערלעך, ספּעקוליאַנטן, וועלכע זיינען געבליבן הענגען אינדערלופטן. דאָס איז אונדזער צאָרע, אונדזער שאַנד. מען דאַרף זוכן אַן אויסוועג ווי צו לייזן די פּראַגע. דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט זיך גענומען דערלייזן די פּראַגע און אַריינציען די יידישע מאַסן אין פּראָדוקטיווער אַרבעט, און אויך צו אָרגאַניזירן יידישע ערד אַר-בעטער, אַרטעלן און קאָמונעס און דורכדעם צושטערן די אַנטיסעמיטישע אילוזיעס, אַז די יידישע אַרבעטער זיינען ניט פעיק צו ע ר ד אַ ר ב ע ט.

די אַרבעט איז עמעס, זייער שווער, נאָר ווען מיר וועלן זיך פאַריי-ניקן אין רעוואָלוציאָנערן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד, וועלן מיר אונדזער אַרבעט דורכפירן.

די קאָמיסאַריאַטן וועלן שטענדיק אָ נ פ י ר ן מיט די אַרבעט, וואָס ווערט אָנגעמערקט פון דער סאָציאַליסטישער ראַטן-רעגירונג. דער יידישער קאָמי-סאַריאַט מוז זיין אַ מעלוכע-אָרגאַן*).

נאָך דער רעדע פון כ' אַגורסקי טרעט אַרויס דער כ' מאַנדעלסבערג ער רעט וועגן די קולטורעלע אופגאַבן אף דער יידישער גאַס. אין דער צייט, ווען די רוסישע בורזשואזע אָרדענונג האָט נאָך איר הערשאַפט איבערגע-לאָזן בירושע דעם פּראָלעטאַריאַט אַ רייכע קולטור, האָט דער יידישער

*) די קאָמבונדיסטן זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דער עקזיסטענץ פון יידישן קאָמיסאַריאַט און אויך קעגן דעם, אז ער זאָל זיך פארנעמען מיט מעלוכע פונקציעס, און זיי האבן פאַרגעלייגט אז מיט דער עקאנאמישער טעטיקייט צווישן די יידישע מאסן זאלן זיך פארנעמען די אלגעמיינע מעלוכע־אָרגאנען און צווישן די יידישע מאסן זאל מען נאר פירן קולטורעלע ארבעט. דעריבער איז אונדז אויסגעקומען צו אונטערשטרייכן אף דער נויטיקייט פון עקזיסטענץ פון יידישן קאמיסאריאט.

פּראָלעטאַריאַט דאָס ניט באַקומען. די יידישע קולטור איז שטענדיק געווען דער הייפעך פון דעם, וואָס עס האָט געפאָדערט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט.

איצט טרעטן מיר שוין צו צו דער נייער קולטורעלער בוויונג.

די יידישע קאָמיסאַריאַטן האָבן געהאַט אָפטע טאָעסן, זיי האָט געפעלט דער ריכטיק-אויסגעאַרבעטער פּלאַן פון טעטיקייט, די שולד פאַלט אָבער אַף די פירער פון די קלייןבירגערלעכע פּאַרטייען, וועלכע זיינען ניט געגאַנגען אין די יידישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַנען און סאַבאָטירט אונדזער יעדן פאַרזוך עטוואָס צו טאָן.

דער כ׳ מאַנדעלסבערג גייט איבער צו דער שול-פראַגע. ער ווייזט אָן אַף דעם, אז ביז דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע זיינען די אלע שולן געווען קאָנ-צענטרירט אין כאַדאָרים און טאַלמעדטוירעס. מיט עטלעכע ווערטער שטרייכט אונטער דער כ׳ מאנדעלסבערג די „טעטיקייט" פון דער יידישער בורזשואַזער פּרעסע („היינט", „פריינד", „מאָמענט" און אנד.) דער כ׳ מאַנדעלסבערג רעט אויך וועגן דעם יידישן טעאַטער בּיקלאַל און וועגן דעם נייגעגרינדעטן פּראָלעטאַ-רישן טעאַטער ביפּראַט. איבערהויפּט א גרויסן מאַנגל פילן מיר אין וויסנשאַפט-לעכע ביכער. איצט שטייען מיר פאַר אַ פאַקט, אַז די אלע קולטורעלע באַ-דערפענישן פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער גאַס וועלן באַפרידיקט ווערן אַף דעם כעשבן פון דער מעלוכע.

די אלע קולטורעלע איינריכטונגען דאַרפן געגרינדעט ווערן דורך דעם אלגעמיינעם בילדונג-קאָמיסאַריאַט אונטער אונדזער קאָנטראָל. עס מוז גע-שאַפן ווערן אַ צענטראַל-אָרגאַן, וועלכער זאָל אָנפירן מיט דער גאַנצער אַר-בעט. די מיינונג פון כ׳ מאנדעלסבערג, איז, אז אין צענטער דאַרפן פאַר-בלייבן די יידישע קאָמיסאַריאַטן, אין ליטע און ווייסרוסלאַנד אָבער ווערן זיי אָפּגעשאַפט.

עס טרעט אַרויס דער כ׳ אבראם. ער רעט וועגן די יידישע קאָמיסאַ-ריאַטן, וועגן דער קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן, וועלכע ער אָנערקענט ניט אַלס קאָנפערענץ פון יידישע קאָמוניסטן.

די קאָמיסאַריאַטן דאַרפן אויך אף לעהאַבע אָנפירן נאָר מיט דער קול-טורעלער אַרבעט פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער גאַס. נאָר די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי קען זיין דער איינציקער רעוואלוציאָנערער אָרגאַן פון עם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

די נאָכמיטיקדיקע זיצונג.

דער כ׳ מאַנדעלסבערג עפנט די זיצונג.

דאָס וואָרט באקומט דער כ׳ מעלכאָוויצקי *).

ער רעט וועגן אונדזער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. דער איקער, וואָס טיילט אָפּ דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פון די איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן, איז די יידישע שפּראַך. די יידישע קולטור און אלע איבעריקע טראַדיציעס האָבן

*) מעלאַכאָוויצקי, אַ מינסקער ארבעטער (אַ שוסטער) איז דערשאָסן געוואָרן דורך די פּאָליאַקן אין 1919, ווען ער איז געשיקט געוואָרן אף פּאַרטיישע אַרבעט אין דער פּוילישער אָקופּאַציע.

לאַבלוטן קיין שאַיכעס ניט צו די אידייען און שטרעבונגען פון פּראָלע־טאַריאַט.

די אָרגאַנען, וואָס זאָלן פאַרוואַלטן מיט די יידישע קולטורעלע איניאַ־נים, דאַרפן זיין די ספּעציעל־געשאַפענע סעקציעס באַם בילדונג־קאָמיסאַריאַט.

ס׳רעט דער כ׳ באַקאַלטשוק (טולע).

ווען מיר זאָלן אַרויסשטעלן די פאָדערונג פון אַ קולטורעלער אַווטאָ־נאָמיע, וועט דאָס באַדייטן, אַז די יידישע קולטור איז פאַר אונדז אַ מין אָפּגאָט. מיר דאַרפן פאַרענטפערן די אַלע פראַגן פון יידישן לעבן.

דאָט וואָרט באַקומט דער כ׳ דימאַנשטיין.

ער רופט צו מאַמאָשעסדיקע אַרבעט אַף דער יידישער פּראָלעטאַרישער גאַס. גענוג וויקוכים און אַקאַדעמישע רעדעס. אונדזער אויפגאַבע איז דורכצו־פירן די דיקטאַטור אַף דער יידישער גאַס, אַף וויפל עס הערשט דאָרט נאָך ווייטער די יידישע בורזשואַזיע און האַלט זיך נאָך פאַרן אָפּעטראָפּעס פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

דער יידישער אַרבעטער דאַרף גיין אין דער רויטער אַרמיי, קעדיי צו באַווייזן, אַז אויב ער שטייט פאַר דער ראַטן־מאַכט, קעמפט ער פאַר איר און פאַרטיידיקט איר.

דער „בונד״ שרייט, אַז ער איז פאַר דער ראַטן־מאַכט. פאַרוואָס איז אָבער ניטאָ קיין אויפרוף פון בונד צו די אַרבעטער־מאַסן, זיי זאָלן בעמעס אַריינטרעטן אין די רייען פון דער אַרמיי.

מיר קומען צום יידישן אַרבעטער מיט דער קאָמוניסטישער אידייע און גלייכצייטיק רופן מיר אים קעמפן פאַר דער אידייע.

נאָך די וויקוכים, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט די כ״כ לעווין, (סאַמאַרע), ניימאַן (האָמעל), שאַפּיר (אָרשע), זילבער (וויטעבסק), אָשעראָוויטש ליפשיץ (באָברויסק), באַקומט דאָס וואָרט צו ענטפערן דער כ׳ אַגורסקי, וועלכער ווייזט נאָכאַמאָל אָן אַף דער טעטיקייט פון די יידישע קאָמיסאַ־ריאַטן.

דער צענטראַלער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט איינגעאָרדנט אַ לערער־סעמינאַריע, אַ דראַמאַטישע סטודיע. פאַרענטפערנדיק די קולטורעלע פאָדע־רונגען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, מוזן מיר אויך פאַרענטפערן די אַלע עקאָ־נאָמישע אויפגאַבן.

עס באַקומט א וואָרט אַ פאָרשטייער פון ריגער יידישער סעקציע. ער ווייזט אָן ווי שווער ס׳איז די אַרבעט פון דער ריגער יידישער סעקציע און זאָגט אַרויס דעם ווונטש פון ריגער יידישע אַרבעטער, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

כ׳ אַראָנזאָן (ווילנע) באַגריסט די קאָנפערענץ פון יידישן רעוואָלוציאָ־נערן פּראָלעטאַריאַט אין ליטע.

דער יידישער אַרבעטער אין ליטע, זאָגט דער כ׳ אַראָנזאָן, איז דור־כויס קאָמוניסטיש געשטימט, ער ברענגט דערביי א ריי פאַקטן. אין קאָוונע אַף א פאַרזאַמלונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע איז אָנגענומען געוואָרן

אַ קאָמוניסטישע רעזאָלוציע מיט 71 שטימען קעגן איינער. ער זאגט ארויס זיין ווונטש, אַז דער יידישער קאָמוניסטישער פאַרבאנד זאָל פאַראייניקן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ ראַטנרוסלאַנד (רוישנדיקע אַפּלאָדיס-מענטן).

עס טרעט ווידער ארויס דער כ׳ אלטשולער און רעט וועגן אונדזערע קולטורעלע אויפגאַבן. עס ווערט דערקלערט אַ האַפּסאָקע.

10 אַזייגער עפנט די זיצונג דער כ׳ מאַנדעלסבערג. קאָנטיק, די כלוקע-דייעס פון דער קאָנפערענץ האָבן זיך שוין אויסגעגלייכט, עס הערשט אַן איינהייטלעכע רעוואָלוציאָנערע שטימונג, דער שטאָלצער באוווסטזיין פון דער קאָמוניסטישער שאַפונג.

דאָס וואָרט באקומט דער כ׳ סווערדלאָוו. ער רעט וועגן דעם צוזאַמענ-פאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד.

אַזוי ווי די צייט איז קורץ, לייגט פאָר דער כ׳ סווערדלאָוו צוטרעטן ווײלן 17 דעלעגאַטן פון דער יידישער קאָמוניסטישער פאַרטיי אַף דעם קומענ-דיקן צוזאמענפאָר.

כ׳ דימאַנשטיין, אַלס פאָרשטייער פון צ. ב. פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד און ליטע, דערקלערט, אַז אָנטיילנעמען אין די וואַלן קענען נאָר די פאָרשטייער פון ווייסרוסלאַנד.

עס ווערן אויסגעווײלט 17 דעלעגאַטן.

עס ווערט אויסגעווײלט אַ הויפט-קאָמיטעט פון קאָמפאַרבאנד פון ראַטן-רוסלאַנד 11 מאַן.

אונטער די הילכיקע קלאנגען פון „אינטערנאַציאָנאַל“ ווערט די ערשטע קאָנפערענץ פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי געשלאָסן*).

---

*) א ריי דאָקומענטן וועגן דער טעטיקייט פון דער יידישער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ווייסרוסלאנד איז פאַרעפנטלעכט אין אונדזער בוך דער „יידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג“.

דער ייִדישער קאָמוניסטישער
פֿאַרבאַנד אין אוקראַינע

די פֿאַנאַנדערפֿאַלונג פֿון בונד אַף אוקראַיִנע.

* * *

ווען דיִ דייטשיִשע מיליטאַריסטן האָבן איִן סאָף פֿעוראַל 1918 אָנגעהויבן צו אָקופּיִרן אוקראַיִנע, האָבן אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פֿון שטאָטיִשן פּראָלעטאריִאַט און פּויערטום פֿון גאַנצן לאַנד אָנגעהויבן אַן אונטערערדיִשן קאַמף קעגן דיִ דייטשיִשע אָקופּאַנטן און דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט געבראַכט די דייטשן, קעדיי צו דערשטיִקן דיִ פּראָלעטאַריִשע רעוואָלוציע. איִבער גאַנץ אוקראַיִנע האָבן דיִ אַרבעטער און פּויערים אָרגאַניִזיִרט פּאַרטיִזאַניִשע אָטריאַדן און געפֿיִרט אַ העלדישן קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן און דער רוסיִשער בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיִך קאָנצענטריִרט איִן אוקראַיִנע.

דיִ בורזשואַזע שאָוויִניִסטיִשע צענטראַלע ראַדע, וועלכע איִז דיִרעקט געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער אָקופּאַציע פֿון אוקראַיִנע, איִז געבליִבן דיִ הערשערן איִן אוקראַיִנע. מיִט דער היִלף פֿון דיִ דייטשיִשע מיִליִטאַריִסטן האָט זיִ אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע רעאַקציע. דער בורזשואַזער שאָוויִניִזם האָט זיִך פֿאַרשפּרייט וויִ אַ כמאַרע איִבער גאַנץ אוקראַיִנע. די אַלע דערגרייכונגען פֿון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע זיינען אָפּגעשאַפֿט געוואָרן; דיִ פֿאַבריִקאַנטן און גרויסע ערד-באַזיצער זיינען צוריִק געקומען צו זייערע רייכטיִמער, און איִן דעם אַלץ האָט מיִטגעהאָלפֿן דיִ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע צענטראַלע ראַדע, וועלכע האָט איִן דער דייטשיִשער אָקופּאַציע געלעבט נאָר צוויי כאַדאָשים צייט, קעדיי ביִסלעכווייז צוגרייטן דעם באָדן פֿאַרן העטמאַן סקאָראָפּאַדסקיִ.

איִן דעם ביִכל „צוויי יאָר רעוואָלוציע אַף אוקראַיִנע" שרייבט כ׳ ראַפֿעס: „וואָס פֿאַר אַ העסלעך בילד שטעלן מיִט זיִך פֿאָר אָט דיִדאָזיִקע צוויי כאַדאָשים פֿון דער צענטראַלער ראַדע און איִר קלוימערשטדיקער רעגיִרונג. דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע פֿון דער אוקראַיִניִשער באַוועגונג איִז מיִט אייגענע הענט געגעבן געוואָרן אַ שרעקלעכער קלאַפּ: דער בונד מיִטן פּויערטום איִז איִנגאַנצן פֿאַרלאָרן געגאַנגען, דערפֿאַר ווייל דיִ פּריִציִם האָבן מיִט דער היִלף פֿון דייטשיִשע מיִליִטער צוריִק גענומען די ערד פֿון דיִ פּויעריִם"*) (וואָס דיִ אָקטיאַבר-רעוואָלוציע האָט זיי געגעבן. ש. א.).

און דאָך זיינען די פֿיִרער פֿון בונד דיִ גאַנצע צוויי כאַדאָשיִם געזעסן איִן דער צענטראַלער ראַדע צוזאַמען מיט דער בורזשואַזע, וועלכע האָט פֿאַר

*) מ. ראַפֿעס. „צוויי יאָר רעוואָלוציע און דיִ שפּאַלטונג פֿון „בונד" אַף אוקראַיִנע". זייט 89. מאָסקווע 1920.

זייערע אויגן און מיט זייער הילף געהאָלפן פאַרשטאַרקן די קאָנטער-רע-וואָלוציע.

„אין מעשעך פון דעם פעריאָד—שרייבט ווייטער ראַפעס, וועלכער איז געווען דער פירער פון „בונד" אין דער צענטראַלער ראַדע—ניט געקוקט אף דער שאַרפקייט פון דער בונדישער פאַרלאַמענטאַרישער אָפּאָזיציע, איז די אָריענטאַציע פון „בונד" די גאַנצע צייט פאַרבליבן אן אינערלעכע פאַרלאַמענ-טאַרישע און ניט קיין רעוואָלוציאָנערע. און וואָס עס איז נאָך באַזונדערס לעכערלעך, איז דאָס, וואָס דער אַזויגערופענער „פאַרלאַמענט" איז נאָר געווען אַ פלוידער-שטיבל, וועלכע האָט מיט גאָרניט געקענט איבערבייטן די פאַקטישע פאָליטישע לאַגע פון דער מאַכט און לאַנד"*).

אַזוי האָט כאַראַקטעריזירט איינער פון די געוועזענע פירער פון „בונד" די צענטראַלע ראַדע, וווּ די פירער פון „בונד" האָבן האַנט באַ האַנט מיטדער בור-זשואַזיע געקעמפט קעגן דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע און קעגן דעם באָלשעוויזם.

די לאַגע האָט זיך גאַנץ גיך געענדערט: דעם 28-טן אַפּרעל איז געשטאָרבן די צענטראַלע ראַדע, און איר אָרט האָט פאַרנומען העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי. אַף אוקראַינע איז אויפגעשטעלט געוואָרן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע. איבערן גאַנצן לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע רעאַקציע. די איבער-געבליבענע רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען זיינען גיך ליקווידירט געוואָרן. עס איז צוריק איינגעפירט געוואָרן אַ צענזור פאַר דער אַרבעטער-פרעסע. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען און אַ שרעקלעכע מילכאָמע האָט די בורזשואַזע דערקלערט דעם באָלשעוויזם און באָלשעוויקעס. איבער גאַנץ אוקראַינע איז צוריק איינגעפירט געוואָרן די אַלטע צאַרישע אָרדענונג, און אין אַווגוסט האָט מען שוין אויך אָנגעהויבן צו אַרעסטירן די בונדיסטן און מענשעוויקעס, וועלכע זיינען די גאַנצע צייט געגאַנגען האַנט באַ האַנט מיט דער בורזשואַזיע.

די שרעקלעכע רעאַקציע האָט אויפגעטרייסלט די אוקראַאינישע אַרבעטער און פויערים. דער פאַרטיזאַנער קאַמף איז געוואָרן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. אין די שטעט האָט זיך אָנגעהויבן א שטרייק-באַוועגונג, און איבער גאַנץ אוקראַינע האָט זיך צעטראָגן דער לאָזונג: „זאָל לעבן די סאָוועטנמאַכט!"

צווישן די יידישע פּראָלעטאַריער, וועלכע האָען באַזונדער שטאַרק גע-ליטן פון דער רעאַקציע, איז דער באָלשעוויסטישער געדאַנק געוואָרן אַלץ מער און מער פּאָפּולער; אין אונטערערדישע באַדינגונגען האָבן זיך געשאַפן יידישע באָלשעוויסטישע גרופן און האָבן ארויסגעלאָזן אַן אויפרוף, אין וועלכן די פירער פון „בונד" ווערן דעמאַסקירט און ביטער אַטאַקירט און ווערן בא-שולדיקט אין העלפן ברענגען די נייע זעלבסטהערשונג אין אוקראַינע. אין דעם אויפרוף**) ווערט דערקלערט:

„דער „בונד" איז אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס מיר האָבן איצט די דייטשן באַ אונדז. די פּאָליטיק פון די פירער פון „בונד" איז גע-

*) מ. ראַפעס. „צוויי יאָר רעוואָלוציע און די שפּאַלטונג פון „בונד" אף אוקראַינע".
**) זע ש. אַגורסקי. „דער יידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג".

זוען ווי א מעסער אין רוקן פון סאָציאַליסטישן רוסלאַנד, איצטער איז דער-זועלביקער מעסער אויסגעשטרעקט אף אונדז און טיילווייז אף זיי. מיט די פּאַרטעטער אייגענעם קענען מיר מער ניט גיין. אף קיין איין מאָמענט האבן מיר ניט קיין צוטרוי צו זיי״.

די יידישע ארבעטערשאַפט פון אוקראַינע האָט געענטפערט אף דעם-דאזיקן רוף. זיי האבן פארלאזן די קליינבירגערלעכע פּאַרטייען מיט זייערע פּאַרטעטערישע פירער. דער באלשעוויזם איז צווישן דער יידישער ארבעטער-שאפט אף אוקראַינע שטארק פארשפרייט געווארן.

די שרעקלעכע רעאַקציע אף אוקראַינע אין סענטיאבער 1918 יאר, וועל-כע האָט אויך ניט אויסגעמיטן די פירער פון „בונד״, פון איין זייט, און, פון דער צווייטער זייט, דער דרוק פון דער באָלשעוויסטיש-געשטימטער יידישער אַרבעטערשאַפט האָט אויך געצווונגען אַ טייל פון די פירער פון „בונד״ ווערן לינקער און זיך אָפּזאָגן פון זייערע פריערדיקע פּאָזיציעס, און אין סענטיאַבר און אָקטיאַבר 1918 הויבט זיך אָן אַ שפּאַלטונג אין די רייען פון די בונדישע פירער. דער כ׳ כייפּעץ שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון דער לינקער גרופּע, ליבער—פון די רעכטע און ראַפּעס—פון צענטער.

די לינקע פראַקציע איז אָבער געווען די שטאַרקסטע. אין אָנהויב נאָ-יאַבר 1918 יאָר ווערן אין די גרעסערע שטעט, ווי קיעוו, אָדעס, קאַטערינאָס-לאַוו, זשיטאָמיר, בערדיטשעוו, און כאַרקאָוו אָרגאַניזירט לינקע גרופּן אין די בונדישע אָרגאַניזאַציעס. צוליב דעם בירגער-קריג אָבער האָבן די לינקע גרופּן פון פאַרשיידענע שטעט ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו פאַרבינדן איינע מיט די אַנדערע. אין זשיטאָמיר און קרעמענטשוג האָבן די לינקע בונדאָוועצעס באַך אין נאָיאַבר 1918 יאָר זיך אָפּגעשפּאָלטן פון „בונד״ און געשאַפן יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס.

די לינקע פראַקציע פון „בונד״ איז געוואָרן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג און איז געוואָרן דער הויפּט-קויעך, וואָס האָט צעשפּאלטן דעם „בונד״ און געווירקט, אַז דער „צענטער״ זאָל אויך ווערן מער לינקער. און דער צענטער איז געוואָרן לינקער וויילן:

„וויל פאַרן צענטער איז קלאָר געוואָרן—שרייבט דער פירער פון צענ-טער—אַז אַ שפּאַלטונג אין „בונד״ אַף אוקראַינע איז אומפאַרמיידלעך. די שטרעמונג פון די אַ ר ב ע ט ע ר - ב ו נ ד י ס ט ן איז געווען גאַנץ קלאָר באַ-שטימט. דער אַווטאָריטעט און די מאָראַלישע ווירקונג פון דער קאָמפּאַרטיי איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. די שטרעבונג פון די אַרבעטער גיין צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן, מיט וועלכע עס איז זיי אויסגעקומען זיך צו טרעפן אַף דער אַרבעט אין פאַבריק, אין די פראָפּאַריינען און דערנאָך אין די סאָוועטן פון דעפּוטאַטן, איז געוואָרן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג״.

די צענטריסטן פון אוקראַיִנישן „בונד״, וועלכע האבן דערזען, אַז די אַרבעטער זיינען פון זיי אַוועק, און ניט וועלנדיק בלייבן מיכוץ לאַמאַכנע, „גענע-ראַלן״ אָן אַן אַרמיי, האָבן זיי גלייך אָנגענומען מיטלען זיך צו פאַרייניקן מיט די לינק געוואָרענע פירער פון דער „פאַראייניקטער יידישער סאָציאַליסטישער

אַרבעטער-פּאַרטיי", קעדיי צו שאַפֿן אַ באַזונדער ייִדישע קאָמוניִסטיִשע אָר-גאַניִזאַציע.

איִן דעקאַבר 1918 יאָר איִז איִן קיִעוו פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג פֿון אַלע סאָציִאַליסטיִשע פּאַרטייען פֿון אוקראַיִנע, אַף וועלכער יעדע פּאַרטיי האָט געוואָלט פֿאָרמוליִרן איִר פּלאַטפֿאָרם. דער הויפּט-קאָמיִטעט פֿון „בונד" האָט פֿאָרגעלייגט אַ דעקלאַראַציע מיִט פּשאָרעמאַכעריִשע לאָזונגען וועגן אַ גריִנ-דונג-פֿאַרזאַמלונג. די ליִנקע גרופּע האָט מיִט אַ מערהייט דעם לאָזונג „גריִנ-דונג-פֿאַרזאַמלונג" אָפּגעוואָרפֿן און אָנשטאָט דעם איִז אַריינגעשטעלט געוואָרן דער באָלשעוויִסטיִשער לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן!"

די שטיִמונג פֿון דער ייִדיִשער אַרבעטערשאַפֿט איִז געוואָרן אַלץ מער און מער באָלשעוויִסטיִש. איִן אָדעס האָבן די ליִנקע בונדיסטן אויסגעשלאָסן די רעכטע פֿון דער אָרגאַניִזאַציע. דעם 18-טן פֿעוראַל האָט די ליִנקע צייט-וויליִקע ביוראָ פֿון אוקראַיִניִשן „בונד" אַרויסגעלאָזן אַן אופֿרוף, איִן וועלכן עס איִז אָנגעוויִזן געוואָרן, אַז דעם 25-טן פֿעוראַל וועט איִן קיִעוו פֿאָרגע-קומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון „בונד", און וואָס פֿאַר אַ באַשלוסן די רעכטע זאָלן ניִט אָנעמען, דאַרפֿן די לינקע עלעמענטן שאַפֿן אַ „קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד". אַף מאָרגן, נאָכדעם ווי דער אופֿרוף איִז געווען געדרוקט, האָט די קיִעווער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד" מיִט אַ מערהייט פֿון 139 קעגן 79 אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די קיִעווער אָרגאַניִזאַציע זאָל זיִך רופֿן „קאָמוניסטישער בונד". קיִמאַט גלייכצייטיִק איִז איִן קאַטעריִנאָסלאַוו אויך פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג און אויך מיט אַ מערהייט האָט די בונדישע אָרגאַניִזאַציע באַשטיִמט צו ווערן אַ „קאָמוניִסטיִשער בונד". און דעם 28-טן פֿעוראַל 1919, פּונקט איִן דעמזעלבן טאָג, ווען איִן מיִנסק איִז פֿאָרגעקומען די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון דער „ייִדי-שער קאָמפּאַרטיי", האָט זיִך איִן קיִעוו געעפֿנט די קאָנפֿערענץ פֿון אוקראַיִ-ניִשן בונד, אַף וועלכער עס איִז דעם 1-טן מאַרט פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג איִן „בונד" און עס איִז אַנטשטאַנען דער צווייטער „קאָמבונד".

איִן דער צעפֿאַלונג פֿונם „בונד" אַף אוקראַיִנע האָבן אויך מיִטגעהאָלפֿן די טוער פֿון די ייִדסעקציעס פֿון צענטראַל-רוסלאַנד. גלייך איִן די ערשטע טעג נאָך דער דייטשישער רעוואָלוציע האָט דער כ' טאָרטשיִנסקי, אַ מיִטגליִד פֿון צ. ב. פֿון די ייִדסעקציעס, אָנגעהויבן אַרויסגעבן איִן כאַרקאָוו א ייִדיִשע קאָמוניסטישע צייטונג „דער ייִדישער קאָמוניסט" און אָרגאַניִזיִרן ייִדישע סעק-ציעס. אָבער פּונקט ווי איִן ווייסרוסלאַנד האָבן אויך די פֿאָרשטייער פֿון די אוקראַיִנישע קאָמבונדיִסטן איִן אָנהויב מוירע געהאַט פֿאַר די סעקציעס און באַשאַפֿן אַ „קאָמפֿאַרבאַנד".

דער קאָמפֿאַרבאַנד איִן אוקראַיִנע.

גלייכצייטיק מיט דעם, ווי דער „בונד" אַף אוקראַיִנע האָט זיִך צעטיילט אַף דריי ריִכטונגען: רעכטע, לינקע און צענטער, איִז דערזעלביִקער פּראָצעס אויך פֿאָרגעקומען איִן דער צווייטער קליינביִרגערלעכער „ייִדישע סאָציִאַליִס-

טיִשער פּאַרטיי". אויך אין דער אַזויגערופֿענער פֿאַראייניקטער ייִדישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי איז פֿאָרגעקומען אַ צעטיילונג פֿון ריכטונגען: די מערהייט פֿון דער פּאַרטיי מיט די כאַווײרים לעוויטאַן און נאָוואַקאָווסקי — קאָמוניסטיש געשטימטע, אַ קלענער טייל מיטן כאַווער ליטוואַקאָוו האָבן געשאַפֿן אַ צענטער, און דער געוועזענער ייִדישער מיניסטער פֿון אוקראַינע זילבערפֿאַרב איז געוואָרן דער פֿירער פֿון דער רעכטער גרופּע. אין פֿרילינג 1919 יאָר איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון די „פֿאַראייניקטע", און אַף דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ איז די קאָמוניסטישע גרופּע געווען די גרעסטע און האָט מיט אַ גרויסער מערהייט זיך אָפּגעשפּאָלטן פֿון צענטער און פֿון די רעכטע און באַשאַפֿן אַ „פֿאַראייניקטע ייִדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי". אָבער די דאָזיקע פּאַרטיי האָט קיין לאַנגע יאָרן ניט געהאַט. „דעם 20-טן מאי 1920 איז אין קיִעוו געעפֿנט געוואָרן די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון אוקראַיִנישן „קאָמבונד", און אַף דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען צו פֿאַראייניקן דעם „קאָמבונד" מיט דער „פֿאַראייניקטער ייִדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי" און שאַפֿן אַן איינהייטלעכן „ייִדישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד". נאָך לאַנגע דעבאַטן, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט פֿאָרשטייער פֿון ביידע פּאַרטייען, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס זיך צו פֿאַראייניקן און מיט צוויי טעג שפּעטער (22-טן מאַי) איז פֿאָרגעקומען די פֿאַראייניקונג, און עס איז געשאַפֿן געוואָרן „דער ייִדישער קאָמוניסטישער פֿאַרבאַנד" פֿון אוקראַינע.

גלייך נאָך דער קאָנפֿערענץ האָט די געוועזענע „פֿאַראייניקטע ייִדישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי" אָפּגעשטעלט איר אָרגאַן די „נייע צייט" און די קאָמבונדיסטן—די בונדישע „פֿאָלקסצייטונג". פֿון ביידע געוועזענע אַנטי-באָלשעוויסטישע און גאָר אָפֿט קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע צייטונגען איז געשאַפֿן געוואָרן דער פֿאַראייניקטער אָרגאַן פֿון קאָמפֿאַרבאַנד „די קאָמוניסטישע פֿאָן".

נאָך דער גרינדונג-קאָנפֿערענץ פֿון „קאָמפֿאַרבאַנד" האָבן די „קאָמפֿאַרבאַנדיסטן" געוואָלט אַרײַן אין דער קאָמפּאַרטיי, אָבער די אוקראַיִנישע קאָמפּאַרטיי האָט דעם קאָמפֿאַרבאַנד אַלס אַ גאַנצן אונטער קיינע באַדינגונגען ניט געוואָלט אַרײַננעמען. נאָך אין מאַרט 1919 האָט דער דריטער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער אוקראַיִנישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַ רעזאָלוציע דערקלערט:

„ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די קליינבירגערלעכע פּאַרטייען האָבן אָנערקענט די סאָוועטנמאַכט, קענען די דאָזיקע פּאַרטייען ניט אָנעמען די פּראָגראַם פֿון דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט מיט אַלע אירע פֿאָלגן. דעריבער טאָר זיי ניט געגעבן ווערן קיין פֿאַראַנטוואָרטלעכע אָנפֿירנדיקע אַרבעט אין די סאָוועטן. דער צוזאַמענפֿאָר שטרייכט באַזונדערס אונטער, אַז ס'איז ניט דערלאָזבאַר, אַז די דאָזיקע פּאַרטייען, זאָלן האָבן פֿאָרשטייער אין דער מעלוכע פֿון אוקראַינע, ווי עס דאַרפֿן נאָר זיין פֿאָרשטייער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז די איינציקע פֿירערן פֿון די אַרבעטנדיקע רעוואָלוציאָנערע מאַסן. וואָס ס'איז שאַיעך די שטרעבונג פֿון די קליינבורזשואַזע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, ווי דער „בונד" און אוקראַיִנישע עסערן, זיך צו פֿאַראייניקן מיט אונדזער פּאַרטיי, באַשטימט דער דריטער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער קאָמוניס-

טישער פּאַרטיי פֿון אוקראַיִנע קיינע גרופּן-אַריינטריט אין אונדזער פּאַרטיי ניט דערלאָזן און נאָר אופֿנעמען אַף אַלגעמיינע יעסוידעס לויטן אוסטאַוו.

און נאָר אין איינציקע אויסנאַם-פֿאַלן וועלן מיר דערלאָזן דעם אַריינגאַנג פֿון איינצלנע אָנגעזעענע פֿירער פֿון דיזיקע פּאַרטייען אָן אַ פֿריערדיקן פּאַרטיי-סטאַזש. אָבער אויך דאָס מוז געטאָן ווערן מיט דער האַסקאָמע פֿון אָרטיקן פּאַרטיי-צענטער אָדער פֿון צ. ק."

אַזאַ רעזאָלוציע האָט אָנגענומען דער דריטער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער קאָמפּאַרטיי פֿון אוקראַיִנע אין מאַרט 1919 יאָר, און קימאַט דיזעלביקע באַציִונג האָט די ק. פּ. או. געהאַט צו דעם „קאָמפּאַרבאַנד" אין מאַי פֿון זעלביקן יאָר. די באַציִונג איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע און לאָגישע. די פּאַרטייען, וועלכע זיינען מיט אַכט כאַדאָשים צוריק געזעסן אין דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער ראַדע, אָדער אין די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער יידישע קעהילעס און צוזאַמען מיט דער בורזשואַזע געפֿירט אַ ביטערן קאַמף קעגן דער סאָוועטנמעלוכע ביקלאַל און קאָמוניסטן ביפֿראַט, האָבן ניט פֿאַרדינט קיין בעסערן קאַבאָלעספּאָנים אין דער קאָמפּאַרטיי.

אין דער צייט פֿון די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע אָנגריפֿן אַף אוקראַיִנע אין אַווגוסט 1919 האָט די קאָמפּאַרטיי אַף אוקראַיִנע געענדערט איר באַציִונג צום קאָמפּאַרבאַנד און איז דעמזעלבן כוידעש איז דער קאָמפּאַרבאַנד אַריינגענומען געוואָרן אין דער קאָמפּאַרטיי. דער קאָמפּאַרבאַנד האָט זיך גאַנץ גיך צוגעפּאַסט צו דער אָרגאַניזאַציע-פֿאָרם פֿון די יידסעקציעס, און די ווי־טיקסטע טוער פֿון קאָמפּאַרבאַנד זיינען געוואָרן טוער אין די יידסעקציעס פֿון דער קאָמפּאַרטיי.

ש. א.

גרינדונג-קאָנפֿערענץ פֿון ייד. קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אַף אוקראַיִנע*)

דעם 18—22 מאַי זיינען אין קיעוו פֿאָרגעקומען די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון יידישן „קאָמוניסטישן בונד" און די באַראַטונג פֿון דער „פֿאַרייניקטער יידישער קאָמוניסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי". אין טאָגאָרדענונג פֿוןביידע באַראַטונגען איז געשטאַנען די פֿראַגע וועגן פֿאַרייניקונג פֿון די ביידע יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אַף דער קאָנפֿערענץ פֿון קאָמוניסטישן בונד, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען, אַכוץ דעם הויפּט-קאָמיטעט, פֿאָרשטייער פֿון 20 אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און פֿאָרשטייער פֿון הויפּט-קאָמיטעט פֿון דער „פֿאַרייניקט. קאָמ. אַרב. פּאַרטיי". איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן פֿאָלגנדיקער באַשלוס:

„אויסהערנדיק דעם פֿאָרטראָג און די דעבאַטן וועגן דער באַציונג פֿון „קאָמוניסטישן בונד" צו דער „פֿאַרייניקטער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי"

*) דערדאָזיקער באַריכט איז געווען געדרוקט אין ערשטן נומער פֿון דער „קאָמוניסטישער פאַן", צענטראַל-אָרגאַן פון קאמפֿארבאַנד פֿון אוקראינע, וועלכער האָט אנגעהויבן צו דערשיינען דעם 29 מאי 1919.

און די דערקלערונגען פֿון כ׳ לעוויטאַן אַלס פֿאָרטרעטער פֿון דער „פֿאַרייניג. ייד. קאָמ. פּאַרטיי״, קאָנסטאַטירט די קאָנפֿערענץ פֿון „קאָמוניסטישן בונד״, אַז די מיינונג-פֿאַרשיידנקייטן צווישן די ביידע אָרגאַניזאַציעס זיינען שוין אין גרעסטן טייל אויסגעלעבט און קענען אין קיין פֿאַל ניט באַרעכטיקן די אָפּ-געזונדערטע עקזיסטענץ פֿון די ביידע אָרגאַניזאַציעס.

געמענדיק אין אַכט, אַז קאָמוניסטן דאַרף שטענדיק שטרעבן וואָס ענ-גער צונויפֿשליסן זייערע רייען, באַשליסט די קאָנפֿערענץ, אַז ביידע יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפֿן זיך גלייך פֿאַראייניקן אין איין יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד.

עס ווערט געבילדעט אַ קאָמיסיע פֿון 3 פֿאָרטרעטער פֿון קאָמוניסטישן בונד און 3 פֿאָרטרעטער פֿון דער „פֿאַראייניקטער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי״. די קאָנפֿערענץ באַאויפֿטראָגט די קאָמיסיע גלייך צושטעלן דער קאָנפֿע-רענץ אַף באשטעטיקונג סאַי די פּראָעקטן פֿון רעזאָלוציעס צו די פֿראַגן, וואָס שטייען אין טאָגאָרדענונג פֿון דער קאָנפֿערענץ, אַזוי אויך וועגן די אָרגאַניזאַציע-פֿראַגן, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיטן דורכפֿירן אין לעבן די פֿאַ-ריניקונג״.

דעמזעלבן טאָג האָט די באַראַטונג פֿון דער „פֿאַרייניקטער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי״ באַטראַכט אָט די רעזאָלוציע, איינשטימיק אָנגעשלאָסן זיך אָן איר און אויסגעטיילט פֿון זיך דריי פֿאָרטרעטער אין דער געמיינזאַ-מער קאָמיסיע.

דער פֿאָרשלאָג צו בילדן אַ קאָמיסיע איז געווען געמאַכט נאָך פֿאַר דער קאָנפֿערענץ אין אַ בריוו פֿון הויפּט-קאָמיטעט פֿון דער „פֿאו׳. ייד. קאָמ. פּאַרטיי״ צום הויפּט-קאָמיטעט פֿון „קאָמ. בונד״ און איז געווען באַטראַכט אַף אַ געמיינזאַמער זיצונג פֿון די הויפּט-קאָמיטעטן און קיעווער קאָמיטעטן פֿון ביידע אָרגאַניזאַציעס.

די געמיינזאַמע קאָמיסיע האָט געהאַט אַ זיצונג דעם 22 מאַי און האָט אויסגעאַרבעט רעזאָלוציעס וועגן אַלע פֿראַגן פֿון טאָגאָרדענונג. דערביי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳זיינען ניט געווען קיין מיינונג-פֿאַרשיידנקייטן, וואָס זאָלן צעטיילן די מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע לויט די אַלטע פּאַרטיי-גרופּירונגען.

דעמזעלביקן 22 מאַי איז פֿאָרגעקומען די פֿאַרייניקטע זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ און באַראַטונג פֿון ביידע יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס די „1-טע גרינדונג-קאָנפֿערענץ פֿון יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אַף אוקראַינע״.

די רעזאָלוציעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און וועגן דעם אַריינ-טריט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זיינען אויספֿירלעך געווען באַטראַכט און איבערגעגעבן דעם אויסגעקליבענעם הויפּט-קאָמיטעט אַף ענדגילטיק זיי צו רע-דאַגירן, צוזאַמען מיט דער רעזאָלוציע וועגן די אַלגעמיינע פּאָליטישע אויפֿגאַבן.

דער הויפּט-קאָמיטעט פֿאַרעפֿנטלעכט איצט אָט די אָנגענומענע רעזאָלו-ציעס פֿון דער ערשטער גרינדונג-קאָנפֿערענץ פֿון דעם יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אַף אוקראַינע.

I. רעזאָלוציע וועגן פּאָליטישן מאָמענט און אונדזערע אויפֿגאַבן.

1. אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע.

דער פּאָליטישער מאָמענט, וועלכן מיר לעבן איצט איבער, ווערט כאַראַקטעריזירט פֿון איין זייט, דורך דעם אומופֿהערלעכן וואַקסן פֿון די רעוואָלוציאָנערע קויכעס פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, און, פֿון דער אַנדער זייט, דורך דעם נייעם דראַנג פֿון דער צווישנפֿעלקערלעכער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע.

דער ווערסאַלער שאָלעם, דער אָנפֿאַל אַף ראַטן-אונגאַרן, די בלאָקאַדע פֿון ראַטן-רוסלאַנד און די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע אויפֿשטאַנדן אינעווייניק אין די ראַטן-לענדער—אָט דאָס זיינען די הויפּט-פּרווון פֿון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואזיע אונטערצוברעכן די קויכעס פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וואָס האַלט אין איין שטאַרקער ווערן. באַזונדערס שטאַרק זיינען די רויבערישע שטרעבונגען פֿון די בורזשואזע קלאסן פֿון דער אַנטאַנטע אויסצונוצן די פּרוכט פֿון זייער מיליטערישן ניצאָכן. מאָביליזירנדיק אומעטום די קויכעס, קעדיי צו דערשטיקן די נעסטן פֿון דער רעוואָלוציע, שמידן זיי קייטן פֿאַר הונדערטער מיליאָנען פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון די באַזיגטע לענדער, צעשטערן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט און גרייטן צו אַ באָדן פֿאַר זיין פֿולשטענדיקער פֿאַרשקלאַפֿונג.

אין דערזעלבער צייט ווערט דער אַרבעטער-קלאַס, וואָס ווייטער, אַלץ מער אריינגעצויגן אין היסטאָריש-אומפֿאַרמיידלעכן רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס. אונגאַרן און בייערן גייען אויך נאָך רוסלאַנד און אוקראַינע. די פּאָליטישע קאַמף-שטימונג צווישן די פּראָלעטאַריער פֿון פֿראַנקרייך, ענגלאנד, איטאַליע און אַמעריקע וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג, ניט קוקנדיק אַף אַלע שטערונגען, וואָס עס מאַכן אים זיינע סאָנים פֿונם אימפּעריאַליסטישן טרעסט און די כאַווירים פֿאַרעטער פֿון 2 אינטערנאַציאָנאַל. די ארמיי פֿון דער אַנטאנטע איז דעמאָראַליזירט, זי הויבט זיך אָן באַפֿרייען פֿון דער ווירקונג פֿון די הערשנדיקע קלאַסן און הערט אויף צו זיין א זיכער געווער פֿון אונטערדריקונג. קעדיי צו דערלאנגען א קלאַפּ ראַטן-אונגאַרן און ראטן-בייערן—אָט דעמדאָזיקן בריק, איבער וועלכן עס ווערט אריבערגעוואָרפֿן די רעוואָלוציע פֿון מיזרעך אַף מאַירעוו,—קעדיי בלאָקירן און טעראָריזירן ראַטן-רוסלאנד און אוקראַינע,—דעם אוואַנגאַרד פֿון דער וועלט-רעוואָלוציע,—מוז מען אָנקומען צו אַ מאָביליזאציע פֿון אומרעגולערע באַנדעס, וואָס באַשטייען פֿון ווייסגוואַרדעישע פֿראַנצויזן, דייטשן, ענגלענדער, רוסן, פּאָליאַקן, פֿינלענדער, טשעכאָסלאָוואַקן און פֿון אונדזערע אינעווייניקסטע קולאַקעס און פּריציש-גענעראַלישע עלעמענטן. די אנטאַנטע-בורזשואזיע איז שוין איצט געצווונגען זיך צו אָפּזאָגן פֿון שיקן אייגענע רעגולערע מיליטער, מוירע האָבנדיק פֿאַר די פֿאָלגן, וואָס מוזן קומען נאָך פֿון דעם צוזאמענטרעפֿן זיך אליין פֿון דידאָזיקע באַוואָפֿנטע מאַסן מיט דער רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישעד רויטער ארמיי פֿונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

די מאָראַל-פּסיכאָלאָגישע באַציִונג, די צאָליקע איבערוועגונג און די היסטאָרישע באַדינגונגען פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע—דאָס אַלץ איז אַ זיכערע אָרוועס פֿאַר איר זיכערן און ענדגילטיקן ניצאָכן.

2. די לאַגע אין רוסלאַנד און אוקראַינע.

די רעאַקציאָנערע אָנשטרענגונגען פֿון די אַנטאַגטע-אימפּעריאַליסטן, וועלכע האָט אין גרונט פֿאָרמירט דעם ענדגילטיקן דורכפֿאַל, שטאַרקן די האָפֿענונגען פֿון די בורזשואַזע און קולאַקישע עלעמענטן פֿון שטאָט און דאָרף. דער דראַנג פֿון קאָלטשאַקס, דעניקינס און קראַסנאָווס קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע באַנדעס אַף די גרענעצן פֿון דער רוסלענדישער און אוקראַינער ראַטן-רעפּובליקן ווערט באַגלייט דורך אַ גאַנצער ריי אָרטיקע קולאַקיש-דאָרפֿישע אופֿשטאַנדן. מיט דער הילף פֿון די רעשטלעך פֿון דער פּריצישער און בורזשואַזער מאַכט, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, וועלכע באַהאַלטן זיך אַף אַ פֿאַרטעטישן אופֿן אונטער דער קלוימערשטער סאָציאַליסטישער פֿאָן, גיט זיי זיך איין אריינצוציען אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אויך באַדייטנדיקע מאַסן פֿון מיטעלן פּויערטום, וועלכע הויבן, איבער זייער אַמעראַצעס, גאָר ניט אָן צו פֿאַרשטיין, אַז זיי דאַרפֿן זיין פֿאַרינטערעסירט צו באַפֿעסטיקן די ראַטנמאַכט. אין אייניקע פֿאַלן העלפֿט נאָך דערצו מיט די טאָעסדיקע פּאָליטיק פֿון די אָרטיקע אַגענטן פֿון דער מאַכט.

דער אַרויסטריט פֿון דעם פֿאַרעטער אַטאַמאַן גריגאָריעוו אין דאָרעם-אוקראַינע, וועלכער איז צוגעגרייט געוואָרן דורך די פֿריערדיקע קולאַקישע אַרויסטרעטונגען אין די איבעריקע טיילן פֿון לאַנד, וועלכע ווערן איצט געשטיצט פֿון זיין זייט מיט מיליטער, איז באַ היינטיקן טאָג דער העכסטער שטיצפּונקט פֿון דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, וועלכע מוז אומפֿאַרמיידלעך צעשלאָגן ווערן, קעדיי מען זאָל קענען איבערגיין צו דער שעפֿערישער סאָציאַליסטישער אַרבעט.

דער בירגער-קריג אַף די אינערלעכע און אויסערלעכע פֿראָנטן, וועלכער ווערט אַף אַזאַ אויפֿן ווייטער געפֿירט, און די בלאָקאַדע מיצאַד דער אַנטאַנטע גיבן ניט די מעגלעכקייט אָוועקצושטעלן די אופֿגאַבע פֿון אופֿשטעלן די נאַטירלעכע עקאָנאָמישע פֿאַרבינדונגען צווישן רוסלאַנד און אוקראַינע מיט די אינדוסטריעלע און ברויט-געגנטן פֿון דאָן, אוראַל, וואָלגע, סיביר. צוליב דידאָזיקע סיבעס ווערט דער טראַנספּאָרט אַלץ מער צעשטערט, די שטאָטישע אינדוסטריע קען ניט געבן פֿאַר דעם דאָרף די פּראָדוקטן, וואָס זיינען אים נויטיק, און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, ווערט דער ווידערשפּרוך צווישן שטאָט און דאָרף אַלץ מער פֿאַרשטאַרקט און העלפֿט מיט, אַף אַזאַ אויפֿן, דער מאָביליזאַציע פֿון דאָרף אַרום די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע קויכעס און פֿאַרשאַרפֿט אין שטאָט דעם דערנערונג-קריזיס.

אין אוקראַינע האָבן אירע פֿאַרוויקלטע נאַציאָנאַל-סאָציאַלע באַציִונגען מיט אירע אַלץ מער וואַקסנדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ווידערשפּרוכן

געבראַכט צו די עקסטרעמסטע פֿאַרשאַרפֿונגען פֿון די נאַציאָנאַלע באַציִונגען. די קאָנטער-רעוואָלוציע האָט איבערגענומען אַלע מעטאָדן פֿון דאָרפֿישן פּעריאָד. דער אַנטיסעמיטיזם ווערט מיט אַ קיוון און באַוווסטזיניק אָנגעווענדעט צווישן די פּויערשע מאַסן, און אַלס רעזולטאַט דערפֿון ווערט יעדער קולאַקישער אויפֿשטאַנד באַגלייט מיט די שרעקלעכסטע שכיטעס און האַריגעס פֿון דער ניט-באַשיצטער יידישער באַפֿעלקערונג.

3. אַלץ פֿאַר דער רויטער אַרמיי.

באַ אָט די אַלע באַדינגונגען איז די ערשטע און וויכטיקסטע אויפֿגאַבע דער מיליטערישער ניצאָכן איבער די קויכעס פֿון דער קאָנטער-רעוואָלוציע. און נאָר דורך דעמדאָזיקן ניצאָכן וועט מען ערשט קענען איינשטעלן דאָס נאָרמאַלע ווירטשאַפֿטלעכע לעבן און אַרויסטרעטן אַפֿן וועג פֿון נאָרמאַלער סאָציאַליסטישער בויונג. דאָס פֿאַרשטאַרקן פֿון דער רויטער אַרמיי און איר אָנפֿילן זיך מיט פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, אַף וועלכע מען זאָל זיך קענען פֿאַרלאָזן, די מאָביליזאַציע פֿון אַלע קויכעס אין טיל, קעדיי אונטערצוהאַלטן די רויטע אַרמיי איר פּאָליטישע דערציִונג און בילדונג דאַרפֿן אַוועקגעשטעלט ווערן אַפֿן ערשטן פּלאַן פֿון דער אַרבעט פֿון דער גאַנצער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די קאָנפֿערענץ קאָנסטאַטירט, אַז ניט קוקנדיק אַף דער אַף אַזוי פֿיל פֿאַרוויקלטער און שווערער צווישנפֿעלקערלעכער און אינערלעכער ווירטשאַפֿט-לעכער און פּאָליטישער לאַגע, האַלט דאָך די רעוואָלוציאָנערע באַגייסטערונג פֿון די פּראָלעטאַריער פֿון אוקראַינע אין איין וואַקסן, ס'זיינען ניטאָ קיין שום סימאָנים פֿון מידקייט, און דער מעשוגענער דראַנג פֿון דער קאָנטער-רעוואָלוציע רופֿט, פֿאַרקערט, אַרויס נייע אָנשטרענגונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע.

די קאָנפֿערענץ קאָנסטאַטירט, אַז אויך דער יידישער אַרבעטער-קלאַס פֿון אוקראַינע איז אַנטשלאָסן אַרויסגעטראָטן אַפֿן וועג פֿון דער סאָציאַליס-טישער רעוואָלוציע. ער האָט איבערגעריסן אַלע פֿעדים, וועלכע האָבן אים פֿאַרבונדן מיט די נישטיקע גרופּקעס פֿון דעם פּשאָרע-סאָציאַליזם. ס'וואַקסן זיינע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ס'פֿאַרשטאַרקט זיך דער צופֿלוס אין דער רויטער אַרמיי, דער דראַנג פֿון דער רעאַקציע און די פּאָגראָם-כוואַליע קעגן די יידן האָבן שוין ניט געקענט אָפּשטעלן דעמדאָזיקן פּראָצעס און ווירקן, פֿאַרקערט, אַף דעם ווייטערדיקן וווּקס פֿון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, וואָס ווערט פֿאַרגרעסערט דורך דער שטיצע פֿון דער אָרעמער שטאָטישער באַפֿעלקערונג, וואָס איז אַוועקגעשטעלט פֿאַר אַ פֿאַקט זי זאָל פֿאַרטיליקט ווערן.

4. די טאַקטיק-פֿראַגעס.

די אַנטוויקלונג פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס אין אוקראַינע באַשטעטיקט מיט איר אָן ספּייקעסדיקייט, אַז די הויפּט טאַקטישע אויפֿגאַבע פֿון דער ראַטן-מאַכט און פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דאַרף זיין די מאָביליזאַציע פֿון שטאָטישן און דאָרפֿישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז דער איינציקער זיכערער קעמפֿער פֿאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וועלכער וועט ניט

פֿעלשן אַפֿילע אין די סאמע קריטישע צושטאַנדן. די גאַנצע געזעצגעבערישע און אַדמיניסטראַטיווע פּאָליטיק פֿון דער מאכט און אירע ווירטשאַפֿטלעכע אונ־טערנעמונגען דאַרפֿן זיין אַדורכגעדרונגען מיט אָט דער אויפֿגאַבע.

די מאָביליזאציע פֿון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן אין דאָרף צוזאמען מיטן אָפּזאָגן זיך פֿון אריינפֿירן מיט גוואַלד אין דאָרף די קאָמוניסטישע יע־סוידעס אין דער ווירטשאַפֿט, קען צוציען אַף דער זייט פֿון דער רעוואָלוציע די וויינ־קער־זיכערע מיטעלע פּויערים. די פּלאַנמעסיקע אַגראַר־פּאָליטיק, אַזוי אויך די צוועקמעסיקע ווירטשאַפֿטלעכע און שפּייז־פּאָליטיק אין שטאָט, קען צוציען אַף דער זייט פֿון דער ראַטנמאַכט די ברייטע אָרעמע מאַסן. אין דער־זעלבער צייט איז נויטיק אַ קאָלאָסאַלע בילדונג־אַרבעט צווישן די ברייטע מאַסן פֿון דעם מיטעלן פּויערטום און שטאָטישער אָרעמקייט, קעדיי ענדגילטיק צו באַפֿרייען זיי פֿון די בורזשואַזע און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אידייען.

אַלערליי האַנאָכעס, וואָס ווערן געמאַכט דידאָזיקע צווישן־שיכטן און וואָס ווערן ארויסגערופֿן דורך די איבערגאַנג־אויפֿגאַבן פֿון מאָמענט, דאַרפֿן באַגרענעצט ווערן דורך די עקאָנאָמישע אינטערעסן פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט און דער רעוואָלוציע און דעם פּרינציפּ פֿון העגעמאָניע פֿון פּראָלעטאַריאַט אין דעם זין, אז די מאכט זאָל בלייבן אין די הענט פֿון דער עמעס־פּראָלעטאַרי־שער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די פֿאַרוויקלטקייט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון פּאָליטישן מאָמענט שטרייכט אונטער מיט אַ באזונדער שטאַרקייט די נויטיקייט פֿון אַ פֿעסטער מאַכט, וואָס איז פֿעיק אָן שום וואַקלענישן און פֿעסט צו דערפֿירן ביזן סאָף די אויפֿגאַבן פֿון רעוואָלוציאָנערן קאַמף און בויונג, וואָס זיינען פֿאַר אים אַוועק־געשטעלט געוואָרן. אַן אויסגלייך מיט די וואַקלענדיקע עלעמענטן אין צענטער און אַף די ערטער, וואָס איז שטענדיק געפֿערלעך, איז באזונדערס ניט דער־לאָזבאַר אין איצטיקן מאָמענט, און דאָס צולאָזן די רעכטע סאָציאַליסטישע קרייזן צו נעמען אַן אָנטייל אין דער מאכט אַף די ערטער, קען נאָר שאַפֿן אַ טאָרמאַז און אַריינטראָגן אַ דעזאָרגאַניזאציע אין די רייען פֿון דער מאַכט. פֿון דער אַנדער זייט האַלט די קאָנפֿערענץ פֿאַר נויטיק אָנצומערקן, אז די מאַכט אין צענטער, און באַזונדערס אַף די ערטער, דאַרף זיך אַנטשלאָסן אָפּזאָגן פֿון דער איזאָלירונג־פּאָליטיק און אַפֿילע פֿון קאַמף קעגן די קרויוועשע און עמעס־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וואָס שטייען אַף דער קאָמוניסטישער פּלאַטפֿאָרם.

באַגריסנדיק פֿון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט דאָס אריינטרעטן אין באַשטאַנד פֿון דער אַרבעטער־פּויערים־רעגירונג די פֿאָרשטייער פֿון די אוקר. סאָצ. רעוו. (גרופּע „באָראָטבאַ"), וואָס שטיצט זיך אַף אָרעמסטן פּויערטום, און דאָס צו־ציען אין באַשטאַנד פֿון צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט די פֿאָרשטייער פֿון אַנ־דערע ראַטן־פּאַרטייען, ווענדעט אָן די קאָנפֿערענץ די אויפֿמערקזאמקייט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַף דער נויטיקייט ארויסגעבן אַזעלכע דירעקטיוון אויך פֿאַר דער אָרטיקער פּאָליטישער אַרבעט.

ווייטער שטרייכט די קאָנפֿערענץ אונטער די נויטיקייט פֿון אַ פֿעסטן קאַמף קעגן דער אַלץ וואַקסנדיקער פֿאַרמיסטיקונג פֿון מאַכט־אַפּאַראַט דורך די

פּרעמדע, און אָפּטמאָל פּיינטלעכע עלעמענטן, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ, ווו זיי דרינגען אריין אויך אין די קאָמאַנדע-באַשטאַנדן פון דער אַרמיי, ווו זיי גרייטן אָפּט צו קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען. עס מוזן אָנגענומען ווערן אַנטשלאָסענע טריט אויך קעגן דער אַלץ וואַקסנדיקער ביוראָקראַטיזירונג פון דער מאַכט און דאָס צופיל פאַנאַנדערוואַקסן זיך פון דער אַדמיניסטראַטיווער געץ גופא, וואָס דערווייטערט זיך אלץ מער פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס.

עס מוז פאַרשטאַרקט ווערן דער קאָנטראָל איבער די אויעזד און ביקלאַל פּראָווינציעלע אויספירקאָמען, ווו (באַזונדערס אין דאָרף) די אַרבעטער-פאָרשטייער שפּילן גאָר ניט קיין באַדייטנדיקע ראָל.

באַשטעטיקנדיק די באשלוסן פון די הויפּט-קאָמיטעטן פון „קאָמוניסטישן בונד" און די „פאַריינ. ייד. קאָמ. פּאַרטיי", מעלדעט די קאָנפערענץ אַלע מיטגלידער פון ייד. קאָמ. פאַרבאַנד אַלס מאָביליזירטע און רופט אַלע אָרגאַניזאַציעס צו דער סאַמע ענערגישער צוציִונג פון די אַרבעטער אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי.

די קאָנפערענץ באַגריסט דעם באַשלוס פון צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט וועגן פאַריינצקן די מיליטערישע קויכעס פון אַלע ראַטן-רעפּובליקן אונטער איין אַלגעמיינער קאָמאַנדירונג.

די אויסגלייכונג און פאַרייניקונג פון דער עקאָנאָמישער און מיליטערישער פּאָליטיק פון די ראַטן-לענדער אונטער דער אַלגעמיינער אָנפירונג פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל וועט מיטהעלפן דער פאַרשטאַרקונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די באַזייטיקונג פון די מער שאַרפע סיבעס פון דעם איצטיקן קריזיס און וועט זיין אַ נויטיקער באַדינג פאַרן פולן און ענדגילטיקן זיג פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער-פויערים-סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

II. די רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

בענוגייע דער פראַגע וועגן דעם אויפן, ווי צו פאַרטיידיקן די באַדערפענישן פון פּראָלעטאַריאַט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האַלט די קאָנפערענץ, אַז די פאָדערונג פון ספּעציעלע פּאָליטישע גאַראַנטיעס פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווי די פּערסאָנעלע אַוטאָנאָמיע (נאַציאָנאַלע אָדער נאַציאָנאַל-קולטורעלע), ווי אויך די פאָדערונג פון זעלבסטבאַשטימונג פאַר די נאַציעס, האָבן געפּאַסט נאָר אין באַציִונג צו דער בורזשואַזער מעלוכע. איצט אָבער האָט קיין טייל פון דעם פּראָלעטאַריאַט ניט קיין גרונט צו פאָדערן וועלכע ניט איז אַזעלכע גאַראַנטיעס בענוגייע דער מאַכט, וואָס איז באַזירט אַפן פּראָלעטאַריאַט אַלס אַ גאַנצן און פירט דורך אין לעבן זיין דיקטאַטור.

די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט פאָדערן היינט די שטרענגסטע צענטראַליזירונג פון דער מעלוכע-מאַכט, קעדיי צו באַקעמפן די סאָנים פון דער סאָציאַליסטישער רעוואלוציע. נאָר אין ענגן צוזאַמענלעבן פון אַלע טיילן פון פּראָלעטאַריאַט קענען טריט באַ טריט אויסגעלעבט ווערן די אַלטע נאַציאָנאַלע

אָבערגלויבעניִשן און פֿאַרורטײלן, וואָס שטאַמען פֿון דער עפּאָכע פֿון דער בורזשואַזער דיקטאַטור מיט איר צעטיילונג פֿון דער מענטשהייט אַף הערשנ־דיקע און אונטערדריקטע נאַציעס.

פֿון דער אַנדער זייט אָבער, געפֿינט די קאָנפֿערענץ, אַז קעדיי דורכצו־פֿירן די גאַנצע שעפֿעריִשע אַרבעט פֿון דער ראַטנמאַכט אַף אוקראַיִנע מיט איר באַפֿעלקערונג פֿון פֿאַרשיידענע נאַציעס, מיט פֿארשיידנאַרטיקע קולטורן און קולטורעלע סוויוועס, איז דורכויס נויטיק צופּאַסן דעם מעלוכע־אַפּאַראַט אַזוי, אַז ער זאָל קענען באַפֿרידיקן די באַדערפֿעניִשן פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן פֿון אַלע נאַציעס.

אין דעם פּראַט האָט אַ גרויסע פּרינציפּיעלע באַדייטונג דער וויכטיקער פּונקט פֿון דער ראַטן־קאָנסטיטוציע, וואָס איז מעוואַטל די עקזיסטענץ פֿון אַ וועלכער ניט איז מעלוכע־שפּראַך און אָנערקענט די גלייכבאַרעכטיקונג פֿון אַלע שפּראַכן. צום באַדויערן, ווערט אָבער אין דער ווירקלעכקייט, ניט גע־קוקט אַף די באַמיִונגען פֿון דער צענטראַלער מאַכט, אָפּט אינגאַנצן איגנאָריִרט, און דאָס מאַכט וויניק צוטרעטליך די מאַכט־אָרגאַנען פֿאַר דער אַרבעטער־באַ־פֿעלקערונג פֿון אַנדערע נאַציעס, אויסער דער רוסישער.

פֿאַר די פֿיר כאַדאָשים, צייט עס האָט זיך איינגעשטעלט אַף אוקראַיִנע די ראַטנמאַכט, צוליב די אַלגעמיינע ניטגינסטיקע באַדינגונגען פֿאַר דער שע־פֿערישער אַרבעט ביקלאַל, און אויך צוליב דעם, וואָס עס פֿעלן נאָך די נוי־טיקע אָרגאַנען דערצו,—איז אין פּראַט פֿון באַפֿרידיקן די קולטורעלע באַדער־פֿעניִשן פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט זייער וויניק, און אין פֿיל ערטער גאָרניט אויפֿגעטאָן געוואָרן. עס איז לאַכלוטן ניט אָוועקגעשטעלט די פּראָפּאַגאַנדע־אַר־בעט צווישן די ייִדישע מאַסן. די ייִדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען און ריכ־טונגען האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוווייזן זייער איניציאַטיוו אין פֿאַרווירקלעכן זייערע אויפֿגאַבן. און ביז היינט הערשן נאָך פּאַקטיש אין דעם גרעסטן טייל פֿון אוקראַיִנע די אַלטע ייִדישע קעהילעס, און די ייִדישע מאַסן געפֿינען זיך נאָך אונטער דער האַשפּאָע פֿון די בורזשואַזע און נאַציאָנאַליסטי־שע ייִדישע פּאַרטייען.

די אַלע אָנגעוויזענע פֿעלערן שטאַמען הויפּטזעכלעך דערפֿון, וואָס עס פֿעלן די ספּעציעלע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן זיין נאָענט צו די נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַדערפֿעניִשן פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־מאַסע, און דורך וועל־כע עס זאָל קענען איינגעשטעלט ווערן אויך אין איִנערלעכן ייִדישן לעבן די הערשאַפֿט פֿון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס דאַרף דורכדרינגען דאָס גאַנצע פֿאַרשיידנאַרטיקע לעבן פֿון דער מעלוכע.

אָט די אינסטיטוציעס דאַרפֿן דינען סאַי דער אויפֿגאַבע פֿון צעשטערן די אַלטע פֿאָרמען פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, וואָס איז ביז איצט דורכגעדרונגען מיט די אידייען פֿון געטאָ און מיטן איינפֿלוס פֿון קלעריקאַ־ליזם און בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, סאַי דער פּאָזיטיווער אַרבעט פֿון איבער־בויען די געזעלשאַפֿטלעכקייט אַף נייע סאָציאַליסטישע יעסוידעס פֿאַר דער איבער־גאַנג־צייט. איידער עס וועט דערגרייכט ווערן די פֿאָלשטענדיקע איבערבויונג

פֿון דער גאַנצער פֿריערדיקער ירושע, איז אומבאַדינגט נויטיק, אַז די באַט-רעפֿנדיקע אינסטיטוציעס, אין וועלכן געבּיט פֿון מעלוכע-אַרבעט זיי זאָלן ניט אַרבעטן, זאָלן זיין צווישן זיך פֿאַרייניקט, קעדיי קענען דערפֿירן אויסגעהאַלטן און קאָנסעקווענט די אַרבעט ביזן סאָף.

די קאָנפֿערענץ האַלט, אַז די אויבנאָנגעמערקטע צוועקן קען מען דער-גרייכן סאַי דורך נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן, וואָס זיינע אָפּטיילונגען זיינען אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט די געהעריקע אַלגעמיינע קאָמיסאַריאַטן, סאַי דורך נאַציאָנאַלע סעקציעס אין די באַטרעפֿנדיקע קאָמיסאַריאַטן, וואָס זאָלן זיין צווישן זיך פֿאַרייניקט.

די קאָנפֿערענץ באַטראַכט דעם אַלגעמיינעם באַשלוס פֿון צ. ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי אַזעלכע סעקציעס צו שאַפֿן פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינ-דערהייטן פֿון אוקראַינע, ווי די אָנערקענונג פֿון דיזעלבע פּרינציפּיעלע האַנאָ-כעס, אַף וועלכע עס שטייט דער יידישער קאָמוניסטישער פֿאַרבאַנד און נעמט אָן דעם פֿאָלגנדיקן באַשלוס:

1) גלייך ווענדן זיך צו די געהעריקע אַנשטאַלטן מיט אַ פֿאָרשלאַג באַלד צו בילדן יידישע סעקציעס באַ יענע קאָמיסאַריאַטן, באַ וועלכע עס איז נויטיק.

2) רופֿן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס צו בילדן סעקציעס בא די געהעריקע אָפּטיילונגען פֿון די איספּאָלקאָמען.

3) קאָאָרדינירן און פֿאַראייניקן זייער אַרבעט, קעדיי זי זאָל זיך פֿירן מער פּרוכטבאַר.

4) די סעקציעס דאַרפֿן זיך שטיצן אין זייער אַרבעט אַף די יידישע קאָמוניסטישע קולטורעלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס.

III. רעזאָלוציע וועגן אַריינטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי.

שטרעבנדיק וואָס ענגער צונויפֿשליסן די קאָמוניסטישע באַוועגונג פֿון די יידישע אַרבעטער מיט דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי און מיטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, באַוואָלמעכטיקט די קאָנפֿערענץ דעם הויפּט-קאָמי-טעט גלייך צוטרעטן צו אונטערהאַנדלונגען מיטן צענטראַלן קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי אַף אוקראַינע וועגן אַריינטריט פֿון יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אין באַשטאַנד פֿון דער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי פֿון אוקראַינע אַף פֿאָלגנדיקע יעסוידעס:

1. די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד גייען אַריין אין באַשטאַנד פֿון דער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי פֿון אוקראַינע, ווערן דערקלערט ווי יידישע סעקציעס פֿון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון דער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי, און גיסן זיך צונויף מיט די יידישע סעקציעס דאָרט, ווו אַזעלכע עק-זיסטירן פֿון פֿריער. באַם איבערעגיסטרירן די מיטגלידער פֿון די יידישע סעקציעס, ווערן פֿאַרעכנט פֿאַר מיטגלידער די אַלע, וועלכע אָנערקענען די פּראָגראַם און טאַקטיק פֿון דער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי פֿון אוקראַינע און

זיינען זיך מיסכאַיעוו צו אונטערוואַרפן זיך דער אַלגעמיינער פאַרטעישער דיס-ציפלין. נייע מיטגלידער ווערן אָנגענומען פון דער יידישער סעקציע און ווערן פאַרעכנט פאַר מיטגלידער פון דער פאַרטיי דורך די אָרטיקע אַלגעמיין-פאַר-טעישע איינריכטונגען אַף די אַלגעמיינע יעסוידעס פון די פאַרטיי-טאַקאָנעס.

2. דער יידישער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד, ווי אַ מאַסן-אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער, האָט פאַר אַ ציל:

א) אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער און פאַרשפרייטן צווישן זיי די קאָמוניסטישע אידייען.

ב) דורכפירן אין לעבן די באַשלוסן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון אוקראַינע.

ג) אויסאַרבעטן די פאָליטישע ליניע און אָנפירן מיט די יידישע סעק-ציעס באַ די צענטראַלע און אָרטיקע אַנשטאַלטן פון דער ראַטנמאַכט אין די גרענעצן פון די אַלגעמיינע דירעקטיוון פון דער קאָמ. פאַרטיי פון אוקראַינע און פון די באַטרעפנדיקע פאָלק-קאָמיסאַריאַטן.

3. די מיטגלידער פון די יידישע סעקציעס באַטייליקן זיך אַף די אַל-געמיינע יעסוידעס אין די פאַרזאַמלונגען פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער ק. פ. אין צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן און אין די וואַלן פון די אַל-געמיין-פאַרטעישע אַנשטאַלטן (אָרטיקע, גובערניאַלע, צענטראַלע).

פאַר די יידישע סעקציעס און פאַר דעם ייד. קאָמוניסטישן פאַרבאַנד, ווי פאַר אַ גאַנצן, זיינען א כויוו אַלע באַשלוסן פון די אַלגעמיין-פאַרטעישע אַנשטאַלטן.

4. באַ די יידישע סעקציעס ווערן אָרגאַניזירט גרופעס פון מיטפילערס, יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, שטאָטישע און ראיאָנע אַרבעטער-קלובן, פאַרטיי-שולן און אַנדערע נויטיקע אַנשטאַלטן.

5. דער יידישער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד האָט זיינע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן פון די פאָרשטייער פון די אָרטיקע יידישע סעקציעס, זיינע איי-גענע אָרטיקע קאָמיטעטן, אַ הויפט-קאָמיטעט און אן אייגענע פרעסע. דער יידישער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד, ווי אַ גאַנצער, ארבעט ווי א יידישע סעק-ציע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון אוקראַינע.

וואַלן פון הויפט-קאָמיטעט.

צום שלום ווערט איינשטימיק אויסגעקליבן אַ הויפט-קאָמיטעט אין פאָל-גנדיקן באַשטאַנד:

מ. ראַפעס, י. פרענקעל, י. נאָוואַקאָווסקי, א. טשעסקיס, מ. לעוויטאַן, ש. בארענשטיין, מ. ארש (קיעוו), א. טשעמעריסקי, מערעזשין, א. לעווקאָוו-סקי, נ. נעמאַנאָוו (אָדעס), ראָכקין (קרעמענטשוג), שוואַרצמאַן (כאַרקאָוו), קאַזאַקעוויטש (יעקאַטערינאָסלאַוו).

קאַנדידאַטן: ל. ראַבינאָוויטש, כייפעץ, עסטרין, און ל. ראַבי-נאָוויטש.

ווענן דעם אַריינטריט פֿון דעם ייִדישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אוקראַיִנע *).

(רעזאָלוציע פֿון דער באַראַטונג פֿון דעם ייִדישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד. אָנגענומען אין קיעוו, דעם 16-טן יול 1919 יאָר).

נעמענדיק אין אַכט, אַז די פּאָליטישע סיטואַציע מאַכט די פֿאַראייניקונג מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿאַר דער דרינגענדסטער אויפֿגאַבע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג און דערלויבט ניט צו אָפּלייגן אַף ווייטער די-דאָזיקע פֿראַגע; אַז די עטלעכע טאָעסן, וועלכע זיינען פֿאַראַן אין סטאַטוט פֿון דער ייִדישער סעקציע פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכער (סטאַטוט) איז אָנגעמערקט געוואָרן אַפּן מאָסקווער צוזאַמענפֿאָר פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס און פֿון צ. ק. ר. ק. פּ., אין פֿאַרגלייך מיט-דער רעזאָלוציע איבער דערזועלביקער פֿראַגע פֿון דער גרינדונג-קאָנפֿערענץ פֿון דעם ייִדישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד, שטערן ניט דער פֿרייער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג און קענען אויסגעבעסערט ווערן אין גאַנג פֿון דער געמיינזאַמער אַרבעט,—געפֿינט איין די באַראַטונג, אַז דער הויפּט-קאָמיטעט דאַרף זיך טייקעף ווענדן אין צ. ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַף אוקראַיִנע מיט פֿאָלגנדיקן פֿאָרשלאָג.

1) דער צ. ק. ק. פּ. או. זאָל טייקעף מעלדן וועגן זיין איינשטימיקייט מיט דער רעזאָלוציע וועגן דער ייִדישער סעקציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אַף דעם מאָסקווער צוזאַמענפֿאָר פֿון די ייִדישע סעקציעס און באַשטעטיקט געוואָרן דורכן צ. ק. ר. ק. פּ. און וועלכע ווערט שוין דורכגעפֿירט אין לעבן דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ווייסרוסלאַנד.

2) דער קאָמוניסטישער פֿאַרבאַנד, דאַרף דורך דעם הויפּט-קאָמיטעט דערקלערן, וועגן זיין גרייטקייט צו רעאָרגאַניזירן זיך אַפּן סמאַך פֿון דער רעזאָלוציע פֿון דעם מאָסקווער צוזאַמענפֿאָר פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס און ייִדישע סעקציעס באַ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

3) דאָס אַריינטרעטן פֿון די מיטגלידער פֿונם ייִדישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אין דער קאָמפּאַרטיי דאַרף פֿאָרקומען אַף אַזאַ אויפֿן, אַז:

א) ער זאָל דערביי ניט דעזאָרגאַניזירן די ייִדישע קאָמוניסטישע אַרבעטער-באַוועגונג, און

ב) אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָל באַקומען אַ גאַראַנטיע, אַז אין ק.פּ.או., וועלן אַריינטרעטן בלויז די, וועלכע אָנערקענען די פּראָגראַם פֿון ק.פּ.או. און זיינען גרייט צו אונטערוואַרפֿן זיך דער אַלגעמיינער פּאַרטייִשער דיסציפּלין.

קעדיי גיכער צו דורכפֿירן אין לעבן די פֿאַראייניקונג מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַף אוקראַיִנע, באַשטימט די באַראַטונג איינציייטיק ווענדן זיך וועגן דעם אין צ. ק. ר. ק. פּ. און אין דער ביוראָ פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

---

*) דער באַריכט איז גענומען געוואָרן פֿון אַרכיוו פֿון קאָמפּאַרבאַנד פֿון אוקראַיִנע, וועלכער געפֿינט זיך אין צענטר. אַרכיוו אין מאָסקווע. פֿון דער „דעלאָ” (איניען) 125.

אין דער באַראַטונג האָבן אָנטייל גענומען: דער הויפּט-קאָמיטעט אין באַשטאַנד פֿון 8 מענטשן; קיִעווער קאָמיטעט—7 מענטשן; די מיטגלידער פֿון די קאָמיטעטן פֿון פֿאָלגנדיקע שטעט: יעקאַטערינאָסלאַוו—8 מענטשן; כאַרקאָוו—5 מענטשן; אָדעס—1 מענטש; קרעמענטשוג—1 מענטש; סימפֿעראָפּאָל—2 מענטשן; אַלושטאָ—1 מענטש; יעווּפּאַטאָריע—1 מענטש; אַלעקסאַנדראָווסק—1 מענטש; פּאָלטאַווע—2 מענטשן; בערדיטשעוו—1 מענטש; בעלאָצערקאָוו—2 מענטשן; נאָווגאָראָד-וואָלינסק—2 מענטשן; פֿאַסטאָוו—1 מענטש; מאַקאַראָוו—1 מענטש און סקווירא—1 מענטש, סאַכאַקל—45 מענטשן.

די רעזאָלוציע איז אנגענומען געוואָרן מיט 41 שטימען קעגן 2.

ב ײ ל אַ ג ע:

די ליקווידאַציע פֿון דעם יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אין ווייסרוסלאַנד און דאָס פֿאַרבייטן אים מיט סעקציעס באַ די אָרטיקע קאָמיטעטן פֿון ר. ק. פּ. *).

אַזוי ווי אין דעם איצטיקן מאָמענט, איז העכסט נויטיק אַן ענגע פֿאַרניקונג פֿון אַלע קאָמוניסטישע קויכעס אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, האָט דער צ. ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ליטע און ווייסרוסלאַנד אָנערקענט די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פֿונם יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד, וועלכער פֿירט צו אָרגאַניזאַציאָנעלער און שפּעטער צו אַן אידעיִשער אָפּטיילונג פֿון די פּראָלעטאַרישע מאַסן **פֿאַר אומגעוונטשן**.

נאָר אַרויסגייענדיק פֿון די באַזונדערע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט און אין העסקעם מיט די באַשלוסן פֿון דער אַלרוסלענדישער קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע סעקציעס און פֿון די יידישע קאָמוניסטישע פֿאַרבאַנדן אין רוסלאַנד, האָט דער צ. ק. פֿון דער קאָמ-פּאַרטיי אין ליטע און ווייסרוסלאַנד אָנערקענט, אַז קעדיי צו אַריינציִען די יידישע אַרבעטער אין די רייען פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און צו פֿאַרשפּרייטן די אידייען פֿון קאָמוניזם צווישן די יידישע אַרבעטער-מאַסן, איז נויטיק די עקזיסטענץ פֿון די יידישע סעקציעס באַ דער ק. פּ. פֿון ליטע און ווייסרוסלאַנד. די סעקציעס דאַרפֿן מיט זיך פֿאָרשטעלן אַ באַשטאַנד-טייל פֿון דער פּאַרטיי און אונטערוואַרפֿן זיך סאַי אין צענטער און סאַי אַף די ערטער דעם צענטראַלן און אָרטיקע קאָמיטעטן פֿון דער פּאַרטיי.

די יידישע סעקציעס דאַרפֿן געבויט ווערן אַף פֿאָלגנדיקע פּרינציפּן:

א) די מיטגלידער פֿון דער יידישער סעקציע זיינען מיטגלידער פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פֿון דער קאָמפּאַרטיי אין ליטע און ווייסרוסלאַנד.

*) „פּראַווּדאַ“ נומ. 146 1919.

ב) נייע מיטגלידער ווערן אָנגענומען אין דער סעקציע און באַשטעטיקט דורך דעם אַלגעמיין פּאַרטעישן קאָמיטעט אַף אַלגעמיינע יעסוידעס.

ג) אַף אַלגעמיין-פּאַרטעישע פֿאַרזאַמלונגען, צוזאַמענפֿאָרן קאָנפֿערענצן א. ד. ג. באַטייליקן זיך די מיטגלידער פֿון די סעקציעס, ווי באַזונדערע פּער-זאָנען.

ד) אַף צו קאָאָרדינירן און פֿאַרייניקן די אַרבעט, קלייבן אַלע יידישע סעקציע אויס אַ ביוראָ פֿון די יידישע סעקציעס בא דער קאָמוניסטישער פּאַר-טיי פֿון ליטע און ווייסרוסלאַנד, וועלכע אַרבעט אונטער דער דירעקטער אָנפֿירונג פֿון צ. ק. ק. פּ. ל. און וו.

אַף די יידישע סעקציעס ליגן פֿאָלגנדיקע אויפֿגאַבן:

א) פֿאַרשפּרייטן און אַרויסגעבן קאָמוניסטישע ליטעראַטור אין יידיש גרינדן קלובן, ביבליאָטעקן, פּאַרטיי-שולן און אַנדערע הילף-אַנשטאַלטן אַף פֿירן די פּאַרטיי-אַרבעט אין יידיש און

ב) פֿירן אַ מינדלעכע אַגיטאַציע צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. צו-ליב דעמדאָזיקן ציל האָט די סעקציע רעכט צונויפֿרופֿן מיטינגען, פֿאַרזאַמ-לונגען, איינאָרדענען לעקציעס און ד. ג. אין יידיש.

פֿאַר אַלע זיינע טאַטן און אַרויסטרעטונגען איז יעדער מיטגליד פֿון דער יידישער סעקציע פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן אָרטיקן קאָמיטעט פֿון דער קאָמו-ניסטישער פּאַרטיי. אויך די סעקציע, אַלס אַ גאַנצע, איז אונטערגעוואָרפֿן אים (דעם אָרטיקן קאָמיטעט), פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אים און דורך אים פֿאַרן צ. ק.

מעלדנדיק וועגן דעם די אָרטיקע קאָמיטעטן, לייגט פֿאָר דער צ. ק. ק.פּ.ל.וו. דעם הויפּט-קאָמיטעט פֿון דעם יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד און זיינע אָרטיקע קאָמיטעטן ליקווידירן זיך און רעאָרגאַניזירן זיך אין סעקציעס.

אַף די אָרטיקע קאָמיטעטן ווערט אַרויפֿגעלייגט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער גיכער דורכפֿירונג פֿון דעם אין לעבן, אָן העזיק פֿאַר דער גאַנצער אַרבעט.

דעם צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אוקראַינע.

(אַ קאָפּיע דעם צ. ק. ר. ק. פּ. און דער ביוראָ
פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל).

געערטע כאַווירים!

ביילייגנדיק דערביי די רעזאָלוציעס פֿון דער באַראַטונג פֿון קאָמפֿאַר-באַנד, וועלכע איז פֿאַרגעקומען דעם 16-טן יול, האַלט דער הויפּט-קאָמיטעט פֿון דעם יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אין אוקראַינע פֿאַר נויטיק פֿון זיין זייט צו אָפּצייכענען, אַז ער שטייט אַף דערזעלבער פּאָזיציע, וועלכע ס'האָט פֿאַרנומען די באַראַטונג.

נאָך די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון קאָמפֿאַרבאַנד אין מאַי כוידעש האָט זיך געשטעלט אַפֿן שטאַנדפּונקט פֿון דער נויטיקייט פֿון צונויפֿגיסן דעם ייִדישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אין אוקראַיִנע מיט דער ק. פּ. או. באַם טנאַי, אַז אין דער ק. פּ. או. וועלן געבילדעט ווערן ייִדישע סעקציעס. דער הויפּט-קאָמיטעט האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן דעמדאָזיקן איניען פֿאַר אַ דרינגענדיקן, און דעריבער האָט ער געטאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך, קעדיי צו פֿאַרגיכערן דידאָזיקע צונויפֿגיסונג.

מיר האַלטן, אַז ביז איצט האָט דער צונויפֿגיסונג געשטערט די אומקלאָרע פּאָזיציע פֿון דעם צ. ק. ק. פּ. או. אין דער פֿראַגע וועגן שאַפֿן ייִדישע סעקציעס אין דער פּאַרטיי, וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם באַוווסטן בריוו צו אונדז פֿון צ.ק. ק.פּ.או. פֿון 5-טן יול נום. 4221, וועלכער האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אַף אַלע מיטגלידער פֿון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס.

אונדז האָט געוווּנדערט, וואָס אין אַזאַ וויכטיקן דאָקומענט, איז אין דער ערשטער ריי אַרויסגערוקט געוואָרן די פֿראַגע, וועגן דער טעכניק פֿון דעם אַריינטריט פֿון די מיטגלידער פֿון קאָמפֿאַרבאַנד אין ק. פּ. או., אַ פֿראַגע, וועלכע איז אין טאָך ניט קיין וויכטיקע, דערביי זיינען די עצעם באַדינגונגען פֿון דעם אַריינטריט פֿאָרמולירט געוואָרן אַזוי, אַז אָן קיין שום נוצן פֿאַרן טאָך פֿון דער אַרבעט, וואָלט זייער פֿאַרווירקלעכונג אַריינגעטראָגן בלויז אַ דעזאָרגאַניזאַציע אין די אויסגעפֿורעמטע ייִדישע קאָמוניסטישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס.

צוזאַמען מיט אונדזער יול-באַראַטונג פֿאַרשטייען מיר די שטרעבונג פֿון צ.ק. ק.פּ.או. צו שאַפֿן ווירקלעכע גאַראַנטיעס קעגן דעם אַריינטריט אין דער פּאַרטיי פֿון אַזעלכע מיטגלידער, וואָס אָנערקענען ניט די פּראָגראַם פֿון ר.ק.פּ. און וואָס זייען נאָך ניט צוגעגרייט צו דער אַלגעמיין-פּאַרטעיִשער דיסציפּלין, באַזונדערס אין דעם מאָמענט, ווען אַלע סאָוועטישע פּאַרטייען זיינען אַזוי ערנסט פֿאַרנומען מיט דער פֿראַגע וועגן אָפּרייניקן זייערע רייען פֿון פֿרעמדע עלעמענטן, און וועגן דעם טראַכט אויך אונדזער אָרגאַניזאַציע.

מיר האַלט דעריבער, אַז אויב דער צ.ק. ק.פּ.או. גיט צו דער פֿראַגע וועגן דעם אַריינטריט פֿון די אָרגאַניזירטע ייִדישע קאָמוניסטן אין די רייען פֿון ק.פּ.או. פּונקט אַזאַ ערנסטע באַדייטונג, ווי מיר, דאַן וועט ער ניט שטעלן די לייזונג פֿון דערדאָזיקער פֿראַגע אין אָפּהענגיקייט פֿון די באַדינגונגען, וועלכע זיינען אַנגעמערקט געוואָרן אינם יול-בריוו פֿון צ.ק.

פֿון דער רעזאָלוציע פֿון אונדזער יול-באַראַטונג קענט איר זען, אַז מיר שטעלן ניט אַרויס מער קיין נייע באַדינגונגען אויסער די, וועלכע זיינען שוין אָנגענומען דורכן צ. ק. ר. ק. פּ., ווי אויך דורכן צ. ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ליטע און ווייסרוסלאַנד.

מיר גיבן איבער דער עצעם פּראַקטיק פֿון די אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציִונגען אין דער פּאַרטיי צו אויסגלייכן די שוואַכע ערטער, וועלכע זיינען, לויט אונדזער מיינונג, נאָך פֿאַראַן אין די מאָסקווער רעזאָלוציעס. נאָר מיר ווילן

ניט אַמפּערן זיך קיין איין טאָג איבער פראַגן פון אָרגאַניזאַציאָנעלע קליינ־קייטן און פאַרהאַלטן דערמיט דעם אָנקום פון אַזאַ גרויסער פּאָליטישער געשע־ניש, ווי די צונויפגיסונג פון קאמפאַרבאַנד מיט דער ק. פ. או.

דער הויפּט-קאָמיטעט פון קאָמפאַרבאַנד דער־קלערט, אַז אין פולן הסכם מיט דער רעזאָלוציע פון אונדזער יול-באַראַטונג, איז דער קאָמפאַרבאַנד גרייט טייקעף רעאָרגאַניזירן זיך אין יידישע סעק־ציעס באַ דער ק. פ. או. אַפן געגעוויעם סמאָך פון די מאָסקווער רעזאָלוציעס, אין דער רעדאַקציע, וועל־כע איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן צ. ק. ר. ק. פ.

מאַכנדיק די דאָזיקע דערקלערונג, געפינט איין דער הויפּט-קאָמיטעט פון קאָמפאַרבאַנד, אַז ער האָט דאָס רעכט איינצייטיק צו דערקלערן, אַז דאָס אָפּ־לייגן אַף ווייטער די לייזונג פון דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע וועט זיך מיט דער גאַנצער שווערקייט לייגן אַף דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי פון אוקראַינע. פון זיך נעמען מיר יעדער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט אַראָפּ פאַר דעם.

מיר וואַרטן פון צ.ק. ק.פ.או. אַן אָפיציעלע מעלדונג וועגן זיין פאַרטיי־ניקונג צו די רעזאָלוציעס פון דער מאָסקווער באַראַטונג, וועגן די יידישע סעקציעס, וועלכע זיינען באַשטעטיקט דורכן צ. ק. ר. ק. פ. נאָך דער מעלדונג וועט שוין זיין ניט שווער אַף א געמיינזאַמער באַראַטונג צו צונויפרעדן זיך וועגן אַלע אָרגאַניזאַציאָנעל-טעכנישע פראַגן.

מיט קאָמוניסטישן גרוס.

דער הויפּט-קאָמיטעט פון קאָמפאַרבאַנד.

צו דער ליקווידאַציע פון דער ציאָניסטישער פּאַרטיי.

מעמאָראַנדום.

אין דער ליקווידיר-קאָמיסיע איבער יידישע איניאָנים.

דער הויפּט-קאָמיטעט פון דעם יידישן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד אין אוק־ראַינע לייגט פאָר, אין פולן הסכם מיט דער רעזאָלוציע פון דער קאָנפע־רענץ פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס באַ דער ר. ק. פ. אין מאָסקווע, טייקעף אַרויסגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן אָפּשטעלן די טעטיקייט פון דער ציאָניסטישער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, פון אַלע הילף-אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטן, וואָס אַרבעטן אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

די מאָטיִוון פֿאַר אָנעמען דיִדאָזיִקע באַשטיִמונג זיינען פֿאָלגנדיִקע:

די ראַטנמאַכט האָט, פּראָקלאַמיִרנדיִק דיִ דיִקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט, אינגאַנצן אָפּגעשטעלט די טעטיקייט פֿון אַלע בורזשואַזע פּאַרטייען און אָרגאַניִזאַציעס, פֿאַרמאַכט זייערע פּעריאָדיִשע דרוק־אויסגאַבן, אַף וויִפֿל דיִ פֿרייע עקזיִסטענץ פֿון דידאָזיקע אָרגאַנען און אַנשטאַלטן וואָלטן בלויז געשטערט דער שעפֿעריִשער טעטיִקייט פֿון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט און וואָלט געווען געווענדט אַף צו צוגרייטן און אונטערשטיצן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, וועלכע שטרעבן צו אויפֿשטעלן די אַלטע אָרדענונג. בלויז דורך אַ מיִספֿאַרשטייעניִש, וועלכע קען דערקלערט ווערן מיט דער ניטפּולקאָמקייט פֿון דער ראַטן־אָרגאַניזאַציע, קען מען דערקלערן דעם, אין טאָך ניט פֿאַרשטענדלעכן, אויסנאַם, וועלכער ווערט געמאַכט אין גרויסרוסלאַנד פֿאַר ציאָניסטן, ווו ביִז איִצט דערשיינט דער אָפֿיִציעלער אָרגאַן פֿון דער ציאָניִסטיִשער פּאַרטיי „כראָניק פֿון ייִדיִשן לעבן“, און ווו עס ארבעט פּלאַנמעסיִק די גאַנצע פּאַרטיי־אָרגאַניִזאַציע. לויט איִר אַלגעמיינער פֿיִזאָנאָמיע, איז די ציאָניִסטיִשע פּאַרטיי סײַ איִן סאָציאַלער און סײַ אין פּאָליִטיִשער היִנזיִכט א ייִדיִשע אויפֿלאַגע פֿון דער אלגעמיין־רוסישער קאַדעטיִשער פּאַרטיי. פֿאַרייניקנדיק דיִ פֿאָרשטייער פֿון גרויסן און קליינעם קאַפּיטאַל מיִטן ייִדיִשן קליין־ביִרגערטום און צעמענטירנדיִק זיי מיִט אַ נאַציאָנאַליִסטישער איִדעאָלאָגיע, שטעלט מיִט זיִך די ציאָניסטישע פּאַרטיי פֿאָר צוזאמען מיִט דיִ קלעריִקאַלע גרופּן, וואָס אַרבעטן מיִט איִר איִן קאָנטאַקט, אַ נאַטיִרלעכן פּאָליִטיִשן צענטער, אַרום וועלכן עס פֿאַרייניִקט זיִך די גאַנצע קאָנטער־רעוואָלוציע פֿון ייִדיִשן פֿאָלק, וואָס איִז פֿאַריִנטערעסיִרט אין וויִדעראויפֿשטעלן דיִ פֿריִערדיִקע פֿרייהייט פֿון עקספּלואַטאַציע און ספּעקולאַציע. די פּאָגראָם־באַוועגונג, וועלכע איז לעצטנס דורכגעגאַנגען איִבער אוקראַיִנע און פוילן, וועלכע נערט שטאַרק דיִ נאַציאָנאַליסטישע שטיִמונגען פֿון דעם רעאַקציאָנערן טייל פֿון ייִדנטום, ווערט אויסגענוצט דורך דער ציאָניִסטיִשער פּאַרטיי אַף צו פֿאַרשטאַרקן איִרע פּאָזיִציעס. ס׳איִז דעריִבער זייער נאַטיִרלעך, וואָס איִן זיין לעצטן ציִרקוליאַר צייכנט אָפּ דער צ.ק. פֿון די ציאָניִסטן אַף אוקראַיִנע אַ שטאַרקן וווּקס פֿון זיין אָרגאַניִזאַציע, ניִט קוקנדיִק אַף די פּיִלצוליִקע שטערונגען, וועלכע עס מאכט די ציאָניסטן דיִ מאַכט אַף דיִ ערטער.

דיִ אָפּטע באַהויפּטונג פֿון דיִ ציאָניִסטן וועגן זייער לאָיאַלקייט און פּאַריִנטערעסיִרטקייט בלויז מיט דער פּאַלעסטיִנע־אַרבעט האַלט ניִט אויס די קריטיק שוין דערפֿאַר, וואָס די עצעם פּאַלעסטינע־אַגיִטאַציע איז לויט איר טאָך בלויז אַ נאַציאָנאַליסטישער ענטפֿער אַף די פּאָליִטיִשע טאָג־געשעענישן. אין דעם פּעריאָד, וואָס מיִר לעבן איִצט איִבער, ווען די מאַכט און די קאָמוניסטיִשע פּאַרטיי שטרענגען אָן אַלע קויכעס אַף מאָביליזירן דיִ אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מאַסן אַפּן פֿראָנט קעגן די דעניקישע און פויליִשע באַנדעס, ווען עס האָט זיִך אַיינגעגעבן צו ארויסרייסן טויזנטער ייִדיִשע אַרבעטער פֿון אונטער דער ווירקונג פֿון דער קליינביִרגערלעכער איִדעאָלאָגיע און אַריינגיִסן זיי אין דיִ רייען פֿון דער רעוואָלוציאָנערער רויטער אַרמיי, איִז דיִ ציאָניִסטיִשע

אַגיטאַציע, אַפּילע דאַן, ווען זי ווערט געפירט דורך לינקע ציאָניסטישע גרופּן, אָביעקטיוו שעדלעך און פאַרהאַלט די מאָבּיליזאַציע פון די יידישע מאַסן אַפן פראָנט, פונקט ווי זי האָט פריער געשטערט אַריינציִען די יידישע מאַסן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

נאָר מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז די עצם אויפגאַבע פון דערגרייכן דעם ציאָניסטישן פּאַלעסטינע-אידעאַל איז אַ בורזשואַזע לויט איר אינהאַלט, און בּאַ דער איצטיקער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע פאַרוואַנדלט זי די ציאָניסטישע פּאַרטיי אין איינע פון די מאַכנעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אימפּעריאַליסטישער קאָנטער-רעוואָלוציע.

די ציאָניסטישע פּאַרטיי האָט פאַרבונדן איר גורל מיט דער אַנטאַנטע, וועלכע האָט בּאַ דער צוטיילונג פון טערקיי געגעבן די ציאָניסטן באַשטימטע האַווטאָכעס, דאָס צווינגט די ציאָניסטן צו אונטערשטיצן די אַנטאַנטע-קאַפּיטאַליזם, דער ווערסאַלער שאָלעם, וועלכער שמידט קייטן פאַרן פּראָלעטאַריאַט און פאַר גאַנצע פעלקער, ווערט באַגריסט פון די ציאָניסטן. דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך פאַר זייער בורזשואַזער נאַטור. נאָך מער, די ציאָניסטישע פּאַרטיי איז דירעקט פאַרינטערעסירט אינם ניצאָכן פון דער אַנטאַנטע אין מיזרעך-אייראָפּע: נאָר דער ניצאָכן פון דעניקינען, דער אַנטאַנטעס פאַרבינדעטער, וועט געבן אַ מעגלעכקייט דער ציאָניסטישער פּאַרטיי, כאָטש אַף אַ ביסל נעענטער צו צוגיין צו דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג פון אירע האָפענונגען. אַף אַזאַ אויפן באַדייט דאָס פאַרזעצן די פרייע טעטיקייט פון דער ציאָניסטישער פּאַרטיי—פאָרזעצן אַ פרייע אַרבעט און שאַדטן די אינטערעסן פון דער ראַטנמאַכט און פון איר אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. די מעגלעכע אָנווייזונג פון די ציאָניסטן אַף דעם, אַז יידן זיינען ניט פאַרינטערעסירט אין דעם ניצאָכן פון דער רעאַקציע, דאַרף ניט גענומען ווערן אין אַכט, ווען עס ווערט גערעט וועגן דער יידישער בורזשואַזיע, באַזונדערס וועגן דער ציאָניסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געקענט אַפּילע איינלעבן אויך מיט פּלעוועס רעזשים.

די ציאָניסטישע פּאַרטיי, איינציייטיק מיט איר פּאָליטישער אַרבעט, פירט אויך אַ גרויסע-קולטור-אויפקלערערישע און עקאָנאָמישע אַרבעט, וועלכע ברענגט שאָדן די קולטורעלע און עקאָנאָמישע פּלענער פון דער ראַטנמאַכט און איז דורכגעדרונגען מיט דער איינהייטלעכער שטרעבונג צו איינהאַלטן די פּאָזיציעס פון דער קליינער, מיטלער און אַפּילע גרויסער בורזשואַזיע. די ציאָניסטישע פּאַרטיי, ווי עס איז קענטיק פון דעם לעצטן צירקוליאַר פון איר צ״ק אין אוקראַינע, שטרעבט אומבאַדינגט צו איינהאַלטן דעם אַפּאַראַט פון דער אַזוי גערופענער „דעמאָקראַטישער״ יידישער קעהילע, ווו עס האָט די גאַנצע צייט אָנגעפירט אַ מערהייט פון פאָרשטייער פון דעם קלעריקאַל-ציאָניסטישן בלאָק פון דער ציאָניסטישער פּאַרטיי מיט דער „אַכדוס״.

די סאָוועטישע אָרגאַנען פון סאָציאַלער באַזאָרגונג, וועלכע העלפן די געליטענע פון די פּאָגראָמען, שטעלט די ציאָניסטישע פּאַרטיי אַנטקעגן

דעם דורך איר אָרגאַניזירטן „יידישן הילף-קאָמיטעט" מיט זיין גאַנצער נעץ אַגענטן, וואָס פֿאָרן אַרום איבער דער פּראָווינץ. נאָך פֿון דער צייט פֿון דער העטמאַנשטשינע האָט די ציאָניסטישע פּאַרטיי איינגעהאַלטן דעם אָרגאַניזירטן דורך דער קלעריקאַל-ציאָניסטישער מערהייט פֿון די יידישע קעהילעס אַזוי גערופֿענעם יידישן „נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט", וועלכער דאַרף פֿאַרייניקן אַלע טוער און קעהילע-קאָמיסיעס, ווי עס רעקאָמענדירט דער צ. ק. פֿון דער ציאָניסטישער פּאַרטיי אין אוקראַינע אין זיין לעצטן צירקוליאַר.

באַזונדערס שטאַרק האַלט זיך די ציאָניסטישע פּאַרטיי פֿאַר אירע קולטור-אויפֿקלערערישע אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען פֿאַרייניקט אין דער געזעלשאַפֿט „טאַרבוס". דער ציאָניסטישער פּראָגראַם, אין געביט פֿון קולטור און אויפֿקלערונג, איז פֿרעמד אַפֿילו דער סימען פֿון ליבעראַליזם, מיט וועלכן עס נעמט זיך שטענדיק איבער די קאַדעטישע פּאַרטיי. די טעטיקייט פֿון די ציאָניסטן איז געווענדעט אַף צו פֿאַרשטאַרקן דעם קלעריקאַלן גייסט אין דער יידישער שול. זיי שטיצן דעם רעליגיעזן לימעד אין שול, אָן וועלכן עס ווערט אונטערגעריסן איינע פֿון די אָנשפּאַרן פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער דערציונג. אַלע זייערע קויכעס זיינען געווענדט אַף צו קינסטלעך איינפֿירן די אָפּגעלעבטע העברעישע שפּראַך, צום שאָדן דעם אַלגעמיין קולטורעלן אינהאַלט פֿון דער שול און דער שפּראַך פֿון די יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן. אין קולטור-אויפֿקלערערישן געביט אַרבעט די ציאָניסטישע פּאַרטיי אַקשאָנעסדיק, אונטערייסנדיק, אָפּטמאָל מיט דערפֿאָלג, די קליינע שפּראָצונגען פֿון דער סאָציאַליסטישער קולטור, וועלכע זיינען אַ פֿרוכט פֿון דער פּראָלעטאַרישער יידישער באַוועגונג אין די לעצטע פֿאַר צענדליק יאָר. אין דער הינזיכט איז שוין אַף צו קעמפֿן מיט די ציאָניסטן עטוואָס געטאָן געוואָרן אין גרויס-רוסלאַנד, ווו די העברעישע שולן זיינען פֿאַרבאָטן און פֿאַרמאַכט געוואָרן.

צוליב דעם איז נויטיק דרינגענדיק צו פֿאַרבאָטן יעדער טעטיקייט ניט נאָר פֿון דער ציאָניסטישער פּאַרטיי אין דער פֿערזאָן פֿון איר צענטראַלן און אָרטיקע קאָמיטעטן, נאָר אויך פֿאַרמאַכן אַלע עקאָנאָמישע, קולטורעלע און פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גרופּירן זיך אַרום דער פּאַרטיי. בלויז דורכפֿירנדיק אין לעבן דעמדאָזיקן מאָסמיטל, וועט מען קענען מיט דערפֿאָלג נעמען זיך פֿאַר דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון די קאָמוניסטישע אידייען אין דער סוויווע פֿון דעם יידישן אַרבעטער-קלאַס און צווישן דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר פֿון יידישן קליינבירגערטום.

ראַפּעס, פֿרענקעל, טשעסקין, לעוויטאַן,
לעווקאָווסקי, ראָכקין, אָרשאַנסקי.

4-טן יול—1919 יאָר.

* * *

דער יידישער אָפּטייל באם צ. ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אוקראַינע פּאַרייניקט זיך אײַנגאַנצן צו די אויבנגעבראַכטע מאָטיוון און האַלט פֿון זיין זייט, אַז ס'איז נויטיק אַף אַ דרינגענדיקסטן אויפֿן צו ליקווידירן די טעטי־קייט פֿון דער ציאָניסטישער פּאַרטיי מיט אַלע אירע פּראַקציעס, ווי אויך די קלעריקאַלע פּאַרטיי אונטערן נאָמען „אַכדוס" אָדער אַנדערע נעמען, און אַלע קולטורעלע, פּראָפֿעסיאָנעלע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע עס באַהאַלטן זיך אויס די ציאָניסטן און קלעריקאַלן.

לויטן אויפֿטראָג פֿון דעם יידישן אָפּטייל באַם צ. ק. ק. פּ. או. *)

(אונטערשריפֿט)

4־טן יול—1919 יאָר.

---

*) איידער דער קאָמפֿאַרבאַנד איז צוריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן באַם צ. ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אוקראַינע און באַ די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירט יידישע אָפּטיילן צו פֿירן די יידישע פּאַרטיי־אַרבעט.

די צווייטע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס.

(מאָסקווע פון 2־טן ביזן 6־טן יונ 1919).

די צווייטע קאָנפערענץ פון די יידסעקציעס.

* * *

דער וווקס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דער יידישער פראָ-לעטאַרישער סוויווע, די אַנטשטייונג פון „קאָמפאַרבאַנד" פון ווייסרוסלאַנד און ליטע, די שפּאַלטונג פון „בונד" אין אוקראַינע און דער געבורט פון צווייטן „קאָמפאַרבאַנד" אַף אוקראַינע האָט אַרויסגערופן די נויטיקייט, אז די צענ-טראַל-ביוראָ פון די יידסעקציעס זאָל צוזאַמענרופן אַן אַלרוסלענדישן צוזאַ-מענפאָר פון אַלע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, קעדיי פאַרייניקן אַלע קאָמו-ניסטישע קרעפטן אין דער יידישער פראָלעטאַרישער סוויווע און אויסאַרבעטן אַ געמיינזאַמען פּלאַן פון אַרבעט. אַזאַ צוזאַמענפאָר איז באַשטימט געוואָרן צוזאַמענרופן אין מאָסקווע דעם 1-טן יוני 1919. די צענטראַל-ביוראָ פון ייד-סעקציעס צוזאַמען מיטן יידישן קאָמיסאַריאַט האָבן אין אָנהויב אַפּרעל 1919 יאָר אַרויסגעלאָזן אַזאַ אויפרוף, אין וועלכן עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צום צוזאַמענפאָר אַלע יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און יידישע קאָמיסאַ-ריאַטן פון סאָוועטנרוסלאַנד; אוקראַינע, ליטע און ווייסרוסלאַנד.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן אַלע פאָרבאַרייטונגען, אז דער צוזאַמענפאָר זאָל זיין אַ גרויסער, און דורך דעם צוזאַמענפאָר דעמאָנסטרירן פאַר דער גאַנצער יידישער פראָלעטאַרישער וועלט, אַז דער „בונד" און די אַנדערע יידישע קליינבירגערלעכע „סאָציאַליסטישע" פאַרטייען ווערן צופאַלן, און זייער אָרט פאַרנעמט די קאָמפאַרטיי. אָבער פונקט, ווען מע האָט געמאַכט די פאָר-באַרייטונגען צום צוזאַמענפאָר, האָט זיך איינגאַנצן געביטן די פּאָליטישע לאַגע. אין ליטע האָבן די פּאָליאַקן פאַרכאַפּט ווילנע, און אין אוקראַינע האָט זיך פאַרשפּרייט אַ מוירעדיקע פּאָגראָמען-כוואַליע.

איינציקע פון די אָנגעזעענסטע טוער פון די יידסעקציעס האָבן ניט באַ-וויזן צו אַנטלויפן פון ווילנע און זיינען פאַרבליבן אין דער פּוילישער אָקופּאַ-ציע. דער ח' ז. כאַיקין און נאָך כאַווירים זיינען אומגעקומען, קעמפנדיק אַף די גאַסן פון ווילנע. אין אוקראַינע האָבן גריגאָריעווס באַנדעס, וועלכע האָבן דעמלט געבושעוועט אין דאָרעם-רוסלאַנד, צעשטערט דעם טראַנספּאָרט, און עס איז געוואָרן אומעגלעך צו פאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער. און ווען דער באַשטימטער טאָג פון צוזאַמענפאָר איז געקומען, זיינען זיך צוזאַמענ-געפאָרן נאָר 22 דעלעגאַטן. מיט אַזאַ קליינער צאָל דעלעגאַטן האָט מען דעם

געפּלאַנטן צוזאַמענפאָר ניט געקאָנט עפענען, און מע האָט באַשטימט פון צו-
זאמענפאָר מאַכן אַ קאָנפערענץ.

די זאַיקע קליינע קאָנפערענץ איז אָבער געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע און געהאַט אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג. אַף דערדאָזיקער קאָנפערענץ זיינען געקומען דעלעגאַטן פון די „קאָמפאַרבאַנדן" פון ווייסרוסלאַנד און אוק-ראַינע, און דאָרט איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער דערפאָלגרייכער פרווו, צו ליקווידירן ביידע „קאָמפאַרבאַנדן" און מאַכן פון זיי טיילן פון דער ר.ק.פ. אַף דעם יעסאָד פון יידסעקציעס.

קעגן דעם זיינען אַרויסגעטראָטן אַ גאַנצע ריי דעלעגאַטן פון די „קאָמ-פאַרבאַנדן". גאָרעליק פון באָברויסק, אַבראַם, מאַנדעלסבערג און לעוויטאַן פון אוקראַיניִשן קאָמפאַרבאַנד האָבן שטאַרק באַקעמפט דעם געדאַנק וועגן אָפּשאַפן די „קאָמפאַרבאַנדן" און האָבן דערקלערט:

„אַז די יידישע קאָמוניסטישע באַוועגונג נויטיקט זיך פאָרט אין אירע זעלבשטענדיקע פאָרמען".

אַכוץ די צוויי מיינונגען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר און קעגן זעלבשטענדיקע יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, איז געווען נאָך אַ דריטע מיינונג, וועלכע איז געווען אַפילו קעגן די יידסעקציעס. די מיינונג האָט אַרויסגעזאָגט כייפעץ פון די יידסעקציעס פון אוקראַינע, וועלכער האָט דערקלערט:

„אַז דער סעקציאָניזם איז ניט מער, ווי אַ צייטווייליקע פאָרם און מיר מוזן זען אויסמיידן צו קאָנסערווירן פּאָליטישע אָפּגעשטאַנענקייט מיט איזאָלירטקייט, און מיר מוזן איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר מאַכן, אַז יעדער אויספיר פון קאָ-מוניזם איז דער הייפעך פון וועלכע ניט איז נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען".

די מיינונג האָט קיין אונטערשטיצונג ניט געקראָגן און די קאָנ-פערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם, אַז די סעקציעס זאָלן ווערן אָרגאַנישע טיילן פון דער פּאַרטיי.

די צווייטע וויכטיקסטע פראַגע, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַסאַך מיי-נונגספאַרשיידנהייטן, איז געווען די עקאָנאָמישע אַרבעט פון די יידסעקציעס צווישן די יידישע מאַסן. דער כ' ש. דימאַנשטיין האָט, פונקט ווי די סעקציאָניסטן אַף דער קאָנפערענץ פון דער „יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", אַרויסגעשטעלט אַ שלאַגאָפגאַבע—העלפן די יידישע קליינבירגערלעכע עלע-מענטן, וואָס זיינען רויִנירט געוואָרן דורך דער נאַציאָנאַליזאַציע פון האַנדל.

די זאָיקע מיינונג איז אַף דער קאָנפערענץ באַקעמפט געוואָרן פון די געוועזענע קאָמבונדיסטן, אָבער די גרעסטע מערהייט פון דער קאָנ-פערענץ איז געווען מיט דער מיינונג פון כ' דימאַנשטיין און אָנגענומען אַ רעזאָלוציע ווייטער צו פירן די אַרבעט אַף דעם געביט.

אַכוץ די זאָיקע צוויי וויכטיקע פראַגן זיינען אַף דער קאָנפערענץ באַ-האַנדלט געוואָרן נאָך אַ ריי אַנדערע פראַגן פון אַ צייטווייליקן כאַראַקטער. די קאָנפערענץ האָט געדויערט פינף טעג.

ש. א.

פראָטאָקאָלן פון דער קאָנפערענץ.

דער צוזאַמענשטעל פון דער קאָנפערענץ*).

צו דער קאָנפערענץ זיינען געקומען פאָרשטייער פון אָריאָל, באָברויסק, דובראָוונע, האָמלע, וואָראָנעזש, וויטעבסק, ווילנע, טאַמבאָוו, טולע, יעלעץ, מאָסקווע, מינסק, ניזשני-נאָווגאָראָד, סאמאַרע, סאַראַטאָוו, לעניגראַד, קיעוו, רעזשיצע און ריגע, סאַכאַקל 32 דעלעגאַטן. פון זיי זיינען 19 פון די קאָמוני-סטישע אָרגאַניזאַציעס, 10—פון די קאָמיסאַריאַטן, 2—פון צענטראַל-ביוראָ פון די יידקאָמסעקציעס, 1—פון צענטראַלן ייד. קאָמיסאריאט.

די דעלעגאַטן שטעלן מיט זיך פאָר ביז 800 אָרגאַניזירטע מיטגלידער. אויסער דעם שטעלט מיט זיך פאָר די דעלעגאַציע פון ווייסרוסלאַנד, ווי אַ גאַנצע, ביז 3000 אָרגאַניזירטע מיטגלידער (לויט די דאַטן פון דער מינסקער קאָנפערענץ) און דער אוקראַינער ייד. קאָמ. פאַרבאנד—4000 אָרגאַניזירטע מיטגלידער, אזוי ארום זיינען אף דער קאָנפערענץ געווען פאַרטראָטן 7000 אָר-גאַניזירטע יידישע ארבעטער.

לויט די לענדער איז צענטראַל-רוסלאנד געווען פאַרטראָטן דורך 25 דע-לעגאַטן, ווייסרוסלאַנד—דורך 5 און אוקראַינע—דורך 2.

טאָגאָרדענונג:

1) באַריכט פון דער צענטר. ביוראָ פון די ייד. קאָמ. סעקציעס.
2) באַריכט פון צענטר. יידישן קאָמיסאריאט.
3) באריכט פון מאָסקווער ייד. קאָמ. סעקציע.
4) באַריכטן פון די ערטער.
5) אָרגאַניזאציע-פראַגן.
6) די ארבעט אף דער יידישער גאַס.
7) פרעסע, אגיטאציע און פראָפאַגאַנדע.
8) די באציונג פון די ייד. סאָציאַליסטישע און ניטסאָציאַליסטישע פאַרטייען.
9) וואלן פון א צענטראַלער ביוראָ.

דערעפענונג.

די ערשטע זיצונג.

איידער ס'ווערט אָפיציעל געעפנט די ערשטע זיצונג, ווערן אריינגע-טראָגן צוויי פאָרשלאגן: איינער וועגן דעם, אז די קאָנפערענץ, וואָס קומט פאָר אין אזא וויכטיקן מאמענט, ווי דעם איצטיקן, בעשאַס עס דאַרפן אנגעשטרענגט

*) די פראָטאָקאָלן זיינען געווען געדרוקט אין דער „קאָמוניסטישער וועלט", נומ. 3-4, יונ-יול 1919.

ווערן אלע קויכעס, קעדיי צו באקעמפן די קאָנטער-רעוואָלוציע, זאָל זיך אָנרופן ניט קאָנפערענץ, נאָר צוזאַמענפאָר און דערמיט וויכטיקער מאכן די באדייטונג פון די באשלוסן און באשטימונגען, וואָס וועלן דאָ אנגענומען ווערן. נאָר מיצאַד דעם פרעזידיום מאכט מען אופמערקזאם, אז, ערשטנס, איז ניט וויכטיק דער נאָמען, נאָר דער אינהאלט און, צווייטנס,—זיינען זיך היינטיקן מאָל צוליב פארשיידענע סיבעס צונויפגעקומען ווינציק דעלעגאַטן און דעריבער זאָל עס הייסן קאָנפערענץ.

דער צווייטער פאָרשלאַג איז וועגן דעם, אז די זיצונגען פון קאָפערענץ זאָלן פאָרקומען נאָך מיטיק, ווייל אין דערזעלביקער צייט קומט פאָר אין מאָסקווע א בילדונג-באראַטונג, און עס איז געוווּנטשן, אז די דעלעגאַטן, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען איינצייטיק אויך דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ, זאָלן קאָנען אָנטייל נעמען דאָ און דאָרטן, דער פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען.

מאָנטיק דעם 2-טן יון 8 אַזייגער אָוונט עפנט כ. דימאַנשטיין די צווייטע אַלרוסלענדישע ייד. קאָמ. קאָנפערענץ, לייענט פאָר דעם רעגלאַמענט פון דער קאָנפערענץ און לייגט פאָר אויסצוקלייבן אַ פרעזידיום, וואָס זאָל באַשטיין פון די פאָלגנדיקע אָנגעמערקטע כ"כ: אגורסקי, דימאַנשטיין, כייפעץ (קיעוו), אַלסקי (וואָראָנעזש), מאַנדעלסבערג (מינסק), ראַפאָפּאָרט (פעטערבורג).

ס'קומען אַריין נייע פאָרשלאגן און נאָך די וואַלן ווערט קלאָר, אַז אין פרעזידיום זיינען אַריין די כ"כ דימאַנשטיין, כייפעץ, אַלסקי, מאַנדעלסבערג, שאַפיר (וויטעבסק) און אַגורסקי אַלס סעקרעטאַר.

אין נאָמען פון דער צענטראַלער ביוראָ פון די ייד. קאָמוניסטישע סעקציעס באַקומט דעם ערשטן באַגריסונג-וואָרט דער כ. דימאַנשטיין. ער זאָגט:

— איך פיל מיך גליקלעך, ווען איך פאַרגלייך אונדזער ערשטע קאָנפערענץ מיט דער איצטיקער. דענסטמאָל זיינען מיר געווען ניט מער, ווי אַ קליין הייפעלע אין גרויסרוסלאַנד און האָבן אין אונדזער קליין ווענטעלע אָפגעשפיגלט דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין דער גרויסער וועלט. מיר זיינען דענסטמאָל געווען איינזאַם, אָבער שטאָלץ. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די ברייטע יידישע מאַסן, וואָס האָבן טאָמיד געהאַלטן אַזוי הויך די פאָן פון דער רעוואָלוציע, וועלן נישט פאַרבלייבן לאַנג אין די רייען פון די אָפגעשטאַנענע יידישע פאַרטייען. דאָס זיינען געווען, עמעס, ניט מער, ווי טעאָרעטישע סוואָרעס און האַשאָרעס, אָבער אָט איז געקומען דיווירקלעכקייט און באַוויזן, אַז די יידישע מאַסן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אונטער דער ווירקונג פון זייערע אינטעליגענטע פירער און פאַרפירער.

די יידישע אינטעליגענץ, וואָס איז געווען טאָמיד דורכויס דעמאָקראַטיש, האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן סאָציאַליזם אַף אַזויפיל, אַף וויפל אין אים גופע איז נאָך געווען אַ שטיק דעמאָקראַטיזם און אַף וויפל זיי האָבן נאָר געקאָנט האָבן הינטער זיך די מאַסן.

אָבער ווי נאָר די מאַסן זיינען געוואָרן קאָמוניסטיש, איז די יידישע אינטעליגענץ געוואָרן רעאַקציאָנער און זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון דער

קאָנטער-רעוואָלוציע. און וואָס ווייטער ווערן די ברייטע יידישע מאַסן אַלץ מער און מער אויסגעניכטערט, און איבערגייענדיק צו אונדז, שלעפּן זיי מיט אויך אַ טייל פון דער מער געזונטער אינטעליגענץ, ווי דאָס קומט איצטער פאָר אין אוקראַינע, וווּ די פּאַרטייען „בונד" און „פאַראייניקטע" האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן אין איין קאָמוניסטישן פאַרבאַנד, און פאַר אונדז, יידישע קאָמוניסטן, שטייט איצטער פאָר אַ גרויסע אויפגאַבע אָנצופירן מיט אָט דער גאַנץ גרויסער קאָמוניסטישער באַוועגונג אַף דער יידישער גאַס און ווערן דער אַוואַנגאַרד פון דער יידישער רעוואָלוציע, פּונקט ווי רוסלאַנד איז געוואָרן דער אַוואַנגאַרד פון דער וועלט-רעוואָלוציע.

כ׳ דימאַנשטיין ווייזט נאָך אָן אַף די סיבעס, פאַרוואָס אונדזער קאָנפערענץ האָט בעערך צו ווינציק דעלעגאַטן.

ערשטנס, זיינען דאָס ראָוו פון די מער פאַראַנטוואָרטלעכע כ"כ געבונדן מיט די פראָנטן אין ליטע, ווייסרוסלאַנד און אין אוקראַינע און קאָנען נישט פאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס; צווייטנס, איז דער ניי-געגרינדעטער יידישער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד, וואָס האָט געקאָנט לויט דער צאָל פון זיינע מיטגלידער שיקן אַ ריי דעלעגאַטן פון די פאַרשיידענע אוקראַינישע שטעט און שטעטלעך, נאָך נישט אַריין אין דער רוסל. קאָמ. פּאַרטיי, און דריטנס איז היינטיקן מאָל די צאָל אונדזערע קליין, עס איז אָבער גרויס די אַכראַיעס, וואָס מיר נעמען אַף זיך מיט דער היינטיקער קאָנפערענץ.

צום סאָף דערמאָנט כ׳ דימאַנשטיין די אומגעקומענע פאַר דער צייט כ"כ: שימעליעוויטש *), כאַיקין **), פּייסאַכאָוויטש ***) און ראַטנער ****), און זייער אָנדענק ווערט באַערט מיט אופשטיין.

כ׳ פּעסקאָווסקי, פאָרשטייער פון פאָלק-קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע איניאַנים, אַנטשולדיקט זיך, וואָס ער באַגריסט די קאָנפערענץ אַף רוסיש און נישט אַף יידיש, ווי דאָס וואָלט געפּאַסט פאַר אַ פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלן קאָמיסאַריאַט און מערקט אָן, אַז פאַר די יידישע קאָמוניסטן שטייען פאָר זייער שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אופגאַבן.

ערשטנס, דער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם. צוגלייך מיט דעם, ווי ס׳האָט זיך געעפנט די אָקופּאַציע און באַפרייט די יידישע מאַסן, האָט זיך אָנגעהויבן

---

*) י. שימעליעוויטש, אומגעקומען דעם 2-טן יאַנוואַר 1919 אין ווילנע, ווען די פּוילישע לעגיאָנערן זיינען אָנגעפאַלן אַף דעם ווילנער אַרבעטער-ראַט. קעגן דעם אָנפאַל פון די לעגיאָנערן האָבן די, וואָס האָבן זיך געפונען אין געביידע, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, און ווען עס איז שוין ניט געווען קיין קוילן צו שיסן, האָבן פינף כאַווירים, צווישן זיי דער כ׳ שימעליעוויטש, באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אַבי ניט אַריינפאַלן לעבעדיקע אין די הענט פון סוינע.

**) ז. כאַיקין, אומגעקומען דעם 19-טן אַפּרעל 1919 אַף די גאַסן פון ווילנע, קעמפנדיק קעגן די פּוילישע לעגיאָנערן, וועלכע האָבן דאַן פאַרכאַפּט ווילנע.

***) פּייסאַכאָוויטש איז געשטאָרבן פון טיפוס דעם 16-טן אַפּרעל 1919.

****) ראַטנער איז געפאַלן דעם 27-טן מאַרט 1919 יאָר אַרום האָמעל אין דער צייט, ווען סטרעקאָפּיטאָוו האָט געמאַכט דעם אופשטאַנד אין האָמעל.

אַרויסוויַיזן דער אַנטיסעמיטיזם. דער לעצטער איז ניט נאָר אַ פּראָדוקט פון דער אָפּגעשטאַנענקייט און אומקולטורעלן מאַצעוו פון די שכנים, נאָר אויך פון דעם, וואָס די ייִדישע מאַסן ווייזן ניט אַרויס זייער קאַמף-גייסט.

אין די פריערדיקע צייטן האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם שוין גענומען אויסוועבן, ווייל דער „בונד", לעמאָשל, איז פעסט געשטאַנען אַף זיינע קאַמף-פּאָזיציעס, האָט אָרגאַניזירט זעלבסטשוץ, אַרויסגעוויזן זיין קאַמף-פעיִקייט, און דאָס גופא האָט אַרויסגערופן דערעכערעץ מיצאַד די סאָנים.

נאָר אָט דערזעלביקער בונד האָט טיילווייז אויך מיטגעהאָלפן דעם אַנטיסעמיטיזם דורך דעם, וואָס ער פלעגט האַלטן זיינע מאַסן אָפּגעזונדערט פון די שכנישע אַרבעטער-מאַסן, פירן אַליין שטרייקן, מאַכן סעפּאַראַטע אַרויסטרעטונגען אוכדוימע, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, איזאָלירט די ייִדישע מאַסן, און דער לאָזונג „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך" איז געווען נישט מער, ווי אין די ביכלעך, אָבער ניט אין לעבן.

איצטער אָבער איז די אַנטיסעמיטישע העצע נאָך שטאַרקער געוואָרן, און די קאַדעטן אַפילע, וואָס פלעגן זיך אַמאָל באַריִמען, אַז די געזעלשאַפט גופא האָט אין יענע צייטן געקעמפט מיטן אַנטיסעמיטיזם—זיינען איצטער אויך געשטרויכלט געוואָרן... און די געוועזענע אָפּיצערן הערן ניט אויף צו טרייבן די פּאָגראָם-העצע. און נישט די אַזוי גערופענע „פיינע" געזעלשאַפט קעמפט איצטער קעגן דער מאַקע, נאָר די מאַכט פון די רויטע אַרמייער אונדזערע. ס'איז נאָך אָבער נויטיק, אַז די ייִדישע מאַסן אַליין זאָלן ווידעראַמאָל אַרויסווייזן זייער קאַמף-גייסט און האַנט אין האַנט מיט דער ראַטנמאַכט אויסוואָרצלען דעם פּרווו פון אַ פּאָגראָם און בעמיילע קעמפן אויך קעגן דער קאָנטר-רעוואָלוציע. די צווייטע אויפגאַבע איז—צו ריייניקן און לייטערן די ייִדישע אַרבעטער- מאַסן, וואָס זיינען אין די לענדער פון אָקופּאַציע מאָראַליש געפאַלן. צוליב דעם כורבן פון דער פּראָדוקציע, צוליב דעם שלעכטן עקאָנאָמישן מאַצעוו איז אַ באַדייטנדיקער טייל פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט דעקלאַסירט געוואָרן, זיי זיינען געוואָרן קליינבירגער, לומפּן-בורזשועזן און די אויפגאַבע פון די ייִדישע קאָמוניסטן איז צו פאַרוואַנדלען אָט דידאָזיקע לומפּן-בורזשואַזיע אין אַ פּראָלעטאַריאַט און שטאַרקער מאַכן די רייען פון די ייִדישע קעמפער אַף די שלאַכט-פּאָזיציעס פון דער וועלט-רעוואָלוציע.

איך האָף,—פאַרענדיקט כ' פּעסקאָווסקי,—אַז איר וועט מיט דערפאָלג ביַיקומען דידאָזיקע שווערע אויפגאַבן, און נאָך איַנגיכן וועלן די ייִדישע קאַמף-אָטריאַדן אינייִנעם מיטן גאַנצן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט אָפּשטופן די געפאַר, וואָס רוקט זיך אַף ראַטנרוסלאַנד.

כ' מאַנדעלסבערג, באַגריסנדיק די קאָנפערענץ אין נאָמען פון דעם ייִד. קאָמיסאַריאַט, ווייזט אָן, אַז דער קאָמיסאַריאַט איז אייגנטלעך געווען די ערשטע שוואַלב אַף דער ייִדישער גאַס, און זיין אויפגאַבע איז געווען צו אָרגאַניזירן דעם צעשפּליטערטן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט.

— מיר זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אַף דער ייִדישער גאַס אַרויסגעטראָגן דעם לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט—די ראַטן!" דעמדאָזיקן לאָזונג

האָבן באַלד אויפֿגעכאַפּט די ייִד. אַרב. מאַסן אין ליטע און ווייסרוסלאַנד און אומגעריכט פֿאַר אונדז גופֿא האָט זיך די ווירקונג אונדזערע פֿאַרשפּרייט אַף אַלע קאַנטן פֿון רוסלאַנד, און איצטער שטייט אונדז פֿאָר די גרויסע אויפֿגאַבע צו פֿאַרוואַנדלען דעם ייִדישן קאָמיסאַריאַט אין יענעם מעלוכע-אַפּאַראַט, וואָס זאָל שטאָלץ און זיכער קאָנען אָנפֿירן מיט דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

כ׳ כייפֿעץ, פֿאָרשטייער פֿון דעם צ. ק. פֿון דער אוק. קאָמ. פּ., דער-ציילט פֿון שווערן וועג, וואָס די ייִד. אַרבעטער-מאַסן האָבן דורכגעמאַכט פֿאַר דער לעצטער צייט.

— מ׳קאָן זיכער זאָגן, אַז אינערגעץ האָט דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט נישט דורכגעמאַכט אַזאַ רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, ווי אין אוקראַינע. ער איז פּאָליטיש געשולט און קריסטאַליזירט געוואָרן, ווייל די מאַסן האָבן דאָ געהאַט די גוטע געלעגנהייט זיך צו אַנטוישן אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און צוקוקן זיך צום באַנקראָט פֿון דעמאָקראַטיזם. אַפֿילע די סאַמע אָנגעזעענע אַלטע ייִדישע פֿירער האָבן געמוזט גיין אַף האַנאָכעס, קעדיי צו באַפֿרידיקן די פֿאָדערונגען פֿון די ייִדישע מאַסן. די גאָר רעכטע עלעמענטן זיינען אינ-גאַנצן אומגעקומען, די מיטעלע זיינען באָטל געוואָרן פֿון זיך אַליין, און די איינציקע קראַפֿט, וואָס הערשט איצט אַף דער ייִדישער גאַס אין אוקראַינע, איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

עמעס, מיר מוזן נאָך זיין פֿאָרזיכטיק, די נייע פּאַרטיי איז שוואַך, איז נאָך נישט דיסציפּלינירט, דער קאָמוניסטישער פֿאַרבאַנד קאָן נאָך ניט, אַפּאָניס, אינגאַנצן צוררייסן מיט די אַלטע טראַדיציעס, מיטן סעקציאָניזם, מיטן סעפּאַ-ראַטיזם, און מיר מוזן דאָס אויסראָטן, ווייל דער וועג צום דריטן אינטערנאַ-ציאָנאַל איז דער קלאָרער וועג אויך פֿאַר די ייִדישע אַרבעטער-מאַסן.

און אויסער מיט דער ריין מיליטערישער אַרבעט מוזן מיר אויך אָנפֿירן מיט דער אידעיִשער אַרבעט, און איך בין זיכער, אַז אָט דידאָזיקע קאָנפֿערענץ איז און וועט זיין דער איינציקער יורעש פֿון דער אַלטער סאָצ. דע-מאָקר. פּאַרטיי.

כ׳ טאָמסינסקי, פֿאָרשטייער פֿון דער בילדונג-קאָנפֿערענץ, ווייזט אָן, אַז דער קאַמף פֿאַר אַ וועלטלעכער שול איז אייגנטלעך אַ קאַמף אַ סאָציאַלער.

אין דער צייט, ווען די ייִדישע אינטעליגענץ האָט זיך געקקירעט און געפּילפּלט וועגן ייִדיש און העברעיש, איז געקומען דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט און אַרויסגעוואָרפֿן העברעיש פֿון די שולן, אין דער צייט, ווען אין ווילנע האָבן נאָך געבושעוועט די פּוילישע לעגיאָנערן, האָט זיך אין דער ווילנער ייִדישער קעהילע דעבאַטירט די פֿראַגע—אַף וועלכער שפּראַך זאָלן געשיקט ווערן די איינלאַדונגען...

דאָס באַווייזט אונדז, ווי גרויס עס איז נאָך די רעאַקציע אַף דער ייִדישער גאַס און ווי שווער עס איז די אַרבעט אונדזערע דאָס אַלץ צו באַקעמפֿן.

איך געדענק נאָך אויך די ערשטע קאָנפֿערענץ אונדזערע, ווו מע האָט געוואָלט אָפּטיילן די פּאָליטישע אַרבעט פֿון דער קולטורעלער. אָבער היינט

פֿילן מיר שוין אַלע, אַז קולטור און פּאָליטיק זיינען איינס און אַף אונדזער איצטיקער בילדונג-קאָנפֿערענץ זעען מיר שוין 99 פּראָצענט יידישע לערער, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיטן קאָמוניסטישן גייסט, און איך מיין, אַז די ייד. קאָמוג. קאָנפֿערענץ און די בילדונג-קאָנפֿערענץ זיינען לייבלעכע שוועסטער און קאָנען זיך פֿיל אָפּלערנען איינע פֿון די אַנדערע.

מיט אַ באַגריסונג-רעדע טרעט אַרויס כ׳ לעוויטאַן, פֿאָרשטייער פֿון דעם יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אין אוקראַינע.

— איך האָב דאָס רעכט, זאָגט דער רעדנער, צו באַגריסן אייך נישט נאָר אין נאָמען פֿון דעם ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד אין אוקראַינע, נאָר אויך פֿון גאַנצן אוקר. יידישן פּראָלעטאַריאַט, ווייל אויסער דעם פֿאַרבאַנד זיינען קיין אַנדערע פּאַרטייען ניטאָ מער אַף דער יידישער גאַס אין אוקראַינע. פֿון די אַלטע פּאַרטייען איז פֿאַרבליבן ניט מער, ווי דער שאָלעכץ, יעכידים, קלייז-לעך, וואָס האָבן נאָך ניט דעם מוט איבערצוריסן אינגאַנצן מיט דאָס אַלטע, נאָר גאָר איינגיכן וועלן אויך דידאָזיקע רעשטלעך פֿאַרשווינדן, און אונדזער ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד קוקט זייער אָפּטימיסטיש אַף דער צוקונפֿט.

איר דאַרפֿט ניט פֿאַרגעסן, אַז די יידישע אַרבעטער אין אוקראַינע האָבן דורכגעמאַכט אַסאַך אַ גרעסערן און שווערן פּראָצעס, ווי די אַרבעטער דאָ אין רוסלאַנד. דער יידישער פּראָלעטאַריער פֿון ליטע און ווייסרוסלאַנד האָט גע-זען ניט מער, ווי די רעפּרעסיעס פֿון דער אָקופּאַציע, בעשאַס דער אוקראַיני-שער יידישער אַרבעטער האָט דערזען די זשעדנע אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטן, האָט דערזען, אַז דעמאָקראַטיזם איז ניט מער ווי אַ שירמע, אונטער וועלכער ס׳באַהאַלט זיך די דיקטאַטור פֿון דער בורזשואַזיע. אויך די נאַציאָנאַל-פּערסאָ-נעלע אַוטאָנאָמיע, וואָס איז אין אוקראַינע געווען אַ פֿאַקט, האָט באַוויזן, אַז דאָס איז ניט מער, ווי אַ געווער אין די הענט פֿון די הערשנדיקע פּאַרטייען, וועלכע האָבן מיט איין האַנט געגעבן אַוטאָנאָמיע און מיט דער צווייטער האָט מען געמאַכט פּאָגראָמען. אַזוי אַרום האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט זיך איבערגעצייגט, אַז דער וועג צו באַפֿרייונג איז נאָר דער וועג פֿון קאָמוניזם.

וויכטיק איז נאָר דאָס, וואָס די באַזע פֿאַרן קאָמוניזם איז געשאַפֿן גע-וואָרן איניוועניק אין די פּאַרטייען גופֿא. ס׳איז שוין פֿון לאַנג גערעט געוואָרן וועגן אַ פֿאַרשמעלצונג צווישן „בונד" און די „פֿאַריייניקטע", נאָר דענסמאָל איז דאָס אַלץ ניט געלונגען. דער קאָמוניזם אָבער האָט דידאָזיקע פֿאַרשמעל-צונג געמאַכט מעגלעך. און איצטער איז שוין פֿאַר אַלעמען קלאָר, אַז אַף דער דיקטאַטור פֿון דער בורזשואַזיע איז דאָ נאָר איין איינציקער ענטפֿער: „די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט!"

אונדז שטייען איצטער פֿאָר צוויי וויכטיקע אויפֿגאַבן: ערשטנס, פֿאַרבינדן זיך מיט דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און, צווייטנס, פֿאַרייניקן זיך מיט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פֿון אַלע קאַנטן פֿון רוסלאַנד און מיט די קאָ-מוניסטן פֿון אַלע איבעריקע לענדער. איר אין רוסלאַנד האָט שוין גרויסע קאָמוניסטישע דערפֿאַרונג און מיר אין אוקראַינע האָבן די ברייטע יידישע

מאַסן, דעם גרויסן אַפּאַראַט, און דאָ קאָנען מיר איינע די אַנדערע אַסאַך מיט-העלפן און מיטווירקן.

כ׳ קאָראַלסקי, פאַרשטייער פון וואַרשעווער קאָמוניסטישן קאָמיטעט, מאָלט די פינצטערע רעאַקציע, וואָס בושעוועט איצטער אין פוילן, און ווייזט אָן, אַז גראָד אַט דידאָזיקע פינצטערע כמאַרעס זיינען ניט מער, ווי וואָלקנס פאַר אַ געוויטער, וואָס דאַרף אָט-אָט אויסברעכן. אַלס באַווייז קאָן דינען די דערשיינונג, וואָס די אַרבעטער-מאַסן, קאָנצענטרירטע אַרום די „פויעלי ציאָן" און „בונד", גייען אַלץ מער און מער איבער אין די רייען פון קאָמוניסטן. די פוילישע כ״כ שלינגען יעדן וואָרט, וואָס דערגייט צו זיי פון דאַנען, און אונדזער אופגאַבע איז וואָס מערער קומען זיי צו הילף און פאַרגיכערן דעם פראָצעס פון קאָמוניסטישן אויסברוך אַף דער יידישער גאַס אין פוילן.

כ׳ אַבראַם באַגריסט די קאָנפערענץ אין נאָמען פון הויפט-קאָמיטעט פון ווייסרוסלאַנד און ווייזט אָן, אַז אין דער צייט, ווען גרויסרוסלאַנד האָט איבער-געלעבט די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, אוקראַינע—סקאָראָפּאַדסקין, האָט אָבער ווייס-רוסלאַנד גאַנץ אַליין און זעלבשטענדיק געשאַפן דעם באָדן פאַרן יידישן קאָ-מוניזם, ווייל ליטע און ווייסרוסלאַנד זיינען פון טאָמיד אָן געווען דאָס ווי-געלע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. אין באָברויסק, לעמאָשל, האָבן זיך אַרבעטער מיט בערד גלייך געשטעלט אַף אונדזער צאַד, און מיר האָבן געבראָכן די אַלטע פעסטונגען פון די יידישע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען. דאָס-זעלביקע האָט שוין איצטער געטאָן אוקראַינע, און איך האָף, אַז די דריטע קאָנ-פערענץ וועט שוין זען די פאַרשטייער אויך פון די אָקופירטע ליטע און פוילן.

כ׳ דימאַנשטיין, רעזומירנדיק די אַלע באַגריסונגען, שטרייכט אונטער, אַז די היינטיקע קאָנפערענץ, וואָס באַווייזט אונדז, ווי ריכטיק אונדזער פרי-ערדיקער וועג איז געווען, לייגט אַרוף אַף אונדז זייער גרויסע און שווערע היסכאַיוועסן.

פריער זיינען מיר געווען אַליין, און איצטער זיינען מיט אונדז אַלע. פריער, ווען מיר זיינען געווען ניט מער, ווי א קליין הייפעלע, האָבן מיר נאָך געקאָנט באַשולדיקן די יעניקע, וואָס גייען ניט מיט אונדז און העלפן אונדז ניט אין דער ארבעט, איצטער אָבער האָבן מיר אַרום זיך די ברייטע אַרבע-טער-מאַסן פון אוקראַינע, ליטע, ווייסרוסלאַנד און פוילן, און דידאָזיקע מאַסן, זייענדיק מיט אונדז, טוענדיק דאָס, וואָס מיר זאָגן, האָבן דאָס רעכט פון אונדז צו פאָדערן און מאָנען, און איצטער טאָקע, ווען מיר קאָנען שוין זאָגן און מוזן שוין זאָגן, ווערט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אונדזערע נאָך אַסאַך גרעסער.

— ווינטש איך,—פאַרענדיקט כ׳ דימאַנשטיין,—אַז דידאָזיקע קאָנפערענץ זאָל זיין וואָס מער פראָדוקטיוו און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שווערער שע-פערישער אַרבעט, צו וועלכער מיר טרעטן איצטער צו.

מיטן געזאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל ווערט געשלאָסן די ערשטע פייער-לעכע זיצונג פון דער צווייטער קאָמוניסטישער קאָנפערענץ.

די צווייטע זיצונג.

די צווייטע זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ עפֿנט זיך דינסטיק, 5 אזייגער נאָך מיטיק מיטן באַריכט פֿון כ׳ אַגורסקי וועגן דעם צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט.

כ׳ אַ ג ו ר ס ק י מעלדעט, אַז אייגנטלעך גיט ער אָפּ ניט קיין באַריכט, נאָר מאַכט א מעלדונג, פֿאַר וואָס די ארבעט פֿון יידישן קאָמיסאריאַט איז די ערשטע צייט געווען ניט פּרוכטבאר.

ערשטנס, צוליב דעם, וואָס פֿון אָנהויב איז מען געווען אַ הייפֿל פֿון אַ מאַן 5-6, וואָס ניט יעדער פֿון זיי איז אַפּילע גוט באקאנט געווען מיטן יידישן לעבן און מיט דער יידישער גאַס. דערצו איז מען נאָך ביקלאַל געווען אָפּגעריסן פֿון דער ברייטער יידישער גאַס און דאָס ביסל יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך געפֿונען אין צענטראַל-רוסלאַנד, האָט, נאָכטאַנצנדיק די רוסישע אינטעליגענץ, זיך באַצויגן פֿיינטלעך צום יידישן קאָמיסאריאט.

דאָך אָבער האָט זיך אונדזער ארבעט ווי פֿון זיך אליין אַנטוויקלט, און שוין אין אָקטיאַבער פֿון פֿאָריקן יאָר האָבן מיר צונויפֿגערופֿן די ערשטע יידישע קאָנפֿערענץ, וואָס האָט אונדז באַוויזן, ווי גרויס עס זיינען אונדזערע מעגלעכקייטן און בעמיילע אויך אונדזערע אויפֿגאַבן.

באַלד, ווי נאָר אין דייטשלאַנד איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע און עס האָבן זיך פֿאַר אונדז געעפֿנט די אָקופּירטע געגנטן, האָבן מיר אָנגעהויבן שיקן אַהין אונדזערע כ״כ און דאַווקע די בעסטע, אַזוי אַז דאָ, אין צענטער, זיינען מיר נאָכמער אָרעמער געוואָרן אין קרעפֿטן, און דערפֿאַר זיינען מיר דאָ צייטנווייז געווען אַזוי אומבאַהאָלפֿן, איבערהויפּט נאָך, ווען כ׳ דימאנשטיין איז לויט דער באשטימונג פֿון צ. ק. אָפּגעפֿאָרן אין ווילנע אַף א וויכטיקן מעלוכעפּאָסטן. דערצו איז נאָך אונדז אויסגעקומען צו פֿירן אַ קאַמף פֿאַר אונדזער אייגענער עקזיסטענץ אַף די ערטער, ווייל פֿאַר די יידישע קאָמיסאַריאַטן פֿלעגן אַסיגנירט ווערן אַזעלכע קליינע סומען, אַז זיי פֿלעגן קאַם עפּשער קלעקן אַף טינט און פֿעדער.

אַזוי אַרום זיינען מיר געווען אָפּגעריסן איינע פֿון די אַנדערע און געוויס אויך באַגאַנגען אַסאַך פֿעלערן, איבערהויפּט נאָך בעגויגייע צו דער פּראָווינץ. נאָר די הייַנטיקע קאָנפֿערענץ דאַרף זיך ניט פֿאַרנעמען מיט דער קריטיק פֿון די באַגאַנגענע פֿעלערן, אַף וועלכע איך אַליין האָב שוין אָנגעוויזן, נאָר, פֿאַרקערט, זי דאַרף זוכן די וועגן און מיטלען, ווי אזוי אַף לעהאַבא די פֿעלערן ניט צו באגיין און אַיינשטעלן אַן איינהייטלעכע שעפֿערישע אַרבעט אַף אַלע אונדזערע געביטן.

דער צווייטער באַריכט-אָפּגעבער פֿון דער צענטראַלער ביוראָ פֿון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס איז כ׳ דימאַנשטיין.

— ניט געקוקט אַף דעם,—זאָגט דער רעדנער,—וואָס מיר זיינען געווען אזוי קליין אין קאַמעס, איז דאָך געלונגען פֿיל אָפּצוטאָן. די צענטראַל-ביוראָ האָט געקוקט אפֿן קאָמיסאַריאַט, ווי אַף אַ מיטל, ווי אַזוי אָנצווענדן די מאַכט אין די אינטערעסן פֿון קאָמוניזם. פֿאַרשטייט זיך, אַז קאָלזמאַן מיר זיינען גע-

ווען באַגרענעצט מיט צענטראַל-רוסלאַנד, ווו עס פעלן די קאָמפּאַקטע ייִדישע מאַסן, האָבן מיר זיך נאָר געקענט פאַרנעמען מיט צוגרייטונג-אַרבעט, און ווי נאָר עס איז געוואָרן אַ מעגלעכקייט איבערצוטראָגן אונדזער אַרבעט אין די ערטער פון דער אָקופּאַציע, האָבן מיר דאָס גלייך געטאָן.

איינער פון אונדזערע בעסטע כ"כ—שימעליעוויטש—איז אָפּגעפאָרן אין ווילנע נאָך איידער די ראַטן-מאַכט האָט די שטאָט פאַרנומען, און, צו אונדזער גרויס באַדויערן, איז ער דאָרט אומגעקומען, און זיין קייווער איז געוואָרן פאַר אונדז דער ערשטער מאַשקן פון אונדזער ניצאָכן. דאָך האָט ער פאַר דער קורצסטער צייט פון זיין טעטיקייט באַוויזן פיל אויפצוטאָן, עס איז געשאַפן געוואָרן א צייטונג „קאָמוניסט", וואָס איז געווען די ערשטע קאָמוניסטישע שוואַלב אף די גאַסן פון ווילנע, פון דער ווילנע, וועלכע איז פון טאָמיד אָן געווען דאָס וויגעלע פון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג, דער ערעץ-ייִסראָעל פון בונד, און אָט דעמדאָזיקן „ערעץ-יסראָעל" האָבן ייִדישע קאָמוניסטן געדאַרפט באַזיגן, און מיר האָבן אים טאַקע באַזיגט. אונדזער אַרבעט איז ניט פאַרלאָרן געגאַנגען, אונדזערע מיטינגען, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער איבערצייגט, און אונדזער פּרעסע האָבן געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג.

עס איז אונדז אויסגעקומען צו פירן אַ ביטערן קאַמף מיטן „בונד", כאָטש איינקע האָבן אונדז אויפגעוואָרפן, אַז די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס זיינען אייגנטלעך ניט מער, ווי אַ צווייטע אויפלאַגע פון דעמזעלביקן בונד...

ניין, כ"כ, עס איז אַ גרויסער טאָעס, רעד בונד, ווי מיר ווייסן, פלעגט די ייִדישע מאַסן האַלטן אָפּגעזונדערט פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג, זיין איזאָלירט, בעשאַס מיר, ייִדישע קאָמוניסטן, זיינען אין פּאָליטישן זין אַבסאָלוט גיט זעלבשטענדיק, ווייל מיר זיינען א טייל פון דער רוסל. קאָמ. פּאַרטיי, און ניט דער אינהאַלט שיידט אונדז אָפּ פון דער פּאַרטיי, נאָר די פאָרם און די וועגן, ווי אַזוי אָט דעם אַלגעמיינעם אינהאַלט אונדזערן אַרויסטראָגן און איינצופלאַנצן אף דער אָפּגעשטאַנענער ייִדישער גאַס. אָט דערפאַר זיינען אַזוי נויטיק די ייִדישע קאָמ. סעקציעס, וואָס זיינען לעבעדיקע גלידער פון דער מעכטיקער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

כ׳ כ י י פ ע ק גיט אָפּ א באַריכט פון די ייִדישע קאָמ. סעקציעס אין אוקראַינע און באַמערקט, אַז זיין באַריכט קאָן אייגנטלעך זיין גאַנץ קורץ, ווייל דער אוקראַינישער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט פאַנאַנדערגעלאָזט די ייִד קאָמ. סעקציעס.

די קאָמונ. פּאַרטיי האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע, צו לאָזן פריער די ייִדישע לינקע גרופּן פון זיך אליין רייף ווערן און ניט אַריינעמען זיי אין דער פּאַרטיי, נאָך איידער זיי האָבן זיך נאָך ניט גענוג געלייטערט און ניט אויסגעוועבט פון זיך די אלטע נאַציאָנאַליסטישע נעטיעס, וועלכע זיי האָבן באַקומען ביערושע פון „בונד" און די „פאַריניקטע". די קאָמ. פּאַרטיי האָט זיך אָך באַמיט צו שטיצן דידאָזיקע גרופּן גייסטיק און מאַטעריעל, קעדיי דעמדאָזיקן פּראָצעס צו פאַרגיכערן.

דערצו דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז אין אוקראַינע זיינען ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און אַלע פיר שפּראַכן (רוסיש, אוקראַיניש, יידיש און פּויליש) זיינען גלייכבאַרעכטיקט, זיינען מעלוכע-שפּראַכן. און אויב דער ניי-געגרינדעטער ייד. קאָם. פאַרבאַנד מיינט, אַז אים וועט געלינגען צו גרופּירן ארום זיך די ברייטע יידישע מאסן—דאַרף איך אָנווייזן, אַז אין ערד קאָם. פּאַרטיי איז דאָ ניט ווינציקער יידישע מיטגלידער, ווי אין דעם פאַרבאַנד.

עס איז אויך אַ טאָעס, ווי כ׳ דימאַנשטיין מיינט, אַז דער יידישער קאָמיסאַריאַט איז ניט מער, ווי דער טעכנישער אויספירונג-אַפּאַראַט פון די ייד. קאָם. סעקציעס. ניין, דער פּאָליטישער אינהאַלט פון אַ קאָמיסאַריאַט איז אַוטאָנאָמיע, און עס איז ניט נאָר קיין טעכנישער מיטל. עס קען דאָ נאָר גערעט ווערן וועגן יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס, וואָס זאָלן אָנפירן און רעגולירן די אַרבעט באַ די אַלגעמיינע פאָלק-קאָמיסאַריאַטן. אַזוי, לעמאָשל, שפּילט באַ אונדז די ייד. סעקציע באַם פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר מיליטער זייער אַ וויכטיקע ראָל, ווייל זי פאַרנעמט זיך מיטן אריינציען די ברייטע יידישע מאַסן אין דער רויטער אַרמיי, וואָס דאַרף באַקעמפן די קאָנטער-רעוואָלוציע. אָט די קאָנטער-רעוואָלוציע, וואָס האָט אונדז געשטעלט די פראַגע אף לעבן און טויט, אף זיין, אָדער ניט זיין, און באַ דער איצטיקער צייט מוזן מיר אַלע שטרעבן צו דער פאַרפעסטיקונג פון דער איינהייטלעכער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

כ׳ מאַנדעלסבערג גיט אָפּ אַ באַריכט פון יידישן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד אין ליטע און ווייסרוסלאַנד.

באַ גאָר באַזונדערע אומשטענדן און באַדינגונגען,—זאָגט דער רעדנער,—איז אויסגעקומען איינצושטעלן די יידישע קאָמוניסטישע אַרבעט אין ליטע און ווייסרוסלאַנד. מיר האָבן נאָך דאָ אָנגעטראָפן א שטאַרקן קעגנער—דעם אַלטן רעכטן „בונד״,—מיט וועמען עס זיינען נאָך געגאַנגען די יידישע אַרבעטער. דאָ האָבן מיר ניט געקאָנט אופרייסן דעם בונד, ווי אין אוקראַינע, ווייל די אָרטיקע באַדינגונגען האָבן אונדז אין דעם געשטערט. ליטע און ווייסרוסלאַנד—דאָס איז דאָך דאָס וויגעלע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, דאָ איז דאָך אויסגעוואַקסן און געאַרבעט דער בונד.

אונדזער ארבעט האָט איבערגעלעבט דריי פּעריאָדן. דעם ערשטן פּעריאָד, באַלד ווי די ראַטן-מאַכט איז אריין אין מינסק, איז גלייך געשאַפן געוואָרן אַ סעקציע באַ דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע, נאָר זי האָט ניט געקאָנט זיך אַנטוויקלען. ערשטנס, האָבן אונדזערע כ״כ געקוקט אַף איר קרום, מען פאַרנעמט זיך, הייסט עס, מיט נאַציאָנאַליזם, און, צווייטנס, האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, וואָס מען האָט געמוזט ליקווידירן אַלע סעקציעס באַ דער פּאַרטיי, ווייל די ווייסרוסישע סעקציע האָט אָנגעהויבן פירן אַ מיעסע פּאָליטיק, דאָרטן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט עמעסע שאָוויניסטן, וועלכע האָבן געוואָלט „פאַרכאַפּן״ די מאַכט פון שטאָטישן קאָמיטעט, ווייל דאָ איז ווייסרוסלאַנד,—האָט מען די סעקציע ליקווידירט און מעמיילע שוין געמוזט ליקווידירן אַלע איבעריקע סעק-

ציעס. איצטער הויבט זיך אָן דער צווייטער פעריאָד, ווען מען האָט געגעבן ברייטע מענלעכקייטן צו ארבעטן צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. אינ־גאַנצן ניט פירן קיין באזונדערע ארבעט צווישן די יידישע מאַסן—וואָלט געווען אָן אומזין, איבערהויפּט נאָך אין מינסק. דאַן איז געשאַפן געוואָרן די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

דאָס באשאפן פון דער פּאַרטיי האָט אָנגעמאכט אַ רוישעם. עס זיינען אַריבער „בונדאָווצעס", וועלכע האָבן געאַרבעט אין „בונד" 16 יאָר, גאַנצע גרופּן האָבן אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן אַריינגיין אין דער פּאַרטיי. אין דער צייט האָט זיך אנטוויקלט זייער א ברייטע ארבעט. קימאט אלע פּראָ־פעסיאָנעלע פּאַריינען זיינען געווען אונטער אונדזער ווירקונג. דער בונד האָט זיך שרעקלעך דערשראָקן פאַר דער פּאַרטיי, זיי האָבן איינגעאָרדנט ספּעציעלע מיטינגען, געווידמעט דער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין דער קורצער צייט איז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ, וווּ מע האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַרבעט און עס איז באשלאָסן געוואָרן די פּאַרטיי צו פאַרוואַנדלען אין אַ יידישן קאָמוניסטישן פּאַרבאַנד.

דער דריטער פעריאָד איז איצטער, ווען די פּוילן האָבן פאַרנומען ווילנע. קימאט די גאַנצע פּאַרטעישע אַרבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אלע כאַווײ־רים האָט מען מאָביליזירט, און אויסער דעם זיינען אין דער שפּיץ פון די פּאַרטיי-אַנשטאלטן געשטאנען בלויז פּוילישע כאַוויירים, וועלכע ווילן ניט דער־לאָזן און קוקן קרום אף א באזונדערער יידישער אָרגאַניזאציע. זיי שטערן פּאַקטיש די אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער. דאַן האָבן מיר באוויזן אין משך פון 4-5 כאַדאָשים זייער פיל אופצוטאָן.

כאַווער לעווי טאַן, אָפּגעבנדיק א באריכט פון דעם יידישן קאָמוניסטישן פּאַרבאַנד פון אוקראַינע, מערקט אָן: אייגנטלעך איז נאָך צו פרי צו געבן אַ באַריכט וועגן דעם אויבנדערמאָנטן פּאַרבאַנד, וועלכער פאַרמאָגט נאָך ניט קיין געשיכטע, נאָר אַ פאָרגעשיכטע, און זיין פאָרגעשיכטע איז די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג ביקלאל. די אייגנאַרטיקע באדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן די יידישע ארבעטער אין אוקראַינע, האָבן געבראַכט צו דער געבורט פון דעם ייד. קאָמ. פּאַרבאנד.

עס איז ניט ריכטיק ווי כ' כייפּעץ מיינט, אַז די קאָמ. פּאַרטיי האָט מיט־געהאָלפן, אַז דערדאזיקער פאַרבאנד זאָל געגרינדעט ווערן. פאַרקערט, די פּאַרטיי האָט געשטערט דעמדאזיקן פּאַרבאַנד, וואס איז געבוירן געוואָרן ניט אונטער, נאָר קעגן דער ווירקונג פון דער פּאַרטיי.

עס איז אויך ניט וויכטיק די צאָל מיטגלידער דאָ צו דאַרטן, ווייל מיר ריידן ניט פון קאָמעס, נאָר פון אייכעס אין דער קאָמ. פּאַרט. אין אוקראַינע איז טאַקע בעשום אופן ניט געלונגען צו שאַפן די קאָמוניסטישע שטימונג צווישן די יידישע מאסן, בעשאָס דעם פּאַרבאַנד איז דאס גראָד געלונגען. דאָס איז דערפאַר, ווייל מיר יאָגן זיך ניט נאָך שמאלקייט אדער ברייטקייט, נאָר מיר גייען מיט דער נאַטור.

דער נאַטירלעכער דראַנג צו אַ פֿאַרשמעלצונג צווישן בונד און די פֿאַ-רייניקטע האָט זיך שוין געמערקט פֿון לאַנג, נאָר צוליב געוויסע סיבעס איז זי ניט פֿאָרגעקומען, בעשאַס די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט דאָס אָבער יאָ געמעכט פֿאַר מעגלעך. עס קאָן דאָ, פֿאַרשטייט זיך, קיין רייד ניט זיין וועגן אַ באַזונדער פּאַרטיי מיט אַ באַזונדער נאַציאָנאַלער אַרבעט אַף דער יידישער גאַס. דער ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד איז פֿריי פֿון אַלערליי נאַצ. אַווטאָנאָמיע-גאַ-ראַנטיעס. פֿאַרקערט, באַ דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט איז אַפֿילע שעד-לעך צו פֿאָדערן וועלכע עס איז גאַראַנטיעס. עס דאַרף נאָר באַשאַפֿן ווערן דער נויטיקער אָרגאַן באַ דער מאַכט, קעדיי צו קאָנען באַפֿרידיקן די אייגנ-אַרטיקע אינטערעסן.

דער פֿאַרבאַנד איז ניט קיין מעלוכע אין אַ מעלוכע, נאָר אַן אָרגאַן פֿון דער מעלוכע. אַלס אַזוינער האָבן מיר פֿאַר זיך איין אויפֿגאַבע, און דאָס איז רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. וואָס פֿאַר אַ פֿאָרמען דידאָזיקע אַרבעט וועט אָנעמען אַף דער יידישער גאַס, וועט ווייזן די צוקונפֿט, איינס אָבער איז קלאָר, אַז די קאָמוניסטישע שטימונג צווישן יידישע אַרבעטער קאָן געהויבן ווערן נאָר דורך דעם קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד.

כ׳ לעוויטאַן לייענט דורך די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען גע-וואָרן אַף דער קאָנפֿערענץ פֿון ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד אין אוקראַינע וועגן דעם אַריינטריט אין קאָמפּאַרטיי, און מיר געפֿינען פֿאַר נויטיק זי איבערצו-געבן, ווייל זי מערקט אָן די אָרגאַניזאַציע-פֿאָרמען פֿון דער אויפֿגעקומענער יידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

די רעזאָלוציע הויבט זיך אָן אַזוי:

„די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אין אוק-ראַינע באַפֿולמעכטיקט דעם הויפּט-קאָמיטעט אָנהויבן גלייך צו פֿירן אונטער-האַנדלונגען מיט דעם צ. ק. פֿון דער קאָמ. פּאַרטיי אין אוקר. וועגן דעם אַריינטריט פֿון דעם ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד אין דער קאָמ. פּאַרטיי פֿון אוקראַינע אַף פֿאָלגנדיקע יעסוידעס.

1. די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון דעם ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד טרעטן אַריין אין דער אוקר. קאָמ. פּאַרטיי און ווערן דערקלערט אַלס יידישע סעקציעס פֿון אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און גיסן זיך צונויף מיט די אָרטיקע סעקציעס, וו׳ אַזעלכע האָבן שוין עקזיסטירט פֿון פֿריער.

אַלס מיטגלידער פֿון יידישע סעקציעס באַ זייער איבערעגיסטרירן זיך רעכענען זיך די אַלע, וואָס אָנערקענען די פּראָגראַם און די טאַקטיק פֿון דער אוקר. קאָמ. פּאַרטיי און פֿאַרפֿליכטן זיך אונטערצוואַרפֿן זיך דער אַלגעמיינער פּאַרטיי-דיסציפּלין.

נייע מיטגלידער ווערן אָנגענומען דורך דער יידישער סעקציע און ווערן פֿאַרעכנט אין דער פּאַרטיי דורך די אַלפּאַרטעיִשע אָרטיקע אַנשטאַלטן אַפֿן יעסאָד פֿון אַלגעמיינעם פּאַרטיי-רעגלאַמענט.

2. דער ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד, ווי אַ מאַסן-אָרגאַניזאַציע פֿון יידישע אַר-בעטער, שטעלט זיך דעם ציל:

א) די אָרגאַניזירונג פֿון די יידישע אַרבעטער און דאָס פֿאַרשפרייטן צווישן זיי די קאָמוניסטישע אידייען.

ב) דורכפֿירן אין לעבן אַלע באַשלוסן פֿון דער אוקר. קאָמ. פּאַרטיי.

ג) אויסאַרבעטן די פּאָליטישע ליניע און אָנפֿירן מיט דער טעטיקייט פֿון די צענטראַלע און אָרטיקע אַנשטאַלטן פֿון דער ראַטנמאַכט אין די ראַמען פֿון די אַלגעמיינע דירעקטיוון פֿון דער אוקר. קאָמ. פּאַרטיי און פֿון די געהעריקע פֿאָלק-קאָמיסאַריאַטן.

3. די מיטגלידער פֿון די יידישע סעקציעס נעמען אָנטייל לויט די אַלגעמיינע יעסוידעס אַף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון אוו. ק. פּ. אַף די צוזאַמענפֿאָרן, קאָנפֿערענצן, ווי אויך אין וואַלן פֿון אַלפּאַרטעישע אָרטיקע, גובערניאַלע און צענטראַלע פֿאַרוואַלטונגען.

אַלע באַשלוסן פֿון די אַלע אַלפּאַרטעישע איינריכטונגען זיינען אָבלי-גאַטאָרישע פֿאַר די ייד. קאָמ. סעקציעס און אויך פֿאַרן ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד.

באַ די יידישע סעקציעס ווערן אָרגאַניזירט גרופּן פֿון מיטפֿילנדיקע, יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, אַלשטאָטישע און ראַיאָנע אַרבעטער-קלובן, פּאַרטיי-שולן און אַנדערע נויטיקע הילף-אַנשטאַלטן.

4. דער ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד האָט זיינע צוזאַמענפֿאָרן און קאָנפֿערענצן פֿון פֿאָרשטייער פֿון די אָרטיקע יידישע סעקציעס, זיין אָרטיקן און הויפּט-קאָמיטעט און זיין אייגענע פּרעסע, דער ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד, אַלס גאַנצער, אַרבעט, ווי אַ יידישע סעקציע פֿון דער אוקר. קאָמ. פּאַרטיי״.

כ׳ ע ק ש ט א ט (ריגע), אָפּגעבנדיק אַ באַריכט פֿון דער לעטלענדישער ייד. קאָמ. סעקציע ווייזט אָן אַף די שווערע באַדינגונגען, אונטער וועלכע עס איז זיי אויסגעקומען צו אַרבעטן.

ערשטנס, דער קאַמף מיטן „בונד״ און די „פֿאַריייניקטע״, וואָס דער גרעסטער טייל זייערער איז באַשטאַנען פֿון ספּעקוליאַנטן. צווייטנס, די אָפּגע-ריסנקייט פֿון דער לעטלענדישער קאָמ. פּאַרטיי, וועלכע האָט ניט פֿאַרשטאַנען די ייד. קאָמוניסטן, פֿונקט ווי מיר האָבן זיי ניט פֿאַרשטאַנען, ווייל אַלץ האָט זיך געפֿירט אין דער לעטישער שפּראַך, וועלכע איז פֿאַר אונדז קימאַט, ווי ניט צוגענגלעך.

דאָך איז געלונגען אַוועקצושטעלן אַ צייטונג „דער רויטער עמעס״, וואָס איז עפּשער געווען אַ שלעכטע צייטונג, אָבער דאָך האָט זי געהאַט אַ באַ-שטימטע ווירקונג אַף די לינקערע עלעמענטן.

כ׳ א ל ס ק י (וואָראָנעזש). איידער ער גייט צו צום באַריכט וועגן דער טעטיקייט פֿון וואָראָנעזשער גובערנסקן קאָמיסאַריאַט מערקט אָפּ דעם פֿאַקט, וואָס די וואָראָנעזשער יידישע סאָציאַל. אָרגאַניזאַציעס פֿון בונד, פֿאַריייניקטע און „פּועליי ציון״ האָבן זיך ניט נאָר באַצויגן מיט מיטגעפֿיל צום ייד. קאָמי-סאַריאַט, נאָר האָבן אַפֿילע גענומען אַ דירעקטן אָנטייל באַם אָרגאַניזירן אים, אין דער צייט, ווען די צענטראַלע אָרגאַנען פֿון די אויבנדערמאָנטע פּאַרטייען האָבן זיך דאַווקע באַצויגן נעגאַטיוו צו די קאָמיסאַריאַטן.

נאָך דערדאָזיקער באַמערקונג גייט כ׳ אַלסקי איבער צום באַריכט, וווּ קוידעמקאָל שטעלט ער זיך אָפּ אַף דער אַרבעט צווישן די היימלאָזע.

די וואָראָנעזשער יידישע באַפֿעלקערונג—זאָגט כ׳ אַלסקי—באַשטייט פֿון 70 פּראָצענט פֿון היימלאָזע, צווישן וועלכע עס איז דאָ אַ היפּשער טייל קאַבצאָנים. האָט מען באַדאַרפֿט קוידעמקאָל אַרויסראַטעווען די דאָזיקע אומבאַהאָלפֿענע מאַסע פֿון די הענט פֿון די עטלעכע רעדלפֿירער, וואָס האָבן די היימלאָזע דורך זייערע פֿילאַנטראָפּישע געניג דורכויס דעמאָראַליזירט.

דער קאָמיסאַריאַט האָט אָנגעהויבן פֿירן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, האָט געמאַכט ספּעציעלע ריינע און ליכטיקע הייזער און מוישעווזקיינים פֿאַר די גאָר אָרעמע, פֿלעגט אַרויסגעבן שטיצע, ווייל די אָפּטיילונג פֿון סאָצ. פֿאַרזאָרגונג האָט נאָך דענסטמאָל שלעכט פֿונקציאָנירט, האָט איינגעאָרדנט קינדערהיימען און איבערהויפּט פֿאַרנומען זיך מיט רעעוואַקואַציע. מיר זיינען זיכער, אַז די היימלאָזע דאָ אין וואָראָנעזש, און די היימלאָזע, וואָס האָבן באַוויזן זיך אומצוקערן אין זייערע אַלטע היימען, וועלן געוויס דערמאָנען דעם ייד. קאָמיסאַריאַט צום גוטן און זיין פֿאַר אונדז די בעסטע אַגיטאַציע.

דער קאָמיסאַריאַט פֿירט אויך אַן אָנגעשטרענגטן קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם און קאָנטער-רעוואָלוציע. מיר האָבן דערקלערט אַן אומבעראַכמאָנעסדיקן קאַמף דעם ציאָניזם, העבּרעיזם און די איבעריקע קאָנטער-רעוואָלוצ. שטרעבונגען. אין וואָראָנעזש איז פֿאַרבאָטן צו פֿאַרשפּרייטן די אויסגאַבן פֿון דער ציאָניסטישער פּרעסע, עס איז פֿאַרמאַכט געוואָרן דער העבּרעישער קינדערגאָרטן און די כאַדאָרים פֿון „טאַרבוס״.

אַף דעם קולטור און בילדונג-געביט האָט דער קאָמיסאַריאַט פֿאַר די לעצטע 8 כאַדאָשים באַוויזן פֿיל אויפֿצוטאָן. מיר האָבן איבערגענומען די אַלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין די הענט פֿון „אָפּע״, „אָרט״ אוכדוימע, און איצטער פֿאַרמאָגן מיר אַן אייגענע ביבליאָטעק מיט אַ לעזעזאַל אַפֿן נאָמען פֿון פֿאַרשטאָרבענעם י. ל. פּערעץ. עס איז דאָ אַ גוט איינגעאָרדנטער קינדערהיים, אָוונט-קורסן און אַן אָוונט-שול, אַ קלוב פֿאַר דער יוגנט און די אַלע אַנשטאַלטן ווערן מיט גרויס כיישעק באַזוכט און זיי ווערן די דערציונג-הייזער פֿאַר דעם נייעם קאָמוניסטישן דאָר.

כ׳ ש ו ר (האָמעל) גיט אָפּ אַ באַריכט פֿון דער האָמלער ייד. סעקציע, וואָס איז ערשט מיט אַפּאָר וואָכן צוריק געגרינדעט געוואָרן.

האָמעל איז גראָד אַ פּלאַץ פֿון יידישע אַרבעטער, דאָרטן זיינען פֿאַראַן זאַוואָדן, בערשטערייען, און עס איז דאָ אַ גוטער באָדן פֿאַר דער אַרבעט. מיר קלייבן זיך אינגיכן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג „דער ייד. קאָמוניסט״, און די איינציקע זאַך, אין וואָס מיר נויטיקן זיך איצטער,—איז אין הילף פֿון צענטער.

כ׳ ר אַ י ו ו ע (פּעטערבורג) לייענט אַ באַריכט פֿון פּעטערבורגער יידישן קאָמיסאַריאַט, וואָס איז גאַנץ פּאָפּולער צווישן דער אָרטיקער יידישער באַפֿעלקערונג, ווייל דער קאָמיסאַריאַט האָט באַוויזן זייער פֿיל אויפֿצוטאָן אין אַלע געביטן.

קיין ספעצ. ייד. סעקציע עקזיסטירט ניט אין פעטערבורג, עס איז נאָר דאָ אַ יידישער אַרבעטער-קלוב, וואָס ציילט 127 מיטגלידער און איבער 200 מיטפילנדיקע. עס זיינען איבערגענומען געוואָרן די שולן פון „אָפע“, ווו עס אַרבעטן אונדזערע אינסטרוקטאָרן, עס איז אויך פיל געטאָן געוואָרן אָפּן געביט פון רעעוואַקואַציע, מיט איין וואָרט, דער ייד. קאָמיסאַריאַט איז געוואָרן אַ היים פאַר דער אָרעמער פעטערבורגער ייד. באַפעלקערונג.

כ' אַ ב ר אַ ם (מינסק) גיט איבער, אַז די מינסקער אָרגאַניזאַציע ציילט איבער 200 כאַווירים, פון זיי זיינען ביז 90 פראָצענט געוועזענע בונדיסטן. די יידישע קאָמ. סעקציע, וואָס האָט איר אָרגאַן „דעם שטערן“, האָט גרויס דערפאָלג. עס ווערט געפירט אַ טעטיקייט צווישן די אַרבעטער, וואָס זיינען נאָך צו אונדז ניט צוגעשטאַנען, נאָר די לעצטע צייט פילט זיך אַ שטאַרקער מאַנגל אין קויכעס. די מאָביליזאַציע האַט פון אונדז צוגענומען 95 פראָצ. כאַווירים, אין דער צייט, ווען די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע האָט גענומען ניט מער, ווי 50 פראָצ. נאָר אייניקע כאַווירים, וואָס זיינען אָנגעקומען פון ווילנע, האָבן די ארבעט ווידער אופגעלעבט.

כ' ג אָ ר ע ל י ק (באָברויסק) גיט איבער פון די גוטע באַציונגען, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן דעם באָברויסקער ייד קאָמ. פאַרבאַנד און דעם אָרטיקן קאָמיטעט פון ר. ק. פ. די זעלבשטענדיקייט פון דעם פאַרבאַנד איז אַזוי גרויס, אז דער שטאָטישער קאָמיטעט האָט אים באַפולמעכטיקט זעלבשטענדיק צו אָרגאַניזירן אין דער פראָווינץ ייד. קאָמ. אָרגאַניזאַציעס. די מאָביליזאַציעס האבן צוגענומען ביז 75 פראָצ. כאַווירים. עס פילט זיך אַ מאַנגל אין קולטורעלע קויכעס און איבערהויפט די אָפּגעריסנקייט פון צענטער טאָרמאָזירט די ארבעט. עס איז נויטיק אַן ענגער קאָנטאַקט פון די אַרבעטער מיט די צענטרען.

כ' ד י מ אַ נ ש ט יי ן, אָפּגעבנדיק אַ באריכט פון דער ווילנער ייד. קאָמ. אָרגאַניזאַציע, ווייזט אָן אף דעם, וואָס די ווילנער ארבעטער האָבן באַדאַרפט פלוצלונג עלטער ווערן אף גאַנצע אָנדערהאלבן יאָר, ווייל די פעוורואַל-רעוואָלוציע און אָקטיאבער-רעוואלוציע זיינען צונויפגעפאַלן, און זיי האָבן געמוזט אין איין שיינעם פרימאָרגן אָפּנעמען דאָס אלץ, וואָס מיר האָבן דורכגעמאכט דאָ, אין רוסלאנד, אין מעשעך פון אָנדערהאלבן יאָר. פאַרשטייט זיך, אז אף די מאסן-מיטינגען, וואָס פלעגן דאָרט דורכגיין מיט גרויס דערפאָלג, האָבן מיר באַדאַרפט פאַר די יידישע אַרבעטער אויסלייגן דעם גאַנצן אלעפבייז פון דער רעוואָלוציע. און מיר מוזן קאָנסטאַטירן, אז דאָס איז געלונגען. גאַנצע גרופּן פון „בונד“ פלעגן איבערגיין צו אונדז.

כוץ דעם האָבן מיר דאָרטן אַוועקגעשטעלט א גאַר גרויסע צייטונג „דער שטערן“, איינגעאָרדנט א יידישן מעלוכע-טעאַטער, און מיר האָפן, אז אויך איצטער ווערט דאָרטן געפירט א גרויסע טעטיקייט, ווייל כאַווירים אונדזערע זיינען דאָרטן פאַרבליבן געגוג. דערצו נאָך זיינען מיר זיכער, אז די פוילישע לעגיאָנערן וועלן מאכן פאַר אונדז די בעסטע אַגיטאַציע, און אונדזער אָנגעהויבענע ארבעט וועט ניט גיין פאַרלאָרן.

כ׳ ש אַ פּ ִי ר (וויִטעבסק) ווייזט אָן אין זיין באריכט אַף דעם, וואָס די גאַנצע פּארטעיִשע ארבעט איז געטאָן געוואָרן דורכן וויטעבסקער ייִדישן קאָמיִסאַריאַט.

עס איז געעפֿנט געוואָרן א גאנצע ריי ייִדישע שולן. עס האט זיך געפֿירט אַן ארבעט צווישן די היימלאָזע, עס זיינען פֿאָרגעקומען פֿיל לעק-ציִעס און מיטינגען און עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זשורנאַל „דער פֿרייער ארבעטער״.

ליידער, באַציִט זיך די פּאַרטיי נעגאַטיוו צום ייִדישן קאָמיִסאַריאַט, ווי אויך צו די ייִדישע סעקציעס איִן וויטעבסק, און עס איז נויטיק, אַז דיִדאָזיקע דערשיינונג זאָל באַזייטיקט ווערן. די אופֿמערקזאמקייט איז געלייגט געוואָרן אַף דער פּראָוויִנץ, וווּהין עס זיינען צושיקט געוואָרן איִנסטרוקטאָרן, נאָר דער געלט-מאַנגל טאָרמאָזירט אָפּט די אַרבעט.

כ׳ ז י ל ב ע ר מ אַ ן (ניִזשני-נאָווגאָראָד) גיט איִבער, אַז ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן איִן ניִזשני די ערשטע קאָמוניִסטיִשע גרופּע, האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן צו אונדז פֿאַרשרייבן. אַזוי האָט זיך, לעמאָשל דער בונדיִשער קאָמיִטעט פֿון קאַנאַוויִנע זיך דערקלערט פֿאַר קאָמוניִסטיִש. דער בונד איִז איִן ניִזשני גאָר איִנגאַנצן פֿאַרשווונדן געוואָרן, די פּויעליי ציאָניִסטן פֿאַרנעמען זיִך מיִט טאַנץ-בעלער. און די איינציִקע, וואָס קאָנען איִצטער אַרבעטן, זיינען די ייִד. קאָמוניִסטן, אָבער, ליידער פֿעלט אונדז א פּרעסע, פֿעלט אונדז ליטעראַ-טור איִן ייִדיִש, ווייל דאָס ראָוו ייִד. אַרבעטער באַהערשן ניִט די רוסיִשע שפּראַך. מיִר האָבן זיִך ניִט איינמאָל געווענדעט וועגן דעם צום צענטער, נאָר קיין קלאָרע טשוווע האָבן מיִר קיינמאָל ניט באַקומען. מיִר פֿאַרמאָגן איִן ניִזשני ביִז 2000 ייִד. אַרבעטער, און מיר מוזן זען אָט דיִדאָזיִקע מאַסע אַריינ-ציִען איִן אונדזערע רייען, וואָס איז זייער לייכט, וויִבאַלד מיר באַקומען די נויטיִקע מעגלעכקייטן.

כ׳ מ אַ נ י ע וו י ט ש (סאַמאַרע) גיִט איִבער וועגן דער ייִדיִשער סעק-ציע איִן סאַמאַרע, וועלכע האָט זיִך געביִלדעט פֿון בונד. אַגעוו, דאַרף מען באַמערקן, אַז איִן סאַמאַרע איז פֿאָרגעקומען די ערשטע שפּאַלטונג פֿון „בונד״. מיִר פֿאַרמאָגן 45 מיִטגליִדער און 15 מיטפֿיִלנדיִקע, אונדזערע אָוונט-קורסן ווערן באַזוכט פֿון 185 מאַן. עס איִז דאָ אַ ביִבליאָטעק, און צום ערשטן מאַי האָבן מיר ארויסגעלאָזן אַ בלעטל. מיִר אַרבעטן גאַנץ זעלבשטענדיִק און האָבן ניִט קיינע שום פֿאַרביִנדונגען מיִטן צענטער. דאָך וואָלט ניִט געשאדט, אַז דער צענטער זאָל אופֿמערקזאַם זיין אויך צו די ייִדיִשע ארבעטער, וואָס אין צענטר. רוסלאנד, ווייל זיי שטאַמען דאָך אויך פֿון ליִטע און ווייסרוסלאַנד, וווּהיִן זיי ווען זיִך מיִסטאמע אויך אומקערן.

כ׳ פּ ל אַ וו נ ִי ק גיט אָפּ אַ באריִכט פֿון דער מאָסקווער ייִד. קאָם. סעקציע און ווייזט אָן, אַז די סעקציע איִז דאָ זייער קליין, ווייל גראָד זיינען אלע בעסערע מענטשן פֿאַרנומען מיט אַנדערע מעלוכע-אַרבעט, דערצו ווערט די גאַנצע ייִדישע אַרבעט אָפּגעטאָן דורכן קאָמיסאַריִאַט. עס איִז אָבער נויטיִק,

אַז די ייִדישע סעקציע זאָל דאָ ווערן אַ מין פֿאָרבילדונג-שול פֿון ייִדישן קאָמוניזם און זען צוציִען די בעסערע עלעמענטן, וואָס געפֿינען זיך דאָ און וואָס ווייסן עפּשער גאָרניט פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער סעקציע.

כ׳ ל ע ו י נ ס אָ ן (טולע) דערציילט פֿון קאַמף, וואָס דער טולער ייִדישער סעקציע איז אויסגעקומען צו פֿירן מיט דער קעהילע און אנדערע רעאַקציאָנערע אנשטאַלטן, ביז וואַנען עס איז אונדז געלונגען איבערצונעמען די קולטור-אַנשטאלטן אין די אייגענע הענט. נאָך מיט אַ יאָר צוריק האָבן מיר דערקלערט א מילכאָמע די ציאָניסטן, רעקוויזירט בא זיי אַ לאָקאַל פֿאַר דער שול און אָנגעהויבן קאָנפֿיסקירן זייער ליטעראַטור. ליידער האָט דער צענטער וויִנציק וואָס געהאָלפֿן, און מיר האָפֿן, אז אַף לעהאבע וועלן מיר ניט זיין אַזוי איינזאַם.

כ׳ א יי נ ש ט יי ן (טאַמבאָוו) כאַראַקטעריזירט קוידעמקאָל די סוויווע, אין וועלכער עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן.

— טאמבאָוו,—זאָגט דער באריכט-אָפּגעבער,—איז ניט קיין אינדוסטריעלער צענטער, עס איז א גובערניע פֿון פּויערים, קולאַקעס, און די ראַטנמאַכט האָט זיך דאָרטן אויפֿגעשטעלט ערשט אין 6 כאָדאָשים ארום נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. ביקלאל איז טאַמבאָווער גובערניע אַ נעסט פֿון בונטן. דער צונויפֿשטעל פֿון די ייִדישע אַרבעטער איז אויך א ספּעציפֿישער: דאָס-ראָוו הײמלאָזע פֿון קאָוונער גובערניע קליינשטעטלדיקע באלמעלאָכעס, און עס איז ניט געווען מיט וועמען צו שטרייטן. מיר האָבן נאָר באדאַרפֿט אויפֿקלייבן די ביסל אָרעמקייט און זען ברענגען אין אָרדענונג די ייִד. אַרבעטערשאפֿט.

מיר האָבן געגרינדעט אַ קלוב. פֿון די פֿירהונדערט ייִדישע ארבעטער האָבן זיך פֿאַרשריבן 200. איצטער האבן מיר שוין דאָרטן אַ באשטימטע גרו-[illegible]ע מיט [illegible] מער קאָמוניסטישער שטימונג. אין מעשעך פֿון די לעצטע 6 כאַדאָשים איז אונדז געלונגען אויפֿשטעלן אָוונט-קורסן, אַ קינדערהיים, אַ ביבּ-יאָטעק, א יוגנט-פֿאַרבאנד, און מיר קלייבן זיך גרינדן אַ קינדער-קאָלאָניע פֿאַר גאַנץ טאַמבאָווער גוב. די אלע אויבנדערמאָנטע אנשטאלטן האָבן מיר אַריינגענומען אין דער מעלוכע-נעץ, און זיי זיינען פֿאַרזאָרגט מיט געלט-מיטלען און לערן-מאַכשירים.

כ׳ ק אַ ג אַ ן (דובראָוונע) ווייזט אָן אַף דעם, וואָס די פּראָווינץ ליידט שטאַרק פֿון מאַנגל אין אינטעליגענטע קויכעס.

מיר האָבן אין אָנהויב לערניאָר אַרויפֿגעלייגט אַן עקסטרע באשטייערונג אַף דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, באקומען 33 טויזנט רובל און געעפֿנט אַן אָוונט-שול, ווו עס האָבן זיך פֿאַרשריבן איבער דריי הונדערט מאַן, נאָר, ליידער, האָט זי געמוזט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין רוסישע אָוונט-קורסן, ווייל אונדז האבן אויסגעפֿעלט ייִדישע לעקטאָרן און לערער. עס עקזיסטירט נאָך בא אונדז אַדהאַיעם אַ טארבוס-שול, און מיר האָבן מוירע זי צו צומאַכן, ווייל די ייִדישע קינדער וועלן בלייבן דענסטמאָל גאָר אַפֿן גאַס. מיר האָבן

זיך געפרווווט אָרגאַניזירן אַ יידישע קאָמונע, גאָר זי איז באַגראָבן געוואָרן אין „זעמאָטדעל". עס מוזן אומבאַדינגט געשאַפן ווערן בעסערע באַדינגונגען, און דאַן האָבן מיר אַ גאַנץ גוטן באָדן צו אַרבעטן און זיגן.

כ' אָ פּ ו נ י ע (רעזשיצע) באַקלאָגט זיך אָף דעם, וואָס עס איז ניטאָ קיין קאָנטאַקט צווישן דער פּאַרטיי מיט דער ייד. סעקציע. עס איז נויטיק מע זאָל זיך איינע מיט די אַנדערע צונויפריידן און טאָן בעשוטפעס די וויכ־טיקע אַרבעט.

נאָך די באַריכטן אַנטוויקלען זיך קורצע, אָבער הייסע דעבאַטן, אין וועלכע עס ווערט קריטיקירט די צענטראַלע ביוראָ, וואָס האָט פּאַקטיש פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע נאָך וויפּציק וואָס אויפגעטאָן, ווי עס דריקט זיך אויס דער כ' באַקאַלטשוק.

אין מאָסקווע, לעמאָשל, אונטערן נאָז פון צענטראַלן ייד. קאָמיסאַריאַט עקזיסטירט נאָך די יידישע קעהילע, און אינסטרוקטאָרן פון „טאַרבוס" פאָרן אַרום אין דעלעגאַטן־וואַגאָנען... די נייע צענטראַלע ביוראָ מוז אויס־אַרבעטן אַ סיסטעמאַטישן פּלאַן פון דער גאַנצער אַרבעט, ווי אין צענטער, אַזוי אויך אויף די ערטער—דאָס איז דער אַלגעמיינער ווונטש פון די אַלע דע־לעגאַטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אין די דעבאַטן.

ד ר י ט ע ז י צ ו נ ג.

די דריטע זיצונג עפנט זיך מיטוואָך. 5 אַזייגער נאָך מיטיק מיטן פאָר־טראָג פון כ' אַלסקי וועגן די אָרגאַניזאַציע־פראַגן פון דער ייד. קאָמ. סעקציע פון דער רוסל. קאָמ. פּאַרטיי.

כ. אַלסקי, געבנדיק א בילד פון די געשעענישן, וואָס קומען איצטער פאָר אין דער וועלט, און אָנווייזנדיק ווי די אינטערנאַציאָנאַלע אימפּעריאַליס־טישע בורזשואַזיע האָט זיך אָרגאַניזירט אין דער אַזוי גערופענער „פעלקער־ליגע", קעדיי נאָך בעסער צו גרופירן אַרום זיך די רוסלענדישע בורזשואַזיע און די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, אַז גראָד בא אַזאַ סיטואַציע איז נאָך מער נויטיק עס זאָל בא אונדז זיין אַן איינהייטלעכע מעכטיקע אַרמיי פון אַלע קאָמוניסטישע עלעמענטן, אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּאַרטייִשע אָרגאַ־ניזאַציע.

די מאָביליזאַציע פון אַלע בעסערע קויכעס פון פּראָלעטאַריאַט און די איינהייטלעכע צענטראַליזירטע פּאָליטישע אָנפירונג מיט זיי פאָדערט פון אונדז אין די אינטערעסן פון דער רוסלענדישער און וועלט־רעוואָלוציע, אַז עס זאָלן באָטל ווערן די באַזונדערע קאָמוניסטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע באַזונדערע זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע־צענטרען, וואָס פירן צו דער אומפאַרמיידלעכער צושפּליטערונג פון די שעפערישע אָרגאַניזאַציע־קויכעס און טאָרמאָזירן די קאַמף־ענערגיע פון די פּראָלעטאַרישע אָטריאַדן. דאָס פירט אויך צו גאַנץ איבעריקע אומזיסטע קאָרבאַנעס און ניסיוינעס, ווייל דער רע־וואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטייט איצטער פּאָנימעלפּאָנים מיט

זיין פֿאַרייניקטן קלאַסן-סוינע הויבט אָן צו צווייפֿלען אין דער אכדעס צווישן די נאַציאָנאַלע גרופּן פֿון קאָמוניסטישן פּראָלעטאַריאַט, און דאָס ברענגט אויך אַריין אין א גרויסער פֿאַרלעגנהייט די ווינציקער אַנטשלאָסענע עלעמענטן פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע לענדער און בעמיילע באַפֿליגלט דאָס די קאָנטער-רעוואָלוציע, וועלכע נוצט אויס יעטווידן מאָמענט און לאָזט זיך אף נייע בלוטיקע אַוואַנטיורעס, קעדיי דורכדעם נאָך מער אָפּשוואַכן די פּאָזיציעס אַף דעם רעוואָלוציאָנערן פֿראָנט.

אַזוי אָבער ווי עס איז נויטיק, אַז דער קלאַסן-באַוווסטזיין זאָל דורכ-דרינגען אין די סאַמע ברייטע שיכטן פֿון פֿאָלק, עס זאָלן קאָנען מאָביליזירט ווערן אַלע אונדזערע פּאַרטיי-קויכעס, און עס זאָל געפֿירט ווערן אַ ברייטע אַגי-טאַציע-אַרבעט צווישן דעם ארבעטער-קלאַס, וואָס שיידט זיך אונטער מיט זיין אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן לעבן-שטייגער און לעבן-באַדינגונגען און, איבער-הויפּט נאָך, וואָס ער רעט אף אַן אנדער שפּראַך — איז אָט צוליב דעם ווערן באַשאַפֿן נאַציאָנאַלע סעקציעס פֿון רוסל. קאָמ. פּאַרטיי, וועלכע זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פֿון די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, וואָס וואַרפֿן זיך אונטער ווי אין צענטער, אַזוי אויך אף די ערטער די אָרטיקע קאָמיטעטן און פּאַרטיי-אַנשטאַלטן.

דער געדאַנק צו באַשאַפֿן אַן איינהייטלעכן יידישן קאָמוניסטישן פֿאַר-באַנד, וואָס זאָל אַרומכאַפּן אַלע יידישע סעקציעס מיט זייער צענטראַל-ביוראָ באַם דעם צ. ק. פֿון די קאָמוניסטן אין ליטע, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, לעט-לאַנד און גרויסרוסלאַנד, וואָס האָט אייגנטלעך געשמעקט אַביסל מיט בונד, האָט נאָך געהאַט אַ וועלכע עס איז באַרעכטיקונג קאָלומאַן עס האָבן עקזיס-טירט זעלבשטענדיקע פּאַרטיי-צענטערן אין ליטע, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, לעטלאַנד און גרויסרוסלאַנד, אבער נאָך דער אַווטאָריטעטער באַשטימונג פֿון 8-טן צוזאַמענפֿאָר פֿון ר. ק. פּ., וועגן דעם, אַז עס איז נויטיק די עקזיסטענץ פֿון איין איינהייטלעכער צענטראַליזירטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט איין איינהייטלעכן צ. ק., ווען עס דאַרפֿן זיך פֿולשטענדיק אונטערוואַרפֿן די צענטראַלע קאָמיטעטן פֿון ליטע, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע און לעטלאַנד, און די לעצטע דאַרפֿן זיך באַנוצן נאָר מיט די רעכט פֿון קאַנט-צענטערן. נאָך אָט דערדאָזיקער באַשטימונג האָט די עקזיסטענץ פֿון ייד. קאָמ. פֿאַרבאַנד קיין שום באַרעכטיקונג ניט.

מיט דער באַזייטיקונג פֿון די באַזונדערע זעלבשטענדיקע צ. ק. אין לעטלאַנד, אוקר. א. א. וו. ווערט אויך באַזייטיקט די נויטיקייט אין אַן עק-זיסטענץ פֿון באַזונדערע צענטראַלע ביוראָען פֿון די יידישע סעקציעס מיט זייערע פֿאַרייניקונגען אין א רוסלענדישן קאָמ. פֿאַרבאַנד.

זיי דאַרפֿן צוזאַמען מיט זייערע צענטראַלע אינסטיטוציעס אַריינגיסן זיך אין דער רוס. קאָמ. פּאַרטיי, ווי קאַנט-פֿאַרייניקונגען.

די געפֿאָדערטע אַרבעט-איינהייט לעטוויוועס דער צענטראַליזירטער פּאַרטיי אַפֿן געביט פֿון באַשטימטע פּאָליטישע עקאָנאָמישע, קולטור-און ביל-דונג-היצטאַרכעסן ווערן דורכגעפֿירט דורך דער צענטער. ביוראָ פֿון דער

געהעריקער נאַצ. סעקציע בא דעם צ. ק. פֿון דער רוסל. קאָמ. פּאַרטיי, וואָס בינדט צונויף די דאָזיקע אַלע סעקציעס אין אַלרוסלענדישן מאסשטאב און פֿירט מיט זיי לויט די פֿאַראָרדענונגען פֿון צ. ק. און לויט די טעכנישע באַדינגונגען פֿון דער פּאָליטישער אַרבעט צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער פֿאָרטראָג פֿון כ׳ אלסקי רופֿט ארויס גאַנץ הייסע דעבאטן, און דער ערשטער באקומט דאָס וואָרט כ׳ מאַנדעלסבערג, וועלכער ווייזט אָן אַף דער אומנאָרמאַלער לאגע, וואָס אין ליטע און ווייסרוסלאַנד האָבן מיר איין מין יידישן קאָמ. פֿאַרבאנד און אין אוקראַינע — אַ צווייטן מין. נאָר סאָפֿקאָלסאָף איז ניט וויכטיק אַזוי דער נאָמען און די פֿאָרם, ווי דער אינהאַלט, דאָס לעבן וועט שוין זיכער איינשטעלן די איינהייטלעכע פֿאָרמען פֿון דער ייד. קאָמ. באוועגונג, ווי פֿאַרשיידנאַרטיק זי זאָל איצטער ניט זיין אין די באַזונדערע קאַנטן. וויכטיק איז פֿאַר אונדז איצטער די אופֿקלערונג-אַרבעט, וואָס דאַרף געפֿירט ווערן דורך דער צענטראַל-ביוראָ וועגן דעם עמעסן אינהאלט פֿון די ייד. קאָמ. סעקציעס, און נאָך וויכטיקער איז די דאָזיקע אופֿקלערונג-אַרבעט פֿאַר אונדזערע רוסישע כאַווײרים, וואָס באציען זיך אָפּטמאָל מיט ווינציק דערעכערעך צו אונדזער ארבעט אַף דער יידישער גאַס.

אַזוי, לעמאָשל, האָט דער האָמלער קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי דערקלערט, אַז צווישן די יידישע אַרבעטער דאַרף ניט געפֿירט ווערן קיין שום באַזונדערע אַרבעט, און עס פּאַסירט אויך אָפּט, אז אין די פּאַרטיי-אָרגאַנען כאַפּן זיך אריין גאָר ניט קיין געווונטשענע עלעמענטן, אַזוי געררופֿענע פֿאַרשטעלטע קאָמוניסטן, וואָס פֿירן אַ באשטימטע פּאָליטיק קעגן די יידישע אַרבעטער. דאָס אלץ מוז באקעמפּט ווערן, אויב מיר ווילן נאָר אריינציען די ברייטע יידישע מאסן אין קאָמוניזם.

כ׳ מ א ג א ר י ק (ריגע) ווייזט אָן, אַז לויט כ׳ אַלסקיס פֿאָרטראג קומט אייגנטלעך אויס, אַז די אָרגאַניזאַציע פֿון ייד. סעקציעס איז נויטיק נאָר צוליב בלעטלעך און פּראָקלאַמאַציעס, צוליב ריין טעכנישער אַרבעט, אין דער צייט, ווען עס פֿאָדערט זיך אַ ברייטע קולטורעלע אַרבעט, און עס איז נויטיק, אַז אומעטום זאָל זיין ייד. קאָמיסאַריאַטן, ווי אויך ייד. אָפּטיילונגען באַ די בילדונג-קאָמיסאַריאַטן.

כ׳ מ אַ נ י ע ו י ט ש (סאַמאַרע) טרעט אַרויס קעגן כ׳ מאַנדעלסבערגן, וואָס טרוימט אייגנטלעך פֿון אַ נייעם בונד אונטער אַ באָלשעוויסטישן מאַנטל. דאָס טאָר בשום אופֿן ניט דערלאָזט ווערן, די צענטראַל-ביוראָ דאַרף טאַקע ניט מער, ווי רעגולירן און אָנפֿירן מיט דער יידישער גאַס, אַרויסגעבן צייטונגען, זשורנאַלן, אָבער בשום אופֿן ניט טרייבן קיין פּאָליטיק אַף די ערטער.

כ׳ אַ ג ו ר ס ק י (מאָסקווע) קאָנסטאַטירט דעם פֿאַקט, אַז אַף די ערטער ווערט די יידישע אַרבעט געשטערט מיצאַד די קאָלערליי אָפֿיציעלע אינסטיטוציעס און איבערהויפּט מיצאַד אַ געוויסן מין רוסיפֿיקאַטאָרן, וואָס ווילן, אַז די איינציקע שפּראַך זאָל זיין די רוסישע.

און ווי אינטערנאַציאָנאַליסטיש מיר זאָלן ניט קוקן אָפּן לעבן און ווי איינשטימיק מען זאָל ניט זיין מיט די אָרגאַניזאַציע-פּאָרטראָגן פון כ' אַלסקי — דאָך מוזן מיר באַשטימען, אַז די צ. ב. זאָל טאָמיד אַרויסגעבן די נויטיקע אינסטרוקציעס אַף די ערטער, און דער צ. ק. זאָל גאַראַנטירן, אַז די קאָמוניסטישע אַרבעט אונדזערע זאָל ניט געשטערט ווערן מיצאַד די אָפיציעלע פּאַרטיי-אינסטיטוציעס.

כ' כ ײ פּ ע ץ (קיעוו) ווייזט אָן אַף די צוויי טענדענצן, וואָס מערקן זיך דאָ אַף דער קאָנפערענץ: איינע שטרעבט צו פאַרשמעלערונג און די צווייטע, פאַרקערט, פאָדערט ברייטקייט און אַווטאָנאָמיזם.

דאָס לעצטע איז פאַר אונדז די סאַמע געפערלעכסטע, ווייל אַווטאָנאָמיזם פירט צו אָפּגעריסנקייט, און מיר טאָרן בעשום אויפן ניט אָפּרייסן זיך פון דער רוסל. קאָמ. פּאַרטיי. מיר זיינען נאָך צו יונג און מיר זיינען צו שפּעט צוגעשטאַנען צום קאָמוניזם, און דעריבער איז נויטיק, אַז מיר זאָלן זיך ניט האַלטן אָנאַזייט, נאָר, פאַרקערט, וואָס מערער פאַרשמעלצן זיך מיט דער איינהייטלעכער רוס. קאָמ. פּאַרטיי.

איך בין זיכער, אַז אונדזער איצטיקע אַרבעט וואָלט געווען אַסאַך פּרוכטבארער, ווען מיר וואָלטן ניט געווען אַ קאָנפערענץ פון ייד. קאָמ. סעקציעס, נאָר אַ באַראַטונג באַם צ. ק. פון דער ר.ק.פ. דער סעקציאָניזם איז ניט מער אַ צייטווייליקע פאָרם, און מיר מוזן זען אויסמיידן צו קאָנסערווירן פּאָליטישע אָפּגעשטאַנענקייט און איזאָלירטקייט. ביקלאַל באַצי איך זיך ווייער סקעפּטיש צו די קאָלערליי נאַציאָנאַלע בילדונגען, און מיר מוזן זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר מאַכן, אַז יעדער אויספיר פון קאָמוניזם איז דער הייפעך פון וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

כ' ש אַ פּ י ר (וויטעבסק) טרעט אַרויס קעגן כ' כייפּעץ, וואָס האָט אייגנטלעך ניט אָנגעוויזן קיינע שום פּראַקטישע וועגן. דאָ רעט זיך גאָרניט וועגן אַ וועלכן עס איז אַווטאָנאָמיזם אָדער סעפּאַראַטיזם, נאָר וועגן דיין פּראַקטישער אַרבעט, די נעכטיקע באַריכטן פון די ערטער האָבן גאַנץ גוט באַוויזן, אַף וויפל עס איז נויטיק אַ צענטראַל-ביוראָ, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער גאַנצער אַרבעט. מיר אַלע זיינען שוין געגוג רייף אופצונעמען דעם קאָמוניזם און דאַרפן ניט דורכמאַכן קיינע פאַרבאַרייטונג-שולן, מיר מוזן אָבער האָבן אַ צענטער, וואָס זאָל פון איין זייט קאָנסטרוירן און פון דער צווייטער זייט גאַראַנטירן די פרייקייט פון אונדזער אַרבעט.

כ' ל ע וו י ט אַ ן (קיעוו) איז דורכויס ניט מאַסקים מיטן כאַווער כייפּעץ, וואָס מיינט, אַז דער יידישער אַרבעטער איז דאָס טאַקע אַזוי פאַרזונקען אין דער נאַציאָנאַליסטישער טומע, אַז מען מוז אים פירן לייטערן און לייטערן ביזוואַנען ער וועט מעסוגל ווערן אופגענומען צו ווערן פון קאָמוניזם, און דער רוסישער אַרבעטער, פאַרקערט, איז דאָס טאַקע אַזוי קאָמוניסטיש, אַז מיר דאַרפן זיך פון אים לערנען...

ערשטנס, בין איך אין דאָס לעצטע שטאַרק מסופק, און ווען מע זאָ קאָנטראָלירן דעם קאָמוניזם באַ די אַרבעטער פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, קאָן זיין, אַז מיר וואָלטן דעם לעטלענדישן און פּוילישן פּראָלעטאַריאַט אויך באַדאַרפֿט אַביסל לייטערן פֿון די נאַציאָנאַלע טענדענצן... צווייטנס, ווען מיר וואָלטן זיך שוין יאָ באַדאַרפֿט, זאָגן מיר, לערנען פֿון רוסישן פּראָלעטאַריאַט, איז אָבער גראָד אין רוסלאַנד פֿאַרמאָגן מיר ניט קיין ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און דאָס רוב מיניען און ביניען איז אין אוקראַינע, ליטע און ווייסרוסלאַנד, דעריבער מיין איך, אַז מע דאַרף די פֿראַגע באַטראַכטן פֿון אַ גאַנץ אַנדערן שטאַנדפּונקט.

ערשטנס פֿאָדערן מיר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף וואָס ענגער שליסן זיינע רייען אונטער איין פּאָליטיק. מיר זאָגן ניט, אַז דער ייִד. פּראָלעטאַריאַט האָט וועלכע עס איז באַזונדערע פּאָליטישע אויפֿגאַבן. די זאַך איז נאָר אין דעם, וואָס מע קאָן ניט מעכאַניש אָנווענדן דאָס, וואָס ווערט אָנגעווענדט בענויגייע אַן אַרמיי. מיר האָבן ניט קיין איין באַשטימטן סוינע, אונדזער אַרבעט איז ניט בלויז אַ מילכאָמע-אַרבעט, און ריידן ריין סטראַטעגיש—הייסט שמאָל פֿאַרשטיין די אינטערעסן פֿון דער רעוואָלוציע. לויט די רייד פֿון כאַווער כייפֿעץ קומט אויס, אַז די צ. ב. דאַרף זיין ניט מער, ווי אַ ביוראָ פֿון ייִדישע איבערזעצער, ייִדישע אַגיטאַטאָרן און מער גאָר, ווען עס וואָלט טאַקע אַזוי געווען, וואָלטן מיר געהאַט אַ קאָמוניסטישע באַוועגונג אָן ייִדישע אַרבעטער...

כ' גאָרעליק (באָברויסק) ווייזט אָן, אַז אייגנטלעך רעט מען דאָ די גאַנצע צייט פּרינציפּיעל, אָבער ניט קאָנקרעט. מיר דאַרפֿן ניט פֿאַרגעסן, אַז די ייִדישע אַרבעטער, וואָס זיינען שפּעטער פֿון אַלעמען צוגעשטאַנען צום קאָמוניזם, געפֿינען זיך אונטער אַנדערע לעבן-באַדינגונגען, און עס מוז נאָך אדהאַיעם געפֿירט ווערן אַ גרויסער קאַמף מיט די ייִדישע פּשאָרע-פּאַרטייען, וואָס הערשן נאָך אַף דער ייִדישער גאַס. דעריבער מוזן אונדזערע אָרגאַניזאַציע-פֿאָרמען אויך זיין זעלבשטענדיקע, און די דערפֿאַרונג האָט שוין אונדז באַוויזן, אַז אייניקע כ"כ פֿון דער ר.ק.פּ. זיינען איבערגעגאַנגען אין דעם ייִד. קאָם. פֿאַרבאַנד.

עס זיינען העריבער נויטיק, אַז עס זאָלן זיין זעלבשטענדיקע ייִדישע ראַיאָן-אָרגאַניזאַציעס, ווי די צענטראַל-ביוראָ, וואָס זאָלן זען, אַז די אַרבעט אַף די ערטער זאָל ניט זיין אָפּהענגיק פֿון צופֿעליקע פּערזאָנען אין דער פּאַרטיי אַף די ערטער.

כ' אַבראַם. (מינסק) מאַכט אויפֿמערקזאַם, אַז די איצטיקע דעבאַטן טראָגן אייגנטלעך דעמזעלביקן כאַראַקטער, וואָס אַף דער קאָנפֿערענץ אין מינסק, דאָס באַווייזט אונדז נאָכאַמאָל, אַז די ייִדישע קאָמוניסטישע באַוועגונג נויטיקט זיך פֿאָרט אין אירע זעלבשטענדיקע פֿאָרמען, וואָס פּרעטענדירן ניט כאָלילע, אַף אַ וועלכן עס איז סעפּאַראַטיזם. נישקאָשע די ייִדישע אַרבעטער זיינען שוין אַף אַזוי פֿיל אַנטוויקלט, אַז זיי וועלן מיט ווירדע קאָנען זיין

טרייע מיטגלידער פֿון דער רוסל. קאָמ. פּאַרטיי, כאָטש זיי וועלן האָבן זייערע סעקציעס און ביוראָען.

כ׳ דימאַנשטיין ווייזט אויף, אַז דאָ פֿירן זיך דעבאטן ניט אין דער נויטיקער ריכטונג, די פֿראַגע שטייט ניט פּרינציפּיעל, אויב עס קאָנען דערלאָזן ווערן סעקציעס אָדער ניט, דאָס רופֿט בא קיינעם ניט אַרויס קיין צווייפֿל, מען דאַרף דאָ ריידן פּראַקטיש, ווי זאָלן זיין אָרגאַניזירט אונדזערע סעקציעס, וועלכע פֿאָרמען זיי זאָלן האָבן, ווי זאָל זיין זייער באַציונג צו די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי אויך צו די פּאָליטישע צענטראַלע קאָמיטעטן, אָט וווּ עס ליגט דער שווערפּונקט פֿון דער פֿראַגע, אָבער ניט אין דעם טערמין פֿון דער סעקציע.

מיר זיינען אַלע איבערצייגט, אז מיר גייען צו אן אלוועלטלעכער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווו אונדזער רוסלענדישע פּאַרטיי וועט זיין אַ נאַציאָנאַלע סעקציע, אָבער, צום באַדויערן, איז דאָס נאָך ווייט. דיזעלבע זאַך קאָן מען זאָגן דעם כ׳ כייפֿעץ. זיין רעוואָלוציאָנערע האַרץ איז גוט, און ער נעמט אָן דאָס, וואָס ער פֿאַרלאַנגט, וואָס אים ווילט זיך, פֿאַר א רעאַלערווירקלעכקייט, אָבער מיר קאָמוניסטן, טאָרן זיך אליין ניט אָפּנאַרן, מע קאָן ניט אָננעמען דאָס׳ וועגן וואָס עס טרוימט זיך צו זען אַלס אַ ווירקלעכקייט.

מיר נויטיקן זיך איצטער אין די סעקציעס, אין דעם צווייפֿלט ניט קיינער—מוזן מיר זיי שאַפֿן, די טרוימען אונדזערע וועגן אַן אייזערנער אינטערנאַציאָנאַליסטישער פֿאַרבינדונג, דאַרפֿן אונדז ניט שטערן אין דער הייניטיקער פּראַקטישער אַרבעט.

איך קאָן אייך זאָגן, אז דער כ׳ כייפֿעץ מיט זיין אָנוועזנהייט דאָ בא אונדז אף דער קאָנפֿערענץ, אַף וועלכער ער איז געקומען אַזש פֿון קיעוו, ווידערשפּרעכט זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, ווו ער האָט אַזוי קריטיש און פּעסימיסטיש אַרויסגעזאָגט זיך וועגן דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, קאָנטיק, אז דער כ׳ כייפֿעץ געפֿינט פֿונדעסטוועגן, אז מע קאָן און מע דאַרף ספּעציעל פֿירן יידישע אַרבעט, און אז זי מוז האָבן אירע פֿאָרמען.

וועגן די פּאָליטישע פֿאָרמען פֿון אונדזער אַרבעט וועט מיר נאָך אויסקומען צו ריידן באַזונדער. איך געפֿין, אַז מיר מוזן גרינדן געגנט-ביוראָען פֿאַר ליטע, ווייסרוסלאַנד און אויך פֿאַר אוקראַינע. וואָס אָנבאַלאַנגט צענטראַלרוסלאַנד דענק איך, אַז קאָלזמאַן מיר האָבן נאָך ניט איינגעשטעלט די אַרבעט אין האָמלער גובערניע און אין די וויטעבסקער אויעזדן, קאָן מען נאָך דערווייל אָפּוואַרטן מיט אַ געגנט-ביוראָ און איבערגעבן דאָרט די אַרבעט דער צ. ב.

די באַציונגען מיט די צענטראַלע קאָמיטעטן פֿון די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, דענק איך, וועט מען מוזן באַשטימען אַף די ערטער. וואָס מער אַרבעט מיר וועלן דאָרט אויפֿטאָן—אַלץ מער וועלן מיר זיך קאָנען אַף די ערטער אויסקעמפֿן דאָס, וואָס מיר האָבן נויטיק, מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז אונדזער באַוועגונג איז נאָך זייער יונג, און אַ יונגן מאַן איז ניט אַזוי לייכט אַלע זאָלן אים אָנערקענען, ווי אים ווילט זיך.

אַלנפֿאַלס אין צענטער איז די באַציִונג פֿון צ. ק. צו אונדז אַ גוטע, דאָ האָט מען שוין אונדז פֿאַרשטאַנען, און דאָס איז גענוג מע זאָל אונדז אָנערקענען, אין פֿאַל פֿון רייבונגען קאָן מען זיך ווענדן צום צענטער. אַף די ערטער דאַרף מען נאָר זען, וואָס וויניקער צו פֿאַטערן ענערגיע אָפּן אינער־לעכן קאַמף און וואָס מער ווירקן אַף אויסן. די פֿאָרמען פֿון דער עקזיסטענץ פֿון די סעקציעס אַף די ערטער וועלן מיר דאָ פֿאָרויסזען אין אונדזער רע־זאָלוציע.

כ׳ אַלסקי קאָנסטאַטירט אין זיין שלוס־וואָרט, אַז אייגנטלעך האָט ער דאָ ניט געפֿונען קיין גרויסע כלוקעדייעס אין דער פּרינציפּעלער זייט פֿון דער פֿראַגע און מיינט, אַז זיין פֿאָרטראָג קאָן דינען אַלס יעסאָד פֿאַר אַ רע־זאָלוציע. ער שטרייכט מער ניט נאָכאַמאָל אונטער, אַז די צ. ב. טאָר ניט געבן קיין דירעקטיוון אַף די ערטער, זי קאָן נאָר דורך דעם צ. ק. פֿון דער פּאַרטיי אָנווייזן אַף די נויטיקע אויסבעסערונגען אַף די ערטער און אַז דער צענטראַלער קאָמיסאַריאַט דאַרף זיין אונטערגעוואָרפֿן דער צ. ב.

עס ווערט דערקלערט אַ האַפּסאָקע.

נאָך אַ קורצער האַפּסאָקע, בעשאַס וועלכער עס ווערט אויסגעקליבן אַ רעדאַגיר־קאָמיסיע אַף אויסצואַרבעטן די רעזאָלוציעס, ווהין עס גייען אַריין די כ״כ דימאַנשטיין, לעוויטאַן, מאַנדעלבערג, כייפּעץ און אַלסקי, ס׳טרעט צו דער כ. דימאַנשטיין צו זיין פֿאָרטראָג וועגן דער אַרבעט אַף דער יידי־שער גאַס.

כ. דימאַנשטיין טיילט זיין פֿאָרטראָג אַף פֿיר הויפּט־מאָמענטן פֿון אונד־זער אַרבעט: די פּאָליטישע, די עקאָנאָמישע, די אַרבעט אין דער רויטער אַרמיי און אין דער אָקופּאַציע.

וועגן דעם ערשטן טייל, דער פּאָליטישער אַרבעט, מיינט דער כאַווער דימאַנשטיין, אַז מען דאַרף זיך שטאַרק באַגרענעצן, ווייל, קיין ספּעציעלע פּאָליטישע אויפֿגאַבן האָבן מיר ניט, מיר זיינען קאָמוניסטן, מיר אָנערקענען די פּראָגראַם און די טאַקטיק פֿון אונדזער פּאַרטיי אין אַלע היִנזיכטן, און מיר דאַרפֿן דורכפֿירן אַלע באַשטימונגען פֿון דער פּאַרטיי ניט נאָר אַף דער יידישער גאַס, נאָר אויך אַף דער פּוילישער, אוקראַינישער, טאַטערישער א. אַז. וו. קיין נאַציאָנאַלע פּאָליטיק איז ניטאָ, עס איז דאָ נאָר איין רעוואָ־לוציאָנערע פּאָליטיק.

נאָר אין דער צייט, ווען מיר זיינען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער גאַנ־צער פּאָליטיק פֿון אונדזער פּאַרטיי, זיינען מיר נאָך מער פֿאַרנטוואָרטלעך פֿאַר דער יידישער גאַס, אַף וויפֿל זי איז אָפּגעשטאַנען... דאָס הייסט ניט, פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר אַליין זיינען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער יידישער גאַס, די גאַנצע פּאַרטיי אונדזערע איז אויך פֿאַראַנטוואָרטלעך, די זאַך איז נאָר אין דעם, וואָס מיר, אַלס יידישע קאָמוניסטן, קאָנען בעסער דורכפֿירן די אַר־בעט, און עס שטעלט זיך די פֿראַגע, וואָס האָבן מיר צו טאָן באַ אונדז?

דערביי אָבער דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז אין רוסלאַנד האָבן מיר פֿאַר די אַנדערהאלבן יאָר דורכגעמאַכט דאָס, וואָס עס האָט געקאָנט דורכגע־

מאַכט ווערן אין צענדליקער יאָרן, אין ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע האָבן מיר אין אייניקע כאַדאָשים דורכגעמאַכט דאָס, וואָס מיר האָבן אין צענטראַל-רוסלאַנד דורכגעמאכט פאַר אַנדערהאַלבן יאָר, איז׳ אַלזאָ, קלאָר, ווי גרויס און שווער עס איז די אַרבעט אונדזערע אַף דער יידישער גאַס, וועלכע איז מער פון אַלעמען אָפּגעשטאַנען.

די אָפּגעשטאַנענקייט דערקלערט זיך מיט דער שעדלעכער ווירקונג פון די יידישע נאַציאָנאַליסטישע פאַרטייען, אָבער אָפּגעבן זיך דורכויס דעם קאַמף מיט אַט די דיזאָזיקע פאַרטייען איז ניט מער, ווי אַ טייל פון אונדזער אַרבעט.

עס איז אַן אוטאָפּיע, ווען אייניקע פון אונדזערע כ״ב מיינען, אַז מען קאָן און מע דאַרף די פּאַרטייען איינגאַנצן כאַרעוו מאַכן. צווישן די יידישע מאַסן זיינען דאָ אַסאַך קליינבירגערלעכע עלעמענטן, וואָס נויטיקן זיך אין אַזאַ אַרט פאַרטייען.

אין קערענסקיס צייטן, לעמאָשל, זיינען אַלע רעכטע פאַרטייען געוואָרן קאַדעטן. אַף דער יידישער גאַס באַמערקן מיר, גייען איבער די לינקערע עלעמענטן צו די קאָמוניסטן, און די רעכטע, וואָס האָבן צופיל באַנקראָטירט, כאַפּן זיך אָן פאַרן „בונד“ און די פאַריינקטע״. און ניט אומזיסט האָבן מיר איבערגעלאָזן אַף דער רוסישער גאַס דעם נאָמען ס. ד. פאַר די קליינבירגער, אַזוי דאַרפן מיר לאָזן דעם נאָמען „בונד“ די יידישע קליינבירגער. די געשיכטע פירט דערצו, אַז די בעסערע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן קומען און וועלן נאָך קומען צו אונדז.

דער שווערפּונקט פון אונדזער אַרבעט ליגט אין די אָרעמע קוואַרטאַלן, אין די פאַרשטעט און אין בילקע קיכן, וו עס געפינט זיך דער גרעסטער טייל פון די ניטאָרגאַניזירטע יידישע האָרעפאַשניקעס. אונדזער גאַנצע אופמערקזאַמקייט דאַרף געלייגט ווערן אַף אָט די ברייטע שיכטן, וואָס פראָלעטאַריזירן זיך. מע דאַרף גיין אין קאָאָפּעראַטיוון און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און דאָרטן אַרבעטן. אונדזער אַרבעט דאַרף זיך פירן אינדערברייט.

עס שטעלט זיך אָבער די פראַגע, וואָס זאָל זיין דער אינהאַלט פון אונדזער אַרבעט? צי זאָלן מיר הויבן די ברייטע מאַסן צום קאָמוניזם, אָדער מיר זאָלן, פאַרקערט, דעם קאָמוניזם מאַכן באַלעבאַטיש און דערמיט גופע צוגענגלעך פאַר די ברייטע מאַסן.

ניט אַזוי און ניט אַזוי, פון איין זייט טאָר מען דעם קאָמוניזם ניט פאַרוואַנדלען אין אַ שאַרפן שווערד, ווי אייניקע פון אונדזערע כ״ב מיינען דאָס, און פון דער צווייטער זייט, טאָר מען ניט דערלאָזן, אַז די פאַרטיי זאָל בלייבן אַזוי קליין, ווי זי איז. מיר מוזן קוידעמקאָל די מאַסן דערציען.

אַף דער יידישער גאַס זיינען דאָ אַסאַך קליינבירגער, וואָס זיינען גרייט צוליב פּאַרנאָסע ווערן אַלץ, ווי אויך אַסאַך ניט באַוווסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע קאָנען מיט דער צייט, נאָך אַ געוויסן סטאַזש, פאַרוואַנדלען זיך אין געטרייע כאַוויירים. מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, זיין גוט פאָרזיכטיק אויך מיט זיי.

מיר מוזן האָבן קורסן פאַר יידישע אַגיטאַטאָרן, און דידאָזיקע אַגיטאַטאָרן וועלן דאַרפן האָבן צו טאָן ניט נאָר מיט די פאָרגעשריטענע אַרבעטער, נאָר אויך אַפילע מיט אונדזער לומפן-בורזשואַזיע, מיט דעם מיטעלן עלעמענט, וואָס פאַרמאָגט פראָלעטאַרישע קעשענעס מיט אַ קליינבירגערלעכער פסיכאָלאָגיע, און אויך דידאָזיקע דאַרף מען זען צופאַסן צו די ניי-געשאַפענע באַדינגונגען זיי זאָלן ווערן אונדזערע.

וועגן דער רויטער אַרמיי.

די צווייטע וויכטיקע אויפגאַבע אונדזערע איז אַריינפירן די ברייטע מאַסן אין דער רויטער אַרמיי.

די יידישע אַרבעטער-מאַסן זיינען וויניק מיליטעריש געשטימט. אונדז אַלעמען פעלט די קלייזאַציען-יערושע, עס פעלט אונדז דער מילכאָמע-פאַטאָס, דאָך מוזן מיר איצטער אַליין ווערן סאָלדאַטן און באַשיצן די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע. די זאַך איז ניט אין דער שטימונג, נאָר אין רעוואָלוציאָנערן כּויוו.

ליידער, איז די צאָל יידישע פרייוויליקע לויטן פראָצענט פון דער באַוווסטזיניקייט פון די יידישע מאַסן אַסאַך קלענער, האַגאַם עס איז דאָ אַ גרויסע צאָל יידישע כ״כ, און כאָטש די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז לויט איר גאַנצן מעהוס אַן אַנטימיליטאַריסטישע, דאָך פאָדערן פון אונדז איצט די רעוואָלוציע און דער קאָמוניזם, אַז מיר זאָלן ווערן קאָזאַקן. און איצטער וועלן מיר, יידן, אויך ווערן קאָזאַקן.

עס שטעלט זיך אָבער איצטער די פראַגע: אין וואָסער ריכטונג זאָל געפירט ווערן אונדזער אַרבעט לעטויוועס דער רויטער אַרמיי?

צי זאָלן מיר האָבן מיליטערישע אָפטיילונגען אייגענע אָדער ניט אייגענע? פאַרשטייט זיך, אַז אַפילע די, וואָס שטייען פאַר באַזונדערע יידישע מיליטערישע אָפטיילונגען, מיינען ניט, כאָלילע, זשאַבאָטינסקיס לעגיאָנען. די הויפּט-מאָטיוון, וואָס זיי שטעלן ארויס זיינען די, וואָס זאָגן, ערשטנס, אַז עס ווערט געפירט אַן אַנטיסעמיטישע העצע, און עס ווערט אָנגעוויזן, אַז די יידן מיידן אויס די רויטע אַרמיי, אין דער צייט, ווען אַף די הויפּט-פאָסטנס זיינען דאָ יידן—דאַרף מען די סאָנים באַווייזן, אַז די יידן האָבן אייגענע קאָם. קאַמף-אָטריאַדן, אַגעוו קאָנען זיי דינען אין פאַל פון אַ פּאָגראָם אַלס אַ גוטער זעלבסטשוץ-מיטל. דערצו נאָך איז מען מויסעף, אַז די יידישע סאָלדאַטן פילן זיך אָפּטמאָל זייער שלעכט אין די רויטע-אַרמעיִשע אַלגעמיינע טיילן און האָבן דאָרטן אויסצושטיין קאָלערליי זילזולים און בילבולים. אויך באַזונדערע אָטריאַדן וועלן פאַרגרעסערן די צאָל פון די יידישע סאָלדאַטן.

די קעגנער פון ספּעציעלע יידישע רויטע אַרמעיִשע טיילן ווייזן אָן, אַז אַזאַ מין סעפּאַראַטיזם קאָן האָבן אַ נעגאַטיווע באַדייטונג. דאָס קאָן אַרויסרופן אַ כשאַד מיצאַד דער רוסל. רויטער אַרמיי, וואָס וועט קוקן אַף די ייד. אָטריאַדן, ווי אַף שאָוויניסטישע נאַציאָנאַליסטישע מאַכנעס, וועלכע קעמפן ניט

פאַר איין אַלגעמיינער זאַך, נאָר האָבן זייערע ספּעציפישע נאַציאָנאַלע אינ-טערעסן.

— איך מיין אָבער,—זאָגט כ׳ דימאַנשטיין,—אַז מיר זאָלן ניט שטימען ניט פאַר און ניט קעגן, נאָר איבערגעבן דאָס אין רעשוס פון די געגנט-קאָ-מיטעטן, ווייל דאָס איז ניט קיין פּרינציפּיעלע פראַגע, נאָר אַ ריין פּראַקטישע און דאָס דאַרף געלייזט ווערן אַף די ערטער גופא.

וועגן דער אָקופּאַציע.

נאָך אַ פראַגע, וואָס פאַר אונדז איז אַזוי וויכטיק, איז די פראַגע וועגן דער אָקופּאַציע.

מיר דאַרפן אָבער האָבן אין זינען, אַז בעשאַס עס רעט זיך וועגן דער אָקופּאַציע מיינען מיר ניט צו באַפרייען די אָקופּאַציע צוליב ייִדן, נאָר צוליב דער ראַטנמאַכט.

ליידער זיינען מיר נאָך דאָרטן גאַנץ שוואַך, אין דער צייט, ווען אַלע פּאַרטייען אין פּוילן אַרבעטן פריי, מוזן אָבער די קאָמוניסטן פירן אַן אומלע-גאַלע אַרבעט. דאָס לייגט נאָך אַרויף אַף אונדז גרעסערע היסכאַייוועסן, ווייל דאָ האָבן מיר די מעגלעכקייט ניט נאָר צו זיין לעגאַל, נאָר צו זיין אַ מע-לוכע-פּאַרטיי מיט אַזויפיל גוטע מעגלעכקייטן—מוזן מיר זען שטיצן אונדזערע כאַווייריִם פון דער אָקופּאַציע מיט געלט, ליטעראַטור און מאָראַליש זיי קרעפ-טיקן. מיר מוזן אויך מאַכן אַ מאָביליזאַציע פון אונדזערע בעסטע כאַווייריִם און זיי שיקן אַהין.

די גרוסן, וואָס מיר באַקומען פונדאָרטן, איבערצייגן אונדז, אז פון טאָג צו טאָג ווערט פאַר אונדז אַלץ מער און מער צוגעגרייט דאָרטן דער באָדן, און מיר מוזן אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן, קעדיי די אַרבעטער-מאַסן, וואָס שמאַכטן דאָרטן, זאָלן וואָס גיכער זיך קאָנען פאַרשמעלצן מיט אונדז און מיט די איבעריקע פּראָלעטאַריער באַ זיך אין לאַנד אונטער איין פאָן מיט איינע און דיזעלביקע לאָזונגען.

מיר ווילן דאַרפן ווירקן אַף דער פּ. ס. ד., אַז זי זאָל בייטן איר טאַק-טיק בענוגע צו די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון דער אַרבעט צווישן די ייִדישע מאַסן. זי זאָל דערלויבן אַזאַ פאָרם, ווי סעקציעס, און אויך אָפּגעבן מער אופמערקזאַמקייט די ייִדישע מאַסן.

אין איר לאַנגן קאַמף מיט די פּוילישע נאַציאָנאַליסטן פון די פּ. פּ. ס. האָט איר אַזויפיל דערעסן דער נאַציאָנאַליזם, אַז זי שרעקט זיך שוין פאַר אַלץ, צי איז דאָס ניט, כאָלילע, נאַציאָנאַליזם, איינעם מיט די שמוציקע וואַסער וואַרפט אַרויס דאָס קינד פון וואַנע. זי האַלט איין מיט גוואַלד די איינעקייט פון „בונד" אין פּוילן, און מיט איר טאַקטיק לאָזט זי אונדז ניט שפּאַלטן אים, קעדיי די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן זאָלן אַריין אין די רייען פון דער רעוואָלוציע. אָן דעם ייִדישן אַרבעטער איז קימאַט אומעגלעך די רע-

וואָלוציע אין פּוילן. מיר וועלן איבערצייגן די פּ. ס. ד., אַז מיר זיינען גערעכט, און מיר וועלן ווירקן אַף זיי אויך דורכן צענטער.

מיר וועלן ניט פֿארגעסן אויך גאַליציע, רומעניע און בעסאראביע. דאָסזעלבע וועלן מיר זען צו האָבן אַ מאָראַלע ווירקונג אַף די יִדישע אַרבעטער אין אַמעריקע.

די עקאָנאָמישע פֿראַגן.

איינע פֿון די וויכטיקסטע אופֿגאבן, וואָס מיר האָבן צו טאָן אף דער יִדישער גאס,—איז די עקאָנאָמישע אַרבעט.

קיינער פֿון אונדז, פֿארשטייט זיך, שטייט ניט אַפֿן שטאַנדפונקט, אַז מיר דאַרפֿן שאַפֿן אַ ספּעציעלע יִדישע עקאָנאָמיק, ווי די ציאָניסטן מיינען. עס איז אויך איבעריק צו ריידן וועגן דער פּראָלעטאריזירונג פֿון די מאַסן, וואָס פּראָלעטאריזירן זיך שוין סאַי ווי, אָן אונדזער הילף. אזעלכע מינים פּראָצעסן שאַפֿן מיר ניט, די פֿראַגע איז נאָר וועגן די יִדישע לומפּן-פּראָלעטאַריער, אָדער לומפּן-בורזשויען, ווי אנדערע זאָגן, דאָס איז שוין א ריין ראַטן-ארבעט, ניט קיין פּאַרטיי-אַרבעט. דאָס רייד איך שוין אלס קאָמיסאר, נאָר ווען מיר, יִדישע קאָמוניסטן, שטייען באם מעלוכע-רודער און דאַרפֿן אָנפֿירן מיטן גאַנצן אָרגאַניזם—קאָנען מיר ניט איגנאָרירן קיינע עלעמענטן. מיר דאַרפֿן זען צו פֿאַרברייטערן דעם באָדן, אַף וועלכן מיר שטיצן זיך, ביזוואנען דאָס לאָזט זיך.

עמעס, מיר אָנערקענען ניט קיין אַלפֿאָלק-רעגירונג, נאָר א קלאַסן-רעגירונג, אָבער מיר מוזן זען צו האָבן די אלע מיטלויפֿער, וואָס לויט זייער סאָציאַלער לאַגע קאָנען זיי און דאַרפֿן זיין מיט אונדז.

מיר זיינען דאָ ניט נאָר אויסן די פּאָליטישע צילן, נאָר הויפּטזעכלעך עקאָנאָמיש אויסנוצן פֿאַרן לאַנד די ליידיקע הענט, פֿאַרקלענערן דעם קאָנטינגענט פֿון די קליינע ספּעקוליאַנטלעך, וואָס ווערן אַן אנטיסאָציאַלער עלעמענט און טאַקע אויך ראַטעווען זיי פּאָשעט פֿון הונגער, וועלכן זיי ליידן פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער.

דערצו איז נאָך אויך וויכטיק צוצופּאַסן אין עקאָנאָמישן זין די יִדישע מאַסן צו דער רוסישער ווירקלעכקייט. זיי זאָלן אַריינדרינגען אין דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע פֿון לאַנד און אַף אַזאַ אַרט וועלן זיי פֿאַרלירן זייער אָפּגעזונדערטקייט און וועלן זיך פֿאַקטיש דערנעענטערן צו די פֿעלקער, מיט וועלכע זיי לעבן.

מיר דאַרפֿן זען אָרגאַניזירן קאָאָפּעראַטיוון, אַרטעלן, קליינמעלאָכע און איבערהויפּט ערדאַרבעט, ווייל רוסלאַנד איז א לאַנד פֿון ערדאַרבעט. איך מיין אָבער ניט, אז מיר זאָלן זעלבשטענדיק טאָן דידאָזיקע ארבעט אזוי ווי יק"א, אָדער „אָרט”, וואָס שטרעבן צו באשאפֿן א יִדישן פּאָרעצל אָדער סויכערל. ניין, דאָס דארף זיין די ארבעט פֿון די אלגעמיינע פֿאָלק-קאָמיסאריאטן, און מיר דארפֿן נאָר זיין אלס הילף-אָרגאנען, וואָס זאָלן שטיצן און העלפֿן די ארבעט.

און זאָל זיך די אומבאַהאָלפֿענע פֿאַראָרעמטע ייִדישע מאסן איבערצייגן, אַז מיר זיינען ניט קיין פּארטיי פֿון פֿראזן, נאָר פֿון מאַיסים, און דענסטמאָל וועלן זיי צו אונדז באַקומען צוטרוי, וועלן זיך אָפּגעבן אין אונדזער רעשוס אַריין און אזוי אַרום וועלן מיר אויסראָטן אַף דער ייִדישער גאַס די קאָלערליי ספּעקוליאַציעס. שווינדל און מענאכעמענדלעריי, וואָס האָבן שוין אָפּגעלעבט זייער צייט.

דאָס ערשטע וואָרט אין די דעבאטן איבער דעם פֿאָרטראג פֿון כאַווער דימאַנשטיין באַקומט דער כ׳ כייפֿעץ, וועלכער ווייזט אָן, אז ווען אונדזער פּארטיי וואָלט זיך געשטעלט די אויפֿגאבע צו צוציִען די ברייטע מאסן, וואָלטן מיר דענסטמאָל באקומען אַ מין קערענשטשינע און וואָלטן זיכער אונטערגעגאַנגען. אונדזער פּארטיי טאָר זיך אזוי ניט וואקלען. די דיקטאטור פֿון ארבעטער-קלאַס פֿאָדערט א גאנץ שמאָלע פּארטיי, אָבער אן אויסגעהאלטענע און פֿעסטע. און ווען איך פֿאָדער פֿארשמעלערטקייט איז דאָס דערפֿאר, ווייל מיר זיינען פּאָליטיש אָפּגעשטאנען, און מיר מוזן זיך פֿארנעמען מיט ריין עלעמענטארער ארבעט. אונדזער הויפּט-ארבעט אין דער אָקופּאציע איז ניט נאָר ברייטער מאכן אונדזער טעטיקייט, נאָר הויפּטזעכלעך, ווירקן אף אונדזערע פּוילישע קאָמוניסטן, וואָס זיינען אלטע קאָמוניסטן, אבער קורצזיכטיקע בעוועגיע צו נאציאָנאלע פֿראגן, און דאָרטן וועט נאָך געוויס געפֿירט ווערן אַ גרויסער נאציאָנאלער קאמף. אָט האָבן מיר שוין א פּויליש-רומענישן פֿראָנט, און מיר מוזן זען אומבאדינגט שפּאלטן דאָרטן דעם ארבעטער-קלאס.

וואָס ס׳איז שאַיעך אונדזערע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען—בין איך אסאך פּעסימיסטישער. דער מיטל-קלאס האָט אונדז פֿיינט, ווייל ער גייט אונטער צוליב אונדזערע נאציאָנאליזאציעס, און מיר וועלן אים בעשום אויפֿן ניט קאָנען געווינען, ווי כאַווער דימאַנשטיין מיינט. און דערפֿאַר עפּשער איז נאָך דער ייִדישער אַרבעטער-קלאַס אַזוי רעכט, ווייל די וואַנט, וואָס צווישן אים און מיטלשטאַנד, איז אַ גאַנץ דינע...

אַף אוקראַינע, אַגעוו, געפֿינט זיך נאָך דער ייִדישער מיטל-קלאַס צווישן צוויי פֿייערן. פֿון איין זייט דער באָלשעוויזם און פֿון דער צווייטער—פּעטליורע, און גראָד דאָרטן וועלן עפּשער די קליינבירגערלעכע עלעמענטן שוין זיין גיכער אַף אונדזער צאַד, ווייל פֿון צוויי צאָרעס קלייבט מען אויס די קלענערע, נאָר סאָפּקאָלסאָף קאָן דאָס באַ אונדז ניט שפּילן קיין דאָמינירנדיקע ראָל, און ווען מיר מוזן זיך, ליידער, רעכענען מיטן „סרעדניאַק", איז דאָס דערפֿאַר, ווייל ער איז אַן ערנסטע עקאָנאָמישע קראַפֿט, וואָס מע מוז נייטראַליזירן, אין דער צייט, ווען אונדזער אַזוי גערופֿענער סרעדניאַק איז ניט מער, ווי אַ ספּעקוליאַנט און דאָס גאָר.

עס איז באַ אונדז דאָ אַ פּאַופּעריזירטע מאַסע, דאַרף מען זי איבערפֿירן אַף פּראָדוקטיווער אַרבעט, אָבער דאָס איז זייער אַ קאָמפּליצירטע זאַך, באַ דעם אנטיסעמיטיזם, וואָס בושעוועט איצטער אין לאַנד—איז ערדאַרבעט קימאַט אַן אומעגלעכע זאַך. די איינציקע זאַך, וואס איך קאָן פֿאָרלייגן—איז שאַפֿן אַ ספּעציעלע באַראַטונג וועגן עקאָנאָמישע פֿראַגן. וואָס איז שאַיעך

ווען שאַפֿן ספּעציעל יידישע רויטאַרמייִשע טיילן—איז דאָס אַ געפֿערלעכע שפּיל.

איבערהויפּט באַ אונדז אין אוקראַינע, ווו די אופֿשטאַנדן אין דאָרף זייַנען ניט קיין „קולאַצקע", נאָר אַ סיסטעמאַטישער קאַמף פֿון דאָרף מיטן שטאָט און וויבאַלד נאָר עס וועלן זיך באַווייזן ספּעציעלע יידישע קאַמף-אָטריאַדן, וועט עס אַנדערש ניט אויסגעטייטשט ווערן, אַז דאָס איז אַ שטאָטישע „זשידאָווסקע" ארמיי, וואָס גייט קעגן דאָרף, און מיר וואָלטן זיכער אומגעקומען.

דעריבער וואָרן איך פֿון אַזעלכע מינים עקספּערימענטן, וואָס קאָנען גיסן וואַסער אַף דער מיל פֿון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וועלכע איז פֿאַר אונדז אַלעמען זייער געפֿערלעך און קעגן וועלכער מיר אַלע מוזן קעמפֿן.

כ' אַ גו ר ס קי שטרייכט אונטער, אַז די היסטאָרישע געשעענישן האָבן דעם מאַצעוו פֿון יידישן פֿאָלק אַוועקגעשטעלט אַף גאַנץ אַנדערע יעסוידעס, ווי באַ די אַנדערע פֿעלקער, און צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט — מוזן מיר זיך דאָך פֿאַרנעמען מיט ספּעצ. עקאָנאָמישער אַרבעט אַף דער יידישער גאַס. טאָמער האָבן מיר נאָך פֿאַרמאָגט אַ קליינעם קאָנטינגענט יידישע פֿאַבריק-אַרבעטער און באַלמעלאָכעס, האָט די מילכאָמע פֿון זיי איינגאַנצן אַ טייל געמאַכט, נאָך דער מילכאָמע איז געקומען די קאָנטראַברעוואָלוציע, וואָס האָט גאַנץ און גאָר כאָרעוו געמאַכט דעם יידישן יישעוו, דעם יידישן האַנדל, און די יידישע קליינבירגער זיינען טאַקע בעפּויעל מאמעש געבליבן אָן אַ שטיקל ברויט.

עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס די ספּעקולאַציע אַף דער יידישער גאַס האָט אָנגענומען אַזעלכע שרעקלעכע ווילדע פֿאָרמען, ווייל דער הונגער טרייבט צו אַלדאָס שלעכטס, און ניט די „טשערעזוויטשאַיקע" קאָן קעמפֿן קעגן אַזאַ מין העסלעכער דערשיינונג.

ווען איך ווייס, אַז מע קאָן מיט רעפּרעסיווע מיטלען און מיטן „שטעלן צום וואַנטל" אויסראָטן די ספּעקוליאַציע, וואָלט איך געווען דער ערשטער דערפֿאַר, אַז מע זאָל מאַכן יידישע אָפּטיילונגען באַ דער אַלגעמייגער אויסעראָרדנטלעכער קאָמיסיע, נאָר ווי געזאָגט, ברענגט דאָס גיט די געווונטשענע רעזולטאַטן, דאַרף מען זען אַוועקשטעלן דעם יידישן קליינבירגער אין אַזאַ לאַגע, אַז ער זאָל נוצלעך ווערן פֿאַר דער געזעלשאַפֿט און ניט פֿאַלן איר, ווי אַ פּאַראַזיט, צו לאַסט. מיר מוזן וואָס גיכער אָנעמען אויסעראָרדנטלעכע מיטלען, ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען די יידישע מאַסן פֿון הונגער און נויט, ווי אויך פֿון דער ספּעקולאַציע, און דאָס וועט געוויס אויך אָפּשוואַכן דעם אנטיסעמיטיזם.

כ' מאַנדעלסבערג זאָגט זיך אַרויס קעגן דעם, וואָס מען רעט דאָ צופֿיל אַבסטראַקט און צו טעאָרעטיש, בעשאַס מיר האָבן זיך צו באַשעפֿטיקטן מיט גאַנץ קאָנקרעטע פֿראַגן.

אַף דער יידישער גאַס איז נאָך דורך אונדז אַזוי ווינציק אופֿגעטאָן, און איצטער מוזן מיר נאָך פֿאַרטאָפּלען אונדזער אופֿמערקזאַמקייט, ווייל דער צופֿלוס פֿון „בונד" און „פּועלי ציאָן" אין אונדזערע רייען ווערט אַלץ

גרעסער און גרעסער, און עס איז נויטיק אַ קאָנצענטרירטע און סיסטעמאַטישע אַרבעט.

וואָס עס איז שייך דעם קליינבירגערלעכן עלעמענט, אָדער אַזוי גע-רופֿענע „סרעדניאַקעס״—האָבן מיר ניט פֿאַר זיי וואָס צו מוירע האָבן—קיין אופֿשטאַנדן וועלן זיי אונדז ניט מאַכן, די גרעסטע אויפֿגאַבע, וואָס מיר האָבן איצטער, איז דער קאַמף מיט דעם אַנטיסעמיטיזם, דאָ מוזן מיר שטיין אויף דער וואַך און האָבן אַ שטרענג-קאָנקרעטן פּלאַן. עס דאַרפֿן צוגעגרייט ווערן אינסטרוקטאָרן ניט נאָר ייִדן, נאָר אויך קריסטן. די פֿראַגע וועגן דער אַרבעט אין דער אָקופּאַציע איז ניט קיין אַקטועלע, און זי קאָן איבערגעגעבן ווערן דער צענטראַלער ביוראָ.

וואָס אנבאַלאַנגט דער רויטער אַרמיי איז איינע פֿון די געפֿערלעכסטע זאַכן צו שאַפֿן ספּעציעלע ייִדישע רויטאַרמעישע טיילן, נאָך מער געפֿערלעך איז דאָס אויף דעם מאַירעוו-פֿראָנט אין דעם געוועזענעם ייִדישן טכום, ווייל די סאָנים קאָנען דאָ ניט מויכל זיין. אַזוי, לעמאָשל, האָבן אין לידע די פּוילישע לעגיאָנערן אויסגעהאַרגעט 250 ייִדן, נאָר דערפֿאַר, וואָס ייִדישע רויטאַרמייער האָבן געהאַרגעט 250 לעגיאָנערן. עס איז שוין בעסער איבערצושיקן די ייִדישע רויטע-ארמיי אויף קאָלטשאַקס פֿראָנט.

כ' שאַפּיר זאָגט זיך אַרויס קעגן איינפֿירן אַרטעלן, ווייל זוי עס האָט באַוויזן די פּראַקטיק, האָט די אַגראַר-טאַקטיק, דאָס פֿאַרטיילן די ערד, געשאַפֿן אין דאָרף אַ פֿיינטלעכן עלעמענט קעגן דער ראַטנמאַכט. דאָסזעלבע איז אויך מיט ייִדישע אַרטעלן, וואָרעם שאַפֿן אַרטעלן—הייסט שאַפֿן קליינע געזעלשאַפֿטן מיט אַ רעאַקציאָנערער פּאָליטיק און קליינבירגערלעכע טענדענצן.

— איך באַצי זיך אויך נעגאַטיוו, זאָגט כ. שאַפּיר, צו די ייִדישע אָט-ריאַדן, ווייל דאָס איז קעגן אונדזערע אידעאַלן, און דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן צו טאָן, איז זען צוגרייטן די מאַסן צו דער רויטער אַרמיי און אויך אַליין זיין גרייט צו גיין פֿאָרויס.

נאָך דעם, ווי עס האָבן זיך געענדיקט די דעבאַטן וועגן פֿאָרטראָג פֿון כ' דימאַנשטיין באַקומט דער לעצטער זיין שלוסוואָרט און זאָגט:

— איך מוז קאָנסטאַטירן, אז וועגן דער פּאָליטישער זייט פֿון מיין פֿאָרטראָג האָבן זיך די כאַוויירים זייער ווינציק אַרויסגעזאָגט, דאָס איז גראָד די הויפּט-זאַך, און דאָס איז פֿאַרדריסלעך. מער פֿון אַלץ איז באַהאַנדלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן דער עקאָנאָמישער אַרבעט און וועגן דער רויטער אַרמיי. דער הויפּט-קעגנער איז געוועזן דער כ' כייפעץ, נאָר איך מוז זאָגן, אַז דער איינציקער אונטערשייד צווישן אונדז איז דאָס, וואָס ער שרעקט זיך נאָך, און מיר האָבן זיך שוין אָפּגעשראָקן. גראָד אין אוקראַינע זיינען ייִדישע ערדאַרבעטער פֿון לאַנג פֿאַראַן און שרעקן זיך פֿאַר אופֿשטאַנדן איז ניט אונדזער געוואוינהייט. אונדזער לאָזונג איז פֿון טאָמיד אָן געוועזן צו גיין קעגן שטראָם און צוברעכן אַלע מעניעס אַפֿן וועג.

דער שטאַנדפּונקט פֿון צו האָבן אַ שאַבעס-גוי איז זייער אַ פֿאַרעלטערטער, און עס איז לעכערלעך דער שטאַנדפּונקט, אַז אָן קריסטלעכע עלעמענטן טאָר ניט זיין קיין יידישע אַרטעל אָדער קאָלאָניע. עס זיינען געווונטשן אַלגעמיינע אָבער דאָס איז ניט אָבליגאַטאָריש, אַז עס מוז זיין אַ גוי אַף אַ רעפּוּע.

און עס איז אויך לעכערלעך צו פֿאַרמאַכן די אויגן און ניט זעען דאָס, וואָס פֿאַר אונדז קומט פֿאָר. מיר זעען אַפֿילע קליינע אומבאַהאָלפֿענע מענטשעלעך, וועלכע מיר קאָנען פֿאַרוואַנדלען אין נוצלעכע אַרבעטער פֿאַר דער מעלוכע. און אַרויסגייענדיק פֿון אונדזער מעלוכע-אינטערעסן, מוזן מיר דידאָזיקע עלעמענטן אַרויסראַטעווען פֿון טויט און פֿאַרדאָרבנקייט.

דאָסזעלביקע איז אויך וועגן דער רויטער ארמיי. אויך דאָ דאַרפֿן מיר פּראַקטיש זיין און שטעלן דעם טראָפּ ניט אַף דער פּרינציפּיעלער זייט, צי דאַרף זיין א יידישע ארמיי, וואָס קיינער זאָגט דאָס ניט, נאָר אַף דער פּראַקמישער זייט—ווו איז בעסער צו שאַפֿן אָט אַזעלכע רויטאַרמעישע טיילן, וועלכע זאָלן זיך אַריינגיסן אין דער אַלגעמיינער רויטער ארמיי, ווו זיי וועלן זיין מער צאָלבאַר און מער קאַמף-פֿעיק.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם אנטיסעמיטיזם, איז דאָס ניט קיין ספּעציעל יידישע פֿראַגע, ווי כ׳ מאנדעלסבערג האָט עס אויפֿגעפּאסט, נאָר עס איז אַ מאַקע אַף דער רעוואלוציע. „שלאָגט די יידן“—איז איצטער געוואָרן דער לאָזונג פֿון דער אַלגעמיינער קאָנטער-רעוואָלוציע.

דער קאַמף מיטן אנטיסעמיטיזם איז א טייל פֿון אונדזער פּאָליטישער אַרבעט, אין אַלגעמיין גענומען איך, אַז בא אונדז זיינען קימאַט ניטאָ קיין פֿאַרשיידנאַרטיקע מיינונגען.

אין דער צייט, ווען כ׳ דימאנשטיין האָט געהאלטן זיין שלוס-וואָרט איז אַריינגעקומען אין זאל דער כ׳ קאַלינין, פֿאָרזיצער פֿון אַלרוסלענדישן צענטראלן אויספֿיר-קאָמיטעט. ער פֿארנעמט אן אָרט באם פּרעזידיום, און ווי נאָר דער כ׳ דימאנשטיין האט געענדיקט זיין שלוס-וואָרט, באקומט כ׳ קאלינין—אַ וואָרט צו באגריסן די קאָנפֿערענץ.

די דעלעגאַטן באַגעגענען אים מיט לאַנגדויערנדיקע אפּלאָדיסמענטן.

כ׳ קאַלינין דאַנקט פֿאַר דעם הייסן אויפֿנעמען, וואָס האָט אים זייער גערירט, און בעט אַ דערלויבעניש איבערצוגעבן זיין גרוס די יידישע קאָמוניסטן אין נאָמען פֿון אַלרוסל. צענטראַלן אויספֿיר-קאָמיטעט.

דער צ. א. ק. איז זייער אויפֿמערקזאַם אַף די יידן, וואָס עס האָבן אַריבערצוטראָגן די ברייטע יידישע מאַסן. קיין איין פֿאָלק האָט נאָך ניט פֿאַרגאָסן אַזוי פֿיל בלוט פֿון דער קאָנטער-רעוואָלוציע, ווי דאָס יידישע.

קיין איין איינציקע בורזשואַזע רעגירונג האָט ניט אויפֿגעהויבן איר פּראָטעסט קעגן דער ווילדער פּאָגראָם-כוואַליע, וואָס האָט זיך די לעצטע צייט פֿאַנאַנדערגעגאָסן איבער דעם יידישן פֿאָלק. דער בעכער פֿון ליידן איז שוין איבערפֿולט...

כ׳ קאַליִנין מוז אַף אַ ווײַלע איבעררײַסן זײַן וואָרט ביז ער קומט אַביִסל צו זיך פֿון זײַן טיִף־באַהאַלטענער אופֿרעגונג און זאָגט ווײַטער—קײַן אײַן ערלעכער מענטש קאָן זיך ניִט איִצטער גלײַכגיִלטיִק באַציִען צו דעם מאַסנמאָרד, וואָס קומט איִצטער פֿאָר איִבער ייִדן. עס הענגט אַ געפֿאַר פֿון אַ בוכשטעבלעכער פֿאַרניכטונג פֿון דעם ייִדיִשן פֿאָלק און פֿאַר אײַך, ייִדיִשע קאָמוניסטן, שטײט פֿאָר זײער אַ שווערע אופֿגאַבע. איר דאַרפֿט ארויספֿירן דיִ ייִדישע מאַסן אַפֿן ברײטן שליאַך פֿון דער רעוואָלוציע און אַרײַנפֿיִרן זײ אין דיִ רײען פֿון דער רויטער אַרמײ. איר דאַרפֿט איִן זײ אַרײַנבלאָזן דעם קאַמפֿגײַסט, און זאָלן זײ מיט געווער אין דיִ הענט באַווײַזן די סאָנים, אַז זײ זײַנען ניִט קײַן שטומע ביִדלעס און ענטפֿערן מיט בלײ אַף יעטוויִדער באַלײדיקונג, און דיִ סאָנים וועלן דערעכערעך באַקומען.

איר דאַרפֿט וויסן, אַז דאָס בושעוועט איצטער ניט דער אַמאָליקער, בירגערלעכער אַנטיִסעמיִטיזם, נאָר דיִ קאָנטער־רעוואָלוציע, און וועלן מיִר באַזיִגן די קאָנטער־רעוואָלוציע, באַזיִגן מיִר אויך דיִ פּאָגראָמען.

דאָס דאַרפֿן אויך וויִסן די קלײנבירגער און באַלעבאַטיִם און איִבערצײַגן זיִך, אַז נאָר די ראַטנמאַכט קאָן זײ באַשיִצן, און נאָר דיִ ראַטן־רעגירונג שטײט אַף דער וואַך קעגן אַלע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונגען.

דיִ אַרבעט אײַערע, כאַווײרים, איז שווער און גרויס, איבערהויפּט נאָך, ווען עס קומט אויס צו קעמפֿן מיטן אַנטיסעמיִטיזם ניִט נאָר פֿונויסן, נאָר, לײדער, אויך אין דיִ ראַטן־אַנשטאַלטן גופֿע. אָבער עס איז אויך נאָענט דער זיג אונדזערער איִבער דעם וועלט־אימפּעריאַליִזם.

כ׳ אַלסקיִ ענטפֿערט אף דער באַגריִסונג פֿון כ׳ קאַלינין אין נאָמען פֿון דער קאָנפֿערענץ און ווײַזט אָן, אַז דאָ האָבן זיִך פֿאַרזאמלט ייִדישע קאָמוניסטן אונטער דער פֿאָן פֿון דער ר. ק. פּ. צו קעמפֿן מיִט דער קאָנטער־רעוואָלוציע און מיט די פֿאַרשײדענע סאָנים, ווו זײ זאָלן זיִך ניִט געפֿינען.

אונדזער אַרבעט איז דיִ אַרבעט פֿון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע און מיִר גײען האַנט באַ האַנט מיטן רוסישן און אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריִאַט.

אונדזער אופֿגאַבע איז ניט נאָר צו באַפֿעסטיקן דיִ ראַטנמאַכט, נאָר צו באַשיִצן דעם אַלוועלטלעכן רעוואָלוציאָנערן פֿראָנט.

די קאָנפֿערענץ קערט זיִך אום צו דער טאָגאָרדענונג, און כ׳ מאַנדעלסבערג, וואָס פֿירט דיִ זיצונג, גיט אַ וואָרט דעם כ׳ אַגורסקיִ, וואָס האַלט אַ פֿאָרטראָג וועגן דער פּרעסע, פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציִע. כ׳ אַגורסקי שיִלדערט די מאַכט פֿון דער פּרעסע, וואָס די בורזשואַזיע פֿלעגט אַזוי גוט אויסנוצן צו אירע גונסטן, ער ברענגט בײַשפּיִלן פֿון דיִ אַמעריקאַנער צײַטונגען, וואָס זײַנען אַלע קיִמאַט געוואָרן פֿאַרקויפֿט די פֿאַרשײדענע טרעסטן און אונטערנעמער.

דיִ אָקטיאַבר־רעוואָלוציע האָט באַ דער בורזשואַזיע ארויסגעריסן דאָס בעסטע און שטאַרקסטע געווער, און כאָטש מיִר האָבן טאָמיִד געשטריִטן פֿאַר

פרייהייט פון ווארט, האָבן מיר דאָך געמוזט צומאַכן די בורזש. פרעסע, וואָס איז געגאַנגען קעגן די אינטערעסן פון אַרבעטער-קלאַס. אָבער, ליידער, זיינען מיר אַליין נאָך ניט געווען צוגעגרייט צו דעם גרויסן דרוק-אַפּאַראַט. מיר זיינען פון טאמיד אָן געוואָינט געוואָרן צו לעבן אומלעגאַל און שרייבן דאָס-ראָוו פּראָקלאַמאַציעס און בלעטלעך, און דערפאַר טאקע איז אונדזער פרייע פרעסע געווען אַזוי איינזייטיק און שמאָל.

דאָ גייט כ׳ אַגורסקי איבער צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער פרעסע, וואָס איז דערשינען פאַר דער לעצטער צייט, און ווייזט אָן אף די פיל פעלערן, וואָס עס זיינען באגאנגען געווארן מיצאד אייניקע, וואָס זיינען געשטאנען אין דער שפיץ פון אַרויסגעבעריי. איצטער איז אָבער נויטיק, אַז עס זאָל אַריינ-געטראָגן ווערן אַ סיידער, און די ייד. קאָמ. פרעסע זאָל זיין ניט אַזוי שמאָל און צופעליק, ווי ביז איצטער. די גאַנצע פרעסע מוז זיך געפינען אונטער דער קאָנטראָל. פון דער צ. ב.

דער פאָרטראָג פון כ׳ אַגורסקי רופט אַרויס הייסע דעבאַטן גראָד מיצאַד די, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט באַ די ייד. קאָמ. אויסגאַבן. עס ווערט אָנ-געוויזן, אַז כ׳ אַגורסקי האָט זיך פאַרנומען נאר מיט קריטיק, אָבער ניט אָנ-געוויזן קיין מאמאשעסדיקע אופגאבן און אויך ווי ניט געהעריק אָפּגעשאַצט די פרעסע, וואָס האָט דאָך געהאט אזא גרויסע באדייטונג אין דער ייד. קאָמ-באוועגונג. עס ווערן ארויסגעזאָגט ווונטשן, אז עס זאלן זיין צייטונגען און זשורנאַלן פאַר דער יוגנט, פאַר דער רויטער ארמיי און פאַר די פרויען-ארבעטערנס.

דערמיט ווערט געשלאָסן די דריטע זיצונג פון דער קאָנפערענץ.

די פערטע זיצונג.

די פערטע און די לעצטע זיצונג פון דער 2-טער קאָנפערענץ עפנט זיך דאָנערשטיק, 5 אַזייגער נאָכמיטיק מיט אַ פאָרטראָג פון כ׳ טאָמסינסקי, וועגן דער בילדונג-אַרבעט.

כ׳ טאָמסינסקי מאָלט דעם ערשטן פעריאָד פון דער בילדונג-טעטיקייט, ווען דער יידישער קאָמיסאַריאַט און די קולטור-און בילדונג-אָפּטיילונג זיינען נאָך געווען אַזוי אָרעם אין מענטשן און געלט-מיטלען, און וואָס פאַר אַ שווערן קאַמף עס איז אויסגעקומען דורכצופירן אַף דער יידישער גאַס קעגן די אַלע פינצטערע כאַדאָרים און שולן. דאָך איז פאַר אונדז קלאָר געווען, אַז עס איז שוין אַסאך בעסער די יידישע קינדער זאָלן וואַרפן שטיינער אין די פענצטער, איידער באַזוכן די אַלטע כאַדאָרים און שולן, און מיר האָבן אָנגענומען די סאַמע ענערגישע מיטלען, אַז טאַנאַך און העברעיש זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון די שולן, קעדיי זיי זאָלן קאָנען אַריינגענומען ווערן אין דער מעלוכע-נעץ.

אַזוי איז אונדז אויך געלונגען אופצושטעלן דעם ערשטן פעדאַגאָגישן זשורנאַל אַף יידיש „קולטור און בילדונג". ליידער, האָבן אונדזערע לערער ניט גענוג אָפּגעשאַצט דעמדאָזיקן אָרגאַן, און פון די ערטער פלעגט אונדז

ווינציק ווער קומען צו הילף. די גרעסטע אַרבעט האָבן אויפגעטאָן אונדזערע אינסטרוקטאָרן, וואָס פלעגן טאָמיד צונויפבינדן דעם צענטער מיט דער פּראָווינץ און מיטהעלפן דעם אויפבוי פון דער נייער שול.

ביז איצטער איז אונדז אויסגעקומען צו אַרבעטן מער אינדערברייט, ווי אינדערטיף, ווייל מיר האָבן זיך מער אָדער ווייניקער געמוזט צופּאַסן צו די מענטשן, וואָס פלעגן צו אונדז קומען. איצטער אָבער, ווען מיר פאַרמאָגן שוין אונדזער אַפּאַראַט, דאַרפן מיר מיט זיכערע טריט גיין פאָרויס. עמעס, דער וועג איז זייער אַ שווערער. ווייל בויען די איינהייטלעכע אַרבעט-שול אַף דער יידישער גאַס באַ דעם איצטיקן עקאָנאָמישן מאַצעוו איז קימאַט ווי אומעגלעך. מיר מוזן פריער געזינטער מאַכן דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן און איינצייטיק אויך באַקעמפן די סוראָגאַט-שולן, וואָס ברענגען ניט מער ווי שאָדן.

אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט דאַרף אָפּגעגעבן ווערן דער אויסער שול-בילדונג, פאַר וועלכער עס איז אַף דער יידישער גאַס קימאַט ווי גאָרניט געטאָן געוואָרן. דערצו דאַרפן מאָביליזירט ווערן אַלע אינטעליגענטע קויכעס.

מע דאַרף אויך אַרויסראַטעווען די יוגנט פון אונטער דער ציאָניסטישער ווירקונג. די יוגנט האָט בעטעווע ליב מאַיסעלעך, און דערפאַר עפּשער געלינגט דעם ציאָניזם זיי אַריינצוכאַפּן אין זיין נעץ. עס מוז צווישן דער יוגנט געפירט ווערן אַ ברייטע אויפקלערונג-אַרבעט, און מע מוז באַקאַנען זיי מיט די קאָמוניסטישע אידעאַלן און צוציען זיי גלייך צו דער אַרבעט.

עס שטייט פאַר אונדז אויך די פּראָבלעם פון אַ פּראָלעטאַרישן אוניווערסיטעט, ווייל פאַר דער פּראָלעטאַרישער קולטור איז נאָך באַ אונדז גאָרניט געטאָן געוואָרן. און זאָלן זיך ניט שרעקן די יעניקע, וואָס מיינען, אַז דאָס שמעקט שוין מיט פּאָליטיק... ניין, קולטור און פּאָליטיק זיינען איינס, און דעריבער איז טאַקע נויטיק, אַז אַלע קולטור-אַנשטאַלטן זאָלן זיך געפינען אונטער אונדזער קאָנטראָל.

דער פאָרטראָג פון כ׳ טאָמסינסקי רופט אַרויס גאַנץ קליינע דעבאַטן, ווייל אין גרונט גענומען זיינען אַלע מיט אים איינשטימיק. עס שטעלט זיך נאָר די פראַגע, צי די קולטור און בילדונג-אַרבעט דאַרף זיך געפינען אין רעשוס פון יידישן קאָמיסאַריאַט אָדער פון די בילדונג-סעקציעס באַ די פאָלק-קאָמיסאַריאַטן פאַר בילדונג.

כ׳ דימאַנשטיין מיינט, אַז דער יידישער קאָמיסאַריאַט דאַרף האָבן אַ שטענדיקן קאָנטראָל איבער די בילדונג-סעקציעס, און כ׳ לעוויטאַן מיינט, אַז באַ אַסאַך יידישע קאָמוניסטן זיינען נאָך פאַרבליבן רעשטלעך פון דער אַלטער אידעאָלאָגיע, און דערפאַר שרעקן זיך אַזוי די כ״כ פאַר דעם „נאַרקאָמפּראָס”. אין אוקראַינע איז גאַנץ אַנדערש. דאָרט אינטערעסירט מען זיך ניט מיט דער פאָרם, נאָר מיטן אינהאַלט. די קולטור-אַרבעט אַף דער יידישער גאַס קאָן זיך ניט אָפּשיידן פון דער קולטור-אַרבעט אַף דער אַלגעמיינער גאַס. זי מוז זיך געפינען אין רעשוס פון פאָלק-קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג, און אויב דער לעצטער מאַכט פעלערן, דאַרפן מיר אַף דידאָזיקע פעלערן אָנווייזן, ער איז דאָך ניט אַ צאַד שעקנעגעד.

כ׳ האָדעס טראָגט נאָך אַריין אַ הויספּאָע צום פּאָרטראָג פון כ׳ טאָמסינסקי וועגן דעם יידישן טעאַטער, וואָס איז פאַרשוויגן געוואָרן. נאָר כ׳ טאָמסינסקי מאַכט אויפמערקזאַם, אַז גראָד אַף דעמדאָזיקן געביט איז אין ווילנע זייער פיל געטאָן געוואָרן, און מיר האָבן שוין דאָרט פאַרמאָגט אַ גאַנץ פיינעם יידישן מעלוכע-טעאַטער, אָבער איצטער פעלט אונדז די פאַסיקע שטאָט, ווי אויך די נויטיקע קויכעס.

די קאָנפערענץ באַשטימט אָנעמען כאווער טאָמסינסקיס פּאָרטראָג אַלס אַ יעסאָד פאַר אַ רעזאָלוציע.

אַף דער טאָג-אָרדענונג איז נאָך דאָ אַ פּאָרטראָג וועגן דער באַציִונג צו די יידישע סאָציאַליסטישע און ניטסאָציאַליסטישע פּאַרטייען. נאָר דער פּרע-זידיום לייגט פאָר אַראָפּצונעמען דעמדאָזיקן פּאָרטראָג, ווייל פאַר אַלעמען איז אייגנטלעך קלאָר, ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך באַציען צו דער אָדער יענער פּאַרטיי, און אַזוי ווי עס איז קורץ די צייט, זאָל זיך די קאָנפערענץ באַנוי-גענען מיט א רעזאָלוציע, וואָס וועט פאָרגעלייגט ווערן איבער דערדאָזיקער פראַגע. אייניקע דעלעגאַטן זאָגן זיך אַרויס ביקלאַל קעגן דעם, אַז עס זאָל אַרויסגעטראָגן ווערן אַ וועלכע עס איז רעזאָלוציע איבער דערדאָזיקער פראַגע, ווי באַלד דער צ. ק. פון דער ר. ק. פּ. האָט שוין זיינע באַשטימטע באַציִונגען.

כ. ל ע וו י ט אַ ן ווייזט אָן, אַז ניט געקוקט אַף דעם, מאָגן מיר יאָ אַרויסטראָגן אַ רעזאָלוציע, ווייל די ר. ק. פּ. האָט ניט קיין מעגלעכקייט צו באַקאָנען זיך נעענטער מיטן כאַראַקטער פון אַלע יידישע פּאַרטייען און אַנ-שטאַלטן, און דעריבער דאַרף דאָס געטאָן ווערן דורך אונדז.

כ׳ כייפעץ מיינט, אַז אונדזער מיינונג וועגן דעם קאָן אויסגעדריקט ווערן אין דער אַלגעמיינער פּאָליטישער רעזאָלוציע, און עס איז ניט נויטיק קיין ספּעציעלע רעזאָלוציע וועגן דעם.

די קאָנפערענץ באַשטימט, אַז אונדזער באַציִונג צו די יידישע פּאַרטייען דאַרף פאָרמולירט ווערן דורך אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע, און דאָס ווערט אי-בערגעגעבן דער רעדאַגיר-קאָמיסיע.

עס ווערט נאָך אויסגעהערט דער באַריכט פון דער מאַנדאַט-קאָמיסיע. די רעזולטאַטן פון באַריכט זיינען שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן.

עס ווערט דערקלערט אַ קורצע האַפּסאַקע, קעדיי צוצוגרייטן די רע-זאָלוציעס.

נאָך דער האַפּסאָקע ווערט דורכגעלייענט די ערשטע רעזאָלוציע איבער די אָרגאַניזאַציע-פראַגן. זי ווערט פונקטנוויַיז דעבאַטירט און אָנגענומען.

די גרעסטע כלוקעדייעס רופט אַרויס דער לעצטער פונקט, ווו עס רעט זיך וועגן דעם, אַז די יידישע סעקציעס האָבן זייערע קאָנפערענצן, צו-זאַמענפאָרן א. א. וו.

כ׳ כייפעץ טראָגט אַריין אַן אויסבעסערונג, אַז די יידישע סעקציעס האָבן זייערע באַראַטונגען באַ דעם צ. ק. פון דער פּאַרטיי, נאָר פאַר דער-

דאָזיקער אויסבעסערונג שטימען ניט מער ווי 5 דעלעגאַטן, און זי ווערט אָפּ־געוואָרפֿן.

די צווייטע רעזאָלוציע, וואָס ווערט אָנגענומען, איז וועגן דער פּרעסע. עס ווערט נאָר אַריינגעטראָגן אַ ווונטש, אַז די ייִדישע קאָמוניסטישע פּרעסע זאָל אָפּגעבן אַ געהעריקן פּלאַץ פֿאַר עקאָנאָמישע און פּראָפֿעסיאָנעלע פֿראַגן. עס איז אויך וויכטיק צו האָבן אַ זשורנאַל פֿאַר פֿרויען־אַרבעטערנס.

איידער די קאָנפֿערענץ טרעט צו צו דער רעזאָלוציע פֿון כ׳ דימאַנשטיין וועגן דער אַרבעט אַף דער ייִדישער גאַס, טרעט אַרויס כ׳ ברענער מיט אַן אויסעראָרדנטלעכער מעלדונג, וואָס האָט אַ שאַיכעס צו דער פּרעסע: דאָס איז די פֿראַגע וועגן קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם. כ׳ ברענער ווייזט אָן, אַז די אַר־טיקלען, וואָס ווערן געדרוקט אין דער רוסישער פּרעסע, געשריבן דורך די רוסישע כ״כ, קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, דערגרייכן ניט זייער ציל, ווייל זיי זיינען דאָסראָוו צו אַקאַדעמיש און ניט אינגאַנצן צוגעפּאַסט פֿאַר דער ברייטער רוסישער מאַסע. דעריבער לייגט כ׳ ברענער פֿאָר, אַז עס זאָל דאָ גע־גרינדעט ווערן אַ קאָמיסיע פֿון די כ״כ, וואָס בלייבן אין מאָסקווע און זיינען גוט באַקאַנט מיט דערדאָזיקער פּראָבלעם, און זיי זאָלן זען באַזאָרגן מיט אַ גאַנצער ריי פּאָפּולערע אַרטיקלען די ראַטן־פּרעסע, איבערהויפּט נאָך די צייטונגען „בעדנאָטאַ״ און „קאָמונאַר״, וואָס זיינען אַמייסטן פֿאַר־שפּרייט צווישן דער אָרעמער באַפֿעלקערונג אין שטאָט און אין דער פּראָווינץ.

דער פֿאָרשלאָג פֿון כ׳ ברענער ווערט איבערגעגעבן אַלס מאַטעריאַל פֿאַר דער צענטראַל־ביוראָ.

באַלד נאָכדעם ווערט פאָרגעלייגט די רעזאָלוציע פֿון כ׳ דימאַנשטיין, וועלכע ווערט איינשטימיק אָנגענומען.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער רעזאָלוציע וועגן דער באַציִונג צו די ייִדישע פּאַרטייען, וואָס כ׳ לעוויטאַן האָט אויסגעאַרבעט, רופֿט זי אַרויס קליינע כלוי־קעדייעס, איבערהויפּט, וועגן דער באַציִונג צו די פּועלי צִיאָניסטן, צי זיי קאָנען עקזיסטירן לעגאַל אין טייל פֿון זייער ריין ציאָניסטישער אַרבעט, אָדער זיי מוזן, פּונקט ווי די אַנדערע, אויך באַקעמפֿט ווערן.

לעסאָף ווערט די רעזאָלוציע נאָך אייניקע אויסבעסערונגען איינשטימיק אָנגענומען.

כ׳ פּ ל אַ ו נ י ק באַקומט דאָס וואָרט צו אַן אויסעראָרדנטלעכער מעל־דונג און בעט די קאָנפֿערענץ אַרויסזאָגן זיך וועגן דער קולטור־ליגע, וואָס פֿאַרנעמט אַזאַ בעקאָוועדיקן אָרט אין אוקראַינע און וואַרפֿט זיך איצטער אי־בער אויך אין צענטראַל־רוסלאַנד.

עס איז געוואונטשן—מיינט כ׳ פלאוניק—אַז מע זאָל דידאָזיקע קולטור־אָרגאַניזאַציע אונטערהאַלטן.

קעגן דעם פֿאָרשלאָג זאָגן זיך אַרויס די כ״כ לעוויטאַן און כייפֿעץ. דער לעצטער שטרייכט אונטער, אַז אויב אין אוקראַינע באַציט מען זיך צו דער קולטור־ליגע גוט, איז דאָס נאָר דערפֿאַר, ווייל זי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אַפֿילע אין דער צייט פֿון דער רעאַקציע און באַשאַפֿן אַ קאָלאָסאַלן

אַפּאַראַט, וועלכן מיר קאָנען נאָך אַדהאַיאָם אויסנוצן, אָבער דאָ אין צענטראַל־רוסלאַנד, ווו די גאַנצע קולטור־און בילדונג־אַרבעט ליגט אין די הענט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, קאָן אַזאַ ליגע ניט דערלאָזן ווערן, ווייל זי וועט זיך זיכער פאַרוואַנדלען אין אַן איר־מיקלאָט פון אונדזער אָפּגעשטאַנענער אינטעליגענץ און וועט שפּילן א קליינבירגערלעכע ראָל.

כ׳ פלאַוניקס פאָרשלאָג ווערט אָפּגעוואָרפן.

נאָכדעם, ווי עס ווערן אָנגענומען די רעזאָלוציעס, טרעט מען צו צום לעצטן פּונקט פון טאָגאָרדענונג, צו די וואַלן פון אַ צענטראַל־ביוראָ, און כ׳ דימאַנשטיין מאַכט פאָלגנדיקע דערקלערונג:

אַזוי ווי דער „יידישער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד" אין אוקראַינע דאַרף גאָר אינגיכן אַריינטרעטן אין דער רוסל. קאָמ. פּאַרטיי און וועט באַקומען די רעכט צו זיין פאַרטראָטן אין דער צענטר. ביוראָ, ליינ איך דעריבער פאָר, אַז עס זאָל פאַר זיי איבערגעלאָזט ווערן דריי פלעצער פריי, און דאָ צווישן אונדז זאָלן אויסגעקליבן ווערן נאָר 6 כאַווירים, אַזוי אַז די צ. ב. זאָל באַשטיין פון 9 כאַווירים.

עס קומען אַריין אַנדערע פאָרשלאָגן, אַז די צ. ב. זאָל באַשטיין פון 8 און 3 פאַר די אוקראַינער כ״כ, צוזאַמען 11, אָדער, אַז די צ. ב. זאָל טאַקע באַשטיין פון 9 פערזאָן, אָבער פאַר די אוקר. כ״כ זאָלן איבערגעלאָזט ווערן ניט מער, ווי 2 פלעצער.

דאָס לעצטע ווערט אָנגענומען, און עס ווערט אויך באַשלאָסן, אַז עס קאָן געקליבן ווערן אויך די כ״כ, וואָס געפינען זיך פאַרלויפיק אין די ערטער פון דער אָקופּאַציע.

עס ווערן אָנגערופן פאַרשיידענע קאַנדידאַטן, ביז 17 כ״כ. די וואַלן קומען פאָר אָפענע, מער ניט, וואָס דער כאַווער, וועלכער ווערט באַלאטירט, מוז אַרויסגיין פון זאַל.

דער סאַכאַקל פון די וואַלן באַווייזט, אַז אין דער צענטראַלער ביוראָ פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס גייען אַריין די כ״כ: איינשטיין (22 שטימען), אָרשאַנסקי (20), דימאַנשטיין (27), כייפעץ (22), מאַנדעלסבערג (24) סווערדלאָוו (17) און סעגאַל (25). די כ״כ אַלסקי (16), טאָמסינסקי (15), און טשאַרני*) (14) אַלס קאַנדידאַטן.

עס איז שוין נאָך 12 אַזייגער, ווען כ׳ כייפעץ באַקומט דאָס וואָרט צו שליסן די קאָנפערענץ. אין זאַל פילט זיך אַ געהויבענע שטימונג, עס איז ניט צו מערקן באַ קיינעם אַ וועלכע עס איז מידקייט, ווייל יעדער פילט און ווייסט, אַז פאַר די פיר האַלבע טעג איז דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע און היסטאָרישע אַרבעט. דאָסזעלביקע פילט אויך דער כ׳ כייפעץ, וואָס האָט אייגנטלעך געפונען דאָ אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע מיצאַד די מער „רעכטערע" קאָ-

*) טשאַרני (ראַפאַיל). איינער פון די וויכטיקסטע קאָמוניסטישע טוער אין אוקראַינע, דער־שאָסן געוואָרן פון דעניקינס באַנדעס אין סאָף 1919 פאַר פירן אונטערערדישע אַרבעט אין אוק־ראַינע.

בוניסטן, אויב מע קאָן אַזוי זאָגן, און זיין שטים קלינגט אַזוי זיכער און אי־בערצייגט אין דער האַלבנאַכטיקער שטילקייט.

— כאַווײַרים—זאָגט כ׳ כייפּעץ—אונדזער היינטיקע קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די געשפאַנסטע מאָמענטן אין דער וועלט־רעוואָלוציע.

עמעס, קיינער פון אונדז האָט נאָך ניט קיין מאַנדאַט אין דער קעשענע אַף דער וועלט־רעוואָלוציע, אָבער איינס איז קלאָר, אַז די אידייע פון קאָמוניזם דרינגט אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין די מאַסן, און די ראַטן־מאַכט נעמט אָן אַ וועלט־כאַראַקטער. דאָס איז אונדזער בעסטע גאַראַנטיע, ווייל ווי נאָר די קאָמוניסטישע אידייע פאַרכאַפּט די מאַסן—שטויסן זיי זיך אָן, ווילנדיק צי ניט ווילנדיק, אָן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל. און ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די קאָנפערענץ אונדזערע איז פאָרגעקומען אין אַ צייט פון אייניקע אויסערלעכע מאַפּאָלעס, ציילן מיר אָבער אַזוי פיל אינעווייניקסטע ניצכוינעס.

מיר זעען, אַז די טרייסטע פירער פון 2־טן אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך ניט געקאָנט לאַנג אָפּשטעלן קעגן שטראָם און זיינען מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט די מאַסן. ווער וואָלט עס געקאָנט זאָגן, אַז אין אַ קאָמוניסטישער צ. ב. זאָלן מיר האָבן די כ״כ ראַפּעס און גאָוואַקאָווסקין (און אויך דעם כ׳ כייפּעץ!—שרייט אויס דער כ׳ דימאַנשטיין). אין דער צייט, ווען נאָך גאָר ניט לאַנג האָבן די לידערס פון „בונד“ געקעמפט קעגן דער רויטער אַרמיי, זעען מיר איצטער די בונדישע מאַסן אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, און דידאָזיקע איינהייטלעכע שטימונג איז שטאַרקער פון יעטווידער פּאָליטיק. אַריינקומענדיק אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווערן מיר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער וועלט־רעוואָלוציע און פאַר דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט. מיר אַלע האָבן איצטער איין איינציקע רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבע—אין געשמידטע קאָלאָנעס זיך וואַרפן אין וועלט־קאַמף און זיגן, און קומען צום דריטן אינטערנאַציאָנאַל!

דער צווייטער באַקומט אַ וואָרט כ׳ לעוויטאַן, וואָס זאָגט, אַז ער איז דאָ אַף דער קאָנפערענץ געווען ניט מער ווי אַ גאַסט מיט באַראַטונג־רעכט, און אַלס אַזוינער האָט ער געקאָנט פאַרבלייבן ניכטערער פון אַלעמען און באַמערקן, אַז אַף דערדאָזיקער קאָנפערענץ זיינען אייגנטלעך ניט געווען קיין גרויסע פּרינציפּיעלע כלוקעדייעס, וואָס אין אוקראַינע איז מען דערצו ניט געוואוינט.

— בא אונדז אין אוקראַינע—זאָגט כ׳ לעוויטאַן—זיינען מיר ווייט געווען פון אַזעלכע רויקע קאָנפערענצן, און דאָס איז דערפאַר, ווייל בא אונדז איז פאָרגעקומען אַ פאַרשמעלצונג פון אַסאַך פּאַרטייען, וואָס האָבן געלעבט אונטער איין דאַך, בעשאַס דאָ איז פאַקטיש נאָר איין איינציקע פּאַרטיי—די קאָמוניסטישע.

ביז איצטער איז נאָך ניט געווען קיין קאָמוניסטישע באַוועגונג אַף דער יידישער גאַס, כאָטש אונדזערע קאָמוניסטן פלעגן טאָמיד זיין אין אַוואַנגאַרד

פֿון דער רעוואָלוציע. אָבער איצטער הויבט אָן דער ייִדישער קאָמוניזם צו קריסטאַליזירן און פֿאַרשטאַרקן זיך, און ער ווערט אַ מאסן-באוועגונג, און מע קאָן זאָגן, אַז די קאָמוניסטישע באוועגונג אין אוקראַינע איז אַ ייִדישע באַוועגונג.

דאָס שלוס-וואָרט באַקומט כ׳ דימאַנשטיין.

ער ווייזט אָן אַף דעם, וואָס אונדזערע כאַווײרים פֿון דער פּראָווינץ האָבן אַ נעטיע צו קריטיקירן דעם צענטער, אָבער דאָס איז איינע פֿון די אומ-פּרוכטבאַרסטע אַרבעטן. מיר האָבן איצטער אָנגענומען אַ ריי וויכטיקע רע-זאָלוציעס, און די אויפֿגאַבן פֿון די כ״כ אַף די ערטער איז דורכצופֿירן דידאָ-זיקע רעזאָלוציעס אין לעבן. מיר דאַרפֿן איצטער וואָס מער אויפֿמערקזאַמקייט לייגן אַפֿן קאַמף, אַף דער אויסערלעכער גאַס און וואָס ווינציקער אינעווײ-ניקסטע רײַבונגען.

מיר זיינען איצטער אַ מאסן-פּאַרטיי, און די מאַסן גופֿע דאַרפֿן שטיין אַף דער וואַך און אונדז זאָגן, וואָס מיר האָבן צו טאָן און וואָס מיר האָבן צו פֿאָדערן איינע פֿון די אַנדערע. עס איז אַריבער די צייט, ווען מיר האָבן געקאָנט באשולדיקן די אַנדערע פּאַרטייען פֿאַר דעם שלעכטן צושטאַנד פֿון די ייִדישע מאַסן. דאַן האָבן מיר אַף זיי געהאַט אַ קליינע ווירקונג, איצטער איז די לאַגע איינגאַנצן אַנדערש. אַף אונדז ליגט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער אַרבעט אַף דער ייִדישער גאַס, מיר זיינען דאָרט די באַלעבאַטים, די מאַסן גייען שוין נאָך אונדז. מיר דאַרפֿן אויפֿהערן צו אַגיטירן נאָר מיט ווער-טער, אונדזער אַגיטאַציע דאַרף זיין איצטער דורך מאַיסים. מיר וועלן מוזן באַווייזן אין דער טאַט וואָס מיר טוען פֿאַר די ייִדישע מאַסן און צו וואָס מיר רופֿן זיי צו טאָן און געבן זיי די מעגלעכקייט אַף אלע נויטיקע געביטן. איך דערמאָן אייך נאָך אַמאָל, כאַווײרים, אז מע דאַרף זיך ניט צופֿיל אָפּגעבן אונדזער ראַטן-אַרבעט, ווי נויטיק זי זאָל ניט זיין. באַ דעם איצטיקן מאָמענט איז וויכטיקער פֿון אַלץ אונדזער פּאָליטישע אַרבעט—אונדזער פּאַרטיי-אַרבעט, דאָס דאַרפֿן מיר אָפּגעבן דעם גרעסטן טייל פֿון אונדזער ענערגיע.

געדענקט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, אַז דער שווערפּונקט פֿון דער אַר-בעט איז ניט אין צענטער, נאָר באַ אייך אַף די ערטער. האָט אַן אייגענע איניציאַטיוו, אָן דעם איז גאָרניט מעגלעך, גיט יעדיעס דעם צענטער פֿון אַלץ, וואָס עס טוט זיך באַ אייך, און וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן, פֿאָדערט פֿון אונדז אַלץ, אַף וואָס איר האָט רעכט און אַף אַזאַ אַרט וועט איר מאַכן לעב-האַפֿט און פּרוכטבאַר אונדזער אַרבעט. דער מאָמענט איז אַן ערנסטער, דער זיג דערנעענטערט זיך, אָבער די שטערונגען זיינען גרויס. מער מוט צום קאַמף!

דאָ אַף דער קאָנפֿערענץ איז אונדזער אַרבעט אָפּגעטאָן. איצטער הויבט זי זיך אָן אַף די ערטער, און מיר האָפֿן איינגיכן זיך ווידעראַמאָל טרעפֿן אַפֿן דריטן אַלגעמיינעם צוזאַמענפֿאָר פֿון אונדזערע כאַווײרים אין אוקראַינע, ליטע, ווייסרוסלאַנד, לעטלאַנד און פּוילן.

כ׳ מאַנדעלסבערג דערקלערט די צווייטע קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס פֿאַר געשלאָסן, און דער גאַנצער זאַל הויבט זיך אויף אַף די ערטער און זינגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל״.

———

רעזאָלוציעס.

1

וועגן די אָרגאַניזאַציע-פֿראַגן.

1) די מאָביליזאַציע פֿון אַלע קויכעס פֿון פּראָלעטאַריאַט און די איינהייטלעכע צענטראַליזירטע פּאָליטישע אָנפֿירונג מיט זיי אין די אינטערעסן פֿון דער רוסלענדישער און סאָציאַליסטישער וועלט-רעוואָלוציע פֿאָדערט, אַז עס זאָלן אומבאַדינגט באַטל ווערן די איינצלנע קאָמוניסטישע פּאַרטייען מיט זייערע זעלבשטענדיקע פּאָליטישע צענטרען, וועלכע פֿירן צו דער אומפֿאַרמיידלעכער צוברעקלונג פֿון די שפּעריש אָרגאַניזאַציע-קויכעס און וואָס טאַרמאָזירן די קאָמף-ענערגיע פֿון די איינצלנע אָטריאַדן פֿון פּראָלעטאַריאַט.

2) קעדיי די אידייען פֿון קאָמוניזם זאָלן וואָס מערער פֿאַרשפּרייט ווערן אין דער אַרבעטער-סוויווע, און קעדיי אין די רייען פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זאָל אַריינגעצויגן ווערן דער אַרבעטער-קלאַס פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס שיידן זיך אָפּ מיט זייער אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן לעבנשטייגער און וואָס ריידן אַף פֿאַרשיידענע שפּראַכן, איז נויטיק די עקזיסטענץ פֿון נאַציאָנאַלע סעקציעס בא דער רוס. קאָמ. פּאַרטיי; וועלכע זאָלן זיין אָרגאַנישע טיילן פֿון דער פּאַרטיי און זיך אונטערוואַרפֿן, ווי אין צענטער, אַזוי אויך אַף די ערטער, די צענטראַלע און אָרטיקע פּאַרטיי-קאָמיטעטן.

3) רעכנענדיק זיך מיט די אייגנאַרטיקע לעבן-באַדינגונגען פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, דאַרפֿן די יידישע סעקציעס געבויט זיין אַף די פֿאָלגנדיקע יעסוידעס:

א) די מיטגלידער פֿון די יידישע סעקציעס זיינען אויך מיטגלידער פֿון דער רוסל. קאָמ. פּאַרטיי.

ב) נייע מיטגלידער ווערן אָנגענומען דורך דער סעקציע און ווערן באַשטעטיקט דורך די אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע קאָמיטעטן פֿון דער ר. ק. פּ. לויט די אַלגעמיינע קלאָלים.

ג) אַף די אַלגעמיינע פּאַרטיי-פֿאַרזאַמלונגען, צוזאַמענפֿאָרן, קאָנפֿערענצן און בא די וואַלן פֿון די אָנפֿירנדיקע אַנשטאַלטן פֿון דער ר. ק. פּ. נעמען אָנטייל די מיטגלידער פֿון דער סעקציע, ווי איינצלנע פּערזאָנען.

4) די אויפֿגאַבע פֿון דער ייד. סעקציע איז:

א) אַרויסצוגעבן אַ קאָמוניסטישע פּרעסע און אַנדערע ליטעראַטור אַף יידיש, גרינדן קלובן, ביבליאָטעקן, פּאַרטיי-שולן, אָרגאַניזירן גרופּן פֿון מיטפֿילנדיקע יידישע אַרבעטער אַרום די פּאַרטיי- און סאָוועטישע אַנשטאַלטן.

ב) קאָנטראָלירן און אָנפֿירן מיט דער טעטיקייט פֿון די יידישע סעקציעס פֿון די צענטראַלע, אָרטיקע און געגנט-אַנשטאַלטן פֿון דער ראַטנמאַכט אין די גרענעצן פֿון די דירעקטיוון, וואָס ווערן געגעבן פֿון דער רוס. קאָמ. פּאַרטיי פֿון אירע געגנט-אָרגאַניזאַציעס און די געהעריקע פֿאָלק-קאָמיסאַריאַטן.

5) די יידישע סעקציעס האָבן זייערע אייגענע צוזאַמענפֿאָרן, קאָנפֿערענצן, זייערע אָרטיקע און צענטראַלע הויפּט-ביוראָען.

2

אונדזער באציונג צו די יידישע פארטייען.

1) נאָך דעם, ווי עס פאַרשטאַרקן זיך די קאָמוניסטישע אידייען צווישן דעם יידישן אַרבעטער-קלאַס און די יידישע אַרבעטער, אָרגאַניזירטע אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, קאָנען שוין איבערנעמען אין די אייגענע הענט די אָנפירונג מיטן גאַנצן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן,—קאָן שוין אַבסאָליוט ניט דערלאָזן ווערן די עקזיסטענץ פון די יידישע בורזשואַזע געזעלשאַפטן, איבערהויפּט נאָך, ווען בא די אנדערע נאַציאָנאַליטעטן זיינען די ענלעכע אנשטאַלטן שוין פון לאַנג דורכויס ליקווידירט געוואָרן.

2) די ציאָניסטישע פאַרטיי שפּילט אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע ראָל. זי ברענגט מיט, אז אַף די אָפּגעשטאַנענע יידישע מאַסן זאָל פאַרשטאַרקט ווערן די האַשפּאָע פון יידישן קלעריקאַליזם און פון די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. אַף אזא אויפן ווערט טאַרמאָזירט די קלאַסן-זעלבסטבאַשטימונג פון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן, און עס ווערט געשטערט דאָס אַריינדרינגען צווישן זיי די קאָמוניסטישע אידייען.

צוליב דער פּאַלעסטינע-פּאָליטיק, ווערט די ציאָניסטישע פאַרטיי אַ מין געוועהר אין די הענט פון דעם פאַרבינדעטן אימפּעריאַליזם, וועלכער קעמפּט קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, לייגט פאָר די קאָנפערענץ דער צענטראַל-ביוראָ, אַז זי זאָל זיך ווענדן אין די געהעריקע אינסטיטוציעס מיט אַ פאָרשלאַג אַרויסצוגעבן אַ דעקרעט, לויט וועלכן עס זאָל זיך אָפּשטעלן יעטווידער מין טעטיקייט פון דער ציאָניסטישער פאַרטיי אַף דעם עקאָנאָמישן פּאָליטישן און קולטורעלן געביט.

די קעהילעס, וואָס זיינען די שטיץ-פּונקטן פון אַלע רעאַקציאָנערע קוי-כעס אין יידישן פאָלק, מוזן פאַנאַנדערגעלאָזט ווערן.

וואָס אנבאַלאַנגט די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און גרופּן, דאַרף דערלאָזן ווערן די לעגאַלע עקזיסטענץ נאָר פון די יעניקע פּאַרטייען, וואָס ווירקן מיט אקטיוו דער רויטער אַרמיי און דער ראַטנמאַכט.

די קאָנפערענץ געפינט פאַר נויטיק אָנצוווייזן, אַז די פּויעליי ציאָן, וואָס רופן זיך אָן קאָמוניסטן, זיינען אין דער עמעסן ניט מער ווי אגענטן פון די ציאָניסטישע אידייען אונטער דער פאָן פון קאָמוניזם. אַזאַ מין אויס-נוצן די פאָן פון קאָמוניזם צוליב צילן, וואָס זיינען אבסאָלוט סויסער זיינע הויפּט-יעסוידעס—דאַרף פולשטענדיק אויפגעקלערט ווערן פאַר די ברייטע אַר-בעטער-מאסן. דאָס אַריינדרינגען פון די קאָמוניסטישע אידייען צווישן די יידישע אַרבעטער פירט דערצו, אַז עס ווערן פאַנאַנדערגעפאַלן די פריערדיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" און די „פאַרייניקטע", וועלכע זיינען אין מעשעך פון גאַנצן רעוואָלוציע-פּעריאָד פאַרזונקען געווען אין דעם זומפּ פון דער קליינבירגערלעכער פּאָליטיק און נאַציאָנאַליזם.

אין אוקראַינע, ווו די ייִדישע אַרבעטער האָבן זיך צוליב זייערע ספּע-ציפֿישע לעבן-באַדינגונגען, גיכער באַפֿרייט פֿון קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם, האָט דערדאָזיקער פּראָצעס געבראַכט דערצו, אַז די ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַר-טייען זיינען פֿולשטענדיק כאָרעוו געוואָרן, און עס האָבן זיך אויסגעטיילט פֿון זיי אַלע מער רעוואָלוציאָנער געשטימטע עלעמענטן פֿון ייִדישן אַרבעטער-קלאַס.

די אויפֿגאַבע פֿון אונדזער סעקציע אין אַנדערע ערטער איז זען מיט-ווירקן, אַז דערדאָזיקער כורבן זאָל דערפֿירט ווערן ביזן סאָף, און אַז אין די רייען פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זאָלן אַריינגעצויגן ווערן די אַלע אַר-בעטער, וואָס גייען אַריין אין זייערע אָרגאַניזאַציעס.

3

וועגן אונדזער פּרעסע.

די פּרעסע איז איינע פֿון די וויכטיקסטע קאַמף-מיטלען און עס דאַרפֿן אָנ-געשטרענגט ווערן אַלע אונדזערע פּאַרטיי-קויכעס, קעדיי זי אַוועקצושטעלן אויף דער געהעריקער הויך. די ייִדישע קאָמוניסטישע פּרעסע דאַרף אַריינדרינגען אין אַלע ברייטע, נאָך ניט גענוג אַנטוויקלטע שיכטן פֿון די האָרעפּאַשנע מאַסן, קעדיי עס זאָלן פֿאַר זיי אַנטפּלעקט ווערן די אַלע אויפֿגאַבן פֿון דער ראַטנמאַכט און פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

מיר דאַרפֿן אויך אייגנצייטיק זאָרגן פֿאַר דער בעסערער אַנטוויקלונג פֿון די פֿאָרגעשריטענע ייִדישע אַרבעטער און פֿאַרוואַנדלען זיי אין גוטע שלוכים פֿון דעם קאָמוניסטישן געדאַנק צווישן די ברייטסטע מאַסן.

קעדיי אויסצומיידן די צוברעקלונג פֿון די ליטעראַרישע קויכעס, די אָפּטמאָל ניט צוועקמעסיקע עקזיסטענץ פֿון די פּראָווינציעלע צייטונגען, און קעדיי די אויסגאַבן פֿון דער פּאַרטיי זאָלן וואָס פּלאַנמעסיקער אַוועקגע-שטעלט ווערן, באַשטימט די קאָנפֿערענץ:

א) די גאַנצע ייִדישע פּרעסע אין דעם ווירקונג-קרייז פֿון דער רוס. קאָמ. פּאַרטיי דאַרפֿן זיך אונטערוואַרפֿן די דירעקטיוון און באַשלוסן פֿון דער צענ-טראַלער ביוראָ, וואָס קאָן צומאַכן אָדער עפֿענען די אָדער יענע ייִדישע אָרגאַנען.

ב) די צ. ב. דאַרף אָנהויבן אַרויסגעבן אַ וויסנשאַפֿטלעך-פּאָליטיש און ליטעראַריש וואָכנבלאַט. פֿאַר אוקראַינע, ליטע, ווייסרוסלאַנד דאַרפֿן אַרויס-געגעבן ווערן טעגלעכע צייטונגען. די צ. ב. ווערט באַפֿולמעכטיקט אַרויסצו-געבן אַ ספּעציעל-פּאָפּולערן אָרגאַן פֿאַר די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן (לויטן מוסטער פֿון „בעדנאָטאַ" אָדער „קאָמונאַר"), אַ זשורנאַל פֿאַר די ייִדישע רויטע אַרמייער, פֿאַר דער אַרבעטער-יוגנט, פֿאַר פֿרויען-אַרבעטערנס און אַ באַזונ-דער אָרגאַן פֿאַר די אָקופּירטע געגנטן.

ג) די צ. ב. דאַרפֿן גרינדן אַ פֿאַרלאַג פֿאַר וויסנשאַפֿטלעך-פּאָ-ליטישע און אַגיטאַציע-ליטעראַטור. אָן דער דערלויבעניש פֿון דער צ. ב. האָבן ניט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס קיין שום רעכט אַרויסצוגעבן ליטעראַטור.

אַלע אונדזערע ליטעראַרישע קויכעס דאַרפֿן זיך געפֿינען אין רעשוס פֿון דער צענטראַלער ביוראָ.

4

רעזאָלוציעס לויטן פאָרטראָג פון כ׳ דימאַנשטיין.

א) וועגן פּאָליטישן מאָמענט.

די פאָרגעשריטענע שיכטן פון אַרבעטער-קלאַס פון דער גאַנצער וועלט ווערן אַלץ מער און מער דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון קאָמוניזם. מיר הערן אויף צו זיין איזאָלירט.

דער וועלט אימפּעריאַליזם, וואָס האָט דאָס דערפילט, הויבט אָן אַפּדער-גיך צונויפקלייבן אַלע זיינע קויכעס, קעדיי צו פאַרניכטן זיין סאַמע פאַרבי-סענעם סוינע—דעם קאָמוניזם, וואָס גייט פון רוסלאַנד, און וואָס פאַרשפּרייט זיך אף דער גאַנצער וועלט. די לאַגע פון ראַטנרוסלאַנד ווערט ווידער קריטיש.

דער וועלט-אימפּעריאַליזם, וואָס האָט פאַרענדיקט מיט דער מילכאָמע, שטרענגט איצטער אָן אַלע זיינע קויכעס, קעדיי צו דערשטיקן ראַטנרוסלאַנד נאָך איידער דער פּראָלעטאַריאַט אין די אנדערע לענדער וועט באַוויזן אונדז קומען צו הילף.

די אויפגאַבע פון רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט איז—בלייבן פעסט אף די פּאָזיציעס, קאָלזמאַן עס וועט אונדז ניט קומען צו הילף די זיגרייכע רעוואָ-לוציע אין די אנדערע לענדער.

מיר, יידישע קאָמוניסטן, וואָס זיינען אַ טייל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דאַרפן אָנשטרענגען אַלע אונדזערע קויכעס, קעדיי צו פאַרשפּרייטן די אידייען פון קאָמוניזם צווישן די ברייטע יידישע אַרבעטער-מאַסן. מיר דאַרפן זיי באַגייסטערן און זיי דאַרפן זיך איבערצייגן, אַז נאָר דער קאָמו-ניזם איז ביכוילעס צו באַפרייען די האָרעפּאַשנע מאַסן פון אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך, פון דער נאַציאָנאַלער סינע פון שאָוויניזם און אַנטיסע-מיטיזם.

די יידישע קאָמוניסטישע אַרבעטער-באַוועגונג דאַרף זיך ענגער צונויפ-בינדן מיט דער אַלרוסלענדישער, און עס מוז קאָנצענטרירט ווערן אַלע קוי-כעס, קעדיי איינגאַנצן צו באַזיגן דעם סוינע. מיר שטעלן ניט אַרויס דער ראַטנמאַכט קיינע שום נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, און מיר זיינען ניט אויסן קיינע שום גאַראַנטיעס אָדער אַוטאָנאָמיע, ווייל די מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, און עס קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין באַ דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט וועגן אַ וועלכער עס איז אומצו-טרוי צו דער מאַכט זיינער. מיר דאַרפן מיטווירקן און מיטהעלפן דער ראַטנ-מאַכט אין איר קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. באַ דער איצטיקער צייט, ווען דער קאַפּיטאַליסטישער סיידער גייט אַראָפּ פון סצענע, פאַרלירט שוין דער אַנטיסעמיטיזם זיין גאַנצן פריערדיקן עקאָנאָמישן כאַראַקטער און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ריין פּאָליטיש געווער אין די הענט פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע.

די קאָנפערענץ באַפולמעכטיקט די צענטראַל-ביוראָ פון די יידישע סעק-ציעס, אַז זי זאָל אויסאַרבעטן קאָנקרעטע קאַמף-מיטלען מיטן אַנטיסעמיטיזם, אַריינגיין וועגן דעם אין באַציונג מיטן צ. ק. פון דער פּאַרטיי.

ב) וועגן דער רויטער אַרמיי.

אין דער איצטיקער שווערער צייט פאַר אונדזער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן—די אַרבעט לעטויוועס דער רויטער אַרמיי. מע דאַרף אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן, קעדיי וואָס מערער אַריינצוציען אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן. די פאָרמען און די מיטלען, ווי אַזוי די ברייטע יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן זאָלן אַריינגעצויגן ווערן, ווי אויך די פאָרמען, ווי אַזוי זיי זאָלן קאָמפּלעקטירט ווערן, דאַרפן אויסגעאַרבעט ווערן אין די הויפט און געגנט-ביוראָען. מיר מעלדן נאָר, אַז מיר זיינען דורכויס קעגן יידישע נאַציאָנאַלע רויטאַרמעישע טיילן. אַלע אונדזערע בעסטע קויכעס און די גאַנצע ענערגיע אונדזערע, אין וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס זאָל ניט געפאָדערט ווערן—מוזן אָפּגעגעבן ווערן דער רויטער אַרמיי.

ג) ראַטן-אַרבעט.

די אייגנאַרטיקע לעבן-באַדינגונגען פון די יידישע מאַסן אין ראַטנרוסלאַנד, און דער ניט פולקאָמער צושטאַנד פון די ראַטן-אַנשטאַלטן, וואָס האָבן פאַר אַזאַ קורצער צייט נאָך ניט באַוויזן זיך צוצופאַסן צו אַלע אייגנאַרטיקייט פון אַלע נאַציעס, וואָס באַפעלקערן רוסלאַנד, לייגן אַף אונדז אַרויף די היסכאַיוועס צו קומען צו הילף די ראַטן-אַנשטאַלטן אין זייער אַרבעט.

אין בילדונג-אַנשטאַלטן זיינען דאָ אָפּטיילונגען פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די יידישע סעקציעס פון דידאָזיקע אָפּטיילונגען מוזן באַשטימט ווערן דורך די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס און געפינען זיך אונטער זייער קאָנטראָל און אין זייער רעשוס. די קאָמוניסטישע סעקציעס דאַרפן מיטווירקן באַ די געהעריקע פאָלק-קאָמיסאַריאַטן, קעדיי אַריינצוציען די יידישע האַלבפּראָלעטאַרישע עלעמענטן אין די אַלגעמיין געברויך-און פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון.

מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט דאַרף מען זיך אָפּגעבן דעם אַריינציען די יידישע מאַסן, וואָס אין דער פּראָווינץ, אין דער אַרבעט אַף דער נאַציאָנאַליזירטער און סאָציאַליזירטער ערד. דערדאָזיקער מין אַרבעט, צו וועלכער מע האָט די יידן ניט דערלאָזן, דאַרף איצטער פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט און דינען אַלס אַ באַדייטנדיקער מיטל אין קאַמף מיט דער פּאַופּעריזאַציע, וואָס האָט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג געשטיגן ביז אַ קאָלאָסאַלער מאַדרייגע. דידאָזיקע מאַסן פאַרמאָגן ניט קיין אייגענע איניציאַטיוו, און מיר מוזן זיי אַרויסהעלפן. מיר דאַרפן זיי אָנווייזן, ווי עס דאַרף בעסער אויסגענוצט ווערן זייערע ליידיקע הענט לעטויוועס די אינטערעסן פון דער ראַטן-רעפּובליק.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שרעקלעכער פּאָגראָם-כוואַליע, וואָס האָט זיך צוגאָסן איבער אַלע טיילן פון רוסלאַנד, ווו נאָר עס האָט זיך אַף אַ ווייַלע איינגעגעבן דער קאָנטר-רעוואָלוציע אַרויסצוכאַפּן די מאַכט פון דעם פּראָ-

לעטאַריאַט, איבערלאָזנדיק נאָכדעם די יידישע באַפעלקערונג אין אַ שרעקלע־כער לאַגע, באַרויבנדיק זיי פון אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט,—געמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט,—דאַרפן די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס טאָמיד קומען צו הילף די ראַטן־אַנשטאַלטן אין אַלע פאַלן, ווען נאָר עס וועט זיי אויסקומען צו באַדינען די יידישע מאַסן.

ד) די אָקופּאַציע.

די צוזאַמענשטויסן פון אונדזער ראַטן־רעפובליק מיט אירע אימפּעראַ־ליסטישע שׂונאים ווייזט זיך איצטער אַרויס גראַד אין קאַמף מיט די לענדער, וואָס רינגלען זי אַרום, ווי פּוילן, גאַליציען און אַנדערע.

אין דאָס ראָוו פון דיזאָזיקע לענדער געפינען זיך די יידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס אין אַ באַדייטנדיקער צאָל. אָבער, צום באַדויערן, געפי־נען זיי זיך דאָרטן אונטער דער האַשפּאָע פון די קליינבורזשואַזע יידישע פשאָרע־פּאַרטייען. מיר דאַרפן זען באַפרייען זיי פון דער אידייען־ווירקונג פון די אויבנדערמאָנטע פּאַרטייען און פאַרייניקן זיי מיט דעם באַוווסטזיניקן טייל פון פּראָלעטאַריאַט פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע הויבן זיך דאָרטן אויף אונטער דער פאָן פון קאָמוניזם.

די צווייטע קאָנפערענץ באַפולמעכטיקט די צענטראַל־ביוראָ פון די ייד. סעקציעס צו מעלדן אַ מאָביליזאַציע פון די פּאַרטיי־כאַווירים, קעדיי זיי אָפּצושיקן אַף רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין דער אָקופּאַציע און אויסצואַרבעטן גענויע אינסטרוקציעס וועגן דערדאָזיקער טעטיקייט.

צו די רעזאָלוציעס.

די אויבן פאַרעפנטלעכטע רעזאָלוציעס זיינען באַשטעטיקט געוואָרן פון צ.ק. פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט די פאָלגנדיקע אויס־בעסערונגען.

צו דער רעזאָלוציע וועגן אונדזער פּרעסע.

א) נייע פּאַרטיי־אָרגאַנען ווערן אַרויסגעלאָזן פון דער צענטראַלער ביוראָ מיט אַ פאָרויסיקער דערלויבעניש פון צ. ק. בענויגייע צו יעדער אָר־גאַן באַזונדער.

ב) אַ וויסנשאַפטלעך־פּאָליטישער פאַרלאַג קאָן אָרגאַניזירט ווערן נאָר מיט דער האַסקאָמע פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע, וואָס באַם „צענטראָפּעטשאַט" (לויטן דעקרעט וועגן אָרגאַניזירן אַ מעלוכע־פאַרלאַג).

צו דער רעזאָלוציע וועגן דער אָרגאַניזאַציע־פראַגע.

דער פּונקט ווערט פאָרמולירט אַף אַזאַ מין אויפן:

די יידישע סעקציעס האָבן זייערע אָרטיקע, צענטראַלע געגנט־ביוראָען און באַראַטונגען, וואָס ווערן צונויפגערופן מיט דער דערלויבעניש פון צ. ק. פון דער ר. ק. פּ.

דער סאַכאַקל פון דער צווייטער קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס בא דער ר. ק. פ.

(ארטיקל פון ש. דימאנשטיין, געדרוקט אין דער „קאָמוניסטישער וועלט" נומער 3-4 יון 1919).

אַ לאַנגע צייט האָבן מיר זיך געקליבן צונויפרופן אַן אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר פון די יידישע סעקציעס און קאָמיסאַריאַטן, וועלכע זיינען געוואָרן פאַר דער לעצטער צייט בלויז קאָמוניסטישע.

עס איז פאַר אונדז געשטאַנען די פראַגע, צי מע דאַרף און צי מע קאָן מאַכן אַ צוזאַמענפאָר פון די קאָמיסאַריאַטן מיט די סעקציעס אינאיינעם, ווייל דאָס זיינען דאָך צוויי באַזונדערע אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן ניט איינע און די זעלביקע אויפגאַבן. מיר האָבן באַשטימט, אַז מיר קאָנען זיך איצטער ניט דערלויבן אַזאַ לוקסוס פון צוויי צוזאַמענפאָרן. אויסער דעם איז דאָס פאַקטיש צווייערליי אַרבעטן, וואָס דערפילן איינע די אַנדערע און ווערן צוליב אונדזער אָרעמקייט אין קויכעס קימאַט אומעטום דורכגעפירט דורך דיזעלביקע פערזאָנען, ווייל די צייט, ווען מיט די קאָמיסאַריאַטן האָבן אָנגעפירט ניטקאָמוניסטן, איז שוין לאַנג אַריבער. אין דעם פראָצעס פון דער אַרבעט אין די קאָמיסאַריאַטן, ווו די כ"כ האָבן אַף זייער אייגענער פראַקטיק דורכגעפירט די פאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָט דאָס אַף זיי גאַנץ שטאַרק געווירקט און זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז קיין אַנדער אויסגאַנג, ווי דער קאָמוניזם, איז ניטאָ פאַר רוסלאַנד און אויך פאַר דעם יידישן אַרבעטער ביקלאַל.

באַ אַזאַ מין צושטאַנד וואָלט שווער געווען מאַכן אַ באַזונדער צוזאַמענפאָר פון די קאָמיסאַריאַטן, און די באַריכטן פון די ערטער האָבן טאַקע באַוויזן, אַף וויפל עס איז צונויפגעוואַקסן די אַרבעט פון קאָמיסאַריאַט מיט דער פאַרטעישער, אַז עס וועט נאָך איבערגיין אַ היפשע צייט, ביז מע וועט דאָס קאָנען פאַנאַנדערטיילן ווי עס געהער צו זיין.

גלייכצייטיק האָבן מיר געזען, אַז עס זאָל אויך פאָרקומען דער צוזאַמענפאָר פון די נייע יידישע בילדונג-טוער און די בילדונג-סעקציעס פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. מיר האָבן אַזוי אָרגאַניזירט די זיצונגען, אַז עס איז געווען מעגלעך פאַר די דעלעגאַטן צו זיין אַף דער אָדער יענער קאָנפערענץ. עס זיינען געווען אויך פיל דעלעגאַטן, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן אַף ביידע צוזאַמענפאָרן צוזאַמען.

דאָס האָט נאָך געהאַט אַ געוויסע פאָליטישע באַדייטונג, ווייל אין דער בילדונג-אַרבעט קאָנען מיר צוציען אויך ניטקאָמוניסטן, וואָס אַרבעטן דאָרטן גערן, און אונדזערע כאַווייריםִ-קאָמוניסטן וואָלט זיין שווער אָפצורייסן זיך פון די ערטער און קומען ספעציעל אַף דעם בילדונג-צוזאַמענפאָר, וועלכער וואָלט דאַן געטראָגן אַ כאַראַקטער, וואָס וואָלט אונדז געווען פרעמד, און ווען אין איין און דערזעלבער צייט זיינען פאָרגעקומען ביידע, האָבן מיר דערפון פיל געוווּנען.

צוליב אַסאַך סיבּעס זיינען פֿון פֿיל ערטער קיין דעלעגאַטן ניט געקומען קיין מאָסקווע. דאָס איז טיילווייז דערפֿאַר, ווייל דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך אַלץ אָפּגעלייגט, און אַף די ערטער זיינען ניט אָנגעקומען צו דער צייט די נויטיקע טעלעגראַמען. נאָר הויפּטזעכלעך איז דאָס פֿאָרגעקומען צוליב דער ניטגינסטיקייט פֿון דעם מאָמענט. די בּעסטע פֿון אונדזערע כאַווײרים זיינען איצטער אַף דעם מאַירעוו-פֿראָנט, וועלכער האָט אַרויסגערופֿן אַ קאַמפּמוטיקייט בּאַ די יידישע מאַסן נאָך דעם, ווי עס איז געפֿאַלן ווילנע; פֿון אוקראַינע האָט מען ניט געקענט קומען אַף דער קאָנפֿערענץ צוליב דעם אופֿשטאַנד פֿון גריגאָריעווס בּאַנדעס.

גאַנץ אוקראַינע איז צעריסן געוואָרן אַף טיילן. די כאַווײרים פֿון דאָרטן האָבּן זיך ניט געקאָנט צו אונדז אַרויסקלייבּן, און זיי האָבּן אַפֿילע ניט געקאָנט בּאַקומען פּריציייטיק די יעדיעס וועגן דעם צוזאַמענפֿאָר, דערפֿאַר איז אוקראַינע געוועזן שלעכט פֿאָרגעשטעלט. דערצו נאָך איז אין אוקראַינע דערווייל נאָך ניט פֿאָרגעקומען דער אַריינטריט אין דער פּאַרטיי פֿון דעם „יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבּאַנד", און דאָס האָט אויך שטאַרק פֿאַרקלענערט די צאָל פֿון די דאָרטיקע כאַווײרים.

אַזוי ווי עס זיינען געקומען נאָר עטלעכע און דרייסיק דעלעגאַטן, האָט מען בּאַשטימט, אַז דאָס זאָל הייסן ניט קיין צוזאַמענפֿאָר, נאָר אַ קאָנפֿערענץ.

ווי ניט גרויס עס איז געוועזן די קאָנפֿערענץ, איז אָבּער די בּאַדייטונג אירע בּאַ דעם איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט זייער אַ גרויסע. ווען מע פֿאַרגלייכט זי מיט דער ערשטער קאָנפֿערענץ אונדזערער פֿון אָקטיאַבּער פֿאַריקן יאָר, זעט מען, וואָס פֿאַר אַ גרויסן וועג עס האָבּן דורכגעמאַכט אונדזערע יידישע אַרבּעטער-מאַסן אין מעשעך פֿון דער קורצער צייט.

די גרענעצן פֿון דער ראַטנמאַכט האָבּן זיך אַריבּערגעטראָגן גראָד אין די געגנטן, ווו עס געפֿינען זיך די בּרייטע יידישע אַרבּעטער-מאַסן, זיי זיינען בּאַפֿרייט געוואָרן פֿון דער אָקופּאַציע און האָבּן דערזען אַף דער אייגענער פּראַקטיק דעם אונטערשייד פֿון דער ראַטנמאַכט און דאָס, וואָס זיי האָבּן פֿאַר דעם געהאַט. זיי האָבּן זיך בּאַלד איבּערצייגט וואָס עס איז פֿאַר זיי נויטיקער און פֿאַר וואָס דאַרפֿן זיי קעמפֿן.

פֿריער זיינען מיר, יידישע קאָמוניסטן, אין צענטראַל-רוסלאַנד געוועזן דער אַוואַנגאַרד, דער אַאַזיס פֿון דער יידישער קאָמוניסטישער אַרבּעטער-בּאַוועגונג. מיר האָבּן געוואָרט, מיר זיינען געוועזן זיכער, אַז די בּרייטע יידישע מאַסן אין ליטע און אוקראַינע מיט זייערע אַלטע, געניטע פֿירער וועלן צו אונדז קומען און וועלן פֿאַרנעמען דעם אָרט, וועלכן זיי האָבּן פֿון אַמאָל אָן פֿאַרנומען אין דער סאָציאַליסטישער אַרבּעטער-בּאַוועגונג, נאָר אָן די אַמאָליקע טעאָריעס, צוליב וועלכע די יידישע אַרבּעטער פֿלעגן זיין אָרגאַניזאַציאָנעל אָפּגעזונדערט פֿון זייערע קריסטלעכע כ"כ.

אַז אַפֿילע די מער אָפּגעשטאַנענע יידישע מאַסן וועלן פֿאַרשטיין, אַז עס איז מער ניטאָ קיין אָרט פֿאַר וועלכע ניט איז נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען בּע-

שאַס די דיקטאַטור און די מאַכט געפֿינען זיך אין די הענט פֿון די אַרבעטנ־דיקע גופֿא,—זיינען מיר זיכער געווען, די פֿראַגע איז נאָר געווען ווי וועט זיך אונדז איינגעבן צו באַקעמפֿן דעם קאָנסערוואַטיזם פֿון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט פֿון די יידישע מאַסן, וועלכע האָבן אין מעשעך פֿון צענדליקער יאָרן געהאַט אייגענע, זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געמאַכט פּאָליטיק, און די לידערס זיינען נויטע געווען צו דער אָדער יענער פֿון די רוסלענדישע פּאַרטייען, און פֿון דעם האָבן געליטן די אינטערעסן פֿון דער רעוואָלוציע און פֿון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס.

ניט אַזוי לייכט איז געווען צו באַקעמפֿן די אַלטע געוואָינהייטן, האַגאַם זיי זיינען שוין אָנערקענט פֿאַר שעדלעך. דאָס איז פּונקט אזוי ווי רויכערן טאַבאַק, פֿון וואָס עס איז זיך שווער אָפּצוגעוואָינען. דער קאָנסערוואַטיזם, די אינערציע זיינען שטאַרק, איבערהויפּט נאָך ווען די טרעגער פֿון זיי זיינען די מאַסן, זיי איז שווער אָפּצוזאָגן זיך פֿון דעם אָוואַר, האַגאַם זיי זיינען מוידע, אַז עס זיינען געמאַכט געוואָרן ביז אַהער טאָעסן.

די 2־טע קאָנפֿערענץ האָט אונדז באַוויזן, אַז מיר האָבן אויך אין דער הינזיכט זייער פֿיל אופֿגעטאָן. מיר האָבן באַקעמפֿט די מויכעס פֿון די יידישע מאַסן, מיר האָבן געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין זייער אידעאָלאָגיע, זיי האָבן גענומען אינטענסיווער דענקען און איבערשאַצן די אַלע ווערטן פֿון זייער אַלטע אידייען. בײַ זיי איז פֿאָרגעקומען אַ גאַנצער שינוי ערכין אַף דער רעוואָלוציע, ווי אויך אַף די נאַציאָנאַלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן.

מיר האָבן שוין איצטער אין אונדזערע רייען דעם בעסטן טייל פֿון די יידישע מאַסן, און אין אוקראַינע—אויך דעם גרעסטן. איצטער ווען מיר האָבן פֿיל גרעסערע מעגלעכקייטן צו אַרבעטן איידער פֿריער, ווען אונדזער צענטראַל־ביוראָ איז געוואָרן פֿיל רייכער אין קרעפֿטן און שטיץ־פּונקטן,—זיינען מיר זיכער, אַז גאָר אין די נאָענטסטע כאַדאָשים וועלן מיר האָבן אין אונדזערע רייען די גאַנצע יידישע אַרבעטער־מאַסע, אירע אַלע רעוואָלוציאָנערע טיילן.

פֿון די רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אַף דער קאָנפֿערענץ, זעט מען, אַז עס איז פֿאָרגעקומען אַ סינטעזירונג און אַ קריסטאַליזירונג פֿון די טענדענצן פֿון די צוויי יידישע פּאַרטייען, וואָס האָבן בײַ אונדז געהערשט: פֿון „בונד” און פֿון די ניואַנסן פֿון ציאָניזם. אייניקע האָבן נאָר געוואָלט פֿאַרנעמען זיך מיט דער יידישער בילדונג־פֿראַגע. די אַנדערע האָבן געשטרעבט צו אַ יידישן סיים אָדער אַן אַנדער מין פֿאָרם פֿון פֿולקאָמער זעלבשטענדיקייט פֿון יידנטום.

די פֿאַרשיידענע שטעלונגען פֿון די פּאַרטייען איז געווען אַ פּויעליויצע פֿון זייער טעאָרעטישער וועלט־אָנשויונג אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. איצטער אָבער, אין לעבן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז גאָר אַנדערש, ווי מען פֿלעגט זיך אַמאָל פֿאָרשטעלן די צייט פֿון דער רעוואָלוציע; און די טעזיסן פֿון ביידע אַלטע פּאַרטייען פֿאַלן אָפּ אין זייער גרעסטן טייל, נאָר עס בלייבט אַביסל פֿון איינער און פֿון דער אַנדערער און עס באַקומט זיך אַ פּראַק־

טיִשע קאָמוניסטישע אַרבעט, צוגעפּאַסט צו די פּאָדערונגען פון דעם מאָמענט. אין קיין פּראָגראַם-מאַקסימום נויטיקן מיר זיך ניט, דערצו איז שוין די צייט אַריבער.

אַלע הויפּט-רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק, עס זיינען נאָר געווען כלוקעדייעס איבער איינצלהייטן, עס האָט זיך נאָך געפילט אַף איינִיקע דעלעגאַטן אַביסל שטויב פון דעם אַמאָליקן כעט. מע האָט געקאָנט אָנטאַפּן אַ פּאָרשטייער פון דעם האַנטווערקערישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט נאָך דאָרטן ערגעץ אין אַלטן זייכער פון זיינע ניט נאָך איינגאַנצן אויסגעלעבטע טראַדיציעס, אָבער דאָס האָט זיך פּאַרלאָרן אין דער אַלגעמיינער שטימונג, וועלכע איז געווען זייער אַ מונטערע און אַ רעוואָלוציאָנערע.

אין די אַלע הויפּט-פראַגן ווי: וועגן אונדזער עקאָנאָמישער טעטיקייט, וואָס די בונדיסטן האָבן דאָס אַמאָל גערופן סיימיזם, און האָבן מיט דעם געשראָקן; אָדער וועגן די פאָרם-אַרטן פון די יידישע מאַסן אין דער רויטער אַרמיי; די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון אונדזערע סעקציעס; די קאָנצענטרירונג פון דער יידישער פּרעסע באַ דער נייער צ. ב., די באַציִונג צו די יידישע פּאַרטייען—אַט די אַלע פראַגן, וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן אַף דער קאָנפערענץ, זיינען קימאַט אָנגענומען געוואָרן ווי איינשטימיק.

עמעס, מיר האָבן אויך אונדזערע פליגלען, ווי רעכטע, לינקע און צענטער, נאָר די ניואַנסן צווישן זיי זיינען זייער ניט קיין גרויסע און דריקן זיך אויס אין גאָר ניט וויכטיקע טענדענצן. איינס איז קלאָר: מיר זיינען ניט קיין פאַרטיי, נאָר אַן אָרגאַנישער טייל פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איר פּראָגראַם און טאַקטיק זיינען אויך אונדזערע און אַף אַזאַ אַרט, פאַרשטייט זיך, מוזן מיר זיין פולשטענדיק איינִיק. די „מיל-שטיינער“ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי קאָנען פאַרדייען אויך וועלכע עס איז סוראָגאַטן און מאַכן זיי פאַר אַן אָרגאַניזם-טייל פון איר געזונטן קערפּער.

נאָך דער 2-טער קאָנפערענץ קאָנען מיר זאָגן דרייסט, אַז די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג האָט זיך געשטעלט אַף דעם עמעסן און געזונטן וועג.

באַפֿעל צו פֿאַרמאַכן די ייִדישע קעהילעס.

„דער צענטראַלער קאָמיסאַריאַט פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע אינייאַנים האָט, באַקענענדיק זיך מיט דער אַרבעט און טעטיקייט פֿון דער צענטראַל ביוראָ פֿון די ייִדישע קעהילעס און אויך מיט דער טעטיקייט פֿון די קעהילעס גופֿע, אויסגעפֿונען: 1) אַז די קעהילעס און זייער צענטראַל-ביוראָ גרופּירט אַרום זיך אויסגעשפּראָכענע קעגנער פֿון ייִדישן אַרבעטער-קלאַס און פֿון די דעראָבערונגען פֿון אָקטיאַבער-רעוואָלוציע; 2) אַז דידאָזיקע קעהילעס און זייער צענטראַל-ביוראָ פֿירן אַ שעדלעכע פּאָליטיק, וועלכע איז געווענדעט אַף צו פֿאַרטונקלען דעם קלאַסן-באַוווסטזיין פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן; 3) אַז די קעהילעס, נעמענדיק אַף זיך דורכפֿירן מלוכע-פֿונקציעס, ווי קולטורעלע און דערציִערישע אַרבעט, גיבן אַ שעדלעכע, אַנטי-פּראָלעטאַרישע דערציִונג דעם אופֿוואַקסנדיקן ייִדישן דאָר. דעריבער באַשליסט דער צענטראַלער קאָמיסאַריאַט פֿאַר ייִדישע נאַציאָנאַלע אינייאַנים:

די צענטראַל-ביוראָ פֿון די ייִדישע קעהילעס און אַלע זייערע אָפּטיילונגען, וועלכע געפֿינען זיך אַף דער טעריטאָריע פֿון ר.ס.פֿ.ס.ר., צו פֿאַרמאַכן אַף שטענדיק.

די געלט-סומען, דעם לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר איבערגעבן די אָרטיקע קאָמיסאַריאַטן.

דערדאָזיקער באַפֿעל גייט אַריין אין קראַפֿט פֿון דעם מאָמענט, ווען ער ווערט פּובליקירט אין איינעם פֿון די אָפֿיציעלע אָרגאַנען פֿון דער סאָוועטנמלוכע.

פֿאַרן קאָמיסאַר—מיטגליד פֿון קאָלעגיע ש. א ג ו ר ס ק י.

דעמדאָזיקן באַפֿעל באַשטעטיק איך:

פֿאָלקס-קאָמיסאַר פֿאַר נאַציאָנאַלע אינייאַנים י. ס ט אַ ל י ן.

23-טן יול 1919-טער יאָר 1367 №.

ציִרקוליאַריש.

אויספּילנדיק דעם וויִלן פֿון דער אַלרוסלענדיִשער קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע קאָמוניִסטיִשע סעקציעס ר. ק. פּ., האָבן מיר פּובליקירט די פֿאַראָרדענונג, וועלכע איז דאָ צוגעלייגט, וועגן ליקוויִדיִרן דיִ ייִדישע קעהילעס. דער צענטראַלער וואַאַד פֿון דיִ קעהיִלעס און די מאָסקווער קעהיִלע איז ליקוויִדירט. מיר טרעטן אויך צו צו ליִקווידיִרן דיִ אַנדערע בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס: דיִ ציאָניסטישע אָרגאַניזאַציִע „טאַרבוס", „העכאָלוץ" און אַנד.

מיִר לייגן אייך פֿאָר צו ליקווידיִרן די קעהילעס אין אייער שטאָט, גוּבערניִע, ראַיאָן לויט דער פֿאַראָרדענונג.

קעדיי בעסער דורכצופֿיִרן דידאָזיִקע אופגאַבע איבער גאַנץ רוסלאַנד, דאַרף די ליִקוויִדאַציִע דורכגעפֿירט ווערן וואָס גיכער און אָן קיינע אָפּהאַלטונגען. באַם ליִקווידיִרן לייגן מיִר אייך פֿאָר צו האַלטן זיך באַ די פֿאָלגנדיִקע אָנווייזונגען: א) די רעליגיִעזע טעטיקייט פֿון די קעהיִלעס גייט איִבער אין רעשוס פֿון דיִ באָטעמעדראָשים, שול-פֿאַרוואַלטונגען און אַנד. רעליִגיִעזע איִנסטיטוציעס לויט דעם דעקרעט וועגן אָפּטיילן דיִ קיִרכע פֿון דער מעלוכע. ב) דיִ סאָציִאַלע שטיצע, דאָס אַרויסגעבן דיִ פּאַיאָקן און אנדערע מיניִם פֿון פֿאַרזאָרגן די אָרעמע באַפֿעלקערונג און היימלאָזע דאַרפֿן איִבערגעגעבן ווערן די אָפּטיילן פֿאַר סאָציִאלער פֿאַרזאָרגונג איִן די פּלענבעזשן אַף אַלגעמיין-מעלוכיִשע יעסוידעס.

באַמערקונג: אין באזונדערע פֿאַלן, איִן העסקעם מיט די אנטשפּרעכנדיקע סאָוועטישע אָרגאַנען איִז דערלאָזבאַר א צייטווייליקע עקזיִסטענץ פֿון די היימלאָזע און עוואַקואַציִע-קאָמיִטעטן, נאָר ווי אן איִבערגאַנג-מיטל, ביִז דער סאָבעז און פּלענבעזש וועלן איינאָרדענען די היִלף.

ג) די קולטורעלע טעטיקייט גייט איִבער אין רעשוס פֿון די ייִדישע סעקציעס פֿון די סובאָפּטיילן פֿאַר די נאַציִאָנאַלע מיִנדערהייטן, און ווו אַזעלכע זיינען ניִטאָ, אין רעשוס פֿון די ייִדקאָמען און די בילדונג-אָפּטיילן.

באַמערקונג: דיִ פֿראַגע וועגן ליקוויִדירן דיִ כאַדאָרים ווערט דערלייזט דורכן נאַציִאָנאַלן סובאָפּטייל צוזאַמען מיִטן ייִדקאָם.

ד) די מיטלען און אייגנטום פֿון די קעהילעס גייען איבער איִן רעשוס פֿון דיִ ייִדישע קאָמיסאַריאַטן.

אין אַלע שווערע פֿאַלן, וועלכע זיינען, אָפּהענגיִק פֿון דיִ אָרטיִקע באַדיִגונגען, וועלכע מיר קאָנען ניִט פֿאָרויסזען, ווענדט זיִך טייקעף אין צענטראַלן קאָמיסאַריאט און צ. ב. פֿון די ייִדסעקציעס פֿון ר. ק. פּ., וועלכע וועלן געבן די אנטשפּרעכנדיקע אָנווייזונגען.

קאָמיסאַר ש. דיִמאנשטיין.

סעקרעטאַר (אונטערשריִפֿט).

ראַיאָן-באַראַטונג פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס אין וויטעבסק*).

*

* *

דעם 16-18-טן נאָיאַבר 1919 יאָר איז אין וויטעבסק פֿאָרגעקומען די ערשטע ראַיאָן-באַראַטונג פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס בײַ דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויף דער באַראַטונג זײַנען געווען פֿאָרגעשטעלט 8 ייִדישע סעקציעס פֿון די גובערניעס: סמאָלענסקער, וויטעבסקער און האָמלער, פֿון האָמעל און וויטעבסק—צו דריי דעלעגאַטן, אָרשע, שקלאָוו, נעוועל, מאָלעוו, סמאָלענסק—צו איין דעלעגאַט. חוץ דעם 2 פֿאָרשטייער פֿון צ. ב. פֿון די ייִדישע סעקציעס—איינער פֿון ראַיאָן-ביוראָ, צו איין פֿאָרשטייער פֿון די רעדאַקציעס „שטערן" און „האָרעפּאַשניק", צוזאַמען—16 מאַן.

די באַראַטונג האָט באַטראַכט פֿאָלגנדיקע פֿראַגן: 1) באַריכט פֿון צ. ב. און אָרטיקע סעקציעס; 2) די אָרגאַניזאַציע-פֿאָרמען פֿון די נאַציאָנאַלע סעקציעס אין ר.ק.פּ.; 3) די אַרבעט פֿון די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן; 4) אָרגאַניזאַציע-פֿראַגן; 5) פּרעסע און פֿאַרלאַג; 6) די באַציִונג צום „פֿאַרבאַנד" פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

וועגן דער אַרבעט פֿון די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן איז באַשלאָסן געוואָרן קיין רעזאָלוציע ניט אַרויסצוטראָגן, נאָר שטעלן די פֿראַגע אויף אַ ברייטער דיסקוסיע אין דער פּרעסע. מיר ברענגען דאָ די רעזאָלוציעס, וואָס זײַנען אָנגענומען געוואָרן אויף דער באַראַטונג.

1. וועגן די באַריכטן פֿון צ. ב., ראַיאָן-ביוראָ און פֿון די ערטער.

אויסהערנדיק דעם באַריכט פֿון צ.ב., ראַיאָן-ביוראָ און פֿון די אָרטיקע סעקציעס, איז די באַראַטונג געקומען צו פֿאָלגנדיקע אויספֿירן:

1. די אָרגאַניזאַציע-אַרבעט פֿון די ייִדישע סעקציעס אין צאָפֿן-מאַירעוו-ראַיאָן האָט זיך ביז איצט אַנטוויקלט בײַ אומגינסטיקע אויסערלעכע אום-

*) נאָכדעם, ווי די פּאָליאַקן האָבן דעם 7-טן אַוגוסט 1919 יאָר פֿאַרנומען מינסק, איז דער צענטער פֿון דער ייִדישער פּאַרטיי-אַרבעט פֿון מאַירעוו-געגנט געוואָרן וויטעבסק. דאָרט איז אַריבערגעפֿירט געוואָרן דער מינסקער „שטערן", און דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ ריי כאַווייריִם פֿון אוקראַינע, וועלכע איז אין יענער צייט געווען אונטער דעניקינס הערשאַפֿט, און אויך פֿון ווייס-רוסלאַנד. אין נאָיאַבר 1919 איז אין וויטעבסק פֿאָרגעקומען אַ ראַיאָן-באַראַטונג פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס, ווו עס זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן אַ ריי וויכטיקע פֿראַגן, וואָס ווערן באַלויכטן אין דעם פּראָטאָקאָל און רעזאָלוציעס, וועלכע זײַנען געווען געדרוקט אין דער „קאָמוניסטישער וועלט" נומ. 10-11, דעקאַבר 1919.

שטענדן: די נאָענטקייט פֿון פֿראָנט און די עוואַקואַציע, די ניטאויפֿמערקזאַמע באַציונג צו דער אַרבעט פֿון דער סעקציע מיצאַד די אַלגעמיין-פאַרטעישע אָרטיקע אַנשטאַלטן, דער מאַנגל פֿון פאַרטיי-דירעקטיוון פֿון צענטראַל-ביוראָ, דער מאַנגל אין דערפֿאַרענע פאַרטיי-טוער—דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז אין פֿיל פונקטן האָבן די ביוראָען פֿון די סעקציעס נאָך ניט געקאָנט אַרומקלייבן אַרום זיך וועלכע ניט איז ברייטערע שיכטן פֿון די יידישע אַרבעטער און פֿאַרוואַנדלען זיי אין אַ וויכטיקן מאַסן-קערנדל פֿון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

2. פֿון דער אַנדער זייט האָבן אָבער די אַלגעמיינע אָביעקטיווע באַדינגונגען באַשאַפֿן אַן איבערברוך אין דער שטימונג פֿון דעם יידישער אַרבעטער-מאַסע און פֿאַרגרעסערט זייערע סימפאַטיעס צום קאָמוניזם. די רעכטע סאָציאַליסטישע גרופן האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין שמאָל-פאַרטעישע, אָפגעריסענע פֿון דער מאַסע גרופן, וואָס לעבן נאָך הערצו איבער אַ שטענדיקן אינערלעכן קריזיס און צופֿאַלונג-פראָצעס. די אָרגאַניזירונג פֿון דער פאַרטיי-וואָך אין וויטעבסק און האָמעל מיטן אָנטייל פֿון די יידישע סעקציעס האָט געבראַכט אונדזערע סעקציעס אין באַרירונג מיט די ברייטע יידישע אַרבעטער-מאַסן און עפֿנט נייע ברייטע מעגלעכקייטן פֿאַר אונדזער פאַרטיי-אַרבעט.

3. עס דאַרף גענומען ווערן אין אַכט די גרויסע ראָל, וואָס עס דאַרף שפילן די יידישע קאָמוניסטישע באַוועגונג אין צאָפֿן-מאַירעוו-ראַיאָן, אין דער איינציקער געגנט, ווו עס איז מעגלעך צו פֿירן אַ ברייטע אָפֿענע יידישע פאַרטיי-אַרבעט, און אויך די באַדייטונג, וואָס עס האָט אין דער געגנט די מאַסן-באַוועגונג פֿון די יידישע אַרבעטער פֿאַר דער פֿעסטקייט און אַרבעט פֿון דער ראַטנמאַכט. דערום איז דורכויס נויטיק, אַז סאַי דער אַלגעמיינער פאַרטעישער צ. ק., סאַי די צ. ב. פֿון די יידישע סעקציעס זאָלן שיקן אַהער וואָס מער דערפֿאַרענע יידישע פאַרטיי-טוער. דערביי דאַרף אָנגעוויזן ווערן דער אָרטיקער פאַרטעישער אָרגאַניזאַציע, זי זאָל באַם איינטיילן די אַרבעט ניט באַלעסטיקן אַזוי שטאַרק אַלע טוער פון דער יידישער סעקציע מיט אַלגעמיינער אַרבעט, קעדיי איבערצולאָזן זיי די פֿרייע מעגלעכקייט צו פֿאַרנעמען זיך מיט דער אַגיטאַטאָרישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער מאַסן. די אָרטיקע סעקציעס דאַרפֿן אַזוי אײַנטיילן זייערע קרעפֿטן, אַז עס זאָל אָפגעהיט ווערן דער באַשלוס פֿון 8-טן צוזאַמענפֿאָר פון ר.ק.פ., וואָס פֿאָדערט, אַז אַ געוויסער פראָצענט פֿון פאַרטיי-קרעפֿטן זאָל אָפגעגעבן ווערן אויסשליסלעך דער פאַרטיי-אַרבעט.

4. די אָרטיקע סעקציעס דאַרפֿן פֿאַרשטאַרקן די אינערלעכע אַרבעט צווישן דער מיטגלידער-מאַסע, בילדנדיק אין אַלע שטעט קלובן און פאַרטיי-שולן, צוטריטלעכע פֿאַר די ברייטערע שיכטן פֿון דער אַרבעטער-מאַסע.

5. די צ. ב. פֿון די יידישע סעקציעס דאַרף אַזוי קאָנסטרוירן איר אַרבעט, אַז די אָרטיקע סעקציעס זאָלן פֿילן די אָנפֿירנדיקע ראָל פֿון צ. ב. עס איז דורכויס נויטיק פֿאַרשטאַרקן די פֿאַרלעגערישע אַרבעט פֿון צ. ב., קעדיי צו שאַפֿן פֿריער פֿאַר אַלץ אַ פאָפולערע קאָמוניסטישע ליטעראַטור אַף דער

ייִדישער שפּראַך. ביִפּראַט דאַרף די צ. ב. אויסאַרבעטן אַ געגויע איִנסטרוקציע וועגן דער סטרוקטור פֿון דער סעקציע און איִרע באַציִונגען מיִט די אַלגע-מיין-פּאַרטעיִשע אינסטיטוציעס.

6. די באַראַטונג געפֿיִנט, אַז ניִט די צ. ב., ניִט די אָרטיִקע סעקציעס דאַרפֿן ניִט פֿאָרנעמען קיין געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען מיט די ייִדיִשע רעכט-סאָציאַליִסטיִשע פּאַרטייען („בונד", „פּ. צ.", „פֿאַריִיניִקטע"). די צ. ב. דאַרף אָנעמען מיִטלען, אַז עס זאָלן ניִט ווערן געשטיִצט מאַטעריעל דורך די ראַטן-אַנשטאַלטן אַזעלכע גרופּן, וועלכע האָבן ניִט קיין שום פֿאַרביִנדונגען מיט דער אָרטיִקער ארבעטער-מאַסע און אַנטוויִקלען אַ ברייטע נאַציאָנאַליִסטיִשע אַגיִ-טאַציע נאָר אַדאַנק דער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג פֿון צענטער.

7. געמענדיק אין אַכט די באַדערפֿענישן פֿון די ברייטע ייִדיִשע אַרבע-טער-מאסן איִן אַ ייִדיִשער צייטונג און, פֿון דער אַנדערער זייט, די שווערע טראַנספּאָרט-באדינגונגען, וואָס מאכן פֿאר אומעגלעך דאָס באדינען דעם גאַנצן ראַיאָן דורך איין צייטונג, וואָס זאָל דערשיינען איִן וויטעבסק, האָמעל אָדער מאָסקווע,—באַשליסט די באַראַטונג, אַז ביידע צייטונגען אין האָמעל און אין וויטעבסק זאָלן אויך ווייטער דערשיינען.

8. די אָרטיִקע סעקציעס און די פּרעסע דאַרפֿן געזיכערט ווערן מיִט אַ פֿעסטן ביודזשעט פֿון די גובערניאַלע פּאַרטיי-קאָמיטעטן. די צ. ב. דאַרף וועגן דעם ווענדן זיך צום צ. ק. פֿון ר. ק. פּ.

9. די דריטע אַלרוסלענדיִשע קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדיִשע קאָמוניִסטישע סעקציִעס דאַרף פֿאָרקומען ניט פֿריִער, ווי עס וועלן באַפֿרייט ווערן גרויסע טיילן פֿון אוקראַיִנע אָדער ווייסרוסלאַנד פֿון דער אָקופּאַציע.

10. די באַראַטונג באַשליסט צו שיִקן אַף דער אַלרוסלענדיִשער פּאַרטיי-קאָנפֿערענץ אַ דעלעגאַט מיט באַראַטונג-רעכט.

2. וועגן די אָרגאַניזאַציע-פֿאָרמען פֿון די נאַציאָנאַלע סעקציעס אין ר. ק. פּ.

אויסהערנדיק דעם פֿאָרטראָג און די דעבאַטן וועגן די אָרגאַניזאַציע-פֿאָרמען פֿון די נאַציאָנאַלע סעקציעס פֿון ר. ק. פּ. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פּראָעקט, וואָס איז פּובליקירט געוואָרן אין נומער 7 פֿון די „יעדיעס פֿון צ. ק. ר. ק. פּ.", געפֿינט די באַראַטונג:

1. באַ דעם פֿאַרשיידנאַרטיקן אין נאַציאָנאַלער היִנזיכט צוזאַמענשטעל פֿון פּראָלעטאַריאַט און אָרעמען פּויערטום, פֿון וועלכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ציט איִר יעניִקע, מוז די צענטראַליִזירטע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַרויסווייזן די מאַקסימאַלסטע אָרגאַניזאַציע-בויגעוודיקייט, קעדיי אַריינצוציען אין די רייען פֿון דער פּאַרטיי דעם אויפֿוואַכנדיקן פֿאָרשריטלעכן טייל פֿון פּראָלעטאַריאַט באַ די ניִטרוסיִשע נאַציאָנאַליטעטן און קעדיי צו דערציען פֿון דער אַרבעטער-מאַסע באַוווסטזיִניקע קאָמוניסטן—בויער פֿון דעם נייעם לעבן. מיִט דיִדאָזיִקע מאָ-מענטן מוז מען זיך רעכענען באזונדערס איצט, ווען פֿון איין זייט האָבן די

דערפֿאָלגן פֿון דער פּאַרטיי־וואָך געגעבן דער פּאַרטיי פֿיל צענדליקער טויזנטער נייע מיטגלידער פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, און ווען פֿון דער אַנדער זייט רוקט זיך די רויטע אַרמיי אַלץ פֿאָרויס אַף מיזרעך און דאָרעם און קערט אום ראַטנרוסלאַנד אלץ נייע געגנטן מיט אַ פֿאַרשיידנאַרטיקער לויטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל, באַפֿעלקערונג.

2. מען מוז דערום אין די ראַמען פֿון דער איינהייטלעכער צענטראַליזירטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איבערלאָזן די ביז איצט עקזיסטירנדיקע נאַציאָנאַלע סעקציעס מיט די אָרטיקע מאַסן־קעמערלעך און צענטראַלע ביוראָען, ווי אָרגאַנען, וועלכע פֿירן אָן מיט דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע באַ די אַרבעטנדיקע מאַסן פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. נאָר אַזאַ אָרגאַניזאַציע קאָן באַ דער אַנטוויקלונג פֿון דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פֿון די קאָמוניסטישע אידייען נעמען אין אַכט די אייגנאַרטיקייט פֿון דער נאַציאָנאַלער סוויווע אין די אינטערעסן פֿון אַנטוויקלונג פֿון אַ קאָמוניסטישער מאַסןבאַוועגונג און פֿון דער ראַטן־בויונג אין יעדער נאַציע. דאָס פֿאַרבייטן די נאַציאָנאַלע סעקציעס אַף „אָפּטיילונגען פֿאַר ארבעט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן", לויטן פּראָעקט, וואָס איז פּובליקירט אין נומער 7 פֿון די „יעדיעס פֿון צ. ק. ר. ק. פּ." — באַ דער שוואַכקייט פֿון די קאָמוניסטישע קעמערלעך צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און באַ דער עקזיסטענץ פֿון עלטערע קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע גרופּן, וועלכע האָבן נאָך ניט אינגאַנצן פֿאַרלאָרן זייער באָדן — אַזאַ פֿאַרבייטן וועט אומפֿאַרמיידלעך ברענגען דערצו, אַז די נאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע קעמערלעך פֿון ר. ק. פּ. וועלן איזאָלירט ווערן פֿון די ברייטע פּראָלעטאַרישע מאַסן באַ דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט, אַז עס וועט נאָר אָפּגעשוואַכט ווערן דער איינפֿלוס פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס וועט פֿאַרהאַלטן דעם פּראָצעס פֿון אויסלעבן די נאַציאָנאַליסטישע אידייען באַ די מאַסן, וועלכע זיינען ביז ניט לאַנג געווען אונטערדריקט.

3. בענוגייע צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז נויטיק עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן די פֿאָרמען פֿון אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען געווען אויסגעאַרבעט אַף דער 2־טער קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס, באַשטעטיקט געוואָרן דורכן צ. ק. און שפּעטער, אין אַווגוסט כוידעש, רעקאָמענדירט געוואָרן ווי אַן אָבליגאַטאָרישע דירעקטיוו דעם צ. ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַף אוקראַינע באַם איינשליסן אין פּאַרטיי דעם „יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד".

3. דער אויסטאַוו פֿון די נאַציאָנאַלע סעקציעס.

די באַראַטונג זאָגט זיך אַרויס קעגן פּראָעקט, וועלכער איז געווען פּובליקירט אין נומער 7 פֿון די „יעדיעס פֿון צ. ק. ר. ק. פּ.", און לייגט פֿאַר דער צ. ב. פֿאַרטיידיקן אַף דער אַלרוסלענדישער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ פֿאָלגנדיקן פּראָעקט פֿון אויסטאַוו פֿאַר די נאַציאָנאַלע סעקציעס.

1. אין דער איינהייטלעכער צענטראַליזירטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿירט אָן מיט דער גאַנצער אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי אין אַלע טיילן פֿון דער

רוסלענדישער פֿעדעראַט. סאָצ. ראַטן-רעפּובליק אַן איינהייטלעכער צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס זיינע באַשלוסן זיינען אָבליגאַטאָריש פֿאַר אַלע איינריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס פֿון דער פּאַרטיי. אין די גרענעצן פֿון אָט די אַלגעמיינע באַשלוסן פֿירט אָן מיט דער אַרבעט אַף די ערטער די אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע אָרטיקע אָרגאַניזאַציע, וווּהין עס גייען אריין קאָמוניסטן אָן אונטערשייד פֿון נאַציע, און וועלכע האָט אויסשליסלעכע רעכט ארויסצוטראָגן באַשלוסן וועגן פּאָליטישער טאַט און פּאָליטישער אָנפֿירונג.

2. אין ערטער מיט אַ געמישטער אין נאַציאָנאַלער הינזיכט באַפֿעלקערונג ווערן אָרגאַניזירט, אַף צו פֿאַרייניקן און פֿירן די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע און אגי-טאַציע אַף דער מוטער-שפּראַך פֿון יעדער נאַציע, באַזונדערע נאַציאָ-נאַלע סעקציעס.

3. נאַציאָנאַלע סעקציעס דאַרפֿן אָרגאַניזירט ווערן באַ די גובערניאַלע, אויעזדישע אָדער שטאָטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון ר. ק. פּ., וואָס באַהערשן די שפּראַך פֿון דער באטרעפֿנדיקער נאַציע.

4. די סעקציעס אַף די ערטער אָרגאַניזירן זיך מיטן העסקעם פֿון דעם באַטרעפֿנדיקן גובערניאַלן, אויעזדישן אָדער שטאָטישן פּאַרטעיִשן קאָמיטעט און מיטן וויסן פֿון דער צ. ב. פֿון דער באטרעפֿנדיקער נאַצ. סעקציע באַם צענטראַלן אָדער געגנט-קאָמיטעט פֿון ר. ק. פּ.

5. אַף אָנצופֿירן מיט דער אַרבעט פֿון יעדער סעקציע קלייבט אויס די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון די מיטגלידער פֿון דער סעקציע אין יעדער באַזונ-דער פּונקט (שטאָט, שטעטל) אַ ביוראָ. די גובערניאַלע ביוראָ פֿון די סעקציעס פֿון דער באַטרעפֿנדיקער נאַציע ווערט אויסגעקליבן אַף אַ גובערניאַלער באַ-ראַטונג פֿון פֿאָרשטייער פֿון די סעקציעס.

6. קעדיי ענגער צו פֿאַרבינדן די אַרבעט פֿון די סעקציעס מיט דער אַלגעמיין-פּאַרטעיִשער אַרבעט, גייט אַריין אַ מיטגליד פֿון ביוראָ פֿון דער סעקציע אין באַטרעפֿנדיקן אַלגעמיין-פּאַרטעיִשן קאָמיטעט מיט באראטונג-רעכט. דער אַלגעמיין-פּאַרטעיִשער קאָמיטעט האָט רעכט ניט צו באַשטעטיקן וועלכע ניט איז פּרינציפּיעלע באַשלוסן פֿון דער סעקציע און אָפּוואַרפֿן באַזונדערע מיטגלידער, וואָס זיינען אויסגעקליבן אין ביוראָ.

7. די סעקציע אָרגאַניזירט מיטינגען, לעקציעס, פֿאָרטראָגן, קלובן, פֿאַר-שיידענע קאָמיסיעס (אַף צו אַרבעטן צווישן פֿרויען, יוגנט א. ד. גל.) און אַנ-דערע הילף-אַנשטאַלטן, וואָס זיינען נויטיק אַף צו פֿירן די אַרבעט אַף דער מוטער-שפּראַך פֿון דער נאַציע. מיט דער דערלויבעניש פֿון דעם אַלגעמיין-פּאַרטעיִשן קאָמיטעט קענען די סעקציעס אַרויסלאָזן צייטונגען און זשורנאַלן.

8. די סעקציע פֿירט אָן און קאָנטראָלירט די טעטיקייט פֿון די נאַציאָ-נאַלע סעקציעס באַ די צענטראַלע געגנט-אָדער אָרטיקע ראַטן-אַנשטאַלטן לויט די דירעקטיוון פֿון צ.ק.ר.ק.פּ. פֿון אירע געגנט-אָרגאַניזאַציעס און פֿון די אַנט-שפּרעכנדיקע פֿאָלק-קאָמיסאַריאַטן.

9. נייע מיטגלידער און מיטפילנדיקע ווערן אָנגענומען דורך דער סעק־ציע און ווערן פאַרעגיסטרירט דורך די אַלגעמיין־פּאַרטעיִשע קאָמיטעטן אַף אַל־געמיינע יעסוידעס.

10. אַלע הויצאָעס פון דער סעקציע ווערן געדעקט דורך באַטרעפנדיקן אַלגעמיין־פּאַרטעיִשן קאָמיטעט לויט די סמעטעס, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט דורך דער סעקציע און באשטעטיקט דורכן קאָמיטעט.

11. די ביוראָ פון דער סעקציע שטעלט צו יעדן מאָנאַט אַ באריכט וועגן איר אַרבעט דעם באטרעפנדיקן אָרטיקן קאָמיטעט און דער צ. ב. פון דער סעקציע באם צ. ק. אָדער באם געגנט־קאָמיטעט פון ר.ק.פּ.

12. באַם צ. ק. פון ר. ק. פּ. און באַ די געגנט־קאָמיטעטן (אוקראַי־ניִשן, ליטע און ווייסרוסלאַנד, לאַטוויע א. א. וו.) בילדן זיך צענטראַלע און געגנט־ביוראָען פון די סעקציעס פון יעדער נאַציע, וואָס ווערן אויסגעווילט אַף קאָנפערענצן פון אַלע אָרטיקע סעקציעס פון דער באַטרעפנדיקער נאַציע.

13. די צ. ב. פון יעדער סעקציע פאַרייניקט די אַרבעט פון אַלע אָר־טיקע ביוראָען, לאָזט אַרויס ליטעראַטור אַף דער שפּראַך פון דער באַטרעפנ־דיקער נאַציע, טיילט איין די קרעפטן, וואָס זיינען איבערגעלאָזן אין רעשוס פון דער סעקציע דורכן צ. ק. פון ר. ק. פּ. און טרעט אריין אין פאַרביִנ־דונגען מיט אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס פון דער באַטרעפנדיקער נאַציע.

14. באַם צ. ק. פון ר. ק. פּ. ווערט געבילדעט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר דער אַרבעט צוויִשן די אַרבעטער־און פויערים־מאַסן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע פאַרייניקט די אַרבעט פון אַלע צ. ב. דער צ. ק. האָט דאָס רעכט ניט צו באַשטעטיקן באַזונדערע פּרינציפּיעלע באשלוסן פון צ. ב. און אָפּוואַרפן באַזונדערע מיטגלידער, וועלכע זיינען אויסגעווײלט אין צ. ב.

4. אונדזער באַציִונג צום פאַרבאַנד פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן („סעטמאס״).

1. די פאַרשטאַרקונג פון דער ראַטנמאַכט סאַי בענויגייע צום קאַמף קעגן דער רעאַקציע, סאַי בענויגייע צו איר אינעווייניקסטער שעפעריִשער סאָ־ציאַליסטיִשער אַרבעט פון איין זייט, און פון דער אַנדער זייט דער אָנגריף פון דער רעאַקציע, וואָס נעמט אָן אַלץ אָפענערע און בוילעטערע פאָרמען פון אלטן צאַריסטיִשן פּאָגראָם־רעזשים, האָבן געבראַכט צו א געוויִסן איבער־ברוך אין דער גאַנצער באַציִונג צום ארומיקן קאמף אין די ברייטע קרייזן פון אָרעמען טייל פון שטאָטישן יידישן קליינבירגערטום. אָנשטאָט דער פרי־ערדיקער האָפענונג און דערוואַרטונג אַף דער רעסטאווראַציע פון קאַפּיטאַ־ליזם, הויבן אָן אָט דידאָזיקע שיכטן צו זוכן ווי אזוי צו צופּאַסן זיך צו די נייע עקאָנאָמישע און פּאָליטיִשע באדינגונגען, וואָס זיינען געשאַפן דורך דער ראַטנמאַכט, קעדיי אַף אזא אויפן צו געפינען אַ באפרידיקונג פאַר זייערע טאָגטעגלעכע באדערפעניִשן.

2. אַלס סימאָנים פֿון אַזאַ איבערבראָך אין די געזעלשאַפֿטלעכע שטימונגען פֿון קלײנבירגערטום זײַנען געקומען פֿריִער דאָס ליִנקווערן פֿון אַלע ייִדישע רעכטע סאָציאַליסטישע קלײנבירגערלעכע גרופּן, ווי „בונד", „פֿאַרײניקטע" און „פּ. צ." און איצט די אויסבילדונג פֿון אַזוי גערופֿענעם „פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן" („סעטמאַס") אין קיִעוו און וויטעבסק, וואָס זוכט צו פֿאַרײניקן אָט די רויִנירטע קלײנבירגערלעכע מאַסן אויף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון אונטערשטיצן די ראַטנמאַכט און די קאָמוניסטישע פּאַרטײ.

3. דערדאָזיקער איבערבראָך אין די פּאָליטישע שטימונגען פֿון אָרעמען טײל פֿון שטאָטישן ייִדישן קלײנבירגערטום שאַפֿט מער גינסטיקע באַדינגונגען פֿאַר דער אַרבעט פֿון דער ראַטנמאַכט און דאַרף גענומען ווערן אין אַכט בײַ דער באַשטימונג פֿון די קאָנקרעטע מאָסמיטלען סײַ אין דער אַלגעמײנער, סײַ ספּעציעל אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פֿון דער ראַטנמאַכט אין איר שטרעבונג איבערצופֿירן וואָס ברײטערע שיכטן פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג צו פּראָדוקטיווער אַרבעט אויף קאָלעקטיוויסטישע יעסוידעס.

4. עס מוז אָבער דערבײַ באַטאָנט ווערן, אַז דאָס רויִנירטע קלײנבירגערטום, אַלס גאַנצער סאָציאַלער שיכט, קאָן ניט אין דער איצטיקער איבערגאַנג-צײַט דינען פֿאַר אַ שטאַנדהאַפֿטיקן און זיכערן באַזיס פֿון דער ראַטנמאַכט, וואָס עס איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער אויסגעשפּראָכענער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט. דאָס פֿולקאָמע אָפּזאָגן זיך פֿון די וואַקלונגען, וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דידאָזיקע שיכטן, קאָן קומען נאָר אַלס רעזולטאַט פֿון דער אויסגעהאַלטענער, אומבערעכמאָנעסדיקער קלאַסן-פּאָליטיק פֿון דער ראַטנמאַכט און פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ.

5. בײַ דער באַשטימונג פֿון אונדזער באַציִונג צום „סעטמאַס" דאַרף, באַזונדערס גענומען ווערן אין אַכט, אַז די אומקלאָרקײט פֿון זײַנע צילן און אויפֿגאַבן קאָן ברענגען דערצו, אַז אין זײַנע רײען וועלן זיך אַרײַנגיסן צוזאַמען מיטן אָרעמסטן טײל אויך די ספּעקוליאַנטישע עלעמענטן פֿון שטאָטישן קלײנבירגערטום, וואָס וועלן זוכן אויסצונוצן דעם „פֿאַרבאַנד", כּדי אויף אַזאַ אופֿן ניט צו דערפֿילן די פֿאַראָרדענונגען פֿון דער ראַטנמאַכט און באַפֿרײַען זיך פֿון די אַלע באַגרענעצונגען, וואָס די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט טראָגט מיט זיך דעם שטאָטישן קלײנבירגערטום.

דערום באַשליסט די באַראַטונג:

א) דער „פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן" קאָן אונטערגעשטיצט ווערן מיצד דער ראַטנמאַכט און דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ נאָר אין דעם פֿאַל, בײַס ער וועט זיך זײַן אָרגאַניזאַציע-אַרבעט קלאָר און דײַטלעך שטעלן אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז ער איז באַרופֿן צו אָרגאַניזירן אויסשליסלעך די האַלב-פּראָלעטאַרישע שטאָטישע מאַסן, און אַז אַלס מיטגלידער פֿון „פֿאַרבאַנד" קאָנען אָנגענומען ווערן נאָר אַזעלכע, וואָס לויט די טאַקאָנעס פֿון דער ראַטן-קאָנסטיטוציע האָבן זײ זיכערע בירגער-רעכט.

ב) די ראַטן-אַנשטאַלטן, אין דעם פּראַט אויך דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט, דאַרפֿן אויסנוצן דעם אָרגאַניזאַציע-אַפּאַראַט פֿון „פֿאַרבאַנד" בײַ זײער

אַרבעט פֿון בויען ערד-קאָמונעס און באם איבערפֿירן די מאַסן צו פּראָדוקטיווער אינדוסטריעלער אַרבעט.

ג) אַנטוויקלען אַ ברייטע אויפֿקלער-אַרבעט צווישן דעם אָרעמען ייִדישן קליינבירגערטום, אויסנוצנדיק דערביי אויך די פֿאַרשיידענע מיטינגען און פֿאַרזאַמלונגען, וואָס ווערן איינגעאָרדנט דורכן „פֿאַרבאַנד", קעדיי צו פֿירן דאָרט אַ שריפֿטלעכע און מינדלעכע אַגיטאַציע אין נאָמען פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דערביי דאַרף די פּאַרטיי און די ייִדישע סעקציעס ביפֿראַט אָפּזאָגן זיך פֿון יעדער אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿאַרבינדונג מיט אָט דעם „פֿאַרבאַנד". די מיטאַרבעטערשאַפֿט אין אָרגאַן פֿון „פֿאַרבאַנד"—„האָרעוואַניע" דאַרף אויך ניט דערלאָזן ווערן.

ד) דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט דאַרף גלייך באַשטימען אַ ספּעציעלן קאָמיסאַר אין „פֿאַרבאַנד", וואָס זאָל פֿון אינעווייניק זאָרגן וועגן דער דורכפֿירונג פֿון דער אָנגעמערקטער טאַקטיק.

5. די וואַלן פֿון ראַיאָן-ביוראָ.

צום שלוס פֿון דער ראַיאָנער באַראַטונג איז אויסגעווײלט געוואָרן אַ נייע ראַיאָן-ביוראָ אין באַשטאַנד פֿון 7 פֿאָלגנדע כ"כ: לעוויטאַן, אָרשאַנסקי, קאַמענשטיין (וויטעבסק), ליבערטע, קאַזאַקעוויטש (האָמעל), שאַפּיר, קוזנעצאָוו (מאָלעוו).

אין פּרעזידיום פֿון דער ראַיאָן-ביוראָ זיינען אויסגעווײלט די כ"כ: לעוויטאַן, אָרשאַנסקי און קאַמענשטיין.

אויסער דעם איז קאָאָפּטירט געוואָרן אין ראַיאָן-ביוראָ און אין פּרעזידיום אַלס סעקרעטאַר דער כאַווער שטשופּאַק.

די ארבעט פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס פון אוקראינע נאָך דער ליקווידאציע פון קאָמפאַרבאַנד.

צו אַלע ייִדישע סעקציעס אַף אוקראַינע*).

בויט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע!

צירקוליאַר־בריוו נומ. 1.

די גרויסע ניצחוינעס פֿון דער רעוואָלוציע און פֿון דער רויטער ארמיי האָט באַפֿרייט אוקראַינע פֿון דעניקינס באַנדעס.

אין אַלע קימאַט גובערניעס איז שוין אָפּגעשטעלט געוואָרן די ראַטן־מאַכט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי טרעט צו צו אַן אָפֿענער אַרבעט. מיט דער גרעסטער ענערגיע דאַרפֿן זיך אַלע נעמען צו דער אַרבעט אופֿצושטעלן די גרויסע און ברייטע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף אָנפֿירן מיט דער גאַנצער שעפֿערישער אַרבעט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט.

נאָכדעם, ווי דער „ייִדישער קאָמוניסטישער פֿאַרבאַנד“ איז לויטן באַשלוס פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (אַווגוסט 1919) אַריין אין דער פּאַרטיי, זיינען אַלע מיטגלידער פֿון דעם געוועזענעם „פֿאַרבאַנד“ פֿולבאַרעכטיקטע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי. לויטן באַשלוס פֿון דעמזעלבן צ. ק. ר. ק. פּ. רעכנט זיך זייער פּאַרטיי־סטאַזש פֿון 1 יון 1919 י. ווען דער „פֿאַרבאַנד“ האָט אָנטייל גענומען אין דער 2־טער מאָסקווער קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס. באַ היינטיקן טאָג פֿאַרמאָגן שוין, אַף אַזאַ אופֿן, די געוועזענע מיטגלידער פֿון „פֿאַרבאַנד“ אַ פּאַרטיי־סטאַזש פֿון איבער 6 כאַדאָשים, וואָס גיט זיי די מעגלעכקייט אויסגעקליבן ווערן אין די אָרטיקע און גובערניאַלע אַלגעמיין־פּאַרטייִשע קאָמיטעטן און ביקלאַל אָנטייל צונעמען אין דער גאַנצער אָנפֿירנדיקער פּאַרטיי־אַרבעט.

און ווי גלייכבאַרעכטיקטע און פֿולבאַרעכטיקטע מיטגלידער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, רופֿן מיר אַלע געוועזענע מיטגלידער פֿון „פֿאַרבאַנד“ צו דער ענערגישסטער אַרבעט לעטוווּעס דער גאַנצער פּאַרטיי, דער גאַנצער רעוואָלוציע. היינט באַקומען די ייִדישע קאָמוניסטן די מעגלעכקייט צו דערפֿילן זייער אַלטן ווונטש: ניט אָפּגעזונדערט, ניט אָנאַזייט, נאָר צוזאַמען מיט די בעסטע פֿאָרשטייער פֿון די אַרבעטער און פּויערים פֿון אַנדערע פֿעלקער, מיטן אוואַנגאַרד פֿון דער רעוואָלוציע

---

*) „פּאַרטיי־ידיעות פֿון הויפּט־ביוראָ פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס באַ דער קאָמ־פּאַרטיי פֿון אוקראַינע“, פֿון פֿעוורואַל 1920.

בויען און באַפֿעסטיקן יענע פּאַרטיי. וואָס איז די פֿירערן פֿון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע.

און גלייכצייטיק מיט דער אַלגעמיינער פּאַרטיי און ראַטן-אַרבעט, אין וועלכער די ייִדישע קאָמוניסטן ניסן זיך צונויף מיט דער גאַנצער פּאַרטיי-מיטגלידערשאַפֿט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם אַלגעמיינעם פּאַרטעיִשן קאָמיטעט. גלייכצייטיק דאַרף געבויט ווערן די ייִדישע סעקציע פֿון פּאַרטיי, וואָס איר אויפֿגאַבע איז צו פֿאַרשטאַרקן דעם איינפֿלוס פֿון די קאָמוניסטישע אידייען און פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צווישן די ייִדישע אַרבעטער און אָרעמער באַפֿעלקערונג, וואָס דאַרף צופֿירן די ייִדישע מאַסן צו דער שעפֿערישער סאָציאַליסטישער אַרבעט, און מיט דער קראַפֿט פֿון דער סאָציאַליסטישער מאַכט אויסרייניקן און אויסראָטן דאָס גאַנצע בורזשואַזע אַלטוואַרג פֿון ייִדישן לעבן און אַזוי אַרום שאַפֿן די קאָמוניסטישע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט.

די אַרבעט איז א גרויסע און וועט זיכער געקרוינט ווערן מיט דערפֿאָלג. זי דאַרף זיך פֿירן אין פֿאַבריק און וואַרשטאַט, אין שטאָט און שטעטל, וווּ נאָר ס'איז פֿאַרוואָרפֿן דער ייִדישער אַרבעטער. די אַרבעט דאַרף זיין פֿאַרייניקט דורך איין אַלגעמיינער אָנפֿירונג. די אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען פֿון דער ייִדישער סעקציע אַף אוקראַינע וועלן זיין: 1) די הויפּט-ביוראָ פֿון די ייִדישע סעקציעס און 2) די גובערניאַלע ביוראָען אין אַלע גובערניאַלע שטעט פֿון אוקראַינע. ביז עס וועלן צונויפֿגערופֿן ווערן געהעריקע קאָנפֿערענצן, וועלן אָט די ביוראָען באַשטימט ווערן פֿונויבן בעהעסקעם מיט די אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע קאָמיטעטן.

די צייטווייליקע „הויפּט-ביוראָ פֿון די ייִדישע סעקציעס" פֿאַר אוקראַינע איז באַשטימט געוועזן דורך צ. ק. פֿון ק. פּ. או. אין אַווגוסט 1919 אין באַשטאַנד פֿון 7 כאַווירים: ב. אָרשאַנסקי, א. טשעמעריסקי, א. כייפֿעץ, מ. לעוויטאַן, פּ. פֿרענקעל, מ. ראַפֿעס, פֿאַר אַ זיבעטן איז געוועזן אַנגעמערקט דער כ' מיכאַיל טשאַרני, וועלכער האָט שוין דאַן געאַרבעט אין אָקופּירטן כאַרקאָוו און שפּעטער אכזאָריעסדיק געוועזן דערשאסן דורך די דעניקינצעס.

די הויפּט-ביוראָ איז שוין צוגעטראָטן צו איר אַרבעט. ביז די פֿראַגע וועט ענדגילטיק דערלייזט ווערן, געפֿינט זיך דערווייל די הויפּט-ביוראָ אין קיעוו, קעדיי נעענטער צו זיין צו מאַירעוו פֿון אוקראַינע, וווּ ס'זיינען קאָנצענטרירט מער ייִדישע אַרבעטער און דעריבער אויך מער ייִדישע סעקציעס.

די הויפּט-ביוראָ געפֿינט זיך אין דער ענגסטער פֿאַרבינדונג מיטן צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין כאַרקאָוו. דער מיטגליד פֿון הויפּט-ביוראָ דער כ' פֿרענקעל געפֿינט זיך אין כאַרקאָוו און איז באַפֿולמעכטיקט צו פֿאַרטרעטן די הויפּט-ביוראָ באַם צ. ק. און גלייכצייטיק אויך אָנפֿירן מיט דער אַרבעט פֿון די ייִדישע סעקציעס אַף מיזרעך-אוקראַינע.

די גובערניאַלע ביוראָען וועלן באַשטימט ווערן דורך דער הויפּט-ביוראָ און דאַרפֿן פֿירן זייער ארבעט אין דער ענגסטער פֿאַרבינדונג מיט די אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע גובערניאַלע קאָמיטעטן. די גובערניאַלע ביוראָען דאַרפֿן גלייך

צוטרעטן צו אָרגאַניזירן די אַרבעט און פֿאַרבינדן זיך דורך אינסטרוקטאָרן און באַפֿולמעכטיקטע מיט אַלע אָרטיקע סעקציעס און בּיקלאל מיט אַלע פּונקטן אין גובערניע, ווו נאָר עס געפֿינען זיך ברייטע יידישע אַרבעטער-מאַסן. עס דאַרפֿן אָנגענומען ווערן ענערגישסטע מיטלען צו שאַפֿן אַ שטענדיקע פֿאַר-בינדונג מיט דער הויפּט-ביוראָ און מיט דער רעדאַקציע פֿון „קאָמוניסטישע פֿאָן” אין קיעוו. די גובערניאַלע ביוראָ דאַרף אָרגאַניזירן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון דער צייטונג און ליטעראַטור אין דער גאַנצער גובערניע.

קעדיי די הויפּט-ביוראָ זאָלווירקלעך קענען ווערן דער אָנפֿירנדיקער אָרגאַן פֿון אַלע יידישע סעקציעס, פֿאָדערן מיר, אַז אַלע גובערניאַלע און או-יעזד-סעקרעטאַרן פֿון דער יידישער סעקציע זאָלן אונדז רעגולער צושטעלן קאָפּיעס פֿון אַלע פּראָטאָקאָלן, סײַ פֿון זיצונגען, אַזוי אויך פֿון פֿאַרזאַמלונגען, גענויע באַריכטן פֿון זייער אַרבעט יעדע צוויי וואָכן און צו 10 עק-זעמפּליאַרן פֿון אַלע גרעסערע און קלענערע אויסגאַבעס.

אונדז וועט נאָך אויסקומען אָפֿט אין די ווייטערדיקע צירקוליאַרן אָפּצו-שטעלן זיך אַף פֿאַרשיידענע צווייגן פֿון דער אַרבעט. איצט רופֿן מיר אַלעמען צו וואָס ברייטערער און ענערגישער אַרבעט. מיר ווייסן, אַז די ערשטע צייט וועט אייך אויסקומען בּייקומען גרויסע שטערונגען, מיר זיינען אָבער איבערצייגט, אַז בּאַ אַ גרויסער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך און מיט דער הילף פֿון דער גאַנצער פּאַרטיי וועט איר בּייקומען אַלע שטערונגען און שאַפֿן אַ ברייטע יידישע קאָמוניסטישע באַוועגונג.

מיט קאָמוניסטישן גרוס

הויפּט-ביוראָ פֿון די יידישע

סעקציעס בּאַם צ. ק. פֿון ק. פּ. או.

20 יאַנוואַר 1920.

די אויפֿגאַבן און אָרגאַניזירונג פֿון דער יידישער קאָמוניסטי-שער אַרבעט*).

(מעמאָראַנדום, צונויפֿגעשטעלט פֿון צ. ב. און ה. ב. פֿון די יידישע סעקציעס צו די צענטראַלע פּאַרטיי-אַנשטאַלטן).

אַ גאַנצע ריי זייער ערנסטע פּאָליטישע סיבּעס שטעלן פֿאַר אונדזער פּאַרטיי אין דער גאַנצער שאַרפֿקייט און אַלזייטיקייט די פֿראַגע וועגן דער יידישער אַרבעט און וועגן איר אָרט אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק אין דער פּאַרטיי. דידאָזיקע אומשטענדן זייגען אַזוינע:

1) די גיכע באַפֿרייונג פֿון דער טעריטאָריע פֿון אוקראַינע מיט אַ גרוי-סער קאָמפּאַקטער יידישער אַרבעטער און האָרעפּאַשנער באַפֿעלקערונג;

2) דאָס, וואָס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַפֿרייונג פֿון דער טערי-טאָריע פֿון אוקראַינע ווערט בּיקלאַל איבערגעקוקט די אַזויגערופֿענע נאַציאָ-

*) איבערגעדרוקט פֿון די „פּאַרטיי-יעדיעס” נומ. 1, פֿעוורואַל 1920.

נאַלע פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אוקראַינע.

3) דער מוירעדיקער כורבן, וואָס די קאָנטער-רעוואָלוציע האָט אָנגע-מאַכט אין לעבן פון די יידישע אַרבעטער-מאַסן דורך דער אומופהערלעכער פּראָגראַם-כוואַליע;

4) דער באַמערקבאַרער וווּקס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער-מאַסן.

אַף דער געמיינזאַמער זיצונג פון דער צענטראַלער ביוראָ פון די יידי-שע סעקציעס באַ דער ר. ק. פּ. און פון הויפּט ביוראָ פון די יידישע סעק-ציעס פון דער ק. פּ. או. צוזאַמען מיט אַ ריי אַכראַיעסדיקע טוער פון אוק-ראַינע, ליטע און ווייסרוסלאַנד איז אופמערקזאַם און אַלזייטיק באַטראַכט גע-וואָרן די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי עס זאָל אָוועקגעשטעלט ווערן די יידי-שע אַרבעט. אין רעזולטאַט פון דער באַטראַכטונג מאַכט די צענטראַלע ביוראָ אופמערקזאַם דעם צ. ק. פון דער ר. ק. פּ. און צ. ק. פון ק. פּ. או. אַף פאָלגנדיקעס:

די יידישע אַרבעטער-באַפעלקערונג פון אוקראַינע, ליטע און ווייסרוסלאַנד

ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע געהערן צו די ערטער, ווו די יידן וואָינען פון לאַנג אָן, און זיי לעבן דאָרט דעריבער אין גרויסע קאָמ-פּאַקטע מאַסן, וואָס האָבן אופגעהאַלטן זייערע נאַציאָנאַלע שטייגער-באַזונדער-קייטן און די ייד. שפּראַך, וואָס איז איינע באַ דער גאַנצער יידישער פאָלק-מאַסע. די אָנגעוויזענע געגנטן פאַלן צונויף מיט דער טעריטאָריע פון דעם געוויסן „יידישן טכום". די יידן זיינען קאָנצענטרירט אין די שטעט און שטעטלעך, ווו זיי מאַכן אויס פון 30 ביז 60, אָפטמאָל אַפילע ביז 80 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג ביקלאַל און אַ העלפט פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעל-קערונג פון מאַירעוו-קאַנט פון דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע בי-פּראַט (2,5 מיליאָן ביז 4,7 מיליאָן). באַזונדערס גרויס איז די צאָל פון די יידישע שטעטלעך אין ליטע, ווייסרוסלאַנד און אויך אין קיעווער, וואָלינער און פּאָדאָלער גוב. די יידישע באַפעלקערונג קומט דאָ אין זייער אַן ענגער באַרירונג מיט דער פּויערישער מאַסע, נאָר ביזן לעצטן יאָר האָט עס ניט אַרויסגערופן קיין שום שאַרפע רייבונגען.

דידאָזיקע גאַנצע געגנט איז ביקלאַל כאַראַקטעריסטיש מיט דער שוואַ-כער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און דערפאַר אויך מיט דער אומבאַדייטנ-דיקער און שוואַכער ווירקונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט. די יידישע האַנטווער-קער זיינען דאָ אָפט דער איינציקער פּראָלעטאַרישער שיכט, אַף וועלכן עס קען זיך שטיצן די ראַטנמאַכט. אין אוקראַינע איז רייך אַנטוויקלט די לאַנד-ווירטשאַפטלעכע און באַזונדערס די צוקער-אינדוסטריע. אין קיעווער, וואָלינער און פּאָדאָלער גובערניעס געפינען זיך אַסאַך קליינע פאַבריק-יישוווים און

שטעט (וואַסילקאָוו, באָהוסלאַוו, ראַדאָמיסל, ראָמאַנאָוו, כאָדאָרקאָוו, קאַמי־בראָד און אנד.) מיט פֿאַבריקן פֿון לעדער, צוקער, טעקסטיל, פֿאַיאַנס מיט אַ לעפּיערעכדיק גרויסער ייִדישער אַרבעטער־באַפֿעלקערונג. אַף די פֿאַבריקן פֿון שוועבעלעך (מאָזיר, באָריסאָוו, פּינסק), טאַבאַק (פּרילוק, טשערקאַסק, קרעמענטשוג), לעדער שטעלן די ייִדישע אַרבעטער מיט זיך פֿאָר אַ העלפֿט פֿון אלע ארבעטער, אין דער רייכער שטיינקוילן־אייזנאַרבעט־ און צוקער־אינ־דוסטריעס באַטייליקן זיך די ייִדישע אַרבעטער קימאַט גאָרניט.

דער כורבן פֿון עקאָנאָמישן לעבן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

די מילכאָמע און די רעוואָלוציע, די פֿאַרשאַרפֿונג פֿון בירגער־קריג, די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פֿון דער ראַטנמאַכט און, צום סאָף, די פֿאַרוויסטנ־דיקע מוירעדיקע פּאָגראָם־כוואַליע האָבן כאָרעוו געמאַכט אַלע יעסוידעס פֿון לעבן פֿון דער ייִדישער קליינהענדלערישער און האַנטווערקער־מאַסע. די גרעס־טע מערהייט פֿון דערדאָזיקער מאַסע איז אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון עקאָנאָמישן לעבן און איז געבליבן אָן שום מיטלען פֿאַר עקזיסטענץ. אַ קליינער טייל זוכט אַ רעטונג אין ספּעקוליאַציע, נאָך די פֿיל צענדליקער טויזנטער, וואָס זיינען געהאַרגעט געוואָרן אין אוקראַינע דורך די באַנדעס, זיינען צענדליקער טויזנטער אַלמאָנעס און יעסוימים געבליבן אינגאַנצן אַף דער קעסט פֿון דער רעגירונג. די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּאָגראָם־כוואַליע האָט פֿאַרוויסט אַלע שטעטלעך און שטעט. אַליין אַ פּראָדוקט פֿון די סטירעס צווישן שטאָט און דאָרף, האָט דידאָזיקע פּאָגראָם־כוואַליע ביזן סאָף קאַליע געמאַכט די באַציִונגען צווישן פּויערטום און די ייִדן און בִיקלאַל פֿאַרסאַמט דאָס גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע לעבן פֿון לאַנד מיטן אַנטיסעמיטיזם.

פֿון דער אַנדער זייט האָט די פּאָזיטיווע עקאָנאָמישע פּאָליטיק פֿון דער ראַטנמאַכט דערווייל נאָך ווייניק געגעבן אין זין פֿון צוציען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן, וואָס זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון עקאָנאָמישן לעבן. אויב ניט רעכענענדיק די גרויסע וואַרשטאַטן אין וויטעבסק און איינציקע שריט פֿון ייִדישן קאָמיסאַריאַט איינצואָרדענען ייִדן בײַ ערד־אַרבעט איז אין דער ריכטונג געטאָן געוואָרן זייער ווייניק. די קליינע אַלטע ערדאַרבעטערישע קאָלאָניעס זיינען אומגעקומען אין דער צייט פֿון גריגאָר־יעווס אַרויסטריט.

די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג.

אין מעשעך פֿון העכער ווי 25 יאָר, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, זיינען די ייִדישע אַרבעטער געווען דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער עלעמענט אין מאַירעוו־קאַנט (מיר ריידן ניט וועגן פּוילן). צווישן די ניטייִדישע אַרבעטער פֿון גאַנץ מאַירעוו־און דאָרעם־מאַירעוו־רוסלאַנד (ניט רעכענענדיק קיעוו און אָדעס) האָט פֿאַר דער גאַנצער צייט

די באַוועגונג קימאַט ווי גאָרניט ניט אַרויסגעוויזן, נאָר אין די מאָמענטן, ווען די רעוואָלוציע האָט געזיגט (1905—1907) האָבן די ניט־יידישע אַרבעטער פון דעמדאָזיקן קאַנט זייענדיק אין פּאָליטישן זין שוואַך אַנטוויקלט, אונטערגעבנדיק זיך לייכט אונטער דער רעאַקציאָנערער אידעאָלאָגיע, אָף אַ קורצער צייט צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג, און דערנאָך פון איר אָפּגעגאַנגען צוריק. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך דערפאַר צעגאָסן ווי אַ ברייטע כוואַליע. און אין די מאָמענטן פון רעוואָלוציאָנערער שטייגערונג פלעגט די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע פאַרכאַפּן אַלע שטעט און שטעטלעך. אַזוי האָט אין 1917 יאָר בלויז דער „בונד" אָף אוקראַינע, ביזוואַנען די יידישע מאַסע איז אַוועק פון זיינע רייען, געציילט ביז 175 אָרטיקע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס.

ס'איז דעריבער נאַטירלעך, אַז אין אַלע מאַירעוודיקע און דאָרעם־מאַירעוודיקע גובערניעס האָבן די טוער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג זיך געשטעלט בעראָש פון אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַנען, סאַי פּראָלעטאַרישע (ראַטן, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען) סאַי אַלגעמיין־דעמאָקראַטישע, אַפילע אָף פויערים־צוזאַמענפאָרן, אין פויערים־ראַטן און אין די וואָלאָסט־זעמסטוועס האָבן די יידישע סאָציאַליסטן געהאַט ניט קיין קליינע האַשפּאָע.

די נאַציאָנאַלע רייבונגען פלעגן דאָ ניט אַרויסווייזן קיינע שטערונגען. ביזן 1919 האָבן אַפילע די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן אין זייערע קרייזן גענומען אין כעשבן דידאָזיקע ווירקונג פון די יידישע סאָציאַליסטן, און ס'איז זייער פּאָפּולער געווען די אידייע וועגן „אוקראַינע־יידנטום". וואָס איז געבויט אַפן יעסאָד פון אַן ענגן אָפּמאַך צווישן די אוקראַינישע און יידישע פּאָליטישע קרייזן. און בלויז אין 1919, שוין אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַלגעמיינעם קריזיס און אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פויערישער אומצופרידנקייט מיט דער ראַטנמאַכט, האָבן זיך דאָ און דאָרט באַוויזן די ערשטע שפּורן פון אַנטיסעמיטיזם. וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ פּאָגראָם־באַוועגונג.

דער ניצאָכן פון קאָמוניזם צווישן די יידישע אַרבעטער.

דער ערשטער פּעריאָד פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט ווייניק וואָס אָנגערירט די יידישע אַרבעטער־מאַסע: זי איז געבליבן גלייכגילטיק צו די לאָזונגען פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אינגיכן נאָך דער איבערקערעניש איז דער גאַנצער מאַירעוו און גאַנץ אוקראַינע געוואָרן אָקופּירט דורך דייטשלאַנד. די יידישע אַרבעטער האָבן זיך באַגעגנט פּאָנימעל־פּאָנים מיטן אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם. דער גאַנג פון די געשעענישן האָט דערלאַנגט אַ קלאַפּ דער גאַנצער נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט פון דער מענשעוויסטישער אידעאָלאָגיע באַ די יידישע סאָציאַליסטן. ווען אין נאָיאַבער איז אויסגעבראָכן די דייטשישע רעוואָלוציע, וואָס האָט אַרויסגערופן די מאַפּאָלע פון דער גאַנצער אָקופּאַציע און אַ נייע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אָף אוקראַינע, ציט זיך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אַריין אין דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. עס אַנטוויקלט זיך שנעל—באַזונדערס אָף אוקראַינע—דער שפּאַל־

טונג-און צעפֿאַלונג-פּראָצעס פֿון די רעכטע ייִדישע סאָציִאַליסטישע פּאַרטייען און גרופּן. שוין אין מאַרץ 1919 יאָר האָט זיך פֿון „בונד" און פֿון דער פֿאַ-רייניקטער ייִדישער סאָציִאַליסטישער פּאַרטיי" אויסגעטיילט די קאָמוניסטישע מערהייט, וועלכע האָט געבילדעט צוויי באַזונדערע ייִדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען. אין מאַי האָבן זיך ביידע ייִדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פֿאַריי-ניקט אין „ייִדישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אַף אוקראַינע". די שטרעבונג פֿון „פֿאַרבאַנד" צו פֿאַרייניקן זיך מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אוקראַינע— ווערט פֿאַרווירקלעכט אין אַווגוסט לויט דעם באַשלוס פֿון צ. ק. פֿון ר. ק. פּ. ערעוו דער עוואַקואַציע פֿון קיעוו. איצט איז די צונויפֿגיסונג שוין דורכגע-פֿירט אין לעבן אין אַסאַך ערטער. אומעטום זיינען אָרגאַניזירט ייִדישע סעק-ציעס.

אין ווייסרוסלאַנד און אין ליטע (און אויך אין פּוילן) קומט פֿאָר לאַנג-זאַמער דער פּראָצעס פֿון צעשפּאַלטונג, נאָר אויך דאָ, אין די רייען פֿון „בונד" און „פּועלי-ציאָן", איז פֿאַראַן אַ לינקער, האַלב-קאָמוניסטישער פֿליגל. דידאָזיקע אַלע וואַקלונגען שפּיגלען אָפּ די שטימונגען פֿון דער קליינבירגער-לעכער ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס ס'איז שאַיעך די ייִדישע אַרבעטער,— זיינען זיי קימאַט אינגאַנצן אין קאָמוניסטישן לאַגער. אַלס אַן אילוסטראַציע דערפֿון קען דינען דער אויסגאַנג פֿון די וואַלן אין וויטעבסקער אַרבעטער-ראַט—דער „בונד" האָט דאָ געליטן אַ מוירעדיקע מאַפּאָלע, פֿאַר אים האָבן געשטימט בלויז מיטגלידער פֿון זיין אָרגאַניזאַציע. אַדאַנק דער ענערגישער אַרבעט פֿון דער ייִדישער סעקציע האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי צונויפֿגע-געקליבן אַרום זיך אַלע ייִדישע אַרבעטער און האָט זיך פֿאַרזיכערט דעם ניצחון באַ די וואַלן. מע דאַרף אָנמערקן, וואָס ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס די ראַטנמאַכט עקזיסטירט דאָ צוויי יאָר אָן אַ האַפּסאָקע, האָט באַ די אייזנבאַנער געזיגט דער אומפּאַרטעיִשער צעטל, אין וועלכן עס זיינען דורכגעגאַנגען 23, פֿון דעם אַלגעמיינעם צעטל—26 דעפּוטאַטן.

מיטן אַריבערגיין פֿון די ייִדישע אַרבעטער פֿון ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע אין דעם קאָמוניסטישן לאַגער דערוואַרבט זיך די ראַטנמאַכט אַ גרעסערן שטיצפּונקט אין די שטעט, איידער זי האָט געהאַט פֿריער, און די רויטע אַרמיי—מוטיקע באַוווסטזיניקע קעמפֿער. גלייכצייטיק נעמט אָן די קאָנטער-רעוואָלוציע אין דידאָזיקע אַלע פּראָווינצן אַן אויסגעשפּראָכענעם אנטי-סעמיטישן כאַראַקטער. דער לעצטער באַדינג מאַכט, אַז עס ווערט אומעגלעך, עס זאָל אַריינדרינגען צווישן דער ייִדישער אַרבעטער-סוויווע וועלכע עס איז וואַקלעניש. דאָס פֿאַרטיידיקן די ראַטנמאַכט האָט זיך מער, איידער ערגעץ אַנדערשוווּ, צוזאַמענגעגאָסן מיט דער אויפֿגאַבע זיך צו פֿאַרטיידיקן פֿון פֿיזי-שער פֿאַרניכטונג. און מיר זיינען געווען איידעס, ווי אַזוי די ייִדישע אַרבע-פֿון ווילנע, מינסק, זשיטאָמיר, פּראָסקוראָוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, אָדעס און אַנדערע שטעט זיינען אָפֿט געווען דער איינציקער אָרטיקער שטיצפּונקט אין די באַוואָפֿנטע צוזאַמענשטויסן מיט די פּוילישע לעגיאָנערן, מיט דער האַמלער סטרעקאָפּיטאָווּשטשינע און גריגאָריעווּשטשינע.

איבערברוך אין די שטימונגען פֿון דער יידישער קלײנבורזשואַזיע.

צוזאַמען דערמיט קענען מיר אָנמערקן נאָך אַ וויכטיקן אומשטאַנד ווי אַזוי באַ דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער ראַטנמאַכט, סאַי בענויגייע דעם קאַמף מיט דער רעאַקציע, אַזוי אויך אין דעם איניען פֿון דער אינערלעכער סאָציאַ-ליסטישער בוויונג, האָט דער דראַנג פֿון דער קאָנטער-רעוואָלוציע, וועלכע נעמט אָן אַלץ מער און מער די פֿאָרם פֿונם אַלטן צאַרישן פּאָגראָם-רעזשים. געבראַכט דערצו אַז אין די ברייטע קרייזן פֿון די אָרעמסטע טיילן פֿון דער שטאָטישער יידישער קלײנבורזשואַזיע איז פֿאָרגעקומען אַן איבערברוך אין די באַציונגען צו דעם אַרומיקן קאַמף. אָנשטאָט די פֿריערדיקע האָפֿענונגען און דערוואַרטונגען אַף דער רעסטאַווראַציע פֿון קאַפּיטאַליזם, הויבן אָן דידאָזיקע שיכטן צו זוכן, ווי אַזוי זיך צוצופּאַסן צו אַנדערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן דורך דער ראַטנמאַכט, קעדיי, אַף אַזאַ אויפֿן, געפֿינען אַ באַפֿרידיקונג פֿאַר זייערע טאָג-טעגלעכע באַדערפֿענישן. דערדאָזיקער איבערברוך האָט זיך צווישן אַנדערע אויסגעדריקט אין דער אויסבילדונג פֿון „פֿאַרבאַנד פֿון די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן" („סעטמאַס"), וואָס האָט אַ געוואַלטיקן דערפֿאָלג אומעטום, ווו ער דרינגט אַריין און וואָס פֿירט זיין טעטיקייט אַף דער פּלאַטפֿאָרם פון שטיצן די ראַטנמאַכט און די קאָ-מוניסטישע פּאַרטיי.

אנטוויקלונג פֿון אנטיסעמיטיזם. יידן ראַטנאָנגעשטעלטע.

יענער אומשטאַנד, וואָס אין די שטעט פֿון אַלע קאַנטן, וועלכע מיר האָבן פֿריער דערמאָנט, האָט זיך געשאַפֿן אַזאַ באַמערקבאַרע סינע בענויגייע צו רער ראַטנמאַכט אין דער יידישער און ניטיידישער באַפֿעלקערונג, האָט פֿון זיין צאַד פֿאַרשטאַרקט דעם אַנטיסעמיטיזם אין יענעם מאָמענט, ווען די ראַטנ-מאַכט האָט איבערגעלעבט אַ קריזיס אין קאַמף. די סטירעס צווישן שטאָט און דאָרף האָבן געמוזט אומפֿאַרמיידלעך ברענגען צו דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע צווישן פּויערטום. נאָר דאָס איז אָנגעקומען ניט מיטאַמאָל. אין דעם ערשטן פעריאָד, אין דער צייט פֿון קאַמף פֿאַר דער ראַטנמאַכט (אין נאָיאַבער און מאַרט יאָרן 1918—1919), ווי אויך אין די יאָרן 1917-18 באַ קערענסקען, דער ראַדע און העטמאַנשטשינע זיינען די באַציונגען צווישן די יידישער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס און דעם דאָרף געווען גוטע. די פּויערים פֿון גאַנצע אויעזדן האָבן זיך אופֿגעהויבן קעגן פעטלורען פֿאַרטיידיקן די ראַטנמאַכט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון יידישע אָנפֿירער (בראַטסלאווער אויעזד, פּאָדאָלער גוב., זשיטאָמירער אויעזד און אַנד.), און קיין שום רייבונגען זיינען אַף דעמדאָזיקן באָדן ניט פֿאָרגעקומען. ערשט שפּעטער, בייס די ראַטנ-מאַכט האָט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דעם פּויערטום, ווי אַ קאָמוניסטישע, וואָס וויל טייקעף איינפֿלאַנצן אין דאָרף די קאָמונע, האָט דאָס פּויערטום אונטער

דער אָנפֿירונג פֿון די קולאַקעס זיך אויפֿגעהויבן קעגן דער ראַטנמאַכט און פֿאַרייניקט ביידע לאָזונגען: „קעגן קאָמוניסטן", „קעגן זשידעס".

וואָס איז נויגייע דער פֿראַגע וועגן דער צו גרויסער צאָל ייִדן אין די ראַטנאַנשטאַלטן די פֿראַגע, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַזוי פֿול רייבונגען אין אוקראַינע, האָט אין דער באַציִונג אַ גרויסע באַדייטונג דער סאָציִאַלער באַשטאַנד אין דער אויסבילדונג פֿון דערדאָזיקער בעעמעס פֿילצאָליקער קאַטעגאָריע פֿון ראַטנאָנגעשטעלטע. באַם בויען די ראַטנמאַכט אין אוקראַינע פֿאַרשפּרייט זיך צו ברייט דער פּרינציפּ פֿון צולאָזן ספּעציאַליסטן, אַפֿילע וואָס זיינען ניט שטאַרק נויטיק פֿאַר דער זאַך. אַלס אַזעלכע האָבן זיך אַריינגעגאָסן אַסאַך עלעמענטן פֿון דער יידישער קליינער און אַפֿילע גרויסבורזשואַזיע, וואָס דעמאָראַליזירן אַסאַך די ראַטנמאַכט פֿון אינעווייניק. דער אומצוטרוי צו די ייִדישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען נאָך ניט אַריינגעגאַנגען אין דער פּאַרטיי, האָט צו דערזעלביקער צייט געבראַכט צו דעם, אַז די ייִדישע אַלטע אָרטיקע טוער*), וואָס זיינען באַקאַנט מיט די באַדינגונגען פֿון אָרטיקן פֿויערישן לעבנשטייגער, זיינען באַזייטיקט געוואָרן פֿון דער מאַכט.

מען מוז אָנמערקן, אַז צוגלייך און אַפֿילע מער געפֿערלעך פֿאַר דער ראַטנמאַכט האָט זיך אַרויסגעוויזן אין אוקראַינע דאָס, וואָס מען האָט צוגעצויגן אַף פֿאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס די קליינבורזשואַזע אוקראַיִנישע און רוסישע אינטעליגענץ, וואָס זיינען קימאַט דורכויס פֿאַרכאַפּט מיט רעאַקציאָנערע גרויסרוסישע און אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטישע אידייען. די ראַטנמאַכט אין פּאָדאָלער גוב. האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט אין דערדאָזיקער באַציִונג, אין אַסאַך ערטער איז זי דאָרטן געווען ענלעך אַף דער פּעטליוראָווטשינע אין דער צייט פֿון איר יערידע.

נאָר אויב אַפֿילע עס וואָלט ניט געווען קיין איין ייִדישער קאָמיסאַר, וואָלט דאָס אין גרונט געגומען ניט געקענט אומענדערן די לאַגע. דער קאַמף קעגן דער העגעמאָניע פֿון שטאָט, דער קאַמף קעגן קאָמוניזם האָט געמוזט אָנעמען אין דעמדאָזיקן קאַנט אַן אַנטיסעמיטישע פֿאָרם צוליב דעם אָריגינעלן צוזאַמענשטעל פֿון די נאַציאָנאַל-סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע באַציִונגען. נאָר ניט אין דער אַנטיסעמיטישער פֿאָרם פֿון דעמדאָזיקן קאַמף ליגט איר עצעם. די סיבעס פֿון די אַנטיראַטן-שטימונגען אין אוקראַיִנישן דאָרף דאַרף מען זוכן אין סאָציאַל-פּאָליטישן יעסאָד: אין דער ניט דיפֿערענצירטקייט פֿון פּויערטום, אין טאָעסן פֿון דער אַגראַר-פּאָליטיק פֿון דער ראַטנמאַכט און א. וו.

---

*) דער מעכאַבער פֿון דעם מעמאָראַנדום האָט דאָ געמיינט אָנצוווייזן, אַז די פֿירער פֿון די ייִדישע קליינבירגערלעכע פּארטייען, ווי „בונד", פּויאַליי ציאָניסטן און אנדערע, זיינען באַזייטיקט געוואָרן פֿון דער ראַטנמאַכט. פֿאַר זייער אנטייל אין פּעטליורעס צענטראַלע ראַדע און פֿאַר זייערע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען, ביז זיי זיינען געוואָרן קאָמוניסטיש געשטימט.

די אופֿגאַבן פֿון אונדזער פּאַרטיי.

אַרויסגייענדיק פֿון די אויבנאָנגעוויזענע סוואָרעס, קומען מיר צו פֿאָל־גנדיקע באַשלוסן:

1) ווי וויכטיק עס זאָל ניט זיין באַ דער ראַטנמאַכט צו דערנעענטערן זיך צום „סערעדניאַק"־פּויער, בלייבט פֿאָרט איבער ווי פֿריִער אַלס דער יעסאָד פֿון דער פּאַרטיי דער שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט. פֿאַר דער ראַטנמאַכט אַף אוקראַינע, ליטע און ווייסרוסלאַנד, ווי אויך אין דער גאַנצער ר. ס. פֿ. ס. ר. בלייבט איבער אַלס וויכטיקסטע אופֿגאַבע, צוזאַמען מיטן געווינען דאָס דאָרף, אָרגאַניזירן די קויכעס פֿון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט.

אַף וויפֿל די יידישע אַרבעטער שפּילן אַזאַ שטאַרקע ראָל אין די ראָזיקע געביטן—באַקומט די יידישע קאָמוניסטישע אַרבעט זייער אַן ערנסטע אַלגעמיין־פּאַרטעישע און אַלגעמיין־פּאָליטישע באַדייטונג.

2) די פּאַרטיי דאַרף דעריבער אַנטשיידן צערייסן מיט אַלע רעשטלעך פֿון דער לייכטער באַציִונג צו דער יידישער קאָמוניסטישער מאַסן־אַרבעט, וואָס איז פֿאַרבליבן אַדאַיעס. די יידישע סעקציעס פֿון אונדזער פּאַרטיי דאַרפֿן באַקומען די מעגלעכקייט פֿון אַ ברייטער קולטורעלער אַרבעט און מאַסן־אַרבעט. אַלע שטערונגען, וואָס שטייען אָפֿן וועג פֿון זייער אַנטוויקלונג אַף די ערטער, אַדאַנק דער ניט אופֿמערקזאַמער באַציִונג פֿון די פּאַרטקאָמען צו דעמדאָזיקן איניִען, דאַרפֿן ווערן באַזייטיקט מיט דער אַריינמישונג פֿון די צענטראַלע פּאַרטיי־אַנשטאַלטן, קעדיי צו געבן די מעגלעכקייט ענדגילטיק צו באַקעמפֿן די האַשפּאָע פֿון די קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטישע גרופּן.

3) באַ די אָרטיקע און צענטראַלע אָרגאַנען פֿון דער ראַטנמאַכט אין ערטער מיט אַ געדיכט־באַזעצטער יידישער באַפֿעלקערונג דאַרפֿן אין אַ ריי נאַרקאָמען געשאַפֿן ווערן ספּעציעלע יידישע סעקציעס אַף צו באַדינען די נויטן פֿון די יידישע מאַסן, אַנטשפּרעכנדיק זייערע לעבן־און שפּראַך־באַזונדערקייטן.

אַזעלכע סעקציעס האָבן עקזיסטירט אַף אוקראַינע באַם נאַרקאָמפּראָס, נאַרקאָמוונודעל, נאַרקאָמוואָיען און נאַרקאָמסאָבעס. די סעקציע באַם נאַרקאָמוונודעל, אָדער די „ליקווידאַציע־קאָמיסיע איבער יידישע איניאָנים" וועט האָבן אַלס איר אופֿגאַבע צו ליקווידירן די רעשטלעך פֿון די רעאַקציאָנערע יידיש־בורזשואַזע (קלעריקאַלע און נאַציאָנאַליסטישע) אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען צוריקגעשטעלט געוואָרן באַ דעניקינען, האַלטן נאָך איין זייער האַשפּאָע אַף דעם יידישן בירגערטום און האָבן די אַלגעמיינע האַשגאָכע אָפֿן גאַנצן יידישן געזעלשאַפֿטלעכן און פּאָליטישן לעבן. די סעקציעס פֿון נאַרקאָמוואָיען קענען ווערן אָרגאַניזירט באַ די אַגיטפּראָסוועטן העון פֿון די גוב.־און אוּוואָיענקאָמען, העון פֿון די באַזונדערע אַרמייען מיטן צוועק—ברייט צו פּראָפּאַגאַנדירן צווישן די אַרבעטער און אָרעמקייט די אידייע פֿון אַריינטרעטן אין דער רויטער אַרמיי, ווי אויך קעדיי אופֿצוהויבן דעם קולטורעלן און פּאָליטישן צושטאַנד פֿון די פֿילצאָליקע יידישע רויטע אַרמייער.

4) די פארטיי און די ראטנמאכט דארפן אין זייער אגיטאציע און פראפאגאנדע אפגעבן א גרויסן ארט דעם קאמף מיטן אנטיסעמיטיזם, וואס הויבט אן צו פארסאמען דעם באוווסטזיין פון די ארבעטער-מאסן און דרינגט אריין אפילע אין די רייען פון די ארטיקע פארטיי-ארגאניזאציעס, באזונדערס אין פארבינדונג מיטןברייטן צופלוס אין די טעג פון דער פארטיי-וואך.

5) די קאטאסטראפע, וואס האט זיך געטראפן מיט דער יידישער באפעלקערונג אף אוקראינע צוליב די אכזאריעסדיקע מאסן-פאגראמען, דאס פאלן פון דער מעלאכע און האנדל—דעם הויפט-קוואל פון כאיונע פאר מיליאנען פון דער יידישער ארעמקייט—אין פארבינדונג מיטן איבערברוך, וואס באמערקט זיך אין די פאליטישע שטימונגען פון דידאזיקע שיכטן לעטויוועס דער ראטנמאכט—דאס אלץ דארף פאר די ארגאנען פון דער ראטנמאכט אוועקשטעלן די פראגע ניט בלויז וועגן געבן די ערשטע הילף דער הונגעריקער באפעלקערונג, צווישן וועלכע עס פארשפרייט זיך שוין די עפידעמיע פון הונגער-טיפוס, אבער אויך וועגן ברייטע מאסמיטלען, ווי אזוי מיטצוהעלפן דעם איבערגאנג פון דידאזיקע מאסן צו פראדוקטיווער, אינדוסטריעלער און ערד-ארבעט.

דידאזיקע אופגאבע דארף ארופגעלייגט ווערן אף די ארטיקע ווירטשאפטלעכע ארגאנען פון דער ראטנמאכט. די ערשטע צייט דארף די אויספארשונג פון די נויטן פון די פאגראם-געליטענע און דאס ארויסגעבן זיי די ערשטע הילף ארופגעלייגט ווערן אף די ספעציעלע סעקציעס צו העלפן די פאגראם-קארבאנעס, וואס זיינען ארגאניזירט באם נארקאמסאבעס.

6) די פארטיי דארף אנעמען אלע מיטלען אף אריינציען אין דער אלגעמיין-פארטעישער ארבעט און אין דער ראטן-בויונג אלע גרופן פון די יידישע קאמוניסטן, וועלכע גיסן זיך אריין, ווי דאס איז געווען אין אוקראינע, מאסנווייז אין דער פארטיי. עס דארף נעמען א סאף צום אומצוטרוי צו דערדאזיקער גרופע. מען דארף האבן אין זינען, אז באם בויען די מאכט-ארגאנען אין די שטעט און שטעטלעך פון ליטע, ווייסרוסלאנד און אוקראינע, וועלן דידאזיקע טוער ברענגען גרויסע נוצן דער פארטיי.

7) מען דארף זיין, ווי מעגלעך, זייער פארזיכטיק באם בויען די ארגאנען פון דער ראטנמאכט אף אוקראינע, ניט צולאזן צו דערדאזיקער ארבעט פארשטייער פון דער קליינער, מיטעלער און גרויס בורזשואזיע פון אלע נאציעס, וואס זיינען מעסוגל נאכאמאל צו דעמאראליזירן די מאכט מיט זייער צוגעבונדנקייט צו די נאציאנאליסטישע אידייען פון די פארשיידענע מינים און טיפן.

די צענטראלע און די אוקראינישע הויפט-ביורא פון די יידישע קאמוניסטישע סעקציעס פון ר. ק. פ.

ס. דימאנשטיין, מ. ראפעס, מאנדעלסבערג, מ. לעוויטאן, ב. ארשאנסקי, א. טשעמעריסקי, איינשטיין, י. נאוואקאווסקי, טאמסינסקי *).

---

*) דעמדאזיקן דאקומענט האבן געשריבן די געוועזענע בונדיסטן פון אוקראינע און איז דורכגעדרונגען מיט דער בונדישער קאנצעפציע וועגן דער „אטא ועכארטאנו"-ראל פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג. מיר געפינען דא די פאלשע בונדישע באהויפטונג, אז אין גאנצן מאירעוו-

די נאַציאָנאַלע סעקציעס אין דער קאָמ. פּאַרטיי.

באַשטימונג פֿון צענטראַל־קאָמיטעט ר. ק. פּ. וועגן די נאַציאָנאַלע סעקציעס.

מיקויעך דער פֿראַגע וועגן נאַציאָנאַלע סעקציעס, וואָס פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געשטעלט פֿאַרן צ. ק. ר. ק. פּ., איז אַף דער זיצונג פֿון אָרג־ביוראָ פֿון 16־טן יאַנוואַר באַשלאָסן געוואָרן.

די באַשטימונג פֿון צ. ק. ר. ק. פּ. וועגן פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן דערגאַנצן מיט אַזאַ מין פּונקט: א) די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אין זייערע רייען זיינען דאָ באַדייטנדיקע קאַדרען פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע ריידן ניט אַף דער רוסישער שפּראַך, האָבן די מעגלעכקייט מיט דער דערלויבעניש פֿון גובקאָם און מיטן וויסן פֿון נאַציאָנאַלן אָפּטייל באַם צ. ק. ר. ק. פּ. צו אָרגאַניזירן נאַציאָנאַלע סעקציעס, און ב) אַט די נאַציאָנאַלע סעקציעס שטעלן אַרויס קאַנדידאַטן אין אויספֿיר־ביוראָ, וועלכע דאַרפֿן באַשטעטיקט ווערן דורך די אָרטיקע פּאַרטיי־קאָמיטעטן. איבערגעבן דעם אָרגאַניזיר־אינסטרוקטאָרישן אָפּטייל באַם צ. ק. רעדאַקציאָנעל צוזאַמענפּאַסן אַט די דערגאַנצונג מיטן טעקסט פֿון דער באַשטימונג וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

סעקרעטאַר פֿון צ. ק. נ. קרעסטינסקי.

אינסטרוקציע צו די אויעזדישע און גוב. קאָמיטעטן פֿון ר. ק. פּ. וועגן דער אַרבעט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

1. אין די ערטער מיט אַ געמישטער באַפֿעלקערונג פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן דאַרפֿן באַ די אָרטיקע קאָמיטעטן, צווישן די איבעריקע אָפּטיילונגען, אָרגאַניזירט ווערן נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען פֿאַר אַגיטאַציע און

קאַנט און אויך אין צאָפֿן־מאירעוו פֿון אוקראַינע, האָט אין דער רעוואָלוציע פֿון 1905־1907 זיך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג „צעגאָסן ווי אַ מעכטיקע כוואַליע" און די „ניט־יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך קימאַט ווי מיט גאָרניט אַרויסגעוויזן"... איר געפֿינט דאָ אויך די פּוסטע בונדישע באַרימעריי, אַז אין 1917 איז דער „בונד" געוואָרן אַ „גיגאַנטישע" מאַסן־באַוועגונג, וועלכע האָט נאָר אין אוקראַינע אַליין געהאַט 175 אָרגאַניזאַציעס. אין דערמאָנטן דאָקומענט איז צום ערשטן מאָל פֿאָרמולירט געוואָרן דער פֿאַלשער געדאַנק, אַז די יידישע אַרבעטער האָבן פֿאַרשפּעטיקט צום קאָמוניזם, אַז דער „בונד" האָט זיך צוערשט אַף אוקראַינע צעשפּאָלטן. וועגן די שפּאַלטונגען, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין „בונד" אין ווייסרוסלאַנד און אין אַנדערע ערטער, איז קיין וואָרט ניט דערמאָנט געוואָרן און בכלל איז צו נישט געמאַכט געוואָרן אַלץ, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען ביז די בונדיסטן פֿון אוקראַינע האָבן געשאַפֿן דעם קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אַף אוקראַינע. עס איז נאָר אַ וווּנדער, וואָס אונטער דערמאָנטן מעמאָראַנדום איז אונטערגעשריבן דער כ׳ ש. דימאַנשטיין און וואָס ער איז דערשינען ווי אַן אָפֿיציעלער דאָקומענט פֿון צ.ב. פֿון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס.

פּראָפּאַגאַנדע, בּיכדיי צו פֿירן די פּאַרטיי-אַרבעט אַף דער מוטער-שפּראַך פֿון יעדער נאַציאָנאַליטעט.

2. מיט דער גאַנצער אַרבעט פֿון יעדער אָפּטיילונג פֿירט אָן אַ ביוראָ, וואָס אירע מיטגלידער ווערן אויסגעקליבן דורך דער אַלגעמיינער אָדער דע-לעגאַטן-פֿאַרזאַמלונגען פֿון ר.ק.פּ. און דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט (סעק-ציע) און ווערט באַשטימט דורך די אָרטיקע קאָמיטעטן.

באַמערקונג: אויב עס וועט טרעפֿן, אַז די ביוראָ פֿון דער אָפּטיילונג וועט ניט באַשטעטיקט ווערן, קען דער פֿאַרינטערעסירטער צאַד אַריבערגעטראָגן דעם איניען אין צ.ק. ר.ק.פּ.

3. אין די ערטער, ווו די מיטגלידער פֿון ר. ק. פּ. באַשטייען אין זייער מערהייט ניט פֿון דער רוסישער נאַציאָנאַליטעט, ווערן צוליב דער אַרבעט צווישן די רוסישע אויך אָרגאַניזירט אָפּטיילונגען, בעהעסקעם מיט די פּונקטן 1 און 2.

4. אויב עס זיינען פֿאַראַן עטלעכע נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען פֿאַר אַגי-טאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, טיילן אויס, אַף וויפֿל דאָס איז נויטיק, פֿון זיך די אָרטיקע קאָמיטעטן איינעם פֿון די קאָמיטעט-מיטגלידער אַף אָנצופֿירן און פֿאַ-רייניקן זייער אַרבעט.

5. אויב עס זיינען ניטאָ קיין מיטגלידער פֿון ר.ק.פּ., וואָס קענען פֿירן די אַרבעט צווישן דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט, מוזן די אָרטיקע קאָמיטעטן דורך די קאָמיטעטן פֿון דער העכסטער אינסטאַנציע, אָדער מיט זייער וויסן, פֿאָדערן פֿון די נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען באַם צ. ק. ר. ק. פּ. זיי זאָלן צושיקן פּאַסיקע פּאַרטיי-טוער.

באַמערקונג: אינם פֿאַל, וואָס איז דערמאָנט אין פּונקט 3, ווערט די פֿאָדערונג וועגן צושיקן טוער דערלאַנגט דעם נאָענטסטן גו-בערניאַלן פּאַרטיי-קאָמיטעט אָדער אין צ.ק. ר.ק.פּ.

6. די אָפּטיילונגען אָרגאַניזירן זייערע קרייזלעך פֿאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, זיי האָבן זייערע אינסטרוקטאָרן. מיטן וויסן פֿון אָרטיקן קאָמי-טעט און דער געהעריקער נאַציאָנאַלער אָפּטיילונג באַם צ.ק. ר.ק.פּ. גיבן זיי אַרויס אַף זייער שפּראַך צייטונגען, זשורנאַלן, בלעטלעך. זיי האָבן אויך פּאַר-טעישע הילף-אָרגאַנען (קלובן, פּאַרטיי-שולן, א ביוראָ צו אַרבעטן צווישן דער יוגנט, פֿרויען אוכדוימע).

7. אין זייער אַרבעט שטרעבן די אָפּטיילונגען צו אריינציען די מאַסן פֿון דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט אין קאַמף צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער פֿון די איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן פֿאַרן זיג פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָ-ציאַליסטישער רעוואָלוציע.

8. די מיטגליד-אָפּצאָלונגען, דאָס אָנעמען אין דער פּאַרטיי און אויס-שליסן פֿון איר, רעגיסטראַציע און איבערעגיסטראַציע פֿון קאָמוניסטן פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ווערן דורכגעפֿירט אַף אַלגעמיינע יעסוידעס; אַף די-זעלבע אַלגעמיינע יעסוידעס, ניט בילדנדיק קיין עקסטעריטאָרעלע פּאַרטיי-

ראַיאָנען און טוב-ראַיאָנען, נעמען אָן אָנטייל די קאָמוניסטן פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די וואַלן פֿון אָרטיקע קאָמיטעטן, דעלעגאַטן אַף אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע קאָנפֿערענציעס, צוזאַמענפֿאָרן א.א.וו.

9. אַלע הויצאָעס פֿון די אָפּטיילן ווערן געמאַכט פֿון די סומעס פֿון אָרטיקע קאָמיטעטן.

10. די אָפּטיילונגען שטעלן צו יעדער כוידעש אַ שריפֿטלעכן באַריכט וועגן זייער טעטיקייט אין אָרטיקן קאָמיטעט און אין דער געהעריקער נאַציאָנאַלער אָפּטיילונג באַם צ. ק. ר. ק. פּ.

11. אַלע איניאָנים און מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע און פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, ווערן באַטראַכט אײַנײנעם מיט דער געהעריקער נאַציאָנאַלער אָפּטיילונג.

וועגן אָפּטיילונגען פֿון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן באַם צ.ק. ר.ק. פּ.

1. ביכדיי צו פֿאַרייניקן און אָנפֿירן מיט דער אַרבעט צווישן די פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן באַם צ. ק. ר. ק. פּ. אָרגאַניזירן זיך די נויטיקע נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען.

2. אונטער דער השגאָכע פֿון צ. ק. ר. ק. פּ. גיבן אַרויס די נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען (צענטראַלע ביוראָ) אַף דער שפּראַך פֿון דער געהעריקער נאַציאָנאַליטעט זשורנאַלן, צייטונגען א. א. וו. און באַזאָרגן דערמיט די אָפּטיילונגען אַף די ערטער.

3. אַלע איניאָנים און מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו אַ וועלכער עס איז נאַציאָנאַליטעט, ווערן באַטראַכט דורך אַלע צענטראַלע אָרגאַנען און אַנשטאַלטן אײַנײנעם מיט די געהעריקע נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען באַם צ. ק. ר. ק. פּ.

4. די אָפּטיילונגען גיבן יעדן כוידעש אַ שריפֿטלעכן באַריכט וועגן דער אַרבעט דעם צ.ק. ר.ק.פּ.

וועגן קאָנפֿערענצן און צוזאַמענפֿאָרן.

1. ביכדיי אויסנוצן די דערפֿאַרונג, קענען די נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען באַ די גובערניאַלע קאָמיטעטן, מיטן העסקעם פֿון די לעצטע, צוזאַמענרופֿן גובערניאַלע און ראַיאָן-קאָנפֿערענצן פֿון די מיטגלידער פֿון ר. ק. פּ. פֿון דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט. אַלרוסלענדער קאָנפֿערענצן ווערן צוזאַמענגערופֿן דורך די נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען באַם צ. ק. ר. ק. פּ. מיט זיין דערלויבעניש.

2. די גובערניאַלע קאָנפֿערענצן קלײַבן אויס ביוראָען פֿון די געהעריקע נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען באַ די גובערניאַלע קאָמיטעטן און אַלרוסלענדער— באַם צ. ק. ר. ק. פּ.

די וואַלן ווערן באַשטעטיקט אין ערשטן פֿאַל דורך די געהעריקע גובערניאַלע קאָמיטעטן, און אין צווייטן—דורכן צ. ק. ר. ק. פּ.

פון אַ באַריכט

פון הויפּט-ביוראָ פון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס באַם צ. ק. פון ק. פּ. (ב.) או.

די הויפּט-ביוראָ איז קאָנסטרויִרט געוואָרן סאָף אווגוסט 1919 יאָר. לויט אַ העסקעם צווישן דעם צ. ק. ק. פּ. (ב.) או. און הויפּט-קאָמיטעט פון „ייִדישן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד" גלייך נאָך דעם, ווי אין קיעוו איז געוואָרן באַוווסט דער באַשלוס פון צ. ק. ר. ק. פּ. וועגן דעם אַריינטרעטן פון „פאַרבאַנד" אין ר. ק. פּ. לויט אָט דעם העסקעם איז באַשלאָסן געוואָרן:

עס זאָל זיך גלייך בילדן די הויפּט-ביוראָ און די גובערניאַלע ביוראָען פון די ייִדישע סעקציעס, און אַז די הויפּט-ביוראָ דאַרף באַשטיין פון 7 מאַן.

דער הויפּט-קאָמיטעט פון „ייִדישן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד" האָט איבער-געגעבן דער הויפּט-ביוראָ אַלע געשעפטן און די קאַסע פון פאַרבאַנד און דערקלערט דעם „פאַרבאַנד" פאַר פאַנאַנדערגעלאָזן. פאַר זיינע פאַרטרעטער אין צענטראַל ביוראָ פון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס פון ר. ק. פּ. האָט דער הויפּט-קאָמיטעט אויסגעקליבן די כאַווײרים מ. ראַפעס און י. נאָוואַ-קאָווסקי, פאַר אַ קאַנדידאַט—דעם כ' לעוויטאַן.

די הויפּט-ביוראָ האָט אַפילע ניט געהאַט קיין צייט צו אָרגאַניזירן איר אַרבעט און דורכפירן דאָס צונויפגיסן זיך פון „פאַרבאַנד" מיט דער קאָמוניס-טישער פּאַרטיי. די עוואַקואַציע פון קיעוו דעם 26 אַווגוסט 1919 האָט איבער-געריסן די לעגאַלע עקזיסטענץ פון דער ייִדישער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַף אוקראַינע.

פאַר דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָט זיך די אַרבעט פון הויפּט-ביוראָ אויסגעדריקט אין אַ ריי פּראָבעס צו פאַרבינדן זיך מיט די אומלעגאַלע ייִדי-שע קאָמוניסטישע סעקציעס און העלפן זייער אַרבעט דורך דער ריכטיקער איינטיילונג פון די קרעפטן. די אַלע פּראָבעס האָבן זיך אָבער ניט איינגעגעבן. באַ אַלע אָנשטרענגונגען האָט זיך אונדזערע פאַראַנטוואָרטלעכע כאַווײרים, טיילוויַיז צוליב די ספּעציעלע שטערונגען באַ ייִדן, וואָס זיינען באַשאַפן גע-וואָרן דורכן אַנטיסעמיטיזם פון די באַנדעס, ניט איינגעגעבן דורכגיין דעם פראָנט. דער קיעווער אומלעגאַלער געגנט-צענטער פון די ייִדישע סעקציעס האָט זיך אָרגאַניזירט אין באַשטאַנד פון די כאַווײרים: שוואַרצמאַן, לעוויט. דער כאַרקאָווער אומלעגאַלער געגנט-צענטער האָט זיך אָרגאַניזירט פיל שפּעטער אין באַשטאַנד פון די כאַווײרים פרענקעל און ראַבינשטעוו, ווען אָט די כאַווײרים זיינען אַריבער דעם פראָנט. די שווערע באַדינגונגען, וועלכע עס זיינען גע-שאַפן געוואָרן ספּעציעל באַ די ייִדן באַם אַריבערפאָרן פון שטאָט צו שטאָט בייס דעניקינס הערשאַפט, האָבן ניט געגעבן די מעגלעכקייט אָט די ביידע צענטערן ברייט צו פאַרבינדן זיך סאַי צווישן זיך, סאַי מיט די אָרגאַניזאַציעס.

די מיטגלידער פון צענטראַל-ביוראָ וועלכע האָבן זיך עוואַקויִרט קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט אַ גאַנצער ריי פאַראַנטוואָרטלעכע כאַווײרים, מיטגלי-דער פון געוועזענעם „פאַרבאַנד", האָבן פאַר דער צייט פון אָקופּאַציע גענומען

א גאַנץ וויכטיקן אָנטייל אין דער אַרבעט פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס אין ראַטנרוסלאַנד. דער צופֿלוס פֿון נייע קרעפֿטן, דערפֿאַרענע און אויסגעהאָדעוועטע אין די טראַדיציעס פֿון אַ ברייטער ייִדישער מאסן-באַוועגונג, האָט געהאַט א גרויסע באַדייטונג פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון די ייִדישע סעקציעס, באַזונדערס אין אזעלכע גרויסע צענטרען, ווי וויטעבסק און האָמעל. נעמענדיק א דירעקטן אָנטייל אין דער ארבעט פֿון צענטראַל-ביוראָ, האָבן די מיטגלידער פֿון הויפּט-ביוראָ פֿיל מיטגעהאָלפֿן צו פֿאַרגרינגערן די קינפֿטיקע ארבעט-באַדינגונגען אויך אַף אוקראַינע. פֿון די אַלגעמיינע פֿראַגן, וועלכע האָבן אין דעם פּראַט אַ גרויסע באַדייטונג, וועלן מיר דאָ אָנצייכענען נאָר עטלעכע:

1) דאָ איז אויסגעקומען צו באַקעמפֿן די צענטראַליסטישע ריכטונג אין דער פֿראַגע, וועלכע האָט באַקומען אַן אויסדרוק אין דעם פּראָעקט פֿון דער אָרג-ביוראָ פֿון צ. ק. ר. ק. פּ. וועגן פֿאַרבייטן די נאַציאָנאַלע סעקציעס דורך „אָטדעלן". די וויטעבסקער ראַיאָן-באַראַטונג פֿון די ייִדישע סעקציעס האָט נאָכאַמאָל פֿאָרמולירט די אַלטע פּאָזיציע פֿון דער ייִדישער סעקציע אין דער פֿראַגע.

2) דער צענטראַל-ביוראָ איז אויסגעקומען צו פֿאַרנעמען זיך מיט דער פֿראַגע, וועלכע האָט זיך געשטעלט אויך אין צ. ק. ר. ק. פּ. אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַרעסטן פֿון די ציאָניסטישע טוער. די ציאָניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געבליבן פֿאַנאַנדערגעלאָזן. די צ. ב. האָט אויך געשיקט אַ ראַדיאָ קיין אויסלאַנד, אין וועלכער עס ווערט באַקעמפֿט די ציאָניסטישע אַוואַנטוריסטישע דיפּלאָמאַטיע און אַנטקעגנגעשטעלט דער ציאָניסטישער אַגיטאַציע די מיינונג פֿון אָרגאַניזירטן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט.

3) די באַציִונג צו דער נייער פּועלי-ציאָניסטישער גרופּע, וועלכע איז ארויסגעטראָטן אונטערן נאָמען פֿון דער „ייִדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי". די ברייטע מעמאָראַנדום-אַרבעט פֿון אָט דער גרופּע האָט געצוווּנגען די צ. ב. אַרויסצוטרעטן מיט אַ ספּעציעלן מעמאָראַנדום וועגן די „פּועלי ציאָן" וועלכער איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער „קאָמוניסטישער וועלט", ווי אויך אין דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּרעסע אין דער פּראָווינץ*).

4) די אַרבעט פֿון הויפּט-ביוראָ, ווי אַן אָרגאַניזירטער צענטער פֿון די ייִדישע סעקציעס אַף אוקראַינע איז ווידער אויפֿגעשטעלט צו דער צייט פֿון דער אַלרוסלענדישער פּאַרטיי-קאָנפֿערענץ פֿון ר. ק. פּ., ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס באַפֿרייט ווערן פֿון כאַרקאָוו און קיעוו איז א פֿראַגע פֿון טעג. דער ווידעש דעקאבר איז אַריבער, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן, אין אַ געוויסער צוגרייטונג-אַרבעט, אין באַשטימען די פֿראַגן פֿון דער צוקינפֿטיקער אַרבעט אין אוקראַינע. די מיטגלידער און פֿאָרשטייער פֿון הויפּט-ביוראָ האָבן אָנטייל גענומען אין די באַראַטונגען פֿון די קאָמוניסטן פֿון אוקראַינע, ווען ס'איז געווען אָנגעמערקט די קינפֿטיקע פּאָליטישע ליניע פֿון ר. ק. פּ. און ק. פּ. או. די פֿראַגן פֿון דער ייִדישער פּאַרטיי-אַרבעט האָבן אויך באַקומען זייער אַנטשיידונג.

*) דער מעמאָראַנדום וועגן די פּ. צ. ווערט געבראַכט אין דער אָפּטיילונג—די יעקאַפּיסטן.

5) די הויפּט-ביוראָ האָט אַרויסגערוקט אָט די פֿראַגע פֿאַרן צ. ק. פֿון ר. ק. פּ. דער באַשלוס איז שוין אונדזערע כאַווײרים באַוווּסט: אַלע מיטגלידער פֿון „פֿאַרבאַנד" רעכענען זיך פֿאַר מיטגלידער פֿון ר. ק. פּ. אָדער ק. פּ. או. פֿון 1-טן יון 1919, ד. ה. פֿון דעם טערמין, ווען דער „פֿאַרבאַנד" האָט דורך זײַן פֿאָרשטייער אָנטייל גענומען אין דער קאָנפֿערענץ פֿון דער ייד. קאָמ. סעק. פֿון ר. ק. פּ. אין מאָסקווע.

6) דער מעמאָראַנדום וועגן דער ידישער פּאַרטייאַרבעט איז אינמיטן דעקאַבער 1919 געווען צוגעשטעלט דעם צ. ק. פֿון ר. ק. פּ. (ב) ער האָט שוין געהאַט אַ גרויסע פּולע: שטעלנדיק ווידער פֿאַרן צ. ק. אין איר גאַנצער ברייט די פֿראַגע וועגן דער באַדײַטונג און ראָל פֿון דער ידישער קאָמוניסטישער אַרבעט, האָט אָט דער מעמאָראַנדום צוזאַמען מיט די אַרויסטרעטונגען פֿון דער מוסולמענישער און לעטישער קאָמוניסטישער סעקציע מיטגעהאָלפֿן דערצו, אַז די עקזיסטענץ פֿון די נאַציאָנאַלע סעקציעס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זאָל ווידער סאַנקציאָנירט ווערן. די איבעריקע פֿראַגן, וועלכע זײַנען געשטעלט אין מעמאָראַנדום, וועלן נאָך באַטראַכט ווערן דורכן צ. ק.

7) הילף פֿאַר די געליטענע פֿון פּאָגראָמען. עס איז געווען קלאָר, אַז אָט די פֿראַגע וועט פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער פּאָליטישער אַרבעט פֿון דער ידישער סעקציע אויף אוקראַינע, וועלכע האָט איבערגעלעבט די שרעקלעכע טעג פֿון דער הערשאַפֿט פֿון פּעטליורעס, גריגאָריעווס און שפּעטער דעניקינס באַנדעס. די הויפּט-ביוראָ האָט זיך נאָך דעם 20-טן דעקאַבער אין מאָסקווע געווענדעט צום אַלאוקראַינישן רעווקאָם און צום נאַרקאָמסאָבעס (פֿאָלק-קאָמיסאַריאַט פֿאַר סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג) פֿון ר.ס.פֿ.ס.ר. מיט דרײַ פֿאָרשלאָגן: א) גלייך אויפֿשטעלן אין קיעוו די צענטראַלע סעקציע צו העלפֿן די געליטענע פֿון פּאָגראָמען, וואָס האָט עקזיסטירט אין נאַרקאָמסאָבעס פֿון או.ס.ס.ר. ביז דער עוואַקואַציע. ב) אַסיגנירן 500 מיליאָן אויף אַרויסגעבן שטיצע פֿאַר די געליטענע פֿון פּאָגראָמען, ג) איבערגעבן דער צענטראַלער סעקציע אַ געוויסן סכום מאַנופֿאַקטור ספּעציעל פֿאַר די געליטענע פֿון די פּאָגראָמען.

אין קיעוו איז דורך דער הויפּט-ביוראָ געווען צונויפֿגערופֿן אַ ברייטע באַראַטונג פֿון אַלע אַנשטאַלטן, וועלכע אַרבעטן אָפֿן געביט פֿון העלפֿן די פּאָגראַם-געליטענע. אויף דער באַראַטונג האָט דער פֿאָרזיצער פֿון דער צענטראַלער-סעקציע, כ' ראַפּעס, פֿאָרמולירט דעם שטאַנדפּונקט פֿון הויפּט-ביוראָ. די באַראַטונג האָט קיין מאַמאָשעסדיקע רעזולטאַטן ניט געבראַכט. די אײַנגעלאַדענע (דאָסראָוו זײַנען די פֿאָרשטייער פֿון די אַנשטאַלטן געווען רעכטע ידישע סאָציאַליסטן) האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין פֿעיקייט צו פֿאַרשטיין די פּאָזיציע פֿון הויפּט-ביוראָ.

8) עקאָנאָמישע אַרבעט פֿאַר ידישע מאַסן. די פֿראַגע וועגן אַריבערפֿירן די ידישע מאַסן צו אַ פּראָדוקטיווער אַרבעט האָט זיך שוין לאַנג געשטעלט פֿאַרן צ. ב. אין ידישן קאָמיסאַריאַט האָט זיך געבילדעט אַ ספּעציעלע סטאַטיסטיש-עקאָנאָמישע אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך געפֿונען אין האָמעל. די פֿראַגע איז ווידעראַמאָל געשטעלט געוואָרן אויף

אברייטער באראטונג אין מאָסקווע אין צוזאַמענהאנג מיט דער פראַגע וועגן הילף פאר די געליטענע פון די פּאָגראָמען אף אוקראינע. א גענויער פלאן פון אָט דער ארבעט וועט אָנגעצייכנט ווערן אף דער באראטונג פון די יידישע סעקציעס, וואָס דאַרף פאָרקומען איז קיעוו סאָף פעווראל.

9) די ארבעט פון דער הויפט-ביוראָ אין קיעוו הויבט זיך אָן ערשט דעם 10 יאַנוואַר 1920. די הויפּט-ביוראָ קאָנסטרוירט זיך אין באשטאנד פון דריי מיטגלידער: מ. ראפעס (פאָרזיצער) מ. לעוויטאַן און ב. אָרשאַנסקי, וועלכע בילדן גלייכצייטיק די רעדאַקציע פון „קאמוניסטישע פאָן"—דער צענט-ראַלער אָרגאַן פון די יידישע סעקציעס אף אוקראינע. ביזן 10 יאנוואר 1920 איז די „קאָמוניסטישע פאָן" דערשינען, ווי דער אָרגאַן פון קיעווער גוב-ביוראָ.

די הויפט-ביוראָ האט אָנגעמערקט פאָלגנדיקן פלאן פון אירע פארלעגע-רישע פעריאָדישע אויסגאבן:

א) „קאָמוניסטישע פאָן"—יעדן טאָג.
ב) „די רויטע ארמיי"—צוויי מאָל אין מאָנאט.
ג) „די פאַרטיי-יעדיעס"—צוויי מאָל אין מאָנאט.
ד) „דער יונגער קעמפער"—אויסגאבע פון דער יידישער סעקציע פון קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאנד אונטערן קאָנטראָל פון הויפט-ביוראָ.
ה) „קאמף"—א וויסנשאפטלעכער זשורנאל.
ו) „אַרבעטער-פרוי"—צוויי מאָל אין מאָנאַט.
ז) „פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג"—צוויי מאָל אַ כוידעש.

באַריכט פון קיעווער גוב-ביוראָ.

1. דער אומלעגאַלער פעריאָד.

נאָכן אַוועקגיין פון דער ראַטנמאַכט, אין כוידעש אַווגוסט 1919 איז אין קיעוו געבליבן אַן אומלעגאַלע גוב-ביוראָ אין באַשטאַנד פון 5 כאַווייריִם: שוואַרצמאַן, לעוויט, מיראָנער, האַלפערין און זילבערלייב, באַשטעטיקטע פון דער הויפט-ביוראָ פון די יידישע סעקציעס. צוליב די אויסערסט שווערע באַ-דינגונגען, אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו לעבן אין דער ערשטער צייט פון דעניקינס הערשאַפט, האָט די גוב-ביוראָ ניט באַוויזן עפּעס אויפטאָן. די פאַרבינדונגען זיינען געווען איבערגעריסן און אַ לענגערע צייט איז געווען אומעגלעך זיי איינשטעלן. ערשט אין אַ צייט אַרום האָט זיך איינגעגעבן זיך פאַרבינדן מיט די פאַרבליבענע כ"כ אין קיעוו, דורך וועלכע מען איז געקומען אין באַציִונגען מיט פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, ווו ס'איז פון צייט צו צייט פאַרשפרייט געוואָרן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור און פאַרשיידענע פעריאָדישע אומלעגאַלע אויסגאַבן.

אין דער אַלגעמיינער אומלעגאַלער אַרבעט פון דער פאַרטיי האָבן די מיטגלידער פון דער גוב-ביוראָ גענומען דעם טיכטיקסטן אָנטייל. אין דעם פאַר-טעישן געגנט-קאָמיטעט, ווי אויך אין דער רעדקאָלעגיע פון אונטערערדישן „קאָמוניסט", האָבן גענומען דעם נאָענטסטן אָנטייל די מיטגלידער פון גוב-

ביוראָ באַ פֿאַרשיידענע טעכנישע אַרבעטן—דער גרעסטער טייל פֿון אונדזערע כאַוויירים, וואָס זיינען געבליבן אַף אומלעגאַלער אַרבעט.

מען האָט געפּלאַנעוועט אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין יידיש, אָבער דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבן איבער די גרויזאַמע באַדינגונגען. אין אַלגעמיין האָבן די כאַוויירים אויסגענוצט די קלענסטע מעגלעכקייט אַף עפּעס צו טאָן, און אין דער אַלגעמיינער אומלעגאַלער אַרבעט האָבן דעם גרעסטן כיילעק אונדזערע כאַוויירים.

2. די ערשטע פֿרייע אָרגאַניזאַציע-אַרבעט.

נאָכדעם, ווי קיעוו איז באַפֿרייט געוואָרן האָט די גוב-ביוראָ לעגאַליזירט צוערשט צוויי פֿון אירע כאַוויירים: האַלפּערין און מיראָנער. זיי זיינען באַפֿולמעכטיקט געוואָרן צו איינאָרדענען די אָרגאַניזאַציע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך די גאַנצע ביוראָ לעגאַליזירט, און קאָאָפּטירנדיק אין איר באַשטאַנד נאָך דריי נייאָנגעקומענע כאַוויירים: מערעזשין, אָרשאַנסקי און פֿאָרגאַמאַניק, צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. מען איז באַלד צוגעטראָטן צו אַרויסגעבן די צייטונג „קאָמוניסטישע פֿאָן", עס זיינען אויסגעטיילט געוואָרן כ"כ אַף ליקווידירן די אומלעגאַלע אַרבעט. אַ טייל כ"כ האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער אַרבעט פֿון דער אָרגאַניזאַציע, ווי רעגיסטרירן כאַוויירים, פֿאַנאַנדערטיילן זיי אַף ראַטן-און פּאַרטיי-אַרבעטן, עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט דער ליקווידאַציע פֿון די יידישע בירגערלעכע אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן אַפּדאָסניי אָנגעהויבן פֿונקציאָנירן אונטער דעניקינס הערשאַפֿט. די אויפֿגאַבע איז אויסגעפֿילט געוואָרן פֿונם כ' גאָלדפֿעלד. אין דער ערשטער ריי איז ליקווידירט געוואָרן די יידישע קעהילע, די געזעלשאַפֿטן „טאַרבוס", „מאַקאַבי". די פֿינאַנצן פֿון דער לעצטער זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם קאָמיוגנט. עס איז דעלעגירט געוואָרן אין סאָבעס כ' לאַקשין מיט דער אויפֿגאַבע צו בילדן דאָרט די סעקציע פֿאַר הילף די פּאָגראָמגעליטענע, אַלס פֿאָרשטייער פֿון גוב-ביוראָ אין נאַראָבראַז פֿאַר דער בוך-אָפּטיילונג איז דעלעגירט געוואָרן דער כ' אָרשאַנסקי, אויך אַלס פּאָרשטייער פֿון גוב-ביוראָ אין קאָמיוג. נאָך דער פּלענאַרער זיצונג פֿון דער ה. ב. מיט דער גוב-ביוראָ, ווו ס'איז באַהנדלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן דער עקזיסטענץ און טעטיקייט פֿון „קולטור-ליגע", איז געשיקט געוואָרן פֿון גוב-ביוראָ אַלס קאָמיסאַר כ' לעוויט, אַלס פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר דער טעטיקייט פֿון „סעטמאַס" כ' האַלפּערין.

3. רעאָרגאַניזירונג פֿון דער גוב-ביוראָ,

אַף אַ פֿאַרברייטערטער זיצונג פֿון גוב-ביוראָ מיטן אָנטייל פֿון אייניקע פֿאַראַנטוואָרטלעכע כאַוויירים פֿון דער אָרגאַניזאַציע איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן די גוב-ביוראָ אַף פֿאָלגנדיקן אויפֿן: פֿאָרזיצער—כ' לעוויט, סעקרעטאַר—כ' שירער, פֿאַראַנטוואָרטלעכער אָרגאַניזאַטאָר פֿון גובערניע, געהילף-סעקרעטאַר—כ' מאשע גאָלדענבערג. פֿאַראַנטוואָרטלעכע איבער שטאָטישער פּאַרטיי-אַרבעט—פֿאַראַנטוואָרטלעכער איבער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע—כ' האַלפּע-

רין באַ דער נאָענטער מיטאַרבעט פֿון כ׳ טשעסקיס. די כ״כ שוואַרצמאַן און טשעסקיס זיינען קאָאָפּטירט געוואָרן אַלס מיטגלידער פֿון גוב-ביוראָ. דער כאַוועך לעוויטאַן פֿון הויפּט-ביוראָ—פּולבארעכטיקטער מיטגליד פֿון גוב-ביוראָ.

4. די טעטיקייט פֿון דער גוב-ביוראָ אַפֿן געביט פֿון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

אין דער צענטראַלער קאָמיסיע פֿון פֿראָנט און טראַנספּאָרט-וואַך זיינען געשיקט געוואָרן די כ״כ טשעסקיס און האלפּערין.

5. די פֿאַרבינדונגען פֿון גוב-ביוראָ מיט די ערטער פֿון גובערניע.

פֿאַר דער גאַנצער צייט האָט זיך אייגגעגעבן דער גוב-ביוראָ פֿאַרבינדן זיך מיט די פֿאָלגנדיקע ערטער: בערדיטשעוו, בעלאָצערקאָוו, וואַסילקאָוו, זוועני-גאָראָדקאָ, ליפּאָוועץ, סמעלאָ, באָגוסלאַוו, פֿאַסטאָוו, טשערקאַס, ראַדאָ-מיסל, מאַלין, טשיגירין, טאראסטשא, טארסון, טשערנאָביל, האָראָדישטשע, שפּאָלע, רוזשין און אומאַן. אין די אַלע ערטער זיינען געשיקט געוואָרן ליטע-ראַטור, צייטונגען, בריוו, צירקוליאַרן און אינסטרוקציעס, אין יעדן אָרט ווערט צוגעשיקט אַ באַזונדער אַנקעטע-בויגן, וועלכער דאַרף קלאָר מאַכן פֿאַר דער גוב-ביוראָ דעם דאָרטיקן צושטאַנד פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט, די באַ-ציונג פֿון פּויערטום צו דער ראַטנמאַכט, דער צושטאַנד פֿון פּאַרטיי. די גובביוראָ האָט פֿאַר דער גאַנצער צייט באַקומען פֿון די ערטער 10 באַ-ריכטן אויספּירלעכע און בריוו-מעלדונגען.

6. די לאַגע אַף די ערטער.

פֿון די באַקומענע באַריכטן איז צו זען, אַז די לאַגע פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּראָווינץ איז זייער אַ קלאָגעדיקע. פּעטלורעס פּאַ-ראַיאָריקע פּאָגראָמען, דער „צוגאָב״ פֿון דעניקינשטשינע האָט אַף אַזויפּיל רוינירט דעם גרעסטן טייל פֿון דער פּראָווינץ, אַז פֿון פּראָדוקטיווער אַרבעט איז קיין זייכער ניט געבליבן. אומעטום הערשט אַרבעטלאָזיקייט, הונגער, נויט און דאַכקעס, און דעריבער קענען זיך די אָרגאַניזאַציעס ניט שטעלן אַף די פֿיס. דערצו מאכט מען נאָך אופּמערקזאַם אין אייניקע באַריכטן, אַף די ניט-געוווּנטשענע באַציונגען פֿון די פּאַרטקאָמען צו די יידסעקציעס. פֿון די באַ-ריכטן פֿון אייניקע ערטער איז אויך צו זען, אַז די ראַטן-און פּאַרטיי-אַרבעט ווערט געשטערט אָפֿט פֿון די נייע באַנדעס פֿון טיוטיוניק און אַנדערע אַטאַ-מאַנען (זוועני-גאראָדקאָ, שפּאָלע און קאניעוו).

7. די אַרבעט אין די ראַיאָנען.

די איינגעאָרדנטע ראַיאָן-ביוראָען אַף פּאָדאָל און דעמיעווקע האָבן שוואַך אַנטוויקלט זייער אַרבעט, די גוב-ביוראָ האָט אָפּגעגעבן אַ באַזונדער אופּמערק-זאַמקייט דער אַרבעט אין די ראַיאָנען דורך פּאָלק-מיטינגען, לעקציעס און פּאָליטישע שמועסן, די לעצטע צייט האָט זיך אַנטוויקלט אַ מער אינטענסי-ווע אַרבעט, באַזונדערס אין פּאָדאָלער ראַיאָן.

די באַראַטונג באַ דער הויפּט־ביוראָ פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס באַם צ.ק. פֿון ק.פּ. (ב.) או. וועגן אַרייַנציען די ברייטע ייִדישע מאַסן אין פּראָדוקטיווער אַרבעט*).

דער ערשטער טרעט אַרויס כ׳ לעוויטאַן, וועלכער באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון דער פֿראַגע, וואָס איז אויפֿגעשוווּמען אין צוזאַמענהאַנג מיטן דעקרעט וועגן דער אַרבעט־אַרמיי. עס האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע וועגן די אויפֿאַנים, ווי אַזוי אַרייַנציען די ייִדישע מאַסן אין דער אַרבעט־אַרמיי. נאָר דאָ וואַקסט אויס אַ גאַנצע ריי ספּייקעס, וואָס מען מוז זיך מיט זיי שטאַרק רעכענען. עס קאָן זיין, אַז מיר האָבן דאָ נאָר צו טאָן מיטן איבער־גאַנג פֿון דער רויטער אַרמיי אין דער אַרבעט־אַרמיי, און דאָ האַנדלט זיך קלאַל ניט וועגן אַרייַנציִען נייע עלעמענטן אין דער אַרבעט־אַרמיי.

אַף ווי ווייט די פֿראַגע קען געשטעלט ווערן, איז זי אויך ניט נויגייע די קוואַליפֿיצירטע ייִדישע אַרבעטער, און די, וואָס פֿאַרנעמען זיך ניט מיט אַרבעט, וועט זיי קיין אַגיטאַציע ניט העלפֿן.

אַפֿילע ווען עס זאָל זיך יאָ איינגעבן צוציִען טיילן פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־מאַסע אין דער אַרבעט־אַרמיי, איז נאָך די פֿראַגע, אַף ווי ווייט דאָס איז צוועקמעסיק. די אַרבעט וועט פֿאָרקומען אין דאָנעצער באַסיין, די ייִדישע אַרבעטער וועלן דאָרט זיין צעשטויבט און צעבראָקלט, זיי וועלן ניט האָבן קיין שום מעגלעכקייט צו באַפֿרידיקן זייערע קולטורעלע באַדערפֿענישן.

די פֿראַגע דאַרף געשטעלט ווערן אַסאַך ברייטער. עס דאַרף געשטעלט ווערן ביקלאַל די פֿראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי צו קעמפֿן קעגן דער ספּעקו־ליאַציע און ווי אַזוי צוציִען די ייִדישע מאַסן צו דער פּראָדוקטיווער אַרבעט.

כ׳ לעוויטאַן ווייזט אָן, אַז די אַרבעט־אַרמיי איז געבויט אַזוי, אַז זי זאָל זיין פֿעיִק צו דערפֿילן אירע פֿליכטן אין דער צייט פֿון מילכאָמע, און אין דער אייגענער צייט זאָל זי קאָנען אַרבעטן אַפֿן פֿראָנט פֿון אויפֿשטעלן דיווירטשאַפֿט. דאָ האַנדלט זיך אויך וועגן אַלגעמיינער אַרבעט־פֿליכט. אין רוסלאַנד, אין די ראַיאָנען, ווו עס קומט פֿאָר די טעטיקייט פֿון די אַרבעט־אַרמייען, ווערט צו דער אַרבעט צוגעצויגן די פֿרידלעכע באַפֿעלקערונג. באַ

---

*) די באַראַטונג איז פֿאָרגעקומען באַ דער הויפּט־ביוראָ פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעק־ציעס באַם צ.ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אוקראַינע. קיעוו, פֿעוראַל 1920.

אונדז וועט די ארבעט-אַרמיי זיין ניט נאָר אין דאָנעצער באַסיין, אויך אין אוקראַינע וועלן געשאַפן ווערן טיילן פון דער אַרבעט-ארמיי, און צו דער אַרבעט וועט בלי ספק מוזן צוגעצויגן ווערן די ארומיקע באפעלקערונג. דאָ עפנט זיך אַ פעלד פאַר אונדזער טעטיקייט. אף דער פראַגע וועגן איבערגאנג פון ספעקוליאַציע צו פראָדוקטיווער ארבעט וועט שוין דאָס אליין ענטפערן. פאַר אונדז שטייט די אויפגאַבע צו פראָפּאַגאַנדירן די ארבעט-פליכט, ווי א כויוו פאַר דער מעלוכע און רופן די יידישע מאסן פרייוויליק אַריינצוטרעטן אין דער ארבעט-ארמיי.

כ' לעוויטאן לייגט פאָר ריידן וועגן דעם, ווי אזוי מען וועט דאַרפן דורכפירן צווישן די יידישע ארבעטער-מאסן דעם דעקרעט וועגן אַרבעט-פליכט, ווען אזא דעקרעט וועט ארויסגעגעבן ווערן.

כ' טשעסקיס: ווען די ארבעט-פליכט וועט ווערן א געזעץ, וועט קיין פראַגע ניט זיין וועגן צוציען וועמען ס'איז צו ארבעט. פאר יעדן וועט דאַמלסט די ארבעט זיין א כויוו, און ער וועט קיין ברירע ניט האָבן. פאַר אונדז שטייט די פראַגע וועגן דעם, ווי אזוי מיר זאָלן מיטהעלפן אָרגאניזירן די ארבעט צווישן די יידישע מאסן. עס איז אַ פראַגע וועגן איבערגאַנג-פעריאָד. עס זיינען פאַראַן פיל, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געאַרבעט. עס איז אַ פראַגע, ווי אזוי זיי מיטהעלפן איבערצוגיין צו ארבעט—צי אין דער אלגעמיינער אַרבעט-אַרמיי אָדער אין באזונדערע אַרבעט-טיילן.

און נאָך א פראגע שטייט פאר אונדז: די ארבעט-אַרמיי וועט זיין אַ שטענדיקע, און עס וועט זיין נויטיק אין איר צו פירן אַ קולטורעלע ארבעט, עס וועט זיין נויטיק צו באפרידיקן די קולטורעלע באדערפעגישן פון די יידישע מאַסן, וואָס ווערן צוגעצויגן צו דער ארבעט.

כ' לעוויטאַן האַלט, אַז די רויטע ארמיי, איז ניט דער אָרט, וווּ מען קען אַריינציען אין אַרבעט, באַזונדערס נאָך אזוינע עלעמענטן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געאַרבעט. די רויטע ארמיי וועט פון זיי ניט דערציען קיין אַרבעטנדיקע. די ארבעט-אַרמייען זיינען אין איצטיקן מאָמענט געשאפן געוואָרן צוליב דורכפירן די מאָביליזאציע אפן צוועקמעסיקסטן אופן. אַריינציען אין זיי נייע זייטיקע עלעמענטן איז איצט ניט צוועקמעסיק.

עס ווערט דערקלערט אַ געזעץ וועגן אַרבעט-פליכט, און דאָ איז פאַר אונדז פאַראַן וואָס צו טאָן פאַר די יידישע מאַסן. די קוואַליפיצירטע יידישע אַרבעטער וועלן אויסגענוצט ווערן לויט זייערע ספעציאַליטעטן. נאָר עס איז פאַראַן אַ צווייטער טייל, וואָס איז ניט פאַרנומען מיט פראָדוקטיווער אַרבעט. קעדיי זיי אַריינציען אין דער אַרבעט, איז נויטיק צו שאַפן פאַר זיי אַ צוגעפאַסטע סוויווע. צווישן די ניטקוואַליפיצירטע אַרבעטער וועלן זיך געפינען גענוג פויערים, וועלכע זיינען נאָך ניט פריי פון אַנטיסעמיטישן סאַם. זיי וועלן אָפט כויזעק מאַכן פון די יידן און זיי שטערן אַרבעטן.

מען דאַרף אויך אויסנוצן די פיזיש-שוואַכע עלעמענטן. פאַר זיי וועט מען מוזן שאַפן ספעציעלע ווערקשטאַטן, ווו זיי וועלן זיך קאָנען פאַרנעמען מיט פראָדוקטיווער אַרבעט.

עס שטייט נאָך די פֿראַגע וועגן צוציִען טיילן פֿון די ייִדישע מאַסן צו ערדאַרבעט, באַזונדערס אין די שטעט באַ גערטנערײַ. דאָס קאָן געטאָן ווערן שוין אין דעם נאָענטסטן פֿרילינג ניט אין דער פֿאָרם פֿון באַזונדערע אַרבעטן, נאָר דורך די שטאָטישע ווירטשאַפֿט-אָרגאַנען און אין זייער רעשוס.

כ׳ אָ ר ש אַ נ ס ק י: ביז עס וועט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן דער דעקרעט וועגן אַרבעט-פֿליכט דאַרפֿן מיר ריישיט צוגרייטן די ייִדישע אַרבעטער-מאַסן צום געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון פּראָדוקטיווער אַרבעט אין דער סאָציאַליסטישער מעלוכע און, צווייטנס, דאַרפֿן מיר אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי אָרגאַניזירן די ייִדישע מאַסן אין דער אַרבעט-אַרמיי.

מיר וועלן דאַרפֿן פֿירן אַ גרויסע קולטורעלע טעטיקייט צווישן די ייִדישע מאַסן, וואָס וועלן צוגעצויגן ווערן צו אַרבעט. צי וועט מען אָבער קענען פֿירן די דאָזיקע אַרבעט צווישן די צוואָרפֿענע ייִדישע מאַסן, אָדער עס וועט נויטיק זיין צו שאַפֿן ספּעציעלע ייִדישע טיילן? אויב מיר האָבן ייִדישע קלובן, קענען מיר האָבן אויך ייִדישע ווערקשטאַטן.

כ׳ ש ל אָ ס ב ע ר ג: ווען עס וועט זיין דער געזעץ וועגן אַרבעט-פֿליכט, וועט די גאַנצע באַפֿעלקערונג צוגעצויגן ווערן צו אַרבעט אין גרויסן מעלוכישן מאסשטאַב. בעשאַס עס וועט דורכגעפֿירט ווערן די רעגיסטראַציע, וועלן מיר גאָרניט ניט קענען טאָן. עס וועט זיין אַ ספּעציעלער אַפּאַראַט, וואָס וועט פֿאַנאַנדערטיילן די ארבעט. דעמלט, קען זיין, וועט זיין מעגלעך, אַז עס זאָל זיין אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אָנווייזן, וווהין צו שיקן די ייִדישע ניטקוואַליפֿיצירטע אַרבעטער.

דערווייל איז אונדזער אויפֿגאַבע נאָר צו פּאָפּולאַריזירן די אידייע פֿון אַרבעט און אַגיטירן פֿאַר איר צווישן די ייִדישע מאַסן.

כ׳ ל ע ווי ט אַ ן דערקלערט, אַז מען דאַרף צוטרעטן צו דער פֿראַגע פּראַקטיש און מיט דער נויטיקער פּערספּעקטיוו. די פֿראַגע וועגן ערדאַרבעט ליגט אינם שעטעך פֿון טעאָריעס, און זי האָט ניט קיין פּראַקטישן ווערט.

כ׳ ר אַ ב י נ אָ ווי ט ש מיינט, אַז די פֿראַגע וועגן ערדאַרבעט האָט יאָ אַ פּראַקטישן ווערט. מען קען אויסניצן און צוציִען געוויסע טיילן פֿון די ייִדישע מאַסן צו דער ארבעט אַף שטאָטישער ערד.

צוליב צוציִען אַף ארבעט די ייִדישע מאַסן, איז נויטיק צו גרינדן אין גאַנץ אוקראַינע פּראָפֿעסיאָנעלע שולן פֿאַר דערוואַקסענע, גרינדן אַרבעט-קאָמונעס און ערד-קאָמונעס.

כ׳ נ י ר נ ב ע ר ג ווייזט אָן, אַז די אַרבעט-אַרמיי איז ניט קיין צייט-ווייליקע דערשיינונג, נאָר אַ לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס. אַף דעם געביט קען מען אַסאַך אויפֿטאָן.

ביקלאַל שטייט פֿאַר אונדז אַ גרויסע טעטיקייט אַפֿן געביט פֿון צוציִען צו אַרבעט די ברייטע ייִדישע מאַסן. די, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ספּעקוליאַציע, וועלן צו אונדז אוודאי ניט גיין, נאָר פֿאַר די רויִנירטע ייִדישע מאַסן איז

די אַרבעט אַרעטונג, און אין דעם פּראַט קענען מיר פֿאַר זיי פֿיל אויפֿטאָן. מען קען שאַפֿן ספּעציעלע אַרבעט-פֿאָרמען, ספּעציעלע וואַרשטאַטן א.ד.גל.

כ׳ ד ע ט י נ ק אָ מיינט, אַז אין איצטיקן מאָמענט שטייט אויך פֿאַר אונדז די פֿראַגע וועגן רעכט אַף אַרבעט. פֿיל ייִדישע באַלמעלאָכעס און אַרבעטער גייען אַרום אָן ארבעט. מען דאַרף צוציִען די ייִדישע אַרבעטער לויט זייערע פֿאַכן, אינדוסטריאַליזירן זיי אין גרויסע ווערקשטאַטן און אַרטעלן.

כ׳ ש י ר ע ר האַלט, אַז עס איז ניט ריכטיק די מיינונג, אַז דער ייִדישער אַרבעטער טויג ניט צו אַלע אַרבעטן אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע. דער ייִדישער רויטאַרמייער האָט געוויזן, אַז ער איז פֿעיִק צו נעמען אָן אָנטייל אין דער ארבעט-אַרמיי און דאָרט טאָן זיין ארבעט צוזאמען מיט די רוסישע אַרבעטער.

כ׳ פ א ר ג א מ א נ י ק וויזט אָן, אַז די ייִדישע מאַסן זיינען רויִנירט און אָפּגעריסן פֿון דער אַרבעט. דערביי ליידן זיי נאָך פֿון די אַנטיסעמיטישע שטימונגען. מען דאַרף שאַפֿן גינסטיקע אַרבעט-באַדינגונגען פֿאַר די, וואָס זיינען אָפּגעריסן פֿון דער אַרבעט. דאָס וועט זיין די בעסטע אַגיטאַציע פֿאַר די אַנדערע ייִדישע עלעמענטן.

כ׳ ט ש ע ס ק י ס: פֿאַרן גאַנצן לאַנד שטייט איצט די פֿראַגע וועגן אויפֿשטעלן די צושטערטע ווירטשאַפֿט. אונדזער אויפֿגאַבע איז צו זען, אַז די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן זאָלן נעמען דעם געהעריקן אָנטייל אין דערדאָזיקער אַרבעט. דערביי דאַרפֿן מיר זיך רעכענען מיט דער צוועמעסיקייט און מיט די באַדינגונגען. עס איז מעגלעך, אַז עס זאָלן זיין אַזעלכע באַדינגונגען, ווען עס וועט נויטיק זיין שאַפֿן ספּעציעלע ייִדישע אַרטעלן. קיין פּרינציפּ דאַרפֿן מיר אָבער דערפֿון ניט מאַכן.

כ׳ ר אַ פֿ ע ס: מען דאַרף צוגיין צו דער פֿראַגע און באַטראַכטן זי אין איר גאַנצער ברייט. די פּראָבלעם צו צוציִען די ייִדישע מאַסן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט האָט שוין איר געשיכטע. איצט האָט זיך געשאַפֿן אַזאַ סיטואַציע, ווען דאָס לעבן אַליין צווינגט די ייִדישע מאַסן צו איבערגיין צו אָן אַרבעט. מיר דאַרפֿן דעם פּראָצעס אונטערשטיצן. מיר דאַרפֿן ניט זיין צו סענטימענטאַל בענוגייע צו די, וואָס האָבן שטענדיק געצויגן זייער כאַיונע פֿון האַנדל און אַנדערע ניט פּראָדוקטיווע פּאַרנאָסעס. מיר זיינען פֿאַרינטערעסירט, אַז עס זאָל וואָס גיכער איינגעפֿירט ווערן די אַרבעט-פֿליכטן, און מיר דאַרפֿן טרייבן די ייִדישע מאַסן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

די רויִנירטע ווירטשאַפֿט פֿאָדערט די אָנשטרענגונג פֿון איבערמענטשלעכע קויכעס. עס איז אַ פֿראַגע פֿון טויט אָדער לעבן. און באַ אַזאַ לאַגע איז ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן באַזונדערע טיילן. עס קען ניט געשטעלט ווערן די פֿראַגע וועגן אַזוינע קלייניקייטן. פֿאַרשיידענע שטערונגען קען מען שטענדיק געפֿינען. אַמאָל איז עס געווען די שאַבעס-פֿראַגע, אַמאָל די שפּראַך, דער איקער איז, וואָס עס זיינען ניטאָ קיין ספּעציעלע באַדינגונגען, וואָס זאָל

פֿאָדערן באַזונדערע ייִדישע אָפּטיילונגען. פֿאַר אונדז איז וויכטיקער, אַז די ייִדישע אַרבעטער זאָלן אַרייַנגעגלידערט ווערן אין די אַלגעמיינע טיילן, וואָס דאָרט וועלן זיי אויסלעבן די אַלטע מינהאָגים. ספּעציעלע ייִדישע אַרבעט-טיילן זייַנען שעדלעך און רעאַקציאָנער. זיי קענען דערווייַל שטערן דעם ייִדישן אַרבעטער פֿון דער גאַנצער אַרבעטער-מישפּאָכע. פֿאַרקערט, ווען די ייִדישע אַרבעטער וועלן אַרבעטן צוזאַמען מיט זייערע כאַווײרים פֿון אַנדערע פֿעלקער, וועלן זיי זיך גיכער צונויפֿלעבן און בעסער פֿאַרשטיין איינער דעם אַנדערן.

די אויפֿגאַבן אונדזערע זייַנען: צו פֿירן אַ גרויסע אַגיטאַציע און קעמפֿן קעגן דער ספּעקוליאַציע; מיטהעלפֿן באַם דורכפֿירן די אַרבעט-פּליכטן מאָבי־ליזירן אַלע אינטעליגענטע קויכעס פֿאַר אַגיטאַציע צווישן די ייִדישע מאַסן; באַוואָרענען, אַז די ייִדישע אַרבעטער זאָלן האָבן זייערע קלובן, צייטונגען א. אז. וו., אָבער מיר דאַרפֿן ניט אַרויסרוקן קיין לאָזונגען וועגן סעפּאַראַטע ייִדישע אָפּטיילונגען.

כ׳ לאָקשין ווייזט אָן, אַז די פֿראַגע ווערט דאָ געשטעלט טעאָ־רעטיש און ניט פּראַקטיש. מען דאַרף ניט אַגיטירן פֿאַר גיין אין דער אַרבעט-אַרמיי. מען וועט מעמיילע גיין, אַבי מען זאָל נאָר געבן אַרבעט. עס איז נויטיק צו זען, אַז די מעלוכע-אַנשטאַלטן זאָלן אַרייַנציִען די מאַסן, וואָס זוכן אַרבעט, און געבן זיי ברויט. עס איז דעריבער ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן ספּעציעלע ייִדישע אָפּטיילונגען.

כ׳ נייפֿאַך שטעלט זיך אָפּ אויף דער וויכטיקייט פֿון דער אַרבעט צווישן דער ייִדישער יוגנט. עס איז נויטיק אַרייַנציִען די ייִדישע יוגנט אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרייַנען און צוגרייטן פֿון זיי קאַדרען פֿון קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער.

כ׳ אָרשאַנסקי באַווייַזט, אַז עקאָנאָמיש דאַרף מען האָבן באַזונדערע ייִדישע טיילן. בענוגייע צו די קוואַליפֿיצירטע קען מען זיך טאַקע באַגיין אָן זיי, נאָר פֿאַר די ניטקוואַליפֿיצירטע מוז מען האָבן באַזונדערע טיילן. ניט צוליב אַנטיסעמיטיזם, ניט צוליב שפּראַך, נאָר ווייל אַ מענטש מוז האָבן די נויטיקע סוויווע פֿאַר זייַן אַרבעט. אָן דער סוויווע קען קיין אַרבעט ניט זייַן פּראָדוקטיוו. אין אַרבעט-מאַכנעס, ווו מען רעט אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן, קען די אַרבעט ניט זייַן פּראָדוקטיוו. מען מוז האָבן באַזונדערע ייִדישע טיילן, אויב מען וויל, אַז די אַרבעט זאָל זייַן פּראָדוקטיוו, און די ייִדישע עלעמענטן זאָלן ניט נאָר פֿאַרנעמען שטעלעס פֿון „דעסיאַטניקעס" אין די אַלגעמיינע אַרבעטער-מאַכנעס.

כ׳ ראַפּעס ווייזט אָן, אַז מען פֿאַרלירט קעסיידער צייט אין אומ־פּרוכטבאַרע כקירעס. מען דאַרף צוטרעטן צו דער אַרבעט פּראַקטיש. מען דאַרף קוידעמקאָל צוציִען די ייִדישע מאַסן צו דער אַרבעט, און נאָכדעם וועט מען שוין זען, צי קענען זיי זיך געפֿינען אין די אַלגעמיינע טיילן, אָדער זיי מוזן פֿאַר זיך האָבן באַזונדערע טיילן. פֿאַר אונדז איז פֿאַראַן אַ גראַנדיעזע מעג-

18. ש. אַגורסקי. ייִדישע קאָמיסאַריאַטן.

גלעכקייט—צו פֿאַרוואַנדלען די ייִדישע מאַסן אין אַ פּראָדוקטיוון עלעמענט. אָט די אַרבעט דאַרפֿן מיר טאָן, מיר דאַרפֿן אַנטוויקלען אַ גרויסע איניציאַטיוו אַף דעמדאָזיקן געביט. מען קען אָרגאַניזירן די ייִדישע היימלאָזע, אַז זיי זאָלן אַרבעטן אין די „זונטיקן" און פּאָפּוליאַריזירן די אידייע פֿון אַרבעט, ווי אַן אויסוועג פֿון דער איצטיקער שווערער לאַגע.

די, וואָס פֿאָדערן באַזונדערע ייִדישע טיילן, זיינען צו פּעסימיסטיש. עס איז ניטאָ קיין געפֿאַר, אַז אַלע ייִדן וועלן ווערן „דעסיאַטניקעס". מען וועט זיי שיקן אַף אַרבעט, און זיי וועלן מוזן זייער אַרבעט טאָן.

עס ווערן אריינגעטראָגן צוויי רעזאָלוציעס פֿון כ׳ לעוויטאַן און פֿון כ׳ טשעסקיס.

רעזאָלוציע פֿון כ׳ לעוויטאַן.

1) די אָרגאַניזירונג פֿון אַרבעט-אַרמייען און דער געזעץ וועגן אַרבעט-פֿליכט גיט די מעגלעכקייט פּראַקטיש צו שטעלן די פֿראַגע וועגן צוציען די ברייטע ייִדישע מאַסן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

2) אונדזער אויפֿגאַבע איז דורכצופֿירן אַף דער ייִדישער גאַס די אַרבעט-פֿליכט אין אַלגעמיינעם מעלוכע-מאַסשטאַב.

3) עס דאַרפֿן אַנערקענט ווערן פֿאַר שעדלעך, סײַ פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די אַלגעמיינע מעלוכע-פּלענער, סײַ פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער עמעסער פּראָלעטאַריזירונג פֿון ייִדישן קליינבירגערטום, אַלערליי קאָמבינאַציעס, וואָס שטרעבן צו שטעלן די אויבנאָנגעוויזענע פֿראַגע אין די גרענעצן פֿון ספּעציעלע ייִדישע אויסבילדונגען.

4) פֿאַרשיידענע אַרטעלן, ווערקשטאַטן און ערד-ווירטשאַפֿטן, ווו עס וועלן קענען געפֿינען אַרבעט ייִדישע אַרבעטער, קענען אַנערקענט ווערן אָדער ווי אַ פּאַליאַטיוו אָדער ווי מוסטער-אַנשטאַלטן. זיי קענען דעריבער ניט שפּילן קיין ראָל אין דער ראַדיקאַלער לייזונג פֿון דער פֿראַגע.

5) באַם אַריינציען די ייִדישע מאַסן אין דער פּראָדוקטיווער אַרבעט דאַרף מען זיך רעכענען ניט אַזוי מיט די ספּעציעלע ייִדישע אַרבעטער-געוואָינהייטן, נאָר מיט דער אַלגעמיינער צוועקמעסיקייט און מיט דער אויפֿגאַבע אויפֿצושטעלן די מעלוכע-ווירטשאַפֿט.

6) אין איצטיקן מאָמענט דאַרפֿן מיר שטרעבן צוצוציען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט ניט ביקלאַל די ברייטע ייִדישע מאַסן, נאָר יענע, וואָס קענען שוין איצט זיין אַנערקענט, ווי צוגעפּאַסט צו געוויסע אַרבעטן.

7) די ערשטע אויפֿגאַבע איז צופֿירן אַ ברייטע אגיטאַציע, קעדיי דער געדאַנק וועגן אַרבעט-פֿליכט זאָל דורכדרינגען די פּסיכאָלאָגיע פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע און אַרבעט-זוכנדיקע עלעמענטן.

רעזאָלוציע פֿון כ׳ טשעסקיס.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָרגאַניזירונג פֿון אַרבעט-אַרמייען איז געשטעלט געוואָרן אין טאָגאָרדענונג די פֿראַגע וועגן ארייננציען די יידישע מאַסן אין פּראָדוקטיווער אַרבעט. קעדיי אַרייננציען די יידישע מאַסן אין דער אַרבעט-אַרמיי, איז נויטיק:

1) צו פֿירן אַ ברייטע אַגיטאַציע דורך בלעטלעך, פּלאַקאַטן א. ד. גל. קעגן ספּעציעלע יידישע פּאַרנאָסעס און פֿאַר פֿיזישער פּראָדוקטיווער אַרבעט.

2) אָרגאַניזירן ווערקשטאַטן און אַרטעלן פֿאַר די יידישע אַרבעטער און באַלמעלאָכעס, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון דער פּראָדוקציע, אַדאַנק די פּאָגראָמען און בירגער-קריג.

3) ביז עס וועט אָרגאַניזירט ווערן די אַרבעט-פֿליכט דורך דער ראַטנמאַכט, דאַרף מען זען, אַז אומעטום, ווו עס איז נאָר מעגלעך, זאָלן געשאַפֿן ווערן באַזונדערע אָפּטיילונגען פֿאַר ניטקוואַליפֿיצירטע אַרבעטן, וואָס דורך זיי זאָלן די יידישע מאַסן זיך צוגעוואָינען צו פֿיזישער אַרבעט.

נאָך דער אָפּשטימונג איז די רעזאָלוציע פֿון כ׳ טשעסקיס אָנגענומען געוואָרן פֿאַר אַ יעסאָד פֿאַר דער רעזאָלוציע פֿון דער באַראַטונג*).

*) איבערגעדרוקט פֿון נומער 2 „פּאַרטיי-יעדיעס פֿון הויפּט-ביוראָ פֿון די יידישע סעקציעס בא דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אוקראַינע״, 20־טן מאַרט 1920.

כארקאָווער באַראַטונג*).

* * *

צווישן 15 און 20-טן מאַרץ 1920 איז אין כאַרקאָוו פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג פֿון ייִדישע קאָמוניִסטישע סעציעס איִן באשטאַנד פֿון פלענום פֿון צענטראַל-ביוראָ פֿון די ייִד. קאָמ. סעקציעס באם צ. ק. ק. פּ. או. און פֿאָרשטייער פֿון ייִדישע סעקציעס איִן פֿאָלגנדיקע שטעט: וויִטעבסק, קיִעוו, קרעמענטשוג, כאַרקאָוו, בערדיִטשעוו, יעקאַטעריִנאָסלאַוו, אָדעס, ראָסטאָוו, מאַריִופּאָל, פֿאָרשטייער פֿון צ. ק., פֿון ייִדיִשן יוגנט-פֿאַריין אין אוקראַיִנע און אין אַנדערע ערטער, סאַכאַקל—16 מאַן מיט באשטימונג-רעכט און 13 מאַן מיִט באראטונג-רעכט.

עס זיינען באהאנדלט געוואָרן פֿיל וויִכטיקע פֿראַגן, וואָס זיינען שאַיעך אַלע געביִטן פֿון דער אַרבעט וועגן היִלף פֿאַר די געליטענע פֿון פֿאָגראָמען און נאָך א ריי לויפֿנדיִקע און וויכטיקע פֿראַגן, וואָס האָבן געוואַרט זייער אַנטשיידונג. עס זיינען אויסגעהערט געוואָרן באַריִכטן פֿון די ערטער, פֿון די אַנשטאַלטן און פֿון די צענטראַלע אנשטאלטן און פֿון ייִדישן יוגנט-פֿאַרבאנד אין אוקראַיִנע.

פֿון די באַריִכטן וועגן דער אַרבעט אין די הויפּט ראַיאָנען פֿון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין ראַטן-רוסלאַנד—וויטעבסקער און האָמלער—איז צו זען, אַז דאָרטן האָבן די ייִדישע סעקציעס אַנטוויִקלט אַ ברייטע אַרבעט צוויִשן די ייִדישע מאסן סײַ איִן פּאָליטישן זין סײַ אף אלע אַנדערע געביטן פֿון אָרגאַניִשער ראַטן-אַרבעט. איִן די רייען פֿון די ייִדישע אַרבעטערמאַסן וואַקסט די קאָמוניִסטישע שטיִמונג פֿון טאָג צו טאָג. דאָס האָבן באַשיינפערלעך באוויִזן די וואַלן אין ארבעטער-ראַט איִן וויטעבסק און האָמעל. דאָס אָגטיילנעמען פֿון די ייִדישע אַרבעטער אין מאַסן-קאַמפּאַניעס, וואָס ווערן דורכגעפֿירט דורך דער קאָמוניִסט. פּארטיי, און זייער באציונג צו די אונטערנעמונגען פֿון די ייִדישע סעקציעס. די סאָציאַליִסטיִשע פּאַרטייען האָבן שוין פֿאַרלאָרן דעם איינפֿלוס אף די ארבעטער, און ארום דעם „בונד", דעם געוועזענעם העגעמאָן אַף דער ייִדישער ארבעטער-גאַס, זיינען געבליבן נאָר אַ הייפֿל קליינבירגערלעכע און איִנטעליִגענטיִשע כסידים, וועלכע האָבן שוין אויך אָנגעוואָרן דעם גלייכגעוויִכט און וואַקלען זיך איִן אלע זייטן.

---

*) איבערגעדרוקט פֿון דער „קאָמוניִסטישער וועלט" נומ. 12, יאַנוואר-פעוראַל 1920.

פֿון די באַריכטן פֿון די שטעט פֿון אוקראַינע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גרעסטער טייל פֿון די ייִדישע סעקציעס, וועלכע זיינען באַשטאַנען פֿון געוועזענעם „קאָמפֿאַרבאַנד", האָט פֿאַר דער צייט פֿון דער אָקופּאַציע געהאַט אַ קליינע פֿאָרשטעלונג וועגן זיין אַריינטריט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט איינציקע טעג פֿאַר אונדזער פֿאַרלאָזן אוקראַינע, און זיי זיינען געווען גאַנץ אָפּגעריסן פֿון דער פּאַרטיי, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס גאַנץ אָפֿט פֿלעגן די ייִדישע סעקציעס טראָגן אַף זייערע פּלייצעס קימאַט די גאַנצע אונטערערדישע אַרבעט. אין איינציקע שטעט האָבן זיי ביז דער באַפֿרייונג פֿון אוקראַינע אַפֿילע ניט געוווּסט וועגן דעם פֿאַקט פֿון ליקווידאַציע פֿון „קאָמפֿאַרבאַנד". זיי איז אויסגעקומען אין משך פֿון די לעצטע פֿאַר כאַדאָשים דורכמאַכן צוזאַמען מיט די אויסערלעכע פֿאָרמאַליטעטן פֿון אַריינגיין אין דער קאָמ. פּאַרטיי אויך דעם שווערן אינערלעכן פּראָצעס פֿון אויסלעבן די שיראַים פֿון דער אַלטער ייִרושע און „אַקלימאַטיזירן" זיך אין דער פּאַרטיי. דאָס אַלץ האָט אָבער שווער געווירקט אַפֿן צושטאַנד פֿון די סעקציעס. די פֿאַרבליבענע אילוזיעס פֿון אַ זעלבשטענדיקער פּאַרטיי האָט, פֿון איין זייט, אַרויסגערופֿן בא די סעקציעס אַ שטרעבונג צו אָפּגעזונדערטקייט און באַגרענעצונג אין די דאַלעדאַמעס פֿון די ייִדישע איניאָנים, און פֿון דער צווייטער זייט האָט די לאַגע אַרויסגערופֿן מיצאַד די אַלגעמיינע פּאַרטיי-אינסטיטוטן אָפּטמאָל אַ גאַנץ פֿאַרשטענדלעכן אומצוטרוי צו די ייִדישע סעקציעס, וואָס פֿלעגן באַשולדיקט ווערן אין ענגן נאַציאָנאַליזם א. ד. ג.

איצט אָבער באַמערקט זיך גאַנץ בולעט ווי דער אומנאָרמאַלער צושטאַנד ווערט באַקעמפֿט און אויסגעלעבט מיט דער אָנשטרענגונג פֿון ביידע צדאָדים. דאָס האָט באַוויזן די שטימונג פֿון די דעלעגאַטן פֿון די ערטער, וועלכע גייען צו צו דער פֿראַגע מיט אַ געזונטן קוק און האָבן זיך געשטעלט אַף אַ ריכטיקן וועג.

אַרום דער פֿראַגע וועגן אינהאַלט, אויפֿגאַבן און פֿאָרם פֿון די ייִדישע סעקציעס האָבן זיך אַנטוויקלט זייער אינטערעסאַנטע דעבאַטן, וואָס האָבן אויפֿגעדעקט די שוואַכע זייטן אין דער אַרבעט פֿון די סעקציעס אַף אוקראַינע. זיי האָבן אָבער אויך באַוויזן, אַז טראָט נאָך טראָט גייען די ייִדישע סעקציעס צום ריכטיקן וועג און קומען צו דיזעלבע אויספֿירונגען, צו וועלכע עס זיינען געקומען די ייִד. סעקציעס אין גרויסרוסלאַנד.

אַ שלעכטע ווירקונג אַף די דערפֿאָלגן פֿון די ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג האָט געמאַכט דער ווילדער פּאָגראָם-טאַנץ פֿון דעניקינס באַנדעס, וועלכע האָבן רויִנירט די ייִדישע גאַס און כאָרעוו געמאַכט דעם פֿונדאַמענט פֿון עקאָנאָמישן לעבן פֿון די ייִד. מאַסן און ביפֿראַט פֿון די ייִדישע אַרבעטער-מאַסן, און עס איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז די פֿראַגע וועגן עקאָנאָמישער אַרבעט, וועגן צוציען די ייִדישע מאַסן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, און אין דער ערשטער ריי די פֿראַגע וועגן הילף די געליטענע פֿון פּאָגראָמען, האָבן צוגעצויגן די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער באַראַטונג, וועלכע האָט די פֿראַגע ערנסט און אַלזייטיק באַהאַנדלט, און האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז דער געביט

פון אָט דער אַרבעט דאַרף ווערן בא היינטיקן טאָג איינע פון די וויכטיקסטע בא די יידישע סעקציעס.

גאַנץ גענוי איז באהאנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן דער בילדונג-אַרבעט ביקלאַל און וועגן די פאָרמען און בילדונג-אַפּאַראַטן אין אוקראַינע בי-פראַט.

עס זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלע פראַגן, וואָס האבן א שאַיכעס צו אַנדערע געביטן פון יידישער ראַטן-אַרבעט.

עס איז באשלאָסן געוואָרן אָפּגעבן אַ גרויסן אָרט דער אַרבעט צווישן דער יוגנט.

עס זיינען באהאנדלט געוואָרן נאָך פיל פראַגן: פאַרלאַג-אַרבעט, אַרבעט אין אָקופּאַציע וועגן „סעטמאַס", קולטור-ליגע און נאָך אנדערע.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפרופן דעם 1-טן יול 1920 יאָר די דריטע אלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס אין מאָסקווע.

1. רעוואָלוציע וועגן די באַריכטן.

אויסהערנדיק די באַריכטן וועגן דער אַרבעט פון די יידישע סעקציעס אַף אוקראַינע און אויך אין די צוויי גרעסטע צענטרען פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין ראַטנרוסלאַנד—אין האָמעל און אין וויטעבסק—קאָנסטאַטירט די כאַרקאָווער באַראַטונג פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס:

1. אין די אָרגאַניזאַציעס פון ר. ק. פּ. אין וויטעבסק און האָמעל האָבן זיך בא דער אַריינמישונג פון דעם צ. ק. פון דער ר. ק. פּ. פאַר די לעצטע מאָנאַטן איינגעשטעלט נאָרמאַלע באַציונגען, צווישן דער יידישער סעקציע און די אַלגעמיין-פּאַרטעישע אינסטאַנצן. אַדאַנק דעם האָבן זיך דאָרט די יידישע סעקציעס געשטעלט אַפּן וועג פון ברייטער אַגיטאַטאָרישער און פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט צווישן דער יידישער אַרבעטער-מאַסע. דאָס האָט געבראַכט צום פולשטענדיקן באַנקראָט פון בונד בייס די וואַלן אין אַרבעטער-ראַט אין וויטעבסק (נאָיאַבר) און האָמעל (פעווראַל). די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אין יענע שטעט געוואָרן די איינציקע פאַרטרעטערן פון די יידישע אַרבעטער-מאַסן, וועלכע גיסן זיך מאַסנווייז אַריין אין אירע רייען.

2. די שווערע אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע האָבן זיך געשאַפן פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי אַף אוקראַינע, ווו עס לאָזן זיך נאָך שטאַרק פילן די פאָלגן פון דעניקינס אָקופּאַציע, האָבן באַזונדערס שלעכט געווירקט אַף דער אַרבעט פון די יידישע סעקציעס.

דער שרעקלעכער כורבן, וואָס די פּאָגראָמען האָבן אַריינגעטראָגן אין עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן פון די יידישע אַרבעטער, האָט פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער קאָמוניסטישער מאַסן-באַוועגונג, און אין איי-ניקע ערטער אַפילע געוויסערמאַסן אָפּגעשאַפּט די דערפאָלגן פון דער קאָמו-ניסטישער אַרבעט פאַרן פאָריקן פעריאָד פון דער ראַטנמאַכט.

3. די אַרבעט פֿון די ייִדישע סעקציעס אַף אוקראַינע איז פֿון די פֿאַרגאַנגענע 3 מאָנאַטן נאָך ניט אַרויס פֿון דער סטאַדיע פֿון אינעווייניקסטער אָרגאַניזאַציאָנעלער בויונג. מיט קליינע אויסנאַמען זיינען נאָך די סעקציעס ניט אַריבערגעגאַנגען צו דער ברייטער אָרגאַנישער אַרבעט. אין אייניקע פֿון די ייִדישע סעקציעס באַמערקט זיך שטאַרק די טענדענצן פֿון אָרגאַניזאַציאָנעלער אָפּגעזונדערטקייט.

די נייע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי האָבן נאָך קיין צייט ניט געהאַט אויסצולעבן די לעצטע אילוזיעס פֿון א באַזונדער מין ייִדישער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער ביסלעכווייז קומען זיי דערצו, ווי זיי ווערן נאָר אַרייגעצויגן אין דער אַלגעמיינער אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי.

4. אַ גרויסע שולד פֿאַר די שוואַכע דערפֿאָלגן, און אויך פֿאַר די אָפּזונדערונג-טענדענצן פֿון די ייִדישע סעקציעס אַף אוקראַינע פֿאַלט אַף די אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע אינסטאַנצן פֿון ק. פּ. או. אַ ריי גובערניאַלע קאָמיטעטן און ארטיקע אָרגאַניזאַציעס (יעקאַטערינאָסלאַוו, בערדיטשעוו, וויניצע, קרעמענטשוג, פּאָלטאַווע) זאָגן זיך פּאָשעט אָפּ דורכצופֿירן אין לעבן די קאַטעגאָרישע באַשלוסן פֿון צ. ק. ק. פּ. או. וועגן בילדן די סעקציעס.

דער צ. ק. ק. פּ. או. האָט ערשט די לעצטע צייט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ציִרקוליאַר וועגן די נאַציאָנאַלע סעקציעס, אין וועלכן עס ווערט געוויסערמאַסן אָפּגעשאַפֿט דער באַשלוס פֿון צ.ק. אין אַווגוסט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן איידער דער פֿאַרבאַנד איז אַריינגעטראָטן אין פּאַרטיי.

די ראַטנאַנשטאַלטן אַף אוקראַינע, וועלכע זיינען ערשט אויפֿגעבויט געוואָרן, האָבן נאָך ניט געהאַט קיין צייט אַוועקצושטעלן פֿאַר זיך די אויפֿגאַבן פֿון ברייטער אָרגאַנישער אַרבעט, דאָס האָט זיך אויך געמוזט אָפּרופֿן אַף דער אַרבעט לעטויוועס די ברייטע ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

אין דערזעלבער צייט ווירקט אָבער אויך זייער שלעכט דאָס פֿעלן פֿון דער ייִדישער סעקציע אין די ראַטנאַנשטאַלטן פֿאַר בילדונג-אַרבעט און די אומבאַשט-מקיית, וואָס הערשט אין דערדאָזיקער פֿראַגע. דאָס פֿעלן פֿון דער צענטראַלער סעקציע צו העלפֿן די געליטענע פֿון פּאָגראָמען, וועלכע האָט פֿאַריקן יאָר אַנטוויקלט אַ ברייטע אַרבעט, לאָזט ניט פֿאַרייניקן און אָנפֿירן מיט דער אַרבעט פֿון די אָרטיקע סעקציעס אין „סאָבעס”, וואָס איז אַזוי וויכטיק בײַ דער קאַטאַסטראָפֿאַלער לאַגע, אין וועלכער עס געפֿינען זיך הונדערטער טויזנטער פֿון די געליטענע דורך פּעטליוריִשע און דעניקינישע פּאָגראָמען.

די באַראַטונג רופֿט די ייִדישע סעקציעס צו האַלטן זיך אין זייער אַרבעט אָן די פֿאָלגנדיקע הויפּט-אָנווייזונגען:

א) אַף אוקראַינע, ווו עס זיינען אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט די נאַציאָנאַליסטישע אידייען, דאַרף די אויפֿגאַבע פֿון די ייִדישע סעקציעס זיין פֿריער פֿאַר אַלץ—פֿירן אַפֿן ענערגישסטן אויפֿן אַ קאַמף קעגן דער טענדענץ פֿון אָפּזונדערונג, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטן מיצאַד די רעשטלעך פֿון די אַלטע פּסעוודאָ-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

ב) עס דאַרף ענערגיש באַקעמפּט ווערן יעדער שטרעבונג צו פאַר־וואַנדלען די יידישע סעקציעס אין אַ געשלאָסענער אָרגאַניזאַציע, אַף וועלכע די כאַווײרים זאָלן קאָנען קוקן, ווי אַף אַ באַזונדער יידישער אָרגאַניזאַציע.

ג) די יידישע סעקציעס דאַרפן זיין די ברייטע אַרבעטער־אַפּאַראַטן, וואָס פירן אין נאָמען פון דער גאַנצער פּאַרטיי די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן, קעדיי צו אַנטוויקלען זייער קאָמו־ניסטישן באַוווסטזיין.

ד) הילף־אָרגאַנען אין דער סעקציע דאַרפן אַזוי זיין אָרגאַניזירט, אַז זיי זאָלן ענג פאַרבונדן זיין מיט די אונטערנעמונגען און פּראָפעסיעס, ווו עס אַרבעטן גרויסע מאַסן יידישע אַרבעטער, און מיט די געהעריקע אַלגעמיין־פּאַרטעישע אינסטיטוציעס, קעדיי די סעקציעס זאָלן ווירקלעך צו הילף קומען דער פּאַרטיי אין איר גאַנצער אַרבעט און באַזונדערס בא דער דורכפירונג פון ברייטע קאַמפּאַניעס (אומפּאַרטעישע קאָנפערענצן, וואַלן צום אַרבעטער־ראַט).

ה) די סעקציעס דאַרפן לייגן די גאַנצע אופמערקזאַמקייט אַף צוציען אין דער פּאַרטיי די מאַסן פון אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער.

2. רעזאָלוציע וועגן בילדונג־אַרבעט.

די באַראַטונג קאָנסטאַטירט, אַז ביז איצט איז אָפּן געביט פון ברייטער קולטור־אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן ווינציק אופגעטאָן געוואָרן.

דאָס פאַרהאַלט אין אַ געוויסער מאָס די רעוואָלוציאָניזירונג און דעם פּראָצעס פון אַריינציען די יידישע מאַסן אין דער שעפערישער אַרבעט.

באַזונדערס טרויעריק באַשטייט אין דעם פּראַט די לאַגע אין אוק־ראַינע, ווו כויץ די אַלגעמיינע אָביעקטיווע סיבעס האָט אויך געווירקט דער מאַנגל פון ספּעציעלע ראַטן־אָרגאַנען פאַר דער יידישער פאָלקבילדונג.

די באַראַטונג גיט איבער דער ה. ב. זי זאָל אָנעמען פּראַקטישע שריט, אַז אַזעלכע אָרגאַנען זאָלן וואָס גיכער געבילדעט ווערן. די אָרטיקע יידישע פּאַרטיי־סעקציעס זיינען מעכויעוו אָפּגעבן דערדאָזיקער אַרבעט מער אופמערק־זאַמקייט און אויסטיילן צוליב איר די נויטיקע קויכעס.

באַם פאַנאַנדערטיילן די קרעפטן דאַרפן די צ.ב. און ה.ב. זען, אַז די אָרטיקע סעקציעס זאָלן זיין אין אַ געהעריקער מאָס באַזאָרגט מיט קאָמו־ניסטן־טוער אָפּן געביט פון פאָלקבילדונג.

אַרויסגייענדיק פון דער פּראַקטישער דערפאַרונג פון גרויסרוסלאַנד אָפּן געביט פון בילדונג צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און אָנעמענדיק אַלס גרונט די אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּן, וועלכע זיינען פאָרמולירט אין דער רע־זאָלוציע פון מאָסקווער צוזאַמענפאָר וועגן בילדונג צווישן נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן און אין די קלאָלים פון רוסלענדישן „נאַרקאָמפּראָס” פון 25 סענ־טיאַבר 1919 יאָר וועגן דערדאָזיקער פראַגע—נעמט אָן די באַראַטונג די פאָלגנ־

דיקע פרינציפּן, אַף וועלכע עס דאַרפֿן געבויט ווערן די ספּעציעלע ראַטן-אָר־גאַנען פֿאַר יידישער פֿאָלק-בילדונג.

1. די יידישע בילדונג-סעקציע סאַי אין צענטער סאַי אַף די ערטער איז אַן אָרגאַן פֿון די אַלגעמיינע בילדונג-אַנשטאַלטן, און זי אַרבעט גלייכצייטיק אויך אונטער דער פּאָליטישער אָנפֿירונג פֿון דער יידישער סעקציע אין דער פּאַרטיי.

2. אַלע אָרגאַנישע צווייגן פֿון דער יידישער בילדונג-אַרבעט זיינען אַ טייל פֿון די געהעריקע אַלגעמיינע אָרגאַנישע צווייגן און זיינען פֿאַרבונדן דורך דער יידישער בילדונג-סעקציע, וואָס האָט די פֿונקציעס צו העלפֿן די אַלגעמיינע בילדונג-אָרגאַנען צוצופּאַסן און דורכצופֿירן זייער אַרבעט באַ די ספּעציעלע באַדינגונגען פֿון יידישן לעבן.

3. די פּאָליטישע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון דער אַרבעט פֿון דער בילדונג-סעקציע ליגט אַף דעם פֿאַרוואַלטער אָדער דער קאָלעגיע פֿון דער סעקציע, וועלכע ווערן באַשטימט פֿון דעם אַלגעמיינעם בילדונג-אָרגאַן לויט דעם פֿאָרשלאָג פֿון דער יידישער קאָמסעקציע.

4. עס דאַרפֿן אָנגענומען ווערן פּראַקטישע שריט אַריינצוציען די ברייטע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער בילדונג-אַרבעט פֿון דער ראַטנמאַכט (דורך באַריכטן אַף די אַרבעטער-קאָנפֿערענצן פֿון יידישע אַרבעטער). צוליב דעמזעלבן ציל דאַרפֿן אויך אָרגאַניזירט ווערן בילדונג-ראַטן באַ די יידישע בילדונג-סעקציעס לויט די אינסטרוקציעס פֿון נאַרקאָמפּראָס.

3. די באַציונג צו דער „קולטור-ליגע".

די באַראַטונג געפֿינט, אַז די ריכטיקע אָרגאַניזירונג פֿון דער קולטורעלער אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, פֿאָדערט דורכויס, אַז די־דאָזיקע אַרבעט זאָל קאָנצענטרירט ווערן אין די ראַטן-אַנשטאַלטן פֿאַר יידישער בילדונג-אַרבעט.

די עקזיסטענץ פֿון דער „קולטור-ליגע" איז פֿון איין זייט אַ רעזולטאַט פֿון דער שוואַכער אָרגאַניזירונג פֿון דער קולטור-אַרבעט מיצאַד די אַלגעמיינע בילדונג-אָרגאַנען. פֿון דער אַנדער זייט ווערט די „קולטור-ליגע" אַן אָרט, וווּ די יידישע פּסעוודאָ-סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ שטרעבט צו קאָנסערווירן איר פּאָליטישע אָפּגעשטאַנענקייט און אָפּשטאַרבנדיקן איינפֿלוס אַף די יידישע מאַסן.

דערפֿאַר קאָנען מיר קוקן אַף דער „קולטור-ליגע" אויסשליסלעך, ווי אַף אַ צייטווייליקן בייז, וואָס מוז פֿאַרשווינדן גלייך, ווי נאָר עס וועלן אָנהויבן גוט צו פֿונקציאָנירן די אָרטיקע און צענטראַלע יידישע בילדונג-סעקציעס. ביז יענער צייט קאָן דערלויבט ווערן די עקזיסטענץ און אונטערשטיצונג אויסשליסלעך פֿון יענע איינצלנע אַנשטאַלטן פֿון דער „קולטור-ליגע", וועלכע קאָנען אונטערן דירעקטן קאָנטראָל פֿון דער ראַטנמאַכט געשטעלט ווערן אַף ריכטיקע יעסוידעס.

די גאַנצע „קולטור-ליגע" דאַרף געשטעלט ווערן אונטערן דירעקטן ווירקלעכן קאָנטראָל פֿון דער ראַטנמאַכט.

4. רעזאָלוציע וועגן דער יוגנט.

1. די כאַרקאָווער באַראַטונג פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס געפֿינט פֿאַר העכסט וויכטיק די אַנטוויקלונג פֿון אַ ברייטער קאָמוניסטישער אַגיטאַציע און אויפֿקלערונג-אַרבעט צווישן די מאַסן פֿון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער יוגנט, און זען צוציען זיי צו דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער יוגנט-באַוועגונג.

2. דידאָזיקע אַרבעט מוז אויסגעפֿירט ווערן דורך דעם אַלגעמיינעם קאָמוניסטישן יוגנט-פֿאַרבאַנד באַ די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, און באַ די צענטראַלע איינריכטונגען פֿון לעצטן דאַרפֿן טייקעף באַשאַפֿן ווערן ספּעציעלע אָרגאַנען, וואָס זאָלן אָנפֿירן מיט דער ייִדישער אַרבעט פֿון דער קאָמוניסטישער יוגנט.

3. אַלע ייִדישע סעקציעס באַ דער ר.ק.פּ. און ק.פּ.או. מוזן ענערגיש מיטהעלפֿן דערדאָזיקער אַרבעט.

עס איז ניט דערלאָזבאַר און פֿאַרברעכעריש די גלייכגילטיקע באַציִונג צו דער יוגנט-באַוועגונג מיצאַד די פּאַרטעיִשע אָרגאַניזאַציעס. די סעקציעס מוזן אָפּגעבן די נויטיקע קויכעס צוליב דער אַרבעט צווישן דער יוגנט, קאָמאַנדירן ספּעציעלע מענטשן אין די יוגנט-פֿאַרבאַנדן און אָרגאַניזירן דעם אָנטייל פֿון דער פּראָלעטאַרישער יוגנט אין דער ייִדישער ראַטן-אַרבעט.

4. דער קאָנטאַקט צווישן די פּאַרטיי-סעקציעס און די אָרגאַנען, וואָס פֿאַרוואַלטן מיט דער ייִדישער אַרבעט פֿון קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווערט פֿאַרווירקלעכט דורך דער קעגנזייטיקער פֿאָרשטייערשאַפֿט. די פֿאָרשטייער פֿון דער יוגנט האָבן דערבײַ אין די אַנטשפּרעכנדיקע סעקציע-אינסטאַנצן באַראַטונג-רעכט.

5. די באַראַטונג רעכנט, אַז די עקזיסטענץ פֿון אַ זעלבשטענדיקן קאָמיוג איז שעדלעך. די אָרטיקע סעקציעס מוזן דעריבער אַקטיוו מיטהעלפֿן דעם פּראָצעס פֿון אַריינגיסונג פֿון די ייִדישע קאָמיוג-גרופּן אין די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס.

די צ.ב. און די ה.ב. ווערן פֿאַרפֿליכטעט אָנצונעמען די געהעריקע מיטלען, קעדיי די פֿאַרבינדונג זאָל פֿאָרקומען אַפֿן גאַנצן שטעטך פֿון רוסלאַנד און אוקראַינע.

ביז דער קאָנפֿערענץ פֿון דער ייִדישער קאָמוניסטישער יוגנט דאַרף דער צ.ב. פֿון ייִדקאָמיוגנט באַגרענעצן זיך מיט די פֿונקציעס פֿון אַן אָרגאַניזאַציע-ביוראָ און אַרבעטן מיט דער שטיצע און אונטערן קאָנטראָל פֿון דער צ. ב. און ה. ב.

די ייִדישע אַרבעטער-קלובן, וואָס זיינען דער וויכטיקסטער הילף-אַפּאַראַט פֿון דער סעקציע, דאַרפֿן זיך פֿריער פֿאַר אַלץ פֿאַרנעמען מיט דער אָרגאַניזירונג פֿון לעקציעס, שמועסן און אָוונטן, ווי פֿאַר דער ברייטער אַרבעטער-מאַסע, אַזוי אויך פֿאַר די פּאַרטיי-מיטגלידער, ניט לאָזנדיק זיך אָפּן וועג פֿון אָפֿטע אָרגאַניזאַציע-פֿאַרזאַמלונגען, וועלכע פֿאַרשטאַרקן נאָך די אָפּזונדערונג באַ די פֿרישערע מיטגלידער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די באַראַטונג גיט איבער דער צ. ב. און ה. ב. זיי זאָלן אָננעמען ענערגישע מיטלען, קעדיי עס זאָלן גלייך פֿאַרענטפֿערט ווערן אַלע אָרגאַניזאַציע-פֿראַגן באַ דער אַרבעט פֿון די ייִדישע סעקציעס אין די ראַטן-אַנשטאַלטן, קעדיי עס זאָלן מעגלעך זיין גלייך צוצוטרעטן צו אַ ברייטער אָרגאַנישער אַרבעט לעטויוועס די ברייטע ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

די אַרבעט פֿון דער אָדעסער ייִד. סעקציע אין דער צייט פֿון דעניקינס הערשאַפֿט.

זונטיק, דעם 24-טן אַווגוסט, 1919-טן יאָר, זיינען די ווייסע פֿונם דע-סאַנט אַריין אין שטאָט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער געיעג אַף אַרבעטער. איבערהויפּט אַף יידישע אַרבעטער און יידן.

ס'איז געגאַנגען געווען עמיצן אויסצוזען, ווי אַן אַרבעטער אָדער אַרבע-טער-ייִד, ווי דער שיקזאַל זיינער איז שוין געווען באַשלאָסן: מע פֿלעגט שיסן אין די גאַסן, אַוועקפֿירן אַפֿן וואָקזאַל און דאָרט פייניקן און האַרגענען.

פֿרויען פֿלעגן פֿריער אַכזאָריעסדיק געפּייניקט און געשענדעט ווערן.

אין אַזאַ צושטאַנד האָט דער אומלעגאַלער קאָמפּאַרבאַנדישער קאָמיטעט אָנגעהויבן זיין אַרבעט.

די פּלוצלונגע עוואַקואַציע האָט אַסאַך כאַווייריִם געצווונגען בלייבן אין שטאָט. מע האָט זיך געדאַרפֿט באַהאַלטן, מע האָט באַדאַרפֿט געלט פֿאַר זיי, זייערע געזינדן.

צוליב דעם ווייסן טעראָר האָבן די מיטגלידער פֿון אומלעגאַלן קאָמיטעט פֿונם „קאָמפֿאַרבאַנד“ פֿאַרלאָרן איינער דעם צווייטן. די ערשטע זיצונג פֿון דער „יידביוראָ“ איז פֿאָרגעקומען ערשט דעם 29-טן אַווגוסט באַם מעכאַבער פֿון די שורעס אין לאָקאַל פֿון „אָרט“ (גרויסע אַרנאַוטסקע 22), ווו ער האָט געוואָינט און איז געווען פֿאַרוואַלטער פֿון דער אַרבעט-ביוראָ באַם „אָרט“.

אַף דער זיצונג זיינען געווען נאָר 2 מיטגלידער פֿונם קאָמיטעט: מ. ביר-מאַן און קאַגאַן, אויך דער צוגעצויגענער כ' באָריסעוויטש. פּאַליע קיטאַיגאָ-ראָדסקען און קאַמינקערן האָט מען ניט געקאָנט אויפֿזוכן. מע האָט איבערגע-געבן, אַז מע האָט זיי דערהאַרגעט. צום גליק, האָט זיך עס אַרויסגעוויזן נאָכ-דעם פֿאַר אַ ליגן.

מיט 2 טעג פֿריער, מיטוואָך דעם 27-טן אווגוסט, האָט דער מיטגליד פֿונם געגנטקאָם כ-טע ווערע איבערגעגעבן דעם כ' בירמאַנען, אז לויט די באַקומענע צירקוליאַרן קאָן דער „קאָמפֿאַרבאַנד“ אַריין אין דער קאָמפּאַרטיי. אַלע כאַווייריִם קאָמפֿאַרבאַנדאָווצעס, וואָס אַרבעטן אומלעגאַל, גייען מעכאַניש אַריין אין דער ק.פּ.(ב.)או. דער קאָמיטעט פֿון דער אָדעסער קאָמפֿאַרבאַנדישער אָרגאַניזאַציע ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ ביוראָ פֿון דער יידסעקציע באַ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אוקראַינע.

די 2-טע זיצונג פֿון דער ביוראָ פֿון דער יידסעקציע איז פֿאָרגעקומען אין אַ פּאָר טעג אַרום אַפֿן זעלביקן אָרט. אַף דער זיצונג זיינען שוין געווען אַלע מיטגלידער פֿון דער ביוראָ, כוץ דעם כ' קאַנטאָר. דאָ זיינען אָנגעמערקט געוואָרן ווייטערדיקע וועגן פֿון אַרבעט, אויסגעקליבן געוואָרן „פֿינפּטלעך“. פּ. קיטאַיגאָראָדסקי איז באַשטימט געוואָרן פֿאַרן רעדאַקטאָר פֿונם אונטערער-דישן „קאָמוניסט“, בירמאַן—פֿאַרן קאַסיר (אָפּהיטן דאָס געלט—אַ סומע פֿון 80 טויזנט רובל איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם מעכאַבער פֿון די שורעס).

אַביסל שפּעטער זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן 2 נומערן „קאָמוניסטישע שטימ“, וועלכע זיינען רעדאַגירט געוואָרן פֿון די כ"כ קאַגאַן און וואָליע. עס

זיינען אויך אַרויסגעלאָזט געוואָרן 2 בלעטלעך—איינע צו באָיקאָטירן די וואַלן אין דער שטאָט-דומע, דאָס 2-טע—קעגן דער ווייסגוואַרדעישער מאָביליזאַציע.

פאַר די 6 כאַדאָשים פון אונטערערד האָט די יידסעקציע דורכגעפירט 2 קאָנפערענצן פון די „פינפטלעך״.

אַף דער ערשטער קאָנפערענץ האָט מען אויסגעהערט די אינפאָרמאַציע וועגן דעם אַריינגיסן זיך פון „קאָמפאַרבאַנד״ אין דער ק. פּ. (ב.) או., וועגן אָרגאַניזירן „פינפטלעך״, וועגן פאַשפּרייטן ליטעראַטור, וועגן די פליכטן פון די כאַוויירים אַריינצוטרעטן אין די פאַרטקאָלעקטיוון באַ די פראָפאַריינען און וועגן דעם פּאָליטישן רויטן קרייז.

וועגן דער 2-טער קאָנפערענץ געפינען מיר אינם נומער פונם אומלעגאַלן „קאָמוניסט״ פון יאַנוואַר 1920 יאָר.

די קאָנפערענץ פון דער יידישער סעקציע.

אַף דער פאַרגעקומענער קאָנפערענץ פון דער יידסעקציע באַם אָדעסער געגנט-און שטאָט-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי קאָמוניסטן-באָלשעוויקעס איז נאָכן אויסהערן דעם פאָרטראָג פונם כ׳ פ. ק. וועגן דעם לויפנדיקן מאָמענט אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„1) די קאָנפערענץ באַגריסט הייס די רעוואָלוציאָנערע רויטע אַרמיי, וועלכע האָט מיט איר העלדישן געווער צושלאָגן אַלע פלענער פון דער אַלוועלט-לעכער קאָנטער-רעוואָלוציע און וועלכע האָט מיט אירע זיגן אַף אַלע פראָנטן גע-צווונגען די אַנטאַנט אַריינטרעטן אין אונטערהאַנדלונגען מיט סאָוועטנרוסלאַנד.

2) רעכענענדיק זיך מיט דער נויטיקייט וואָס גיכער צו פאַרענדיקן דעם בירגער-קריג, וועלכער רייסט אונטער די עקאָנאָמישע זיילן פון ראַטן-רוסלאַנד און וועלכער קאָן איינגאַנצן פאַטערן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, געפינט די קאָנ-פערענץ, אַז די אונטערגעריסענע מאַטעריעלע פּראָדוציר-קויכעס הייסן באַפע-לעריש דער ראַטן-רעגירונג צו גיין אַף האַנאָכעס דער אימפּעריאַליסטישער אַנטאַנט, האָפנדיק, אַז דערדאָזיקער שווערער שאָלעם וועט דינען, אַזוי ווי דער ברעסקער שאָלעם אין זיין צייט, אַלס אויסגאַנג-פונקט פאַר דער סאָציאַ-לער רעוואָלוציע אין די לענדער פון דער אַנטאַנט, און גאַנץ אייראָפּע וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סאָוועטישער פעדעראַציע.

3) די קאָנפערענץ באַשטעטיקט נאָכאַמאָל די רעזאָלוציע פון דער אַל-שטאָטישער קאָנפערענץ וועגן דער נויטיקייט מיט אַלע אויפאַנים צו דעזאָרגאַ-ניזירן דעניקינס הינטערלאַנד און רופט דעם קאָמיטעט אויסצונוצן יעדע גע-לעגנהייט אַף צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין שטאָט אין ענגן קאָנטאַקט מיט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון די אַנדערע סאָוועטישע פּאַרטייען״.

אַזוי האָט געלעבט און געקעמפט די יידסעקציע אין אָדעסער אונטער-ערד באַ איר ערשטער אַנטשטייונג.

ל י י ב י אַ כ נ אָ ו י ט ש *).

*) איבערגעדרוקט פון אַרטיקל אין „עמעס״ נומער 266 פון 16-טן נאָיאַבער 1928

די דריטע קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס

(מאָסקווע, 3—10 יול 1920)

די דריטע קאָנפֿערענץ פֿון די יִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס.

די דריטע קאָנפֿערענץ פֿון די יִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס איז פֿאָרגעקומען אין אַ באַזונדערן מאָמענט פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער יִדישער קאָמוניסטישער אַרבעט. נאָכדעם, ווי די אַרבעט פֿון די ערשטע יאָרן פֿון די יִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס און די אַלגעמיינע דערפֿאָלגן פֿון דער רעוואָלוציע האָבן שטאַרק אונטערגעבראָכן דעם אַווטאָריטעט פֿון די אָנפֿירער פֿון די יִדישע פּאַרטייען, פֿון וועלכע די יִדישע מאַסן האָבן זיך אָפּגעקערט, האָבן מיר געהאַט אַ מאַסן־אַריינגאַנג פֿון די מיטגלידער פֿון די יִדישע פּאַרטייען, דאָס, פֿאַרשטייט זיך, האָט זיך שטאַרק אָפּגעשפּיגלט אַף דעם כאַראַקטער פֿון דער דריטער קאָנפֿערענץ.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז צווישן די „יונגע" קאָמוניסטן, וואָס זיינען נאָר וואָס איבערגעגאַנגען פֿון באַזונדערע פּאַרטייען אין אַ גאַנץ אַנדער פּאַרטיי, האָבן פֿיל פֿון זיי נאָך ווייט ניט געהאַט קיין קלאָרע פֿאָרשטעלונג פֿון דעם אינהאַלט און די פֿאָרמען, ווי ס'דאַרף זיין אַוועקגעשטעלט די יִדישע אַרבעט אין דער פּאַרטיי און אין די סאָוועטן־אָרגאַנען. מיר האָבן געהאַט אַף דער קאָנפֿערענץ גאַנץ קענטיקע רעכטע אָפּנויגונגען, וועלכע האָבן גערעכנט, אַז נאָר ווען אונדזער אַרבעט וועט זיין נאָענט צו די אַלטע פֿאָרמען פֿון דער יִדישער אַרבעט, וועלן מיר באַקומען די יִדישע מאַסן. אַן אַנדער טייל האָט זיך אַ ריס געטאָן אין אַ געוויסן ניהיליזם צו דער נאַציאָנאַלער אַרבעט, רעכענענדיק, אַז דערמיט וועלן מיר גיכער אויסלעבן די נאַציאָנאַליסטישע איבערלעבונגען, וועלכע עס האָבן געהערשט באַ די יִדישע מאַסן.

אין אַלגעמיין איז באַ פֿיל פֿון די נייגעקומענע יִדישע טוער אין דער פּאַרטיי געווען אַן איבערצייגונג, אַז די יִדישע אַרבעט, וועלכע עס האָט זיך אין דער פּאַרטיי געפֿירט אָן זיי און ביז זיי, איז געווען ניט קיין עכטע, אַז זיי זיינען די נאַטירלעכע מאָנאָפּאָליסטן פֿון דער יִדישער אַרבעט, נאָר זיי וועלן זי פֿירן ווי נויטיק איז. דער געדאַנק האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס גענומען פֿון דעם, וואָס די פּאַרטיי האָט ווייניק געפֿירט יִדישע אַרבעט, נאָר מען האָט איר איבערגעטריבן, וואָס ס'האָבן אָנערקענט אויך אייניקע כאַווייריִם אין די לעצטע יאָרן.

די קאָנפֿערענץ האָט זיך צוטיילט אין דריי גרופּן: „רעכטע", „צענטער" און „לינקע". די רעכטע גרופּע איז געווען אַן עכט נאַציאָנאַליסטישע, וועלכע האָט פֿאַר דער קאָנפֿערענץ און אַף דער קאָנפֿערענץ גופֿא געקעמפֿט פֿאַר אַן אָרגאַניזיר-פֿאָרם פֿון די יידישע סעקציעס מיט זעלבשטענדיקע, קימאַט אַף בונדישע אַוטאָנאָמישע יעסודעס. דער „צענטער" האָט געפֿאָדערט אָפּטיילן אָנשטאָט סעקציעס, וועלכע זאָלן, ווי אָפּטיילן פֿון דעם אַלגעמיינעם פּאַרטייִשן אַפּאַראַט, פֿירן אַן אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער-מאַסן. די „לינקע" זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער און אַפילע אָפּטיילן אויך ניט געוואָלט. און אין זייער „לינקייט" זיינען זיי אַוועק אַזוי ווייט, אַז דער פֿאָרשטייער פֿון דער לינקער גרופּע דער כ' מערעזשין, איז אינגאַנצן געווען קעגן וועלכער עס איז באַזונדערער עקאָנאָמישער אַרבעט צווישן די ברייטע יידישע מאַסן. ער דער-קלערט: „אַז אויב מען וועט אָרגאַניזירן די יידישע קליינבירגער באַזונדער, וועט מען אויך מוזן אָרגאַניזירן די רוסישע און אַנדערע, און עס וועט זיך אָנהויבן אַ קאַמף צווישן די אָרגאַניזירטע קליינבירגערלעכע מאַסן". (זע די פּראָטאָקאָלן).

אין דידאָזיקע ביידע עקסטרעמע אָפּנויגונגען, סיי אין די פֿאָדערונגען פֿון דער רעכטער גרופּע, אַז די סעקציעס זאָלן האָבן זעלבשטענדיקע פֿאָרמען פֿון אָרגאַניזאַציע און סיי אין דער קינדער-קראַנקהייט פֿון די לינקע, וועלכע זיינען געווען קעגן וועלכער עס איז באַזונדערער עקאָנאָמישער אַרבעט צווישן די יידישע רוינירטע קליינבירגער, האָט זיך בולעט אַרויסגעוויזן די רעשטלעך פֿון בונדיזם. און ראַפּעס האָט אין זיין אַרויסטרעטונג מערעזשינען געזאָגט: „אַז דער, וואָס באַטראַכט די סטאַטיסטישע אָפּטיילונג, וואָס דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט אָרגאַניזירט אַף צו פֿירן אַן עקאָנאָמישע אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן, ווי אַ נאַציאָנאַלע אַרבעט, דער איז נעכטן געווען אַ ציאָניסט, און היינט אַן אַסימילאַטאָר. דאָס איז דער „לינקער קאָמוניזם" (זע ראַפּעס אַרויסטרעטונג אין די פּראָטאָקאָלן).

אין דעמדאָזיקן קאַמף, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַף דער קאָנפֿערענץ, איז קלאָר באַוויזן געוואָרן, אַז אַ גרויסער טייל פֿון די דעלעגאַטן פֿון דער קאָנפֿערענץ, וועלכע זיינען באַשטאַנען 75 פּראָצענט פֿון געוועזענע בונדיסטן און זיינען מיט אַ יאָר צוריק אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן נאָך אַריינגעטראָגן דעם גאַנצן אידעאָלאָגישן באַגאַזש פֿון בונד אין די רייען פֿון ר. ק. פּ.

צוליב דעמדאָזיקן פֿאַקט האָט אויך פּאַסירט, אַז אין די דעבאַטן אַרום די באַריכטן פֿון צ. ב. פֿון די קאָמוניסטישע סעקציעס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פֿון פֿאַרביטערטער קריטיק און אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונגען קעגן די אָנפֿירער פֿון צ. ב. און יידישן קאָמיסאַריאַט, בעראָש פֿון וועלכע עס איז געשטאַנען אַזאַ אַלטער באָלשעוויק ווי ש. דימאַנשטיין, פֿאַר ניט פֿירן קיין זעלבשטענדיקע פּאָליטיק אין דער יידישער אַרבעטער-סוויווע.

פֿון ביידע זייטן האָט מען קריטיקירט די אָנפֿירונג פֿון צ. ב. די רעכטע פֿאַר ניט פֿירן קיין באַזונדערע יידישע אַרבעט, און די „לינקע" פֿאַר יאָ

פֿירן אַ באַזונדערע ייִדישע ארבעט און פֿאר שאַפֿן די עקאָנאָמיִש-סטאַטיִסטיִשע אָפּטיילונג באַם ייִדישן קאָמיִסאַריאַט. דער „צענטער" און „לינקע" האָבן אָנגעווענדעט אַלע מיִטלען, קעדיי צו ענדערן די ליניע פֿון צענטראַל-ביוראָ פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס און ייִדישן קאָמיסאַריאַט און האָבן געוואָלט האָבן אַזאַ באַשטאַנד פֿון צ. ב., וועלכער זאָל פֿירן די אַרבעט אין דער ריִכטונג, וואָס זיי האָבן אָנגעמערקט.

איִן די דאָקומענטן און פּראָטאָקאָלן, וואָס ווערן דאָ צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט, ווערט קלאָר און געניי באַלויכטן דער קאמף, וואָס איז פֿאָר-געקומען אַף דער דריטער קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע קאָמוניסטיִשע סעקציעס.

ש. א.

פּראָטאָקאָלן פֿון דער קאָנפֿערענץ*)

אָפֿיציעלע עפֿענונג פֿון דער קאָנפֿערענץ.

זונטיק דעם 4-טן יול 1920 יאָר, 8 אַזייגער אינאָוונט איז אין ערשטן הויז פֿון די פּראָפֿאַריינען אין מאָסקווע פֿאָרגעקומען די אָפֿיציעלע עפֿענונג פֿון דער דריטער אַלרוסלענדישער קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס פֿון ר. ק. פּ.

די קאָנפֿערענץ עפֿנט אין נאָמען פֿון צ. ב. כ' דימאַנשטיין, און זאָגט פֿאָלגנדיקעס:

די קאָמוניסטישע אידייען האָבן אין יידישן אַרבעטער-קלאַס אָפּגעהאַלטן גרויסע ניצכוינעס זינט די ר. ק. פּ. האָט זיך גענומען פֿאַר דער אַרבעט צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט. ביז דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע זיינען גרויסע טיילן פֿון יידישע מאַסן געווען אָרגאַניזירט אין באַזונדערע פּאַרטייען. די אַלגעמיינע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען האָבן קימאַט קיין יידישע אַרבעט ניט געפֿירט.

ווען דער רוסלענדישער אַרבעטער-קלאַס איז אַריינגעטראָטן אין לעצטן קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, זיינען די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געשטאַנען אָן אַ זייט און האָבן זיך באַצויגן פֿיינטלעך צו דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע און קעגן איר געקעמפּט. דאַן האָט אַ קליינע גרופּע זיך גענומען פֿאַר דער קאָמוניסטישער אַרבעט אַף דער יידישער גאַס. דאַן האָבן מיר געאַרבעט אין אַ פֿיינטלעכן לאַגער. די יידישע קאָמוניסטן זיינען סאַבאָטירט געוואָרן. פֿאַר ריין-קולטורעלער ארבעט זיינען קיין טוער ניט געווען. איצט איז אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אַריינגעצויגן ברייטע יידישע מאַסן. אונדזער קאָנפֿערענץ איז שוין אַ קאָנפֿערענץ פֿון אָרגאַניזירטע מאַסן.

אין דער ערשטער קאָנפֿערענץ האָבן אָנטייל גענומען די קליינע גרופּן פֿון די סעקציעס, לערער, קולטור-טוער, צווישן זיי זיינען געווען נאַציאָנאַליסטן, מענטשן, וואָס האָבן קיין באַגריף ניט געהאַט פֿון קאָמוניזם.

---

*) די פּראָטאָקאָלן פֿון דער דריטער קאָנפֿערענץ האָבן מיר געפֿונען אין די אַרכיוון פֿון צ. ב. פֿון די יידסעקציעס באַם צ. ק. אַל. ק. פּ. (ב). דידאָזיקע פּראָטאָקאָלן שטעלן מיט זיך ניש פֿאָר קיין סטענאָגראַפֿישן באַריכט. דאָ איז נאָר אין קורצן איבערגעגעבן דער עצעם פֿון אַלע אַרויסטרעטונגען, וועלכע זיינען פֿאָרגעקומען אַף דער קאָנפֿערענץ. אין דידאָזיקע פּראָטאָקאָלן האָבן מיר נאָר געמאכט קליינע סטיליסטישע אויסבעסערונגען.

די ערשטע קאָמוניסטישע צייטונג „וואַרהייט" איז געווען אַ שוואַכע צייטונג, זי האָט אָבער אָפּגעשפּיגלט דעם צושטאַנד פֿון דער יידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג און האָט געבראַכט גרויסע נוצן.

די צווייטע קאָנפֿערענץ איז שוין פֿאָרגעקומען בײַ אַנדערע באַדינגונגען. די ברייטע יידישע אַרבעטער-מאַסן האָבן שוין איינגעזען, אַז מיר זיינען גערעכט, און האָבן זיך געשטעלט אַף אונדזער זייט. זי האָט שוין געהאַט אַן אויסזען פֿון אַ פּאַרטיי-קאָנפֿערענץ. אין די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך באַוויזן ריכטונגען, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע קאָמוניסטישע אַרבעט אָן אונטערשייד פֿון נאַציאָנאַליטעט דאַרף אָנגעפֿירט ווערן דורך דער איינהייטלעכער קאָמ. פּאַרטיי. אין די אַלטע פּאַרטייען האָבן זיך אָנגעהויבן שפּאַלטונגען, און ענדלעך איז אין ווייסרוסלאַנד אין אָנהויב פֿון 1919 יאָר געשאַפֿן געוואָרן די ייד. קאָמ. פּאַרטיי.

זי איז אַרויס פֿון די אַלטע פּאַרטייען און האָט זיך געהאַלטן בײַ די אַלטע טראַדיציעס פֿון אַ זעלבשטענדיקער יידישער פּאַרטיי. זי האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז אין דער עפּאָכע פֿון סאָציאַלער רעוואָלוציע איז שעדלעך די באַזונדערע עקזיסטענץ, און האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די יידישע סעקציעס פֿון ר. ק. פּ.

אין דערזעלבער צייט זיינען פֿאָרגעקומען מער וויכטיקע געשעענישן אַף אוקראַינע. אין „בונד" און בײַ די „פֿאַריייניקטע" זיינען פֿאָרגעקומען שפּאַלטונגען, עס האָבן זיך געבילדעט זעלבשטענדיקע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, און אין מאַי 1919 יאָר האָבן זיי זיך פֿאַרייניקט אין קאָמפֿאַרבאַנד.

דער „פֿאַרבאַנד" איז ניט אַריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ. ניט צוליב דער שטרעבונג פֿון זעלבשטענדיקייט פֿון די יידישע אַרבעטער-מאַסן, נאָר אַדאַנק דעם, וואָס די אַלגעמיינע פּאַרטיי האָט ניט געוואָלט אים אַריינעמען צוליב דעם, וואָס ער איז נאָר וואָס אַרויס פֿון די נאַציאָנאַלע פּשאָרעמאַכערישע פּאַרטייען און האָט זיך דערום באַצויגן מיט אומצוטרוי צו זייער קאָמוניזם. שפּעטער האָט זיך די ר. ק. פּ. אריינגעמישט, און אַף אוקראַינע איז פֿאָרגעקומען די פֿאַרייניקונג. דער פֿאַרבאַנד האָט געשאַפֿן סעקציעס, פֿון דאַן אָן זיינען אונדזערע סעקציעס מאַסן-אָרגאַניזאַציעס, וואָס אָרגאַניזירן מאַסן יידישע אַרבעטער.

איצט איז אין דער אַרבעטער-באַוועגונג פֿאָרגעקומען אַ נייע איבערקערעניש. דער „בונד" און די פֿאַרייניקטע, אַלס גאַנצע, האָבן זיך געשטעלט אַפֿן קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט. זיי האַלטן זיך נאָך בײַ די פֿאָרורטיילן פֿון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט. אָבער זיי וועלן זיך דערפֿון מוזן אָפּזאָגן, אויב זיי וועלן בלייבן קאָמוניסטן.

מיר האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן צווישן דער יידישער אָרעמקייט, און עס האָט זיך געשאַפֿן אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע — דער „סעטמאַס", וואָס ציט צו די סימפּאַטיעס פֿון די האָרעפּאַשנע מאַסן צו דער ראַטנמאַכט.

די ניצחונעס פֿון קאָמוניזם אף דער יידישער גאַס זיינען פֿאַרבונדן מיטן טריומף פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די פּראָלעטאַרישע מאַסן פֿון דער

גאַנצער וועלט האָבן זיך געשטעלט אַפֿן באָלשעוויסטישן שטאַנדפּונקט. דער צווייטער קאָנגרעס פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז שוין אַן עמעסער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפֿאָר, וואָס פֿאַרייניקט די פּראָלעטאַרישע מאַסן פֿון דער גאַנצער וועלט.

די ראַטנמאַכט האָט איבערגעלעבט פֿאַר דער צייט פֿון קאַמף פֿאַר איר עקזיסטענץ שווערע צייטן. די אַלוועלטלעכע און רוסישע קאָנטער-רעוואָלוציע האָט מאָביליזירט קעגן אונדז אַלע קרעפֿטן. פֿיל צענדליקער טויזנטער קאָרבאַנעס האָט געבראַכט דער רוסלענדישער אַרבעטער-קלאַס, און היינט דאַרפֿן מיר דערמאָנען די אַלע קאָרבאָנעס. מיר דאַרפֿן אַמשטאַרקסטן אונטערשטרייכן אונדזערע נאָענטסטע, איבערהויפּט דעם כ׳ שימעליעוויטש, וואָס איז געווען פֿון די ערשטע אין דער יידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג. נאָך איין קאָרבן — דער כ׳ כאַיקין, ער איז געפֿאַלן אין קאַמף מיט דער ביקס אין האַנט קעגן דער פּוילישער רעאַקציע. ער איז געווען איינער פֿון די ערשטע טוער און רעדאַקטער פֿון דער ערשטער אויסגאַבע „שטערן“. נאָך איין קאָרבן, וואָס איז געפֿאלן אין קאַמף מיט דעניקינס רעאַקציע, — דער מיטגליד פֿון צ. ב. כ׳ ו. טשאַרני. ער איז געבליבן אין כאַרקאָוו אַף אומלעגאַלער אַרבעט און איז געפֿאַלן אַ קאָרבן פֿון אַ פּראָוואָקאַציע.

כ׳ דימאַנשטיין לייגט פֿאָר שיקן אַ באַגריסונג דער העלדישער רויטער אַרמיי, דעם צ. ק. ר. ק. פּ. און דעם שטאַב פֿון דער וועלט-רעוואָלוציע—דעם 3-טן אינטערנאַציאָנאַל. אַלע באַגריסונגען ווערן איינשטימיק מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג און רוישנדיקע אפּלאָדיסמענטן אָנגענומען.

פֿאַר אונדז שטייען וויכטיקע אויפֿגאַבן — פֿירן די אַרבעט צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט, צוציען די באַפֿעלקערונג צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. ניט קוקנדיק אַף די גרויסע מיינונג-פֿאַרשיידנהייטן, דריק איך אויס די האָפֿענונג, אַז מיר וועלן געפֿינען די וועגן צו זייער פֿאַרענטפֿערונג.

כ׳ דימאַנשטיין לייגט פֿאָר אויסוויילן אַ פּרעזידיום.

אין פּרעזידיום ווערן אויסגעוויילט פֿאָלגנדיקע כאַווײרים: דימאַנשטיין, לעוויטאַן, מאַנדעלסבערג, נאָוואַקאָווסקי, מערעזשין, ראַפֿעס, סודאַרסקי. אַלס ערן-פֿאָרזיצער פֿון דער קאָנפֿערענץ ווערן אויסגעקליבן כ׳ לענין, טראָצקי, זינאָוויעוו און סטאַלין.

אין נאָמען צ. ק. ר. ק. פּ. באַגריסט דער סעקרעטאַר פֿון צ. ק. כאַווער פּרעאָבראַזשענסקי.

— אונדזער פּאַרטיי פֿאַרייניקט איצט 20 סעקציעס, און זי שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע קראַפֿט. דאָ האָבן מיר פּראָלעטאַרישע גרופּן פֿון העכער 20 נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן איין פּראָגראַם און טאַקטיק. מיר רעכענען, אַז די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס פֿאַרייניקט אַזויפֿיל נאַציאָנאַליטעטן, דאַרף באַטראַכטן די אָרגאַניזיר-פֿראַגע פֿון שטאַנדפּונקט פֿון צוועקמעסיקער אָרגאַניזירונג פֿון דער אַרבעט און באַפֿרידיקונג פֿון די באַדערפֿענישן פֿון די פּאַרטיי-מיטגלידער פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. די אַרבעט פֿון די סעקציעס און אָפּטיילונגען האָט ארויסגערופֿן אַסאַך אומצופֿרידנקייטן

פֿון די סעקציעס, ווייל די אַרבעט איז פֿאַרוויקלט, און די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען שווערע. איר דאַרפֿט ניט וואַרפֿן די באַשולדיקונג נאָר קעגן צ. ב., ווייל שולדיק איז אויך דער צ.ק., וואָס האָט געקענט אָפּגעבן די נויטיקע אויפֿמערקזאַמקייט. איר דאַרפֿט דערמאָנען ניט נאָר די פֿעלערן, נאָר אויך די ניצכוינעס. איר זייט אַ טייל פֿון ר.ק.פּ. און איר שטעלט זיך דיזעלבע אויפֿגאַבן פֿון דער גאַנצער פּאַרטיי. איר זיינט דער אַוואַנגאַרד פֿון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אָן אַ באַשטימטער טעריטאָריע, דערפֿאַר זיינען אייערע אויפֿגאַבן שווערע.

מיר באַגריסן אייך און דריקן אויס אונדזער זיכערקייט, אַז איר וועט אין דער צוקונפֿט אָפּהאַלטן גרעסערע ניצכוינעס אין אָרגאַניזירן דעם גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט אונטער דער פֿאָן פֿון ר.ק.פּ. (רווישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן).

אַף דער באַגריסונג פֿון כ׳ פּרעאָבראַזשענסקי ענטפֿערט דער כ׳ ראַפֿעס: ניט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר זיינען נאָך יונג אין דער קאָמבאַוועגונג און אין די אָקטיאַבער-טעג זיינען מיר נאָך געשטאַנען אָן אַ זייט, האָבן מיר דאָך דורכגעפֿירט אַ קאָלאָסאַלע ארבעט, מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון זעלבשטענדיקייט און אָרגאַניזירן דעם יידישן אַרבעטער-קלאַס אין דער איינהייטלעכער ר. ק. פּ. פֿאַר דער קאָנפֿערענץ שטייען גרויסע פֿראַגן; וועגן די אויפֿגאַבן פֿון די סעקציעס, די אַרבעט, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, א.א.וו.

דער כ׳ באָגינסקי באַגריסט די קאָנפֿערענץ אין נאָמען פֿון דער פּוילישער קאָמוניסטישער סעקציע און זאָגט:

כ אַ וו יי ר ים! אונדז, פּוילישע קאָמוניסטן, פֿרייט שטאַרק באַגריסן די גרויסע 3-טע קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע סעקציעס. בײַ אונדז איז דאָ נאָר אַן אָפּטיילונג פֿאַר אגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. מיר באַגריסן אייך ניט נאָר ווי אַ טייל פֿון דער ר. ק. פּ., נאָר אויך פֿון דער פּ. ק. פּ. און דאָ איז די פֿראַגע זייער וויכטיק. אין פּוילן זיינען דאָ ברייטע יידישע מאסן, און די פֿראַגע וועגן דער געמיינזאַמער ארבעט פֿון די יידישע און פּוילישע קאָמוניסטן איז זייער א וויכטיקע. איך וויל אין אַלגעמיינע שטריכן אָנמערקן, ווי איך שטעל זיך פֿאָר, אונדזער געמיינזאַמע אַרבעט. די פֿראַגע איז ניט בלויז פֿון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, פֿון פֿאַרשפּרייטן דעם קאָמוניזם, נאָר פֿון אַן אָנגעשטרענגטן קאַמף, ווייל דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט וועט אליין דעם קאַמף ניט דערפֿירן ביזן סאָף. עס איז דערום נויטיק די גרעסטע אייניקייט פֿון דער גאַנצער באַוועגונג. מיר זיינען דערום קעגן סעקציעס, וועלכע צעשטערן די צענטראַליזירונג. איר קענט קומען צום יידישן אַרבעטער-קלאַס און אים זאָגן, איר דאַרפֿט גיין מיט אונדז, ווייל מיר גייען מיטן גאַנצן אַרבעטער-קלאַס.

פֿאַר אונדז, אַלטע פּוילישע קאָמוניסטן, איז פֿאַרשטענדלעך די אויפֿגאַבן, וואָס מיר שטעלן זיך, אָבער מיר זיינען פֿאַר דער ענגסטער צענטראַליזירונג. צו אונדז קומען יידישע אַרבעטער פֿון פּוילן און אונדז פֿרייט, אַז מיר קענען זיי אָנווייזן אַף דער אַרבעט פֿון די סעקציעס.

אין פּוילן שטייט שאַרף די פֿראַגע וועגן דער אַרבעט צווישן דעם יידישן אַרבעטער-קלאַס. אייערע רעזאָלוציעס וועלן העלפֿן אונדזערע כאַווירים, וואָס קעמפֿן אין פּוילן קעגן נאַציאָנאַליזם און אַנטיסעמיטיזם.

זאָל לעבן די איינהייטלעכקייט פֿון יידישן און פּוילישן פּראָלעטאַריאַט!

דערנאָך באַגריסט אַ פֿאָרשטייער פֿון צענטראַל־ביוראָ פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ליטע און ווייסרוסלאַנד, וועלכער האָט געזאָגט:

„מיר ווייסן אַלע פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, אַז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס מיט זיין קאַמף האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פֿון קלאַסן־באַוווסטזיין פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿון ליטע און ווייסרוסלאַנד. אייער איצטיקע קאָנפֿערענץ האָט אַ גרויסע באַדייטונג אויך פֿאַר אונדז, פֿאַר דער גאַנצער קאָמוניסטישער באַוועגונג פֿון אונדזער־געגנט. איך האָף, אַז מיר וועלן מיט אונדזער געמיינזאַמער אַרבעט באַקעמפֿן די בורזשואַזע פּוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד.

זאָל לעבן די פּראָלעטאַרישע פֿאַמיליע פֿון די אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע סעקציעס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ר. ק. פּ.!

אַף די באַגריסונגען פֿון די פֿאָרשטייער פֿון פּוילן און ליטבעל. ענט־פֿערט כ' נאָוואַקאָווסקי.

אונדזער עפּאָכע שיידט זיך אונטער פֿון דער פֿריערדיקער מיט די גרויסע אויפֿגאַבן, וואָס זי שטעלט פֿאַר אונדז. איצט קומט ניט פֿאַר קיין קאַמף צווישן פּעלקער, נאָר צווישן דער רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע, צווישן מאָסקווע און ווערסאַל. און דאָ באַגריסט אונדז דער פֿאָרשטייער פֿון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס קעמפֿט מיט אונדז צוזאַמען קעגן די פּוילישע פּריצים. דער פֿאָרשטייער פֿון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז מיר דאַרפֿן ניט נאָר איינער דעם אַנדערן באַגריסן, נאָר אויך פֿירן אַ קאָ־לעקטיוון קאַמף קעגן אונדזער געמיינזאַמען סוינע. און ווען מיר אָרגאַניזירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אונטער דער פֿאָן פֿון קאָמוניזם, אָרגאַניזירן מיר אים צום קאַמף פֿאַרן קאָמוניזם. אונדזערע אויפֿגאַבן זיינען דעריבער געמיינ־זאַמע. צום שלוס וועל איך זאָגן, אז איך דריק אויס דעם ווילן פֿון דער גאַנצער קאָנפֿערענץ, ווען מיר וועלן אין נאָמען פֿון פּרעזידיום שיקן אַ ברי־דערלעכע באַגריסונג די פּוילישע און ליטווישע אַרבעטער און אויך דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פֿון ליטע און פּוילן.

די קאָנפֿערענץ האָט אויך באַגריסט אַ פֿאָרשטייער פֿון דער דייטשישער סעקציע, וועלכע איז געקומען פֿון דער אָקופּאַציע.

נאָך דער באַגריסונג פֿון דער דייטשישער סעקציע האָט באַגריסט די קאָנפֿערענץ אַ פֿאָרשטייער פֿון רוסלענדישן קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד, וועלכער האָט געזאָגט:

דערלויבט מיר צו באַגריסן אייך פֿון רוסלענדישן קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד, וואָס האָט אָרגאַניזירט אין זיינע רייען 400.000 פּראָלעטאַריער, ביז איצט האָבן מיר צוליב פֿאַרשיידענע סיבעס ניט געקענט פֿירן קיין ספּע־ציעלע אַרבעט צווישן דער יידישער אַרבעטער־יוגנט.

איצט פֿרייט אונדז, וואָס די פֿראַגע שטייט אין טאָגאָרדענונג פֿון אייער קאָנפֿערענץ. מיר האָפֿן, אַז איר וועט די פֿראַגע אַלזייטיק באַטראַכטן צום גונסטן פֿון אונדזער באַוועגונג.

צווישן דער יידישער יוגנט האָט זיך די באַוועגונג אָנגעהויבן פריער ווי באַ אַנדערע פעלקער, נאָר אונטער דער פאָן פון בונד איז זי געבליבן אָפּגע-שטאַנען. איצט האָבן מיר יעדיעס, אַז אין ליטע, ווייסרוסלאַנד און פוילן זיי-נען דאָ מערכטיקע יידישע יוגנט-פאַרבאַנדן, וואָס שטעלן זיך אַלץ נעענטער צו אונדז אונטער דער פאָן פון קאָמוניזם. מיר מוזן קאָנסטאַטירן, אַז אין רוס-לאַנד, ווו עס זיינען דאָ די גרעסטע מעגלעכקייטן, האָבן מיר ווינציקער ווי אומעטום אויפגעטאָן צווישן דער יידישער יוגנט. איצט דאַרף אייער קאָנפע-רענץ שטעלן די פראַגע און אונדז מיטהעלפן אין אונדזער אַרבעט.

אין נאָמען פון צ.ק. פון קאָמוניסטישן יוגנטפאַרבאַנד פון אוקראַינע באַ-גריסט כ׳ מוני.

ווען דער ייד. סאָצ. יוגנט-פאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט אַפן קאָמוני-סטישן שטאַנדפונקט, האָבן מיר געמאַכט די נויטיקע אויספירן און זיך צונויפ-מענגעגאָסן מיטן אַלגעמיינעם פאַרבאַנד, קעדיי צו אָרגאַניזירן די יידישע פראָ-לעטאַרישע יוגנט אונטער דער פאָן פון אַלגעמיינעם קאָמוניסטישן יוגנט-פאַר-באַנד.

די אַרבעט פון אייער קאָנפערענץ האָט דערום פאַר אונדז אַ גרויסע באַדייטונג ניט בלויז דערפאַר, ווייל עס שטייט די פראַגע וועגן דער אַרבעט צווישן יוגנט, נאָר אַלע פראַגן פון טאָגאָרדענונג אינטערעסירן אונדז: די פראַגן פון קולטור און בילדונג, עקאָנאָמישע אַרבעט, הילף די פּאַגראָם-געליטענע— אַלע פראַגן, די גאַנצע אַרבעט איז אונדזער געמיינזאַמע אַרבעט. שוין די כאַר-קאָווער בעראַטונג פון די סעקציעס האָט געשטעלט די פראַגע וועגן דער אַר-בעט צווישן דער יוגנט. זאָל די דריטע קאָנפערענץ זיין אַ ווענדפונקט אין דער פראַגע. אַף די ערטער דאַרפן די דעלעגאַטן גלייך שטעלן די פראַגע וועגן דער אַרבעט צווישן דער יוגנט. העלפט איר זיך אָרגאַניזירן.

אין נאָמען פון צ. ק. פון בונד באַגריסט די כאַווערטע עסטער, וועלכע זאָגט, אַז אין אַ באַגריסונג פירט מען ניט קיין דיסקוסיעס. מיר וועלן ניט שטעלן קיין פראַגן ווער ס׳איז דער אַוואַנגאַרד, צי דער, וואָס קוקט בלויז פאָרויס, אָדער אויך דער, וואָס פאַרגעסט ניט די פאַרגאַנגענהייט און לאָזט ניט אַרויס פון אויג דעם ביז איצט דורכגעמאַכטן וועג.

דער יידישער אַרבעטער-קלאַס האָט דורכגעמאַכט אַ קרענקלעכן וועג צום קאָמוניזם. ער איז צוריסן געוואָרן אַף שטיקער און באַזונדערע טיילן. נאָר קליינע גרופן האָבן זיך דורכגעריסן פאָרויס. איצט שטייט די פראַגע וועגן דער ווידערפאַרייניקונג פון יידישן אַרבעטער-קלאַס. מיר זיינען איבערצייגט, אַז איר וועט געבן די ענטפערן, וואָס זאָלן אונדז אַלע פאַרייניקן. מען האָט דאָ דערמאָנט דעם גייסט פון קאָמוניזם. זאָל דער גייסט פאַרייניקן דעם גאַנצן יידישן אָרגאַניזירטן אַרבעטער-קלאַס.

דער פוילישער כ׳ האָט דאָ דערמאָנט וועגן אונדזער געמיינזאַמען קאַמף, וואָס שטייט אונדז פאַר, פאַר דעם דערפאָלג פון אונדזער אַרבעט מוזן מיר אָבער האָבן אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע. אַלע פראַגן, וואָס שטייען אין טאָג-אָרדענונג פון אייער קאָנפערענץ אינטערעסירן דעם יידישן אַרבעטער-קלאַס.

מִיר זיינען אִיבערצייגט, אַז איר וועט געבן די ענטפֿערן, וואָס זאָלן אונדז אַלע פֿאַרייניִקן. אין דער אָרגאַניִזיִר-פֿראַגע וועט איִר באַשטיִמט זאָגן, אַז דער ייִדיִשער אַרבעטער-קלאַס דאַרף האָבן זיין אָרגאַניזאַציע, אין וואָסערע פֿאָרמען — וועל איִך ניט ריידן. איִך דריק אויס די האָפֿענונג, אַז אַף דער קומענדיִקער קאָנפֿערענץ וועלן מִיר ניט קומען אייך באַגריסן, נאָר מִיר וועלן אַרבעטן איִן איין אָרגאַניזאַציע.

זאָל לעבן די איינהייטלעכע אָרגאַניִזאַציע פֿון ייִדיִשן פּראָלעטאַריאַט אונטער דער פֿאָן פֿון ר.ק.פּ.!

אַף דער באַגריִסונג ענטפֿערט דער כ׳ דיִמאַנשטיין*).

איִן נאָמען פֿון דער רויטער אַרמיי באַגריסט דער כ׳ קאַמענשטיין.

איִך ברענג אייך אַ גרוס פֿון דער העלדישער רויטער אַרמיי, וואָס שטרענגט אָן אַלע קויכעס איִן קאַמף מיִט די פּויליִשע פּריִציִם. איִן אַ מעשעך פֿון 3 טעג האָט די רויטע אַרמיי דורכגעמאַכט אַ גרויסן מאַרש און פֿאַרנומען אַסאַך ייִדיִשע שטעט און שטעטלעך. גרויזאַמע טעג האָט איִבערגעלעבט די באַפֿעלקערונג אונטער דער פּוילישער הערשאַפֿט. די רויטע אַרמיי איז זיִכער איִן ניִצאָכן. זי זאמלט די קויכעס צו געבן אַ טויט-קלאַפּ די פּויליִשע פּריציִם. דער קאַמף קומט פֿאָר איִן צענטער פֿון דער ייִדיִשער אַרבעטער-באַוועגונג. זייער באַפֿרייונג וועט פֿאַרשטאַרקן די ייִדיִשע קאָמוניִסטיִשע באַוועגונג. איִך בין זיִכער, אַז די העלדיִשע רויטע אַרמיי וועט אַריינטראָגן די פֿאָן פֿון קאָמוניִסטיִשן איִנטערנאַציאָנאַל אין פּוילן.

זאָל לעבן די רויטע אַרמיי!

כ׳ דיִמאַנשטיין לייגט פֿאָר באַגריִסן די רויטע אַרמיי פֿון מאַירעוו-פֿראָנט. די באַגריִסונג ווערט איינשטיִמיִק אָנגענומען.

איִן נאָמען פֿון דער אָקופּאַציע באַגריִסט דער כ׳ אַבראַם, די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון ייִדישן אַרבעטער-קלאַס אין פּוילן איִז געווענדעט צו אונדז. די באַוועגונג געפֿינט זיִך אין שווערע באַדינגונגען. דאָך האָבן מיִר אָפּגעהאַלטן גרויסע ניִצכוינעס. דער ייִדיִשער אַרבעטער-קלאַס איז אַריינגעטראָטן אין אַן אָפֿענעם קאַמף קעגן דער פּויליִשער קאָנטער-רעוואָלוציע. דעם ערשטן מאַי האָט דער ייִדיִשער אַרבעטער-קלאַס איִן פּוילן איינגעאָרדנט אַ באַוואָפֿנטע דעמאָנסטראַציע. אין די אַלע סאָציאַליִסטיִשע פּאַרטייען איז פֿאָרגעקומען אַן איבערקערעניש. זיי קומען צום קאָמוניזם. זיי נוצן בלויז אויס זייערע אַלטע נעמען צו פֿירן די אַרבעט אין די באַדינגונגען פֿון רעאַקציע. דיזעלבע באַוועגונג קומט פֿאָר אין לעטלאַנד. די אַרמיי איז אַ סאָציאַליִסטיִשע. צו די וואַלן אין גרינדונג-פֿאַרזאַמלונג האָט די אַרמיי געשטיִמט פֿאַר די ס.-ד., ווייל מיִר האָבן קיין אָנטייל אין די וואַלן ניט גענומען. דער בונד האָט זיִך געשפּאָלטן. די קאָמוניִסטיִשע טיילן פֿאַרבינדן זיִך מיִט די קאָמוניסטן. די אַרבעט קומט פֿאָר באַ די שרעקלעכסטע באַדינגונגען פֿון ווייסן טעראָר, דאָך ווערט די אַרבעט פֿאָרגעזעצט מיט דערפֿאָלג. די אַרבעטער-מאַסן פֿון לעטלאַנד וואַרטן אַף אונדז.

*) אין פּראָטאָקאָל איז ניִט פֿאַרצייכנט דער ענטפֿער פֿון כ׳ דימאַנשטיין.

אַף אונדזער הילף. אונדזער קאָנפֿערענץ דאַרף מיטהעלפֿן צו אויסבילדן און פֿאַרייניקן די יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן פֿון פּוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד, לעטלאַנד אונטער אונדזער פֿאָן, וועלכע בילדעט איין שטראָם אין גרויסן יאַם פֿון דער אַלגעמיינער קאָמ. פּאַרטיי.

פֿון צ. ק. פֿון קולטור-ליגע באַגריסט כ׳ ליטוואַקאָוו.

די קולטור-אַרבעט איז איינע פֿון די וויכטיקסטע אַרבעטן פֿון דער יידישער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין קולטור-ליגע קומט אויך פֿאָר די דיפֿערענצירונג. די קולטור-ליגע באַקומט אַ פּראָלעטאַרישן אינהאַלט, דאָס איז אונדזער שטרעבונג.

אין נאָמען פֿון „סעטמאַס״ באַגריסט זשיטניק.

— ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די יידישע אָרעמקייט האָט פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע באַקומען ווייניקער פֿון פּויערטום, דאָך האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז דער קאָמוניזם איז די איינציקע רעטונג פֿון איר שווערער לאַגע, און רופֿט אויס דעם לאָזונג: לעבן זאָל די האָרעוואַניע!—ווייל דאָס איז דער איינציקער וועג צום ניצחון. דער „סעטמאַס״ אָרגאַניזירט הונדערטער טויזנטער האָרעפּאַשניקעס, אָבער מיר מוזן האָבן אייער הילף, אָן אייך קאָנען מיר אונדזער אויפֿגאַבע ניט דערפֿילן, דאָס דאַרפֿט איר זאָגן אָפֿן, דאָס האָט פֿאַרשטאַנען דער קאָמ. פֿאַרבאַנד אַף אוקראַינע. דער „סעטמאַס״ האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן, אַז די ראַטנמאַכט איז נויטיק ניט בלויז צוליב דעם, וואָס זי דערלאָזט ניט קיין פּאָגראָמען, נאָר ווייל זי פֿירט צו אַלגעמיינער באַפֿרייונג. דער „סעטמאַס״ האָט אויפֿגעטאָן אַ גוואַלדיקע אַרבעט אַפֿן געביט פֿון אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע און פּראָלעטאַריזאַציע. מיר באַגריסן אייך אין נאָמען פֿון „סעטמאַס״, ווי דעם אוואַנגאַרד פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

כ׳ מאַריאַסין לייגט פֿאָר דער צ. ב. אייניקע פֿראַגן פֿאַרייניקן, קעדיי צו פֿאַרשפּאָרן צייט. די זיצונג ווערט געשלאָסן.

2-טער טאָג, 2-טע זיצונג.

פֿאָרזיצער כ׳ ראַפּעס: אין טאָגאָרדענונג שטייט די פֿראַגע וועגן באַריכטן פֿון צ. ב., אוקראַינער הויפּט-ביוראָ און אָפּטיילונגען.

באַריכט פֿון צ. ב.

פּאָליטישער טייל—כ׳ דימאַנשטיין.

די צ. ב. האָט ניט געהאַט קיין באַזונדערע פּאָליטישע אַרבעט אויסער דעם צ. ק. עס איז איר בלויז אויסגעקומען צו פֿירן די פּאָליטישע אַרבעט פֿון צ. ק. אַף דער יידישער גאַס. ניט שטענדיק איז זיך די פּאָליטיק פֿון צ. ב. מיטן צ. ק. איז די פֿראַגן צונויפֿגעגאַנגען און דער צ. ב. איז אויסגעקומען צו קעמפֿן אין צ. ק. פֿאַר איר פּאָליטיק.

דִי יִידִישע וועלט איז געווען שטאַרק אָרגאַניזירט, זי האָט געהאַט אַ פֿאַרצווייגטע נעץ פֿון אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן און אונדז, יִידִישע קאָמוניסטן אַ קליינער גרופּע, איז אויסגעקומען צו קעמפֿן פֿאַר דער איִבערבויונג פֿון יִידִישן לעבן באַ שווערע באַדִינגונגען, באַ דער צושטערונג פֿון דִי יִידִישע בורזשואַזע און רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיִר זיִך אָנגעשטויסן אָן אַסאַך שטערונגען, ווייל דִי ציאָניסטן האָבן אופֿגעהויבן אַ גאַנצן טומל, און די אַלגעמיינע פּאַרטיי-און די ראַטן-אַנשטאַלטן האָבן זיִך אָפּגעהאַלטן פֿון אַסאַך טריִט, ווייל זיי האָבן מוירע געהאַט, אַז מען וועט זיי כוישעד זיין איִן אַנטיסעמיטיזם.

אַף דער צווייטער קאָנפֿערענץ איִן 1919-טן יאָר האָבן מיִר איינשטיִמיק באַשטיִמט צו ליקווידירן דִי שטאַרקסטע און רעאַקציאָנערסטע יִידִישע בורזשואַזע אָרגאַניזאַציע, דעם ציאָניזם. מיִר האָבן זיִך פֿאָרגעשטעלט דִי זאַך דורכפֿירן אַפֿן פּראָסטן אופֿן, דורך אַ דעקרעט. דאָס איִז אָבער זייער שווער, ווייל דִי ציוניִם פּאַסן זיך צו אַלץ צו, און פֿאַר דער אויסערלעכער וועלט, וואָס זיינען ניִט באַקאַנט מיִט דעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פֿון דִי ציוניִם, שטעלן זיי זיִך פֿאָר, ווי די לאָיאַלסטע פֿאַר דער ראַטנמאַכט אָרגאַניזאַציִע.

עס איִז אונדז אויך אויסגעקומען צו קעמפֿן קעגן העבּרעיִזם. דער ראָוו מאַזע האָט געפּרוּווט דערווייזן לונאַטשאַרסקען, אַז העבּרעיִש איִז דִי יִידִישע שפּראַך. מיִר האָבן דערוויזן איִן נאָמען פֿון יִידִישן פּראָלעטאַריאַט, אַז יִידִיש איִז די שפּראַך פֿון דִי מאַסן. און דאָס האָט זיִך געענדיקט מיִטן אָפֿיציִעלן דעקרעט פֿון נאַרקאָמפּראָס, אַז יִידִיש איז דִי שפּראַך פֿון די יִידִישע מאַסן.

עס איִז געפֿירט געוואָרן אַן אַרבעט אַפֿן געביט פֿון עקאָנאָמישער אַרבעט. עס האָט זיך געשאַפֿן אַ סטאַטיִסטישע אָפּטיילונג פֿון יִידִישן קאָמיסאַריאַט איִן האָמעל. קיין מאַמאָשעסדיִקע אַרבעט איז ניִט אופֿגעטאָן געוואָרן קיין סאַך, ווייל דִי יִידִישע געגנטן (אוקראַיִנע, ווייסרוסלאַנד) גייען איבער פֿון האַנט צו האַנט, און די אַרבעט קען ניט איינגעאָרדנט ווערן. מען האָט אויך עפּעס געפּרוּווט טאָן אַפֿן געביִט פֿון היִלף די פּאָגראָם-געליטענע, אָבער אויך דאָ איִז קיין וויִכטיקע רעזולטאַטן ניִט געווען, ווייל אוקראַיִנע האָט זיִך ווידער עוואַקויִרט.

מען האָט אויך געפֿירט אַן אַרבעט איִן דער אָקופּאַציִע און איִבערגעשיקט 24 כאַוויירים איִן אַמעריִקע, אייראָפּע, פּוילן, וועלכע פֿירן א יִידִישע אַרבעט. דִי אַרבעט איִז שווער, ווייל מיִר קאָנען ביִז איצט דיִרעקט קיין כאַוויירים ניִט שיקן, נאָך מיר מוזן זיִך פֿאַרביִנדן מיִט די געהעריִקע לאַנד-סעקציִעס. מיר האָבן זיך אויך געווענדעט איִן צ. ק. מיט אַ מעמאָראַנדום וועגן דער ייִד. אַרבעט. איִנגאַנצן איז געווען אַן ערעך 30 ווענדונגען. ניט שטענדיק האָט דער צ. ק. געקאָנט אָפּגעבן די נויטיִקע אופֿמערקזאַמקייט אונדזערע ווענדונגען. די צ. ב. האָט זיך אויך געווענדעט צו דער איִנטערנאַציִאָנאַלער וועלט וועגן די ציוניִם, אַז זיי זיינען ניט די פֿאָרשטייער פֿון גאַנצן פֿאָלק א. א. וו.

מיִר האָבן געפֿירט אַן אַרבעט צווישן דער יִידִישער אָרעמקייט און האָבן געשטיִצט דעם „סעטמאס". דאָס איז דערפֿאַר, ווייל עס זיינען דאָ אַסאַך עלע-

מענטן, וואָס קענען אויסגענוצט ווערן פֿאַר דער ראַטנמאַכט, און דערום איז נויטיק אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע.

מיר מוזן זיך אויך אָפּשטעלן אויף דער פֿראַגע פֿון אמעריקאַנער הילף־קאָמיטעט. אמעריקע האָט מיט רוסלאַנד קיין פֿאַרבינדונג ניט געהאַט. זי האָט געהאַלטן די בלאָקאַדע. די יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעהויבן פֿאָדערן, מען זאָל זיי דערלויבן אַרויספֿירן באַשטימטע סכוירעס צו העלפֿן די פּאָגראָם־געליטענע, אין קיין פֿאַרבינדונג מיט דער ראַטן־רעגירונג האָבן זיי אָפֿיציעל ניט געקענט אַריינטרעטן. מיר זיינען דערום געווען געצוווּנגען צו אַנערקענען די געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס. געשטויסן אויף דעם וועג פֿון זייער אָנערקענונג האָבן אונדז פּאָליטישע מאָטיוון. שוין דער פֿאַקט, וואָס עס קומען אָן פֿון אמעריקע סכוירעס פֿאַר רוסישע בירגער, שוואַכט אָפּ די בלאָקאַדע.

באַריכט פֿון צ. ב.

אָ ר ג אַ נ י ז י ר - ט ײ ל. פֿ אָ ר ט ר ע ג ע ר — כ׳ א ײ נ ש ט ײ ן.

דער באַריכט פֿון צ. ב. וועט געוויס אַרויסרופֿן אַסאַך גערעכטע קריטיק. די אַרבעט איז געווען שוואַך אָרגאַניזירט. קיין פֿעסטער אַפּאַראַט איז ניט געווען. אַלע פֿאַראַנטוואָרטלעכע כאַווערים האָבן זיך געהאַלטן בײַ דער מיינונג, אַז דער אַפּאַראַט פֿון צ. ב. אין מאָסקווע—ניט קיין יידישער צענטער—האָט קיין גרויסע באַדייטונג ניט. די נייע צ. ב. וועט זיך פֿון דעם שטאַנדפּונקט גלייך אָפּזאָגן אין די אינטערעסן פֿון דער אַרבעט. די כאַווערים אויף די ערטער האָבן ניט מיטגעהאָלפֿן דער צ. ב. אין דער אַרבעט און קיין רעגולערע פֿאַרבינדונגען מיט איר ניט איינגעשטעלט. די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען אויך געווען שווערע צוליב דעם פֿאַרשאַרפֿטן בירגער־קריג אין משך פֿון גאַנצן יאָר. דאָך האָט די צ. ב. אויפֿגעטאָן אַ גרויסע אַרבעט. מיר האָבן ניט געקאָנט אָפּגעבן קיין אויפֿמערקזאַמקייט יעדער שטאָט באַזונדער, נאָר אין די וויכטיקסטע פּונקטן האָבן מיר געשיקט אַסאַך כאַווערים. אין וויטעבסקער, האָמלער ראַיאָנען האָבן מיר געשיקט העכער 60 כאַווערים. מיר האָבן אויסגענוצט די עוואַקוירטע כאַווערים פֿון אוקראַינע און געשיקט קיין וויטעבסק און האָמעל, און דאָס האָט אויך אָפּגעשוואַכט דעם „בונד" און פֿאַרגיכערט זיין איבערגאַנג צום קאָמוניזם. בלויז אוקראַינע האָט זיך אַליין באַדינט, דאָך האָבן מיר זי געדאַרפֿט רעגולירן.

מיר האָבן אויך געפֿירט אַ מיליטערישע־אַגיטאַציע־אַרבעט. מיר האָבן געשיקט באַפֿולמעכטיקע אויפֿן מאַירעוו־פֿראָנט און אויף אוקראַינע. מיר זיינען אויך געווען פֿאַרבונדן מיטן „פּור"*) און אויסגענוצט אַלע כאַווערים, וואָס זיי האָבן געשיקט. מיר אַליין האָבן געשיקט צוליב פּאָליטישער אַרבעט אויפֿן פֿראָנט ביז 30 כאַווערים. צווישן דער יוגנט האָבן מיר קימאַט קיין אַרבעט ניט געפֿירט.

---

*) פּאָליטישע פֿאַרוואַלטונג פֿון רעפּובליק.

מיר האָבן געגרינדעט א ייִדישע אָפּטיילונג באַם צ. ק. פֿון רוסלענדישן קאָמוניסטישן יוגנט-פֿאַרבאַנד, נאָר קיין פּאַסיקע כאַווייריִם איִז ניט געווען, און די אַרבעט האָט קיין רעזולטאַטן ניט געבראַכט. מיר האָבן אויך געשיקט אינסטרוקטאָרן מיט די אַגיטאַציע-צוגן*).

באַריכט פֿון אוקראַינער ה. ב.

פֿאָרטרעגער כ׳ לעוויטאַן.

די ה. ב. פֿון אוקראַינע איִז באַשאַפֿן געוואָרן סאָף אַווגוסט 1919 יאָר. באַשטאַנד—אָרשאַנסקי, ראַפֿעס, לעוויטאַן, פֿרענקעל, טשעמעריסקי, טשאַרני, כייפֿעץ. די הויפּט-ביוראָ האָט זיך גיך געמוזט עוואַקויִרן, באַ דעניקענען זיינען געבליבן פֿרענקעל און טשאַרני. פֿרענקעל—אַף ייִדישער אַרבעט. עס איִז באַשטימט געוואָרן שיקן כ׳ אָרשאַנסקי אָנפֿירן מיִט דער אומלעגאַלער ארבעט, נאָר ער האָט ניט געקענט דורכפֿאָרן און איִז געבליבן אין זשיטאָמיר. אין דעקאַבער האָט זיך ווידער געשטעלט די פֿראַגע וועגן דער אַרבעט אַף אוקראַינע. די פֿראַגן זיינען באַשטימט געוואָרן אין דער איינשטימיקייט מיִטן צ. ק. ק. פּ. או. און ר. ק. פּ. די ה. ב. איִז איבערגעפֿאָרן קיין קיעוו, ניט קוקנדיק וואָס דער צ. ק. איז געווען אין כאַרקאָוו, און דאָס האָט געגעבן מאַטעריאַל דעם צ. ק. צו ריידן וועגן אָפּגעזונדערטקייט פֿון דער ייִדישער אַרבעט. דער כ׳ פֿרענקעל, וואָס איז געווען אין כאַרקאָוו און האָט געפֿאָדערט פֿאַרבינדן די ה. ב. מיטן צ. ק., האָט ניט ארויסגעוויזן קיין גענוגנדיקע פֿעסטקייט אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער ייִדישער ארבעט. די עוואַקויִרטע כאַווייריִם פֿון אוקראַינע זיינען צושפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד, און ווען אוקראַינע איִז פֿריי געוואָרן, זיינען געווען ווייניק ייִדישע טוער, און דאָס ביסעלע מענטשן, וואָס זיינען געווען אין רעשוס פֿון ה. ב. און זיינען געשיקט געוואָרן אַף די ערטער, זיינען אַריבערגענאַנגען אַף אלגעמיינער אַרבעט.

די קאָמוניסטישע באַוועגונג אַף דער ייִדישער גאַס אין אוקראַינע האָט געהאַט טיפֿע וואָרצלען און מיר האָבן געהאַט די בעסטע האָפֿענונגען. די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען אָבער געווען זייער שווערע. דערצו האָט זיך באַלד ארויסגעוויזן, אַז ס׳איז ניט געפֿירט געוואָרן קיין קאַמף קעגן דער ווירקונג און אָנפֿירנדיקער ראָל פֿון דער ייִדישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ. נאָר פֿאַרקערט, די ייִדישע קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ האָט אויסגענוצט

---

*) אין די יאָרן 1920-1919 זיינען ארומגעפֿאָרן איבערן לאַנד אַ ריי פּראָפּאַגאַנדע-צוגן: איין פּראָפּאַגאַנדע-צוג האָט זיך גערופֿן „לענין-צוג“. מיט דעם פּראָפּאַגאַנדע-צוג האָט די צ. ב. קאָמאַנדירט דעם כ׳ מאַנדעלסבערג. דער צווייטער פּראָפּאַגאַנדע-צוג האָט זיך גערופֿן דער „אָקטיאַבר-רעוואָלוציע-צוג“. בעראָש פֿון דעמדאָזיקן צוג איִז געשטאַנען דער כ׳ מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין. אַף דעם צוג האָט די צ. ב. קאָמאַנדירט דעם כ׳ אַגורסקי; וועלכער איז אין יון-יול 1919 יאָר ארויסגעטראָטן מיט דעם כ׳ קאַלינין אַף א ריי פֿאַרזאַמלונגען אין אָרשע, וויטעבסק, האָמעל, מאָלעוו, באָברויסק און מינסק.

אַ יִר אָנפֿירנדיִקע ראָל און האָט געווענדעט דעם קאַמף קעגן די יִדיִשע סעקציעס קלוימערשט אלס נאַציאָנאַליִסטיִשע. איִן אַ גרויסער צאָל שטעט האָט מען קיין סעקציעס גאָרניט געלאָזט גרינדן, אפֿילע אין די ריין יִדיִשע שטעט. איִן דער יִדישער ארבעט האָבן זיך באַגעגנט די גרעסטע שטערונגען. קיין קלובן האָט מען מערסטנטייל ניט געלאָזט גרינדן מיִט דעם אויסרייד, אז די מיטגליִדער פֿון פאַרטיי זיינען יִדן, און דאָס האָט ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט צוציִען די יִדיִשע מאסן צו דער קאָמוניסטיִשער פאַרטיי. קיין צייטונג האָט מען אַף די ערטער ניִט געלאָזט אַרויסגעבן.

אַפֿן געביִט פֿון פרעסע איִז געווען זייער שווער, ווייל קיין גרויסע טעכניִשע אַפּאַראַטן יִדיִשע איִז ניִט געווען. וועגן דער צייטונג פֿון הויפט-ביוראָ איִז געווען מיינונג-פֿאַרשיידנהייטן: אַ טייל האָבן געהאַלטן, אז די צייטונג דאַרף זיין אַן איינפֿאַכע, צוגעפאַסט צו די אָפּגעשטאַנענע יִדיִשע מאסן. איִן די פֿראַגן פֿון פֿאָרמאַט און פאַפּיר איִז אויך געווען זייער שווער. אַפֿן פֿאַרלעגעריִשן געביִט איִז געווען אויסגעאַרבעט אַ גרויסער פלאַן, נאָר ווייל מען האָט געדאַרפֿט זיך עוואַקויִרן, האָט ער ניט געקענט דורכגעפֿירט ווערן.

יִ ד יִ ש ע ר אַ ט ן - אַ נ ש ט אַ ל ט ן.

קיין צענטראַלער ביִלדונג-אַנשטאלט איִז ניִט געשאַפֿן געוואָרן, און עס איִז ניט געווען קיין אָנפֿירונג. דער ביִלדונג-קאָמיסאַריאַט האָט קיין מיטלען ניִט אָנגענומען. די ארבעט איז געווען אָפהענגיִק פֿון די אָרטיִקע ביִלדונג-טוער און מיר זיינען געווען געצוווּנגען לאָזן וויכטיִקע צווייגן פֿון יִדישער ביִלדונג אין די הענט פֿון קולטור-ליִגע. ערשט די לעצטע צייט האָט זיך געביִלדעט אַ צענטראַלע יִדיִשע ביִלדונג-סעקציע.

אַפֿן געביט פֿון קאַמף קעגן דער יִדיִשער קאָנטר-רעוואָלוציע האָבן מיִר אויך באַגעגנט אַסאַך שטערונגען. איִן קרעמענטשוג עקזיסטירט אַ יִדיִשע יעשיִווע. איִן כאַרקאָוו האָט די יִדיִשע ליקוויִדאַציע-קאָמיסיע פֿאַרמאכט אַלע קולטורעלע און פאָליִטיִשע בורזשואַזע אַנשטאַלטן, האָט דערנאָך דער נאַרקאָמפראָס גרינקאָ דערלויבט עפֿענען דעם „טאַרבוס”.

איִן דער ה. ב. איִז געבליבן אַ קליינער טייל מיִטגליִדער. כ׳ טשעמעריסקי איִן אָדעס איִז אוועק אַף אַלגעמיינער אַרבעט. כ׳ ראַפֿעס איז געווען סעקרעטאַר פֿון גובקאָם און האָט זיך ניט געקענט באַטייליִקן איִן דער אַרבעט פֿון הויפט-ביוראָ. די סעקציעס האָבן נאָך איִן פֿעוראַל באגעגנט אַסאַך שטערונגען איִן זייער ארבעט, און איִן אַפּרעל האָט דער צ. ק. ק. פּ. אוּ. אַרויסגעגעבן אַ ציִרקוליאַר, אַז די סעקציעס ווערן פֿאַנאַנדערגעלאָזן. די ה. ב. האָט קעגן דעם ציִרקוליאַר ניט פראָטעסטיִרט, און האָט באשלאָסן מיִט אַ מערהייט פֿון 2 קעגן 1—צו ליִקווידיִרן די סעקציעס*). די מיִטגליִדער פֿון הויפט-ביוראָ זיינען באַשטימט געוואָרן אַף אַלגעמיינער-אַרבעט. דאָסזעלבע מיט אַלע טוער פֿון דער יִדיִשער סעקציע. אונטערן דראַנג פֿון צ. ק. ר. ק. פּ. האָט דער

*) ראַפֿעס און פֿרענקל זיינען געווען פֿאַר ליִקוויִדיִרן און לעוויִטאַן—קעגן.

צ.ק.ק.פ.או. ווידער געשאַפן אַן אַפּאַראַט פאַר יידישער אַרבעט אין פאָרם פון אַן אָפּטיילונג. אין דער פּראַקטישער אַרבעט האָט די אָפּטיילונג געמוזט פאַרברייטערן איר אַרבעט קימאַט אין די פאָרמען פון סעקציעס, דורך דער שאַפונג פון סעקציעס, האָט זיך די באַציִונג פון די אַלגעמיינע פּאַרטיי-אַנשטאַלטן ניט פאַרבעסערט, און דאָס איז אַלץ צוליב דער מוירע פאַרן אַנטיסעמיטיזם. אַפילו אין דער פראַגע וועגן אַריינציִען די יידישע אַרבעטער אין דער רויטער אַרמיי האָט די אַרבעט ניט געקענט דורכגעפירט ווערן אין קיין ברייטן מאַסשטאַב.

מיט כ׳ לעוויטאַנס באַריכט פון אוקראַינע, פאַרענדיקן זיך די באַריכטן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דעבאַטן איבער די באַריכטן. דאָס ערשטע וואָרט באַקומט דער כ׳ ראַפעס וועלכער זאָגט:

די באַריכט-אָפּגעבער פון צ. ב. און האָבן פאַרגעשטעלט די לאַגע אין טרויעריקערע פאַרבן, ווי דאָס איז. אין באַריכט פון צ. ב. האָט געפעלט די פאַרייניקונג פון אַלע צווייגן פון אַרבעט; אין באַריכט האָט אויך געפעלט די וויטעבסקער ראַיאָן-באַראַטונג און די כאַרקאָווער באַראַטונג פון די סעקציעס. אין דער וויטעבסקער באַראַטונג איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן אַ געדאַנק, אַז ניט מאָסקווע דאַרף אָנפירן מיט דער יידישער אַרבעט. די פּאַרטיי אָרגאַניזאַציעס אין וויטעבסקער ראַיאָן זיינען ניט געווען קיין פּראָלעטאַרישע מאַסן-אָרגאַניזאַציעס, עס איז געווען ביוראָקראַטיזם, און דערזעלבער ביוראָקראַטיזם איז אויך געווען אין די סעקציעס. עס איז אויך פאָרמולירט געוואָרן דער געדאַנק, אַז עס איז נויטיק שאַפן וואָס ווייניקער יידישע סעקציעס אין די ראַטן-אַנשטאַלטן און די אַלגעמיינע ראַטן-אַנשטאַלטן דורכדרינגען מיטן געדאַנק פון נויטיקייט צו באַפרידיקן די יידישע באַדערפענישן.

כ׳ ראַפעס שטרייכט אונטער, אַז עס איז פאַרשפּרייט דער געדאַנק, אַז נאָר די, וואָס זיינען פאַר אָפּטיילונגען, זיינען אַוועק אַף אַלגעמיינער אַרבעט. ער באַווייזט, אַז אויך די סעקציאָניסטן, ווי נאָוואַקאָווסקי, אָרשאַנסקי, זיינען אויך אַוועק צו אַלגעמיינער אַרבעט.

עס איז ניט ריכטיק, זאָגט כ׳ ראַפעס, אַז די יידישע אַסימילירטע אינטעליגענץ פון פּאַרטיי וויל אַרויסשטויסן די יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן פון די סעקציעס. דאָס איז ניט ריכטיק דערפאַר, ווייל אין די סעקציעס זיינען אויך אינטעליגענטן, עס איז נאָר דער אונטערשייד, וואָס דאָרט זיינען אַסימילירטע און דאָ נאַציאָנאַליסטישע אינטעליגענטן. די שטרעבונג צו ליקווידירן די סעקציעס האָבן גאַנץ אַנדערע אורזאַכן, דאָ ווירקן די אַנטיסעמיטישע שטימונגען. אָבער די גרעסטע אורזאַך איז דאָס, וואָס די סעקציעס זיינען אינטעליגענטישע קרייזן און פירן ניט קיין ברייטע אַרבעט, האָבן ניט קיין פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער-מאַסן און העלפן ניט דער פּאַרטיי אין קיין וויכטיקע קאַמפּאַניעס. צו די וואַלן אין ראַט און צו דער אומפּאַרטייִשער קאָנפערענץ האָבן די סעקציעס קיין ברייטע אַרבעט ניט געפירט. דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט דעם אַלגעמיינעם פּאַרטיי-קריזיס. דער צ. ק. האָט באַקומען גרויסע פולמאַכטן און האָט פאַנאַנדערגעלאָזן גאַנצע אָרגאַניזאַציעס און גובקאָמען און האָט אויך פאַנאַנדערגעלאָזן די סעקציעס.

די ה. ב. האָט געפֿירט אַ ברייטע ארבעט, זי האָט אַרויסגעגעבן פּאַרטיי-יעדיעס, ליטעראַטור, צירקוליאַרן און אינסטרוקציעס וועגן די סעקציעס. קיין ליקווידאַציע-שטימונגען אין ה. ב. זיינען ביז דער כאַרקאָווער באַראַטונג ניט געווען.

אין דער ליקווידאַציע פֿון די סעקציעס איז די ה. ב. ניט געווען שולדיק, זי האָט ניט געוווסט. דער כ' ראַפֿעס דערקלערט, אז ער האָט קיין שום פֿאַרבינדונגען מיטן צ. ק. ניט געהאַט. אין דעם בריוו אין צ. ק. ר. ק. פּ. האָט דער כ' ראַפֿעס ניט געפּראָטעסטירט קעגן דער צוטרייבונג פֿון די סעקציעס, נאָר קעגן דעם אויפֿן, וואָס האָט געקענט אויסגעטייטשט ווערן, ווי אַ פּרווו איינגאַנצן ליקווידירן די יידישע אַרבעט.

כ' נ אָ וואַ ק אָ וו ס ק י. די צ. ב. האָט ניט געהאַט פֿאר זיך קיין קלאָרע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציע-פּערספּעקטיוו, ווען זי וואָלט געווען האָבן אַ קלאָרע פּערספּעקטיוו, וואָלט אַסאַך מיספֿאַרשטייענישן געקענט אויסגעמיטן ווערן, אין צ. ק. ר. ק. פּ. האָט מען קיין באַגריף וועגן אלע פֿראַגן ניט געהאַט, און די צ. ב. האָט זיי פֿאַר אים ניט געשטעלט.

עס ווערט דערקלערט אַן איבעררייס ביז מארגן 10 אַזייגער פֿרי.

3-טער טאָג. 3-טע זיצונג.

אין טאָג-אָרדענונג: די דעבאַטן איבער די באריכטן פֿון צ. ב. און ה. ב. פֿאָרזיצער — כ' דימאַנשטיין.

כ' אַרש לייגט פֿאָר, נעמענדיק אין אַכט, אז עס זיינען פֿאַרייניקט די דעבאַטן איבער די באַריכטן פֿון צ. ב. און ה. ב., זאָל מען געבן יעדער רעדנער צו 15 מינוט.

כ' נאָוואַקאָווסקי לייגט פֿאָר זיך איצט באַגרענעצן מיט דער צאָל רעדנער און מיט דער צייט.

כ' מערעזשין לייגט פֿאָר געבן רעדנער ניט בלויז פֿון ראַיאָנען, נאָר אויך פֿון ריכטונגען.

כ' טשעסקיס לייגט פֿאָר געבן בלויז פֿון שטעט און ראַיאָנען און מיט קיין ריכטונגען זיך ניט רעכענען.

מיט אַ מערהייט ווערט באַשטימט געבן די רעדנער בלויז 10 מינוט.

מיט אַ מערהייט ווערט באַשטימט געבן בלויז פֿאָרשטייער פֿון שטעט.

דעבאַטן.

כ' ב. אָרשאַנסקי דערקלערט, אַז ער טרעט אַרויס מיט אַ באַריכט פֿון וויטעבסקער ראַיאָן ביוראָ.

דער פּרעזידיום לייגט פֿאָר ריידן אין אָרדענונג פֿון די דעבאַטן, ב. אָרשאַנסקי זאָגט זיך אָפּ פֿון וואָרט.

כ' סודאַרסקי מערקט אָן, אַז אונדזער אַרבעט וועט קיין ווערט ניט האָבן, אויב די אַרבעט וועט געפֿירט ווערן, ווי די אַרבעט ביז איצט.

אין דעם קאַמף מיט די ציוניִם האָט מען זיך מיט קיין דיפּלאָמאַטישע מאָטיוון ניט געדאַרפט רעכענען, מען האָט זיי געדאַרפט ליקווידירן, אַזוי איז אויך מיט די פילאַנטראָפּישע הילף-אָרגאַניזאַציעס. מען האָט ניט געמאַכט קיין פּרווו צו ליקווידירן זיי, קעדיי צו באַווייזן די אַרבעטער-מאסן, אַז די ראַטנמאַכט דאַרף באַפרידיקן זייערע באַדערפעניִשן און ער דאַרף קעמפן פאַר דער ראַטנמאַכט. די צ. ב. האָט זיך דערמיט איִנגאַנצן ניט גערעכנט און האָט געהאָלפן שאַפן פּריוואַטע הילף-אָרגאַניזאַציעס אין געשטאַלט פון אַמעריקאַנער קאָמיטעט. כ׳ סודאַרסקי זאָגט, אַז די צ. ב. און ה. ב. האָבן גאָרניט אופגעטאָן פאַר דער פּאַרטיי-אַרבעט. וועגן דער באַציונג צו דער ייִדישער אַרבעט מיצאַד דער ק.פ.או. איז ער מאַסקים, אַז די באַציונג איז ניט קיין גוטע, אַז די אַלגעמיינע קאָמיטעטן באַציען זיך שלעכט צו דער אַרבעט, נאָר די אַלגעמיינע באַדינגונגען זיינען זייער שווערע, די פּאַרטיי איז זייער שוואַך און שלעכט אָרגאַניזירט.

כ׳ אַ ר ש זאָגט, אַז די באַריכטן פון די כ״כ דימאַנשטיין און לעוויטאַן זיינען אַ סימען פון זייער באַנקראָט, אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין פּאָליטישע ליניע. אין דעם קאַמף מיט דער ייִדישער בורזשואַזיע האָבן מיר געליטן מאַפּאָלעס. אויב דער קאַמף קעגן די ציוניִם ווערט אין אייראָפּע אויסגעטייטשט, ווי אַ קאמף קעגן דער ייִדישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, איז דאָס נאָר אַ באַווייז, אַז דעם קאַמף דאַרף פירן ניט נאָר די ר.ק.פ. נאָר די ייִדישע סעקציע. אויב די אַלגעמיינע ראַטן-אַנשטאַלטן רעכענען זיך אין די ייִדישע פראַגן מיט די בורזשואזע ספּעציאַליסטן, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל אַזוי האָט די צ. ב. איינגעפירט און האָט ניט געקעמפט דערפאַר, אז אין די פראַגן פון ייִדישן לעבן זאָל מען זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון די סעקציעס. ער שטרייכט אונטער, אַז דער כ׳ ראַפּעס האָט אין קיִעוו מיטגעהאָלפן דעם קאַמף קעגן די סעקציעס.

וו אָ ל י ן. די צ. ב. און הויפּט-ביוראָ זיינען אַלע מוידע, אַז זיי האָבן גאָרניט אופגעטאָן. מען דאַרף דעריבער ניט קריטיקירן די אַרבעט פון די אַנשטאַלטן, נאָר די סיבעס, וואָס האָבן געשטערט אין דער אַרבעט.

כ׳ דימאַנשטיין איז ניט גערעכט, ווען ער באַגרינדעט די שוואַכקייט פון דער אַרבעט מיט די ספּעציפישע אייגנאַרטיקייטן פון ייִדישן פאָלק. ער זאָגט, אַז דיזעלביקע אייגנאַרטיקייט איז פאַראַן באַ דער בורזשואַזיע פון אַלע פעלקער, וואָס בייטן אַלעמאָל זייער אָריענטאַציע. די צ. ב. האָט געדאַרפט פירן אַ ברייטע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אין דער גאַנצער וועלט, דערווייזן דער ראַטנמאַכט די שעדלעכקייט פון ציאָניזם. דאָס האָט די צ. ב. ניט געטאָן, זי האָט ניט געהאַט קיין אַווטאָריטעט אין צ. ק. און האָט אופגעהויבן דעם אַווטאָריטעט פון די סעקציעס. אַפן געביט פון אַרבעט צווישן דער יוגנט איז גאָרניט אופגעטאָן. די סעקציעס זיינען אָפּגעריסן פון די מאַסן, די כאַוויירים, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן אַף די ערטער, האָבן ניט געפילט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל די צ.ב. האָט פון זיי קיין באַריכט ניט געפאָדערט. ער זאָגט, אַז כ׳ ראַפּעס איז ניט גערעכט, ווען ער שטעלט דעם טעזיס׳ אַז

ווייל אַף אוקראַינע זיינען די סעקציעס שוואַך, דאַרף מען זיי ניִט האָבן. דערפֿון דאַרף מען מאַכן אַ פֿאַרקערטן אויספֿיִר. קיין קאָמוניִסטיִשע מאַסן-אַגיטאַציע איז ניִט געפֿירט געוואָרן, אָפֿן געביט פֿון ראַטן-אַרבעט איז גאָרניִט געטאָן געוואָרן, קיין קולטורעלע און הילף-אַרבעט איז ניִט געפֿירט געוואָרן, דערפֿאַר האָט מען זיִך געמוזט אָריענטיִרן אַף די פריוואַטע איינריכטונגען.

כ׳ ליִבערטע. די פּראָפּאָרציאָנעלע קריטיִק דאַרף אָפּגעוואָרפֿן ווערן, אַזוי וויִ עס האָט געדאַרפֿט אָפּגעוואָרפֿן ווערן דער פּראָפּאָרץ-פּרינ-ציִפּ. אויב איִן האָמעל און איִן וויִטעבסק האָט מען איִן אַ באַשטימטער צייט געאַרבעט, איז דאָס ניט צוליִב די פֿאַרדינסטן פֿון צ. ב. ווייל זיִ האָט קיין שום דירעקטיִוון און אָנווייזונגען ניט געגעבן. די צ. ב. האָט פּאַרן צ. ק. ניִט פּאָרמולירט אונדזער באַציִונג צו די ייִדיִשע בורזשואַזע פּאַרטייען און גע-זעלשאַפֿטן. די צ. ב. האָט ניִט געהאַט קיין פּאָליטיִשע ליניע, און יעדער מיִט-גליִד פֿון צ. ב. האָט געטאָן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. מען האָט איִן דער אַר-בעט אַריינגעטראָגן אַסאַך פּערזענלעכע מאָטיִוון און מען האָט זיִך ניִט גע-רעכנט מיִט דער ייִדיִשער אַרבעטער-באַוועגונג. אַף די ערטער איִז געווען אַ וויִלן צו אַרבעטן, איִן צענטער איִז דער וויִלן אָבער ניט געווען, און ער האָט פּאַראַליִזיִרט די אַרבעט.

טשעסקיִס. די צ. ב. האָט געדאַרפֿט דורכפֿירן אַלע קאַמפּאַניעס, וואָס די אַלגעמיינע פּאַרטיי האָט אָנגעמערקט, און דורכפֿירן זעלבשטענדיקע קאַמ-פּאַניעס אַף דער ייִדישער גאַס. מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרייניִקן די גאַנצע אַר-בעט פֿון די סעקציִעס אַף די ערטער, שיקן ציִרקוליאַרן און אָנווייזונגען, אויספֿאָרשן דעם צושטאַנד פֿון די סעקציִעס אַף די ערטער. אַף דעם געביט איִז גאָרניט געטאָן געוואָרן. מען האָט זיִך פֿאַרנומען מיִט שטאַדלאָנעס.

איִן דער אומטעטיִקייט פֿון צ.ב. איז שולדיק כ׳ ראַפֿעס, וואָס האָט גע-שטערט איִן דער אַרבעט און האָט ניט געלאָזן דורכפֿירן קיין וויכטיִקע אונ-טערנעמונגען. דאָרטן, וווּ מען האָט איִן דער אַרבעט ניט געשטערט, האָט די סעקציע אויפֿגעטאָן אַ גרויסע אַרבעט.

מערעזשיִן באַמערקט, אַז ער איִז געשיִקט געוואָרן קיין אָדעס ניִט בלויז צוליִב ייִדיִשער, נאָר אויך צוליִב אַלגעמיינער אַרבעט, און דורך די אַלגעמיינע איינריכטונגען האָט ער דורכגעפֿירט אַסאַך ייִדיִשע אַרבעט.

אַ טייל פֿון הויפּט-קאָמיטעט האָט ניט געשענקט קיין אַכטונג צו דער אַרבעט. איִן דעם קאַמף מיט די באַראַטביִסטן זיינען איִן דער פּאַרטיי געווען צוויי מיינונגען, און דער כ׳ ראַפֿעס האָט געפֿירט אַ ריכטיִקע פּאָליטיִק איִן דער פֿראַגע, און אויב כ׳ טשעסקיִס ווייזט אָן, אַז צוליב קאַמף מיט די באַ-ראַטביסטן איִז געשאַפֿן געוואָרן אַ שלעכטע באַציִונג צו די סעקציעס, באַ-ווייזט ער נאָר, אַז ער שטייט אַף אַ קליינשטעטלדיקן שטאַנדפּונקט. טשעסקיִס און ליעוויטאַן זיינען דורכגעדרונגען מיט גאָלעס-פּסיכאָלאָגיע. ער זאָגט, אַז די אַרבעט פֿון צ. ב. איִז ניט פּרוכטבאַר, זיִ האָט ניט פֿאַר וועמען צו זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך. ווען עס זאָל זיין אַן אָפּטיילונג, וואָלט דער צ.ק. פֿון איר געפֿאָדערט אַרבעט.

20. ש. אַגורסקי. ייִדיִשע קאָמיִסאַריאַטן.

גערשאָווסקי. אין אונדזערע פּאַרטיי־קרייזן האָט מען אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דער נאַציאָנאַלער אַרבעט, און באַזונדערס רעכנט מען זיך ניט מיט דעם ייִדישן אַרבעטער. מיטן פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע נאַציעס רעכנט מען זיך מער, ווייל זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ רעאַלן קויעך, און אין דער צוקונפט דאַרף מען אויסקלייבן אַ צ. ב. וואָס זאָל שטיין אַף דער הויך און פאַרברייטערן די אַרבעט.

קאַזאַקעוויטש. די צ. ב. האָט קיין שום שטאַנדפּונקט ניט געהאַט. זי האָט קיין קאַמפּאַניע ניט געפירט, זי האָט ניט געמאַכט קיין שום אַרויס־טרעטונגען פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, און מען האָט דאָס געלאָזט פאַרן בונד" און פ. צ. אין דעם קאַמף קעגן דער ייִדישער קאָנטר־רעוואָלוציע האָט מען ניט אַריינגעצויגן די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן. ווען עס וואָלט זיין אַן אָרגאַניזירטע קראַפט, וואָלט די ר. ק. פּ. ניט מוירע געהאַט צו פירן קיין קאַמף קעגן דער ייִדישער קאָנטר־רעוואָלוציע. אַף די ערטער האָט מען ניט געוווּסט קיין דירעקטיוון, קיין מענטשן האָט מען ניט געשיקט, מען האָט זיך געהאַלטן בײַ שטאַדלאָנעס און ניט געזוכט זיך אָנשפּאַרן אַף אָרגאַניזירטע מאַסן.

זאָרשאַנסקי. מיר האָבן אויסגעהערט אַ פּאָליטישן און אָרגאַ־ניזאַציע־באַריכט, אין וועלכן עס איז ניט געווען קיין פּאָליטישער אינהאַלט און קיין אָרגאַניזאַציע־פּלאַן. אַף די ערטער האָבן מיר קיין דירעקטיוון ניט געהאַט און געאַרבעט אַף אייגענער אַכראַיעס. עס איז קלאָר, אַז קיין פּאָלי־טישע ליניע האָט די צ. ב. ניט געהאַט. אָבער מען דאַרף אונטערזוכן די אָב־יעקטיווע סיבעס. די רעדע פון כ' קאַזאַקעוויטש איז געווען אַ באַטלאָנישע און נאַציאָנאַליסטישע. די סיבעס פון דער אומטעטיקייט פון צ. ב. איז די שוואַכקייט פון די סעקציעס אַף די ערטער. די אַרבעט פון די סעקציעס אין אוקראַינע איז געווען אַן אינערלעכע. מען האָט זיך פאַרנומען מיט באַטראַכטן די אָרגאַניזאַציע־פראַגע. אַף דערויף איז אָפּגעגעבן געוואָרן די גאַנצע ענער־גיע, און צווישן די ברייטע מאַסן איז קיין אַרבעט ניט געפירט געוואָרן. קיין אַרבעטער־מאַסן זיינען אין די סעקציעס ניט פאַראַן. מיר קאָנען זיך ניט באַזירן אַף די סעקציעס פון צענטראַל־רוסלאַנד, נאָר אַף ווייסרוסלאַנד, ליטע און אוקראַינע. פון ווייסרוסלאַנד זיינען נאָר דאָ 2 גובערניעס. אַף אוקראַינע איז בכּלל גרויס די דעמאָראַליזאַציע, און דאָס האָט אָפּגעשוואַכט די אַרבעט ביכלל און אויך די ייִדישע. אין דער אַרבעט פון צ. ב. קען מען אַפילע מיט קיין פּראָזשעקטאָר קיין פּאָליטישע ליניע ניט געפינען. איר האָט זיך ניט אָריענטירט אַף די אָרגאַניזירטע פּראָלעטארישע מאסן. דעם „סעטמאס", וואָס האָט געפירט די אַרבעט צווישן די אָרעמקייט, האָט מען קיין פּאָליטישע ריכטונג ניט געגעבן, אין דער אומטעטיקייט פון דער ה. ב. ווערט באַשול־דיקט דער כ' ראַפעס, אָבער לעוויטאַן האָט קיין ריכטונג אינגאַנצן ניט גע־האַט. קיין פּאָליטישע ליניע קענען די צ. ב. און הויפּט־ביוראָ ניט פירן, ווייל זי שפּאַרט זיך אָן אַף עלעמענטן, וואָס זיינען צופעליק אַריין אין דער פּאַר־טיי, וואָס טראָגן אַריין קליינבירגערלעכע שטימונגען אין פּאַרטיי. ווען די

קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָל אַליין אָנפירן מיט דער אַרבעט, וואָלט די לאַגע געווען אַנדערש. עס זיינען געווען פאַלן, ווען די ק.פּ.או. האָט באַשטימטע פערזאָנען ניט געוואָלט אַריינעמען אין דער פּאַרטיי, האָט די סעקציע זיי יאָ איינגעשלאָסן. די אַרבעט דאַרף דערום אָנגעפירט ווערן דורך דעם אַלגעמיינעם פּאַרטיי-קאָמיטעט, מיט דער הילף פון די אָפּטיילונגען.

נאָך דער אַרויסטרעטונג פון ז. אָרשאַנסקי ווערט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג צו שליסן די דעבאַטן און מיט אַ מערהייט פון 22 קעגן 14 ווערן געשלאָסן די דעבאַטן וועגן באַריכט פון צ. ב.

כ׳ ראַפּעס. אַזוי ווי מיר דאַרפן איגנאָנצן איבערייסן די דעבאַטן וועגן די באַריכטן און איבערגיין צו דער אָרגאַניזאַציע-פראַגע, און אַזוי ווי אין דער פראַגע וועט אָנטיילנעמען כ׳ קרעסטינסקי. האָט די צ. ב. באַשטימט די פּאָרטראָגן לייענען אויף רוסיש. אין פּרעזידיום איז קיין איינשטימיקייט וועגן דער פראַגע ניטאָ, דערום דאַרף מען די פראַגע באַשטימען.

כ׳ ראַפּעס לייגט פאָר די פּאָרטראָגן לייענען אויף רוסיש.

כ׳ נאָוואַקאָווסקי לייגט פאָר די פּאָרטראָגן לייענען אין יידיש, ווייל אייניקע דעלעגאַטן פאַרשטייען ניט קיין רוסיש.

מיט אַ מערהייט ווערט באַשטימט די פּאָרטראָגן לייענען אין רוסיש *).

דריטער טאָג. פערטע זיצונג.

דעבאַטן וועגן דער אָרגאַניזאַציע־פראַגע.

כ׳ אָרש. ס׳איז ניט בלויז קיין פראַגע וועגן סעקציעס, אָדער אָפּטיילונגען. ער איז ניט איינשטימיק מיטן כ׳ ראַפּעס, אַז דורך די סעקציעס דרינגען דורך די קליינבירגערלעכע עלעמענטן אין פּאַרטיי. פאַרקערט, די יידישע קליינבירגערלעכע עלעמענטן געפינען אַ וועג פאַרביי די סעקציעס און גייען פאַרביי זיי. דער כ׳ ראַפּעס קערט זיך אום צום אַלטן „איסקריזם“, וועלכער איז ניט איינס און דאָסזעלבע מיטן קאָמוניזם. אויב מיר נעמען אָן דעם אָוואַר פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וועלכער איז געווען אין אַלגעמיין ריכטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער פּערספּעקטיוו, דערפאַר וואַרפן מיר אָפּ דעם אָוואַר פון „איסקריזם“. מיר דאַרפן אַרויסרופן די זעלבסטעטיקייט פון יידישן אַרבעטער-קלאַס, קעדיי צו באַקומען די ווירקונג אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן. די ווירקונג פון דער יידישער בורזשואַזיע איז נאָך זייער שטאַרק און זי דאַרף באַקעמפט ווערן, ווי די בורזשואַזיע פון גאַנץ רוסלאַנד. עס דאַרף געפירט ווערן אַ קאַמף קעגן דער רעליגיע. מען טאָר זיך ניט צופּאַסן צום אַנטיסעמיטיזם. די סעקציעס דאַרף דערום זיין אַ מאַסנאָרגאַניזאַציע, און זי דאַרף אַליין באַשטימען אַלע פראַגן פון יידישן לעבן.

*) די פּאָרטראָגן וועגן דער אָרגאַניזאַציע-פראַגע האָבן געהאַלטן די פאָרשטייער פון די דריי ריכטונגען—ראַפּעס, מערעזשין און נאָוואַקאָווסקי—אָבער די פּאָרטראָגן זיינען אין די פּראָטאָקאָלן ניט פאַרצייכנט געוואָרן, און עס איז אוממעגלעך געווען צו אויסגעפינען ווו די פּאָרטראָגן געפינען זיך.

כ׳ טשעסקיס. דער כ׳ ראַפּעס האָט געלייענט אַ פֿאָרטראָג פֿון איין אינהאַלט און האָט אַריינגעטראָגן אַ רעזאָלוציע פֿון אַ צווייטן אינהאַלט, אונטער וועלכער אַלע סעקציאָניסטן קענען זיך, מיט אייניקע אויסבעסערונגען, אונטערשרייבן. די פֿילאָסאָפֿיע־באַגרינדונג, באַגרינדונג פֿון כ׳ נאָוואַקאָווסקי צו זיין פֿאָרטראָג, איז ניט געווען נויטיק. נאָר די רעזאָלוציע איז גאַנץ לאָגיש געבויט אין איין לענג מיטן אויספֿיר פֿון פֿאָרטראָג.

כ׳ ראַפּעס רעט בלויז פֿון פּאָליטיק און פֿאַרבינדט ניט די פֿראַגן פֿון קולטור און אלגעמיינער בויונג מיט דער פּאָליטיק. מיר דאַרפֿן אַריינדרינגען אין אַלע געביטן פֿון לעבן. מיר דאַרפֿן דערום אויסבויען אַזאַ אַפּאַראַט, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די אויפֿגאַבן. כ׳ מערעזשין האָט געבויט אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. לויט זיין מיינונג דאַרף זיין בלויז אַ טעכנישער אַפּאַראַט, באַשטימט פֿונויבן, ווו עס קאָן ניט אַרויסגעוויזן ווערן קיין איניציאַטיוו און מען דאַרף טאָן בלויז, וואָס מען הייסט. דאָס וועט צו קיין רעזולטאַטן ניט ברענגען. עס דאַרף דערום זיין אַ פֿאַרצווייגטע מאַסנאָרגאַניזאַציע.

פּלאַווניק. מען קריגט זיך וועגן סעקציעס און אָפּטיילונגען. ביז איצט זיינען געווען סעקציעס און די רעזולטאַטן פֿון זייער אַרבעט זיינען זייער קליינע, און עס קאָנען זיין אָפּטיילונגען, וואָס זאָלן בעסער אַרבעטן און גוט איינאָרדענען דעם אַרבעט־אַפּאַראַט. די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען זייער שווערע. אונדז קומט אויס צו אַרבעטן צווישן אַן אַרבעטלאָזן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז רויִנירט. דער כ׳ אַרש שלעפּט מיט דאָס גאַנצע פּעקל פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. די נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע איז געווען לאָגיש ביז דער אָקטיאַבר־רעוואָלוציע, זי איז אָבער ניט לאָגיש און קאָנטר־רעוואָלוציאָנער איצט. דאָס וויכטיקסטע איז ניט די אָרגאַניזאַציע־פֿאָרם, נאָר דער אינהאַלט פֿון דער אַרבעט.

כ׳ לעוויטאַן. די אויפֿגאַבן פֿון אונדזער קאָנפֿערענץ איז איינפֿאָרמירן דעם צ.ק. וועגן דער אַרבעט פֿון די סעקציעס, אים אָנווייזן ווי, נאָך אונדזער מיינונג, דאַרף געפֿירט ווערן די אַרבעט, און אויב דער צ.ק. וועט ניט איינשטימען מיט אונדזער שטאַנדפּונקט, וועלן מיר אַרבעטן אין די ראַמען, וואָס וועט אָנגעמערקט ווערן פֿון צ.ק. און קעמפֿן פֿאַר זייער אויסבעסערונג. כ׳ ראַפּעס האָט געזאָגט, אַז אין אונדזער רעזאָלוציע דאַרף ניט זיין קיין אידעאָלאָגישע באַגרינדונג און האָט אין זיין רעזאָלוציע אַליין געגעבן אַן אידעאָלאָגישע באַגרינדונג, ווייל אָן דעם קאָן מען זיך ניט באַגיין. מיר שטעלן זיך ניט פֿאָר קיין אַלוועלטלעכע יידישע פּאָליטיק, מיר פֿאַרשטייען, אַז אונדזער סעקציע דאַרף זיין ענג אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט דער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, און דער כ׳ ראַפּעס זעלבסט רעט וועגן אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט באַם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל צו פֿירן די יידישע אַגיטאַציע אין פֿאַרשיידענע לענדער. מיר האָבן זיך אויך אָפּגעזאַגט קאַטעגאָריש פֿון אַווטאָנאָמיזם אין אַלטן באַגריף. כ׳ ראַפּעס רעט פֿון פּאָליטישער אַסימיליאַציע, אָבער דאָס באַטייט פֿאַקטיש קולטורעלע אַסימיליאַציע. אין דער פֿאַרגאַנגענהייט האָבן מיר אַסאַך געזינדיקט, ווי אין פּאָליטישן, אזוי אויך אין נאַציאָנאַלן זין. אָבער דער כ׳ ראַ-

פּעס נוצט דאָס אויס אַפֿן דעמאַגאָגישן אויפֿן. פֿון זיין רעזאָלוציע דאַרף דע-
רום ארויסגענומען ווערן די הויפּט-נעשאָמע.

כ׳ דימאַנשטיין. די יידישע קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט ניט קיין באַזונדער יידישע אידעאָלאָגיע, ווייל זי האָט אָנגענומען די אַלגעמיין-קאָ-מוניסטישע אידעאָלאָגיע. ווען די אַלטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זאָל געוועהן פֿירן אַן אַרבעט צווישן יידישן אַרבעטער-קלאַס, וואָלט געווען איצט גרינגער צו באַקעמפֿן דעם „בונד״, און איצט, ווען דער יידישער ארבעטער-קלאַס זאָגט זיך אָפּ פֿון דער אלטער אידעאָלאָגיע, דאַרף מען פֿאַר אים ניט שאַפֿן קיין נייע אידעאָלאָגיע, נאָר ער דאַרף אָנעמען די אַלגעמיין-קאָמוניס-טישע. מיר האָבן געדאַרפֿט פֿירן אַ קאַמף ניט בלויז קעגן „בונד״, נאָר מיט דער פֿינצטערניש און אומוויסנהייט, ווייל דער יידישער אַרבעטער-קלאַס איז ניט אָרגאַניזירט אין קיין שום פּאַרטיי. מען דאַרף זיך דערום ניט גריבלען אין פֿילאָסאָפֿיע, נאָר באַטראַכטן די ברענענדיקע פֿראַגן פֿון בירגער-קריג, ווי אַרויס פֿון דער שווערער לאַגע. איך בין ניט פֿון פּרינציפּיעלן, נאָר פֿון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט קעגן אָפּטיילונגען און פֿאַר סעקציעס, ווייל די דערפֿאַרונג פֿון די אָפּטיילונגען באַם צ.ק. איז א טרויעריקע. די סעקציעס שפּאַרן זיך אָן אַף מאַסן, וועלכע פֿאָדערן פֿון זיי און קאָנטראָלירן זיי. מיר דאַרפֿן ניט ציען די קייט פֿון דער אלטער פֿאַרגאַנגענהייט, נאָר די גאָלדענע קייט פֿון דער אָק-טיאַבר-רעוואָלוציע.

כ׳ ליבערטע. דער כ׳ ראַפּעס מיט זיין פּאָליטיק האָט זיך געשטעלט אין צענטער און אונדז פֿאַרגעשטעלט, ווי אַווטאָנאָמיסטן. אויב אַף דער יידי-שער גאַס איז שוין דאָ אַ קאָמוניסטישע באַוועגונג, קאָנט איר מיט אייער פּאָ-ליטישער אַסימיליאַציע זי ניט אָנפֿירן. מיר מוזן האָבן אין אויג די פּערספּעק-טיוו. עס זיינען דאָ גרויסע יידישע פּראָלעטארישע מאַסן, וואָס קאָנען זיך ניט אַנטוויקלען אויסער די סעקציעס. כ׳ ליבערטע ברענגט א פֿאַקט פֿון האָמלער גובערניע, ווו עס זיינען דאָ 14.000 יידישע ארבעטער, און אין דער פּאַרטיי זיינען געווען ביז די סעקציעס האָבן אָנגעהויבן צו ארבעטן בלויז 200 יידישע מיטגלידער. דאָרט מוזן די סעקציעס פֿירן א קאַמף פֿאַר זייער עקזיסטענץ. דאָס איז דערפֿאַר, ווייל פֿאַר די סעקציעס זיינען ניט פֿאַרפֿיקסירט קיינע באַ-שטימטע רעכטן, און יעדער שריט הענגט אָפּ פֿון ווילן פֿון ארטיקן קאָמיטעט. די 3-טע קאָנפֿערענץ דאַרף דערום די רעכט פֿאַרפֿיקסירן.

כ׳ מאַנדעלסבערג. די רעדע פֿון כ׳ לעוויטאַן איז אַ ריין דעמאַ-גאָגישע. זיי ווילן די זאַך פֿאַרדרייען, אז דער גאַנצער קאַמף זאָל געפֿירט ווערן ארום דעם כ׳ ראַפּעס, אז ער האָט זיך געסטאַרעט אין זיין רעדע גע-פֿעלן דעם כ׳ קרעסטינסקי. מען מוז קאָנסטאַטירן, אַז באַ לעוויטאַן און נאָוואַ-קאָווסקיס גרופּע זיינען פֿאַראַן נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און גאַנץ געפֿער-לעכע. איר זאָגט, אז איר זייט מאסקים מיט דער רעזאָלוציע פֿון כ׳ ראַפּעס, דאָך נעמט איר אייער רעזאָלוציע ניט אַראָפּ. מיר באַגרינדן די נויטיקייט פֿון די סעקציעס מיט פּראַקטישע מאָטיוון און איר—מיט נאַציאָנאַליסטישע, כ׳ לי-בערטע רעט וועגן די גובקאָמען, וואָס נעמען אָפּ באַ די סעקציעס די שטעמפּ-

לען, און ער האָט אַליין אין האָמעל אָפּגענומען דעם שטעמפּל. כ׳ מאַנדלס-בערג סאָלידאַריזירט זיך מיט כ׳ מערעזשינען, אַז די סעקציעס זיינען איצט שעדלעך, און עס קאָן זיין, אַז ווען פון צ.ק. וועט אַרויס אַ צירקוליאַר וועגן פאַנאַנדערלאָזן די סעקציעס, וועלן מיר אים באַגריסן. די סעקציעס זיינען אַן איבערגאַנג-פאָרם און זיי וועלן מוזן פאַרביטן ווערן מיט אָפּטיילונגען.

כ׳ א י י ד ל מ אַ ן. אין דער סעקציאָניסטישער גרופּע איז אָפּיציעל ני-טאָ קיין אַווטאָנאָמיסטישע ריכטונגען. מיר גייען בלויז אַרויס פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט. קאָמוניזם איז אינטערנאַציאָנאַליזם און ניט קיין קאָסמאָפּאָלי-טיזם. מערעזשינס גרופּע איז ניט בלויז פאַר פּאָליטישער אַסימילאַציע, נאָר פאַר קולטורעלער. כ׳ ראַפּעס זאָגט, אַז ער נעמט אָן מערעזשינס באַגרינדונג, און זיין רעזאָלוציע נעמט אָן אונדזער פּראַקטיק, הייסט דאָס, אַז ער האָט קיין פּאָזיציע בכלל ניט. מערעזשין שטעלט זיך די אויפגאַבע צו דעררוייזן, אַז אין די סעקציעס זיינען פאַרבליבן די ערגסטע עלעמענטן. דערמיט ווילן זיי באַגרינדן די אַסימילאַציע-טענדענצן. פאַקטיש זיינען דאָ 2 גרופּן—אַקטיווע אַסימילאַטאָרן מיט מערעזשינען בעראָש, און אונדזער גרופּע, וואָס שטייט פאַר סעקציעס. די מיטלסטע איז בלויז קעדיי צו צושפּאַלטן די שטימען, דערפאַר דאַרף זי אינגאַנצן אפּגעוואָרפן ווערן.

ס ו ד אַ ר ס ק י. אונדזערע רעדלפירער טראָגן אין יעדער פראַגע אַריין פילאָסאָפיע, און דערמיט פאַרפלאָנטערן זיי די פראַגן. מע קען ניט אָפּטיילן פּאָליטיק פון קולטור, ווייל אונדזער גאַנצע קולטורעלע אַרבעט איז פּאָליטיק. צום שטאַנדפּונקט פון אָפּטיילונגען בין איך געקומען פון פּראַקטישן שטאַנד-פּונקט. דאָס, וואָס אַף די ערטער זיינען אַריין אין די סעקציעס גאַנצע אַלטע פּאַרטייען, האָט געבראַכט דערצו, אַז די סעקציעס אינטערעסירן זיך ניט מיט די אַלגעמיינע פראַגן, זיי האַלטן זיך צופיל בײַ דער נאַציאָנאַליסטישער פּאָ-ליטיק. דערפאַר דאַרפן געשאַפן ווערן אָפּטיילונגען. מעגלעך, אַז די אָפּטיילונ-גען וועלן אויך ניט טויגן, אָבער איצט ווייזן זיי אויס, ווי דער איינציקער אויסוועג.

כ׳ ג ע ר ש אָ ו ו ס ק י. די סעקציאָניסטן טראַכטן ניט פון קיין אַווטאָ-נאָמיע אין אַ פאַרמאַסקירטער פאָרם. מיר זיינען פאַר סעקציעס, וואָס זאָלן קענען פירן אַ ברייטע אַרבעט און זיין צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון יידישן אַרבעטער-קלאַס. די, וואָס שטייען פאַר אָפּטיילונגען, שטערן אַף די ערטער דער יידישער אַרבעט, דערפאַר דאַרף מען סעקציעס.

אַ ל ט ש ו ל ע ר. די סעקציאָניסטן האָבן געוואָלט אויפווייזן די פאַלשע סטראַטעגיע פון כ׳ ראַפּעס. זייער פּאָליטיק איז דורכגעדרונגען מיט אומצוטרוי צו די אַלגעמיינע פּאַרטיי-אַנשטאַלטן. אויב דער צ.ק. קאָן אָנפירן מיט דער גאַנצער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק, קען מען אים אויך פאַר-טרויען די יידישע פּאָליטיק, מען קען זיך ניט איינשליסן אין נאַציאָנאַלע ראַ-מען, ווייל דאָס איז שעדלעך. די אלגעמיינע אויפגאַבן טאָרן אונדז ניט זיין פרעמד. מיר מוזן פאַר איר טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. צוליבן קולטו-רעלן נאַציאָנאַליזם ווילט איר אויפהיטן דעם פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם. אויב מיר

שטייען פֿאַר סעקציעס און ניט פֿאַר אָפּטיילונגען, איז דאָס דערפֿאַר, ווייל מיר מיינען, אַז די סעקציעס וועלן בעסער דערפֿילן זייערע אופֿגאַבן אַפֿן געביט פֿון יידישער אַרבעט.

כ׳ אַ ל ס ק י. מען וויל פֿאָרשטעלן, אַז עס האָט זיך מעכאַניש געשאַפֿן דאַפּעסעס ריכטונג. דאָס באַווייזט, אַז זיי זיינען ניט באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון די סעקציעס. נאָך אַף דער צווייטער קאָנפֿערענץ האָט כ׳ כייפֿעץ פֿאָרמולירט דעם געדאַנק פֿון אָפּטיילונגען. די, וואָס זיינען פֿאַראַיאָרן געווען פֿאַר סעקציעס, זיינען איצט פֿאַר אָפּטיילונגען און אַזוי מוז גיין די עוואָלוציע אין דער צוקונפֿט. מיר זיינען פֿאַר אָפּטיילונגען, ווייל דאָס איז דער בעסטער מיטל צו באַהעפֿטן די יידישע פּאַרטיי-מיטגלידער צו די אַלגעמיינע פּאַרטיי-אַנשטאַלטן. דער מעכאַניזם דאַרף זיין איינער און דאַרף זיין געבויט אַזוי, אַז באַ דער קלענסטער אָנשטרענגונג זאָל דערגרייכט ווערן מאַקסימום רעזולטאַטן. איינציקע צענטראַל-ביוראָען פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָבן שוין פֿאַרגעלייגט דעם צ. ק. אַף זייער אָרט שאַפֿן אָפּטיילונגען, און דאָס איז דער ריכטיקסטער וועג.

א יי נ ש ט יי ן. מען וויל פֿאָרשטעלן, אַז דאָ איז ניט קיין אונטערשייד פֿון דער אידעאָלאָגיע, נאָר פֿון אַ פּראַקטישן פּלאַן. דאָס איז ניט ריכטיק. אויב מען זאָגט, אַז באַם כ׳ ראַפּעס איז קיין אידעאָלאָגיע ניטאָ, איז דאָס ניט ריכטיק, ער האָט געבראַכט די אידעאָלאָגישע באַגרינדונג פֿון ר.ק.פּ. די אַרויסטרעטונגען פֿון אַסאַך דעלעגאַטן האָבן באַוויזן, אַז מען זאָגט זיך ניט אָפּ פֿון אַווטאָנאָמיע. אויב מען פֿאָדערט, אַז עס זאָל גאַראַנטירט ווערן די רעכט פֿון די סעקציעס, שמעקט דאָס מיט אווטאָנאָמיע. די סעקציעס זיינען געווען פֿאַרנומען בלויז אין די ראַמען פֿון אָרגאַניזאַציאָנעלע און נאַציאָנאַלע פֿראַגן. דאָס איז שעדלעך.

כ׳ ע פּ ש ט יי ן. די שטרעבונג אַלץ אויסטייטשן אַפֿן פֿילאָסאָפֿישן אויפֿן איז אַן איבערלעבונג פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, מען דאַרף באַטראַכטן די פֿראַגע פֿון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט. דאָרט, ווו די סעקציעס פֿירן אַן ענערגישע אַרבעט, רעכענען זיך די אַלגעמיינע פּאַרטיי-אַנשטאַלטן מיט זיי און שטערן זיי ניט אין זייער אַרבעט. עס איז אַלצייינס סעקציעס אָדער אָפּטיילונגען, אַבי די אַרבעט זאָל געפֿירט ווערן.

כ׳ ז. אָ ר ש אַ נ ס ק י. איך רייד פֿון אַ גרופּע, וואָס שליסט זיך אָן צו דער רעזאָלוציע פֿון כ׳ ראַפּעס. מיר זיינען אויך איינשטימיק מיט זיין באַגרינדונג. מיר זיינען פֿאַר סעקציעס, ווי די בעסטע פֿאָרם פֿון פֿירן די אַרבעט צווישן יידישן אַרבעטער-קלאַס. מיר גייען ניט אַרויס פֿון דעם שטאַנדפּונקט צו פֿאַרשליגען דעם „בונד“, מיר געפֿינען, אַז ער דאַרף זיין עוואָלוציע פֿאַרברייטערן. פֿאַר אונדז זיינען די סעקציעס ניט קיין מאַסן-אָרגאַניזאַציעס, נאָר טעכנישע אַפּאַראַטן. אַלע גרופּירונגען גייען זיך צינויף אין באַשטימען די אופֿגאַבן פֿון דער יידישער אַרבעט. דאָ איז אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע און קאָנטראָלירן די יידישע ראַטן-אַרבעט. אין דער פּרינציפּיעלער באַגרינדונג זיינען מיר נאָענט צו דער רעזאָלוציע פֿון מערעזשין, נאָר צוליב פּראַקטישע מאָטיוון זיינען מיר פֿאַר סעקציעס.

כ׳ ב. אָ ר ש אַ נ ס ק י. ווען מען דערווייזט, אז די סעקציעס שליסן זיך איין אין שמאָלע ראַמען, אַז זיי זיינען אָפּגעריסן פֿון די פּאַרטיי איינריכטונגען, איז דאָס ריכטיק. די וויטעבסקער סעקציע עקזיסטירט פּאַקטיש ניט, און אין דעם „שטערן" האָב איך געשטעלט די פֿראַגע, ווי אזוי בעסער אָרויסשטעלן די ארבעט, קעדיי אריינציִען די יידישע אַרבעטער-מאַסן אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג, און קעדיי מען זאָל דאָס קענען דורכפֿירן, דאַרף מען האָבן ספּעציעלע פֿאָרמען. איך האָב אָנגעוויזן, אַז קעדיי די יידישע פּאַרטיי-מיטגלידער זאָלן זיין עמעסע בויער און שעפער פֿון קאָמוניזם, מוזן זיי האָבן זייער אָרגאַניזאַציע.

מען זאָגט, אז די סעקציעס זיינען צופֿעלטע איינריכטונגען, דאָס איז ניט ריכטיק, איך האָב אין מיין ארטיקל ניט געגעבן קיין באשטימטע פֿאָרמען, נאָר פֿון פֿעדעראַטיוון שטאַנדפונקט זאָג איך זיך אָפּ. מען האָט ניט געלאָזט מאַכן קיין מאַסן-אָרגאַניזאַציעס, און דערפֿאַר זיינען זיי ניט לעבעדיק. נאָר דאַן, ווען זיי וועלן אַזעלכע זיין, וועלן זיי קאָנען פֿירן זייער קאמף קעגן פֿינצטערניש, אָפּגעשטאַנענקייט און קעגן דער יידישער קאָנטער-רעוואָלוציע. אין א ריי יידישע שטעט ווערט ביקלאַל קיין יידישע אַרבעט ניט געפֿירט. די יידישע ארבעטער-מאַסן פֿאַרשטייען ניט די רוסישע שפּראַך און קאָנען דערום קיין אַקטיוון אנטייל אין פּאַרטיי-לעבן ניט נעמען. ביז איצט זיינען די סעקציעס געווען ניט קיין סעקציעס און ניט קיין אָפּטיילונגען און דערצו מאַכט אַ סאָף דער פֿאָרשלאָג פֿון אינסטרוקציעס פֿון דער סעקציאָניסטישער גרופּע.

ו אָ ל י ן. כ׳ סודאַרסקי האָט קיין איין פּראַקטישן פֿאָרשלאג ניט אַריינגעטראָגן. עס האַנדלט זיך ניט, צי מען דאַרף פֿירן די ארבעט. דאָס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. עס האַנדלט זיך בלויז וועגן די פֿאָרמען, ווי אזוי בעסער צו פֿירן די אַרבעט. די פּאַרטיי-דיסציפּלין דאַרף פֿאַרשטאַנען ווערן ניט ווי א ספּעציעלע סעקציע-דיסציפּלין, נאָר אַפֿן סמאַך פֿון אַלגעמיינער פּאַרטיי-דיסציפּלין. אויב אין אָדעס האט אימעצער געשטימט פֿאַר אָפּטיילונגען, איז דאָס נאָר די אינטעליגענטן.

ב אַ ב י נ ס ק י, פּ ו י ל י ש ע ס ע ק צ י ע. די פֿראַגן, וואָס ווערן דאָ באַטראַכט, זיינען פֿאַר אונדז וויכטיק, ווייל אין פּוילן קומט אונדז אויס אַרבעטן מיט יידישע אַרבעטער. אסאַך כאַוויירים שפּאַרן זיך אָן אין איין פּונקט, דאָס באווייזט, אַז זיי זיינען ניט באקאָנט מיט דער געשיכטע פֿון אידייען-קאמף, וואָס איז געפֿירט געוואָרן אין אונדזער פּאַרטיי. דאָ איז ניט קיין פֿראַגע, אז דער צ. ק. וויל אָנבינדן זיין מיינונג. אין דער איצטיקער עפּאָכע איז קיין אנדערע פֿאָרמען, ווי אַ טעכנישער אפּאַראַט, ניט אָנעמבאַר.

אין פּוילן איז קיין איין פֿאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרטיי-טוער ניט פֿאַר קיין סעקציע, נאָר פֿאַר אָפּטיילונגען. אזוי האָט זיך אנטוויקלט אונדזער געשיכטע. דאָ גייט א קאמף צווישן צוויי טענדענצן: נאַציאָנאַליסטישע און קאָמוניסטישע, און דאָ דאַרף אויסגעקליבן ווערן, דאָס לעצטע. מיר פֿאַרשטייען

אַז די ייִדישע ארבעטער דאַרפֿן דערצויגן ווערן, און מען דאַרף צווישן זיי פֿירן אַן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, און דאָס קענען אַפֿן בעסטן אויפֿן דער-פֿילן אָפּטיילונגען.

מען דאַרף ניט נאָכגיין נאָך דער שטימונג, נאָר מען דאַרף זי פֿירן נאָך זיך. אייער ניצאָכן איז געזיכערט, ווייל דער ייִדישער ארבעטער-קלאַס וועט ניט בלייבן אויסער דער גראַנדיעזער באַוועגונג, אויסער דעם קאַמף פֿאַר דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. אייער אויפֿגאַבע איז רופֿן דעם ייִדישן פּראָלעטאַ-ריאַט אין די רייען פֿון ר. ק. פּ.

די הויפּט-אויפֿגאַבע איז ניט בלויז פֿירן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, נאָר ארייננציען די ייִדישע פּראָלעטאַרישע מאַסן אין אלגעמיינעם קאַמף. דער בעסטער קאַמף מיטל איז די איינהייטלעכע צענטראַליזירטע פּאַרטיי. באַ אָפּ-טיילונגען קען פּאַקטיש די אַרבעט אַסאַך בעסער געפֿירט ווערן, ווי אין סעק-ציעס. ווען עס זיינען דאָ סעקציעס, באַצייט מען זיך מיט אומצוטרוי צו זייער אַרבעט, מען איז זיי כּוישעד אין סעפּאַראַטיזם. אָפּטיילונגען קאָנען זיך באַנוצן מיטן גאַנצן פּאַרטיי-אַפּאַראַט און ברענגען אַסאַך מער נוצן דער אַר-בעט.

כ׳ ראַפּעס לייענט די רעזאָלוציע פֿון ה. ב. וועגן דער ייִדישער קאָמו-ניסטישער באַוועגונג אין פּוילן.

פֿ ע ר ט ע ר ט אָ ג.

די פֿינפֿטע זיצונג הויבט זיך אָן מיט אַ באַריכט פֿון דער מאַנדאַט-קאָ-מיסיע. וועלכע מעלדעט, אַז אף דער קאָנפֿערענץ זיינען אָנוועזנד 62 דעלע-גאַטן מיט באַשטימונג-רעכט און 22 מיט באַראַטונג-רעכט. די מערהייט פֿון מאַנדאַט-קאָמיסיע לייגט פֿאַר די ניזשני-נאָווגאָראָדער דעלעגאַטן איינעם שטימרעכט און איינעם באַראַטונג-רעכט.

כ׳ ב ר א ו א ר נ י ק. לייגט פֿאַר געבןביידן שטימרעכט, נעמענדיק אין אכט, אז די ייִדישע אַרבעט איז דאָרטן צעטיילט אף צוויי ראַיאָנען.

ב אַ ש ט י מ ט: געבן ביידן שטימרעכט און אויך דעם כ׳ אבראַם, נע-מענדיק אין אכט, אַז ער איז געקומען פֿון אָקופּאַציע, און דאָרט האָט מען ניט געוווּסט, אַז עס קומט פֿאַר אַ קאָנפֿערענץ. ס׳איז אויך באַשטימט געוואָרן געבן שטימרעכט דעם כ׳ קאַמענשטיין, וועלכער האָט אַ מאַנדאַט פֿון א מי-ליטערישן טייל און האָט געאַרבעט אין די שטעטלעך באַם פֿראָנט. דעם כ׳ ליבערבערג, וואָס האָט געהאַט אַ מאַנדאַט אַף דער קיעווער גוב. קאָנפֿערענץ פֿון די סעקציעס און צוליב דער אָקופּאַציע האָט ער ניט געקענט באַקומען קיין מאַנדאַט אַף דער דריטער קאָנפֿערענץ, איז באַשטימט געוואָרן מיט 26 קעגן 24 צו געבן שטימרעכט.

נאָך דעם גייט מען איבער צו די שלוסווערטער וועגן די פֿאָרטראָגן איבער דער אָרגאַניזאַציע-פֿראַגע.

דער ערשטער באַקומט אַ שלוס-וואָרט דער כ׳ מערעזשין, וועלכער זאָגט:

„אין די דעבאַטן, סײַ פֿון רעכטן טייל, סײַ פֿון צענטער, האָט מען געקעמפֿט קעגן אונדזער ריכטונג. די אָדעסער דעלעגאַטן האָבן זיך געסטאַ-ויעט מיר פֿאָרשטעלן, ווי אַן אקטיוון אַסימילאַטאָר. די פּראַקטיק פֿון מיין אַרבעט לייקנט עס אָפּ. מען האָט זיך ניט געסטאַרעט צו געבן אַן אַנאַליז וועגן דער לאַגע פֿון די סעקציעס. אין מיין אָפּשאַצונג האָב איך געזאָגט, אַז די סעקציעס זיינען נעסטן פֿון קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם, און דאָס האָט קיינער ניט אָפּגעלייקנט. צי זיינען מיר פֿאַרן אַלטן „איסקריזם״ אָדער קעגן— האָט די דערפֿאַרונג באַוויזן, אַז דער „איסקריזם״ איז באַרעכטיקט געוואָרן. ווען די יידישע אַרבעטער-מאַסן זאָלן געוועזן זיין ניט אין קיין יידישע, נאָר אין אַלגעמיינע פּאַרטייען, וואָלטן זיי אַלע געגאַנגען אין פֿאַרשיידענע וועגן, ניט מיטן מענשעוויזם. ווען איר באַטראַכט דאָס ניט, הייסט דאָס, אַז איר האָט זיך נאָך ניט איינגאַנצן דורכגעדרונגען מיטן קאָמוניזם״.

די כאַווריים טשעסקיס און אַרש מיט זייער פּאָליטיק שטעלן זיך אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון די באַראַטביסטן. מען זאָגט, אַז פּאָליטישע אַסימילאַציע הייסט אויך קולטורעלע אַסימילאַציע. דאָס איז ניט ריכטיק. ווען דער קלאַסן-אינהאַלט פֿון דער קולטור פֿון אַלע פֿעלקער איז איינער, און אונדזער אויפֿגאַבע פֿון די סעקציעס און אָפּטיילונגען איז טעכניש זיי צופּאַסן צו די באַ-דינגונגען פֿון יידישן לעבן.

טשעסקיס האָט געזאָגט, אַז איך האַלט זיך בײַ דער מיינונג—וואָס וועלן די באַלעבאַטים זאָגן—און איך סטאַרע זיי זיך געפֿעלן. דאָס האַלט ניט אויס קיין קריטיק.

די כ״כ אַלסקי און באַבינסקי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן אַ דערפֿאַרונג פֿון אָפּטיילונגען, און דאָס זיינען די בעסטע פֿאָרמען. דער צענטער*) אָריענטירט זיך אויף רעכטס און האָט ניט קיין פּאָליטיק און איז אַוואַנטיוריסטיש. ווען דער לינקער פֿליגל האָט געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אים אויך געבן אַ מעג-לעכקייט צו באַקאָנען דעם צ. ק. מיט זיין רעזאָלוציע, האָט דאָס דער צענ-טער צוזאַמען מיט די רעכטע אָפּגעוואָרפֿן.

כ׳ ראַפּעס. די גאַנצע אַרויסטרעטונג פֿון לינקן פֿליגל איז אַ מע-לאַמדישע, זיי קאָנען זיך ניט אָריענטירן אין פּאָליטישן קאַמף. זיי האָבן אין אויג דעם געדאַנק צו ליקווידירן די סעקציעס און זיי פֿאַרשטייען ניט, אַז מיט זייערע אַרויסטרעטונגען העלפֿן זיי די רעכטע סעקציאָניסטן. אויב די לינקע אָנערקענען, אַז דאָרט, וווּ עס איז נויטיק, קאָנען זיין סעקציעס, פֿאַר-לירט זייער קאַמף קעגן אונדז יעדער זין, מיר זיינען איינשטימיק, אַז אין די סעקציעס זיינען פֿאַראַן שעדלעכע עלעמענטן, נאָר קעגן זיי דאַרף מען קעמפֿן און ניט שטעלן די פֿראַגע וועגן אָפּטיילונגען אומבאַדינגט, אַבסאָלוט. און ווען זיי שטעלן די פֿראַגע אַבסאָלוט, באַווייזן זיי, אַז זיי קענען ניט שטעלן קיין פּאָליטישע פֿראַגן.

---

*) דער „צענטער״ ווערט געמיינט ראַפּעסעס גרופּע דעלעגאַטן פֿון דער קאָנפֿערענץ.

מען רוקט ארויס די מאָטיוון, אַז דער צ. ק. קען ניט אַרבעטן, און רעכנט זיך ניט מיט די מיינונגען פֿון די סעקציעס. אַזוי מוז דאָס זיין. דער צ. ק. וועט שטענדיק ענדגילטיק באַשטימען וועגן די באַציִונגען צו די יידישע פּאַרטייען. אויב איר פּראָטעסטירט קעגן די קאָמפּראָמיסן אין קאַמף מיטן ציאָניזם צוליב אַלגעמיינע מאָטיוון, ווייזט איר נאָר ארויס אייער שעדלעכן נאַציאָנאַליזם, ווייל איר אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם, וואָס דער צ. ק. איז געצוווּנגען צו גיין אַף קאָמפּראָמיסן מיט דער אנטאַנטע אין אַלגעמיינע פֿראַגן. אין די סעקציעס דאַרף מען באַהאַנדלען און דיסקוסירן אַלע פֿראַגן, נאָר באַשטימט דאַרפֿן זיי ווערן דורך די אַלגעמיינע פּאַרטיי-אַנשטאַלטן. וועגן דיסציפּלין איז קלאָר, אַז עס דאַרף זיין אַן אַלגעמיינע דיסציפּלין, און אַף דעם יעסאָד מוזן אַלע, וואָס ווערן באַשטימט אַף יידישער אַרבעט, זיך מיט איר באַשעפֿטיקן. איר טאָרט אָבער ניט פֿאָדערן, אַז איר זאָלט האָבן די רעכט צו אויסשליסן מיטגלידער פֿון דער סעקציע, וואָס קומען ניט אַף די פֿאַרזאַמלונגען. וועגן פּאָליטישער אַסימיליאַציע האָט מען אסאך גערעדט. עס קען זיין, אַז זי טראָגט מיט זיך אויך די קולטורעלע אסימיליאַציע, עס קען זיין, אַז ניט. די פֿראַגן שטעלן מיר ניט, אָבער די פּאָליטישע גאַנצקייט פֿון קאַמף איז אומבאַדינגט נויטיק. עס איז ניטאָ קיין יידישע קאָמוניסטישע באַוועגונג, נאָר אַן אַלגעמיינע און פֿאַר קולטורעלער באַוועגונג דאַרפֿן געשאַפֿן ווערן קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס.

כ׳ נאָוואַקאָווסקי. אין די דעבאַטן האָט מען זיך פֿאַרנומען מיט קלייניקייטן און דעם טאָן האָט מען געגעבן פֿון לינקס. נאָר כ׳ סודאַרסקי פֿון לינקס האָט ריכטיק געשטעלט די פֿראַגע. כ׳ ראַפּעס שטעלט אונדז די פֿראַגע: צי מיר ווילן אַ באַזונדער דיסציפּלין? מיר ענטפֿערן, אַז פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע דיסציפּלין איז אַלגעמיינע, אָבער די מיטגלידער, אויב זיי קומען ניט אַף פֿאַרזאַמלונגען פֿון די סעקציעס, איז דאָס אַ פֿראַגע, צי זיי גייען אַף אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען. כ׳ מערעזשין שטעלט די פֿראַגע פּראַקטיש ריכטיק וועגן וויילן די ביוראָען און קאָלעגיע. מיר זיינען פֿאַר אויסוויילן און פֿאַר אַ קאָלעגיע. ווען דאָס איז אַ מאַסן-אָרגאַניזאַציע, קען מען די מיטגלידער אַריינציען אין דער אַרבעט, זיי קענען אַרויסווייזן זייער איניציאַטיוו, זיי קענען זאָגן צי דער אָדער יענער כּאַוועד דריקט אויס זיין מיינונג און דער צ. ק. דאַרף זיך דערמיט רעכענען, ווייל מיר האָבן דערפֿאַרונג. כ׳ אַלסקי שטעלט פֿאָר די יידישע אַרבעט, ווי אַ מעכאַנישע. ער ווייס נאָר פֿון קאָמיסיעס, פֿאַנאַנדערטיילונגען און ווייס ניט פֿון קיין לעבעדיקער אַרבעט. מיר דאַרפֿן אויפֿטאָן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, אַריינטראָגן דעם קאָמוניזם אין אַ באַשטימטער סוויווע, האָבן מיר די רעכט צו באַשטימען, ווי אַזוי די אַרבעט פֿירן. מיר זיינען קעגן אַווטאָנאָמיע, און ווען מיר טרעטן אַרויס קעגן „בונד“, זאָגן מיר, אַז זיי האָבן נאָך זייער עוואָלוציע ניט פֿאַרענדיקט. וואָס איז אַזוינס פּאָליטישע אַסימיליאַציע, וואָס דער כ׳ ראַפּעס פֿאָדערט? פּאָליטישע דיסציפּלין איז ניט קיין אַסימיליאַציע, ווען מען בויט שולן, ווען מען פֿירט אַ קולטורעלע אַרבעט, איז דאָס אויך אַ פּאָליטישער קאַמף, ווייל מען דאַרף

פריער צעשטערן די אַלטע איינריכטונגען. כ׳ מערעזשין זאָגט, אַז קאָמוניזם און „איסקריזם״ איז איינע און די זעלבע זאַך. דאָס איז פאַלש. די עקזיסטענץ פון „בונד״ האָט אין דער פריערדיקער צייט געבראַכט אַסאַך נוצן, און דער „איסקריזם״ האָט דאָס ניט דערלאָזט. כ׳ ראַפּעס זאָגט, אַז מיר פּאַרטיידיקן אין אונדזער רעזאָלוציע דעם פּרינציפּ פון דער אַלוועלטלעכער ייִדישער נאַציע, איז דאָס אויך פאַלש, ווייל דער כ׳ ראַפּעס אַליין דערלאָזט, אַז מען קען זיך אַרייַנמישן אין דער ייִדישער קאָמוניסטישער אַרבעט פון אַנדערע לענדער. די סעקציעס זיינען אין דער איצטיקער צייט אַ געזונטע און נויטווענדיקע באַדינגונג פאַר דעם דערפאָלג פון דער אַרבעט.

די שלוסווערטער זיינען געענדיקט. מען טרעט צו לייענען די רעזאָלוציעס.

עס ווערט דערקלערט אַ האַפּסאָקע ביז 5 אַזייגער.

די אָונט־זיצונג עפנט זיך מיט דעבאַטן וועגן די רעזאָלוציעס.

כ׳ ראַפּעס. איך רעכן, אַז די קאָנפערענץ דאַרף וועגן דער פראַגע עפענען דעבאַטן, ווייל מען האָט די רעזאָלוציע געענדערט, און זי דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן.

כ׳ איידלמאַן זאָגט זיך אַרויס קעגן עפענען דעבאַטן, ווייל די רעזאָלוציע איז די אַלטע, עס זיינען בלויז אַראָפּגענומען אייניקע פונקטן. מיט אַ מערהייט ווערט באַשטימט קיין דעבאַטן ניט עפענען.

כ׳ ראַפּעס. אַזוי ווי אַ קינסטלעכע מערהייט האָט באַשטימט קיין דעבאטן ניט עפענען, לייג איך פאָר שטימען בלויז אַ האלבע רעזאָלוציע. די גרופּע האָט אַרייַנגעטראָגן אין צ. ב. אַן אַנדער רעזאָלוציע—נעכטן אַן אַנדערע און הייַנט אַן אַנדערע. זיי האָבן געוואָלט געבן אַן אידעאָלאָגישע באַגרינדונג, און זיי זאָגן זיך אָפּ פון איר, ווייל זיי זעען, אַז זי מוז זיין אַ נאַציאָנאַליסטישע. איצט ווילט איר די קאָנפערענץ פאַרוואַנדלען אין אַ באַלעבאַטישן קרייזל, איר האָט באַנקראָטירט, עס קען אַזוי ניט בלייבן, מיר מוזן געבן אַ פּרינציפּיעלע אָפּשאַצונג. וואָס אָנבאַלאַנגט די אינסטרוקציע, דאַרף זי באַטראַכט ווערן אין אַ קאָמיסיע. איך פּראָטעסטיר קעגן אַזאַ האַנדלונג. אויב מען דעבאַטירט 3 טעג אַ פּרינציפּיעלע שטעלונג צו דער פראַגע, מוז מען זי אָפּשטימען.

כ׳ נאָוואַקאָווסקי. קיינער האָט ניט אַרייַנגעטראָגן קיינע פאָרשלאָגן וועגן אָפּשטימען די אינסטרוקציע. איך בין דערפאַר, אַז מען זאָל דעם פּראָעקט אָפּשטימען אַלס יעסאָד און דערנאָך איבערגעבן אין אַ קאָמיסיע. איר שרעקט אונדז מיט באַלעבאַטישקייט. דאָס איז ניט ריכטיק. אייער רעזאָלוציע טויג ניט, ווייל זי כאַפּט אַרום 5 באַזונדערע פראַגן. מיר לייגן פאָר אָפּשטימען אונדזער קליינע רעזאָלוציע אַלס יעסאָד.

כ׳ ר אַ פֿ ע ס, פֿאָדערט אין נאָמען פֿון ביידע גרופּן עפֿענען דעבאַטן וועגן דן רעזאָלוציעס. אויב איר וועט דאָס אָפּוואַרפֿן, ווייזט איר אַרויס אייער פֿאַכדאָנעס.

עס ווערט באַשטימט עפֿענען דעבאַטן און געבן יעדער גרופּע צו 10 מינוט און ראַפֿעס באַקומט דאָס ערשטע וואָרט אין די דעבאַטן און זאָגט:

„די דערקלערונג פֿון כ׳ טשעסקיס האָט אויפֿגעדעקט דעם אינהאַלט פֿון דער פֿראַגע. בײַ איין טייל פֿון נאָוואַקאָווסקיס גרופּע איז די אידעאָלאָגיע אַ נאַציאָנאַליסטישע, בײַ דעם 2-טן ניט. דערמיט, וואָס איר האָט אָנגענומען די פּרינציפּיעלע שטעלונג, באַשטעטיקט איר די צושוועמענקייט, פּרינציפּלאָזיקייט און אייער אידעאָלאָגישן באַנקראָט. איר ווילט דערמיט לאָזן אויפֿלעבן אַף די ערטער די אַלטע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און די שטיקנדיקע אַטמאָספֿער. אויב אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי קען מען קיין נאַציאָנאַליסטישע טאַקטיק ניט פֿירן, אויב מען זעט איין אין פּראָצעס פֿון פּרינציפּיעלן קאַמף, אַז מען קאָן ניט פֿאַרטיידיקן די פּרינציפּן, דאַרף מען קומען און זאָגן די יידישע אַרבעטער, אַז אַף דער קאָנפֿערענץ האָט מען זיך פֿון אַלע שעדלעכע שטימונגען און געדאַנקען אָפּגעזאָגט“.

כ׳ פּ ל אַ ו נ י ק. אַז מען נעמט אַראָפּ די קאָפּ פֿון דער רעזאָלוציע, בלייבט קיין רעזאָלוציע אינגאַנצן ניט. פֿון דעם קאַמף אַף דער קאָנפֿערענץ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וואָס מער מיר פֿאַרטיידיקן אונדזער שטאַנדפּונקט פֿאַר אָפּטיילונגען, שטויסן מיר נאָוואַקאָווסקעס גרופּע אַף לינקס און ראַפֿעסעס צו אַ שאַרפֿערער קריטיק. אַף דער זיצונג פֿון צ. ב. האָט מען פֿאָרגעלייגט אַ שעדלעכע רעזאָלוציע, און אַף מאָרגן האָבן זיי אַריינגעטראָגן אַ נייע און היינט אינגאַנצן אָנגענומען די פּרינציפּיעלע טיילן. ווען מיר האָבן געפֿאָדערט אַ האַפּסאָקע, איז נאָר דערפֿאַר, ווייל מיר האָבן זיך געוואָלט באַראַטן, קעדיי דערוויסן זיך וואָסערע איז איצט די מיינונג פֿון כ׳ ראַפֿעסעס גרופּע, נאָך דעם ווי כ׳ נאָוואַקאָווסקי האָט פֿאַרלאָרן 75 פּראָצענט פֿון זיין רעזאָלוציע און פֿון דעם זיינען 40 פּראָצענט אַריינגעפֿאַלן צו ראַפֿעסן, און דערפֿאַר איז ראַפֿעסעס רעזאָלוציע שעדלעכער. מיט נאָוואַקאָווסקין איז גרינגער צו קעמפֿן און באַקעמפֿן אים, ווי ראַפֿעסן. אין גרונט איז קיין אונטערשייד פֿון ראַפֿעסן ביז נאָוואַקאָווסקין ניטאָ.

כ׳ נ אָ ו אַ ק אָ ו ס ק י. כ׳ ראַפֿעס האָט אַף אַ קינסטלעכן אויפֿן געבויט זיין אַרויסטרעטונג. ווען מיר האָבן אים געשטעלט די פֿראַגע, צי איז ער פֿאַר דעם פּונקט, ווו עס רעט זיך: „יעדער פּרווו צו צעשטויבן די יידישע קאָמ. אַרב. מאַסע איז שעדלעך“, האָט ער אונדז קיין ענטפֿער ניט געגעבן. ראַפֿעס פֿירט איצטער ניט קיין קאַמף פֿאַר פּרינציפּן, נאָר פֿאַר שטימען. מיר זיינען געפֿאָרן אַף דער קאָנפֿערענץ ניט צוליב ליקווידירן די סעקציעס, נאָר צוליב באַטראַכטן אַלע פֿראַגן פֿון טאָגאָרדענונג. מען האָט געשטעלט די פֿראַגע—וועלכע אויפֿגאַבן זיינען פֿון די סעקציעס, און דערויף האָבן מיר געענטפֿערט אין אונדזער קורצער רעזאָלוציע. ווער עס וועט שטימען קעגן דער רעזאָלוציע, שטימט פֿאַר צעשטויבן די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג.

עס ווערט באַשטימט מאַכן אַ גאָמענטלעכע אָפּשטימונג.

פֿאַר ראַפּעסעס רעזאָלוציע 18—שטימרעכט,—7—בעראַטונג-רעכט.

פֿאַר נאָוואַקאָווסקיס „ 37 „ 5 „

פֿאַר מערעזשינס „ 8 „ 1 „

פֿאַר אַ יעסאָד ווערט אָנגענומען די רעזאָלוציע פֿון כ׳ נאָוואַקאָווסקי.

כ׳ ראַפּעס לייגט פֿאַר די רעזאָלוציעס איבערגעבן אין אַ קאָמיסיע.

כ׳ טשעסקיס לייגט פֿאַר אָפּשטימען די אינסטרוקציע אַלס יעסאָד.

כ׳ ראַפּעס זאָגט זיך אַרויס קעגן דעם, ווייל די אָפּשטימונג האָט באַוויזן, אַז די מערהייט איז פֿעסט געשלאָסן. עס איז דערום ניט נויטיק צו שטימען. כ׳ נאָוואַקאָווסקי לייגט פֿאַר די פֿראַגע אָפּשטימען.

באַשטימט. מיט אַ מערהייט ווערט אָנגענומען פֿאַר אַ יעסאָד די אינסטרוקציע פֿון כ׳ נאָוואַקאָווסקי. ראַפּעסעס גרופּע האָט אין דער אָפּשטימונג קיין אָנטייל ניט גענומען. עס ווערט אויסגעוויילט אַ קאָמיסיע צו באַאַרבעטן די רעזאָלוציע און אינסטרוקציע פֿון פֿאָלגנדיקע 5 כאַווערים: לעוויטאַן, טשעסקיס, וואָלין, ליבערטע און ראָזנצווייג.

כ׳ סודאַרסקי מעלדעט, אַז די גרופּע פֿון כ׳ מערעזשין וועט אין דער קאָמיסיע קיין פֿאָרשטייער ניט געבן.

מעלדונג פֿון כ׳ ראַפּעס. מיר וועלן אין דער קאָמיסיע קיין אָנטייל ניט נעמען, ווייל די מערהייט האָט זיך פֿאַרייניקט ניט אַף אידעאָלאָגיע, נאָר אַף פּראַקטיק. אַלע פֿראַגן זיינען שוין באַשטימט, און אונדזער אַרבעט וועט ניט זיין פֿרוכטבאַר. אַף דער זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ וועלן מיר אַריינטראָגן אונדזער אייגענעם פּראָעקט.

כ׳ מערעזשין. נעמענדיק אין אַכט, אַז די צווייטע גרופּע נעמט קיין אנטייל אין קאָמיסיע ניט, לייג איך פֿאָר גלייך צוטרעטן צו שטימען די אינסטרוקציע.

כ׳ קאַהאַן. די מערהייט פֿון קאָנפֿערענץ האָט באַשטימט בילדן אַ קאָמיסיע, און די קאָנפֿערענץ קאָן אַלעמען צווינגען צו אַרבעטן אין קאָמיסיע.

כ׳ נאָוואַקאָווסקי. לייגט פֿאָר איבערגיין צו דער טאָגאָרדענונג.

כ׳ ראַפּעס. די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט ליגט אַף דער קאָנפֿערענץ. און מיט קיין שום דיסציפּלין קען מען קיינעם ניט צווינגען צו אַרבעטן אין קאָמיסיע. עס ווערט באַשטימט איבערגיין צו דער פֿראַגע פֿון 3-טן אינטערנאַציאָנאַל.

כ׳ מערעזשין. אונדזער גרופּע האָט געפֿאָדערט, מען זאָל צולאָזן אירע פֿאָרשטייער אין צ. ב., זי זאָל באַצייטנס זיין אינפֿאָרמירט, קעדיי זיך צוגרייטן צו אַלע פֿראַגן. מיר לייגן דערום פֿאָר איצט ניט שטעלן די פֿראַגע וועגן אינטערנאַציאָנאַל און אים געבן די רעזאָלוציעס פֿון צ.ב. וועגן דער פֿראַגע.

כ׳ ראַפֿעס. מען קאָן בעשום אויפֿן ניט פֿאָדערן פֿון קיין שום איינריכטונג זי זאָל מאַכן אָפֿענע זיצונגען. די צ. ב. האָט געמאַכט אַ פֿאַרשלאָסענע זיצונג, ווייל זי האָט ניט געוואָלט כ׳ מערעזשין זאָל זיין.

כ׳ מאַנדעלסבערג. נאָך פֿאַר דער קאָנפֿערענץ האָט מען כ׳ מערעזשינען געגעבן די רעזאָלוציעס, און זיינע טאַינעס האַלטן ניט אויס קיין קריטיק.

די פֿראַגע וועגן 3־טן אינטערנאַציאָנאַל.

פֿאָרטראָג פֿון כ׳ דימאַנשטיין.

מיר טרעטן צו צו אַ פֿראַגע, וועגן וועלכער עס זיינען געוועזן גרויסע מיינונג־פֿאַרשיידנהייטן אין די אַלטע יידישע פּאַרטייען. איצט שטעלט זיך די פֿראַגע אין אין אַנדער פֿלאַכקייט. ניט אַפֿן פּאָליטישן באָדן, ניט צי עס עקסיסטירט אַן אַלוועלטלעכע יידישע נאַציע, און זי דאַרף האָבן אַן אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע, מיר ריידן נאָר, אַז מען דאַרף אויסנוצן אַלע מיטלען און מעגלעכקייטן אין קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט דורך אונדזער אַרבעט צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַנדערע לענדער העלפֿן דעם 3־טן אינטערנאַציאָנאַל אין זיין אַרבעט אין יענע לענדער. די צ. ב. האָט דערום באַשטימט גרינדן באַם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַ טעכנישע ביוראָ צו אָנפֿירן מיט דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. די יידישע אַרבעטער פֿון אַלע לענדער הערן זיך צו צו אונדזער שטים. מיר דאַרפֿן דערום אַנטוויקלען אַ ברייטע אַרבעט, קעדיי פֿאַרשטאַרקן די קאָמוניסטישע באַוועגונג צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט.

די פֿראַגע דאַרף געשטעלט ווערן פֿאָרזיכטיק, זי זאָל ניט אַרויסרופֿן קיינע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, עס איז וויכטיק צו שטעלן די פֿראַגע איצט פֿאַרן צווייטן קאָנגרעס פֿון 3־טן אינטערנאַציאָנאַל, די אידייע זאָל קענען וואָס ברייטער פּראָקלאַמירט ווערן. די ביוראָ באַם 3־טן אינטערנאַציאָנאַל וועט אויך קענען דורכפֿירן דעם קאַמף מיט דער יידישער קאָנטער־רעוואָלוציע אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

כ׳ ראַפֿעס. דער „בונד" אין פּוילן האָט מיט אַ קליינער מערהייט זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַרן 3־טן אינטערנאַציאָנאַל, ער האָט זיך אָבער ניט אָפּגעזאָגט פֿון אַסאַך אילוזיעס, ווי זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע, און אויך זיינען געבליבן אין דער פּאַרטיי די רעכטע גרופּן, דערום האָט דער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַ פֿאַרשאַרפֿטן קאַמף מיטן „בונד" באַ די „פֿאַרייניקטע" איז פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג, און עס האָט זיך געבילדעט אַ קאָמוניסטישער טייל. דאָסזעלבע איז באַ די פּ. צ. אין דייטשלאַנד האָבן זיך אויך צוזאַמענגעקליבן אַסאַך יידישע אַרבעטער, זיי נעמען דערווייל ניט קיין אַקטיוון אַנטייל אין אָרטיקן פּאָליטישן לעבן, ווייל זיי טיילט אָפּ די שפּראַך און ווייל זיי זיינען עמיגראַנטן. עס איז דאַרום צייט צו שטעלן די פֿראַגע וועגן שאַפֿן יידישע

קערנדלעך אין דייטשלאַנד, קעדיי אַריינציִען די יידישע מאַסן אין דער אַל-געמיינער פּאַרטיי.

די פֿראַגע באַקומט אַ וויכטיקע באַדייטונג, ווייל די פּ. צ. שפּילן דורכויס, ווו זיי עקזיסטירן, אַ גרויסע ראָל אין דער אויסבילדונג פֿון די קאָמוניסטי-שע פּאַרטייען, איבערהויפּט אין עסטרייך האָט זיך איצט געשאַפֿן אַן איניציאַ-טיווע גרופּע צו צושפּאַלטן דעם אַלוועלטלעכן פֿאַרבאַנד. וועגן די יידישע פֿראַגן אין פּאַלעסטינע איז בא זיי קיין קלאָרער ענטפֿער ניטאָ. זיי שליסן זיך אָן אין 3.-טן אינטערנאַציאָנאַל און האָפֿן, אַז ער וועט זיי געבן פּאַלעס-טינע. פֿון אַמעריקע זיינען קיין אויספֿירלעכע ידיעות ניטאָ.

וועגן קאָנגרעס פֿון 3-טן אינטערנאַציאָנאַל שטייען די פֿראַגן, ווער פֿון די יידישע פּאַרטייען קען זיין פֿאַרטראָטן אין 3-טן אינטערנאַציאָנאַל דער „בונד" שטעלט די פֿראַגע וועגן אַריין אין אינטערנאַציאָנאַל דורך דער לאַנד-פּאַרטיי און עס שטייט בלויז די פֿראַגע וועגן אנטייל אין 2-טן קאָנגרעס. די פּ. צ. פֿאָדערן אַ יידישע סעקציע. דער אויספֿירקאָם פֿון 3-טן אינטערנאַציאָ-נאַל וועט צונויפֿרופֿן אַ באַראַטונג פֿון יידישע פּאַרטייען און זיי צווינגען צו געבן אַן ענטפֿער אַף אַלע פֿראַגן. אונדזער מיינונג, אַז די פּ. צ. דאַרפֿן ניט צוגעלאָזן ווערן. מיר זאָגן זיך אַרויס פֿאַר צולאָזן דעם „בונד" צום קאָנגרעס מיט באַראַטונג-רעכט, ווייל זיין אָנטייל וועט געוויס מיטהעלפֿן דער קאָמוניזי-רונג פֿון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן.

מ ע ר ע ז ש י ן. אין בעסאַראַביע עקזיסטירט נאָך אַ קאָמפֿאַרבאַנד. ער האָט געשטעלט די פֿראַגע וועגן אַריינטרעטן אין ר. ק. פּ. מען איז צו קיין אויסגלייך ניט געקומען צוליב די מיינונג-פֿאַרשיידנהייטן אין דער פֿראַגע וועגן אָנטיילנעמען אין די וואַלן צום פּאַרלאַמענט. ר. ק. פּ. איז געווען קעגן קאָמפֿאַרבאַנד. די ר. ק. פּ. איז גערעכט, דער „בונד" פֿירט אַ ליניע פֿון אויס-בילדן איין בונדישע אָרגאַניזאַציע אַף דער גאַנצער רומענישער טעריטאָריע. דער פֿאַרבאַנד האָט גענומען אַן אָנטייל אין די וואַלן און דורכגעפֿירט קאַנ-דידאַטן.

כ' ק אַ ה אַ ן. דער גאַליצישער בונד אין עסטרייך איז נאָך אין 1918 יאָר געשטאַנען אַפֿן קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט, דאָסזעלבע די פּ. צ. מיר האָבן זיך מיט זיי פֿאַראייניקט. דאָס איז געווען די איינציקע אַקטיווע גרופּע. זייער אגיטאַציע האָבן זיי זייער שטאַרק אַנטוויקלט.

כ' ע פּ ש ט ײ ן. אין די נאַציאָנאַלע פֿעדעראַציעס פֿון דער אַמעריקאַ-נער פּאַרטיי בילדעט די יידישע די 3-טע לויט דער גרויס. עס איז פֿאָרגע-קומען אַ שפּאַלטונג, און דער קאָמוניסטישער יידישער טייל געפֿינט זיך נאָך אויסער יעדער פּאַרטיי. בכלל וועַרט געפֿירט אַ שוואַכע אַרבעט, ווייל עס איז דאָ וויניק קויכעס, און זיי זיינען ניט פֿאַראייניקט. דער „פֿאָרווערטס" איז פֿאַר די ראַטן, ער פֿירט אַ קאַמפּאַניע פֿאַר רוסלאַנד, אָבער זיי זיינען נאָר פֿאַר ראַטנמאַכט אין רוסלאַנד. אין אַרבעטער-רינג זיינען דאָ קאָמוניסטישע גרופּן, אָבער זיי זיינען ניט פֿאַראייניקט.

כ׳ מ ע ר ע ז ש י ן. פֿאַר אונדז שטייט א פּרינציפּיעלע פֿראַגע. מיִר דאַרפֿן זיִך ארויסזאָגן וועגן צולאָזן דעם „בּוּנד״ צום צווייטן קאָנגרעס פֿון קאָם. איִנטערנאַציאָנאַל, דערום דאַרף מען וועגן דער פֿראַגע עפֿענען דעבאַטן.

עס ווערט באַשטיִמט באהאנדלען די פֿראגע איִן פֿארבּיִנדוּנג וועגן דער באַציִוּנג צו די ייִדישע פּאָליִטיִשע פּאַרטייען.

ל י בּ ע ר ט ע. ניט דער כ׳ ראפּעס, ניִט דער כ׳ דיִמאנשטיין האָבּן ניִט געזאָגט וואָס וועלן מיִר טאָן איִן 3-טן אינטערנאַציאָנאל. איִן דער רעזאָלוציע פֿון צ. בּ. איִז וועגן דעם גאָרניִט ניִט געזאָגט. אויבּ עס איִז נאָר א פֿראגע פֿון ארויסלאָזן אַ בּיוּלעטען און שיִקן אַן איִנסטרוקטאָר, איִז צוליִבּ דעם ניִט נויטיִק צו אָרגאַניִזיִרן קיין בּיוּראָ. דעם „בונד״ דארף מען אפֿן קאָנגרעס פֿון 3-טן איִנטערנאַציאָנאל ניִט צולאָזן, ווייל דאָס באדייט, אז דער „בּוּנד״ שטעלט מיִט זיך פֿאָר דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאט. איִן דער רעזאָלוציע פון צ. ב. וועגן איִנטערנאַציאָנאל ווערט גאָרניט געזאָגט, אז די ייִדישע ארבעטער פֿון אלע לענדער דארפֿן זיִך אָנשליִסן אָן די לאנד-פּארטייען, ווי סעקציעס, און ניִט בּיִלדן קיין באַזונדערע פּאַרטייען.

כ׳ ט ש ע ס ק י ס. די בּיוּראָ שאַפֿט דער אויספֿיִרקאָם פֿון 3-טן איִנטערנאַציאָנאַל, די אויפֿגאַבּן זיינען וויכטיקע. מען דאַרף אַריינציִען די בּרייטע ייִדישע מאַסן איִן דער בּרייטער קאָמוּניסטישער באַוועגונג, די צ. בּ. ווערט אויסגענוצט, ווי אַן אָרגאַניִזאַציע, וואָס איִז פֿאַרבּוּנדן מיִט דער ייִדיִשער אַרבּעטער-מאַסע. דער „בּוּנד״ האָט אָנגענומען די קאָמוּניסטישע פּראָגראַם און צום 2-טן צוזאַמענפֿאָר דאַרף מען איִם צולאָזן. וועגן די פּ. צ. איִז ניט קלאָר, צי עס האַנדלט זיִך וועגן די רוסלענדער, אָדער פֿון אַנדערע לענדער.

כ׳ וו אָ ל י ן. כ׳ טשעסקיס זאָגט, אַז דער אויספֿיִרקאָם האָט באַשטיִמט צו שאַפֿן די ייִדבּיוּראָ בּאַם אויספֿיִרקאָם פֿון קאָמיִנטערן און די צ. ב. איִז דאָס ניִט שאַיעך. איך מיין, אַז די פֿראַגע דאַרף באַהאַנדלט ווערן. פֿאַר אונדז איז וויִכטיִק די קאָמוּניִסטיִשע רעוואָלוציע אין דער גאַנצער וועלט,

די ייִדישע עמיגראַנטיִשע מאַסן זיינען דער בעסטער עלעמענט פֿאַר דער קאָמוּניסטיִשער באַוועגונג, וואָס ציִנדן אָן און פֿיִרן נאָך זיִך די אַרבּעטער פֿון אַלע לענדער. דאָ האַנדלט זיִך ניִט פֿון אַ טעכנישער בּיוּראָ, נאָר מען אָנערקענט, אַז די ייִדישע קאָמוּניסטיִשע באַוועגונג פֿון אַלע לענדער איז איינהייטלעך. איִך לייג פֿאָר גריִנדן ניִט קיין בּיוּראָ בּאַם אויספֿיִרקאָם פֿון 3-טן איִנטערנאַציאָנאַל, נאָר אַ ספּעציִעלע בּיוּראָ בּאַ דעם צ. ק. ר. ק. פּ. צו פֿיִרן די אַרבעט צוויִשן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע לענדער.

שלוס־וואָרט.

כ׳ ד י מ אַ נ ש ט יי ן. מיִר בּיִלדן אַ בּיוּראָ צוליִבּ אַרבּעט. כ׳ מערעזשיִן איז ניט צופֿריִדן, וואָס עס איז דאָ איִן רעזאָלוציע א פּוּנקט, אַז די בּיוּראָ ווערט דערפֿיִלט מיִט פֿאָרשטייער פֿון אַנדערע לענדער, ווו עס זיינען דאָ מאַסן ייִדיִשע אַרבּעטער, דאָס איז נויטיִק. מען וועט אויך דאַרפֿן

צונויפֿרופֿן באַראַטונגען, ווען עס וועט זיין מעגלעך, פֿון די יידישע גרופּן, וואָס זיינען אַ טייל פֿון די לאַנד-פּאַרטייען, וואָס זיינען אָנגענומען אין 3-טן אינטערנאַציאָנאַל. כ׳ ליבערטע האָט זיך דערשראָקן, ער ווייס ניט צוליב וואָס מען דאַרף האָבן אַ ביוראָ, ער מיינט, אַז מיר האָבן זיך שוין קאָמפּראָמיטירט מיטן פֿאָרשלאַג דעם „בונד״ שיקן אַ געמיינזאַמע ראַדיאָ. מען דאַרף די ביוראָ, קעדיי פֿירן אַלזייטיק די אַרבעט, ווייל אין נאָמען פֿון די רוסלענדישע סעקציעס קען מען אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב קיין אַרבעט ניט פֿירן. כ׳ ליבערטע האָט מוירע, אַז מען וועט ניט הערן פֿון די יידישע קאָמוניסטן, נאָר פֿון „בונד״. דאָס איז קליינוקייטן, ווייל ווען דער „בונד״ וועט מעלדן, אַז ער איז אַריין אין 3-טן אינטערנאַציאָנאַל און וויל אַריין אין ר. ק. פּ., וועט דאָס אין דער אויסערלעכער וועלט מאַכן אַ שטאַרקערן איינדרוק, ווי ווען מיר וועלן אַרויסטרעטן אין נאָמען פֿון די סעקציעס. ווען דער „בונד״ זאָל ניט זיין אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד, נאָר אין אַ רעאַקציאָנערן לאַנד, וואָלט ער באַשטימט צוגעלאָזן ווערן צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אַלס באַזיס ווערט איינשטימיק אָנגענומען די רעזאָלוציע פֿון צ. ב. פֿאַר דער רעזאָלוציע—51, קעגן—1, אָפּגעהאַלטן—3.

וועגן דער ווייטערדיקער אַרבעט פֿון דער קאָנפֿערענץ.

עס ווערט באַשלאָסן, אַז מען זאָל זיך גלייך צוטיילן אַף סעקציעס וועגן אַלע פֿראַגן, אויסער דער פֿראַגע וועגן עקאָנאָמישער אַרבעט. נאָר וועגן דער פֿראַגע פֿון עקאָנאָמישער אַרבעט זאָגט זיך כ׳ ראַפּעס ארויס, אז די פֿראַגע זאָל באַטראַכט ווערן אין פלענום.

כ׳ נ אָ ו אַ ק אָ וו ס ק י. זאָגט, אַז די פֿראַגע איז וויכטיק באטראַכטן אין סעקציעס, ווייל די פֿאָרשטייער פֿון די ערטער וועלן געבן די נויטיקע אָנווייזונגען.

כ׳ ק אַ ה אַ ן. זאָגט, אַז ווייל מען האָט זיך צו דער פֿראַגע ניט געגרייט, דאַרף מען זי ערשט באַטראכטן אין סעקציע. כ׳ קאַהאַן ווייזט אָן, אַז דאָס איז די וויכטיקסטע פֿראַגע.

ב אַ ש ט י מ ט. די פֿראַגע וועגן עקאָנאָמישער אַרבעט איבערגעבן אין סעקציע וועגן הילף די פּאָגראָם-געליטענע; אַ קאָמיסיע וועגן באַציִונג צו פּאָליטישע פּאַרטייען—באַטראַכטן אין פלענום; די פֿראַגע וועגן יידישן קאָמיסאַריאַט און אַנדערע ראַטנאַנשטאַלטן—באַשטימט באטראַכטן אין פלענום; די אַרבעט צווישן דער אָרעמקייט און באַציִונג צום „סעטמאַס״—באַשטימט איבערגעבן דער סעקציע פֿאַר עקאָנאָמישער ארבעט; קולטור-אַרבעט—באַשטימט באַטראַכטן אין פלענום; פּרעסע און פֿאַרלאַג—באַשטימט שאַפֿן אַ קאָמיסיע; אַרבעט צווישן יוגנט און פֿרויען—איבערגעבן אין פלענום.

פֿאַרן פלענום זיינען דאָ פֿאָלגנדיקע פֿראַגן:

1) באַציִונג צו פּאָליטישע פּאַרטייען; 2) יידישער קאָמיסאַריאַט און אַנדערע ראַטנאַנשטאַלטן; 3) קולטור-און בילדונג-אַרבעט; 4) אַרבעט צווישן יוגנט

און פּרויען. אַלס סעקרעטאַר פון סעקציע פאַר עקאָנאָמישער ארבעט באשטימט כ' ליבּערטע. פון דער קאָמיסיע פאַר געליטענע פון פּאָגראָמען—ראַבּינאָוויטש, אַרש, ראַפּעס, מאַריאַסין און האַלפּערין. די קאָמיסיע פאַר פּרעסע און פאַרלאַג—ש. עפּשטיין, לעוויטאַן, אָרשאַנסקי, ב. קאָזאקעוויטש, טאָמסינסקי. קאָמיסיע אַף פאַנאַנדערטיילן די טוער פון די סעקציעס—אויסגעוויילט: איידלמאַן, נעמאַנאָוו. אָרשאַנסקי, ז. איינשטיין.

6-טער טאָג, 7-טע זיצונג, 7-טער יול.

פאָרזיצער—כ' ראַפּעס.

טאָגאָרדענונג: באטראַכטן פונקטנווייז די רעזאָלוציע וועגן אָרגאַניזאַציע-פּראַגע.

כ' נאָוואַקאָווסקי לייגט פאָר עפּענען דעבאַטן. זיין פאָרשלאַג ווערט אָפּגעוואָרפן. מען שטימט ווער פון דער קאָנפערענץ שטייט פאַר אַן אַווטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע. בּאַ דער אָפּשטימונג האָט זיך קיינער ניט אַרויסגעזאָגט פאַר אַווטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע. דערנאָך איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אָפּשטימונג, וועלכע האָט קאָנסטאַטירט מיט 28 שטימען קעגן 16, אַז אַף דער קאָנפערענץ איז דאָ אַן אַווטאָנאָמישע שטימונג, און ווען מען האָט נאָכאַמאָל איבערגעשטימט, האָבן 20 געשטימט, אַז עס איז יאָ דאָ, 32 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן.

כ' ליבערבערג זאָגט: איך האָב ניט גענומען קיין אָנטייל אין די שטימען, ווייל איך מיין, אַז די פּראַגע טאָר מען ניט שטעלן צו אָפּשטימונג, ווייל קיין אווטאָנאָמיסטן זיינען ניטאָ, אויב אַזעלכע זיינען דאָ, דאַרף מען זיי גלייך אויסשליסן.

נאָכדעם גייט די קאָנפערענץ אַריבער צו באַהאַנדלען די רעזאָלוציע וועגן דער אָרגאַניזאַציע-פּראַגע און אויך וועגן די אינסטרוקציעס, וועגן דער אַרבעט פון די יידסעקציעס. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן מיט 36 שטימען פאַר, 21 קעגן און 3 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. די אינסטרוקציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן מיט 30 שטימען קעגן 19. כ' ראַפּעס, וועלכער איז געווען קעגן די אינסטרוקציעס, האָט אריינגעבראַכט אַ צווייטן פּראָעקט פון אינסטרוקציעס. דערנאָך איז די קאָנפערענץ צוגעטראָטן צו באַהאַנדלען די פּראַגע פון עקאָנאָמישער אַרבעט, און וועגן דער פּראַגע האָט כ' ראַפּעס דערקלערט:

אַף דער זיצונג פון דער עקאָנאָמישער סעקציע האָט זיך, ערשטנס, דערוועקט די פּראַגע, צי זאָל מען אין אַלגעמיין ריידן וועגן עקאָנאָמישער אַרבעט. מערעזשין איז קעגן א באַזונדערער יידישער אַרבעט. ראַפּעס און נאָוואַקאָווסקי האָבן אים געענטפערט, אז אַלע פּראַגן, וועלכע דאָס לעבן שטעלט, דאַרפן מיר באַטראַכטן. די לאַגע באַרעכטיקט די ספּעציעלע שטעלונג פון דער פּראַגע. ניט נאָר די סעקציע, נאָר די גאַנצע פּאַרטיי דאַרף שטעלן די פּראַגע

און איר לייזן, קעדיי צו באַזייטיקן די אומנאָרמאַלע לאַגע פֿון דער ייִדישער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט. מיר דאַרפֿן זען, אַז די בעטלער, וועלכע באַלעסטיקן דעם ראַטן־אַפּאַראַט, זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט אַרבעט. דער שווערפּונקט פֿון אידעישן קאַמף דאַרף אַריבערגעטראָגן ווערן אַף דעם ענטפֿער אַף דער פֿראַגע. זאָל דער כ׳ מערעזשין אָנווייזן ווי אַריבערטראָגן די פֿראַגע. מיר דאַרפֿן געבן די איניציאַטיוו דער פּאַרטיי און שטעלן אין טאָגאָרדענונג פֿון דער ראַטנמאכט, און זי דאַרף עס דורכפֿירן אין לעבן. די פֿראַגע איז ניט נאָר אַ טעכנישע, נאָר א ספּעציפֿיש ייִדישע. די אָפּשאַצונג פֿון דער עקאָנאָמיק טיילט פֿאַנאַנדער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די פּ. צ. זיי זאָגן, אַז אויסגלייכן דעס רוקן קען נאָר א טעריטאָריע. ווען מיר לייזן די פֿראַגע, ענטפֿערן מיר אויך די פּ. צ. אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג איז געווען דער איבערגאַנג פֿון האַנדל צו אַרבעט. אין גאַנג איז דער גאַנג געוואָרן אָפּגעהאַלטן און די האַנדל־עלעמענטן זיינען געוואָרן שטאַרקער, די ארבעט איז געוואָרן שוואַכער.

די אַוויסגעשטויסענע פֿון האַנדל זיינען ניט אריבערגעגאַנגען צו גרויס־אינדוסטריע. די מילכאָמע האט אינגאַנצן רויִנירט די ייִדישע אַרבעט, דערנאָך דער בירגער־קריג. אַלע פּרוּוון צוציִען די מאסן באַ פֿריִעדדיקער אָרדענונג האָבן ניט געגעבן די געהעריקע רעזולטאטן; אין לעבן איז ניט געווען די פּאָליטישע קראַפֿט, וועלכע זאָל זיי צוציִען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. „אָרט" איז געווען פֿילאַנטראָפּיש. איצט איז די עקאָנאָמישע לאַגע רעגולירט ניט דורך קאָנקורענץ, און ס׳זיינען דאָ אלע מעגלעכקייטן צוציִען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. לייקענען אין דעם—הייסט זייען אומצוטרוי צו דער ראַטן־מאכט. אזוי באַציִען זיך די פּ. צ.

אין אונדזער רעזאָלוציע דאַרפֿן מיר קעמפֿן קעגן דעם פּעסימיזם פֿון פּ. צ. אפּמערקן אונדזער גרויסן גלויבן אין דער קראַפֿט פֿון דער ראַטן־מעלוכע אין דעם געביט.

אויספֿירן: אין פּראַט פֿון פּראַקטישער ארבעט בלייבט אונדז איבער קאָנטראָל און איניציאַטיוו. אין די ייִדישע קאָמיסאַריאטן דאַרף מען צוריק אויפֿלעבן די סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישע אָפּטיילונגען און אָנווייזן די געהעריקע אנשטאלטן אַף דער נויטיקער אַרבעט. קיין ספּעציעלע סעקציעס אין די ראַטן־אנשטאַלטן דאַרפֿן מיר ניט. צו פֿירן די פֿאַרשיידענע צווייגן פֿון אַרבעט— איז די אויפֿגאַבע פֿון דער אָפּטיילונג. די ארבעט וועלן טאָן די סאָוונארכאָזן און א. וו. מיר דאַרפֿן מער אכטונג געבן אַף דער פּראָפֿעסיאָנעלער בילדונג. דאָס, וואָס מיר טרעטן אריין אין אן אפּמאַך מיט ענגלאַנד, דאָס וועט אונדז געבן די מעגלעכקייט אין דער נאָענטסטער צייט דורכפֿירן פֿיל פּלענער. די פֿראַגע וועגן „סעטמאַס" איז געשטעלט געוואָרן ניט אינגאַנצן, ווייל זי האָט א פּאָליטישע באַדייטונג, און זי וועט באַטראַכט ווערן באַזונדער.

כ׳ מ ע ר ע ז ש י ן. ראַפּעס האָט איבערגעגעבן סוביעקטיוו וועגן דער אַרבעט אין סעקציע, די גאַנצע שטעלונג פֿון דער רעזאָלוציע איז אַ פּויעליי־ציאָניסטישע. זיין פּרינציפּיעלע שטעלונג איז אַן אנדערע. די פֿראגע וועגן

הילף איז ניט צוזאמענגעבונדן מיט פּראָגראַמען, און אויב אזוי שטעלן זיך פֿראגן, דארף מען, ערשטנס, אָנווייזן די פּאָליטישע אורזאכן, די פּאָליטישע ליי-זונג פֿון דער פֿראגע, אויב ניט דארף מען דאָס ניט שטעלן פֿאר א פּאָליטי-שער פּארטיי. אויב די פּ. צ. פֿלעגן אָנווייזן אף דער יידישער עקאָנאָמיק,- פֿלעגן מיר אָנווייזן אף דער טענדענץ, א פֿארקערטער פֿון זיי. זיי פֿלעגן די פֿראגע לייזן מיט א טעריטאָריע. ראפּעס ווייזט ניט ווי דאַרפֿן מיר פֿארענטפֿערן די פֿראגע אלס יידישע קאָמוניסטן און ניט ווי נאציאָנאליסטן. אין כארקאָוו האָט מען שוין גערעט וועגן א באזונדער סעקציע באם גלאוו. קאָם. טרוד. אומעטום באַמערקט זיך א טענדענץ צו שאַפֿן נאציאָנאלע סעקציעס. אין דער צייט, ווען פֿון אומעטום ווערן ארויסגעוואָרפֿן פֿארשיידענע סטאטיסטישע אָפּטיילונגען, וויל ראפּעס זיי ארייננפֿירן אפֿן נאציאָנאלן פּרינציפּ. די בעסטע סטאטיסטישע ארבעט ביז איצט איז געמאכט געוואָרן דורך דער אלגעמיינער סטאטיסטיק, אין זיי איז דאָ א רובריק „נאציאָנאליטעט"—פֿון זיי קען מען מאכן אלע נויטיקע אויספֿירן. אין קיין לאנד, אפֿילע אין עסטרייך, איז ניטאָ קיין ספּעציעלע נאציאָנאלע סטאטיסטישע אָפּטיילונגען. מיט דער רעזאָלוציע גיסט מען וואסער אף דער מיל פֿון די פּ. צ.

וועגן „סעטמאס". די ראטנמאכט שטעלט זיך ניט קיין אופגאבע אָר-גאניזירן דאָס קליינבירגערטום. אין דאָרף איז זי געווענדעט קעגן קולאק, אין שטאָט איז דאָ א סאקאָנע, אז זיי וועלן זיין קעגן דער ראטנמאכט. די אר-טעלן, וועלכע קריגן ניט קיין סכוירע, ווערן ספּעקוליאנטן, אזוי אויך די קא-אָפּעראטיון. זיי ווערן דעריבער סאָנים פֿון דער ראטנמאכט. דער יידישער קליינבירגער איז דורכגעדרונגען מיט ספּעקוליאטיווע טענדענצן. אויב מען אָרגאניזירט די יידישע, דארף מען אויך אָרגאניזירן די רוסישע א. א. וו. עס וועט זיך אָנהויבן א נאציאָנאלער קאמף צווישן די אָרגאניזירטע קליינבירגער-לעכע מאסן.

וועגן „אָרט". אין דער שפּיץ שטייט בראמסאן. מען קען אויסנוצן אַ ספּעץ, אָבער ניט קיין געזעלשאַפֿט. מיט דעם אָנערקענען מיר די געזעל-שאַפֿט. אין רעזאָלוציע טאָרן מיר דאָס פֿאַר קיין פֿאַל ניט אַריינשטעלן. עס איז געווען איין צייט, ווען דער טרוד און סאָבעז האָבן זיך פֿאַרייניקט. מיטן „סעטמאס" וועלן מיר שטיצן דעם קליינבירגער.

ער לייענט זיין רעזאָלוציע *).

כ' ר אַ פּ ע ס. מערעזשין האָט נאָך ניט פֿאַרענדיקט זיין עוואָלוציע. ווען ער וועט פֿאַרענדיקן זיין עוואָלוציע, וועט ער ווערן אַ מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. די פּאַרטיי האָט אַן אַנדער קוק אַפֿן קליינ-בירגערטום. די עקאָנאָמישע אָפּטיילונג האָט אַ העסקעם פֿון צ. ק. דער, וואָס קוקט אַף אַלץ, ווי אַף נאַציאָנאַלער אַרבעט, דער איז נעכטן געווען אַ ציאָ-ניסט און היינט אַן אַסימיליאַטאָר. דאָס איז דער „לינקער" קאָמוניזם. לעניו

*) מערעזשינס רעזאָלוציע וועגן דער פֿראַגע וועגן דער עקאָנאָמישער ארבעט איז אין די פּראָטאָקאָלן ניט אײַנגעשלאָסן.

איִז איִן גרונט קעגן דעם. אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זיינען אויך דאָ קליינבירגער. אויב די ייִדישע סטאַטיסטיק איִז טרייף, ווער וועט מאַכן די אויספיִרן פֿון דער אַלגעמיינער סטאַטיסטיק. דער אָרט פֿון טיִשל איִז ניִט וויִכטיִק.

מען שטימט ווער איִז פאַר דער רעזאָלוציע פֿון ראַפּעסן (פֿון סעקציע) אַלס יעסאָד. 2—אָפּגעהאַלטן, 5—פאַר מערעזשינס, די איִבעריִקע—פאַר דער רעזאָלוציע.

כ׳ נ אָ ו אַ ק אָ ו ס ק י. דערלויבט, אַזוי ווי די פּראַגע וועגן „סעטמאס״ און „אָרט״ ווערן איִבערגעגעבן צו דער פּראַגע וועגן דער באַציִונג צו די געזעלשאַפטן, בלייבט איבער נאָר די פּראַגע וועגן די סטאַטיסטיש-עקאָנאָמישע געזעלשאַפטן. מען שטימט, צי דאַרף די אָפּטיילונג עקזיסטירן באַם קאָמיסאַריאַט אָדער באַם געהעריקן מעלוכע-אַנשטאַלט (צענט. סטאַט. אָפּטיילונג). 6—פאַר אַרויסשטרייכן דעם פונקט, 2—פאַר עקאָנאָמישע און ניט סטאַטיסטישע, 6—באַ די מעלוכע-אָרגאַנען, 28—פאַר דעם פונקט, ווי ער איִז איִן דער רעזאָלוציע.

די רעזאָלוציע וועגן דער פרעסע לייענט עפּשטיין ש. (פֿון סעקציע).

אַ פאָרשלאָג פֿון פרעזידיום—פאַרקלענערן די צאָל פֿון די וועכנטלעכע צייטונגען.

כ׳ נאָוואַקאָווסקי לייגט פאָר, אַז די רעזאָלוציע זאָל מען לייגן אַלס אַ באַזע פאַר צ. ב. די רעזאָלוציע איִז אָנגענומען.

וועגן דער קולטור-אַרבעט לייענט טאָמסינסקי.

ער בעט, מען זאָל זיין מער אויפמערקזאַם, ווי אַף די פריערדיקע קאָנפערענצן. די לאַגע סאַי אין צענטער, סאַי איִן פּראָוויִנץ איִז אַ טרויעריקע. די אָרגאַניזאַציע-פאָרמען זיינען ניט קיין באַפרידיקנדיקע. פריער זיינען די בילדונג-אָפּטיילונגען געווען באַם קאָמיסאַריאַט. דאָס איז געווען א לעכערלעכע לאַגע. געווען איִז מען איִן נאַרקאָמנאַץ, און סמעטעס פלעגט מען גיין אין נאַרקאָמפּראָס. אויך דער סאַבאָטאַזש. צוליב דעם זיינען אין די אָפּטיילונגען געווען מענטשן ניטפּעיִקע, אויך איִן נאַרקאָמפּראָס איִז די לאַגע ניט קיין נאָרמאַלע. דער גוירל פֿון די ייִדישע סמעטעס הענגט אָפּ פֿון די איִבעריִקע פעלקער, וועלכע זיינען דאָ אין אָפּטיילונג. מיטן נאַרקאָמפּראָס איִז מען שוואַך צונויפגעבונדן, מיר האָבן ניט קיין מענטשן, וועלכע זאָלן זיין איִן אַלע סעקציעס. אָנשטאָט 10, זיינען דאָ 2 מענטשן, פאַראַיאָרן איִז צונויפגערופן געוואָרן אַ בילדונג-צוזאַמענפאָר. די אָרגאַניזאַציע-פּראַגע האָט דאָרטן פאַרנומען די גאַנצע צייט. די רעזאָלוציע איִז דאָרטן געווען אַזאַ, אַף וועלכער קיין ריִכטונג איִז ניט אָיינגעגאַנגען. אייניקע האָבן געפאָדערט אַ באַזונדערן נאַרקאָמפּראָס, אייניקע—בילדונג-סעקציעס און אייניקע—איִנסטרוקטאָרן-קאָלעגיעס. איִצט אַרבעטן מיר באַ דער סעקציע-סיסטעם. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן סעקציעס אין פיל ערטער. איִבערהויפּט איִן מאַירעוו-געגנט. איִן צענטראַל-רוסלאַנד—וויִנציקער. מיט די נייע ערטער פֿון ווייטן מיזרעך פאַרבינדט מען זיך איִצטער. אין פּראָוויִנץ באַגעגנט מען פיל שטערונגען סאַי פֿון די אַסימילִיאַטאָרן,

סאי פון נעכטיקע ציאָניסטן, וועלכע זיינען דאָ אין די אַנשטאַלטן. ס'וועגדט זיך פון דער באַציונג פון קאָמוניסטישע סעקציעס. מיר האָבן מער ניט ווי איין אינסטרוקטאָר פון צענטער, דערפאַר בליען אויף די העברעישע שולן אין פּראָווינץ. דער קאָמיסאַריאַט האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן העברעיש אַלס אונטעריכט-שפּראַך; זי ווערט באַטראַכט, ווי אַ פרעמדע שפּראַך. אין דער ערשטער שטופע איז זי פאַרווערט. עס איז אויך דורכגעפירט דורכן נאַרקאָמ־פראָס, נאָר פאַקטיש איז דאָס ניט דורכגעפירט געוואָרן. דיזעלבע פראַגע אויך וועגן „האַבימאָ". עס זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטלען צוגרייטן לערער, אין פאַרשיידענע ערטער זיינען געעפנט געוואָרן לערער-קורסן. אין מאָסקווע איז געגרינדעט אַ מוסטער-שול און פּראַקטיקאַנטן-קורסן. אין גאַנץ רוסלאַנד איז דאָ 4 שולן פון 2 שטופעס. אַ גרויסע אַרבעט ווערט געטאָן אַף ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם. מען דאַרף שטעלן די פראַגע ברייט, מען דאַרף צוציען די מאַסן צום בוך, צו דער קולטור, דעריבער דאַרף מען ניט נאָר אַף יידיש, רוסיש אויך. מען טוט אויך וועגן פּראָפעסיאָנעלער בילדונג. אַ קאָמיסיע אַרבעט אויך וועגן אַן אוניווערסיטעט.

מען לייגט פאָר ניט באַטראַכטן איצט די רעזאָלוציע, נאָר איבערגעבן אַ קאָמיסיע פון 3—5 מענטשן, וועלכע זאָל באַאַרבעטן די רעזאָלוציע און פאָרלייגן מאָרגן.

באַקאַלטשוק לייגט פאָר, אַז מען זאָל אָנווייזן די פּאָליטישע ליניע און מען זאָל דעריבער דעבאַטירן. דער פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען און עס ווערט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פון די כ"כ: באקאלטשוק, טאמסינסקי, לעמאַנאָוו, קאָזאַקעוויטש, דוואָרקין, טטראַשון, גאָרעליק.

7-טער טאָג, 8-טע זיצונג, 10-טער יול.

אין טאָג-אָרדענונג די פראַגע וועגן הילף די פּאָגראָם-געליטענע.

פאָרטרעגער—כ' גאָוואַקאָווסקי.

אַ גרויסער טייל פון פּאָגראָם-געליטענע זיינען געלאָפן אין קרים און צום שוואַרצן יאַם, קעדיי אַריבער אין אַנדערע לענדער און זיך ראַטעווען פון דעניקינס באַנדעס, זיי געפינען זיך זייער אין אַ שווערער לאַגע, ווייל די גרענעצן זיינען געשלאָסן, מען דאַרף אונטערשטרייכן איין זאַך, אַז אַלע רע־זשימען אָרגאַניזירן פּאָגראָמען, נאָר די ראַטנמאַכט העלפט די געליטענע און נעמט אָן אַלע מיטלען צו באַקעמפן די פּאָגראָם-שטימונגען.

אויסבעסערונג פון כ' אַרש: אויסנוצן די פּערזאָנען און די אַפּאַראַטן פון די געזעלשאַפטן, וואָס האָבן אין דער אַרבעט אַ גרויסע דערפאַרונג, ווי „אָרט", „אָזע", „יעוואָפּאָ".

כ' ראַפּעס. מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די פריערדיקע אַנ־שטאַלטן האָבן נאָרניט געטאָן, אַף דער כאַרקאָווער באַראַטונג איז אין דער

פֿראַגע געווען אַ ליקווידאַציע-שטימונג, דערצו האָט געבראַכט די דערפֿאַרונג פֿון אוקראַינע. איר וועט קענען עפּשער איבערצייגן דעם סאָוונאַרקאָם, אַז אַן אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע איז נויטיק צו העלפֿן די פּאָגראָם-געליטענע, זי וועט אָבער אַרויסרופֿן רייבונגען באַ די איצטיקע אוקראַינישע באַדינגונגען. אַף דער כאַרקאָווער באַראַטונג איז פֿאָרמולירט געוואָרן דער געדאַנק, אַז די אָפּטיילונג פֿון הילף די געליטענע פֿון קאָנטר-רעוואָלוציע זאָל זיך געפֿינען אין די הענט פֿון פּערזאָנען, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער יידישער קאָמוניסטישער אַרבעט. די אידייע איז אַסאַך אַ בעסערע, ווי די אידייע פֿון אַן אויסעראָרדנטלעכער קאָמיסיע.

כ׳ נאָוואַקאָווסקי נעמט אָן אַלע אויסבעסערונגען און לייגט פֿאָר שטימען נאָר די פֿראַגע, צי איז נויטיק אַן אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע אָדער ניט.

אָפּשטימונג: פֿאַר אַן אויסעראָרדנטלעכער קאָמיסיע—24, קעגן—1, אָפּגעהאַלטן—8.

די רעזאָלוציע ווערט איבערגעגעבן אין רעדאַקציע-קאָמיסיע.

קאָמיסאַריאַט און אנדערע יידישע ראַטאַנשטאַלטן.

פֿאָרטראָג פֿון כ׳ דימאַנשטיין.

די פֿראַגע וועגן נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן שטייט די גאַנצע צייט אין טאָגאָרדענונג פֿון צ. ק. ר. ק. פּ. וו., צ. א. ק. און סאָוונאַרקאָם. לויטן לעצטן דעקרעט פֿון וו.צ.א.ק. בלייבט בלויז דער פֿאָלק-קאָמיסאַריאַט פֿאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן מיט אָפּטיילונגען פֿאַר יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע. פֿריער זיינען די באַזונדערע נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן געווען זעלבשטענדיק אין זייער אַרבעט, איצט מוזן זיי זיך אונטערוואַרפֿן דער צענטראַלער אָפּטיילונג, אָדער אַ סובאָפּטיילונג. לויטן דעקרעט האָבן אַ סובאָפּטיילונג די נאַציאָנאַלע גרופּן, וואָס געהערן צו אַ טעריטאָריאַלער מעלוכע. דער קאָמיסאַריאַט פֿאַר נאַציאָנאַלע איניאָנים האָט די קאָמפּעטענץ בענויגייע די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד, וואָס דער אויסערן-קאָמיסאַריאַט בענויגייע אַנדערע לענדער. דער נאַרקאָמנאַץ ווערט אַ פֿעדעראַטיווע פֿאַרבינדונג, און די נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען ווערן אויסגעוויילט אַף צוזאַמענפֿאָרן פֿון נאַציאָנאַלע גרופּן. די אָפּטיילונגען ווערן אויסגעוויילט אַף אַ יאָר צייט. ווי שטעלט זיך די פֿראגע בענויגייע צו יידן, וועגן דעם וועט די קינפֿטיקע צ. ב. דאַרפֿן אויסאַרבעטן אַן אינסטרוקציע, ווער עס דאַרף אָנטיילנעמען אין די וואַלן.

כ׳ ראַפּעס. די נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן זיינען נויטיק אין איצטיקן מאָמענט צוליב אַרויסרייסן די ברייטע מאַסן פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער ווירקונג, דערום דאַרף מען צו דער פֿראַגע צוגיין זייער וויכטיק. איך בין ניט איינשטימיק, אז אף די וואַלן צום צוזאַמענפֿאָר זאָלן אָנטיילנעמען נאָר דעפּוטאַטן פֿון ארבעטער-ראַט, מען דאַרף אונטערשטרייכן, אז די פּאַרטיי-סעקציעס דאַרפֿן זיין אָפּגעטיילט פֿון די קאָמיסאַריאַטן און מען דאַרף זאָגן, אַז עס איז נויטיק, אז דער איצטיקער קאָמיסאַריאַט אָדער אָפּטיילונג זאָל

פֿאַרשפּרייטן זיין אַרבעט איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פֿון דער ראַטנרע-פּובליק. עס איז אויך נויטיק צוציען צו דער אַרבעט מיטגלידער פֿון אַלע ראַטן, פּאַרטייען און סאָציאַליסטן.

כ׳ ליבערטע. עס זיינען דאָ סיבעס, צוליב וועלכע עס איז נויטיק, אַז עס זאָל עקזיסטירן אַ נאַרקאָמנאַץ, ווייל מען דאַרף צוציען די סימפּאַטיעס פֿון די פֿעלקער צו דער ראַטנמאַכט, און צוליב דעם דאַרף אויך עקזיסטירן א יידישע אָפּטיילונג. אין אוקראַינע און אין ווייסרוסלאַנד, ווו עס איז דאָ אין די שטעט אַ גרויסע צאָל יידן, זיינען קיין אָפּטיילונגען ניט נויטיק.

כ׳ מערעזשין. פֿריער דאַרף מען באַווייזן דעם אינהאַלט פֿון דער פֿראַגע און שפּעטער ריידן וועגן דער פֿאָרם. אינדערעמעסן איז קיין אינהאַלט אין דער פֿראַגע ניטאָ, ווייל די וויכטיקסטע אַרבעט איז די בילדונג-אַרבעט, און צוליב דעם איז איצט פֿאַראַן באַם בילדונג-קאָמיסאַריאַט ספּעציעלע סעקציעס.

דער פֿאָרשלאַג, אַז דער רוסלענדישער נאַרקאָמנאַץ זאָל פֿאַרשפּרייטן זיין אַרבעט אַף דער גאַנצער טעריטאָריע פֿון ר. ס. פֿ. ס. ר. טראָגט מיט זיך אַ סימען פֿון אומצוטרוי צו די אנדערע ראַטנרעפּובליקן, וואָס געפֿינען זיך אין פֿעדעראַציע מיט רוסלאַנד, דאָס וועט הייסן, אַז מיר זיינען ניט פֿאַרבונדן מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג און געפֿינען זיך אונטערן שוץ פֿון גרויס רוסלאַנד און דערמיט ווערט געשטאַרקט דער אַנטיסעמיטיזם און דאָס גיט שפּייז פֿאַר דער נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע.

כ׳ לעוויטאַן. די פֿראַגע צי איז די נאַציע אַ טעריטאָריעלע אָדער עקסטעריטאָריעלע איז ניט וויכטיק, מיר שטרעבן צו פֿאַנאַנדערטיילן די ראַטן- און פּאַרטיי-אַרבעט, עס בלייבט אָבער ווי פֿריער, אַז די ראַטן-אַרבעט ווערט אָנגעפֿירט דורך די פּאַרטיי-איינריכטונגען, עס איז נויטיק, אז די יידישע קאָמיסאַריאַטן זאָלן פֿאַרשפּרייטן זייער אַרבעט אַף אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. דער רוסלענדישער נאַרקאָמנאַץ וועט האָבן זיין באַפֿולמעכטיקטן אַף אוקראַינע און אין ליטבעל.

כ׳ נאָוואַקאָסקי לייגט פֿאָר שליסן די דעבאַטן און מאָטיווירט, אַז די פֿראַגע איז קלאָר.

שלוס-וואָרט פֿון כ׳ דימאַנשטיין.

די נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען דאַרפֿן זיין דורכויס, ווו עס זיינען דאָ קאָמפּאַקטע מאַסן פֿון דער נאַציאָנאַלער גרופּע, די אַרבעט פֿון פּאַרטיי און ראַטן-אַרבעט מוז פֿאַנאַדערגעטיילט ווערן. אין די ראַטנרעפּובליקן פֿון דער רוסלענדישער פֿעדעראַציע איז נויטיק האָבן באַפֿולמעכטיקטע.

די רעזאָלוציע פֿון כ׳ דימאַנשטיין ווערט אָנגענומען.

עס ווערט דערקלערט א האַפּסאָקע.

נאָך דער האַפּסאָקע ווערט באַשטימט א געשלאָסענע זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ אַף דער זיצונג זיינען באהאנדלט געוואָרן די פֿראַגעס וועגן די באַציונג צו די פּאָליטישע פּאַרטייען. וואלן פֿון צ. ב.

וועגן און דער אָרגאַניזאַציע־פאָרם פון צ. ב. זאָגט זיך אַרויס דער ערשטער כ׳ אַרש, און זאָגט, אַז צו דער פראַגע וועגן צ. ב. דאַרף מען צוגיין פון זאַכלעכן און פּערסאָנעלן שטאַנדפּונקט און מיט קיין פּאָליטישע מאָטיוון זיך ניט רעכענען.

כ׳ מ ע ר ע ז ש י ן לייגט פאָר ווײלן א צ. ב. לויטן פּאָליטישן שטאַנד־פּונקט און ווײלן פון גרופּן.

כ׳ מ אַ נ ד ע ל ס ב ע ר ג. די רעכטע שפּילן אַ צווייטיידיקע ראָל, און זיי ווילן דורך פּערזאָנען דורכפירן אַ צ. ב. פון זייער ריכטונג און לייגט פאָר ווײלן לויטן גרופּן־פּרינציפּ.

כ׳ נ אָ וו אַ ק אָ וו ס ק י. אונדזער גרופּע האָט אונדז באַפולמעכטיקט פּאַרטייִדיקן דעם פּרינציפּ פון פּערסאָנעלע וואַלן, נאָר אַזוי ווי די מינדערהייט וויל דורכפירן אין צ. ב. איר מערהייט, דערום דערקלער איך, אַז מיר וועלן דעם קאַמף אָנעמען און מיר האָבן אָנגעמערקט אַ צעטל.

כ׳ מ אַ נ ד ע ל ס ב ע ר ג. די דערקלערונג פון כ׳ נאָוואַקאָווסקי איז גאַנץ קלאָר, מיר וועלן דעם קאַמף פאָרזעצן אין אַלע פאָרמען.

כ׳ מ ע ר ע ז ש י ן. די לינקע גרופּע האָט זיך פאַרייניקט צו דער דערקלערונג פון צענטער, און מיר קלערן, אַז די שטימונג פון דער מערהייט איז אַ באַווייז, אַז די סעקציעס זיינען שעדלעך.

די דעבאַטן ווערן געשלאָסן. עס ווערט באַשטימט ווײלן אַ ביוראָ פון 11 פּערזאָן.

כ׳ מ ע ר ע ז ש י ן לייגט פאָר באַשטימען די פראַגע צי וועט זיין פּערסאָנעלע וואַלן אָדער דורך צעטלען. עס ווערט באַשטימט קלייבן אַ צ. ב. דורך צעטלען.

כ׳ מ ע ר ע ז ש י ן. די רעכטע גרופּע וויל אונדז אַריינשלעפּן אין בלאָטע. דערמיט, וואָס מען שטעלט אונדז אַרויס אין צעטל פון מערהייט, באַפלעקט מען אונדז.

כ׳ נ אָ וו אַ ק אָ וו ס ק י זאָגט: איך מעלדע פון מיין גרופּע, אַז דער כ׳ מערעזשין, איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ צעטל פון דער פּאַרטיי און ניט פון אַן אַנדער ריכטונג, אַז ער זאָל דורך דעם „באַפלעקט ווערן״, און פאָדערט אים צוציען צו אַ פּאַרטיי־געריכט.

כ׳ ז ו ס ע אָ ר ש אַ נ ס ק י. די קאַנדידאַטן פון אונדזער גרופּע וועלן ניט מאַסקים זיין מען זאָל זיי אָפּשטימען אין צעטל פון מערהייט, ווייל זייענ־דיק אין צעטל פון דער מינדערהייט, קאָנען מיר ניט טראָגן די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דער צ. ב., ווו מיר זיינען אַ מינדערהייט.

כ׳ ס ו ד אַ ר ס ק י. דערקלערט, אַז ער וועט אין צ. ב. ניט גיין, ווייל ער גייט ניט אין באַמען פון זיין גרופּע.

כ׳ אָ ר ש אַ נ ס ק י ז ו ס ע. מיר ווידערהאָלן אונדזער דערקלערונג, אַז מיר וועלן אין דער אויסגעווײלטער צ. ב. ניט גיין.

כ׳ סודאַרסקי. אונדזער גרופּע וועט זיך אין דער אָפּשטימונג פון די קאַנדידאַטן ניט באַטייליקן *).

וועגן הויפּט-ביוראָען פאַר אוקראַינע און ליטבעל—באַשטימט איבער-געבן דער צ. ב. באַשטימען ביוראָען.

9-טע זיצונג—פאָרזיצער כ׳ דימאַנשטיין.

אַפן טאָגאָרדענונג—די פראַגע וועגן דער באַציונג צו פּאָליטישע פּאַר-טייען—פאָרטראָג פון כ׳ ראַפּעס

ציאָניזם.

אין דער באַציונג צו דער ציאָניסטישער פּאַרטיי איז געווען אַסאַך וואַקלונגען צוליב אויסערלעכע מאָטיוון. פאַר אונדזער קאָנפערענץ שטייט די פראַגע, צי זאָלן מיר אָפּשוואַכן דעם אָנפאַל אויף די ציאָניסטן, אָדער זי פאַר-שטאַרקן. כ׳ ראַפּעס האַלט, אַז מען דאַרף די רעזאָלוציע פאַרשטאַרקן, אונ-טערשטרייכנדיק, אַז די ציאָניסטן זיינען א טייל פון דער אימפּעריאַליסטישער קאָנטר-רעוואָלוציע, קעגן וועלכע מען דאַרף קעמפן, ווי קעגן אימפּעריאַליזם ביקלאַל.

די רעזאָלוציע וועגן דער באַציונג צו די ציאָניסטן און פּ. צ. ווערט איינשטימיק אָנגענומען.

בונד.

וועגן דער באַציונג צום „בונד" זאָגט ראַפּעס:

„אונדזער שטעלונג צום „בונד" איז קלאָר, מיר דאַרפן פאָרזעצן דעם פּרינציפּיעלן און אידעישן קאַמף, קעדיי אָפּשפּאַלטן די ארבעטער פון „בונד" און זיי פאַרלייכטערן דעם איבערגאַנג אין דער ר. ק. פּ. אין די קאָמוניסטי-שע קעמערלעך טאָר מען די מיטגלידער פון „בונד" ניט אַריינעמען. ביקלאַל דאַרף מען זיך דורכויס אָפּגרענעצן. אין דער יידישער ראַטן-אַרבעט דאַרף מען צוציען דעם „בונד" אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, אַפילע אין ווייסרוסלענ-דישן סאָוונאַרקאָם איינשליסן אַ פאָרשטייער פון „בונד".

וואָס אָנבאַלאַנגט וועגן פירן געמיינזאַמע קאַמפּאַניעס האַלטן מיר, אַז עס איז דורכויס נויטיק באַ פאַרשיידענע באַדינגונגען געמיינזאַמע אַרויסטרע-טונגען מיטן „בונד". און אין דער הינזיכט האָבן מיר באַשטימט צולאָזן דעם „בונד" אַפן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און מאַכן אַ גע-מיינזאַמע אַרויסטרעטונג וועגן ציאָניזם און פּאַלעסטינע".

כ׳ מערעזשין. עס איז אַ גרויסער אונטערשייד פון „בונד" ביזן קאָמפאַרבאַנד. דער קאָמפאַרבאַנד האָט קיין אולטימאַטיווע פאָדערונגען ניט געשטעלט, דער „בונד" איז נאָך נאַציאָנאַליסטיש. מיר דאַרפן דערום פירן אַ

*) נאָך די דעבאַטן האָט מען אַרויסגעשטעלט דריי צעטלען, און באַם אָפּשטימען האָט באַוואָקאָווסקעס גרופּע באַקומען 32 שטימען, ראַפּעס—16 און מערעזשינס—6.

קאַמף מיטן „בונד” אין דער ריכטונג צו אָפּשפּאַלטן די פּראָלעטאַרישע מאסן און די רעכטע פירער אַרויסשטויסן, און דעם בונד, אַלס גאַנצן, דאַרף מען איצט ניט אַריינלאָזן אין פּאַרטיי.

די גרונט-געדאַנקען פון כ׳ ראַפּעס ווערן אָנגענומען אַלס באַזיס.

די רעזאָלוציע פון כ׳ מערעזשין אַלס באזיס ווערט אָפּגעוואָרפן.

וועגן דער באַציונג צו געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

פּ אָ ר ט ר אַ ג פ ו ן כ׳ ר אַ פּ ע ס.

וועגן יידישן הילף-קאָמיטעט. מיר זיינען איינגעגאַנגען אַף אָרגאַניזירן דעם קאָמיטעט ניט צוליב דעם, וואָס די הילף די פּאָגראָם-געליטענע וועט בעסער אַוועקגעשטעלט ווערן, נאָר צוליב די אינטערעסן פון דער ראַטנמאַכט. דערמיט, וואָס עס איז דאָ אַן אַמעריקאַנער דעלעגאַציע און עס קומען אָן סכוי-רעס פון אַמעריקע, איז דער ערשטער טריט צו דורכברעכן די בלאָקאַדע. די אמעריקאנער דעלעגאציע האָט ארויסגעשטעלט אַן אולטימאַטיווע פאָדערונג צו שאַפן אַ געזעלשאפטלעכן קאָמיטעט. מיר האָבן אויסגע-קעמפט אַ ריי אויסבעסערונגען; די סכוירעס גייען דורך דורכן קאָנטראָל פון די ראַטן-אָרגאנען, די איינריכטונגען, וואָס זיי שאַפן, גייען אריין אין נעץ פון די אלגעמיינע ראטן-אנשטאלטן. מיר האָבן אויסגעקעמפט, אז מיר האָבן די רעכט פון קאָנטראָל און צו יעדער באפולמעכטיקטן קאָנען מיר שיקן אַ קאָ-מיסאר. אף די ערטער איז ניט קיין כויוו צו בילדן קאָמיטעטן. דאָס קאָן באַ-שטימט און געלייזט ווערן אף די ערטער. קעדיי מיר זאָלן זיכערן פאר זיך אַ מערהייט אין די קאָמיטעטן, דאַרפן מיר שטרעבן צו באקומען די ווירקונג אין די יידישע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס. מיר דארפן זיך שטעלן אפן שטאנדפונקט צו אָנערקענען אַ געוויסע געזעלשאפטלעכקייט. דעם „סעטמאס” דארפן מיר אויסנוצן אין אונדזער ארבעט צווישן קליינבירגערטום. מיר דארפן אים ניט שטערן זיך פאנאַנדערוואַקסן.

כ׳ מ ע ר ע ז ש י ן. לויט מיין מיינונג קענען מיר ניט נעמען אין אכט די לאָזונגען, וואָס דער „סעטמאס” אליין שטעלט ארויס, נאָר מען דארף נע-מען דעם אינהאלט פון דער אָרגאניזאציע, וואָס איז קליינבירגערלעך. מיר קענען ניט דערלאָזן די קליינבירגערלעכע שטאַטישע מאסן זיך אָרגאני-זירן. דאָס איז אן אָרגאניזאציע געבויט אפן קליינבירגערלעכן און איבערהויפּט אפן נאציאָנאלן פּרינציפּ, און דעריבער לייג איך פאָר אן אנדער רעזאָלוציע.

כ׳ אָ ר ש לייגט פאָר בארעכטיקן די האלטונג פון צ. ב. צו די גע-זעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, און איבערגיין צו דער טאָגאָרדענונג.

כ׳ מ א ר י א ס י ן געפינט, אז עס איז ניט מעגלעך, ווייל די אינפאָר-מאציע איז ניט גענוג, און דעריבער איז ער קעגן דעם פאָרשלאג.

כ׳ ארש האלט, אז די פראגע האָט דעם גרעסטן שאיכעס צו דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון דער ראטנמאכט, און דעריבער איז דאָס אומעג־לעך קריטיקירן.

פאַרן פאָרשלאג פון כ׳ ארש א מערהייט און ער ווערט אָנגענומען.

ראבינאָוויטש מאכט א מעלדונג, אז מען מוז אויסטיילן א גע־וויסע צאָל מענטשן פאַר דער ארבעט אין הילף־קאָמיטעט פון די דעלעגאטן, אנדערש וועלן מיר ניט קענען פארווירקלעכן אונדזער קאָנטראָל און ווירקונג אין קאָמיטעט און אנטקעגנשטעלן זיך דעם „בונד״.

רעזאָלוציע פון כ׳ מערעזשין וועגן „סעטמאס״ ווערט אָפּגעוואָרפן *). עס ווערט אָנגענומען די רעזאָלוציע פון כ׳ ראפּעס וועגן דער פּראגע.

קולטור־ארבעט.

רעזאָלוציע (ס׳לייענט פאָר אין נאָמען פון דער קולטור־קאָמיסיע כ׳ גע־מאַנאָוו).

כ׳ לעוויטאַן לייגט פאָר איבערגעבן דעם צ. ב. די רעזאָלוציע אַלט גרונט פון ווייטערדיקער אַרבעט.

די רעזאָלוציע ווערט אָנגענומען איינשטימיק.

אַרבעט צווישן דער יוגנט.

כ׳ מוני לייענט פאָר די רעזאָלוציע וועגן אַרבעט צווישן דער יוגנט.

די רעזאָלוציע ווערט אָנגענומען איינשטימיק.

כ׳ לעוויטאַן לייגט פאָר אריינשטעלן אין רעזאָלוציע, אַז די אָרגאַני־זאַציע־פאָרם דאַרף זיין דיזעלבע, ווי אין די יידישע סעקציעס פון ר. ק. פ.

באַריכט פון מאַנדאַט־קאָמיסיע.

64—באַשטימונג־רעכט, 60—מענער, 4—פרויען.

20—באַראַטונג־רעכט, 19—מענער, 1—פרוי.

1743 מיטגלידער פאָרגעשטעלט.

26 גוב. שטעט, 43 באַשטימונג־רעכט.

19 „ „ 20 „ „

עלטער פון 18 ביז 49 יאָר.

די דעלעגאַטן האָבן באַלאַנגט צו די פאָלגנדיקע פּאַרטייען:

צום „בונד״—34, פּאַרייניקטע—11, פּ. צ.—7, ס. ד.—2, אַנאַרכיסטן—1.

---

*) מערעזשינס רעזאָלוציע וועגן „סעטמאס״ איז אין די פּראָטאָקאָלן ניט אריינגעטראָגן.

מאָביליזאַציע אַפן פראָנט פון קאָנפערענץ.

כ׳ ראַפּעס דערקלערט, אַז די באַראַטונג פון פרעזידיום צ. ב. און פּאַר־שטייער פון די גרופן האָט באַשלאָסן מאָביליזירן 20% פון קאָנפערענץ פאַרן מאַירעוו־פראָנט.

דער פאָרשלאַג ווערט איינשטימיק אָנגענומען מיט אַפּלאָדיסמענטן.

כ׳ עפשטיין לייענט פאָר די באַגריסונג־רעזאָלוציע פון קאָנפערענץ דעם 2־טן קאָנגרעס פון 3־טן אינטערנאַציאָנאַל.

אָנגענומען מיט אַפּלאָדיסמענטן איינשטימיק.

שלוסוואָרט פון כ׳ ראַפּעס.

מע קאָן נאָך ניט אָפּשאצן דאָס אלץ, וואָס מיר האבן דורכגעמאַכט באַ דער קאָנפערענץ. מען מוז פריער סיסטעמאַטיזירן אַלע קליינע און גרויסע אָנ־ווייזונגען, באַמערקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין פאַרלויף פון דער אַרבעט, דאָך עטלעכע געדאַנקען.

די קאָנפערענץ איז אין פראַט פון רייכקייט און פּרוכטבאַרקייט די ערשטע. זי האָט געמאַכט אַ סאַכאַקל פון אַ גרויסער ארבעט און דערמיט דערקלערט זיך דער טעמפּעראַמענט פון דער קאָנפערענץ. עס האָט זיך קלאָר ארויסגע־וויזן די טענדענץ צו ליקווידירן די אלטע פאָרם פון דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג און סינטעזירן די יידישע ארבעט מיט די אינטערעסן פון פאַרטיי. דאָס איז געווען די טענדענץ אַפילע פון דעם רעכטן צאַד. מיר קענען אַנ־דערש פאַרשטיין די מעטאָדן אָדער... דער קאַמף אליין האָט באַוויזן, אַז געוויסע מאסן האָבן דאָס שלעכטסטע שוין דורכגעמאַכט.

עמעס, דעם אידייען־קאמף וועט מען פירן ווייטער, דאָך האָבן אַלע גע־שטרעבט שטעלן זיך אפן אַלגעמיינעם פאַרטיי־שטאַנדפונקט. די אַרבעט אליין פון קאָנפערענץ האָט פיל מיטגעהאָלפן דאָס קלאָר מאכן. מיר באַציען זיך באַ־וווסטזיניק צו דעם, ווי וועט רעאַגירן די אלגעמיינע פאַרטיי. מיט דעם איז אונדזער אונטערשייד פון אַנדערע, וואָס שטייען אויסער דער פאַרטיי.

די נעגאַטיווע באַציונג צו די סעפּאַראַטיסטישע טענדענץ פון „בונד" און צו פ. צ.

מיר ווילן שטרעבן צו פאַרבינדן זיך פאַרקערפּערן זיך מיט דער פאַרטיי.

זאָל לעבן די ר. ק. פ., III־טער אינטערנאַציאָנאַל, די אַרבעט פון יידי־שע קאָמוניסטן!

די קאָנפערענץ ווערט געשלאָסן מיטן זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל!

באַגריסונגען און רעזאָלוציעס.

באַגריסונג דעם צ. ק. ר. ק. פּ.

די דריטע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס שיקט אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער פון אַלע פעדעראַטיווע טיילן פון ראַטנ-רוסלאַנד איר הייסן גרוס צו דעם שטאַב פון דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אַריינגיסנדיק זיך אַלס אָרגאַנישער טייל אין דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אונטער דער אָנפירונג פון צענטראַל-קאָמיטעט געפונען דעם דירעקטן וועג פון קאַמף, און וואָס ווייטער ווערט דערדאָזיקער קאַמף אונטער דערזעלבער אָנפירונג אַלץ אָנגעשטרענגטער און אויסגעהאַלטענער. די ווירקונג פון דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איר צענטראַל-קאָמיטעט פילט זיך שוין אין אַלע ווינקלען פון יידישן לעבן, און ניט ווייט איז דער מאָמענט, ווען אַלע יידישע אַרבעטער פון ראַטנ-רוסלאַנד, פון ערשטן ביזן לעצטן, וועלן אויספילן טריי און איבערגעבן די באַפעלן און דירעקטיוון פון אַלוועלטלעכן רעוואָלוציע-שטאַב. אין דער ריכטונג און מיט דעם צוועק וועלן די יידישע סעקציעס מיט נאָך מער ענערגיע אָנפירן זייער אַרבעט, קעדיי דער יידישער פּראָלעטאַריאַט זאָל ווערן אין גאַנצן אַ פולער גלייכבאַרעכטיקער מיטגליד אין דער גרויסער און שיינער קאָמוניסטישער מישפּאָכע, וואָס ווייס ניט פון קיין שום קווענקלונגען און שפּאַנט זיכער און שטאָלץ צו דער ענדגילטיקער באַפרייונג פון קאַפּיטאַליזם.

צום דריטן מאָל גיבן מיר אונדזער שוווע—גיט אָפּצוטרעטן אַף אַ האָר פון דעם וועג, וואָס איר ווייזט אונדז. בלויז אין דעמדאָזיקן וועג זעען מיר, אַזוי ווי די אַרבעטער פון אַלע איבעריקע נאַציעס, וואָס איר פאַרייניקט אונטער אייער אָנפירונג, אונדזער אויסלייזונג.

לעבן זאָל די רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די פירערן, באַשיצערן און באַפרייערן פון אַלע אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע!

באַגריסונג דער רויטער אַרמיי.

די דריטע קאָנפערענץ פון די יידישע סעקציעס פון ר. ק. פּ. באַגריסט אייך, רויטע העלדן, וואָס איר שטייט אַף די שלאַכט-פעלדער און קעמפט אויס מיט אייער בלוט ניט נאָר די באַפרייונג פון אַלע רוסלענדער פעלקער, נאָר אויך פון דער גאַנצער אונטערדריקטער מענטשהייט.

אייער מעסירעשנעפעש אַף די פראָנטן גיט אונדז מוט און ענערגיע דאָ אין טיל צו פאַרפעסטיקן אַלץ מער און מער די גרויסע דעראָבערונגען פון דער ראַטנמאַכט. מיט גרענעצלאָזע פרייד און ערפורכט פאָלגן מיר נאָך אייער יעדער באַוועגונג, ווייל מיר ווייסן, אַז ווען ניט איר, מיט אייער זעלבסטאָפּפערונג, וואָלטן מיר ניט געהאַט די מעגלעכקייט אַזוי הויך צו האַלטן די רויט-

פּולע פּאָן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס פלאַטערט אויף מיט אַזאַ שטאָלץ און זיכערהייט איבער דער גאַנצער וועלט.

אייערע ווונדערלעכע ניצכוינעס איבער דער פעסטונג פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע דערנעענטערט אלץ גיכער און גיכער דעם טאָג, ווען מיר וועלן אָפּעטעמען פולשטענדיק פריי, און די ביקס אין אייערע הענט וועט פאַרביטן ווערן מיט אַ האַמער און אקער-אייזן, וואָס וועלן באַווייזן ניט ווייניקער ווונדער אפן פראָנט פון פרידערלעכער שאַפונג-אַרבעט, ווי דיזעלביקע ביקס באַווייזט עס אַפן פראָנט פון מילכאָמע.

מיר, יידישע אַרבעטער, פילן באזונדערס שטאַרק אייער באַפרייונג-ראָל. איר זייט די ווירקלעכע קעמפער פאַר פעלקער-פאַרברידערונג, וואָס טראָגן מיט זיך טרייסט און האָפענונג. די אלע, וואָס ליידן פון קאַפּיטאַליסטישער אונטערדריקונג און זיינען די קאָרבאָנעס פון אויפגעהעצטן נאַציאָנאַלן האַס.

מיר זיינען שטאָלץ דערמיט, וואָס אין אייערע רייען געפינען זיך אונדזערע בלוט-פאַרוואַנדטע, און מיר שרייען אויס פאַר אייך אַ דרייפאַכן הוראַ פון מענטשן, קעמפער און יידן.

לעבן זאָל די זיגרייכע רויטע אַרמיי פון דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע.

באַגריסונג דעם צווייטן קאָנגרעס פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

די דריטע אַלרוסלענדער קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָרגאַניזירטן יידישן פּראָלעטאַריאַט אין די רייען פון דער ר. ק. פ., באַגריסט מיט אַ באַזונדער פרייד דעם 2-טן קאָנגרעס פון דריטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

די יידישע ארבעטער, וואָס האָבן שוין אַ לאַנגיאָריקע געשיכטע פון העלדישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, האָבן ענדלעך צוריסן מיט זייערע פּשאָ-רעמאַכערישע פּאַרטייען און זיינען צוגעשטאַנען צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. זיי האָבן צוריסן מיט דער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן דורך דויערסלאַנגע פאַרפאָלגונגען. ספּעציפישע באַדינגונגען פון יידישן לעבן און טראַדיציעס, וואָס זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון דער פאָרי-קער טקופע פון קאַמף.

דאָס ליכט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע איז אַריינגעדרונגען אויך אין דער סוויווע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, און איצט זיינען די יידישע אַרבעטער איבערגעגעבנסטע מיטגלידער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער מישפּאָכע. באַ אונדז אין ראַטנרוסלאַנד און אוקראַינע איז קיין זייכער ניט פאַרבליבן צווישן די יידישע אַרבעטער פון דער פּריערדיקער פשאָרעמאַכערישער אידעאָלאָגיע, פון דעם אלטן נאַציאָנאַליסטישן אָנוווקס באַפרייענדיק זיך פון דעם היפּנאָז פון דער פאַרגאַנגענהייט, האַלטן די יידישע אַרבעטער צוזאמען מיט אלע באַוווסטזיניקע פּראָלעטאַריער הויך אין זייערע

הענט די רומפֿולע פֿאָן פֿון 3-טן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס דינט זיי פֿאַר אַ פֿייער-זייל אין זייער קאַמף פֿאַר דער פֿאַרניכטונג פֿון די אַלטע פֿאָרמען פֿון יידישן לעבן און זיין איבערבויונג אַף קאָמוניסטישע יעסודעס.

דער וועג פֿון זייער קאַמף איז פֿול מיט דערנער. די קאָנטער-רעוואָלוציע איז זיך נויקעם, אַזוי ווי טאמיד, פֿאַר דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פֿון די יידישע אַרבעטער אָן דער גאַנצער אָרעמסטער יידישער באַפֿעלקערונג, איז זיך נויקעם מיט אכזאָריעס, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע. אין יענע טייכן בלוט, וואָס גיסן זיך אומעטום, ווו די אַרבעטער שטרייטן אַף לעבן און טויט פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון קאָמוניסטישן אידעאַל, גיסט זיך באַזונדערס פֿיל יידיש בלוט, דאָס בלוט פֿון צענדליקער און הונדערטער אומשולדיקע יידן. קאָרבאָנעס. נאָר דאָסדאָזיקע בלוט פֿאַרטונקלט ניט דאָס קלאַסן-באַוווסטזיין פֿון די יידישע אַרבעטער—עס שטויסט זיי אַף נאָך אַ שטאַנדהאַפֿטיקערן קאַמף, אַף נייע העלדישע טאַטן. די יידישע אַרבעטער און די יידישע באַפֿעלקערונג פֿאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז בלויז די קאָמוניסטישע אָרדענונג וועט מאַכן אַ סאָף צו אלע פּאָגראָמען, וועט אויסוואָרצלען אַלע נאַציאָנאַליסטישע פֿאָרורטיילן, וועט פֿאַרניכטן אלע נאַציאָנאַלע צוימען און איינשטעלן אַפֿן גאַנצן ערד-קוגל אַן עמעסע פֿעלקער-פֿאַרברידערונג.

דורכן קאָנגרעס פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל דערלאַנגען די יידישע אַרבעטער זייערע הענט צו אלע זייערע ברידער לויט דער אידייע און קאַמף. זייערע הערצער קלאַפּן צוזאמען מיט די הערצער פֿון די קאָמוניסטן פֿון דער גאַנצער וועלט.

אין יענער רויטער אַרמיי, וואָס טראָגט אַף איר געווער די באַפֿרייונג ניט נאָר פֿאַר די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד, נאָר פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט און צווינגט איצט מיט אירע לעגענדאַרישע ניצכוינעס צו בויגן זיך די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט אידעיש פֿאַר ראַטנרוסלאַנד, איז פֿאַראַן ניט ווייניק אויך זייערע ברידער, און די יידישע אַרבעטער זייגען שטאָלץ דערמיט.

מיר, די פֿאָרשטייער פֿון יידישן קאָמוניסטישן פּראָלעטאַריאַט פֿון רוסלאַנד, שיקן דורכן 2-טן קאָנגרעס פֿון 3-טן אינטערנאַציאָנאַל אַלע יידישע אַרבעטער פֿון ליטע און ווייסרוסלאַנד, פוילן, גאַליציע און בוקאווינע, רומעניע און בעסאַראַביע, אמעריקע, ענגלאַנד און אנדערע לענדער אונדזער הייסן גרוס און צורוף:

טוט נאָך אונדזערביישפּיל—צורייסט אינגאַנצן מיט אלע פּשאָרעמאַכערישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס און טרעט אריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אייער לאַנד. בלויז מיט געמיינזאַמע קויכעס וועט אונדז געלינגען אומעטום צו באַפֿרייען זיך פֿון קאַפּיטאַליסטישן יאָך און אַף די כורוועס פֿון דער אַלטער וועלט אופֿבויען די ליכטיקע מעלוכע פֿון קאָמוניזם.

לעבן זאָל דער יידישער קאָמוניסטישער פּראָלעטאַריאַט!

לעבן זאָל דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל!

לעבן זאָל דער פֿירער פֿון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע—די רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי!

לעבן זאָל די ראַטנמאַכט אין דער גאַנצער וועלט!

רעזאָלוציע וועגן באַריכט פֿון צ. ב. און פֿון דער הויפּט־ביוראָ פֿון אוקראַינע.

1) אויסהערנדיק דעם באַריכט פֿון צ.ב. און פֿון הויפּט-ביוראָ פֿון אוקראַינע וועגן זייער טעטיקייט, באַשטעטיקט די דריטע אַלרוסלענדער. קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע סעקציעס פֿון ר. ק. פּ. די אַלגעמיינע פּרינציפּיעלע ליניע פֿון דער צ. ב. איבערהויפּט בענוגייע צום קאַמף מיט די ייִדישע בורזשואַזע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט דער רוסלענדער און אַלוועלטלעכער קאָנטר-רעוואָלוציע, אין בענוגייע צו דער באַשאַפֿונג פֿון ספּעציעלע ראַטן-אָרגאַנען פֿאַר קולטורעלער אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן און פֿאַר הילף די געליטענע פֿון די פּאָגראָמען.

2) גלייכצייטיק, נעמענדיק אין אַכט די אָביעקטיווע שוועריקייטן, וואָס האָבן געשטערט דער טעטיקייט פֿון צ. ב., האַלט דאָך די קאָנפֿערענץ פֿאַר גויטוועדיק אונטערצושטרייכן, אַז די ניטגענוגנדיקע רעזולטאַטן, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן אַפֿן געביט פֿון דער ייִדישער פּאַרטיי און ראַטן-אַרבעט, זיינען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַ רעזולטאַט פֿון דער ניטגענוגנדיקער איניציאַטיוו און ענערגיע מיצאַד דער צ. ב.

די גאַנצע טעטיקייט פֿון דער צ. ב. שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ ריי באַזונדערע ניטפֿאַרייניקטע פֿאַקטן און אָנשטרענגונגען אָן אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציע-סיסטעם. די צ. ב. האָט שוואַך אינסטרוקטירט די געגנט און גובערניאַלע ביוראָען פֿון די סעקציעס און האָט אַרויסגעוויזן וויניק ענערגיע באַם אוועקשטעלן און באַם דורכפֿירן דורכן צ. ק, און דורך די אָנפֿירנדיקע געגנט-אָרגאַנען פֿון דער פּאַרטיי די פֿראַגן, וואָס זיינען אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע מאַסן.

3) איבערהויפּט דאַרפֿן באַצייכנט ווערן פֿאָלגנדיקע צוויי אויסערגעוויינטלעכע פֿאַקטן:

א) דער ציִרקוליאַר פֿון צ. ק. פֿון דער ק. פּ. פֿון אוקראַינע וועגן אָפּשאַפֿן אַף אוקראַינע די סעקציעס און פֿאַרבייטן זיי מיט אָפּטיילונגען.

פֿאָרמעל ווידערשפּרעכט דערדאָזיקער ציִרקוליאַר דער פּאַרטיי-אינסטרוקציע וועגן דער אַרבעט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און אין טאָך ווידערשפּרעכט ער די אַלגעמיינע פּאַרטיי-אינטערעסן.

ב) די רעזאָלוציע פֿון דער הויפּט-ביוראָ פֿון די ייִדישע סעקציעס אַף אוקראַינע וועגן דעם אויבנדערמאָנטן ציִרקוליאַר.

די הויפּט-ביוראָ האָט מיט אַ מערהייט פֿון צוויי קעגן איינעם אָנערקענט דעם ציִרקוליאַר, וואָס ווידערשפּרעכט די אינטערעסן פֿון דער פּאַרטיי אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן די אַרבעטנדיקע ייִדישע מאַסן אין די גרענעצן פֿון דער ר. ס. פֿ. ס. ר. און אויסער זיי. דערביי האָט די הויפּט-ביוראָ אַרויסגעוויזן אַן אומפֿאַרשטענדלעכע איילקייט און האָט

זיך באשלאָסן אַף אַזאַ וויכטיקן שריט, זייענדיק אין אַ האלבן באַשטאַנד און ניט צונויפגעריידנדיק זיך מיט דער צ. ב.

קאָנסטאַטירנדיק דאָס אלץ, דריקט אויס די קאָנפערענץ איר זיכערקייט, אַז די טעטיקייט פון דער ניי-אויסגעוויילטער צ. ב. וועט מאַכן פאַר אומעגלעך די ווידערהאָלונג פון אַזעלכע טרויעריקע פאַקטן.

4) באַשטעטיקנדיק די גרונט-האַנאָכעס פון מעמאָראַנדום פון צ. ב. און פון דער הויפט-ביוראָ צום צ. ק. פון דער ר. ק. פּ. און צום צ. ק. פון דער ק. פּ. פון אוקראַינע פון דעקאבער 1919-טן יאָר און באפולמעכטיקנדיק די צ.ב. צו ווענדן זיך אין צ. ק. פון ר. ק. פּ. מיט אַ פאָרשלאַג וועגן דער נויטווענדיקייט אָפּצושאַפן דעם צירקוליאַר פון צ. ק. פון דער ק. פּ. פון אוקראַינע, גייט די קאָנפערענץ אַריבער צום ווייטערדיקן סיידער האַיוים.

רעזאָלוציע וועגן דער אָרגאַניזאַציע-פראַגע.

די אַלגמיינע גרונט-לאַגע.

1) אין דער טקופע פון פאַרשאַרפטן בירגער-קריג אין דער גאַנצער וועלט, ווען ס'בייטן זיך אומפאַרמיידלעך ניצכוינעס און מאַפּאָלעס, ווען ס'וואקלען זיך די פּאָליטישע שטימונגען פון די פראָלעטאַרישע מאַסן, וואָס זיינען אויסגעמאַטערט פון דער מילכאָמע און פון ווירטשאַפטלעכן כורבן, דאַרף די קאָמוניסטישע פאַרטיי געבויט ווערן אַף שטרענג-צענטראַליסטישע יעסוידעס: בלויז דידאָזיקע יעסוידעס פאַרניכטן די נאַציאָנאַלע און טעריטאָריאַלע צוימען, וואָס שטערן דעם רעוואָלוציאָנערן טייל פון פראָלעטאַריאַט צו פירן נאָך זיך די אָפּגעשטאַנענערע מאַסן, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט אינגאַנצן באַפרייט פון די נאַציאָנאַלע און אַנדערע פאָרורטיילן... נאָר אַזאַ שטרענג-דורכגעפירטע צענטראַליזירונג קען פאַרוואַנדלען די קאָמוניסטישע פאַרטיי אין אַווירקלעכן פירער פון פראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פאַר דער אויפשטעלונג און פאַרפעסטיקונג פון דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור און פאַרייניקן אַלע זיינע שעפערישע קויכעס פאַר דער אויסבויונג פון אַ נייעם לעבן.

2) די אַנטוויקלונג פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און אוקראַינע, ווו עס געפינט זיך אַ נאַציאָנאַל-געמישטע באַפעלקערונג האָט גלענצנדיק באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע-יעסוידעס: די יידישע און אוקראַינער נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס (או.ס.ד. און א.ס.ר. „בונד", די פאַרייניקטע) האָבן פאַר דער גאַנצער צייט פון דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע געשטערט דעם פראָלעטאַריאַט צו פאַרבינדן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן מיט זייער פאָרשריטלעכן אַוואַנגאַרד. דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיט זייער עקזיסטענץ מיטגעהאָלפן דער קאָנסערווירונג פון דער קליינבורזשואזער אָפּגעשטאַנענקייט. די פראָלעטאַרישע מאַסן זיינען אין פראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע אַרויס פון אונטער זייער איינפלוס, און דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס אַליין זיינען דערגאַנגען צו אַ צושטאַנד פון פולער צופאַלונג, אַריינגייענדיק זיך טיילווייז אין

דער קאָמוּניסטישער פּאַרטיי. יעטווידער פּרווו אײַנצוהאַלטן און אויפֿצוּלעבן אַפֿילע אין אַ פֿאַרבאָרגענער פֿאָרם אַן אָפּגעזונדערטע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע אין די רייען פֿון דער קאָמוּניסטישער פּאַרטיי גופֿע איז דעריבער רעאַקציאָנער און האַלט אָביעקטיוו אָפּ די אַנטוויקלונג פֿון דער רעוואָלוציע.

3) אין לענדער מיט אַ נאַציאָנאַל-געמישטער באַפֿעלקערונג, ווו די נאַציאָנאַלע פֿאַרשקלאַפֿונג און דער נאַציאָנאַלער קאַמף פֿון דער פֿעאָדאַלער און קאַפּיטאַליסטישער טקופֿע האָבן באַשאַפֿן אַ פֿאַרפֿרעמדקייט צווישן די מאַסן פּראָלעטאַריער און דער אָרעמער באַפֿעלקערונג, וואָסריידן פֿאַרשיידענע שפּראַכן, דאַרף די קאָמפּאַרטיי שטענדיק פֿירן אַ קאַמף מיט די רעשטלעך פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע אין אַלע שיכטן פֿון פּראָלעטאַריאַט. זי דאַרף אײַנפֿלאַנצן אין פֿריערדיקער הערשנדיקער נאַציאָנאַליטעט אַכטונג צו דער שפּראַך און די באַדערפֿענישן פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן; אין דערזעלביקער צייט דאַרף די פּאַרטיי קעמפֿן מיט אַלע דערשיינונגען פֿון סעפּאַראַטיזם צווישן די אַרבעטער פֿון דער פֿריער אונטערדריקטער נאַציע. די פּאַרטיי דאַרף דעריבער קאַטעגאָריש אָפּוואַרפֿן דעם פּרינציפּ פֿון פֿאַנאַנדערטיילן פּראָלעטאַריער-קאָמוּניסטן לויט נאַציאָנאַלע סימאָנים און זיין שטענדיק אַן אײַנהייטלעכע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע.

4) רעכענענדיק זיך מיט די טעכנישע באַזונדערקייטן און ספּעציפֿישן לעבנשטייגער פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און מיט דער וויכטיקייט פֿון דערדאָזיקער אַרבעט, דאַרף די קאָמוּניסטישע פּאַרטיי אין באַשטאַנד פֿון איר אָרגאַניזאַציע אויסבילדן ספּעציעלע אָרגאַנען פֿאַר אַרבעט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די פֿאָרמען פֿון דידאָזיקע אָרגאַנען דאַרפֿן זיין גענוג בויגיק און פֿעיִק אַריינצוציען די אַרבעטער אין דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג און אויפֿצוהויבן די אַקטיווקייט און זעלבסטעטיקייט פֿון די פּראָלעטאַרישע מאַסן פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די פֿאָרמען טאָרן דעריבער ניט זיין קיין פֿאַרגליווערטע, זיי בייטן זיך אין פּראָצעס פֿון דער אָפּשטאַרבונג פֿון די נאַציאָנאַלע פֿאָרורטיילן, אין יעדן מאָמענט באַזונדער דאַרף אָבער אין זיי ניט זיין קיין זאַך, וואָס זאָל שטערן דער אויסלעבונג פֿון דער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט.

דער סאַכאַקל פֿון דער אַרבעט.

אונטערפֿירנדיק אַ סאַכאַקל פֿון דער יידישער אַרבעט פֿון דער רוסלענדער קאָמוּניסטישער פּאַרטיי פֿאַר אָנדערהאַלבן יאָר צייט, קאָנסטאַטירט די דריטע אַלרוסלענדער קאָנפֿערענץ פֿאָלגנדיקעס:

5) אַדאַנק דער באַשאַפֿונג פֿון ספּעציעלע אָרגאַנען צו אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי, איז אין די מאַסן פֿון די יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען פֿריער געגאַנגען נאָך די פּשאָרע-פּאַרטייען, שטאַרק אויסגעוואַקסן דער אײַנפֿלוס פֿון די קאָמוּניסטישע אידייען און דער אויטאָריטעט פֿון דעם פֿירער פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פֿון דער רוסלענדער קאָמוּניסטישער פּאַרטיי, וואָס אויך די יידישע אַרבעטער-מאַסן הויבן אָן צו האַלטן

פֿאַר דער איינציקער און ווירקלעכער פֿאָרשטייערן פֿון פּראָלעטאַריאַט, אין דעם אויך פֿון ייִדישן, וואָס קעמפֿט פֿאַר דער פֿולשטענדיקער באַפֿרייונג. פֿאַר דער אַנגעוויזענער צייט האָבן זיך מיט דער פּאַרטיי צונויפֿגעגאָסן „די ייִדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון ווייסרוסלאַנד", וואָס האָט זיך נאָך דעם אָרגאַניזירט אין „ייִדישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד פֿון ליטע און ווייסרוסלאַנד", און נאָך דעם דער לינקער טייל (די מערהייט) פֿון „בונד" און פֿון דער „פֿאַראייניקטער ייִדישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי" אַף אוקראַינע, וואָס האָבן באַשאַפֿן דעם אַזוי גערופֿענעם „ייִדישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד אַף אוקראַינע". דער פּראָצעס פֿון צופֿאַלונג פֿון די ייִדישע קליין-בורזשואזע פּאַרטייען איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איצט זיינען די לינקע פֿירער פֿון „בונד" און פֿון די פּאַרטייניקטע אין דעם איבעריקן טייל פֿון ראַטנרוסלאַנד שוין געצוווּנגען אונטערן דרוק פֿונונטן צו פּראָקלאַמירן דעם לאָזונג פֿון אַריינטרעטן אין ר. ק. פּ., דאָס הייסט אונטערוואַרפֿן זיך דער אַלגעמיין-פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנערער דיסציפּלין, כאָטש זיי פּרוּוון זיך נאָך צו פֿאַרהאַלטן די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעמדאָזיקן לאָזונג דורך די סעפּאַראַטיסטישע פֿאָדערונגען, וואָס זיי שטעלן טעכניש דער ר.ק.פּ.

6) פֿון דער צווייטער זייט איז קלאָר, און דאָס איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער כאַרקאָווער באַראַטונג פֿון די ייִדישע סעקציעס, אַז אין דער טעטיקייט פֿון די סעקציעס און אין די פּאָליטישע שטימונגען פֿון אירע מיטגלידער האָט זיך גענומען באמערקן אונטער דער ווירקונג פֿון נאַציאָנאַלן קאַמף אַף אוקראַינע אַ נייגונג צו פֿאַרפֿעסטיקן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָפּגעזונדערטקייט פֿון די סעקציעס און צו שענקען אַ צו גרויסע אויפֿמערקזאַמקייט די נאַציאָנאַלע פֿראַגן צום שאָדן פֿון דער גרונט-אויפֿגאַבע פֿון די סעקציעס: צו דינען פֿאַר דער פּאַרטיי אַלס אַ גאַנצער, פֿאַר אַן אַפּאַראַט אַריינצוציען די ניטאָרגאַניזירטע טיילן פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אין דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע.

7) אַ באַדייטנדיקער טייל פֿון דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער דאָזיקער שעדלעכער נייגונג אין דער אַרבעט פֿון דער סעקציע טראָגן די אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע קאָמיטעטן, וואָס האָבן אָפֿט איגנאָרירט די באַדערפֿענישן פֿון דער ייִדישער פּאַרטיי-אַרבעט און האָבן ניט אַכטונג געגעבן ס'זאָלן אויסגעפֿירט ווערן דורך די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס די צירקולאַרן פֿון צ.ק. פֿון דער ר.ק.פּ. וועגן די סעקציעס.

די קאָנפֿערענץ האַלט פֿאַר נויטיק באַזונדערס אונטערצושטרייכן די גרינגע, און אָפֿטמאָל פֿאַראַכטנדיקע באַציִונג צו דער ייִדישער פּאַרטיי און ראַטן-אַרבעט מצד דעם צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַף אוקראַינע, פֿון אָט דעם געגנט מיט אַ צוויי מיליאָניקער ייִדישער באַפֿעלקערונג, ניט געקוקט אַף דער קעסיידערדיקער און ענערגישער דערמאָנונג וועגן דעם מצד דער סעקציע. די אומשטאַנדן באַ וועלכע עס איז פֿאָרגעקומען די פֿאַנאַנדערלאָזונג פֿון די סעקציעס אַף אוקראַינע, אָן אַ שום האַסבאָרע און דערקלערונג פֿון די סיבעס, האָט דעזאָרגאַניזירט די אַרבעט.

די פֿאָרמען פֿון דער ייִדישער אַרבעט.

אַרויסגייענדיק פֿון די פֿריער-אָנגעוויזענע פּרינציפּן און נעמענדיק אין אַכט די דערפֿאַרונג פֿון דער פֿריערדיקער אַרבעט, האַלט די דריטע אַלרוס-לענדער קאָנפֿערענץ פֿאַר נויטיק אין דער ווייטערדיקער אַרבעט צו האַלטן זיך אָן פֿאָלגנדיקע יעסוידעס:

8) די נאָך ניטפֿאַרענדיקטע עוואָלוציע פֿון די לינקע גרופּן, וואָס טיילן זיך אויס פֿון די אַלטע ייִדישע פּשרע-פּאַרטייען, די באַדייטונג, וואָס ס׳האָט די פֿראַגע וועגן דער פֿאָרם פֿון דער אָרגאַניזירונג פֿון דער ייִדישער אַרבעט פֿאַר דעם איבערגאַנג פֿון די וואַקלדיקע ייִדישע אַרבעטער-גרופּן פֿון פּוילן און פֿון אַנדערע לענדער אויסער ראַטנרוסלאַנד און ראַטנאוקראַינע אַף אַ באַשטימטער קאָמוניסטישער פּאָזיציע, ווען ס׳עקזיסטירט אָן צווייפֿל אַ באַשטימטע קעגנווירקונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער-מאַסן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער— דאָס אַלץ צוזאַמען דאַרף באַוועגן די פּאַרטיי צו אָנערקענען, אַז פֿאַר דער ייִדישער אַרבעט פֿון דער איצטיקער איבערגאַנג-טקופֿע איז די מערסטן צו-געפּאַסטע פֿאָרם, אויסער אוקראַינע, אַ סעקציע, מיט דעם טנאַי, אַז אין איר טעטיקייט און אָרגאַניזאַציע וועט זי זיך האַלטן אָן פֿאָלגנדיקע יעסוידעס:

9) די קאָנפֿערענץ וואַרפֿט אַנטשלאָסן אָפּ די פֿאָרשלאָגן, וואָס זיינען דיקטירט דורך די נאַציאָנאַליסטישע און סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן וועגן רע-אָרגאַניזירן די סעקציעס אין אַן אַוטאָנאָמער ייִדישער אָרגאַניזאַציע אין דער פּאַרטיי גופֿע, וואָס וואָלט אומפֿאַרמיידלעך געבראַכט צו דער אויפֿלעבונג פֿון די אַלטע קליינבורזשואזע טענדענצן פֿון דער פּשרע-טקופֿע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג. פּונקט ווי די אַלע איבעריקע נאַציאָנאַלע סעקציעס אין דער פּאַרטיי, איז די ייִדישע סעקציע נאָר אַ פֿאַנאַנדערגעצווייגטער טעכנישער מאַסן-אַפּאַראַט פֿון דער פּאַרטיי, וואָס פֿירט דורך אינגאַנצן אין דער ייִדישער סוויווע די לאָזונגען פֿון דער פּאַרטיי וועגן די אַלע פֿראַגן, וואָס ווערן אַרויסגערוקט פֿון דער רעוואָלוציע. דעריבער אַנטקעגנשטעלט די ייִדישע סעקציע אין איר פּאָליטישער אַגיטאַציע, לעהייפּעך צו די קליינבורזשואזע און לינק-סאָציאַליסטישע ייִדישע פּאָליטישע גרופּן און פּאַרטייען, וואָס שטרייכן אונטער זייער זעלבשטענדיקייט, ניט זיך, די ייִדישע סעקציע, נאָר די רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַלס גאַנצע, אָט דעם איינהייטלעכן רעוואָלוציאָנערן אָרגאַן פֿון דעם ווילן פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, אָן אונטערשייד פֿון נאַציאָנאַליטעט, וואָס פֿירט דורך זיין דיקטאַטור.

10) אין די פֿראַגן, וואָס ווערן אַרויסגערוקט דורך די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון ייִדישן לעבן, איז די ייִדישע סעקציע אויך ניט קיין אַוטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, נאָר זי האָט אַן אויפֿגאַבע צוצוגרייטן, פֿאַנאַנדעראַרבעטן און פֿאָרלייגן פֿאַר דער גאַנצער פּאַרטיי, דורך אירע פּאַרטיי-אָרגאַנען, אירע פּראָעקטן און פֿאָרשלאָגן.

11) די אויספיר-אָרגאַנען פון דער סעקציע דאַרפן אין זייער אַרבעט זען, אַז די סעקציע זאָל זיך ניט פאַרשליסן אין זיך, נאָר זי זאָל שטרעבן הויפטזעכלעך אַריינצוציען אין דער באַוועגונג די ברייטע ניטאָרגאַניזירטע אַרבעטער-מאַסן. אָפּוואַרפנדיק דעריבער דעם וועג פון אָפטע אָרגאַניזאַציע-פאַרזאַמלונגען פון דער סעקציע, איז נויטיק אין דער איינערלעכער אַרבעט צו פאַרשטאַרקן די פּראָפּאַגאַנדע, באַלייכטנדיק אין לעקציעס און פאָרטראָגן יענע פּאָליטישע פראגן, וואָס וועלן שטיין אָפן סיידער-האיום פון די פאַרזאַמלונגען פון דער גאַנצער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע און פּאַרטיי.

12) עס איז נויטיק ענג צו פאַרבינדן די אויספיר-אָרגאַנען און קאָמיסיעס, וואָס פונקציאָנירן באַ דער סעקציע, מיט די אונטערנעמונגען און פּראָפּעסיאָנעלע פאַריינען, ווי עס געפינען זיך מאַסן יידישע אַרבעטער, און מיט די אַנטשפּרעכנדיקע אַלגעמיינע פּאַרטיי-אָרגאַנען (ראַיפּאַרטקאָמען, אָפּטיילונגען פון די גוב. פּאַרטקאָמען און אַנד.) קעדיי די סעקציעס זאָלןווירקלעך קענען העלפן דער פּאַרטיי אין איר גאַנצער אַגיטאַציע-אַרבעט, איבערהויפּט באַם דורכפירן מאַסן-קאַמפּאַניעס (וואַלן אין ראַט. פאַרשיידענע „טעג" און „וואָכן", די אָרגאַניזירונג פון אומפּאַרטעיִשע אַרבעטער-קאָנפערענצן און אַנד.).

13) נעמענדיק אין אַכט דעם דערפאָלג פון דער יידישער אַרבעטער-קאָנפערענץ אין וויטעבסק, וואָס האָט פאַרפעסטיקט דעם איינפלוס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָף דער ברייטער מאַסע פון די יידישע אַרבעטער און האָט מיטגעהאָלפן אַריינצוציען זיי אין דער בויונג פון נייעם לעבן, רעקאָמענדירט די קאָנפערענץ פּעריאָדיש צונויפרופן אַזוינע קאָנפערענצן אין אַלע פונקטן מיט אַ קאָמפּאַקטער יידישער אַרבעטער-באַפעלקערונג אָף צו באַהאַנדלען, ווי די אַלגעמיינע, אַזוי אויך די יידישע פראַגן.

אינסטרוקציע פון דער סעקציע.

14) אַנטוויקלענדיק און דערפילנדיק די אינסטרוקציע פון צ. ק. פון ר. ק. פּ. וועגן דער אַרבעט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האַלט די קאָנפערענץ, אָנערקענענדיק אין אַלגעמיין פאַר ריכטיק דעם פּראָעקט פון דער אינסטרוקציע, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער הויפּט-ביוראָ פון דער יידישער סעקציע אָף אוקראַינע, פאַר נויטיק אַלס אינסטרוקציע, וואָס איז פאַרפליכטנדיק פאַר אַלע גובקאָמען, איינצושטעלן פאָלגנדיקעס:

א) גובערניאַלע ביוראָען פון דער סעקציע אָדער גובערניאַלע אָפּטיילונגען אָף אוקראַינע דאַרפן דורך אַ פאַראָרדענונג פון צ. ק. פון דער ר.ק.פּ. איינגעשטעלט ווערן אין אַלע גובערניעס מיט אַ יידישער מאַסן-באַפעלקערונג, נעמלעך אין די גובערניעס: וויטעבסקער, סמאָלענסקער, האָמלער, אין אַלע גובערניעס פון אוקראַינע און פון ליטע און ווייסרוסלאַנד; דערביי קען די פאַנאַנדערלאָזונג פון דידאָזיקע גוב. ביוראָען, ווי אויך באַשאַפונג פון אַזוינע אין אַנדערע גובערניעס, פאָרקומען נאָר מיטן העסקעם פון צ.ק. פון דער ר.ק.פּ.

ב) דער פּרינציפּ פון וואַלן און קאָלעגיאַלקייט אין דער אָרגאַניזירונג פון די אויספיר-אָרגאַנען פון דער סעקציע דאַרף דורך אַן אינסטרוקציע פאַר-

פֿיקסירט ווערן פֿאַר דעו׳ צענטראַל-ביוראָ, געגנט-ביוראָ, הויפּט-ביוראָ און גו-בערניאַלער ביוראָ (דורך קאָנפֿערענצן), און אויך פֿאַר יענע אָרטיקע סעקציעס אין וועלכע די צאָל פֿאַרעגיסטרירטע מיטגלידער איז ניט ווייניקער ווי 20, אויסער די גובערניעס פֿון אוקראַינע, ווו מען דאַרף האַנדלען לויט דער אינ-סטרוקציע פֿון צ. ק. פֿון דער ק. פּ. פֿון אוקראַינע.

ג) די גובערניאַלע, געגנט און אָרטיקע ביוראָען פֿון דער סעקציע פֿונק-ציאָנירן, ווי אָפּטיילונגען פֿון די אַנטשפּרעכנדיקע פּאַרטיי-קאָמיטעטן, אין אַן ענגער פֿאַרבינדונג מיט זייער אַלגעמיינעם אַפּאַראַט.

ד) אַלע פֿראַגן, וואָס זיינען שאַיעך דעם יידישן לעבן, קענען ניט גע-לייזט ווערן דורך דעם אַלגעמיין-פּאַרטעיִשן אַנשטאַלט אָן דער אַרויספֿאָדערונג פֿון דער מיינונג וועגן דעם פֿון אויספֿיר-אָרגאַן פֿון דער אַנטשפּרעכנדיקער סעקציע.

ה) די טוער, וואָס ווערן קאָמאַנדירט פֿאַר יידישער פּאַרטיי און ראַטן-אַרבעט אין גובערניע אָדער אַף די ערטער, קענען ניט צוגענומען ווערן דורך אַ נידעריקערער אינסטאַנץ אַף אַלגעמיינער אַרבעט אָן דער איינשטימונג פֿון דער סעקציע.

די צענטראַל-ביוראָ.

15) קאָנסטאַטירנדיק, אַז די אַרבעט פֿון דער סעקציע איז געווען ניט באַפֿרידיקנדיק אין אַ גרויסער מאָס צוליב דעם, וואָס עס האָט געפֿעלט אָנפֿירונג מיצאַד דער צ. ב. און צוליב דער פֿולשטענדיקער אָפּגעריסנקייט צווישן צענטער און די אָרטיקע סעקציעס, אַדאַנק דער שוואַכקייט פֿון אַפּאַ-ראַט פֿון דער צ. ב., האַלט די קאָנפֿערענץ פֿאַר נויטיק:

א) אויסוויילן אַף דער קאָנפֿערענץ א. צ. ב. אין באַשטאַנד פֿון 9 מאַן, 5 מיטגלידער פֿון זיי געפֿינען זיך שטענדיק אין מאָסקווע, און באַשטימען אַ ביוראָ פֿאַר אוקראַינע און ליטע אין באַשטאַנד פֿון 3 מאַן אַזוי, אַז אין יעדער פֿון די לעצטע צוויי ביוראָען זאָל אַריינגיין צו איין מיטגליד פֿון צ. ב.

ב) אין מאָסקווע אַרויסגעבן אַן ערנסטן פּאָליטישן פּאַרטיי-אָרגאַן אין יידיש.

ג) קאָנצענטרירן אין מאָסקווע די אָנפֿירונג מיט דער פֿאַרלעגערישער אַרבעט אין יידיש.

אינסטרוקציע וועגן דער אַרבעט פֿון די יידישע סעקציעס.

די אַלגעמיינע אויפֿגאַבן.

1) די ביוראָען פֿון די יידישע סעקציעס (אַף אוקראַינע—אָפּטיילונגען) אין צענטער און אַף די ערטער ווערן באַשאַפֿן, קעדיי צו פֿאַרווירקלעכן אין די ראַמען פֿון די דירעקטיוון פֿון די אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע אַנשטאַלטן פֿאָלגנ-דיקע אויפֿגאַבן פֿון דער פּאַרטיי: א) די אָנפֿירונג פֿון אַ קאָמוניסטישער פּראָ-פּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע מאַסן. ב) די אַרויסגע-

בּוּנג פֿון פּעריִאָדישער און אַנדערע ליטעראַטור אַף ייִדיש. ג) די פּאַרטיי-דערציִונג פֿון די מיטגלידער, וואָס זײַנען שוין אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי און וואָס ריידן ייִדיש, און די אַנטוויקלונג אין זיי אַקטיווקייט און זעלבּשטענדיקייט. ד) די אויסאַרבּעטונג און אַוועקשטעלונג פֿאַר דער פּאַרטיי און פֿאַר די ראַטן-אָרגאַנען די פֿראַגן, וואָס זײַנען פֿאַרבּונדן מיט דער אָנשליסונג פֿון די ייִדישע אַרבּעטער און אַרבּעטנדיקע מאַסן צו דער קאָמוניסטישער בּויונג און וואָס קומען אַרויס פֿון דעם בּאַזונדערן לעבּנשטייגער און פֿון די קולטורעלע בּאַזונדערקייטן פֿון די ייִדישע מאַסן.

די אָרטיקע בּיוראָען.

2) בּיוראָען פֿון די ייִדישע סעקציעס (אַף אוקראַינע—אָפּטיילונגען) קענען בּאַשאַפֿן ווערן אין יעדער בּאזונדער פּונקט (שטאָט, שטעטל), ווו ניט ווייניקער פֿאַר 20 מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי מעלדן וועגן דער נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן אַזאַ בּיוראָ.

3) די ניי בּאַשאַפֿענע בּיוראָ פֿון דער סעקציע אָדער אָפּטיילונג ווערט בּאַשטעטיקט פֿון דער נאָענטסטער פּאַרטיי-אינסטאַנץ (פֿון דעם אויעזדישן, שטאָטישן אָדער גובערניאַלן פּאַרטיי-קאָמיטעט). זי פֿאַרעגיסטרירט זיך אין דעם אויעזדישן גובערניאַלן און הויפּט-צענטער פֿון די ייִדישע סעקציעס.

4) אַף צו בּאַהאַנדלען די פֿראַגן, וואָס זײַנען פֿאַרבּונדן מיט דער טעטיקייט פֿון דער סעקציע. ווערט צוגויפֿגערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די מיטגלידער און קאַנדידאַטן פֿון דער פּאַרטיי, וואָס ריידן ייִדיש.

5) אין דיזאָזיקע אָרגאַניזאַציע-פֿאַרזאַמלונגען קענען נעמען אַן אָנטייל די מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי און די קאַנדידאַטן (די לעצטע מיט בּאַראַטונגרעכט), וואָס זײַנען רעגיסטרירט אין דער בּיוראָ פֿון דער סעקציע (זע פּונקט 23).

6) די פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער סעקציע קעגען ניט פֿאַרבּייטן די אַלגעמיין-פּאַרטעישע פֿאַרזאַמלונגען. אַלע מיטגלידער, אָן אונטערשייד און אומאָפּהענגיק פֿון נאַציאָנאַליטעט, נעמען אן אַנטייל אין די אַלגעמיינע און ראַיאָן-פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע, פֿון די קערנדלעך און פֿראַקציעס, וואַרפֿן זיך אונטער אַפּן גרונט פֿון דער אַלגעמיין-פּאַרטעישער דיסציפּלין די אַלגעמיין-פּאַטעישע קאָמיטעטן, נעמען אַן אָנטייל אַף גלייכע יעסוידעס אין די אַלגעמיינע וואַלן פֿון דיזאָזיקע קאָמיטעטן, ווי אויך אין די וואַלן אַף קאָנפֿערענצן און צוזאַמענפֿאָרן.

7) די בּיוראָ פֿון דער סעקציע פֿאַרנעמט זיך ניט מיט אופֿמאָנען מיטגליד-אָפּצאָל. דער אָפּצאָל ווערט דירעקט אַרײַנגעטראָגן פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי אין דער אַלגעמיין פּאַרטעישער קאַסע.

8) בּאַ דער אַרײַנעמונג אין דער פּאַרטיי פֿון נייע מיטגלידער האָט די בּיוראָ פֿון דער סעקציע דיזעלבּיקע רעכט, וואָס אַ קאָמוניסטישער קערנדל: אירע קאַנדידאַטן שטעלט צו די בּיוראָ אַף דער בּאַשטעטיקונג פֿון דער נאָענטסטער פּאַרטיי-אינסטאַנץ (שטאָטישן, גובערניאַלן אויעזדישן ראַיאָן-קאָמיטעט). דער קאָמיטעט בּאַשטעטיקט זיי אַף אַלגעמיינע יעסוידעס.

די אָרגאַניזירונג פֿון דער ביוראָ.

9) אין די פונקטן (שטאָט, שטעטל אָדער ראַיאָן), וווּ עס זיינען דאָ ניט ווייניקער ווי 10 און ניט מער ווי 20 מיטגלידער פֿון פּאַרטיי, וואָס ריידן יידיש, קלייבט אויס די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון דידאָזיקע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי אַן אָרטיקן סעקרעטאַר אף צו פֿירן די יידישע אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי, פֿאָרלייגנדיק אים אַף דער באַשטעטיקונג פֿון דער פּאַרטעישער נאָענטסטער אינסטאַנץ און אויך פֿון דער אויעזדישער אָדער גובערניאַלער ביוראָ פֿון די סעקציעס.

10) אויב די צאָל מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי, וואָס ריידן יידיש און וואָס זיינען געקומען אַף דער פֿאַרזאַמלונג, איז מער פֿון 20, קלייבט אויס די פֿאַרזאַמלונג אַן אָרטיקע ביוראָ פֿון דער סעקציע אין באַשטאַנד פֿון אַ סעקרעטאַר און פֿון צוויי מיטגלידער פֿאָרלייגנדיק זי אַף דער באַשטעטיקונג פֿון דער נאָענטסטער פּאַרטיי-אינסטאַנץ (שטאָט-אויעזד-ראַיאָן-קאָמיטעט).

11) אין יענע פונקטן, וווּ עס איז ניטאָ קיין געוויילטע ביוראָ אָדער אַ סעקרעטאַר, באַשטימט די גובערניאַלע ביוראָ פֿון די סעקציעס באַ דעם אָרטיקן אַלגעמיין-פּאַרטעישן קאָמיטעט, אין העסקעם מיט אים און אָפּהענגיק פֿון דער צאָל יידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס וואָינען אין דעם פונקט, אַ סעקרעטאַר אָדער אַ ביוראָ אַף צו פֿירן די יידישע אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי.

12) באַ די אויעזד-קאָמיטעטן פֿון דער פּאַרטיי אין די גובערניעס, וווּ עס זיינען אָרגאַניזירט גובערניאַלע ביוראָען, ווערט לויט דער באַשטימונג פֿון דער גובערניאַלער אָדער פֿון דער צענטראַלער ביוראָ פֿון די סעקציעס באַשאַפֿן דער אַמט פֿון אַ סעקרעטאַר אַף צו פֿאַריייניקן די יידישע אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי אין אויעזד; אויב אין אויעזד זיינען דאָ מער פֿון פֿינף אָרטיקע ביוראָען פֿון די סעקציעס, קען באַ דעם אויעזדישן פּאַרטיי-קאָמיטעט באַשאַפֿן ווערן לויט דער באַשטימונג פֿון דער גובערניאַלער ביוראָ פֿון די סעקציעס אַן אויעזדישע ביוראָ פֿון די סעקציעס אין באַשטאַנד פֿון אַ סעקרעטאַר און צוויי מיטגלידער.

ערשטע באַמערקונג: דער סעקרעטאַר, גלייך ווי די מיטגלידער פֿון דער ביוראָ פֿון דער סעקציע באַ דעם אויעזדישן פּאַרטיי-קאָמיטעט, ווערט באַשטימט מיטן העסקעם פֿון דעם אויעזדישן קאָמיטעט אָדער לויט דער באַשטימונג פֿון גובערניאַלן קאָמיטעט פֿון די קאַנדידאַטן, וואָס ווערן פֿאָרגעלייגט דורך דער גובערניאַלער ביוראָ.

צווייטע באַמערקונג: די פֿליכטן פֿון אַן אויעזדישן סעקרעטאַר אָדער פֿון אַן אויעזדישער ביוראָ פֿון די סעקציעס ווערן אַרויפֿגעלייגט אַפֿן סעקרעטאַר אָדער אַף דער ביוראָ פֿון דער אָרטיקער סעקציע פֿון דער אויעזדישער שטאָט, אויב אַזאַ איז דאָרט אָרגאַניזירט (זע די פּ. פּ. 9 און 10).

13) דער אויעזדישער סעקרעטאַר פֿון דער סעקציע נעמט אַן אָנטייל אין די זיצונגען פֿון אויעזד-פּאַרטקאָם מיט באַראַטונג-רעכט.

14) די גובערניאַלע ביוראָ פֿון די יידישע סעקציעס ווערט באַשאַפֿן בײַ די גובערניאַלע קאָמיטעטן פֿון דער פּאַרטיי אין די גובערניעס פֿון ליטע און ווייסרוסלאַנד און אין וויטעבסקער, האָמלער, סמאָלענסקער און סאַמאַרער. אין די גובערניעס פֿון אוקראַינע ווערן באַשאַפֿן גובערניאַלע אָפּטיילונגען.

15) די פֿאַנאַנדערלאָזונג אָדער די אָפּשטעלונג פֿון דער טעטיקייט פֿון די גובערניאַלע אָפּטיילונגען אין די גובערניעס, וואָס זיינען אויסגערעכנט אין דעם פֿריערדיקן פּונקט, אַזוי ווי די באַשאַפֿונג פֿון גובערניאַלע ביוראָען אין אַנדערע גובערניעס קען פֿאָרקומען נאָר מיט דער סאַנקציע פֿון צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער ר.ק.פּ. נאָך דעם באַשלוס וועגן דעם פֿון צ.ב. פֿון די יידישע סעקציעס.

16) די גובערניאַלע ביוראָ פֿון די סעקציעס אָרגאַניזירט זיך בײַ די גובערניאַלע פּאַרטיי-קאָמיטעטן אין באַשטאַנד פֿון אַ פֿאָרזיצער, סעקרעטאַר און דריי מיטגלידער, וואָס ווערן אויסגעוויילט אַף די גובערניאַלע באַראַטונגען פֿון די סעקציעס און ווערן באַשטעטיקט פֿון די גובערניאַלע פּאַרטיי-קאָמיטעטן. דער פֿאָרזיצער פֿון דער גובערניאַלער ביוראָ נעמט אַן אָנטייל אין די זיצונגען פֿון גובפּאַרטקאָם מיט באַראַטונג-רעכט.

באַמערקונג ערשטע: די אָפּטיילונגען אַף אוקראַינע ווערן אָרגאַניזירט אין באַשטאַנד פֿון אַ פֿאַרוואַלטער, סעקרעטאַר און פֿאַראַנטוואָרטלעכן אינסטרוקטאָר (זע די אינסטרוקציעס פֿון צ.ק. פֿון דער ק.פּ. אַף אוקראַינע).

באַמערקונג צווייטע: אָנטייל צו נעמען אין די גובערניאַלע באַראַטונגען ווערן דערלאָזן אויך די פֿאָרשטייער פֿון די גרופּן יידן, מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי, פֿון יענע פּונקטן, וווּ עס זיינען ניטאָ קיין ביוראָען פֿון סעקציעס.

באַמערקונג דריטע: ביז דער צונויפֿרופֿונג פֿון גובערניאַלע באַראַטונגען ווערן די גובערניאַלע ביוראָען באַשטימט דורך דער צ.ב. פֿון די יידישע סעקציעס.

17) די מיטאַרבעטער פֿון די ביוראָען פֿון די סעקציעס (גובערניאַלע, אויעזדישע, שטאָטישע) סעקרעטאַרן, אָרגאַניזאַטאָרן, ווי די, וואָס פֿאָרן אַרום, אַזוי אויך די אָרטיקע, ווערן אַריינגערעכנט אין די שטאַטן פֿון דעם אַנטשפּרעכנדיקן אַלגעמיין פּאַרטעישן קאָמיטעט.

די טעטיקייט פֿון די ביוראָען און פֿון די סעקרעטאַריאַטן פֿון די סעקציעס.

18) די ביוראָ אָדער דער סעקרעטאַר אָרגאַניזירן לעקציעס, מיטינגען, שמועסן, רעפֿעראַטן, קורסן פֿאַר די ברייטע מאַסן פֿון די יידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע און פֿאַר די מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי איבער אַלע פֿראַגן, אַלגעמיין-פּאָליטישע און ספּעציעל-יידישע.

19) מיטן ציל צו פֿאַרטיפֿערן דעם קלאַסן־באַוווסטזיין פֿון די מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי אָרגאַניזירט די ביוראָ פּאַרטיי־שולן, יידישע אַרבעטער־קלובן און אַנדערע פּאַרטיי־אַנשטאַלטן.

20) מיטן זעלביקן ציל רופט צונויף די ביוראָ אָדער דער סעקרעטאַר פֿון צייט צו צייט פֿאַרזאַמלונגען פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי, וואָס ריידן יידיש. די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונגען שטעלן זיך אַלס ציל: 1) צו געבן די יידן, וואָס פֿאַרשטייען שלעכט רוסיש אָדער אוקראַיניש, א קלאָרן און פּינקט־לעכן באַגריף וועגן די פֿראַגן פֿון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם און פֿון ראַטן־אַר־בעט, וואָס ווערן באַהאַנדלט אף די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער פּאַרטיי, און אף אזא אויפֿן מאַכן זיי פֿאַר באַוווסטזיניקע און אַקטיווע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי; 2) צוגרייטן די מער אַקטיווערע כוואַליעס צו אַרויסטרעטונגען אַף יידיש באַ דער דורכפֿירונג פֿון ברייטע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס (וואַלן אין ראַט, אומפּאַרטעיִשע קאָנפֿערענצן און אַנד.).

21) באַ דער ביוראָ פֿון דער סעקציע געפֿינען זיך ספּעציעלע קאָמיסיעס אָדער אינסטרוקטאָרן צו פֿירן די באַזונדערע געביטן פֿון דער אַרבעט, ווי צום ביישפּיל, די אַרבעט צווישן פֿרויען, פּראָפֿעסיאָנעלע אַגיטאַציע און אַנדערע. די דאָזיקע אינסטרוקטאָרן אָדער קאָמיסיעס אַרבעטן אונטערן קאָנטראָל און אָנ־פירונג פֿון די אַנטשפּרעכנדיקע אָפּטיילונגען פֿון אַלגעמיין־פּאַרטעיִשן קאָמיטעט,

22) מיטן העסקעם פֿון גובערניאַלן פּאַרטיי־קאָמיטעט און מיט דער באַ־שטעטיקונג פֿון דער צ.ב. פֿון די יידישע סעקציעס גיט אַרויס די גובערניאַלע ביוראָ אַ פּעריאָדישן אָרגאַן אַף יידיש, די רעדאַקציע ווערט צונויפֿגעשטעלט לויט אַן אָפּמאַך צווישן גובערניאַלן קאָמיטעט מיט דער צ.ב. פֿון די סעקציעס. די אָרטיקע אָרגאַנען ווערן אַרויסגעגעבן אַפֿן כעשבן פֿון דער סמעטע פֿון גובפּאַרטקאָם.

די רעגיסטראַציע און צוטיילונג.

23) אַלע מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס קענען אַרויסטרעטן אַף פֿאַרזאַמלונגען, מיטינגען, לייענען לעקציעס, אָדער שרייבן אף יידיש, און אַלע, וואָס זיינען פֿעיִק צו אַן אַרבעט אין די ראַטן־אָרגאַנען, וואָס באַדינען די ספּעציעלע באַדערפֿענישן פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, און ביקלאַל אַלע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי, וואָס ריידן יידיש און וואָס קענען אויס־גענוצט ווערן פֿאַר דער פֿאַרבינדונג מיט די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן, ווערן באַזונדער רעגיסטרירט אין דער רעגיסטריר־צוטיילונג־אָפּטיילונג פֿון פּאַרטיי־קאָמיטעט.

24) פֿון דער צאָל פֿאַרעגיסטרירטע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי, וואָס ריידן יידיש, מערקט אָן די גובערניאַלע ביוראָ פֿון דער סעקציע און לייגט פֿאָר פֿאַר דעם גובפּאַרטקאָם די רעשימע פֿון די פּערזאָנען, וואָס דאַרפֿן באַ־שטימט ווערן אף יידישער פּאַרטיי־ און ראַטן־אַרבעט. די דאזיקע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי ווערן איבערגעגעבן דורך דער רעגיסטראַציע־צוטיילונג־אָפּ־טיילונג באַם גובפּאַרטקאָם אין רעשוס פֿון דער גובערניאַלער ביוראָ פֿון דער

סעקציע, און זיי קענען אָפּגערופֿן ווערן אַף אַן אנדער אַרבעט נאָר מיט דער איינשטימונג פֿון דער גובערניאַלער ביוראָ.

25) די פערזאָנען, וואָס ווערן געשיקט דורך דעם צ.ק. פֿאַר יידישער פּאַרטיי- און ראַטן-ארבעט קענען ניט אָפּגערופֿן ווערן דורך אַ גידעריקערער פּאַרטיי-אינסטאַנץ (גובקאָמען, אויעזדקאָמען) פֿאַר אַן אַנדער ארבעט אָן דער איינשטימונג אַף דעם מיצאַד דער צ.ב.

די מיטלען פֿון די סעקציעס.

26) די מיטלען פֿאַר זייער ארבעט באַקומען די סעקציעס פֿון די אלגעמיין-פארטעישע קאָמיטעטן (אויעזדישע און גובערניאַלע לויט די סמעטעס פֿון דידאָזיקע קאָמיטעטן).

וועגן שאַפֿן אַ יידישע ביוראָ באַם אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון 3־טן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

1) קאָנסטאַטירנדיק דעם שטארקן וווּקס פֿון דעם איינפֿלוס פֿון די קאָמוניסטישע אידייען צווישן די יידישע אַרבעטער-מאַסן ניט נאָר אין די ראַטן-רעפּובליקן פֿון רוסלאַנד און אוקראַינע, נאָר אויך אין אנדערע לענדער מיט אַ יידישער מאַסן-אַרבעטער-באַפֿעלקערונג (אַמעריקע, פּוילן, עסטרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַנד.) און דעם שוין געשעענעם איבערברוך צווישן דידאָזיקע מאַסן לעטויוועס דער אריינטרעטונג אין די רייען פֿון 3-טן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פֿון די קאָמוניסטישע פּארטייען אין יעדן לאַנד;

2) אַנטשיידן אָפּוואַרפֿנדיק די שעדלעכע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונג אָפּצוזונדערן די יידישע ארבעטער פֿון דער קאָמוניסטישער באוועגונג און פֿון דער פּארטיי אין יעדן לאַנד באַזונדער און צו פֿאַרייניקן זיי אין אַן אלוועלטלעכער יידישער קאָמוניסטישער פּארטיי, וואָס גייט אריין אין אינטערנאַציאָנאַל אַף די יעסוידעס פֿון אַ זעלבשטענדיקער יידישער סעקציע,—די שטרעבונג, וואָס פֿאַרדעקט מיט דער פֿאָן פֿון קאָמוניזם די פֿיינטלעכע פֿאַר די אַרבעטער-מאַסן אידייע פֿון בורזשואַז-באַלעבאַטישן ציאָניזם און וואָס ווערט אונטערגעשטיצט פֿון די לינקע פּויעלי-ציאָניסטישע גרופּן;

3) נעמענדיק אין אַכט פֿון דער צווייטער זייט דעם אומצווייפֿלהאַפֿטן פֿאַקט פֿון אידעישער צוזאַמענווירקונג צווישן די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער אין אַלע לענדער און פֿון דער אַלגעמיינקייט פֿון דער שפּראַך פֿון די יידישע אַרבעטער-מאַסן אין אַלע לענדער מיט אַ יידישע אַרבעטער-מאַסן-באַפֿעלקערונג,—

געפֿינט די קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס באַ דער ר.ק.פּ., אַז קעדיי צו פֿארשטאַרקן די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער-מאַסן פֿון אלע לענדער און קעדיי צו פֿאַרגיכערן דעם פּראָצעס פֿון דער אָרגאַניזאַציע-צונויפֿגיסונג פֿון די יידישע לינקע סאָציאַליסטישע

גרופן מיט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון די אַנטשפּרעכנדיקע לענדער, דאַרף באַם אויספיר-קאָמיטעט פון 3-טן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל געשאַפן ווערן אַ „יִדישע ביוראָ", וואָס אַרבעט אונטער דער אָנפירונג און קאָנטראָל פון אויספיר-קאָמיטעט.

די אויפגאַבן פון ביוראָ זיינען:

א) אַרויסגעבן דעם זשורנאַל „דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל" אין יִדיש, אזוי אויך אנדערע פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אַגיטאַציע-ליטעראַטור.

ב) די צוטיילונג פון די אַקטיווע טוער צווישן די לענדער און פּאַרטייען אַף צו פאַרשטאַרקן די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין די באַזונדערע לענדער.

ג) אויסאַרבעטן און אַוועקשטעלן פאַרן אויספיר-קאָמיטעט פון 3-טן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל די פראַגן, וואָס וואַקסן אַרויס פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די יִדישע אַרבעטער, און פאָדערן אַן ענטפער מיצאַד דעם אויספיר-קאָמיטעט אָדער מיצאַד די קאָנגרעסן פון אינטערנאַציאָנאַל.

ד) צוגרייטן און אָרגאַניזירן מיט דער סאַנקציע פון אויספיר-קאָמיטעט באַזונדערע אַרויסטרעטונגען וועגן דיזועלביקע פראַגן אַף די קאָנגרעסן פון אינטערנאַציאָנאַל.

די פונקציעס פון אַזאַ ביוראָ דאַרף אַף זיך צייטווייליק נעמען די צענטראַל-ביוראָ פון די יִדישע סעקציעס בא דער ר. ק. פּ., וואָס דאַרף מיט דער באַשטעטיקונג פון אויספיר-קאָמיטעט באַשטימען פאַראַנטוואָרטלעכע פאָרשטייער פאַר יעדן לאַנד אויסער רוסלאַנד מיט א יִדישער מאַסן אַרבעטער-באַפעלקערונג.

עס איז נויטיק אינגיכן צונויפרופן אַ באַראַטונג פון די פאָרשטייער פון די יִדישע אַרבעטער-קאָמוניסטן, וואָס גייען אַריין אין באַשטאַנד פון די פּאַרטייען, וואָס זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין 3-טן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און אין העסקעם מיט דידאָזיקע פּאַרטייען דערפילן די יִדישע ביוראָ און לייזן די צייטיקגעוואָרענע פראַגן.

וועגן דער באַציונג צום „בונד" אין ראַטנרוסלאַנד.

אָפּשאַצנדיק די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציע-פּאָזיציע פון „בונד" אין ראַטנרוסלאַנד, ווי זי האָט זיך באַשטימט אין די רעזאָלוציעס פון זיין צוועלפטער קאָנפערענץ, געפינט די דריטע אַלרוסלענדער קאָנפערענץ פון די יִדישע סעקציעס פון דער ר. ק. פּ.:

1) איבערייסנדיק נאָך א יאָר ספּייקעס און וואַקלונגען מיט דער אַזוי-גערופענער ר. ס. ד. א. פּ.—מיט דער פּאַרטיי פון די מענשעוויקעס, וואָס אָביעקטיוו איז זי באַרופן צו שפּילן די ראָל פון דעם צענטער, וואָס מאָביליזירט אַרום זיך אַלע קליינבורזשואַזע עלעמענטן אין פּראָלעטאַריאַט און אין די נאָענטע צו אים שיכטן פון דער שטאָטישער מענשטאַנסטווע, באַשליסנדיק

זיך, ענדלעך, אויסצושליסן פון דער אָרגאַניזאַציע די אויסגעשפּראָכן-מענשעוויִס־טישע גרופּע, און נעמענדיק אַף זיך, כאָטש מיט אויסריידן, די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דער טעטיִקייט פון דער ראַטנמאַכט, האָט זיך דער „בונד" אין ראַטנרוסלאַנד געשטעלט אַף אַ קלאָרער ראַטן-פּלאַטפאָרם.

2) גלייכצייטיק קאָנסטאַטירט אבער די קאָנפערענץ, אז איבערגייענדיק אַף א ראַטן-פּלאַטפאָרם האָט זיך דער בונד דאָך אינגאַנצן ניט אָפּגעזאָגט פון אלע קלייבבירגערלעכע פאַרורטיילן פון דער פריערדיקער עפּאָכע.

אין דער אידעאָלאָגיע פון דער איצט אָנפירנדיקער גרופּע פון „בונד" זיינען נאָך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס פאַרבליבן זיינע נאַציאָנאַליסטישע סע־פּאַראַטיסטישע טענדענצן און שטרעבונגען צו פאַרפעסטיקן אויך אין דעם פּע־ריאָד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע יענע שעדלעכע אָרגאַניזאַציע-אָפּגעזונ־דערטקייט, וואָס האָט אין א באַדייטנדיקער מאָס געשפּייזט און געשטיצט אין די יידישע אַרבעטער-מאַסן די פשאָרעס-טענדענצן און האָט געשטערט די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס גייען נאָכן „בונד", אונטערצוואַרפן זיך דער העגעמאָניע פון דעם אָנפירנדיקן אַוואַנגאַרד פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, דער ר. ק. פּ.

3) די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער צוועלפטער קאָנפערענץ וועגן אריינטרעטונג פון „בונד" אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און נאָך מער דער פּראָעקט פון אָרגאַניזאַציע-סטאַטוט, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן פון צ. ק. פון „בונד" און איז געבויט אַפן פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע און פאַרברייטערט אַפילע דעם סטאַטוט פון 1905-טן יאָר, ווייזט, אַז העכער פון אַלץ שטעלט אויך איצט דער „בונד" די פאַנאַנדערגרענעצונג פון פּראָלעטאַריאַט לויטן נאַציאָנאַלן פּרינציפּ און די איינהאַלטונג פון דער אָנפירנדיקער ראָל אין דער אָפּגעזונדערטער יידישער אָרגאַניזאַציע פאַר יע־נער גרופּע, וואָס האָט אין מעשעך פון גאַנצע צוויי יאָר נאָך דער אָקטיאַבר־רעוואָלוציע באַוויזן איר אומפעיִקייט דורכצודרינגען זיך מיט די אידייען פון קאָמוניזם. דאָס ניטפאַרשטיין פון די איצטיקע פירער פון „בונד" די גאַנצע היסטאָרישע אומפאַרמיידלעכקייט פון צענטראַליסטישן יעסאָד אין דער אויפ־בויונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער צייט פון בירגער מילכאָמע און דיקטאַטור און זיינע נאַציאָנאַליסטישע פּרינציפּן—ווייזן אַף אַ ניטפאַרענ־דיקטער עוואָלוציע. די אַריינטרעטונג פון „בונד" אין קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל און אין דער ר. ק. פּ. קען דעריבער פאָרקומען נאָר נאָך זיין פול־שטענדיקן אָפּזאָגן זיך פון אלע נאַציאָנאַליסטישע פאָרורטיילן.

4) די קאָנפערענץ געפינט אומבאַדינגט פאַר נויטיק פאַר דער פּאַרטיי צו פירן אַן אידייען-קאַמף מיטן „בונד", קעדיי אָפּצורייסן פון אים יענע וויר־קלעך קאָמוניסטישע אַרבעטער-עלעמענטן, וועמענס אָרט עס איז אין די רייען פון גרויסן קעמפנדיקן אַוואַנגאַרד פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע, אין דער ר. ק. פּ. און וואָס פאַרבלייבן דאָך נאָך אונטערן היפּנאָז פון די רעוואָ־לוציאָנערע פראַזן פון זייערע פירער.

וועגן דער באַציִונג צו די ציִאָניסטישע גרופּירונגען.

באַשטעטיִקנדיִק די אָפּשאַצונג דורך דער 2-טער קאָנפערענץ פון די יי־דישע קאָמוניסטישע סעקציעס פון דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער ראָל פון דער ציִאָניסטישער אָרגאַניזאַציע, האַלט די דריטע קאָנפערענץ פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן:

1) די ציִאָניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט אַלע אירע גרופן און פראַקציעס ווי זיי זאָלן זיך ניט באַהאַלטן אונטער דער מאַסקע פון נייטראַליטעט, ווי לינק עס זאָלן ניט זיין זייערע אַלגעמיינע פּאָליטישע דעקלאַראַציעס, שטעלט מיט זיך פאַר דעם איינציקן האַלב-לעגאַלן צענטער, וואָס זאַמלט אַרום זיך אַלע עלעמענטן אין יידישן פאָלק, וועלכע זיינען צוליב זייער סאָציאַלער לאַגע ניט צופרידן מיט דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט.

2) די ציִאָניסטישע אָרגאַניזאַציע, מיט איר נעץ פון פאַרמאַסקירטע קולטורעלע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, פאַראייניקט און שטיצט אונטער אַלע רעאַקציאָנערע טענדענציעס און שטרעמונגען אין יידישן לעבן (נאַציאָנאַליזם, אָפּגעזונדערטקייט, חעברעיזם, קלעריקאַליזם), וואָס געפינען זיך אין דעם שאַרפסטן ווידערשפּרוך מיט די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנער-קאָמוניסטישע אידייען, וואָס ווערן דורכגעפירט דורך דער ראַטנמאַכט אין איר ברייטער אויפקלערונג-אַרבעט. נאָר די פולשטענדיקע ליקווידירונג פון דידאָזיקע יידישע צענטרען פון דעם בורזשואַז-קלעריקאַלן איינפלוס קען גאַראַנטירן אַ פרוכטבאַרע קולטורעלע טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

3) נאָך דער קאָנפערענץ אין סאַן-רעמאָ, וואָס האָט איבערגעגעבן ענגלאַנד אַ מאַנדאַט אויף פּאַלעסטינע און האָט מיט צוויִעס צוגעזאָגט צו פאַרווירקלעכן דעם ציאָניזם, איז די ציִאָניסטישע אָרגאַניזאַציע געוואָרן אַן אָפּעגער און לעגאַלער אַגענט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם אין דער גאַנצער וועלט. דערמיט האָט דער ציִאָניזם אַראָפּגעריסן פון זיך די מאַסקע פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג-באַוועגונג, וואָס האָט אַריינגעפירט אין אַ טאָעס אַפילו אייניקע קאָמוניסטן, וועלכע זיינען ווייניק באַקאַנט מיט די פראַגן פון יידישן לעבן און ער האָט זיך באַוויזן אין זיין עמעסן אויסזען ווי אַ פּאַרטיי, וואָס שטרעבט צו פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס פון דער יידישער בורזשואַזיע אָפּן כעשבן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

4) די דריטע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס האַלט דעריבער, אַז עס איז ניטאָ קיין שום גרונט פאַר אַ פאַרזיכטיקער באַציִונג צום ציִאָניזם. עס איז נויטיק מעגלעך וואָס גיכער צו מאַכן אַ סאָף צו אַלע וואַקלענישן אין דער באַציִונג צו דער אַלגעמיינער ציִאָניסטישער פּאַרטיי און צו אַלע אירע קולטורעלע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס. די פולשטענדיקע ליקווידירונג, וועגן וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס נאָך מיט אַ יאָר צוריק, איז נויטיק אויסצעהאַלטן דורכצופירן אין לעבן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר דער לינקער פראַזעאָלאָגיע פון די פאַרשיידענע נייע גרופן, ווי „צעירי-ציאָן", „ציִאָניסטן-סאָציאַליסטן" א. א. וו.

5) פֿאַרייניקנדיק זיך צום מעמאָראַנדום פֿון צ. ב. צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, געפֿינט די קאָנפֿערענץ, אַז צוליב דער ברייטער אַגיטאַציע, וואָס ווערט געפֿירט פֿון דער אלוועלטלעכער אָרגאַניזאַציע פֿון די ציאָניסטן אַרום דער דיפּלאָמאַטישער אַוואַנטיור אין סאַן־רעמאָ און צוליב דער ערנסטער געפֿאַר, מיט וועלכער עס דראָט די ענגלישע פּראָוואָקאַציע אין פּאַלעסטינע דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין מיזרעך, דאַרף דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אַף זיין צווייטן קאָנגרעס אָפּן און קלאָר פֿאַרורטיילן די אידייע פֿון ציאָניזם, קעדיי מיט דעם אָפּצושטעלן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון אימפּעריאַליסטישע אידייען אין די רייען פֿון אַרבעטער־קלאַס.

וועגן די „פּועלי־ציאָן".

6) דער קעסיידערדיקער פּראָצעס פֿון שפּאַלטונגען אין די רייען פֿון ציאָניזם, וואָס ווייזט אַף דער צופֿאַלונג פֿון יעטווידער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי אונטערן דרוק פֿון דער אלץ וואַקסנדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ברענגט פֿון צווייטער זייט פֿאַרשיידנאַרטיקע קאָמבינאַציעס פֿון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע נאַציאָנאַליסטישע אידייען מיט די אידייען פֿון קאָמוניזם.

7) די קאָנפֿערענץ שטרייכט אונטער, אַז דידאָזיקע אַלע קאָמבינאַציעס פֿון ציאָניזם מיט סאָציאַליזם און קאָמוניזם (פּועלי־ציאָן—סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פּועלי־ציאָן—קאָמוניסטן) זיינען נאָך מער געפֿערלעך ווי דער אלגעמיינער ציאָניזם, ווייל זיי זיינען באַרופֿן צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם איינפֿלוס פֿון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע אַף דעם אויפֿוואַכנדיקן פּראָלעטאַריאַט. דעריבער איז נויטיק מיט דידאָזיקע שטרעמונגען צו קעמפֿן אַפֿן אַנטשיידנסטן אויפֿן.

„וועגן די אַזויגערופֿענע יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס".

1) פּאָגראָם־עפּאָפּייע פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציע (פֿון דעניקינען, פּעטלורען מאַכנאָ און דער שליאַכטע), אין צוזאַמענהאַנג מיט דער בלאָקאַדע, וואָס גיט ניט די מעגלעכקייט דער ראַטנמאַכט צו העלפֿן אין אַ גענוגנדיקער מאָס די געליטענע פֿון די פּאָגראָמען, האָבן געבראַכט צו אַ טכיעס־האַמייסים פֿון די אַזוי גערופֿענע יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס. שטיצנדיק זיך אַף דער הילף פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער בורזשואַזיע, האָבן דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס ווידער באַקומען אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייער טעטיקייט.

2) רעכענענדיק זיך מיט דעם פֿאַקט, ווי מיט אַ צייטווייליקער דערשיינונג, און זייענדיק איבערצייגט, אַז די ניצכוינעס פֿון דער רויטער אַרמיי פֿאַרניכטן די בלאָקאַדע און מאַכן פֿאַר איבעריק די עקזיסטענץ פֿון די יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, געפֿינט די דריטע קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע סעקציעס פֿון ר. ק. פּ. פֿאַר נויטיק צו האַלטן זיך בענויגייע צו דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס אין איצטיקן מאָמענט אָן פֿאָלגנדיקער טאַקטיק:

א) ווי צייטווייליקע דאַרפֿן די „יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס" פֿאַרנעמען זיך הויפּטזעכלעך מיט געבן גיכע הילף די געליטענע פֿון די פּאָגראָמען; ב) אַלע אַנשטאַלטן, וואָס ווערן דורך זיי באַשאַפֿן, דאַרפֿן באַ דער ערשטער מעגלעכקייט אַריבערגיין אין רעשוס פֿון די אַנטשפּרעכנדיקע ראַטן-אָרגאַנען; ג) זען, אַז די טעטיקייט פֿון די יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך האַלטן אָן דער ליניע, אָן וועלכער עס האַלט זיך די ראַטנ-מאַכט בענויגייע צו די אַנטשפּרעכנדיקע אַנשטאַלטן; ד) שטרעבן צו איבערנעמען אין קאָמוניסטישע הענט אַלע יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס לויט דעם כאַראַקטער פֿון זייער טעטיקייט זיינען זיי וויכטיקסטע, און צו פֿאַרשטאַרקן דעם איינפֿלוס פֿון די קאָמוניסטן אין אַנדערע אַזוינע אַנשטאַלטן.

וועגן יידישן קאָמיסאַריאַט.

דער יידישער קאָמיסאַריאַט איבער נאַציאָנאַלע איניאָנים, וואָס זיין עקזיסטענץ אַליין ווייזט שוין אַף דער אויפֿמערקזאַמקייט מיצאַד דער ראַטנמאַכט צו די באַדערפֿענישן פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, האָט אַסאַך מיטגעהאָלפֿן דער באַפֿעסטיקונג פֿון איינפֿלוס פֿון דער ראַטנמאַכט אין די ברייטסטע שיכטן פֿון דער אַרבעטנדיקער יידישער באַפֿעלקערונג. אין דערזעלביקער צייט, צוליב דעם, וואָס אין ערשטן פעריאָד פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע האָבן געפֿעלט קאָמוניסטישע מאַסן-קערנדלעך אין דער סוויווע פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, זיינען דער קאָמיסאַריאַט אין צענטער און זיינע אָפּטיילונגען אַף די ערטער געווען די איינציקע שטיץ-פּונקטן פֿאַר דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון די קאָמוניסטישע אידייען צווישן די יידישע פּראָלעטאַרישע און אָרעמע מאַסן.

די קאָנפֿערענץ האַלט, אַז איצט, צוליב דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון די פּאַרטעיִשע יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס, דאַרף דער גאַנצער געביט פֿון פּאָליטישער אויפֿקלערונג-אַרבעט אַריבערגיין פֿון קאָמיסאַריאַט צו דער פּאַרטעיִשער יידישער סעקציע. אין דער אַרבעט דאַרף דורכגעפֿירט ווערן אַ שטרענגע פֿאַנאַנדערגרענעצונג צווישן די טעכנישע אַפּאַראַטן פֿון קאָמיסאַריאַט און פֿון די סעקציעס.

די יידישע אָפּטיילונג פֿון קאָמיסאַריאַט איבער נאַציאָנאַלע איניאָנים אין צענטער און אַף די ערטער דאַרף ווערן אַן אָרגאַן פֿון דער מאַכט, וואָס פֿאַרווירקלעכט אין יידישן לעבן די אָנגענומענע דורך דער סעקציע באַשלוסן.

די קאָנפֿערענץ אָנערקענט דעריבער פֿאַר ריכטיק די דורכגעפֿירטע ריאָרגאַניזירונג פֿון נאַרקאָמנאַץ, איבערהויפּט די איבערבויונג פֿון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן אין אָפּטיילונגען פֿון נאַרקאָמנאַץ און אין סובאָפּטיילונגען פֿון זיינע אָרטיקע אָפּטיילונגען. די קאָנפֿערענץ האַלט אָט דידאָזיקע נייע אָרגאַניזאַציע-פֿאָרם פֿאַר דער צוגעפּאַסטסטער צו די אויפֿגאַבן, וואָס שטייען איצט פֿאַרן נאַציאָנאַלן יידישן קאָמיסאַריאַט.

דִי קאָנפֿערענץ האַלט, אַז דִי וואַלן פֿון דריי דעלעגאַטן פֿון די יִדִישע אַרבעטער און פֿון דער אָרעמער באַפֿעלקערונג אִין ראַט פֿון דִי נאַציִאָנאַלי־טעטן, וואָס אָרגאַנִיזִירט זִיך באַם נארקאָמנאַץ, דאַרפֿן פֿאָרקומען אַף פֿאָלגנדִיקע יעסוידעס:

1) עס דאַרף צונויפֿגערופֿן ווערן אִינגִיכן אַ פֿאָרקאָנפֿערענץ פֿון דִי יִדן־מיטגלִידער פֿון דִי שטאָטישע און גובערנִיאַלע ראַטן פֿון דִי גובערנִיעס מִיט אַ קאָמפּאַקטער יִדישער באַפֿעלקערונג.

2) דִידאָזִיקע קאָנפֿערענץ וועט אויסוויילן צייטווייליִקע דריי דעלעגאַטן פֿון די יִדישע ארבעטער און האָרעפּאַשניקעס.

3) צו דער צייט, ווען עס וועט זיין פֿאַרענדִיקט די גאַנצע צוגרייטונג־אַגִיטאַציע־ און אָרגאַנִיזאַציִע־אַרבעט, דאַרף צונויפֿגערופֿן ווערן אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון דִי פֿאָרשטייער פֿון די יִדישע אַרבעטנדִיקע מאַסן אַפֿן גרונט פֿון דער אִינסטרוקציע, וואָס וועט אָנגענומען ווערן דורך דער אָנגעווִיזענער אין פֿרי־ערדִיקן פונקט פֿאָרקאָנפֿערענץ פֿון די מיטגלִידער פֿון די ראַטן.

5) די קאָנפֿערענץ האַלט, אַז עס אִיז נויטיק צו פֿאַרשפּרייטן די טע־טִיקייט פֿון קאָמיסאַריאַט אִיבער נאַציאָנאַלע אִיניאָנִים, אִיבערהויפּט פֿון זיין יִדִישער אָפּטיילונג אַף דער טערִיטאָריע פֿון א. ס. ר. ר. און פֿון לִיטע און ווייסרוסלאַנד.

וועגן עקאָנאָמישער אַרבעט.

אַפֿן באָדן פֿון דער אַלגעמיינער פֿאַרארעמונג פֿון דִי מאסן צולִיב דער אימפּעריאַלִיסטישער מִילכאָמע האָט זִיך דִי עקאָנאָמישע לאַגע פֿון דִי יִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס אִיז אויך פֿריער צולִיב אַ ריי הִיסטאָרישע סִיבעס געווען אַזוי שלעכט, אַז דער יִדישער אַרבעטער האָט גאַנץ רִיכטיק געטראָגן דעס נאָמען פֿון אַ קנעכט צווִישן קנעכט, אַף אַזויפֿיל פֿאַרערגערט, אַז איצט קען מען שוין ריידן וועגן אַ פֿולקאָמער עקאָנאָמישער דעגראַדִירונג.

אִין אוקראַינע, אין ווייסרוסלאַנד, אין לִיטע און פוילן—אִין דִי געגנטן, ווו עס זיינען קאָנצענטרירט מִילִיאָנען פֿון דער יִדִישער באַפֿעלקערונג און וואָס זיינען געווען דִי אַרענע פֿון דער אימפּעריאַלִיסטישער מִילכאָמע און נאָך דעם פֿון בירגער־קרִיג, זיינען דִי יִדִישע מאַסן געוואָרן אַ קאָרבן פֿון שרעק־לעכע מאַסן־פּאָגראָמען, וואָס זיינען אָרגאַנִיזירט געוואָרן דורך דער קאָנטר־רעוואָלוציע. הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס זיינען פֿריער באַשעפֿטיקט געווען מִיט אַרבעט, זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין היימלאָזע און האָבן ניט קיין שום מעגלעכקייט צו פֿארנעמען זיך מיט פּראָדוקטִיווער אַרבעט.

אין דערזעלביקער צייט, מִיטן נִיצאָכן פֿון דער ראַטנמאכט, דערלאַנגט דער פּראָצעס פֿון עקאָנאָמישער אִיבערבויונג, וואָס באַשטייט אִין דעס אִיבער־גאַנג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סִיסטעם צו דער סיסטעם פֿון סאָציאַלִיסטי־שער אָרגאַנִיזִירונג פֿון דער פּראָדוקציע און צוטיילונג, די לעצטע קלעפּ דעם קליינהאַנדל און די האַנטווערקעריי, וואָס האָבן בִיז איצט געשפּייזט די אִי־בערוועגנדִיקע מערהייט פֿון דער יִדישער באַפֿעלקערונג.

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די ייִדישע אָרעמע מאַסן, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַפֿן מאַירעוו-גרענעץ פֿון דער ר. ס. פֿ. ר. ר. די מערהייט פֿון דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג, באַשאַפֿט אַן ערנסטע געפֿאַר פֿאַר דער זאַך פֿון דער רעוואָלוציִע און פֿאַר דער ראַטנבויונג: אויב דידאָזיקע מאַסן, וואָס האָבן ניט קיין מעגלעכקייט צוליב היסטאָרישע און פּאָליטישע סיבעס צו באַזעצן זיך אין דאָרף, וועלן ניט צוגעצויגן ווערן צו נייער פּראָדוקטיווער אַרבעט אַף סאָציאַליסטישע יעסוידעס און אין די אינטערעסן פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט, וועלן זיי אומפֿאַרמיידלעך ווערן אַ שטערונג אַפֿן וועג פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג, ווייל זוכנדיק מיטלען צום לעבן, זיינען זיי געצוווּנגען צו פֿאַרנעמען זיך מיט ספּעקוליאַציִע. אַפֿן באָדן פֿון עקאָנאָמישער דעגראַדירונג דאַרפֿן אומפֿאַרמיידלעך צווישן דידאָזיקע מאַסן געבאָרן ווערן רעאַקציאָנערע געזעלשאַפֿטלעכע שטרעמונגען. די נאַציאָנאַלע רייבונגען, וואָס שטערן שוין אַזוי אויך זייער שטאַרק דער ראַטן-אַרבעט אין דידאָזיקע געגנטן, קענען אומפֿאַרמיידלעך נאָכמער פֿאַרשאַרפֿט ווערן. גלייכצייטיק בלייבן ניט אויסגענוצט טויזנטער קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער און באַלמעלאָכעס מיט פּראָפֿעסיאָנעלטעכנישע קענטענישן, וואָס וואָלטן קענען ברענגען נוצן אין דער גרויסער אַרבעט פֿון איבערבויען אַלע יעסוידעס פֿון לעבן.

דעם קאַמף מיט דערדאָזיקער עקאָנאָמישער דעגראַדירונג פֿון די ייִדישע מאַסן איז אומעגלעך געווען אַוועקצושטעלן אַף וויפֿל ניט איז ערנסטע און ברייטע יעסוידעס, קאָלומאַן די מאַכט האָט זיך געפֿונען אין די הענט פֿון דער בורזשואַזיע און פֿון די פּריצים—בא דער סיסטעם פֿון עקספּלואַטאַציע און קאָנקורענץ, וואָס האָבן פֿאַרשטאַרקט די דרייפֿאַכע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון די ייִדישע פּראָלעטאַרישע מאַסן.

מיטן איבערגאַנג פֿון דער מאַכט אין די הענט פֿון פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז דרייסט צוגעטראָטן צו דער עקאָנאָמישער איבערבויונג, און וואָס איִם, אין זיין פֿאָרשריטלעכן טייל, זיינען פֿרעמד וועלכע ניט איז נאַציאָנאַלע פֿאָרורטיילן, דאַרף די פֿראַגע וועגן צוציִען די ייִדישע מאַסן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט געשטעלט ווערן אין דער גאַנצער ברייט, ווי אַ טייל פֿון דער אַלגעמיינער ווירטשאַפֿטלעכער טעטיקייט פֿון דער מאַכט און ווי אַן אויפֿגאַבע, וואָס פֿאָדערט אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט אין דער אַגיטאַציע-פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט פֿון די ייִדישע קאָמוניסטן.

אין קעגנזאַץ צו די נאַציאָנאַליסטישע טעאָריעס פֿון די „פּועלי ציון“ פֿון אַלע שאַטירונגען, וואָס פֿאַרשפּרייטן צווישן די ייִדישע אַרבעטער-מאַסן אַן אומצוטרוי צו דער רעוואָלוציאָנערער ראַטנמאַכט, וואָס איז ניט בעקויעך לויט זייער מיינונג צו פֿאַרווירקלעכן דידאָזיקע אויפֿגאַבע און רופֿן דעריבער די מאַסן אין ציאָן, דאַרף די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אַלס אַוואַנגאַרד פֿון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט און בעסויכאָם אויך פֿון ייִדישן, קעגנשטעלן איר קלאָרן פּאָזיציִון, רעוואָלוציאָנערן ענטפֿער: די ראַטנמאַכט, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע אַף דער גרויסער טעריטאָריע פֿון דער געוועזענער רוסלענדער אימפּעריִע, וואָס פֿירט אָן מיט דער אַלץ וואַקסנדיקער

אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע און איז שוין צוגעטראָטן צו אַ פּלאַנמעסיקער רעאָרגאַניזירונג פֿון ווירטשאַפֿטלעכן לעבן לויט פּינקטלעכע פּראָדוקציע-פּלענער — די ראַטנמאַכט וועט אין פּראָצעס פֿון דערדאָזיקער אַרבעט פֿאַרווירקלעכן אויך די אויפֿגאַבע פֿון צוציִען די פֿאַראָרעמסטע יִדישע פּראָלעטאַרישע און האַלב-פּראָלעטאַרישע מאַסן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. דערדאָזיקער פּראָצעס, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן סטיכיִש, דאַרף פֿאַרשטאַרקט ווערן דורך דער פּלאַנמעסיקער אַרײַנמישונג פֿון דער מאַכט.

נאָר די ראַטנמאַכט איז בּיִכולעס אויסצופֿירן די אויפֿגאַבע, בײַצוקומען די עקאָנאָמישע דעגראַדירונג פֿון די יִדישע מאַסן. יעטווידער פּרווו צו פֿאַרווירקלעכן דידאָזיקע זאַך דורך די אָנשטרענגונגען פֿון פּריוואַטע גרופּן און געזעלשאַפֿטן איז אַ האָפֿענונגלאָזע אוטאָפּיע און קען ברענגען נאָר צו דער אויפֿלעבונג און פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון אַ קליינער צאָל ווירטשאַפֿטן פֿון אַ קולאַקישן טיפּ.

אַף די יִדישע קאָמוניסטן און אַפֿן יִדישן קאָמיסאַריאַט ליגט אַרויף די אַקטועלע אַוועקשטעלונג פֿון דערדאָזיקער פֿראַגע אין סיידער האַיום אַ גרויסע און ברייטע אַרבעט: דורך דער פּרעסע, פֿאַרזאַמלונגען פֿאַרשפּרייטן צווישן די ברייטע יִדישע פּראָלעטאַרישע און האַלב-פּראָלעטאַרישע מאַסן אַ ריכטיקן באַגריף וועגן די עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען פֿון דער ראַטנמאַכט, באַזונדערס וועגן דער אײַנשטעלונג פֿון אַלגעמיינער אַרבעט-פֿליכט און די קאָמוניסטישע שאַבעסניקעס. פֿון דער צווייטער זײַט, דאַרפֿן די יִדישע קאָמוניסטן און דער יִדישער קאָמיסאַריאַט, פֿאַרפֿעסטיקנדיק צווישן די ברייטסטע שיכטן פֿון דער יִדישער באַפֿעלקערונג די פֿאַראַכטונג צו דער ספּעקולאַציע, מיט זייער איניציאַטיוו, מיטווירקונג קומען צו הילף אין אינפֿאָרמאַציע די עקאָנאָמישע אָרגאַנען פֿון דער ראַטנמאַכט, וואָס נאָר זיי קענען זיך פֿאַרנעמען מיט פּאָזיטיווער ווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט.

אַרויסגייענדיק פֿון דעם אַלץ, באַשליסט די דריטע אַלרוסלענדער קאָנפֿערענץ פֿון די יִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס:

1) אַנטוויקלען דורך דער פּרעסע, פֿאַרזאַמלונגען און דער שול אַ ברייטע אַגיטאַציע-קאַמפּאַניע מיטן ציל צו באַקאַנען די ברייטע מאַסן פֿון דער יִדישער באַפֿעלקערונג מיט דער אַרבעט און אויפֿטוען פֿון דער ראַטנמאַכט אַפֿן געביט פֿון לאַנד און דערמיט מיטהעלפֿן די עקאָנאָמישע אָרגאַנען פֿון דער ראַטנמאַכט צו פֿאַרווירקלעכן די אַוועקגעשטעלטע אויפֿגאַבע.

2) אַוועקשטעלן פֿאַרן פֿאָלק-קאָמיסאַריאַט פֿון בילדונג און בײַ פֿראַט פֿאַרן הויפּט-קאָמיטעט פֿאַר פּראָפֿעסיאָנעל-טעכנישער בילדונג (גלאַווּפּראָפֿאָבר). די פֿראַגע וועגן באַשאַפֿן אַ נעץ פֿון פּראָפֿעסיאָנעל-טעכנישע שולן אין די געגנטן מיט אַ קאָמפּאַקטער יִדישער באַפֿעלקערונג, כּדי פֿון איין זײַט אַוועקצושטעלן אַף אַ געהעריקער הויך די פּראָפֿעסיאָנעלע קענטעגישן צווישן די קאַדרען פֿון יִדישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס זײַנען שוין דאָ, און פֿון דער צווייטער זײַט, כּדי אויסצובילדן נײַע קאַדרעס געלערנטע אַרבעטער פֿאַר די הויפּט-צווײַגן פֿון דער אינדוסטריע פֿון יענע שיכטן פֿון דער יִדישער באַפֿעלקערונג, וואָס זײַנען ביז איצט ניט געווען פֿאַרנומען אין דידאָזיקע אַרבעט-געביטן.

3) קעדיי צו פֿאַרשטאַרקן די אַגיטאַציע־קאַמפּאַניע אין נויטיק אין אַ ברייטערער מאָס אויסצונוצן דעם „פֿאַרבאַנד פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן" („סעטמאַס").

4) די טעטיקייט פֿון דער „געזעלשאַפֿט פֿון האַנטווערקעריי און ערד־אַרבעט צווישן יידן" (אָרט) אַנערקענען פֿאַר דערלאָזבאַר באַ דער באַדינגונג, אַז זי וועט פֿירן איר אַרבעט אונטערן קאָנטראָל פֿון די עקאָנאָמישע אָרגאַנען פֿון דער מאַכט און לויט באַשטעטיקטע דורך זיי פּלענער.

5) אויפֿשטעלן אין צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט (די יידישע אָפּטיילונג באַם נאַרקאָמנאַץ) און פֿון זיינע אָרטיקע אָפּטיילונגען די סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישע אָפּטיילונג אַף צו זאַמלען באַאַרבעטן און איבערגעבן די אַנטשפּרעכנדיקע אַלגעמיינע מאַכט־אָרגאַנען אַלע ידיעס וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון די יידישע מאַסן. אַף דערדאָזיקער אָפּטיילונג אַרויפֿלייגן די דרינגענדיקע דורכפֿירונג פֿון אַן אנקעטע אַף אוקראַינע און אין די באַפֿרייטע געגנטן פֿון ליטע און ווייסרוסלאַנד.

וועגן דער קולטור־אַרבעט.

1) אין צענטער פֿון דער גאַנצער קולטור־אַרבעט צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג דאַרף שטיין די אויפֿגאַבע אויסצואַרבעטן באַ די יידישע מאַסן אַ קאָמוניסטישע וועלט־אַנשויונג, פֿאַרטיפֿן דעם קלאַסן־באַוווסטזיין, פֿאַרשטאַרקן די קאַמף־פֿעיקייט פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט און צוגרייטן אים צו דער פֿאַר־שטייענדיקער איבערבויונג פֿון דער געזעלשאַפֿט.

דעריבער געפֿינט די קאָנפֿערענץ, אַז די יידישע קולטור־אָרגאַנען דאַרפֿן וואָס גיכער באַפֿרייען זיך פֿון יענע קולטור־טראַדיציעס, וואָס זיינען אַ רע־זולטאַט פֿון אַן אנדער טקופֿע און וואס אנטשפּרעכן אינגאַנצן ניט דער איצ־טיקער עפּאָכע פֿון אַלוועלטלעכער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע. די טעטיקייט פֿון דידאזיקע אָרגאנען דאַרף הויפּטזעכלעך באשטיין אין דער דורכפֿירונג פֿון די אידייען פֿון פּראָלעטאַרישער קולטור אַף אַלע געביטן פֿון דער יידישער בילדונג.

2) אַרויסגייענדיק פֿון דעם, וואָס דער קלאַסן־אינהאַלט פֿון דער קולטור־אַרבעט איז איין און דערזעלביקער פֿאַר אַלע פֿעלקער, געפֿינט די קאָנ־פֿערענץ, אַז די טעטיקייט פֿון די בילדונג־אָפּטיילונגען פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין צענטער און אַף די ערטער דאַרף זיין אָרגאַניש צונויפֿגע־גאָסן מיט די אַלגעמיינע בילדונג־אָרגאַנען. דערצו איז נויטיק, וואָס גיכער דורכצופֿירן אין לעבן בעניגייע צו די יידישע אָפּטיילונגען דעם דעקרעט פֿון 19־טן אַפּרעל פֿון יאָר 1920 וועגן ארגאַניזירן די בילדונג פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

3) קעדיי דערפֿאָלגרייך צו קעמפֿן מיט די בורזשואַז־קלעריקאַלע און קליינבורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע קולטורעלע ריכטונגען, קעדיי אַריינצוטראַגן אין דער קולטור־אַרבעט צווישן די יידישע מאסן די קאמוניסטישע אידייען, און קעדיי צוצוציען זיי צו דער ארבעט פֿון די רעגירונג־בילדונג־אָרגאַנען,

דאַרפֿן די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס, אין ענגן קאָנטאַקט מיט די ייִדישע אויפֿקלערונג־אָרגאַנען, פֿירן אַ ברייטע אויפֿקלערונג־קאַמפּאַניע צווישן די ייִדישע מאַסן, דערוועקן אין זיי אַן אינטערעס צו דער סאָציאַליסטישער בויונג און אַרויסרופֿן זייער אַקטיוויטעט, איניציאַטיוו אויף דעמדאָזיקן געביט. צוליב דעם ציל דאַרפֿן צונויפֿגערופֿן ווערן גובערניאַלע, אויעזדישע, שטאָטישע און צענט־ראַלע באַראַטונגען און קאָנפֿערענצן פֿון די פֿאָרשטייער פֿון די פּראָלעטאַרישע קולטור־אַנשטאַלטן, פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען און אָרגאַניזאַציעס פֿון דער אַר־בעטער־יוגנט.

4) די פּאָליטישע און קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט פֿון די אַרבעטנדיקע און אָרעמע מאַסן און בעסויכאָם אויך פֿון די ייִדישע, די פֿאָרשטייענדיקע גרונט־אויפֿגאַבע צו ליקווידירן דעם אַנאַלפֿאַבעטיזם, פֿאָדערן אַ גרויסע אָנ־שטרענגונג אַפֿן געביט פֿון אויסער־שול־בילדונג, וואָס דאַרף באַגלייט ווערן פֿון אַ ברייטער מאַסן־קאַמפּאַניע, אין דערדאָזיקער קאַמפּאַניע דאַרפֿן די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס קומען צו הילף די ייִדישע בילדונג־אָרגאַנען, אַקטיווער אָנטיילנעמען אין דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער אויספֿירונג פֿון דערדאָזיקער אויפֿגאַבע.

5) נעמענדיק אין אַכט, אַז אין פּראָצעס פֿון דער אויפֿשטעלונג פֿון ווירט־שאַפֿטלעכן לעבן, האָט די פּראָפֿעסיאָנעלע און טעכנישע בילדונג אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג, געפֿינט די קאָנפֿערענץ, אַז דער צענטראַלער ייִדישער בילדונג־אָרגאַן דאַרף וואָס גיכער צושטעלן אין צענטראַל־ביוראָ אַ פּראָעקט פֿון אַ ברייטער אָרגאַניזירונג פֿון פּראָפֿעסיאָנעל־טעכנישע שולן פֿאַר די ייִדישע מאַסן אין ייִדיש.

6) נעמענדיק אין אַכט, אַז די געליטענע פֿון די פּאָגראָמען, ווי די אונ־טערדערוואַקסענע, אַזוי אויך די קינדער, שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ פּרובטבאַרן באָדן פֿאַר דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון נאַציאָנאַליזם, אַז ספּעציעלע בילדונג־אַנ־שטאַלטן פֿאַר די געליטענע פֿון די פּאָגראָמען קענען שווערער מאַכן דעם פּראָצעס פֿון באַפֿרייונג פֿון די פּאָגראָם־איבערלעבונגען, געפֿינט די קאָנפֿע־רענץ, אַז עס איז נויטיק, אויף וויפֿל עס איז נאָר מעגלעך, אַריינצוציִען די געליטענע פֿון די פּאָגראָמען אין די אַלגעמיינע פֿאַר דער ייִדישער באַפֿעלקע־רונג בילדונג־אַנשטאַלטן.

7) די צ. ב. און די אָרטיקע ביוראָען דאַרפֿן אַנעמען אַלע מיטלען, אַז די ייִדישע בילדונג־אָרגאַנען זאָלן זיין באַזאָרגט מיט דער נויטיקער צאָל קול־טור־טוער.

די באַציִונג צום „סעטמאַס“.

באַשטעטיקנדיק אין אַלגעמיינע שטריכן די רעזאָלוציע פֿון דער וויטעב־סקער ראַיאָן־באַראַטונג פֿון די ייִדישע סעקציעס פֿון דער ר. ק. פּ. אין נאָיאַבר פֿון יאָר 1919 וועגן צונויפֿרופֿן אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן און נעמענדיק אין אַכט די דערפֿאַרונג פֿון די דורכגעגאַנגענע פֿון דער באַראַטונג אַכט כאָדאָשים, וועלכע האָבן קלאָרער אַרויסבאַוויזן, ווי דעם איבער־

ברוך בענויגייע צו דער ראַטנמאכט, וואס איז פֿארגעקומען צווישן דעם אָרעמסטן טייל פֿון דער ייִדישער קליין-בורזשואַזע, אַזוי אויך די אָפּוועזנהייט פֿון א רעוואלוציאָנערער אויסגעהאלטנקייט אין אירע האנדלונגען, האלט די קאָנפֿערענץ:

1) צוזאמען מיט דער דירעקטער אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי צווישן דער ייִדישער אָרעמקייט, דאַרף די ראַטנמאַכט, רעכענענדיק זיך מיט דעם, וואָס די ייִדישע מאסן אין די ניי-באַפֿרייטע פֿון דער פּוילישער אָקופּאַציע טעריטאָריעס באקומען ערשט איצט א קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגן דער ראטנמאכט, ברייט שטיצן די טעטיקייט פֿון דעם פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאסן („סעטמאַס").

2) גלייכצייטיק דאַרפֿן די ראַטן-אָרגאַנען און אויך די פּאַרטיי-אָרגאַניזאציעס פֿאַרשטאַרקן זייער מיטהילף דעם „סעטמאס" און דעם קאנטראל איבער אים, קעדיי אויסרייניקן אים פֿון די ספעקוליאטיווע עלעמענטן, וואס דרינגען אַריין אין אים.

3) פֿאַרשטאַרקן די ארבעט, קעדיי אויסצונוצן די אנשטאלטן און פֿאַרזאמלונגען פֿון „סעטמאס" פֿאַר דער פֿאַרשפרייטונג פֿון דעם איינפֿלוס פֿון דער פּאַרטיי צווישן די ייִדישע אָרעמע מאסן.

4) אַפֿן געביט פֿון שטיצן דעם איבערגאנג פֿון די ייִדישע מאסן צו פּראָדוקטיווער ארבעט, דאַרף דער „סעטמאס" באַגרענעצן זיך אויסשליסלעך מיט אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, אָבער בעשום אויפֿן דאַרף ער זיך ניט פֿארנעמען מיט באשאפֿן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס און אנשטאלטן.

די אַרבעט צווישן דער יוגנט.

1) די 3-טע אַלרוסלענדער קאָנפֿערענץ פֿון ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס מאַכט אויפֿמערקזאַם די אָרטיקע סעקציעס, אַז די אַרבעט צווישן דער יוגנט האָט פֿאַר דער פּאַרטיי אַן אומגעהויערע באַדייטונג, סײַ אין זין פֿון צוגרייטן קאָמוניסטישע רעזערוון, סײַ אין זין פֿון שעפֿן פֿון דער יוגנט פּראָלעטאַרישע באַוווסטזיניקע קאַדרען, וואָס דאַרפֿן בעהאַדראָגע פֿאַרבייטן דעם איצטיקן קאָנטינגענט פֿון ראַטן-אָנגעשטעלטע און „ספעצן", סײַ אין זין פֿון פֿירן דורך די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס אַ ברייטע קאָמוניסטישע אַגיטאַציע אין די מאַסן פֿון אַרבעטער-קלאס און פֿון דער אָרעמקייט בּיקלאַל.

2) די גאַנצע אַרבעט מוז געפֿירט ווערן דורכן רוסלענדער קאָמוניסטישן יוגנט-פֿאַרבאנד; די ייִדישע סעקציעס אַף די ערטער מוזן באַזאָרגן די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס מיט קויכעס און מיט ליטעראַטור, וואָס זיינען נויטיק, קעדיי צו פֿירן די אַרבעט צווישן דער ייִדישער יוגנט.

3) די ביוראָען פֿון די סעקציעס מוזן איינשטעלן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די יוגנט-אָרגאַנען פֿאַר ארבעט צווישן דער ייִדישער יוגנט; סײַ אין צענטער, סײַ אַף די ערטער מוז דורכגעפֿירט ווערן אַ קעגנזייטיקע פֿאָרשטייערשאַפֿט.

4) די ייִדישע סעקציעס מוזן שטיצן דעם יוגנט-פֿאַרבאַנד באַם אַרויסגעבן ליִטעראַטור אין ייִדיש, שאַפֿן יוגנט-אָפּטיילונגען אין אַלע פּאַרטיי-אויסגאַבן. די צ. ב. מוז אָנעמען מיטלען, ס׳זאָל דערשיינען אַ גרויסער צענטראַלער יוגנט-זשורנאַל.

5) אין יענע פונקטן, ווו ס׳איז נויטיק צו פֿירן אַן אַרבעט צווישן דער ייִדישער יוגנט, נאָר דער קאַם. יוגנט-פֿאַרבאַנד פֿירט אַזאַ אַרבעט ניט, מוזן די ייִדסעקציעס נעמען אַף זיך די איניציאַטיוו צו גרינדן געהעריקע אָרגאַנען באַם יוגנט-פֿאַרבאַנד פֿאַר דער אַרבעט צווישן דער ייִדישער יוגנט.

6) די ייִדסעקציעס, באַם קעמפֿן מיט די ייִדישע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, מוזן ווענדן אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט אַף פּאַראַליזירן די טעטיקייט פֿון בורזשואַזע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, סאַי פּאָליטישע, סאַי קולטורעלע, סאַי ספּאָרטיווע (צירײ-ציאָן, האַטכיאָ, מאַקאַבי א. א.).

7) די ייִדסעקציעס מוזן קעמפֿן מיט נאַציאָנאַל-סעפּאַראַטיסטישע שטימונגען אין דער ייִד. יוגנט און קוידעמקאָל מיט זייערע אידעישע אָנפֿירער—מיטן יוגנט-בונד און יוגנט-פֿאַרבאַנד פּויעלײ-ציאָן.

8) די ייִדסעקציעס מוזן אָפּגעבן אַ גרויסן אָרט דער צוגרייטונג פֿון אַ נייעם דאָר אַקטיווע רעוואָלוציאָנערן; זיי מוזן מיטווירקן דער גרינדונג פֿון אַ נעץ פּאַרטיי-און ראַטן-שולן אין ייִדיש; זיי מוזן מיטהעלפֿן באַם אַריינפֿירן די פּאָרשטייער און די פּראַקטיקאַנטן פֿון קאָמוניסטישן יוגנט-פֿאַרבאַנד אין די ראַטן-אַנשטאַלטן, וואָס באַדינען ספּעציעל די גויטן פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

וועגן הילף די געליטענע פֿון פּאָגראָמען.

די שרעקלעכע, לויט זייערע פֿאָרמען און אַכזאָריעס, פּאָגראָמען, וואָס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע באַנדעס פֿון פּעטלורען, דעניקין און פֿון דער פּוילישער שליאכטע איבער די ייִדישע מאַסן, דראָען דער ייִדישער באַפֿעלקערונג מיט אַ פֿולקאָמער רויִנירונג און אויסשטאַרבונג.

ניט געקוקט אַף דער גאַנצער אָנגעשטרענגטקייט פֿון בירגער-קריג, וואָס ציט אָפּ די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט און אַלע קויכעס, ניט געקוקט אַפֿן כורבן פֿון טראַנספּאָרט און אף דער באַרבאַרישער בלאָקאַדע, וואָס צוליב איר פֿעלן די נויטיקע מיטלען צו העלפֿן די געליטענע פֿון די פּאָגראָמען—ניט געקוקט אַף דעם אַלץ, האָט די ראַטנמאַכט דאָך געווידמעט אַ טייל פֿון איר ענערגיע און פֿון אירע מיטלען אַף צו העלפֿן די געליטענע.

קאָנסטאַטירנדיק דאָס אַלץ און נעמענדיק אין אַכט: 1) די קאָלאָסאַלע גרויס פֿון אומגליק; 2) די ניטצוגעפּאַסטקייט אין דעם איצטיקן מאָמענט פֿון דעם אַפּאַראַט פֿון דער סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג אַף צו באַדינען אַזאַ קאָלאָסאַלע צאָל געליטענע; 3) די נויטווענדיקייט גיך צו ליקווידירן די גרויסע אָנזאַמלונגען פֿון היימלאָזע, וואָס שטעלן מיט זיך איצט פֿאָר אַ נעסט פֿון עפּידעמיעס; 4) די נויטווענדיקייט, וואָס גיכער צו באַפֿרייען די געליטענע, אי-

בערהויפּט פֿון דעם יונגן דאָר, פֿון דעם דעמאָראַליזירנדיקן איינפֿלוס פֿון דעם צושטאַנד פֿון היימלאָזיקייט און וואָס גיכער איבערצופֿירן זיי אין אַ נאָרמאַלן אַרבעט-לעבן.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, געפֿינט די קאָנפֿערענץ, אַז קעדיי צו רעטן די רויִנירטע מאסן פֿון אונטערגאַנג, דאַרף באַם פֿאָלק-קאָמיסאַריאַט פֿאַר סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג געשאַפֿן ווערן אַן אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע אַף צו העלפֿן די געליטענע פֿון פּאָגראָמען. די קאָמיסיע האָט פֿאַר זיך פֿאָלגנדיקע אויפֿגאַבן:

1) געבן ערשטע הילף די געליטענע: איינאָרדנען הייזער, קיכן, אָרגאַניזירן מעדיצינישע הילף, באַזאָרגן די געליטענע מיט וועש, בגאָדים און שוכוואַרג; באַפֿרייונג דעם יונגן דאָר פֿון דער דעמאָראַליזירנדיקער ווירקונג פֿון היימלאָזיקייט און שנאָררעריי, וואָס איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער היימלאָזיקייט.

2) צוליב דעמדאָזיקן ציל דאַרפֿן דרינגענדיק איינגעאָרדנט ווערן יעסוימים-אַנשטאַלטן, קינדער-היימען און אַנדערע דערציונג-אַנשטאַלטן, וואָס דאַרפֿן נאָך זייער אָרגאַניזירונג איבערגעגעבן ווערן אין רעשוס פֿון נאַרקאָמפּראָס.

3) איבערגעבן אַלע קאַליקעס, זקיינים און ביקלאַל ניט אַרבעטפֿעיִקע אַף דער פֿאַרזאָרגונג פֿון די נאָרמאַלע אָרגאַנען פֿון סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג.

4) אויסטיילן אַלע אַרבעטפֿעיִקע עלעמענטן, פֿאַנאַנדערטיילנדיק זיי לויט קאַטעגאָריעס (קוואַליפֿיצירטע, און ניטקוואַליפֿיצירטע), לויט די פּראָפֿעסיעס, און איבערגעבן זיי אין די אָרגאַנען אַף פֿאַנאַנדערטיילן די אַרבעט-קראַפֿט.

5) איינאָרדענען קורצטערמיניקע קורסן אַף אויסצולערנען די איינפֿאַכע פֿאָרמען פֿון קוואַליפֿיצירטער אַרבעט יענע פֿון די ניטקוואַליפֿיצירטע אַרבעטער, וואָס זיינען ניט פֿעיִק צוליב זייער געזונט-צושטאַנד צו שווערער פֿיזישער אַרבעט.

די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס דאַרפֿן מיט אַלע מיטלען העלפֿן דער אַרבעט פֿון דער אויבנדערמאָנטער ראַטן-אָרגאַניזאַציע, זען, אַז אירע אַנשטאַלטן זאָלן זיין צוטרעטלעך פֿאַר די געליטענע מאסן, פֿירן צווישן דידאָזיקע מאַסן אַן אַנטשפּרעכנדיקע קולטור-אויפֿקלערונג-אַרבעט און אָנעמען מיטלען, אַז די אַרבעטפֿעיִקע פֿון זיי זאָלן אין דעם קורצסטן טערמין איבערגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, לויט די פּרינציפּן, וואָס זיינען פֿאָרמולירט געוואָרן אין דער רעזאָלוציע פֿון דער קאָנפֿערענץ וועגן עקאָנאָמישער אַרבעט.

דערביי קען די אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע אויסנוצן אַלע געזעלשאַפֿטלעכע עלעמענטן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען גרייט און פֿעיִק צו אַרבעטן צוזאַמען מיט דער ראַטנמאַכט אַפֿן גרונט פֿון די אָנגעוויזענע פּרינציפּן.

מעמאָראַנדום אין צ. ק. ר. ק. פּ. פון אַ גרופּע דעלעגאַטן פון צענטער *).

באַשטאַנד און טאָגאָרדענונג פון דער קאָנפערענץ.

אין מעשעך פון יול איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען די דריטע אַלרוס-לענדישע קאָנפערענץ פון ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס פון ר. ק. פּ. דער מאָדוס פון פאָרשטייערשאַפט איז געווען: 1 דעלעגאַט פון אַ סעקציע (אָדער פאַרזאמלונג), ווו די צאָל אָנטיילנעמער האָט באַטראָפן פון 5 ביז 50 מאַן. אַף יעדע איבעריקע 50—איין צוגאָב-דעלעגאַט.

אין דער קאָנפערענץ האבן אָנטייל גענומען 64 דעלעגאַטן מיט שטים-רעכט (צווישן זיי 3 פון צ. ב.) און 22 מיט באַראַטונג-רעכט (מיטגלידער פון צ. ב. און הויפט-ביוראָ אַף אוקראַינע, טוער פון אָפּטייל פון נאַצמינדערהייטן באַם פאָלקאָמבילד און פון די ערטער).

דער באַשטאַנד פון דער קאָנפערענץ האָט אָפּגעשפּיגלט די יונגקייט פון דער ייִדישער אַרבעט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די ייִדישע סעקציעס פון דער פּאַרטיי האָבן זיך, ווי ס'איז באַוווסט, געשאַפן פון גרופּן אָפּגעשפּאל-טענע פון די פאַנאַנדערגעפאַלענע ייִדישע רעכט-סאָציאַליסטישע גרופּעס. בע-העסקעם מיט דעם זיינען די דעלעגאַטן - פּאַרטיי-מיטגלידער מיט ניט קיי-הויכן פּאַרטיי-סטאַזש קימאַט אַלע געווען אין אַנדערע ייִדישע פּאַרטייען.

די איבערוועגנדיקע מערהייט דעלעגאַטן איז אַריינגעטראָטן אין ר. ק. פּ. אין יאָר 1919, דערביי זיינען אַריבער פון אַנדערע פּאַרטייען:

פון „בונד"—34 פּערזאָן, פון „פאַריינ‍יקטע"—10 פּערזאָן, פון „פּועלי-ציאָן—7 פּערזאָן, ניט געווען אינגאַנצן אין ייִדישע פּאַרטייען—3 פּערזאָן.

אויב אַפילע אַף דער קאָנפערענץ וואָלט אַלץ געגאַנגען קעשורע, וואָלט אויך דעמלט דער צוזאַמענשטעל פון די דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ געמוזט ווירקן אַף איר פּאָליטישער פיזיאָנאָמיע, נאָר אַלע געשעעניִשן אין לעבן פון דער פּאַרטיי און סעקציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען פאַר דער קאָנפערענץ, האבן נאָך מער מיטגעווירקט דערצו, אַז

---

*) אין דעמדאָזיקן מעמאָראַנדום איז געגעבן באַלויכטן אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אַף דער קאָנפערענץ, און דאָ ווערט אויך געגעבן כאַראַקטעריזירט דער באַשטאַנד פון דער קאָנפערענץ.

ס'זאָל צוגעגעבן ווערן דער קאָנפֿערענץ אַ ספּעציפֿישער כאַראַקטער; אַף דער קאָנפֿערענץ האָט באַ אַ העכסט שאַרפֿן קאַמף פֿון ריִכטונגען געזיִגט דער רעכטער פֿליגל, אַ באַפֿאַרבטער איִן אַ מאַרקסיסטישן פֿאַרב.

איִן טאָגאָרדענונג פֿון דער קאָנפֿערענץ זיינען אַריינגענומען געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם און איינשטימיִקן העסקעם פֿון דער גאַנצער קאָנפֿערענץ פֿאָלגנדיקע פּונקטן:

1. באַריכטן פֿון צ. ב. און וועגן דער אַרבעט אַף אוקראַיִנע.
2. אויפֿגאַבן פֿון די סעקציִעס און זייער אָרגאַניזאַציע.
3. קאָמוניִסטיִשער אינטערנאַציאָנאַל און יִדישע אַרבעטער.
4. באַציִונג צו די יידיִשע פּאָליטיִשע פּאַרטייען און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס.
5. יִדישער קאָמיסאַריאַט און אַנדערע פֿאָרמען פֿון יִדישער סאָוועטישער אַרבעט.
6. עקאָנאָמישע אַרבעט.
7. קולטור-אַרבעט.
8. די אַרבעט צווישן דער יִדישער אָרעמקייט און באַציִונג צום „פֿאַרבאַנד פֿון יִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן” („סעטמאַס”).
9. אַרבעט צווישן פֿרויען און יוגנט.
10. אָרגאַניזאַציִע פֿון הילף פֿאַר די פּאָגראָם-געליטענע.
11. פּרעסע און פֿאַרלאַג.
12. וואַלן פֿון אַ צ. ב.

דעם גרעסטן טייל צייט פֿון דער קאָנפֿערענץ האָבן אָפּגענומען פֿאָלגנדיִקע פֿראַגן: באַריכט פֿון צ. ב., אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגע און וואַלן פֿון אַ צ. ב. דער קאַמף אַרום דערדאָזיקער פֿראַגע האָט באַשטיִמט די הויפּט-גרופּירונגען פֿון דער קאָנפֿערענץ. בלויז דידאָזיִקע פֿראַגן זיינען געווידמעט געוואָרן די באַזונדערע פֿראַקציאָנעלע זיצונגען, איבער אַלע איבעריקע פֿראַגן האָבן זיִך די פֿראַקציאָנעלע גרופּירונגען קימאַט ווי ניִט אָפּגעשטעלט, אויב ניט רעכענען די גרופּן-אַרויסטרעטונגען מיצאַד אַ ניטגרויסן פֿליגל (אַ טייל לינקע), וועלכער האָט געמאַכט פּרווון קעגנשטעלן זייער באַזונדער פּאָזיִציע אין אַלע פֿראַגן, באַשולדיקנדיק דעם צענטער אין נאָענטקייט צו נאַציאָנאַליזם.

די מערהייט-גרופּע.

דער קאַמף אַרום דער אָרגאַניזאַציִאָנעלער פֿראַגע האָט זיִך אָנגעהויבן אַסאַך פֿריִער פֿאַר דער קאָנפֿערענץ אין צוזאַמענהאַנג מיט פֿאָלגנדיִקע מאָמענטן: 1) שאַרפֿסטע אומצופֿרידנקייט אַף די ערטער סאַי מיִט דער אומטעטיִקייט פֿון צ. ב. און סעקציעס, סאַי מיִט דער ניטגעהעריקער באַציִונג פֿון די פּאַרטיי-צענטרען, און באַזונדערס פֿון צ. ק. ק. פּ. או. און גובקאָמען צו פֿראַגן פֿון יִדישער אַרבעט; 2) אומבאַשטימטקייט פֿון דער לאַגע פֿון די סעקציעס אַף אוקראַיִנע; 3) שטרעבונג צו ליקוויִ-

דירן די סעקציעס, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער סעקציע גופֿא צווישן אירע פֿאַראַנטוואָרטלעכע טוער. דאָסזעלבע האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם, וואָס די מערהייט פֿון הויפּט-ביוראָ האָט באַוויליקט דאָס פֿאַנאַנדערלאָזן די סעקציעס דורך צ. ק. ק. פּ. או. (עמעס—פֿאַסט פֿאַקטום) און (4 מיט דער פֿאָרגעקומענער אַף דער 12-טער קאָנפֿערענץ פֿון „בונד" שפּאַלטונג און מיטן באַשלוס פֿון „בונד" אַריינצוטרעטן אין ר. ק. פּ.

די אָנגעזאַמלטע אין די סעקציעס גאַל און אומצופֿרידנקייט האָבן גע-שטויסן אַסאַך איבערצוקוקן די פּאָזיציעס; די יונגקייט פֿון געפֿינען זיך אין פּאַרטיי, פֿאַרמאַכטקייט פֿון די סעקציעס און זייער אָפּגעריסנקייט פֿון דער אַלגעמיינער פּאַרטעישער אַרבעט האָבן געשאַפֿן אַ באָדן פֿאַר אַ רעצידיוו פֿון סעפּעראַטישע שטימונגען; די אידעישע דערנעענטערונג פֿון „בונד" האָט אָפּגע-ווישט די גרענעצן צווישן דער יידישער סעקציע אין דער פּאַרטיי און שטיי-ענדיקן אויסער איר „בונד". דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געבוירן אַ קריזיס און מיטגעווירקט דער פֿאָרמירונג פֿון אַן עקאָנאָמישן פֿליגל אַף דער קאָנפֿערענץ, וועלכע האָט טאַקע מיטגעהאָלפֿן אַ פֿאַרייניקונג פֿון די בלאָסע און אָפּגעלעבטע.

פֿאָרמעל האט די גרופּע, וואָס האָט געזיגט אַף דער קאָנפֿערענץ, אַנט-שיידן זיך אָפּגעזונדערט די גאַנצע צייט פֿון אַ בונד מיט אַווטאָנאָמיזם און האָט אַפֿילע אָפּגעלייקנט, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ מין שטרעמונג באַ די סעק-ציעס. נאָר אין פּראָצעס פֿון קאַמף איז זי געווען געצוווּנגען אָנערקענען און אַריינעמען אין איר רעזאָלוציע וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿראַגע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער קאָנפֿערענץ, אַ באַשטעטיקונג פֿון פֿאַקט, אַז אַ ריכטונג איז יאָ פֿאַראַן אין די סעקציעס און האָט אַפֿילע מינדלעך פֿאַרורטיילט דידאָזיקע ריכטונג. דאָס לעצטע האָט אָבער ניט געשטערט, אַז די גרופּע זאָל אין איר ליסטע פֿון צ. ב. (וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך דער קאָנפֿערענץ) אַריינרעכענען אויך דעם כ' ב. אָרשאַנסקי, אַווטאָר פֿון אַרטיקל אין וויטעבסקער „שטערן", וועלכער האָט פּראָפּאַגאַנדירט די באַרעכ-טיקונג פֿון נאַציאָנאַליזם און פֿעדעראַציע אין דער פּאַרטיי.

נאָר אויך אָן דידאָזיקע אומדירעקטע באַווייזן קאָן מען אינגאַנצן קלאָר כאַראַקטעריזירן די אידעאָלאָגיע פֿון דערדאָזיקער גרופּע. דאָס האָט זיך אַרויס-געוויזן אין גאַנצן פֿאַרנעם סאי אין באַריכט פֿון כ' נאָוואַקאָווסקי, סאי אין די דעבאַטן און אין אַלע קעסיידער אַריינגעטראָגענע רעזאָלוציעס פֿון דער גרופּע און צווישן זיי אין דער באַדייטנדיק אויסגעבעסערטער לעצטער רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער מערהייט פֿון דער קאָנפֿערענץ. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די פֿראַגע וועגן פֿאָרם פֿון אָרגאַניזירן די אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, די דיסקוסיע וועגן סעקציע אָדער אָפּטייל, האָט זיך גע-קאָנט פֿירן אַפֿן יעסאָד פֿון ריין פּראַקטישע מאָטיוון און באַווייזן, נאָר די גרופּע האָט אונטער אירע פֿאָרשלאָגן אונטערגעפֿירט אַ ספּעציעלע אידעאָלאָגיע, אַן אידעאָלאָגיע פֿון דער יידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכע ציט איר פֿאָדעם פֿון די פֿריערדיקע יידישע סאָציאַלי-סטישע פּאַרטייען און וועלכע שטרעבט איינהאַלטן אויך אין דער פּאַרטיי איר

גאַנצקייט. דערדאָזיקער צוגאַנג צו פראַגן האָט דערנענטערט די גרופּע מיטן „בונד", הגם זי האָט זיך פאָרמעל פון אים אָפּגעזונדערט, נאָר איז, קאָנטיק, ניט אָנגענומען געוואָרן דורך אירע דורכשניטלעכע מיטגלידער. נאָר די פרוּוון צו שפּאַלטן די גרופּע און שאַפן אַף דער קאָנפערענץ אַ פּאַרטעיִשע מערהייט האָבן זיך ניט איינגעגעבן. די גרופּע איז געווען פעסט פאַראייניקט, אויב ניט דורך דער אידעאָלאָגיע פון אַוטאָנאָמיזם, איז, בעכאַל אויפן, דורכן פּראָעקט פון אַן אינסטרוקציע דער סעקציע, וואָס איז פאַקטיש געבויט געוואָרן אַף אַוטאָנאָמיסטישע יעסודעס. אַזוי איז דידאָזיקע גרופּע געבליבן גאַנץ ביזן סאָף. אין פּראָצעס פון קאַמף און דורכן אריינמיש פון כ' קרעסטינסקי, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן אין דער הויפּט-דיסקוסיע און וועלכער האָט זיך שאַרף אָפּגעגרענעצט פון רעכטן פליגל, איז די גרופּע געווען געצווונגען, אונטערן דרוק פון איגעוויייניק, אָפּזאָגן זיך פון אסאך שטאַנדפּונקטן, וואָס זיינען גענומען געוואָרן פון באַגאַזש פון „בונד" און „פאַראייניקטע", און אפילו דירעקט אַריינטראָגן אין איר רעזאָלוציע טעזיסן פון די קעגנערישע רעזאָלוציעס. נאָר אויב אויפמערקזאַם איבערלייענען די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער מערהייט פון דער קאָנפערענץ, קאָן מען לייכט אָנטאפּן די אינערלעכע קעגנזעצלעכקייט צווישן איר ערשטן און איבעריקע טעזיסן. ניט געקוקט אַפן צוריקגאַנג פון דער גאַנצער גרופּע אַפן גאַנצן פראָנט, איז זי אין איר רעזאָלוציע און אינסטרוקציע פאַרבליבן בײַ דער פריער פאַרנומענער פּאָזיציע פון סעפּאַראַטיזם און אַוטאָנאָמיזם.

גרופּע פון „צענטער" און „לינקע".

די מינדערהייט פון דער קאָנפערענץ האָט זיך פון די ערשטע טעג פון אירע אַרבעטן צעשפּאַלטן אַף צוויי גרופּן: אַ גרעסערע, וואָס האָט געשפּילט אַף דער קאָנפערענץ די ראָל פון צענטער, און אַ קלענערע גרופּע פון כ' מערעזשין. די גרופּע פון עקסטרע לינקע האָט אַ באַדייטנדיקן טייל פון אירע אַרויסטרעטונגען געווידמעט דעם צענטער, פאָרוואַרפנדיק אים אין ראַדיקאַליזם אַף ווערטער און אָפּאָרטוניזם אין דערווירקלעכקייט. זי האָט געפאָדערט פון צענטער טייקעפדיקע אויספירן, אַרויסגייענדיק פון די פּרינציפּיעלע שטאַנדפּונקטן פון צענטער-גרופּע וועגן שעדלעכקייט פון די סעקציעס, האָט זי געפאָדערט אָפּשאַפן דאָס אויסקלייבן ביוראָען, וואָס שאַפט אַ צווייענדיקע דיסציפּלין, פאַרבייטן די סעקציעס מיט אָפּטיילן, באַשטימטע דורך די פּאַרטיי-קאָמיטעטן. אַף דידאָזיקע יעסודעס איז געווען געבויט די רעזאָלוציע, וועלכע איז פאָרגעלייגט געוואָרן דורך דער גרופּע פון כ' מערעזשין.

די צענטער-גרופּע איז באַשטימט געשטאַנען אַפן שטאַנדפּונקט פון איינהאַלטן פאָרן געגעבענעם איבערגאַנג-פּעריאָד די סעקציעס, ד. ה., דעם פּרינציפּ פון קאָלעגיאַליטעט און אויסקלייב-פאָרם פון די אָרגאַנען פון יידישער אַרבעט אין דער פּאַרטיי. ניט דערווידערנדיק און אָנערקענענדיק אַליין אָפן, אַז די האַנאָכעס, וואָס כ' מערעזשין האָט אַרויסגערוקט, זיינען בײַ נאָרמאַלע

באַדינגונגען געוועזן די בעסטע (אַגעוו איז עס געוועזן די מיינונג פֿון דער גאַנצער גרופּע)—האָט דאָך די צענטער-גרופּע געהאַלטן, אַז דידאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגע טאָר מען ניט לייזן פֿון שטאַנדפּונקט פֿון פֿאַשעטן צוגלייכן די אייגנשאַפֿטן פֿון ביידע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרמען. די סעקציע אַף אוקראַינע איז געוועזן אַ פּראָגרעס אין פֿאַרגלייך מיטן עקזיסטירנדיקן באַזונדער „פֿאַרבאַנד“, און די סעקציע אין ליטע און ווייסרוסלאַנד וועט זיין אַ פּראָגרעס אין פֿאַרגלייך מיט דער אָפּגעזונדערטקייט פֿון „בונד“. אַגעוו, וועט אָן דערדאָזיקער איבערגאַנג-פֿאָרם זיך ניט איינגעבן אונדז צו אַסימילירן די מאַסע יידישע אַרבעטער, וועלכע גייען דערווייל דאָרט נאָכן „בונד“. אַ טאַקטישער אַרגומענט קעגן פֿאָרשלאָג פֿון כ׳ מערעזשינס גרופּע וועגן פֿאַנאַנדערלאָזן די סעקציעס זיינען פֿון אונדזער זייט אויך געוועזן די אָנווייזונגען אַף די פֿאַרקערטע רעזולטאַטן פֿון איילִיק דורכגעפֿירטן דורך צ.ק. ק.פּ.או. פֿאַנאַנדערלאָזן די סעקציעס. דאָס האָט געבראַכט בלויז צו פֿאַרשטאַרקן די סעפּאַראַטיסטישע שטימונגען.

די צענטער-גרופּע איז געוועזן פֿאַרייניקט: 1) דורך אַ פּרינציפּיעלער פּאַרטיישער אַוועקשטעלונג פֿון דער גאַנצער פֿראַגע וועגן יידישער אַרבעט (און ניט וועגן יידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג). 2) דורך אָנערקענען די סעקציעס אַלס צוגעגלעכע פֿאָרם פֿאַרן געגעבענעם איבערגאַנג-פּעריאָד און 3) דורכן פּראָיעקט פֿון אינסטרוקציעס, וועלכע איז פֿאָרגעלייגט געוואָרן אַף דער קאָנפֿערענץ *).

אין פֿרידערדיקן רעזאָלוציע-פּראָעקט פֿון דער גרופּע איז געוועזן אַן אַבזאַץ וועגן דעם, אַז „די סעקציע איז אַ צייטווייליקע פֿאָרם, וועלכע דאַרף פֿאַמעלעך אָפּטרעטן דעם אָרט מער צענטראַליסטישע אַרבעט-פֿאָרמען“. שפּעטער, באַם אַריינטראָגן די רעזאָלוציע אַפֿן פּלענום, איז דערדאָזיקער פּונקט דורך דער גרופּע אויסגעמעקט געוואָרן צוליב מאָטיוון פֿון סטראַטעגישן, אויסערלעכן כאַראַקטער, קעדיי ניט צו געבן קיין שפּייז די קעגנער פֿון סעקציעס פֿון אויסן.

באַשלוס וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿראַגע.

דער קאַמף אַרום דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿראַגע האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אָנעמען רעזאָלוציעס: 1) וועגן באַריכט פֿון צ. ב., 2) וועגן די אויפֿגאַבן פֿון די סעקציעס און 3) אינסטרוקציע די סעקציעס. און שפּעטער מיט אויסקלייבן אַ צענטראַלע ביוראָ.

דידאָזיקע נאָמענטלעכע אָפּשטימונג פֿון די רעזאָלוציעס וועגן דער אָרגאַניזאַציע-פֿראַגע האָט געגעבן פֿאָלגנדיקע רעזולטאַטן: פֿאַר דער רעזאָלוציע פֿון דער מערהייט-גרופּע—36 שטימען, פֿאַר דער רעזאָלוציע פֿון עקסט לינקע — 8, פֿאַר דער רעזאָלוציע פֿון צענטער-גרופּע — 18 שטימען. אַזאַ פּראָפּאָרציע איז פֿאַרבליבן ביזן סאָף פֿון דער קאָנפֿערענץ.

---

*) אין אָריגינאַל זיינען געוועזן אויסגעריסן אייניקע שורעס און עס איז שווער צו קריגן איצט וועגן עס קען דערגענצן דידאָזיקע שורעס.

דידאָזיקע אָפּשטימונג האָט באַשטימט די טאַקטיק פון דער צענטער-גרופּע אין אַנדערע פונקטן פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע. די גרופּע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון שיקן אירע פאָרשטייער אין דער קאָמיסיע אַף אויסאַרבעטן אינסטרוקציעס און אין דער דיסקוסיע וועגן אינסטרוקציעס האָט זי זיך באַגרענעצט אויסשליסלעך מיט אַריינטראָגן פּרינציפּיעלע אויסבעסע-רונגען, קעדיי פאַרצושטעלן איר פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט.

אין אַלגעמיין זיינען אי די רעזאָלוציע, אי די אינסטרוקציע, אי די פאָרמול פון איבערגייען נאָכן באַריכט פון צ. ב. אָנגענומען געוואָרן דורך דער צענטראַלער פאַראייניקטער מערהייט. אַלע פאַקטישע אויסבעסערונגען האָט מען אָפּגעוואָרפן.

די איבעריקע פונקטן פון טאָגאָרדענונג.

צווישן אָנעמען די רעזאָלוציע וועגן דער אָרגאַניזאַציע-פראַגע און וואַלן פון אַ צ. ב., וואָס זיינען פאָרגעקומען די לעצטע שעה פון דער קאָנפערענץ, זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלע פונקטן פון טאָגאָרדענונג. איבער דידאָזיקע אַלע פראַגן זיינען צווישן דער צענטער-גרופּע און מערהייט פון דער קאָנפע-רענץ ניט פאָרגעקומען קיינע מיינונגפאַרשיידנקייטן: די הויפּט-רעזאָלוציעס זיינען געוואָרן פאָרמולירט דורך דעם כ׳ ראַפּעס. די גאַנצע קאָנפערענץ איז באַם באַהאַנדלען דידאָזיקע אַלע פראַגן געווען דורכגעדרונגען מיט איין איינשטי-מיקן ווילן: שאַפן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון אַ ברייטער סאָוועטישער אַרבעט, קעדיי צו באַפרידיקן אַלע פאַרשיי-דנאַרטיקע נויטן פון דער יידישער מאַסע-באַפעלקערונג.

מיר האָבן אַף אונדזער קאָנפערענץ ניט מוירע געהאַט ריידן וועגן דער עקאָנאָמישער פראַגע, אַף וויפל דאָס אַרויסשטויסן די יידישע מאַסן פון עקאָ-נאָמישן לעבן האָט געפאָדערט פון אונדז קענגשטעלן דער נאַציאָנאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פון „פּועלי-ציאָן“ אַ ריכטיקן ענטפער, וואָס זאָל שטיין אַפן באָדן פון אַלגעמיין פּאַרטעישער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע. און מיר רעכע-נען ניט, אַז דאָס שאַפן אַ סטאַטיסטיש עקאָנאָמישן אָפּטייל אין יידישן קאָמיסאַריאַט אַף צו זאַמלען מאַטעריאַל און אַוועקשטעלן די פראַגע פאַר די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע אָרגאַנען פון דער סאָוועטנמאַכט, — אַז דערדאָזיקער באַשלוס, איינמאָל שוין באַשטעטיקטער דורכן צענטראַלן קאָמיטעט, זאָל אַף אַ וואָסער ניט איז אויפן זיין שעדלעך פאַר די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע צילן און אַנטוויקלען דעם באַוווסטזיין באַם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער באַשלוס פון דער קאָנפערענץ צו אָרגאַניזירן אַ באַזונדער אוי-סערגעוויינטלעכע קאָמיסיע צו העלפן פּאָגראָמירטע, איז אָנגענומען געוואָרן דורך אַ מערהייט קעגן מערעזשינס גרופּע און אַ טייל פון צענטער-גרופּע. בעכאָל אויפן*) . . . .

. . . .

אַסאַך אָנפאַלן מיצאַד אַ טייל פון כ׳ מערעזשינס גרופּע האָט אַרויסגע-רופן דער שטאַנדפּונקט פון דער גאַנצער קאָנפערענץ בענוגייע „בונד“, „גע-

*) דאָ פעלט אויך אַ פּאָר שורעס.

זעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס" און באזונדערס בענויגייע דעם „פאַרבאַנד פון יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן" („סעטמאַס").

מיר רעכענען, אַז אין דער נאָענטסטער צייט וועט אונדז אויסקומען, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער פראַגע, אַנטקעגנגיין די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, שטעלנדיק זיי פולשטענדיק אונטער אונדזער קאָנטראָל, שטרעבנדיק דיזעלבע צייט רעאָרגאַניזירן דידאָזיקע געזעלשאַפטן, קעדיי צו באַהערשן זיי. וואָס איז שאַיעך דעם „סעטמאַס", האַלטן מיר, אַז דאָס אָרגאַניזירן די שטאָטישע יידישע אָרעמקייט, זאָל זיין אַפילע אין נאַציאָנאַלע ראַמען, אונטערן קאָנטראָל פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, קעדיי צו פאַרשטאַרקן אין דערדאָזיקער סוויווע די פראַפאַגאַנדע פון קאָמוניסטישע אידייען און אָפציען זי פון ציאָניסטישער אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט, אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַשלוס אין סאַן-רעמאָ, בּרייט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערשפּרייטן,—אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז אין די אינטערעסן פון דער סאָוועטנמאַכט און ווידעראַמאָל אַלס אַן איבערגאַנג-פאָרם.

כ. מערעזשינס גרופּע האָט אַריינגעטראָגן עטלעכע אויסבעסערונגען אין דער רעזאָלוציע וועגן שאַפן אַ יידישע ביוראָ באַם אויספירקאָם פון קאָמינטערן, נאָר דער פּרינציפּ פון נויטיקייט פון אַזאַ ביוראָ איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער קאָנפערענץ איינשטימיק. אין דער פראַגע וועגן „בונד" האָט זיך כ. מערעזשין אַרויסגעזאָגט קעגן אַ קאָנטאַקט מיט אים. פאַרורטיילנדיק דאָס דערלאָזן דעם „בונד" צום 2-טן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווי אויך די בעשוטפעסדיקע אַרויסטרעטונג מיט אים אין דער פראַגע וועגן ציאָניזם. נאָר דידאָזיקע באַשלוסן פון צ. ב. זיינען שוין באַווילִיקט געוואָרן דורכן צענטר. קאָמיטעט.

וואַלן פון אַ צ. ב.

צום מאָמענט פון אויסוויילן אַ צ. ב. האָט מען געקענט מאַכן אַ סאַכאַקל פון קאַמף וועגן דער אָרגאַניזאַציע-פראַגע, וועלכע איז געווען די איקערדיקע אַף דער קאָנפערענץ. פאַר דער צענטער-גרופּע איז געווען קלאָר, אַז מען קען ניט אַנטרויען די גאַנצע אַרבעט דער צ. ב., וועלכע וועט אויסגעוויילט ווערן דורך דער מערהייט פון דער קאָנפערענץ.

ווי ס'זעט אויס, לייגט דער רעזולטאַט פון דער געגעבענער קאָנפערענץ אַרויף אַף דער פאַרטיי אַן אויפגאַבע מיט דער גאַנצער אקשאָנעסדיקייט פירן אַ קאַמף קעגן יענער אָפּגעזונדערטקייט, וועלכע האָט געפונען אַן אָרט אין די סעקציעס. פון ערשטן טאָג נאָך דער קאָנפערענץ וועט זיין נויטיק באַם אָפּשאַצן איר אַרבעט, פירן אין דער פּרעסע אַ קלאָרע פאַרטעיִשע ליניע קעגן אויטאָנאָמיזם, אַ מער געפערלעכן דורך דעם, וואָס די פראַגע וועגן אַריינטרעטן פון „בונד" אין דער פאַרטיי וועט שוין ווערן אַ פּראַקטישע.

אַ צ. ב. אויסגעוויילט דורך דער מערהייט-גרופּע פון דער קאָנפערענץ, וואָלט געפירט אַ קעגנזעצלעכע ליניע און וואָלט מיט דעם אליין פאַרשטאַרקט דעם סעפּאַראַטיזם.

די צענטער-גרופּע האַלט דעם פּראָעקט פון דער אינסטרוקציע, וואָס ס'האָט אָנגענומען די קאָנפערענץ, אַלס געפערלעך לויטן גייסט און טענדענץ און קאָן ניט טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּאַרטיי פאַר זיין דורכפירונג. זי פאַרטיידיקט איר אייגענעם פּראָעקט. צוליב די אַלע מאָמענטן האָט אונדזער גרופּע באַשלאָסן אָפּזאָגן זיך פון צוניפשטעלן אַן אַלגעמיינע ליסטע מיט דער מערהייט-גרופּע, ווו די לינקע פון דער קאָנפערענץ וואָלטן באַקומען אַ מינדערהייט. מיר דערקלערן, אַז מיר וועלן גיין אין צ. ב. בלויז באַ אַ גאַראַנטירטער לינקער מערהייט מיטן טנאַי, אַז אין צ. ב. זאָלן אָנטיילנעמען אַלע דריי גרופּן. די מערהייט-גרופּע האָט אַזאַ מעלדונג ניט געמאַכט.

דער ליסטע, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן דורך דער מערהייט-גרופּע, האָבן מיר קעגנגעשטעלט אַן אייגענע קאָאַליציע-ליסטע פון 9 פּערזאָן (מיר האָבן געהאַלטן די צאָל מיטגלידער פון צ. ב. פאַר פולשטענדיק גענוג) מיט אַ מערהייט פון ביידע לינקע גרופּן.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אויסקלייבן א צ. ב. לויט ליסטעס, נאָר האָט באַשטימט די צאָל פון אירע מיטגלידער אַף 11. די מערהייט-גרופּע האָט אויך אַרויסגערוקט אַ קאָאַליציע-ליסטע, די לינקע און צענטער האָבן דערקלערט, אַז זיי נעמען אַראָפּ זייער קאַנדידאַטור פון דער מערהייט-ליסטע, און וועלן אין צ. ב. ניט גיין, ווייל זיי קאָנען טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט בלויז באַ א לינקער מערהייט פון צ. ב.

דער פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ האָט דערקלערט, אַז די דאָזיקע מעלדונג, ווי אויך די אַנאַלאָגישע מעלדונג פון כ' מערעזשינס גרופּע, קאָן ניט דינען אַלס גרונט פאַר דער קאָנפערענץ, אַז זי זאָל זיך אָפּזאָגן אַוועקשטעלן אַף אָפּשטימען די גאַנצע ליסטע, וועלכע ס'האָט אַרוסגערוקט די מערהייט.

רעזולטאַטן פון די וואַלן:

ליסטע פון דער מערהייט—32 פּערזאָן.

" פון צענטער — 16 "

" פון כ. מערעזשין — 5 "

נאָכן פאַרעפנטלעכן די רעזולטאַטן פון די וואַלן איז אין נאָמען פון דער צענטער-גרופּע און כ' מערעזשינס גרופּע ווייטער דערקלערט געוואָרן, אז זיי ווילן ניט אַרייננגיין אין באַשטאַנד פון צ. ב., וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן דורך דער קאָנפערענץ *).

אַ גרופּע מיטגלידער פון צ. ב. און פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ.

*) די קאָנפערענץ האָט אַלס מיטגלידער פון צ. ב. אויסגעקליבן די כ"כ: נאָוואַקאָווסקי, לעוויטאַן, טשעסקיס, ש. עפּשטיין, מאַנדעלסבערג, אָרשאַנסקי, דימאַנשטיין, וואַפּעס און סודאַרסקי. אָבער דער צ. ק. האָט אָנשטאָט דעם כ' דימאַנשטיין, וועלכער איז אַוועקגעפאָרן פון מאָסקווע, און כ' ב. אָרשאַנסקי, איינגעשלאָסן אין באַשטאַנד די כ"כ: טשעמעריסקי און מערעזשין.

פֿאַרבינדונגען פֿון צ.ב. מיט אַנדערע לענדער *)

* * *

די לעצטע צייט האָט זיך דער צ.ב. איינגעגעבן איינצושטעלן פֿאַרבינ-דונגען מיט יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן אין אַ גאַנצער ריי לענדער, ווי פּוילן, ענגלאַנד, אַמעריקע, אַרגענטינע און אַנדערע, דורך אויס-טויש פֿון בריוו און ליטעראַטור.

עס זיינען אויך באַקומען געוואָרן ידיעות פֿון דייטשלאַנד און עסטרייך. מיר האָבן דערהאַלטן דעם ערשטן נומער פֿון יידישן וועכנטלעכן אָרגאַן „דער קאָמוניסט”, וואָס דערשיינט אין ווין.

דער אויפֿרוף פֿון צ. ב. צו די יידישע אַרבעטער אין אַרגענטינע.

דורכן אַרגענטינער דעלעגאַט צום 2-טן קאָנגרעס פֿון דריטן אינטערנאַ-ציאָנאַל האָבן מיר זיך געווענדעט צו די יידישע אַרבעטער פֿון אַרגענטינע מיטן פֿאָלגנדיקן אויפֿרוף:

כאַוויירים!

פֿון לאַנד, וואָס האָט אָנגעצונדן איבער דער גאַנצער וועלט דעם פֿאַקל פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וואָס צו אים זיינען געווענדעט די אויגן פֿון דער גאַנצער אונטערדריקטער מענטשהייט, שיקן מיר אייך אונדזער ברידערלעכן קאָמוניסטישן גרוס.

אין דעם העלדישן קאַמף, וואָס דאָס רוסלענדער אַרבעט-פֿאָלק פֿירט אָן פֿאַר דער איבערבויונג פֿון לעבן אַף קאָמוניסטישע יעסוידעס, גענומען

---

*) פֿון א באריכט פֿון צענטראַל-ביוראָ פֿון די יידישע קאמוניסטישע סעקציעס באַם צ. ק. ר. ק. פּ. פֿאַר דער צייט פֿון יול ביז סענטיאַבר 1920, דער באריכט איז געווען געדרוקט אין 1-טן נומער „ידיעות פון צ.ב. פֿון די יידישע סעקציעס” אין אָקטיאַבר 1920.

אַ טיכטיקן אָנטייל אויך די יידישע אַרבעטער, זיי האָבן צוריסן מיט די אַלטע יידישע פשאָרעמאַכערישע פּאַרטייען, ווי דער „בונד" און אנדערע, און זיינען אַריין אין דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז די אָנפירערן און וועג-ווייזערן פון דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

די יידישע גאַס אין רוסלאַנד איז איצט פול מיט קאַמף און שאַפונג. אַלץ, וואָס איז געבליבן אַ זייכער פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האַלט די ברייטע יידישע מאסן אין געפענגעניש פון נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערקייט, ווערט צושטערט און פאַרניכטעט. ס'איז אויסגעוואַקסן אַ נייער דאָר, אַ דאָר, וואָס שטייט מיטן ביקס אין האַנט אין די רייען פון דער רויטער ארמיי, און פירט אָן אַ מילכאָמע אַף לעבן און טויט מיט אַלע סאָנים פון דער ראַטנמאַכט, און בעמיילע אויך מיט די סאָנים פון אלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. אין די הונדערטער און טויזנטער קאָרבאָנעס, וואָס פאַלן טאָג-טעגלעך אין רוסלאַנד אַף די שלאַכט-פעלדער אין דער הייליקער מילכאָמע מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע, איז פאַראַן ניט ווייניק יידישע העלדן, און דאָס בלוט פון דידאָזיקע העלדן מאַכט נאָך דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פאַרהארטעוועטער אין זיין קאַמף, שטויסט אים אַף נייע גרויסע טאַטן.

אָט אזוי איז גליקלעכערווייז אַפּן גורל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאנד, ווי טאָמיד, אויסגעפאַלן צו זיין דער וועגווייזער פון אלע זיינע ברידער און שוועסטער, וואָס זיינען צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. ער צייגט זיי ווידער א ביישפּיל פון רעוואָלוציאָנערער זעלבסטאופּאָפּערונג, פון זעלטענער איבערגעבנקייט צו דער אַרבעטער-זאַך, און ס'איז געקומען דער מאָמענט, ווען אויך די יידישע אַרבעטער פון אַרגענטינע דאַרפן זיך שטעלן אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס קעמפט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון קאָמוניזם.

באַ אייך אין לאַנד וואַכט שוין אויף דער פּראָלעטאַריאַט צו דעם לעצטן און אנטשיידענעם קאַמף מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג פון רויב און מאָרד, ער הויבט אויף די פאָן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און איר מוזט זיך אלץ פעסטער און פעסטער פאַרייניקן אַרום דערדאָזיקער פאָן.

צעררייסט זשע אזוי, ווי מיר, מיט אַלע אייערע פשאָרעמאַכערישע פּאַרטייען, וואָס האָבן אייך ביז אַהער געהאַלטן געפאַנגען, זאָגט זיך אָפּ איין מאָל פאַר אלע מאָל פון דער ירושע פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון אַלע נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַליסטישע פאָרורטיילן, און טרעט אַריין אין די רייען פון אייער קאָמוניסטישער לאנדפּארטיי: נאָר דעמלט וועט איר ווערן פולבארעכטיקטע מיטגלידער פון 3-טן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס פאַראייניקט אַרום זיך דעם רעוואָלוציאָנערן פּראלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט.

איצט איז אָנגעקומען די צייט פון טאַט, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז שוין ניט קיין טעאָריע, נאָר א פאַקט, און איר מוזט מיט אייער בלוט מיט אייער מעסירעס נעפעש, אַזוי ווי מיר אין רוסלאנד, מיטהעלפן דער

אויפבויונג פון דער ראַטנמאַכט אין אַרגענטינע. דאָס איז דער געבאָט פון דער שאָ, אייער הייליקער כויוו אַלס אַרבעטער.

לעבן זאָל די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַרגענטינע!

לעבן זאָל דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס קעמפט אומעטום אונטער דער פאָן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל!

לעבן זאָל די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע!

צענטראַל-ביוראָ פון די יידישע סעקציעס
באַם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער רוסלענדער
קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

גרוסן פון אמעריקע און קיין אמעריקע.

באזונדערס אָפטע יעדיעס קריגט די צ. ב. פון אמעריקע, אַ געגויעם באריכט וועגן דער ארבעט פון אונדזערע כאַווײרים אַף יענער זייט יאַם האָט אונדז גע-בראַכט דער כ׳ אגורסקי, וואָס האט זיך אומגעקערט פון דאָרטן, דערפּילנדיק זיין שליכעס, וואָס ער האָט געהאַט פון צ. ב. און קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אַ בריוו דער צ. ב. פון די אַמעריקאַנער יידישע קאָמוניסטן.

די צ. ב. האָט דורך דעם כ׳ אַגורסקי באקומען פון דער יידישער פעדע-ראַציע פון דער פאַראייניקטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע פאָלגנדיקן בריוו, געשריבן אַף זייד:

ניו-יאָרק, יוני 1920.

צו די יידישע סעקציעס פון דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי! כאַווײרים!

מיר באַנוצן זיך מיט דער זעלטענער געלעגנהייט איבערצושיקן צו אייך אונדזער הערצלעכן ברודערלעכן און קאָמוניסטישן גרוס.

די קאָמוניסטישע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע איז פאַרהעלטענישמעסיק נאָך זייער יונג. ערשט מיט א יאָר צוריק מאַי 1919 האָבן מיר זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער סאָציאַל-פּאַטריאָטישער און קליינביר-גערלעך-רעפאָרמאַטאָרישער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, און שוין האָבן מיר באַוויזן טיף אַריינצודרינגען מיט אונדזערע אידייען און פּרינציפּן אין דער מאַסן-באַוועגונג פון די יידישע ארבעטער. מיט דער אנטשטייונג פון אונדזער אָרגאַניזאַציע איז צום ערשטן מאָל געבראַכט געוואָרן צום יידישן אַרבעטער פון אמעריקע דער געדאַנק, אז די סאָציאַלע רעוואָלוציע און די פּראָלעטאַרישע דיקטאטור זיינען ניט בלויז קיין הייליקע פּסוקים צום ווידער-האָלן אין מאָמענטן פון א סאָציאַלער באַגייסטערונג, נאָר פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף, וואָס פון זיי מוז באַשטימט ווערן די טאָגטעגלעכע פּאָליטיק פון א סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, און וועלכע דאַרפן פאַרבונדן ווערן מיט יעדער ארויסטרעטונג פון דעם אַרבעטער-קלאַס קעגן די קאַפּיטאַליסטן.

אין איינקלאַנג מיט דעם האָבן מיר אויך באַהאַנדלט די נאַציאָנאַל יידישע פּראָבלעמען. מיר האָבן געקעמפֿט אַף דעם ענערגישסטן אויפֿן מיט דער קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג אַף דער יידישער אַרבעטערגאַס פֿון אַמעריקע און האָבן זיך באַמיט שטענדיק צו האַלטן פֿאַר די אויגן פֿון די יידישע ארבעטער די קאָמוניסטישע אופֿאַסונג פֿון די יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

אונדזער וועג איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט געווען גלאַט. מיר האָבן נעהאַט בייצוקומען דעם רעזולטאַט פֿון יאָרן סאָציאַל-פּאַטריאָטישער און פֿאָרווערטסטיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט זיך געקליידט אין סאָציאַליסטישע בעגאָדים, קעדיי לייכטער צו קענען נאַרן דעם אומדערפֿאַרענעם און אָפּגעשטאַנענעם אַרבעטער, און נאָר איצט זיינען אונדזערע געפֿערלעכסטע סאָנים די אַזוי גערופֿענע סאָציאַליסטישע צייטונגען. דער „פֿאָרווערטס" און „די נייע וועלט" וועלכע כאַנפֿענען דעם באָלשעוויזם אין רוסלאַנד און באַקעמפֿן אַף דעם מיעסטן אויפֿן דעם קאָמוניזם אין אַמעריקע.

מיר האָבן אויך געהאַט אויסצושטיין שווערע פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון דער רעגירונג. נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן צו אָרגאַניזירן אונדזערע קרעפֿטן, האָט זיך אַף אונדז אַראָפּגעלאָזט די שווערע האַנט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע, וועלכע האָט געדראָט אויסצוראטן מיטן וואָרצל די ערשטע שפּראָצונגען פֿון אַ קאָמוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. אָבער ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס אונדזער באַוועגונג איז נאָך געווען יונג און אומדערפֿאַרן, איז אונדז דאָך געלונגען איבערצוקומען דעם ערשטן אָנגריף פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע. מיר האָבן גלייך געענדערט די פֿאָרמען פֿון אונדזער אָרגאַניזאַציע, און האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען; צו די קומענדיקע אַטאַקעס פֿון אונדזער „דעמאָקראַטישער" רעגירונג וועלן מיר שוין זיין בעסער צוגעגרייט.

עס איז אונדזער טיפֿסטער ווונטש איינצושטעלן מיט אייך ענגע און שטענדיקע פֿאַרבינדונגען. מיר ווילן דאָס ניט בלויז צוליב דער הילף, וואָס איר קענט און וועט אונדז געבן, נאָר אויך און הויפּטזעכלעך צוליב דעם, קעדיי אויסצואַרבעטן צוזאַמען מיט אייך אַן איינהייטלעכע באַציונג צו די שווערע און פֿאַרוויקלטע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פֿאַר דעם יידישן אַרבעטערקלאַס פֿון דער גאַנצער וועלט. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז איר אַליין וועט אַף זיך מוזן נעמען די איניציאַטיוו צו אָרגאַנירן אַ פֿאַרבאַנד פֿון די יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון דער וועלט, וואָס זאָל פֿונקציאָנירן אַלס אַ סעקציע פֿון דעם רויטן אינטערנאַציאָנאַל.

מיט קאָמוניסטישן און רעוואָלוציאָנערן גרוס.

די יידישע ברענטשעס (אָפּטיילונגען) פֿון דער פֿאַראייניקטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אַמעריקע.

ה. פונק—אָרגאַניזאַטאָר.

(שטעמפּל פֿון דער יידישער פֿעדעראַציע פֿון דער פֿאַראייניקטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אַמעריקע).

דערויף האָט די צ. ב. געענטפֿערט:

צו דער ייִדישער פֿעדעראַציע פֿון דער פֿאַרייניקטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אַמעריקע.

כאַווייריִם!

אייער גרוס, געשריבן אַף זייד, האָבן מיר באַקומען און ער האָט זייער דערפֿרייט. צו אונדז זיינען דערגאַנגען אייניקע ידיעות, אַז די ייִדישע אַרבעטער פֿון אַמעריקע הויבן זיך אָן ביסלעכווייז צו באַפֿרייען פֿון דער האַשפּאָע פֿון די פּשאָרעמאַכערישע און סאָציאַל-פֿאַרעטערישע פּאַרטייען, אַז זי טרייסלט ענדלעך אָפּ פֿון זיך דאָס שטויב פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט מיט אַלע אירע פֿאָרורטיילן. מיר האָבן אָבער קיין אַנונג ניט געהאַט, וואָס פֿאַר אַ פֿאָרמען דידאָזיקע באַוועגונג נעמט אָן בא אייך. פֿון גרוס זעען מיר, אַז איר האָט זיך געשטעלט אַפֿן ריכטיקן וועג דערמיט, וואָס איר האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אָרטיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און מיר פֿון אונדזער זייט באַגריסן מיטן גאַנצן האַרצן דידאָזיקע גרויסע האַסכאָלע. דאָס איז פֿאַר אונדז דער בעסטער באַווייז אַז איר פֿאַרשטייט ריכטיק אייערע אויפֿגאַבן.

די ייִדישע אַרבעטער זיינען אין אַמעריקע פֿון טאָמיד אָן געשטאַנען אין די ערשטע רייען פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג, און זיי דאַרפֿן זיין די ערשטע באַזונדערס איצט, ווען די אַרבעטער-באַוועגונג אין אַלע לענדער טרעט אַריין אין אַ נייער טקופֿע, ווען ס'ווערן איבערגעשאַצט אַלע אַלטע ווערטן, ווען די פֿאַרניכטונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז שוין מער ניט קיין טעאָריע, נאָר אַ פֿאַקט.

צו וואָס די אַרבעטער קענען זיך דערשלאָגן, וואָס פֿאַר אַן אומבאַזיגבאַרע מאַכט זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר, ווען זיי פֿאַרשטייען זייערע אינטערעסן און זיינען צווישן זיך פֿעסט פֿאַראייניקט, באַווייזט אַמבעסטן סאָוועטנרוסלאַנד. מיר לעבן דאָ איבער הונגער, נויט און קעלט אַדאַנק דעם אומופֿהערלעכן אָנגריף פֿון דער אַלוועלטלעכער בורזשואַזיע מיט אַלע אירע מעשאָרסים פֿון רעכטס און לינקס אַף דער איינציקער סאָציאַליסטישער רעפּובליק אַפֿן ערדקוגל. דאָס האַלט אונדז אָבער אַף אַ האָר ניט אָפּ פֿון פֿאָרזעצן מיט דער גרעסטער מעסירעס-נעפֿעש אונדזער קאַמף פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון קאָמוניזם, ווייל מיר זיינען איבערצייגט אין אונדזער פֿולן זיג.

אין דעמדאָזיקן קאַמף, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע, נעמען די ייִדישע אַרבעטער ניט קיין קליינעם אָנטייל. זיי האָבן אינגאַנצן צוריסן מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט, מיט דער גאַנצער אידעאָלאָגיע, וואָס מ'האָט אין זיי דערצויגן פֿאַר יאָרן און יאָרן. פֿון „בונד” זיינען איבערגעבליבן נעבעכדיקע רעשטלעך, וואָס פּרעגלען זיך אין דער אייגענער זאַפּט און שפּילן קיין שום ראָל ניט אַף דער ייִדישער גאַס. דאָסזעלבע איז אויך מיט די אַנדערע ייִדישע געוועזענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. זיי האָבן פֿאַרשוועכט

און געשענדט די רומפֿולע פֿאָן פֿון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, און די יידישע אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעקערט פֿון זיי מיט עקל, אַריינגיסנדיק זיך אין דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז די וועגווייזערן און אָנפֿירערן פֿון דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. די קליינע גרופּעס יידישע אַרבעטער, וואָס שטייען נאָך מעכוץ לאַמאַכנע, ווערן אויך אַלץ מער און מער דורכגעדרונגען מיט די קאָמוניסטישע אידייען און צווינגען זייערע פֿירערדיקע פֿאַרפֿירער איננאַנצן צו פֿאַרשווינדן פֿון דער אַרענע פֿון פּאָליטישן לעבן.

ס'איז ניט ווייט דער טאָג, ווען דער גאַנצער יידישער אַרבעטער-קלאס פֿון ראַטנרוסלאַנד וועט זיך אריינגיסן אין דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער פּראָצעס אין דעם פּראַט גייט אָן בא אונדז זייער שנעל, און מיר קענען שוין מיט שטאָלץ זאָגן, אַז אונדזער אָרגאַניזאַציע שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם קאָמוניסטיש-אָרגאַניזירטן יידישן פּראָלעטאַריאט פֿון אלע טיילן פֿון רוסלאַנד.

מיר זיינען איבערצייגט, אַז דערזעלבער פּראָצעס וועט אויך פֿאָרקומען באַ אייך. און ס'איז פֿאַרשטענדלעך, אַז אף וויפֿל מיר וועלן קענען מיטהעלפֿן דעמדאָזיקן פּראָצעס אין אַמעריקע. וועט איר אלע מאָל קריגן באַ אונדז די נויטיקע שטיצע. איר דאַרפֿט אָבער זען דורכצופֿירן די גרויסע היסטאָרישע אַרבעט, וואָס איז אויסגעפֿאַלן אפֿן גורל פֿון אייער אָרגאַניזאציע, בלויז מיט די אייגענע קויכעס, ווייל די אַנטוויקלונג פֿון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע גייט אין יעדן לאנד מיט איר אייגענעם וועג. דערצו מוזט איר קודעמקאָל פֿאַרשטאַרקן אייער קאמף פֿאַר דער פֿולער צופֿאַלונג פֿון יענע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען און פּאַרטייען, וואָס פּוצן זיך אין באָלשעוויסטישע פֿעדערן, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן קאָמוניזם פֿונווייטן, אָבער ניט בא זיך. איר מוזט אופֿדעקן זייער גאַנצע צווייפּעניקייט, זייער קליינבירגערלעכן מעהוס און פֿאַרמיעסן זיי אין די אויגן פֿון אַלע רעכטדענקנדיקע יידישע פּראָלעטאַריער, דאָס איז אַן אופֿגאַבע זייער א שווערע, נאָר באַ דעם איצטיקן אָנגעשטרענגטן קלאסנקאמף אין דער גאַנצער וועלט, ווען ס'ווערן צובראָכן אַלע אַלטע געטער אַף אש און שטויב, מוזן די יידישע געצקעס געוויס זיך צופֿאַלן באַ דער אָנווענדונג פֿון אַ פּאַסיקער טאַקטיק. כוץ דעם דאַרף מען זיך איין מאָל פֿאַר אלע מאָל אָפּזאָגן פֿון די פֿאַרשימלטע פּראָבלעמען וועגן דער אַלוועלטלעכקייט פֿון דער יידישער נאַציע און בעמיילע אויך פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט. דידאָזיקע פּראָבלעמען דאַרפֿן איבערגעגעבן ווערן אין אַרכיוו פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, ווי אַסאַך באגריפֿן, וואָס ס'מעקט אָפּ אַזוי שאַרף און אומבעראַכמאָנעסדיק די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע.

די איינציקע פּראָבלעם, וואָס ס'שטייט איצט אין איר גאַנצער גרויס פֿאַר די יידישע אַרבעטער פֿון אַלע לענדער, אַזוי ווי פֿאַרן גאַנצן אלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, איז די פֿולע פֿאַרייניקונג אונטער דער פֿאָן פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, צו מאכן די לעצטע און גרויסע אָנשטרענגונג פֿאַר דער ענדגילטיקער פֿאַרניכטונג פֿון קאַפּיטאַליזם. דאָ דאַרף געפֿונען ווערן אַן אַלגעמיינע שפּראַך פֿאַר דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון באַזונדערע לענדער, אויך

פֿאַרן ייִדישן, און אין דער ריכטונג קען געשטעלט ווערן פֿאַר די ייִדישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון אַלע טיילן וועלט איין אויפֿגאַבע—די פּראָפּאַגאַנדע פֿון די קאָמוניסטישע אידייען אַף דער ייִדישער שפּראַך.

אָט אין וואָס ס׳באַשטייט די ייִדישע פּראָבלעם, וואָס וועגן איר רעט איר אין אייער גרוס. דאָס איז אַ ריין טעכנישע פֿראַגע, און צוליב איר דאַרף מען ניט האָבן קיין באַזונדערע ייִדישע סעקציע אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. מיר זיינען לאַכלוטן קעגן אַזאַ זאַך, ווייל מיר זעען אין איר ניט איין קיין שום באַדערפֿעניש, דער ייִדישער אַרבעטער איז אַן אָרגאַנישער טייל פֿון דעם אַרבעטער-קלאַס פֿון יעדער לאַנד, און דערמיט, וואָס די קאָמוניסטישע לאַנד-פּאַרטיי איז פֿאַרטראָטן אין דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, איז שוין, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, פֿאַרטראָטן אין לעצטן אויך דער ייִדישער אַרבעטער. אַף וויפֿל ס׳האַנדלט זיך וועגן דער באַשאַפֿונג פֿון אַ ייִדישער ביוראָ באַם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן מיר אין זינען בלויז טעכנישע פּראָפּאַגאַנדע-צוועקן, אָבער פֿאַר קיין פֿאַל ניט די לייזונג פֿון ספּעציעל ייִדישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען ניט בעניִמצא אין אַן אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב.

אָט דעם קאָמוניסטישן עמעס מוז מען שטענדיק האָבן אין אויג, אַנדערש קען מען פֿאַרקריכן אין בויבעריק אריין און דעריידן זיך ביז אַן אייגענער טעריטאָריע פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון קאָמוניזם מיצאַד דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. קעגן אַזעלכע שעדלעכע טעאָריעס מוז געקעמפֿט ווערן אַפֿן שאַרפֿסטן אויפֿן, באַזונדערס אין אַזאַ לאַנד, ווי אַמעריקע, וווּ מען איז אַזעלכע מאַיסטערס דורך רעקלאַמעס אַרויסרופֿן היסטעריע.

קיין שום היגרייסונג מיט ספּעציעלע ייִדישע פּראָבלעמען: פּראַקטישע, גוט דורכגעמאַכטע אָרגאַניזאַציע-אַרבעט, צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע באַדינגונגען—דאַרף זיין אייער פּראָגראַם, ווייל אין לעבעדיקע טאַטן, אָן קיין שום גריבלעניש אין פּראָבלעמען לעשעם פּראָבלעם, באַשטייט די שטאַרקייט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין דער הינזיכט האָט שוין די ראַטנמאַכט אין רוסלאַנד פֿאַר די דריי יאָר פֿון איר עקזיסטענץ געגעבן גענוג דערפֿאַרונג, און מיר פֿאַרהאָפֿן, אַז דידאָזיקע דערפֿאַרונג וועט אויך פֿאַר אייך ניט גיין לעיִבעד.

מיר ווייסן, אַז אייער קאַמף-וועג איז פֿול מיט דערנער, איר האָט צו באַזייטיקן אַזעלכע שוועריקייטן און הינדערנישן, וואָס זיינען אונדז לאַכלוטן פֿרעמד. פֿון איין זייט מוזט איר אייער אַרבעט אָנפֿירן אונטערערדיש, ווייל צו פֿעסט פֿילט זיך נאָך באַ אייך אין זאָטל דער „געלער טייוול": פֿון דער צווייטער זייט מוזט איר בייקומען די נאַציאָנאַליסטישע היסטעריע, די שעדלעכע האַשפּאָע פֿון אייער שונד-סאָציאַליזם, וואָס האַלט נאָך געפֿאַנגען די ברייטע ייִדישע מאַסן אין אַמעריקע. דאָס אַלץ פֿאָדערט דעריבער פֿון אייך אַ באַזונדערע פּרינציפּיעלע אויסגעהאַלטנקייט, דער איקער אין אָט די פֿראַגן פֿון ייִדישן לעבן, וווּ דער וועג איז אַזוי גליטשיק, און מיר זיינען זיכער, אַז איר וועט געפֿינען די נויטיקע מיטלען און פֿאָרמען ווי אויסצוטרעטן ברייטע שליאַכן פֿאַר דער ייִדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, קעדיי צו ווערן

אָפּענע, לעגאַלע און אײנציקע הערשער, סײַ אידעיש, סײַ פּראַקטיש, אַף דער יידישער גאַס.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז ס'איז אומבאַדינגט נויטיק אַן ענגער פאַר־באַנד צווישן אײך און אונדז, און מיר ווילן טאקע, אַף וויפל דאָס איז נאָר מעגלעך באַ די איצטיקע אומשטענדן, אַז דערדאָזיקער פאַרבאַנד זאָל זיין ניט קיין צופעליקער, נאָר אַ שטענדיקער. דער ערשטער שריט איז געמאַכט גע־וואָרן, שטרעקן מיר אײך אויס דורכן אַטלאַנטישן אָקעאַן אונדזערע ברידער־לעכע קאָמוניסטישע האַנט, וואָס איז שוין איינגאַנצן פאַרמאַזאָליעט פון קאַמף, און וואַרטן פון אײך גאָר איינגיכן צו הערן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" לויט אונדזער רוסלענדישן נוסעך:

„דאָס איז שוין דער לעצטער
און אַנטשיידענער שטרייט!".

מיטן קאָמוניסטישן גרוס
צענטראַל־ביוראָ פון די יידישע סעקציעס באַם צענ־טראַל־קאָמיטעט פון דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די ליקווידאַציע פֿון „בונד"

דער אונטערגאַנג פֿון „בונד"

* * *

נאָך דער 12-טער קאָנפֿערענץ פֿון בונד, אף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס, אַז דער „בונד" אָנערקענט די פּראָגראַם פֿון דער ר.ק.פּ. (ב.), האָט דער צ. ק. פֿון „בונד" אָנגעהויבן דורכצופֿירן די באַשלוסן און אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיטן קאָמינטערן וועגן אַריינטרעטן אין דער ר. ק. פּ. אין נאָיאַבער 1920 יאָר האָט דער אויספֿירקאָם פֿון קאָמינטערן פֿאָר-געלייגט די צענטראַל-קאָמיטעטן פֿון ר. ק. פּ. און „בונד" שאַפֿן אַ קאָמיסיע אונטערן פֿאָרזיץ פֿון אַ פֿאָרשטייער פֿון קאָמינטערן צו באַטראַכטן די פֿראַגע וועגן אַריינטרעטן פֿון „בונד" אין ר. ק. פּ. די קאָמיסיע איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן. אין באַשטאַנד פֿון דער קאָמיסיע זיינען אַריין די כ"כ: קרעסטינסקי, פּרעאָבראַזשענסקי און משעמעריסקי פֿון דער ר. ק. פּ. און וויינשטיין, ליט-וואַקאָוו און עסטער פֿון „בונד". דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע איז געווען דער פֿאָרשטייער פֿון קאָמינטערן דער כאַווער שאַבלין.

ווען די קאָמיסיע איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, האָבן די פֿאָרשטייער פֿון דריטן „קאָמבונד" אַרויסגעשטעלט דיזעלביקע באַדינגונגען פֿאַר דעם אַריינטריט אין דער ר. ק. פּ., וואָס דער „בונד" האָט אַרויסגעשטעלט דער ר. ס. ד. א. פּ. אין דער צייט פֿון צווייטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ר. ס. ד. א. פּ. ווען דער „בונד" איז אַרויס פֿון דער פּאַרטיי. דער דריטער „קאָמבונד" האָט געפֿאָדערט דיזעלביקע אָרגאַניזאַציע-פֿאָרם, וואָס דער „בונד" האָט געהאַט, ווען ער איז געווען אין דער ר. ס. ד. א. פּ. און דערצו זאָל דער נאָמען „בונד" בלייבן. די קאָמיסיע האָט דידאָזיקע באַדינגונגען אָפּגעוואָרפֿן און פֿאָרגעלייגט דעם „בונד" אַריינצוגיין אין דער פּאַרטיי לויט דעם אוסטאַוו פֿון דער ר. ק. פּ. די דעלעגאַציע פֿון „בונד" האָט אַפּעלירט צום אויספֿירקאָם פֿון קאָמינטערן אָבער דער אויספֿירקאָם האָט באַשטעטיקט דעם באַשלוס פֿון דער קאָמיסיע.

דער באַשלוס פֿון קאָמינטערן האָט אַוועקגעשטעלט די פֿירער פֿון „בונד" אין זייער אַן אומאָנגענעמער לאַגע. פֿון איין זייט האָט דער „בונד" דערקלערט, אַז די פּראָגראַם פֿון ר.ק.פּ. איז די פּראָגראַם פֿון „בונד" און פֿון דער צווייטער זייט האָבן זיי געפֿאָדערט פֿון ר. ק. פּ. און פֿון קאָמינטערן אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס זיינען קעגן דער פּראָגראַם און טאַקטיק פֿון ר. ק. פּ. אַט דערדאָזיקער

ווידערשפּרוך האָט געבראַכט דערצו, אַז די פֿירער פֿון „בונד“ זאָלן זיך סאָפּקאָלסאָף אָפּזאָגן פֿון זייערע פֿאָדערונגען און אָננעמען די באַדינגונגען פֿון דער ר.ק.פּ., אָבער די פֿירער אַליין האָבן דעם באַנקראָט פֿון „בונד“ ניט געוואָלט דערקלערן, האָבן זיי באַשטימט צונויפֿרופֿן אַן עקסטרע אויסעראָרדנטלעכע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“ און דאָרטן די פֿראַגע באַשליסן.

די קאָנפֿערענץ איז באַשטימט געוואָרן אַף דעם ערשטן מאַרט 1921 יאָר אין מינסק. פֿאַר דער קאָנפֿערענץ איז די בונדישע פּרעסע געווען פֿול מיט טרויער-אַרטיקלען. אין אַ לייטאַרטיקל פֿון האָמלער „וועקער“ פֿון 19 פֿעוראַל 1921 יאָר קלאָגט דער שרייבער:

„דער באַשלוס פֿון דער קאָמיסיע פֿון קאָמינטערן איז אַ באַשלוס, וועלכער מאַכט אַ סאָף צום „בונד“ אַלס אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט און מיט דעם ווערט איבערגעריסן דער גאָלדענער פֿאָדעם פֿון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכער האָט זיך געשפּינט אין משך פֿון 25 יאָר און וועלכער איז אַזוי ענג דורכגעפֿלאָכטן מיט אונדזער נייער קולטור“.

סאַי אין מינסקער און סאַי אין האָמלער „וועקער“ זיינען געווען געדרוקט רעזאָלוציעס, אין וועלכע מען האָט געפֿאָדערט, אַז מ'זאָל דעם באשלוס פֿון דער קאָמינטערן-קאָמיסיע ניט אָננעמען און וואַרטן אַפֿן דריטן קאָנגרעס פֿון קאָמינטערן און זיך ווענדן צום קאָנגרעס, אַז ער זאָל ענדערן דעם באַשלוס. אַנדערע רעזאָלוציעס האָבן געפֿאָדערט, אַז מע זאָל אין קיין פֿאַל ניט אָננעמען דעם באַשלוס פֿון דער קאָמינטערן-קאָמיסיע. אָבער פֿאַר די פֿירער איז גאַנץ קלאָר געווען דער גורל פֿון „בונד“. זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די קאָנפֿערענץ וועט זיין דער קאַבראָן, וואָס וועט דעם „בונד“ באַגראָבן. און די כאַווערטע עסטער האָט אין אַן אַרטיקל, געדרוקט אין נום. 736 „וועקער“, געטרייסט די בונדיסטן מיט אַזעלכע ווערטער:

„און זאָל דאָס איצט, אין דעם לעצטן מאָמענט, קלאָר און דייטלעך געזאָגט ווערן, וואָס עס זאָל ניט געשען מיטן נאָמען פֿון „בונד“, מיט דער פֿאָרם פֿון „בונד“, וואָס פֿאַר אַ באשלוסן די קאָנפֿערענץ זאָל ניט אָננעמען—דער בונדיזם וועט לעבן ביזוואַנען ס'וועט לעבן די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג, ביזוואַנען עס וועט לעבן דער יידישער פּראָלעטאַריאַט. דער בונדיזם וועט לעבן—און וועט זיגן“.

* * *

די לעצטע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“ האָט זיך ענדלעך אָנגעהויבן: אין טאָגאָרדענונג איז געווען איין פֿראַגע: „יע, אָדער ניט אָננעמען דעם באשלוס פֿון דער קאָמינטערן-קאָמיסיע“. די פֿראַגע האָט אַרויסגערופֿן אַ ליידנשאַפֿטלעכע דיסקוסיע, וועלכע האָט געדויערט אייניקע טעג. אַסאך פֿון די דעלעגאַטן האָבן באַשולדיקט דעם צענטראַל-קאָמיטעט, אַז ער האָט פֿאַראַטן דעם „בונד“. די כאַווערטע עסטער האָט אין איר שלוס-וואָרט וועגן דער פֿראַגע דערקלערט:

„מיר האָבן דעם קאָמינטערן דערקלערט: איר קענט אונדז צווינגען, איר קענט אונדז ברעכן, איר קענט אונדז אָבער ניט איבערמאַכן, מיר בלייבן דאָס,

וואָס מיר זיינען געווען. כאַוויירים, צי קאָנט איר זיך פֿאָרשטעלן, אַז דער „בונד" האָט געקענט דערגיין צו אַזאַ לאַגע, אַז זיינע פֿירער זאָלן אים פֿאַראַטן"?

דידאָזיקע רעדע האָט די רעדנערן פֿאַרענדיקט:

„לאָמיר ווייזן, אַז די פֿאָרם פֿון „בונד" האָט אזוי אויסגעשמידט די יידישע ארבעטער-באַוועגונג, אז זי וועט קאָנען אָן איר אויך לעבן און אויפֿריכטן די יידישע אַרבעטער-נאַציע. פֿון דעם שטאַנדפונקט דאַרף מען היטן דעם קאָפּ, וועלכער וועט אייך ווייטער פֿירן צום קאַמף. דער קאָפּ איז מער פֿון אַלעמען פֿאַרבלוטיקט, ווייל ער איז דער קאָפּ"...

נאָך די טרויער-רעדעס פֿון אַלע דעלעגאַטן האָט די מערהייט פֿון דער קאָנפֿערענץ אָנגענומען די באַדינגונגען פֿון דער קאָמינטערן-קאָמיסיע.

דער באַשלוס פֿון דער מערהייט פֿון דער קאָנפֿערענץ אָנצונעמען דידאָזיקע באַדינגונגען זיינען באַגלייט געוואָרן מיט היסטערישע געשרייען און אַ געוויין פֿון אַ טייל דעלעגאַטן. די מינדערהייט פֿון דער קאָנפֿערענץ, וועלכע איז געווען קעגן אָנעמען דעמדאָזיקן באשלוס, האָט נאָך דעם באַשלוס געמאַכט אַ דערקלערונג, אין וועלכער עס געפֿינען זיך דידאָזיקע טרויעריקע ווערטער:

„דער גורל פֿון „בונד" איז געפֿאַלן. דער בונד וויקלט צונויף זיין אַלטע קאַמף-פֿאָן, וואָס האָט 25 יאָר געוויזן דעם וועג, געפֿירט און געבראַכט צום ניצאָכן איבער זיינע קלאַסן-פֿיינט דעם יידישן אַרבעטער-קלאַס, אין דעם מאָמענט, ווען עס פֿאַרווירקלעכן זיך די דערהאַבנסטע אידעאַלן און טרוימען פֿון דעם אַלוועלטלעכן אַרבעטער-קלאַס, פֿאַר וועלכן ס'האָט געקעמפֿט, געליטן און געשטאָרבן אין קאַמף דער יידישער אַרבעטער, טראָגט די געשיכטע אַרויס אַ גרויזאַמען פסאַק-דין פֿאַרן „בונד", דעם סימבאָל פֿון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג".

די מערהייט פֿון דער קאָנפֿערענץ האָט אָבער אין אַ דעקלאַראַציע, וואָס זי האָט אַרויסגעלאָזן, געטרייסט די יידישע אַרבעטער:

„יידישע אַרבעטער! דער „בונד" גייט פֿון אייך ניט אַוועק. ער בלייבט מיט אייך. ער פֿירט אייך צוזאַמען מיט זיך אונטער די פֿאָנען פֿון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

יידישע אַרבעטער! אייער ליבשאַפֿט, אייער צוטרוי, אייער טרייהייט צום יידישן אַרבעטער-בונד טראָגט אַריין אין יענעם גרויסן בונד, אין וועלכן ס'וועט מיט דער צייט אויסוואַקסן די אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן פראָלעטאַריאַט, אין דעם גרויסן בונד פֿון פראָלעטאַריער פֿון אַלע נאַציעס".

מיט אַ כוידעש שפּעטער (אין אַפּרעל 1921 יאָר) האָט זיך פֿאַרענדיקט דער עפּילאָג פֿון דער בונדישער טראַגעדיע. אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן דער אַריינגאַנג פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין דער ר. ק. פּ. דער אַריינגאַנג פֿון די בונדיסטן אין ר. ק. פּ. איז פֿאָרגעקומען דורך פֿייערלעכע פֿאַרזאַמלונגען. אין מינסק, ווו ס'האָט זיך געפֿונען דער צ. ק. און עס איז געווען די גרעסטע בונדישע אָרגאַניזאַציע, איז דער אַריינטריט פֿאָרגעקומען מיט אַ באַזונדערן פּאַראַד. די מינסקער בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט דעם 19-טן אַפּרעל צוזאַמענגערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג און פֿון דערדאָזיקער לעצטער בונדי-

שער פֿאַרזאַמלונג זײַנען 175 בונדיסטן אַוועק מיט זייערע פֿאָנען אין שטאָטישן טעאַטער, וווּ עס האָט זיך פֿאַרזאַמלט די מינסקער אָרגאַניזאַציע פֿון ק.פ.וו. און איבערגעגעבן די באַזיגטע פֿאָן פֿון „בונד" דער זיגרייכער קאָמפּאַרטיי. אַף דערדאָזיקער פֿאַרזאַמלונג האָט כ' ווײַנשטיין געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע, אין וועלכער ער האָט געגעבן אַ היסטאָרישן איבערזיכט וועגן דער ראָל פֿון "בונד" און האָט געזאָגט, אַז אַפֿילע איצט באַהאַלטן מיר ניט דעם געדאַנק, אַז דער יידישער אַרבעטער דאַרף האָבן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, נאָר מיר וואַרפֿן זיך אונטער דעם באַשלוס פֿון קאָמינטערן.

אַף מאָרגן, דעם 20-טן אַפּרעל 1921 יאָר, איז אין „שטערן" דערשינען פֿאָלגנדיקער אַרטיקל:

„דער שטערן".

„דער שטערן" הערט אוף אין מינסק אַרויסגיין. היינטיקער נומער איז דער לעצטער.

פֿון מאָרגן וועט „דער וועקער" דער אָרגאַן פֿון דער צענטראַל-ביוראָ פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ווייסרוסלאַנד און פֿון הויפּט-ביוראָ פֿון די יידסעקציעס.

זאָל עס ניט זיין קאָשעדיק, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז דאָס איז אַ ניצאָכן און אַ גרויסער ניצאָכן פֿון אונדזער „שטערן".

די זאַך איז דאָך ניט אין נאָמען, נאָר אין עצעם, אין טאָך.

„דער שטערן" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען באַ אונדז אין מינסק, ווען אַף דער יידישער גאַס איז געווען „כוישעך מיצראַים", אַז מע האָט די פֿינצ-טערניש מאַמעש מיט די הענט געקענט אָנטאַפּן. די סאָוועטנמאַכט איז געווען טרייף, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי נאָך טרייפֿער, געבענקט האָט מען נאָך דער דעמאָקראַטיע און דולדן האָט מען געמוזט די סאָוועטנמאַכט.

און אָט האָט זיך באַוויזן אַף דער יידישער גאַס „דער שטערן", וועל-כער האָט דער ערשטער געבראַכט די בסורע פֿון אַ שיינעם ליכטיקן, זוניקן פֿרימאָרגן. ער האָט גענומען צוטרייבן די געדיכטע פֿינצטערניש און ביסלעכ-וויז האָבן די יידישע אַרבעטער זיך גענומען ציען נאָך „דעם שטערן" און נאָך זיין ליכט.

„דער שטערן" האָט דאָס ערשטע קאָמוניסטישע וואָרט אַריינגעטראָגן צווישן די יידישע מאַסן אין ווייסרוסלאַנד, און דאָס אַליין מאַכט זיין באַדיי-טונג פֿאַר אומגעהויער גרויס אין דער געשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג פֿונם קאָמוניסטישן געדאַנק.

צווישן די יידישע אַרבעטער וועט „דער שטערן" פֿאַרנעמען אַ כאָשעוון אָרט.

„דער שטערן" האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיך אַלע פֿאַזן פֿון דער אַנטוויק-לונג פֿון קאָמוניסטישן געדאַנק, אָנהויבנדיק פֿון דער צייט, ווען עס האָט זיך געבילדעט באַ אונדז אין ווייסרוסלאַנד „די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי", דורכגייענדיק די אַנטוויקלונג-סטאַדיע פֿון „קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד", ענדיקנדיק

מיט דעם שאַרפֿן שטרענג-אויסגעהאלטענעם, ריין אויסגעקריסטאַליזירטן קאָמו-ניסטישן וואָרט און געדאַנק.

דער גוירל פֿון „שטערן“ איז געווען דער גוירל פֿון מינסק. אָנצאָליקע עוואַקואַציעס און רעעוואַקואַציעס, וואָס האָט זיך זייער שלעכט אָפּגערופֿן אַף דער טעכנישער זייט פֿון דער צייטונג, די שריפֿט איז בײַ יעדער מאָל אַלץ וויניקער און ערגער געוואָרן.

באַזונדערס סימבאָליזירט די צייטונג דעם טראַגישן טויט פֿון איר ערשטן רעדאַקטער כאַווער כאַיקין, וועלכער איז געפֿאַלן אַלס קאָרבן אין קאַמף מיט די פּוילישע לעגיאָנערן.

דאָס איז געווען אין ווילנע, ווען ער איז געפֿאָרן איבערפֿירן די צײַ-טונג אַהין. אים האָט דאָרטן געטראָפֿן דער פּלוצלונגדיקער איבערפֿאַל פֿון די פּוילישע לעגיאָנערן. ער האָט גענומען אַן אָנטייל אין דער דרײַטאָגיקער שלאַכט, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אַף די גאַסן פֿון ווילנע, און בײַם אָפּטרעטן האָבן אים ווילנער כאַווײרים געפֿונען ליגנדיק אַ טויטן מיטן ביקס בײַ דער זייט.

די פּען און די ביקס, דער בוך און די שווערד זײַנען דער קאָמוניס-טישער פּרעסע „צונויפֿגעוויקלט געגעבן געוואָרן“, און כאַווער כאַיקין האָט מיט זײַן העלדישן טויט אָנגעוויזן אַט דידאָזיקע ריכטליניע, אין וועלכער „דער שטערן“ דאַרף גיין.

און אונדזער צײַטונג איז אין דער גאַנצער צײַט פֿון איר עקזיסטענץ ניט אַף אַ האָר אָפּגעטראָטן פֿון דער צאַוואָע פֿון כ׳ כאַיקין.

דאָ, אין מינסק, געפֿינענדיק זיך אונטער דעם קרייץ-פֿייער פֿון דער פּוילישער שליאַכטע, האָט „דער שטערן“ אַף אַ מינוט ניט אופֿגעהערט צו רופֿן די יידישע אַרבעטער צום ביקס, צו רופֿן זיי אין דער רויטער אַרמיי.

„דער שטערן“ האָט זײַן שליכעס אויסגעפֿילט, ער האָט זײַנע סאָנים און קעגנער באַקעמפֿט.

איצט, איז אַף דער יידישער גאַס דאָ נאָר איין פּאַרטיי—די קאָמוניס-טישע פּאַרטיי פֿון רוסלאַנד. פֿון די איבעריקע פּאַרטייען: ווי רעכטער „בונד“, „פֿאַרייניקטע“, „פּויעלײ-ציאָן“ זײַנען נאָר געבליבן נעבעכדיקע רעשטלעך, וועלכע האָבן אָנגעוואָרן יעדער האַשפּאָע אַפֿן יידישן אַרבעטער.

„דער וועקער“, דער צענטראַל-אָרגאַן פֿון קאמוניסטישן „בונד“, איז נאָך דער 12-טער קאָנפֿערענץ פֿון בונד אלץ נעענטער און נעענטער געוואָרן צו אונדז און איצט, נאָך דער אריינגיסונג פֿון בונד אין ר. ק. פּ., הערט אויף „דער וועקער“ צו זיין דער אָרגאַן פֿון „בונד“ און ווערט דער אָרגאַן פֿון צ. ב. און פֿון פֿון ה. ב. פֿון דער ווייסרוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

זאָל דאָס פֿאַרצייכנט ווערן ווי אַ גלענצנדיקער ניצאָכן פֿון קאָמוניסטישן געדאַנק, פֿאַר וועלכן „דער שטערן“ האָט די גאַנצע צײַט געאַרבעט און געקעמפֿט.

„דער וועקער“.

די שיינע, גלענצנדיקע, ראָמאַנטישע געשיכטע פֿון „שטערן“ האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ גרויסן ניצחון. ער האָט מענאַצייעך געוועז „דעם וועקער“, וועלכער האָט אין די ערשטע יאָרן פֿון דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע ביטער געקעמפֿט קעגן דער סאָוועטנמאַכט און דער קאָמפּאַרטיי און האָט אים דעם 23-טן אַפּרעל געצווונגען צו ווערן זיין קאַמף-כאַווער און אָנהויבן ריידן מיט אַזאַ שפּראַך:

„פֿון היינט ווערט „דער וועקער“ דער אָרגאַן פֿון דער צענטראַל-ביוראָ פֿון דער ווייסרוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פֿון דער הויפּט-ביוראָ פֿון די יידסעקציעס אין ווייסרוסלאנד.

מיר צווייפֿלען ניט, אז יעדער יידישער אַרבעטער וועט אונדזער קאָמוניסטישע צייטונג אויפֿנעמען מיט דער גרעסטער סימכע און מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם.

נייע קויכעס, נייע קאַמף-אָפּטיילונגען האָט דער קאָמוניזם געוווּנען אין זיין קאַמף מיט דער אַלטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

דער פֿאַקט, אַז „דער וועקער“ איז געוואָרן דער אָרגאַן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז דער בעסטער באַווייז, אַז אַלץ, וואָס איז געזונט, אַקטיוו און לעבנפֿעיִק אין פּראָלעטאַריאַט, מוז געהערן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

„דער וועקער“ טראָגט אַריין אין דער פּאַרטיי אַ גרויסע, רייכע יערושע, וועלכע איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אין מעשעך פֿון פֿיל יאָרן קאמף און ניצכוינעס, ער טראָגט אויך אַריין אַ גרויסע, רייכע דערפֿאַרונג, וועלכע גרויסע טיילן פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָבן דורכגעמאַכט אַף זייער דאָרנדיקן וועג צום קאָמוניזם.

און אַף דעם אויפֿן וועט „דער וועקער“ העלפֿן אויסוואָרצלען די מינדעסטע ספֿייקעס און וואַקלענישן, וועלכע וועלן זיך געפֿינען אין הארצן פֿון סאַמע לעצטן יידישן אַרבעטער.

אָט אין דערדאָזיקער „גרויסער עפּאָכע פֿון אַרבעט“, אין וועלכער מיר טרעטן איצט אַריין, וועט אונדזער „וועקער“ אָנווייזן די מעטאָדן פֿון בויען און שאַפֿן, העלפֿן אַריינציִען די יידישע אַרבעטער אין גרויסן שאַפֿונג-פּראָצעס, קלייבן און זאַמלען די קויכעס און ענערגיע פֿון די מאכנעס יידישע ארבעטער אַף צו בויען די קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט.

„דער וועקער“ וועט אויך העלפֿן אָפּשאַפֿן אַלע מעכיצעס און אָפּצאַמונגען, מיט וועלכע דער יידישער אַרבעטער איז געווען אין דער אַלטער געזעלשאַפֿט אַרומגעצאַמט, און וועט אים אָרגאַניש צונויפֿבינדן מיטן פּראָלעטאַריאַט פֿון אַנדערע פֿעלקער, קעדיי געמיינזאַם מיט פֿאַראייניקטע קויכעס צו פֿירן דעם קאַמף פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון דער מענטשהייט פֿון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג.

„דער וועקער“ איז געשאַפֿן געוואָרן מיט צענדליקער יאָרן צוריק. ער האָט געדינט צו די אַרבעטער באַהאַלטענערהייט, פֿון אונטער דער ערד, דערפֿאַר איז זיין וואָרט דאַמלסט געוואָרן שטאַרק, אַנטשלאָסן.

היינט איז „דער וועקער" דער אָרגאַן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכער איז דער אַוואַנגאַרד פֿון הערשנדיקן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאנד.

פֿון אונטער דער ערד צו הערשאַפֿט—דאָס איז דער היסטאָרישער וועג פֿון פּראָלעטאַריאַט און פֿון זיינע פּאַרטיי-אָרגאַנען.

און טאָפּלט שטאַרק איז דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט פֿון שטאָל און אַייזן אויסגעשמידט זיין ווילן, זיין קראַפֿט אין די טורמעס, אַף די קאַטאָרגעס און אַף די טליעס.

און אַזוי וועט אונדז דער נאָמען „וועקער", דערמאָנען די קאַמף-טראַדיציעס פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין יענע צאַרישע צייטן, ווען פֿאַר אַ פֿרייען וואָרט פֿלעגט מען מיט צענדליקער לעבנס באַצאָלן.

היינט איז דאָס פֿרייע וואָרט אויסגעקעמפֿט. „דעם וועקער" האָבן מיר אַרויסגעצויגן פֿון אונטער דער ערדישער באַגרעבעניש. היינט שטייט אונדז פֿאָר די אויפֿגאַבע—אַרויסציען דאָס גאַנצע סאָוועטנרוסלאנד פֿון דער שווערער לאַגע, צו וועלכער עס האָבן אים דערפֿירט די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, וועלכע רינגלען איר אַרום.

ווי דאַמאָלסט, אַזוי איצט, וועט „דער וועקער" מיט דער גרעסטער היסלאַוועס און מעסירעסנעפֿעש רופֿן דעם יידישן אַרבעטער צום קאַמף פֿאַר די אידעאַלן פֿון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט.

זאָל לעבן „דער וועקער"!
זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע!
זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי!" *)

מיט דערדאָזיקער דערקלערונג האָט זיך פֿאַרענדיקט די געשיכטע פֿון „בונד". עס איז פֿאַרשווונדן פֿון דער יידישער פּראָלעטאַרישער סוויווע די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַמאָל געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער געשיכטע פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דער סאָף פֿון „בונד" איז געווען אַ טראַגישער. אין די גרעסטע מאָמענטן פֿון דער געשיכטע פֿון גרויסן פּראָלעטאַרישן באַפֿרייונג-קאַמף איז ער געווען אין דעם לאַגער פֿון די סאָנים פֿון אונדזער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. נאָך צוויי יאָר העלדישן קאַמף פֿון רוסישן פּראָלעטאַריאַט האָבן זיינע פֿירער גענומען זיך וואַקלען צווישן פּשאָרע-מאַכעריי און באָלשעוויזם. פֿון דערדאָזיקער וואַקלונג האָט דער „בונד" אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערפֿאַלן. די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן האָבן פֿאַרלאָזן דעם „בונד", און נאָך פֿינף יאָר רעוואָלוציע האָבן די פֿירער צונויפֿגעוויקלט די פֿאָן פֿון „בונד" און זיינען געוואָרן פֿאַרטיידיקער פֿון דער קאָמוניסטישער פֿאָן, וואָס די יידישע קאָמיסאַריאַטן און יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס האָבן אויפֿגעהויבן אין דער יידישער פּראָלעטאַרישער סוויווע.

ש. א.

---

*) ביידע אַרטיקלען וועגן „שטערן" און „וועקער" זיינען געשריבן געוואָרן פֿון כ׳ אָשעראָוויטש, וועלכער איז געווען דער רעדאַקטער פֿון „שטערן" און דערנאָך געוואָרן דער רעדאַקטער פֿון „וועקער".

פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט זיך!

אלגעמיינער ארבעטער-פֿארבאַנד

„ב ו נ ד“

אַ ציִרקוליאַר-בריוו.

אויסשליסלעך פֿאַר מיטגלידער פֿון די אָרגאַניזאציעס.

צו אלע אָרגאַניזאַציעס.

כ אַ ווי ר י ם!

אויספֿילנדיק די באַשטימונג פֿונם לעצטן פּלענום פֿון צ.ק., האָט זיך די ביוראָ פֿון צ.ק. געווענדעט צום אויספֿיר-קאָמיטעט פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל מיט אַ פֿאָרשלאַג אַיינצושליסן דעם „בונד“ אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, געבנדיק אַן אָרט דעם פֿאָרשטייער פֿון „בונד“ אין אויספֿיר-קאָמיטעט פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די קליינע ביוראָ פֿון אויספֿיר-קאָמיטעט פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אויסהערנדיק די דערקלערונגען פֿון אונדזער פֿאָרשטייער, האָט אָנגענומען פֿאָלגנדיקן באַשלוס וועגן דעם:

„פֿאָרלייגן דעם צענטראַל-קאָמיטעט פֿון „בונד“ און דעם צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי שאַפֿן אונטערן פֿאָרזיץ פֿון אַ פֿאָרשטייער פֿון אויספֿיר-קאָמיטעט פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַ קאָמיסיע אָף צו באַהאַנדלען די פֿראַגע וועגן דער צונויפֿגיסונג פֿון „בונד“ מיט דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אָף צוגרייטן די אַנטשיידונג פֿון די פֿראַגן וועגן די אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציִונגען אין די לענדער, ווו ס'האָט געאַרבעט דער „בונד“. צייטווייליק, ביז דער אַנטשיידונג פֿון דער פֿראַגע אין דער קאָמיסיע, געבן דעם פֿאָרשטייער פֿון „בונד“ באַראַטונג-רעכט אין דעם אויספֿיר-קאָמיטעט פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל“. די ביוראָ פֿון צ.ק. האָט אָנגענומען ביידע פֿאָרשלאַגן פֿון קאָמינטערן.

דער קאָמינטערן האָט באַשטימט פֿאַר אַ פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע דעם כ' שאַבלין (פֿאָרשטייער פֿון די באָלגאַרישע קאָמוניסטן), די ביוראָ פֿון צ.ק. פֿון בונד האָט אויסגעווילט פֿון איר זייט אין דער קאָמיסיע די כ"כ ווינשטיין, ליטוואַקאָוו און פֿרומקינע עסטער.

אַלס פֿאָרשטייער פֿון בונד אין קאָמינטערן האָט די ביוראָ פֿון צ. ק. אויסגעקליבן די כ-טע פֿרומקינע עסטער.

די אַרבעטן פֿון דער קאָמיסיע וועלן זיך אָנהויבן, וואַרשיינלעך, ניט פֿריער ווי אין אָנהויב פֿון דעקאַבער ד. י.

באַהאַנדלענדיק די דירעקטיוון, וועלכע דאַרפֿן געגעבן ווערן די פֿאָרשטייער פֿון צ. ק. אין דער קאָמיסיע, האָט די ביוראָ פֿון צ.ק. באַשטימט, אַז די פֿאָרשטייער פֿון צ.ק. אין דער קאָמיסיע דאַרפֿן זיך האַלטן באַ פֿאָלגנדיקע האַנאָכעס:

1) מיר רוקן אַרויס אונדזער פּראָעקט (זע „וועקער“ נום. 658 פֿון 29-טן יול 20-טן יאָר, מאָסקווע), ווי אַ מוסטער-פּלאַן פֿון צווישנבאַציִונגען אין ר.ק.פּ., ניט איינשטעלנדיק זיך אַף דער אומבאַדירלעכקייט פֿון באַזונדערע קאָנקרעטע פונקטן און אַף זייער געגעבענער רעדאַקציע.

2) מיר פֿאָדערן די אָנערקענונג פֿון דער האַנאָכע, אַז צוליב דעם עקסטעריטאָריעלן כאַראַקטער פֿון דער יידישער נאַציע דאַרף די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין יעדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון יעדן לאַנד באַקומען אַ פֿאָרם פֿון אָרגאַניזאַציע מיט אַ געוויסער מאַדרייגע פֿון זעלבשטענדיקייט.

3) באַ דעם באַהאַנדלען און באַשליסן די פֿראַגע דאַרפֿן דיסקאָנטירט ווערן די אינטערעסן פֿון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַלע לענדער.

4) באַ דער פֿאַרייניקונג ווערט איינגעהיט דער נאָמען פֿון „בונד“.

די ביוראָ פֿון צ.ק. האָט באַשלאָסן, ענדלעך, צורופֿן אַלע אָרגאַניזאַציעס צו דער אונטערשטיצונג פֿון צ.ק. און צו דער פֿאַרטיידיקונג פֿון אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ.

ס'ווערט אויך פֿאָרגעלייגט טייקעף צונויפֿרופֿן אָן אָרגאַניזאַציע-פֿאַרזאַמלונג, מיטצוטיילן אַף איר דעם גאַנצן אויסגעלייגטן מאַטעריאַל און פֿאָרצולייגן איר אָנעמען אַן אַנטשפּרעכנדיקע רעזאָלוציע.

די אָנגענומענע רעזאָלוציע איז נויטיק אַפּן דרינגלעכסטן אויפֿן אונדז צושיקן.

מיר זיינען איבערצייגט אין דעם, אַז אַלע אָרגאַניזאַציעס וועלן אויסדריקן זייער פֿולע סאָלידאַריטעט מיט דער פּאָזיציע, וואָס עס האָט פֿאַרנומען די ביוראָ פֿון צ.ק., און אין דעמדאָזיקן ערנסטן מאָמענט, ווען ס'באַשליסט זיך דער גורל פֿון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלן זיי טאָן אַלץ, קעדיי העלפֿן דעם צ.ק. צו פֿאַרטיידיקן אין דער קאָמיסיע און פֿאַרן קאָמינטערן אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ, וועלכער. דער איינציקער, באַדייט די מעגלעכקייט פֿון אַ קאָמוניסטישער אַרבעט אין דער יידישער סוויווע, און מיט דעם שוין אַליין אויך דער ריכטיקסטער שטאַנדפּונקט פֿון די אינטערעסן פֿון דער רעוואָלוציע אינגאַנצן.

ביוראָ פֿון צענטראַל-קאָמיטעט פֿון „בונד“.

סעקרעטאַר מ. ר אַ ש ק ע ס.

פראָעקט פון סטאַטוט פאַרן אריינטרעטן פון „בונד" אין ר.ק.פ.

(צוגעשטעלט פון צ.ק. פון „בונד" אין צ.ק. פון ר.ק.פ.).

1. דער „בונד" טרעט אַריין אין דער ר.ק.פ., ווי אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פראָלעטאַריאַט, וואָס איז ניט באַגרענעצט אין איר טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנע ראַמען.

2. די פראָגראַם פון „בונד" איז די פראָגראַם פון ר.ק.פ.

אָנמערקונג: די רעזאָלוציע פון דער צוועלפטער קאָנפערענץ פון „בונד" אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אַנטשפרעכט דעם אַלעמיינעם גייסט פון דער פראָגראַם פון ר.ק.פ., און דער „בונד" באַהאַלט דאָס רעכט צו אַגיטירן פאַר דידאָזיקע רעזאָלוציעס אין די רייען פון ר.ק.פ. און אומיטלבאַר פאַרווירקלעכן זי אין דער יידישער סוויווע.

3. דער „בונד" איז מעכוייעוו אַלע באַשטימונגען פון די אַלגעמיין-פאַרטעישע צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן און צ. ק.

4. אין די גרענעצן פון די באַשלוסן פון די צוזאַמענפאָרן פון ר. ק. פ. און פון דעם אַלגעמיין-פאַרטעישן צ.ק. בלייבט דער „בונד" זעלבשטענדיק אין פראַגן פון אַגיטאַציע, פראָפאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע, צוליב וואָס ער האָט זיינע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, צענטראַל-איינריכטונגען און צוזאמענפאָרן.

5. די מיטגלידער פון „בונד" נעמען אָנטייל אין די וואַלן פון די אָרטיקע אָנפירנדיקע פאַרטיי-אָרגאַנען אַף דעמזעלבן יעסאָד, ווי אַלע מיטגלידער פון ר. ק. פ.

6. דער „בונד" האָט פאַרטרעטונג אין צ.ק. פון ר.ק.פ.

7. אין די דעלעגאַציעס פון ר.ק.פ. אַף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן שיקט דער „בונד" זיינע פאָרשטייער.

נעמענדיק אין אַכט די באַדינגונגען פון איצטיקן מאָמענט, באַזונדערס אין פאַרבינדונג מיט די קאָלאָסאַלע שפעציעלע אויפגאַבן, וואָס לייגט זיך אַפן אַרבעטער-קלאַס און אַף דער פאַרטיי, וואָס פירט אים אָן—ווערן אַלס אַנטוויקלונג און דערגענצונג פון דעמדאָזיקן סטאַטוט אָנגענומען פאָלגנדיקע באַדינגונגען.

1. פולע קאָנסעקווענט-דורכגעפירטע איינהייט פון טאַט פון גאַנצן אָרגאַניזירטן פראָלעטאַריאַט אין אַלע פראַגן פון דער אַלגעמיינער פאָליטיק און אונטערוואַרפונג פון „בונד" דעמדאָזיקן פרינציפ: איינהייטלעכע פאַרטיי-קאָמיטעטן, איינהייטלעכע פראַקציעס און קעמערלעך (יאַטשייקעס) אין די ראַטן, פאַריינען, קאָאָפעראַטיון, רויטאַרמעישע טיילן, אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן, אַף צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן, וועלכע ווירקן אונטער דער אָנפירונג פון די אַלגעמיין-פאַרטעישע אָרגאַנען. דער „בונד" באַהאַנדלט די פראַגן פון דער אַלגעמיינער פאָליטיק אַף זיינע צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן און אַלגעמיינע

פֿאַרזאַמלונגען, ווי אויך אין זיין פּרעסע—אין דער אָרדענונג פֿון אויפֿקלערן די מיינונגען פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג: מיטן ציל וואָס ענגער פֿאַרבינדן די יידישע אַרבעטער מיט די אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען און וואָס צוועקמעסיקער צו פֿאַרווירקלעכן די אַלגעמיינע אָנפֿירונג און קאָנטראָל, ווייזט אָן דער צ.ק. ר. ק. פּ. די אָרטיקע כאַווירים, אַז ס'איז נויטיק די אָרטיקע קאָמיטעטן פֿון ר. ק. פּ. וואָס ווערן אויסגעקליבן אַף אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען אָדער אַלגעמיין-שטאָטישע קאָנפֿערענצן, זאָלן צוזאַמענגעשטעלט ווערן אַף אַזאַ אופֿן, אַז אומעטום, ווו יידישע אַרבעטער שטעלן פֿאָר אַ גענוג קאָמפּאַקטע מינדערהייט, זאָלן אין אַלגעמיינעם קאָמיטעט זיין בונדיסטן, וואָס זייער קאַנדידאַטור ווערט אַרויסגערוקט דורך זייער אָרגאַניזאַציע, אַזוי ווי זי וואָלט זיין אַן עקסטעריטאָריעלער ראַיאָן.

2. דער „בונד" פֿירט זעלבשטענדיק דורך די אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע קאָמוניסטישע אויפֿגאַבן אין דער אינעווייניק—נאַציאָנאַלער סוויווע.

דער „בונד" איז דער באַפֿולמעכטיקער פֿאַרטרעטער פֿון ר.ק.פּ. אין דעם איניען פֿון פֿאַרווירקלעכן די אויפֿגאַבן פֿון דער מעלוכע און פֿון די פּראָפֿאַריינען, אַף וויפֿל דאָס איז נויגייע די יידישע באַפֿעלקערונג, אין לייזן די פֿראַגן פֿון טאַקטיק בענויגייע צו יידישע פּאַרטייען און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, און ביקלאַל אין די אַלע פֿאַלן, וועלכע רירן אָן אויסשליסלעך די יידישע סוויווע. אין די ראַמען פֿון דער אַלגעמיין-פּאַרטעיִשער פּראָגראַם און פֿון די באַשלוסן פֿון די אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע צוזאַמענפֿאָרן און פֿון אַלגעמיין-פּאַרטעיִשן צ.ק. האַנדלט דער „בונד" אין אַלע פֿראַגן זעלבשטענדיק, און די אָרטיקע קאָמיטעטן פֿון „בונד" זיינען אין די אַלע פֿראַגן אונטערגעוואָרפֿן אומיטלבאַר זייערע גובערניאַלע, געגנט-און צענטראַל-קאָמיטעטן און פֿירן זיך אין די אויבנאָנגעוויזענע ראַמען לויט די באַשלוסן פֿון די בונדישע צוזאַמענפֿאָרן און קאָנפֿערענצן. אויב עס קומען פֿאָר מיינונג-פֿאַרשיידנהייטן אין דער אַרבעט צווישן די אָרטיקע אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע און בונדישע אָרגאַניזאַציעס, איז די ענדגילטיקע באַשטימנדיקע אינסטאַנץ דערביי דער צ. ק. ר. ק. פּ. דערביי ווערט פֿריער אָנגעפֿרעגט די מיינונג פֿון צ. ק. פֿון „בונד" און די באַשלוסן ווערן דורכגעפֿירט דורכן צ.ק. פֿון „בונד".

3. זעלבשטענדיקייט פֿון „בונד" אַפֿן געביט פֿון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

דער „בונד" האָט רעכט צו אָרגאַניזירן פֿאַרזאַמלונגען, מיטינגען אַרויסגעבן ליטעראַטור, איינאָרדענען פֿאַר זיינע מיטגלידער און פֿאַר יידישע אַרבעטער ביקלאַל באַזונדערע קלובן, אַרבעטערהיימען א. א. וו. פֿאַראַנטוואָרטלעך גלייך פֿאַרן צ. ק. ר. ק. פּ. פֿאַר די אויסגאַבן פֿון „בונד" סײַ צענטראַלע אַזוי אויך אָרטיקע, איז אויסשליסלעך דער צ.ק. פֿון „בונד".

4. זעלבשטענדיקייט פֿון „בונד" אַפֿן געביט פֿון אָרגאַניזאַציע.

א) די אָרדענונג פֿון אַריינעמען מיטגלידער, וואָס ווערט איינגעשטעלט אין דער ר.ק.פ. איז אָבליגאַטאָריש אויך פֿאַרן „בונד". דערביי ווערט יעדער פּערזאָן, וואָס טרעט אַריין אַלס מיטגליד פֿון „בונד", דורך דעם אַליין אַ מיטגליד פֿון ר.ק.פּ. ווערט אַריינגעטראָגן אין אַלגעמיינעם צעטל פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון ר. ק. פּ. מיט אַ באַזונדער באַמערקונג וועגן דעם, אַז ער איז אַ מיטגליד פֿון „בונד", און באַקומט דורכן קאָמיטעט פֿון „בונד" דעם געהעריקן פּאַרטיי-בילעט. די מיטגליד-אָפּצאָלן אין ר. ק. פּ. טראָגן די מיטגלידער פֿון ר. ק. פּ. אַריין דורך די קאָמיטעטן פֿון „בונד". דער „בונד" קען אַרופֿלייגן אַף זיינע מיטגלידער דערגענצונג-אָפּצאָלן; אַף די פּאַרטיי-בילעטן פֿון די מיטגלידער פֿון „בונד" ווערט אַכוץ דעם אַלגעמיינעם שטעמפּל אויך אַרופֿגעלייגט דער שטעמפּל פֿון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד" און די אונטערשריפֿט פֿון איר סעקרעטאַר.

ב) דער „בונד" האָט אַף די ערטער זיינע באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס קלייבן אויס אַף זייערע אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען די קאָמיטעטן פֿון „בונד" און האָט אויך רעכט צונויפֿרופֿן גובערניאַלע, געגנט-און אַלרוסלענדישע צוזאַמענפֿאָרן, וועלכע קלייבן אויס די גובערניאַלע געגנט-און צענטראַל-קאָמיטעטן.

די אָרגאַניזאַציע „יוגנט-בונד", וואָס געפֿינט זיך באַם „בונד", גייט אַריין אין יוגנט-פֿאַרבאַנד אַף דיזעלבע יעסוידעס, וואָס דער „בונד" גייט אַריין אין ר. ק. פּ. דער „בונד" באַהאַלט דאָס רעכט אומיטלבאַר אָנפֿירן מיטן „יוגנט-בונד" און דאָס רעכט צו באַשאַפֿן קלובן פֿאַר דער יידישער אַרבעטער-יוגנט, אַרויסגעבן פֿאַר איר ליטעראַטור א.א.וו. די אַלע מיטגלידער פֿון „בונד" געפֿינען זיך אין אומיטלבאַרן רעשוס פֿון „בונד". די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי-טוער פֿון „בונד" קענען אַריבערגעפֿירט ווערן פֿון איין אַרבעט אַף אַ צווייטער, נאָר בעהעסקעם מיט די אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון „בונד".

ג. דער „בונד" האָט רעכט אומיטלבאַר צו האָבן באַציונגען מיט די קרויווישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד און אין דער אָקופּאַציע.

די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער פֿאַראייניקונג.

1) דער „בונד" און די יידישע סעקציעס פֿון ר.ק.פּ. פֿאַראייניקן זיך אין איין אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד".

2. אין דעם קירצסטן טערמין ווערט צונויפֿגערופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿוןביידע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פֿאַראייניקן זיך, קעדיי אויסקלייבן אַ געמיינזאַמען צ.ק.

רוסלענדישע
קאָמוניסטישע פּארטיי (באָלשעוויקעס)
צענטראַל-קאמיטעט.
מאָסקווע, 21 יון 1920 י. נומ. 52

אויסצוג

פון פּראָטאָקאָל פון פּאָליטביוראָ צ.ק. ר.ק.פּ.

פון 18-טן יון 1920 יאָר.

געהערט:

16. וועגן דעם פאָרשלאג פון בונד אַריינצוגיין אין ר.ק.פּ.

באַשלאָסן:

16. דער צ.ק. ר.ק.פּ., אויסהערנדיק דער באריכט וועגן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרשלאגן פון בונד, האַלט, אז אַזאַ באַשלוס, וועלכער שטעלט די פאריייניקונג מיט דער קאָמוניסטישער פארטיי אין אָפּהענגיקייט פון דער באַשטעטיקונג דורכן צ.ק. ר.ק.פּ. פון אַזוינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, וועלכע באַוואָרענען דעם איינהאַלטן פון דער איזאָלירטקייט פון בונד ווי אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וועקט אויף אַ סאָפעק איבער דער טיפקייט פון דער עוואָלוציע, וואָס האָט דורכגעמאַכט דער אָנפירנדיקער אָרגאַן פון בונד". דעריבער וואַרפט אָפּ דער צ.ק. ר.ק.פּ. די פאָרשלאגן פון בונד און האַלט פאַר נויטיק צו באַלויכטן די פראַגע פאַר די יידישע אַרבעטער, וואָס גייען נאָכן בונד, קעדיי מיט דעם צו פאַרגיכערן זייער איבערגאַנג אין ר.ק.פּ.

צוזאַמען מיט דעם לייגט פאָר דער צ.ק. דער אָרגביוראָ אויסצואַרבעטן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, אַמערסטן צוגעפּאַסטע צו די שטייגערישע באַדינגונגען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, מיט דעם אָבליגאַטאָרישן באַנוצן פון דער מוטער-שפּראַך אין די ערטער פון באַדייטנדיק קאָנצענטרירטע יידישע מאַסן, אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינסטרוקציע, אָפּגעדרוקט אין נומער 13 „יעדיעס פון צ. ק.".

סעקרעטאַר פון צ.ק. **קרעסטינסקי**.

באַשלוס

פון דער קאמיסיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אויספיר-קאמיטעט פון קאָמינטערן איבער דער פראַגע פון דער פאַרייניקונג פון „בונד" מיט ר. ק. פּ.*).

אויסהערנדיק די מעלדונג פון צ. ק. פון בונד וועגן דעם, אַז דער בונד, אָנערקענט אינגאַנצן די פּראָגראַם און די טאַקטישע אָנפירונג פון ר. ק. פּ., אין דעם פאָרגעלייגטן פון בונד פּראָעקט פון אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציונגען

---

*) די אַלע דאָקומענטן וועגן דער ליקווידאַציע פון „בונד" זיינען גענומען געוואָרן פון אַרכיוו פון דער ייד. ביוראָ באַם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון ווייסרוסלאַנד, און זיינען אַלע איבערגעזעצט פון רוסיש.

צווישן בונד און ר. ק. פּ. און אויך די דערווידערונגען פון די פאָרשטייער פון צ. ק. ר. ק. פּ. קעגן דעמדאָזיקן פּראָעקט, אָנערקענט די קאָמיסיע:

1) אז ס'איז ניטאָ קיין גרונט פאַר דער פאַרלענגערונג פון דער עקזיס-טענץ פון בונד, ווי אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי.

2) אז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אוסטאוו פון ר. ק. פּ. און די ארויסגע-געבענע פאַר זיין אנטוויקלונג אינסטרוקציעס ווענן דער אַרבעט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ביפּראַט דער אָפּגעדרוקטער אין 25-טן נומער פון די „יעדיעס פון צ. ק." רעגלאַמענט וועגן דער יידסעקציע באַוואָרענען אינגאַנצן די געהעריקע אוועקשטעלונג פון קאמוניסטישער אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און מאַכן פאַר איבעריק דאָס איינהאַלטן פון בונד אין ר. ק. פּ. ווי אַן אווטאָנאָמע צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע מיט אַן אייגענעם צ. ק. און אָרטיקע קאָמיטעטן.

3) אַז דאָס איינהיטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע זעלבשטענדיקייט פון בונד אין די גרענצן פון ר. ק. פּ. וואָלט ברענגען אויסער דעם צו דעם ווייטער-דיקן איינהאַלטן פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און אידעישער אָפּגעפּרעמדקייט צווישן אַ טייל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דעם איבעריקן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט.

דעריבער באַשטימט די קאמיסיע:

1. איבעררייסן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון בונד.

2. פאַרלייגן אַלע מיטגלידער פון בונד אריינצוטרעטן אין ר. ק. פּ.

3. דאָס דורכפירן אין לעבן דעם צווייטן פּונקט אַרופלייגן אין צענטער און אַף די ערטער אַף אַ צענטראַלער און אָרטיקע קאמיסיעס אין באַ-שטאַנד פון איין פאָרשטייער פון צ. ק. אָדער פון די אָרטיקע קאמיטעטן פון ר. ק. פּ. און פון איין פאָרשטייער פון צ. ב. אָדער פון די אָרטיקע ביוראען פון די יידסעקציעס.

4) ביז דער נאָענטסטער אַלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון די יידסעק-ציעס דערגאַנצן דעם באַשטאַנד פון דער ביוראָ פון די יידסעקציעס מיט אַ פאָרשטייער פון בונדישן צ. ק.

5) די צ. ב. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד, די צ. ב. פון דער קאָמפּאַרטיי אין ליטע און די אָרטיקע קאָמיטעטן פון ר. ק. פּ. אין די ערטער, ווו ס'עקזיסטירן אָרגאַניזאַציעס פון בונד—ביז זייערע נאָענ-סטע אויעזדישע אדער אַלגעמיין-שטאָטישע קאָנפערענצן—דאַרפן דערגאַנצט ווערן מיט אַ פאָרשטייער פון בונד.

רוסלענדישע
קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)
צענטראַל־קאָמיטעט
צענטראַל־ביוראָ פֿון די יידישע סעקציעס
באַם צ.ק. ר.ק.פּ.

פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט זיך!

אין ביוראָ פֿון די יידסעקציעס באַם גובקאָם.

גערטע כאַווירים!

צוליב דער קאַמפּאַניע צום צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד“ איבער דער פֿראַגע פֿון זיין אַריינטרעטן אין ר. ק. פּ. און דעם פֿאָרשטייענדיקן קאַמף פֿון ריכטונגען אין דער סוויוועס פֿון „בונד“ אַף דעמדאָזיקן באַדן, ווערן געשיקט צו קענטעניש אייניקע דאָקומענטן, מיט וועלכע איר וועט זיך קאָנען באַנוצן אין די צילן פֿון דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דעם דיפֿערענצירונג־פּראָצעס אין זיין סוויוועס, דערביי דאַרפֿן די דאָקומענטן ניט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן ביז אונדזער אָנווייזונג.

1. דער גרונט פֿאָרשלאָג פֿון „בונד“ פֿאַרעפֿנטלעכט, אין „וועקער“ נומ. 658 (מאָסקווע), דערזועלבער פֿאָרשלאָג, אונטערגעהאַלטן פֿון אים אין צירקוליאַר (זע די ביילאַגע נומ. 1), ווי אַ מוסטער־פּלאַן, אויך אין קאָמיסיע פֿון קאָמינטערן.

2. אין דער קאָמיסיע פֿון קאָמינטערן האָבן גענומען אַן אָנטייל:

1) קרעסטינסקי, פּרעאָבראַזשענסקי, טשעמעריסקי פֿון צ. ק. פֿון ר. ק. פּ., 2) וויינשטיין, עסטער, ליטוואַקאָוו פֿון בונד 3) שאַבלין פֿון קאָמינטערן.

3. אַף דער ערשטער זיצונג פֿון 26/XII נאָכן אויסטויש פֿון דערקלערונגען, אין וועלכן ס'האָבן אנטייל גענומען אַלע מיטגלידער פֿון קאָמיסיע, איז פֿאָרגעלייגט געוואָרן ביידע צדאָדים צושטעלן צו דער צווייטער זיצונג די געהעריקע פֿאָרשלאַגן.

4. אַף דער צווייטער זיצונג פֿון 28/XII זיינען פֿאָרגעלייגט געוואָרן די ביגעלייגטע פּראָעקטן פֿון צ. ק. ר. ק. פּ. און בונד. אין פּראָעקט פֿון „בונד“ באַשטייט די גאַנצע „האַנאָכע“ אין דעם, וואָס אין 4־טן פּונקט איז געזאָגט געוואָרן: „די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון בונד אַרבעטן אין דידאָזיקע געביטן מיטן וויסן און אונטערן קאָנטראָל פֿון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון ר. ק. פּ. דידאָזיקע האַנאָכע האָט דער כ. וויינשטיין מאָטיווירט מיט דעם, וואָס דער צ. ק. פֿון בונד מיט דער באַמערקונג פֿון כ' טשעמעריסקי אַף די פֿאָריקע זיצונגען, אַז דער בונדישער פּראָעקט שאַפֿט אין די רייען פֿון ר. ק. פּ. אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען ניט דערלאָזבאַר ניט פֿאַר די פֿראַקציעס פֿון פּראָפֿאַריינען, און ניט פֿאַר סאָוואָפּטיילונגען א. א. וו. דידאָזיקע „האַנאָכע“ האָט ניט געקאָנט אַנערקענט ווערן פֿאַר אַ האַנאָכע.

5. אין דער אָפּשטימונג איז דער בונדישער פּראָעקט אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן. ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער פּראָעקט פֿון צ. ק. פֿון ר. ק. פּ. (3 דעלעגאַטן פֿון ר. ק. פּ. און 1 דעלעגאַט פֿון קאָמינטערן).

6). אַף דער באַקאָשע פֿון בונד איז באַזונדער אָפּגעשטימט געוואָרן די פֿראַגע וועגן נאָמען, זיי האָבן מאָטיווירט מיט דער פּאָליטישער באַדייטונג און צוציענדיקער קראַפֿט פֿון נאָמען. די דערווידערונגען: מיטן נאָמען פֿון „בונד“ זיינען פֿאַר די לעצטע יאָרן פֿאַרבונדן באַשטימטע פֿאָרשטעלונגען און מען דאַרף שאַרף איבערייסן.

אין דער אָפּשטימונג איז דער בונדישער פֿאָרשלאָג אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן. די פֿאָרגעלייגטע פֿון „בונד“ דעם קאָמינטערן ביידע נעמען „בונד“ און „סעקציע“ זיינען אויך אפּגעוואָרפֿן געוואָרן.

7) אין דער קאַמפּאַניע צו דער בונדישער קאָנפֿערענץ, און אין אַלע פֿאָרשטייענדיקע קאַמפּאַניעס (אומפּאַרטעיִשע קאָנפֿערענצן א. א.) דאַרף מען ענערגיש קעמפֿן. דעם קאַמף איז נויטיק צו קאָנצענטרירן אין פֿאָלגנדיקעס: דער „בונד“ גייט ניט אַריין אין דער פּאַרטיי צוליב דער פֿאָדערונג פֿון ווערטיקאַלער בויונג פֿון דער פּאַרטיי, דאָס איז אומעגלעך—דאָס שטרעבן זיי אויך צו פֿאַרשפּרייטן אַף דעם געביט פֿון סאָוועטישער בויונג. דער בונד פֿאָדערט איינצוהאַלטן זיין נאָמען, אָבער ער האָט געשפּילט אין די לעצטע יאָרן אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע ראָל, און ווי אַ פֿירער פֿון די מאַסן, האָט ער באַנקראָטירט.

סעקרעטאַר פֿון צ. ב. (אונטערשריפֿט).

דער פֿאַרוואַלטער מיט די איניאָנים (אונטערשריפֿט).

די באַציִונג פֿון אונדזער פּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד צום „בונד“.

ט ע ז י ס ן.

1. ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס דער „בונד“ אָנערקענט אַפֿן וואָרט דעם קאָמוניזם, די פּראָגראַם און טאַקטיק פֿון ר.ק.פּ. איז ער אין גרונט גענומען, אַ קליינבירגערלעכע פּאַרטיי.

דאָס ווייזט זיך אַרויס אין דער פּשאָרעמאַכערישער פּאָליטיק, וועלכע דער בונד פֿירט בענויגייע צו דער שטאָטישער קליינבורזשואַזיע.

מיט אַ באַזונדער קראַפֿט ווייזט זיך דאָס אין דער טעטיקייט פֿון סאָוונאַרכאָז אין ווייסרוסלאַנד, וועלכער ווערט אָנגעפֿירט פֿון דעם בונדיסט וויינשטיין.

די נאַציאָנאַליזאַציע פֿון דער אינדוסטריע אין ווייסרוסלאַנד גייט מיט אַ צו לאַנגזאַמען טעמפּ, וואָס ס'רופֿט אַרויס די אומצופֿרידנקייט פֿון די אַרבעטער, פֿאַרנומענע אין דער נאַציאָנאַליזירטער אינדוסטריע.

2. אַמבוילעסטן ווייזט זיך אַרויס די קליינבירגערלעכקייט פֿון בונד אין דעם פֿאַקט גופֿע פֿון זיין עקזיסטענץ: די אַזויגערופֿענע כלוקעדייעס איבער דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿראַגע זיינען ניט מער ווי אַ צוטשעפּ מיצאַד די בונדישע פֿירער, קעדיי איינצוהיטן זיין זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ, וועלכע איז סויסער די גרונט-פּרינציפּן פֿון קאָמוניזם, וואָס פֿאָדערט, אַז אין יעדער

אָרט זאָל עקזיסטירן נאָר איין איינהייטלעכע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע נעמט אַרום די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

3. אַדאַנק דעם פאַקט גופא פון זיין עקזיסטענץ ווערט דער בונד אַ צו-ציענדער צענטער פאַר די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן פון דער יידישער קליינבירגערלעכער אַזויגערופענער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, וועלכע דרינגט ווידער אַריין אין די רייען פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, אָנשטעקנ-דיק זי מיט נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן און קליינבירגערלעכער באַגרענעצטקייט.

4. אַדאַנק דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און קולטורעלער אָפּגע-שטאַנענקייט פון ווייסרוסלאַנד, האָט נאָך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ווייס-רוסלאַנד ניט געקראָגן קיין פעסטן באָדן אין אונדזער געגנט. די ווייסרוסישע אַרבעטער, ווי פון שטאָט, אַזוי אויך פון דאָרף, אַדאַנק זייער קולטורעלער אָפּ-געשטאַנענקייט, זיינען געשטאַנען ביז דער לעצטער צייט אָנאַזייט פון דער אַר-בעטער-באַוועגונג.

די מער קולטורעלע אַרבעטער-יידן, איזאָלירטע דורכן בונד פון דער אַל-רוסלענדישער אַרבעטער-באַוועגונג, האָבן זיך איינגעשלאָסן אין שמאָלן יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, זיינען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אַ נאַציאָנאַלער קליינבי-גערלעכער אידעאָלאָגיע און אַנטשפּרעכנדיק האָבן זיי ניט געקאָנט ווערן פאַר די לעצטע יאָרן אַ רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר אין אונדזער געגנט.

5. די פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוועטנמאַכט אין ווייסרוסלאַנד פאָדערט אַלס איר פאַרהאַנאָכע די עקזיסטענץ פון אַן איינהייטלעכער, שטאַרקער קאָ-מוניסטישער פּאַרטיי.

און צוליב דעם איז נויטיק:

ערשטנס, צו פאַרשטאַרקן די פּאַרטיי-אַרבעט צווישן די איבעריקע מאַסן פון ווייסרוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט.

צווייטנס, צו אַריינציען אין פּאַרטיי אין אַ גוואַלדיקער מאָס די יידי-שע אַרבעטער פון אונדזער געגנט, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען אַ פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע שול.

אָן דעם אַריינציען אין פּאַרטיי די יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען פאַר-בונדן אָרגאַניש מיט אונדזער געגנט, וועט די פּאַרטיי ניט באַקומען דעם קאַ-דער פון באַוווסטזיניקע אַרבעטער, וואָס זיינען נויטיק אף דורכצופירן איר ווירקונג אין די אָפּגעשטאַנענע מאַסן.

קעדיי אַריינציען די יידישע אַרבעטער אין די רייען פון דער פּאַרטיי, איז נויטיק צו מעלדן אַן אַנטשיידענעם קאַמף מיט די נאַציאָנאַליסטישע טענ-דענצן, וואָס עקזיסטירן צווישן זיי און וועלכע ווערן אונטערגעהאַלטן פון בונד.

6. דערוויל ווערט דער אַנטשיידענער קאַמף מיטן בונד טאָרמאָזירט צוליב דעם פעלן פון אַ אויסגעהאַלטענער פּאַרטיי-ליניע בענויגייע צו אים. די שטענדיקע וואַקלעניש פון איין זייט אין דער אַנדער זייט העלפן נאָר מיט דער פאַרפעסטיקונג פון בונד.

7. אונדזער קאַמף קעגן בונד דאַרף באַשטיין אין דעם, אַז מען זאָל אויפדעקן פאַר די יידישע אַרבעטער דעם קליינבירגערלעכן וועזן פון בונד, דע-

מאַסקירן אים ווי אַן אָפן ניטקאָמוניסטישע פּאַרטיי און מיטבררענגען די יידי-שע אַרבעטער צום באַוווסטזיין, אַז עמעסע קאָמוניסטישע טאַטן זיינען מעגלעך פאַר זיי נאָר אין די רייען פון אונדזער פּאַרטיי.

8. פונדאַנען דרינגט אַרויס פאַר דער פּאַרטיי די נויטווענדיקייט ניט אַריינצוטרעטן אין קיין פאַרשטענדיקונג מיטן בונד. דאַן וועט ווערן קלאָר פאַר די יידישע אַרבעטער, אַז דאָס געפינען זיך אויסער די רייען פון דער פּאַר-טיי איז צונעגליכן דער אַרויסטרעטונג זייערער קעגן דער פּאַרטיי, אף וואָס די יידישע אַרבעטער וועלן בעשום אויפן ניט גיין.

9. אַלערליי בלאָקן, ווי דער, וואָס האָס געהאַט אַן אָרט באַ די וואַלן צו דער אומפּאַרטייִשער אַרבעטער-קאָנפערענץ, זיינען קלוימערשט אַן אומדי-רעקטע אָנערקענונג פון בונד דורך אונדזער פּאַרטיי, ווי אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס שטייט האַנט באַ האַנט נעבן אונדז, און מיט דעם אַליין ווערט די אויבנדערמאָנטע דילעמע (פאַר אָדער קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי) ניט געשטעלט פאַר די יידישע אַרבעטער, און די לעצטע קאָנען דענקען, אַז בלייבנדיק אין בונד, זיינען זיי ביעכוילעס צו דינען מיט דעם דעם קאָמוניזם.

אַף ווייטער דאַרף מען אויסמיידן אַזוינע טאָעסן.

אין די שפּעטערדיקע קאַמפּאַניעס דאַרף אונדזער פּאַרטיי אַרויסטרעטן באַזונדער און קעגן בונד.

נאָר באַ אַזוינע באַדינגונגען וועלן מיר באַקומען אַ מעגלעכקייט צו מעלדן אַן אַנטשיידענעם קאַמף דעם בונד אַף אַלע געביטן.

10. דער אַנטשיידענער קאַמף מיטן בונד פאָדערט די דערוויטערונג פון בונד פון אַלע אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער ראַטנמאַכט.

ווייל דער פאַקט גופע, וואָס די בונדיסטן געפינען זיך באַ דער מאַכט רעקלאַמירט דעם בונד, ווי אַ פּאַרטיי, וואָס זאָרגט וועגן פּראָלעטאַריאַט, און פאַרשווערט דעם קאַמף מיט אים.

11. אין איצטערדיקן מאָמענט, געפינען זיך די וויכטיקסטע קאָמיסאַרי-אַטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט די ברייטע אַרבעטער-מאַסן, ווי סאָוונאַרכאָז, סאָבעס, געזונט-פאַרהיטונג און ביז דער לעצטער צייט דער גובעוואָק, אין די הענט פון די בונדיסטן.

באַ די מאַסן שאַפט זיך אַן איינדרוק, אַז באַ דער מאַכט געפינט זיך דער בונד, און ניט אונדזער פּאַרטיי.

אַדאַנק דעם גליטשן זיך אַרויס אינגאַנצן אַזוינע וויכטיקע קאָמיסאַרי-אַטן פון אונטער דעם דירעקטן קאָנטראָל פון דער פּאַרטיי, דידאָזיקע קאָמי-סאַריאַטן גיבן אָפּ אַ דינווועכשבן ניט אונדזער פּאַרטיי, נאָר דעם בונד, און דאָך, אין פאַל פון אַ פעלער אָדער אַ טאָעס, פאַלט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַף אונדז, ווייל פאָרמעל שטייען מיר באַ דער מאַכט.

די הויפּט-ביוראָ פון די יידסעקציעס
אין ווייסרוסלאַנד.

רוסלענדישע
קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)
האָמלער גובערניאַלער קאָמיטעט
1920 יאָר. נומ. 4011.
שט. האָמעל.

צו אַלע אוקאָמען!

טעזיסן וועגן דער באַציִונג צום „בונד".

1. בונד און די יידישע „פֿאַרייניקטע" ס.-ס., וועלכע האָבן זיך פֿאַרייניקט אונטערן נאָמען „בונד", זיינען גאַנץ ווייט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אויסער וועלכער ס'איז ניטאָ קיין עמעסער קאָמוניזם.

2. אויסגעשלאָסענע, איזאָלירטע פֿון פּאָליטישן לעבן דורכן לאַנגן פּעריאָד פֿון וואַקלענישן און פּשאָרעמאַכעריי, האָבן זיך די קעפּ פֿון בונד פֿאַרבראָנירט מיט אַ באַשלוס פֿון זייער 12-טער קאָנפֿערענץ וועגן דעם, אַז דער בונד, ניט קוקנדיק אַף זיין גאַנצער קלוימערשטדיקער קאָמוניסטישקייט, דאַרף זיין אַן אַווטאָנאָמע פּאַרטיי און ניט גיין באַ אַנדערע באַדינגונגען אין ר. ק. פּ.

3. דער צ. ק. פֿון ר. ק. פּ. האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאָרשלאָג פֿון „בונד" אַריינצוגיין אין ר. ק. פּ., ווי אַן אַווטאָנאָמער פּאַרטיי-טייל.

4. געבליבן איצטער אָנאַזייט פֿון דער אומגעהויער שווערער אַרבעט, וועלכע ס'טראָגן אַף זיך די קאָמוניסטן, זיינען די בונדיסטן אַוועק מיט זייער אַלטן וועג פֿון ריין אויסערלעכער רעקלאַמע, אַף די אַלטע נאַציאָנאַלע סטעזשקעס, רופֿנדיק די יידישע אַרבעטער אַריינצוטרעטן נאָר אין בונד, אָפּשטויסנדיק זיי דערמיט פֿון ר. ק. פּ.

5. ס'איז פֿאַרשטענדלעך זייער אומווילן אַריינצוגיסן זיך אָרגאַניזאַציאָנעל אין ר. ק. פּ. זיי שרעקן די שטאָלענע רייפֿן פֿון אונדזער פּאַרטיי-דיסציפּלין, די פּאַרטיי-מאַשינע איז אומבעראַכמאָנעסדיק פֿאַר די ליבהאָבער אַ שפּיל צו טאָן זיך אין קאָמוניזם, און ניט טאָן די שוואַרצע און שווערע אַרבעט פֿון קאָמוניזם. ס'וואָלט זיי קיין צייט ניט פֿאַרבלייבן אַף דער איינאָרדענונג פֿון ליטעראַריש-קינסטלערישע אָוונטן, ספּעקטאַקלען, הערלעכע יובילייען, באַגלייטונגען און ליאַמעס, פֿייערלעכע זיצונגען יעדער מיטוואָך און דאָנערשטיק. מיר דיסקאָנטירן דאָס גלענצנדיק און זאָגן קלאָר, אָן פּניעס: „ביסטו אַ קאָמוניסט—טרעט אַריין אין אונדזער פּאַרטיי, ווילסטו דאָס ניט, טאָ דריי ניט אַ קאָפּ דעם אַרבעטער".

נאָר די ר. ק. פּ. איז די פּאַרטיי פֿון פּראָלעטאַריאַט. די וואַקלענדיקע און די, וועלכע גייען אַ הינצו אַף דער קאָמוניסטישער צוציבאַרקייט, אַף דעם אָנשטענדיקן שילדל פֿון בונד, זיינען מיר מאָסרע, אַז זיי וועלן דאָרט געפֿינען דיזעלבע פֿאַרשטיקטע לופֿט פֿון אָפּגעזונדערטקייט פֿון אַלוועלטלעכן אַרבעטער-קלאַס. יעדער אַרבעטער, וואָס וויל אַריינטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דאַרף גלייך גיין אין ר. ק. פּ. דורך די קעמערלעך אַף דער פּראָדוקציע, אין די אַנשטאַלטן און אַף די אונטערנעמונגען. די איבעריקע וועלן מיר אַלציינס פֿאַר קאָמוניסטן ניט רעכענען.

6. דער קאָנסערוואַטיזם און די רעאַקציאָנערקייט פון קאָמבונד אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע האָבן געגויט אונדזער צ. ק. באַציען זיך מיט אומ-צוטרוי צו דער אופריכטיקייט פון דעם איבערגאַנג פון בונד אפן קאָמוניסטישן שטאַנדפונקט, און דעריבער האָט דער צ. ק. אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג פון בונד אַריינצוגיין אין באשטאַנד פון ר. ק. פ. אַף די באַדינגונגען, אויסגעאַר-בעטע פון זיין 12-טער קאָנפערענץ.

7. מיר ווענדן זיך צו די ברייטע יידישע אַרבעטער-מאסן מיט דער אָנווייזונג אַף דער ענגער אידעאָלאָגישער פאַרבינדונג צווישן דער נעכטיקער פאָליטישער פשאָרעמאַכעריי פון בונד און זיין איצטערדיקע שטרעבונג צו נאַציאָנאַל-אָרגאַניזאַציאָנעלער אָפּגעריסנקייט און דעמאַסקירן זיין דאָזיקן שרעק-לעכן קאָנסערוואַטיזם.

8. צו די אופריכטיק איבערגעגעבענע דער זאַך פון קאָמוניזם ארבעטער-בונדיסטן ווענדן מיר זיך מיט א רוף צו צורייסן מיט די פענטעוודיקע זיי שפינוועבס פון אָרגאַניזאַציאָנעלע אבערגלויבנס, וואָס האָבן זיי אָנגעבונדן די אַלטע פירער, וועלכע ווילן ניט בעשום אויפן אָפּזאָגן זיך פון דער „גרויסער פּאָליטיק פון צעקיסטן" און אַריינצוטרעטן אין ר. ק. פּ.

סעקרעטאַר פון האָמלער גובקאָם

(פּעסטון).

א בריוו פון כ׳ ראַפּעס צו דעם כ׳ נ. נ. קרעסטינסקי*).

פילגעערטער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש!**).

איך האָב גערעכנט ביז דער זיצונג פון פּאָליט-ביוראָ, וועלכע וועט וואָר-שיינלעך דעמדאָזיקן מאָל דערגיין ביז אונדזערע פראַגן, דורכשמועסן זיך מיט אייך פערזענלעך, קעדיי עטוואָס אינפאָרמירן אייך וועגן דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דער יידישער אַרבעט.

נאָר די פּרווון צונויפרייידן זיך מיט אייך דורכן טעלעפאָן האָבן קיין דערפאָלג ניט געהאַט, און איך האָב פון דעם פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זיך באַגרענעצן מיט אַ בריוו, ווייל ס׳איז קלאָר, אַז בעשאַס דער זיצונג פון פּאָליט-ביוראָ וועט זיך ניט איינגעבן צו אַנטוויקלען אַלע דאָזיקע געדאַנקען.

מיר האָבן געהאַט דאָ אַ מעגלעכקייט נעענטער צו באַקאָנען זיך מיט די אָנשויונגען פון דער אָנפירנדער גרופּע פון דעם איצטערדיקן בונד: ביים די עפנטלעכע דעבאַטן איבער מיין פאָרטראָג אין מאָסקווע די טעג „וועגן די אָר-גאַניזיר- פּאָליטישע און פּראָגראַם-פראַגן פון דער ייד. אַרב. באַוועגונג", אַף

*) נ. נ. קרעסטינסקי איז דאַן געווען דער סעקרעטאַר פון צ.ק. ר.ק.פּ., איצט איז ער דער סאָוועטישער פּאָליטישער פאָרשטייער אין דייטשלאַנד.

**) מיר ברענגען דאָ דעמדאָזיקן בריוו פון כ׳ ראַפּעס, וועלכער איז געשריבן געוואָרן פאַר דער דריטער קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס אין וועלכן ער האָט כאַראַק-טעריזירט די אָנפירער פון די „בונדיסטן-קאָמוניסטן".

אַ געמיינזאַמער זיצונג מיטן צ. ק. פֿון בונד באַ דעם באַהאַנדלען לויט זיין איניציאַטיוו די פֿראַגן וועגן די באַדינגונגען פֿון פֿאַרייניקונג, און, ענדלעך, נעכטן באַ דער אַרויסטרעטונג פֿון כ׳ פֿרומקינע אַף דער סעסיע פֿון וו.צ.א.ק.

איך וואָלט פֿאָרמולירט דעם אַלגעמיינעם אויספֿיר, מיט וועלכן ס׳איז מאַסקים, אַפּאָנים, אונדזער גאַנצע צ. ב., אין פֿאָלגנדע ווערטער: די נאַציאָנאַל-אָרגאַניזאַציאָנעלע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק האַלטן אין געפּענגעניש זייערע קאָמוניסטישע אָנשויונגען, דעריבער האָבן זיי זיך נאָך ניט אויסגעלערנט אונטערצוואַרפֿן פּריוואַטע אינטערעסן דעם אינטערעס פֿון גאַנצן. פּסיכאָלאָגיש און פּאָליטיש זיינען זיי האַלבע קאָמוניסטן.

דער פּאַרטיי איז ניט נויטיק דעריבער צו איילן זיך מיט דער פֿאַרייניקונג, וועלכע וועט שאַפֿן אין איר גופֿע אַ גענוג שטאַרקע ייִדישע סעקציע, לויט דער שטימונג אַ מער רעכטע, ווי דאָס איז געווען באַ דעם אַריינעמען פֿונם „פֿאַרבאַנד״ אין דער פּאַרטיי, אַ מער רעכטע, ווי די ייִדישע סעקציע אַף אוקראַינע.

נאָר איינצייטיק מיט דעם דאַרף מען קאָנסטאַטירן, אַז אויך אין דער ייִדישער סעקציע, אַפּילע צווישן די פֿאַראַנטוואָרטלעכע טוער, האָבן זיך דורכגעריסן פֿאַר די צוויי כאַדאָשים שטימונגען, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ רעציִדיוו פֿון די אַמאָליקע נאַציאָנאַל-סעפּאַראַטיסטישע אָנשויונגען. אין די לעצטע טעג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דידאָזיקע דערשיינונג טראָגט ניט קיין אָרטיקן, ריין-אוקראַינישן כאַראַקטער. מיר באַגעגענען זיך מיט איר אויך אין וויטעבסק, ווו זי האָט געפֿונען אַפּילע אַן אויסדרוק אין דער אָרטיקער ייִדישער פּאַרטיי-פּרעסע באַ דעם באַהאַנדלען די פֿראַגן פֿון סיידער-האַיוים צו דער קומענדיקער קאָנפֿערענץ פֿון די סעקציעס.

אין דער סעקציע, אין דער פּאַרטיי פֿאָרמירט זיך אויס בעהאַדראָגעדיק אַ גרופּע, וואָס אָריענטירט זיך אַפֿן „בונד״, וועלכער האָט אָנגענומען די קאָמוניסטישע פּראָגראַם. און וועגן דערדאָזיקער גרופּע איז צו זאָגן דאָסזעלבע, וואָס וועגן „בונד״: זיי זיינען ניט ביעכוילעס אונטערצוואַרפֿן די אינטערעסן פֿון ייִדאַרבעט די אינטערעסן פֿון דער פּאַרטיי, אַלס אַ גאַנצער, זיי זיינען האַלבע קאָמוניסטן.

די עקסטרעמסטע צווישן זיי שטעלן אַפּילע אַזוי די פֿראַגע: אויב די סעקציע, לויט אירע פֿונקציעס, לאַגע און וואָג אין דער פּאַרטיי, וועט ניט אַוועקגעשטעלט ווערן אין די באַדינגונגען, וועלכע ס׳פֿאָדערט דער „בונד״, וועט זיי אויסקומען אין די אינטערעסן, ווי זיי זאָגן, פֿון דער ייִדישער קאָמוניסטישער אַרבעט אַריבערגיין אין „בונד״.

דידאָזיקע שטימונג גייט אין העסקעם מיטן טעזיס, וועלכער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַף דער בונדישער קאָנפֿערענץ און וועלכער לויטעט, אַז נאָר דער „בונד״ קאָן ווערן דער אָרגאַניזירנדיקער צענטער פֿאַר ייִד. קאָמוניסטישער אַרבעט.

שוין די אַנוועזנהייט אַליין פֿון אַזאַ שטעלונג פֿון דער פֿראַגע זאָגט אונדז אונטער נאָר איין אויספֿיר: מיר דאַרפֿן ניט נאָר ניט איילן מיט דעם אַריינעמען דעם „בונד" אין דער פּאַרטיי, נאָר ס'איז נויטיק צו פֿאַרגרינגערן פֿאַר איינציקע עלעמענטן דאָס אומקערן זיך אין בונד, מען דאַרף פֿאַרגרינגערן די זיך אָנמערקנדיקע נייע איבערגרופּירונג אין די רייען פֿון די ייִדישע קאָמוניסטן, ניט רעכענענדיק זיך זייער מיט די ראַמען און גרענעץ-פּאַסן, וואָס זיינען דורכגעפֿירט געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק. די קאָנפֿערענץ פֿון „פּועלי-ציון", וואָס קומט פֿאָר איצטער אין כאַרקאָוו, וועט ברענגען נייע גרופּירונגען.

די אומפֿאַרמיידלעכע שפּאַלטונג אין פּויליש „בונד" וועט האָבן אַ ווירקונג אויך דאָ. דערביי וועלן די מער אויסגעהאַלטענע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פֿון דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס קאָמפּענסירן די פֿאַרלוסטן, וואָס מיר וועלן טראָגן פֿון דעם אַוועקגיין פֿון די ווייניק זיכערע.

אַזאַ איז די אויפֿגאַבע פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדסעקציעס, וואָס עפֿנט זיך דעם 1-טן יול.

רעכענענדיק זיך מיט דער נויטיקייט פֿון איינהאַלטן די איבערגאַנג-פֿאָרמען פֿאַר ייִד. קאָמ. אַרבעט, וועט אויסקומען אָפּצוזאָגן זיך אַף דערדאָזיקער קאָנפֿערענץ פֿון דעם פֿאָרמולירן די פֿאָרשלאָגן וועגן דער ליקווידאַציע פֿון די סעקציעס און דעם פֿאַרבייטן זיי מיט אָפּטיילונגען, וואָס וואָלט אַרויסגעדרונגען פֿון אַן אויסגעהאַלטענער שטעלונג אין דערדאָזיקער פֿראַגע.

אין דער באַציונג צו דער פּרינציפּיעלער אַוועקשטעלונג פֿון דער פֿראַגע וועט אויסקומען דערריידן ביזן סאָף און אַוועקשטעלן דעם פּונקט איבערן „אי".

דידאָזיקע אַביסל צו לאַנגע הקדמה איז מיר נויטיק געווען צוליב דעם, קעדיי צוגיין צו די פֿראַגן, וואָס האָבן אַ דירעקטע שײַכות צום צ.ק. פֿון ר.ק.פּ. אַליין.

ס'איז נויטיק מיט דער גאַנצער איינגעשטעלטקייט אונטערצושטרייכן, אַז די פּאַרטיי-צענטערן מיט זייער אָפּט ניט אויפֿמערקזאַמער, צייטנווייז ביטל-אַפּילע פֿאַראַכטנדיקער באַציונג צו דער ייִדישער קאָמוניסטישער אַרבעט העלפֿן מיט דעם אַנטשטיין און וווּקס פֿון סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן אין די סעקציעס.

אַלץ דאָס, וואָס ס'דערציילן די בונדיסטן אין דער בייגעלייגטער רעזאָלוציע פֿון דער 12-טער קאָנפֿערענץ וועגן די סעקציעס, ווערט איבערגעכאַזערט אין דער סעקציע גופֿע, און דאָס ווערט, צום באַדויערן, צו פֿיל באַגרינדעט מיטן מאַטעריאַל, וואָס ס'ברענגט יעדער טאָג פֿון אַרבעט.

אַף דער יול-קאָנפֿערענץ פֿון די סעקציעס קלייבן זיך די אָרטיקע טוער צו אַטאַקירן די: צ. ב., אַרופֿלייגנדיק אַף איר די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן בעעמעס קלאָגעדיקן כאַראַקטער פֿון דער ייִדישער אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי. דידאָזיקע באַשולדיקונגען זיינען אין אַ געוויסער מאָס גערעכטיקע, וואָס עס אָנער-

קענען אויך די מיטגלידער פון צ. ב., וועלכע געפינען זיך שטענדיק אין מאָסקווע.

די אָנפירונג מיט דער יידישער קאָמוניסטישער אַרבעט ליגט אין נ י ט געהעריקע הענט, און די צ. ב. דאַרף רעאָרגאַניזירט ווערן.

אַף דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון צ.ב. פאַלט דער פאַקט, וואָס ס'זיינען ניט דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן די מאָסמיטלען, וועלכע ס'האָבן אָנגעמערקט די צ. ב. און די הויפט-אוקראַינישע ביוראָ אין דעם באַריכט-צעטל, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן דעם צ.ק. פון ר.ק.פ. אין דעקאבער, און וואָס האָט באַקומען, דאַכט זיך, די אַלגעמיינע אָנערקענונג.

אין מיין פריערדיקער דערקלערונג איבער דעם פאַנאַנדערלאָזן פון די סעקציעס אַף אוקראַינע האָב איך געגעבן פיל קאָנקרעטע אָנווייזונגען, איצטער האָט זיך זייער צאָל פאַרגרעסערט.

אין האָמעל איז פאַרמאַכט געוואָרן דער יידישער פאַרטיי-אָרגאַן, ניט קוקנדיק אַף אַלע דערווידערונגען פון דער סעקציע, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס ער פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן לויטן באַשלוס פון צ. ב.

אַף אוקראַינע האָט דער צ.ק. אָן קיין מאָטיווירונג אָפּגעוואָרפן די סובסידירונג פונם „פאַרבאַנד פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן („סעטמאַס"), וועלכער איז אַנטשטאַנען לויט דער איניציאַטיוו פון די סעקציעס און וואָס אַרבעט אונטער איר דירעקטן קאָנטראָל, כאָטש דערזעלבער צ. ק. האָט די ערשטע סובסידיע אַרויסגעגעבן. ווייטער, ס'איז ניט דערלויבט געוואָרן צו אָרגאַניזירן יידישע אומפּאַרטעיִשע אַרבעטער-קאָנפערענצן אין צילן פון מאָביליזאַציע פאַרן פוילישן פראָנט, כאָטש אין וויטעבסק האָט אַזאַ קאָנפערענץ געגעבן גלענצנדיקע רעזולטאַטן.

לויט דעם אויסדרוק פון די האָמלער כאַווייריִם, לעבט די סעקציע, ווי אַן אָרעמע קרוווע מיט די נעדאָוועס פון רייכן פעטער און זיינע קאַפּריזן. ביז איצטער האָבן נאָך אַפילע די געגנט-קאָמיטעטן פון דער פאַרטיי זיך ניט אויסגעלערנט זען אין דערדאָזיקער אַרבעט אַ נויטווענדיקן טייל פון דער אַלגעמיינער אַרבעט. צו דעם אַלץ מוז אַוועקגעלייגט ווערן אַ סאָף.

1-טן יול עפנט זיך די קאָנפערענץ פון די סעקציעס, און דעם 10-טן וועט אין מאָסקווע פאָרקומען די קאָנפערענץ פון די יידישע בילדונג-טוער. קעדיי דער לינקער פליגל זאָל בעעמעס קענען קעמפן מיט דעם נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג, דאַרף ער האָבן אַ מעגלעכקייט צו דערקלערן מיט דער גאַנצער באַשטימטקייט, אַז די פּאַרטיי אָנערקענט און פאַרשטייט די אינערלעכע און אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג פון דער ייִד. פאַרטעיִשער און סאָוועטישער קאָמוניסטישער אַרבעט, אַז דער פאַרטיי-צענטער וועט אַוועקלייגן אַ סאָף צו דעם ווילקיר, וועלכער האָט אָן אָרט, און צו דער ביטל-באַציונג צו דערדאָזיקן צווייג פון ארבעט.

די צ. ב. האָט דערלאַנגט צו דער זיצונג פון ביוראָ אַ ריי טעזיסן איבער די פראַגן: 1) וועגן דער באַציונג צום בונד; 2) וועגן יידישער סאָוועטי-

שער אַרבעט, 3) וועגן דער לאַגע פֿון דער סעקציע און 4) וועגן דער ייִדיִ-
שער אַרבעט פֿון אינטערנאַציאָנאַל.

ס'איז נויטיק נאָך ביז דער קאָנפֿערענץ צו קריגן קאָנקרעטע באַווייזן פֿון דער אויפֿמערקזאמקייט פֿון צ. ק. צו דער ייִדישער אַרבעט, אַנדערש וועט זיך ניט איינגעבן צו באקעמפֿן די שעדלעכע שטימונגען, און אויך ניט אויס-צומיידן די פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון צ. ב. אַליין.

איך האלט פֿאַר מיין כויוו מיטצוטיילן דידאָזיקע מיינע האַשאָרעס ביז דער זיצונג, קעדיי אונטערצושטרייכן, וואָס פֿאַר אַן ערנסטע באדייטונג מיר אַלע גיבן צו דער אַריינמישונג פֿון צ. ק. אין דעמדאָזיקן צווייג פֿון אַרבעט.

מיט קאָמוניסטישן גרוס

מ. ר א פֿ ע ס.

מאָסקווע, 17-טן יון 1920

רוסלענדישע
קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)
צענטראַל-ביוראָ פֿון די יידסעקציעס
באם צ. ק פֿון ר. ק. פּ.
מאָסקווע, פעווראַל 14-טן יול 1920 י.

פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פאראייניקט זיך!

צ י ר ק ו ל י א ר י ש

געהערט ניט דער פֿאַרעפֿנטלעכונג.

צו אַלע גובקאָמען און יידסעקציעס פֿון ר. ק. פּ.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פֿאָרקומענדיקער איצטער אין די רייען פֿון בונד צוגרייטונג-קאַמפּאַניע צו דער XIII קאָנפֿערענץ, וועלכע דארף באַשטימען איר באציונג צו דעס באשלוס פֿון קאָמינטערן וועגן די באדינגונגען פֿון דעם אַריינטרעטן פֿון בונד אין דער ר. ק. פּ. אַפֿן יעסאָד פֿון דער ליקווידאַציע פֿון זיין איצטערדיקער אָרגאַניזאציע, לייגט פֿאָר די צ. ב. פֿון די יידסעקציעס אַלע אָרטיקע סעקציעס:

1) נעמען אַ דירעקטן אָנטייל אין דער קאַמפּאַניע, שטרעבנדיק אַרויס-פֿירן זי אויסער די ראַמען פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאציע.

2) איינצואָרדענען עפֿנטלעכע דיספּוטן מיטן „בונד”, קעדיי צו דעמאַס-קירן זיין רעכטן נאַציאָנאַליסטישן פֿליגל און קומען צו א דערנענטערונג מיט די עמעס קאָמוניסטישע עלעמענטן.

3. מיטהעלפֿנדיק דער דיפֿערענצירונג פֿון בונד, דארפֿן אונדזערע פּאַר-טיי-אָרגאַניזאַציעס פֿירן אַן אידעישן קאמף מיט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון בונד, וועלכע וועלן זיך מיט א מערהייט זייערע אַרויסזאָגן קעגן די באדינ-גונגען פֿון קאָמינטערן (ווי דאָס איז שוין געשען אין האָמעל), ניט בלאָקירן זיך אף אומפּאַרטעישע פֿאַרזאַמלונגען, ניט בייטנדיק די באציונג צו זיי אין די סאָוועטישע אַנשטאלטן.

סעקרעטאַר פֿון צ. ק. פֿון ר. ק. פּ

נ. ק ר ע ס ט י נ ס ק י.

דער פֿאַרטרעטער פֿון סעקרעטאַר פֿון צ. ב.

מ. ר אַ פֿ ע ס.

אַ מעמאָראַנדום דעם צ. ק. פֿון דער ר. ק. פּ. וועגן דער לאַגע פֿון דעם לינקן בונד אין האָמלער גוב.

נאָכדעם, ווי דער פֿראָנט האָט זיך באַדייטנדיק אָפּגערוקט פֿון די גרעניצן פֿון אונדזער גובערניע, און אַלע סאָוועטישע און פּאַרטעישע אָרגאַנען האָבן זיך רעעוואַקוירט אין האָמעל, האָט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע פֿון לינקן בונד דערקלערט אַ פּאַרטיי־וואָך און זי האָט אויפֿגעהויבן אַף דער יידישער אַרבעטער־גאַס אַן אומגעהויערן טומל, פּראָקלאַמירנדיק אַף אַלע ווינקלען איר „יידישן קאָמוניזם", קוואַליפֿיצירנדיק דעם בונד, אַפֿן אַלטן שטייגער, ווי „דעם איינציקן פֿאָרשטייער פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט".

מיר האָבן טייקעף פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער אָרטיקער פּרעסע, ווי רוסישער אַזוי אויך יידישער, אַ ריי אַרטיקלען, געווענדעט קעגן בונד, וועלכע דעמאַסקירן זיין אַלטע קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיק. וואָס ציט אָפּ דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פֿון רעוואָלוציאָנערע טאַטן, פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צוליב אָרגאַניזאַציאָנעלע אָבערגלויבנס.

מיר האָבן פֿאַנאַנדערגעשיקט צו אַלע אויקאָמען און יידסעקציעס אַנטשפּרעכנדיקע טעזיסן, וועלכע דאַרפֿן באַשטימען אַף די ערטער אַן איינהייטלעכע ליניע פֿון דער באַציִונג פֿון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס צום בונד.

נאָכדעם זיינען מיר צוגעטראָטן צו צונויפֿרופֿן אין האָמעל אַ יידישע אַרבעטער־קאָנפֿערענץ, אַף וועלכער מיר האָבן באַשלאָסן געבן אַן אַנטשיידענע שלאַכט דעם בונד און אויפֿצודעקן פֿאַר די יידישע אַרבעטער־מאַסן זיין נאַציאָנאַליסטישן וועזן.

די פּאָרוואַל־קאַמפּאַניע האָט קלאָר באַוויזן די ניטפֿעסטקייט פֿון די בונדישע פּאָזיציעס און זייער שוואַכער ווירקונג אַף די אומפּאַרטעישע יידישע אַרבעטער.

באַלד אין אַלע וואַרשטאַטן, אַף די זאַוואָדן און אין די פֿאַריינען האָבן די אומפּאַרטעישע אָפּגעגעבן זייערע שטימען די קאָמוניסטן.

מען דאַרף באַמערקן, אַז האָמעל איז די אַלטע ציטאַדעל פֿון בונד און זייערע שטימען האָבן זיי צונויפֿגעקליבן, ווי מען רופֿט דאָס אָן, „צוליב באַקאַנטשאַפֿט".

אַף דער קאָנפֿערענץ איז געווען פֿאָלגנדיקע פֿאַרהעלטעניש פֿון די קויכעס: ר. ק. פּ.—83, בונד—50, אומפּאַרטעישע—45 און מענשעוויקעס—12 די לעצטע זיינען דורכגעקראָכן דורך אַלערליי סאָוועטישע אַנשטאַלטן און זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן שוין אַף דער ערשטער זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ, נאָכן פֿאַרעפֿנטלעכן דאָקומענטן, וועלכע זאָגן איידעס וועגן זייער קאָנטררעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אַף די פּאָרוואַל־פֿאַרזאַמלונגען.

די קאָנפֿערענץ האָט פֿאָרגעשטעלט ביז 4000 אַרבעטער. די מערהייט פֿון די אומפּאַרטעישע זיינען אין אַלע פֿראַגן געגאַנגען אַף דער קאָנפֿערענץ נאָך אונדזער פֿראַקציע.

אַף דער קאָנפֿערענץ האָט דער בונד געהאַט 2 דורכפֿאַלן: 1) אין דער רעזאָלוציע איבערן פֿאָרטראָג „דער לויפֿנדיקער מאָמענט און די אויפֿגאַבן פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט” האָבן מיר איינגעשלאָסן א פּונקט, וועלכער לויטעט, אַז „אַרויסגייענדיק פֿון דער אָפּשאַצונג פֿון לויפֿנדיקן מאָמענט, אָנערקענט די קאָנפֿערענץ פֿאַר שעדלעך די עקזיסטענץ פֿון אַווטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט און רופֿט דעם לעצטן אריינצוטרעטן נאָר אין דער ר. ק. פּ.

ניט וועלנדיק אָפּרייסן זיך פֿון דער גאַנצער אַרבעטער-מאַסע אין דער אָפּשאַצונג פֿון לויפֿנדיקן מאָמענט און פֿון די אויפֿגאַבן, וועלכע דרינגען אַרויס פֿון אים פֿאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט, האָט דער בונד געשטימט פֿאַר דער רעזאָלוציע, צו דער אַלגעמיינער פֿאַרוואונדערונג, ניט אַריינטראָגנדיק קיינע אויסבעסערונגען.

אויך איבערן פֿאָרטראָג „יידישע פּאַרטייען” האָט די קאָנפֿערענץ אָנגענומען אַן אַנטיבונדישע רעזאָלוציע.

נאָך אין אַ גרעסערער מאָס האָט דער בונד געקראָגן אַ קלאַפּ פֿון די יידישע אַרבעטער בא די איבערוואַלן אין שטאָט-ראַט.

מיר האָבן אנטוויקלט, נעמענדיק אין אַכט די גובערניאַלע באַדייטונג פֿון די וואַלן אין האָמלער ראַט, א ברייטע מינדלעכע און דרוק-אַגיטאַציע (אין דער רוסישער און יידישער שפּראַכן). אַף די פֿאַרוואַל-פֿאַרזאמלונגען אין שטאָט-ראַט האָט דער בונד בוילעט דעמאָנסטרירט די טראַגישע לאַגע פֿון אַן אָר-גאַניזאַציע, וועלכע איז ניט אימשטאנד פּינקטלעך צו באַשטימען אירע באַ-זונדערע אויפֿגאַבן אין די ראַטן.

נאָך די אַרויסטרעטונגען פֿון די לינקע בונדיסטן, וועלכע האָבן פֿיל גערעט וועגן זייער קאָמוניזם, פֿלעגן באַ זיי געוויינטלעך פֿרעגן די יידישע אַרבעטער: „וואָס וועט איר אבער טאָן אין די סאָוועטן, ווי בונדיסטן? צי איז פֿאַראַן בא אייך אַ באַזונדערע פּראָגראַם?” אַף דאָס, פֿארשטייט זיך, האָט מען קיין פּינקטלעכן, באַגרינדעטן ענטפֿער ניט געקאָנט געבן.

די אָרטיקע יידישע אַרבעטער האָבן אָפּגעשאַצט ווי געהעריק די „אַוו-טאָנאָמע” פֿאָדערונגען פֿון בונד, און האָבן געשטימט פֿאַר קאָמוניסטן. אַזוי אין „נאָדל-פֿאַך”, ווו די קאָמוניסטישע קעמערל ציילט אָן נאָר 5 מאַן, האָבן פֿאַר די קאָמוניסטן געשטימט 180 מאַן.

די רעזולטאַטן פֿון די איבערוואַלן אין ראַט איבערצייגן אונדז, אז דער בונד הויבט אָן בעהאַדראָגעדיק צו פֿאַרלירן זיין ווירקונג אף די יידישע אַר-בעטער-מאַסן, ווייל האָבנדיק אַרום 8000 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, ווײלער אין ראַט, ציילן מיר אָן פֿון 257 מיטגלידער פֿון ראַט נאָר 10 בונדיסטן, 2 פֿון דער ס.-ד. און די איבעריקע—קאָמוניסטן.

סעקרעטאַר פֿון גובקאָם (אונטערשריפֿט)

פֿאַרוואַלטער פֿון דער יעווסעקציע (אונטערשריפֿט).

די רעזאָלוציע פֿון די האָמלער אומפּאַרטײִשער אַרבעטער־קאָנפֿערענץ*).

(די רעזאָלוציע איז אָנגענומען מיט 108 שטימען קעגן 55.)

„די פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער ראַטן־מאַכט און די פֿאַרטיפֿערונג פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע ציען אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײַ די ברייטע מאַסן פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט.

די רעכטע ייִדישע סאָציאַל־פּשאָרעמאַכערישע פּאַרטייען בונד, „פּאַרייניקטע" און סאָציאַל־„פּאַלעסטינישע" פּאַרטייען, ווי ייִד. ס.־ד. אַרב. פּאַרטײַ („פּועלי ציון") און י. ק. פּ. ווערן צעפֿאַלן. אין זייערע פּאַרטייִשע גרופּקעס שטעלט זיך שוין די פֿראַגע וועגן דער אומנוצלעכקייט פֿון זייער עקזיסטענץ.

מיט די ווערטער „ערעוו קאָמוניזם" קען מען כאַראַקטעריזירן די לאַגע פֿון לינקן בונד. צוגעגאַנגען נאָך לאַנגע וואַקלענישן צו די אידעאַלן פֿון קאָמוניזם, האָט ער צוליב זיין קליינמוטיקייט פֿון אַלטקייט און קאָנסערוואַטיזם געשאַפֿן פֿון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿראַגע אַ שירמע, וועלכע דאַרף אָפּזונדערן דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײַ.

ניט קוקנדיק אַף זיין גאַנצער קאָמוניסטישער פּראַזעאָלאָגיע, ציט ער אָפּ דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט פֿון קאָמוניסטישע טאַטן.

דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס לאָזט איבער אָנאַזייט אַלע סאָציאַליסטישע און האַלב־קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, און טרעט אַרײַן אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטײַ.

די שטאָטישע קאָנפֿערענץ פֿון די ייִדישע אַרבעטער פֿון האָמעל רופֿט דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט פֿאָרצוזעצן זיין זיכערן וועג, אַרײַנגיסנדיק זיך אין די רייען פֿון דער ר. ק. פּ., ווייל נאָר זי פֿירט דורך די איינהייטלעכע דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט, וואָס טראָגט אונדז די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם קאָמוניזם".

פּראָטאָקאָל № 56

פֿון דער זיצונג פֿון דער צ. ב. פֿון די ייִדסעקציעס באַם צ. ק. ר. ק. פּ. פֿון 15/III 1921 יאָר.

גענומען אָנטייל: די כ"כ טשעמעריסקי, ראַפֿעס, מערעזשין, לעוויטאַן, מאַנדעלסבערג, עפּשטיין, סודאַרסקי, (מיטגלידער פֿון צ. ב.) מוני (צ. ב. קאָמאָל), אָרשאַנסקי, קיפּער, קאַנטאָר, ראַוויטשעוו. ווײַנ־

*) די קאָנפֿערענץ איז פֿאָרגעקומען פֿון 4-14 אווגוסט 1920 י.

ש ט ײ ן, כ ו ר ג י ן, ב ר ע ג מ אַ ן, ק י ו ו ע ל ב ל אַ ט. ע פּ ל-
ב ו י ם, ע ו ו ע נ ט אָ ו (מיטגלידער פון צ. ק. פון בונד).

בעהעסקעם מיטן פאָרשלאַג פון כ׳ וויינשטיין קומט פאָר דידאָזיקע זיצונג באַ פאַרמאַכטע טירן.

גע ה ע ר ט:

די דערקלערונג פון כ׳ וויינשטיין:

קעדיי צו פאַרגרינגערן דעם פּראָצעס פון ארייגגיין פון בונד אין דער ר. ק. פּ., קעדיי די מיטגלידער פון בונד זאָלן ניט צוקריכן באם אריינטרעטן אין פּאַרטיי און זאָלן ניט אָפּגיין פון דער יידישער ארבעט, קעדיי אַרייגציען וואָס ברייטערע קרייזן פון די יידישע אַרבעטער אין דער פּאַרטיי און צוליב דער אויפלעבונג פון דער אַרבעט פון די יידישע סעקציעס, לייגט פאָר דער צ.ק. פון בונד דער צ.ב. פון די יידישע סעקציעס איינגיין אף פאָלגנדיקעס:

1) איינשליסן אין באשטאַנד פון צ. ב. 3 מיטגלידער פון בונדישן צ. ק. אָנשטאָט 2, לויטן באשלוס פון קאָמינטערן.

2) באַ דער צונויפגיסונג פון די צייטונגען איינהיטן די נעמען „וועקער" און „נייע צייט". באזונדער איז ווינטשבאר איינצוהאַלטן דעם ערשטן נאָמען.

3) איינהאַלטן דעם גראָסער-קלוב דאָרטן, וווּ קיין צווייטער יידישער פּאַרטקלוב איז ניט בענימצע, דארטן, וווּ אויסער דעם גראָסער-קלוב איז דאָ אַ צווייטער, איבערלאָזן די ערטער אַליין צו אַנטשיידן די פראַגע וועגן איינהאלטן דעם אָדער יענעם נאָמען פון קלוב.

4) דער כ׳ טשעמעריסקי לייגט פאָר צו צוגרייטן אַ פּראָעקט-אינסטרוקציע פון צ. ק. צו די גובקאָמען איבער דער פראַגע וועגן דעם אופנעם פון די מיטגלידער פון בונד אין ר. ק. פּ. דערביי אין יעסאָד פון דער אינסטרוקציע דאַרף אָנגענומען ווערן די אָנווייזונג, אַז די מיטגלידער פון בונד ווערן צוגענומען באַ דער צושטעלונג פון די אנקעטעס נאָך דעם איינשטימיקן באשלוס פון דעם „דריילינג". אין פאַל פון כלוקעדייעס אין דעם „דריילינג" ווערט די פראַגע איבערגעטראָגן אין גובקאָם.

דער כ׳ ראַפּעס לייגט פאָר אונטערצושטרייכן אין דער אינסטרוקציע, אַז דער אופנעם פון די מיטגלידער פון בונד אין דער פּאַרטיי דאַרף פאָרקומען בעהעסקעם מיטן באשלוס פון קאָמינטערן און אז דעם 2-טן פּונקט פון דעמדאָזיקן באשלוס איז ניט סויסער די רעכט פון גובקאָם ניט אָנצונעמען אין די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי דעם אָדער יענעם מיטגליד פון בונד.

דער כ׳ וויינשטיין פּראָטעסטירט קעגן דעם באהאנדלען פון דער פראַגע אין צ. ב., ווייל איבער דער פראַגע איז פאַראַן א באשטימטער באשלוס פון קאָמינטערן, און די ענדערונג אָדער דערגאַנצונג פון דערדאָזיקער פראַגע ליגט ניט אין דער קאָמפּעטענץ פון צ. ב.

באשלאָסן:

1) וועגן דעם אויפנעם פון די מיטגלידער פון בונד אין דער ר. ק. פ. די צ. ב. גרייט צו א פראָעקט פון דער אינסטרוקציע פון צ. ק. צו די גובקאָמען איבער דער פראַגע פון דעם אויפנעם פון די מיטגלידער פון בונד אין דער ר. ק. פ. (קעגן—כ׳ לעוויטאַן). דער פאָרשלאַג פון כ׳ וויינשטיין צו שטעלן אַף דער אָפּשטימונג: צי געפינט די צ. ב. פאַר מעגלעך פאַנאַנדערקוקן די פראַגע וועגן דער ענדערונג אָדער דערגאַנצונג פון באשלוס פון קאָמינטערן איבער דערדאָזיקער פראַגע—ווערט ניט געשטימט.

2) וועגן איינשליסן פון דעם צ. ק. פון בונד אין צ. ב. צ. ב. האַלט אונטער דעם פאָרשלאַג פון צ. ק. פון בונד וועגן איינשליסן 3 מיטגלידער זיינע אין באשטאַנד פון צ. ב. אָנשטאָט 2 מיטגלידער, ווי דאָס האָט באשלאָסן דער קאָמינטערן (פאַר—כ״כ ראַפּעס, לעוויטאַן, עפּשטיין, מאַנדעלסבערג. קעגן—כ״כ טשעמעריסקי, מערעזשין, סודארסקי).

3) וועגן קלובן. א) דאָרטן, ווו ס׳איז דאָ איין יידישער (פון ר. ק. פ. אָדער בונד) ווערט איינגעהייט זיין איצטערדיקער נאָמען, (3—פאַר, 3—קעגן, איינער—אָפּגעהאַלטן). דאָרטן, ווו ס׳זיינען דאָ 2 אָדער עטלעכע יידישע קלובן, ווערט די פראַגע וועגן נאָמען פון פאַרייניקטן קלוב דערליידיקט אַף די ערטער (פאַר—4, קעגן—3).

4) וועגן צייטונגען. דאָרט, ווו ס׳עקזיסטירט איין צייטונג, האַלט זי איין איר פריערדיקן נאָמען. דאָרטן, ווו ס׳זיינען דאָ צוויי צייטונגען, גיסן זיי זיך צונויף אונטערן נאָמען פון דער צייטונג פון דער יידסעקציע. דער פאָרשלאַג פון כ׳ וויינשטיין איינצוהיטן די צייטונגען „וועקער״ אין מינסק און „נייע צייט״ אף אוקראַינע ווערט אָפּגעוואָרפן.

סעקרעטאַר פון צ. ב. (אונטערשריפט)

פאַרוואַלטער מיט די איניאָנים (אונטערשריפט).

אינסטרוקציע

וועגן דעם אַריינטרעטן פון בונד אין ר. ק. פ.

די אַלרוסלענדישע אויסערארדנטלעכע קאָנפערענץ פון בונד, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 12-5 מאַרט אין שטאָט מינסק, האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאג פון דער קאָמיסיע פון קאָמינטערן, באשטעטיקט פון דעם אויספירקאָם פון קאָמינטערן וועגן דער צונויפגיסונג פון בונד מיט דער ר.ק.פ.

באַגריסנדיק דידאָזיקע באשטימונג, לייגט פאַר דער צענטראַל-קאָמיטעט אַלע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון ר. ק. פ. טייקעף אַריינעמען אין זייער באַשטאַנד די מיטגלידער פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון בונד און צולייגן

אַלע באַמיִונגען דערצו, קעדיי אין פּריינטלעכער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט אויסצוולעבן וואָס גיכער די אָפּגעפּרעמדקייט, אויך אָפּטמאָל די געוויִסע פּיינט-שאַפּט, וועלכע האָבן זיך נאַטירלעך געשאַפן אין רעזולטאַט פון דער באַזונדע-רער אָרגאַניזאַציאָנעלער עקזיסטענץ.

1. קעדיי דורכצופירן אין לעבן די פּאַרייניקונג, אין העסקעם מיטן באַ-שלוס פון קאָמינטערן, ווערן געשאַפן אין צענטער און אַף די ערטער צענט-ראַלע און אָרטיקע קאָמיסיעס אין באַשטאַנד: צו איין פאָרשטייער פון צ.ק. אָדער די אָרטיקע קאָמיטעטן פון ר.ק.פּ., צו איין פאָרשטייער פון צ.ק. אָדער אָרטיקע קאָמיטעטן פון בונד, צו איין פאָרשטייער פון צ.ב. אָדער אָרטיקע ביוראָ פון די יידסעקציעס.

2. דאָרטן, וווּ ס'זיינען ניט געשאַפן געוואָרן די יידסעקציעס, און ווו מיט דעם אַריינטרעטן פון בונד אין ר.ק.פּ. שאַפן זיך די באַדינגונגען, פאָ-רויסגעזעענע פון רעגלאַמענט וועגן יידסעקציעס, ווערן אזוינע סעקציעס טיי-קעף אויסגעבילדעט.

באַמערקונג: די אויסבילדונג פון יידסעקציעס איז אָבלי-גאַטאָריש אויך פאַר די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען באַ-שטאַנד-טיילן פון דער ר.ק.פּ.

3. אַלע מיטגלידער פון בונד ווערן אַווטאָמאַטיש פאַרעכנט אַלס מיט-גלידער פון ר.ק.פּ. דורך דעם צושטעלן אין דער קאָמיסיע מיצאַד דער אָרטי-קער בונדישער אָרגאַניזאַציע פון די צענטלען פון די מיטגלידער, פאַרעגיסט-רירטע בּאַ איר צום מאָמענט פון פאַרייניקונג, מיט פאַרפולטע אַנקעטן.

4. ביז דער נאָענטסטער אַלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון די יידסעק-ציעס ווערט דער באַשטאַנד פון צ.ב. פון די יידסעקציעס דערגאַנצט מיט 3 פאָרשטייער פון דעם צ.ק. פון בונד.

די פאָרשטייער פון די אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַניזאַציעס פון בונד ווערן איינגעשלאָסן אין דער הויפּטביוראָ פון די יידסעקציעס אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, אין די אָרטיקע ביוראָען פון די יידסעקציעס, אין העסקעם מיט אַ באַזונדער אינסטרוקציע פון צ.ב. פון די יידסעקציעס.

5. די צענטראַל-ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ווייסרוס-לאַנד און דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ליי-טע און די אָרטיקע קאָמיטעטן פון דער ר.ק.פּ. אין די ערטער, וווּ ס'זיינען אָרגאַניזאַציעס פון בונד, ביז די נאָענטסטע גובערניאַלע, אויעזדישע און אַל-געמיין-שטאָטישע קאָנפערענצן ווערן דערגאַנצט מיט איין פאָרשטייער פון די אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַניזאַציעס פון בונד.

6. אַלע מיטגלידער פון בונד ווערט דער פּאַרטיי-סטאַזש גערעכנט פון אַפּרעל 1920 יאָר, דערביי ווערט אריינגעטראָגן אין פּאַרטיי-ביכל דער פריער-דיקער פּאַרטעישער און רעוואָלוציאָנערער סטאַזש.

7. דאָרטן, וווּ אויסער דעם קלוב פון בונד איז דאָ אַ קלוב פאַר די יידי-שע ארבעטער פון ר.ק.פּ., ווערן זיי פאַרייניקט, אונטער אן אלגעמיינעם נאָ-

מען, וואָס ווערט איינגעשטעלט לויט אַ פֿאַרשטענדיקונג. באַ איין קלוב—ווערט איינגעהאלטן זיין פֿריערדיקער נאָמען.

8. דאָרטן, ווו ס'עקזיסטירן אייניקע פרעסע-אָרגאנען, ווערן די צייטונגען צונויפֿגעגאָסן אין איינע, דערביי האלט איין „דער וועקער" אין מינסק זיין נאָמען.

9. דער גאנצער פֿאַרמעגן פֿון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון בונד ווערט איבערגעגעבן אין רעשוס פֿון די אָרטיקע אָרגאניזאציעס פֿון ר.ק.פ.

10. דער גאנצער ארכיוו-מאטעריאל דארף צונויפֿגעקליבן ווערן און א פֿאַר־באַסמעטער געהיט ווערן ביז א באזונדערער פֿאַראָרדענונג.

11. אלע מיספֿארשטענדעניִשן און שטרייט-פֿראַגן אין די אָרטיקע קאָמיסיעס ווערן איבערגעגעבן אף דעם ענדגילטיקן באשלוס פֿון דער צענטראַלער קאָמיסיע.

12. די פֿארייניקונג דארף פֿארענדיקט ווערן בעמעשעך פֿון אַ כוידעש־דיקן טערמין פון דעם טאָג, ווען די געגעבענע אינסטרוקציע איז באקומען געוואָרן. דעם גאנצן מאַטעריאַל איבער דער פֿאריייניקונג דארף מען איבער־שיקן אין רעשוס פֿון דער צענטראַלער קאָמיסיע.

13. די מיטגלידער פֿון בונד, וועלכע האָבן דורכגעלאָזן דעם אָנגעוויזע־נעם טערמין, פֿארלירן דאָס רעכט אַף אַן אַווטאָמאַטישן אופֿנעם אין דער פֿאַר־טיי, זיי ווערט ניט פֿאַרעכנט דער פֿריערדיקער סטאַזש, זיי ווערן אופֿגענומען אף די אַלגעמיינע יעסוידעס, אָנגעוויזענע אין אוסטאַוו פֿון ר.ק.פ.

14. דער צ.ק. לייגט פֿאַר אַלע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס באַ דער פֿאַנאַנ־דערטיילונג פֿון די פֿאַרטעישע קרעפֿטן אין צוקונפֿט צווישן די פֿאַרשיידענע צווייגן פון סאָוועטישער און פֿאַרטעישער אַרבעט, רעכענען זיך הויפטזעכלעך מיט די אינדיווידועלע אָנגאַבן פון יעדן מיטגליד פֿון בונד, ניט שאַפֿנדיק פֿאַר די געוועזענע מיטגלידער פֿון בונד קיינע באַגרענעצונגען.

15. דאָס אויבנגעזאָגטע פֿאַרשפרייט זיך ניט נאָר אַף די טעריטאָריעס פֿון ר.ס.פֿ.ס.ר., נאָר אויך אַף די טעריטאָריעס פֿון אַלע סאָוועטישע רעפּובּ־ליקן, די קאָמוניסטישע פּארטייען פֿון וועלכע גייען אריין אין באַשטאַנד פון ר.ק.פ.

סעקרעטאַר פֿון צ.ק. פֿון ר.ק.פ. (מ אָ ל אָ ט אָ װ).

צענטראַל-קאָמיסיע איבער דער פֿאַרייניקונג פֿון בונד
מיט דער ר.ק.פ.

פֿאָרשטייער פֿון צ.ק. פֿון ר.ק.פ. י אַ ר אָ ס ל אַ װ ס ק י.

פֿאָרשטייער פֿון צ.ק. פֿון בונד װ ײ נ ש ט ײ ן.

פֿאָרשטייער פֿון צ.ב. פֿון די ייִדסעקציעס ט ש ע מ ע ר י ס ק י.

צירקוליאַריש.

דעם אויעזדישן קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, קאָפּיע דער ביוראָ פֿון דער יידסעקציע.

ט ײ ע ר ע כ אַ ו ע ר י ם!

דער פּראָצעס פֿון אַריינגיסן פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין די רייען פֿון אונדזער פּאַרטיי האָט זיך אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד פֿאַרענדיקט.

אין דער פּאַרטיי האָבן זיך אַריינגעגאָסן נייע טוער, אין דער צאָל אין דער ערשטער ריי טוער, וואָס זיינען ביכולעס צו פֿירן אַן אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער-מאַסן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שאַפֿן זיך גרויסע מעגלעכקייטן פֿאַר אַ רעגולערער סיסטעמאַטישער אַרבעט פֿון די יידישע סעקציעס פֿון דער פּאַרטיי.

די אַרבעט פֿון די יידישע סעקציעס דאַרף געווענדעט ווערן אין דער זייט:

1) פֿון קאָמוניסטישער דערציִונג פֿון די פּאַרטיי-מיטגלידער, וואָס ריידן הויפּטזעכלעך יידיש.

2) פֿון געווינען נייע מיטגלידער פֿאַר דער פּאַרטיי אין דער סוויווע פֿון די פֿאַרגעשריטענע אַרבעטער;

3) פֿון קאָמוניסטישע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אין דער סוויווע פֿון די אומפּאַרטייִשע יידישע אַרבעטער, פֿאַנאַנדערקלערן זיי די פּראָגראַם און טאַקטיק פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, די מאָסמיטלען פֿון דער סאָוועטנ-מאַכט.

4) פֿון אַרבעט צווישן יוגנט און אַרבעטער-פֿרויען;

5) פֿון אַ סיסטעמאַטישן קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פֿון די סאָוועטישע אָרגאַנען, וועלכע באַפֿרידיקן די ספּעציעלע נויטן פֿון די יידישע אַרבעטער, די יידישע סעקציעס פֿון דער אָפּטיילונג פֿון פֿאָלקאָמבילדונג.

קעדיי אַמבעסטן צו פֿאַרווירקלעכן די אָנגעוויזענע אויפֿגאַבן, רעקאָמענדירן מיר צו דער אָנפֿירונג פֿאָלגנדיקע האַנאַכעס:

1) די ביוראָ פֿון דער יידסעקציע האַלט אָפּ זיינע זיצונגען רעגולער און פּעריאָדיש ניט זעלטענער פֿון איין מאָל אין וואָך. מיר רעקאָמענדירן אָפֿענע זיצונגען פֿון ביוראָ מיט דעם אָבליגאַטאָרישן צוציִען די אַקטיווע טוער, וואָס פֿירן די יידישע אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי, און צולאָזן אַף די זיצונגען די געוויינטלעכע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי.

2) פּעריאָדיש, ניט זעלטענער ווי איין מאָל אין צוויי וואָכן, דאַרפֿן צונויפֿגערופֿן ווערן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען פֿון די פּאַרטיי-מיטגלידער, וואָס ריידן הויפּטזעכלעך יידיש. אין סיידער-האַיום ווערן איינגעשלאָסן פֿראַגן פֿון אַלגעמיינער און לויפֿנדיקער אַרבעט, וואָס שטעלן אין טאָגאָרדענונג פֿון אַלגע-

מיינע פּאַרטיי-פֿאַרזאַמלונגען, פֿראַגן פֿון פּאַרטיי-פּראָגראַם, באַריכטן פֿון ביוראָ, פֿון די אָנפֿירער פֿון די ייִדישע סעקציעס און די אָפּטיילונגען באַ סאָוועטישע אָרגאַנען א.ד.גל.

3) אין די צילן פֿון מאַקסימאַלער דערנעענטערונג פֿון אונדזער פּאַרטיי צו די ברייטע אַרבעטער-מאַסן, ווערבירונג פֿון נייע פּאַרטיי-מיטגלידער פֿון דער סוויווע פֿון די פֿאָרגעשריטענע אַרבעטער און בעהעסקעם מיט די באַשלוסן פֿון 10-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפֿאָר, דאַרף אַ באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט געווענדעט ווערן אַף דער אַרבעט פֿון די קעמערלעך. די ביוראָ פֿון די ייִדסעקציעס דאַרפֿן אָנמערקן אַ צעטל דערפֿאַרענע פּאַרטיי-טוער, וואָס ריידן ייִדיש, און צושטעלן אים אין אוקאָם, קעדיי צופֿעסטיקן זיי צו די קעמערלעך פֿון די אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און פֿראַקציעס פֿון פּראָפֿאַריינען מיט אַ איבערוועגנדיקן אָדער אויסשליסלעכן באַשטאַנד פֿון ייִדישע אַרבעטער, מען דאַרף ווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט אַף דער אָרגאַניזאַציע פֿון קעמערל.

4) די ביוראָען פֿון די ייִדסעקציעס דאַרפֿן אַף אַלע אופֿאַנים קומען צו הילף די אָרגאַניזאַציעס פֿון קאָמסאָמאָל אין די פֿראַגן פֿון קאָמוניסטישער דערציִונג פֿון דער ייִדישער אַרבעטער-יוגנט. פֿאַר אַ שטענדיקער און ענגער פֿאַרבינדונג דאַרף אײַנגעשטעלט ווערן דער פּרינציפּ פֿון קעגנזייטיקער פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿון די ביוראָען פֿון די ייִדסעקציעס און פֿון די אָרגאַנען, וואָס פֿירן אַרבעט צווישן דער ייִד. יוגנט (יעווסעק.).

5) אין די צילן פֿון אַ סיסטעמאַטישער אַרבעט צווישן די פֿרויען, ייִדישע אַרבעטערקעס און פֿרויען פֿון אַרבעטער (הויזווירטנס), דאַרף די ביוראָ פֿון דער ייִדסעקציע אַרויסרוקן פֿאַר אַ שטענדיקער אַרבעט אין פֿרויען-אָפּטיילונג אַ דערפֿאַרענעם אינסטרוקטאָר. די ביוראָען פֿון די סעקציעס דאַרפֿן קומען צו הילף דעם פֿרויען-אָפּטייל מיט אַגיטאַטאָרן-און לעקטאָרן-קויכעס.

6) באַ דעם דורכפֿירן פֿון פּאָליטישע און אַגיטאַציע-קאַמפּאַניעס (וואַלן אין די סאָוועטן, אומפּאַרטעיִשע קאָנפֿערענצן, דאָס דורכפֿירן פֿון אַגיטאַציע-טעג און וואָכן א. א.) דאַרפֿן די ביוראָען פֿון די ייִדסעקציעס דורכן אַגיטאָפּטייל באַדינען אין אַ גענוגנדיקער מאָס מיט אַגיטאַטאָרישע קויכעס די פֿאַרזאַמלונגען פֿון די ייִדישע אַרבעטער.

אין פּלאַן פֿון אַגיטאַציע דאַרף אײַנגעשלאָסן ווערן די אַרבעט פֿון ביוראָ פֿון דער סעקציע איבער דער אָרגאַניזאַציע פֿון רעגולערע מאסן-פֿארזאמלונגען פֿון ייִדישע אַרבעטער (קאָנצערטן—מיטינגען, אַלגעמיינע פֿארזאמלונגען, לעבעדיקע צייטונגען, אינסצענירטע געריכטן א.א.וו.). אַלס א נאָענטסטע אויפֿגאַבע ווייזן מיר אָן אף דער נויטיקייט פֿון א ברייטער אויפֿקלערונג פֿאר די ייִדישע אַרבעטער-מאסן פֿון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פֿון דער סאָוועטנמאכט און דער באדייטונג פֿון עקאָנאָמישע מאָסמיטלען.

די ביוראָ פֿון די ייִדסעקציעט פֿירן זייער ארבעט אין קאָנטאקט מיט דער ארבעט פֿון די קולטאָפּטיילונגען פֿון אופּראָפּביוראָ און פּראָפֿאַריינען.

7) אין די אינטערעסן פֿון דער פֿארווירקלעכונג פֿון קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פֿון די ייִדישע סעקציעס און אָפּטיילונגען בא די סאָוועטישע אנשטאלטן, הערט אויס די ביוראָ פֿון דער סעקציע פּעריאָדיש די באריכטן פֿון די אָנפֿירער מיט די סעקציעס און אָפּטיילונגען.

די פֿארוואלטערס פֿון די ייִדסעקציעס בא די אָפּטיילונגען פֿון פֿאָלקאָמבילד און די ייִדישע סובאָפּטיילונגען בא דער אָפּטיילונג פֿון נאצמינדערהייטן באַ די אויספּירקאָמען (דאָרטן, ווו זיי זיינען אָרגאַניזירט) דארפֿן אָבליגאטאָריש בייזיין אף די זיצונגען פֿון ביוראָ מיט בעראטונג-רעכט.

8) קעדיי באוואָרענען די רעגולערע ארבעט פֿון די ביוראָען פֿון די ייִדסעקציעס דאַרפֿן אויסטיילן די אוקאָמען, לויט דער צושטעלונג פֿון ביוראָ, אַ פֿאראנטוואָרטלעכן טוער פֿאַר א סעקרעטאר פֿון דער סעקציע און איין אַרומפֿאָרנדיקן און שטאַטישן אינסטרוקטאָר, באַפֿרייענדיק זיי פֿון יעדער אנדערער גרונט-אַרבעט. אַלע מיטגלידער פֿון דער פּארטיי, וועלכע באהערשן די ייִדישע שפראך און קאנען אויסגענוצט ווערן פֿאַר אגיטאטארן, דאַרפֿן דיסקאָנטירט ווערן און צוגעצויגן ווערן צו דער ייִדישער ארבעט פֿון דער פּאַרטיי.

9) אַף דער ניט לאנג פֿאָרגעקומענער בעראטונג פֿון די סעקציעס איז קלאָר געמאכט געוואָרן, אז אייניקע אוקאָמען גיבן ניט אָפּ די גענוגנדיקע אויפֿמערקזאמקייט דער ארבעט פֿון די ייִדסעקציעס. מיר ווענדן דעריבער די אויפֿמערקזאמקייט פֿון די אוקאָמען אַף דער נויטיקייט פֿון דעם אומבאדינגטן דורכפֿירן אין לעבן פֿון די האנאַכעס פֿון דעמדאָזיקן צירקוליאר, וואָס פֿאלן איינגאנצן צונויף מיט די דירעקטיוון, וועלכע דרינגען ארויס פֿון די באשלוסן פֿון דער לעצטער (ניינטער) פּאַרטיי-קאָנפֿערענץ, פֿון דער סעקרעטארן-בעראטונג פֿון די אוקאָמען און ניטאיינמאָליקע צירקוליארן פֿון צ. ב.

די אוקאָמען דאַרפֿן רעגולער אויסהערן אַף זייערע זיצונגען די באריכטן און פֿאָרטראָגן פֿון די סעקרעטארן פֿון די ביוראָען פֿון די ייִדסעקציעס, און איינשליסן אין זייערע פּעריאָדישע באריכטן, וואָס קומען אָן אין צ. ב., מאטעריאלן וועגן דער ארבעט פֿון די ייִדסעקציעס.

מיט קאָמוניסטישן גרוס:

סעקרעטאר פֿון צ.ב. פֿון ק.פּ.וו. (אונטערשריפֿט).

סעקרעטאר פֿון הויפּט-ביוראָ פֿון די ייִדסעקציעס (אונטערשריפֿט).

אופֿרוף *)

פֿון דער אויסעראָרדנטלעכער קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“

צו אַלע יידישע אַרבעטער פֿון סאָוועטנרוסלאַנד.

כאַוויירים!

די אויסעראָרדנטלעכע קאָנפֿערענץ פֿון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער-„בונד“, וועלכע איז פֿאָרגעקומען דעם 11-5 מאַרט אין מינסק, האָט באַשלאָסן אָנצונעמען דעם פֿאָרשלאַג פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל צונויפֿגיסן זיך מיט דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי. מיט דעם באַשלוס גיסט זיך דער „בונד“ פֿון סאָוועטנרוסלאַנד אַריין אין דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי.

יידישע אַרבעטער! דער „בונד“ טוט דעמדאָזיקן שריט דערפֿאַר, ווייל דאָס פֿאָדערן אייערע אינטערעסן, די אינטערעסן פֿון גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, די אינטערעסן פֿון אונדזער ניצאָכן איבער דער בורזשואַזיע פֿון דער גאַנצער וועלט.

אין דער גרויסער מילכאָמע צווישן די אונטערדריקטע און אונטערדריקער, וואָס קומט איצט פֿאָר אַף דער וועלט, שליסט זיך דער גאַנצער אַרבעטער-קלאַס פֿון אַלע לענדער צונויף אין אַ מעכטיקער אַרמיי. דאָס איז דער דריטער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס פֿאַראייניקט אונטער זיינע פֿאָנען אַרבעטער און אַרבעט-מענטשן פֿון אַלע נאַציאָנען, שפּראַכן, פֿאַרבן, ראַסן.

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל רופֿט די אַרבעטער פֿון דער גאַנצער וועלט צו אַן אומבאַראַכמאָנעסדיקער מילכאָמע אַנטקעגן דער בורזשואַזיע, ער רופֿט זיי, אַז זיי זאָלן מיט גוואַלד אַריבערנעמען אין זייערע הענט די מאַכט און איבערבויען די וועלט אַף נייע יעסוידעס.

---

*) לויט דעם טומל, וואָס די בונדיסטן האָבן געמאַכט איידער דער בונד האָט זיך ליקווידירט און דערנאָך, האָט מען זיכער געקענט דענקען, אַז דער בונד האָט אַסאַך מיטגלידער אין זיינע רייען. אָבער, אַז די ארייַנגיסונג פֿון בונד אין דער ר.ק.פ.(ב) האָט זיך פֿאַרענדיקט, איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער בונד, וועלכער האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ פֿאַראייניקונג פֿון צוויי פּאַרטייען („פֿאַראייניקטע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי“ און „בונד“), האָט איינגאַנצן אַרייַנגעבראַכט אין דער ר.ק.פּ. גענויע צוויי טויזנט מיטגלידער... דער גרעסטער יידישער אַרבעטער-מינסק האָט געגעבן 175 און מאָסקווע 115. ארום 80 פּראָצענט פֿון די בונדישע מיטגלידער איז באַשטאַנען פֿון אינטעליגענץ. פֿון די 115 מיטגלידער וואָס די מאָסקווער בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרייַנגעפֿירט אין דער פּאַרטיי, זיינען געווען נאָר 20 ארבעטער...

ווי נישטיק עס איז די צאָל פֿון די געוועזענע בונדיסטן אין דער אל.ק.פּ.(ב) דערציילן די ציפֿער וואָס דער כאַווער טשעמעריסקי האָט געבראַכט אין זיין בראָשור: „די אלפֿארבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די יידישע מאַסן“. די ציפֿער וואָס דער כאַווער טשעמעריסקי האָט געבראַכט, באַווייזן, אַז אין 1922 זיינען אין דער אל.ק.פּ.(ב) געווען 19,562 יידישע פּאַרטיי-מיטגלידער און צום 1-טן יאַנואַר 1925 זיינען געווען 31.200 מיטגלידער און פֿון דערדאָזיקער צאָל פּאַרטיי-מיטגלידער זיינען נאָר געווען געוועזענע מיטגלידער פֿון בונד 2409 און 390 קאַנדידאַטן, ד. ה. אַז אינגאַנצן זיינען ביז דעם 1-טן יאַנואַר 1920 געווען אין דער אל.ק.פּ.(ב) נאָר 2799 געוועזענע בונדאָווצעס. דידאָזיקע ציפֿער באַווייזן ווי פֿאַלש עס איז די פּוסטע מאַיסע, וואָס אייניקע געוועזענע בונדאָווצעס האָבן פֿאַרשפּרייט, אַז דער בונד האָט אין די יאָרן 1921-1919 „אַרייַנגעפֿירט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער ר.ק.פּ.(ב).

אָבער די קאַפּיטאַליסטישע וועלט וועט זיך ניט אונטערגעבן אָן קאַמף. אַנטקעגן דעם לאַנד, ווו דער אַרבעטער-קלאַס האָט שוין באַוויזן צו פאַרכאַפּן די מאַכט, ווו די בורזשואַזיע איז שוין צעקלאַפּט — אַנטקעגן רוסלאַנד און איר סאָוועטנמאַכט—ווערט געפירט אַ מילכאָמע. ניטאָ קיין מיטלען, פאַר וועלכע די סאָנים פון אַרבעטער-קלאַס זאָלן זיך אָפּשטעלן אין זייער שטרעבונג צו דער-שטיקן די סאָוועטנמאַכט. טאָגטעגלעך ווערן געשמידט נייע בלוטיקע פּלענער אַנטקעגן סאָוועטנרוסלאַנד; אין אַלע לענדער ווערט די קאָמוניסטישע באַוועגונג געשטיקט דורך אַכזאָריעסדיקע פאַרפאָלגונגען, דורך צעשיסונגען, דורך טליעס, דורך אינקוויזיציע, דורך געפענגענישן. און קעדייי העלפן זיך, העצט די בור-זשואַזיע די אַרבעטער איינע קעגן די אַנדערע: דייטשן אַנטקעגן די פראַנצויזן, פּאָליאַקן אַנטקעגן רוסן, ניטיידן אַנטקעגן יידן.

יידישע אַרבעטער! די אַרבעטער האָבן ניט וואָס צו טיילן צווישן זיך, זיי אַלע זיינען קינדער פון אַרבעט און נויט. זיי זיינען אַלע ברידער. זייער איינציקייט איז זייער גרעסטע מאכט. דער מעכטיקער קויעך, וועלכער פאַריי-ניקט דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, דאָס איז דער דריטער קאָמוניסטישער אינ-טערנאַציאָנאַל.

די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז צעטיילט אף מעלוכעס, יעדער מעלוכע דאָס איז אַ פעסטונג פון דער בורזשואַזיע, וואָס מיר דאַרפן איינעמען. אַנטקעגן יעדער פעסטונג שטעלט דער אינטערנאַציאָנאַל אַרויס זיין באַזונדער אַרמיי—די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון דערדאָזיקער מעלוכע.

און יעדער פּראָלעטאַריער דאַרף האָבן זיין אָרט אין זיין אַרמיי, אין דער קאָמוניסטישער אַרמיי פון זיין לאַנד.

עס קענען ניט זיין קיין צוויי קאָמאַנדירן איבער איין שלאַכט, איבער איין אַטאַקע, נאָר איין האַנט קאָן האָבן די אָנפירונג. עס קענען ניט זיין קיין באַזונדערע טרייע באַטאַליאָנען, ווען יעדערער טוט וואָס ער וויל. עס דאַרף זיין אַ פעסטע, צענטראַליזירטע, פאַראייניקטע אָנפירונג, אַ ניט, וועט דער סוינע אונדז בייקומען, און אויסבויען פאַר אונדז אַ נייע געפענגעניש.

אין סאָוועטנרוסלאַנד געהערט דידאָזיקע אָנפירונג דער רוסלענדער קאָ-מוניסטישער פּאַרטיי. דער אָרט פון יעדן פּראָלעטאַריער אין רוסלאַנד איז אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער „בונד“ האָט שטענדיק געוואָלט, אַז דער יידישער אַרבעטער זאָל איינגעפלאָכטן ווערן אין איין אינטערנאַציאָנאַלער מישפּאָכע, אין דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי.

אָבער ס'זיינען געווען מיינונג-פאַרשיידנהייטן צווישן „בונד“ און דער אַלגעמיינער פּאַרטיי וועגן דעם, ווי אזוי ס'דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן די יידישע אַרבעטער. מיר האָבן געשטרעבט צו איבערצייגן אונדזערע כאַווײרים, אז אונדזער אָרגאַניזאַציע-פּרינציפּ איז אַ ריכטיקער, מיר האָבן זיך באַמיט דערוויייל, אָרגאַניזירנדיק די יידישע אַרבעטער באַזונדער, פירן זיי האַנט באַ האַנט מיט זייערע ניטיידישע כאַווײרים. מיר האָבן געוואָלט, אז אין דער אַלגעמיינער

פּראָלעטאַרישער אַרמיי זאָלן די יידישע אַרבעטער זיין צוזאַמען ווי א קיבעץ, פאַרייניקנדיק זייער ענערגיע, זייער קאַמפּמוטיקייט אין אַ באַזונדער קאָלאָניע, די מיינונג-פאַרשיידנהייטן זיינען געבליבן.

מיר האַלטן אויך היינט, אַז אויב אין דער איינהייטלעכער צענטראַליזירטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וואָלט בלייבן אַ „בונד", וואָלט אונדז גרינגער און בעסער געווען צו אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער, אַריינפירן זיי אין קאָמוניזם, העלפן זיי בויען דאָס יידישע לעבן אַף נייע יעסוידעס, אָבער אין סאָוועטנרוסלאַנד, ווו דער פּראָלעטאַריאַט און זיין פּאַרטיי שטייט בא דער מאַכט איז מער ניטאָ קיין צייט זיך אַמפּערן וועגן אָרגאַניזאַציע-פראַגן. איצט, ווען עס דונערט די שלאַכט, ווען דער כוצפּעדיקער סוינע מאַכט נייע אַנגריפן ווען מע דאַרף אומענטשלעכע אָנשטרענגונגען, קעדיי פּאַרטיק צו ווערן מיטן כורבן, מיטן הונגער, טראַנספּאָרט-קריזיס, הייץ-קריזיס, ווען נאָר אַן איינהייטלעכע, פעסטע, צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע קאָן העלפן—איצט מוז מען אַלץ אונטערוואַרפן דעם גרונט-אינטערעס, דעם הויפּט-אינטערעס, דער איינהייט פון גאַנצן אַרבעטער-קלאַס.

דער „בונד", אייער „בונד", וואָס האָט אייך יאָרן לאַנג געפירט אין קאַמף פאַר דער באַפרייונג, קאָן ניט און טאָר ניט שטעלן זיך באַזונדער, אָנאַזייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; ער ווייס, אַז פון דער זעלבשטענדיקייט וועט זיך גאָר ניט אויסלאָזן, אויב דער אַרבעטער-קלאַס וועט ניט זיגן; ער ווייס, אַז נאָר דער ניצאָכן פון פּראָלעטאַריאַט אַף דער גאַנצער וועלט וועט באַוואָרענען די פרייע פּראָלעטאַרישע שאַפונג, די זעלבסטעטיקייט פון אַלע נאַציעס און אויך פאַר דער יידישער נאַציע. מיט די אייגענע קויכעס קאָן קיין איין פּראָלעטאַריאַט זיך ניט באַפרייען.

צו אייך וועט מען קומען און איינריידן אייך, אַז דער „בונד" האָט אייך פאַראַטן, אַז ער האָט אייך פאַרלאָזן, מע וועט אייך זינגען אַן אַלט לידל, וועגן דעם, אַז איר זייט אומעטום אין דער פרעמד און אַז איר דאַרפט אַן אייגן לאַנד און אַן אייגענע אַלוועלטלעכע פּאַרטיי.

יידישע אַרבעטער, ניטאָ קיין באַזונדערע צילן פאַר אַרבעטער פון באַזונדערע נאַציעס. ניטאָ קיין באַזונדערע היימען פאַר זיי. אומעטום, ווו איר אַרבעט, אומעטום, ווו איר קעמפט, אומעטום, ווו ס׳גיסט זיך אייער בלוט און אייער שווייס—אומעטום איז אייער היים און אומעטום וועט זיין אייער קיניגרייך. אומעטום וועלן אַרבעטער, וואָס געהערן צו איין נאַציע, קענען בויען זייער נייע קולטור, אַנטוויקלען זייערע שאַפונג-קרעפטן. אין די אַלגעמיינע רייען פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט שלאָגט זיך דער יידישער, דייטשישער, פראַנצויזישער אַרבעטער, ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אַלעמען, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס בלוט, וואָס יידישע אַרבעטער האָבן פאַרגאָסן אין די גאַסן פון מינסק, ווילנע, דווינסק, וואַרשע, אַף די פראָנטן אַנטקעגן דער קאָנטררעוואָלוציע,—איז פאַרגאָסן געוואָרן פאַר דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט. דער אינדישער אַרבעטער, וואָס פאַלט אין ווייטן אזיען אונטערן פייער פון ענג-

לישן אונטערדריקער, דער דייטשישער פּראָלעטאַריער, וואָס שלאָגט זיך אין די גאַסן פֿון בערלין—זיי פֿאַרגיסן זייער בלוט אויך פֿאַר אונדז יידישע אַרבעטער, פֿאַר אונדזער באַפֿרייונג, פֿאַר דער אויפֿריכטונג פֿון אונדזער יידישער קולטור.

און דעריבער, מוטיק, אונטער די פֿאָנען פֿון דריטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין די רייען פֿון זיין רוסלענדישער אַרמיי—פֿון דער העלדנמוטיקער, רומפֿולער קאָמוניסטישער פּאַרטיי!

* * *

יידישער אַרבעטער, דער „בונד"—דאָס זייט איר אַליין, דער „בונד" איז געבאָרן געוואָרן בא אייך, אין די נידעריקע הייזלעך, אין די פֿייכטע קעלערן, אין די קאַלטע דאַכשטיבלעך, אין די קרומע שמוציקע געסלעך. דער „בונד" איז אויסגעוואַקסן פֿון אייער אַרבעט, פֿון אייער פּיין, פֿון אייער הונגער, פֿון אייער נויט, פֿון אייער שווייס, פֿון אייער בלוט, פֿון אייערע טרערן.

דער „בונד",— דאָס איז געווען דער ערשטער צאָרנגעשריי פֿון שקלאַף, וואָס שטייט אויף פֿון קנעכטשאַפֿט צו פֿרייהייט, דער ערשטער פֿונק פֿון באַוווסטזיין, דער ערשטער שטראַל פֿון געדאַנק, די ערשטע קראַפֿט-אָנשפּאַנונג פֿון דער האַנט, וואָס איז נאָך איינגעשמידט אין קייטן, אָבער שטרענגט זיך שוין אָן צורייסן זיי.

דער „בונד" דאָס איז דאָס בעסטע אין אייך, יענע אינעווייניקסטע שטים, וואָס האָט געוועקט און געצופּט, ניט געלאָזט רוען, אָן אויפֿהער געשטויסן, דערצויגן אין שטורעם און קאַמף, געצונדן אין האַרצן אַן אייביקן האַס, צו די טיראַנען און אונטערדריקער, אַן אייביקן דאָרשט נאָך באַפֿרייען די גאַנצע וועלט, נאָך איבערבויען דאָס גאַנצע לעבן, אַ דאָרשט נאָך ליכט, נאָך וויסן, נאָך גליק פֿאַר אַלעמען.

מיט אייך איז דער „בונד" געווען שטענדיק—אין דער נאַכט פֿון רעאַקציע, אין שטורם פֿון קאַמף, מיט אייך געגרייזט, מיט אייך פֿאַררכט די פֿעלערן, דאָס איז אייער ווילן, יידישע אַרבעטער, צו קעמפֿן פֿאַרן קאָמוניזם, דאָס איז אייער ווילן יידישע אַרבעטער צו זיין אונטער די פֿאָנען פֿון דריטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דאָס איז אייער ווילן, יידישע אַרבעטער, ענג צו באַהעפֿטן זיך מיט דער פֿירערן פֿון דער וועלט-רעוואָלוציע, מיט דער באַפֿרייערן פֿון דער מענטשהייט, מיט דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

יידישע אַרבעטער! דער „בונד" ווייס, אַז איר זייט מאַסקים מיט אים אין זיין אָרגאַניזאַציע-פּרינציפּ, אז איר ווילט האָבן אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אייער אָרגאַניזאַציע, אָבער די איינִיקייט דאַרף איצט זיין העכער פֿון אַלץ, פֿון אייער ווילן און פֿון אייער אַרבעט, פֿון אייער קאָמוניסטישער שאַפֿונג הענגט אָפּ, אַז יענע פֿאָרמען פֿון יידישער אַרבעט, וואָס עקזיסטירן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זאָלן זיך ביסלעכווייז פֿאַרברייטערן

און איבערבויען אין יענע פֿאָרמען פֿון אָרגאַניזאַציע, וועלכע פּאַסן זיך פֿאַר אונדז, יידישע אַרבעטער, אַמבעסטן, וועלכע גיבן אונדז די מעגלעכקייט צו צעשטערן דאָס אַלטע יידישע לעבן און אויסבויען דאָס נייע. אויב איר ווער ווען, אויב איר ווער אַרבעטן, ווער אין די רייען פֿון דער ר. ק. פּ. אויס-וואַקסן דאָס, וואָס איז ביז איצט געווען דער „בונד".

יידישע אַרבעטער! דער „בונד" גייט פֿון אייך ניט אַוועק. ער בלייבט מיט אייך. ער פֿירט אייך צוזאַמען מיט זיך אונטער די פֿאָנען פֿון דער רוס-לענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, קעדיי איר זאָלט קענען מיט אַ מעכטי-קער האַנט צעשטערן דאָס אַלטע צעפֿוילטע יידישע וועלטל, קעדיי איר זאָלט קאָנען אויסראָטן די שפּורן פֿון דער אַלטער יידישער קנעכטשאַפֿט, קעדיי איר זאָלט לייגן אַ פֿונדאַמענט פֿאַר אַ נייעם געזונטן יידישן לעבן, קעדיי איר זאָלט קענען צוזאַמען מיט אייערע ברידער פֿון אַלע נאַציעס צעשטערן די פֿעסטונגען פֿון סוינע און דערשלאָגן זיך גליק און פֿרייהייט פֿאַר אַלעמען און פֿאַר זיך.

יידישע אַרבעטער! אונטער די פֿאָנען פֿון „בונד" האָט איר געשוואָרן צו קעמפֿן פֿאַר פֿרייהייט און רעכט מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט.

— געטריי דערדאָזיקער שוווּע, טרעט אַריין אין די רייען פֿון יענער פּאַרטיי, וועלכע פֿירט אָן מיט דעמדאָזיקן קאַמף, טרעט אַריין אַהין, וווּהין עס גייט איצט די פֿאָן פֿון „בונד", אין די רייען פֿון דער רוסלענדישער קאָמו-ניסטישער פּאַרטיי.

דער יידישער אַרבעטער-„בונד" האָט אייך מיט יאָרן צוריק אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. דער יידישער אַרבעטער-„בונד" האָט אייך געמאַכט פֿון שטילע קאָרבאָנעס פֿאַר שטאָלצע קעמפֿער. די פֿאָן פֿון יידישן „אַרבעטער-בונד" האָט אייך געפֿירט אַף אַלע אייערע וועגן, דידאָזיקע, הייליקע, רומפֿולע פֿאָן, וועל-כע איז אייך אַלעמען טייער, וועלכע האָט זיך קיינמאָל ניט געבויגן פֿאַרן פֿיינט, דידאָזיקע אַלטע, אין שלאַכט פֿאַרויכערטע שטאָלצע פֿאָן טראָגן מיר אַליין מיט ליבשאַפֿט און ערפֿורכט אַריין אין דעם טעמפּל פֿון דריטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

יידישע אַרבעטער! אייער ליבשאַפֿט, אייער צוטרוי, אייער פֿרייהייט צום יידישן אַרבעטער-בונד טראָגט אַריין אין יענעם גרויסן בונד, אין וועלכן ס'וועט מיט דער צייט צוריק אויסוואַקסן די אָרגאַניזאַציע פֿון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דעם גרויסן בונד פֿון די פּראָלעטאַריער פֿון אַלע נאַציעס.

דאָס איז יענער בונד, אין וועלכן די אַרבעט פֿון יידישן אַרבעטער-בונד וועט אייביק לעבן. דאָס איז יענער בונד, וועמעס פֿלאַטערנדיקע פֿאָן פֿלאַטערט איצט אַף דער גאַנצער וועלט.

און אָט צו דעם בונד באַשווערן מיר אייך, יידישע אַרבעטער, צו היטן אַ טרייהייט אָן גרענעצן, אַ טרייהייט אַף לעבן און טויט. אונטער זיינע פֿאָנען

ווע̇לן מיר אַ̇לע פ̇ירן דעם היילי̇קן שטרייט פ̇אַר דער פּאָלי̇טישער, עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג, בי̇זוואַנען די̇ וועל̇ט וועט ניט ווערן באַנייט.

זאָל ל̇עבן דערדאָזי̇קער היילי̇קער שטרייט! זאָל לעבן די̇ סאָציאַלע רע-וואָלוציע אַף דער גאַנצער וועלט!

זאָל לעבן דערדאָזיקער בונד, דער דריטער קאָמוני̇סטי̇שער אינטערנאַ-ציאָנאַל! זאָל לעבן דער אַוואַנגאַרד פון דעמדאָזיקן בונד, די רוסלענדישע קאָמוניסטי̇שע פּאַרטיי!

זאָל ל̇עבן דער לעבעדיקער, שאַפנדיקער יי̇דישער אַרבעטער-קלאַס אונ-טער די פאָנען פון קאָמוני̇זם! זאָל לעבן אונדזער אַלטער, אונדזער פ̇ייערדי̇קער, אונדזער וועל̇ט-צעשטערנדי̇קער קאַמף-לאָזונג:

פּראָלעטאַרי̇ער פון אַלע לענדער, פאַרייניקט זיך!

די יעקאַפּיסטן

(ייִדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פּועלי־ציון).

די ראָל פֿון די פּועלי־ציוֹן אין דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע

* * *

די פּ.-צ. האָבן גלייך נאָך דער פֿעוורואַל-רעוואָלוציע זיך געפֿונען אין די אַלגעמיינע רייען פֿון די פּשאָרע-מאַכער און אין זייער „גאָלעס"-פּאָליטיק דורכגעמאַכט דעמזעלביקן עטאַפּ, וואָס אַלע איבעריקע יידישע קליינבירגערלעכע פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך צוגעדעקט מיט אַ סאָציאַליסטישן שלייער. פּונקט ווי דער בונד, אַזוי האָבן זיי קאָנצענטרירט זייער גאַנצע טעטיקייט אין די יידישע קעהילעס, אַרויסגעשטעלט פֿאָדערונגען פֿון נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אַווטאָנאָמיע, וועגן אַ יידישער גרינדונג-פֿאַרזאַמלונג. און וועגן אַן אַלרוסלענדישן יידישן קאָנגרעס.

אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק האָבן די פּועלי-ציאָניסטן געשטיצט די צייטווייליקע רעגירונג, באַרעכטיקט איר פּאָליטיק פֿון אָנגריף און אויך גערופֿן צו שטיצן די צייטווייליקע רעגירונג אַפֿילו נאָך די יול-טעג פֿון 1917, ווען קערענסקי האָט אַרעסטירט און צושאָסן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, סאָלדאַטן און מאַטראָסן, וועלכע זיינען אַרויס אַף די גאַסן פֿון פּעטראָגראַד און געפֿאָדערט: „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן!".

אָבער דער ענדציל פֿון די פּועלי-ציעניסטן איז ניט געווען די רוסישע רעוואָלוציע און דאָס באַפֿרייטע רוסלאַנד. אין אַ רעזאָלוציע פֿון דריטן צוזאמענפֿאָר פֿון די פּועלי-ציאָן, וועלכער איז פֿאָרגעקומען גלייך נאָך דער פֿעוורואַל-רעוואָלוציע, איז דערקלערט געוואָרן, אַז „באַ אַלע ענדערונגען און פֿאַרבעסערונגען, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע ברענגט אריין אין דער רעכטלעכער און עקאָנאָמישער לאַגע פֿון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד און דורך דעם אויך אין די שכייניש לענדער, ווערט פֿונדעסטוועגן ניט אָפּגעשאַפֿט די איקער אַנאָמאַליע פֿון יידישן לעבן—עקסטעריטאָריאַליטעט פֿון יידישן פֿאָלק אין די גאָלעס-לענדער. „די רעוואָלוציע איז בעקויעך בלויז צו לינדערן, אָבער ניט אָפּצושאַפֿן די וויכטיקסטע און שענדלעכע פֿאָלגן פֿון דער יידישער עקסטעריטאָריאַליטעט—ווי די סאָציאַלע און פּאָליטישע באַשרענקטקייט פֿון קלאַסנקאַמף פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט און די יידישע מאַסן-וואַנדערונג".

דעריבער האָט דער דריטער צוזאמענפֿאָר פֿון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פּארטיי (פּ.-צ.) דעם אַלטן שטאַנדפּונקט פֿון דער פּארטיי

בענויגייע צו דער טעריטאָריאַלער אַווטאָנאָמיע פֿאַרן יידישן פֿאָלק אין פּאַלעסטינע".

אָט דערדאָזיקער אידעאַל פֿון ציאָניזם, האָבן די ציאָניסטן אין 1917 יאָר געמיינט, ווערט פֿאַרווירקלעכט דורך דעם ענגלישן "מאָשיעך"-באַלפֿור מיט זיין דעקלאַראַציע וועגן שאַפֿן אַ יידישע היים אין פּאַלעסטינע, און דערפֿאַר האָט מיט באַגייסטערונג און שטאָלץ געשריבן דער גרינדער און טעאָרעטיקער פֿון פּויעלי-ציאָניזם ב. באָרוכאָוו, אַז

„דאָס, וואָס מיר האָבן פֿאָרויסגעזאָגט מיט 15, מיט 12 און מיט 10 יאָר צוריק, און באַזונדערס באַם אָנהויב פֿון דער מילכאָמע, איז געוואָרן אַ פֿאַקט: אַ געזיכערטע אייגענע היים פֿאַרן יידישן פֿאָלק אין ערעציסראָעל,—איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַפֿן טאָגאָרדענונג פֿון דער וועלט-פּאָליטיק. דאָס איז דערווילע אַלץ, ניט מער, נאָר אויך ניט ווייניקער. דאס איז אונדזער זיג, אַן אומצווייפֿלהאַפֿטער זיג, אונדזערער און פֿון אַלע ציאָניסטן..."*).

די אוטאָפּיע און גלויבן פֿון דעם פּויעלי-ציאָניסטישן טעאָרעטיקער האָט פֿאַרשטייט זיך, געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אין די פּויעלי-ציאָניסטישע רייען. און מיט נאַיווער באגייסטערונג זיינען די ציאָניסטן פֿון אַלע מינים גלייך געגאַנגען העלפֿן די ענגלישע אימפּעריאַליסטן וואָס גיכער צו „באַקומען" די „אייגענע געזיכערטע היים פֿאַרן יידישן פֿאָלק", פּינכאָס רוטענבערג, זשאַבאָטינסקי און אַנדערע האָבן געשאַפֿן די ספּעציעלע יידישע לעגיאָנען וועלכע זיינען אוועק אין גאַליפּאָליע צו העלפֿן די ענגלישע אימפּעריאַליסטן צו באַזיגן די טערקן. כוץ דעם האָט די גאַנצע ציאָניסטישע באַוועגונג פֿון אלע ריכטונגען געשטיצט די גאַנצע אַנטאַנטע און די צייטווייליקע רעגירונג, וועלכע האָט דאָס געדאַרפֿט „העלפֿן" באַלפֿורן צו „קריגן ערעציסראָעל פֿאַרן יידישן פֿאָלק".

פֿון דעם אליין ווערט שוין קלאָר די ראָל פֿון די פּויעלי-ציאָניסטן אין דער עפּאָכע פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע—די באַלפֿור-דעקלאַראַציע האָט זיי פֿאַרוואַנדלט פֿאַר דינער פֿון ענגלישן אימפּעריאַליזם, און עס איז גאַנץ נאַטירלעך געווען, אַז די פּויעלי-ציאָניסטן זיינען געשטאַנען אין די רייען פֿון די קעגנער פֿון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע און אין די אָקטיאַבער-טעג, ווען די פֿאָרשטייער פֿון בונד האָבן אַפֿן צווייטן אַלרוסלענדישן צוזאמענפֿאָר פֿון די סאָוועטן דערקלערט, אז זיי פֿאַרלאָזן דעם צוזאמענפֿאָר, האָבן אויך די פּויעלי-ציאָניסטן געטאָן דאָסזעלבע. אויך זייער פֿאָרשטייער האָט דערקלערט, אַז די פּויעלי-ציאָניסטישע פּאַרטיי קען ניט נעמען אף זיך די אַכראַיעס פֿאַר דעם „פֿאַרברעך", וואָס די באָלשעוויקעס באַגייען קעגן דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע. די פּ.-צ. זיינען נאָך דערגאנגען פֿיל ווייטער, און דעם 24-טן אָקטיאַבר 1917 האָט דער פּויעלי-ציאָניסטישער צענטראַל-קאָמיטעט פֿאַנאַנדערגעשיקט אַ צירקוליאַר, אין וועלכן ער האָט גערופֿן די פּ.-צ.-אָרגאַניזאַציעס אַריינצוטרעטן אין די „קאָמיטעטן צו רעטן דאָס פֿאָטערלאַנד און רעוואָלוציע", אין די-

---

*) ב. באָרוכאָוו—„מיטן פּאָנים צו דער ווירקלעכקייט"—פֿאַרלאַג „דער האמער", זייט 11.

זעלבּיקע קאָמיִטעטן, וואָס האָבן מיט דער הילף פֿון אלע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן געוואָלט דערשטיקן די אָקטיאבּר-רעוואָלוציע*) און אין דערזעלבער ריכטונג האָבן די פּ.-צ. פֿאָרגעזעצט זייער קאַמף קעגן דער אָקטיאַבּר-רעוואָלוציע אין אַלע טיילן פֿון לאַנד.

אין די אָקטיאַבּר-טעג האָבן אין מינסק זיך באַוויזן אייניקע פּ. צ., וועלכע זיינען ניט געווען קעגן דער אָקטיאבּר-רעוואָלוציע און האָבן אַפּילע אין יאַנוואַר 1918, ווען עס האָט זיך געגרינדעט דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט, אויך גענומען גרינדן ייִדישע קאָמיסאַריאַטן. (אין מינסק—צווי פֿרידליאַנד און אַנדערע—אין סמאָלענסק). אָבער דער באָלשעוויזם פֿון די פּ. צ. איז באַשטאַנען נאָר אין שעדיקן די ארבעט פֿון צענטראַלן ייִדישן קאָמיסאריאַט און אין פֿאַרוואַנדלען די אַנשטאלטן אין נאַציאָנאַליסטישע קלייזלעך. די ראָל פֿון די פּויעליי-ציאָניסטן האָט זיך גאָר בוילעט אַרויסגעוויזן אין 1918 יאָר אף דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון די ייִדישע קעהילעס. ווען דער מיטגליד פֿון קאָלעגיע פֿון דעם ייִדישן קאָמיסאריאַט ראַבּינאָוויטש האָט דערקלערט אפֿן צוזאמענפֿאָר פֿון די קעהילעס, אַז ער זיצט אין צענטראַלן ייִדישן קאָמיסאריאַט דערפֿאַר, ווייל די קעהילע זאָל זיך קענען צוזאַמענקלייבן אפֿן צוזאמענפֿאָר. גלייכצייטיק האָט די פּויעליי-ציאָניסטישע פרעסע געפֿירט אַ פֿאַראַקשנטן קאמף קעגן די ייִדסעקציעס און קעגן ייִדישן קאָמיסאַריאַט.

אַף אוקראַינע האָבן די פּויעליי-ציאָניסטן געשפּילט דיזעלבע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע ראָל ווי די בּונדיסטן. די פּויעליי-ציאָן האָבן גענומען אַן אָנטייל אין די מיניסטעריומס פֿון פּעטלורע און זיינען נאָך געגאַנגען פֿיל ווייטער ווי דער בּונד און די איבּעריקע פּאַרטייען, ווייל ווען אלע האָבן שוין אָנגעהויבּן צוצווייסן מיט פּעטלורעס מאכט, איז דער פּויעליי-ציאָניסט רעווּוצקי געוואָרן דער ייִדישער מיניסטער פֿון פּעטלורעס רעגירונג.

אין אָנהויבּ 1919 יאָר באַווייזט זיך אף דער אַרענע פֿון דער פּויעליי-ציאָניסטישער באַוועגונג דער אַזויגערופֿענער יעקאַפּיזם. עס ווערט געשאפֿן די פֿראַקציע פֿון די פּויעליי-ציאָניסטן-קאָמוניסטן, וועלכע פֿירן אונטערן שלייער פֿון קאָמוניזם זייער נאַציאָנאַליסטיש-ציאָניסטישע פּאָליטיק, און דידאָזיקע „קאָמוניסטן“ טרעטן אַרויס מיט דערזעלבער שארפֿקייט קעגן די קאָמיסאריאַטן און קעגן די ייִדישע סעקציעס.

ווען אין מינסק האָט אָנגעהויבּן דערשיינען „דער שטערן“, האָט דער פֿאָרשטייער פֿון די יעקאַפּיסטן פֿרידליאַנד גערופֿן צו פֿירן אַ העפֿטיקן קאַמף קעגן די ייִדישע קאָמיסאריאַטן און קעגן „דעם שטערן“**). אָבער אין דערזעלבער צייט האָט דידאָזיקע יעקאַפּיסטישע גרופּע אָנגעהויבּן צו שרייבּן מעמאָראַנדומס אין די פֿאַרשיידענע פּאַרטעיִשע און סאָוועטישע אַנשטאלטן און זיך אַרויסווייזן פֿאַר פֿאַרטיידיקער פֿון דער סאָוועטנמאכט און דער אָקטיאַבּר-רע-

---

*) דער צירקוליאר איז געווען געדרוקט אין נומער 14 (20) „יעווריעיסקאיא ראַבּאָטשאיא כראָניקאַ“, נאָיאבּר, 1917.

**) אַזוי ווערט דערציילט אין „שטערן“ נום. 3. 30-טן דעקאַבּר 1918.

וואָלוציע. דער גרעסטער טייל פון אונדזערע אלגעמיינע אַנשטאַלטן סאַי פּאַר־טעיִשע און סאי מעלוכישע האָבן קיין באַגריף ניט געהאַט וועגן דידאָזיקע יעקאָפּיסטן, און פיל פלעגן אָנעמען פאַר גוטע געלט זייער „קאָמוניזם״. און דערפאַר האָבן די קאָמוניסטן געמוזט אָנהויבן א קאמף קעגן די, וועלכע האָבן אין 1919 אין האָמעל געשאַפן די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (פּ. צ.).

אין 1919 יאָר האָט דער כ׳ דימאנשטיין אָפּגעדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען „דער ציאָניזם אונטער אַ קאָמוניסטישן שלייער״, אין וועלכע ער האָט דעמאסקירט די אזויגערופענע ציאָניסטישע „קאָמוניסטן״. אַביסל שפּעטער איז אין דער אלגעמיינער פּאַרטעיִשער און סאָוועטישער פּרעסע אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ ספּעציעלע דערקלערונג פון דער צענטראַל-ביוראָ פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס, אין וועלכער עס איז געגעבן געוואָרן א כאַראַקטעריסטיק וועגן דער ראָל פון די יעקאָפּיסמן. האַגאַם די יעקאָפּיסטישע גרופּע האָט מיט זיך קיינעם ניט פאָרגעשטעלט, פלעגט זי באַ יעדער געלעגנהייט אַרויסטרעטן מיט דעקלאַראַציעס און איז אפילע אויך דער-גאַנגען צו די קאָנגרעסן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

קעדיי צו באקומען א באַגריף וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דידאָזיקע יעקאָפּיסטישע פּאַרטיי, וועלן מיר ברענגען אייניקע ציטאַטן פון כ׳ צווי פרידליאַנדס ביכל „דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאל און די קאָמוניסטישע פּועלי-ציאָן״. אין דעם ביכל ווערט דערציילט:

„האַגאַם עס איז שוין געווען אַ גרופּע פּ. צ. באָלשעוויקעס, וועלכע האָט ניט געקענט מאסקים זיין מיט דעם פּאַראַט פון רעוווצקין, האָט מען ניט גע-קענט באַשליסן צו שפּאלטן די פּאַרטיי, און באַשליסן האָט מען ניט געקענט, ווייל עס איז ניט געווען קיין אידעאָלאָגיע, צוליב וואָס די שפּאלטונג זאָל פּאָרקומען. אין דער צייט האָט זיך נאָך די אידייע פון פּערסאָנעלער אַווטאָ-נאָמיע אין פּאַלעסטינע אינגאַנצן פאַרהיט אין באַוווסטזיין פון די קאָמוניסטן-פּ. צ.

כאַשין האָט אין קיִעוו געזאָגט (אין 1919), אז ער איז קעגן דער רעוואָלוציע, אויב זי ברענגט מיט זיך פּאָגראָמען, און צווי האָט אין מינסק געזאָגט (אויך אין 1919), אַז אָן פּערסאָנעלער אַווטאָנאָמיע איז אוממעגלעך די אידעאָלאָגיע פון יידישן קאָמוניזם...״ *).

אַזוי האָבן געערעט די גרינדער פון יעקאָפּיזם, און עס איז זיך שוין גאַנץ לייכט פאָרצושטעלן דעם „קאָמוניזם פון די איבעריקע יעקאָפּיסטן, אָבער דאָך האָבן דידאָזיקע „קאָמוניסטן״ געגרינדעט די יעקאָפּע, וועלכע איז (ווי צווי דערציילט) באשטאַנען פון אַ קליינע גרופּע מענטשן. אָבער דידאָזיקע „פּאַרטיי״ הויבט גלייך אָן פירן גרויס-פּאָליטיק; מען שיקט מעמאָראַנדומס צום קאָמינטערן, מען הויבט אָן פירן אונטערהאנדלונגען מיטן „בונד״ וועגן זיך פאַראייניקן. און פאַראייניקן מיט בונד האָט די פּ. צ. זיך געוואָלט דערפאַר,— דערציילט צווי—ווייל:

---

*) צווי פרידליאַנד—דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל און די קאָמוניסטישע פּ. צ.— זייט 98. מינסק 1921.

„מיר האָבן באַשלאָסן צו פֿירן אַ פֿאַראַקשנטן קאַמף פֿאַר דער אידייע צו פֿאַרייניקן די ייִדישע קאָמוניסטישע באַוועגונג. מיר האָבן אָנגעוויזן אַף דעם, אַז דער בונדיזם און פּועלי־ציאָניזם, אַף וויפֿל די ביידע האָבן זיך געשטעלט אַף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון קאָמוניזם, האָבן אויסגעלעבט פֿיל כּלוקעדייעס, און די ווייטערדיקע באַזונדערע עקזיסטענץ ברענגט מער אומגליק פֿאַר דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג*).

אָבער פֿון דידאָזיקע פּלענער וועגן דער פֿאַרייניקונג פֿון די יעקאַפּיסטן גיט זיך גאָר ניט איין. דער בונד הויבט אָן צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיטן קאָמינטערן וועגן אַריינטרעטן אין דער ר. ק. פּ. און אייניקע פּ. צ. פּרובירן ווייטער פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיטן בונד וועגן פֿאַרייניקן זיך און דורך דעם שאַפֿן אַ שטאַרקן קולאַק קעגן קאָמינטערן און דורך דעם פֿאַרהיטן דעם ייִדישן אַרבעטער־קאָלעקטיוו. ווייל פֿאַר די יעקאַפּיסטן—דערציילט ווייטער צווי—איז געווען קלאָר, אַז דער אַריינטריט פֿון בונד אין דער ר. ק. פּ. אָן די איבעריקע ייִדישע קאָמוניסטישע גרופּירונגען קען פֿאַרהאַלטן דעם פּראָצעס פֿון קאָמוניזירן די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג. לויט זייער מיינונג האָט די ייִדישע קאָמוניסטישע באַוועגונג געדאַרפֿט פֿאָרגעשטעלט ווערן פֿאַרן קאָמינטערן ווי איין גאַנצעס, און דעריבער האָבן זיי מיט אַלע מיטלען געוואָלט פֿאַרייניקן די ייִדישע קאָמוניסטישע גרופּירונגען און קעמפֿן קעגן דעם באַשלוס פֿון קאָמינטערן וועגן דעם אַריינטריט פֿון בונד אין ר. ק. פּ. אָפּציִען דעמדאָזיקן באַשלוס ביזן דריטן קאָנגרעס פֿון קאָמינטערן, ווען עס וועלן זיין פֿאָרשטייער פֿון פֿאַרבאַנד פֿון די פּ. צ. און דאָרטן ווירקן אַף די טוער פֿון קאָמינטערן, אַז דער ייִדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג זאָל מען געבן ברייטערע אָרגאַניזאַציע־פֿאָרמען **).

אָבער פֿון די אַלע פּלענער האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן. דער בונד איז אריין אין ר. ק. פּ. אָן די יעקאַפּיסטן, און אַפֿן גרונט פֿון די אונטערהאַנדלונגען פֿון די יעקאַפּיסטן מיט די פֿאָרשטייער פֿון בונד וועגן פֿאַרייניקן זיך האָבן די לעצטע דערקלערט, אַז אין יעקאַפּע קומט פֿאָר אַ שפּאַלטונג. אַף דער דערקלערונג פֿון די פֿאָרשטייער פֿון בונד האָבן די יעקאַפּיסטן געענטפֿערט מיט דערדאָזיקער כאַראַקטעריסטישער אָפֿיציעלער דערקלערונג:

„אין באַריכט פֿון צ. ק. פֿון בונד, וועלכער איז געווען אָפּגעדרוקט אין „וועקער", איז דאָ אַ מעלדונג פֿון כ' ווײַנשטיין וועגן די כּלוקעדייעס אין יעקאַפּע, וועלכע וועלן ברענגען צו אַ שפּאַלטונג. דידאָזיקע קלאַנגען וועגן דער שפּאַלטונג אין יעקאַפּע ווערט פֿאַרשפּרייט מיט אַ באַשטימטן ציל אריינטראָגן אַ פֿאַנאַנדערפֿאַלונג אין אונדזערע רייען. דעריבער באַטראַכט פֿאַר אַ נויטווענדיקייט די ביוראָ פֿון צ.ק. אָפּצולייקענען דידאָזיקע געמיינע רעכילעס. די ייִדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי איינהייטלעך, ווי זי איז איצט. מיר טראַכטן ניט, ווי דער בונד, אַנטוואָפֿענען דעם ייִדיש

---

*) זע דאָרטן—זייט 102.

**) זע דאָרטן—זייט 109.

פּראָלעטאַריאַט און צונעמען בא אים זיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי. די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אין דעם איצטיקן מאָמענט די איינציקע אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט און טראָגט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם גורל פֿון דער יידישער פּראָלעטאַרישער נאַציע.

אָט דערפֿאַר איז אין די רייען פֿון דער יעקאַפּע ניטאָ קיין אָרט פֿאַר פּראַקציאָנעלע כלוקעדייעס. עס גייען אַוועק פֿון דער פּאַרטיי די איינציקע, וועלכע זיינען שוואַך אין גייסט, אָבער די פּאַרטיי בלייבט אַף דער וואַך פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט *).

אונטערגעשריבן: אַוורבוך, צווי, פּאָגאָרעלסקי און ליפּשיץ.

דערדאָזיקער דאָקומענט כאַראַקטעריזירט אמבעסטן וואָס פֿאַר אַ ראָל עס האָבן געשפּילט די אזויגערופֿענע יעקאַפּיסטן. דאָס כאַראַקטעריזירט אויך זייער „קאָמוניזם".

אין אזאַ ריכטונג איז ווייטער פֿאָרגעזעצט געוואָרן די ארבעט פֿון די יעקאַפּיסטן. אָבער גאָר אינגיכן הויבט זיך אָן אַ צופֿאַלונג אין די רייען פֿון דער יעקאַפּע. אייניקע פֿון די פֿירער צווישן זיי אויך צווי, וועלכער האָט פֿאַרזיכערט, אַז די יעקאַפּע „וועט ניט אנטוואָפּענען דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט", האָבן פֿאַרלאָזן די פּאַרטיי. און צווישן דעם צ. ק. און די פּאַרטיי־מיטגלידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאמף. אָן דער צושטימונג פֿון צ. ק. פֿון י. ק. פּ. איז געשאַפֿן געוואָרן אַן „אָנשלוס־פֿראַקציע" וועלכע האָט באַשטימט זיך ארייננגיסן אין דער ר. ק. פּ. אָן באַדינגונגען. דער צ. ק. האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צושטערן דעם פּלאַן פֿון דער „אָנשלוס־פֿראַקציע". אָבער ער איז געווען מאַכטלאָז. אין סאָף 1922 האָט די „אָנשלוס־פֿראַקציע" צונויפֿגערופֿן אַ קאָנפֿערענץ און באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער ר.ק.פּ. די דאָזיקע קאָנפֿערענץ האָט זיך דערקלערט פֿאַר דעם העכסטן אָנפֿירער פֿון דער פּאַרטיי און האָט באַשלאָסן, אַז די, וואָס וועלן זיך ניט אונטערוואַרפֿן די באַשלוסן פֿון דער יעקאפּע, וועלן אויסגעשלאָסן ווערן פֿון יעקאַפּע. אַזוי איז טאַקע געוועזן. די, וואָס האָבן זיך ניט אונטערגעוואָרפֿן דעם באַשלוס פֿון דער קאָנפֿערענץ, זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון יעקאַפּע, און די איבעריקע זיינען אַריין אין דער ר. ק. פּ.**). אין די דאָקומענטן, וואָס ווערן דאָ געבראַכט, ווערט באַלויכטן דער גאַנצער גערא‏ַנגל צווישן ציאָניזם און קאָמוניזם.

ש. א.

---

*) „נאַקאַנונע"—נומער 12-13, מאַרט 1921. זייט 32. אָרגאַן פֿון צ. ק. י. ק. פּ. (פּ. צ.).

**) די אויסגעשלאָסענע פֿון יעקאַפּע האָבן דערנאָך ווידער געשאַפֿן אַ „פּאַרטיי", וועלכע האָט זיך ווידער גערופֿן די יידישע קאמוניסטישע פּאַרטיי (פּ. צ.). די דאזיקע פּאַרטיי האָט נאָר עקזיסטירט אַפֿן פּאפּיר. די אנפֿירער פֿון דערדאזיקער פּארטיי זיינען געווען גוטע דינער פֿון ענגלישן אימפּעריאַליזם.

פּויעלי-ציאָן.

אַ דערקלערונג פֿון צ. ב. פֿון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס.

די פּאָליטישע פֿיזיאָנאָמיע פֿון דער ניי-געשאַפֿענער גרופּע קאָן פֿולשטענדיק קלאָר געמאַכט ווערן נאָך דעם באַקאָנען זיך מיט דער אַלגעמיינער פּאַרטיי „פּויעלי-ציאָן“, פֿון וועלכער ס'האָט זיך אויסגעטיילט די אַזוי גערופֿענע „יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי“.

די פּאָליטישע טעטיקייט פֿון דער גרופּע „פּויעלי-ציאָן“ איז גאַנץ ווייניק ווירקזאַם אין דער סוויווע פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט (דאָס איז צו זען פֿון זייער נישטיקער פֿאַרשטייערשאַפֿט אויף די פּראָפֿעסיאָנעלע צוזאַמענפֿאָרן). זי דריקט זיך אויס אָפֿט אין שלאַל פֿון מעמאָראַנדומס און דעקלאַראַציעס, מיט וועלכע זיי פֿאַרוואַרפֿן די אַלגעמיין-פּאַרטעיִשע און סאָוועטישע אַנשטאַלטן, אַריינפֿירנדיק אָפֿט אין אַ טאָעס מיט זייער שרייענדיקער פֿראַזעאָלאָגיע, און אויסנוצנדיק מיט דערפֿאָלג די אומבאַקאַנטשאַפֿט פֿון די אַלגעמיינע פּאָליטישע אָרגאַנען מיט דעם עמעסן פּאַרצעף פֿון דערדאָזיקער ראַדיקאַל-נאַציאָנאַלער גרופּע.

פֿון די רייען פֿון די פּ. צ. זיינען בעעמעס אַרויס באַזונדערע גרופּן און פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופֿן די ערשטע פֿון דער סוויווע פֿון די יידישע פּאָליטישע גרופּן מיט סימפּאַטיע אויף דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג. מיר האַלטן דאָך פֿאַר נויטיק מיט באַזונדער איינגעשטעלטקייט אונטערצושטרייכן, אַז דערדאָזיקער אומשטאַנד בייט אויף קיין אויפֿן ניט דעם אַלגעמיינעם פּאַרצעף פֿון דער פּאַרטיי „פּ. צ.“, באַזונדערס אין די לענדער מיט אַ מאַסאָווער יידישער אַרבעטער-באַפֿעלקערונג.

די פּאַרטיי „פּויעלי-ציאָן“ שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ ראַדיקאַלן פֿליגל פֿון ציאָניזם, און האַלט אונטער אַדהאַיעם די אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע פֿאַרבינדונגען מיט דער אַלגעמיין-בורזשואַזער ציאָניסטישער אָרגאַניזאַציע, נעמענדיק אַן אָנטייל אין פֿאַרשיידענע צוזאַמענפֿאָרן און באַראַטונגען.

אין דער לאָנדאָנער באַראַטונג פֿון די ציאָניסטן אין פֿעוורעל-מאַרט ד. י. (1919 י.), ווו ס'איז פֿאַרפֿעסטיקט געוואָרן די פֿאַרבינדונג צווישן די ציאָניסטן און דער אַנטאַנטע, האָט גענומען אַן אָנטייל דער פֿאַרשטייער פֿונם אַלוועלט-

לעכן פֿאַרבאַנד פֿון פּ. צ. אין זיין ראַדיאַ, וועלכן דער הויפּט-קאָמיטעט פֿון די אוקראַיִנישע פּ. צ. האָט געשיקט קיין אויסלאַנד, מאַכן די פּ. צ. אַליין אַ פֿאָרוווּרף דער אַלוועלטלעכער ביוראָ פֿאַר איר פֿאַרבינדונג מיט די בורזשוּ-אַזיע אָרגאַניזאַציעס, אָבער אין דערזעלבער צייט רייסן ניט פֿאַנאַנדער די פּ. צ. אין גרויסרוסלאַנד און אויף אוקראַיִנע מיט דערדאָזיקער אַלוועלטלעכער ביוראָ, און דורך איר מיט דער בורזשואַז-אימפּעריאַליסטישער וועלט.

אין באַשטימטע מאָמענטן קריגט די פּאַרטיי פּ. צ. אַ ווירקונג אויף די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, און דאָס פֿלעגט יעדן מאָל זיין צום שאָדן פֿון דער פּראָלעטאַרישער זאַך, ווייל זיי זיינען באַשטימט די דורכפֿירער פֿון דער בורזשואַזער ווירקונג אויפֿן פּראָלעטאַריאַט. אַחוץ דער אַלגעמיינער בורזשואַז-נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע, פֿלעגט זיך די „פּ. צ.״ שטענדיק אויסטיילן פֿון צווישן אַלע איבעריקע יידישע פּאָליטישע גרופּירונגען מיט זייער שרייענדיקער שאָוויניסטישער דעמאַגאָגיע. אַזוי איז געווען באַ אַלע וואַל-קאַמפּאַניעס אין די דומעס, אין גרינדונג-פֿאַרזאַמלונג, ווי אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַיִנע, אַזוי אויך אין פּוילן פֿאַר דער צייט פֿון דער מילכאָמע און רעוואָלוציע.

אַלע אַרויסטרעטונגען פֿון דערדאָזיקער פּאַרטיי נאָך דער פֿעווראַל-רעוואָלוציע זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ גאַנץ באַשטימטן נאַציאָנאַליזם. אַפֿילע דער אָפּזאָג פֿון דער באַשיצלערישער פּאָזיציע דאַרף פֿאַרעכנט ווערן גיכער אַפֿן כעשבן פֿון דער ספּעציפֿישער ציאָניסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס איז פֿרעמד די לענדער מיט אַ יידישער באַפֿעלקערונג.

אין מאַרט 1917 יאָר הויבט אויף די פּאַרטיי „פּועלי ציאָן״ אַ טומל אַרום דעם ניטאַיינשליסן פֿון דער פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין דער פּראָגראַם פֿון דער ערשטער צייטווייליקער רעגירונג. אין יוּן 1917 יאָר—דאָס אָנטיילנעמען אין דעם אַזוי-גערופֿענעם צוזאַמענפֿאָר און „דעם ראַט פֿון די פֿעלקער אין רוסלאַנד״, ווו דער לידער פֿון „פּועלי ציאָן״ דער פֿאַרשטאָרבענער באָראָכאָוו גייט אַריין אין פּרעזידיום איינינעם מיטן פֿאָרזיצער פֿון דער צענטראַלער ראַדע גרושעווסקי, דעם איניציאַטאָר פֿון פֿעלקער-ראַט אין רוסלאַנד, מיט אַלע איבעריקע יידישע רעכטע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, און אונטערשטיידנדיק זיך פֿון זיי נאָר מיט אַ גרעסערן אָפּאָרטוניזם, נעמט אָן אָנטייל די פּ. צ. אין דער גאַנצער אַרבעט פֿון דער צענטראַלער ראַדע, דערנעענטערנדיק זיך אַלץ מער אין פּראָצעס פֿון אַרבעט מיט די אוקראַיִנישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, מיט וועלכע ס'האָבן זיך געפֿירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿאַראייניקונג. נאָכמער, שוין נאָכן אַראָפּוואַרפֿן פֿון דער העטמאַנשטשינע אין יאַנוואַר 1919 יאָר, ווען צו דער צייט פֿון דעם קאָנגרעס פֿון די אַרבעטנדיקע איז דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער פֿאַרצעף פֿון דער דירעקטאָריע געווען אינגאַנצן קלאָר פֿאַר אַלעמען, האָט די פּאַרטיי פּ. צ. קעגן דער מיינונג פֿון אַלע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּן, גענומען אַן אָנטייל אין דעם מיניסטעריום פֿון דער דירעקטאָריע, און די פּאַרטיי-לידערס רעוווצקי, דער מיניסטער איבער די ייד. איניאַנים, און גאָלדעמאַן, דער געהילף פֿון אַרבעט-

מיִניסטער, פֿאַרלאָזן קיעוו אינײנעם מיט דער דיִרעקטאָריע, מיט דעם אָנקומען אהין פֿון דער רויטער אַרמײ.

די פּאַרטײ פּ. צ. שטעלט מיִט זיִך פֿאָר אַף אַזאַ אויפֿן אַ זאַמלונג פֿון גרופּן, וואָס אונטערשײדן זיִך זײער לויט די אַלגעמײנע פּאָליִטיִשע שטרעבונגען. דאָ קאָן מען געפֿינען אַ דיִרעקטע פֿאַרבינדונג אויך מיִט די איִמפּעריִאַליִסטן פֿון דער אנטאַנטע און מיט דער אוקראַיִניִשער באַלעגופֿיִשער דירעקטאָריע, מיִט די מענשעוויסטישע און פּראָפֿעסיִאָנעלע צענטערן. און מיִט דער ראַטנמאַכט, נאָר בא דער גאַנצער פֿאַרשײדאַרטיקײט זײנען זײ אלע אונטערגעוואָרפֿן דעם אַלגעמײגעם איִנטערעס, דער אײנציִקער אָנפֿיִרנדיקער אידײע—דעם ייִדישן נאַציִאָנאַליזם און דער פּאַלעסטינישער אידײע, ווו איִן דעם בורזשואזן ציִאָניִזם דיִנט יעדע פּאָליִטיִשע גרופּע אין אלוועלטלעכן פֿאַרבאנד פֿון פּ. צ. לויט דעם קויעך פֿון איר סײכל דער אַלגעמײנער ייִדיִשער נאַציִאָנאַלער איִדײע, האַלטנדיק די נאָז נאָכן פּאָליִטיִשן וויִנט און פֿאַרביִנדנדיק זיך אומעטום מיִט די הערשנדיִקע פּאָליטישע גרופּן. דאָס איז אַן אויסבילדונג לויט איר עצעם אַן אָפּאָרטוניִסטיִשע און פֿאַרדיִנט ניִט קײן צוטרוי מיִצאַד אַ רעוואָלוציִאָנערער פּאַרטײ פֿון פּראָלעטאַריִאַט.

ווענדנדיִק זיִך צו דער נײ-געשאַפֿענער ייִדיִשער קאָמוניסטיִשער פּאַרטײ „פּויעלײ ציען", קאָנען מיִר ניט אויסמײדן צו באמערקן, אז אויב אורטײלן אַף זײער מעמאָראנדום אַזַן נאָמען פֿון דער ביוראָ פֿון קאָמוניסטיִשן אינטערנאַציִאָנאַל, באשטײט די זאך נאָר איִן דעם אומבײטן פֿון דעם נאָמען דורך אײנער פֿון די פּאַרטײ-גרופּן פֿון דיִ „פּ. צ.", מיִט דער אײנהיִטונג פֿון אַלע ספּעציפֿישע אײגנאַרטיִקײטן פֿון דערדאָזיִקער נאַציִאָנאַליִסטיִשער גרופּע. די דערקלערונג פֿון דיִ מעכאַבריִם פֿון דעם מעמאָראנדום, אַז יעקאַפּע („פּ. צ.") פֿאַרײניקט זיִך איִנגאַנצן צו דער פּלאַטפֿאָרם פֿון III אינטערנאַציאָנאַל, פֿאַרפֿליכטעט זײ צו קײן זאך ניט.

דאָ כאַזערט זיִך איִבער דער כאַראַקטעריסטיִשער פֿאַר אַלע ציִאָניִסטן שטריִך: דאָס אומבײטן פֿון די אלגעמײנע פּאָליִטיִשע אָנשויונגען ווערט קאָאָרדיניִרט מיִט דער אלטער נאַציִאָנאַליִסטישער אידעאָלאָגיע. די מעכאבריִם פֿון מעמאָראַנדום זײנען זיִך גאָרניִט מאטריעך צו דערקלערן, ווי פֿאַרביִנדט מען די שטרעבונג צו אַ סאָציִאַלער איִבערקערעניש און צו דיִקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט מיט דער ענג-נאַציִאָנאַליסטיִשער אופֿגאַבע—דיִ דערגרײכונג פֿון פּאלעסטינע, וועלכע איִז מעגלעך ניט אנדערש, ווי דורך דער איִמפּעריאַליִסטיִשער דיפּלאָמאַטיע, און נאָר צום שאָדן פֿון די איִנטערעסן פֿון דער אָרטיִקער באַפֿעלקערונג פֿונם לאנד (פֿון פּאלעסטיִנע). אָנרופֿנדיק זיך קאָמוניסטן, האָט די נײע גרופּע אײנגעהיִט, ווי בעקיִוון אונטערשטרײכנדיק, אין איִר באַצײכענונג דעם נאָמען „פּ. צ.", און ס'בלײבט ניט קלאָר, וואָס איִז דאָ דאָס הויפּטזעכלעכע, וואָס שפּילט די ראָל פֿון אַ ציל און מיטל, דער קאָמוניזם פֿאַר פּאַלעסטינע, אָדער פֿאַרקערט פּאַלעסטיִנע פֿאַרן קאָמוניזם.

די נײע פּאַרטײ איִז, אַפּאָניִם, אומצופֿרידן מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרמען, אין וועלכע ס'האָבן זיִך אויסגעגאָסן דיִ צווישנבאַציִונגען פֿון אַנדערע

ייִדישע קאָמוניסטישע גרופּן מיט דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. וועגן דעם ווערט אין מעמאָראַנדום פֿאָרזיכטיק פֿאַרשוויגן און ס'ווערט פּאַשעט מיטגעטיילט וועגן דער אויסבילדונג פֿון אַ ייִדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין דער צייט, ווען דער פּראָצעס פֿון דער קריסטאַליזירונג פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע גרופּן אַפֿן באָדן פֿון דער שפּאַלטונג פֿון אַלטע ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז שוין לאַנג פֿאַרבייגעגאַנגען דידאָזיקע סטאַדיע.

ווי דער צוזאַמענפֿאָר פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע גרופּירונגען אין מינסק אין פֿעווראַל פֿון 1919 יאָר, אַזוי אויך די קאָנפֿערענץ פֿון „פֿאַרבאַנד" אין קיעוו אין מאַי פֿון 1919 יאָר—האָבן ביידע איינהייטלעך אָפּגעוואָרפֿן די אידייע פֿון אַ זעלבשטענדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די געשאַפֿענע אין ווייסרוסלאַנד און ליטע, פֿון איין זייט, און אױף אוקראַינע, פֿון דער אַנדערער זייט, „פֿאַרבאַנדן" האָבן שוין באַוויזן צו פֿאַרוואַנדלען זיך אין ייִדישע סעקציעס פֿון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ניט שטרעבנדיק אין קיין מאָס צו אַ וועלכער ס'איז פּראָגראַם אָדער טאַקטישער זעלבשטענדיקייט. „פּועלי ציון" לעבט אויף דידאָזיקע פֿאַרוועלקטע אידייע, אין דערזעלבער צייט ווענדנדיק זיך נאַיִוו נאָך דער מאַטעריעלער און מאָראַלער הילף צו דער ר. ק. פּ. און קאָמינטערן.

ס'איז באַשיינפּערלעך, אַז פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט איינעם מיט דעם אַלוועלטלעכן כאַראַקטער פֿון דער פּאַרטיי איז נויטיק דערדאָזיקער נייער גרופּע פֿאַר וועלכע ס'איז באַזונדערע צילן, ווייט ניט קיין קאָמוניסטישע, אָבער אָפֿן נאַציאָנאַליסטישע, ווייל בא דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אין דער טקופֿע פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע איז ניטאָ און קען ניט זיין קיין באַזונדערע קלאַסן-אויפֿגאַבן, וועלכע זאָלן באַרעכטיקן די אויסבילדונג פֿון אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי, דערצו נאָך אין אַלוועלטלעכן פֿאַרנעם, דאָס קען זיין נויטיק נאָר פֿאַרן דורכפֿירן פֿון דער בורזשואַזער ווירקונג אין פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז באַרופֿן פּאַקטיש צו טאָן די ניי-געשאַפֿענע גרופּע.

קעדיי ניט צו בלייבן הויל אָפֿן וואָרט אין אונדזערע באַהויפּטונגען, קאָנען מיר זיך אָפּרופֿן אַף די רעזאָלוציעס פֿון דעם גרינדונג-צוזאַמענפֿאָר פֿון דער אַוויגערופֿענער יעקאַפּע („פּ. צ.").

די אַלגעמיין-פּאָליטישע רעזאָלוציע שטעלט ניט פֿאָר קיין באַזונדערן אינטערעס; אין איר זיינען ניטאָ קיין גרויסע אָפּגאַנגען פֿון די פּרינציפּן פֿון קאָמינטערן. דער גאַנצער נאַציאָנאַליזם פֿון דער פּאַרטיי ווייזט זיך אַרויס אָפֿן אין די רעזאָלוציעס פֿון צוזאַמענפֿאָר „וועגן נאַציאָנאַלער פּאָליטיק", וועגן דער „פּאַלעסטינער פֿראַגע", „וועגן דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער פּאַרטיי".

מיט אייניקע ענדערונגען, איז די אידעאָלאָגיע פֿון דער פּאַרטיי פֿאַרבליבן דיזעלבע, ווי בא די בורזשואַזע ציאָניסטן. אין דער רעזאָלוציע איבער דער פּאַלעסטינער פֿראַגע לייענען מיר:

„דער איבערגאַנג פֿון דער פּאָליטישער מאַכט אין די הענט פֿון פּראָלעטאַריאַט בייט ניט ראַדיקאַל די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. די אַנטוויקלונג פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און דער

לאַנגדויערנדיקער בירגער-קריג ווירקן רוינירנדיק אף דעם לעבן פֿון די ייִדישע מאַסן. די סאַמע פּראָגרעסיווע מאַסמיטלען פֿון דער ראַטנמאַכט אַפֿן געביט פֿון עקאָנאָמישער פּאָליטיק פֿירן אומפֿאַרמיידלעך צו דעם אַרויסשטויסן די ברייטע שיכטן פֿון דעם ייִדישן אינדוסטריעלן, האַנדל- און באַלמעלאָכישן פּראָלעטאַריאַט און די ברייטע שיכטן פֿון די ייִדישע מאַסן פֿון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס...״.

„די ייִדישע מאַסן ווערן געשטויסן אַפֿן וועג פֿון עמיגראַציע... ס׳איז נויטיק צו קאָנצענטרירן די ייִדישע עמיגרירנדיקע מאַסן אין פּאַלעסטינע״.

דער זין און דער אָביעקטיוו-שעדלעכער באַטייט פֿון דער אַגיטאַציע אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג זיינען אַזעלכע, אז צוליב די ניצכוינעס פֿון פּראָלעטאַריאַט דאַרפֿן די ייִדן אַנטלויפֿן פֿון רוסלאַנד, און דאָס ווערט בעשום אויפֿן ניט אָפּגעשוואַכט מיט די נאָכפֿאָלגנדיקע פֿראַזן וועגן דער סאָציאַליסטישער קאָלאָניזאַציע פֿון פּאַלעסטינע און קומענדיקן אופֿשטאַנד.

פֿאַר דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין די לענדער מיט אַ ייִדישער באַפֿעלקערונג ווערט אָנגעמערקט פֿון יעקאפּע (פּ.-צ.): דאָס שאַפֿן ייִדישע אַרבעטער-ראַטן, די אויסבילדונג פֿון אַן אַלוועלטלעכער ייִדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צוליב דעם, ווי ס׳ווערט געזאָגט אין דער רעזאָלוציע, וואָס דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט, אין דער טקופֿע פֿון סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, איז אַוועקגעשטעלט אין גלייכע לויטן עצעם עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען אין אַלע לענדער.

מיר זיינען געניט ברענגען דידאָזיקע ציטאַטן, וועלכע מאַכן אַ גאַנץ ניט ערנסטן איינדרוק, קעדיי פֿולער צו כאַראַקטעריזירן דידאָזיקע פּאָליטישע גרופּע.

אַרויסגייענדיק פֿון דעם אַלץ אויבנדערציילטן, רעכנט די צענטראַל-ביוראָ פֿון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס, אַז וועלכע ס׳איז אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאַרבינדונג אָדער אונטערשטיצונג פֿון דערדאָזיקער גרופּע, ווי אַזעלכער, מיצאַד דער ר.ק.פּ. און קאָמינטערן, וואָלטן זיין שעדלעך פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע פּראָלעטאַריער, ביפֿראַט, וואָלט דאָס קאָמפּראָמיטירן דעם קאָמוניזם אין די אויגן פֿונם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, באַזונדערס אין אַזוינע לענדער, ווי פּוילן און אַמעריקע, וווּ די פּאַרטיי פּועלי-ציאָן איז שטענדיק געווען אַ סינאָנים פֿון קריגערישן קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם.

מיר האַלטן, אַז, אין אַלגעמיין, קיין איינע פֿון די אַלטע ייִדישע סאָציאַליסטישע גרופּן,—זאָל דאָס זיין דער לינקער טייל פֿון בונד אָדער פֿון די „פֿאַראייניקטע״ אָדער אַ וועלכע ס׳איז אַנדערע,—דאַרף ניט אריינגענומען ווערן אין באַשטאַנד פֿון קאָמינטערן, ביז זיי וועלן ניט צוררייסן ענדגילטיק מיט זייער אַלטער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם, אויסגעאַרבעט פֿאַר אַן אַנדער טקופֿע, און הייסט דאָס אויך מיט זייער אַלטן פּאַרטיי-נאָמען. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל און די ר.ק.פּ. דאַרפֿן ענטפֿערן די מעכאַברים פֿון מעמאָראַנדום מיט אַן אַנטשיידענעם אָפּזאָג אין דער אונטערשטיצונג פֿון די באַזונדערע

אויסבילדונגען, קעדיי אַף אזא אויפֿן מיטהעלפֿן דעם ווייטערדיקן אַריינדרינגען אין די רייען פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון עמעסע קאָמוניסטן יידישע אַרבעטער, וועלכע קאָנען זיך גרופּירן אין באַזונדערע סעקציעס.

די וואַקלענדיקע עלעמענטן, וועלכע פּרוּוון אַריינטראָגן אין קאָמינטערן זייער אַלטן נאַציאָנאַליסטישן באַגאַזש, דאַרפֿן איבערגעלאָזן ווערן אויסער די רייען פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

צענטראַל-ביוראָ פֿון די יידישע קאָמוניסטישע
סעקציעס באַם צ.ק. ר.ק.פּ.

(איבערזעצט פֿון רוסיש לויטן אָריגינאַל פֿון „זוועזדאַ"—סמאָלענסק, 4-טן נאָיאַבר 919 . נומ. 516).

ווענדונג פֿון קאָמינטערן צו די אַרבעטער פֿון יידישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד (פּועלי-ציאָן)*).

כ אַ ווי י ר י ם!

דער אויספֿירקאָם פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט ברידערלעך אויפֿגענומען די כאַווײרים, וועלכע איר האָט געשיקט אַפֿן III קאָנגרעס, און האָט צוזאַמען מיט זיי אויפֿמערקזאַם באַטראַכט די פֿראַגע וועגן אָנשלוס פֿון אייערע אָרגאַניזאַציעס צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דער אויספֿיר-קאָמיטעט אָנערקענט דעם פֿאַקט, אַז איר האָט אָנגעהויבן צו רייסן מיט די אַפֿן-רעפֿאָרמיסטישע און צענטריסטישע עלעמענטן. דער אויספֿירקאָם אָנערקענט, אַז קימאַט אין אַלע לענדער, ווו עס זיינען פֿאַראַן אייערע אָרגאַניזאַציעס, זיינט איר גרייט האַנט באַ האַנט מיט די אָרטיקע קאָמוניסטישע סעקציעס צו פֿירן אַ קאַמף קעגן דער בורזשואזיע. ווייטער אָנערקענט דער אויספֿירקאָם, אַז אַדאַנק אייערע געמיינזאַמע באַמיונגען האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפֿן אין פּאַלעסטינע אַן אָנהויב פֿון אַ קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכע קאָן ווערן אַן אָרטיקע סעקציע פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל נאָכן אָנעמען די באַדינגונגען, וואָס דער אויספֿיר-קאָמיטעט האָט אַרויסגעשטעלט.

דער אומשטאַנד אָבער, וואָס אין אייער באַוועגונג זיינען דאָ טענדענצן, וועלכע גייען זיך פֿאַנאַנדער מיט די פּרינציפּן פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, צווינגט אונדז שטאַרק צו פֿאַרטראַכטן זיך.

די אידייע, אַז די קאָנצענטראַציע פֿון פּראָלעטאַרישע און האַלבפּראָלעטאַרישע יידישע מאַסן אין פּאַלעסטינע קאָן ווערן אַ באַזיס פֿון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג פֿאַרן הערעפּאַשנעם טייל פֿון יידישן פֿאָלק, איז אַן אידייע אַן אוטאָפּישע און רעפֿאָרמיסטישע, מיט אַלע אירע פּראַקטישע פֿאָלגן דירעקט אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע, ווייל דער אויספֿיר פֿון דערדאָזיקער אידייע איז סאָפֿקאָלסאָף קאָלאָניזיר-אַרבעט אין פּאַלעסטינע, אַן אַרבעט,

*) פֿון „נאַקאַנונע"—אָרגאַן פֿון צ.ק. י.ק.פּ. (פּ.-צ.), נומ. 25-26, 15 אָקטיאַבר 1921.

וואָס אין איר לעצטן סאַכאַקל פֿאַרשטאַרקט זי די פּאָזיציעס פֿון ענגלישן אימפּעריאַליזם אין פּאַלעסטינע.

די פֿולשטענדיקע ליקווידאַציע פֿון דערדאָזיקער אידעאָלאָגיע איז טאַקע יענער וויכטיקסטער באַדינג, וועלכן מיר זיינען געצוווּנגען צו אַרויסשטעלן.

דער אויספֿירקאָם פֿון קאָמינטערן גיט פֿולקאָם זיך אָפּ רעכענונג וועגן דעם, אַז די שטאַרקע עמיגראַציע, אַלס אַ קאָנקרעטע דערשיינונג פֿון די ספּעציעלע פּראָדוציר-באַדינגונגען פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, איז אַ פּראָבלעם, אַף וועלכער די אָרטיקע סעקציעס פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל דאַרפֿן ווענדן זייער אויפֿמערקזאַמקייט אַף אַזויפֿיל, אַף וויפֿל עס איז נויטיק צו אויסנוצן זי אין קאַמף פֿאַר דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט און אַף אויספֿילן די קאָנקרעטע לעבן-פֿאָדערונגען פֿון די מאַסן. צו שאַפֿן אַזעלכע אָרגאַנען, וועלכע זאָלן זיין פֿאַרפֿליכטעט צו פֿאַרנעמען זיך מיט דערדאָזיקער פֿראַגע, איז די אויפֿגאַבע פֿון די אָרטיקע סעקציעס פֿון קאָמינטערן.

דער אויספֿירקאָם האָט באַשטימט צו אָרגאַניזירן באַם צענטער אַ יידישע ביוראָ, וועלכע זאָל האָבן די פֿליכט צו פֿירן אַ קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פֿון דער גאַנצער וועלט.

דער אויספֿירקאָם רופֿט די ביוראָ פֿון אייער פֿאַרבאַנד אין פֿאַרלויף פֿון זעקס כאַדאָשים צוזאַמענרופֿן אַן אַלוועלטלעכע קאָנפֿערענץ פֿון אַלע קאָמוניסטישע פּויעליי-ציאָניסטישע אָרגאַניזאַציעס. דידאָזיקע קאָנפֿערענץ דאַרף אין פֿאַרלויף פֿון מאַקסימום צוויי כאַדאָשים ענדגילטיק פֿאַנאַנדערלאָזן דעם אַלוועלטלעכן פֿאַרבאַנד און סעקציאָנירן אייערע אָרגאַניזאַציעס אין די אָרטיקע סעקציעס פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַפֿן גרונט פֿון די אויבנגעבראַכטע באַדינגונגען.

דער אויספֿירקאָמיטעט רופֿט אַלע קאָמוניסטישע אַרבעטער אַרויסטרעטן אַמענדע אין קאַמף קעגן די פּאַרטיקולאַרישע טענדענצן, וועלכע עקזיסטירן אין דער סוויווע פֿון דער יידישער קאָמוניסטישער אַרבעטער-באַוועגונג, און אָנערקענען, אַז די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער קענען ווערן אָרגאַניזירטע מיטגלידער פֿון דער קאָמוניסטישער מישפּאָכע נאָר אינעווייניק אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

זאָל לעבן די פֿאַרייניקונג פֿון די קאָמוניסטישע יידישע אַרבעטער אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל!

זאָל לעבן דער III אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער ער נאָר אַליין איז פֿעיִק צו דערפֿירן דעם קאַמף אַף צו באַפֿרייען די אַרבעטער פֿון אַלע פֿעלקער ביז אַ זיגרייכן סאָף!

אויספֿיר-קאָמיטעט פֿון קאָמינטערן.

דער דעלעגאַציע פֿון דער י. ק. פּ. (פּ.־צ.) אַפֿן III קאָנגרעס פֿון קאָמינטערן*).

אַף אַייער ווענדונג פֿון 26-טן יול ד. י., אין וועלכער איר דריקט אויס אייער ווונטש צו אָנהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלן איינ-שלוס פֿון דער י. ק. פּ. (פּ.-צ.) אין ר. ק. פּ. אַלס אַ יִדישע סעקציע, האָט דער צ. ק. ר. ק. פּ. צו מעלדן איין פֿאָלגנדיקעס:

1. אין אייער ווענדונג, ווי אויך אין אייער מעמאָראַנדום צום אויספֿיר-קאָם פֿון קאָמינטערן, אַף וועלכן איר שטיצט זיך, טיילט איר אַלע פֿראַגן אַף אַלגעמיינע, אין וועלכע איר זייט גרייט צו אונטערוואַרפֿן זיך דער דיסציפּלין פֿון ר. ק. פּ., און אַף יִדישע, אין וועלכע איר ווען זיך אונטערוואַפֿן דער דיסציפּלין פֿון אַלוועלטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון י. ק. פּ. (פּ.-צ.).

אַזאַ סכאָלאַסטיש-נאַציאָנאַליסטישע פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון די פֿראַגן אַף אַלגעמיינע און אַף יִדישע איז אַבסאָלוט פֿרעמד דער ר. ק. פּ. און אַזאַ צווייענדיקע אונטערטאַנשאַפֿט און אומאָפּהענגיקייט פֿון אַ מיטגלידער-גרופּע פֿון דער אַלגעמיין-פּאַרטעיִשער דיסציפּלין איז ניט דערלאָזובאַר פֿאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

2. אַלס אילוסטראַציע צו אַזאַ אויסטיילונג פֿון „יִדישע" פֿראַגן קאָן דינען די אַרויסגעשטעלטע דורך אייך אין מעמאָראַנדום (ז. 3 פֿון רוסישן טעקסט) פֿאָדערונג פֿון אַ פּראָלעטאַריִשער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג אין אַלע סאָציאַלע און קולטורעלע פֿראַגן אין העסקעם מיט די באַדערפֿענישן פֿון די נאַצ. מינדער-הייטן, אַ פֿאָדערונג, וועלכע האָט אייך געבראַכט צו דעם לאָזונג פֿון יִדיִ-שע אַרבעטער-ראַטן און צום שאַפֿן יִדישע אויספֿירקאָמען אַף קאַווקאַז. טאַקע אין יענעם מעמאָראַנדום (ז. 5.) שטעלט איר זיך אַלס אייער אויפֿגאַבע צו רע-גולירן די עמיגראַציע און קאָנצענטרירן זי אין פּאַלעסטינע, אַן אויפֿגאַבע, וועלכע איז אַבסאָלוט פֿרעמד דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע.

3. די מעגלעכקייט גופֿע צו שטעלן אַזוי די פֿראַגע דורך אַן אָרגאַניזאַ-ציע, וועלכע וויל אַריינטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זאָגט איידעס וועגן דעם, אז זי האָט נאָך ביז איצט ניט אָפּגעזאָגט זיך פֿון דעם אומצוטרוי צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, וועלכן זי האָט ביז דער לעצטער צייט געזייט צווישן די יִדישע אַרבעטער.

אויב י. ק. פּ. (פּ.-צ.) שטעלט ערנסט די פֿראַגע וועגן אַריינטרעטן אין ר. ק. פּ., דאַרף זי אָן קיין שום טנאָים צורייסן מיט אָט דערדאָזיקער גאַנצער נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע און ביפֿראַט אָנעמען פֿאָלגנדיקע פֿאָרשלאָגן:

א) אַרויסטרעטן פֿון אַלוועלטלעכן פֿאַרבאַנד י. ק. פּ.;

ב) אָפּזאָגן זיך פֿון דירעקטער אָדער אומדירעקטער אַגיטאַציע פֿאַרן ציאָניזם, אַפֿילע אין דער פֿאָרם פֿון קאָנצענטרירן די יִדישע עמיגראַנטן אין פּאַלעסטינע;

ג) די מיטגלידער פֿון י.ק.פּ. (פּ.-צ.) טרעטן אַריין אין ר.ק.פּ. אַף אַלגע-מיינע יעסוידעס באַ אַן אָנטנאַיקן אונטערוואַרפֿן זיך דער פּאַרטעיִשער דיסציפּ-לין און אַ וועלכער ניט איז אייגענער פּראָגראַם אין דער יִדישער פֿראַגע.

סעקרעטאַר פֿון צ.ק. ר.ק.פּ. יעמ. יאַראָסלאַווסקי.

---

*) פֿון „נאַקאַנונע" נומ. 25-26, 15 אקטיאַבר 1921 י.

אַן אָפֿענער בריוו צום צ.ק. ר.ק.פּ.*).

געערטע כאַווייריִם!

באַקאָנענדיק זיִך מיִט אייער ענטפֿער דער דעלעגאַציע פֿון י.ק.פּ. (פּ.-צ.) איִן קאָמיִנטערן, וועלכער איז געווען געדרוקט איִן „וועקער" נומ. 15 פֿון 15-טן אַווגוסט ד. י., האַלטן מיִר פֿאַר אונדזער כויוו צו אָנווייזן אייך, אַז אייניִקע פונקטן איִן ענטפֿער-בריוו באַזיִרן זיך אַף אַ מיִספֿאַרשטענדעניִש, און אַנדערע דריִנגען ארויס פֿון טאַימיִם, וואָס, לויט אונדזער מיינונג, זיינען זיי פּרינציפּיִעל ניִט ריִכטיק!

1) אייער באַהויפּטונג,—אַז מיִר טיילן קלוימערשט די פֿראַגן אַף אַלגעמיינע, איִן וועלכע מיִר זיינען גרייט צו אונטערוואַרפֿן זיך דער דיִסציפּליִן פֿון ר.ק.פּ., און אַף ייִדיִשע, בענויגייע וועלכע מיִר פּרעטענדיִרן אַף פֿולקאָמער זעלבשטענדיִקייט,—באַזיִרט זיך אָן צווייפֿל אַף אַ מיִספֿאַרשטענדעניִש.

אונדזער פּאַרטיי, ווי דער אַלוועלטלעכער ייִדיִשער קאָמוניִסטיִשער פֿאַרבאַנד, האָט אָן קיינע טנאָיִם אָנגענומען דעם סטאַטוט און די 21 אופֿנעם-באַדיִנגונגען פֿון קאָמיִנטערן. איִן דעם אייך באַוווסטן מעמאָראַנדום פֿון אונדזער דעלעגאַציע צום קאָמיִנטערן איִז אָנגעוויזן (ז. 5 פֿון רוסיִשן טעקסט): „אַלע אַרויסטרעטונגען און טאַטן פֿון די ייִדישע קאָמוניִסטיִשע סעקציעס, אַף וויִפֿל די לעצטע זיינען באַשרענקט מיִט די גרענעצן פֿון באַזונדערע לענדער, שטייען אונטער דער צענטראַליזירטער אָנפֿיִרונג פֿון דער קאָמוניִסטיִשער פּאַרטיי פֿון דעם אנטשפּרעכנדיִקן לאַנד; די טעטיִקייט אָבער פֿון די ייִדיִשע סעקציעס, אַף וויִפֿל זי קומט פֿאָר איִן אַלטעריטאָריעלן צווישנמעלוכעסדיקן מאַסשטאַב—איִן אונדזער פֿאַרבאַנד—וואַרפֿט זיך אונטער דירעקט דעם קאָנטראָל פֿון אויספֿירקאָם פֿון קאָמינטערן".

דאָס נעמט אוועק באַ אייך יעדער באָדן צו באַשולדיִקן אונדז איִן שטרעבן צו סעפּאַראַטיִזם. מיר טיילן ניִט אלע פֿראגן אַף אלגעמיינע און ייִדיִשע, ווייל, ווי מיר פֿאַרשטייען, פֿאַלן צונויף די אינטערעסן פֿון דער ייִדיִשער אַרבעטער-באַוועגונג מיט די איִנטערעסן פֿון דער איִנטערנאַציאָנאַלער קאָמוניִסטישער באַוועגונג. מיִר וואַרפֿן אָפּ יעטווידער „צווייענדיִקע אונטערטאַנשאַפֿט" און דיִסציפּליִן-אומאָפּהענגיִקייט פֿון דער טעריטאָריִעלער פּאַרטיי און אָנערקענען איין אָנפֿיִרונג און איין דיִסציפּליִן: פֿון קאָמיִנטערן און זיין אָרטיִקן צענטער—קאָמוניִסטיִשער לאַנד-פּאַרטיי. דער צוועק פֿון מעמאָראַנדום פֿון אונדזער דעלעגאַציע צום קאָמיִנטערן און אונדזערע פֿאָרשלאַגן צו אייך באַשטייען ניט איִן אויסקעמפֿן פֿאַר זיִך אומאָפּהענגיקייט איִן פֿראַגן פֿון ייִדישער קאָמוניסטישער באַוועגונג, נאָר איִן דערשלאָגן זיך אַן אָרגאַניִזאַציאָנעלע פֿאַרייניִקונג מיט די טעריִטאָריִעלע קאָמפּאַרטייען דורך אַיינשליִסן די פֿאָרמוליִרטע דורך אונדז פּראָגראַם פֿון דער ייִדישער קאָמוניסטיִשער אַרבעט איִן אַלגעמיינעם אַרבעטפּלאַן פֿון קאָמיִנטערן און זיינע אָרטיקע סעקציעס.

אייער פֿאָרוורף איִן „סכאָלאַסטיִשן נאַציִאָנאַליזם" איז געשיקט ניִט לויטן אַדרעס: דעמדאָזיקן „סכאָלאַסטישן נאַציאָנאַליזם" פּראַקטיִקירן טעגלעך די, וועל-

*) פֿון „נאַקאַנונע", נומ. 25-26, 15-טן אָקטיאַבר 1921.

כע פֿירן מיט אייער אויטאָריטעט דורך זייער אַרבעט אין דער ייִדישער סוויווע אַף דער ליניע, וואָס אַנטשפּרעכט ניט דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פֿון דער סאָוועטנמאַכט און קאָמוניזם, אַף וויפֿל דידאָזיקע ליניע איז אויסגעדריקט אין דער רעזאָלוציע פֿון X צוזאַמענפֿאָר פֿון ר.ק.פּ. וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע.

2) דער לאָזונג פֿון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג, וואָס דרינגט אַרויס פֿון דער קאָמוניסטישער אָנשויונג אַף דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, איז ניט קיין פּאָליטישע פֿאָדערונג פֿון גאַראַנטיעס פֿאַר די רעכט פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, פּונקט ווי די נאַציאָנאַל־פּערסאָנעלע אויטאָנאָמיע פֿון דעם בורזשואַז־דעמאָקראַטישן רעזשים, נאָר אַ ריין פּראַקטישער לאָזונג, וואָס זיין ציל איז צו אַרויסרופֿן בא די ייִדישע מאַסן אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער סאָוועטישער בויונג, וועקן זייער איניציאַטיוו און זעלבסטשטענדיקייט אין „אַלגעמיינע און ייִדישע פֿראַגן“.

דער פּרוּוו פּראַקטיש צו דורכפֿירן דעמדאָזיקן לאָזונג אַף קאַווקאַז האָט באַוויזן זיין לעבנפֿעיקייט און די נויטווענדיקייט אַף ווירקלעך אַריינצוציען די ברייטע אַרבעטער־מאַסן אין דער סאָוועטבויונג און קאַמף פֿאַרן קאָמוניזם.

וואָס איז שייך די ייִדישע אַרבעטער־ראַטן, אַלס קאָנקרעט אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרם פֿון לאָזונג פֿון דער נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג, שטעלן זיי מיט זיך ניט פֿאָר קיין אויסנעמלעכע אָפּגעזונדערטע אָרגאַנען, אָפּגעטיילטע פֿון די אַלגעמיינע אַנשטאַלטן. אַזעלכע נאַצראַטן פּראַקטיקירן זיך בא דער ראַטנמאַכט צווישן די נאַצ. מינדערהייטן (טשוּוואַשן־ראַטן אין זייערע וואָינערטער מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג).

3) אייער באַהויפּטונג, אַז „דאָס רעגולירן די עמיגראַציע און איר קאָנצענטראַציע אין פּאַלעסטינע איז אַן אויפֿגאַבע, וועלכע איז אַבסאָלוט פֿרעמד דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע“—באַזירט זיך אַף אַ האַנאָכע, וואָס פּרינציפּיעל איז זי ניט ריכטיק.

די ייִדישע עמיגראַציע איז אַ פֿאַקט, וואָס מיר האָבן ניט אויסגעטראַכט. זייענדיק אַ כראָנישע דערשיינונג פֿאַר דער מילכאָמע, האָט די עמיגראַציע פֿון די ייִדישע מאַסן אין די טעג פֿון צעפֿאַלונג פֿון קאַפּיטאַליזם אָנגענומען אַ קאַטאַסטראָפֿאַלן פֿאַרנעם. וואָס ס'איז נויגייע דער אויפֿגאַבע פֿון „רעגולירן די עמיגראַציע, האָט זי דער אויספֿיר־קאָם פֿון קאָמינטערן אָנערקענט. אין זיין ווענדונג צום אַלוועלטלעכן ייִדישן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד שרייבט דער קאָמינטערן: „דער אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל גיט פֿולשטענדיק זיך אָפּ רעכענונג וועגן דעם, **אַז די שטאַרקע עמיגראַציע, אַלס אַ קאָנקרעטע דערשיינונג פֿון די ספּעציעלע פּראָדוציר־באַדינגונגען פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט** (אונטערגעשטראָכן דורך אונדז), איז אַ פּראָבלעם, אַף וועלכער די אָרטיקע סעקציעס דאַרפֿן ווענדן זייער אויפֿמערקזאַמקייט אַף אַזויפֿיל, אַף וויפֿל עס איז נויטיק צו אויסנוצן זי אין קאַמף פֿאַר דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט און פֿאַר באַפֿרידיקן די קאָנקרעטע לעבנפֿאָדערונגען פֿון די

מאַסן. צו שאַפן אזעלכע אָרגאנען, וועלכע זאָלן זיין פאַרפליכטעט צו פאַרנע-מען זיך מיט דערדאָזיקער פראגע,—איז די אופגאַבע פון די אָרטיקע סעקציעס פון קאָמינטערן".

אַף אזא אויפן האַלט דער קאָמינטערן די אופגאבע צו רעגולירן די עמי-גראַציע גאָרניט פאַר „פרעמד דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע".

מיר באַהויפטן, אז דאָס רעגולירן די עמיגראציע אין טעריטאָריעלן מאַס-שטאַב לייזט ניט די פראָבלעם ניט אין זין פון קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פון פראָלעטאריאַט, ניט אין זין פון באפרידיקן די לעבנסאָדערונגען פון די מאַסן.

די עמיגראַציע איז אַ פראָבלעם אַ צווישנמעלוכעסדיקע, און אַרום איר מאָבילוזירן זיך די קויכעס פון דער יידישער בורזשואזיע אין אלוועלטלעכן מאַסשטאב. דעריבער איז דער קאמף מיט דער בורזשואזיע אף דעם געביט מעגלעך, און ער דאַרף פאָרקומען אין אַ צענטראליזירטער פאָרם.

„דאָס קאָנצענטרירן די עמיגראציע פון די יידישע מאַסן אין פאַלעסטי-נע"—דריגגט אַרויס פון דער וואַקסנדיקער טענדענץ פון עמיגראַציע-פראָצעס, וואָס האָט אָנגענומען רעאַל-פאָליטישע פאָרמען פון בורזשואז-אימפעריאַלי-סטישן ציאָניזם. דאָס ניטאָנערקענען דידאָזיקע טענדענץ פון דער עמיגראַציע פון די יידישע מאַסן ברענגט פאַקטיש צו א פאַרשטארקונג פון איינפלוס פון דער יידישער בורזשואזיע אף די נויטיקייט צו קעמפן קעגן דער קאָנצענטראַציע פון די קויכעס פון דער ציאָניסטישער בורזשואזיע פאַר-פליכטעט צו פירן דעם קאמף פון יידישן פראָלעטאריאַט צענטראליזירט און אין דער פלאַכקייט פון די לעבנסאָדערונגען פון די יידישע מאַסן, וועלכע דינען פאַר אַ גרונט פאַר די קלאַסן-אינטערעסן פון דער יידישער בורזשואזיע און אימפעריאליזם, וועלכער שטיצט זי.

„פרעמד דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע"—איז דאָס איגנאָרירן אָדער לייזן אַף אַ העלפט דידאָזיקע פראָבלעם. אונדזער באציונג צו איר האָט גע-בראַכט צו רעוואָלוציאָנערע טאַטן — צו שאַפן אַ קאָמוניסטישע פאַרטיי אין פאַלעסטינע.

4) אייער אָפשאַצן אונדזער פאַרלאַנג צו פאַרייניקן זיך מיט דער קאָ-מוניסטישער פאַרטיי אַף אַן אָרגאַניזירטן אויפן, אַלס אַן אַקט פון אומצוטרוי צו דער קאָמפאַרטיי און אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט, האַלטן מיר פאַר אַ גרויסע מיספאַרשטענדעניש.

די זאַך איז דאָ ניט אין צוטרוי אָדער אומצוטרוי, נאָר אין דעם מעהוס פון דער קאָמוניסטישער ארבעט אין דער יידישע סוויווע.

די יידישע סוויווע מיט אירע „באזונדערע פראָדוציר-באַדינגונגען" איז אַ פאַקט, וואָס איז אָנערקענט ניט נאָר דורך אונדז אַליין—ער איז אויך אָנערקענט דורכן אויספירקאָם פון קאָמינטערן. פון דעם נעמט זיך די נויטיקייט צו האָבן אַן אָנפיר-צענטער פאַר דער קאָמוניסטישער אַרבעט צווישן דעם יידישן פראָלעטאַריאַט. דאָס פעלן פון אַזאַ צענטער איז די סיבע, וואָס די קאָמוניסטישע באַוועגונג צווישן די יידישע פראָלעטאַריער איז אַזוי שוואַך.

אָפּשאַצנדיק אַזוי די לאַגע, האָבן מיר, די ייִדישע פּראָלעטאַרישע פּאַר־טיי, וואָס האָט זיך די ערשטע אָנגעשלאָסן אָן קאָמינטערן, געשטרעבט צו בילדן אַזאַ קאָמוניסטישן צענטער אין דער אַלוועלטלעכער ייִדישער אַרבע־טער־באַוועגונג. דער „ייִדישער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד", וועלכער האָט זיינע פּאַרטייען אין אַלע לענדער מיט אַ ייִדישער מאַסן־באַפעלקערונג, איז געוואָרן דער אַוואַנגאַרד פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דער סוויווע פון די ייִדישע פּראָלעטאַרישע מאַסן. דער עצעם פאָרשלאָג וועגן אַריין אין קאָמינ־טערן באַשטעטיקט אונדזער צוטרוי צום אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, ווע־מענס קאָמוניסטישע פּרינציפּן מיר האָבן אָנוּפהער אַנטוויקלט צווישן די ייִדי־פּראָלעטאַריער.

5) אַף אייערע קאָנקרעטע פאָרשלאָגן וועגן אונדזער אַריינגאַנג אין ר.ק.פּ. האַלטן מיר פאַר נויטיק צו ענטפערן:

א) רייסן מיטן אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד איז פאַר אונדז אומעגלעך, וויל דאָס וואָלט באַדייטן אַ קינסטלעכע, מיט קיין זאַך ניט צו באַרעכטיקן, קוי־כעס־פאַנאַנדערברעקלונג פון אַלוועלטלעכן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. דער ייִדי־שער פּראָלעטאַריאַט, ניט געקוקט אַף דער צווייטקייט אין פאַרשיידענע לענ־דער, שטעלט מיט זיך פאָר אַן איינהייטלעכן פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו.

די פראַגע ווערט געלייזט ניט מיט אונדזער רייסן מיטן „אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד", נאָר מיטן פאַרוואַנדלען דעם גאַנצן „פאַרבאַנד" אין אַ ייִדישער סעקציע פון קאָמינטערן און מיטן סעקציאָנירן אַלע זיינע פּאַרטייען בײַ די אַנטשפּרעכנדיקע טעריטאָריעלע קאָמפּאַרטייען.

ב) אייער פאָרשלאָג וועגן אָפּזאָגן זיך פון „דירעקטער אָדער אומדי־רעקטער אַגיטאַציע פאַרן ציאָניזם" איז ווייניקער פון אַלץ נויגייע אונדז. מיר האָבן אונדזער געווער פון קריטיקירן דעם ציאָניזם פאַרוואַנדלט אין אַ קרי־טיק מיט אַ מאַסן־טעטיקייט אין יענעם לאַנד, ווו זיין קויעך איז אַמייסטן קאָנצענטרירט—אין פּאַלעסטינע, אויך אין דער גאַנצער וועלט, ווו דער ציאָ־ניזם האָט אַרויסגעוויזן זיין איינפלוס אַף די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן. אונדזער „אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד" איז דער איינציקער אָרגאַניזירטער קויעך פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט קעגן ציאָניזם, און דער העלדישער קאַמף, אין די אומגעהויער שווערע באַדינגונגען פון קאָלאָניאַל־אימפּעריאַליסטישן רעזשים, פון דער פּאַלעסטינער קאָמפּאַרטיי, וועלכע איז געשאַפן און געשטיצט דורך אונדז, איז דער בעסטער באַווייז פון אונדזער „אַגיטאַציע פאַרן ציאָניזם".

ג) אַמענדע, דאָס אַריינגיין אין דער קאָמוניסטישער לאַנד־פּאַרטיי „אַף אַלגעמיינע יעסוידעס", אָן קיין שום פּראָגראַם אין דער „ייִדישער אַרבעטער־פּראַגע" איז דער ערגסטער מין אָפּאָרטוניזם, וועלכער איז אָנעמבאַר בלויז פאַר איינצלנע אינטעליגענטן.

מיר זאָגן זיך ניט אָפּ פון „קיין שום פּראָגראַם אין דער ייִדישער אַר־בעטער־פּראַגע" אפילו שוין צוליב דעם, וואָס די פּראַגע עקזיסטירט, מעמיילע מוז זיין אויך אַ פּראָגראַם פון אַרבעט אַף זי צו לייזן.

זייענדיק זיכער אין אָנערקענען די פּרינציפּן פֿון אונדזער קאָמוניסטישער אַרבעט אין דער ייִדישער סוויווע, האַלטן מיר פֿאַר אונדזער כיוו צו דערקלערן, אַז די י. ק. פּ. *באַ איר גאַנצער אָרגאַניזירטער זעלבשטענדיקייט* באַטראַכט זיך אויך איצטער אַלס אַ באַשטאַנדטייל פֿון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און פֿילט אויס אַלע באַשלוסן און דירעקטיוון פֿון דער אָרטיקער סעקציע פֿון קאָמינטערן אין רוסלאַנד—פֿון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

מיט קאָמוניסטישן גרוס

צ.-ק. י. ק. פּ. (פּ.-צ.).

פּראָטאָקאָלן פֿון דער III-טער אַלוויסרוסלענדישער קאָנפֿערענץ פֿון י. ק. פּ. (פּ. צ.*).

ערשטע זיצונג.

דעם 1-טן דעקאַבר 8 אָוונט האָט זיך געעפֿנט אין ייִדישן קאָמוניסטישן קלוב אין נאָמען פֿון ב. באָראָכאָוו די דריטע אַלרוסלענדישע קאָנפֿערענץ פֿון י. ק. פּ. פּ. צ.

די קאָנפֿערענץ עפֿנט דער סעקרעטאַר פֿון פּאַרטיי דער כ׳ *פּאַלאַטניק*. *כאַווײרים!*

דריי יאָר האָט די ייִדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (פּויעליי ציאָן) דורכגעמאַכט איר דאָרנדיקן און קאַרבאַנעספֿולן וועג צום קאָמוניזם.

די ערשטע אויפֿגעהויבן די קאָמוניסטישע פֿאָן אין קאַמף פֿאַר דער ראַטנמאַכט אין דער צעפֿאַלענער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג, האָט זי די גאַנצע צייט פֿון איר עקזיסטענץ געקעמפֿט פֿאַרן קאָמוניזם אין דער אַלטער פּויעליי-ציאָן-באַוועגונג.

דעם קאַמף האָט זי געפֿירט *איזאָלירט* פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, פֿאַרהאַלטנדיק זיך אַף איר נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. דאָס האָט באַשטימט דעם ווייטערדיקן כאַראַקטער און גוירל פֿון דער יעקאַפּיסטישער באַוועגונג

אויפֿקומענדיק אין דעם ערשטן פּעריאָד פֿון דער וועלט-רעוואָלוציע, האָט די י. ק. פּ. געקענט נאָך עקזיסטירן אַלס איזאָלירטער טייל פֿון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער קאַמף-מאַכנע. מיטן וווּקס פֿון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע דעראָבערט זי פּאָזיציעס פֿאַרן קאָמוניזם אין דער אַלוועלטלעכער פּויעליי-ציאָן-באַוועגונג און שאַפֿט דעם אַלוועלטלעכן קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד, וועלכן דער 3-טער קאָנגרעס פֿון קאָמינטערן האָט ברידערלעך אויפֿגענומען.

דער צייטווייליקער אָפּגאַנג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע האָט אָבער אָפּגעשטויסן דעם פֿאַרבאַנד פֿון זיינע קאָמוניסטישע פּאָזיציעס און אים

---

*) איבערגעדרוקט פֿון „ביולעטען פֿון דער III-טער אַלרוסלענדער קאָנפֿערענץ פֿון י. ק. פּ. (פּ.-צ.)" דעקאַבר, מאָסקווע, 1922.

אַריינגעוואָרפֿן אין די אָרעמס פֿון צענטריזם און רעפֿאָרמיזם. דער קאַמף פֿאַר קאָמוניזם בלייבט נאָך אין די לוכעס פֿון פֿאַרבאַנד, דאָס זיינען אָבער טויטע אויסיעס—די פּ ר אַ ק ט י ק פֿון פֿאַרבאַנד האָט אַלץ מער אָנגעוואָרן איר קאָמוניסטישן פּאַרצעף.

אָנשטאָט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל ריישיס-קאָל קעמפֿן פֿאַר אן איינ-הייטלעכער קאָמוניסטישער ליניע צוזאַמען מיטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניס-טישן פּראָלעטאַריאַט, איז דער פֿאַרבאַנד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין א לויזע פֿאַרבינדונג פֿון פּאַרטייען, פֿון וועלכע די גרעסטע מאַסן-פּאַרטיי, די פּוילישע י. ק. פּ. דערלויבט זיך צו שפּאַלטן די קאָמוניסטישע קויכעס אין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דער בורזשואזיע באַ די וואַלן אין סיים, די ליטווישע שליסט אַ בלאָק מיט די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע לינקע ס.-רן. די אַמעריקאַנער — דרוקט אָפֿענע אַרטיקלען אין איר זשורנאַל קעגן די 21 אופֿנעם-באַדינגונגען פֿון קאָמינטערן א. א. וו.

אין דער צייט, ווען דער פֿאַרבאַנד, זייענדיק איזאָלירט פֿון קאָמינטערן האָט געדאַרפֿט אויסהאַלטן זיין געשיכטלעכן עקזאַמען אַף קאָמוניזם, פֿאַראַט ער די אינטערעסן פֿון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, וואָס געפֿינען זיך אין זיינע רייען, און גייט אַוועק צוריק צום צענטריזם.

ווו איז די סיבע פֿון דער קאָמוניסטישער יערידע פֿון פֿאַרבאַנד? די סיבע איז אין דער נאַטור זעלבסט פֿון פֿאַרבאַנד, אין זיין מעהוס, א י ן דעם, וואָס זיין נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פּ ר אָ ג ר אַ ם א י ז ג ע וו אָ ר ן אַ מ י כ ש ל פֿ אַ ר ז יי ן ק אָ מ ו נ י ז ם.

נאָך א יאָר קאַמף פֿאַר אָנערקענונג מיצאַד דעם קאָמינטערן, נאָכדעם ווי דער קאָמינטערן האָט געוואָרנט, אַז די פּאַלעסטינער אידעאָלאָגיע פֿונם פֿאַרבאַנד שטימט ניט מיט די פּרינציפּן פֿון קאָמוניזם און קאָן ברענגען פּראַק-טיש צו קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע מאַיסים, איז געקומען די פּראַקטיק פֿון פֿאַר-באַנד און האָט באַשטעטיקט די וואָרענונג פֿון קאָמינטערן אין זיין אַווגוסט-בריוו פֿון 1921. איין יאָר פּראַקטיק פֿון פֿאַרבאַנד האָט באַוויזן, אַז דער פּאַ-לעסטיניזם איז דער אידעאָלאָגישער אויסדריק פֿון די נאַציאָנאַליסטיש-סעפּאַ-ראַטיסטישע איבערלעבונגען, וואָס שטאַמען פֿון דער יידישער א י ז אָ ל אַ-צ י ע, פֿון דעם יידישן געטאָ.

דיזעלבע איזאָלאַציע, פֿון וועלכער ס'האָט געצויגן זיין יעניקע דער פּאַ-לעסטיניזם, איז אויך דער מאָקער פֿאַר דעם אומצוטרוי און פֿאַרדאַכט צו דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניסטישן פּראָלעטאַריאַט.

דער פֿאַרבאַנד איז געקומען צום 3-טן אינטערנאַציאָנאַל מיט ט וו י ע ס און פֿאָדערונגען פֿון ג אַ ר אַ נ ט י ע ס.

אָנערקענענדיק, אַז די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פֿון די יידישע אַרבעטער-מאַסן איז אַ פֿאַרוויקלטע, האָט דער קאָמינטערן אין זיינע אונטערהאַנדלונגען מיטן פּ.-ב. זיך ניט אָפּגעזאָגט זי צו שטעלן.

אין די אַלע אונטערהאַנדלונגען, וואָס פֿאַרשיידענע יידישע קאָמוניסטי-שע און סאָצ. גרופּירונגען האָבן געפֿירט מיטן קאָמינטערן, האָט דער קאָמינ-

טערן זיין וואָרט געזאָגט, אַז דער קאַמף פֿאַרן קאָמוניזם דאַרף געפֿירט ווערן אין דער יידישער סוויווע בעהעסקעם מיט די נויטן און אייגנאַרטיקער פּראָדוקציע-לאַגע פֿון די יידישע אַרבעטער-מאַסן.

אין זיינע לעצטע אונטערהאנדלונגען מיטן פּ.-ב, אין יון כוידעש האָט דער קאָמינטערן געפּרוווט געבן אַ קאָנקרעטן ארבעט-פּלאַן פֿון קאַמף פֿאַר קאָמוניזם צווישן די יידישע מאסן.

וואָס האָט דער פֿאַרבאַנד געענטפֿערט אַף די פֿאָרשלאגן פֿון די פֿאָרשטייער פֿון קאָמינטערן?

ער האָט זיי פֿאַקטיש אָפּגעוואָרפֿן. מיט דעם האָט דער פֿאַרבאנד פּולשטענדיק באנקראָטירט, ווי א קאָמוניסטישע קערפּערשאַפֿט.

כאַוויירים! אַ קינד פֿון יעקאפּע איז געווען דער פֿאַרבאַנד. געבוירן אין אין דער צייט, ווען די רויטע ארמיי איז געשטאַנען בא די טירן פֿון מיטל-אייראָפּע, איז דער פֿאַרבאנד געווען דער אָנזאָגער פֿון קאָמוניזם צווישן די יידישע ארבעטער-מאַסן אין אלע לענדער.

ער איז אָבער דעם ניסאָיען פֿון דער איצטיקער רעאַקציע ניט בייגעשטאַנען און איז געוואָרן אַ מעניע פֿאַר דעם אָנשלוס אין קאָמינטערן פֿון די יידישע מאַסן, וואָס זיינען אין אים אָרגאַניזירט.

מיטן פֿולן צוטרוי צום קאָמינטערן רייסט היינט די י. ק. פּ. מיטן פֿאַרבאנד און שליסט זיך איין אין קאָמינטערן.

אַ סאָף צו די אָנשלוס-אַקציעס און לעבן זאָל דער אָנשלוס!
נידער מיטן סעפּאַראַטיזם!
זאָל לעבן די יידישע אַרבעטערשאַפֿט אין די רייען פֿון קאָמינטערן!
(רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. „אינטערנאַציאָנאַל").

דער כ' ל ע װ י ן, אין נאָמען פֿון אַ גרופּע דעלעגאַטן לייגט פֿאָר דעם פֿאָלגנדיקן באשטאנד פֿון פּרעזידיום: שיינגאָלד, ליפּשיץ, מעזשאָוו, בעזדעזשסקי, צוקערמאַן, פֿאַראַנטוואָרטלעכע סעקרעטאַרן—בעזדעזשסקי, צוקערמאַן.

דער צעטל ווערט איינשטימיק אָנגענומען, דער כ' ש י י נ ג אָ ל ד, אין נאָמען פֿון פּרעזידיום, לייגט פֿאָר דעם רעגלאַמענט.

ווערטער פֿאַר אויסעראָרדנטלעכע מעלדונגען באַקומען די כ.כ. שאָלעם שאפּירע, יזראַעלי און זיאַמע אָסטראָווסקי. זיי פּרוּוון דיסקרעטירן דעם אַווטאָריטעט פֿון דער קאָנפֿערענץ, דערקלערנדיק אז די „עמעסע" י. ק. פּ. זיינען זיי, און ניט די קאָנפֿערענץ, דאָס רופֿט אַרויס אַ הילכיקן געלעכטער פֿון גאַנצן עולעם.

דער כ' ש י י נ ג אָ ל ד ענטפֿערט אַף די דערקלערונגען און קאָנסטאַטירט דעם פֿאַקט, אַז די קאָנפֿערענץ שטעלט מיט זיך פֿאָר די מיינונג פֿון דער גאַנצער רוסלענדער יעקאפּע אויסער, פֿאַרשטייט זיך, די קליינבירגער, וואָס האַלטן זיך פֿעסט פֿאַרן נאָמען פֿון צעקיסטן און האָבן הינטער זיך גיט אַפֿילע קיין מיניען אנהענגער אין דער פּאַרטיי.

ס'ווערט פֿאַרעפֿנטלעכט דער באַגריסונג-בריוו פֿון דעם צ. ק. פֿון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

באַגריסונג פון צ. ק. ר. ק. פּ.

„דער צ. ק. פון דער ר. ק. פּ. געפינט פאַר נויטיק מעלדן דער 3-טן אַלרוסלענדער קאָנפערענץ פון דער י. ק. פּ., אז ער איז פולקאם אינפאָרמירט וועגן אַלע ריכטונגען אין י. ק. פּ. און געפינט, אז דער פאַקט, וואָס אין די רייען פון דער י. ק. פּ. האָט זיך אויסגעבילדעט אַ ריכטונג, וועלכע רייסט מיטן נאַציאָנאַליזם און פּאַלעסטיניזם, איז אַ באַווייז, אז די אַרבעטער פון אַלע פעלקער באַפרייען זיך פון דער ווירקונג פון דער בורזשואזיע און צעמענטירן זיך אַלס אַ קלאַס, וואָס איז בארופן מאַכן אַ סאָף צו אַלע אונטערדריקונגען, בעסויכאם מיט דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

דער צ. ק. פון דער ר. ק. פּ. באַגריסט די ריכטונג, וועלכע שטרעבט צו פאַרייניקונג מיטן אַוואַנגאַרד פון אַרבעטער-קלאַס, אָן קיין שום אויסריידענישן און באַדינגונגען און ווינטשט דערפאָלג אין דער אַרבעט.

סעקרעטאַר פון צ. ק. ר. ק. פּ. קויבישעוו.

(רווישנדיקע אפּלאָדיסמענטן פון גאַנצן זאַל. אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די העלדישע רוסלענדער קאָמוניסטישע פּאַרטיי!" דער גאַנצער אוילעם זינגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל").

אַ וואָרט פאַר אַ באַגריסונג אין נאָמען פון צ. ב. פון די יידסעקציעס באַקומט דער כ' מערעזשין:

כאַוויירים!

מיר האָבן אַליין פריער געהערט צו קליינבירגערלעכע פּאַרטייען, און דערום דאַרפט איר אין מיינע רייד ניט איינזען קיין שום שפּורן פון אַ מענטארישן טאָן. מיין רעדע וועט טראָגן א כאַראַקטער פון אַ כאַווערשן שמועס.

פריער אַ פּראַקטישע באמערקונג. דער כאַווער שאָלעם שאַפּיראָ האָט דאָ גערעדט וועגן זיגזאַגן און וואַקלונגען. וויל איך באמערקן, אַז דער כ' שאָלעם שאפּירא זעלבסט איז ניט ריין פון גרויסע וואַקלונגען און זיגזאַגן: ערשט גאָרניט לאַנג דעם 19-טן נאָיאַבר האָט כ' שאַפּירא געפירט מיט מיר אונטערהאַנדלונגען, ווי אַ פאָרשטייער פון צ. ק. י. ק. פּ. און האָט מאסקים געווען זיך שטעלן בעראָש פון דער אנשלוס-פראַקציע און גיין באַלד צום קאָנגרעס פון קאָמינטערן און דערקלערן, אַז ער גייט אין קאָמינטערן אָן שום באַדינגונגען. עמעס, ער האָט דערנאָך זיין צוזאָג ניט דערפילט, אָבער ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען ער האָט זיך אַ שטארקן וואקל געטאָן אויף לינקס.

איצט וועגן דער קאָנפערענץ זעלבסט.

איך בין זיכער, אַז די קאָנפערענץ וועט זיך אין דער גרעסטער מערהייט ארויסזאָגן פאַרן באלדיקן אָנשלוס אין קאָמינטערן אָן שום באַדינגונגען. אַלס מאַרקסיסטן דאַרפן מיר שטעלן די פראַגע קאָנקרעט: פאַרוואָס איז איצט געשאַפן געוואָרן אַזאַ שטימונג אין י. ק. פּ., פאַרוואָס איז זי ניט געווען מעגלעך פריער? איך וועל ניט לייקענען, אַז די י. ק. פּ. האָט געבראַכט קאָרבאָנעס אַפן מיזבייעך פון דער רעוואָלוציע. די קאָרבאָנעס זיינען געווען געבראַכט ניט דערפאַר, ווייל דאָס האָט געפאָדערט דער פּאַלעסטיניזם אין דער

י. ק. פּ.-יסטישער פּראָגראַם. דאָס איז געטאָן געוואָרן ווידערשפּרוך מיטן פּאַלעסטיניזם. פּאַרוואָס דאָך איז דאַן ניט געווען מעגלעך קיין רייס מיטן פּאַלעסטיניזם? דאָס איז דערפאַר, ווייל ס'האָט געפעלט דאָס גלויבן אין דער שעפערישער קראַפט פון דער רעוואָלוציע, אין דעם, אַז זי איז בעקויעך צו געבן עטוואָס מאַמאַשעסדיקעס דעם יידישן אַרבעטער זעלבסט. ס'איז געווען אַ צעצווייטע פּסיכאָלאָגיע: מ'קאָן שטאַרבן דאָ פאַר דעם רוסישן אַרבעטער-קלאַס, אבער אַף וויפל ס'רעט זיך וועגן ווייטערדיקן לעבן און מאָרגן פונם יידישן ארבעטער—איז פאַר אים פאַראַן נאָר איין אויסוועג—אין פּאַלעסטינע. די צווייענדיקע פּסיכאָלאָגיע איז געווען אַ פּויעליוצע פון די גרויסע שווערי-קייטן, וואָס ס'האָט איבערגעלעבט די רעוואָלוציע אין די ערשטע צייטן, ווען זי האָט נאָך ניט געהאַט די מעגלעכקייט ארויסצווייזן איר שעפערישע קראַפט פאַר די יידישע מאַסן, ווען אַף אוקראַינע און אין ווייסרוסלאַנד האָבן געהערשט גרויסע פּאָגראָם-כוואַליעס. אפּקלאַנגען פון די פּאָגראָם-שטימונגען האָבן מיר געהאַט אויך אַף אונדזער דריטער קאָנפערענץ פון די יידסעקציעס אין 1920 יאר, ווען אייניקע אונדזערע כאַווירים האָבן פאַרשאַרפט די אָרגאַ-ניזאַציע-פראַגע און געפאָדערט סעקציעס, אַלס „מאַסן-קערנדלעך”.

דער רייס מיטן פּאַלעסטיניזם איז געוואָרן מעגלעך איצט, נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע האָט באַוויזן איר גוואַלדיקע שעפערישע קראַפט אויך פאַרן יידישן אַרבעטער. ערשט איצט איז קלאָר געוואָרן אויך פאַר די י.ק.פּ.-יסטן, אַז די ייִוש-געפילן, וואָס זיי האָבן געזייט צווישן די יידישע אַרבעטער, זיינען באָדנלאָז, די יידישע אַרבעטער זיינען גלייכע מיטגלידער אינם אַלרוסלענדישן אַרבעטער-קלאַס, זיי פאַרנעמען איצט אַזאַ אָנגעזעענעם אָרט אין דער פּראָ-פעסיאָנעלער באַוועגונג, אין ראַטן-און פּאַרטיי-לעבן און אין דער רויטער ארמיי, אז ניט זען עס איז אוממעגלעך.

דאָס איז אַן אויסדרוק פון דער פעסטקייט און שעפערישקייט פון דער ראַטנמאַכט.

אויך פאַר זיינע ספּעציעלע נויטן האָט דער יידישער אַרבעטער-קלאַס באַוויזן פיל אויפצוטאָן. באַ 130-טויזנט קינדער לערנען זיך אין די ראַטן-שולן. ס'זיינען פאַראַן יידישע פּאַרטיי-שולן, אַ יידישער סעקטאָר אין מאַירעוו-אוניווערסיטעט און גובערניאַלע פּאַרטיי-שולן.

ערשט איצט, ווען די מעגלעכקייט פון שאַפונג איז געוואָרן גרויס, ווערט בוילעט דער ווידערשפּרוך צווישן פּאַלעסטיניזם און קאָמוניזם. אַ קליינער ביישפּיל: איר ווייסט דעם אינטערעס צו דער אינדוסטריעלער אימיגראַציע. מיר זאָגן: „אַקטיווע, קוואַליפיצירטע, שעפערישע, איניציאַטיווע אַרבעטער אין אַלע לענדער, העלפט דעם רוסלענדישן אַרבעטער-קלאַס בויען די ראַטנ-מאַכט; אימיגרירט קיין רוסלאַנד, העלפט בויען די ראַטן-רעפּובליק”. קען קומען מיט אַזאַ אַגיטאַציע צו יידישע אַרבעטער אַ יעקאַפּיסט מיט אַ פּאַלעס-טינער אידעאָלאָגיע? אויב ער איז קאָנסעקווענט, מוז ער אגיטירן, אַז די בעסטע, איניציאַטיווע, ענערגישסטע יידישע אַרבעטער זאָלן עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע.

מיר האַלטן, אַז דאָס, וואָס ס׳קומט איצט פֿאָר אין דער רוסלענדישער י. ק. פּ., איז נאָך ניט מעגלעך באַ איצטיקן מאָמענט ניט אין פּוילן, ניט אין פּאַלעסטינע. אין פּאַלעסטינע האָט זיך נאָר אַ מינדערהייט אָפּגעשפּאַלטן, אין פּוילן קאָן זיך באַם איצטיקן מאָמענט אויך אָפּשפּאַלטן נאָר אַ מינדערהייט. אין רוסלאַנד שפּאַלט זיך אָפּ פֿונם וועלט-פֿאַרבאַנד די מערהייט, ווייל דאָ האָבן די יעקאָפּיסטן באַשייןפערלעך דערזען, וואָס ס׳איז ראַטנמאַכט און דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט. איצט בלייבן אין וועלט-פֿאַרבאַנד—הייסט נאָכשלעפּן זיך נאָך אָפּגעשטאַנענע און ניט נאָך רעוואָלוציאָנערע און פֿאַרגעשריטענע. באַטראַכטנדיק די קאָנפֿערענץ ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער שעפּערישער קראַפֿט פֿון אונדזער רעוואָלוציע, פֿון איר מעכטיקייט און ענערגישקייט, באַגריס איך די קאָנפֿערענץ.

זאָל לעבן דער קאָמינטערן!

זאָל לעבן די ר. ק. פּ.!

זאָל לעבן די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין די רייען פֿון דער ר. ק. פּ.!

באַגריסונג פֿון „קאָמבונד פֿון פּוילן״.

די דעלעגאַציע צום 4-טן קאָנגרעס פֿון קאָמינטערן פֿון „קאמבונד״ האָט צוגעשיקט צו דער קאָנפֿערענץ אַ באַגריסונג-בריוו.

אָנווייזנדיק, אַז די רעזולטאַטן פֿון דער קאָנפֿערענץ וועלן האָבן אַ רעוואָלוציאָנערע ווירקונג אַף דער פּועלי-ציאָן-פּאַרטיי אין פּוילן, באַגריסט די דעלעגאַציע די קאָנפֿערענץ, וואָס רייסט מיט דער פּאַלעסטינע-אידעאָלאָגיע און ווינטשט איר דערפֿאָלג אין דער אַרבעט.

אין נאָמען פֿון דער געוועזענער „אָנשלוס-פֿראַקציע״ באַגריסט די קאָנפֿערענץ די כ. זשעני ע ליפּשיץ:

זי ווייזט אָן, אַז ניט צופֿעליק איז די יעצטיקע אַלרוסלענדישע פּאַרטיי-קאָנפֿערענץ פֿערגעקומען אין 10 טעג אַרום נאָך דער קאָנפֿערענץ פֿון דער „אָנשלוס-פֿראַקציע״. דער יידישער אַרבעטער איז געגאַנגען צום קאָמינטערן מיט זיגזאַגע וועגן, אין אונדזער פּועלי-ציאָן-באַוועגונג האָבן זיך טיף איינגעוואָרצלט רעשטלעך פֿון דעם ציאָניזם, און דאָס האָט געשאַפֿן דעם שרעקלעכן קאָנפֿליקט צווישן דעם נאַציאָנאַליזם און קאָמוניזם. די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געזוכט אַן אויסוועג פֿון דעם פֿאַרקישעפֿטן קרייז. אין דעם איז באַשטאַנען די גאַנצע אַנטוויקלונג פֿון דער פּאַרטיי פֿאַר דער צייט; האמעל 1919—מאָסקווע 1922. די פּאַרטיי האָט געבראַכט פֿיל קאָרבאָנעס אַף די פֿראָנטן פֿון דער רעוואָלוציע. פֿיל כאַווערים זיינען געפֿאַלן אין קאַמף פֿאַר דער ראַטנמאַכט. די פּאַרטיי-מאַסן זיינען אַוועק ווייטער פֿון זייערע פֿירער. די פֿירער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר קליינבירגערלעכע נאָכשלעפּער, וואָס האָבן געשטערט. דער פּאַרטיי פֿריער קומען צום קאָמינטערן. אַנשטאָט צו פֿירן די באַוועגונג האָבן זיי זי פֿאַרפֿירט אין אַ טעמפּן ווינקל. זיי האָבן גע-

מיינט, אַז מיט טעראָר קאָנען זיי באַזיגן דאָס שטרעבן פון די פּאַרטיי-מאַסן צו פאַרענדיקן די איזאָלאַציע פון קאָמינטערן. היינט זאָגט זיי די גאַנצע פּאַרטיי: „גענוג שלאָפן, גענוג אָנשלוס-אַקציעס, קיינער גלויבט שוין מער ניט אַלע אייערע פאַרשלעפּונג-טעאָריעס. מיט ליידן און מאַטערניש האָבן מיר געפונען דעם ריכטיקן וועג, פון וועלכן מיר וועלן שוין ניט אָפּטרעטן". צו אייך, כ. כ. דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ, ווענדע איך זיך איצט און רוף אייך אין נאָמען פון דער ניט לאַנג פאָרגעקומענער קאָנפערענץ פון דער „אָנשלוס-פראַקציע": רייסט מיט דער נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע, רייסט מיטן פּאַלעסטיניזם, פאַרייניקט זיך צו די באַשלוסן פון אונדזער קאָנפערענץ! צוזאַמען וועלן מיר זיך איינפלעכטן אין די רייען פון קאָמינטערן אין זיין לאַנד-פּאַרטיי—דער ר. ק. פּ. (אַפּלאָדיסמענטן).

כ' בעזדעזשסקי לייגט פאָר איבערגעבן דעם פּרעזידיום שיקן אַ באַגריסונג דעם קאָמינטערן און דעם צ. ק. ר. ק. פּ. דער כ' לעווין לייגט פאָר ווענדן זיך מיט אַן אויפרוף צו די קאָמוניסטישע טיילן פון וועלטפאַרבאַנד. די ביידע פאָרשלאָגן ווערן איינשטימיק אנגענומען.

נאָך די באַגריסונגען ווערט פאָרגעלייגט דורך דעם פּרעזידיום פאָלגנדיקער טאָגאָרדענונג:

1) באַריכט פון צ. ק. כ' פּאַלאַטניק.

2) די אָנשלוס-אַקציע—פאָרטרעגער כ' שיינגאָלד.

3) די לאַגע אין דער אַלוועלטלעכער-באַוועגונג—פאָרטרעגער כ' ש. ליפשיץ.

4) וואַלן פון אויספיר-ביוראָ.

דער טאָגאָרדענונג ווערט איינשטימיק אָנגענומען.

דער כ' לעווין שלאָגט פאָר פאָלגנדיקן באַשטאַנד פון מאַנדאַט-קאָמיסיע. די כ"כ: ראַדאַל (קיעוו), גורעוויטש (כאַרקאָוו), גערמאַן (מאָסקווע). אין רעדאַקציע-קאָמיסיע: כ"כ פּאַלאַטניק און לעווין (נפתלי).

די פאָרשלאָגן ווערן איינשטימיק אָנגענומען.

דערמיט שליסט זיך די ערשטע זיצונג.

צווייטע זיצונג.

דעם צווייטן דעקאַבער באַטאָג איז פאָרגעקומען די 2-טע זיצונג פון דער קאָנפערענץ. ס'ווערן אויסגעהערט באַריכטן פון די ערטער. די באַריכטן ווייזן קלאָר און בולעט, אַז די אָרגאַניזאַציעס שטייען פאַרן באַלדיקן אָנשלוס אַן קאָמינטערן און אַן די טעריטאָריעלע קאָמפּאַרטייען אָן קיין שום „קאָרעקטיוון".

אַ באַריכט וועגן צ. ק. לייענט דער סעקרעטאַר פון צ. ק. כ' פּאַלאַטניק.

ער שטעלט זיך אָפּ גענוי אויף די עטאַפּן, וואָס די פּאַרטיי האָט דורכגעמאַכט פונם 4 טן פּאַרטיי-טאָג ביז דער איצטיקער קאָנפערענץ.

שוין אויפן 4-טן פּאַרטיי-טאָג האָט זיך אין דער פראַגע פון עמיגראַציע אַרויסגעוויזן בולעט, אַז ס'עקזיסטירן צוויי קעגנזעצלעכע ריכטונגען אין

פּאַרטיי — אַ רעוויזיאָניסטישע, וועלכע ציט די פּאַרטיי צום אלטן פּויעליי-ציאָניזם און אַ צווייטע אַ קאָמוניסטישע, צוליב איינהייט ווערט געפונען א קאָמפּראָמיס-רעזאָליוציע. די פשאָרע אָבער האָט ניט געקענט פאַרשיטן די גרוב, וועלכע איז געווען אין טאָך פון די צוויי ריכטונגען. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן באַ די קלענסטע פראַגן אין צ. ק. די כעלוקעדייעס פלעגן אַף אַזוי פיל פאַרשאַרפט ווערן, אז די פאַרשטייער פון די ביידע ריכטונגען האָבן זיך באַצויגן איינער צום אַנדערן קימאַט פיינטלעך.

אַנטבלויזט איז געוואָרן דער קאַמף צווישן די ריכטונגען נאָך דער 6-טער וועלט-קאָנפערענץ.

דער פלענום פון צ. ק. פון 5 אַווגוסט איז געווען אין דעם זין פאַר דער פּאַרטיי אַ היסטאָרישער. די רעזאָלוציעס פון דער וו. ק. האָבן אַזוי פיל פאַרשטאַרקט דעם רעכטן פליגל פון צ. ק., אַז זיאַמע, וועלכער האָט געדוכט זיין איינזאַם אַפן 4-טן פּאַרטיי-טאָג, איז מיטאַמאָל באַ זיך טאַקע געוואָרן און האָט דער ערשטער געוואָרפן דעם לאָזונג וועגן שפּאַלטונג: „אַז מ׳וועט דאַרפן, וועט ער שפּאַלטן די פּאַרטיי״.

אונדזער גרופּע — די גרופּע שאָלעם — פּאַלאַטניק, ליפּשיץ און אַראָצקער איז אינעווייניק ניט געווען איינהייטלעך, אָבער באַ דער לאַגע אין פּאַרטיי זומער האָבן מיר געפונען, אַז מיר קענען בילדן איין פראַקציע. האַגאַם שאָלעם האָט געוווסט, אז מיר וועלן אַלע קענען גיין צוזאַמען נאָר ביז אַ געוויסן מאָמענט.

די כלוקעדייעס צווישן שאָלעמען און אונדז זיינען געווען אַרום דעם אַרבעט-פּלאַן און די „קאָרעקטיוון״.

שאָלעם איז אַוועק פון דער קאָנפערענץ, האַגאַם ער איז איינגעגאַנגען אין די פריערדיקע אונטערהאַנדלונגען מיט מערעזשינען ערעוו דער קאָנפערענץ פון דער „אַנשלוס-פראַקציע״ אַף דעם באַדינגונגלאָזן אַנשלוס. אָפּשאַצנדיק די גאַנצע לאַגע אין דער וועלט-באַוועגונג און פון דער פּאַרטיי אין רוסלאַנד, האָבן מיר איינגעפונען, אַז מיר מוזן אַף זיך נעמען די אַכראַיעס פאַר דער אַקציע, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן דערפירן די פּאַרטיי צום אַנשלוס אין קאָמינטערן.

מיר האָבן דערביי אויסגעלעבט די אילוזיע פון באַקומען די מאַכט אין פאַרבאַנד און האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער איינציקער וועג פאַר דער פּאַרטיי איז דער ס ע פּ אַ ר אַ ט ע ר אַנשלוס.

די דיפערענצירונג אין אונדזער גרופּע האָט פאַרצויגן די קאָנפערענץ, אָבער ענדלעך האָבן מיר דעם וועג פון דיפערענצירונג דורכגעמאַכט, און פון דעם פאַקטיש צופאַלענעם צ. ק. פון דער פּאַרטיי זיינען מיר די איינציקע, וואָס זיינען געקומען צו דער קאָנפערענץ און איניינעם מיט דער פּאַרטיי דורכפירן איר גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע — רייסן מיטן פאַרבאַנד און פּאַלעסטינע-אידעאָלאָגיע און אָנשליסן זיך אָן קאָמינטערן.

מיט דעם פאָרטראָג פאַרענדיקט זיך די צווייטע זיצונג.

דריטע זיצונג.

דעמזעלבן טאָג 8 אָוונט קומט פֿאָר די דריטע זיצונג.

אַ פֿאָרטראַג וועגן דער אָנשלוס-אַקציע לייענט דער כ׳ שײַנגאָלד.

ער ווײַזט אָן, אַז אײַגנטלעך איז איבעריק צו אַנטוויקלען דאָ ברייטערע טעאָריעס וועגן דער פּאַלעסטינע-אידעאָלאָגיע. מיר דאַרפֿן אָפֿן אַנערקענען, אַז אונדזער פּאַלעסטיניזם האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט ניט מער ווי אַ רעשטל פֿון דער בירגערלעכער ציאָניסטישער אידעאָלאָגיע.

די גאַנצע געשיכטע פֿון י. ק. פּ. איז אַ לעבעדיקער באַווײַז דערצו, אַז פֿאַרבינדן דעם קאָמוניזם מיט דעם ציאָניזם איז אוממעגלעך; אַף אַלע אונדזערע פּאַרטיי-קאָנפֿערענצן, אין אונדזער פּרעסע האָבן די טעאָרעטיקער פֿון אונדזער פּאַרטיי געפּרוווט אויפֿבויען די טעאָריע פֿון קאָמוניסטישן פּויעלי-ציאָניזם, און וואַרפֿנדיק אַ בליק אַף אונדזער גאַנצן אָוועג, דאַרפֿן מיר זאָגן: דאָס האָט זיי זיך ניט אײַנגעגעבן.

ביז הײַנטיקן טאָג עקזיסטירט ניט אין אונדזער גאַנצער אַלוועלטלעכער באַוועגונג קיין אײנהייטלעכע פּאַלעסטינע-פּראָגראַם. די האָמלער קאָנפֿערענץ אין 1919 יאָר פֿאַרשטייט דעם פּאַלעסטיניזם, ווי דעם ראַציאָנעלן פּלאַן פֿון איבערבוי פֿון דער ייִדישער עקאָנאָמיק דורך דעם „אַלוועלטלעכן סאָוונאַרכאָז“, און שטעלט אַרויס ווי די אײנציקע אויפֿגאַבע בענוגייע דער פּאַלעסטינע אַרבעט—דעם קאַמף מיט דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם און די אָרגאַניזירונג פֿון רויטע פּאַלעסטינע-לעגיאָנען.

אין דער ווײַטערדיקער פֿאָרמולירונג פֿון דעם פּאַלעסטינע-פּונקט אין אונדזער פּראָגראַם מערקן זיך אָן צוויי קעגנזעצלעכע שטעלונגען שאָלעם—אַווערבוך אַ קלוימערשט קאָמוניסטישע, און זיאַמע אָסטראָווסקי אַן אויסגעשפּראָכענע צענטריסטיש-ציאָניסטישע. די ביידע ריכטונגען קעמפֿן צווישן זיך ניט נאָר אין רוסלאַנד. אין דער אַלוועלטלעכער באַוועגונג זיגט זיאַמעס ריכטונג, וועלכע ווערט די אָפֿיציעלע פּאַלעסטינע-פּראָגראַם פֿון קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד.

די גאַנצע „רעוואָלוציע“, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער פּאַלעסטינע-פּראָגראַם דער קאָמוניסטישער פֿאַרבאַנד, האָט זיך אויסגעלאָזט ווײַטער מיט אַ פֿאַלשן פּאַלעסטינע אַרבעטער-פֿאָנד און מיט רעפֿאָרמיסטישע פּלענער וועגן קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע.

דער קאָמוניסטישער פּאַלעסטיניזם האָט באַנקראָטירט סײַ טעאָרעטישן סײַ פּראַקטיש.

אין די רייען פֿון דער רוסלענדער י. ק. פּ. האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבן די רעוויזיע פֿון דער פּאַלעסטינער אידעאָלאָגיע.

דאָס האָט זיך בולעט אַרויסגעוויזן אין דעם מאַסן-אַוועקגיין פֿון דער פּאַרטיי און צום סאָף אין דער אויסבילדונג פֿון דער „אָנשלוס פֿראַקציע“. פֿאַר די פּאַרטעיִשע מאַסן האָט שוין לאַנג דער פּאַלעסטיניזם פֿאַרלאָרן זײַן רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט און איז פֿאַרבליבן ווי אַ פּוסטער קלאַנג, וועלכער האָט

אַרטוּנקלט דעם קלאַסן-באַוווּסטזיַין פֿון די ייִדישע אַרבעטער און האָט געשטערט ויי זיך אָרגאַניש צונויפֿגיסן מיט דעם גאַנצן רוסישן פּראָלעטאַריאַט.

באַ היינטיקן טאָג איז שוין קלאָר פֿאַר דער גאַנצער רוסלענדישער אַרטיי, אַז ס'איז פֿאַראַן נאָר צוויי וועגן: אָדער ציאָניזם אין זיינע פֿאַרשיידנ- טע פֿאָרמאַציעס, אָדער דער קאָמוניזם אָן קיין שום רעשטלעך פֿון נאַציאָנאַ- ליסטישער אידעאָלאָגיע.

די איצטיקע קאָנפֿערענץ פֿון דער י. ק. פּ. קלייבט אויס דעם קאָמוניזם.

דער כ' ש. ליפֿשיץ לייענט דעם פֿאָרטראָג וועגן דער לאַגע אין דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער פּועלי-ציאָן-באַוועגונג:

די שפּאַלטונג פֿון דער אַלוועלטלעכער פּועלי-ציאָן-באַוועגונג אַף דער V-טער וועלט-קאָנפֿערענץ, פֿון וועלכער עס הויבט זיך אָן די געשיכטע פֿון „לינקן" און נאָכדעם קאָמוניסטישן פֿאַרבאַנד—איז פֿאַקטיש פֿאָרגעקומען ניט אַף דער ליניע פֿון קאָמוניזם, נאָר באַ דער פֿראַגע וועגן דעם אָנטיילנעמען אין ציאָניסטישן קאָנגרעס. דאָס האָט באַשטימט דעם ווייטערדיקן גורל פֿון אַרבאַנד. אין „לינקן" פֿאַרבאַנד זיינען פֿאַרבליבן קאָמוניסטישע און צענט- יסטישע ריכטונגען, און די לעצטע האָט געפֿירט די אָנפֿירנדיקע ראָל אַף דער V-טער וועלט-קאָנפֿערענץ. אַלע רעזאָלוציעס פֿון דער וועלט-קאָנפֿערענץ זיי- ען דיקטירט געוואָרן דורך דער רוסלענדער י. ס. ד. און דער פּוילישער אַרטיי. אין רוסלאַנד זיינען באַם פֿאַרבאַנד פֿאַרבליבן איינציייטיק צוויי פּאַר- ייען: די י. ס. ד. און די י. ק. פּ. די וועלט-קאָנפֿערענץ האָט ניט אָנערקענט פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי (די „מ. פּ. ס.") און האָט זיך אָריענ- ירט אַף דער געלער פּאַלעסטינישער „אַכדוס-האָאַוואָידאָ".

די רוסלענדישע י. ק. פּ. האָט פֿון אָנפֿאַנג אָן געשטעלט זיך אין אָפּאָ- יציע צו דעם „לינקן" פֿאַרבאַנד. טייקעף נאָך דער V-טער וועלט-קאָנפֿערענץ אַפֿט דער צ. ק. פֿון י. ק. פּ. אַ קאָמוניסטישן „אָבע" אין באַשטאַנד פֿון די אָרשטייער פֿון דער רוסלענדישער י. ק. פּ. און פּאַלעסטינער „מ. פּ. ס." מייערזאָן) קעדיי צו באַקעמפֿן דעם צענטריסטישן פֿליגל פֿון פֿאַרבאַנד. די אָנטסטע געשעענישן שאַפֿן אַף אַ צייט אַן אילוזיע, אַז די מאַכט אין פֿאַר- אַנד איז אַריבער צו די קאָמוניסטן. עס ווערן אויסגעשלאָסן די י. ס. ד. אין וסלאַנד, דאָס פּ.-ב. נעמט אָן די 21 באַדינגונגען פֿון קאָמינטערן און בייט עם נאָמען פֿון פֿאַרבאַנד פֿון „לינקן" אַף קאָמוניסטישן. דאָס פּ.-ב. שיקט דעלעגאַציע צום דריטן קאָנגרעס פֿון קאָמינטערן פֿירן אונטערהאַנדלונגען וועגן אַנשלוס. אָבער, שוין איינגיכן, ווערט קלאָר, אַז די צענטריסטישע מער- ייט פֿון פֿאַרבאַנד גרייט זיך צו נעמען רעוואַנש: די צוגרייטונג צו דער V-טער וועלט-קאָנפֿערענץ גייט דורך אין פּוילן אונטער די לאָזונגען פֿון אופֿ- טעלן צוריק די רעכט פֿון די אויסגעשלאָסענע י. ס. ד. פֿון רוסלאַנד און נערקענען רעוווצקיס „פּראָפּאַגאַנדע-גרופּעס" אין פּאַלעסטינע. די אַמעריקאַ- ער פּאַרטיי אין פּערזאָן פֿון דעם גוט באַוווּסטן רווון קענדזשערסקי פֿאָדערט ון דער VI-טער וועלט-קאָנפֿערענץ פֿאַרמישפּעטן די „אוזורפּאַטאָרישע" טריט ון פּ.-ב., וועלכער, ניט האָבנדיק אַף דעם קיין שום רעכט, האָט פֿאַרוואַנדלט

דעם „לינקן" פאַרבאַנד אין אַ קאָמוניסטישן, און די VI וועלט-קאָנפערענץ האָט זיך טאַקע פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן ניצחון פון די צענטריסטן. ס'איז געגוג צו דערמאָנען, אַז 5 טעג האָט געדויערט אַף דער קאָנפערענץ דער איניען רעוווצקי און י. ס. ד. אין נייעם פ.-ב. געהערט די מערהייט דעם פוילישן צ. ק. קעדיי פאַרשטאַרקן די ווירקונג פון פוילישן צ. ק. אַפן פאַרבאַנד, ווערט דאָס פ.-ב. אַריבערגעפירט פון ווין אין דאַנציג. די זעקסטע וועלט-קאָנפערענץ וואַרפט אָפ דעם פריערדיקן באַשלוס פון דעם פ.-ב., אַז אַלע פּאַרטייען דאַרפן זיך אין די פראַגן פון אַלגעמיינער פּאָליטיק אונטערוואַרפן די באַשלוסן פון די אָרטיקע קאָמוניסטישע לאַנד-פּאַרטייען און ניט אָנשטאָט דעם אַ לאָזונג פון שאַפן „פּאָליטישע בלאָקן" מיט די לאַנד-פּאַרטייען. און ענדלעך, בעשאַס אַף מאָרגן נאָך דער קאָנפערענץ הויבן זיך אָן די אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון קאָמינטערן וועגן אָנשלוס. באַגייט דאָס פ.-ב. דעם גרעסטן פאַרברעכן קעגן דער גאַנצער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, אָפוואַרפנדיק די פאָרשלאָגן פון די פאָרשטייער פון קאָמינטערן וועגן דעם „אַרבעט-פּלאַן". מיט דעם פאַרעטערישן טריט וואַרפט אָפ דאָס פ.-ב. די גאַנצע באַוועגונג אַפן וועג פון איזאָליאַציע פון קאָמינטערן.

דאָס רייסט אוף דעם קלוימערשט איינהייטלעכן פאַרבאַנד. ס'הויבט זיך אָן די דיפערענציאַציע פון די צוויי פאַרשיידענע עלעמענטן, וואָס האָבן אים באַשאַפן—די קאָמוניסטן און צענטריסטן. פאַר די קאָמוניסטן ווערט קלאָר, אַז ווייטער בלייבן אין פאַרבאַנד איז אַ פאַרברעכן, און ס'הויבט זיך אָן אַ קאַמף אין די פּאַרטייען קעגן פאַרבאַנד.

די צענטריסטישע מערהייט פון פאַרבאַנד זעצט פאָר איר פאַרעטערישע אַרבעט, מיטן העסקעם פון פ.-ב., באַשליסט דער פוילישער צ. ק. גיין מיט אַן אייגענעם צעטל צו די וואַלן אין סיים. די ליטווישע פּאַרטיי גייט אין אַ בלאָק מיט די לינקע עסערן.

פון דער צווייטער זייט הויבט זיך אָן די אָפּשפּאַלטונג פון די רעוואָלוציאָנערע טיילן. די פּאַלעסטינער פּאַרטיי באַשליסט רייסן מיטן פאַרבאַנד און טייקעף אָנשליסן זיך אָן קאָמינטערן אַפן „אַרבעט-פּלאַן".

די רוסלענדער פּאַרטיי, וואָס האָט געשאַפן דעם קאָמפאַרבאַנד, לעבט איבער אַ שרעקלעכן קריזיס. דאַווקע אין דעם לאַנד פון זיג פון פּראָלעטאַריאַט, אין ראַטנרוסלאַנד, פאַרלירט זי פון טאָג צו טאָג איר האָפענונג אַף די מאַסן און פאַרוואַנדלט זיך פון אַ גרויסער מאַסן-פּאַרטיי אין אַ קליינינקער, קראַנקער גרופּע, וואָס האָט פאַרלאָרן יעדע פּערספּעקטיוו און ווערט פאַנאַנדערגעריסן פון אינעווייניק דורך פאַרשיידענע קעמפנדע צווישן זיך ריכטונגען און פראַקציעס.

דאַווקע אין רוסלענדישער יעקאָפּע, וואָס האָט גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין טאָגטעגלעכן קאַמף פון דעם רוסלענדישן אַרבעטער-קלאַס פאַר זיין דיקטאַטור, דאַווקע זי דערפילט אַמשטאַרקסטן דעם שרעקלעכן ווידערשפּרוך צווישן איר שאָוויניסטישער פּאַלעסטינע-אידעאָלאָגיע און דער אינטערנאַציאָנאַל-אידעאָלאָגיע פון קאָמוניזם. אין די רייען פון די פּאַרטיי-כאַוויירים הויבט

זיך אָן אָנזאַמלען אַ פּראָטעסט קעגן דער פּאַרעטערישער ליניע פון צ. ק., ועלכער פאַרבייט די דיסציפּלין פון קאָמיטעטרן אַף דער דיסציפּלין פון פּאַר-אַנד. גאַנצע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס שטעלן זיך אפן שטאַנדפּונקט פון ייסן מיט דער פּאַלעסטינער אידעאָלאָגיע, אַרויס פון פאַרבאַנד און אָנשליסן יך אין קאָמינטערן. דער צ. ק. פירט איין אַ סיסטעם פון טעראָר קעגן אַלע זויגערופענע „ליקווידאַטאָרן". ס'ווערן אויסגעשלאָסן גאַנצע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס. אָבער אין דעם קאַמף צווישן דעם צ. ק. מיט די פּאַרטיי-מאַסן יגן די לעצטע, דער בעסטער באַווייז צו דעם איז די קאָנפערענץ פון די „אָנ-שלוס-פראַקציעס" און היינטיקע פּאַרטיי-קאָנפערענץ ווען מיר ריידן היינט אַף ער קאָנפערענץ וועגן אונדזער אַלוועלטלעכער באַוועגונג, דאַרפן מיר קאָנסטאַ-טירן: קיין איינהייטלעכע אַלוועלטלעכע פּויעלי-ציאָן-באַוועגונג, איז שוין ניטאָ.

פון וועלט-פאַרבאַנד זיינען אַרויסגעטראָטן אַ ריי פּאַרטייען, וואָס האָבן עריסן מיט דער נאַציאָנאַליסטישער פּראָגראַם פון פאַרבאַנד. די טשעכאָסלאָ-וואַקישע פּאַרטיי, די אָנשלוס-פראַקציע פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי און, נדלעך, די פּאַלעסטינער פּאַרטיי זיינען שוין אַרויס פון פאַרבאַנד. אין פּאַר-אַנד זיינען פאַרבליבן נאָר די פּוילישע און אַמעריקאַנער פּאַרטייען און י רוסלענדישע י. ק. פּ. קיינע שום אויסזיכטן אַף איבערנעמען די מאַכט אין אַרבאַנד האָט די י. ק. פּ. ניט. קיין פּ.-ב. איז פּאַקטיש ניטאָ. אַף זיין אָרט עפינט זיך דער דיקטאַטאָרישער פּוילישער צ. ק. באַ אזא לאגע איז א פּאַר-רעך צו וואַרפן א לאָזונג פון דיסציפּלין פון פאַרבאַנד. ניט קיין דיסציפּלין ון פאַרבאַנד, נאָר אויפרייס פון פאַרבאַנד—דאָס איז דער איינציקער וועג פאַר לע אויפריכטיקע קאָמוניסטן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין פאַרבאַנד. די וסלענדישע י. ק. פּ. פילט אויס היינט איר קאָמוניסטישן כויוו—רייסט מיטן ארבאַנד און דער פּאַלעסטינישער אידעאָלאָגיע און טרעט אַריין אין די רייען ון דער ר. ק. פּ. מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז אונדזער באַשלוס וועט אבן דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג אויך אין פּוילן, ווו אַלע רעוואָלוציאָנערע לעמענטן וועלן זיך אָרגאַניזירן אין אן אָנשלוס-פראַקציע און וועלן אָרגאַני-רטערהייט אַריין אין דער לאַנד-פּאַרטיי.

באַריכט פון מאַנדאַט-קאָמיסיע.

נאָך די שלוס-ווערטער גיט אָפּ כ׳ ראדאל א באַריכט פון מאַנדאַט-אָמיסיע: אַף דער קאָנפערענץ זיינען פאַרגעשטעלט 15 אָרגאַניזאַציעס: מינסק, אָסקווע, כאַרקאָוו, אָדעס, פּאָלטאַווע, קיעוו, טשערניגאָוו, באָברויסק, ניעזשין, אָראָניעזש, טוראָוו, סאָסניצע, יאַראָסלאַוול און קאזעלעץ דורך 31 דעלעגאַטן, ן זיי 25 מיט שטימרעכט, 6 מיט באַראַטונג-רעכט. 4 דעלעגאַטן האָבן זיך פגעזאָגט אנטיילנעמען אין דער קאָנפערענץ (שאָלעם שאַפּיראָ, ייזראַעלי, ירלאַנד און ציפּין).

דער באַריכט פון מאַנדאַט-קאָמיסיע ווערט באַשטעטיקט. די קאָנפערענץ יט איבער צו דער אָפּשטימונג פון די רעזאָלוציעס.

איינשטימיק ווערט אָנגענומען די רעזאָלוציעס וועגן דער אָנשלוס-אַקציע, וועגן די אויסגעשלאָסענע פאַר „ליקווידאַציע" כאַווײרים.

אין נאָמען פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פאַרטיי באַגריסט די קאָנפערענץ דער דעלעגאַט צום 4-טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן דער כ׳ איסאַקאָוו, וועלכער ווערט באַגעגנט מיט רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. ער האַלט אַ לענגערע רעדע, אין וועלכער ער באַקאַנט מיט דער לאַגע פון די יידן אין בולגאַריע און דעם קאַמף, וואָס די בולגאַרישע קאָמוניסטישע פאַרטיי פירט צווישן די יידישע אַרבעטער-מאַסן. ער זאָגט: „אייער קאָנפערענץ, ווי קליין אין צאָל זי זאָל ניט זיין, וועט האָבן אַן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אָבער אַ באַזונדער באַדייטונג האט זי פאַר דעם קאַמף פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי צווישן די יידישע מאַסן. די ציאָניסטן בא אונדז פלעגן שטענדיק אָנווייזן אַף אייך: אָט אַזאַ יידישע קאָמוניסטישע פאַרטיי, וועלכע האָט געגעבן פיל קאָרבאָנעס דער רעוואָלוציע, און דאָך לייגט זי איר האָפענונג אַף פאַלעסטינע. זיי זיינען אויך ציאָניסטן. מיט אייער קאָנפערענץ וועט איר געבן אַ טויט-קלאַפּ אָט דער ציאָניסטישער דעמאַגאָגיע קעגן ראַטנרוסלאַנד. אייער קאָנפערענץ וועט בעעמעס בלייבן אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער יידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג (אַפּלאָדיסמענטן).

אַף דער באַגריסונג ענטפערט פון פרעזידיום דער כ׳ בעזדעזשסקי.

ס׳ווערט אָנגענומען איינשטימיק די רעזאָלוציעס וועגן באַריכט פון צ. ק.

די קאָנפערענץ באַשטעטיקט די באַגריסונג צום קאָמינטערן, צ.ק.ר.ק.פּ. און צ. ב. פון די יידסעקציעס.

ס׳ווערן אויסגעווײלט אין דער צענטראַל-אויספיר-ביוראָ די כ״כ פאַלאַטניק, ליפשיץ, שיינגאָלד, לעווין און בעזדעזשסקי.

די קאָנפערענץ פאַרענדיקט זיך מיט די שלוסווערטער פון די כ״כ שיינגאָלד און פאַלאַטניק, וועלכע ווייזן אָן אַף דער היסטאָרישער באַדייטונג פון דער קאָנפערענץ.

כ׳ שיינגאָלד — מיר האָבן פאַרענדיקט מיט דער פאַלעסטינער אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט אונדז געשטערט זיך אָנשליסן אין די רייען פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אונדזער אָוואַר איז אַ רעוואָלוציאָנערער, נאָר דער אַלטער שימל האָט אָנגעהויבן אונדז אופעסן. מיר האָבן דעם אַלטן שימל אָפּגעטרייסלט און אופגעטראָטן אפן רעוואָלוציאָנערן וועג. זאָל לעבן די ר.ק.פּ.! זאָל לעבן דער קאָמינטערן!

כ׳ פאַלאַטניק: — מיר שליסן די קאָנפערענץ און מיר דאַרפן ניט האַלטן קיין אופגעבלאָזענע פייערלעכע דראָשעס. סערפּאָוו האָט אין אַ בריוו צו אונדז געשריבן, אַז ווען מיר נעמען אָן די פאָדערונגען פון קאָמינטערן, איז גאָר ניט נויטיק קיין שום טיפע בקירעס און שיינע דראָשעס, דער קאָמינטערן וועט אונדז אָנעמען אָן שיינע רייד. בלייבן מיר פויעלי-ציאָניסטן, מעגן מיר האַלטן די טאַלאַנטפולע רעדעס, וועט דער קאָמינטערן בלייבן פאַר אונדז אונטער זיבן שטעמפּלען.

סערפּאָוו איז אין דעם פּראַט פולשטענדיק געערכט: מיר זאָגן קאָמו־ניזם אָן שום פּרעדיקאַטן אָן שום צוגאָב־ווערטער און מיר זיינען זיכער, אז אַט די פּאָשעטע ווערטער וועלן אופנעמען אַלע קאָמוניסטישע טיילן פון פאַרבאַנד.

די רעכטע וועלן איצט שרייען וועגן אונדזער „פּאַראַט״, נאָר זאָל כאָטש איינמאָל זיי געזאָגט ווערן, אַז קיין פּאַראַט די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער אין די רייען פון קאָמינ־טערן קאָן ניט זיין.

פאַרעטער וועלן בלייבן אַלע די, וואָס פאַרהאַלטן די יידישע אַרבעטער איזאָלירט פונם קאָמינטערן (רוישנדיקע אַפּלאַדיסמענטן).

און אויב באַ די רעכטע איז געבליבן נאָך אַ שאָטן פון קאָמוניזם, וועלן זיי קומען צו אונדז.

מיר שליסן די קאָנפערענץ אָן שום כאַראָטע און אַלכעט־געפילן, מיר האָבן זיך מיט אונדזערע מאַסים ניט וואָס צו שעמען.

די י. ק. פּ. איז געווען דער ערשטער קאָמוניסטישער טייל פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכער האָט אופגעהויבן די רויטע פאָן פון קאָמוניזם, די י. ק. פּ. האָט געוואָלט נעמען אַפן וועג פון קאָמוניזם די גאַנצע אַלוועלטלעכע באַוועגונג. די שאַפונג פון דעם פאַרבאַנד איז געווען אַ רעוואָ־לוציאָנערער קאָמוניסטישער טראָט.

זיין וויטערדיקע איזאָלירטע עקזיסטענץ איז אַנטיקאָמוניזם. זי מוז דערפירן צו רעפאָרמיזם און קאָנטר־רעוואָלוציע. י. ק. פּ. מיט הייַנטיקער קאָנפערענץ טוט אָפּ איר צווייטן רעוואָלוציאָנערן אַקט — זי רייסט מיטן פאַרבאַנד, און שליסט זיך אָן אָן קאָמינטערן!

זאָל לעבן דער קאָמינטערן!

זאָל לעבן די יידישע אַרבעטערשאַפט אין די רייען פון קאָמינטערן! (אַפּלאַדיסמענטן).

איך דערקלער די קאָנפערענץ געשלאָסן!

די כ״כ זינגען אין אַ געהויבענער שטימונג דעם „אינטערנאַציאָנאַל״ און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לידער.

רעזאָלוציעס.

I

וועגן דער טעטיקייט פון צ. ק.

אויסהערנדיק דעם באַריכט פון סעקרעטאַר פון צ. ק., קאָנסטאַטירט די קאָנפערענץ:

1) דער צ. ק. איינגאַנצן איז ניט געשטאַנען אַף דער נויטיקער הויך און האָט ניט אויסגעפילט די פליכט, וואָס איז אים אַף געלעגן — אַריינפירן די פּאַרטיי אין קאָמינטערן;

2) אין צ. ק. איז געווען פֿאַרטראָטן אַ ריכטונג, פֿאָרגעשטעלט דורך די כ״כ זיאַמע, ריזשיק, ליימע, פּאָגאָרעלסקי און יעקב ליפּשיץ—וועלכע האָט זיך אין דעם אנטשיידנעם פֿאַר דער פּאַרטיי מאָמענט, אַרויסגעוויזן אַלס אַנטי־קאָמוניסטישע.

3) די קאָנפֿערענץ באַצייכנט די האנדלונג פֿון דעם טייל פֿון צ. ק., ווי אויך פֿון כ׳ שאלעם שאַפּירא, וואָס האָט ניט אנערקענט דעם העכסטן אָרגאַן פֿון דער פּאַרטיי—די III אַלרוסלענדער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ—אַלס פֿאַרברעכערישע און באַשטימט אויסשליסן זיי פֿון פּאַרטיי;

4) די קאָנפֿערענץ ווילט אויס אַן אויספֿיר־ביוראָ דורכצופֿירן דעם אָנשלוס פֿון דער פּאַרטיי אין ר. ק. פּ.

5) די קאָנפֿערענץ אַנולירט אַלע מאַנדאַטן און רעכט אַף פֿאָרשטייער־שאַפֿט, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון דער פּאַרטיי ביז דער III קאָנפֿערענץ.

6) אַלע רעכט פֿון דער פּאַרטיי גייען איבער צו דער אויספֿיר־ביוראָ ווי זיין העכסטן אויספֿיר־אָרגאַן.

II

וועגן דער אָנשלוס־אַקציע.

1) די קאָנפֿערענץ אנערקענט, אַז דער אַרבעט־פּלאַן, וועלכער איז פֿאָרגעלייגט געוואָרן דורך די פֿאָרשטייער פֿון קאָמינטערן איז גענוג פֿאַרן באַלדיקן אנשלוס אין קאָמינטערן.

2) די קאָנפֿערענץ געפֿינט די האנדלונג פֿון פֿאַרבאַנד־ביוראָ, וואָס האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם אַרבעט־פּלאַן פֿאַר אַנטיקאָמוניסטיש.

3) די קאָנפֿערענץ רייסט מיטן וועלט־פֿאַרבאַנד און מיט דער פּאַלעסטינע־אידעאָלאָגיע, דערקלערט זיך פֿאַר אַ טייל פֿון קאָמינטערן, וואַרפֿט זיך אונטער אַלע זיינע באַפֿעלן אָן קיין שום טנאָים און טרעט אַריין אין זיינע לאַנד־סעקציעס.

4) די קאָנפֿערענץ זאָגט זיך קאַטעגאָריש אַרויס קעגן דער עקזיסטענץ פֿון באַזונדערע יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען און געפֿינט, אַז אַלע אויפֿריכטיקע קאָמוניסטן מוזן זיין מיטגלידער פֿון די טעריטאָריאַלע פּאַרטייען.

III

וועגן די אויסגעשלאָסענע פֿון פּאַרטיי כאַווירים.

די דריטע אַלרוסלענדישע קאָנפֿערענץ י. ק. פּ. באַשטימט אויפֿצושטעלן אין רעכט פֿון פּאַרטיי־מיטגלידער אַלע כאווירים, וואָס דער צ. ק. האָט אויסגעשלאָסן פֿאַר אַזוי גערופֿענער „ליקווידאַציע״, ד. ה. פֿאַר דער מיינונג פֿון באַלדיקן אנשלוס אין קאָמינטערן.

אויפֿרוף

צו די אַרבעטער פֿון אַלוועלטלעכן ייִד. קאָמונ. פֿאַרבאַנד (פּועלי-ציון).

כאַוויירים!

ס'האָט געשלאָגן די שאָ, ווען די אָרגאַניזירטע אין אַלוועלטלעכן ייִדישן קאָמוניסטישן וועלט-פֿאַרבאַנד (פּועלי-ציון) ייִדישע אַרבעטער גייען אריין ווי גלייכע מיטגלידער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

די י. ק. פּ. (פּ.-צ.) פֿון רוסלאַנד האָט דערקלערט אף איר 3-טער אַל-רוסלענדישער קאָנפֿערענץ איר רייסן מיטן פֿאַרבאַנד און מיט דער פּאַלעסטינישׂ-סעפּאַראַטיסטישער אידעאָלאָגיע און אָנגעשלאָסן זיך אין קאָמינטערן.

די ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג האָט שטענדיק געפֿילט דעם דרוק פֿון דער איזאָלאַציע און געשטרעבט זי בייצוקומען.

קרענקלעכער ווי אַלע מאָל האָט די איזאָלאַציע זיך אָפּגערופֿן אַף דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג אין דער טקופֿע פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

שפּעט איז געקומען צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע די ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג—ניט מיטאַמאָל גויווער געווען די קליינבירגערלעכע סוויווע, אין וועלכער ס'איז איר אויסגעקומען צו קעמפֿן.

שפּעטער פֿון אַלע אַנדערע ייִדישע סאָציאַל. פּאַרטייען האָט פֿאַרענדיקט מיט דער איזאָליאַציע די פּועלי-ציון באַוועגונג. די ערשטע דערפֿילט דעם אָנזאָג פֿון דער נייער סאָציאַלער טקופֿע, די ערשטע באָלשעוויקעס אין דער ייִדישער סוויווע. האָבן זיי דאָך ניט באַוויזן, ביז אַהער אַריינצופֿירן די ייִדישע אַרבעטער אין די רייען פֿון קאָמוניסטישן אַוואַנגאַרד.

מיט די גרעסטע שוועריקייטן געשאַפֿן די פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי און פֿאַרלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון ייִדישן קאָמוניסטישן, פֿאַרבאַנד האָבן זיי זיך פֿאַרהאַלטן אַף די נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס פֿון זייער אַלטער פּראָגראַם.

קרענקלעך קומט פֿאָר אין דער פּועלי-ציאָן באַוועגונג דער פּרווו צו פֿאַרייניקן די אַלטע אידעאָלאָגיע מיטן קאָמוניזם.

שפּאַלטונגען אָן אַ סאָף: א. ב. פֿון לינקע פּועלי-ציאָן, „לינקער“ וועלט-פֿאַרבאַנד, אָ. ב. פֿון קאָמוניסטן אינם „לינקן“ און קאָמוניסטישער.

אין די אַלע מאָמענטן איז די איקער-פּראָבלעם—דער „אָנשלוס“—די פֿראַגע וועגן גויוער זיין דעם דרוק פֿון נאַציאָנאַלן געטאָ, די איזאָלאַציע.

צום ערשטן מאָל, קומט צום 3-טן קאָנגרעס פֿון קאָמוניסטישן אינטער-נאַציאָנאַל דער וועלט-פֿאַרבאַנד, דער קאָמינטערן נעמט אים ברידערלעך אויף, אָנערקענט זיינע קאָמוניסטישע טאַטן. באַצייט זיך אופֿמערקזאַם צו זיינע פֿאָדערונגען, לייגט אים פֿאָר פֿאַרענדיקן מיט די רעשטלעך פֿון דער פּאַלעסטינע-אידעאָלאָגיע און אַריינטרעטן אין קאָמינטערן.

דער פֿאַרבאַנד פֿאַרציט דעם אָנשלוס—ער קאָן זיך אַליין ניט גויווער זיין. פֿון א טרויעריקן פֿאקט ווערט די איזאָלאַציע פֿארוואנדלט אין א פּרינציפּ.

אויף דער 6-טער וועלט-קאָנפֿערענץ ווערט אָפּגעוואָרפֿן דער לעצטער פֿארזוך פֿון די פֿאַרשטייער פֿון קאָמינטערן צו געפֿינען אן אלגעמיינע שפראך מיטן פֿארבאנד.

דאָס פּ. ב. פֿארווערט אין דער וועלט-באוועגונג אפילע צו דיסקוטירן דעם פֿאָרגעלייגטן „ארבעט-פּלאן״, דער פֿארבאנד באצאָלט דערפֿאר מיט זיין קאָמוניסטישער יערידע.

די הִיסכאיוועסן, וואָס די לאנד-פּארטייען פֿון פֿארבאנד האָבן געגעבן די טעריטאָריעלע פּארטייען צום 3-טן קאָנגרעס זיך אונטערצוּוואַרפֿן זייער דיסציפּלין אין אלע אלגעמיינע פּאָליטישע פּראגן, ווערט פֿארוואנדלט אין א דיפּלאָמאטיש-שפּיצל—„פּאָליטישע בלאָקן״. אלס רעזולטאט—באזונדערע צעטלען פֿון דער פּוילישער פּארטיי צו די וואלן אין סיים, א בלאָק פֿון דער ליטווישער פּארטיי מיט די לינקע „עסערן״ אין ליטע. צענטריסטישע ארטיקלען אין פּרעסע פֿון דער אמעריקאנישער פּארטיי.

דער נאציאָנאל-סעפּאראטיזם, זיין בוילעטער אויסדרוק—דער פּאלעסטיניזם האָט באקומען זיין רעוואנש—דעם אָפּגאנג פֿון קאָמוניזם. די י. ק. פּ. האָט די ערשטע אופֿגעהויבן דעם קאמף קעגן דער אנטיקאָמוניסטישער האנדלונג פֿון וועלט-פֿארבאנד.

ווערט די י. ק. פּ. פֿון ראטנרוסלאנד גענומען אונטערן כשאַד, עס ווערט באשטימט פֿון פֿארבאנד-ביוראָ א דיקטאטור פֿון דעם „באַוווסטן״ פֿאַרשטייער פֿון פּ.ק.פּ. באם קאָמינטערן—סאאר.

די 3-טע אלרוסלענדישע קאָנפֿערענץ, צונויפֿגערופֿן קעגן דעם ווילן פֿון באפֿולמעכטיקטן פֿון פֿארבאנד-ביוראָ—סאאר, פֿארענדיקט דעם קאמף קעגן דער באנקראָטירטער פֿארבאנד-ביוראָ; רייסט מיט די רעשטלעך פֿון פֿארבאנד-אידעאָלאָגיע—דעם פּאלעסטיניזם.

כאוויירים!

די פּאלעסטינער קאָמוניסטישע פּארטיי האָט זיך געשטעלט אויף דעמזעלביקן וועג פֿון קאמף קעגן פֿארבאנד און באשלאָסן זיך באדינגונגלאָז אָנשליסן אין קאָמינטערן.

די קאָנפֿערענץ פֿון דער רוסלענדישער פּארטיי ווענדט זיך צו אלע קאָמוניסטישע טיילן, וואָס זיינען נאָך פֿארבליבן אין פֿארבאנד, פֿארענדיקן מיט דער אָרגאניזאציע, וואָס איז געוואָרן א מעניע פֿאר אָנשלוס אין קאָמינטערן. רייסט מיט דער פֿארעטערישער פֿארבאנד-ביוראָ און איר אידעאָלאָגיע!

טרעט אריין אין די לאנד-סעקציעס פֿון קאָמינטערן!

נידער מיט דער איזאָלאַציע!

זאָל לעבן די אָרגאַניזירטע יידישע ארבעטערשאפֿט אין די רייען פֿון III-טן קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל!

זאָל לעבן די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּארטיי!

באַגריסונגען.

די באַגריסונג דעם צ. ק. ר. ק. פּ.

די III אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון דער יידישער קאָמוניסטישער ארטיי (פּ. צ.) האָט מיט גרויס באַפרידיקונג אויסגעהערט די באַגריסונג פון .ק. פון דער ר. ק. פּ., וואָס האָט די ערשטע אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף אר דער סאָציאלער רעוואָלוציע. די קאָנפערענץ גיט אייך צו וויסן, אז זי אָט באַשלאָסן רייסן מיט דער נאַציאָנאַליסטיש-סעפּאראַטיסטישער אידעאָלאָ-ע פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד „פּויעלײ-ציאָן" און ייקעף אריינטרעטן אין די רייען פון דער ר. ק. פּ.

לעבן זאָל די ר. ק. פּ.!

לעבן זאָל דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, אָרגאַניזירט אין די רייען פון ר.ק.פּ.!

פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ.

באַגריסונג דעם 4־טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן.

די 3-טע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון דער י. ק. פּ. (פּ. צ.) שיקט ר קאָמוניסטישן גרוס דעם שטאַב פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע דעם טן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דויערנדיק און דאָרנדיק איז געווען דער וועג פונם יידישן פּראָלעטאַ-אַט צום קאָמוניזם.

קעמפנדיק אין אַ קליינבירגערלעכע סוויווע, האָט דער יידישער פּראָ-טאַריאַט געליטן פון אַ צווייענדיקן דרוק פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָר-נונג: סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן. דאָס האָט באַשטעמפּלט דעם גאַנצן גאַנג דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג: פאַרשטאַרקט דעם צווייפל אין דער ענטקייט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע פאַר איר קומען און נאָכער, ווען רעוואָלוציע האָט מענאַצייעך געווען אין רוסלאַנד—אומצוטרוי צו איר פי-ר, די ר.ק.פּ. און קאָמינטערן.

מיטן וווּקס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און פאַרברייטערונג פון ר סאָציאַלער רעוואָלוציע באַפרייט זיך דער יידישער פּראָלעטאַריאַט פון ע סעפּאַראַטיסטיש-נאַציאָנאַליסטישע איבערלעבונגען.

די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, באַפרייען זיך פון די סאָציאַל-מאָקראַטישע אידעאָלאָגישע אָנשיכטונגען און גייען אַריבער אין די רייען ם קעמפנדיקן קאָמוניסטישן אַוואַנגאַרד פון רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט.

י. ק. פּ., די ערשטע פון די יידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, האָט זיך טעלט אין קאַמף פאַר ראַטנמאַכט; זי האָט אָבער ניט נאָכגעפאָלגט איר יוועשע פּאַרטייען.

אָפּשפּיגלענדיק אין איר נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע דעם שטאַרקסטן עק-סטראַקט פון נאַציאָנאַלן סעפּאַראַטיזם—דעם אַזוי גערופענעם פּאַלעסטיניזם—האָט זי לאַנג ניט געקאָנט פאַרייניקן איר פּראַקטישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיט דער פּאַלעסטינער אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט איר געשטערט זיך אָנשליסן אין די רייען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אייניקע מאָל האָט י. ק. פּ. געפּרוווט דורך דעם אַלוועלטלעכן קאָמו-ניסטישן פאַרבאַנד (פּ. צ.), וואָס זי האָט געשאַפן פאָרצושטעלן פאַרן קאָמינ-טערן אירע פאָדערונגען.

אין אַווגוסט 1921 יאָר האָט דער אויספּירקאָם פון קאָמינטערן געווענ-דעט זיך מיט אַ בריוו צו די יידישע אַרבעטער פונם אַלוועלטלעכן קאָמו-ניסטישן פאַרבאַנד (פּ. צ.), אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן אַף דעם גרויסן פע-לער, וואָס ס'שטעלט מיט זיך פאָר די פּאַלעסטינע-אידעאָלאָגיע, און האָט גע-רופן אַלע יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אונטער דער פאָן פונם פאַרבאַנד צו רייסן מיט זיין אידעאָלאָגיע און איינשליסן זיך אין די רייען פון די לאַנד-סעקציעס פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין מעשעך פון אַ יאָר האָט דער אַלוועלטלעכער יידישער קאָמוניסטי-שער פאַרבאַנד פאַרצויגן די אונטערהאַנדלונגען מיטן אויספּירקאָם פון קאָמינ-טערן, באַמיענדיק זיך דערגרייכן די אָנערקענונג פונם פּאַלעסטיניזם.

אַף דער לעצטער 6-טער וועלט-קאָנפערענץ האָט דאָס פאַרבאַנד-ביוראָ אָפּגעוואָרפן די פּראָגראַם, וואָס די פאָרשטייער פון קאָמינטערן האָבן פאָרגע-לייגט, דעם אַזוי גערופענעם „אַרבעט-פּלאַן”.

אינם מאַניפעסט פון יול 1922 האָט דער א ו י ס פּ י ר ק אָ ם פון קאָ-מינטערן גערופן די קאָמוניסטישע עלעמענטן פון פאַרבאַנד צו רייסן מיט אים און צום 4-טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן אַריינגיין אין די אַנטשפּרעכנדיקע טע-ריטאָריעלע קאָמפּאַרטייען.

די דריטע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון דער י. ק. פּ., איבערצייגנ-דיק זיך, אַז די וויטערדיקע איזאָלאַציע פון פאַרבאַנד ברענגט אים אַדאַנק זיין פּאַלעסטינער אידעאָלאָגיע צו אַנטיקאָמוניסטישע מאַיסים, האָט באַשלאָסן צורייסן מיט דער פּאַלעסטינע-אידעאָלאָגיע פון פאַרבאַנד און אַריינגיין אין ר. ק. פּ.

די קאָנפערענץ דריקט אויס איר זיכערהייט, אַז נאָר אין די רייען פון קאָמינטערן אינם אַלגעמיינעם קאַמף פאַרן ניצאָכן פון קאָמוניזם. וועט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט זיך באַפרייען פון זיין נאַציאָנאַלן דרוק און באַגלייך מיט די פּראָלעטאַריער פון אַנדערע פעלקער וועט ער בויען זיין לעבן אַף די יעסוידעס פון קאָמוניזם.

לעבן זאָל דער 3-טער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל!

לעבן זאָל דער רעוואָלוציאָנערער יידישער פּראָלעטאַריאַט, אָרגאַניזירט אין די רייען פון קאָמינטערן!

לעבן זאָל די ר. ק. פּ.!

באגריסונג דער צענטראַל־ביוראָ פון די ייִדסעקציעס באַם צ. ק. פון ר. ק. פּ.

די 3-טע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון דער י. ק. פּ. (פּ. צ.) שיקט איר ברודערלעכן קאָמוניסטישן גרוס דער צ. ב. פון די ייִדסעקציעס באַם צ.ק. פון ר. ק. פּ. אינם אנטשיידענעם מאָמענט, ווען די י. ק. פּ. רייסט מיטן אַל־וועלטלעכן ייִדישן קאָמוניסטישן פאַרבאַנד (פּ. צ.) און דער פּאַלעסטינער אידעאָלאָגיע.

מיר זיינען פעסט איבערצייגט, אַז נאָר אין די רייען פון קאָמינטערן איז מעגלעך די פאַרענטפערונג פון די נויטן פון די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן און דער דערפאָלגרייכער קאַמף פאַרן קאָמוניזם אין דער ייִדישער סוויווע.

זאָל לעבן די ר. ק. פּ.!

זאָל לעבן די ייִדישע קאָמוניסטישע אַרבעטערשאַפט אין די רייען פון ר. ק. פּ.!

С. АГУРСКІ

ЯЎРЭЙСКІЯ КАМІСАРЫЯТЫ І ЯЎРЭЙСКІЯ КАМУНІСТЫЧНЫЯ СЭКЦЫІ

(1918—1921)

1 ר. 75 ק.